Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Milkhome

Markiš, Perec D.
מארקיש, פערעץ

Mosḳṿe, 1948

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8138

Visual Library

פערעץ מארקיש

מילכאָמע

☆

אָגיז
מעלוכע=פארלאג „דער עמעס“
מאָסקווע ☆ 1943

O.P.C.N.
BUCURESTI

2203
Universitäts-
bibliothek
UNIVERSITÄT POTSDAM
Inventarnr.
98032730

I

אין אָנהייב

☆

1. דער אלטער טאָפּאָל

I

אים האָט ניט אָנגעקלאפּט דער אומגליק אינ דער שויב,
צו זײַנע פענצטער איז דער טויט ניט צוגעריטנ;
פונ זײַנ פארטײַעטקײַט געטאָנ האָט אים א הייב
דער שפּרונג פונ זײַנ געביינ, ווי א געוויטער.
עס איז אינ דערפּעלע שוינ קײנער ניט געווענ,
אונ פונ דער שטילקײַט זיכ געהויבנ האָט א נעפּל.
געוועג באנעצט זײַנענ מיט ליכטיקײַט די ווענט,
ערגעצ געוויינט האָבנ די כוראליעס אפנ דניעפּער.
די נאכט אראָפּ איז א געשוואָלענע פונ שרעק,
געשניטנ טאָפּאָלס זיכ אינ הימל האָבנ שווארצע,
האָט פונ געלעגערטנ כיבארקעלע באמ וועג
אליינ ארויסגערוקט דער זאָק: אינ דער נאכט זיכ.
אפ זײַנ פארמעג האָט ער געאָרגיס פיר געהאט
אונ דוירעס פיר — אינ סאמע רעכטנ בלי נאָכ;
ער — דער געוועזענער לייב-גווארדיע-סאָלדאט
פונ אימפּעראטאָרישנ פּאָלק פונעמ וואָלינער.

II

ער האָט אַ שנײַד געטאָן די פֿינצטערניש פֿון נאַכט
מיט זײַנע שטאָלצע סיווע באַקענבאַרדן.
האָבן אים טאָפּאָלס דען אַ וויווע ניט געמאַכט?
האָבן זיך ווינטן פֿאַר זײַן אויסזען ניט צעשפּאַרט דען?
באַדעקט געוועזן איז זײַן קאָפּ מיט ווײַסע האָר,
ווי ווײַסער בליט געטאָן וואָלט אים באַדעקן;
אַריבער נײַנציק אָפּגעראַשטע יאָר
זיך האָבן אָנגעלענט מיט קאָוועד אַף זײַן שטעקן.
אים האָט געדוכט, אַז ס׳האָט דער טײַך געטאָן אַ פּלייץ,
אַז פֿון זײַן פּענט האָט ער געגעבן אַ צעברויז זיך;
געברענט אַף פּעלדער האָט דאָס קאָרן און דאָס ווייץ,
דער הימל אויסגעזען האָט פֿײַערלעך און גרויזאַם,
געוועזן די שטילקײַט איז פּאַרטײַעט, אָן באַוועג,
און ווי אַ טאָנעס — דאָרשטיק־אויסגעלײַטערט.
דערהערט דער זאָקן האָט פֿונוויַיטן אַפֿן וועג
אַ צעפּאָלאָכעטן געיעג ערגעץ פֿון רײַטער.

III

דעם בליק אַנטבלויזט, ווי שווערדן צו געפּעכט,
איבערן דאָרפֿס־וועג דעם צעטראָטענעם און וויסטן
זײַנען אַף אופגעשוימיקט־הירזשענדיקע פּערד
אַדורכגעפֿלויגן דרײַ קאַוואַלעריסטן.
אַ יעדער ווײַל — אַ קער געטאָן די קעפּ,
די ווײַט אַ צי געטאָן זיי האָבן יעדער רעגע.
געלעגן שטיל־פּאַרכאַלעשט איז דער דניעפּ
אָן אָנגעגלאָצטער אַף די זאַמדיק־געלע ברעגן.
און מיטאַמאָל האָבן זיך אָפּגעשטעלט די פּערד,
איינס אָן דעם צווייטן רײַבנדיק די בײַכער.
אין וועג די רײַטער אַ געפּאַר האָבן דערהערט,
כאָטש ס׳האָט דער וועג געצויגן זיך אַ גלײַכער.
זיי האָבן איינער מיט דעם צווייטן ניט גערעדט,
בלויז מיט די נאָזלעכער געסאָפּעט און געוווּנקען.
און פֿון די צוימלעך אונטער ציינערדיקן פּלעט
בײַ פּערד אין מײַלער האָבן דורכגעזעצט זיך פֿונקען.

IV

מיט א דערשראָקענעם און אײַנגעצוימטן טראָט
געלאָזט דער זאָקן פונעם ווינט האָט זיך א ריס טאָן;
באַם שליאַך אוועקגעשטעלט זיך נאָכקוקן ער האָט
נאָך די פארשווינדנדיקע דרײַ קאוואלעריסטן.
ער האָט זיך אײַנגעהערט אין טויבן צעפּלאָך,
ווי ס'וואָלט א כמארע זיך פארבײַ אדורכגעטראָגן:
צי ערגעץ יאָגט נאָך זיי דאָ עמעצער זיך נאָך,
צי זיי אליין נאָך עמעצן זיך יאָגן?
מיט באקענבארדן מיט צעפּליורעטע באשטאט,
האָט אין באדינער אין פארצײַטיקע דערמאנט ער.
ער איז געווען א לייב-גווארדיע-סאָלדאט
נאָך פאר דער צײַט פון אימפּעראטאָר אלעקסאנדער.
אליין געשטאנען איז ער איצט אינמיטן וועג,
ווי פונעם ווינט ער וואָלט געווארט אף א קאָמאנדע.
ס'האָט נײַנציק יאָר דער ראש אין אים געוועקט
און האָט אין צײַטן אין פארגאנגענע דערמאנט אים.

V

אן אײַנגעשרומפּענער, מיט פײַערלעך אין בליק,
איז ער געשטאנען, ווי אן אָפּגעבליטער טאָפּאָל.
מיט קנאפּע הונדערט יאָר צוריק
געשלאָגן האָט זײַן טאטע זיך בא סעוואסטאָפּאָל.
ער האָט געהערט, ווי אפן דניעפּ זיך רײַסט א בריק,
ער האָט געזען, ווי ס'פּליִען פײַערן צעזייטע,
מיט קנאפּע הונדערט פּופציק יאָר צוריק
געפאלן אונטער מאָסקווע איז זײַן זיידע.
אים איז פון פאנשטשינע געבליבן נאָך א שפּור
און פון מילכאָמעס דרײַ — פארצירעוועטע שראמען.
געשלאָגן האָבן זיך אויך אין פּאָרט-ארטור,
אי אפ דער טריקעניש אי אפ די יאמען.
אין וועג זיך אײַנגעקוקט ער האָט — צי עמעץ גייט,
און צו די רײַטער די פארשווונדענע געשטאמלט:
ער האָט די אייניקלעך אין שלאכט אזוי באגלייט,
אויך קעגן דײַטש געגאן זיי זײַנע דאמלט.

VI

ווי צו זײַן שטאַם גיט ער צום דניעפּער זיך א ציִ:
אוועק פון דאַנ איז אויך א לאַנגע צײַט שוין.
עס שלאָגן זײַנע אורייניקלעך זיך אצינד —
ער ווייסט ניט ווו, נאָר — ווידער מיט די דײַטשן.
ס׳האָט אין זײַן גרײַזקײַט זיך די נאכט געטאָן א שטויס,
און אין דער ווײַט ערגעץ א טראָג געטאָן האָט דאַנ אים.
אין אפן וועג ער, פארן טויט, אזוי ארויס
צומאָל א קוק טאָן — וואָס אזוינס עס איז גערמאניע.
אַן אייגן שיפּעלע באַם דניעפּ האָט ער געהאַט,
דעם דניעפּ אליין האָט ער געהאַט אונטער דער האַנט דאָ,
ער איז געווען לייב-גוואַרדיע-סאָלדאַט
נאָך פאר דער צײַט פון אימפּעראַטאָר אלעקסאַנדער.
אָט וועט ער אָפּשטאַרבן און אלץ נאָך ניט פארשטיין:
וואָס האַקט מען אויס א בוים, ווען ס׳איז זײַן בליִונג טאָפּל?
אינמיטן וועג איז ער געשטאַנען איצט אליין
אנטקעגן ווינט, געוואָרצלט, ווי א טאָפּאָל.

VII

ער האָט געהער׳ט דעם שאָרך פון בלאַט צו בלאַט,
גענישטערט אין דער פינצטער האָט א ווינט א האַרטער.
לאָז זיך באַווײַזן קעגן אים א דײַטשישער סאָלדאַט,
ער וועט אָפּ אים די אלטע אויגן א צעשפּאַר טאָן:
„דיר קומט עפּעס ארויס פון אונדזער ערד?
מיט קוואָרים האָט מען דײַנע טאַטעס דאָ באַוואָלט?
צי ביסטו זיי ניט אָפּמאָנען געקומען איצט אַהער,
זיי טיפער אויסגראָבן פאַר זיך און זיי פארשיטן בראַווער?" —
די הייך געטאַפּט פון א פּראָושעקטאָר האָט א שטראַל,
דעם הימל אויסגעהעלט אין מילעכדיקע שטרײַפן:
לאָז זיך באַווײַזן קעגן אים א דײַטשער גענעראַל,
לאָז זיך באַווײַזן קעגן אים אליין דער טײַוול, —
„וואָס טוט איר ווידער דאָ? — וועט ער אים טאָן א פרעג, —
צי וועט זײַן וווילגעבורט זיך ניט דערמאָנען,
אַז ס׳גייט אין ביידע זײַטן דאָ דער וועג —
אי קיין ראַסיי אי קיין גערמאַניע?"

VIII

געבלאָנדזשעט האָט זײַן אופגערעגטער בליק
איבערן אלטן וועג — איןביידע זײַטן;
און מיטאמאָל האָט ער דערזען, ווי ס׳יאָגן זיך צוריק
די פערד, אליין, פארסאָפּעט, אָן די רײַטער.
געשלונגען אומרויִק די ערד האָט זייער טראָט,
פון גריוועס שטיל געטראָגן זיך א שאָרך האָט.
לעם זאָקן אָפּגעשטעלט זיך אײנער האָט,
זיך מיט דער גריווע צערטלדיק צעפּאָכעט.
און גלײַך דער צווייטער און דער דריטער אין א ריי
האָבן מיט טריט מיט אומרויִקע אויסגעשטעלט זיך.
און פאר די צוימלעך האָט דער זאָקן אָנגענומען זיי,
געגלעט זיי צארט די גריוועס און די העלדזער,
ווי דורכשווימען די נאכט וואָלט ער מיט זיי זיך דאָ געלאָזט,
די באקענבארדן וויגנדיק אין ביידע זײַטן,
געפירט האָט ער זיי, ווי אן אלטער באלעבאָס,
און זיי באטראכט, ווי א צאוואָע פון די רײַטער.

IX

צי האָט א שטערן פון דער הייך געטאָן א פאל?
צי האָט א לעק געטאָן דעם הימל א פּראָזשעקטאָר?
געבראכט דער זאָקן האָט די פערד אין שטאל,
באגלייט פון ליכט דורך אומגליק אופגעוועקטער.
און אין דער ווײַט זיך אײַנהערנדיק וואכ,
צום הימל יעדער ווײַל פארײַסנדיק די אויגן,
האָט ער אף אומגליק זיך געריכט. צו האלבער נאכט
זײַנען פארדארבער אפן וועג מיט שטורעם אָנגעפלויגן.
געריסןביימער מיט די וואָרצלען האָבן זיי,
און מיט געפײַפ זיי אין דער פינצטערניש צעמאָלן,
נאָר ס׳האָט אין שטאל דער זאָקן אופגעשארט א ביסל היי
און, קרעכצנדיק, געוואָרפן עס די פערד אין זשאָלעב.
אויב עפּעס-וואָס גיט אים דער דײַטש א פרעג,
וועט ער אים זאָגן, ניט אוועקגייענד פונדאנען,
אז ס׳גייט אין ביידע זײַטן דאָ דער וועג —
אי קיין ראסיי אי קיין גערמאניע!

X

געוועֶן די נאכט איז אויסגעהוילט און וויסט,
איבערן וועג געגאנ דער טויט איז נאָכנ אקער.
ס׳האָט דורכגעסווישטשעט יעדער ווײַל א ריס,
און יעדער ווײַל האָט אופגעבליצט א פלאקער,
א פאלנדיקנ מענטש באלויכטנ אינ דער ווײַט
און בא דעמ לעצטנ שפרונג — א צעפּלאָכעטע בעהיימע.
דערשראָקנ און בייזוווּנדערדיק־פארטײַ׳ט
געטוליעט זיכ צו דר׳ערד האָבנ די שטיבעלעכ אינ איימע.
„געוועזענער לייב־גווארדיע־סאָלדאט!״
האָט זיכ געדוכט, אז ס׳רופט דער טויט אליינ אימ
מיט דונער און מיט בליצ — אי אומ אי גראד —
דורכ פאלנדיקע שטיבעלעכ, דורכ קרעכצנ און געוויינען.
ער האָט אינ שטאל, ווי דורכ א כאָלעמ, עס געהערט
און ניט געקאָנט פונ אָרט אינ ערגעצ זיכ א ריס טאָנ;
מיט ציטערדיקע הענט האָט ער געהאָדעוועט די פערד
פונ די פארשווּנדענע די דרײַ קאוואלעריסטנ.

2. באמ קייווער

I

צומ דריטנ האָנענ־קריי איז די געפאר פארבײַ,
א האלבער דעמב האָט זיכ געוואלגערט צווישנ מאָכנ.
באמ סאמע וועג, בא דעמ צעאקערטנ פונ בלײַ,
געשטאנענ איז א מענטש נעבנ א קייווער — אײַנגעבראָכנ,
ווי א מאצייווע אויסגעבויגנ פונעמ ווינט,
די אויגנ אויסגעקריצט, ווי אויסיִעס פונ אוראלט,
און מיט א פידל אונטער פאכווע האָט א קינד
צו אימ זיכ, ווי א בראָכשטיק, דאָרט געניורעט.
געוועג געשמידט ס׳איז צו דער קייוועדיקער ערד,
דער בליק האָט דורכגעריסנ צאמענ,
עס האָט דאָס קינד געקוקט, ווי כעסעדיקע רעכט
ווערט אונטערוועגס דאָרט אָפּגעטאָנ זײַנ מאמענ.
ס׳איז ניט געוועג קיינ קאָווער פארנ מעס,
מע זאָל אימ ברענגענ אינ דער פינצטערניש צו קווורע.
נאָר ס׳האָט געדוכט, אז ס׳שטייט דער מאנ שוינ א מעסלעס,
ווי א מאצייווע מיט אנ אופשריפט פונ דעמ אוראלט.

II

דעמ וועג געוויזנ האָבנ שטערנ דאָרט געהיימ,
נאָר די אווײלימ ניט געײַלט האָבנ פארשטארטע,
ווי אינ דער אײנציק ווינונגס-רעכטער הײמ
וואָלט די געהארגעטע פארבעטנ זײ אפ נאכטלעג.
אונ אינ דער הײכ — א דײַטשישער ערעאָפלאנ
האָט זיכ אינ וועג געלאָזט שוינ אפ הארינגע,
נאָר פונ דעמ קײווער איז ניט אָפגעגאנ דער מאנ,
דאָס מויל — מיט טרויער מיט צעוואקסענעמ פאריגלט.
עפעס האָט פאָכעדיק די לופט געטאָנ א ברי,
מיט א געצוויטשער פונ קאיאָר אדורכגעפלויגנ,
ווי פונ א נעסט זיכ אופגעכאפט פארפרי
וואָלט אימ ארויס מענאכעמ-אָוול זײַנ א פויגל.
גענומענ זיכ מיט כעדווע קרײַזנ ארומ אימ
אונ מיט געצוויטשער נאָכ א ווערעמל זיכ יאָגנ:
דער פויגל אָנגעפאנגענ האָט זײַנ מי
אינ דער פארקישעפטער געהײמעניש פונ טאָגנ.

III

שוינ האָבנ שאָטנס זיכ געשײדט מיט זײער רו,
שוינ האָבנ אײנציקווײַז געלאָשנ זיכ די שטערנ.
פונ יעדער צוויטש געוואָרנ העלער איז ארומ,
א יעדער טרעל — א שנירל בלאנקעדיקע פערל.
עס ווענדט ניט אָפ פונ דער יעצירע זיכ די גאָב
אפילע דאנ, ווענ זי פארלענדט אונ זי פארהאָגלט!
האָט ער זיכ אומגעקוקט, א הײב געטאָנ דעמ קאָפ,
פונקט ווי געהאט וואָלט ער דעמ גאסט זײַנעמ צו זאָגנ:
„דער שארפסטער האק איז ניט באוווּסט דער טאמ
פונ ווּקס, פונ א צעפלאנצ זיכ אינ דער הײכ טאָנ!
אָבער דער מינדסטער שפור פונ אנ ארומגעהאקטנ שטאמ
גײט פרי׳ר צי שפעטער אופ מיט בליִונג א באהויכטער".
געווענ די פליגעלעכ צעטריפלט זײַנענ, גרוי,
פונקט ווי די ארבל פונ א וואָכעדיקנ רעקל;
האָט פארנ גאסט אוועקגעלײגט דער מאנ א שטיקל ברויט,
געקוקט, ווי מיטנ פיסקל ער צעהאקט עס אונ צעברעקלט.

IV

די פינצטערניש האָט דורכזיכטיק געבלאַסט,
זיך דורכגעפּיקט דורך איר, ווי דורך אַן איי, דער טאָג האָט.
געקוקט האָט ער אַף זײַן פרימאָרגנדיקן גאַסט,
פּונקט ווי געהאַט ער וואָלט אים נאָך צו זאָגן:
„ווען ס'קלאַפּט דער שטורעם אָפּ פון צווײַג די פרוכט,
גראָבט זי מיט כאָכמע דורך די טיפקײַט פון דער ערד דאָרט
און קערט זיך פונדאָסנײַ אום דורך געבורט,
אַ זיבן מאָל צעצווײַגטע און פאַרמערטע...“
אונטער די ברעמען, ווי אין שטײַגן־נעסט פאַרשפּאַרט,
האָבן געפאַנגענע געטרויערט זײַנע אויגן,
נאָר ערגעץ ווײַט געריסן זיך, פאַרטראַכט,
פּונקט ווי דערזאָגן ער באַדאַרפט וואָלט נאָך דעם פויגל:
„קומט פונעם מענטש דען ווייניקער ווי פונעם בוים, וואָס גרינט?
איז צו זײַן קלוגער פאָרזעצונג אַ טכום געשטעלט דען?“
געגאַנגען איז אים מענאַכעם־אָוול זײַן דער ווינט,
און דער באַגינען האָט שוין פון ערגעץ זיך גענע'נטערט.

V

אַ בין האָט זשומענדיק צום פעלד זיך שוין געיאָגט,
אַ מורעשקע האָט אונטער לאַסט זיך שוין גערייט דאָרט, —
דאָס ווערק פון מאַלכעסדיקן אופוואַכן אַף טאָג
האָט זיך געשאַפן אינעם אײַנגעשטעלטן סיידער.
דער ראַנד פון הימל האָט שאַריִעט און געהעלט,
דער מיזרעך אופגעגאַנגען איז אין געשאַל פון טרויבן;
ווי ליכט געצונדענע צוקאָפּנס באַ דער וועלט
האָבן זיך סרייפעס אין פאַרטאָג אַרײַן געהויבן.
און צו קאַיאָר, ווי נאָר דער כוישעך איז אַראָפּ,
האָט ער זיך ניד'ריקער ווי שטענדיק אָנגעבויגן,
אונטערגעלייגט עפּעס דעם מעס אונטערן קאָפּ,
אים דאָרטן צוגעדעקט מיט שערבעלעך די אויגן,
און, ניט צעשטערנדיק די שטילקײַט מיט געוויין,
דעם אָפּשייד שליסנדיק, אין ווירבל־פּײַן געלײַטערט,
האָט ער געבראַכט אַן אונטערוועגדיקן שטיין
און מיטן קינד געלאָזט אין וועג אַרײַן זיך ווײַטער.

3. גראָנאָטאָפער ריכטונג

I

אינ דער פארלאָזטער שטאָט האָט זיכ געהערט א קנאל,
נאָר ניט געהערט האָט זיכ קיינ לעבעדיקע שטימ מער —
אינ רויכ האָט זיכ געשטיקט דער אלטער ארסענאל,
אונ ס'האָט געברענט דער בארג פונ הייליקנ וולאדימיר,
ווי א באשווערנדיקער ניידער פונ דער שטאָט,
אז ניט צעשיידנ וועלנ זיי קיינ קייטנ אונ קיינ קלעמער
מיט איר צעצוימטנ גורל אונ באראָט.
אונ נאָכגעקוקט האָבנ די אלטע קופּאָלנ, ווי שליעמענ,
נאָכ די פארשווינדנדיקע מאכנעס אינ דער ווײַט,
נאָכ שטאמענ אויסגעריסענע אפ וואָגל אונ אפ וואנדער,
אונ ווי אינ שטאָט פירט איבער אפ צוריק די צײַט
אליינ דער טויט אינ פײַער אונ אינ בראנדנ.
א בוימ האָט קרעכצנדיק געטאָנ א פאל,
אונ ווי א כאָלעמ איז געווענ דאָס אש פונ הימל...
די ווונד האָט צוגעלייגט צו דר'ערד דער ארסענאל,
אונ ס'האָט געברענט דער בארג פונ הייליקנ וולאדימיר.

II

אפ מײַלנ-ווײַט געהערט האָט זיכ דער טראָט,
אפ מײַלנ-ווײַט דער פיבער האָט געהערט זיכ;
פארשטיינערט אָפגעטראָטנ מ'איז פונ שטאָט,
נאָר אינ איר יעדנ שטיינ געלאָזט האָט מענ די הערצער.
הארמאטנ וווּנדיקע געטראָגנ אפ די הענט,
ווי שוועס — אינ דער הייכ באמ זיכ צעשיידנ.
עס האָט דער דניעפּער זיי אפ וויאָרסטנ ווײַט געזעגנ
אונ אָנטאָנ ניט געלאָזט פונ די באצווינגער זיכ די קייטנ.
די בריקנ אופגעריסנ איבער זיכ האָט ער אליינ,
מיט דונער-קנאלנ אויסגעמישט האָט זײַנ געוואָי זיכ —
געהערט האָט זיכ, ווי ער באשווערט א יעדנ שטיינ,
ווי ער אינ פײַנט זיכ שלײַדערנ איז אפ זיי גויזער,
ווי צו דעמ גרינס פונ ביימער טראָגט זיכ זײַנ פארבאָט:
ניט קאָנענ זאָל דער פײַנט פונ זייער בלי געגערט זײַנ!
צעשטויבט מ'איז אָפגעטראָטנ פונ דער שטאָט,
נאָר אינ איר יעדנ שטויב געלאָזט האָט מענ די הערצער.

III

א וואָגן נאָך א וואָגן — אָנגעפּילט מיט בראָך,
פאַרזאָרגטע אָנטרײַבער מיט ביקסן אונטער פאַכוועס.
סאָלדאַטן מענגעסוויַז אין טרויער גייען נאָך
דורך גאָלד פון רײַפנדיקן פעלד, — נאָר ווער באַדאַרף עס?
באַקלאַושקעס, אויסגעלײדיקט ביז צום דעק,
אין קעסעלעך זײַ קלינגען, ווי דערשטיקטע גלעקער.
אַף קרענעצעס אין וועג גיט קיינער ניט קיין פרעג,
און ס׳קאָן קיין שטיבעלע זיך קיינער ניט דערוועקן.
פון גאַנג דורכויסיקן דער ווײ און בראַנד
קאָן פון דעם מילדסטן ווינט ניט זײַן געלינדערט.
זיך אויסגעמישט האָט גרילצנדיק באַנאַנד
געהירזש פון פערד, פון וואָגנס דער געקלימפּער.
פון אונטער פיס דער וועג ערגעץ פאַרשווינדט,
א שלייף אַרום די מידע, — ער פאַרדרייט זיך,
און אַפן דויטן האָריזאָנט, אין פײַער פון באַגין,
איז נאָכגעגאַנגען צופוס א ווינטמיל, ווי א קרייצונג.

IV

די ווײַט א בלאַנק געטאָן האָט פּלוצעם, ווי א שווערד,
געסילעט אַפן גראָז האָט זיך דער פערלדיקער טוי נאָך.
דרײַ אויסשפּיר-רײַטער זיך באַוויזן האָבן אָן די פערד:
פאַרלאָפן איז דעם וועג אין הינטערלאַנד דער סוינע!
א שײַן געטאָן האָט דער קאַיאָר מיט טויטן-בלענד,
אין פיבער זיך צעשלײַדערט האָבן וואַרגנדיקע ווינטן:
דער לעצטער דורכגאַנג ווערט פאַרקלעמט!
פאַראַן נאָך צײַט זיך אופהייבן! געשווינדער!
ס׳געשפּענסט פון טויט האָט שוין געטײַט אהער,
און ווער-ניט-ווער האָט שוין דעם קאָפּ אַראָפּגעבויגן,
נאָר איינער האָט א הייב געטאָן: ס׳געוועער
און איבער אַלעמען זיך דורכגעלאָפן מיט די אויגן:
— סאָלדאַטן! אָפּהאַלטן דעם פײַנט איז א באַפעל פאַראַן,
ביז אונדזער טייל אויסער געפאַר וועט אין דער פּולער מאָס זײַן! —
ער האָט פון דעם געוועזענעם לייב-גוואַרדיע-סאָלדאַט געשטאַמט —
א לײַבלעך אורייניקל — אַלעקסיי סאַדאָווסקי.

— ווער גייט מיט מיר? — האָט דורכגעהילכט זײַן קאָל,
און מיט א ווענד צום ראנד האָט אויסגעשטרעקט זײַן האנט זיך.
און אין גערויש פון נעמענ אופגעשווומענע א צאָל
דערהערט האָט זיך: „אָוואדיס!" „דראָזד!" און „מאנציס!", —
דאָס האָבנ זיי אינמיטנ וועג צעשיידט זיך מיט די פערד...
נאָכ זיי האָט סעמיבראט דער פּאָליטרוק געטאָנ א לאָז זיך,
און ביז מע האָט צוריק זיך אומגעקערט —
געווענ איז אפּ ארום דער קלעמ פארשלאָסנ.
ערגעצ געשפּארט האָט שוינ פונ יעדער ווינקעלע געפאר,
ווי מיט געשוויל זיך אָנגעבלאָזנ האָבנ ווײַטנ,
נאָר רויִק האָט פארדרייט סאדאָווסקי א ציגאר,
ארומגעגלעט אימ מיטנ מויל פונ אלע זײַטנ,
זיך ניט געײַלט, א ביס געטאָנ א שטיקעלע באמ עק,
פארייכערט און א זאָג געטאָנ מיט האלבע ליפּנ:
— קיינ גראָנאָטאָפּ זיך דורכגעשלאָגנ האָט דער טייל א וועג,
און איצט איז אונדז א וועג זיך דורכשלאָגנ געבליבנ!

4. אפנ ערשטנ פארהער

I

פארזאָרגט זיך ציט אפּ מײַרעוו-זײַט א שליאכ,
אנ אויסגעשטופּלטער מיט בראָכ און גריבער;
דורכ אימ האָט אנ עסעסישע פארשטארקטע וואכ
א מאכנע קריגס-געפאנגענע געטריבנ.
פארלאָפנ זיי דעמ וועג א כטויפּ איז נאָכ א סטויפּ
מיט דראָט צעשויבערטנ, ווי טרויער-מעשולאָכימ,
און די געטריבענע דורכ ווירבלדיקנ שטויב
געשלעפּט האָבנ זיך ווײַטער אונטער בײַטשיקנ געפּאָכע.
פארבראָטענע, פארקוילטע פונ דער זונ,
באנומענע און באָרוועסע, האלב-הוילע,
זײַנענ זיי אָנגעקומענ ערגעצ צו א זומפּ,
און דאָרט זיך אָפּשטעלנ האָט זיי די וואכ באפוילנ.
געווענ פארוווּנדעטע א טייל איז צווישנ זיי,
א טייל — פארמאטערטע פונ דאָרשט און הונגער.
— ארויסגיינ זאָלנ ייִדנ פונ דער ריי! —
האָט א באפעל איבערנ זומפּ אדורכגעקלונגענ.

II

א ווײַל האָט קײנער ניט געטאָן זיך קײן באַוועג,
בא אײניקע האָבן די אויגן זיך געגעבן א פּאַרמאַכן נאָר,
און מיט אַן אָפּשײד-בליק צום טרויעריקן וועג
אַרויסגעגאַנגען איז אײנער פון דער מאַכנע.
פאַרבליבן אים צום טויט זײַנע געצײלטע טריט,
די וועלט האָט אין די אויגן זיך בא אים געגומען וויגן.
— פאַרלאַנגסט, פּילײַכט, אונדזו עפּעס זאָגן, ייִד? —
נאָר מיט פאַרזאַכט האָט ד'ער פאַרוויטײלטער געשוויגן.
ער האָט געהאַט שוין זײער ווייניק צײַט
אָפּ קאָנען עפּעס אָפּטײלן פון איר דעם טאַליען.
געאײַלט האָט זיך צו אים פון אומעטום די ווײַט,
געגעבן האָט דאָס ליכט צום לעצטן מאָל שוין א באַפאַל אים...
דעם רימען בלויז געגעבן א פאַרצי אָפּ זיך,
ניט אָנגעהערט האָט שוין קײן האָפענונג און קײן געפאַר אים.
— קײן נאָמען האָסטו ניט? — האָט איבער אים געקרימט זיך א געזיכט,
און פון דער הייך א זעץ געטאָן דעם טאַליען האָט: — גוראַריע!

III

געוועגדט זײַן בליק ז'געוועגן איבער דער וואַך,
ווי עפּעס נאָך וואָלט ער געהאַט איצט צו באַקלערן.
— א באָלשעוויסט? — האָט דער עסעס געטאָן א לאַך.
— איך האָב דעם קאָוועד דער פּאַרטיי געהערן! —
אַראָפּגעלאָזט דער קאַט גוראַריען האָט א פּאַטש,
א שלײַדער אים געטאָן און, האַלב צעמישט און האַלב צערודערט,
האָט ער מיט ליפּן שוימיקע געפּײַקלט: — קוואַטש!
דאָס האָסטו פאַר דײַן ווערטפּוליקן ענטפער, יודע! —
גוראַריע אופגעשטעלט האָט צ'ריק זיך אָפּ די פיס,
זיך אָפּגעווישט דעם שטויב, געקוקט אין דר'הייך פאַרבלוטיקט.
האָט מיט דער גומי אים דער קאַט פונסנײַ דערלאַנגט א ריס:
— דאָס האָסטו פאַר דײַן קוקן אין די הייכן, יודע! —
ס'האָט ענגער דער האַמוין געגעבן זיך א פרעס,
פאַרטײַעט דורכגעלאָפן איז א ווינטיקער געהודע.
און א באַפעל האָט אויסגעריטשעט דער עסעס:
— די טאַשן אויסליידיקן שנעל דעם יודע!

IV

מיט פײַקלדיקע ווערטער פונ באפעל
האָט פול דאָס זשאבע-מויל געגעבנ א פארשטאָפ זיכ,
גוראריענ מ׳האָט די טאשנ אויסגעליידיקט שנעל,
אונ זיגעריש דערלאנגט דעמ זאָנדערפיורער קלאָפסנ.
נאָר די פאפירלעכ די אדורכגעשפיזטע מיטנ בליק
געצווונגענ האָבנ צו גוראריענ מאכנ נעענטער א שפאנ אימ
אונ אויפהייבנ א דאָווער-אכערישנ היק:
— אכ זאָ!.. געקעמפט קעגנ דעמ רײַכ האָסט נאָכ אינ שפאניע? —
אונ זיכ צעלאכט, זיכ לאכנדיק, פארהוכט,
— די שפאגעס זיכ באגעגנט האָבנ ענדלעכ.
פונוואנענ אזא נאָבל-קריגערישער גוכט
בא א פארדאמטנ פאראזיט אונ הענדלער? —
אונ אינ דער ביטערקײַט האָט, ווי א בליצ, געטאָנ א גיי
א זיסע טרייסט א לעצטע פאר גוראריענ,
וואָס אויכ אינ שפאניע ער געקעמפט האָט קעגנ זיי,
אויכ דאָס איצט לײַטערט פארנ טויט דעמ צאר אימ...

V

געוואלגערט האָט זיכ זײַנ אראָפגעקלאפטע הוט
לעמ זײַנע פיס די באָרוועסע, די הוילע,
אונ ער האָט שווײַגנדיק געווישט דאָס בלוט,
וואָס האָט געטריפט פונ אויפגעלאָפנ מויל אימ.
עס האָט א היצ פונ זײַנע אויגנ זיכ געדעמפט,
געזעענ זײַנ היימ אינ מעזשבעזש, ווי אינ כאָלעמ, א געפלעטער;
געהערט האָט זיכ פונ דאָרט דאָס שאָרכענ פונ א דעמב
מיט עטלעכע פארבליבענע פארוועלקטע בלעטער...
געקלאמערט האָט ער זיכ מיט יעדנ אָטעמ אָנ דער היימ,
ווי ווײַט עס האָט פונ דאָרט געגעבנ א פארטראָג אימ!..
אונ אויפגעוועקט האָט קלאָפס אימ שנעל מיט א געשריי:
— פארלאנגט דער ביבל-ריטער נאָכ עפעס צו זאָגנ? —
— יאָ, ער פארלאנגט! — האָבנ די אויגנ אימ געטאָנ א גלאנצ
מיט בלוט, ווי דער עמאל אפ זײַנ אינ שלאכט פארדינטנ שטערנ, —
ס׳איז בא זײַנ פאָלק פונ בוכ ביז שוועדר נאָכ קלענער די דיסטאנצ,
ווי פונ דער האק ביז צו די פלאכעס בא דער דײַטשישער אימפעריע!

878—2

VI

אינ דער צעבויטעטער פרימאָרגעדיקער רו
האָט אויסגעשטרעקט באַפעלעריש דעמ זאַנדערפיורערס האַנט זיכ:
— זאָל זיכ אלײנ דער יודע אויסגראָבנ א גרוב
אָנ אונטערשייד אפ וועלכע-ס'איז דיסטאַנצנ! —
גוראַריע האָט געקוקט: „אָט איז זי, אָט, די וואָר,
אָט איז ער, אָט, זײַנ לעצטער אינדערפרי דאָ"...
נאָר קלאָפּס האָט אימ געײַלט: — פאַרלאַנגט דער יודע נאָכ א וואָרט? —
אונ אויסגעפליסטערט שטיל גוראַריע האָט: — א רידל!
— א גרוב זיכ גראָבנ מיט די הענט! — האָט זיכ דערהערט
דעמ זאַנדערפיורערס לאַכנדיקע שטימ די גראָבע.
אונ ס'האָט גוראַריע זיכ אראָפּגעלאָזט אפ דר'ערד,
זיכ מיט די הענט א גרוב געגומענ גראָבנ...
ער האָט געגראָבנ פלײַסיק, אָרנטלעכ — ביז ווײ,
ביז שווייס, ביז בלוט, ביז אײטער אונטער נעגל;
געגראָבנ שוינ א שאָ, געגראָבנ צוויי,
געגראָבנ שווער האָט זיכ זײַנ קײוועדיק געלעגער...

VII

פאַר ז'י דערינערונגענ אויסגראָבנ א גרוב
באַדאַרפט וואָלט ער, זיי זאָלנ ניט פאַרנעפּלענ אימ די אויגנ;
געקומענ זײַנענ זיי אַהער, זיכ אויסגעשטעלט אַרומ,
פונקט ווי אווײלימ — נידעריק געבויגנ...
אָט זעט ער זיכ ארומדרייענ אינ ייִדישנ מוזיי,
ווו ער א צײַט געאַרבעט האָט ביז כאַמע דער מילכאָמע;
עס קוקנ פונ די ווענט צו אימ געשפּענסטער אַלערליי,
וואָס קײנס פונ זיי איז עפּשער שוינ ניטאָ מער...
שוינ מיטנ לעצטנ שווײס ער גראָבט. די פינגער שוינ פאַרשטאַרט,
אונ א קינזשאַל זיי טאַפּנ אָנ אינ זשאַווער שטײניק —
אַנ אײדעס פונ אַנ אָפּגעהילכטער שלאַכט.
א ווײַל געקוקט, ווי אויסעטעלנ ער דאַרפ עס אינ מוזיי נאָכ.
באַשעפטיקונגענ אַלערליי האָט ער געהאַט,
געהאַלטנ אויסגעשטרעקט פאַר אַלעמענ האָט ער זײַנ לעבנ.
געווענ פאַרוואַלטער פונ מוזיי, א לערער, א סאָלדאַט
אונ איצט צולעצט איז ער פאַר זיכ אלײנ דער גרעבער...

VIII

אַרום האָט אַ געפּאָך פון פייגל זיך געהערט,
געטראָגן אין דער הייך האָט זיך אַ פריילעכער געצוויטשער.
אַ ריס געטאָן האָט זיך צו זיי גוראַריע פון דער ערד,
ווי אופגעוועקט דורך זיי באַ זײַנע לעצטע טריט שוין.
און ווײַטער פאָרגעזעצט דאָס גראָבן — ביז פאַרנאַכט.
געזעצט האָט פון די פינגער בלוט, און פון די אויגן — פײַער.
אַדורכגעשמועסט איינער מיטן אַנדערן האָט זיך די וואַך,
פאַרייכערט איינס באַם צווייטן אַ ציגאַרעט.
— און איבעריקנס, — האָט קלאַפּס געטאָן אַ שניט
אַן אופגעזאָדענער, מיט גאַל מיט גרינער, —
זאָל ער אַ גרוב זיך אָפּאַרבעטן פריי׳ר, דער פּאַראַזיט,
אַ קויל זאָל זיך דער יודע פריי׳ר פאַרדינען! —
און אָפּפירן באַפוילן אים צופּ אַ פאַרהער,
נאָך אַ געשפּרעך מיט אים באַדאַרף ער האָבן.
זיך אופגעהויבן האָט גוראַריע פון דער ערד,
באַגלייט פון די עסעס, גלײַך ווי פון שוואַרצע ראָבן.

IX

עס האָט זיך קיין שוואַרצאַפּל ניט באַוועגט,
דערשטיקט אין רויש איז ער געגאַנגען אַ געפּלעטער;
זיך אָנגעטראָפן האָט אַנטקעגן אים אַ בוים אין וועג,
אַראָפּגעלאָפן איז צו אים אַ שאָרך פון בלעטער.
וואָס מיינט דער ווינט? וואָס מיינט פון צווײַגן דער געוויג?
וואָס קער זײַן אָטעם דען זײַן אייגענער אַצינד זיך אָן אים?
דאָך האָט ער מיט דער לופט און מיט די רוישן זיך געקוויקט
און, גייענדיק, מיט ווינט זיך אָפּגעפרישט דאָס פּנים.
געלעגן איז די ערד פאַרוווּנדיקט, אין פאַרבראָט,
זיך אַ געבונדענע געלאָזט פון דער פאַרדאַרבונג טרעטן;
אַ טויטן-לאַגער האָט זיך דאָרט געשטיקט אין שטעכיק דראָט,
אין קראַמפּ געייטערט צאַנקענדיק האָט זיך די געטאָ...
אַ יעדער שטויב איז אָפּגעגאַן מיט וויי און פּײַן,
אי דאָ אי דאָרט אַ טויער האָט געוואַרט מיט ציין, ווי זעגן.
וואָס איז דער אונטערשייד, אין וועלכן פון זיי ער וועט אַרײַן?!
אַלצאיינס — מיט יעדער האָפענונג צעשייד זיך און געזעגן!

5. א בריוו פון דער היים

I

געגאנגען א רעגן איז די גאנצע נאכט.
בא יעדן איינעם אפן פעלד געשונדן האָט די הויט ער.
און אויסגעווייקט אפ דורך האָט דאָך דער קאָמאנדיר געטראכט:
„פארשפעטיקט צו דעם שניט האָבן די ברויטן...
ס׳איז א גערעטעניש א ניט-געוועזענע, נאָר ווער,
נאָר ווער וועט זי אראָפּנעמען און זי פארדייען?
אדורכפירן דורך איר דער דײַטש אונטער געווער
וועט אין געפאנגענשאפט רויטארמייער
אפ שווארצער קאטאָרגע און אפ צעשאָס —
פון ווײַט זאָל יעדער אָפּגעבן זײַן וויי איר"...
דער רעגן האָט א גאנצע נאכט געהאלטן אין איין גאָס,
געפאסעוועט א גאנצע נאכט די רויטארמייער.
און אײַנדערפרי האָט פון דער פרישער ערד געשפּארט
א כּיִעסדיקער רייעך פונעם גראָז, גלײַך ווי פון האָניק —
נאָר ניט צום הארץ געווען איז אָטעמען די פראכט;
די גלוסטונג ביסלעכווײַז זיך אָפּגעטאָן האָט.

II

פּארשארפט און טרויעריק, מיט א באנעם
פון א באשיידענעם און צניִעסדיקן דאָרפס-יונג,
באקלערט האָט ווי דעם טייל ארויספירן פון קלעם
דער אָפּגעצערטער קאפּיטאן כאדאָווסקי,
געלעגן אופגעמאכט פאר אים איז דער פּלאנשעט.
די מאפּע — אפ איין זײַט, א בריוול — אפ דער צווייטער.
אים דוכט זיך: אפ דער מאפּע שוין א וועג ער זעט,
נאָר ס׳האָט צום בריוו אים פרי׳ר א צי געטאָן מיט ווייטעק.
א בריוול פון דער היים... דאָס הארץ רײַסט אופ זיך מיטאמאָל.
מיט בוכשטאבן מיט גרויסע שרײַבט זײַן זון אים:
„איך קוש דיך, טאטקאָ, הונדערט מאָל,
און נאָך אזויפיל הונדערט מאָל, ווען דו וועסט קומען!"
באם ראנד פון בריוו נאָך אויסגעמאָלט האָט ער
דאָס שטיבעלע — א לעבעדיקס, ווי ס׳שטייט באם דניעפּער.
געקוקט אפן געמעל דער קאפּיטאן האָט דורך א טרער,
געקוקט אפן געמעל דער קאפּיטאן האָט דורך א נעפּל.

III

דעם בריוו נעבן דער מאפע צוגעלייגט געשווינד,
א שאָרכ געטאָן אינ אים האָבנ די אויסגעמאָלטעביימער:
ווער ווייסט, ווו ערגעצ איז זײַנ זונ אצינד?
צי עפּעס נאָכ כוצ דעם געמעל געבליבנ פונ זײַנ היים איז?
ווער ווייסט, וואָס זײַנ וואסיאָנע האָט זיכ דאָרט דערוואָרט!
ס'איז עפּעס אלצ אזוי איצט ווײַט אונ נאָענט אונ געשפּענסטיק...
דערמאָנט האָט זיכ א זומערדיק-שלאקסרעגנדיקע נאכט —
וואסיאָנע פלעגט אראָפּ פונ בעט, אנ עפנ טאָנ דאָס פענצטער,
אונ ס'פלעגט א פרישקײַט געבנ זיכ א רײַס ארײַנ,
אז ניט געאָטעמט, נאָר געטרונקענ מ'האָט זי קרעכצנד.
ס'האָט פונ דעם בריוו זיכ אָנגעשווערט ס'געמיט מיט פּײַנ,
קיינ אויג ניט צוגעמאכט האָט אינ אזוינע נעכט זיכ...
אונ פונדאָסנײַ — דאָס קסאוו, אפ דורכ אונ דורכ,
עס האָט זיכ פאר דער קלאָרסטער מאפּע דאנ געדאכט אימ,
ווי דורכ די קינדערישע בוכשטאבנ געזוכט
וואָלט ער א גאנג — פונ קלעמ זיכ דורכרײַסנ מיט שלאכטנ.

IV

„איכ קוש דיכ, טאטקאָ, הונדערט מאָל,
אונ נאָכ אזויפיל הונדערט מאָל, ווענ דו וועסט קומענ!” —
האָט ער ביז בלוט איבערגעכאזערט אפ א קאָל,
אנ אָנגעזאפּטס מיט ווײַטנ, מיט געקרעמפּעוועטנ אומעט.
דער טאָג איז אופגעשטאנענ לויטער אונ צעשטראלט.
באגינענ אפ א האלבנ הימל האָט צעשפרייט זיכ.
ס'האָט דאָס געזאנג פונ פייגל אופגעוועקט דעם וואלד,
אונ א געזשום א גאָלדענער געגאנ איז פונ די ווייצנ.
אפ ארבעט האָבנ שמיד-ווערעמ געטאָנ א גיי ארויס,
אונ ס'האָבנ שמעטערלעכ צעלאָזט זיכ ס'מכעדיק אונ לעכצנד.
„געשיקט זיכ, אז דאָס אלצ וועט ווערנ אויס?
אז דאָס וועט אלצ צעטראָטנ אונ צעשטערט זײַנ?”
פונ פעלד געגאנגענ איז אפ אימ א זיסער ראש,
די זאנגענ אָנגעפולט זײַנענ געווענ מיט טוי נאָכ.
ער האָט געוווּסט, צומ טײַכל לאָזנדיק זיכ טאָנ א וואש,
אז אָפּגעשניטנ האָט פונ אלע זײַטנ אימ דער סוינע,

V

געלעגן א פאַרוווּנדעטער איז אויפן הוילן גראָז
מיטן פאַרבלאָטיקטן שינעל איבערן קאָפּ אַריבער.
ער האָט די ווונד פאַרבאַנדאַזשירן ניט געלאָזט,
ער האָט מיט דער באַגנעטן-שלאַכט דער לעצטער נאָך געפֿיבערט,
ווי אָפּגעגאַנגען אין בלוט ער איז,
ווי אָן געווער, דעם ווײַ פאַרקלאַמערט,
האָט ער אין גאָרגל פון א דײַטש געגעבן זיך א ריס
און זיך געלאָזט אַוועקטראָגן ערשט דאַמאָלט.
אויף ביקסן אים געטראָגן מ'האָט דעם גאַנצן וועג
אונטער א קוילן-גאַס, די קעפּ געבויגן.
— ווי פילסטו זיך, אָרלאָוו, — האָט יעדער אים געפרעגט,
נאָר ער האָט בלויז געפינטלט מיט די אויגן...
דער ראַנד האָט אויסגעזען — א שווינדלדיקע שוועל,
ווי פאַר דעם טויט געווען איז דער אַרײַנגאַנג אָפן.
עס האָט זיך קיינעם גאָר ניט מער געוואָלט אין פעלד,
נאָר וווּ-ניט-איז זיך אויסציִען און שלאָפן...

VI

באַגראָבן האָט זיך ווער אײנעם בוריאַן,
אין קאָרן זיך באַהאַלטן ווער עס האָט געפרווּווט דאָרט,
אַרומגעגאַנגען איז צווישן זיי דער קאַפּיטאַן,
געקוקט: וואָס קאָן ער נאָך מיט זיי איצט אויפטאָן?
ער האָט נאָך אַלץ די קינדערישע בוכשטאַבן געקײַט,
די הונדערט קושן, וואָס אין דר'היים האָבן דערוואַרט אים...
אים האָט געדוכט, אַז ס'קוקט פאַריבלדיק אויף אים פון ווײַט
זײַן זיידע דער סאָלדאַט פון דער געוועזענער לייב-גוואַרדיע,
ווי אײנעם ערשטן טאָג, ווען צווישן אײניקלעך און זין
זיך מיט די סיווע באַקענבאַרדן האָט צעלאָזט ער:
— מיר וועלן פרי'ר דאָס דריטע מאָל אַרײַנגיין קיין בערלין,
אײדער זיי וועלן ס'ערשטע מאָל אַרײַן קיין מאָסקווע.
צופוס, אַלצײנס — דורך וואַסער און דורך גרונט,
ווי הונדערט יאָר צוריק אין הוילע לאַפּטיעס, —
און מיטן דריטן קעלישעק געטאָן עס א פאַרטרונק
און מיט די פּיס די אַלטע צוגעקלאַפּט עס.

6. אמאָל איז געווענ

I

סאדאָווסקי איז געווענ א יונגער אגראָנאָמ,
דאָס לאנד געווענ איז ווי א יאָמטעוו-טיש געגרייט אימ.
עס האָט זײַנ טאטע נאָכ געטריבנ א פאראָמ,
פאַרזוכט די פאנשטשינע האָט קינדווײַז נאָכ זײַנ זיידע,
אונ ער געזענ האָט, ווי דעמ דניעפער אונ זײַנ דראנג,
דעמ אײַנגעפענטעטנ אינ שטיינעריקע ברעגנ,
שפאנט מענ אינ ברויזנדיקער ליכט אונ אינ געדאנק,
אז ניט נאָר בושעווענ ער זאָל דאָרט, נאָר באוועגנ!
אונ ס'איז א פלעטנדיקע פרייד אזא געווענ
צו אָט דער מי זיכ צו באהעפטנ מיט א צוריר...
דאָס לאנד דאָס גאנצע מיט געצײַגנ אינ די הענט
האָט ווי איינ מײַסטער אימ געשליפנ אונ געפורעמט,
אונ אימ דערלאנגט ווי א באגינענדיקע גאָב
אונ מיט דער פרײַהײַט פונ די יאמענ אימ פארבונדנ.
סאדאָווסקי שטאָלצ געווענ איז אופהייבנ דעמ קאָפ
אונ קוקנ לאנג פארגאפט, ווי אפ א ווונדער.

II

ער פלעג ארויספאָרנ באגינענ אפנ פעלד,
אפ זײַנע שפראָצונגענ די יונגע זיכ אנ איב טאָנ —
נאָכ א פארשלאָפענע געלעגנ איז זײַנ וועלט,
אונ ער געוועקט האָט זי אָנ ראש, ווי א געליבטע.
פונ איינ זײַט — שטרעקעס דרעמלדיקער סטעפ
מיט גאָלד פונ פעלד־בלימלעכ מיט זוניקנ פארפראַשעט,
פונ צווייטער זײַט — דער מאלכעסדיקער דניעפ
מיט דער באצויבערדיקער קרוינ פונ זאפאָראָזשיע,
אונ ער אליינ, סאדאָווסקי, אינדערמיט.
ער פאָרט זיכ לאנגזאמ אינ דעמ ליטערנ באגינענ,
אונ אזא רויִקײַט פארוויגט אימ דאָס געמיט,
אונ אזוי זיס איז אינ דער שטילקײַט צו באזינענ
פונ צויבער-וווקס די כאָכמע אונ די פראכט,
פונקט ווי דעמ צויבער פונ די צוימענדיקע שליוזנ;
אונ קוקנדיק אפ זיי, האָט ער געטראכט:
„דאָס איז דער אָנהייב פונעמ צוקינפטיקנ רוסלאנד!“

III

אונ מיטאמאָל — דער קריג! ווי פונ דער העלער הויט.
אונ איידער וואָס — א כורבנדיקער האָגל שוינ פונ בלײַ איז;
שוינ העפקער הוליעט אונ עס בושעוועט דער טויט,
אינ דורכגעבראָכנ זײַנעצ ראנדנ שוינ דורכ פײַער.
בא דעמ ווארשטאט שטייט נאָכ דער ארבעטער פארטאָנ,
נאָכ בא דעמ היי-שניט פאָרעט זיכ דער פויער,
אונ ס׳קומענ צוגנ מיט פארוווּנדעטע שוינ אָנ,
אונ אפ א נאכטלעג בעט זיכ שוינ דער טרויער.
אונ איידער וואָס — דערשלונגענ איז שוינ ברעסט,
דער אלטער מינסק אינ פײַער שוינ דערטרונקענ.
אונ פלייטימ אפ די וועגנ ערגעצ פרעסט
א נידעריק-ארפּגעלאָזטער שווארצער יונקערס.
איז וואָס וועט ער זיכ שטעלנ ווארטנ אפ זײַנ ריי?
דעמ וועג ער טרעפנ וועט אליינ אהינצו;
ארײַנכאפנ מע דארפ א ווײַלע זיכ אהיימ,
געזעגענענ דאָרט מיטנ ווײַב אונ מיטנ קינד זיכ.

IV

א וויגטל האָט מיט זיסער צערטלעכקײַט געגלעט
זײַנ אופגערעגט-פארזאָרגטנ פּאָנעמ;
ער האָט ארויסגענומענ זײַנ פארטיי־בילעט,
א לייענ צוויי מאָל נאָכאנאנד געטאָנ אימ:
דער נאָמענ. די פאמיליע. אָט זײַנענ זיי,
ווי פלאנצונגענ פונ לאנד מיט ליבע אָנגעצייכנט.
„נו, אָט, מײַנ פרײַנט, סאדאָווסקי אלעקסיי״, —
האָט ער צו זיכ אליינ געווענדט זיכ מיט א שמייכל,
געלאָפנ ווײַטער מיטנ בליק: „וואָס נאָכ?״
ארײַנזויגנ האָט אלצ אימ מיטאמאָל געוואָלט זיכ.
„געבורט — נײַנ הונדערט צוועלפטער יאָר,
א קאָמאנדיר פונעמ זאפּאס״, — זיכ אויסגעגלײַכט א שטאָלצער,
אונ נאָכאמאָל אינ ביכעלע א קוק,
זײַנ אָפּבילד אונ דעמ שטאמפּ געפרווּט א מעסט טאָנ:
„נו, אָט! צי איז דאָס אלצ דענ ניט גענוג?
מיט וואָס איז דער בילעט ניט קיינ געזעצלעכע פּאָוועסטקע?״

V

דאָס ערשטע מאָל ווי ס׳ברענט אזוי די זון,
געדוכט סאדאָווסקין גייענדיק זיך האָט דאָרט.
אין הויף געשפּילט האָט זיך זײַן קלײנער זון,
פון זאמד פון גאָלדענעם א שטיבעלע געקנאָטן,
א קוק און צוויי, קיין רעגע ניט געזאַמט,
ער ארום קינד געגעבן האָט א דריי זיך...
— אהערצו טאָר מען ניט! — פארדעקנדיק דעם זאמד,
האָט אפּן פּאָטער זיך דאָס קינד צעבײזערט.
— גערעכט, מײַן זון! — האָט ער געטאָן א גיי
און אים, א שולדיקער, ארומגענומען.
— ווו איז די מאמע, זאָג מיר, וואָראָבײ,
די מאמע איז פון שול נאָך ניט געקומען? —
און נאָך עפּעס געטאָן בא אים א פרעג,
געקוקט אפּ אים. אליין געוועזן ערגעץ ווײַט שוין.
— דו פאָרסט אוועק? — איך פאָר אוועק!
— וווהין? — זיך שלאָגן, וואָראָבײ. זיך שלאָגן מיט די דײַטשן!

VI

און צו דער שול האָט ער פארקער׳וועט שנעל די טריט,
באמערקט די לערערן האָט אפּ א האלבן וועג אים.
די קינדער אָפּגעלאָזט אהיים פארפרי
און זיך צו אים אליין געלאָזט אנטקעגן:
— מ׳האָט דיך ארויסגערופן? שוין דײַן ריי? —
האָט זי מיט אויגן בלישטשענדע א גלעט געטאָן אים.
— איך בין אן אײגענער! — האָט ער איר שמייכלדיקערהייט
א זאָג געטאָן: — קיין אײַנלאדונג באדארף איך ניט, וואסיאָנע! —
אין הויף פון שול האָט מען געקאָסיעט היי,
געמורמלט האָבן ביימער אומעטיק, פארשלעפערט...
זיי זײַנען ביידע פּײַערלעך געגאן אהיים,
עפּשער אפּ קיינמאָל דאָרטן מער זיך שוין ניט טרעפן.
פּונקט ווי פארשרײַבן זיך פונסנײַ געגאנגען זײַנען זיי,
מיט וויי געריסן יעדער טראָט האָט פון דער ערד זיך.
דאָס שטיבעלע פון זאמד באנײַט האָט וואָראָבײ,
זיך דאָרט באזעצן וועלן איצט אפּ לאנג זייערע הערצער.

VII

פאר איר סאָלדאט האָט אלץ געמאכט וואסיאָנע שנעל,
אינ וועג אינ ווײַטנ מוטערלעכ געגרייט אים;
א ווײַלע צוגעזעצט אזוי זיכ פאר דער שוועל,
זי וועט אים ביזנ צוג אליינ באגלייטנ.
די גאנצע צײַט אינ אים געשפיגלט האָט זי זיכ,
איר האָט געדוכט, אז זי פארהיט אָט דאָ אים פונ געפאר שוינ;
איר האָט געדוכט, אז שוינ פארברוינט איז זײַנ געזיכט
פונ שווערנ גאנג אונ אונטערוועגדיקע מארשנ.
זי האָט קיינ וואָרט קיינ איינציקס ניט גערעדט,
בלויז מיט די בליקנ אים אינ זיכ ארײַנגעזויגנ...
— וואסיאָנע, ס'איז שוינ צײַט! עס איז שוינ שפעט, —
האָט ער א קוש געטאָנ וואסיאָנען אינ די אויגנ
אונ מיט דעמ מויל אראָפּגעווישט א טרער —
וואסיאָנעס טרער, ווי זי געטריפט וואָלט פונעמ הימל.
עס האָט א דורכפלי זיכ פונ בושעלעס דערהערט,
אונביידע האָבנ זיכ פארקוקט, ווי אפ א גוטנ סימנ...

VIII

אונ אפנ זיידנ נאָכ א ווײַלינקע געוואָרט,
געפּאָרעט ערגעצ האָט דער זיידע זיכ אינ גאָרטנ;
ער האָט א ווײַנשלבוימ דאָרט מיט א דראָנג אונטערגעשפארט,
דאָס פּאָנעמ אויסגעקער'וועט בלויז, אינ צווײַגנ אײַנגעפלאָכטנ:
— דו גייסט שוינ, אלעקסיי? נו, גיי מיט מאזל!.. וואָרט... —
אדורכגעשפארט צווישנ דיביימער אינ דער מיט זיכ,
אונ זײַנ סאָלדאטסקע קעסעלע פונ דרײַ מילכאָמעס אים געבראכט:
— נאָ!.. ביז מ'עט דיר ארויסגעבנ אינ פּאָלק די אמוניציע! —
זײַנ קאָפּ אליינ געוועזנ איז ווי ווײַנשל-צוויט,
וואָס האָט פונ גאָרטנ צוגעשוועבט באגלייטנ אפ דעמ קריג אים;
געקלונגענ האָט אים נאָכ ביז איצט זײַנ קאָל, ווי א געשמאקע ליד,
פונקט ווי דער שאָרכ פונ ביימער, וואָס פונ ווינטנ זיכ צעוויגנ.
איצט האָט ער אופהייבנ די אויגנ ניט געוואגט אהינ,
געשפרייט האָבנ זיכ גרוי-געוואָרענע, פארשוועכטע מײַלנ:
די זיידעס... זיי זײַנענ ארײַנ דאנ קיינ בערלינ,
אונ ער — אינ קלעמ ארײַנ איז איצט דערווײַלע...

7. דער אעראָפּלאַנ אונ דאָס שמעטערל

I

אפ מײַלנ-ווײַט געהערט האָט זיכ דער טראָט
פונ טרויער-מאַכנעס היימלאָזיקע פּליטים;
געפּלייצט, ניט וויסנדיק וואוהינ, מע האָט,
אינ קלומקעס אײַנגעשפּאַנטע, אָנ באַגלייטער.
א יעדנ וועג האָט זיי די פיבער-שטאָט פאַרטרויט,
פאַרטרויט דעמ פעלד האָט יעדער גסיסעדיקע גאַס זיי,
אונ אָנגעטריבנ סווישטשענדיק דער טויט
האָט זיי מיט ברענענדיקע בײַטשנ פונ פוגאַסנ.
געגאַנ אפ מיזרעכ זײַנענ יונג אונ אַלט,
מיט קינדער אפ די הענט, מיט זקיינימ אונטער אָרעמ —
זיי נאָכגעגאַנ איז ברענענדיקער וואַלד,
זיי נאָכגעגאַנ איז אויסגעקלאַפּטער קאָרנ.
געשטראָמט, פאַרפּלייצנדיק, א מאַכנע נאָכ א מאַכנע האָט —
צופוס, אפ וועגענער, איבערנ וועג צעזייטע,
ווי ס'וואָלט די אָדערנ אַליינ געעפנט זיכ די שטאָט
אונ אָפּגעגאַנ מיט בלוט, אונ אָפּגעגאַנ מיט ווייטעק.

II

געטאַפּט, ווי אינ דער פינצטערניש, האָט יעדנ איינעמס שפּאַנ,
אונ גאָרניט זעענדיק, האָבנ זיי מיד אַזוי געשלעפּט זיכ,
אונ פונ דער הייכ האָט זיי דערזענ א דײַטשישער אעראָפּלאַנ,
א לאָז געטאָנ זיכ, ווי א וואָלפ, צו אומבאַשיצטע שעפּסנ.
ער האָט פּיקירט. דערנאָכ — א קרײַז. דערנאָכ — איבער די קעפּ.
פונ מאָרד דעמ טײַנעג האָט ער לאַנגזאַמ זיכ צעצויגנ,
אונ שוועבנדיק אַראָפּ, ווי דורכ ספּיראַל-אַרטיקע טרעפּ,
האָט ער די אומגליקלעכע נאָכ געוואָלט א קוק טאָנ אינ די אויגנ...
אונ צוגעפאַלנ איז די מאַכנע צו דער ערד,
זיכ אײַנגעקלעפּט ביז מעשוגאַס אינ אירע פאַלדנ,
פאַרטויבטע — ניט געוווּסט האָבנ זיי רעכט,
צי זײַנענ זיי שוינ טויט, צי דאַרפ דער טויט ערשט א באַפאַל טאָנ!
אַראָפּגעפּירט פונ זיבענ האָט זיי בלויז דער זשומ
אונ דער געפּרעסטער ראַש פונ אײַזערנעמ געפּאָכע.
עס האָט זיכ א געשריי געוואָרפנ אפ אַרומ
אונ צ'ריק געפאַלנ דאָרט אינ בלוט אונ אינ געכאָרכל.

III

א לאָפּ געטאָנ א קינד האָט פונ דערשרעק,
דערזענ א שמעטערל ־אונ אויסנעשטרעקט די הענט דעם,
אונ נאָכנ קינד האָט זיכ געלאָזט דער שפּארבער אינ געיעג —
דעמ פּילאָטאזש דעם סאמע נידעריקסטנ אָנגעווענדעט.
א גענעראל־גִעשלעג! א ריטערלעכער איינס־אפּ־איינס
צווישנ א דײַטשנ אס אונ הײמלאָזיקנ יאָסעם,
וואָס האָט א שמעטערל געהאלטנ אינ די הענט א קליינס,
די פליגעלעכ מיט גאָלד מיט זוניקנ באגאָסנ.
געריסנ האָבנ שטיקער ערד זיכ אינ דער הייכ,
מיט קעפּ מיט בערדיקע צעשמעטערט אונ צעשפּליטערט,
אונ מיט דעם בלוט פונ קינד באצירט דעם בויכ,
זיכ אָפּגעטראָגנ אינ די וואָלקנס האָט דער דײַטשער ריטער.
אונ אָפּגעטאָנ מע האָט דאָרט די הארוגים רעכט,
דער דאָקטער הילפ האָט די פארוווּנדעטע געגעבנ,
אונ אופגעהויבנ מ'האָט זיכ פונ דער טרויעריקער ערד,
געלאָזט זיכ ווײַטער גײנ אונ ווידער — לעבנ...

IV

מיט טאָרבעס אינ די הענט, מיט זויגקינדער אינ שויס,
מיט בראָכ אינ הארצ אונ מיט שיגאָענ אינ די בליקנ —
אפּ אומוועגנ פונ טויט טאָג־אײַנ, טאָג־אויס
האָבנ זיכ יידנ היימלאָזע געזוכט אנ אָרע־מיקלעט,
אנ אָרט, א נאכטלעגער, א דאכ
באמ שמידנדיקנ פראָסט אונ שמעלצנדיקנ פײַער;
דער יִעש האָט פונ זיי, פארפלייצנדיק, געשפּארט
אונ זיי געפירט, ווי א פארבלאָנדושעט טרויונטיעריקע לעווײַע...
זיכ אָפּגעשטעלט צומאָל, באזונדער אונ באנאנד,
אונטער דעם פײַפ פונ שרויט אונ פאטשנדיקנ רעגנ —
אנ אומגעפּאלענעם דאָרט אויסשטרעקנ די האנט,
אונ א געפאלענעם באגראָבנ אונטערוועגנס,
אונ ווײַטער זיכ געשלעפּט אפּ קיינעמס ניט באראָט,
געוואָגלט ווײַטער אינ דעם אויסזיכטלאָזנ אומגאנג,
אונ אויסגעפּאָכט דאָס כײַעס יעדער איינער האָט,
אפּ אקסל שלעפּנדיק, פונקט ווי א בארג, דעם אומגליק.

V

גײטריבן האָט דער דײַטש זײ האסטיק פֿון דער ערד,
נאָר אין אומענדלעכקײַט האָט זײ געפֿירט דער װעג דורכדאַנען.
פֿון טרערן אױסגעדעמפּט — איז הױך און שװער
געהאַנגען איבער זײ א שװאַרצער אַמוד־אָנאָן...
די טױכעכע האָט פֿלאַקערדיק אַף זײ באַגינט:
ניט נעכטיקן אָט דאָרט, װוּ ס׳האָט געטראָפֿן זיך צו טאָגן,
האָט עס געטראָגן זײ, װי זאַמד צעװײעטן פֿון װינט,
װי קערנער אַפֿן פֿעלד, צעקלאַפּטן פֿון א האָגל.
און ערגעץ מיט א קינד מיט א צעטומלטס פּאַר דער האַנט,
זיך אײַנהערנדיק אין זײַן יענװעלטיקן קאָל נאָר,
געגאַנגען איז צװישן די ערשטע א באַיאָרטער מאַן,
אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אין אופגעשטעלטן קאָלנער:
אונטער דער פּאַכװע — א פּוטליאַר, פּונקט װי א טרונעלע א דינס,
אונטער די ברעמען — אױגן אױסגעלאָשן־מידע;
געבליבן פֿון דער גאַנצער װעלט איז אים דאָס קינד,
און פֿון דעם קינד — זיך אײַנגעקלאַמערט האָט אין אים דער פֿידל,

VI

נאָר ער האָט אַף קײן פֿידל ניט געשפּילט.
דעם מענטשן אױסשפּילן באַם טױט באַרופֿן ער געװען אַמאָל איז.
באַגלײט האָט אים דער זיבניערעדיקער פֿידלער שטיל
איבער זײַן אומענדלעכן טרױעריקן גאָלעס.
ער איז געגאַן, פֿאַרטיפֿט אין זיך און אין דער װעלט,
געזוכט צוזאַמענהאַנג, װאָס האָט שױן אָפּגעטאָן זיך.
אין זײַנע אומרױִקע אױגן האָבן טרערן זיך געשטעלט,
זײ האָבן איבער יעדן קעגנשטאַנד מיט װײ געבלאָנדזעט:
דער בױם איז בױם. דאָס גראָז איז גראָז. די ערד איז ערד, —
האָט זיך דאָס האַרץ מיט ביטערקײַט געלאָזן א באַשאָט טאָן,
נו, און דער מענטש? דער דאָקטער צװױ מאַרגוליס — ער?
קער אים די װעלט אָן װײניקער נאָך װי א שאָטן?
דער מענטש!.. געשיקט זיך, אַז דער מענטש קאָן גאָרניט טאָן,
װען ס׳קומט די צײַט, װען ס׳קומט די פּרוּװ פֿון גורל?..
נו, און א פֿאָלק?!.. א װעמען גײט זײַן אומגליק אָן
אָט דאַן, װען סע פֿאַרשעלט דעם טאָג פֿון זײַן געבױרן?..

VII

ער זעט אצינד די מענטשהייט ווי א קראנקן בוים,
אין וועמענס פוכטן ס׳האָבן ווערעם זיך פארנעסטיקט,
און וויקלען רונד ארום זיי מיט א ווארגנדיקער צוים,
און טריפן אָן אין יעדער איינער סאמ און פעסט דאָרט,
און דרינגען אין געוועב אריין שוין דורך אפ דורך,
די וואָרצלען און די קרוינען ערטערווייז געפלעט שוין.
וואָס פאר א גליק עס איז פון צווייג זיך אָפרייסן דער פרוכט
און, פאלנדיק אפ דר׳ערד, די פעסט מיט אייגן לייב דערקוועטשן!
געוויס איז יעדע צווייג פארטאָן אין זיך אליין
און ראנגלט זיך דורכויס פארקלעמט אין פייער,
און ס׳קאָן צו איר דער בראָך פון ברידער ניט דערגיין, —
אָבער דער בוים? דער גאנצער אייץ-האכאיכ?!
עס האָבן די פארורטיילטע. נאָך אים געפאָלגט
מיט אויגן דורכגעברענט, צו קיינעם ניט געווענדט שוין:
— ווער טראָגט דעם קאין-צייכן פאר א פאָלק?
ניט נאָר דער קאט, — אויך דער, וואָס האָט די האק געגעבן אין די הענט אים!..

VIII

געצויגן ווייט פאָרויס האָט זיך דער וועג.
א יעדע ווייל האָט מען זיך אומגעקוקט צו פרישע גריבער;
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט — וויפל מ׳איז געווען,
מע האָט זיך ניט געציילט דאָרט — וויפל מ׳איז געבליבן...
דער דאָקטער האָט געדענקט: אז ווי באם יאם דער זאמד...
דער דאָקטער האָט געדענקט: אז ווי די שטערן אינעם הימל...
געגאנגען שטיל. זיך ניט פארהאלטן, ניט געזאמט.
נאָר בא די קוואָרים בא די לייבלעכע פארלייגט מע האָט א סימען..
פונקט אָט אזוי געלאָזט האָט ער א קיווער אפן וועג
און מיט א וואלגער-שטיין דערהארגעטע פארשפראָכן האָט ער,
און נעכט זיינען געבליבן נעכט, און טעג זיינען געבליבן טעג,
און היימלאָזע דעם ווייטעק מיט די פיס האָבן געטראָטן...
דער דאָקטער האָט זיך אלע ווייַלע אומגעקוקט צוריק,
פארהאלטן האָט דער וועג דאָרט יעדן שפאן אים.
„און דאָך! — געטראכט האָט ער, — געהערט דער זיג
דעם קינד, דעם מיטן שמעטערל, איבערן קאט גערמאניע!"

8. צוויי סאָלדאטנ צו דער פּאָר

I

געלעגנ פאר סאדאָווסקינ זײַנ פארמעג איז א צעפּראלטס,
באשטאנענ ס׳איז פונ א פּלאנשעט אונ צוויי-דרײַ קארטעס.
„עס וועט אימ אויסקומענ, — האָט ער געטראכט, — איצט זײַנ דאָ אלצ:
אי קאפּיטאנ, אי גענעראל, אי דער פּארטיילער פונ די וואכטעס".
א קורצער ראט מיט קאָמאנדירנ אינעמ וואלד,
באשלוסנ אויסגעטאָקט אינ קורצע זאצנ:
אָוואדיס לאָזט נאָכ פּראָוויאנט זיכ באלד,
מעדיקאמענטנ אָנשמעקנ לאָזט ערגעצ סעמיבראט זיכ.
געקוקט פונ קארטע האָט אנ אָנגעמערקטער וועג,
צו אימ נאָכ צוויי, — האָט מיט פארמאכטע אויגנ ער דערמאַנט זיכ.
אינ אויסשפּיר לאָזט דורכ איינעמ זיכ באנאכט אוועק
אינאיינעמ מיט א גרופּע דער פּארטאָרג פונ ראָטע — מאנציס.
געענדיקט האָט זיכ שנעל דער קורצער ראט,
די אופגאבעס האָט אינ גערדאנק זיכ יעדער אויסגעריכט שוינ.
סאדאָווסקי האָט זײַנ שטאב אונטער א דעמב באשטאט,
אונ אינ א לאסטוואָגנ — די איבעריקע ווירטשאפט.

II

ניט איבערגעפרעגט קיינער האָט קיינ וואָרט,
בארעדעוודיק פונ בליק געווענ דער גלאנצ איז,
מיט זיכ אינ אויסשפּיר האָט זיכ נאָכ
מאמעדאָוונ אונ דראָזדנ מיטגענומענ מאנציס.
גערוט האָט שטילקײַט אפ זײַנ ביינינקנ געזיכט,
אראָפּגעגליטשט פונ דעמ האָט זיכ א יעטווידער געטומל;
ער האָט געהאט א טעווע רעדנ אָפּט אליינ מיט זיכ
אונ מיטנ קאָפּ נאָכ צושאָקלענ, ווענ עפּעס אפנ זינ איז אימ געקומענ.
דער שווערסטער גאנג איז ניט געווענ פאר אימ קיינ יאָכ:
איינ פּיפּס — אונ צוויי סאָלדאטנ צו דער פּאָר אימ!
ביז איצט געדענקט ער, אז צו קנאפּע דרײַצנ יאָר
איז ער צופוס געגאנ פונ סטאלינדאָרפ קיינ יעווּפּאטאָריע
אינאיינעמ מיט זײַנ טאטנ, מיט דעמ גאנצענעמ געזינד —
דאָס פייסעכדיקע בעכערל אפ א בילעט פארהאנדלענ...
צי דאָס איז אפנ זינ געקומענ אימ אצינד,
צי אפנ זינ איז אימ געקומענ איצטער עפּעס אנדערש,

III

נאָר אויסגעדאכט זיך האָט — מיט זיך אַליין ער רעדט
און שאָקלט מיטן קאָפּ אַליין זיך צו נאָך.
די נאכט האָט זיי מיט רייכעס זאַפטיקע געפּלעט,
פארטויבט האָט זיי פון ווייַט אַרטילעריסטישער געדונער.
דאָך שטאַרקער פון דער שטאַרקסטער שיסערייַ
געווען זייַנען די נאכטיקע די זיסע אַראָמאַטן;
זיי האָבן זיך אין האַרץ געטאָן אַ ריס אַרייַן
פון גערטנער און פון פעלדער, אָנגעזאַפּט מיט מיאַטע.
— דו ווייסט ניט, דאָדיק, ווען ס'איז ספּאַס? —
האָט דראָזד געוווּנדערט זיך פלוצעם צו זייַן כאַווער;
די אויגן האָבן אים געהיצט, די ליפּן — בלאַס, —
מיט עפּל קער איצט אָפּגעשיט שוין זייַן פּאָלטאַווע!.. —
ס'האָט דאָדיק מאַנציס וועגן ספּאַס אינגאַנצן ניט געוווּסט,
און ס'האָט אים באַנק געטאָן, נאָר כיישעק ניט געהאַט צו קלערן;
אים אייַנהאַלטן געוואָלט האָט זיך דעם אָטעם און דעם הוסט,
אַז עמעצער אַרום זאָל זיי צומאָל דאָ ניט דערהערן...

IV

נאָר ער אַליין האָט אין דער נאָ'נט דערהערט
אַ שטילן שאָרך צווישן די גראָזן אַ געהיימען,
ווי אין אַ קרעכץ וואָלט זיך פאַרגיין אַליין די ערד
און ווי צו עמעצן גערופן וואָלטן ביימער...
זיי האָבן זיך אַן אויגנבליק פאַרטאַי'ט,
און מיט די בליקן וועגנדיק, זיי האָבן גלייַך באַשלאָסן:
מע קאָן זיך נעמען מיט דער זייַט,
מע דאַרף אָבער נאָך דעם געשאָרך זיך לאָזן...
ס'האָט אַלץ זיך אויסגעמישט אין שטילקייַט פונעם פעלד:
דאָס קאָל פון גראָז, פון אַלץ, וואָס ווידמעט און וואָס מערט זיך,
און דאָס דערשטיקט געיאָמער פון דער וועלט,
און פון פאַרוווּנדעטע דאָס ווייטעקדיקע קרעכצן.
זיי זייַנען צוגעגאַנגען פון זייַטן צוויי,
זיך אומגעקוקט, ווי עמעץ וואָלט נאָך זיי געלאָקערט.
דערהערט האָט פון אַ קינד זיך אַ געוויין,
דערהערט האָט זיך אַ קלאָלע פון אַ זאָקן...

V

— פונ וועלכנ דאָרפ? — האָט אימ א פרעג געגעבנ דראָזד.
— איר זײַט פונ אונדזערע? — האָט זיכ א הייב געטאָנ דער זאָקנ.
איבערגעקויקלט אינ דער ווײַט האָט זיכ א שאָס.
— פונ אונדזערע! — געײַלט האָט מאנציס זיכ אימ זאָגנ.
געוועג די באָרד באמ זאָקנ איז אינ בלוט,
געוועג באמ קינד דאָס פּאָנעמ איז אינ בלאָטע;
אראָפּגעכאכט פונ קאָפּ דער זאָקנ האָט די הוט,
מיט איר אפ צ׳ריק א טײַט געגעבנ האָט ער:
— פונ וואסילקי, אפ יענער זײַט בורלוק, —
האָט אפ א טײַכל ער ניט אופגעהערט צו טײַטנ.
דערלאנגט אהינ האָבנ די אויסשפּירער א קוק:
עס האָבנ סרייפעס זיכ אפ יענער זײַט געשײַטערט.
— דעמ טײַוולס הינט!.. אפ שטיקער רײַסנ זיי דאָס דאָרפ... —
האָט פונעמ זאָקנ קוימ געהערט זיכ א געשטאמל,
דאָס קינד א גלעט געגעבנ האָט ער פאר די האָר, —
אונ זיי, די אייפעלעכ, מיט אזא שמירעכצ זיי פארסאמענ...

VI

געצויגנ אינ דער הייכ האָבנ זיכ ביימער אומבאוועגט,
צומ הימל אויסגעשטרעקט די אָפּגעשיילטע העלדזער.
— א סאכ, — האָט מאנציס אימ געטאָנ א פרעג, —
האָבנ אינ דאָרפ פונ זיי דאָרט אָפּגעשטעלט זיכ? —
אינעמ געזויכט האָט מאנציסנ דער זאָקנ ניט געזענ,
זײַנ ענטפער האָט געטאפּט דעמ כוישעכ, ווי א בלינדער:
— ס׳מאכט איינער דעמ בייזווונדער אָנ פאר צענ,
פונ צענ ווייסט שוינ דער טאָג אליינ ניט ווו זיכ הינטאָנ...
נאָר אָנגעשיקט אליינ דער געגעמ האָט אהינ
א היצעל מיט א כאָפּטע וועלפּ אינײנעמ.
מע זאָגט: די פינצטערניש פארטראָגנ האָט זיי פונ בערלינ,
מיט שאובנס זײַנענ זיי געצייכנט אונ מיט ביינער,
אפ קינדער גלײַכ האָבנ זיי אויסגעפּרוּווט די העק,
זיי האָבנ גלײַכ די זקיינימ אויסראָטנ באפוילנ.
ס׳ווייסט יעדער בוימ, ווער איז דער היצעל — פרעג!
א יעדער קיוועוער האלט שוינ מיט א קלאָלע איצט אינ מויל אימ...

VII

מיט פֿײַערן אדורכגעגנייט האָט זיך דער ראנד,
ווי מיט א מעסער האָט די נאכט א יעדער ווײַל געטאָן א שינד אים.
—נו, הייב זיך, זיידע, אופֿ, — האָט מאנציס אים גענומען פאר דער האנט,—
וועסט גיין מיט אונדז, צו אונדזערע אצינדער! —
געהערט האָט זיך דאָס טײַכעלע אפ ווײַט, ווי ס'פליסט,
גלײַך מיט א שליכעס ס'וואָלט געײַלט איבערן ראנד זיך.
געהאָלפן שטעלן האָט מאמעדאָוו זיך דעם זאָקן אפ די פיס,
דעם שטעקן אופגעהויבן האָט פון דר'ערד אים מאנציס,
א מעסט געטאָן דעם וועג צום וואלד אפ צ'ריק
און אפן ווונק געווענדעט אײַלעוודיק און פראָסט זיך:
— מאמעדאָוו, נעם דאָס קינד! מאך אין די אָרעמס דעם א וויג!
א סעכערל, גיב נאָר א נישטער, עפשער האָסטו?.. —
געגעבן האָט א שטערן זיך א לאָז אראָפּ;
צום וואלד צוריק מיט זיי מאמעדאָוו האָט געלאָזט זיך,
און אויסקער'ווענדיק אלע ווײַל צו זיי דעם קאָפּ,
האָט מאנציס ווײַטער פאָרגעזעצט דעם וועג מיט דראָזדן.

9. דער בושל ברענגט א יעדיע

I

קיין דורכגאנג און קיין וועג איז ניט פאראנענ מער,
א לייג געגעבן אפן האלדז האָט זיך דער טאָג מיט פיבער:
אָט איז א וואלד אין רויק-הארבסטיקן פארקלער,
אָט זײַנען שטיבלעך היימלאָזע צונויפגעטריבן,
און ווײַטער — איז דער פײַנט. און ווײַטער — איז דער טויט.
און ווײַטער אפ ארום— פארוואָרפן שוין א שלייף איז...
און, פיקנדיק דאָס מיסט, צו אלעמען פארטרויט
געזוכט טאָג-טעגלעך ברויט האָבן די שטילע אויפעס.
ס'איז, דאכט זיך, אלץ אזוי ווי אלעמאָל:
די ערד, דער וואלד, דער הימל און דיביימער,
נאָר ס'האָט בא יעדן זיך א זעץ געטאָן דאָס קאָל,
און אויסלויפן גענומען האָט די צײַט מיט איימע.
געוואָרן עפעס אָנגעלאָדענער זײַנען די פיס,
געקוקט אזוי אומהיימלעך האָבן וועגן.
צי וועט מען זיך אדורכרײַסן נאָך ווען-עס-איז,
צי שוין מיט אלץ זיך אין דער וועלט אָט דאָ געזעגנט?!

II

סאדאָווסקינ האָט דער אומגעדולד געײַלט,
די זאָרג אפּ אים געוואקסנ איז אינדרײַענ.
זיכ אָפּגעטאָנ פונ אייניקע האָט אפּ א ווײַל
דער מאלכעסדיקער שטאלט אונ גלאנצ פונ כאיִל.
די היצ פארצויגנ האָט דעם גאָרגל אונ געברענט,
פונ בוימ האָבנ זיכ שאָטנס ניט געלאָזט פאנאנדערשליסנ.
באמ האָריזאָנט, די פליגל צו דער הייכ געווענדט,
געגאנגענ זײַנענ ווינטמילנ, ווי מ׳וואָלט געיאָגט זיי שיסנ...
א בושל מיט געהיטנ וויגעדיקנ טראָט
אראָפּגעלאָזט, ווי א יעדיִע, האָט פונ סטעפּ זיכ,
אז אפּנ וועג, יעסוימעדיק, אפּ גאָטס באראָט,
צעשראָקענע, פאריאָגטע, בלאָנדזשענ ערגעצ שעפּסנ...
געלעגנ דאָס צעטראָטענע געוויקס איז אפּנ שליאכ,
קיינ ווינט געוואָלט האָט ערגעצ זיכ א ריר טאָנ.
אונ איינער מיט א קינד אונ מיט א שטויביקנ פוטליאר
געגאנגענ איז, ניט וויסנדיק אינ וועלכער ריכטונג.

III

די בראָכע האָט מיט וויי זיכ פונ דער ערד געשפּארט,
ס׳איז א גערעטעניש געווענ. געגאנ איז שעפּע.
ווי א געפאנגענע געלעגנ איז די פּראכט —
פארווארטיילט, העפקער אונ פארשלעפּערט.
דער רינג פונ סוינעס קלעמ אונ צוואנג
האָט ענגער א פארשליס אונ א פארצי געטאָנ זיכ.
פונ בוימ צו בוימ, פונ זאנג צו זאנג
געגאנוועט האָט אנ אומעט זיכ, ווי אזא טריבער אָנזאָג.
— פאנאנדערשטעלנ גלײַכ זיכ אפּ אנ איבערופּ! —
געגעבנ א קאָמאנדע קורצ דער קאָמאנדיר האָט.
אונ פונ דער ווײַט צו אימ האָט ווענדנ זיכ געפּרוווט
דער מאנ, וואָס האָט, ניט וויסנדיק וווהינ, דעמ וועג געווירעט.
געפאלנ איז די נאכט. אנ אומרויִקע. וויסט.
דער ראנד האָט נאָכ אינ פלאמ געהאלטנ זיכ אינ שמעלצנ.
דער קאָמאנדיר האָט פונדערווײַטנס זיכ באגריסט
אונ אפּ דעמ רופּ פונ אומבאקאנטנ אָפּגעשטעלט זיכ.

3*

IV

— אווּ איז אײַער ביקס? — א קער'ווע זיך געטאָן האָט ער
צו דעם באַיאָרטן מאַן מיט דערעכערעץ.
— כ'פארשטיי... כ'פארשטיי... נאָר ניט קיין ביקס איז מײַן געווער, —
געענטפערט האָט דער מאַן: — א סקאַלפּעל מײַן געווער איז!
— אווּ איז אײַער סקאַלפּעל? — צוגעלייגט דער קאָמאַנדיר די האַנט
האָט צו דעם שלייף אלס צייכן פון באַגריסונג.
באַהערשט א ווײַל האָט א פארלעגנהייט דעם מאַן:
— עפשער איז מעגלעך גלײַך זיך צו דערוויסן,
ווּ ווּעט אים אָנווענדן דעם סקאַלפּעל זײַן באַפעלט? —
עס האָט דער קאָמאַנדיר די האַנט געגעבן א דערלאַנג אים
און אים א ווײַז געטאָן: — איבערן גאַנצן פעלד!
ס'איז ניט פאראַנען אין פארווּנדעטע קיין מאַנגל... —
און דריקנדיק די האַנט מיט אכטונג דעם כירורג,
האָט ער צו זיך אליין פון אופרעגונג געמורמלט רייד:
— און סעמיבראַט... דער דריטער טאָג... ווי ווּעט ער דורך...
ס'האָט טרעפן אפן וועג מיט אים געקאָנט פארשיידנס...

V

באַמערקט דער קאַפּיטאַן האָט ערשט אַצינד
דעם קליינעם בעזשענעץ נעבן דעם טרויעריקן מאַן דעם אַלטן:
— אַ אומגליקלעך!.. דערלעבט... ווער איז דאָס קינד? —
האָט ער דעם דאָקטער אָפּ א ווײַלע נאָך פארהאַלטן,
געקוקט אָפּ דעם, ווי א פארשולדיקטער, האָט ער
אָפּ די געזיכט-צוגן די מאָגערע און אויסגעטאָקטע.
— דאָס סאַמע אַלטע אויסקויף-בלוט פון דר'ערד, —
האָט מיט די אַקסל שטיל א קנייטש געטאָן דער דאָקטער.
געוואָרעמט האָט סאַדאָוסקיס האַרץ א בריוו
מיט א געמעל, מיט ביימער, מיט א שטיבל...
און מיטן קינד אוועקגעגאַנגען אין וואַלד-געדיכטקייט טיף
צו די פארווּנדעטע דער דאָקטער איז א טריבער.
באַגלייט סאַדאָוסקי שווײַגנדיק האָט אים
און לאַנג א טרויעריקן בליק אָפּ אים פארהאַלטן.
עס האָט געדוכט, אַז ס'ציטערט נאָך דעם דאָקטערס שטים:
„דאָס אויסקויף-בלוט פון דר'ערד דאָס סאַמע אַלטע“...

10. פראָוויִאנט

I

באַם טײַכעלע בורלוק — ביז צו דעם האלדז אינעם טשערעט —
געווייקט אָוואדיס האָט א גאנצנ טאָג זיכ.
א וועג אנ איינזאמער האָט זיכ אינ ווײַט געשטרעקט,
געבלאָנדזשעט איבער אימ האָט, רעווענדיק, א סטאדע אָקסנ.
געטומלט האָבנ דײַטשנ ערגעצ גאָר נית ווײַט,
פונ שיכ געקאָוועטע געהערט האָט זיכ דאָס קלאפּנ.
ווער אָנגעטאָנ, ווי האלדזבאנדנ, די ווורשטנ האָט פארשײַט,
ווער ארומ בויכ מיט אויפּעס, ווי א יוסטער קורעלאפּניק,
נאָר אויסגעריסנ זיכ פונ פּענט בא איינעמ האָט אנ אָפּ,
צו די טשערעטנ וויגנדיק א לאָז געטאָנ זיכ.
אונ אינ א רעגע — נאָכ דעמ פויגל אינ געלאָפּ
האָט זיכ דער שארבנ-ריטער אינ טשערעט פארבלאָנדזשעט.
אינ זומפּ געזונקענ האָט זײַנ יעגערישער טראָט.
געקראָכנ פונ דער פּעל. געדראָט אונ זיכ געפּלאָנטערט,
אונ אפּ א רויטארמייער אָנגעשטויסנ זיכ ער האָט,
פארפּאָלגנדיק דעמ אומשולדיקנ האָנ דאָרט.

II

א ווײַל איז ער געבליבנ שטיינ אונ נית געוווּסט:
צי לויפנ ווײַטער נאָכנ האָנ, צי דאָ אינעמ טשערעט אימ לאָזנ;
נאָר אויסגעקרייעט האָט ער: — גיב זיכ אונטער, רוס! —
מיט אזא טעמפּנ אונ דערשראָקענעמ יִרגאָזנ.
געהוידעט האָט זיכ פונ טשערעט די וואנט,
אינ טײַכ — פארווייקט דער גלאנצ פונ כמארעס:
אָוואדיס אופגעהויבנ האָט די לינקע האנט,
געוועזנ נאָענט גאָר פונ אימ שוינ די געפאר איז
אונ מיט דער גאנצער קראָמ אפּ אימ זיכ שוינ געצילט,
נאָר ער — מיט רעכטער האנט געצויגנ לאנגזאמ האָט דאַרט
דעמ פּיסטאָלעט אונ אומבאמערקט — דאָט צינגעלע א צי!
אונ גלײַכ איז אָפּגעגאנ דער דײַטש מיט בלוט אינ בלאָטע.
ערשט דאמלט האָט אָוואדיס שנעל געטאָנ א שפּרונג,
צוזאמענ מיטנ האָנ, אינ ערגעצ נית געלאָזט קיינ שפּאנ אימ:
— דו דארפסט א האָנ, אונ איכ — א צונג!
געמאכט! איז קריכ ארויס, גערמאניע!

III

א שטילקייַט האָט געשפּרייט זיכ אפ ארומ,
ווי גלאָז, פארהויכט געווענ זייַנענ די וויַטנ.
געגאנגענ אינ געפאנגשאפט איז דער דייַטש איבערנ זומפ
אונ זיכ גענייוויש אומגעקוקט אינ אלע זייַטנ.
אינ בלאָטע אויסגעווייקט — איבערנ קאָפּ,
באמ רימענ צוגעקניפּט א זעקל צו א זעקל,
די פאזעכע, מיט אויפעס מיט געפּענטעטע פארשטאָפּט,
האָט אלע ווייַל פונ אימ ארויסגעקרייט א „קוקארעקו!".
א כעושבנ, הייסט עס, שטייט, אָוואדיס, דיר איצט פאָר מיט אימ
פאר גאָר דער וועלט, וואָס ער פארוואנדלט האָט אינ א בעסוילעמ...
געשיקט זיכ, אז עס רעדט אזוינער מיט א מענטשנ-שטימ?
אונ עפּעס פרעגנ קאָנ מענ אנדערש דענ ווי מיט א קויל אימ?
אָט גייט ער, שלעפנדיק די שאנד, דער דייַטשער קאט,
ס'איז אימ ניט שווער. ער שטעלט זיכ ניט אנטקעגנ,
ווענ איינס-אפ-איינס מיט א סאָלדאט
האָט ער זיכ אפנ פעלד באגעגנט.

IV

אימ איז נאָר שווער די פיס צו שלעפנ אינ דער גיכ
אונטער דער לאסט פונ רויב-זאק אונ פונ פאכעד.
ער וואָלט געקראָכנ, ווענ מע זאָגט אימ: — קריכ!
נאָר אָפּגעווענדט פונ אימ מיט עקל זיכ די וואכ האָט.
ער קוקט מיט שרעק, דער הערשער פונ דער וועלט,
אונ מיט די אויפעס טרויעריק ער זיכ געזעגנט.
זייַנ נאָבל בלוט, וואָס איז בארופנ צו געוועלט,
באגייַסטערט ניט, ווי א סאָלדאט, פאר ווירדע צו געשלעג אימ...
ער הערט אינ שרעק צו יעדנ שאָרכ זיכ צו,
דאָס אָנגערויבטע קריכט אינ בלאָטע זיכ פאנאנדער;
אָט באלד וועט ער ארויסשטעקנ די טאָמע צונג,
אונ פאר זייַנ פעל דאָס טאָמע פאָטערלאנד פארהאנדלענ.
ער וועט עס מאכנ נעט, אונ פינקטלעכ, אונ גענוי,
אזוי ווי א געריכט פונ רויב אָרגאניזירט ער;
ניט קארגנ וועט ער גאָרניט פאר זייַנ הויט.
אונ נעבנ אימ געגאנגענ איז אָוואדיס ווי זייַנ ריכטער.

V

פון גאָר דער ערד — דער עקל און פאַראַכט,
מער גאָר, מער גאָר צו אים ניטאָ איז.
געקוקט אַף אים אָוואַדיס האָט, געטראַכט:
„ס'מאַכט קיינמאָל די נאַטור דאָך ניט קיין טאָעס,
זי גיט דאָך ניט דער שלאַנג קיין פיס,
דעם מענטשן גיט זי דאָך קיין גיפט ניט...
צי ווירקלעך עפּעס אויבערדיקס אין אים דאָ איז —
אַזוינס, וואָס לייגט ניט איַין זיך אין קיין שום באַגריפן?"
געזען האָט ער אים קײַקלען פון געלעכטער זיך אין בלוט,
איצט זעט ער אים פון פּאַכעד קײַקלען זיך אין בלאָטע;
פאָרויס געגאַנגען איז דער האָן באַרוט,
דעם פּיסק אַ יעדער ווײַל צום דײַטש אַ וואָרף געגעבן האָט ער.
פון ווײַט אָוואַדיסן דערזען מ'האָט, ווי ער שפּאַנט,
אַ קראָם פון אַלדאָסגוטס האָט ער געהאַט דאָ;
— וואָס איז דאָס? — האָט סאַדאָווסקי זיך געווענדט. — ס'איז פּראָוויאַנט! —
געשמוכט אָוואַדיס האָט: — ס' דאָסטאַווקאָי נאַ-דאָם!

VI

און ערגעץ האָט סאַדאָווסקי אופגענומען טריט...
זיך אײַנגעהערט אין יעדן ווינטלדיקן פלאַטער.
ניט אומגעקערט האָט סעמיבראַט זיך מער צוריק,
עפּעס געשען איז פאַר געוויס מיט סעמיבראַטן...
אָבער דעם אומגעוווּנטשטן מיינ געיאָגט האָט ער,
מאַכשאָוועס אומגעוווּנטשענע פון זיך געטריבן:
ווער ווירקלעך סעמיבראַט ניט אומקערן זיך מער? —
געעקבערט און גענאָגט האָט אַ געדאַנק אַ טריבער.
דאָך האָט סאַדאָווסקי, אַ פּאַראַקשנטער, געוואַרט...
עפּשער קומט אויס זיך סעמיבראַטן ערגעץ זאַמען?..
געווען איז ווײַט שוין סעמיבראַט אין יענער נאַכט
נאָך דעם פאַרהער באַ קלאָפּסן אין אַ קאַמער...
געגאַן אַ מורמל פון אַ בלאַט איז צו אַ בלאַט,
און פון בורלוק האָט זיך געטראָגן אַ געבלעבל.
צום טויטן-לאַגער האָט געשלעפּט זיך סעמיבראַט
אין דעם באַגלייט פון זײַן ניט-אָנגעהויבן לעבן...

11. פּאָזעמקעס

I

אינ גרינס פונ וואלד געשווינדלט מארליע האָט ווי צוויט.
נאָכ פונ דער ווייַט האָבנ פארוווּנדעטע זיכ אָנגעזוגנ דאָרט;
פארשנעלערט האָט דער דאָקטער זייַנע טריט
אונ גלייַכ צו אלעמענ דעמ בליק געווענדעט.
צו יעדנ איינעמ איז ער צוגעגאנגענ נאָ'נט
פארכלינענדיק מיט רייכעס זיכ מיט הארבע.
האָט העכערס דענ א מענטש נאָכ ווינטשנ זיכ געקאָנט,
ווי זייַנ באצייכנט דורכ די שלאכטנ מיט פארדארבער?
עס האָט זיי צוגעדעקט די קרוינ פונ וואלד,
א יעדער ווינטעלע זיכ צוגעלייגט האָט, ווי א היילונג.
אונטער דער מארליע האָט בא יעדערנ דער וויי געשטראלט,
אונטער דער מארליע איז א יעדע ווּנד געווענ הייליק.
צו יעדנ איינציקנ האָט ער זייַנ בליק געווענדט,
וואָס גיכער נוצלעכ זייַנ געוואָלט האָט זיכ אזוי אימ;
ס'איז אימ א שאנד געוועג פאר זייַנע גאנצע הענט,
אונ פאר זייַנ גאנצנ גופ אינ אימ געוועזנ א ביזאָיענ.

II

פאר זייַנע זעקס אונ פופציק יאָר — דאָס ערשטע מאָל
פונ נאָרמעס אויסגעטאָנ, ניט פילנדיק קיינ וויי מער,
האָט ער אצינד געפונענ זיכ אינ א שפּיטאָל
אָנ ווענט אונ אָנ א דאכ, דורכויס נאָר צווישנ ביימער.
זייַג גאנצע וועלט ערגעצ אינמיטנ וועג געלאָזט,
ווי אָנגעלעבטע לאסט — אָנ נויטווענד אונ אָנ זינענ;
די קראנקע האָבנ אויסגעזעג, באשטאטע אינעמ גראָז,
ווי שווימענדיקע אפ א יאמ-דעק אפ א גרינעמ.
זיי האָבנ ניט געמאָנט קיינ סכאר פאר זייער לייד —
עס האָט דער סכאר געלויכטנ אינ בארופ פונ קריגער;
אונ שווייַגנדיק זיי האָבנ זיכ אליינ באגלייט
צומ לעצטנ ראנד פונ גוירלדיקנ איגל.
אונ אופגעציטערט מיטאמאָל האָט דער פארוווּנדעטער אָרלאָוו,
דערזענ האָט ער א פּאָזעמקע, אינ גרעזעלעכ פארפלאָנטערט,
א ווייַז געגעבנ מ'ט דער האנט האָט ער פונ שלאָפּ
אונ מיט די אויגנ פיבערדיק געטאָנ צו איר א בלאָנקע...

III

זי איז געוועזנ פלאטערדיק אזוי, פארכאָלעמט-רויט,
מיט ראָזנ פוכ געלענט אפּ גרינעמ ציטערדיקנ בלעטל;
ווי ס'וואָלט די ערד אליינ געבראכט אים פארנ טויט
א טראָפּנ בלוט מיט איר גענאָד אימ שטיל א גלעט טאָנ.
אָט איז זי. אויסגעצויגנ. בייגיק-גלײַכ.
ער וויל זי פונעמ אויג קיינ רעגע ניט פארלירנ;
עס איז אימ פונ איר רייעכ אזוי פריש און לײַכט,
אונ זיס אזוי איז בלויז פונ איר קאָליר אימ.
זי האָט אפּ אלצ פארגעסנ אימ געמאכט,
פארגעסנ פונ דער וווּנד געמאכט אונ פונ דעמ קריג אימ;
אָט וועט זי צוגיינ באלד אליינ צו אימ, זיכ דאכט,
פונקט ווי זײַנ שוועסטערל געגאנ איז מיט א פולנ קריגל.
האָט ער א שטרעק צו איר די האנט געטאָנ
אונ מיט דער קוליע זי געפּרוווט דערלאנגענ;
באוויזנ האָט דער דאָקטער זיכ. א בייג זיכ אָנ,
אונ אויסגעשטרעקט די פּאָזעמקע דעמ קראנקנ:

IV

— פאראנ א סאכ דאָ פּאָזעמקעס אינ וואלד,
א קאנט אזא,—האָט ער אים אײַנגערוימט,—מיט אלצ באשאָנקענ,
איכ וועל אײַכ אָנקלײַבנ. איכ וועל אײַכ ברענגענ. באלד...—
אונ קלײַבנ פּאָזעמקעס געלאָזט זיכ בלאָנקענ.
אז ער איז אינ ארומרינגלונג, איז אימ געוועזנ קלאָר,
געזאָגט אימ האָבנ עס די גראָזנ אונ דיביימער,
אונ דאָכ האָט אימ געדוכט, אז איצט, נאָכ זעקס אונ פופציק יאָר,
איז אָנגעקומענ ערשט, ווי ס'דארפ צו זײַנ, אהיימ ער,
ווו ס'לויערט די געפאר אפּ איד אינ אלצ,
ווו פונ בערײַשיס אָנהייבנ מע דארפ לאכלוטנ;
דאָ, ווו מע שטרעקט פאר יעדנ זעמדעלע דעמ האלדז,
דאָ, ווו מע גייט פאר יעדער יאגעדע מיט בלוט אָפּ,
דאָ, ווו מע שלאָגט זיכ פאר דער היימ מיט שטאָלצ אונ רומ
אונ ווו מע צאָלט פאר איר מיט לעבנ אונ מיט לײַדנ,
אָט דאָ,—האָט ער דעמ בליק א פיר געטאָנ אפּ רונד ארומ,
אָט דאָ, באמ אָרט פונ אירע כעוולע-לײַדע...

V

געשטאַנענ איז נאָכ בוילעט פאַר זײַנ בליק
די וואַסילקאָווער גאַס... די עטלעכע קאַשטאַנענ...
זײַנ שטוב... דאָס בעטגעוואַנט צעפּליקט...
ס'איז אַלצ פאַר זײַנע אויגנ מיט פאַרענטפערונג געשטאַנענ;
מיט בראָכ פונ דעם צעשלײַדערטנ געשיר,
מיט בושע אונ מיט ווײ זײַנ בליק געווענ נאָכ פול איז;
דאָס שילדעלע דאָס מעשנס אפ זײַנ טיר
מיט ווערטער אויסגראַווירט אפ ייִדיש: „צווי מאַרגוליס"...
ער האָט געהערט דעם טופּ פונ מערדערישע פיס
אונ דאָס גערויש פונ בלײַיִקע באַזויפטע קוילעס;
דאָס שילדל אָפּגעריסנ האָבנ זײ געוויס,
געוויס איבערגעשמאָלצנ אינ אַ קויל עס.
אונ זוכנ אימ אַרומ מיט רוגזע אונ מיט פּלײַס,
דאָס האַרצ אימ דורכלעכערנ מיט זײַנ נאָמענ;
ער האָט אַ ריס געטאָנ אַ יאַגעדע, אַ קוק איבעראַנײַס:
אַ שאָד, וואָס דאָ קײנ יאַגעדעס זײַנענ ניטאָ מער!

VI

ס'האָט ווי אַ נעפּל דורכגעשוועבט באַ אימ אינ קאָפּ
דאָס ב נטל אָפּגעקלאַפּטע, אָפּגעראַשטע יאָרנ,
פונ זײַנ געבורט-שטאָט אָנ, פונ סאַמע גראָנאָטאָפּ,
ביז די צעזייטע אונטערוועגדיקע קוואָרימ,
ביז צו דעמ סאַמע פרישנ דאָ, אונטער דעמ ווינט,
וואָס וועט צעטראָטנ ווערנ פאַר אַ טאָג מיסטאַמע...
אַרײַנגעזונגענ האָט זי באַ די נעכט איר האַרצ אינ יעדנ קינד,
אימ דוכט: זי זינגט פונ קיִיווער נאָכ ביז איצט „אַ בריוועלע דער מאַמענ".
געכאָלעמט האָט זיכ אימ אַצינד די אַלטע נעסט,
דער דאַכ מיט שינדלענ אויסגעלאַטעט —
צי ווײַל זי איז אַלײנ געווענ שוינ אַ מעס,
צי ווײַל געבליבנ איז אינ איר אַנ ·אַלטער טאַטע?!..
ווי קײנ אַמעריקע מ'האָט אימ פונ דאָרט אַרויסבאַגלײט,
ווענ ס'האָט אפ אימ די גרויסע שטאָט פאַרוואָרפנ אירע מאָסנ,
אַצינד, ווי אַ באַוועגלעכע מאַצײווע, צ'ריק ער גײט
באַמ זײדנ אָפּשטעלנ זײַנ ייִנגסטנ יאָסעמ...

VII

געיאָגט האָט ער פון זיך א טויזנטיאָרעדיקע לאסט,
געריסן זיך פון איר, ווי פון א טויטן דולהויז:
איז וואָס אזוינס געווען זײַן היים אפ וואסילקאָווער גאס?
איז וואָס אזוינס געווען זײַן מעשן שילדעלע: „מארגוליס"?
אויב ער האָט העפקער פאר די כײַעס זיי געלאָזט
און ניט פארטיידיקן ארויסגעגאנגען ער איז זיי...
ווי וועט ער עס פארענטפערן? וואָס קען דען זײַן פאר דעם א מאָס?
ווען ער אפילע זאָל דעם מויעכ זיך צעהריזען? —
א פאָזעמקע א מינדסטע רײַסט ניט אויס דער ווינט,
ער וואלגערט זי. ער קלאפּט זי. און זי ווערט זיך!
א ליגן איז געווען זײַן הויזגעזינד
מיט די געבורטן, מיט די סימכעס, מיט די קרעכצן,
אויב עס צעטרעטן און פארטרײַבן אין דער גרוב
געקאָנט האָט א געפּאנצערטער א ווילדער דאָווער-אכער.
ס'האָט אים פארפאָלגט פון אומעטום זײַן טעמפּער טופּ
און דאָס צעיושעט-פּרעכע זשאָרבעדיקע לאכן.

VIII

עס האָט אים נאָכ א פאָזעמקע א ווונק געטאָן,
פון די מאכשאָוועס אָפּגעריסן אים א ווײַלע;
ער האָט זיך וואקלדיק געגעבן א בייג אָן
און א צעשטרייטער זיך צוריק גענומען אײַלן.
געשמעקט די ערד האָט אזוי זיס מיט אינדערפרי,
עס האָבן שוואלבן זיך געשאָטן אופּ און אָפּ אָן אופהער
מיט אזא גליקלעכ, גלעקלדיק-צעפּאָכעטן „צווי-צווי",
ווי זיי וואָלטן, זיך שפּילנדיק, באם נאָמען אים גערופן.
צי שטייט ניט בא דעם קייווער נאָכ פון דאמלט ער
מיט זײַן פאריאָסעמטן מיזיניק לעם דער מאמע —
און ס'קומען פייגל אלץ מענאכעם-אָוול זײַן אהער
און בעטן ברעקלעכ ברויט פארײנס צוזאמען?
ס'האָט די דערהארגעטע אדורכגעשוועבט געשווינד
פארבײַ די אויגן זײַנע האלב-פארמאכטע:
זיבן מאָל איז זי געגאנגען צו קינד,
זיבן מאָל האָט זי די וועלט געבראכט אים.

IX

אונ זיבנ סימכעס זײַנענ שוינ געווענ,
אונ זיבנ סימכעס זײַנענ פֿאַרגעשטאַנענ,
אפ וואסילקאָווער גאס, דאָרט אינ דער היים, ווי דענ?
ער הערט דאָכ נאָכ אָט דאָ דעם רויש פונ די קאשטאַנענ...
נאָר ס׳וואַלגערט אונטערוועגס זיכ ערגעץ איר געביינ,
ניט אויסגעטאנצט די כאַסענעס, ניט אויסגעוויינט דעם טרויער.
איז וואָס אזוינס געווענ זײַנ היימ,
אויב ניט געקאָנט האָט זי איר גוידל אימ פארטרויענ!
ער איז מיט יאגעדעס א הויפנ, פרישע, נאָכ מיט טוי,
געגאנ צוריקוועגס, זײַנ געדאנק דערטראַכטנדיק פאוואָליע,
נאָר דער פארוווּנדעטער געווענ איז טויט
אונ אויסגעזוענ האָט ער, ווי עפּעס וואָלט זיכ אימ געכאָלעמט.
אונ אינ דער הייכ, אפ א בערעזע, איבער אימ,
געהאלטנ טרויעריק א פיקהאָלץ האָט אינ קלאפנ.
דער דאָקטער האָט אראָפּגעלאָזט זיכ אפ די קני
אונ אימ אוועקגעלייגט די פּאָזעמקעס, ווי ליכט, צוקאָפּנס.

12. אינ טויטנ־לאגער

I

פאר א קארטאָפל אופהייבנ — א קויל!
אונ פאר א כאפ געבנ דעם אָטעמ — א נאהײַקע!
ס׳איז ארבעט-צײַט. די לײַבער — אָפּגעמאָגערט. הויל.
אונ איבער בײַכער אָנגעבלאָזענע — דער הונגער פײַקלט.
די דארע העלדזער אויסגענאָגט פונ היץ,
אפ אויסגעקרימטע רוקנס — רײַטנ שטיינער.
ס׳איז ארבעט־צײַט, די פיס — אפ אש צעגליט,
אינ שמאטעס — אײַנגעהילטע הויט-אונ-ביינער.
זיי גרוזעווענ דעם מארכ קיינ דײַטשלאנד באמ וואָקזאל,
אליינ דער מאלכאמאָוועס האלט דעם אופוע.
אָט גיט דאָרט עמעצער אונטער דער לאסט א פאל
אונ הייבט פונ אָרט שוינ מער ניט אופ זיכ.
עס פאלט א טאָג, ווי ס׳פאלט א בוימ,
גלײַכ ווי א טהאָמ די נאכט רוקט אָנ זיכ,
דאָרט האָט דער גענעמ זיכ מיט דראָט פארצוימט,
צומ טויט געשפּענסטער דאָרטנ בלאָנדזענ...

II

די „נײַע אָרדענונג״ האָט זיכ געגעבנ א צעוואָרפ
איבער דער ערד דער זיבנ מאָל געשענדטער.
געוואָרגנ אונטער איר האָט זיכ אי שטאָט אי דאָרפ,
גערוקט האָט איינס צומ אנדערנ זיכ נע׳נטער —
זיכ צוטוליענ אינ פּײַנ, אינ ווינד-אונ-ווײ
מיט שטיקער בראָכ, פּונקט ווי געליימטע גלידער.
ווי מעצוירײַמ-אינדזולענ — ארומ זיי
האָבנ זיכ טויטנ-לאגערס מיט געפאנגענע געווידמעט.
ניט בלויז געפאנגענ, נאָר פארצוקט,
האָבנ פארורטײלטע דעמ טויט אפ זיכ געבעטנ.
אונ אָנגעקומענ אלע ווײַלע איז אנ אנדער צוג
אפ לעצטער פּײַנ מיט מענטשנווארג פונ געטאָ.
דער דײַטש, ווי א באפולמעכטיקטער פונעמ טויט,
איז אומגעגאנגענ ·דאָרט מיט א פארבלוטיקטנ אריפמאָמעטער,
אפ גאָלד איבערגעפירט די ווערט פונ זײער הויט,
אונ אפ געגוס — די גסיסע פונ די קנעכט פונ די געפּלעטע.

III

די אָדערנ אפ העלדזער אײַנגעשלייפט, ווי שטריק,
אונ מיט געווײנ פונ ריפּנ דורכ דער הויט דער דורכגעברענטער,
געציילט האָבנ געפאנגענע זײערע לעצטע טריט,
די הוילע פיס — אינ וווּנדנ אונ אינ פּענטנ.
ביז בלוט זיכ אײַנגעשניטנ אפ די נאקנס האָט די לאסט,
אונ ביזנ בײנ אפ זײער ברוסט האָבנ די נומערנ זיכ אײַנגעפּרעסנ.
זיי האָבנ אויסגעזענ, ווי שוינ פונ לאנג וואָלט יעדערעד געפּאסט.
די עלנבויגנס — אויסגעשפּיצט, די אויגנ — גרעסער.
ס׳האָט קײנער ניט באמערקט, ווענ עמעצ האָט צו דר׳ערד
פרי׳ר אפ די קני אונ אפ דער זײַט דערנאָכ א וואלגער שטיל געטאָנ זיכ;
אונ רוענדיק, דעמ ווײטעק ווי אינ כאָלעמ בלויז געהערט,
נאָר דער פארקילטער בליק האָט אלצ ניט אופגעהערט נאָכ בלאָנדזענ...
צווישנ רוינעס בא דעמ כאָרעוונ וואָקזאל
האָט אפ א קײווער זיכ געפלײַסט גוראריע בא די מערדער,
אפ העלפּט האָט צוגעדעקט זײַנ לײַב א זאק,
אפ העלפּט האָט צוגעדעקט די ערד אימ...

IV

ער האָט באַ קלאָפּסן אָפּגעשפּאָרט אין קיִווער-ריווו אַן אָרט,
באַם אווטאָמאַט זיך אָפּפּאַרדינט אַ שטיקל בלײַ אין האַלדז-און-נאַקן.
און זיך צום לעבן ווײַטעקלעך געריסן דאָך,
ער זאָל אין ערגעץ אין קיין שטער זיך ניט פֿאַרהאַקן.
אַ גאַנצן טאָג פֿון סאַמע פֿון קאַיאָר
איז פֿון זײַן רוקן ניט אַראָפּ, פּונקט ווי די הויקערס פֿונעם קעמל,
דער אומגעהערטער זויגנדיקער יאָך
און די ביז בלוט זיך אײַנגעזויגטע קלעמער.
דער ערשטער האָנען-קריי האָט אים דערמאָנט די צײַט,
באַם ערשטן פֿויגל-צוויטש האָבן זיך אָנגעטאָן אַף אים די שלייפֿן.
געלעגן אַפֿן וועג איז אַ צעבראָכן בריקל אַף דער זײַט,
פּונקט ווי אַ כאָרעוו בעט, פֿאַרבליבן פֿון אַ סרייפֿע.
פֿאַרקליבן האָט אַן אומעטיקע קוואָטשקע זיך אַהין,
צו איר באַרופֿן זיך אַ געלעגער דאָרטן אויסגעסאַדערט.
דאָרט אומגעגאַן דער טויט איז פֿון באַגין,
נאָר צום באַשאַף האָט דאָך קיין צוטריט ניט געהאַט ער...

V

געזעסן איז די קוואָטשקע, ווי אַ הייליקע, פֿאַרשפּאַרט,
איר וואַרעמקײַט — די נאָך ניט-אויסגעפּיקטע אָפּגעגעבן.
אָ, צוליב איר, האָט גייענדיק גוראַריע זיך געטראַכט,
איז זיך קעדײַ ביז לעצט צו שלאָגן פֿאַרן לעבן!
זי האָט זיך נאָך אַ קערנדל אַרויסגעכאַפּט באַנאַכט,
און נאָך אַ טראָפּן טוי — אין פֿרײַקן באַגינען.
ניין, ניט צעשטערן קיינער וועט פֿון דער נאַטור די פּראַכט,
וואָס האָט געשענקט דעם מינדסטן אָפּ פֿאַרשטאַנד און זינען
אַפֿ מערן זיך און פֿאָרזעצן דעם מין,
די איבערכאַזערונג די אייגענע צו גאַרן און צו זוכן.
אַ שטילער קרעכץ געגאַן פֿון איר איז אין באַגין,
ווי זי געוועקט וואָלט דאָס געהיימניש מיט אַזעלכע שפּרוכן.
און איינמאָל אַ קאַיאָר איז זי אַרויס אין פֿריילעכן באַגלייט
פֿון פּופּצן אייפּעלעך, העל-גרינינקע און צאַרטע,
ס'האָט זיך אַ זיסער ראַש פֿון זיי געטאָן אַ שפּרייט,
זיי זײַנען נאָכגעגאַן אַף פֿליגעלעך אַף קליינע אָנגעשפּאַרטע.

VI

אין יענעם טאָג האָט אין גורארִיעס „אמט"
א לאנגזאמקײַט א טויבע זיך ארײַנגעריסן,
פארקוקט האָט ער זיך, ווי די קוואָטשקע גראָבט דעם זאמד
און ווי זי העלפט א יעדן אײפּעלע זיך שטעלן אף די פיסלעך.
א גלעט טאָג מיט דער האנט האָט זיך געוואָלט כאָטש איינס,
אז אלע זײַנען זיי אזעלכע פּישטשענדיקע, פּוכיקע און גרינע,
דאָס לעצטע איז נאָך גאָר א ברעקעלע, א קליינס,
און ס׳הערט ניט אוף די פּישטשערײַ, עס פירט אראָפּ פון זינען.
מע וועט זיי נאָך צעטרעטן דאָ אינמיטן וועג.
אָט גיט זיך איינס אף פליגעלע א שפאר, ווי אף אן עלנבויגן.
ווי נעמט מען זיי פונדאנען אלעמען אוועק,
ניט קומען זאָלן זיי כאָטש קלאָפּסן אף די אויגן?
צי ס׳האָט זיך אים פארדרייט דער קאָפּ, צי גלאט...
נאָר מיט דער לאסט האָט ער דערלאנגט אף דר׳ערד א פאל א טויבן.
אן אויגנבליק!.. און צוגעלאָפן גלײַך איז סעמיבראט
און פון דער ערד אים אופגעהויבן.

VII

צו בלײַבן שטיין בעוועגן איז א געפאר,
און נאָך א גרעסערע — אינמיטן וועג צו פאלן.
צי האָט זיי ערגעץ ניט באמערקט די וואך? —
האָט דורכגעשניטן ביידע גלײַך פון שרעק א כוואליע...
פארשוווּנדן איז די קוואָטשקע פון גורארִיעס בליק,
ווי סע פארשווינדט אינמיטן נאכט א כאָלעם.
דאָס לעצטע אײפּעלע גיט פון דער ווײַט זיך נאָך א וויג,
ווי ס׳וואָלט פון ווײַט א גלעט געטאָן צום לעצטן מאָל אים...
און דאָס איז אלץ. מער גאָרנישט ניט ארום.
דאָך אין די אויגן איז בא אים א גרינער פלאקער.
געשפּענסטער אָנגעלאָדענע מיט שטיינער גייען אום
אהין און צ׳ריק — געפאנגענע פון טויטן־לאגער...
דערטראָגן סעמיבראט מיט אים די לאסט האָט צו דעם אָרט,
ווי ס׳האָט די וואך געציילט פון די פארורטיילטע די רעגעס.
און אָן א בליק, און אָן א וואָרט,
ווי בא זיך טרינקענדיקע דורכגעגאנגען דער וועג איז..

VIII

די שטראָף געווען איז פון פאַרפרי׳ר באַשטאַט,
געריסן האָט דער אומגליק זיך דורך יעדער שפּאַרע.
און פּערציק שמיץ האָט אָפּגענומען סעמיבראַט
פאַר העלפן אויפשטיין פון דער ערד דעם ייִד גוראַריע.
געקוקט האָט קלאַפּס אַליין און אָבסערווירט,
ניט אָפּגעפּריצעוועט די מאָס זאָל אין דער שטראָף זײַן.
ס׳האָט סעמיבראַט זיך ניט געטאָן קיין ריר,
די פרייד די הינטישע פאַרשטערט זאָל זײַן בײַ קלאַפּסן.
א יעדער וווּנד געלאַכט אין פּאַרצעף האָט דעם קאַט,
די רוּ־קײַט געערגערט האָט ביז מעשוגאַס אים,
אַז עפּעס גרעסער איז געוואָרן יעדער ווײַלע סעמיבראַט,
און אויפגעגאַנגען פון זײַן לײַב זײַנען די בלוטיקע, די בלויע פּאַסן...
איבערגעקרימט באַם קאַט האָט זיך ס׳געזיכט דאָס גראָבס,
דאָס בלוט א שפּאַר געטאָן צו אים האָט פון דער הויכער ראָסע:
— נאָך פּערציק! — אויסגעקרייט מיט שוים האָט קלאַפּס.
— נאָך הונדערט! — אויסגעריטשעט האָט ער, ווי א כאַזער.

13. פליגבלעטלעך

I

דאָס קאָרן אויפן פעלד געלעגן איז פאַרקוילט,
און ניט אָראָפּגענומענע געטרויערט האָבן ווייצן.
דאָרט, וווּ געכוואַליעט האָט זיך בליִענדיק דאָס ברויט,
האָבן ווי לושפּײַקעס די דײַטשע פליגבלעטלעך געשפּרייט זיך,
זיי האָבן ווי א הײשעריק באַלייגט דעם ראַנד,
אַדורכגעווייקט מיט גיפט און סאַמאָמאָוועסדיקער העצע:
בײַ וועמען זיך געגליטשט פון האַנט צו האַנט,
בײַ וועמען — אין די הערצער זיך געפּרוווט באַזעצן...
„די ייִדן האָבן אויפגעבומט דעם קריג,
די ייִדן מוזן פאַר אים ענטפערן אינדרײַען,
די גאַנצע וועלט איז פון די ייִדן אונטערדריקט, —
מיר גייען אײַך פון זיי באַפרײַען!“
פאַרשיידן האָט די פליגבלעטלעך זיך יעדערער געטײַטשט,
אויף מאַכן „ציגן-פּיסלעך“ אויסגענוצט דאָסראָוו זיי;
— האָ, האָ! צעקריגן וויל ער אונדז מיט דיר, דער דײַטש,
ער סטאַרעט זיך! — געשמייכלט האָט צו מאַנציסן סאַדאָווסקי.

II

צעפּרעסענע געריסנ האָבנ וועגנ זיכ פּאָרויס.
א רויטארמייער אָנ געוועזנ ניט אופגעהערט האָט רוישנ:
— ארומגערינגלט!.. אָפּגעשניטנ!.. אויס!..
פונדאנענ וועט איצט קיינער ניט ארויס שוינ! —
אימ איז אלצייננס — ווער ס'וויל אוועק, דער זאָל אוועק!
אימ איז אלצייינס — ווער ס'וויל ארייַנגיינ, זאָל ארייַנגיינ!
אונ ער — ער בלייַבט אָט דאָ, אינמיטנ וועג
פארהריזנעט, אָנ געוועזר אונ אָנ פארלאנגענ.
דעמ „ווי ס'וועט זייַנ — זאָל זייַנ" פארטרויִט,
פארטרויט דעמ גורל — טעמפּ אונ אומבאוועגלעכ,
געקייַט א שטיקל אויסבאהאלטנ ברויט,
געשאָטנ זאָרגפעליק אינ מויל די ברעקלעכ.
עס האָט אימ נאָכגעיאָגט א לאנגער וועג צוריק,
וואָס איבער אימ האָט ער די צייַט די גאנצע אָפּגעטראָטנ;
ער האָט זיכ נאָכ ניט אויסגעקער'וועט מיטנ פּאָנעמ צו דעמ קריג
אונ מיטנ רוקנ צו דעמ טויט האָט אומקומענ געדראָט אימ.

III

— נו, יאָ! געוויס!.. דו בלייַב!.. דו ווארט! —
האָט א סאָלדאט זיכ פונ דער ווייַט געפּרוווט א ריס טאָנ,
די אויגנ אָנגעפּילט מיט ווייטעק אונ פאראכט, —
וועכט בא זיי זיכער קענענ ווערנ בורגאָמיסטער! —
ער מיט א שמייכל האָט דעמ וויי אינ זיכ געצוימט,
אונ, קוקנדיק פּאָרויס, געוואָרפנ אינ דער זייַט דאָרט:
— דו וועסט זיי העלפנ צובינדנ א רויטארמייער צו א בוימ,
צופוסנס אונטערלייגנ אימ דעמ שייַטער
אונ גיינ אינ פעדערנ אינ גאָלדענע בא זיי...
קאָנסערווונ אלערליי... אינ שאכטעלעכ קאָלירטע...
איז וואָס זשע וואַרטסטו? הייב זיכ אופ אונ גיי,
אזעלכע-אָ ווי דו זיי זוכנ אומ מיט ליכט דאָכ! —
ער האָט זיכ ניט געייַלט. פּאוואָליע — וואָרט בא וואָרט,
ווי ער וואָלט אימ דאָרט אויסגעלייגט אפ קאָרטנ, —
נאָר ווענ ס'קאדאָכעס וועט צוריק זיי טאָנ א וואָרפ,
איז... וויפל רעכנסטו מיט זיי פארברענגענ דאָרטנ?

IV

אונ ערגעצ־ווּ האָט ווער געקאָכט זיכ א קוליש,
באטראכט האָט ווער זײַנ ווּנד, ווער ס׳האָט גערוט שוינ,
אונ יענער, פינטלענדיק מיט אויגנ פונ א פיש,
ניט אופגעהערט האָט אלעמענ דערקוטשענ.
פארכאפנד יעדער ווײַל אנ אנדער פלאצ,
מיט הייסנ אָקרעפּ אינ א שאכטל פונ קאָנסערווג,
האָט ער אזוי זיכ מיט א קעלכל מיט א גלאטס
דאָרט אלע ווײַל דעם קאָפּ געטאָנ א קער׳ווע,
ווי פונ א זשאָלעב אָנגעשטאָפּט מיט גלאָז,
אונ זיכ דעם זינ דערקלערנ, טרינקענדיק, באמיט דאָרט:
— זיי גייענ, זאָגט מענ, נאָר קעגנ קאָלכאָז,
אונ הארגענענ דערהארגענענ זיי נאָר די ייִדנ!
קיינ אונדזעריקע — ניט. קיינ האָר. פארקערט,
זיי קומענ אָנ, איז גלײַכ אינ קלויסטער א מאָליעבענ!
— נאָכ ווּעמענ? — האָט א קאָל זיכ, פרעגנדיק, דערהערט
אונ זיכ אליינ געענטפערט: — נאָכ דעם לעבנ!

V

— אונ הייסנ אויסגראָבנ אליינ די גרוב! —
האָט זיכ א צווייטער אופגעכאפּט אנ אָפּגעבריטער.
— אונ לאָזנ מיטנ פײַער אָפּ א יעדער שטוב, —
זיכ אָפּגערופנ הילכיק האָט א דריטער.
— אונ מיידלעכ... מיידלעכ טרײַבנ זיי אוועק אינ שאנד, —
א קרעכצ געטאָנ האָט שטיל א פערטער.
אונ איינער אופגעהויבנ בלויז האָט נאָר די האנט
אונ זי צוריק אראָפּגעלאָזט — אָנ ווערטער.
דאָס איז געווענ א רויטארמייער פונעם דאָרף פּאַגאָסט--
דער קאָמסאָמאָלעצ פערעליאָט, קיינ צוואנציק יאָר ניט אלט נאָכ;
ער האָט זיכ פרײַוויליק קעגנ דעם דײַטש געלאָזט
פונ גאנצנ דאָרף באגלייט, א פריילעכער, א שטאלטנער.
האָט אים א סאכ געדולד אונ מי געקאָסט
זיכ ניט א וואָרפּ טאָנ גלײַכ צו יענעמ, וואָס טרומייטערט;
געכאָלעמט האָט זיכ אים זײַנ דערפעלע פּאָגאָסט,
דער טאָג, ווענ אפּ דעם קריג מע האָט ארויסבאגלייט אים...

VI

געקומען זײַנען אים די ברידער אפֿן זין,
זײַן מאמע האָט געטאָן זיך א דערמאָן אים.
ער האָט געטראַכט: „א בריוו וועט אָפּשיקן מע קאָן אהין,
זײַן מאמען איבערל״ײנען זאָל מען אים, מאלאניען...״
ס׳האָט זיך אים קיינמאָל ניט געוואָלט אזוי ווי איצט
מיט די געדאנקען צו דער היים א טוליע טאָן זיך נע׳נטער;
און יענער האָט מיט קויט פֿון מויל געשפּריצט,
האָט ער א דריי געטאָן דעם קאָפּ און ווידער אָפּגעווענדט אים:
— נאָר אָט אזוינע-אָ סקאָוווטשענדיקע הינט
צעוואָרעמען באַם אומגליק זיך די הענט דאָ, —
האָט דורכגעטראָגן זיך דורך אלע, ווי א ווינט,
און ניט געוואָרט פֿון קיינעם אף אן ענטפֿער.
נאָר יענער האָט דאָרט, ווי א פֿערד די צוים,
דאָס שאכטל פֿון קאָנסערוון, שווייצנדיק, געקײַעט:
— מע זאָגט אזוי... מע זאָגט אזוי...
דערוף איז אין ראסיי דאָך עפּעס פֿרײַהײַט!

VII

ער האָט אין ביידע זײַטן זיך א דריי געטאָן,
ווי עמעצ וואָלט אים הין און צ׳ריק געשטויסן:
— א קריג! און ייִדן קוקט מען אפֿן פֿראָנט ניט אָן!
מע זאָגט, אז זיי באהאלטן ערגעץ אויס זיך;
מע זאָגט: זיי פֿאָרן אף די באנען אום מיט גאנצע זעק;
מע זאָגט: זיי האָבן שוין ניט מער וווהין צו שטאָפּן;
מע זאָגט, אז אומעטום פֿארפּלייצן זיי דעם וועג,
און דו — גיי לייג פֿאר זיי דעם קאָפּ אָן!
— נו! — האָט זיך פֿערעליאָט געטאָן צו אים א קער, —
מע זאָגט, מע זאָגט!.. נו, האק און וואלגער!
מ׳האָט, דאכט זיך, דיך אליין אראָפּגעזאָגט אהער,
ווי א פֿארשטונקענע א דײַטשישע שפּארגאלקע! —
ס׳האָט יענער נאָך דאָס שאכטעלע געטאָן א זויג
און מיט א שטיקל בלעך דערלאנגט א שפּײַ האָט:
— מע זאָגט אזוי... מע זאָגט אזוי..
דערוף איז אין ראסיי דאָך עפּעס פֿרײַהײַט!

— און דו וואָס זאָגסט? — האָט זיך אַ שניט אַרײַנ
געטאָנ אָוואַדיס גראָד אים אינ די אויגנ.
— ביסט דענ אַ ייִד, וואָס שטעלסט זיך פאַר זיי אײַנ? —
— אַ ייִד, — האָט ער זיך לאַנגזאַם אויסגעצויגנ, —
אַ ייִד!.. פאַרשרײַב עס... פונ דער שטאָט בירָאָבידזשאַנ!
וואָס נאָך? — האָט ער געשניטנ מיט די רייד אים
און נעענטער געטאָנ צו אים אַ שפּאַנ. —
— מײַנ נאָמענ איז אַבראַם, אַ נאָמענ נאָך מײַנ זיידנ! —
קיינ לוסט זיך אָמפּערנ קיינ גרויסנ ניט געהאַט,
בלויז פונעמ קאָפּ ביז צו די פּיס אים אָפּגעמאָסטנ,
בלויז פעסט אַ דריק געטאָנ אינ האַנט דעמ אַווטאָמאַט
און, בלאַס פונ אופרעג, צ׳ריק אַראָפּגעלאָזט אים,
און דאָך האָט עס אים טריב און טרויעריק פאַרטײַטשט,
ביז ווייטעק זיך אינ אים אַרײַנגעשניטנ:
אַז שלאָגנ שלאָגט ער איצט ניט בלויז זיך מיטנ דײַטש,
נאָך אויך מיט דעמ, וואָס פרעגט: „צי ביסט אַ ייִד דענ?״

14. די שוווּע

I

זײַנ יאָר, בייס ס׳האָט דער קריג באַגינט,
האָט נאָך צומ „רופ״ אַפילע ניט געהאַלטנ אינ געוועננ;
באַמ ערשטנ לופט-אַליאַרעמ האָט מיט זאָרג זײַנ קינד
געטראָגנ אַפּ די הענט אַליינ צומ מעטראָפּאָליטענ ער...
מיט אים באַנאַנד געגאַנגענ איז זײַנ פרוי,
אַ קישעלע דעמ קינד, אַ ביסל וואַסער דעמ געטראָגנ.
— איך וועל עס, אָלגע, האַלטנ אַפּ די הענט ביזנ אָטבאָי! –
האָט ער דעמ גאַנצנ וועג ניט אופגעהערט איר זאָגנ.
און אַפנ צוועלפטנ אינדערפרי האָט אים אַ טראָג געטאָנ אַ ווינט,
אינ גאַס איז רו פרימאָרגיקע געוועננ נאָך.
ער האָט אַ קוש געטאָנ די פרוי, ער האָט אַ קוש געטאָנ דאָס קינד
און פרײַוויליק אַוועק אינ אָפּאָלטשעניע.
דער „סבאָר״ איז אויסגעקומענ אינ אַ מאָסקווער שול,
געגאַנגענ איז מענ שטאָלצ אינ מענגעס אינ געדיכטע;
מיט זײַנע יוגנט-פרײַנט איז דאָ געוועננ שוינ פול,
כאָטש נײַע סאָרטנ טאַנקענ קאָנסטרויִר דאָ!

II

געטרונקען טיי. געשפּילט אין שאָך.
איבערגעוואָרפן זיך מיט שפּריכווערטלעך א נארע האָט מיט נארע;
און יעדן טאָג אין איינער און דער זעלבער שאָ
געקומען אָלגע איז צו אים אינײנעם מיט טאמארען.
ער האָט דאָס קינד גענומען אפ די הענט,
ווי ער וואָלט פון א לאנגער צײַט עס ניט געזען שוין;
און אָלגע האָט צו אלע מיט די אויגן זיך געווענדט,
פּונקט ווי צו נאָענטע, מישפּאָכעדיקע מענטשן...
ערשט איצט האָט זי דערזען דעם טאטן מיטן קינד — ווי טראָפּן צוויי,
ווען ער האָט אפ די הענט געהאלטן עס און עס געטאָן א קאטשע,
און עפּעס האָט זיך איר געדוכט ביז ווײ,
אז האלטן האלט ער ס׳קינד, ווי א סאָלדאט שוין...
אין קלומעק יעדער מאָל עפּעס ארײַנגעשטעקט,
אזוי, ער זאָל ניט זען און זאָל זי „צוליב וואָס״ ניט פרעגן.
פארשפּעטיקט האָט זי גראָד אין יענעם טאָג, ווען מ׳איז אוועק, —
האָט ער מיט איר און מיטן קינד אזוי זיך טאקע ניט געזעגנט.

III

פון שול-באנק — אפן פערד! פון קאבינעט — צום טאנק!
פון פרידלעכן ווארשטאט — אפן קאנאָן פון געגנעם!
אין סאמע אָנהייב קריג, מיט מוט באפליגלט און מיט דראנג,
אוועקגעגאנגען איז דאָס פאָלק אין אָפּאָלטשעניע.
אפ ווײַט ארום האָט זיך געהערט דער קנאָט
פון פעסטע טריט איבער די אופגעוויגטע וועגן;
געדוכט, אז ס׳טרעשטשען שארבנס אונטער זיי נאָך פון באָראָדינאָ,
ווי ס׳האָט דער פײַנט א קייווער זיך דערשלאָגן אין געשלעגן.
אן אלטער פארטיזאן מיט שראמען אפן לײַב,
א גראָווער וועטעראן פון מאָסקווער באריקאדן,
און יונגלינגען געלאָזט האָבן זיך טרײַ
מיט טאטעס איבער וועגן רומפּולע און גראדע.
די הויפּט-שטאָט מאָסקווע האָט באקרוינט דעם וועג,
געגאנגען איז זי ווי א כמארע פאר א האָגל.
אָוואדיס פון די ערשטע דעמלט איז אוועק,
זיך אפ א צײַט געשיידט מיט זײַן באליבטער טעכנאָלאָגיע.

IV

אים האָט געדוכט: ס׳קלינגט נאָכ ביז איצט דעם פירערס קאָל,
דאָס אופגעגאנגענע פארטאָג דעם דריטנ יולי...
אפ שטעט האָט זיכ געזעצט דער פרעמדלענדישער אָל,
אונ סרייפעס האָבנ העפקער זיכ אפ זיי צעהוליעט.
די ערשטע יולי-טעג פונ טרויעריקסטנ יאָר
אינ ראש אונ וויי ניט אופגעהערט זיכ האָבנ וועבנ;
אונ דאנ איז אים, אָוואדיסנ, געוואָרנ קלאָר
דער זינ פונ זײַנ ארײַנגאנג אינעם לעבנ,
דערפילט האָט ער זיכ דעמלט פאר א מאנ,
דערפילט האָט ער זיכ דעמלט פאר א טאטנ
פונ דער באטריבטער ערד אפ יעדנ טראָט אונ שפאנ
אונ פונ דעם וויי, וואָס האָט אפ איר געטאָנ א פלאטער.
ער האָט געזענ, ווי ס׳טוט זיכ מאָסקווע אָנ אינ זאמד,
ער האָט געזענ, אז זי פארדעקט די פענצטער זיכ, ווי אויגנ...
האָט ער דעם פירערס וואָרט קיינ רגע ניט פארזאמט,
מיט אלע זיכ געלאָזט, ווי פײַל פונ בויגנ.

V

ער איז געגאנגנ צו דער געפאר, ווי צו א ראנדעוו
מיט א געליבטער, וואָס איז מער נאָכ פונ זײַנ לעבנ...
א יעדער בוים גערעדט מיט אים האָט אפנ ווונק,
א יעדער גראָז האָט שטיל צו אים עפעס געבלעבלט.
ווענ מ׳האָט א טרונק טאָנ אָפגעשטעלט זיכ אפ א ווײַל
אונ מיטנ קעסעלע געשעפט די פליסיקײַט די קאלטע,
האָט זיכ געדוכט, אז יעדער שטראָם אים אײַלט,
אז יעדער וועלעכל אים בעט זיכ ניט פארהאלטנ.
ער איז געגאנגנ מיט פרײַנט פונ יוגנטלעכע טעג
אינ גרויסנ גורל פונעם פאָלק זיכ א פארליר טאָנ,
פארליבט אינעם דערשראָקענעם אונ טרויעריקנ וועג,
פארליבט אינ זײַנע הייליקע אונ גרויסע פליכטנ.
אָט צוליב דעם האָט ער מיט קענטעניש זיכ אָנגעטריפט,
געדאנקענ צוליב דעם האָבנ ווי קנאָספנ אופגעשפארט זיכ,
אונ פרייד אונ בענקשאפט, דורכגעוועבטע טיפ,
געריסנ האָבנ זיכ צוזאמענ פונ זײַנ הארצנ.

VI

ער האָט אַ היימיש קווערטל נאָך בײַ זיך געהאַט,
אַ פֿאָטאָגראַפֿיע פֿון זײַן וואַלדהײמישער מישפּאָכע;
קיין קאָפּ זיי וועלן ניט באַלאַסטן דעם סאָלדאַט,
נאָר אַ צעריגעווע געטאָן ס׳געמיט זיי האָבן דאָך אים,
די זאַכן פֿון דער היים זײַנען אים ליב געווען ביז ווײ,
פֿון יעדער קלייניקײַט האָט ס׳האַרץ אים אויפֿגעפֿלאַטערט.
ווער ווייסט, וואָס טוט זיך איצט אין זײַן „וואַלדהיים״?
ווער ווייסט, ווו איז ערגעץ אַצינד זײַן טאַטע?
ער האָט ווי קיינמאָל ניט דערפֿילט די אָפּגעהאַקטע רו,
די לויטערע, די זיסע רו פֿון שטילן דערפֿל...
ווער ווייסט אין וויפֿל צײַט אַרום
וועט ער אַמאָל אַהינצו נאָך פֿאַרקער׳ווען?
באַוויזן אָנשרײַבן אַ קורצן בריוו האָט ער —
געציילטע ווערטער עטלעכע צעשטרייטע,
און שוין אינמיטן וועג צום פּאָסט-קעסטל געטאָן אַ קער,
אַראָפּגעלאָזט אים דאָרט, זיך אומגעקערט און — ווײַטער.

VII

אַ שוועע צו דעם לאַנד געווען אין יעדער טראָט,
אַ ניידער צו דעם לאַנד — דער אויפֿגעוועקטער צאָרן;
דורך בראָך פֿון פֿײַנט, דורך שאַנד זײַנעם און שפּאָט
וועט אַף דער פֿרײַהײַט-שווערד געבראַכט זײַן דער ניצאָכן.
דער מוילעד איבער מאָסקווע, ווי אַן אויסקוקער באַם ראַנד,
די גאַסן פֿון דער הויפּט-שטאָט האָבן אויסגעזען פֿאַרטײַעט,
און מאַכנעס מונטערע מאַרשירט האָבן אין שפּאַן
פֿאַרשטעלן מיט דער ברוסט דאָס היימלאַנד און די פֿרײַהײַט.
געווען ס׳איז נאַכט. אַ יעדער הויז ווי אַ געשפּענסט.
אַ יעדער גאַס געיאָגט זיך האָט, ווי אין אַ טהאָם נאָר.
אַרײַנגעשטראָמט האָט שטרענג איוואַנאָוו-וואָזניעסענסק,
דעם וועג איז זינגענדיק פֿאַרגאַנגען אים קאָלאָמנע.
מע איז געגאַן, געגאַן — געקייטלט און באַנאַנד,
געשלאָסן איינס אין צווייטן, נעענטער און פֿעסטער,
און ווי אַ הילכיקע באַגריסונג פֿון׃עם לאַנד
האָט זיך געשטרעקט די רויטע פּרעסניע.

VIII

און מיידלעך! — גיט ער א דערמאָנ זיך, — מילד און יונג
דאָרט איבער פולע עמער וואסער אָנגעבויגנ,
מיט שאלעכלעך געפּאָכעט און געפרעגט: — וויל עפשער עמעצער א טרונק? —
מיט אזא צארטער שעמעוודיקײַט אינ די אויגנ...
ארױפגעריסנ האָבנ מאמעס פונ צעהאנגענ וועש די שטריק
און אויסגעשטרעקט: — באדארפ זיי צו דער ביקס ניט קײנער?
נעמט, זונעלעך! איר זאָלט געזונט זיך אומקערנ צוריק,
און בינדט זיי צו, ס'זאָל גרינגער זײַנ צו גיינ אײַך! —
איצט האָבנ די מארשרוטנ זיך געביטנ יעדער ווײַל,
און וועגנ אָפּגעגאנ זײַנענ מיט בלאָנדזשענדיקנ טרויער;
איצט האָבנ ברונעמס מיט קיינ טרונק זיך ניט געאײַלט,
און עפענענ זיך ניט געאײַלט האָבנ קיינ טיר-און-טויער.
ווו קאָנ עס זײַנ איצט אָלגע מיטנ קינד?
צי גיט דער נארקאָמאט דאָרט רעגולער אָפּ זײַנ געהאלט איר?
און וועגנ יענעם, וואָס „מע זאָגט", איז ניט די צײַט אצינד,
דאָך אפנ אויג וועט אויסקומענ די גאנצע צײַט אימ האלטנ!

15. באמ טײַכעלע בורלוק

I

ווי א שאָליעך גייט דאָס טײַכעלע בורלוק
צווישנ דערשטיקטע דערפעלעך, אינ גראָבנס אײַנגעוועבטע;
עס שטייענ ווערבעס נעבנ זיי פארבוקט
און שעמענ וויינענדיקערהייט זיך אופהייבנ די קעפּ דאָרט.
געזונ, פארבראָכענע, אינ טרויער האָבנ זיי,
ווי דײַטשנ האָבנ, הוליענדיק, געטריבנ
פונ נעסטנ פייגל טריבע אינ צעזיי
און זויג-קינדער מיט מאמעס פונ די שטיבער.
פארנייגט אינ טרויער, האָבנ זיי געהערט
די לעצטע קרעכצנ פונ פארברענטע רויטארמייער,
וואָס ברענענדיקערהייט געהאקט זיי מיט דער שווערד
האָבנ די דײַטשנ, טײַוולדיק זיך פרייענד.
עס פליסט דאָס טײַכעלע פאריאָמערט און דערציילט,
רוימט די ארמייער אײַנ, פארלייגטע אינ טשערעטנ:
דערנעבנ אינעם דאָרפ ארײַנגיינ זאָלנ זיי,
עס ווארטנ מאמעס, וויינענדיק, ווי ווערבעס ווי געפלעטע.

II

אפ ביימער גיסט זיך מער ניט אָנ קיינ פרוכט,
צעטראָטנ, אויסגעקלאפט דאָס ברויט איז אפ די פעלדער;
עס איז א היישעריק א בלוטיקער אדורך,
אונ דעמ פארדארב ער טראָגט פונ שוועל צו שוועל דאָרט.
די גערטנער בייגנ זיך מיט צווײַגיקנ געוועב,
ווי ראשיק-אָפּגעברענטע טרויער-קראנצנ;
עס הוידענ זיך אפ זיי מיט אָפּגעדרייטע קעפ
די, וואָס מיט ליבע אונ מיט מי האָבנ געפלאנצט זיי.
זיי לאָזנ ניט פארשלעפערנ זיך פונ דער נאכט,
זיי לאָזנ ניט פונ ווינטנ זיך פארוויגנ.
אפ ביימער אופגעהאנגענע — מע ווארט,
די אויגנ — אופ. עס האָט דער טויט זיי ניט פארזיגלט,
אונ טויטערהייט די טעג מע ציילט,
מע פארגעדענקט די מאָרדנ אונ די גזילע.
דערציילֿ, שאָלֿיִעכ איַילִיקער, דערציילֿ,
אלציינס וועסטו נאָכ אלצ ניט אויסדערציילנ!

III

דאָס טײַכל פליסט געלײַטערט, קלאָר,
צו יאמענ ברויזנדע אינ פײַנ סע פליסט דאָרט;
עס טראָגט אפ דעמ זיכ מיט צעלאָזטע האָר
אנ אויסגעפײַניקטע, א יונגע קאָמיוגיסטקע...
דאָס ווײַסע שאלעכל טראָגט נאָכ זיכ בא דער זײַט,
אפ ברוסט אפ מיידלשער — אנ אויסגעברענטער שטערנ.
א פאסמע בלוט באגלייט זי אינ דער ווײַט,
פונקט ווי א רויטער שניפּס פונ פּיִאָנערנ.
טשערעטנ בייגנ זיכ אפביידע זײַטנ ברעג,
דערשלאָגענע, זיי שפּיגלענ זיכ אינ טיפעניש אינ קלאָרער;
עס וועלנ עפשער די דערטרונקענע אינ טרויער-וועג
דאָרט אויסרוישנ אליינ דעמ וויטעק אונ דעמ צאָרנ.
צו יאמענ ברויזנדע געלײַטערט שווימענ זיי,
דעמ אומרו טאָג אונ נאכט מיט זיי דאָרט טיילנ.
דערציילֿ, שאָלֿיִעכ טײַכעלע, דערציילֿ,
אלציינס וועסטו נאָכ אלצ ניט אויסדערציילנ!

IV

אַן אָוול איז דער טאָג. אַן אָוול איז די נאַכט.
און אויסגעצויגן דער קאַיאָר ווי פֿון אַ שפּין איז.
דערציילן, ווי אין די צונגען, טפּיסעדיק פֿאַרשפּאַרט,
פֿאַרטרײַבט דער דײַטש די טעכטער אוקראַיִנעס
אויף קאַטאָרגע, אויף אויסראָט און אויף טויט,
אויף פּײַן, אויף פֿאַנשטשינע, אויף אומקום,
מיט סקאָרינקעס אין טרערן אײַנגעטונקען ברויט,
מיט ווײַנענדיקע אויף די אַקסל טאָרבעלעך און קלומקעס;
ווי ס'האָבן נעצן היצלשע געטאָן זיך אַ פֿאַרדרײ,
ווי הענט זיך צוגערירט צו זיי זיך האָבן טאָמע,
ווי אויסגעטאָן מ'האָט זיי פֿון זייער היים
און אויסגעטאָן פֿון זייער נאָמען...
ווי זיי האָבן געקושט די שוועל, געביסן מיט די ציין
די גאָלעסדיקע שאַלעכלעך און די פּאַטשיילעס...
דערציילן, שאַליִעך בלאָנזשענדער, דערציילן,
אַלציינס ווערסטו נאָך אַלץ ניט אויסדערציילן!

V

דאָס דאָרף געלעגן איז פֿאַרשטאַרט,
און בײַ די וועגן ביימער — אויף די קני שוין,
ס'האָט מאַנציס ניט פֿאַרשטאַנען, צי ס'איז נאַכט,
און דראָזד האָט ניט דערקאָנט, צי ס'איז אַ יְשועו...
די הײַזלעך, אײַנגעבויגענע צו דר'ערד, האָבן געקוקט,
די פֿאַרקנס אונטער זיי, ווי הענט פֿאַרדרייטע;
געוואָרט האָט מאַנציס, ס'זאָל אַ רעווע טאָן אַ קו,
געוואָרט האָט דראָזד, אַז ס'זאָל אַ האָן אַ קריי טאָן...
געצויגן האָט די גאַס זיך — אָפּגעשונדן בלאָ,
אַן אײַנגעפֿאַלענע ווי נאָך אַ האָגל.
געקוקט האָט מאַנציס — עפּשער צינדט זיך אָן אַ לאָמפּ.
געקוקט האָט דראָזד — צי פֿאָרט ערגעץ ניט אָן אַ וואָגן...
פֿאַרבראָכענע געשטאַנען זײַנען סטויגן היי,
געקעפּטע און צעפּאַטלטע און רונדע;
אַדורכגעשלײַכט זיך שטיל ווי שאָטנס האָבן זיי,
און שטיל ווי שאָטנס זײַנען זיי צוריק פֿאַרשוווּנדן...

16. א טאַנק באַם וועג

I

א טאָג האָט מען ארומגעבלאָנקט. א נאכט האָט מען געשמעקט.
און אָנגעשמעקט דעם דורכדרײַס אָפּ אַ אומגעריכטן וועג.
די נאכט איז, דאכט זיך, קורץ, נאָר יעדער רעגע — לאנג,
און אָנגעשמעקט זיי האָבן שוין אינמיטן וועג א טאַנק.
ס׳געפאר שטעלט יעדן ווינטל, יעדן פויגל אָפּ באַם פלי̇ען
און פרעגט בא זיי פאנאנדער זיך: פֿונוואַנען און וווּהין?
האָסט עפּעס בא די אויסשפּירער, געפאר, צו פרעגן? פרעג!
שוין אָנגעשמעקט א יאטל א קורנאָסע — א פאַרמעג.
באַפרײַנדעט שוין. אין אייגענע מע גיט זיך א דערמאָן:
— ווי רופט מען דיך? — איוואַן! — דײַן טאַטן? — אויך איוואַן! —
דער בליק איבערן וועג גיט זיך בא מאַנציסן א גליטש:
— איז ביסטו, הייסט עס, באָכערל, איוואַן איוואַנאָוויטש! —
ס׳געדויערט ניט קיין רעגע, איז מען היימיש שוין און נאָ׳נט:
— און ווּ איז עס דײַן טאַטע? — מײַן טאַטע אפּן פראָנט! —
נאָר ס׳אויג איז בא דעם וועג. באַם וועג איז דאָס געהער:
— וואָס איז עס פאר א טאַנק דאָרט — ניט אהין און ניט אהער?!..

II

און מאַנציס האָט פארייכערט און אזוי געטאָן א טראכט:
פארשיידנס קאָן מען וואַרטן פון אַ אומגעריכטער שלאכט,
פארשיידנס — באַם געווינען, פארשיידנס — באַם פארלוסט.
נאָר וואָס איז דאָ צו טראכטן דען? ס׳איז קלאָר און ס׳איז באַוווּסט:
דאָס מאַזל — ווער סע זייט, דאָס מאַזל — ווער סע שנײַדט!
מע ווייסט ניט, צי ס׳איז נאָ׳נט; מע ווייסט ניט, צי ס׳איז ווײַט.
מע יאָגט נאָך דעם, ווי הונגעריקע יאָגן זיך נאָך ברויט.
פארשפּעטיקן — א סייכל איז צו איינס נאָר, צו דעם טויט.
דעם גורל ווער דערווידער גייט — קומט אָפּ בלויז מיט געפאר,
און ווער ס׳באַהאַלט זיך אויס פון אים, איז מער ניט ווי א נאר.
האַלב-שיקערלעך באַם וועג פארהריזנעט שלאָפט דער טאַנק.
ווער האָט אים דאָרט פארוויגט מיט מאַלכאַמאָוועסדיק געטראַנק?
און מאַנציס קוקט אהין, און מאַנציס קוקט אהער,
און עפּעס ווערט אים קלערער, ווען ער גיט זיך א באַקלער,
און ס׳גיט אים דער קאַיאָר מיט אַזאַ בענקשאַפט א פארזויג:
דעם וועג וועט מען ניט מײַדן — אזוי אָדער אזוי!..

III

אדורכגעשארט צום טאנק האָט זיך דאָס יאטעלע באנאכט.
און מאנציסן יעדיִעס האָט ער סאָפּעגדיק געבראכט:
—א טאנק!—וואָס נאָך?—געווער!—וואָס נאָך?—און גאָרניט,דאכט זיך, מער!—
„ס׳האָט גאָט אליין, — טראכט מאנציס, — אים אוועקגעשטעלט אהער!
ווי ווײַט איז ער פונדאנען? — דאָס באלאנגט שוין אין זײַן שפּאַן!
ס׳זאָל זײַן דער קאפּיטאן דאָ, זאָגט מען: כאוועך קאפּיטאן!
קיין אנדער וועג זיך דורכרײַסן, ווײַזט אויס, איז ניט פאראן!..
וואָלט, כאוועך קאפּיטאן, דען ניט געווען קיין פּלאן
זיך געבן אומגעריכט פון זייער טאנק אף זיי א לאָז,
און דאָ וועט מען זיך דורכרײַסן בא זיי אונטער דער נאָז?!"
אים דאכט, אז ס׳קוקט באטריבט אף אים פון ווײַט דער קאפּיטאן
און זאָגט אים: ס׳א געפאר אין דעם א שטערבלעכע פאראן...
אים דאכט, אז ס׳רירט די האנט פון קאפּיטאן זײַן אקסל צארט
און וועגט דאָרט די געפאר אף אים: מאנציס, ווארט!..
נאָר ער — ער טרעט ניט אָפּ, נאָר ער — ער קײַט דעם פּלאן:
א קלייניקײַט? מיט זייער טאנק, כאוועך קאפּיטאן!

IV

— נו, דראָזד! — האָט מיט די אויגן ער געגעבן אים א טאפּ, —
אף מיר פאלט אויס דער טאנק. אף דיר פאלט אויס דער שטאב! —
עס וואָלט דער קאפּיטאן אים נאָר א ווונק געטאָן, א וואָרט,
נאָר ס׳הערט זיך פון קיין פויגל ניט קיין פלאטער, ניט קיין פּאָך.
— איז וואָס? — גיט ער א ווענדע זיך צו דראָזדן פונדאָסנײַ, —
דאָס הארץ פון זיך ארויסרײַסן אצינדערט איז קעדײַ!
צו ויסן טאָן סאדאָווסקין נאָר. און גלײַך. נאָר וויִאזוי?
דער יאט איוואן איוואנאָוויטש — אים קאָן מען עס פארטרויען...
נאָר ס׳איז פאר אים צו אײַנגעשטעלט און ווײַטלעך דער מארשרוט.
און גרייט דארף זײַן סאדאָווסקי דאָרט צו יעטווידער מינוט —
פארטײַען זיך באם וועג, ווי נאָר באגינען וועט די שלאכט, —
ס׳האָט דראָזד זיך ניט געײַלט און לאנגזאם אלצ באטראכט.
א טאפּ געגעבן דראָזד דורכן בינאָקל האָט די ווײַט:
דער טויט וויגט דאָרט דעם טאנק, פּונקט ווי א טרומנע פארן פײַנט:
— וואָס טוסטו, אויב ס׳באמערקט דיך דאָרט א דײַטשישער סאָלדאט? —
און דאָס באטײַט: זיך איבערטאָן געגוי און אקוראט...

אונ מאנציס איז בארוישט. ס'איז יעדער רעגע באנק.
די פיס זײַנענ אינ וואלד. דער קאָפּ איז אימ באמ טאנק.
עס ציט א יעדער רעגע זיכ. זי מאטערט אזוי שווער.
דער בליק — צומ קאפיטאנ. דאָס הארצ — איז באמ געווער.
צומ וועג צומ ניט געמאָסטענעמ גיט מאנציס זיכ א לאָז:
דאָס אויג נאָכ ערגעצ דאָ, די האנט איז שוינ באמ שלאָס.
אונ אָנגעוואָרפנ מאנציס האָט אנ אויספירלעכנ פלאנ,
אריבערוואַרפנ דארפ מענ אימ נאָר גלײַכ דעמ קאפיטאנ.
אונ ס'איז דער פלאנ א פּראָסטער — פּראָסטער קאָנ ניט זײַנ:
אָט דאָ — דער וועג, אָט דאָ דער טאנק, אונ — אלצ! אונ — סײַוויסײַ!
ער קאָנ אפ טאנקענ אייגענע ניט ווארטנ דאָ, ווי ס'שײַנט,
איז מאכט ער זיכ דערווײַל א גמילעס-כעסעד בא דעמ פײַנט.
דערצו דארפ ער באזאָרגנ נאָכ דעמ וועג אינ זײַנ רעשוס,
אונ ס'גייט אדורכ דאָס גאנצע כײַעל פראנק-אונ-פרײַ אונ — שלוס!
אונ טאָמער וועט ניט אויסקומענ זיכ זענ שוינ מער, איז דאנ —
פארבלײַבט געזונט אונ שלאָגט די דײַטשנ, כאווער קאפיטאנ!

17. ביימער ווײַזנ אָנ דעמ וועג

I

פארנאכט האָבנ זיי ווידער זיכ ארײַנגעשלײַכט אינ דאָרפ.
ווי שאָטנס איז מענ דורכ צומ בוידעמ פונ א שײַער:
— איז וואָס? מע לאָזט זיכ ווײַטער צי מע בלײַבט שוינ דאָ? —
האָט מאנציס ניט געקאָנט קיינ אויגנבליק זיכ הײַענ.
אינ דרויסנ בא די פריזבעס האָבנ פויערטעס געוויינט,
אינ שטיבעלעכ געווענ איז וויסט אונ כוישעכ.
געלעגנ א געשמיסענע אפ דר'ערד איז ווי א שטיינ,
פארשווארצט פונ פײַנ. פונ כארפע — גרוי שוינ.
צו איר אינ שטוב ארײַנגעריסנ זיכ דער אומגליק האָט,
א ווײַז געטאָנ געוועלטיק אפ איר טאָכטער —
בלויז מיטנ ווונק, בלויז מיטנ טראָט,
אונ בלויז מיט דער נאהײַקע, דרײַפאכיק געפלאָכטנ.
האָט זי א פאל געגעבנ צו דער שוועל,
דעמ גאָרגל, כאָרכלענדיק, געטאָנ א ווײַז אימ,
אונ דורכגעשורעוועט אינ שטוב האָט א באפעל,
מע זאָל די ווידערשפעניקערנ שמײַסנ.

II

— אָקסאנע! — האָט זי אַלע ווײַל געטאָנ א כריפּ.
— אָקסאנע! — האָט זי אלע ווײַל געטאָנ א ציטער.
געוויינט האָבנ די טאָפּאָליעס א גאנצנ אינדערפרי,
זיי זײַנענ אפ דער ערד דאָ אופגעגאנ אונ אָפּגעצוויטעט.
געווענ דער הימל אפ אוקראַיַנע איז פונ בלײַ,
די ערד געצויגנ האָט זיכ טריב, ווי א דערמאנונג;
אוועקגעריסנ האָבנ דײַטשנ פונ איר מאמע-לײַב
איר שיינע אכצניאָריקע אָקסאנע...
געהאט האָט זי א זונ, האָבנ די דײַטשנ אימ דערשטיקט,
געהאט האָט זי א מאנ, האָבנ די דײַטשנ אימ געהאנגענ,
געבליבנ צוגעבונדנ, איינזאמ, צו א שטריק
א קוואָטשקע איז אינ שטוב — מעסלעסנ לאנגע.
ס'איז אָפּגעגאנ דאָס דאָרפ דאָס גאנצע מיט געוויינ,
ווענ ס'האָט געשמיסנ זי דער קאט אינ טראָלדנ גרינע.
אפ דר'ערד איז זי געלעגנ, ווי א שטיינ,
אונ ס'האָבנ טאָפּאָליעס געמונטערט זי: גאלינע!

III

אינ שטיבעלע געווענ איז וויסט אונ טויט.
געהערט האָט בלויז א קרעכצ זיכ פונ דער קוואָטשקע.
גאלינע האָט איר אויסגעבעט דאָס אָרט מיט שטרוי,
די לעצטע טעג געווארעמט עס זי האָט שוינ, —
פארזענ האָבנ די מערדערס זי געוויס
אונטער דעמ כאָרעווונ, צעקלאַפּטנ אייוונ.
אינ שטיבעלע געווענ איז הויל אונ וויסט,
אונ ס'איז דער קרעכצ געגאנ, ווי פונ א קיִיוער,
געזעסנ איז די קוואָטשקע אומעטיק פארוקט,
געווארט, ווענ אויספּיקנ די אייפּעלעכ זיכ וועלנ,
נאָר קיינער ניט געקומענ מער איז טאָנ א קוק,
פארגעסנ האָט מענ איר א ביסל וואסער אונטערשטעלנ.
איז האָט זי אפ דער שטוב דער ליידיקער געקרעכצט,
געפילט האָט זי דעמ אומגליק גאָר ניט ווײַט שוינ,
געקוקט אפ לינקס, געקוקט אפ רעכטס —
אונ אָפּגעדרייט דעמ קאָפּ אויכ איר האָבנ די דײַטשנ.

IV

אריבערטרעטן קאָן גאַלינע ניט די שטוב,
דאָרט לעם דער קוואָטשקע ליגט איר זון דערהאַרגעט;
זיי ליגן ביידע אָפּגעדרייט די קעפּ, ווי אין איין גרוב,
און טויטערהייט אַף עפּעס נאָך זיי וואַרטן...
עס האָבן זיך די אויסשפּירער באַנאַכט פּאַרטרויט
די טרויעריקע פּויערטעס, צעשלײַדערטע אַף גאַסן,
איז ווער ביגנייווע ברענגט באַנאַכט אַ שטיקל ברויט,
און ווער ביגנייווע ברענגט אַ ביסל וואַסער.
— גאַלינע! — צוגעגאַנגען מאַנציס איז צו איר, —
דו ווייסט דעם וועג צו אונדזערע איבער די ראַנדן?
איז גאַנווע זיך אַדורך און ברענג זיי אַ פּאַפּיר,
ס׳וועט זײַן אַ פּאַר דײַן קינד, ס׳וועט זײַן אַ פּאַר דײַן מאַן דאָ!..
געווען איז אין פּאַפּיר פּאַרצייכנט אַקוראַט:
דער גאַרניזאָן. דער וועג. אַ טאַנק ניט ווײַט — דער סימען;
די צײַט און דער סיגנאַל. און נאָך אַ פּראַט:
דער שטאַב באַשטימט פּאַר אַ מאַטאָנע איז דעם הימל!

V

און שווײַגנדיק גאַלינע איז באַנאַכט אַוועק,
קיין איינציק וואָרט ניט אויסגערעדט מיט קיינעם;
געפירט האָט זי דער טרויער דורך דעם קירצסטן וועג,
און ניט פּאַרשפּעטיקן געלאָזט האָבן זי טרערן און געוויינען.
געוואָרנט האָט אַ יעדער בוים זי און געהיט,
די ווײַטן האָט פּאַר איר אַ יעדער ווינט צעקלעמט דאָרט;
געגאַנוועט אַף דער ערד דער לײַבלעכער האָט זי די טריט,
און דורך דעם וואַלד דעם אייגענעם געגאַן איז זי אַ פּרעמדע...
אַ נאַכט געגאַן איז זי אַ גאַנצע ביז באַגין;
עס האָט דער שווערער וועג דעם ווייטעק איר געלינדערט.
געזונגען פֿייגל האָבן טרויעריק און דין,
און ס׳האָט זיך איר געדוכט, אַז ס׳וויינט ערגעץ איר קינד דאָרט, —
נאָר זיך ניט אָפּגעשטעלט. זיך ניט געטאָן קיין קער.
די אויגן — ווײַט געווענדט צו זיי — אַהין נאָר;
פּאַריאָסעמט־וויינענדיק, אַ פּרעמדע אַף איר ערד,
מיט איר איז אַ געשמיסענע געגאַנגען אוקראַינע...

18. אינ דײַטשישער אוניפאָרמ

I

פֿיר סימאָנים האָט גאלינענ מאנציס אויסגעמאָלט,
יעדערנ באזונדער — אפ דער האנט אזוי ווי גאָלד,
אונ מיט אזא פארטרויליכע אײַנגעהאלטנ קאָל
ער אײַנגערוימט אינ אויער האָט געהיימ איר דעמ פאראָל,
אונ נאָכאמאָל דערקלערט, אונ ווידער מיט א ווענד —
צו ווענענ דער פאפיר דארפ גלײַכ ארײַנגיינ אינ די הענט...
געזעגנט זײַנענ בלעטער אינעמ וועלקנדיקנ וואלד,
פארטרויערטע, פארזאָרגטע — גרייט אפ נאווענאד...
אָט וועט א הארבסטיק ווינטל זיי נאָכ אָנווײַזנ דעמ וועג,
אָט וועט ער נאָכ אנ אָטעמ טאָנ, איז לאָזט מענ זיכ אוועק...
עס הערט זיכ שוינ דער לאנגזאמ קרעכצנדיקער פאל,
נאָר, פאלנדיק, זיי גיבנ זיכ נאָכ ערגעצ א פארהאלט,
א טוליע צו דער קאָרע, צו א צווײַגל זיכ א ווענד,
נאָר ווידערבלי איז איצטער שוינ אינ קיינעמ ניט געווענדט...
עס וועט עפּשער א פויגל דורכפליִענ פארבײַ
אונ אויספאָכענ מיט פליגל, ווו עס ליִערט דאָ דער פײַנט?!..

II

דרײַ טעג זײַנענ פארבײַ. דעמ פערטנ שוינ מע ווארט —
פונ אויסשפיר עפשער אומקערנ וועט עמעצ זיכ באנאכט?
אונ ערגעצ איבער שטעגעלעכ, פארפלאָנטערט אונ פארדרייט,
געגאנגענ איז א פויערטע שווײַגנדיקערהייט.
ארײַנגעגאנ אינ וואלד... קיינ צווײַגל ניט קיינ ריר...
אונ האָט געבראכט סאדאָווסקינ א פארכאסמעטנ פאפיר...
אָט איז ער, דער פאראָל! אונ די סימאָנימ אלע פיר! —
האָט דאָרשטיק אײַנגעזויגנ זיכ סאדאָווסקי אינ פאפיר...
געשאָקלט מיטנ קאָפ, ווי יעדער וואָרט וואָלט אימ געבריט,
אונ נאָכגעזאָגט נאָכ יעדנ: — אפנ הימל א יארידו!
אונ מעגלעכ, אז ס׳זאָל אָפגילטנ אזא מינ מעשוגאס?!
נאָר איצט איז שוינ פארפאלנ, אונ באדאנקט האָט ער זײַנ גאסט.
נו, צי ס׳איז בלויז א כאָלעמ, צי ס׳איז ווירקלעכ א געשלעג,
ארויסשיקנ באדארפ מענ אויסשפירער צומ וועג.
אונ גרייט מאכנ גענומענ האָט סאדאָווסקי זיכ געשווינד.
וואָס מאנציסנ קאָנ אײַנפאלנ?! אונ עפשער... ס׳האָט באגינט.

III

מיט וועלקונג ארום מאנציסנ יאָמערט בלאט צו בלאט.
א היטל דארפ איצט מאנציס פונ א דײַטשישנ סאָלדאט.
דערקאָנענ זאָל פונ ווײַטנ אפנ וועג אים ניט דער פײַנט.
אינ וואָלקנס הילט די זונ זיכ די פרימאָרגעדיקע אײַנ.
ווּ נעמט מענ דאָ א היטל — איבערטאָנ זיכ אקוראט?
א זוכ טאָנ סײַדנ ערגעצ א דערהארגעטנ סאָלדאט! —
אונ מאנציס גיט דעם בליק זײַנעם א בלאָנדזשענדיקנ פיר:
א היטל אונ א גרינעם א פאשיסטישנ מונדיר,
אזוי ווי פונ א זשאבע אנ אראָפּגעשלעפּטע פעל...
איז איינס אונ צוויי א זוכ געטאָנ: א רועכ אינ דער וועלט!
א ביסעלע — אנ אויסזענ! א ביסעלע א כיינ!
געדריקט ווי ס'וואָלט אפ אים אזא מינ שימלדיקער שטיינ.
געוואָרפנ האָט פונ ביימער זיכ א בלאט דאָרט נאָכ א בלאט:
נעמ, מאנציס, פוצ זיכ אויסעט אינעמ מאלבעש פונעמ קאט! —
געמורמלט האָט דער וואלד, געפּאָדערט האָט די ערד:
גיי, מאנציס, זײַ זיכ נויקעמ, אונ געבענטשט זאָל זײַנ דײַנ שווערד!

IV

פאָרויס קוקט מאנציס, לויפנדיק, אונ טרײַבט פונ זיכ די שרעק.
ס'איז איבעריק אפילע אים זײַנ שאָטנ איצט אינ וועג.
ער פילט ניט צי שוינ נאָענט. ער פילט ניט צי נאָכ ווײַט.
דעם כעזשבנ פונ דער שנעלקײַט פירט איצט ניט די צײַט.
ער פילט ניט צי נאָכ ווײַט. ער פילט ניט צי שוינ נאָ'נט,
נאָר ס'יאָגט א קויל א סווישטשענדיקע אפנ וועג אים אָנ.
פונוואנענ? — גיט זיכ מאנציס א צעפלאָנטער אונ א פאל, —
געשיקט זיכ — פונ די אייגענע? געשיקט זיכ — פונעמ וואלד?
ער הייבט זיכ אופ אונ פונדאָסנײַ זיכ גלײַכ אינ וועג א לאָז,
אונ — נאָכאמאָל א שאָס! אונ אפנ הארצ איז א פארדראָס:
וואָס טוט מענ? זאָל ער פאָרזעצנ דעם וועג צי ניינ?
עס זאָל די שיסערײַ כאָטש צו די דײַטשנ ניט דערגיינ! —
באשלאָגנ האָט א שווייס, באפאלנ האָט א היצ:
מע שיסט! נו, יאָ! ווי אנדערש, אז דערזענ מע האָט א פריצ!
באמערקט מע האָט א לויפנדיקנ דײַטשישנ סאָלדאט,
איז האָט מענ ביקסנ אָנגעשטעלט אונ אָנגעצילעט גראד!

V

די וואַכ ווייסט פונ קיינ כאָכמעס. ניט באַנאַכט. ניט אינדערפרי.
א דײַטש? — איז ניט געטראַכט! איז פײַער איבער אימ!
א יעדער ווײַל גיט מאַנציס זיכ א וואַלגער אפ דער ערד:
ווי גיט מענ פונ דער ווײַטנ צו פאַרשטיינ זיי, אז ס'איז ער?!
אז איבערגעטאָנ האָט ער זיכ אינ וועג אַרײַנ, ניט מער!
אז בלויז די הוט איז פונ א דײַטש, איז פונ א פריצ אנ אָפּיצער!
נאָר מאַנציסנ טוט וויי, וואָס ס'דויערט אזוי לאַנג.
ער קוקט ניט אפ זײַנ בלוט. ער קוקט בלויז אפנ טאַנק.
אונ נאָכאַמאָל א דריי זיכ אונ א וואַלגער אפ דער ערד, —
דער טאַנק איז נעבנ אימ, אונ באַלעבאָס אצינד איז ער!
אַרײַנגעשטופּט זיכ אינווייניק, דעמ ליוק נאָכ זיכ א צי
אונ אָפּגעאָטעמט, סאָפּענדיק: אָט דאָס הייסט א שפּאַציר!
אונ האָט דערזענ טאַנקיסטנ צוויי — די קעפּ אפ בריסט פאַרטרויט.
צי שלאָפנ זיי פאַרמאַטערטע, צי ביידע זײַנענ טויט?!..
אַראָפּגעלאָזט זיכ מאַנציס האָט פאָרזיכטיק אונ מיד.
אונ צווישנ ביידע מייסימ ער פאַרנומענ האָט די מיט!

VI

א קייווער צי א טאַנק דאָס איז — דערגיינ איז איצטער שווער.
נאָר מאַנציס דאַרפ צומ אַלעמערשט א פּרוּוו טאָנ דאָס געווער:
— אינ אָרדענונג, — האָט מאַנציס זיכ א זאָג געטאָנ אַליינ. —
א קייווער צי א טאַנק דאָס איז — קאָנ קיינער ניט דערגיינ!
די קוילנ זײַנענ אויסגעשטעלט פּינקטלעכ בא דער זײַט,
א זוכ טאָנ וואָלט ער נאָכ עפּעס, דערלויבט אימ ניט די צײַט.
א פריילעכס אונ א לעבעדיקס באַמ סוינע וועט איצט זײַנ:
דאָס אומגעריכטע פײַער פונ זײַנ אייגענעמ קליישײַענ! —
ער פילט ניט פונ זײַנ ווונד אצינד דעמ נאָיענדיקנ וויי,
די שכיינימ אימ דערמוטיקנ, די טויטע שכיינימ צוויי!
זיי זיצנ אומבאַוועגטע, זיכ אינ ערגעצ ניט קיינ ריר,
ווי אונטערוועגס צעקריגטע פּאַסאַזשיר מיט פּאַסאַזשיר.
שפּאַקולנ אפ די אויגנ אפ די גלעזערנע — פאַרפרעסט,
ווי צווייענדיקע פענצטער בא דער פײגערדיקער פעסט.
נאָר מאַנציס האָט קיינ צײַט איצט ניט זיכ צוקוקנ גענוי,
ער האָט זיכ בלויז צו יעדערנ געגעבנ א פאַרנייג,

VII

ווי ער וואָלט דאָרטן יעדערן א זאָג געטאָן פון זיי:
דעם קאָוועד כ'האָב זיך פאָרשטעלן דער דײַטשישער ארמיי!
ס'איז איך! א סטאַלינדאָרפער רויטארמייער! ניט געהערט?
עס וועט אײַך מיט א קייווער ניט באאוולען אונדזער ערד!--
אין פענצטערל א קוק געטאָן אפ ווײַט איבערן שליאך
און רעכטפארטיק געמאכט זיך און זיך צוגעגרייט צום שלאכט.
א דריי געטאָן אהין זיך, א דריי געטאָן אהער
און נאָכאמאָל א פּרווו געטאָן די שלעסער פון געווער,
נאָר ס'יאָגט פון זײַנע שכײנים דאָ א ווארגנדיקע שרעק,
זיי קוקן, ווי זיי וואָלטן עפּעס נאָך בא אים געפרעגט.
נאָר ס'קאָן אצינדערט מאנציס זיי ניט ענטפערן קיין וואָרט,
ווײַל ס'זעען זיך די מאכנעס שוין די פינצטערע פון דאָרט.
אָט איז שוין די דיסטאנץ, ס'געווער גיט זיך א דריי,
ארויסגעלאָזט האָט מאנציס גלײַך א פײַערדיקע ריי,
און ציטערן גענומען ווי אין פיבער האָט דער טאנק —
מע פאלט שוין און מע לויפט שוין — ס'ארא כיעסדיק געטראנק!

VIII

און מאנציס קוקט דורך פענצטערל פון פיבערדיקן טאנק.
אין הינערפלעט די קוילן ער אליין זיך דאָרט דערלאנגט.
אדורכגעשניטן אײַליק האָט סאדאָווסקיס טייל דעם וועג,
אזוי ווי א באוועגלעכע, א לעבעדיקע זעג.
אָט זײַנען זײַנע אויגן און זײַן קאָפּ און זײַנע הענט.
אים דוכט, דער טאנק ארומגעכאפּט מיט פײַער איז און ברענט.
די לעצטע קויל! די לעצטע ריי! — דעם ליוק גיט ער א שטויס,
און גלײַך ווי א פארשיקערטער פון טאנק ער שפּרינגט ארויס.
אין אויגן — היץ. דאָס מויל — אין בלוט. דאָס פּאָנעם איז פארצערט.
ער קוקט זיך אום: מע לויפט אים נאָך. עס לויפט אן אָפיצער.
אין וועג פארוואלגערט באליקעס א סטאָס איז אפ א סטאָס.
א בליץ האָט דער בורלוק געטאָן. דערהערט האָט זיך א· שאָס.
נאָר יעדער טראָפּן בלוט זײַנער האָט, טריפנדיק, געברענט:
ניט אָפּגעבן זיך לעבעדיק די דײַטשן אין די הענט!
און אפ די קני צום אָפּגרונט פאלנדיק: — פארטײַ! —
א שפּרונג געטאָן האָט מאנציס מיטן לעצטן הויך אין טײַך.

. . . .

19. מיט א פערד און מיט אן עמער האָניק

I

ווען בא דעם איבערוף, נאָך דרײַ טעג גאנג,
האָט „מאנציס" אינעם וואלד אדורכגעהילכט מיט ליבע,
איז אָפּגעענטפערט איינער האָט פֿון רעכטן פלאנג:
— איך שלאכט געפאלן פארן היימלאנד ווי א גיבער! —
געדוכט האָט זיך: ערשט איצטער יעדערער אים זעט
ווי קיינמאָל ניט — א שטאלטנעם און א טריבן...
שוין בא סאדאָווסקין איז געלעגן אין פלאנשעט
א בריוו צו טאטע-מאמע זײַנע אָנגעשריבן.
מיט וואָרעמקײַט געווען איז אָנגעשריבן דאָרט,
אז יעדער רויטארמייער וועט זײַן אָנדענק שעצן.
נאָר אָפּשיקן דעם בריוו וועט ער קיין סטאלינדאָרף,
ווי נאָר פֿון דער ארומרינגלונג ארויסרײַסן מע וועט זיך.
געבליבן אין די צעטלען פֿונעם פאָלק איז ער,
און אין די הערצער בא די פרײַנט פֿון שלאכט איז ער געבליבן.
און ס'האָט אפֿ יעדן איבערוף זײַן נאָמען זיך דערהערט:
— איך שלאכט געפאלן פארן היימלאנד ווי א גיבער!

II

אין ווײַט זיך ציט די טרויעריקע ערד,
די אויסגעטראָטענע פֿון ווינטן און פֿון כאַיל.
סאדאָווסקיס טייל האָט זיך אפֿ איר געמינערט און געמערט,
מיט זין באוואקסן און מיט טעכטער מיט געטרײַע.
קליינוווקסיק, דירעוודיק, ווי זיך געקויקלט שנעל,
געגאנגען א רויטארמייער איז, אין ערגעץ ניט פארהאלט זיך;
א סאניטארן-טאש אריבער דעם שינעל,
א ביקס אן אויסגעפוצטע אפֿ די אקסל.
ס'איז ברייט דער וועג, און שמאָל דער זוים, —
אפֿ אים נאָר קיים אדורכגיין זאָל מען קאָנען;
געפירט א פערד ער האָט דאָרט פאר דער צוים,
געהאלטן אין דער האנט אן עמער האָניק
און צו סאדאָווסקין גלײַך געמאכט א שפאן,
דירעקט, ווי מיט א ראפּאָרט א פארגרייטן:
— צי דארפֿט איר ניט קיין מענטשן, כאַווער קאפּיטאן?
מיר איז אלציינס — צי דער טייל, צי א צווייטער.

III

פארווּנדערט האָט סאדאָווסקי דאָס געהערט.
געקוקט. פארשטיינ פארשטייט ער עפעס דאָ ניט:
א סאניטארקע מיט א פערד. וואָס איז דאָס פאר א פערד?
וואָס איז דאָס פאר אנ עמער האָניק?
עס האָט די סאניטארקע זיכ געטאָנ צום פערד א דריי,
א ווייַז מיט שטאָלצ אפ אימ אזוי געטאָנ האָט:
— דאָס פערדל, כאווער קאפיטאנ, איז א טראָפיי,
אונ א טראָפיי איז אויכ דער עמער האָניק! —
געזעסנ די פילאָטקע איז אפ איר מיט כיינ,
נאָר קוקנ אפ איר לאנג האָט זיכ סאדאָווסקי ניט פארגונענ.
— פונוואנענ? — איכ? פונ מאָסקווע כ'בינ אליינ!
— דייַנ נאָמענ? — אנטאָנינע, — אויסגעגלייַכט זיכ ווי א סטרונע.
אונ צוגעגאנגענ איז סאדאָווסקי צו איר נאָ'נט,
גענומענ פונ דער האנט בא איר דעמ עמער האָניק
אונ אייַנגעהאלטנ זיכ פונ א שמייכל ניט געקאָנט,
דערזעענדיק איר אָפגעברענט, איר ייִנגלש פּאָנעמ.

IV

מע האָט זי ליב באקומענ גלייַכ, אינ איינ מינוט.
ס'פּאריסנ נעזל איז באשפּרענקלט, ווי מיט ליסקע,
די פולע ליפּנ — אויסגעלייגט ווי בא א פלוט.
א ריר — אונ קלינגענדיקס וועט גלייַכ פונ זיי א פליס טאָנ.
בא אלעמענ א שניט געטאָנ האָבנ דאָס הארצ
אירע באריידעוודיקע אויגנ, פּונקט ווי דימענטנ ווי גרינע,
נאָר שטעלנ רעדנ זיכ מיט איר א סאכ
האָט זיכ סאדאָווסקי ניט געקאָנט פארגינענ.
געהייסנ אָפּפירנ האָט ער דאָס פערד
אונ אונטערוואַרפנ דאָרט א ביסל היי אימ.
— איז ווי האָסטו געטראָפנ גלייַכ אהער?
אונ ווו האָסטו גענומענ די טראָפייענ?
— מע ווייסט, אז ערגעצ נאָ'נט איז דאָ פאראנ א טייל,
וואָס רייַסט פונ קלעמ זיכ דורכ... פונ אונדזערע ניט וויַיט שוינ...
ס'איז אויכ באוווּסט, אז פונ א דייַטשישנ טראָפיינעמ טאנק
האָט ער ניט לאנג אוועקגעלייגט א גאנצע ראָטע דייַטשנ!

V

באַם האָניק האָט שוין דראָזד געשלײַפֿט די ציין,
אַרויסגעשלעפּט פֿון אים די צאַפּלדיקע בינען,
און, קוויקנדיק זיך, האָט ער אויסגעקרעכצט, — דערציילֿ,
דערציילֿ, פּונוואַנען ווייסטו, שוועסטער אַנטאָנינע? —
באַטראַכט האָט פּערעליאָט דעם עמער פֿון דער זײַט,
באַוועגט באַ אים האָבן זיך דורכגעסאַרפּעטע די ליפּן,
און מיט געשמאַק אַרײַנגעלאָזט זיך אין אַ שטרײַט:
— ס'זעט אויס, דער האָניק איז פֿון הרעטשקע און פֿון ליפּע.
פֿון בינשטאָקס אייגענע און גלאַט אַזוי זיך פֿון דער היים,
און גלאַט אַזוי פֿון בענקשאַפֿט — ביז צו טרערן און ביז וויינען.
נאָר אָפּטראָגן מע דאַרף אים אין דער ערשטער רײ
צו די פּאַרוווּנדעטע — זיי קומט צום אַלעם ערשטן די טראָפּייען.
איז ווי זשע האָסטו, שוועסטער, אים געפּאַקט? —
האָט פּערעליאָט מיט נײַגיר זיך געטאָן צו איר אַ ציִ נאָך, —
ס'איז עפּשער נאָך פֿאַראַן, צו אַלדעם שלאַק? —
און אויסגעצוויטשערט, ווי אַ פֿייגעלע, האָט אַנטאָנינע:

VI

— איז ווייסט מען, אַז ס'איז ערגעץ דאָ אַ טײַל פֿאַראַן,
וואָס רײַסט מיט שלאַכט פֿון קלעם אַרויס זיך.
מע גייט צו אים. מע גייט און איך בין אויך געגאַן,
און אַף אַ רײַטנדיקן דײַטש זיך אָנגעשטויסן.
אינמיטן וועג — אַנטבלויזט די שווערד,
אין כאָליעווע פֿאַרוקט אַ הילצערנעם פּאָלאָנעק,
געפֿאָרן רײַטנדיק דער דײַטש איז אַפֿן פֿערד,
געאָרעמט פֿריילעך מיט אַן עמער האָניק
און איך — איך גיי פּאַקטיטשעסקע אַנטקעגן אים...
„פּראָשטשײַ! — טראַכט איך זיך, — טאָניע!״
און ער דערלאַנגט אַ ריטש מיט אַ זאַראָונער שטים,
נאָר שיסן — ניט. ס'איז אים אַ שאָד געווען דער האָניק.
„נו, טראַכטן, טאָניע, — זאָג איך זיך, — זאָל איצטער טראַכטן ער״,
און מיט אַ שאָס פֿון די געדאַנקען אָפּגעטאָן אים,
און אים אַזוי געהייסן גיין אין דר'ערד
אינאיינעם מיט דער שווערד און מיטן הילצערנעם פּאָלאָנעק.

VII

— ער האָט געוויס געמיינט, דער רײַטנדיקער נאר, —
האָט אפ דער נאָז א גלאנצ געטאָנ די הויט בא איר, ווי ליסקע, —
וויבאלד א רויטער קרייצ — איז בלויז א סאניטאר...
— ווער דענ ביסטו? — כ׳בינ, ערשטנס, כאווער, א ראדיסטקע! —
האָט זי אנ עפנ אופ געטאָנ דעמ סאניטארנ-טאש,
א זאכ ארויסגעשלעפט. באוויזנ פאָרזיכטיק אונ אקוראט זי:
— איר זעט אָט דעמ-אָ בלאנקנדנ באנדאזש?
אינ אימ איז אײַנגעוויקלט א טראָפיינע ראציע!
בערלינ... — פאפירנ אייניקע געגעבנ א צעשיט, —
ער האָט געהאט נאָכ הינער. וורשט. נאָר שלעפנ אלצ מע קאָנ ניט —
געפאָרנ איז ער, ווי מע פאָרט אפ א יאריד,
באדאכט... ס׳זאָל זיכ ניט אויסגיסנ דער האָניק... —
סאדאָווסקי איז געווענ געפלעפט אונ איבעראשט,
עס האָט איר צוויטשערײַ געוויגט אימ ווי א ווינטל:
— איז אָט... כ׳קאָנ מאכנ א באנדאזש,
כ׳קאָנ מאכנ א פארבינדונג!

VIII

— ווי אלט ביסטו? — אינגיכנ נײַנצנ יאָר!
— שוינ לאנג ביסט אפנ קריג? — פונ סאמע אָנהייב! —
א כוואליע בלאָנדע שפרודלדיקע האָר
האָט זיכ א ריס געטאָנ אפ איר פארברוינטנ פּאָנעמ.
זי האָט זיי גלײַכ פארשארט מיט איינ באוועג,
אינ טאש די זאכנ ווידער אויסגעמאָסטעט.
פונ שול איז זי זיכ שלאָגנ פרײַוויליק אוועק
באצווייט מיט נאָכ א כאווערטע פונ סאמע מאָסקווע.
מיט שלאכטנ אפ צוריק מ׳האָט זיכ גערוקט,
מ׳איז אָפגעגאנ מיט בלוט, פונ וויי פארנעפלט.
געהיילט פארוואונדעטע באמ דניעפער אונ באמ בוג,
אונ אויכ אליינ פארוואונדעט איז געפאלנ זי באמ דניעפער.
עס האָט סאדאָווסקי אויסגעהערט זי מיט פארטרוי,
מיט נײַגיר הייבנדיק די ברעמענ:
— נו, גוט! פארנעמ אנ אָרט אינ סטראָי!
— פאראנ אנ אָרט אינ סטראָי פארנעמענ!

20. נאָכ איינ קאָרדאָנ!

I

א מונטערקייט מיט טאָגיענ איז געקומענ אומדערוואַרט:
צוזאמענ אלצ — דאָס פערד, דער האָניק אונ די ראציע;
אי עפעס פונ א קינד נאָכ אי אנטשלאָסנקייט פונ שלאכט
אינ אירע קנאפע צוואנציק יאָרנ האָט געהאט זי.
זי האָט שוינ אלצ געמייסטרעוועט אהינ, אהער,
אנ אָרט שוינ אָפּגעשלאָגנ אינ עפיר אינ הוילנ;
אונ אלע האָבנ שוינ פארטייעטע געהערט,
אונ אלע, הערנדיק, געקוקט האָבנ אינ מויל איר.
א גרוס פונ זייניקע האָט זיכ סאדאָווסקי שוינ געמאָלט,
כאָטש די געפאר פונ טאָג צו טאָג האָט זיכ געטאָפּלט.
א פרווו טאָנ וועט ער זיכ פארבינדנ מיט זיינ פאָלק,
אויב נאָר די שוצ ער האלט בא גראָנאָטאָפּ נאָכ...
געוואקסנ איז דער מאנגל אינ געווער,
אונ קוילנ אויספעלנ שוינ אויכ האָבנ גענומענ.
„נאָכ איינ קאָרדאָנ אויב דורכרייסנ וועט ער, —
האָט ער געטראכט מיט האָפענונג אונ אומעט, —

II

עפנט זיכ אופ דער וועג צום לעצטנ ראנד,
אונ מאכנ דאָרט דעמ לעצטנ שפרונג וועט מענ זיכ לאָזנ;
מיט וויפל ביקסנ אפ דער האנט ס'זיינענ פאראנ —
צי וועט פארבינדונג ניט זיינ, אָדער יאָ זיינ!"
ער האָט סומירט, געוויגנ אונ געטייטשט
דאָס אלצ, וואָס ס'האָט די אויסשפּיונג געבראכט אימ,
דער פויער, די ראדיסטקע אונ דער דייטש,
אונ אלצ אדורכגעזיפּט דורכ אייגענער באטראכטונג.
— נו, וואָס? — האָט ער צו אנטאָגינענ זיכ געווענדט, —
מע הערט דיכ ניט? ווענ זענ מע זאָל דיכ קאָנענ,
א קוק געבנ אפ דיר ווענ ס'וואָלט א מעגלעכקייט געווענ,
איז וואָלטנ זיכ געפונענ שוינ אפ ענטפערנ באלאָנימ! —
ס'האָט טאָגיע ניט געהאט קיינ טראָפּנ לוסט
זיכ איבערשליסנ איצט אפ זייטיקע געשפרעכנ.
אונ ער האָט שוינ געהאט פארטייעט א באשלוס:
וואָס ס'זאָל ניט זיינ, נאָר דעמ קאָרדאָנ פאנאנדערברעכנ!

III

נאָר איידער וואָס — געמאָלדנ האָט ער נאָכ
אנ אונטערוועגיקע פארטייִשע פארזאמלונג.
די טאָג-אָרדנונג איז — קלײַבנ א פּארטאָרג.
געבעטנ קומענ גלײַכ אונ ניט פארזאמענ.
זיכ אויסגעזעצט מע האָט אונטער א בוימ אפ דר'ערד,
קאנדידאטורנ אָנגערופנ סאדאָווסקי האָט געבעטנ.
אונ גלײַכ „אָוואדיס" האָט פונ אלע זיכ דערהערט,
אונ ביימער צוגעשטימט האָבנ מיט שאָרכעדיקע בלעטער.
— ס'וויל עפּשער עמעצער א וואָרט? — האָט ער געטאָנ א פרעג.
— צו וואָס? מע ווייסט! ס'האָט ליב א יעטווידער סאָלדאט אימ! —
באמ זײַט פונ וואלד געגאנגענ איז א וועג,
באמ ראנד פונ הימל האָט א זונ-פארגאנג געפלאטערט.
סאדאָווסקי האָט א קוק געטאָנ אפ אימ,
א קוק געגעבנ אפ די שלאכטיקע, פארטײַעטע ארומענ
אונ האָט דערקלערט מיט שטילער פײַערלעכקײַט אינ דער שטימ:
— אָוואדיס איינשטימיק איז אָנגענומענ!

IV

— זיכ אופהייבנ! — האָט דורכגעהילכט אינ פעלד
פונכנײַ א מארשעווע קאָמאנדע.
קיינ שנעלקײַט האָט אינ אויספיל קיינעמ ניט געפעלט,
נאָר ס'האָט קיינ ביקס זיכ ניט ארײַנגעלייגט אינ יעדער האנט ז'אָרפ.
אונ פײַנלעכ איז אָוואדיסנ געווענ,
מיט זאָרג פאר יעדער קלייניקײַט באוואקסנ,
דעמ וועג דעמ ווײַטערדיקנ צוקוקנ אונ זענ
בא פיל סאָלדאטנ — אָנ געווער די יאָסעמדיקע אקסל...
עס האָבנ יאָרנ, איינס נאָכ איינס, געטאָנ א פאָכ
אינ אקער, אינ פאדזיי, אינ וווקס, אינ הויכע סטויגנ.
אָט זעט ער פונ די פינפיאָרנ דעמ העלנ צעפאָלאָכ,
פונ זייער ליכט גייענ פאנאנדער זיכ די אויגנ.
איז וואָס — געשיקט זיכ, אז דאָס אלצ איז שוינ ניטאָ,
צי ערגעצ יוידט זי נאָכ, די קראפט, נאָכ ניט קיינ אָנגערירטע?..
ווי א שטיק לײַב שנײַדט אָפּ פונ אימ זיכ יעדער טאָג,
אונ דאָכ פילט ער זיכ יעדער טאָג אנ אופגעריכטער

V

בלויז פונ א ליד, פונ א סאָלדאטישער, וואָס אפנ ראנד
דורכ אלע אָדערנ גיט זי מיט גוורע א צעפליס זיכ;
אינ איר אָנברעגיקייט זיכ מעלדעט נאָכאנאנד
סיביר, אוראל אונ דער באגינענדיקער מיזרעכ.
אימ דאכט זיכ, אז ער הערט, ווי ס׳אָטעמענ די בערג,
ווי ס׳טוענ סטעפּעס אָנ זיכ אינ באוואָפענונגענ רייכע;
ווענ אופהייבנ זיי וועלנ זיכ, א ריס טאָנ זיכ אהער,
וועלנ קיינ יאמ-פארפליצונגענ מיט זיי זיכ ניט פארגלייכנ!
אונ מאָסקווע! מאָסקווע — פריי׳ר פאר אלצ, —
האָט זיכ אָוואדיס האָפערדיק צומ ראנד גענע׳נטערט;
אונ דאָכ האָט אימ דער וויי פארשלייפט דעמ האלדז,
אונ ניט געקאָנט געפינענ האָט ער זיכ קיינ ענטפער!
ס׳האָט אימ באגלייט אינ וועג אי פיינ, אי ברויז,
אונ א געדאנק איז אופגעגאנגענ אלע ווייל, ווי פונ א נעפל:
געזענ מיר האָבנ אפ יאָרהונדערטנ פּאָרויס
אונ ניט באמערקט צומאָל די ווייזערס דאָ דערנעבנ...

VI

אינ יענע טעג איז מאָסקווע שוינ געוועזנ גרייט
צומ איינס-אפ-איינס מיט די פאשיסטישע כאיאָלעס;
זיכ אָנגעצויגנ יעדער אויגנבליק האָט שטייפ,
אונ אויסגעפּרוווט א יעדערער געווענ ווי שטאָל איז.
פארוואנדלט אינ געווער האָט זיכ א יעדער שטיינ,
אונ מויערנ געווארט אפ א קאָמאנדע האָבנ אלע;
זאוואָדנ אופגעהויבנ האָבנ זיכ אליינ
אפ צו געבוירנ ווערנ פונדאָסניי אינ סטעפּעס אינ אוראלער.
געווענ אָוואדיס גראָד איז צווישנ די,
וואָס ווערנ אָפּגערופנ צ׳ריק פונ שלאכט-פעלד,
אז ס׳זאָלנ די געווערקנ ווי געהעריק זיינ באדינט
באמ איבערוואָרצלענ זיי דורכ אויסגעיבטע פאכלייט.
נאָר בא זיינ נאָמענ האָט א פראגע-צייכנ זיכ געקרויזט,
ווי אינ א רעמעלע א שווארצינקס פונ אוויילעס:
— צי איז ער דאָ? צי פונעמ קלעמ איז ער ארויס?
צי פונעמ קלעמ ארויס דער גאנצער טייל איז?

VII

מיט אים אינײנעם אין דעם זעלבן וװזװאָד
איז אויך געגאנ דער דאָקטער, א פארקלערטער:
ער איז פונ אלעמענ ניט אָפּגעשטאנענ אפּ קיינ טראָט,
די לאסט אפּ זיך געשלעפּט, ווי א סאָלדאט אנ עכטער...
געלויכטנ האָבנ זייַנע גראָווע האָר,
געדוכט האָט זיך: זייַנ כעזשבנ טרויעריק זיי פירנ,
אז אלצ, וואָס ער האָט אָפּגעטאָנ פאר אלע זייַנע יאָר,
געווענ איז בלויז א צוגרייטונג צו אָט דער הייליקער מארשירונג.
דערלאנגט אינ וועג אָוואדיס האָט אים טיי,
אים פארנ קינד — א שטיקל ברויט אונ צוקער אויסבאהאלטנ,
אונ זיך געפּרווט אזוי אים געבנ צו פארשטיינ,
אז פאר דעם קריג איז שוינ א ביסעלע צו אלט ער...
נאָר ער האָט שמייכלדיק געוויגט דעם גרויענ קאָפּ
אונ אפנ קינד געטייַט: — איר זעט דעם בעזשענעצ דעם אויסגעהיטנ?
אויך אים איז ניט קעדייַ צום זיידנ אָפּפירנ קיינ גראָנאָטאָפּ,
געבראכט דעם זיידנ כ'וואָלט אהער מיט אלע גראָנאָטאָפּער ייִדנ!..

21. א געזעגענונג מיט דער שטילקייַט

I

געבלוטיקט האָט דאָס פעלד מיט רויטנ מאָנ,
צו דורכגייער געריסנ פונעם פעלד האָבנ זיך קוויטנ.
פארטריבנ האָט עס שוינ צום שטילנ דאָנ
א מאכנע אָפּגעברענטע סטאלינדאָרפער פּלייטים.
קאָלווירטניקעס מיט קינדער, קליינ אונ גרויס,
געבוירענע אינ פעלד, געוואקסנ אפּ באשטאנעס.
ס'איז יעדנ איינעם נאָכגעגאנ א זעטיק הויז,
אונ גוטס פארוועבט געווענ מיט יעדנ שפּאנ איז.
ניט אָנגעזענ צום וואָגלעניש האָט זיך קיינ סאָפּ,
די סטעפּעס זיך געשפּרייט האָבנ ווי געלע יאמענ.
געטריבנ אפּ קובאנ זיי האָבנ טשערעדעס מיט שאָפּ
אונ אָקסנ איינגעשפּאנט מיט אייזעלעך צוזאמענ.
געגאנ אקשאָנעסדיק, פארזאָרגט אונ הארט
סייַ טאָג סייַ נאכט — כאדאָשימ גאנצע.
אונ אָפּגעשטאנענ אלע ווייַל פארטראכט
פונ טרויעריקנ צוג איז מיילעך מאנציס.

II

געלעגן סטאַלינדאָרף איז ווײַטלעך פֿון א באַן,
פֿאַרפֿלייצט די באַן געוועזן איז מיט כאַיִל,
ס'האָט מיילעך אָוולדיק געלאָדן זײַן ־ אַרבאַ,
ער האָט זיך עפּעס אַזוי ווייטעקלעך געהײַעט,
ווי ער מעכילע וואָלט געבעטן בא דער קו,
און א פֿאַרשולדיקטער געשטאַנען בא די רינדער.
זיי צוגעפֿירט צו דער אַרבאַ, זיך אַלע ווײַל פֿאַרקוקט.
עס האָט דער סטעפּ נאָך אַזוי זומערדיק געגרינט דאָרט.
געקויקלט האָבן זיך די קאַוונעס צו זײַנע טריט,
אַף אים געקוקט האָבן די ווײַנטרויב־לאָזעס;
„ווי זאָל דאָס האַרץ ניט פּלאַצן בא א ייִדן?!..— האָט ער געטראַכט, —
גיי ריַיס זיך אָפּ פֿון דעם און נעם פֿאַרלאָז עס״...
צולעצט א שטײַגל אויפֿעס צוגעטראָגן בלויז
און צוגעקרעמפּעוועט צו דער אַרבאַ דעם עמער.
„וואָס קומט פֿון דער געבענטשטער שעפֿע דען אַרויס,
אַז דאָס, וואָס ס'איז געבענטשט, קאָן מען מיט זיך ניט נעמען?!״...

III

די ערד, די אויסגעווייטעקטע אין שווייס און מי,
די ערד, וואָס האָט באַשאָנקען מיט אַזויפֿיל פֿרייד אים
און זיך געהייסן אָפּגעבן דאָס טײַערסטע פֿון זײַן געמיט, —
מיט איר איז שווער געווען אים זיך צו שיידן...
דאָך האָט ער פֿון די אויגן ניט אַדורכגעלאָזט קיין טרער,
אים האָט געדוכט: געזעגענען זיך גייט צו אים די שטילקײַט,
די זעלביקע, וואָס לאַנגזאַם, דויערדיק און שווער
האָט ער אַן אייגענער אין איר דערפֿילט זיך...
און איצטער העלפֿט זי אים אַרופֿלייגן אַף דער אַרבאַ
די סאָטעס פֿון זײַן ערשט־פֿאַרלייגטן בינשטאָק.
— מיר לאָזן, בינען, אין א שווערן וועג זיך באַלד,
דער האָניק און דער גיפֿט האָט זיך א ביסל אויסגעמישט דאָ...
פֿאַראַן א טרייסט. א זיסע טרייסט פֿאַראַן איז דאָך,
ווי ס'זאָל דער ווייטעק איצט דאָס האַרץ ניט קלעמען, —
ווען ס'וועלן דײַטשן קויקלען זיך צוריק מיט בראָך,
אויך זיי וועלן די ערד מיט זיך ניט נעמען...

IV

די ערד וועט בלײַבן, ווי זי איז,
זי וועט נאָר עפּשער קײנמאָל אונדז דאָס ניט פֿאַרגעבן,
וואָס ס׳וועלן אױף איר טרעטן טאָמע, מערדערישע פֿיס
און אױף א צײַט פֿון איר ארויסרײַסן דאָס לעבן...—
ער האָט א יעדער לײַסטעלע באַגראָבן אין דער ערד,
באַהאַלטן אין איר אײַנגעוויײד די זאָמען פֿון געווירצן:
— מירן זיך, בינען, אומקערן צוריק אַהער,
און סטאַלינדאָרף וועט סטאַלינדאָרף ווי פֿריִ׳ר זײַן!..—
און זיך אַלײן געוועקט: די וועלט איז נאָך א וועלט,
ווי ווײַט און שווער ניט אַרויסקומען זאָל גײן אים...
נאָר ס׳וועלן בינען באַלד זיך אומקערן פֿון פֿעלד
און וועלן דאָ ניט טרעפֿן קײנעם...
— באַשעפֿעניִשן קלוגע! — גיט זיך מאַנציס א דערמאָן, —
זײ וועלן נאָכפֿליִען זיך לאָזן נאָך די פֿלײטים...—
געבלוטיקט האָט דאָס פֿעלד מיט רויטן מאָן,
צו דורכגײער געריסן פֿונעם פֿעלד האָבן זיך קווײטן.

V

אין פֿײַער זיך געבראָכן האָט אױף ווײַט דער האָריזאָנט.
אווי — פֿאַרגאַן, און אָנגעכאַפּט אווי פֿונסנײַ זיך.
ווען אָנזאָגן דער ערד וואָלט ער געקאָנט,
אין סוינעס פֿיס זאָל זי זיך אײַנהריזען און זײ צעבײַסן!
פֿאַרגעסן ווערן זאָל די רעכטע האַנט בא דעם, ווער אין זײַן הײם פֿאַרגעסט.
ער ווײסט: צעשײדונג ניט קײן פּרווו איז פֿאַרן האַרצן!
ווען קאָנען זאָל געשען א נעס,
אַז עפֿענען אין דר׳ערד זאָל פֿאַרן פֿײַנט אַן אָפּגרונט זיך א שוואַרצער
באַוויזן האָט ער אין דער לעצטער אײנציקער מינוט
דעם ברונעם מיט די הענט די אײגענע צעשטערן:
— דער „בכאָר״! — האָט אים באַנאָסן זיך דאָס האַרץ מיט בלוט.
און פּונקט ווי סאַם געפֿאַלן אין דער טיף זײַנען די טרערן.
דרײַ יאָר האָט ער דעם גרונט געגראָבן און געפּאָרשט,
ביז וואַסער האָט א שטראָם געטאָן מיט אַלע טאַמען.
איז זאָל ער דאָ דערשטיקט ווערן, דער דײַטש, פֿון דאָרשט,
און זאָל א יעדער טראָפּן פֿײַכטקײַט אים פֿאַרסאַמען!

VI

געוואַלגערט זיך אין פעלד האָט ווו-ניט-ווו א וויג,
ס'האָט מאַנציסן באַגלייט דער סטעפּ א טרויעריק-פּאָלאָזטער.
ער איז געגאַנגען דעם זעלבן וועג, ווי מיט א צייַט צוריק,
ווען ער האָט זיך געלאָזט צו סטאַלינען קיין מאָסקווע.
באַוואַקסן ער מיט בראָכע איז געווען פון האָרעוואַניע.
שוין ניט דאָס פּייסעכדיקע בעכערל געווען איז זייַן פאַרמעג,
איז ביטער-גאַל געווען דער טרויעריקער וועג,
און שווער געווען אַרויסרייַסן איז יעדן שפּאַן אים.
אַף נאַכטלעג האָט ער זיך מיט אַלע גלייַך געשטעלט,
דאָס פּי איבערגעציילט און אויסגעטאָן זיך באָרוועס.
נו, גאָטעניו, איז מען עס אויסגעגאַנגען א וועלט,
זינט מיטן נעפּעש ער אַרויס פון סטאַלינדאָרף איז...
ער איז געגאַנגען מיט די פיס איבער דער ערד,
און מיט די אויגן ז'ער געגאַנגען איבערן הימל.
א יעדער ווייַל האָט א בעהאָלע זיך דערהערט,
און אופגעגאַנגען א יעדער ווייַל איז א געווימל.

VII

פאַרטרויערט אויסגעזען האָט יעדער לאַם,
געהויבן האָט פון זיי די וואָל זיך ווי א נעפּל.
די ערשטע האָט אַן אָנפּלי אומגעבראַכט אין פלאַם,
די צווייטע — אָן א קאָפּ — א פּאַל געטאָן דערנעבן.
דער מיטן עלעל-טאָג האָט זיך געהויכט אין פּראַכט,
אין בלוט געשפּיגלט האָט פון זון דאָס גאָלד זיך.
ס'האָט קיינער ניט געלייגט אַף דעם קיין אַכט,
א טשאַטע יונקערסן האָט זיי מיט בלייַ געשמאָלצן.
צונויפגעפּליעסקעט האָט געווייַנ זיך מיט געוויין,
זיך אופגעשפּאַרט פאַר יעדערן זיך האָבן טהאָמען.
געלאָפן מ'איז. געזוכט מ'האָט זיך אַליין
און ניט געוווּסט, צי איז מען דאָ צי מ'איז ניטאָ מער.
ביזן וואָקזאַל האָט זיך צעשפּרייט א טויטער שלאָף,
געהויכט פון אַן אַרבאַ האָט ערגעץ זיך א שייַטער.
באַנאַכט האָט מאַנציס ניט געהאַט שוין מער קיין שאָף,
באַנאַכט האָט ער אין וועג אַוועקגעלאָזט זיך ווייַטער.

VIII

געמונטערט האָט ער זיך: ס'איז נאָך ניט אַלץ.
געקוקט די אויגן האָבן מילד פֿון אונטער שטויב און סאַזשע.
און ווען דער קו געטראָפֿן האָט אַ שפּליטערל אין האַלדז,
האָט מײלעך צוגעלייגט אַ ציכטיקן באַנדאַזש איר.
געשפּרייט האָט זיך אין רויך אַ וווּנדיקער דער ראַנד,
דערמאָנט האָט זיך מיט ווײ די אָוולדיקע היים אים.
דאָס שטײַגל אויפֿעס ט'ער געטראָגן אין דער האַנט,
אים נאָכגעגאַן איז די פֿאַרוווּנדעטע בעהיימע.
— ס'איז שווער אַ בעזשענקע צו זײַן, ס'איז שווער, —
האָט ער פֿון ווונד אירער געיאָגט די בײַסנדיקע פֿליגן.
באַנאַכט האָט זי אַ פֿאַל געטאָן צו דר'ערד
און שוין אַזוי אין וועג געבליבן ליגן.
געזעגנט האָט זיך מײלעך מאַנציס מיטן מעס,
אַדורכגעגאַנגען פֿאַר די אויגן אים זײַן אָוולדיקער הויף איז.
— גאַמ זו לעטויוועו! — האָט ער שטיל דעם וועג געטאָן אַ מעסט
און זיך אַוועקגעלאָזט שוין בלויז מיט די יעסומעדיקע אויפֿעס.

IX

עס האָבן זיך געוועקסלט לאַנד מיט לאַנד,
און אויך אין טײַכן ניט געוועזן איז קיין מאַנגל.
געגאַן זײַנען קאָלווירטניקעס קיין קאַזאַכסטאַן,
און קיין טאַשקענט זײַנען קאָלווירטניקעס געגאַנגען.
דאָס ערשטע מאָל בײַ בערג צוגאַסט,
פֿון די צופֿוסנס ביז די קעפּ מיט גרינס באַוואָקסן,
זײַנען קאָלווירטניקעס געגאַנגען אַף קאַווקאַז
מיט די געראַטעוועטע שאָף, מיט רינדער און מיט אָקסן.
איבערגעהאַקט דער דאָן האָט מיט זײַן שטילן שטראָם
דעם וועג דעם טרויעריקן פֿון די פּליטים.
אַרופֿגעשטופּט האָט מײלעך מאַנציס זיך אַף אַ פּאַראָם
אײנײנעם מיט די אויפֿעס — זײַנע אײנציקע באַגלייטער.
און סקריפּענדיק איז דער פּאַראָם געגאַנגען גלײַך,
מיט אַ הו-האַ פֿאַרכאַפּט אַן אָרט זיך יעדערער פֿאַרפֿרי'ר האָט.
— עס האָט פֿון אַלץ זיך אויסגעלאָזט אַ טײַך, —
האָט מײלעך, שווימענדיק אַפֿן פּאַראָם, געכקירעט.

X

— אבי מע לעבם! — האָט מענ געטאַפּט זיכ שטומערהייט.
— אבי מ׳איז דאָ! — געהערט פונ יעדנ זיכ א שטימ האָט.
נאָר ס׳האָבנ זיכ די אויפעס מיטאמאָל צעקרייט.
וואָס לייגנ זיי אזוי די וועלט איַינ, גאָט אינ הימל!
דעמ פאכעד אָנגעזאָגט די ערשטע האָבנ זיי,
אונ אלצ אפנ פאראָמ א שטויס געטאָנ האָט דאמאָלט.
דערנאָכ האָט זיכ א שפּאלט געטאָנ אזא געשריי,
דערנאָכ האָט אלצ זיכ אויסגעמישט צוזאמענ.
געדרייט האָט זיכ א שפּארבער אינ די וואָלקנס הויכ,
געהערט האָבנ אימ אלע מיט פארמאכטע אויגנ,
אונ א פרילישעטער האָט מיילעכ זיכ דערזענ אינ רויכ
אפ א שטיק האָלצ. די אויפעס — איבער אימ, אינ שרעק צעפלויג
עס האָבנ אָנגעזענ זיכ קעפּ, אונ הענט, אונ בערד,
אונ פונ זיכ טרינקענדע געגאנ זייַנענ געשרייענ.
דער הימל איז געלעגנ אפ דער ערד.
קיינ ערד איז ניט געווענ. געוועזנ ווינד אונ וויי איז.

XI

ווי פונ אנ איי האָט פונ דער הייכ אר׳יסגעפיקט זיכ באלד
א שטורעמ-פויגל — גראד אונ האסטיק.
— נו, זאָג קאפּוט, פאשיסטישע ארבא!
מירנ דיר טייקעפ צולייגנ א הייסנ פלאסטער! —
ס׳האָט מיילעכ אפ זייַנ ברעט געאָרעמט שוינ א קינד,
געטרייסלט עס אונ, קרעכצנדיק, אפ דעמ געאָטעמט,
אונ איבער אימ האָט שוינ דער איינס-אפ-איינס באגינט,
קיינ איב׳ריקס זיכ אינ הימל ניט פארצויגנ האָט ער.
אונ ווי אנ אָנגעצונדענער פארקרימטער האָנ,
ארויסגעהויכט פונ זיכ די דייַטשישע, די טאָמע פארע,
האָט זיכ א פליוכ געטאָנ דער יונקערס אינעמ דאָנ,
אונ ס׳האָט מיט שוימ דער טייַכ גענומענ אימ פארשפּארנ.
אדורכגעשווומענ מיילעכ מיטנ קינד בעשאָלעמ איז דעמ דאָנ,
דאָס הינער-שטייַגל, א צעקנאקטס, פארטראָגנ ס׳האָט דערנעבנ.
— נו, איצטער, — האָט ער אלע ווייַל א קרעכצ געטאָנ, —
איז פּאָשעט שוינ א מיצווע — בלייַבנ לעבנ!

22. דער שפיגל

I

באם אומגליק אינ דער פאנשטשינע געשפאנט,
פונעם בייזיאָר דעם פינצטערנ געפלעטע,
דרייַ טעג דרייַ קייַלעכדיקע נאָכאנאנד
געשלעפט האָבנ זיכ יידנ צו דער געטאָ.
א טרויעריקער צוג געשטוקעוועט פונ בראָכ,
אנ אויסגעלאטעטער פונ אומגליק אונ פונ אימע,
האָט זיכ געדוכט — פונ איינ עק וועלט ביז צו דעמ אנדערנ אונ נאָכ
גייט, איבערהיפערנדיק לענדער, היימענ...
געגאנגענ פיבערדיק. געקרעמפעוועט דעמ וויי,
גלייַכ ווי מיט פיס מיט הוילע איבער פייַער,
עפעס געזוכט אינ דעמ צעטומלטנ פארוויי
אונ זיכ געאייַלט, פונקט ווי מע גייט אפ א לעווייַע.
געטראָגנ זיכ אנטקעגנ האָט די געטאָ אופגעפראלט,
ווי זי וואָלט ביזנ האלדז אינ פייַנ דאָרט שווימענ,
אונ אפ ארומ האָט זיכ געהויכט דער בעלאָוועזשער וואלד,
מיט שפיצנ ביימער רייַסנדיק דעמ הימל.

II

— ווער ווייסט דענ אפ ווי לאנג? — האָט קרעכצ בא קרעכצ געפרעגט
אונ בליק בא בליק געפאָרשט האָבנ צעדולטע.
נאָר מיטגעשלעפט האָט מענ די אָרעמקייַט אינ זעק,
אפ קינדער-וויגעלעכ, אינ טאטשקעס אונ אינ מולטערס,
אונ אפ די דארע אויסגעהאָרעוועטע הענט,
אונ אפ די פלייצעס מיט דער אָפגעשיילטער קאָרע,
אריינגעגאנ איז יעדערער געפענטעט פונ פארלענד
מיט שוסטער-בענקעלעכ, מיט ניי-מאשינעס אונ מיט כפאָרימ.
אינ דר'ערד אריינ פאר וויי געקראָכנ איז דער וועג,
די געטאָ האָט — ווי אפ א מעס א גרוב — געווארט שוינ;
בא וועמענ זיכ געשפארט אונטער דער פאכווע האָט א זעג,
בא וועמענ פונ דער קעשענע א הובל האָט געסטארטשעט.
אונ קאָלדרעס, טאלעס-זעק, אונ טעפ,
אונ טרויער, וואָס פונ דאָר צו דאָר געגאנ איז בעירושע, —
דאָס אלצ האָט זיכ געטאָנ צוזאמענ א פארוועב
אונ זיכ באוועגט דרייַ טעג, ניט ווי סנדיק קיינ רו שוינ.

III

כאַנינע דער צירולניק איז געגאַנגען בײַ א זײַט.
פֿאַרכושט. אײַנגאַנצן ניט קיין היגער.
דעם טוטל ער אין בוזעם האָט באַשטאַט. די אויגן — ווײַט.
און אָפּגעדעקט געטראָגן ווי א פאָן האָט ער דעם שפּיגל.
זיך אָפּגעשפּיגלט האָט אין אים דער הימל און די שײַן,
דער גאַנצענער ארום האָט זיך אין אים אַרײַנגעבעט דאָרט,
און ס׳האָט געדאַכט, אז ס׳טראָגט די וועלט אַרײַן
כאַנינע דער צירולניק אין דער געטאָ.
איז ער געגאַנגען בײַ א זײַט, געהיט,
פֿון דער בעקאָוועדיקער לאַסט א ביסעלע זיך וויגנדי;
און פֿאָרזיכטיק געמאָסטן זיך אַליין די טריט,
ס׳זאָל כאַס־כאָלילע ניט געשען דאָרט עפּעס מיטן שפּיגל.
ער איז געווען פֿאַרכושט און איבעראַשט.
די אָדערן האָבן דעם האַלדז געמען אים פֿאַרציִען.
ס׳איז פֿון דער היים אים נאָכגעגאַנגען דער טשאַרדאַש,
אים נאָכגעוויינט האָט פֿון דער היים דער „אײַלי־ציִען"...

IV

געטראָגן אפֿן בויך זײַן מאַמע האָט די שטול,
וואָס ס׳האָט אַף איר די שטאָט געשוירן און געגאָלט זיך.
זי פֿלעגט אזוי מיט נאַכעס אָנגעלעבטן פֿול
באַם שפּיגל אין צירולניע זיך אַוועקשטעלן א שטאָלצע
און זען דורך אים מיט גרויס געניס,
ווי אפֿן טוטל שפּילט כאַנינע אינעם אַלקער, —
א פֿוס פֿאַרוואָרפֿן אַף א פֿוס,
מיט א פֿאַרטראַכטן בליק צום גרינעם באַלקן,
און זען דורך אים דאָס פֿענצטער צו דער גאַס,
און זען דורך אים די גאַס מיט יעדער ליקל,
באַמערקן, ווער סע גייט: צי ס׳איז א קונד, צי ס׳איז א גאַסט,
און אַף דער גיך א הויך טאָן און א וויש געבן. דעם שפּיגל...
און ווען זי האָט דערזען, אז ס׳גייען נאָך און ס׳קומען נײַע אָן,
האָט זי א רוף געטאָן דעם זון מיט אַזא מילדער מינע:
— גיי שוין אַרײַן, כאַנינע, אין סאַלאָן,
מע קאָן דיך פֿונעם טוטל גאָר ניט אָפּרײַסן, כאַנינע!..

V

אצינדערט שלעפט זיך אפ כאנינעס פלייצע דער סאלאָן,
דער גאנצער הימל האלט אין אים אין איין זיך וויגן,
פארוואָס-זשע זעט דער אלקער זיך אין אים ניט אָן? —
האָט בא זײַן מאמען זיך דאָס שאלעכל געגעבן א צעוויקל...
דעם קאָפּ נאָך ראכמים רײַסנדיק אין ערגעץ הויך,
האָט זי די שטול געטראָגן מיט אזא מין אימפעט,
ווי ס׳טראָגט א מעובערעסע די לעצטע שאָ דעם בויך,
איידער סע וואלגערט זי אוועק דער קימפעט.
פארשטעלט דער שפּיגל האָט פון אירע אויגן אלץ,
און אָפּגעשטויסן, א פארפרעמדטע, האָט די גאס זי.
אנטקעגן צוגעגאנגען דער אומגליק איז צום האלדז,
פון אונטן נאָכגעשלעפּט האָט זיך אין בראָך דאָס מאזל.
זי האָט אפילע ניט געטאָן קיין מינדסטן טראכט,
ניט אײַנגעפאלן איז איר, טראָגנדיק דעם בראָך-שטול,
אז קונדן בא כאנינען וועלן זײַן איצטער א סאך,
און בא די גריבער ווארטן זיי, צעלאָזט די האָר שוין...

VI

זי האָט געגעבן א דערמאָן זיך יעדער ווײַל,
וואָס מיטנעמען פונעם סאלאָן איז איר ארויס פון זינען.
אויך דאָ האָט זי, ווי שטענדיק, אים געײַלט,
אים אלע מאָל זי האָט א רוף געטאָן: „כאנינע!“
און ער האָט ווי אפ אײַז די פיס געשטעלט,
דעם האלדז צו זײַן פארמעג געדרייט, דעם ווי געגעבן א צעזיגל:
נא, קוק זיך אָן, פאסקודנע וועלט!
נא, שפּיגל זיך נ׳כאנינעס שפּיגל!
מע וואָלט שוין אָפּגאָלן באדארפט פון דיר דאָס מיטט,
וואָס האָט זיך אפ דײַן פּאָנעם אזוי ברייט צעוואקסן. —
געווען בא אים די אויגן זײַנע וויסט,
עס האָבן צו דער ערד געצויגן אים די אקסל,
די מאמע זוכנדיק — צי איז זי דאָ צי שוין נישטאָ,
די אומבאקאנטע שוועל פון אונטערגאנג באטרעטנד,
איז ער — אונטערן שפּיגל — מיט דער גאנצער שטאָט
ארײַן — ווי גלײַך אונטער א כופּע — אין דער געטאָ.

23. די לעצטע אסיפע

I

ווו — מיט געלאפ, ווו — מיט פארטיי׳טנ טראָט,
ווו — אפנ בויכ פונ ריוו צו ריוו מיט בראָכ געבעטע,
אדורכגעגאנגעוועט שטיל א פארטיזאנ זיכ האָט
פונ בעלאָוועזשער וואלד צום טויער פונ דער געטאָ.
זיכ אָפגעקער׳וועט האָט איג שאנד א יעדער שוועל,
געוועג פארהײַטלט-אויסגעלאָשנ זײַנענ פענצטער.
דערנידעריקט האָט אימ דאָ אויסגעזוענ די וועלט,
אונ מענטשנ — שאָטנדיק, געשפענסטיק...
געקוקט אפ אימ פארכאלעשט האָט די גאס, —
צי האָט זי כוצנ אומגליק נאָכ אפ עמעצנ צו ווארטנ?
ניט ניכע זײַנענ איר געווענ די וועקנדיקע טריט פונ גאסט,
ארײַנדרעמלענ אינ טויט, ניט אופגעוועקטערהייט, האָט זי געגארט דאָ...
אונ גליק האָט גלײַכ אימ צו זײַנ כאווערטע געבראכט, צו נוימינ.
עס האָט א האָפענונג אינ הארצ געטאָנ זיכ א צעוויג,
זיכ אָנגעצונדנ האָבנ אופגעוועקטע טרוימענ...

II

— וואָס הערט זיכ דאָרט? — האָט גליק געטאָנ א פרעג.
— ווי האלטנ אונדזערע? — איז נוימי זיכ פארגאנגענ.
— ס׳איז אלצ אינ אָרד׳נונג! מיר פארקירצנ זיי די טעג,
נאָר ס׳איז דערווײַל אינ אלצ צוביסעלעכ א מאנגל. —
ס׳האָט גליקנ גלײַכ דער פארטיזאנ פארטרויט
די סיבע, וואָס געבראכט האָט אימ אינ געטאָ.
איז גליק אוועק אינ יידנראט: — איר פילט באפעלנ אויס פונ טויט,
איצט א באפעל פונ לעבנ אויספילנ דאָ וועט איר! —
געקוקט אפ אימ מ׳האָט מיט בײַזווונדער: — נו, דערציילט! —
דערציילט האָט גליק: — ניט ווײַט פונדאנענ
אינ וואלד זיכ שלאָגט א פארטיזאנער-טייל.
א דאָקטער מע באדארפ. פארוווּנדעטע זײַנענ פאראנענ! —
ווי פונ א ווינט האָט זיכ דער יידנראט געטאָנ א וויג,
א קרעכצ אדורכ איז, ווי אינ ביימער, ביז די שטאמענ.
נאָר מיט א דאָקטער איז דער פארטיזאנ אוועק צוריק,
ווו — מיט געלאפ, ווו — אפנ בויכ. באנאנד, צוזאמענ.

III

דער אומגליק זעטיקט זיך אין ערגעץ דאָ ניט אָן,
ס׳קומט צו דער איימע אין גלעויער ניט קיין זעט אָן.
געווען איז אין דער געטאָ א שפּיטאָל,
געווען דאָקטוירים זײַנען דרײַצן אין דער געטאָ,
אַף אלע דרײַצן האָט אצינד דער קאָמענדאנט געוואָרט,
אַף אלע דרײַצן האָט דער טאליען פּריק געהאט א צעטל,
נאָך די אוועקגעגאנגענע האָט זיך געיאָגט די דײַטשע וואך,
דעם פּארטיזאן דעריאָגט, דער דאָקטער איז שוין צ׳ריק אין געטאָ,
און ס׳האָט דער מאלכאמאָוועס זי צעפּראלט,
דאָקטוירים אופגעמאָנט, צווײ שאָ געגעבן צײַט זײ, —
איב ניט ארויסגעבן דעם דאָקטער מ׳עט אים באלד,
איז וועלן הענגען און זיך הוידען אלע דרײַצן!
איז האָבן זיך פארזאמלט די דאָקטוירים אַף א ראט,
זיך אויסגעזוצט זײ האָבן אלע דרײַצן!
קיין צײַט קיין סאך זײ האָבן ניט געהאט,
צום מאלכאמאָוועס מיט אן ענטפער מ׳האָט געײַלט זיך.

IV

און אופגעשטעלט האָט איינער זיך פון שטול
און מיט אראָפּגעלאָזטע אויגן פאָרגעשלאָגן בײַניק:
— איך בין דער עלטסטער צווישן אײַך. איך נעם אַף זיך די שולד.
צום לעבן איז אלציינס געבליבן מיר שוין ווייניק. —
א ציטער דורכגעגאנגען איז דורך דעם ראט,
נאָר דער צוריקגעקומענער עס אָפּגעווענדט אליין האָט:
— די עלטער איז קיין סיבע ניט פאר שיינעם טאט,
די יונגקײַט איז קיין סיבע ניט פאר קיין געמיינהײַט. —
האָט אופגעשטעלט אן אינוואליד זיך אין דער הייך
אַף קוליעס צוויי און מיטן בליק — אין ביידע זײַטן:
— איך בין ביז העלפט אין האָלץ! דער רעשט איז אויך
שוין ניט פאר גאָט און ניט פאר לײַטן. —
און יעדער איינציקער האָט פאָרגעלייגט דעם קאָפּ,
און יעדער איינציקער האָט פאָרגעלייגט דאָס לעבן,
און אָט אזוי איז שטום אן אָפּשטימונג אראָפּ:
ס׳וועט קיינער פון די דרײַצן ניט ארויסגעבן!

V

אזוי האָט מען געפּאסקנט דעם גזאר-דין,
דער ענטפער זאָל דעם טאליען צו דער צײַט זײַן.
אין געטאָ איז געווען א בלוטיקער באגין,
און אופגעהאנגען האָט מען אלע דרײַצן.
אין שויבן האָט געפלאקערט דער באגין, ווי אלעמאָל,
און אויסגעגאָסן אפן גאס האָט זיך דאָס טויטע צאנקען.
געווען איז א באפעל פארברענען דעם שפּיטאָל
און ניט ארויסלאָזן קיין איינעם פון די קראנקע.
ס'האָט פון קיין האָן זיך ניט געהערט קיין קריי,
ניט קיין געוויין, ניט קיין יעלאָלע פון די מאמעס.
געהוידעט האָבן זיך די דרײַצן אין איין ריי,
און פון שפּיטאָל מיט א געקרעכץ געגאנגען דער פלאם איז.
פון נוימ'ס שטוב געזען האָט גליק די פּאנאָראם,
אין יענער נאכט ער ניט צעשיידט האָט זיך מיט נוימין,
אין יענער נאכט האָט ער געשווירן בא דעם פלאם
ניט לאָזן פונעם אומגליק זיך באצוימען.

24. אן אָנפלי

I

אן אויסגעפּוצטער האָט זיך קלאָפּס באוויזן אפן פלאץ,
ווו ס'האָבן קאטאָרזשניקעס קנעכט געפּאָכט מיט די נעשאָמעס.
פון אָנגעבלאָזנקײַט, געדאכט האָט זיך — ער פּלאצט,
פון ערנגײַץ — ער אף די פיס געשטאנען קאָם איז.
אן אויסזען ער האָט דאן געהאט אזא
מיט זײַנע זאטע אייגעלעך, פארשווומענע אין אייטער,
ווי ער צעפּרעגט וואָלט זיך בא יעדער זאך:
וואָס טוט מען נאָך? וואָס מאכט מען ווײַטער? —
ער האָט דאָך שוין אוועקגעשטעלט א וועלט א האלבע אף די קני,
געשמיסן האָט ער דאָך א האלבע וועלט שוין אייגנהענטיק.
וואָס נאָך צו אלדי טײַוולען פעלט אצינדערט אים,
ס'פעלט דאָך פון יעדער קייווער אויך אף אים א כילעק רענטע!
פּונקט ווי אן אומז־כטיקסטן טייל פון זײַן מאיאָנטעק,
און אפן זייגער פינקטלעך קאָנטראָלירט,
וויפל ס'טראָגט יעדער קאטאָרזשניק אריין אים אף זײַן קאָנטע.

II

אין בראָך איז א צעטרייבערטער געלעגן א וואָקזאַל,
ווי איינגעווייד געוואַלגערט אַף אַרום האָבן זיך ציגל.
עס האָט פאר קלאָפּסן ניט געהאַט קיין ווערט בעדערעך-קלאַל
זיך אַף דער כורווע אופהייבן, מע זאָל אַף ווײַט אים זען, דעם זיגער,
נאָר אומבאַוועגט איז ער געשטאַנען, ווי א געץ,
וואָס דעמפּט אליינ פאר זײַנעטוועגן ווײַרעך,
אזא ניט-צוטריטלעכקײַט האָט געזעצט
פון זײַן מונדיר, געשטאָפּט מיט גיר און גײַווע.
עס האָט זײַן שאַץ געטראָגן זיך פון דײַטשלאַנד 'אין א באַן,
ער האָט דאָ מיטן קרייַץ דעם אײַזערנעם באַדאַרפט פאר איר א שײַן טאָן.
דערהערט האָט זיך א רויש פון א סאָוועטישן ערָאָפּלאַן,
פון נאָך איינעם און פון א גאַנצן נײַנטל.
געבליבן הענגען זײַנען זיי אין הימל אַף א ווײַל,
ווי פון דער הייך באַדאַרפט זיי וואָלטן עמעצן דערקאָנען.
און אין דעם אופגעפליגלטן אליאַרעם און געוויל
צעלאָפן זײַנען די געפאַנגענע זיך אונטער די וואַגאָנען...

III

אויך קלאָפּס האָט בליץ-שנעל זיך געטאָן א לאָז,
ניט ווייסנדיק אליינ אין ערשטן אויגנבליק וווּהין נאָך,
בלויז מיט די אויערן געגומענע מאַכן, ווי א האָז,
אַן אָנגעפּרעסטער, א גראָבער און א גרינגער.
ניט לעבעדיק, ניט טויט אדורכגעשלײַכט צו א וואַגאָן,
און ווי א הונט א שמעק טאָן אונטער אים באַמיט זיך,
אַז די באַשיידענע באַהעלטעניש זאָל, ווי זי קאָן,
מיט וואָס-ניט-איז דעם דײַטשן אויבערהאַר באַשיצן.
און אָנגעבויגן האָט ער זיך, ניט לעבעדיק, ניט טויט,
מיט שווייס דאָרט אונטער איר אדורכגעשפּאַרט זיך.
אַן איינפאַכע טעפּלושקע, אונטן — איינפאַך קויט.
דער רייעך, דאָנער-וועטער, ניט געווען איז אים צום האַרצן.
געשמעלצט האָט אונטער איר דער קויט זיך אומעטום,
נאָר וואָס פאַר א באַטרעף האָט קויט, ווען ס'אַליאַרמירט דער הימל?
פאַרגעסן קלאָפּס האָט אין זײַן שטאָלץ און רום
און זיך א וואָרף געטאָן, גלײַך ווי געלאָזט זיך שווימען.

IV

ס'האָט קלאָפּס געמאכט זיכ הארצ בא יעדנ קנאל,
אפ אלע פיר זיכ טרייסלענדיק מיט זידלערײַענ:
אוועקלײגנ באדארפ מענ זיכ אפ יעדנ פאל,
ס'איז זיכערער! — אונ זיכ א בײג געטאָנ אינדרײַענ. —
אזוי איז בעסער! נאָר די עקסקרעמענטע!.. אָ, קײנ ריר...
די רוסנ, דאָנער-וועטער, האָבנ עס פאר אים באשטאט דאָ!..
געווענ באדארפט דערווארגנ האָט ער זײ נאָכ פרי'ר,
ביז אײנעמ! אלעמענ! פארשפּעטיקט! שאדע!.. —
אראָפּגעסליוניעט האָט דער קרײצ דער אײַזערנער בא אימ פונ לאצ,
זיכ מיט דעמ גלאנצ אינ קויט ארײַנגעזויגנ:
אכ, ליבער גאָט! ווער ווײסט, צי זי, זײַנ שאצ,
איז ערגעצ מיטנ גאנצנ עשעלאָנ ניט אופגעפלויגנ!.. —
אימ אָפּגעענטפערט האָט א קנאל. אינ זײַנ פאראד-מונדיר
האָט ער איבער דער צויע זיכ גענומענ שארנ.
אונ בא דער זײַט, אנ אָרט פארכאפּט פארפרי'ר,
געלעגנ איז דער ייִד, דער קריגס-געפאנגענער גוראריע.

V

„ס'איז דאָ ניט ווײַט!" — א זאָג געטאָנ גוראריע האָט פאר זיכ,
ווענ א פוגאס האָט לאכנדיק געגעבנ א מעלויצע,
אונ האָט דערלאנגט א קוק דעמ הערשער אינ געזיכט,
ווי ער וואָלט אפנ ווונק אימ פאָרגעלײגט אנ אײצע:
„די קישקעס, קלאָפּס, די נאָבעלע באשטאט,
דעמ קאָפּ באדארפ מענ נידעריקער אָנבײגנ, הער אָבער".
ווענ קלאָפּס האָט אימ א קײוור זיכ אלײנ געהײסנ גראָבנ,
„דאָס זײַנענ אונדזערע!" — האָט אימ גוראריע מיטנ בליק געדעקט,
ער האָט געזענ, ווי ס'טרײסלט זיכ בא אימ א יעדער אײווער.
„דערווײַל, זאָגנ זײ, קלאָפּס, דיר, קריכ אינ דרעק,
אונ קומענ וועט די צײַט, איז קריכנ וועסטו אויכ אינ קײווערנ!"
א גראָב געטאָנ האָט קלאָפּס דאָס פּאָנעמ אינ דער ערד,
ניט זענ די כארפּע זײַנע זאָל דער ייִד גוראריע.
ס'האָט דער פוגאס א ווײַלע אויסגעגלײַכט די קנעכט
מיט די ניט-טויט, ניט-לעבעדיקע אויבערהארנ.

VI

— גענוג! — האָט קלאַפּס א ביסל מיסט פונ מויל א שפּײַ געטאָנ,
זיכ מיט די היפּטנ װענדנדיק צו דער געפאַר אונ צו די שכײנימ,
װענ אופגעהערט האָט איבער אימ זיכ טרײסלענ דער װאַגאָנ,
מע זאָל דערמאָנענ זיכ, אז ער איז קלאַפּס, אונ לאָזנ גלײַכ אלײנ אימ!
אלײנ האָט ער געװאָלט פאַרבלײַבנ מיט זײַנ קאַס,
אלײנ פאַרבלײַבנ מיט זײַנ נאָבל-ריטערלעכער בושע,
אז קײנער זאָל ניט זענ, װי אַפ דער אָפּגעשמיסנ-טויטער גאַס
װעט ער ארויסקריכנ אַפ אלע פיר פונ אונטער דער טעפּלושקע.
ער איז געװענ געשטעמפּלט אומעטומ מיט קויט,
דער דאַשעק פונ זײַנ הויכער הוט געװענ: אויסגעדרײט איז,
אונ ס'האָט פונ אימ געװאָרנ ביז אונטער דער הויט,
אונ בײַגעװענ אַפ דעמ פאַראַד זײַנענ אזויפיל אײדעס...
— זײ טאָרנ, דאָנער-װעטער, מער קײנ רעגע אימ ניט זענ, —
צעפּרעגלט האָט אינ אימ דער נאָבעלער פאַרדראָס זיכ.
אונ קראַצנדיק פונ זײַנ מונדיר די בלאָטע מיט די הענט,
האָט ער זײ מוטיק אינ דער נאָ'נטסטער ייִדנ-אקציע אײַנגעשלאָסנ.

25. א שטאָט אַפ דער אקײדע

I

זיכ צוגעהערט האָט שטאָט צו שטאָט,
געװאַרט אינ טויטער שטילקײַט אַפנ אומגליק.
מע האָט געװוּסט, א װעלכע איז שוינ מער נישטאָ
אונ װעלכע ברענגט מענ ערשט נאָכ אומ דאָרט.
די אײמע אָפּגעטראָגנ האָט עס באַלד,
געבראַכט עס גלײַכ אינ יעדער שטוב האָט:
אלצײנס — באַהאַלט זיכ, ניט באַהאַלט! —
האָט טויב דער גורל אויסגעטופּעט...
דער טרויער איז ארומגעגאַנ צוגאַסט
פונ שטאָט צו שטאָט, פונ דערפעלע צו שטעטל —
אונ דאָס, װאָס אויסגעקרעכצט האָט יעדער גאַס,
האָט עס דער טרויער, שװײַגנדיק, באַשטעטיקט.
געהערט אַפ װײַט האָט זיכ דעמ אומגליקס טראָט,
בא שװעלנ אָרעמע, בא שװעלנ נאָ'נטע,
ס'האָט װער זיכ אָפּגעלאָזט אַפ גאָטס באַראָט,
אונ װעמענ ס'האָט דער װעג װי מיט א שלײפ פאַרפּלאָנטערט.

II

אין יעדער ייִשעוו האָט דער אומגליק זיך געשטעלט,
א פאנצער האָט באדעקט ביז צו די סאמע טריט אים.
צום טויט ער ייִדן האָט געיאָגט פון גאָר דער וועלט,
און ייִדן אומגעפירט אָפּ צוגן צו דער שכיטע.
מיט א געקאָוועטן פּירעקעדיקן קאָפּ,
ווי מיט א קעסל-פּויק אָפּ א בייזווונדערדיקער כאָגע,
איז יענעם טאָג ער אין א שטאָט אריַין לעם גראָנאָטאָפּ
און גלײַך באזעצט זיך אָפּ דער אלטער סינאגאָגע.
דערזעג די שטאָט ער אונטעי זיך האָט גלײַך,
דערזען א פאל טאָן האָט ער באלד זי אין דער נידער.
די הײַזער אויסגעציילט, פון אָרעם און פון רײַך,
און אויסגעציילט פון קליין ביז גרויס די ייִדן,
און אונטערוועגס — א לאנגע טרויעריקע ריי —
מיט קרעכצ פון קייטן און מיט ווינטיקן געאכפער
אים זײַנען צוגן נאָכגעגאנ מיט ייִדן פונעם ריין,
אים האָבן צוגן נאָכגעפאָלגט מיט ייִדן-פּראכט פון האמבורג.

III

געשטעמפּלט מיט סימאָנים פאר די העק,
מיט צייכנס פאר די שעכטהײַזער געשטעמפּלט.
און ערגעץ אין דער פינצטער, טאפּנדיק דעם וועג,
אָפּ מאלכאמאָוועסדיקן פּײַפ, געזאלצענעם און טעכפּן,
באנומען און בארויבט — ביז לעצט,
בלויז מיט די שארפע בליקן, גלײַך ווי פאר געפעכטן,
האָבן דעם אומגליק ייִדן נאָכגעפאָלגט פון מעץ,
געשלעפּט אין צוגן האָט ער סאָכרים פון אנטווערפּען.
זיי האָבן זיך אָפּ קיין וואָקזאל ניט אָפּגעשטעלט,
פארכאסמעטע, ווי קוואָרים, דורכגעאנ פארהוילן.
אָפּ שכיטע אָפּגעקייטלט מ׳האָט זיי שנעל
בא אויסגעשטאָרבענע פאָלסטאנעקלעך פון פוילן.
און אין באגאזש האָט ער געפירט מיט זיך, ווי אין א צאם,
באגלייט פון קרייצ, פון האק און מעסער,
א פראכט-וואגאָן מיט ייִדן-פּײַן פון אמסטערדאם
און פונעם אלטן פראָג דעם לעצטן ייִדישן פראָפעסאָר.

IV

פארפײַניקטע, געפּלעפּט אים האָבן זיי,
ס׳האָט זייער בליק געפּענטעט אים מיט פּאַכעד,
האַגאַם צום טויט געווען שוין נאָ׳נט איז זייער ריי,
האַגאַם פאַרקלעמט מיט שטאָל געהאַלטן זיי די וואַך האָט.
געגאַנגען ליכט איז אויך פון זייער צאַר
און דורך דעם קלעם ס׳האָט צו דעם הימל זיך געטוליעט.
קעגן דעם ליכט האָט, ווי אַ קנעכט קעגן דעם האַר,
אין שרעק דער זאָנדערפירער זיך געמאָרדעוועט אַ דולער.
געווען די הײם זייערע נאָענט איז און ווײַט —
אי אויף דער ערד אי בײַ די הימלדיקע ראַנדן.
ערגעץ אויף שטערן האָט געקוקט די גאַנצע צײַט
אַן אַמסטערדאַמער שלײַפער פון בריליאַנטן,
אַ זאָקן אַ פאַרכאָלעמטער פון פּראָג
געהאַלטן דורכדרינגלעך האָט צוגעמאַכט די אויגן,
פּונקט ווי אין שײַלעס און אין טשוּווע אַלץ פאַרבראַכט
וואָלט איבער צײַט דורך אים אַ פּילפּל זיך געצויגן.

V

צי האָט די שטאָט געוווּסט צי האָט זי ניט געוווּסט,
אַז אונטערפירעכץ נעמט דער מאַלכאַמאָוועס און די איימע?
נאָר ווינטלעך האָבן אומגעטראָגן בלאָנדזשענדיקן לוסט
אַ שפּיל טאָן זיך מיט טויטע בלעטער פון די ביימער.
ניט אָפּגעשטעלט אין וועג זיי קיינער האָט,
און קיינער ניט געפרעגט האָט זיי ווער גייט דאָ...
געלעגן אַ געבונדענע די שטאָט,
געווען די גאַנצע וועלט איז אַן אַקײדע.
און ס׳האָט געטאָגט. און ס׳האָט געטונקלט. און באַנײַט.
און בלעטלעך זיך געריסן האָבן טויטערהייט אַ שאָרך טאָן,
און ערגעץ אין אַ שטיבל האָט אַ מאַמע בײַ איר קינד
די צעפּ אויף שאַבעס כּפּילעדיק דערפלאָכטן,
און ערגעץ האָט אַ זייגערמאַכער אויסגעריכט די צײַט,
אַ גלעזער דורכגעקוקט האָט ווי אַ כאַלעפּל דעם דימענט,
ער וועט זיך נאָך אַרויסכאַפּן אין גאַס, ניט ווײַט,
אַרײַנשטעלן בײַ עמעצן אין שטוב אַ שטיקל הימל...

26. געפֿלויגן איז די גאָלדענע פּאַווע

I

צוויי קילאָגראַם פֿאַרמעג. אַ קלומעק באַ די פּיס,
און גאַנצענע יאָרטויזנטער — צוקאָפּנס...
אינעם וואַגאָן מיט ייִדישע מישפּאָכעס פֿון פּאַריז
צוויי שוועסטער האָט אַ צוג געפֿירט, צוויי שוועסטער גראַנאַטאָפּער.
מאָדיסטקעס לונגען־קראַנקע צוויי —
געווען שטענדיק שוואַנגער מיט דער לעצטער מאָדע.
און ס׳האָבן אָן אַ ליד די הענט באַ זיי
ניט צוגערירט זיך קיינמאָל צו דער נאָדל...
מיט צוויי און צוואַנציק יאָר צוריק
געלאָפֿן קיין פּאַריז זיי זײַנען פֿון אַ שכיטע, —
און ניט אַזוי באַזעצן אין איין שטאָט זיך מיטן גליק,
ווי ערגעץ פֿונעם אומגליק אין דער וועלט אַרײַן אַ פֿלי טאָן.
און אויסגעבענקט די היים מ׳האָט ביז די גרויע צעפּ,
און לידער אַף די ניי־מאַשינען טרויעריק געשטעפּט:
געפֿלויגן איז די גאָלדענע די פּאַווע איבער יאַמען,
לאָז גריסן, פֿויגל גאָלדענער, די האַרצעדיקע מאַמע!..

II

געכאָלעמט האָט זיך זיי די פּאַווע אינעם פֿלי,
זיי האָבן ניט געזען, ווי ס׳שפּרייט אַף איר אַ נעץ זיך.
מע האָט זיי גוט געקאָנט אַף רי־דע־ריוואָלי,
און גוט געקאָנט מע האָט זיי בײדע אַפֿן „פּלעצל“.
שוין צוויי און צוואַנציק יאָר — די בענקשאַפֿט טרעט ניט אָפּ,
שוין אויסגעגאָנגט דער מאַרך און דורכזיכטיק דער בראָך איז...
אַצינד געפּאָרן זײַנען זיי אַהיים, קיין גראַנאַטאָפּ,
צוזאַמען אין וואַגאָן מיט די גרויסאַרטיקסטע מישפּאָכעס.
די „לעצטע מאָדעס“ פֿירן זיי אין בײדע קילאָגראַם,
פֿאַרוואָרגט, וואָס ס׳ווערט אַ טעל פֿון די פּאַסאָנעס מינאַסטאַם...
די בײנער קלינגען איבער אין דער נאַכט זיך מיט די ביקסן.
געפֿלויגן איז אַזוי די פּאַווע איבער פֿעלדער,
און ס׳האָט דאָרטן אַ פֿעדער שוין אַ גאָלדענער געפֿעלט איר...
און ס׳דאַכט זיך, אַז דער צוג זיך יאָגט מיט אַ געוויין:
„ניט אַזוי די פֿעדער, ווי די גאָלדענע אַליין!..“

III

אדורכגעפלויגן גאָרע ערד אין טרויער און אין לופט
מיט האַרצעדיקע גרוסן פאַר ליבע טאַטע-מאַמע.
פון וועמען וועט די פאַווע איצטער אָפּגעבן א גרוס,
פון וועמען וועט זי פליִען איצט אריבער אַלע יאַמען?..
פאַרצוקט די גאַסן אָרעמע — זיך יאָגן צוג נאָך צוג
און רײַסן זיך דורך פינצטערניש די לעצטע צו פאַרצוקן.
די טירן זײַנען אָפן, די פענצטער זײַנען צו,
אַפּ גאַנעקלעך גייט קיינער ניט דאָס שטעטל צו באַקוקן...
און ס'קומען מער קיין כאַוועריעס קיין ליבע ניט צו גיין
און ניט מיט קיין געוויין, און ניט מיט קיין געהאַווע...
איז אויך אין וועג אַוועקגעלאָזט צום קיוועך זיך אליין
האָט ווי א טריבער זון-פאַרגאַנג די גאָלדענע די פאַווע.
ווי פעדערן די גאָלדענע געברענט האָבן די טרערן,
א יעדער טרער באַזונדער איז געפאַלן ווי א שטערן.
געוואָרגן זיך דער וועג האָט מיט איר גאָלדענעם געוויין.
ניט אַזוי דער קיווער, ווי דאָס גראָבן אים אליין...

IV

פאַרקריצט און נומערירט געוועזן אַלץ איז, ווי ס'געהער,
קיין מינדסטער טאָעס זאָל אין ערגעץ אין קיין אָס זײַן.
די צעטלען האָבן זיך געווידמעט און געמערט,
ווי דײַטשלאַנדס רײַכס-בוך פון פראָפיטן און האַכנאָסע.
דער זאָנדערפיורער האָט אין קאָפּ א צעטל נאָך געהאַט,
דער זאָנדערפיורער האָט אַפּ א דערהייבונג זיך געריכט שוין,
דער זאָנדערפיורער האָט מעלוכעדיק באַשטאַט
זײַן היימלאַנדס מאַיעסטעטישע בייסאַלמענדיקע ווירטשאַפט.
געשווינדלט האָט פאַר אים אין א גאַלאָפּ
דער ווילטיק פון זײַן בלוטיק-ראַשנדיקער יוגנט.
פאַר זײַן פאַרנעם געווען שוין קנאַפּ אין גראָנאַטאָפּ,
אים האָט באַשײַמפּערלעך שוין גראָנאַטאָפּ ניט באַגענוגנט.
צו לענדער האָט זײַן ווילטיק אים געצעגט,
דערשטיקטע שטעט אונטער די פיס זײַנע שוין זעט ער.
און עפּעס דאָך האָט אים פאַרפאָלגט א טריבע שרעק,
בא די פאַרורטיילטע געפילט זיך — א געפלעטער...

V

פארצויגנ שנעל ארומ דער שטאָט האָט זיכ דער שלייפ,
דער טויט האָט אלע דורכגענג שוינ געהאט דאָ.
נאָר ערגעצ האָט א באַנדער צוגעפאסט א רייפ,
פונקט ווי א גורט אפ א צעפאלנדיקנ קאדעפ,
אזא גערעטעניש אפ אוגערקעס! מ'האָט ניט געזענ נאָכ אזא צאָל!
איצט קאָנ אפ ווינטער זײַערנ דער גרעסטער קאפצנ!
דער מארק איז אָפגעשאָטנ. פול. בעזיל-האזאָל.
איז האָט מענ צו א יעדער קלעפקע צוגעכאפט זיכ.
אונ ווער עס זוכט. אונ וועמענ ס'איז א שאָד,
וואָס ס'קאָנ אזוי כאָלילע נאָכ אוועק דער זומער...
אונ אפ א קיווער-גרוב — די מאָס פונ גאָר דער שטאָט
האָבנ מיט פינקטלעכקײַט די דײַטשנ שוינ אראָפגענומענ.
עס גראָבט זי שוינ מיט זאסטעפעס די שטאָט אליינ.
אפ העלפט שוינ אויסגעגראָבנ. באלד. זי איז שוינ פארטיק.
ס'כאפט אינ דער שײַנ, ווי אינ א מאמע, אָנ זיכ גרויס אונ קליינ,
אונ צו די געלע גערטנער רײַסנ אויגנ זיכ פארטראכטע...

VI

געווענ אפ אוגערקעס איז א גערעטעניש אינ גראָנאָטאָפ,
נאָר עפעס פרעמד געקוקט זיי האָבנ פונדערווײַטנ.
די גרוב האָבנ שוינ ביקסנ ווי א פאס ארומגעקלאפט,
שוינ דאָס געשריי האָט ביזנ הימל זיכ געשײַטערט.
מ'איז אָנגעקומענ גאסנווײַז פונ שטאָט —
מישפאָכעס גאנצע אונ באזונדערע, אנ איידע נאָכ אנ איידע.
מיט ניט דערבראָקטע האָט דער קיווער זיכ געשטאָפט,
באפוילנ פרי'ר מ'האָט אויסטאָנ זיכ די קליידער.
פארטויבט פונ דעמ געקנאָט אונ דעמ געקנאל,
האָט איינער דאָכ געזענ, ווי ס'טוט דער צווייטער אויס זיכ,
אונ בלויז א שנײַדערקע, פארוויקלט אינ א שאל,
האָט פארנ טויט זיכ אָפגעזאָגט אנטבלויזנ...
זי האָט די הענט אירע פארבראָכנ אינ א קנופ:
— שיסט מיכ אזוי! — א וואָרפ איר קאָפ האָט פיבערדיק געטאָנ זיכ.
אונ פונ דער שטאָט געגאנ מ'איז אלצ נאָכ צו דער גרוב,
אונ ס'האָט די שטאָט אליינ אינ פיבער אומגעבלאָנדזשעט...

27. שיראָקא סטראַנא מאָיא ראָדנאיא!

I

ס׳איז אזא אײַלעניש געווען, אז אָניאָגן די שטאָט
האָט ניט געקאָנט קיין ווינט, ניט נאָר א בלינדע זקיינע.
און זי איז נאָך ארויס פארטאָג. זיך אפּ א שטעקן אָנגעשפּארט זי האָט,
זיך אָפּגערוט אין וועג, ס׳זאָל לײַכטער זײַן צו גיין איר.
מיט א צעלאָזטן שאלכל אפּן קאָפּ
האָט, א פארשטיינטע, זי געפירט די יינגסטע טאָכטער,
און ניט געוען, צי ס׳איז אָדעס, צי מינסק, צי גראָנאָטאָפּ,
צי ס׳איז די גאנצע וועלט און וואָס אזוינס ס׳קומט פאַר דאָ...
איר בלינדקײַט איז געווען אצינד ווי א פּאטא
בעיס דעם ראשיקן באזעצנס פון א קאלע.
און מיטאמאָל האָט זי די לופט געטאָן א טאפּ
און אפּ א פּויק אפּ א פארבלוטיקטן געפאלן.
— ווהין זשע גייט מען? — האָט זי, גאָרניט זעענדיק, געפרעגט, —
און ווי האָט עס א קינד אליין געלאָזט א מאמע?
אז ס׳כאקל אין אזא מעסוקענעם און לאנגן וועג
וואָלט מען באדארפט, ווי ס׳לעבן, אים, דעם איידעם, זיאמען!..

II

א לעבעדיקע עסט זיך זיאמעס ווײַבל אופּ:
מיט קינדער גייט די גאנצע שטאָט, און אָן א קינד איז זי אליין נאָר.
און אלע ווײַל גיט זי „יעהודעסל" א רופּ,
ס׳האָט עפּשער עמעצער געזען זי פון די שכיינים...
— איר קאָנט זי, לערער, דאָך! — האָט זי א ריס געטאָן דעם האלדז
צום שאָכן אין דער ריי, וואָס איז געגאנגען ווי א וואָלקן.
נאָר ער — צום קייווער, ווי פארדעקטן ברויט מיט זאלץ,
האָט א דערשאָסענע געטראָגן אפּ די הענט זײַן קאָמסאָמאָלקע...
א לעבעדיקע פון דער שטוב איז זי ארויסגעגאנגען מיט אים,
און אָנגעטאָן אפּ זיך דאָס קלייד דאָס סאמע נײַע.
און פּלוצעם האָט אין וועג צעקלונגען זיך איר שטים:
„שיראָקא סטראַנא מאָיא ראָדנאיא!.."
און גלײַך האָט זיך א שאָס א טרוקענער דערהערט,
א פאל געטאָן האָט זי מיט ניט פארמאכטע אויגן...
איז אופגעהויבן האָט דער פאָטער זי פון דר׳ערד
און אפּ די הענט געטראָגן זי צום קייווער ניט געבויגן...

III

און מיט א גאנצן יאם פון זאָרג אין בליק
האָט פונעם אוילעם זיך א ריס געטאָן דער וואסערפירער מוישע-ארן.
ער וועט א לויף טאָן אפ א ווײַלע הין און צ׳ריק,
ס׳וועט ניט געדויערן, באהיטן זאָל דער אייבערשטער אזוי פון צאר אים.
ער האָט פארגעסן אָנפּאָיען דאָס פערד,
דעם ניט געגעבן פאר אוועקגיין קיין טרונק וואסער...
עס האָט א שאָס א לאכנדיקער זיך דערהערט,
און אויסגעצויגן מוישע-ארן האָט אינמיטן גאס זיך.
ס׳האָט זיך געדאכט: ער לויפט נאָך אלץ...
ס׳האָט זיך געדאכט: ער שווימט מיט קלאפטער דורך די קלעמער,
און גאָר די ערד מיט בלוט ער פּאָיעט פונעם האלדז,
ווי פון זײַן וואסערפירערדיקן עמער,
נאָר ניט מע הערט, ער זאָל א „נאָ״קע טאָן צו דר׳ערד
און ניט קיין פּײַפּ, אז טרינקען זאָל זי פריילעך און געלאסן.
ער האָט פארגעסן, מוישע-ארן, אָנפּאָיען דאָס פערד,
ער וועט א לויף טאָן הי׳ן און צ׳ריק דעם געבן א טרונק וואסער...

IV

געגאנגען זײַנען פארבליבענע דעם טויט אנטקעגן גראד
פון אומעטום, פונוואנען יידן קאָנען גיין נאָר,
צוויי מיידלעך, שוועסטער צוויי פון לענינגראד.
א ייד פון מינסק. פון פערוואָמײַסק — א זקיינע.
פון קלומעקל בא איר האָבן זיך לײַכטער דורכגעשײַנט,
איר האָט דאָס קאָל אין האלדז איבערגעבערענט שוין
פון אויסשרייען, צי פרײַטיק אפ דער וועלט איז הײַנט...
געריכט האָט זי זיך אונטערוועגנס ליכט נאָך בענטשן:
קיין איין מאָל האָט זי ליכטבענטשן נאָך ניט פארפעלט,
און איצט, ווען צוגעשטעלט איז צו דעם האלדז דער מעסער,
זאָל מען ניט וויסן, צי ס׳איז פרײַטיק אפ דער וועלט,
דעם ערעוו-שאבעס זאָלן האָבן יידן שוין פארגעסן?!..
נאָר אָפּגעשטעלט האָט זי זיך פון א שטויס,
דאָס טיכל אפן קאָפּ א שאר ארופ געגעבן,
א לײַכטער איז בא איר פון קלומעקל ארויס,
און ווי א שטיין האָט זי א פאל געטאָן דערנעבן.

V

עס האָבן זי די קלעפּ פון הענקער ניט גערירט,
ניט שווער געמאכט האָבן די שטויסנדיקע טריט איר,
ווי א פארכאלעשטע אַפ דר׳ערד זי וואָלט דאָ ליכט
געבענטשט און טאָר ניט מאַפּסיק זײַן אינמיטן...
זי איז געלעגן א צעטראָטענע. און אַפ איר פאַל
האָט פון די מיידלעך צוויי דערהערט זיך א געשריי דאָרט,
געגאַנגען זיי זײַנען אײַנגעהילטע אין איין שאַל,
דעם גאַנצן וועג ארומגענומענע איינס דאָס צווייטע.
זיי האָט מען אופגעהויבן אײַלעוודיק פון בעט,
ס׳האָט זיי, ווי שטענדיק, אין באַגינען נאָך געשלעפּערט,
פאַרזעסן זײַנען זיי די נאַכט די פּאַזריקע זיך שפּעט
איבער א גאַנצן הויפן שילערישע העפטן,
און טרויעריק אַדורכגעגאַנגען די שול פאַרבײַ
זײַנען זיי, קוקנדיק אַפ איר ווי אַפ א מאַמע...
קיין לעקציעס וועלן הײַנט שוין מער ניט זײַן,
מיר וועלן לאַנג זיך ...לאַנג זיך הײַנט פאַרזאַמען...

VI

געטאַפּט דאָס קלומעקל האָט דאָרט אַן אונגאַרישער ייִד,
א יעדער ווײַלע מיטן בליק געגעבן א באַפאַל עס:
דאָס דריטע יאָר, ווי ער האָט, גייענדיק, געהיט
און אויסגעהיט אין קלומעקל דעם אַלטן טאַלעס.
דעם קאָפּ האָט ער געהאַלטן אַפ א זײַט,
אים נאָכגעגאַנגען די פּינצטערניש פון לעצטער נאַכט אין שטאַל איז,
געבעטן האָט ער זיך, ווען קומען וועט די צײַט,
באַגראָבן זאָל מען אים אין טאַלעס.
געטראַכט א לעבן-לאַנג און עפּעס ניט דערטראַכט,
אַפ זײַנע אויגן ניט אראָפּגעגאַנגען קיין שלאָף איז.
פון די קאַרפּאַטן אָן, ניט אופהערנדיק, טאָג ווי נאַכט
געיאָגט האָט זיך נאָך אים דער מאַלכאַמאָוועס
אין אַזא שווינדלדיקן באַרג-אַרוף און באַרג-אַראָפּ,
נאָר כאַפּן האָט זיך דאָך ניט אײַנגעגעבן דאַן אים.
אַצינד האָט ער דעם טאַלעס אָנגעטאָן איבערן קאָפּ,
פּונקט ווי אין שול, בעשאַס עס דוכענען קויהאַנים.

VII

און בא דער זײַט, אַן אָפּגעצערטער ביזן ביין,
די הענט ניט וויסנדיק, ווּ צו באהאלטן,
געגאַנגען איז, עפּעס רײדנדיק מיט זיך אַליין,
אין גאָלדענע פּענסנע, אַ קיִעווער בוכהאַלטער.
פאַרנעפּלט האָט זיך אים געדוכט פון ראַנד דער זוים,
צי די פּענסנע האָבן, פאַרהויכטע, אַלץ פון אים פאַרהוילן...
די אויגן איבער זיי אַ הייב געטאָן: פּונקט אָט אַזוי
איז מען געגאַנגען אין קיִעוו צום לוקיאַנאָווקער בעסוילעם,
פּונקט אָט אַזוי-אָ אײַלעוודיק און שנעל! —
געכעזשבנט דער בוכהאַלטער האָט דעם בוך פון לעבן...
אַ ווישׁ געטאָן האָט ער די גאָלדענע פּענסנע,
און ס'האָט די גרוב געטאָן אַ שווינדל שוין דערנעבן.
געבליבן ניט קיין סאַך איז שוין צו גיין,
אונטער די פיס האָט ערד גענומען ביסלעכווײַז שוין פעלן.
און מיטאַמאָל דערפילט האָט יעדערער, ווי ער איז דאָ אַליין,
אַ זעץ געטאָן אָפּ אַלעמען האָט אַזאַ קאַלטער עלנט...

VIII

זיי האָבן בא דעם ראַנד' פון גרוב זיך אויסגעשטעלט
און אָפּ אַ נעס געוואַרט ביז צו דעם לעצטן אָטעם —
און אָט אַזוי — איבער דער גאַנצער וועלט,
ווּ נאָר די בלוטיקע געמאַניע האָט געטראָטן,
ווּ נאָר ס'האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איר ברוינע נאַכט
און האָט די ערד אין אַש גענומען איבערטויִשן.
און ס'האָבן בא דער וועלט די אויגן זיך פאַרמאַכט,
זי זאָל ניט בלינד ווערן אין בלענד פון די קעדוישים.
אונטער דער האַק, אין אַ פאַרפלײצנדיקן יאַם פון ווײ
געשטאַנען זײַנען, טרינקענדיק דאָרט אָן אַ שיר אימ-
די, וואָס די זיסטע ליבע אָפּ דער ערד האָבן געזייט
און זי באַפּײַכט מיט שטערנדיקן טוי פון שיר-השירים...
מיט ווײנענדיקע הענט געשטאַנען זײַנען זיי
איבער דעם ראַנד פון גרוב, געשטרעקטע צו דעם לעבן,
און דורך די בלאָנדזשענדיקע וואָלקנס, אײַנגעהילט אין שניי,
דעם פּײַן ווי אַ צוואָאָע האָבן זיי דער וועלט איבערגעגעבן.

IX

געבראכט מע האָט א מאמע מיט א קינד צו ענד,
פארוויקלט אין א קאָלדערל, אדורכגעוויקט אין טרערן.
זי האָט דעם גאנצן וועג געוויגט עס אף די הענט,
אן אָנגעבויגענע אף דעם, סע זאָל אנשלאָפן ווערן...
ס'האָט אונטער פיס געענדיקט זיך די ערד.
די הענקערס האָבן פון פארורטיילטע באשמעקט די בגאָדים.
א שושקע זיך געטאָן האָבן די שלעסער באם געווער
און גיך און פיבערדיק זיך אָנגעלאָדן.
די לענינגראדער לערערנס, די שוועסטער צוויי,
איינס צו דער אנדערער זיך טוליענדיק, ארויס זיינען זייביידע
און צו די הענקערס צו: צעשיסן גלייך די ערשטע זאָל מען זיי,
ניט צווען זאָלן זיי די שכיטע און די ליידן...
ווי א געלעכטער האָט זיך גלייך א שאָס דערהערט,
און בא דער גרוב, אין אָפּגעצאמטן איגל,
ווי מעוועס צוויי א פאל געטאָן זיי האָבן צו דער ערד
און זיך אין ריוו אראָפּגעקייקלט, פאטשנדיק מיט הענט, ווי פליגל.

X

און עפּשער האָבן זיי דעם הימל דאָרט געדופן מיט די הענט,
דעם הימל, וואָס ניט אָנגעקערט האָט ער זיך שוין דער וועלט דאַן.
און עפּשער האָבן זיי אים צָפּגעשטויסן מיט די הענט —
געגאנגען פון אונטער סאמע הימל איז מען נאָך — ניט אָפּגעשטעלטע...
און, ווי א בליץ אינמיטן דעם געהויל און דעם געשענד,
האָט אָפּגעשטעלט א פור באם סאמע וועג זיך.
אראָפּגעגאנגען פון דער פור איז דער באלשעם
און מיט דער פלייצע אויסקער'ווען געהייסן זיך אולעקסען.
דורך דעם געוויין און שיסערייַ האָט ער
צום קייווער איילנדיק געלאָזט זיך ווי צום אָמעד:
— אולעקסע, ווארט אף מיר ניט מער, —
האָט דורכגעריסן זיך זיין קאָל דורכן געיאָמער,
און ס'האָבן די הארוגים זיך אין אים געגעבן א פארקלעם,
און מיט די טויטע אָרעמס ראש אף אים א וואָרף זיך:
— שאָלעם-אלייכעם, רעב יִסראָעל באלשעם,
א יאשער-קויעך פאר די ניסים און די מאָפסים!

28. קאָל־נידרע

I

און אין געשאָכטענעם אין אַלטן גראַנאַטאַפּ
זיך אומגעדרייט דער אַלטער שניצער לייווי האָט פאַרלוירן,
ס'האָט אים געטראָגן אָפּנעמען די לעצטע גאָב,
וואָס גרייט געהאַלטן האָט פאַר אים דער גורל.
מיט שטילקייט האָט געאָטעמט הויז צו הויז,
די פענצטער — אופגעשפּאַרט, די טירן — אָפן.
ווען ער איז פון זיין קעלער־שטוב אַרויס,
האָט ער אין שטאָט קיין לעבעדיקן סימען ניט געטראָפן.
ער איז אַדורכגעגאַנגען אַ גאַס פון עק ביז עק,
און דורכגעגאַנגען פון עק ביז עק אַ גאַס איז ער אַ צווייטע.
און צו דער שול. אין שויב אַ קוק און צוריק אַוועק,
ווי נאָך וואָלט ער געקאָנט איבער דער שטאָט אַ גיי טאָן?
האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אַהיים צו זיך,
די פענצטער אופגעשפּאַרט, די טיר האָט ניט פאַרמאַכט ער
און גרייטן זיך צום טויט גענומען אַפּדערגיך
און אָפּן מאַלכאַמאָוועס זיך אַוועקגעזעצט אין שטילקייט וואַרטן.

II

אַריבער אַכציק יאָר — אין קאָוועד און אין פּראַכט,
באַ לייטן און באַ גאָט, — און איבער אַלע וועגן
געטראָגן האָט אַפּ זיך דער גראַנאַטאָפּער פּאַטריאַרך
דעם גלאַנץ פון דאָלעטעס, סטאַמעסקעלעך און זעגן.
ער איז געווען אַ שניצער — איינער אָפּן קאַנט,
און אַפּ דער שטאָט געשעמט ער אויך האָט פאַר אַ לעונער.
זיינע איידעלע שניצעריי געווען איז באַקאַנט
אַפּ ווייט אַרום איבער אַ גאַנצענער גובערניע.
ער פלעגט אַרויספאָרן אַליין אין גראַנאַטאָפּער וואַלד,
אַ דעמב זיך אויסקוקן און אויסמעסטן אַפּ בראָך אים,
און זען, ווי אונטער זינגענדיקער זעג ער פאַלט,
צערייסנדיק אַפּ זיך די קאָרע און די מאָכן,
דערנאָך פלעגט ער מיט האַלב־פאַרמאַכטן אויג
די קרייזן איבערציילן פון דעם שטאַם ביז צו דעם סאַמע יאָדער,
דערנאָך האָט ער אַליין זיך ווי אַ בוים געטאָן אַ בייג,
דערנאָך מיטן געצייג קעגן דעם דעמב זיך אָנגעלאָדן...

III

מיט זײַנע אלטע הענט האָט זיך די שנעלקייט ניט געפּאָרט
אונ ניט פונ שארפע דאָלעטעס די טאנצנדיקע בליצנ.
ער האָט נאָר אלע ווײַל אוועקגעשארט די באָרד,
וואָס מיט די שפּיצנ האָט בארירט די איידעלע געשניצנ.
איבערנ שטערנ יעדער ווײַל האָט ער פארוקט די בריל,
פארקנייטשט אנ אויג, געקוקט מיט פארגעניגנ,
אונ ווענ ס'האָט אימ פונ פרייד דאָס הארצ געטאָנ א ברי,
האָט ער פארגינט זיך אונטערברומענ שטיל א ניגנ...
געזעסנ איז ער איבער זײַנ געטריקנטנ געהילצ
אריבער פופציק יאָר אונ גרייט געווענ אפ נאָך אזוי פיל,
ווי אינ א זילבערנער אטאָרע אײַנגעהילט
עס זיצט איבער די פארמעטנ די הײליקע א סויפער.
אונ ווי א מיזמער זיך געלייגט האָט דאָס געמאָלטס,
אונ דאָס געשניצ האָט אלע ווײַל געטאָנ א הייב אימ,
אונ ס'זײַנענ אונטער זײַנע הענט פונ שטיקער האָלצ
ארויסגעגאנגענ לעבעדיקע לעמפּערטנ אונ לייבנ.

IV

אינ דינסטנ האפט האָט זיך געטוקט זײַנ אָרנאמענט,
אזא מינ לופטיקער, ווי ער אינ שוימ וואָלט זיך געהוידעט.
באגערט האָט יעדער שול פונ זײַנע קישעפדיקע הענט
פארשאפנ זיך א מאלכעסדיקנ אָרנ-קוידעש.
האָט ער א לעבנ-לאנג געמאכט זײַנ שניצערײַ,
אונ אלע יאָר — א סיִעמ צו זײַנ איידעלער מעלאָכע.
אונ גאָטספאָרכטיק געווענ. געדינט צו אימ געטרײַ
אונ ניט געוווּסט, מיט וואָס צו דינענ זאָל ער נאָך אימ.
ער האָט נאָר איינס ניט ליב געהאט: באווײַזנ זיך אינ שול,
באמיט אינ איר וואָס מער פונ קאָוועד זיך באפרײַענ.
גלײַך פונ דער מיזרעך-וואנט עס וואָלט געקוקט אפ אימ זײַנ שולד
אונ ניט זײַנ הארצ, ס'פארקערפּערטע אינ דינסטע שניצערײַענ.
אינ פאָליש בא דעמ דאווענענ א קײַלעכיקנ יאָר
איז ער אזוי האוויל-האוואָלימדיק געזעסנ,
ווי ער וואָלט זיך פארטראכט, אז עפשער איז ער אריווער גאָר
אפ לא תעשה לך כל פסל[1]...

1 לוי סאאסע לעכאָ קאָל פעסעל — זאָלסט זיך ניט מאכנ קיינ אָפּבילד.

V

די לעצטע צײַט האָט ער קײנ זאָרג־קוידעש ניט געשניצט,
זיכ אָפּגעגעבנ ער צו פּראָסטער סטאָליערײַ האָט.
„אַז װאָס? — האָט מיט די ברילנ ער געטאָנ א בליצ, —
קײנ אָרנ־קוידעשנ באַדאַרפ זי ניט, די פרײַהײַט!
איז ניט! איז לאָז צום הארצ זיכ נעמענ גאָט!
ס'איז זײַנס!“ — האָט ער זיכ שמײכלדיק געװערטלט.
ס'װעט אלפּי־סײכל אָנ א שניצער זיכ באַגײנ די שטאָט,
אַזוי די גרײס, ביז קומענ װעט מאָשיעכ אפ זײַנ פערדל!
דערלעבנ זאָלנ ייִדנ נאָר ביז יענער צײַט,
אונ רודערנ בא ייִדנ זאָל ביז יענער צײַט זיכ נאָר אנ אײװער,
װעט מענ מיט ליכט ארומגײנ זוכנ שניצערײַ,
פונ קײװער װעט מענ אים ארויסשלעפּנ: „רעב לײװי!
אנ אָרנ־קוידעש דאַרפ מענ איצטער פאַר דער װעלט!
פונ פּימסנהאָלצ, רעב לײװי, שניצנ מע באַדאַרפ אים!
צי האָבנ אײַכ סטאמעסקעלעכ, רעב לײװי, ניט פאַרפעלט?
אָט זײַנענ זײ, רעב לײװי, גאָלדענע אונ שאַרפע!“

VI

דערװײַל ביז װאָס, ביז װענ — ארײַנגערוקט א בלײַ
א פינעפקאַנטיקנ אינ כאָליעװע זיכ האָט ער
אונ קאָשער זיכ גענומענ אָט אַזוי צו סטאָליערײַ,
װי גאָצ האָט אלע ייִדנ סטאָליערעס געבאָטנ,
אונ װידער פונ מא־טױװו — לעבעדיק אונ פריש
א װירע אויסגעשניצט פונ א סאָסנאָװע ברעטל,
אונ זיכ ניט אָפּגעזאָגט פונ אופשמעלנ א פּראָסטנ טיש,
זיכ ניט געװאָרפנ אױכעט מיט א פּאָשעט טאַבורעטל.
אינ קלוב האָט ער די בענק אינ אָרדענונג געבראַכט
אונ שוינ פונ זיכ אלײנ מיט שניצערײַ א פוצ געטאָנ די בימע.
אונ, שניצנדיק, א יעדער װײַל געטאָנ א טראַכט:
„פונדעסטװעגנ, איז נאָכ א גרויסער גאָט פאַראַנ אינ הימל!“
אונ װענ דער דײַטש האָט מיטאמאָל געגעבנ א באַפאַל
אונ אלצ האָט װי א װירבל זיכ גענומענ דרײענ,
האָט ער איבערגעװאָרפנ זיכ, שוינ ציטערדיק אונ אלט,
אפ אויסגעפּאַרבטע קעסטעלעכ פאַר רויטאַרמײער.

VII

ארײַנגעריסן האָט זיך די בעהאָלע אומגעריכט.
ס׳האָט ניט פאַרשטאַנען קיינער, וואָס ס׳געשעט דאָרט.
באַלויכטן איר דעם וועג האָט ס׳רייפּעדיקע ליכט,
נאָך פון דער ווײַט האָט זי דערזען דאָס אָוולדיקע שטעטל.
דער אומגליק האָט זיך ווירבלדיק געטאָן א דריי,
אין העפקער זײַנען הײַזער שוין, פאַרבראָכענע שוין הענגען טירן.
געזעסן איז דער זאָקן לייווי אין דער היים
און פון דער היים אין ערגעץ ניט געוואָלט זיך רירן.
ער האָט געהערט פונווײַטן דעם בייזווינדערדיקן טראָט,
געוויין פון קינדער און פון זקיינים האָט געהערט ער,
זיי האָבן זיך געלאָזט צופוס אף גאָטס באַראָט
דעם נעפעש ראַטעווען פון מערדער.
נאָר ער האָט ערגעץ ניט געוואָלט אוועק,
און אפן רוקן נעמען ניט געוואָלט דעם קלומעק,
דער מאַלכאַמאָוועס זאָל ניט טרעפן אים אין וועג.
ער האָט ניט וווּ צו גיין. ער איז שוין אָנגעקומען.

VIII

אַראָפּגעזעצט האָט ער זיך אף דער ערד,
אַרופגערוקט די ברילן אפן שטערן
און מיט פאַרמאַכטע אויגן שטיל דערקלערט,
וואָס ניט באַוויזן האָט ער נאָך פאַר אכציק יאָר דערקלערן.
באַזאָרגט האָט אים דער אויבערשטער מיט ערלעכן ברויט,
געשענקט האָט אים דער אויבערשטער אריכעס-יאָמים,
און קינדער ניט פאַרלאָזן אין דער נויט,
און אים ניט אָפקער׳וועןנ געלאָזט זיך פון זײַן נאָמען.
וואָס קומט אים נאָך אַרויס דען פון דער וועלט?
נאָך אכציק יאָר שוין וואַרטן מער ניט אפן וועג אים!
אָט דאָ וועט ער פאַרבלײַבן בא זײַן שוועל,
ער וועט אין ערגעץ ניט אוועקגיין...
אָט דאָ, אויב ס׳איז באַשערט, וועט ער מעקאַדעש זײַן דעם שעם,
אָט דאָ אין שטוב נעבן דעם מאָקעם-קאָדעש,
ווו ס׳האָט זײַן האָרעוואַניע פערציק יאָר געשעמט —
עס ווייכט די שטאָט און ס׳ווייסט איין גאָט עס!

IX

פאַר זײַנע אַלטע אויגן האָט געגעבן זיך אַ שטעל
אַן אײדע ייִדן צו דעם טויט געפּירטע.
עס איז אים מיטאַמאָל פון זיי געוואָרן העל,
עס איז פון זיי אים מיטאַמאָל געוואָרן ליכטיק...
געדוכט האָט אים, אַז יעדן אײנציקן ער זעט,
געדוכט האָט זיך, זיי אַלע גייען דורך פאַרבײַ אים.
זיי האָבן אַלץ באַזאָרגט מיט טפילעס און געבעט,
מיט מי באָייש און מי באָמאיִם...
און גרינג און לויטער איז אַזוי פון דעם.
עס מונטערן זײערע שאָרכנדיקע טריט אים:
ס׳איז ווי פאַרטאָג אין וואַלד. נאָר ער אַליין איז איצט דער דעמב,
און מאַכט אָפּ זיך אַליין די בראָכע אַל האַשכיטאָ!
ווּהין זשע זאָל ער עס אַנטלויפן פונעם גזאַר,
אויב ס׳איז אַ גזאַר אַזאַ, ווי אַלעמען, באַשערט אים?
עס דויערט יעדער רעגע נאָר צופיל. אַ סאַך.
ער האָט דעם האַלדז געהאַלטן גרייט שוין פאַר די שעכטער.

X

דער ראַש פון זײער היצלשן געלאָפּ
געווען דערווידערדיק, געווען איז מיִעס אים.
געגאַנגען לאַנגזאַם איז צו אים דער סאָף,
און ער, אַן אָפּגעשיידטער, האָט געוואַרט — דער כײַעוו-מיסע...
מיט אים אַ כעשבן אַ באַזונדערן געהאַט
האָבן די בלוט-באַזויפּטע לאָקערדיקע דײַטשן.
אַן אײניקל — אַ באָלשעוויק. און עפּשער אויך דער זון...
אַ ייִד. און דאָס האָט אַלץ פאַרענטפערט און פאַרטײַטשט אים:
דער דעמב, דער דעמב... ניט נאָר דער דעמב אַליין,
דער גאַנצער וואַלד דאַרף זײַן איצט פאַר דער וועלט דער קאָרבן-כאַטאָס!
ניט לײַווי, נאָר דאָס פאָלק פון גרויס ביז קלײן
שוין אָפּגעציילט און אָפּגעמאָסטן אַקוראַט איז...
און יעדן טאָג האָט ער דעם טויט געוואַרט,
געשטאַנען באַ די פענצטער אין די וועלט אַזאַ מין גרויע...
און אָנגערוקט האָט זיך שוין פרי די נאַכט,
און אָנגעקומען זײַנען די יאָמים-נוראָיִם.

XI

„כבודו מלא עולם"[1] — האָט אינ הארצ בא אים געברויזט,
זײַנ כעסעד לאָזט זיכ פאלנ אינ דער נידער.
ארײַנגעריכנ האָבנ זיכ צו אים אינ הויז
צוויי דײַטשנ שיקערע אינ אָונט פאר קאָלנידרע.
ער איז געשטאנענ אָנגעטאָנ אינ טאלעס אונ אינ קיטל גרייט,
אליינ, ווי קיינער מער וואָלט אינ דער וועלט שוינ ניט געווענ גאָר.
די דײַטשנ האָבנ נישטערדיק געגעבנ זיכ א דריי,
אונ ארומ אים דער קרײַז פארשלאָסנ האָט זיכ ענגער.
ער האָט א קוק געטאָנ אפ זיי: מע דארפ שוינ גיינ?
א ווײַז געטאָנ זיי האָבנ אפ דער טיר אים.
אונ פארנ טויט האָט זיכ אים נאָר געוואָלט פארשטיינ:
אינ וואָס באשטייט דער טאָעס דאָכ פונ דער יעצירע?
אפ וויפל קער אזעלכער דאָכ מיט מענטש זיכ אָנ?
ווי ווײַט אזא באשעפעניש פונ אלצ דער סאָפ איז?
א ווײַלע נאָכ איז ער געווענ פארטאָנ
אינ זײַנע לעצטע ערדישע מאכשאָוועס:

XII

אָט איז זי, אָט, זײַנ אָרעמע, פארשעמטע שוועל,
דורכ וועלכער ס׳זײַנענ אכציק יאָר אדורכגעפלויגנ;
פארוואָס האָט ער ניט וועמענ אינ דער גאָרער וועלט
צולעצט א קוק טאָנ אינ די אויגנ?..
אָט דאָ האָט ער די אָרנ-קוידעשנ געטאָקט,
פונדאנענ האָט באוווּנדערט גאָט אליינ זײַנ שניצערײַ דאָכ;
פארוואָס האָט ער אינ גאָרער וועלט ניט וועמענ אָפזאָגנ א גוטנ טאָג,
כוצ זײַנע דאָלעטעס, וואָס זײַנענ אפנ פאָל צעשלײַדערט?..
ארײַנגעקוקט א בוימ האָט הארבסטיק דורכ דער שויב,
אימ האָט געדוכט, ער הערט דעמ שאָרכ פונ די פארוועלקטע בלעטער;
צי האָט ניט דער פארטאָג געגעבנ געלעגער אים א הייב,
ווי דאנ, ווענ צו דעמ וואלד מע פלעגט זיכ לאָזנ פונעמ שטעטל?..
האָט ער אָנ מי געמאכט דעמ ערשטנ טראָט,
אימ אָפגעריסנ פונ דער ערד אײנײנעמ מיט זײַנ ביטערנ סאכאקל
אונ זיכ געכאפט: „איז וואָס? צי האָט ער דענ אינ גאָט
אצינדערט, פארנ טויט, געגעבנ זיכ א וואקל?"

1 קווידוי מאָליי אוילאָמ — עס איז פול די וועלט מיט אים (מיט גאָט).

XIII

ער האָט אינ מערדער אײַנגעשניטנ מיטנ בליק זיכ לאנג,
אונ פֿאַרגעשטעלט האָט יעדערער פֿונ זײ זיכ הויל אימ.
ס'איז דער קאָליר פֿונ זײער פֿעל װי בײַ אַ שלאנג,
אונ ס'איז בײַ יעדערנ דער פֿאַרצעפּ פּונקט װי בײַ אַ גוילעמ.
ס'האָט קלאָרקײַט אימ דערלאנגט אינ קאָפּ, װי מיט אַ שטײנ,
װי ס'װאָלטנ אָקאָרשט זיכ געעפֿנט זײַנע אויגנ:
די מערדער זײַנענ צװײ, אונ ער — אַלײנ,
די צײַט איז זײ פֿאַרבײַ, אונ ער מיט צײַט איז אָנגעזויגנ.
דערלאנג אזוינעמ מיט אַ האַק פֿאַרפֿרײ'ר,
איז װעט ער אומפֿאַלנ פֿאַר דײַנ צופֿוסנס, װי אַ טעמפּע כײַע,
נאָר זײ האָבנ געײַלט זיכ װײַזנ אימ די טיר
מיט שװאַרצע רערנ פֿונ קלײזײַענ.
זײ האָבנ אימ אַדורכגעפֿירט איבער דער שטאָט
אונ צוגעײַלט אימ טעמפּ, אַז גײנ זאָל ער געשװינדער.
אָט זײַנענ שוינ קײַנ שטיבלעכ מער נישטאָ,
אונ אָט באַװײַזט זיכ שוינ אַנטקעגנ אימ די װינטמיל.

XIV

לעמ איר פֿלעגט מענ אינ װאַלד פֿאַרקער'װענ נאָכ געהילצ.
צוריקװעגס פֿלעגט מענ זיכ דאָ אָפּשטעלנ אַפֿ אַ לעכאַיִמ.
אַצינד האָט דאָ פֿונ קראָענ זיכ געהערט אַ גרילצ.
אַ באַרעכאַבע לײװינ! — פֿ'נ מאַכשאָװעס אַ צעשטרײ אַ'מ,
װי אַנ אַסיפֿע װאָלט דער טויט פֿאַרופֿנ אָט אַהער.
ס'גיט אַלע מאָל די װינטמיל זיכ אַ קרעכצנדיקנ הוידע:
פּונקט װי יאַמקיפּער אינ דער שול צו דער אַװידע...
נאָר קײנ געװײנ האָט זיכ פֿונ קײנעמ ניט געהערט,
אונ ס'האָט אינ הארצנ ניט געקלאַפּט זיכ קײנער.
אינ די אַרויסגעשלײַכטע הענט האָט פֿונ דער װײַט נאָכ ער
אַזאַ צונױפֿגעמישט-פֿאַרגליװערטער געפֿלעכט:
די סטאָליערעס, די טעסלער אונ די באָנדער,
װי ס'װאָלטנ זיכ די קלעפּקעס מיטאַמאָל צעפֿאַלנ פֿונ דער ערד,
אונ מע באַטראַכט: װי טוט מענ איר צוריק די רײפֿנ אָנ דאָרט!

XV

די קלוגע גלעזערס מיט די קעסטלעך גלאָז און קיט,
וואָס אויסגעגאַנגען מ׳איז מיט זיי דעם קאַנט אַף גאַנצע מײַלן,
זיי ליגן איינס צום אַנדערן געפּעגרטע און געשמידט
מיט ניט פֿאַרקילטע שפּריכווערטלעך אַף טויטע מײַלער.
אָט באַלד וועט יעדערער זיך טאָן אַ כאַפּ,
אַף כקירע וועלן באַלד אַ שאָרכע טאָן די בערד די האַרבע
בײַ אײַנבינדער, מיט ברילן אײַנגעריכט אין פּאַפּ,
בײַ שטריקלדרייער מאָכיקע, בײַ געלע גאַרבער,
בײַ שוסטערס און בײַ זייגערמאַכערס פֿון דער שטאָט
און בײַ לאַטוטניקעס, וואָס פּלעגן איבער דערפֿער אומגיין...
מיט וואָס־פֿאַר אַ מין ראַכוועס זיך אוועקגעלייגט אַ יעדער איינער האָט,
אַרומגענומען זיך פֿאַרקלערטע מיט דעם אומגליק?!
געדוכט זיך, פֿון אַ וועג אַ ווײַטן דאָ מע רוט.
די טאָרבעלעך אַף רוקנס, ווי צונויפֿגעלייגטע פֿליגל.
געגלאַנצט האָט אַרום זיי דאָס ניט פֿאַרקילטע בלוט.
און זיי האָבן זיך אַלע טויטערהייט אין דעם געשפּיגלט.

XVI

ס׳האָבן די הענקער לייווין צו דער מיל געבראַכט
און אין די הענט אַרײַן געגעבן אים אַ רידל.
אַן אופֿגעהאַנגענע האָט זיך געוויגט די נאַכט,
געשפּילט אין ווינטמיל אַן אָרקעסטער האָט קאָלנידרע.
איבערגעוואָרעט אין דער פֿינצטער אַ שאַקאַל האָט אַ שאַקאַל,
געשפּילט אַף ביינער האָבן זיי מיט נאָטן אַף געשטעלן,
ווי אופֿגעגאַנגען אין מיל פֿון קאָפּ־האַקאַל
וואָלט אַף אַ גאָטעסדינסט אַ טײַוולשע קאַפּעלע.
געווען די ערד אַרום פֿון בלוט איז רויט,
געווען די ווײַט איז שוואַרץ פֿון ווײ און ווינט דאָרט;
די פֿליגל האָט געשטרעקט צום הימלדיקן רויט,
ווי הענט פֿאַרבראָכענע און פֿינצטערע, די ווינטמיל.
ס׳האָט ניט באַנומען לייווי, וואָס געשעט,
און ניט באַנומען לייווי האָט דעם טײַוולשן געיִבל,
ווי אין דער וועלט וואָלט מיטאַמאָל אַרײַן אַ שעד,
ווי אין דער וועלט וואָלט מיטאַמאָל אַרײַן אַ דיבעק.

XVII

— גראָב זיכ א גרוב! — האָט זיכ פונ קאַט דערהערט, —
דרײַ אײלנ פינקטלעכ אָפּמעסטנ פונדאַנענ! —
אונ אָפּגעטאָנ האָט פונעמ זאָקנ זיכ די ערד,
וואָס ער אַפּ איר איז איצט דאָס לעצטע מאָל געשטאַנענ.
צומ הענקער האָט ער נעענטער געמאַכט א טראָט,
מיט זײַנע אַלטע אויגנ דורכגעדרונגענ דאָס געבײנ אימ,
אונ ניט נאָר אימ אַלײנ געזענ ער האָט,
נאָר אַלע דײַטשנ אָנגעשטאָפּט אינ אימ, אינ אײנעמ...
פאַרלאָזט האָט אימ פונ נאַכט פונ האַרבסטיקער די קעלט,
אונ אָפּגעטאָנ האָט זיכ דער פּאַכעד פונ זײַנ האַרצנ.
געזענ האָט ער דעמ סאָפּ פונ גאָר דער וועלט
אינ אָט דעמ טעמפּנ הענקערדיקנ פּאַרצעפּ.
„מע דאַרפּ זי ניט, די וועלט!“ — האָט ער געטאָנ א טראַכט,
צומ מאַלכאַמאָוועס נעענטער געטאָנ א ריס זיכ...
די ווינטמיל האָט געשפּילט. דער הענקער האָט געלאַכט.
„א וועלט אַזאַ איז כײַעוו-מיסע!“

XVIII

אונ ווי אַפּ שניצערײַ צומ לעצטנ מאָל געשטעלט,
האָט לײווי אַפּנ שטערנ זיכ צומ לעצטנ מאָל פאַרוקט די ברילנ.
נאָר ס'איז קאָלנידרע איצטער אַפּ דער וועלט,
אונ גראָבנ מיט א רידל אומ יאָמקיפּער איז א כילעל...
די ווינטמיל האָט געשפּילט. דער הענקער האָט געלאַכט
אונ אויסטאָנ זיכ באַפעלט דעמ זאָקנ צו דער אַרבעט.
ער ציילט די לעצטע רעגעס אימ אונ וואַרט.
נאָר אויוועער זײַנ א דינ איז פונעמ טויט נאָכ דרײַ מאָל האַרבער!
האָט ער דעמ טאַלעס אויסגעטאָנ. אימ אָנגעטאָנ דער ערד.
שוינ פלאַטערנ געגומענ פונ זײַנ העמד האָבנ די אַרבל.
דעמ רידל אופגעהויבנ אינ דער הייכ האָט ער,
אַדורכ דער פינצטערניש זיכ אײַנגעקוקט אינעמ לאַקירטנ שאַרבנ,
א ווײַלע גאָרנישט ניט באַנעמענדיק אַפּ אַקוראַט,
אונ ווי א לײב מיט א געברומ: — על דעת המקום![1] —
האָט ער א לאָז געטאָנ דעמ רידל אַפּנ קאָפּ
אונ ווי א קוויטשענדיקנ קלאָפּ געגעבנ א צעבראָק אימ!

---

1 אַל דאַאַס האַמאָקוימ — מיט גאָטס האַסקאָמע.

29. פונ דער גרוב

I

דער דײַטש האָט יעדער ווײַל אַנ אַנדער שטאָט געטאָנ אַ ריס
אונ אירע אײַנוווינער געטריבנ אַפ האַריגע.
געהערט האָט קאָוונע, ווי מע קוילעט בריסק,
געהערט האָט ווילנע, ווי מע קוילעט ריגע.
אַ יעדער בלעטעלע פונ בוימ, אַ מינדסט,
האָט אָנגעריסנ אַפ דער צווײַג, ווי אַזאַ גרינ געשוויל נאָר.
געהערט האָט מאָלעוו, ווי מע קוילעט מינסק,
געהערט באָברויסק האָט, ווי מע קוילעט ווילנע.
פאַרצוקט האָט יעדער ווײַל אַנ אַנדער שטאָט די פּעסט,
אונ אָפּגעהילכט דער בראָכ האָט מיט אַ ווילדער טקיעה.
געהערט האָט קיעוו, ווי מע שעכט אָדעס,
אונ מינסק געהערט האָט, ווי מע קוילעט קיעוו.
אונ באַ דעמ דניעפּער שוינ דעמ זעקסטנ טאָג
געגאַנ אַ שטאָט צומ באַבי-יאַר איז...
אָט דאָרטנ, אינעמ יאַמ פונ יאָמער אונ פונ קלאָג,
אַנטפּלעקט האָט זיכ דער לעצטער וועג גוראַריעס.

II

די גאַנצע שטאָט געווענ פאַרקלעמט איז אינ אַ נעצ,
פונ דאָרט אַנטלויפנ זאָל ניט קאָנענ קיינער.
די קלעזמער זײַנענ דורכגעגאַנ צומ סאַמע לעצט
אונטער דער וואַכ פונ שאַרבנס אונ צונויפגעלייגטע ביינער.
דער ראַש פונ כאַסענעס האָט זיי דעריאָגט דאָרט, ווי אַמאָל
פונ כופּע-וועטשערעס — די וואָיענדיקע וויוועס;
— וואָס גייענ מיר? — זיכ אָפּגעשטעלט דער פּויק האָט מיטאַמאָל, —
וואָס פאַר אַ שפּיל דעמ מאַלכאַמאָוועס באַ דעמ ריוו איז? —
דערהערט אַ שאָרכ האָט זיכ אַ ווײַטער פונעמ וואַלד,
אַ שאָס אַ סווישטשענדיקער אופגעקנאַלט האָט פּלוצעמ.
דער פּויקער האָט געגעבנ אַפּנ פּויק אַ פאַל,
אונ ס'האָט דער פּויק באַוואַשנ מיט זײַנ בלוט זיכ.
אונ הינטנ איינער אַפ דער גאַס,
זיכ שלעפּנדיק פאַרשפּעטיקט אונ פּאַמעלעכ,
געטראָגנ ווי אַנ אָרנ-קוידעש האָט דעמ קאָנטראַבאַס
אונ צוגעהערט זיכ צו די טריט פונ דער קאַפּעליע.

III

נאָר ס'האָט די פעסט געלאכט. זי פונ געלעכטער האָט געקײַכט.
ס'האָט דער געלעכטער אפ דער שטאָט דער טויטער זיכ געהערט דאָרט.
אונ לאכנדיק, האָט זי געמייקעט אונ געקײַט,
אונ מייקענדיק, פארגאנ זיכ אינ געלעכטער.
ווי זי וואָלט דײַטשלאנדס רומ פארקנאסט דאָרט מיטנ טויט,
ווי זי וואָלט אויסגעגעבנ דײַטשלאנדס שרעק אונ כארפע,
געלאכט האָט זי מיט בלוט, געלאכט האָט זי מיט קויט,
פארקאשערט ביז ארופ די יאטקעדיקע ארבל.
געלאכט האָבנ די ווײַסע צלאָמימ אפ די העק,
געלאכט האָבנ די שארבנס אפ מונדירנ גרינע,
ווענ קינדער צו די מאמעס הענט האָבנ געשטרעקט,
אונ ווענ אראָפ זײַנענ די מאמעס פונעמ זינענ.
מיט שטיקער וווּרשט האָבנ די מערדער זיכ געהאלדזט
אונ אפ מאצייוועס אלטע היקעדיק געהעפעט,
ווענ בא א בינטל זקיינימ, אָפגעטאָנ פונ אלצ,
א סווישטשענדיקער זאלפ אראָפגעכאפט די קעפ האָט.

IV

זי האָט געלאכט, די פעסט, אפנ בעסאלמענ מיט געהיק:
ס'ארא מאיאָנטעק פונ די מייסימ ברענגענ דער פארזיי ווערט!
ס'האָט ביז די גרונטנ זיכ דער קיוּוער שוינ געשטיקט,
פונ דעמ געלעכטער שווארצ געוואָרנ זײַנענ די מאצייוועס.
אונ אופגעשטעלט פונ די געהארגעטע א פלויט,
געקראָכנ זײַנענ מערדער, ווי די ווערעמ, אפ הארוגימ,
אראָפגעשלעפט האָט יעדער זיכ דאָס אָנטאָנ ביז דער הויט,
באטראכט, צי ביז דער מיסע זײַנ ווערט עס גענוג אימ,
אונ אָנגעקוואָלנ פונ בעסאלמענדיקער רויב,
אונ פונ געלעכטער זיכ געקויקלט ביז צומ פאלנ,
ווענ שווײַגנדיק געזעגנט האָט א מאנ זיכ מיט א פרוי,
ווענ ביט צעשיידט האָט אינעמ קיוּוער זיכ א כאָסנ מיט א קאלע.
געוועסנ איז דער זאָנדערפיורער אינ אווטאָמאָביל,
ווי אינ א קרוינשטול אפ א יאמ מיט בלוט בעייס א שטורעמ.
— מוזיק! — געשריגנ האָט ער צו די קלעזמער, — שפיל! —
אונ פאר די אויגנ אימ געשטאנענ זיגרײַכ איז דער פיורער.

V

די אויגנ צוגעמאכט אונ מיט אנ אויסגעדרייטנ קאָפּ
געריפּעט האָט איינ קלעזמער אלצ נאָכ אפנ פידל —
אונטער מוזיק איבערגעוואנדערט האָט אינ קייווער גראָנאָטאָפּ —
די גאנצע שטאָט מיט טויזנטיאָרעדיקע ייִדנ.
מיט לעצטע קרעכצנ אָפּגעשטופּט פונ ווײ די שארפ,
געוואָרפנ אינ דער גרוב האָבנ צו צווײ, צו דרײַ זיכ,
ווי זײ וואָלטנ פינ קייווער נאָכ באדארפט
זיכ לאָזנ אינ א ווײַטערדיקער רײַזע...
ניט אָפּגעהאלטנ האָט זײ שוינ דעמ זאָנדערפיורערס קאָל
אונ ניט דער פּאָכ פונ פּאראבעלומ: — אכטונג!
ווער ס'וועט אהערברענגענ דאָס ייִדיש גאָלד,
קאָנ זיכ זאָפּאָרט פּאר א באגנעדיקטנ באטראכטנ! —
דער קלעזמער בלויז איז צוגעלאָפנ: — איכ! —
אונ קוקנדיק אפ אימ מיט כאָסערדײיעדיקע אויגנ,
האָט ער דערלאנגט א שפּײַ אימ אינ געזיכט,
אונ מיט א שמייכל זיכ אינ גרוב אראָפּגעקויקלט.

VI

געוואלגערט האָט דער פידל זיכ, צעבראָכנ, אינ א זײַט,
לעמ אימ איבערגעקערט, פּארבלוטיקט איז געלעגנ
א לײַכטער, אײַנגעוויקלט אינ א טיכעלע פונ זײַד,
אונ קוילנ האָבנ נאָכ געקלאפּט, ווי לעצטע טראָפּנ פונ א רעגנ.
די אקציע געגאנגענ איז צומ סאָפּ,
דער לעצטער שיכט האָט מיט געכאָרכל זיכ פּארשאָטנ,
נאָר ניט געקומענ אפנ קייווער איז קיינ שלאָפ,
די ערד געהוידעט זיכ א לעבעדיקע האָט דאָרט...
געטראָגנ האָבנ קרעכצנ זיכ פונ אונטער דר'ערד,
איבערגעריסנ האָבנ זיכ דאָרט קינדערשע געוויינענ.
דער זאָנדערפיורער האָט זײ אויסדריקלעכ געהערט,
נאָר ניט געזענ קיינ שאָטנ מער פונ זײ, קיינ איינעמ...
געזענ די ווײַזערס אפ זײַנ האנט־זייגער ער האָט:
— זיכ אײַנגעלייגט! ס'איז צײַט זיכ אונכקערנ אפ דר שוינ! —
אונ דורכגעפאָרנ זיגרײַכ דורכ דער טויטער שטאָט
זײַנע געפּאקטע לאסטוואָגנס מיט ייִדישע מאלבושימ.

VII

און ס׳איז געווען באנאכט. און ניט געקומען אפן קייווער איז קיין רו.
די ערד האָט זיך געוויגט, אַן אופגעוועקטע פון געוויינען,
און אופגעעפנט שטיל האָט זיך אליין די גרוב,
ארויסגעגאנ פון דאָרט איז אין דער פינצטער איינער...
ער האָט נאָך אלץ געזונקען אין א טהאָם, פארטויבט,
אַן עפן טאָן האָט ער געפרווט די אויגן,
צי איז ער לעבעדיק, צי איז ער טויט,
און האָט דערזען: א קראָ איז דורכגעפלויגן.
געשטאַנען אפ דער גרוב איז ער אליין
און ניט באגריפן, ווו דער אָנהייב, ווו דער סאָף איז...
„צו וואָס איז ער ארויס? וווהינ וועט ער אצינדערט גיין?"
און ס׳האָט צו אים פון וואלד דערטראָגן זיך א קלאָג פון סאָוועס.
„וווהין איז נאָך פון קייווער דען פאראן א וועג?
און עפשער יאָ?!.. עס זעט א וואלד דאָ אָן זיך"...
האָט ער געמאכט א טראָט און זיך געגעבן א באוועג
און צו דעם וואלד אוועקגעלאָזט זיך בלאָנדזען...

30. א באגעגעניש מיט דעם געקרייצטן

I

נאָך טעג און נעכט פון בלאָנדזשען דורכן וואלד,
געיאָגט פון שרעק און איימעדיקן לויער,
האָט א פארמאטערטער געטאָן א פאל
גורארין בא א שטיבל פון א פויער.
צי ס׳האָט זיך אים געדוכט, אז ס׳ליגט דער דאך בא דר׳ערד,
צי ווירקלעך איז דער דאך בא דר׳ערד געלעגן,
נאָר באלד האָבן פון שט־בעלע זיך טריט דערהערט,
געגאנ פון דאָרט אן אלטער מאן איז אים אנטקעגן.
גורארין האָט זיך אופגעהויבן. אָן א הוט.
די פיס אנטבלויזט און בין די לענדן נאקעט.
געשאָטנט אפ זיין לייב האָבן זיך פלעקן בלוט,
און ס׳האָט אפ אים א הארבסטיק רעגנדל מאראקעט.
עס האָט דער פויער אים אריינגעפירט אין שטוב,
א צי ארויס געטאָן באם קאנעצל דאָס קנייטל
און א דערשטוינטער זיך געווענדט: — פונוואנען? — פון דער גרוב! —
געענטפערט האָט גורארין מיט א קאָל פון אלע טויטע.

II

א האָן האָט ערגעץ ווי פֿון יענער וועלט
מיט א בייזוווּנדערדיק געוויין צעקרייט זיך.
גוראריע איז געשטאַנען בא דער שוועל,
געקוקט אַפֿ אים פֿון ווינקל האָט דער יויזל פֿון דער קרייצונג...
אונטערן קאַנעץ-ליכט האָט אופֿגעגלאַנצט איר אָפּגעוועלקטע אייל,
זי האָט אַפֿ איר ווי בלוט פֿונסנײַ געגומענע טריפֿן
מיט אזא ווײַטן טויזנטיעריקן געהויל,
נאָר גאָרנישט האָט גוראריע נישט באַגריפֿן.
ער איז נאָך אַלץ געגאַנגען איבער די אָפּגרונטן פֿאַרצוקט,
די קרייצונג אין זײַן בלוט האָט זיך געשפּיגלט און פֿאַרשוווּנדן.
געדוכט האָט זיך: זיי גייען איינס צום צווייטן צו,
ווי איינער אינעם אַנדערן דערקאָנט וואָלט זײַנע ווונדן:
— ביסט אויך פֿון גרוב אַרײַן אין שטוב אהער? —
א וואַקל זיך געטאָן גוראריע האָט אין פֿיבער.
עס האָט זיך אָפּגעטאָן פֿון אים די ריִע און ס׳געהער,
די צײַט געטאָן אַפֿ אים האָט זיך א בלעטער איבער:

III

און ווײַטער ווּ, געקרייצטער מאַן?
צי קלײַבסטו זיך נ׳ט צו די לײַדנדע אין געטאָ,
זיך שטעלן, ווּ עס איז א קרייצוועג נאָר פֿאַראַן,
„ניט קעגנשטעלן זיך״ דאָרט פֿריידיקן און בעטן?..
נו, גיי, געקרייצטער! גאָרנישט ניט באַהאַלט!
גיב די יעסוימים און אַלמאָנעס איבער,
אַז פֿוקסן האָבן זיך געטאָן א לאָז שוין פֿונעם וואַלד
אַפֿן געררוך פֿון אייוועך-מינ-האכײַ אַרום די גריבער!..
נו, גיי! נו, גיי, געקרייצטער מאַן!
און גיב צו וויסן אין דער געטאָ בא דעם טויער,
אין הימל קיינער איז פֿון קרייץ ניט אופֿגעגאַן,
אויך דו זיך אויסבאַהאַלטן האָסט אין שטיבל בא א פּויער,
וואָס ווייסט נאָך אַלץ ניט ביז אַצינד,
אַז ס׳גייט די וועלט אין בלוט אָפּ פֿון דײַן שטײַער,
האָסט מיט דײַן אויסלייזונג די הענקער מער געדינט,
מעשולעך געטלעכער, ווי די באַפֿרײַער!

IV

וואָס קומט דיר, נאָזיר, נאָך פאר דײַנע געקרייצטער הויט?
פאר אונטערשטעלן אויך די באק די צווייטע?
פאר אויסטראכטן אף דיר א בילבל נאָכן טויט,
ווי אויסגעטראכט געווען עס זײַנען דײַנע לײדן? —
ס'האָט אים ניט אָפּגעשטעלט דער ביינערדיקער קלאפּ
פון ווינט איבער די אויסגעווייינטע שויבן.
— ווארף פונעם קאָפּ דעם דערנער-קראנץ אראָפּ,
און מיט די הוילע פיס צעטרעט, צעשטויב אים!
און גיי! קלאפּ אָן דאָרט אין דער ערשטער טיר,
דער געטאָ א יעדי.ע איבערגעבן לאָז זיך!
באגעגענען דו וועסט געקרייצטע קינדער אָן א שיר,
וואָס זײַנען הייליקער און ריינער פון דיר, נאָזיר! —
עס האָט דעם בליק גוראריע ערגעץ אָפּגעווענדט,
און א געפּלעפּטער האָט דער פויער ניט באנומען:
א וועלכער איז פון זיי אראָפּגעגאנ פון זײַנע ווענט,
א וועלכער איז פון זיי אין שטוב צו אים ארײַנגעקומען...

V

ער האָט אן עמער וואסער אים דערלאנגט,
א ציטערדיקער אופגעגאָסן אף די הענט אים
און, קרעכצנדיק, געקוקט פארטײַעט-לאנג
אף דעם פארבלוטיקט לײַב פון בלײַ אדורכגעבערענטן.
דעם קאָפּ א יעדער ווײַל צום פענצטער אויסגעדרייט,
צו דעם געוואָי פון ווינט מיט פאכעד אײַנגעהערט זיך,
צי לאָקערט עמעצ ניט, צי עמעצ דאָרט ניט גייט,
און שטיל פארשפּראָכן די סאקאָנע, קרעכצנד...
און דורך קיין פינטל מיטן אויג דעם אוירעך ניט פארטרויט,
אז ס'דראָט פאר זײַן האכנאָסעס-אָרכים א געפאר אים...
בלויז אפן טיש אוועקגעלייגט א שטיקל ברויט,
אף דעם א ווינק געגעבן שטיל גורארינען,
און מער ניט ווי סנדיק וואָס נאָך צו טאָן,
האָט ער פון זיך דעם אלטן קליפּט אראָפּגעצויגן:
— דעק צו דאָס לײַב!.. נעם טו עס אָן!.. —
און אין דער שויב ארײַנגעבראָקט די אויגן.

VI

די נאכט געגאנגענ איז צום סאָפ,
אונ אײַנגעשטילט פונ ווינט האָט זיך דאָס ברומענ,
נאָר אפ דער ערד דער גאָרער איז קיינ שלאָפ
אינ ערגעצ ניט געקומענ.
א רעגנ ווי צו טארע האָט געטריפּט,
א כמארע האָט לעוויַיעדיק געבלאָנדזעט.
זיך אָנגעטאָנ גוראריע האָט דעם פויערס קליפּט
אונ פאָסטעלעס דעם פויערס אָנגעטאָנ זיך.
אים האָט נאָך אלצ גערדאכט זיך, אז ער פאלט
אונ טראָגט זיך איבער אָפּגרונטנ אָנ אופהער...
געשלאָגנ מיט דער פינצטערניש האָט זיך דער וואלד,
מיט ביימער מיט פארבראָכענע דעם טאָג גערופנ...
אינ דרויסנ אײַנגעשפאנט דער פויער האָט דאָס פערד,
צונויפגעלייגט אפגיך א ביסל היי אינ וואָגנ
אונ מיט זײַנ גאסט אוועק איבער דער טרויעריקער ערד,
נאָך איידער עס האָט אָנגעהויבנ טאָגנ.

VII

ער האָט געטריבנ גיך, אינ ערגעצ ניט פארקוקט,
קיינ איינציק וואָרט זיך ניט פארגינט א רעד טאָנ.
געגאנ אנטקעגנ איז דאָס טײַכעלע בורלוק,
אנטקעגנ — זיך געפּײַלט האָבנ פארבראָכענע טשערעטנ...
„דערפירנ זאָל ער אים בעשאָלעמ נאָר אהינ,
דעמ וועג זאָל קיינער נאָר ניט איבערגיינ אים”.
געלעגנ אפנ וואלד איז א פארכמארעטער באגינ,
ניט אופגעהערט ארום דער רעגנ האָט צו וויינענ.
— אפ יענער זײַט בורלוק זײַנענ נאָך אונדזערע פאראנ, —
א טײַט געטאָנ דער פויער מיטנ בליק האָט אינ דערווײַטנ, —
איך וועל דיך צופירנ צו יענעמ ראנד!.. —
ס'האָט דער באגינענ אינ דער הייך זיך שוינ געשײַטערט.
זיך שווײַגנדיקערהייט געזעגנט האָבנ זיי
אונ שווײַגנדיקערהייט בא דעם בורלוק צעשיידט זיך...
איבערגעקלאפּט אינ וואָגנ האָט דער פויער ס'ביסל היי
אונ צ'ריק פארקער'וועט, זעענדיק פאר זיך די קרייצונג...

31. טכיִעס־האמייסים

I

גורעריע בלאָנדזשעט אום שוין לאנג, ווי פון א שפרוך...
און דאָס געדעכעניש פארפלאָנטערט יעדער ווײַל די טריט אים,
נאָר ער געדענקט ניט, צי דעם ראנד איז ער אדורך,
און קאָן זיך ניט דערמאָנען, צי די וואך האָט ער געמיטן.
א זאטע פינצטערניש געכראָפּעט האָט ארום,
ניט אָנגעזען אין ערגעץ האָבן זיך קיין וועגן.
ער איז געגאנגען גראָד, ער איז געגאנגען אום,
און אומעטום איז אים די גרוב געגאנגען אנטקעגן.
אים האָט געדוכט: דאָס בלוט האָט צ׳ריק א שפאר געטאָן מיט ברויז;
אים האָט געדוכט: דער קייווער פלאצט א ניט-פארדעקטער;
אים האָט געדוכט: עס זענען קעפּ פון זקיינים זיך ארויס
און הענטלעך קינדערשע, ווי פונעם שלאָף געשטרעקטע...
זיי האָבן אפ דער ערד קיין סאך זיך ניט געזאמט,
באוויזן בא דער וועלט א פרעג טאָן האָבן זיי נאָר:
וואָס שיט איר אין די אויגן אונדז דאָ זאמד? —
נאָר ס׳האָט געשטומט די וועלט. געענטפערט האָט ניט קיינער.

II

און נאָך גערענקט ער: ס׳איז באנאכט. און די לעוואָנע שטיל
א שאל פון וואָלקנס רוקט איבער די אויגן אָן זיך,
און יעדער מעס, וווּהין ער וויל,
קאָן פראנק-און-פרײַ אוועקלאָזן זיך בלאָנדזען —
באם מינדסטן ראש און מורמל פונעם ווינט
די וועלט די גאנצע ווידער איבערוואנדלען...
דורך די פארהאקטע מײַלער — ויי-און-ווינד,
און דורך די אופגעהאקטע גאָרגלען — ראָזינקעס מיט מאנדלען...
איבערגעלאָפן אים דעם וועג איז דאָרט א ווײַסע ציג,
אן אויסגעוואנדערטע פון כאָרעווע פארלאָזטע הײַזער.
זי האָט אינמיטן וועג דערזען א קינדער-וויג,
און אונטער איר אוועקגעלייגט האָט זי פונסנײַ זיך.
נאָר ער האָט זיך געײַלט. א מאמע ט׳עפשער עס פארוויגן נאָך אמאָל,
דערמאָנען עפשער וועט א מאמע דאָ דעם גרויסן ווי זיך,
ס׳וועט עפשער נאָך דערהערן זיך דאָס זיסע קאָל
פון טכיִעס-האמייסים?..

III

פארוועלקטע האָבן בלעטער זיך געטראָגן אַף ארום
פוןביימער, אָפּגעפאלענע פריציײַטיק אַף די וועגן.
די גרוב איז ווי א בארג פון אומעטום
אַן אָפּענע געגאנגענע אים אנטקעגן...
און נאָכגעגאנגען אים, ווי אוויילים, זײַנען טעג,
די לעצטע טעג פון אָפּגעוועלקטן זומער.
נאָר ער, פון קייווער אופגעשטאנען, אָן א וועג
איז, בלאָנדזשענדיק, צו די ארומגערינגלטע געקומען.
ס'האָט קיינער דעם געקומענעם באמערקט —
אַף אומגליק, גלײַך ווי אַף א שטאָק, אַן אָנגעלענטן.
וווּהין מע גייט, א פרעג געטאָן האָט ער,
נאָר קיינער האָט אים גאָרנישט ניט געענטפערט.
געוואָלט האָט ער אוועק ערגעץ געשווינד,
דער טרויער האָט קיין קאַפּ ניט אָפּגעשטעלט אים...
מיט בלעטער האָט געוואָרגן זיך דער ווינט,
און אומעטיק געשפּרייט האָבן זיך פעלדער.

IV

נאָר פון סאדאָווסקין האָט דער דראנג ניט אָפּגעטראָטן מער:
דעם קלעם כאָטש מיט די ציין אדורכצוהאקן!
אין אומרו האָט ער יענעם טאָג באמערקט,
אַז עמעצער האָט אין זײַן גרופּע זיך געטאָן א וואקל,
אַז פאר דער לויערדיק-פארטײַעטער געפאר
האָט דאָס געמיט זיך אײַנגעבראָכן בא א טייל בא א געוויסן.
און אופגעגאנגען איז זײַן דראנג אין זיבן פאך,
און ס'האָט פון גאָרגל אים מיט בלוט געטאָן א ריס זיך:
— איז וואָס, סאָלדאטן זײַנען מער דאָ ניט פאראן?
צי איז ער אַפן גאנצן וואלד דאָ איינער? —
א רודער האָט דער לאגער זיך געגעבן ביזן ראנד,
מיט ראש צעוויגט האָבן זיך קעפּ, ווי אין א שטורעם ביימער:
— פאראן! — און איינער האָט צולעצט געטאָן א פּליס,
ווי א פארשפּעטיקט-אָפּגעהאקטער קלאנג פון א קאפּעלע...
געווען זײַן בליק איז אויסגענאָגט און וויסט,
ניט צוגעדעקט דאָס לײַב האָט קיין סאָלדאטישער שינעל אים.

V

געהאלטן אופגעהויבן גראד האָט ער דעם קאָפּ,
און אײַנגעהאַלטן האָט דאָס קאָל ווי מיט א שלייף ער,
ס׳האָט מיטן בליק סאדאָווסקי זיך געטאָן אין אים א גראָב:
— פונוואנען גייסטו? — כ׳גיי פון גראַנאַטאָפּער קייווער!
ארויסגעוואָרפן האָט פון דאָרטן מיך די שאנד,
ווי אָפּגעטריבן ס׳ווערט פארגוואלדונגס-פרוכט פון טראכט פון מאמעס;
עס גייען נאָך. עס גייען מענגעס. אָן א צאָל. באנאנד.
זיי בײַסן דורך די ערד. ניטאָ פאר זיי אין ערגעץ ניט קיין צאם איז,
עס קומט אין קייווער די הארוגים ניט קיין רו,
אויב העלדווער האָבן זיי געשטרעקט אונטער דער האק געהאָרזכאם.
האָט די געשאָכטענע געמיינדע מיך ארויסגעשיקט פון גרוב,
איך זאָל די אופגעוויקלטע מעגילע פונעם בראָך זײַן!
מ׳האָט אָן פארענטפערונג מיך אויסגעריכט אין וועג,
פארזאָגט, אז אין מײַן קאָל ניט זײַן זאָל קיין געוויין נאָר,
איז דארף איך פונדאָסנײַ איצט שטארבן אין געשלעג,
ארײַנגעאָטעמט לעבן צוליב דעם זיך האָט אין מײַנע ביינער! —

VI

געקוקט האָט ער אפן פארזאָרגטן קאפיטאן,
נאָר ער געזען האָט דעם פארבלוטיקטן בעסוילעם,
ווו ס׳הייבט די ערד און הויקערט זיך צום ראנד
מיט קייווערדיקע קרעכצן און געהוילן.
עס קייטלט א בעסאלמען זיך אין א בעסאלמען אָן
פון גאָר דער ערד — פארוועלקטע און צעגרינטע,
עס שטײַגט אפּ א מיליאָן א מיליאָן —
א גאנצע אומע: אורעלטערן, עלטערן און קינדער!
אדורכברעכן זיי וועלן ווו א צאם
און איבער אלע וועגן זיך צעפלייצן,
ווי אין א שטורעם — א צעבושעוועטער יאם,
און בא דער וועלט עפּעס א מאָן טאָן וועלן טויטערהייט זיי!
און מער קיין קלאָרקײַט ניט געהאט האָט זײַן פארשטאנד,
פארדעמערט איז געווען זײַן בליק און אויסגעלאָשן.
— פונוואנען שטאמסטו? — האָט געפרעגט דער קאפיטאן.
— פון יענעם שטאם, וואָס ער איז עפּשער מער ניטאָ שוין!

א רודער זיך געגעבן האָט דאָס פּעלד. פֿון פֿליגל — א געפּאַך.
זיך אופגעהויבן האָבן הילכיק רויטארמייער,
און ס'האָט געטראָגן זיך א בריִענדיקער שאַרך
פֿון אומעטום, ווי פֿון אונטער דער ערד געגעבן א צעוואַקס זיך.
און צוגעבלאָנדזשעט האָט פֿון אונטערוועגס א קינד
מיט וווּנדן אף די פֿיס און מיט א טאָרבע אף די אקסל.
געהויבן האָט עס יעדער רויטארמייער ווי א שווערד
און דורכגעשטאָכן זיך מיט דעם ביז בלוט די הערצער.
נאָר ס'האָט סאַדאָווסקי אלץ נאָך דעם געקומענעם געהערט
און אין דעם אָפּקלאנג פֿון זײַן קאָל נאָך אײַנגעהערט זיך,
ס'געווער געדריקט ביז ווייטעק אין די הענט,
געגאנגען פֿון די אויגן איז זײַן צאָרן ווי א כמאַרע
און שטיל געגעבן זיך צו אים א ווענד:
— ווי רופֿט מען דיך? — מײַן נאָמען איז גוראַריע!

32. א מענטש פֿון יענער וועלט

I

ווי אף רעסאָרן, וויגנדיק זיך, לײַכט געלענט
אף קני געדרונדיקטע, ווי האלבע רעדער,
און אין דער ביקס זיך אָנגעשפּארט מיטביידע הענט
האָט, א פֿארווונדערטער, געקוקט מאַמעדאָוו,
נאָך דעם געקומענעם געשפּירט מיט פֿלײַס,
האלב־אופגעשפּארט דאָס מויל און ציין אנטבלויזט געטאָקטע,
און יעדער ווײַל די הארטע ווײַסלען א פֿארגלײַז,
איבערגעפֿרעגט מיט זיי: וואָס האָט אזוינס געזאָגט ער?
אף די שפּיץ פֿינגער פֿלעגט מאַמעדאָוו אָט אזוי
אינמיטן סטעפּ, לעם א קישלאַק, פֿארנאַכט־צו,
אין דעם געזאנג פֿון אן אקין זיך געבן א פֿארזויג,
זיך אײַנהערן אין דעם אי מיטן מויל אי מיטן הארצן.
נאָר ס'האָט געשווינד אים אופגעהויבן פֿון דער ערד,
ווי ס'הייבט א ווינט בא א בערקוט אוף דאָס געפֿלעדער,
ווען אף זײַן פֿראגע „ווער ער איז?" — האָט ער דערהערט
פֿון קאָמאנדיר: — א מענטש פֿון יענער וועלט, מאַמעדאָוו! —

II

דאַן האָט זיך צוגעיין נע׳נטער אים פאַרוואָלט,
און ווי א היימישער צו דעם געקומענעם געגעגענ,
ער זאָל דערהערן דײַטלעכער זײַן קאָל
און אין דעם פּאָנעם בוילעטער דערזען אים,
אַז ער פון יענער וועלט געקומען איז אַהער,
אַז אופגעשטאַנען איז ער פון די טויטע.
האָט זיך דערלאַנגט צו אים מאַמעדאָוו שטיל א קער,
פאַרוואָלט זיך געבן האָט א שטיקל ברויט אים.
— ביסט הונגעריק? — א פרעג האָט ער געטאָן
און שעמעוודיק דערלאַנגט אים א סוכאַרל.
נאָר ניט געוווּסט, צי איז ער דאָ צי נאָך ניטאָ,
האָט אין דער פייַנלעכער צעטומלטקייַט גוראַריע.
ער האָט דאָס ברויט גענומען אין די הענט,
און זיך צעשפּרייט פאַר זײַנע אויגן האָט א נעפּל,
אים האָט געדוכט: דאָ קערט מען אום צוריק די וועלט;
אים האָט געדוכט: דאָ קערט מען אום צוריק דאָס לעבן...

III

אים א ביזאָיען איז געווען זיך צורירן צום ברויט,
עס האַלטן אין דער האַנט איז אים געווען א כאַרפּע.
פאַר זײַנע אויגן נאָך געשווינדלט האָט דער טויט,
נאָך אומגעיאָגט אין זײַן געדאַנק האָט די פאַרדאַרבונג,
געהילכט האָט נאָך אין זײַנע אויערן ס׳געשריי פון קינד:
„וואָס שיט מען זאַמד אין מויל אַרײַן מיר, מאַמע?״...
אים אָנגעיאָגט האָט דער געוואָי פון ווינט,
אים האָט פאַרפאָלגט פון בלעטער דער געשטאַמל...
ערשט איצט ער בוילעט האָט דערזען
דעם וויי-און-ווינד, וואָס וועט זיך קיינמאָל שוין פון אים ניט אָפּטאָן.
אַרויסגעפאַלן איז דאָס שטיקל ברויט פון זײַנע הענט —
ס׳וואָלט גלײַכער ניט געפרוווט אין אים די צאַרטקייַט זיך א גראָב טאָן.
און מיטאמאָל האָט ער דערפילט, אַז ס׳דרייט זיך אים דער קאָפּ,
אַז ס׳קאָנען זײַנע פיס אַזויפיל ווײ אָפּ זיך ניט האַלטן;
אים האָט געדוכט, אַז ס׳שלײַדערט אין אַן אָפּגרונט אים אַראָפּ,
נאָר ס׳איז מאַמעדאָוו צו, אים ניט געלאָזט קיין פאַל טאָן...

IV

א פיבער דורכגעגאנגען דורך אים איז ווי א ווינט,
געלעגן ער א ווײַלע איז אין אויסגעגאַנגען,
נאָר אופגעכאפט האָט ער זיך מיט פארעגטפערונג געשווינד,
לעם אים געשטאנען אָנגעבויגן איז דער דאָקטער.
ער האָט אים אויסגעהערט אינגאנצן מיטאמאָל,
אדורכגעשפארט דורך אים פון שוויים זיך האָבן טראָפּן.
געפרעגט און איבערפרעגט — עפשער דאָס צענטע מאָל:
— איז זײַט איר, הייסט עס, אויך א גראַנאַטאָפּער? —
געביטן האָט מארגוליס אומרויִק דעם טראָט,
עפּעס געזוכט און ניט געזען פאר זיך דעם פּאַציִענט שוין.
צי האָט ער אויסגעהערט דורך אים די טויטע שטאָט,
צי אויסגעהערט דורך איר דעם איינציקן געראטעוועטן מענטשן?
איז וואָס?.. זיי האָבן טאקע אומגעבראכט די גאנצע שטאָט?
האָט אים צום הארץ דער דאָקטער צוגעלייגט דעם אויער,
און שווײַגן אים א ווײַל געבעטן שטיל ער האָט
מיט אויגן אָנגעגאָסענע איבערן ראנד מיט טרויער...

V

גורריע האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ אָפּ יאָ און ניין...
ס'האָט דער זיקאָרן ווי א וווּנד זיך אים צעעפנט:
— איך ווייס ניט... כ'בין אליין...—
גנומען האָט איין וואָרט צום אנדערן ניט טרעפן...
ער האָט זיך אלץ דערמאָנט. אים האָט פארלאָזט די רו,
די אויגן האָבן אים גענומען סארפען:
— ווער אָפּ א נעס געוואָרט ס'האָט בא דער גרוב,
ווער ס'האָט דעם נעס פארביטן אָפּ א שטיין א שארפן,
ווער מיט די הוילע הענט זיך האָט קעגנגעשטעלט
ביז צו די לעצטע גסיסעדיקע קראמפּן,
און ווער בעגאנגען ס'איז מעקאדעש זײַן די וועלט —
מיט כקירע בליציקער, מיט פילפל און געאמפער.
באם קיווער האָט דער קאט געוואָלט באהעפטן זיי
פון דער צעזייטקײַט איבער אלע שיווע־יאמים,
ס'זאָל פון די זיבעציק לעשוינעס דאָס געשריי
פארטויבט ווערן אין פײַער און אין פלאמען.

VI

גורארי‌ע האָט מיט מי אריי‌נגעשעפּט די לופט,
און ס׳האָט זיי‌ן בליק געגעבן ערגעץ א פארהאַק זיך.
— איך דארפט זיך אָפּרוען! לייגט זיך אנידער! פּרוּווט! —
האָט אים דער דאָקטער אָנגענומען פאר די אקסל.
ער האָט געפּאָלגט. באקוקט די אומעטיקע ווייַט ארום,
און מיטן אָטעם בלויז געפּרוּווט דעם ווײ א ריר טאָן:
— פארוואָס, דערקלערט מיר, הארגעט מען אונדז אומעטום?
פארוואָס האלט מען אין איין פארטיליקן אונדז און פארניכטן? —
פון די פארמאכטע אויגן האָבן טרערן זיך געטאָן א לאָז,
גורארי‌ען אויסגעליידיקט דאָס געזיכט דאָס מידע.
און ווי פון שלאָף האָבן די ליפן זיך באוועגט: — פארוואָס?.. פארוואָס?..
— די מערדער הארגענען ניט בלויז קיין ייִדן... —
נאָר יעדערן, ווער קעגנשטעלן זיך ניט קאָן...
אַן אויסגעשעפּטער האָט זיי‌ן בליק געבלאָנדושעט אין די וויי‌טן: —
ס׳איז שוין אזוי פון שטענדיק אָן
און אומעטום... אין אלע צייטן...

VII

דער שלאָף האָט צוגעטוליעט צו דער ערד גורארי‌עס באַק,
א בין ארום זיי‌ן מויל האָט זיך געדרייט ווי אין פארגעסונג:
א הויכער קאָפּ איז ניט קיין אָפּהאלט פאר דער האַק,
א ווייַסער האלדז איז קיין מעניע פארן מעסער!..
זיך אומגעקערט מאמעדאָוו האָט צוריק אהער,
פון אופרעג און פון אומרו א געיאָגטער:
צי אינדערעמעסן פון „יענער וועלט“ איז ער?
און מיטן קאָפּ אַפּ „יאָ“ האָט שטיל א מאַך געטאָן דער דאָקטער.
ס׳האָט איבער אים א דעמב אַן אלטער זיך געוויגט,
קימאַט באַרירט מיט צווייַגן שאָרכעדיקע גרינג אים,
פּונקט ווי א בלינדער, אַפּן ווינט,
וואָלט אים געהיים געלייענט מיט די פינגער...
און א פארלעגערטע האָט זיך געטוקט דעם דאָקטערס שטים,
ווי אָנגעטרונקענ וואָלט ער זיך מיט ווינטן קילע.
געקוקט האָט דורך דעם איי‌נגעשלאָפענעם אַפּ אים
אַן אלטע, טויזנטיעריקע מעגילע...

33. פאר וועמען קרייט דאָרטן א האָן

I

א גאנצן טאָג האָט זיך באשעפטיקט דראָזד
מיט סארוועדן א באָרשטש אזא ווי אין פּאָלטאווע,
און מיט דעם ערשטן קעסעלע זיך גלײַך געלאָזט
צום קאָמאנדיר, א גליקלעכער פארהאוועט.
דער טיש געוועזן מיט דער מאפּע איז געגרייט,
מיט אָנגעמערקטע פונקטן — דערפעלעך און וועגן;
דער רייעך פונעם באָרשטש האָט זיך געגעבן א צעגיי,
און אָנגעשניטן ברויט איז אפן טעלער שוין געלעגן.
נאָר ס׳האָט סאדאָווסקי זיך ניט צוגערירט צו דעם געריכט,
ער האָט אים אײַנגעדעקט, באוואָרנט פון געפאר אים,
און אויסלעשנדיק ס׳קאנעצדיקע ליכט,
איז ער מעוואקער-כוילע זײַנע אוועקגעגאנ גוראריען.
מיט א באזוך צו דעם פארוווּנדעטן האָט ער דעם טאָג דערגענצט,
דערזען דאָרט דעם כירורג, ווו אלץ מיט אים געוועזן פול איז.
— ווען די רעפּועס זײַנען קנאפּ, איז א רעפּוע אויך דער מענטש, —
באגעגנט האָט דער דאָקטער אים און אים דערמאָנט: — מארגוליס!

II

ארויסגעגאנגען שטיל זיי זײַנען אפ דער לופט,
דעם שווערן אָפּרו פון די שלאָפנדע ניט שטערן.
סאדאָווסקי האָט געטאָן דעם קאָפּ א הייב ארויף —
דעם דאָקטער אָנגעוויזן אפּ א ווײַטן גרינעם שטערן,
די לופט אין זיך מיט דאָרשט אן אָטעם אײַן,
א רוק ארויף די הויט איבערן שטערן:
— איר ווייסט, דורך וויפל יאָר דערגייט צו אונדז די שײַן
פון אָט־אָ יענעם גרינעם בלענדנדיקן שטערן? —
און קוקנדיק צו די פארוווּנדעטע זיך אלע ווײַלע אום,
האָט ער דאָרט פאָרגעזעצט געמיטלעך זײַן באטראכטונג:
— פונקט דורך אזויפיל יאָר ארום
אדורכלויכטן די שײַן וועט פון די שלאכטן,
אין וועלכע די פארוווּנדעטע, און איך, און איר,
אינאיינעם און פארשיידן נעמען איצט אן אָנטייל, —
געדוכט האָט זיך סאדאָווסקין, אז פון איין באריר
האָט ער דערפילט אין דאָקטער גלײַך אן אייגענעם, א נאָ׳נטן.

III

זיי זייַנענביידע אייַנגעהאלטנ-אומרויִק געווענ,
כאָטש ס׳האָט א וועלט א גאנצע זיי צעשיידט דאָרט.
אינ איינעמ האָט אנ אלטער דאָר דערברענט,
אונ אופגעשייַנט א דאָר א נייַער — אינעמ צווייטנ.
נאָר ביידע האָבנ זיי באגעגנט איינ באגינ,
אונ איינער אונ דער זעלבער צאר האָט ביידע זיי דערנע׳נטערט.
דער דאָקטער האָט באמערקט, אז ס׳איז דער שטערנ ׳גרינ
אונ טוקט זיכ, אונ פארגייט, האָט ער זייַנ גאָסט געענטפערט,
פארשעפנדיק די שייַנ די גרינע מיטנ בליק:
— געוויס וועלנ יאָרהונדערטנ א יעדע אונדזער ש׳לאכט דערמאנענ,
אָבער ס׳וועט ניט קיינ מינדסטנ זינ האָבנ דער גאנצער קריג,
אויב בלייַבנ וועט א מינדסטער שפור פונ דער טאליאָנישער גערמאניע. —
ס׳איז שווער געווענ אימ ברענגענ פארנ מויל אצינד
דאָס טאָמע וואָרט, וואָס האָט מיט בלוט פארפלעקט די ליפנ.
ער האָט זיכ אופגעשטעלט: — כ׳וועל גיינ! כ׳האָב נאָכ א פאציִענט א קינד, —
אונ אפנ שטערנ זיכ פארקוקט, ווי זענ דאָס קינד וואָלט ער זיכ דאָרט געקליבנ.

IV

— ווי אלט איז אייַער קינד? — מייַנ קינד איז זיבנ יאָר!
— א מאמע איז פאראנ? — פאראנ א קיוועור איז דער מאמעס! —
ס׳האָט לאנגזאמ אויסגעשפרייט די פליגל א קאיאָר,
וואָס האָט דערמאָנט אינ א געבענטשטנ טאָג פונ מיטנ טאמוז.
אינ רוימ ט׳געשמעקט מיט טויט אונ מיט געבורט,
א שטיק פונ הימל אינ דער זייַט געווענ איז גרוי נאָכ.
סאדאָווסקי האָט צעעפנט דעמ פלאנשעט פונקט ווי א בוכ:
— כ׳האָב אויכ א זונ... א זיבניעריקנ... אזוינעמ...
ער איז אפ יענער זייַט... געבליבנ דאָרט...
אינייינעמ מיט דער מוטער... מיט אנ אלטנ זיידנ... —
עס האָט אימ לייַכטקייַט אויסגעפעלט אינ וואָרט,
געוואָרגנ האָבנ זיכ אינ האלדז די שטילע רייד אימ.
א נעמ געטאָנ האָט ער דעמ בריוו מיטנ געמעל,
וואָס ס׳האָט זייַנ זונ, זיכ שפילנדיק, געצייכנט.
גענומענ גליטשנ זיכ האָבנ די אויגנ זייַנע שנעל:
ס׳איז עפשער פונ דעמ אלצ ניטאָ שוינ מער קיינ זייכער!..

V

צי וועט ער זיי אמאָל נאָך זען צי ניין?
צי וועט דאָרט אויסקומען צי ניין אמאָל נאָך זײַן אים?
דורך אָט דעם קינדערשן געמעל הייבט ער פונסנײַ איצט אָן פארשטיין,
וואָס הייסט א בוים און א אייגענער, א לײַבלעך-דײַנער.
וואָס שטילקײַט איז אזוינס, א זעמדל א געגארטס,
די שטיבעלעך, די וועגן די פארטראכטע,
ווי אײַנגעבאקן טיף איז דאָס אין הארץ,
ווי טרויעריק און אייגנארטיק!..
ווי אָפטאָך קאָנען ניט די אויגן זיך א ווײַל,
ווי ס׳קאָן ניט אָנטרינקען צו זעט דער בליק זיך
מיט אָט דער קינדערשער פארקלערטער ווײַט,
מיט אָט די דרעמלדיק-בײַוועגיקע געוויקסן,
וואָס אין א יעדן אָדערל פון זיי
איז ער אליין אינגאנצן דורכגעקנאָטן,
און דאָס איז זײַנס ביז בלוט, ביז וויי,
פונקט ווי זײַן הארץ און ווי זײַן אָטעם.

VI

און קיינער איז מיט דעם אים שיידן ניט אימשטאנד,
ווי קיינער קאָן מיט זײַן געדאנק אים ניט צעשיידן.
ס׳איז היים. ס׳איז ערד. ס׳איז לאנד.
ס׳איז מוטער, קינד און זיידעס,
וואָס האָבן מיט דעם לײַב און מיט דער שווערד
ס׳געוויקס פאר אים מיט זאפטן אָנגעטריפט דאָ...
און ס׳האָט זיך אים דאָס הארץ פארשווערט,
און ס׳האָט זיך אים דאָס הארץ געריפטלט.
ער האָט באטראכט דאָס קינדערשע געמעל איבעראנײַס,
געשאָקלט מיטן קאָפּ: — די היים... א כאָלעם — אויסגעלאָשן... —
דעם דאָקטער שעמעוודיק געגעבן עס א ווײַז: —
קיין כאָלעם עפשער אויך איז מער ניטאָ שוין...
אלציינס! א קיווער... אש פון אלץ א ביסל נאָר,
ס׳שטייט ווי א מאמע פאר די אויגן לעבעדיק אנטקעגן.
— נו, אָט! פאר מאמעס מאָנט מען ביזן צענטן דאָר. —
א זאָג געטאָן דער דאָקטער האָט און זיך געזעגנט.

VII

„א ביסל אש“ — זײַנען אים נאָכגעגאנג סאדאָװסקיס רײד;
„א קײװער“ — אונ עס שטײט אים װי א מאמע פאר די אױגנ;
אלײנ אים אױכ װעט אױסקומענ אינ אש איצט זוכנ פרײד,
געגעבנ האָט זײַנ אײגנ קאָל א בײג אים.
„א מאמע“ — האָט אים דאָס פארשטײנערט הארצ געטאָנ א ברי,
אונ דורכגעגאנגענ איז אינ אים א הײסער װינט זיכ.
נאָר ס'שטײענ מער ניט אופ קײנ ײִדנ אינדערפרי,
אונ מער קײנ לעבעדיקע פור פארקער'װעט ניט אהינצו!..
פונ שטעטלעכ טויזנטער ס'צעװײטע אש
אדורכגעדרונגענ האָט אים דורכ אפ דורכ דאָרט.
עס ליגט דערשטיקט א טויזנטיאָרעדיקער ראש
פונ כאסענעס, פונ סימכעס אונ געבורטנ,
דער שטויב פונ גאסנ ליידיקע פארהיט
האָט עפשער אומגערנ די לעצטע טריט דאָרט
פונ לעצטנ אומבאשיצט-געכאפטנ ײִד,
װאָס דורכגעפירט דער דײַטש האָט צו דער שכיטע...

VIII

ס'איז דאָרטנ שטיל. ס'איז דאָרטנ טויט.
א רעגנ גײט אראָפ — די לעצטע צײכנס צו פארמעקנ...
מיסטאמע קומענ שאבעס פײגעלעכ נאָכ ברעקלעכ ברויט,
נאָר ס'קאָנ דעמ שאבעס זײער צװיטשער ניט דערװעקנ...
װי פונ א כאָלעמ כאפט זיכ אופ מיסטאמ א גרעזל גרינ,
אינמיטנ װעג די װיסטע הײַזעלעכ סע װערט געװאָרע.
מיסטאמע װארטנ זײ... אונ בײמער דאָרט מיסטאמע בליִענ,
אונ דעמערונגענ קומענ דאָרט מיסטאמע בײַטנ די קאיאָרנ...
װאָס טוט אינ גראָנאָטאָפ, אשטײגער, איצט א װינט?
פאר װעמענ פרוּװונ איצט אינ גראָנאָטאָפ א שאָרכע טאָנ די בײמער?
פאר װעמענ קרײעט דאָרט א האָנ אצינד,
אז ס'שלאָפט א גאנצנ טאָג די כראָפענדיקע אײמע
אפ גאסנ ליידיקע, ביז אונטער דר'ערד פארטױבט
פונ טאָמע טריט, װאָס האָבנ דאָרט געטראָטנ?..
אלײנ אינ גראָנאָטאָפ באגעגענענ דעמ טויט
געבליבנ איז זײַנ אלטער אכציקיאָרעדיקער פאָטער...

34. געפאלנ ווײַט זײַנענ די עפל פונעמ בוימ

I

דער וועג געווענ געצייכנט איז מיט בראָכ,
געוואלגערט איינס אפ אנדערנ זיכ האָבנ ביימער.
עס זײַנענ נאָכגעגאנ דעמ דאָקטער זעקס אונ פופציק יאָר
אונ גאָר די ערד, ווי א דערינערונג וועגנ א היימלאנד.
מיט לײַב-אונ-לעבנ — אומעטומ — האָט ער איר אָנגעהערט,
אונ שטעלנ ניט געקאָנט האָט פעסט אפ איר קיינ טראָט ער,
נאָר אָט אזא האָט ער זי ליב געהאט, די ערד,
ווי אלצ, וואָס גיט זיכ ניט. ווי אלצ, וואָס איז פארבאָטנ.
עפשער דערפאר איז זי געווענ דאָס סאמע טײַערס אונ געגארטס,
עפשער דערפאר ז׳געווענ זײַנ בליק אזא באטריבטער,
עפשער דערפאר האָט ער געטראָגנ זי בא זיכ אינ הארצ,
ווי אנ אוועקגעגאנוועט בילד פונ א געליבטער,
אונ א פארצויבערטער געשטאנענ פאר איר פראכט,
אפילע ווענ דער טויט האָט ארומ אימ א נעצ געשפינט דאָרט,
אונ ניט פארטראכטנדיק זיכ איר געבראכט
זײַנ הארצ, אונ זײַנ געדאנק, אונ זײַנע קינדער.

II

אז ליב האָבנ זאָל זי אימ זײַנ דערלויבט,
דערלויבט זאָל מיט איר כאָכמע אימ דערנערט זײַנ —
אָט גלאט דערפאר, ווײַל ס׳איז דער הימל בלוי,
אָט גלאט אזוי זיכ, ווײַל די אויגנ לעכצנ.
ער האָט אינ קינד זײַנעמ זיכ אָנגעהאלטנ פעסט,
ווי פונ זײַנ פאָרזעצונג דעמ סאמע בעסטנ אָרעוו —
א סאכ אזעלכע אָרווימ פונ זײַנ נעסט
האָט ער צעוואָרפנ אינ געוועלב פונ יאָרנ.
ווו זײַנענ זיי? עס ווייסט עפשער דער וואָגלדיקער ווינט,
וואָס יאָגט ארומ אינ זײַנ פארנעפלטנ זיקאָרנ...
דערמאָנט האָט ער אינ זײַנע קינדער זיכ אצינד,
אנ אויסגעהוילטער, ווי די שטרוי פונ אויסגעקלאפטנ קאָרנ,
ווענ ס׳האָט אימ אפנ מיטנ וועג צעשיידט דער טויט
מיט דער, וואָס אפ דער וועלט האָט זי געבראכט זיי.
געלייגט האָט זיכ אפ אימ פרימאָרגנדיקער טוי,
א ווינט האָט אָפגעהילכט בא אימ אינ הארצנ.

III

געשטעלט האָט דאָך אצינד ער פעסט דעם שפאַן,
כאָטש ס'האָט געריסן זיך זײַן הארץ, ווי אין באלאגערונג פון פײַער.
בעיס א כאסענע זיך אין די קינדער מע דערמאנט,
און אויך דערמאנט מען זיך אין זיי בא א לעווײַע.
ס'איז גרויס די ערד — ניט צו באנעמען מיטן בליק,
נאָר אָנגעשפּארט זײַן טרויער אומעטום האָט.
א בלעטער גיבן זיך אליין די יאָרן אפּ צוריק,
באוואקסענע מיט קראָפּעווע, מיט פּאַכעד און מיט אומעט.
ס'איז אין זיי שטיל, און טרויעריק, און וויסט,
ווי אין געבורט-שטעטל אין זײַנס אפּ אוקראַינע.
מיט ביטערקײַט גיט אים ס'געמיט זיך אַ באגיס,
די אויגן גיט ביז פינצטערניש א צי אהין אים,
און א פארקלעם דאָס הארץ ביז מעשוגאַס,
כאָטש נעם דעם קאָפּ און אין א שטיין צעפּלעט אים!
עס פּאדען מערדער איצט ארום דאָרט אפּ זײַן גאס
איבער די טויטע הײַזער, אפּ די בלוט-פארפלעקטע בעטן.

IV

פון אומעטום האָט זיך געשטרעקט צו אים דער בראָך
מיט אזא בלוטיק-בריִענדיקן בלײַ-ריס;
עס האָט אים אָנגעקערט א קאָרעוו דער בעסוילעם פון ניו-יאָרק,
א קייווער ער זײַן אייגנס האָט געהאט אין בוענאָס-אײַרעס.
די ערד די אופגעבראָכענע געווען איז שווארץ ווי פּעך,
געצונדן דאָס געדעכעניש האָט זי בא יעדן שפּאַן אים.
צופוסנס בא די ווונדיקע גוואדאלאכארער בערג
געפאלן איז א זון זײַנער אין שלאכט פאר שפּאניע,
און איינער אומגעשוועבט האָט ערגעץ אין דער לופט,
א גווארדיע-מאיאָר פון אוויִאציע.
געדוכט האָט אים, אז פונעם פּאָכען איבערופט
אפּ צווײַגן אופגעוויגטע בלאט מיט בלאט זיך.
דער ווינט געשפּילט האָט אפּן וואלד, ווי אפּ א הארפּ,
און מיט אן עלנטקײַט אזא די דורכגייער פארשפּראָכן.
א קויעך אָנטאָן זיך א גרויסן מע באדארפ,
בלויז אין געדאנק די קוואָרים אופזאמלען פון דער מישפּאָכע.

V

דער מיטלסטיקער זײַל פֿון זײַן געזינד —
באַשאָנקען האָט מיט אומגעדולד און גוורע די נאַטור אים.
ווער ווייסט, ווי שלאָגט ער איצט זיך ערגעץ מיטן ווינט?
ווי ערגעץ ראַנגלט ער אַצינד זיך מיטן שטורעם?
ער פּרוּווט זיך אין געזיכט אים פֿאַרשטעלן אַ ווײַל,
זײַן ניט-געצוימטקייט אין באַנעם, אין דער מישפּאָכע — איינער!
פֿון זיך צו וויסן טאָן די טעווע — אָפּ אַ מײַל,
אי דורך אַ ליד אי דורך געשלעג. דער זיידע מיט די ביינער!
אים נאָכגעגאַן איז ניט פֿון קיין געשטעלטן מענטש אַ שעם,
איבערגעוואָרפֿן זיך פֿון איינס צום צווייטן האָט געשווינד ער.
דאָך האָט ער שוין אין יענעם קריג זײַן נאָמען ניט פֿאַרשעמט,
און מיט אַ שטערן מיט אַ גאָלדענעם זיך אומגעקערט פֿון פֿינלאַנד.
ער שוועבט דאָ, מעגלעך, אין די הייכן איבער אים, —
האָט ער זיך אינעם הימל ביטן בליק געטאָן אַ קלאַמער,
אים דוכט זיך, אַז ער הערט זײַן ווערקנדיקע שטים
פֿון הימל, פּונקט ווי פֿון דער היים: אַ בריוועלע דער מאַמען!..

VI

געלייגט האָט זיך אָפּ ווײַט פֿון רויך אַ זוים,
געוויקסן דורכגעשפּאַרט פֿון דאָרטן האָבן גרינע.
ווי וואַקסט עס אויס אַ בוים אַזוי,
אַז יעדער צווײַג זאָל אָנקערן אַן אַנדערער מעדינע,
אַז יעדער צווײַג זאָל אָנקערן אַן אַנדער שפּראַך,
אַז יעדער צווײַג זאָל פֿון אַן אַנדער זאַפּט גענערט זײַן
און הֶעפֿקער זײַן פֿאַר יעדער האַק, וואָס איז פֿאַרמאָסטן, וואַך
איבער די בליִענדיקע קעפּ און קוועלנדיקע הערצער?!..
און דאָך געפֿילט האָט ער זיי אַלע נעבן זיך,
ווי ער וואָלט איצט מיט יעדערן פֿון זיי גערעדט דאָ.
ער האָט געזען זיי אַלע אין געזיכט,
דעם אָטעם זייערן געהערט דורכן גערויש פֿון בלעטער,
דורך אויפֿגעוויגטן ווינט אין רוים,
דורך דעם געוואַלגער פֿון יאָרטויזנטדיקע צאָמען:
געפֿאַלן ווײַט זײַנען די עפּל פֿונעם בוים,
נאָר דורכגעטראָגן אומעטום די זעלבע זאָמען!..

VII

ניט דאַרפֿנדיק פֿאַר זײַן פֿאַרמעג קײן אײל אױף דר׳ערד,
איז ער אױף איר דורך זײַן באַרוף געשטאַנען, װי אַ הערשער;
דעם סקאַלפּעל קעגן טױט געהאַלטן, װי אַ שװערד.
דאָס דענקען — פֿאַר זײַן אָרט אונטער דער זון דערקלערט שױן.
אים האָט געדוכט, אַז ס׳ברױכט ניט דער געדאַנק
קײן ביקסן, קײן האַרמאַטן און קײן פּאַנצערס.
אַנטװאָפֿנט האָט זיך די נאַטור קעגן זײַן דראַנג
און אונטערטעניק זײַנען אים געװעזן ספֿערן גאַנצע,
װען ער דאָס האַרץ פֿון מענטש געהאַלטן האָט אין האַנט.
דערגרונטנדיק דעם סאָד פֿון די געװעבן
און איבערשפּאַנענדיק פֿונעם קאַנאָן דעם ראַנד,
איז ער געגאַנגען פֿאַנאַנדערשליסן דעם יעסאָד פֿון לעבן.
יאָ, יאָ! ער איז געװען גערעכט, דער קאַפּיטאַן,
װאָס האָט אַ ביקס בײַ אים געפֿרעגט, װי נאָר ער האָט דערזען אים:
אױף צו באַקעמפֿן די נאַטור — גענוג איז דער געדאַנק,
אױף אױסראָטן די פּעסט — ניט קלעקן װעט דער גענעם.

VIII

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ יעדער װײַל,
באַטראַכט פֿון קורבן און פֿון בראָך דעם מאָלצײַט.
אין פֿלוג האָט ער זיך קײנמאָל שטאַרבן ניט געאײַלט,
נאָר איצט, װי קײנמאָל ניט, האָט לעבן אים געװאָלט זיך:
ס׳װעט זײַן אַן אװלע אױסהױכן דאָס האַרץ אַזױ,
ניט האָבנדיק געזען דעם בראָך פֿון די פּאַרדאַרבער,
ביז אױסברוקירט די ערד פֿון זױמ צו זױמ
ניט זײַן עס װעט מיט זײערע צעזעצטע שאַרבנס!
װי האָט פֿאַרשאָלטן זײַן באַדאַרפֿט אַ פֿאָלק
און װי פֿאַרקריפּלט האָט באַדאַרפֿט אַ לאַנד זײַן,
אַז ס׳זאָל אַ מוטערטראַכט פֿאַרקניפּט זײַן מיט אַ װאָלף,
ס׳זאָלן געבױרן װערן עגדעשן אין פּאַנצערס?!
ער קלײַבט ניט מיט דער כּײַע פֿירן זיך קײן שטרײַט,
און טײַנען האָט ניט װאָס מיט זײ ער —
עס װערט רעגלאַמענטירט די כּײַע דורך אַ שטײַג,
און דאָ — בלױז דורך געװער פֿון רױטאַרמײער!

IX

צו טריט צו אײגענע זיכ צוגעהערט האָט ער,
געדוכט האָט זיכ, אַז ס'רײַסנ זיכ פונ זײ געהוילנ:
איז װירקלעכ אימ געבליבנ איצט ניט מער,
װי בלאָנקענ פונ בעסוילעמ צו בעסוילעמ?
װי װעט מענ אומקערנ זיכ אינ א שטאָט?
װי װעט מענ אומקערנ זיכ אינ א ישעװ,
װוּ ס'איז קײנ מענטש קײנ לעבעדיקער מער נישטאָ,
װוּ פונ דער טויטער שטילקײַט איז די ערד פרילישעט?
װעט איצט קײנ װעג ניט שװער זײַנ פאַר זײַנ טראָט,
אויב גײנ אפילע טאָג אונ נאכט װעט זײַנ געגײט ער —
נאָר זײַנ א יעדער טאָג זאָל א געבאָט,
אונ יעדער נאכט זאָל זײַנ א נײדער:
זיכ אפ א װײַלע ניט צעשײדנ מיט דעמ װײ,
װי מע צעשײדט זיכ אפ א װײַל ניט מיטנ שאָטנ,
ביז אָפגעמעקט עס װעט ניט זײַנ דער לעצטער צװישנ זײ,
ביז ס'װעט דער לעצטער צװישנ זײ ניט זײַנ צעטראָטנ!

35. א כיעס איז צו לעבנ

I

נאָכ דרײַ טעג גאנג האָט מענ אפ אָפרו זיכ געשטעלט.
שױנ נאָענט איז פונ קלעמ די לעצטע גרענעצ.
געצויגנ האָט זיכ װײַט אנ אויסגעטראָטנ פעלד,
נאָר קײנער האָט עס דאָרט פונ מידקײַט ניט געזענ איצט.
א װאָרפ געטאָנ די רוקזעקלעכ אפ לינקס אונ רעכטס,
דעמ שװײס געװישט פונ שטערנס אונ פונ העלדזער,
די שטיװל אויסגעטאָנ מיט טײַװעדיקנ קרעכצ
אונ איבערװיקלענ אָנעטשעס גענומענ שנעל זיכ.
מיט פיס מיט באָרװעסע דערפילט די ערד,
װי קײנמאָל נאָכ אזא מינ מוטערלעכ־באפרישטע,
זיכ אָפרײַסנ פונ איר געװענ איז שװער,
נאָר ס'האָט זײ מונטערדיק א הײב געטאָנ דער פרישטיק.
עס האָבנ קעכעלעכ א קלונג געטאָנ מיט פרײד,
אונ אונטער פאכװעס — לעבעדיקע לאבנס, א מעכײַע!
דער טאָג מיט ברויט האָט אונ מיט װאסער זיכ געגרײט
אונ מיט מענוכע פאר דעמ מידנ כאיל.

II

א שײַער אָנגעשמעקט. א שאָטן אונטער װענט.
א בינטל האָלץ אפּ אופלײגן א שײַטער.
געבלישטשעט מעסערס האָבן אין די הענט
און פראַגעס אינעם בליק: צי װעט מען גיך זיך לאָזן װײַטער?
געזעסן בינטלעכװײַז א טײל איז לעם א טײל,
ביז גורט אנטבלױזט די לײַבער די צעשפּארטע,
און שראַמען אלטע האָבן האָפּערדיק דערצײלט
פון ניט פארגעסענע, פון גרױסע שלאַכטן.
דער אָקרעפּ האָט געפלעט א יעדן לױט דער רײ,
נאָר ס'האָט דער דאָרשט בא קײנעם זיך ניט אײַנגענומען.
דאָך האָט שױן עמעצער געשלעפּט א ביסל הײ,
און עמעצער האָט אױסגעבעט צוקאָפּנס זיך דעם קלומעק.
א פרישער װינט פון פעלד — מיט א צעלאָפּ
האָט זײ געבראַכט דעם װײ פון אױסגעברענטע ערטער.
און אײנער אױסגעכראָפּעט האָט שױן פונעם שלאָף:
— ער קלעמט ארום, דער דײַטש... — נאָר קײנער ט'ניט געהערט אים.

III

גוראַריע האָט צום ערשטן אױסגעזוכט אן אָרט,
װוּ אױסװאַשן פון װעג זאָל ער זיך גרינטלעך קאָנען.
א ריטשקעלע א שמאָלס געגאַנגען איז דאָרט
צװישן פארטריקנטע האָרבאַטע קליאָנען.
ער האָט דאָס העמד אראָפּגעשמיסן נאָך אין װעג,
באַטראַכט די הענט, דעם ברוסטקאַסטן, די אַקסל,
און ס'איז א קלינגענדיקער פּליוסק אװעק,
אז דאָס געמיט האָט יעדער רעגע זיך צעװאַקסן.
ער האָט געזײפט די פינגער אײנציקװײַז, מיט פלײַס,
צעשפּריט מיט טײַנעג יעטװידן באַזונדער;
זיך אײַנגעקוקט אין זײ איבעראַנײַס,
װי ער װאָלט זײַן פארמעג געצײלט. ס'פארמעג פון װוּנדער.
ער האָט געטאַפּט די הענט, די נאָז, דעם האַלדז,
די האָר פון קאָפּ, פון אױערן — די לעפּלעך:
— ס'איז דאָ! פאַראַן! פאַראַן איז אלץ! —
און צו זײַן אָפּבילד זיך געװענדט: — א כּיעס איז צו לעבן!

IV

אזוי־אָ פילט ער זיך צום ערשטן מאָל, —
האָט אים געדוכט, זיך טריקענענדיק אַפּ דער זון דאָרט.
ער האָט פאַרפרוּווט דורך אַ געשריי זײַן קאָל
און טענער עטלעכע ארויסגעלאָזט באַזונדער.
דאָס וואַסער איז אזוי דערקוויקנדיק און פריש,
דאָס גראָז אזוי דערקוויקנדיק און ווייך איז.
און ס׳גיט אין אים אַ גיי אַרײַן אַזאַ געמיש
פון פלעטנדיקע זומערדיקע רייכעס.
און אָט דער פלעטנדיקער שטילער אינדערפרי —
ער טאַפּט אים אָן, פונקט ווי זײַן אייגן פּאָנעם,
און אָט דאָס יִשעוול דאָס פרידלעכע און גרינס,
און אָט די טײַערע האָרבאַטע קליאָנען,
און ער איז צווישן זיי אָט דאָ אינמיטן וועג
אַפּ שטענדיק נאָר איין מאָל און איינער!
אַזאַ-אָ לעבן גיט מען ביליק ניט אַוועק,
אַ פרײַז אַפּ דעם קאָן שטעלן ער אַליין נאָר,

V

אַזאַ, ווי ס׳האָט געשטעלט אַפּ זיך דאָס לאַנד,
אַזאַ, ווי אַפּן פאָלק געשטעלט האָט די געשיכטע,
ווען ס׳האָט דער וועלט דער אויסגעליטענער דערלאַנגט
די פרײַהײַט אין געשלעג אַ פּאַרוויזירטע,
אַזאַ, ווי אין דער ווירקלעכקײַט האָט עס געהאַט,
אַזאַ ווי פינף און צוואַנציק יאָר איז עס געגאַנגען — איבעראַשנד.
און דורך רוינען האָט געשפּאַרט דער דײַטשישער מעכאַניזירטער קאַט,
וואָס איז געגאַנגען אָנשטאָפּן מיט בלוט די פּיסקעס און די טאַשן.
עס האָט פאַר יעדער גראָז דאָס האַרץ געטאָן אַ קלעם,
געראָפן האָט אַ יעדער בוים מיט אַ געהויל אים.
גוראַריע האָט אַפילע טראַכטן זיך אַצינד געשעמט,
אַז אָפּהענגיק קאָן זײַן אַ מענטש פון בלוט-באַזויפטן גוילעם,
אַז ס׳וועט דער עקלהאַפטסטער כאַם און פּאַראַזיט
די ווערט פון מענטש איבער דער ערד באַשטימען.
און ביימער וועלן טראָגן זייער פּרוכט אין בליט,
און בלוי און ליכט וועט אויסשפּרייטן דער הימל —

VI

דער הימל אונ די ערד, פאַר וועלכע ער איז אקוראַט
אינ אָנהייב קריג געקומענ שוינ אנ אויסגעשטאַטער,
דערפילנ זיכ פאַר זייער ליבלעכנ סאָלדאַט,
אויכ פאַר דעמ גראָז, אויכ פאַר די קליאָנענ די האָרבאַטע...
ער האָט פונסניי א פרווו געטאָנ די הענט, די נאָז, דעמ האַלדז,
די האָר פונ קאָפּ, פונ אויערנ די לעפּלעכ:
— ס׳איז דאָ! פאַראַנ! פאַראַנ ס׳איז אַלצ! —
אונ מיט די אויגנ צו דעמ פעלד געגעבנ זיכ א קלעפּ נאָכ:
איז אָט! א פריינ אפּ דייטשלאַנדס בלוט,
א פריינ אפּ דער פאַרבלוטיקט-גוילעמדיקער גייווע
געפינענ דאַרפ מענ אינ זיכ קראַפט אונ מוט
צו איינשטעלנ, ווענ ס׳איז גערמאַניע אפּנ פערד — אינ בלענד פונ גרייפנ,
אָט איצט, ווענ ער, גוראַריע, שלאָגט זיכ אָנ א ביקס,
ווענ בלויז דער ווייטעק אינ די אָדערנ אינ זיינע שור׳ועס.
באַוואָפענענ וועט קענג איר זיכ יעטווידער געוויקס!
אונ קעגנ איר באַוואָפענענ אליינ זיכ די נאַטור וועט!

VII

אַלציינס, צי זענ דאָס גליק געגעבנ אימ דאָ איז,
צי ניט באַשערט אליינ איז אימ דאָס גליק זענ,
נאָר וואַלגערנ וועט זיכ גערמאַניעס בלוטיק מעשוגאַס אינ מיסט
אינײנעמ מיט איר שטאָל, אונ מיט איר שטאָלצ, אונ אירע ביקסנ!
אונ נאָכאַמאָל פאַרפרווט דורכ א געהילכ זיינ קאָל
טענער עטלעכע אַרויסגעלאָזט באַזונדער.
אַזוי-אָ פילט ער זיכ צומ ערשטנ מאָל, —
האָט אימ געדוכט, זיכ טריקענענדיק אפּ דער זונ דאָרט.
ער זאָל נאָכ אָט אַזוי-אָ, ווי ער איז,
איבער דעמ קייווער פונ גערמאַניע דורכשפּרייזנ זיכ קאָנענ!..
אַז ס׳שטימט ניט מיט די דייטשישע קאַנאָנענ...
אונ דאָכ האָט אינ זיינ האַרצנ ניט געהויזט די רו,
דעמ ליכט אנ אָרט אינ בליק ניט אָפּגעטראָטנ האָט דער ווייטעק.
זיינ היימ וועט, ווייזט אויס, אייביק זיינ די גראָנאַטאָפּער גרוב,
דעמ בראָכ, ווייזט אויס, אויכ זענ וועט טויטערהייט ער...

VIII

באפרײַט פונ אלצ, ער צ׳ריקוועגס האָט געשפרײַזט,
זיכ א באנײַטער אומגעקוקט אינ אלע זײַטנ;
אימ האָט געדוכט, אז יעדער הויז צו אימ זיכ רײַסט,
אז יעדער פענצטערל אינ הארצ בא אימ זיכ שײַטערט.
א יעדער שטויבעלע האָט עפעס אימ דערקלערט,
א יעדער גראָז פארזאָגט האָט עפעס שטרענג אימ.
צו יעדנ שאָרכ פונ בוימ האָט ער זיכ צוגעהערט,
ער זאָל אפ אלעמאָל אינ וועג אימ פארגעדענקענ.
געקוקט פונ אומעטיקער ווײַט אפ אימ
זײַנ קאלע האָט, פארהילט אינ דעמער.
אימ האָט געדוכט: ער הערט איר שטימ
צווישנ די טויזנטער פונ קײַווערדיקע קלעמער...
ווי שווער דער וועג זאָל אימ אצינד ניט זײַנ,
ווי פונ זײַנ לעבנ זײַנ אצינד זאָל ער ניט ווײַט שוינ,
האָט דאָכ זײַנ ווײ איצט, ווי א שטערנ אימ געשײַנט:
א פרײַז וועט רוסלאנד שטעלנ אפ די דײַטשנ!

36. דער שאָטנ פונעמ זאָנדערפיורער

I

— א בראָכ צומ פינגערהוט! — האָט זיכ מיט מײַסטערס דרײַ
א לאָז געטאָנ אינ יענעמ טאָג דער שנײַדער זיאמע לעווינ.
אויב עמעצ דארפ אצינדערט נאָכ זײַנ גאָלדנ שנײַדערײַ,
דארפ ער איצט נאָר א ביקס! וואָס נאָכ? א קעסעלע! א לעפל!
אונ באָקי איז ער אינ א ביקס, נעלויבט איז גאָט,
ניט ווײניקער ווי באָקי איז א ייִד אינ אשרײַ.
אינ שטיל מיטנ ווארשטאט געזעגנט זיכ ער האָט
אונ צומ וואָקזאל אוועק, ווי א סאָלדאט — אנ איבעראשטער.
געווענ דער וואָקזאל איז אָנגעשטאָפּט
מיט רויטארמײער אונ מיט אומבאקאנטע מענטשנ.
א פאָר טאָג דארפ מענ פרי׳ר אהײמ, קיינ גראָנאָטאָפּ, —
באשלאָסנ לעווינ האָט, — ווער ווייסט, צי וועט מענ זיכ נאָכ זענ שוינ?!
אונ אינ דער הײמ האָט ער געהאט נאָכ וואָס צו זענ:
א קינד, א ווײַב, א מאמע בא די אכציק...
אונ זאָלנ גראָנאָטאָפּער שנײַדערס וויסנ וואָס אונ ווענ,
אויב טאָמער... מאלע וואָס עס מאכט זיכ...

II

נאָכ א בילעט געשטעלט זיכ אינ דער ריי,
נאָר כאָדראָם איז אים געגאנ דער קאָפּ דער קוטשעראווער:
מע דארפ דאָס ביסל געלט נאָכ איבערלאָזנ אינ דער היים,
דאָס אָפּגעשפּאָרטע אינ פּאָלטאווע.
געקראָכנ זײַנענ אים געדאנקענ אלערליי,
גענומענ איינער האָט דעמ צווייטנ איבעריאָגנ:
עפּשער זיי איבערפירנ — איינס אונ צוויי —
אונ מיט א רוּק הארצ אוועק זיכ שלאָגנ?!..
א הונ האָט פּלוצעמ זיכ פונ וועג געטאָנ א לאָז
אונ א דערשראָקענע בייזוועדערדיק גענומענ קוואָקענ.
אונ לעווינ האָט געטראכט: צוריק גערעדט, איז גאָר ניט אזוי פּראָסט
אינ אזא ספּעקע פּאקנ אפ דער האנט א וואָגנ!
ער האָט זיכ שוינ געשאפט ווי אינ דער היימ קימאט:
אָט דאָס — אהער אונ דאָס — אהינ. אונ אלצ באוויזנ מאכנ.
ער דארפ זיכ נאָר ארײַנשטעלנ אינ זײַנ וואָיענקאָמאט,
אימ ווײַזנ דעמ בילעט מיט אלע זיבנ זאכנ...

III

אונ טאָמער שפּארנ זיי זיכ אײַנ — אז ניט פונ אָרט:
א קינד... אנ אלטע מאמע... וואָס זשע טוט ער?
איז רעדט ער ניט ארויס דאָס צווייטע וואָרט,
איז זיכ געזעגנט אונ — א גוטנ!
אונ פונ דער צווייטער זײַט, איז בלײַבנ זיי דאָכ פּאָרט אליינ,
אונ דאָ גיט דיר דער אָסיענ באלד א גיי צו...
די מאמע — אלט... דאָס קינד איז קליינ...
אונ ס'איז קיינ ברעקל האָלצ ניטאָ אפ הייצונג...
אונ כאָטש אינ שוויס איז אָפּגעגאנגענ דער וואָקזאל,
האָט ער זיכ ניט געפוילט אינ „וואָס מע זאָגט" א לאָז טאָנ,
אז ס'וועט דער ווינטער זײַנ א ביטערער אזא,
מיט פרעסט אזעלכע, וואָס מע זעט זיי נאָר אינ מאָסקווע!
אונ עפּשער טאקע איז קיינ טאכלעס ניט דער נאווענאד? —
האָט ער דעמ כעזשבנ אפ צוריק גענומענ מאכנ —
נו, אָט וועט ער זיכ צושטעלנ אינ זײַנ וואָיענקאָמאט,
אימ ווײַזנ דעמ בילעט מיט אלע זיבנ זאכנ...

IV

און אלץ וועט זײַן באַזאָרגט, און אלץ וועט זײַן באַשטאַט,
און — אָט זײַנ רײ! זי נעׂנטערט זיך. אָט גיט זי שוין א גײ צו!
ער איז דאָך איצט ניט מער ווי א סאָלדאַט,
און דער וואָיענקאָמאַט וועט אים באַהילפיק זײַן אויך מיט אַ אײַצע!
נאָר קיין בילעטן גיט מען ניט קיין גראָנאָטאָפּ —
בלויז עשעלאָנען גייען רויטאַרמייִשע אַהינצו.
און דער וואָקזאַל גיט אַלע ווײַל זיך א פאַרשטאָפּ,
און אויף די ביימער באַם וואָקזאַל צעוויינט א ווינט זיך.
עס האָט ווי מיט א האַמער אים דערלאַנגט אין קאָפּ,
און ווי אַראָפּ אויף אים וואָלט מיטאַמאָל א האָגל:
איז שלאָגט מען, הייסט עס, זיך באַ גראָנאָטאָפּ —
פאַרוואָס זשע זאָל ער פאַר זײַן שטאָט ניט גיין זיך שלאָגן?
ער וועט זיך לאָזן גיין צופוס אַהיים,
צופוס דערקלײַבן וועט ער דאָרט צו גראָנאָטאָפּ זיך.
ניט ווײַט פונעם פעראָן אונטער א בוים
איז א קאָבוזאַר געזעסן מיט א צוגעדעקטער קאָבזע.

V

פאַרקויפט מ׳האָט קינדער-שפּילעכלעך אויפן פעראָן,
עס האָט דאָס האַרץ ביז בלוט א ריס געטאָן אים;
אים גיט זײַן טעכטערל זיך פּלוצעם א דערמאָן:
ווי קומט מען עס אַהיים אַזוי אָן א מאַטאָנע?
און מיט א שפּילכל צוגעלאָפן צו אן עשעלאָן:
— ער גייט קיין גראָנאָטאָפּ? אין יענער ריכטונג?
צי וועט מען אים ניט מיטנעמען? ווען קומט מען אָן? —
— ער גייט שוין אָפּ! ער וועט זיך באַלד א ריר טאָן! —
פון עשעלאָן צו עשעלאָן. נאָכהער — צופוס...
די גאַנצע וועלט איז צוגעגאַן צום מויל אים.
ער איז געווען צעטומלט און געאײַלט און ניט געוווּסט,
אַז גראָנאָטאָפּער ייִדן זײַנען אויסגעקוילעט.
נאָר ווײַטער מאַכן ניט געקאָנט האָט מען קיין טראָט.
דער אומגליק האָט געהיט דעם וועג, אים אומזיכטיק באַטראָטן.
געלעגן אײַנגעוויגט א טויטע איז די שטאָט,
און איבער איר — דעם זאָנדערפירערס שאָטן.

VI

אים האָט געדוכט, אַז עמעץ שטויסט אים אין אַ טהאָם אַראָפּ,
דעם האַלדז האָט אים געוואָלט אַליין זיך אַ צעשנײַד טאָן:
איז, הייסט עס, וואָס? איז אויס? אַ סאָף צו גראַנאַטאָפּ?
נאָר דאַן — אויב אויס די גאַנצע וועלט איז סײַדן! —
ער וועט עפּשער באַגעגענען נאָך עמעצן אין וועג,
מע וועט אים עפּשער אָנזאָגן די שיינע בסורע?
געשיקט זיך, אַז פון דאָרט איז קיינער ניט אַוועק?
געשיקט זיך, אַז עס וואַרט פון זיי אין ערגעץ ניט קיין שפּור אים? —
ער האָט אין ווײ זיך אַלע ווײַל געטאָן אַ גראָב,
זיך אָפּגעטיילט אַ גליד האָט פון אַ גליד אים:
ריבוינע־שעל־אוילעם, איז ווו זײַנען די בעזשענצעס פון גראַנאַטאָפּ?
פאַרוואָס באַגעגנט ער דאָ ניט קיין גראַנאַטאָפּער יידן?
וואָס וועט ער גיין זיך אײַנרעדן אַצינד,
וואָס וועט ער פון כאַלוימעס לאָזן זיך פאַרסאַמען,
אַז ס׳האָט זיך דאָך געראַטעוועט אַ קינד,
אַז לעבעדיק געבליבן איז אַ מאַמע?..

VII

און האַלב צעדולט, ניט וויסנדיק אַליין נאָך וואָס,
מיט הענט אין קעשענעס ווי צוגעקלעפּטע שטיקער קאָרע,
האָט ער זיך עפּעס זוכן דאָך געלאָזט,
ווי ער זאָל האָבן דאָרט די וועלט זײַנע פאַרלאָרן.
און אונטער אַזאַ אומפאַרשטענדלעך־נאָ׳נטן ראַש,
פאַרוועבט ערגעץ אין ווײַטע אומדערגרייכלעכע געהילכן,
האָט ער מיט הענט מיט אָפּגעבריטע אָנגעטאַפּט אין טאַש
דאָס קינדערשע דאָס ניט־דערבראַכטע שפּילכל...
אַרויסגענומען לאַנגזאַם עס ער האָט,
געקוקט אַף דעם מיט אויגן בלאָנדזשענדיקע, דולע:
איז וואָס האָט זיך געטראַכט אַ גאַנצע שטאָט?
מע האָט דען ניט געוווּסט, אַז ס׳גייט אַ פינצטערע גערולע? —
און שוואַרצער פון דער ערד — אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
גענומען גיין צוריק האָט ער ווי אין געלויער.
פון הינטן איז אַ מעס געלעגן — גראַנאַטאָפּ,
אַנטקעגן איז געגאַן די גאַנצע וועלט אין טרויער.

37. די גימנאַסטיאָרקע

I

דאָס הארץ פארטריפט מיט טרויער און מיט סאַם
און ניט באַגריַיפנד, וואָס אַזוינס איז פאָרגעקומען,
געלאָזט זיך אַפּ צוריק האָט לעווין ניט געזאַמט —
דאָס ניט-דערבראַכטע שפּילכל אַפּ די אַקסל אינעם קלומעק,
די ניט-דערגרייכטע היים — אינ אָוולדיקן בליק,
דאָס ניט-באַזאָרגטע הויזגעזינד — אינעם פאַרשטיינטן הארצן.
עפּשער אַ טאָעס? — האָט דער ווייטעק אים געשטיקט, —
ס'איז ניט געווען עפּשער דער גראָנאַטאָפּער צוג, ווי ס'מאַכט זיך?
עפּשער באַדאַרפּ מען נאָכאַמאָל זיך טאָן אַ לאָז,
זיך גוט פאַנאַנדערפרעגן פריִ'ר, — עס קאָן דאָך אַלץ געמאָלט זיַין! —
די אויגן האָבן זיך אים אָפּגעשטעלט, ווי גלאָז,
דאָס ליכט אינ זיי האָט זיך אינ פיַין געשמאָלצן.
נאָר אָפּגעשניטן איז געווען שוינ אויך דער וועג צוריק...
געקומען וואַרפן זיך פונ שטעג אַפּ שטעג האָט פונדאָסניַי ער, —
און אָנגעהויבן אָט אַזוי האָט ער דעם קריג
בא דעם אַרומגערינגלטן סאַדאָווסקיס כאַיִל.

II

וואַסילי דראָזד איז אומגעגאַנ פונ בוים צום בוים,
געטוליעט זיך צו יעדן שטאַם, ווי צו אַ מאַמע.
אַ ציִ', ווי פאַרן טויט, געטאָן האָט אים אַהיים,
דאָס ערשטע מאָל האָט ער אַ בענקעניש דערפילט אַזא מינ...
סאַדאָווסקי האָט דעם בליק געטאָן אַפּ אים אַ וואָרפּ:
— עפּעס געטראָפן, דראָזד? אַנו, בראַטאָק, איז לאָמיר הערן!
— ס'איז גאָרניט, כאַווער קאַפּיטאַן... ט'יך טראַכט פונ אונדזער דאָרפ...
און דאָ, וויַיזט אויס, וועט אויסקומען געהארגעט ווערן... —
פאַרייכערט האָט דער קאַפּיטאַן, געלאָזט אַ קניַילכל רויך
און אַפּ די רינגעלעך פאַרקוקט זיך אַפּ די רונדע:
— נו, יאָ... מע ווערט געהארגעט אויך...
געוויס. און ווער עס ווערט דאָרט בלויז פאַרוווּנדעט...
עס איז דאָך ניט קיינ כאַסענע — ס'איז דאָך אַ קריג,
נאָר פונ אַ קריג אויך אומקערן אַ העלד מע קאָן זיך...
דאָס איבעריקע ליגט אינ מאַזל, — האָט זיַין בליק
אַפּ דראָזדן פאָטערלעך געטאָן אַ בלאָנדזע.

III

— כ׳וויל ניט דערהארגעט ווערן, כאָווער קאָמאַנדיר, —
האָט ווי א טאַטן דראָזד א זאָג געטאָן סאַדאָווסקין.
און אומרו איז אזא געגאנגען מיט געוויכט
פון די געזיכט־צוגן די אָפּגעווינטיקטע און פּראָסטע.
א פֿײַערל האָט העל זיך דורכגעשלאָגן דורך דעם רויך,
ווי ס׳וואָלט צום מויל געקראָכן עס א ברי טאָן.
די אויגן אופגעהויבן האָט סאַדאָווסקי אין דער הייך,
א ווײַל זיי אינעם שפּיץ פון בוים אריַינגעשניטן
און זיי צוריק א לאָז געטאָן אראָפּ
אף דעם פאַרזאָרגטן, אומרויִקן דראָזדן:
— און איך, ווי מיינסטו, כאַלעש אָנלייגן דעם קאָפּ?
און אלע די, וואָס ליגן אפן גראָז דאָ...
ס׳וויל קיינער ניט דערהארגעט ווערן, דראָזד, —
אים אין די אויגן ער א קוק געגעבן גלײַך האָט: —
געהארגעט ווערט נאָר דער, וואָס הארגענען זיך לאָזט,
אים הארגעט פרי׳ר פאַר אלץ דער פּאַכעד!

IV

אנטקעגן דראָזדן אָפּגעשטעלט האָט זיך א ציג,
ווי א יעכוימע פון אן אָפּגעברענטן יִשעוו.
ס׳האָט דראָזד געגעבן זיך צו איר א צי,
דערפילט אין איר די היים נאָך פון פאַרפרי שוין.
ער האָט זיך מיט איר שטיל דערלפרייט אזוי,
ווי מע דערפרייט אין וועג זיך מיט אן אלטן שאָכן.
און זי האָט טרויעריק געקוקט מיט א דערשראָקן אויג, —
דאָס צווייטע איז געוועזן אויסגעשטאָכן.
אדורך איר פעל, ווי דורך אן אויסגעלאַטעט העמד,
האָבן ארויסגעסטאַרטשעט אומעטיק די ריפּן.
זי דאַרף שוין ניט קיין גראָז. דאָס מויל איז איר שוין פרעמד,
געציטערט האָבן בלויז פון זיך אליין בא איר די ליפּן.
זי וועט, ווײַזט אויס, דאָ אויסציִען די פיס,
וואָס זײַנען צו א מענטשן קוים דערלאָפן.
דאָס אויג דאָס איינציקע וועט שוין אזוי געוויס,
ווי א מעגילע פונעם יִשעוו, בלײַבן בא איר אָפן...

V

פארבײַגעגאנגענ לעווינ איז דאָס אָרט,
דערזענ די ציג אונ דראָזדנ גלײַכ געטאָנ א טעסע:
— איז ליב דיכ מיטנ גאסט!.. ווײַזט אויס פונ דאָרט!
מ׳עט איר דאָ דארפנ אָפּגעבנ דעמ לעצטנ כעסעד! —
אנ אומעט ארומ דראָזדנ האָט זיכ שטיל געוועבט.
די ציג... זי טוט אצינדערט אויכעט ווײ אימ.
— דײַנ גימנאסטיאָרקע, דראָזד! האָסט דאָ געכאפּט א טשעפּ, —
האָט לעווינ אימ באמערקט. — מע דארפ עס גלײַכ פארנײענ!
באווײַז! עס איז דאָכ עפּעס אונדזער כופּע-טואלעט,
וואָס ביסטו טרויעריק? — האָט ער די גימנאסטיאָרקע אימ געגלעט, —
מיר גײענ דאָכ די גאָרגלענ, דראָזד, צעטרענענ בא די דײַטשנ! —
אפּ הינ אונ צ׳ריק, פונ ראנד אונ צו דעמ ראנד,
אָנ אופהער זיכ געצויגנ האָבנ לאנגזאמ פורנ.
ס׳איז דראָזדנ לײַכט געוואָרנ גלײַכ פונ לעווינס האנט,
א מילדקײַט איז אזא געגאנ פונ לעווינס צוריר...

VI

ס׳איז לעווינענ גענוג א קוק טאָנ אפּ א קנאָפּ,
אז אפּנ אויג זאָל פּעסטשטעלנ געניי ער,
ווענ פּינקטלעכ, אקוראט וועט ער אראָפּ,
אונ עס מיט מיטגעפיל דעמ רויטארמײער גלײַכ פארטרויענ.
ער דארפ קײנ סאכ, א קוק טאָנ נאָר,
בא אײנעמ לויכטנ זיכ די הויזנ ערגעצ-ווו דאָרט,
אז טרעפנ זאָל ער גלײַכ: ס׳איז א סאפּיאָר —
געלאָזט באמ סוינעס דראָט-פארצוימונגענ א שטיקל פלודער.
גענוג איז אפּ א גימנאסטיאָרקע אימ א קוק טאָנ פונ דער ווײַט,
דערזענ א ריס, אז ס׳זאָל אימ גלײַכ א צי טאָנ:
— נו, יאָ! — גיט ער א פאָרשנדיקנ טײַט, —
אָט דאָס-אָ טינטערל איז פונ א שפּליטער! —
איז ווארט ער ניט. ער גיט אלײנ א פלי,
ניט פרעגנדיק, ער שטעלט זיכ עס פארנײענ.
ס׳האָט לעווינ זײַנ פראָפעסיע ליב,
אונ אימ — אימ האָבנ ליב די רויטארמײער.

VII

איז יאָמטעווודיק, אַף גדולע און אַף רום
האָט לעווין דראָזדן אויסגעריכט די גימנאַסטיאָרקע.
אַרומגעקוקט געטרײַ זי אומעטום,
ניט אופֿהערנדיק שפּיגלען זיך אין איר און פּאָרקען.
און נאָכאַמאָל אַ קוק, און ווידער פֿונדאָסנײַ,
גאָר ניט געקאָנט מיט איר צעשיידן האָט זיך לעווין.
דערקלערט פֿאַר דראָזדן אַלץ: די כאָכמע שנײַדערײַ
און פֿון טאַנדעט פֿון פֿאָשעטן די טעווע.
אַ שפּרוך באַגלייט האָט יעדן נאָט,
און אויסגעפּרעסט אים קונציק מיט אַ ווערטל האָט ער,
און פּונקט ווי צו דער כופּע זיך אין שלאַכט געלאָזט ער האָט
מיט דראָזדן אין איין ריי — פּאָרויס דער גאַנצער ראָטע.
אַן אויסזען פֿון אַ הייליקן האָט ער געהאַט,
פֿון אַלץ געוועזן ווײַט, אַף גאָרנישט מער געריכט זיך,
נאָר טראָט באַ טראָט האָט ער געשפּאַנט מיט דראָזדן אַקוראַט,
כאָטש אין דעם וווּקס איז ער געווען פֿון דראָזדן עטוואָס קירצער.

38. אַ קאָמפּלעקט קינדער־בגאָדים

I

אונטער דעם זאָנדערפֿירערס אופֿזיכט טאָג ווי נאַכט
האָט מען סאָרטירט פֿון די דערהאַרגעטע די בגאָדים.
געשטאַנען זײַנען וואַכלײַט אַף דער וואַך
מיט ביקסן אויטאָמאַטישע געלאָדן.
די דײַטשע פּינקטלעכקײַט האָט דאָ געהערשט מיט פֿלײַס,
און אײַנגעשפּאַנט אין איר געווען די טויטע שטאָט איז.
געשוועבט האָט דאָרט דער אויבערמענטשן-גײַסט
איבער דעם כאַאָס פֿון צעפּליקטע העמדער און קאַפּאָטעס.
געמאָסטן אײַלעוודיק מ׳האָט יעדער שטיק אַף זיך,
אַ יעדער שטיק מ׳האָט פֿיבערדיק געשאַצט אין מאַרקן.
באַ יעדן איז געווען צעיושעט דאָס געזיכט,
ווי באַ גאַנאָווים אַף די רוישנדיקע מאַרקן.
געבערענט באַ זיי די אויגן האָבן ווי באַ וועלף,
און צוגעשמידט באַ יעדערן געווען דער בליק צום פּאָל איז,
ווו אַרבל האָבן זיך געשטרעקט פֿאַרבראָכן אַף דער העלפֿט,
ווו ס׳האָבן ווי פֿון שלאָף אַליין געהויבן זיך די פּאָלעס.

II

געשטאנענ זײַנענ וואכלײַט בא דער טיר,
די צײַנקאסטנס געהאלטנ גענעצנדיק אינ דרייענ,
אונ אינווייניק האָט גרויס-גערמאניע סאָרטירט
ס׳בעסאלמענדיקע גוטס, ווי שלאכטיקע טראָפּייענ.
צונויפגעלייגט פּידזשאק מ׳האָט צו פּידזשאק,
א פּלודער מ׳האָט באהאָפטנ מיט א פּלודער;
געווענ זיי זײַנענ ערטערווײַז צעהאקט,
געווענ זיי זײַנענ ערטערווײַז פארבלוטיקט.
ביז צו דעמ באלקנ זיכ געהויבנ האָבנ פּעק,
אונ צייכנס דײַטשישע, ווי האקנקרייצערישע מאָטאָס,
געלייגט זיכ האָבנ אפ די ייִדישע די לאסטיקענע רעק
אונ אפ די וואָכיקע פארי־אָסעמטע קאפּאָטעס.
עס מאכט ניט אויס! מע וועט עס איבערקאָכנ לײַכט,
אפ דעמ איז יעדער גרעטכענ אינ גערמאניע א בעריע.
אונ אויספּוצנ אינ דעמ וועט זיכ דאָס דריטע רײַכ —
די טריִומפאלע זיגרײַכע אימפּעריע.

III

נאָר ס׳האָט געפעלט א קינדערשער קאָמפּלעקט,
די צאָל האָט ניט געשטימט מיטנ בעסאלמענדיקנ צעטל.
איז אפּראָסנײַ א זוכ געטאָנ פונ עק ביז עק:
— עס פעלט! — געטרייסלט האָבנ זיי זיכ, — דאָנער-וועטער! —
געשטאנענ זײַנענ וואכלײַט בא דער טיר,
אדורכגעגרילצט האָבנ פארבײַ געטאסעוועטע פורנ.
— זאָפּאָרט די צעטלענ געבנ א שטודיר! —
באפוילנ גרויזאמ האָט דער זאָנדערפיורער.
די אויגנ זײַנענ אימ ווי גאל געוואָרנ גרינ:
צי וועט זײַנ פלײַס פארעכנענ דער פיורער פאר גענוג אימ?
ס׳פעלט א קאָמפּלעקט, — הערט ער, ווי ס׳שרײַט צו אימ בערלינ, —
פונ אָט דעמ צעטל ייִדישע הארוגימ.
ס׳האָט ערגעצ אויסבאהאלטנ זיכ א קינד, ווײַזט אויס,
געווידערשפּעניקט אינ באפעל פונ זאָנדערפיורער!
זאָל אנ אָטריאד איבער די וועגנ זוכנ עס ארויס, —
האָט ער דאָרט אופגעהויבנ כריפּענדיק א שטורעמ.

IV

גע‏מאָרדעוועט האָט ער זיך ווי אין היגערפלעט,
און שוים פון מויל, ווי ער וואָלט זיך געעקט דאָרט:
— די צעטלען לייענען אליין דער פיורער וועט,
אליין דער פיורער פונדעוועגן וועט די קאָמפּלעקטן!
גערמאניע! די הערשערן פון גאָר דער וועלט!
גערמאניע! — געווישט האָט ער דעם בלויען האלדז-און-נאקן, —
גערמאניעס אן אימפּערישן באפעל
ניט אויספילן געוואגט האָט א פארפלוכטעס לאבסערדאקל!
די דערפער איבערגראָבן מיט די קעפּ אראָפּ;
די הײַזער אויסרײַסן אינײנעם מיט די שטאמען!
געפינען עס! — האָט ער געקלאפּט, —
געבראכט ס׳זאָל זײַן! — האָט ער געשטאמלט.
און ס׳איז א שטראָף־אָטריאד א גרויזאמער אוועק
די דערפער אויסטרעטן אף ברייטן און אף לענגן.
די הײַזער לאָזן מיטן פלאם פון עק צו עק
און — לעבעדיקערהייט צי טויט — דאָס ווידערשפעניקערל ברענגען.

V

די, וואָס האָט ווידערשפעניקט אינעם דײַטשן מיליטער,
די, וואָס דער שטראָף-אָטריאד געלאָקערט האָט אָן אופהער,
איז אלט געווען דאָס זעקסטע יאָר. ניט מער.
נאָר מ׳האָט, ווי א דערוואקסענע, באם נאָמען זי גערופן:
„יעהודעסל!“ — געשמייכלט האָט צו איר דער גאנצער הויף,
„יעהודעסל!“ — באוואונדערט האָט די גאנצע גאס זי,
ווען נאָך א שמעטערל זי פלעגט זיך לאָזן אין געלויף
און ווי א שמעטערל אליין זיך אומקערן א בלאסע.
זי האָט געהאט א קאָפּ מיט גינגאָלדענע האָר
און ברעמען זײַדענע איבער די שווארצע אויגן,
און האָט געהאט צו טאָן א יאם אין אירע אָנפאנגלעכע יאָר,
און יעדער רעגע איז בא איר מיט גאָלד געווען געוויגן.
פון סאמע פון קאיאָר, פון סאמע אינדערפרי,
ווי נאָר דער שלאָף טרעט אָפּ פון איר געלעגער,
הייבט גלײַך זיך מיט פארכאפּטקײַט אָן איר מי
פון עפּעס-וואָס צו זען, פון עפּעס-וואָס צו פרעגן...

VI

און דאָ די קוקלע אָנקאָרמענ. שוינ אזוי שפעט.
און לאָזנ זיכ מיט איר באנאנד שפאצירנ.
איר אופנייענ א קלייד. פארבעטנ איר דאָס בעט.
און מענטשלעכ מאכנ פונ פאפיר איר.
און מיט פארכאפטנ אָטעם און פארטרוי
זיכ אופזעצנ א ווײַלע אפ א וואָגנ,
און זייפנ-בלאָזנ לאָזנ דורכ א שטרוי,
און א פארגאפטע נאָכ א רייפעלע זיכ יאָגנ.
און לויפנ אלעמענ אנטקעגנ גלאַט,
אפ אלצ צעעפענענ דעמ בליק דעמ קלאָרנ...
א יאמ צו טאָג האָט זי שוינ אפנ זעקסטנ יאָר געהאט,
און האָט זיכ קוימ געקאָנט מיט אלצ אופאָרענ.
דאָ גיבנ זיכ די פינגערלעכ א פלעכט אליינ צונויפ,
און אינ א טאנצ זי לאָזט זיכ אָפ אזוי געלאסנ.
— יעהודעסל! — געפליעסקעט האָט צו איר דער גאנצער הויפ.
— יעהודעסל! — באווונדערט האָט די גאנצע גאס זי.

VII

— יודיט! — פארשריבנ איז אפ דײַטש געווענ
איר נאָמענ אינ טראָפּיי-דערקלערטנ מייסים־צעטל.
און אפ דער דײַטשישער קוואַרטיר, אינ די פארטויבטע ווענט
געכריפעט האָט דער זאָנדערפיורער: — דאָנער-וועטער!
די דערפער איבערגראָבנ מיט די קעפ אראָפּ,
די הײַזער אויסרײַסנ אינײנעמ מיט די שטאמענ!
געפינענ זי! — האָט ער געקלאפט, —
און ברענגענ זי! — האָט ער געשטאמלט.
געווענ פארשריבנ „דרײַצנ טויזנט זיבעציק און פיר"
אינ זײַנע מאלכאמאָוועסדיקע צעטלענ איז איר נומער.
זי האָבנ אויכ די דײַטשנ רעגיסטרירט,
איר האָט מענ אויכ באפעלט אפנ בעסוילעמ קומענ
און מיטנעמענ זיכ שפײַז אפ צוויי-דרײַ טעג,
און אויכ די סאמע ווערטפולע פונ אירע זאכנ.
האָט זי א סאכ באדארפט דענ גרייטנ זיכ אינ וועג?
האָט זיכ דענ צײַט געפאָדערט צוליב דעמ א סאכ איר?

VIII

די זאַך די סאַמע וועריטפּולכטע באַ איר
געווען אַ בער פון פּליוש איז מיט איין אויער.
דעם מאַלכאַמאָוועס זי אַליין געעפנט האָט די טיר
מיט נײַגיר, ווי אַן אומבאַקאַנטן אוירעך,
געזאָגט אים: — פּעטער, ס׳איז די מאַמע אין דער היים ניטאָ,
איר וועט אַרײַנקומען אַ ביסל שפּעטער! —
נאָר עפּעס האָט אַ שווינדל אין זײַן האַנט געטאָן.
— וואָס האַלט איר אין דער האַנט? גיט מיר אַ קוק טאָן, פּעטער, —
זי וואָלט אים פאַר אָט דעם אוועקגעשענקט דעם בער,
זיך כאַפּטש אַ ביסעלע מיט דעם אַ שפּיל טאָן...
וואָס נאָך פאַר דעם פאַרלאַנגט דען ער? —
אַ וואָרף געגעבן אין דער הייך האָט זי די פּילקע
און איז אַרויסגעלאָפן פון דערשרעק,
אַנשטאָט דער פּילקע שוין אַליין געטאָן אַ פאַל,
נאָר מער קיין שוץ פאַר איר שוין ניט דער פאַל איז,
זי דאַרף באַצאָלן דײַטשלאַנד פאַר ווערסאַל,
באַצאָלן דאַרף זי איצט פאַר דײַטשלאַנדס שענדלעכע מאַפּאָלעס.

IX

דעם בער פּונקט ווי אַ קינד אַ כאַפּ געטאָן האָט זי
און שפּילן זיך אַוועק מיט אים נאָך אַף אַ ווײַלע,
און אַפן וועג האָט זי דערזען אַ ווײַסע ציג —
און ווײַטער ניט געהאַט וווּהין זיך שוין צו אײַלן.
די גאַנצע שטאָט איז צום בעסוילעם שוין אַוועק,
איז וואָס? אַז זי איז מיט דער ציג דער ווײַסער דאָ פאַרנומען!
זי ווייסט ניט, אַז גלדמאַניע קערט איבער דאָרט דעם וועג,
איר פעלט ניט אײַן, אַז ס׳האָט דעם שעפּ פאַרפעלט אַ נומער.
האָט זי זיך מיט דער ציג אַוועקגעלאָזט באַנאַנד,
וווּהין די ציג אַליין האָט בלאָנדזשענדיק געפירט זי...
אַ שטיקל ברויט אין וועג פון אַ ראַכמאָנעסדיקער האַנט.
און אַף דער הוילער ערד — צעטראָטענע געווירצן.
אַמאָל — אַ טרער. אַמאָל — אַ טראָפּן טוי.
דער וועג איז שווינדלדיק. דער גאַנג — אַ גיכער.
אַמאָל אין פעלד באַטאָג — פאַרוקט אונטער אַ סטויג,
און ווי אַ פייגעלע אַמאָל באַנאַכט אונטער אַ סטריכע.

X

און גאנץ גערמאניע געיאָגט האָט זיך נאָך איר
פֿון דאָרף צו דאָרף, פֿון סוייפֿע איבער כרייפֿע.
און זי, ווי פֿון אַן אויסגעמאַטערטן שפּאַציר,
איבער די אַקסעלעכל די קליינע אָנגעטאָן דאָס רייפֿל.
און אָפּ די הענט — דער בער איינעם מיט דער ציג
געגאַנגען אַ געלאַסענע אין שטאָט צוריק איז
מיט איר קאָמפּלעקט באַקרוינען דײַטשלאַנדס זיג
און מיט איר קאָפּ פֿאַרזיגלען ס׳צעטל פֿון האַריגעס.
אַרײַנגעגאַנגען אין שטאָט פֿון אַש און פּעך
איז די זעקסיאָרעדיקע בירגערן די קליינע,
אַרײַנגעגאַנגען מיט דער פּילקע, מיט דעם בער
און מיט דעם ציגעלע דעם קלאָר-ווײַסן איינציקן.
געקומען אין געסטאַפּאָ איז די קליינע בירגערן אַליין,
צום מלכאַמאָוועס זיך געווענדט מיט קינדערישן שטאַמל:
— צי ווייסט איר, פּעטער, ניט, וווּ איז ערגעץ מײַן היים?
צי ווייסט איר, פּעטער, ניט, וווּ איז ערגעץ מײַן מאַמע?

39. די ראַדיסטקע

I

יעדיִעס פּינקטלעכע האָבן די אויסשפּירער געבראַכט:
פֿון איין זײַט — וואַלד, און פֿון דער צווייטער — לאַנען.
און גרייטן זיך געגומען צו דער שלאַכט,
דעם לעצטן קרײַז אַדורכרײַסן איז פֿאַרגעשטאַנען.
קיין רעגע ניט צעשיידט מיטן „טראָפּיי"
און מיט די אויער-רעדלעך אירע האָט זיך טאָניע.
געקישעפּט דעם עפּיר ביז צערכלעכקײַט, ביז ווייַ,
און פּלוצעם — פֿרייד פֿון איר אַ גיי געטאָן האָט,
ווי ס׳וואָלט זי אויפֿגעהויבן ערגעץ דאָרט אַף בערג
און אַף די הויכע כוואַליעס ערגעץ זי געקויקלט.
און נאָך פֿאַרטײַעטער זי האָט זיך אײַנגעהערט,
אַ רוף געגעבן אַלע מיט די הענט און מיט די אויגן:
— פֿאַראַן! ס׳איז אונדזערע! איך הער! —
ווען ניט די אויער-רעדלעך, וואָלט זי אין אַ טאַנץ געלאָזט זיך.
אַרומנעמען געוואָלט האָט זי די גאַנצע ערד,
אַרומגענומען האָט זי אומבאַמערקט סאַדאָווסקי.

II

וועג א באיאנ זאָל זײַנ, — האָט פערעליאָט דערלאנגט א ריס, —
וואָלט ער איצט א קאמארינסקע אוועקגעלייגט פונ די פאָגאָסטער!
געבעטנ האָבנ זיכ אליינ די פיס,
זיי איינהאלטנ האָט מי אונ אָנשטרענגונג געקאָסט אימ.
נאָר אָנ דעמ הארציקנ באיאנ, אלציינס געפלעט,
האָט ער פארלייגט א האנט באמ האלדז-אונ-נאקנ,
אונ אינ דער ווייכער ערד, ווי אינ אנ איבערבעט,
האָבנ די שטיוול זײַנע פײַקלדיק גענומענ קנאקנ.
זיכ צוגעזעצט אינ טאנצ א יעדער ווײַל ער האָט,
אונ ווארפנדיק די פיס, האָט ווי א דריידל ער געשווינדלט.
געהילכט האָבנ די רויטארמייער: — פערעליאָט! —
אונ — ניעדאָליאָט! — געטריבנ האָט אליינ דער ווינט אימ.
— איכ הער! — געשריגנ, טאנצנדיק, האָט פערעליאָט. —
א גרוס איכ הער! א גרוס פונ מאָסקווע! —
אונ ווי עס קלאפנ צו די רויטארמייער מיטנ טראָט,
געקוקט האָט שמייכלדיק, פארגאפט סאדאָווסקי.

III

מיט קישעפ האָט געקלונגענ דער פאראָל,
די האָפענונג געטאָנ האָט יעדנ א פארטרוי ער.
כאדאָווסקי האָט ראדירט. געכאזוערט מאָל נאָכ מאָל:
— איר וועט אונדז העלפנ דורכברעכנ דעמ לעצטנ טויער! --
פארפינקטלעכט אינ די צײַט אונ אָנגעמערקט דאָס אָרט,
דאָס קאָל פונ דאָרט איז אזוי מעכטיק אונ דערקוויקנד.
איז מיט די אויגנ גיט ער איבער יעדער וואָרט,
אונ אלע ענטפערנ אימ פריידיק מיט די בליקנ:
נאָכ הײַנט באנאכט רײַסט מענ דעמ קלעמ אדורכ,
אונ מאָרגנ הייבט פונסנײַ דאָס לעבנ אָנ זיכ.
געטראָגנ האָט פונ ווײַטע שטערנ זיכ א שפרוכ,
אונ אויגנ האָבנ גליקלעכע גענומענ בלאָנדזענ.
ס׳איז לאנג שוינ ניט געוועזנ אזא מילדע נאכט,
דער הימל ניט געווענ איז לאנג שוינ אזא בלויער.
באגינט האָט אינ דער אָפגעשטעלטער שאָ די שלאכט
פונ דורכברעכנ אינ קלעמ דעמ לעצטנ טויער.

IV

דעם דײַטשן גאַרניזאָן באַם שלאָפנדיקן ראַנד
האָט ניט געכאַלעמט זיך קיין בייז און קיין געוויטער.
נאָר פּונקט ווי מיט אַ פלאַמיק-דונערדיקן קראַנ
האָט אים אַ הייב געגעבן דער האַרמאַט פון די געברידער פיר ראַקיטאַ.
מיט פּינקטלעכקײַט ביז צו דעם העכסטן גראַד
דעם בלײַ, ווי בליצן, האָבן זיי געלאָזט אַ פלי טאָן.
זיי האָבן נאָך געדענקט די פּינקטלעכקײַט פונעם וואַרשטאַט
און אויך ו'עם בליק פון זייער פאָטער — פון איוואַן ראַקיטאַ.
זיי האָבן דעם האַרמאַט געטרײַ און פאָטערלעך באַדינט,
זיי האָבן פאַר דער גאַנצער צײַט פון קלעם פאַרהיט אים;
ווען מ'האָט באַדאַרפט, האָט ער זיי פרײַלינגדיק געגרינט,
ווען מ'האָט באַדאַרפט, האָט ער זיי זומערדיק געצוויטעט —
אַצינדערט נייטיק איז געווען,
ניט וויסן זאָל דער דײַטש — פון וואַנען...
פון אָרט צו אָרט מ'האָט דעם האַרמאַט געטראָגן אַף די הענט.
פון איין זײַט — וואַלד, און פון דער צווייטער — לאַנען...

V

און דאַן איז שוין אַרויס וואַסילי דראָזד,
ווי ס'וואָלט אים די קאָמאַנדע אויסגעהילכט זײַן שטאָט פּאָלטאַווע.
ער האָט זיך אַף זײַן קוילנוואַרפער פעסט פאַרלאָזט,
ווי אַף דעם בעסטן, אויסגעפּרוּווטסטן כאַווער:
— דערלאַנג פּאָלטאַווער האַלעשקעס דעם דײַטש צו זעט!
און מיט וואַרעניקעס דעם גאָרגל אים צעפּענטע! —
האָט ער זיך מיט זײַן קוילנוואַרפער האַרציק דורכגערעדט,
פאַרלייגנדיק אַ לענטע נאָך אַ לענטע.
אַליין געפלעט, צעטומלט און פאַרבלענדט
פון העל-צעשפּריצטן פײַער,
האָט אים געדוכט, אַז ס'גייט דער פלאַם פון זײַנע הענט,
און ס'האָט זיך אים פאַר פרייד געוואָלט צעשרײַען:
— ווער נאָך? וואָס זאַמט מען זיך? אַהער!
דער וועג באַלויכטן איז מיט הייסן בלײַ דאָ! —
און אַ ניט-צוטריטלעכער אינעם דראַנג, האָט ער
דעם קוילנוואַרפער אָנגעזאָטלט ווי אַ רײַטער.

VI

די דײַטשן מאָרדעווען געלאָזט זיך הין און צוריק,
אפֿן קאַטאָק פֿון טויט באַפֿעלט זיי פּײַערלעך זיך גליטשן...
אין אַקסל דראָזדן האָט געטאָן עפּעס אַ פּיק...
ניין! ס׳האָט זיך אויסגעדאַכט! די האַנט איז איינפאַך מיד שוין
פֿון זייער שאַרבנס דײַטשישע אין טאָל,
פֿון צוקלאַפּן מיט קוילן צו דער ערד אַ יעדן.
ער האָט אַפֿילו ניט געוווּסט, אַז זײַנע ייִדעס נאָך אַמאָל
אונטער פּאָלטאַווע צוט אַזוי האָבן געשאַטקעוועט די שוועדן..
צעפֿליקטע פֿינצטערניש פֿון פֿלאַנג צו פֿלאַנג
האָט אַלע ווײַל מיט פֿלאַם געטאָן זיך אַ צעעפֿן.
פּאַטראָנעס האָט דעם כאַוער דראָזד דערלאַנגט
דער ראָסטנער שנײַדער זיאַמע לעווין.
און דורך דעם קאָרידאָר געפֿלאָסן האָט דער טייל,
פֿאַרווּנדעטע מ׳האָט אויף די הענט געטראָגן,
ניט אָפּגעשטעלט און ניט געציילט,
אונטער דעם בלײַק־סווישטשענדיקן האָגל.

VII

מיט שטורעם האָבן זיי צעשפּאַרט דעם קאָרידאָר,
און אונטער פֿלאַם דער וועג געלעגן גראָד איז.
די דאָקומענטן פֿונעם טייל געפֿירט האָט דער פֿאַרטאָרג —
דער דרײַ מאָל שוין פֿאַרווּנדעטער אָוואַדיס.
אַ יעדער רעגע האָט געלייגט זיך אויף דער וואָג,
אַ יעדער שפּאַן האָט מיטן טויט זיך אויסגעוויגן,
און אָפּשטופּן דעם ערשטן בלוי פֿון טאָג
האָט ער באַמיט זיך מיט דעם בלוי פֿון זײַנע אויגן.
אָט באַלד!.. נאָך אַ מינוט!.. און אויס!
געצויגן האָבן זיך אויף ווײַט געפּלעפּטע מײַלן.
סאַדאָווסקי איז געגאַנגען פֿאָרויס,
אויף צוריק זיך אומגעקוקט אַ יעדער ווײַלע.
און אַלע האָבן אויסגעזען צעוואָרפֿן אויפֿן וועג,
ווי אויף אַ שטורעם־יאַם געשווּמען וואָלטן זיי אַ צײַט שוין.
ער זעט שוין אָן זיך, דער געגאַרטער ברעג,
און הינטן ברעקלען זיך צעקלאַפּט די דײַטשן.

VIII

געגע׳נטערט האָט מיט יעדער רעגע זיך די גרויסע ערד,
פונ דאָרט צו די ארומגערינגלטע געגאנגענ מ׳איז אנטקעגנ.
ס׳האָט דעם דערקוויקנדנ „אורא״ סאדאָווסקי שוינ געהערט,
נאָר שווער איז אים געווענ אצינד זיך צו באוועגנ.
פארהוילט ער האָט פונ זיך אלײנ די ערשטע וווּנד,
אונ פונ די פרײַנט האָט ער די צווייטע אויסבאהאלטנ.
נאָר ס׳האָט א קרעכצ דערטראָגנ זיך פונ טאָניענ: — ווו?
געטאָנ א לאָפ... דאנ האָט גוראריע אים דערזענ א פאל טאָנ.
ער האָט זיך גלײַך געטאָנ צו אים א לאָז,
נאָר אופשטעלנ האָט זיך אלײנ באמיט סאדאָווסקי, אָנ אים;
גורארינ אָנגעוויזנ מיט די אויגנ אפנ גראָז,
ווו פונ א קויל איז אומגעפאלנ טאָניע.
אונ אָנגעוויזנ טאָניע האָט אים פריִער דאָס געווער.
ער האָט עס אָנגערידט. געווענ ס׳איז נאָך ווארעמ.
אונ אָט אזוי געטראָגנ צו דער גרויסער ערד
האָט די פארווונדעטע ראדיסטקע אפ די הענט גורארינ.

IX

פונ אײנ פארווונדעטנ צום צווייטנ אינ געײַל,
צעטומלט אומגעטראָגנ האָט דער דאָקטער זיך אָנ אופהער.
בא יעדנ אָפגעשטעלט זיך אפ א ווײַל
אונ — ווײַטער! נאָך די שטילע קרעכצנדיקע רופנ.
אונ אָט אזוי פונ וווּנד צו וווּנד, פונ בינט צו בינט,
ניט מעסטנדיק, אפ וויפל צום געפאר ס׳איז נע׳נטער,
האָט ער זיך פלוצעמ א דערמאָנ געטאָנ: — דאָס קינד?!
ער זעט עס ניט! ס׳האָט ערגעצ זיך, ווײַזט אויס, פארפלאָנטערט!?
זיך אויסגעמישט בא אים אינ קאָפ האָט בארג אונ טאָל,
דער וואלד גערוישט בא אים האָט אינ די בײנער,
אינ אלע ריכטונגענ האָט ער זיך מיטאמאָל
א לאָז געטאָנ, ניט ויסנדיק וווּהינ אלײנ נאָך...
אונ מיטאמאָל פונ גרינע צוויי מונדירנ גאל
האָט דעם צעשטרייטנ בליק געטאָנ א שמיר אים,
אונ בײדע אויסגעגאָרגלט האָבנ: „האלט!״,
אונ אינ א פינצטערניש געלאָזט האָט ער זיך אונטער זייער שמירע.

X

אונ לעווינ האָט זיכ אײַנגעהערט אינ יעדנ ריס,
די קוילנ טראָגנדיק אונ טראכטנדיק אזוי נאָכ:
אז אָט שוינ, דאכט זיכ, בא די אייגענע מע איז,
אונ אינ אנ אויגנבליק — אינ הינטערלאַנד באמ סוינע.
דעמ אומגעדולד פארפרעסנד מיט די ציינ
אונ אונטער פרעס פונ טויט געפינענדיק דורכויס זיכ,
האָט לעווינ פלוצעמ, מיטאמאָל אליינ
זיכ אפ א כאָפּטע דײַטשנ אָנגעשטויסנ.
א שפרונג איבערנ קאָפּ געגעבנ האָט דער „פראָנט״:
פונוואַנענ? וויאַזוי? נאָר — מאטער זיכ, ניט מאטער —
שוינ רונד ארומ זײַנ פּאָנעמ האָבנ נאָ׳נט
זיכ אויסגעסאדערט זיבנ אווטאָמאטנ...
ווי ס׳וואָלט א בארג אפ אימ געטאָנ א פאל,
אינ ערגעצ קאָנ שוינ זיכ ניט טאָנ קיינ דריי ער.
אונ טייקעפ אָפּגעפירט מע האָט אימ אינ א שטאל,
וו ס׳האָבנ אינ געפאנג געפלאָגט זיכ רויטארמייער.

40. די וועלט דורכ א שפּארונע

I

אינ אויסשפירונג דאָס ערשטע מאָל ווענ לעווינ איז אוועק,
פארדריקנדיק אינ האנט דעמ אווטאָמאט, באלאָדנ,
האָט ניט פארגעסנ אויכ ער מיטנעמענ אינ וועג
די שער, די בײַוועלעכ אונ אויכ די נאָדל.
— וואָס נעמסטו מיט זיכ מיט דעמ אינווענטאר? —
א פרעג געגעבנ האָט אָוואדיס גלאט אימ.
— א שײַלע! מאלע וואָס? — האָט ער די הענט געטאָנ א שפּאר, —
עס טרעפט — מע דארפ עמעצנ צולייגנ א לאטע! —
ער איז דער ערשטער צוגעקראָכנ צו דער דײַטשער וואכ,
גלײַכ דעמ קינזשאל ארײַנגעשטעקט אינ האלדז-אונ-נאקנ
אונ זיכ אנטשולדיקט: — ס׳ערשטע שטיקל ארבעט איז געמאכט,
נאָר צופרעסנ א קאפּעלע, סאכאקל. —
דערנאָכ אזוי שוינ אגעוו-אורכעדיק האָט ער
זיכ אָנגעבויגנ אונ א זאָג געטאָנ: — נו, מיילע!.. —
אונ מיט דער אלטער שנײַדערישער שער
אראָפּגעכאפּט באמ דײַטש, פּונקט ווי א צוויקעלע, דעמ ציילעמ.

II

— איר זעט? — דערקלערט אָוואַריסנ האָט דעמאָלט ער, —
אַצינד פאַרשטייט איר שוינ? — האָט ער געטאָנ א פּאָכע, —
אז אויכ אינ אויסשפּיר קומט צוניצ א שער...
דעריקער דאַרפ דער באַלמעלאָכע זײַנ א באַלמעלאָכע! —
אונ אפּנ וועג צוריק, פאַרטראַכט אונ מאַט,
באַפאַלנ האָט א כאָפּטע דײַטשנ אומרעדוואַרט זיי.
געווענדט דער שנײַדער האָט זיכ דאַנ צום אווטאָמאַט,
געווענדט האָט דאַנ דער שנײַדער זיכ צום האַרצנ:
— איז, הייסט עס, וואָס?.. א סאָפ צום שנײַדערײַ? —
אונ מיט צעבערעקלט־בליאַסקענדיקע בליצנ:
א רײַ! אונ — נאָכ איינע! אונ — אַלע דרײַ! —
האָט ער אָוועקגעוואָלגערט זיבנ פּריצנ.
— ס'א נײַער שניט! — האָט ער דערקלערט נאָכהער, —
אפּ זיבנ — דרײַ! זיי וועלנ ביסלעכווײַז באַקומענ אָפּשײַ!
דעריקער צונייענ אַזוי צו דר'ערד,
ווי קנעפּ, וואָס רײַסנ קיינמאָל זיכ ניט אָפּ שוינ!

III

אונ איצט געזעסנ לעווינ איז פאַרשפּאַרט אינ שטאַל.
אַרײַנגעקוקט די וועלט האָט בלויז דורכ א שפּאַרונע...
געדוכט האָט אים, אז ער געטאָנ א פאַל
האָט אינ א פינצטערנ, א טיפנ ברונעם.
מיט יעדנ קער אונ ווענדע צו דער פרײַ
האָט ער געזעגנ דעם טויט, וואָס האָט צו אים גענע'נטערט...
אַדורכגיינ דאַרפ פאַר אים אַצינד פאַרבײַ
זײַנ גאַנצע וועלט, ער זאָל צולעצט זי נאָכ דערזענ דאָ,
אז ס'זאָל אים דרײַ מאָל טרויעריק אונ שווער
זיכ דאָס צעשיידנ זײַנ דאָ מיטנ לעבנ...
אינ יעדנ הילכ אונ אויסגעשריי האָט ער געהערט
דעם גאַנג פונ זײַנע פינצטערע באַגרעבער.
געזעגענענ, ווײַזט אויס, ער דאַרפ זיכ באַלד
מיט אַלצ, וואָס טײַער איז אונ ליב אים,
אונ פרי'ר פאַר אַלצ — מיטנ זיקאָרנ, וואָס פאַרהאַלט..
ס'איז, ווײַזט אויס, ווייניק צײַט אים שוינ געבליבנ.

IV

נאָר ניט דערמאָנענ קאָנ ער זיכ, ווי זײַנ יעהודעסל זעט אויס,
ער האָט זיכ אײַנגעהאלטנ באדארפט, „יעהודעסל״ ניט א געשריי טאָנ,
אונ זיכ געעקט: ווי קריכט מענ ניט פונ זיכ אליינ ארויס
דעמ גאָרגל איבערהעריזענ זיכ אליינ פאר ווייטעק?
געשיקט זיכ, אז.. אז אלצ איז שוינ נישטאָ?..
ארויסגעפאלנ איז אפ אימ א שטרוי פונ דאכ, ווי א פארסטריגע.
א שטאָט... א שטאָט... א גאנצע שטאָט, —
האָט ער דעמ קאָפ פונ זײַט צו זײַט גענומענ וויגנ.
אונ ער אליינ... ער ווארט... ער ווייסט, אפ וואָס ער ווארט,
עס זעצט דער וויי אינ שלייפ אימ, ווי א האמער.
נאָר דרײַ מאָל הייבט זײַנ שארבנ זיכ, ווענ נאָר ער גיט א טראכט,
ווי מ'האָט פונ שטוב ארויסגעשלעפט זײַנ בלינדע מאמע...
מאמע... מאמע!.. נו, אונ שיינדל מיטנ קינד...
זיי האָבנ אפנ בוידעמ דאָכ געקאָנט ארופ... דאָס דארפ מענ אויכ דענ קענענ
אונ אויכ די מאמע מיטנעמענ... א זקיינע... בלינד...
אונ אויסבאהאלטנ זיכ אונטער די אלטע מאנעקענענ!

V

אונ אָט דעמ ווייטעק אָפּטרײַבנ פונ זיכ מיסטאמ
ניט קאָנענ וועט ער שוינ ביז צו דער לעצטער רעגע.
געקומענ איז אימ פלוצעמ אפנ טאמ
דער רייעכ פונ זײַנ שטעטל נאָכ א זומערדיקנ רעגנ.
דער אָפּגעפרישטער זאמד. דער שאבעס אינדערפרי.
די ביימעלעכ די פּאָר. דער טײַכ אונ די טשערעטנ.
אונ ס'האָט דאָס הארצ אימ אלע ווײַל געטאָנ א ברי,
ווי ס'וואָלט דער טויט געגאנ די ציינ אימ א פארעד טאָנ.
ער פילט ניט, ווי עס טוט זײַנ פוס אליינ א שפאנ,
גענומענ האָבנ די יאָמטויווימ פאר אימ דורכגיינ...
אוועקלייגנ ער פלעגט אינ קלוב א פאדעספאנ,
וואָס האָט געקאָנט פארשטעקנ א מאזורקע,
זיכ טאָנ א דריי ארומ א כאוועריטע — אהער, אהינ,
פונ סאמע לײַכטסטנ ווינטל איידעלער אונ גרינגער, —
נאָר מיטנ קוק איר עפּעס אײַנרוימענ, פארשטעלט אונ דינ,
אונ טראָגנ הויכ איר האנט, בלויז אָנגערירט די פינגער.

VI

וואָס קריכט עס אים אין קאָפּ? ווי קלאַפּט מען עס אַרויס?
ווי ווערט מען פּאַטער פון דעם פּײַן? פונעם זיקאָרן?
געווען איז — אַלץ. און אַלץ — איז אויס!
זיך אויסגעשטעלט דאָס גאַנצע לעבן פאַרן טויט האָט אַזוי קלאָר אים...
און פּלוצעם האָט דעם וועג דערזען ער צום וואָקזאַל,
די כּיינעוודיקע דערפֿעלעך אין גרינס אַף בײדע זײַטן...
דורך דאָרט האָט מען זיך אין דער וועלט געטאָן אַ לאָז אַזאַ,
פון דאָרט האָט מען פאַרליבט זיך אין די אומבאַקאַנטע ווײַט....
ער וויגט זיך אײַן אין דעם שפּאַרונעדיקן פּאַס,
און מיט זײַן שנײַדערש אויג ער גיט אַ מעסט דעם שעטעך.
דורך יענעם וועג געקומען איז מען אַלע יאָר צוגאַסט
און מ'האָט די גאַנצע וועלט אַרײַנגעבראַכט אין שטעטל...
און אויך דורך יענעם וועג האָבן די דײַטשן קינד-און-קייט
פון גאָר דער שטאָט אַפּן וואָקזאַל געטריבן.
„אַף אַרבעט!" — האָבן לאַכנדיק די מערדער זיי באַגלייט,
און ערגעץ האָט דער טויט באַגעגנט זיי בײַ גריבער...

VII

— פּראָסטאַקעס פינצטערע! — האַלט לעווין קוים זיך אײַן,
ער זאָל ווי אַ בוהײַ איבער דער שטאַל זיך ניט צערעווען, —
אויב איך בין אין די הענט אין זייערע אַרײַן,
בין איך קיין שנײַדער ניט! און ס'איז מײַן נאָמען מער ניט לעווין! —
ס'איז שווער דער טויט... און ביטער איז די לעצטע נאַכט...
און ס'וואַרגט אַזוי די וואַרטנדיקע פּײַן אים.
איין טרייסט: ס'האָט יעקע באָק אַהער אים ניט פאַרנאַרט —
האָט ער אַליין מיט ערעוו-מיסעריקן שטאָלץ זיך אײַנגעטײַנעט.
און דאָרט האָט יעקע אָפּגעפּריצעוועט אַ שטאָט,
אַ שטאָט מיט ייִדן אָפּגענאַרט האָט ער דאָרט,
און ברויט אין וועג געהייסן מיטנעמען ער האָט
אַף פינצטערן בײזווונדער און געלעכטער...
געשיקט זיך, אַז געגעסן האָבן זיי דאָס ברויט אין וועג?
און דרײַ מאָל שרעקלעכער דער ווייטעק און דער בראָך איז!
און שטאַרבן איז אים איצטער אַ ביזאָיען און אַ שרעק —
דאָס, וואָס געגאַנגען ווי קעלבער זײַנען אויכעס באַלמעלאָכעס.

VIII

עס גיבנ פונ זײַנ ווײַטעק א צעטאָרע זיכ די ווענט,
אונ ס'דוכט, אז ס'ברענענ דורכ פונ שטאל די העלצער:
וואָסי? קײנ פרעסלעכ זײַנענ דענ בא שנײַדערס ניט געווענ?
צי האָבנ פראָסטע בײגלבאָקנ דענ פּארפעלט זײ?
אונ ס'גיט דאָס הארצ בא אימ א־נ היצ א ברענ,
אונ ס'גיבנ זיכ די פיס אנ אונטערבראָכ אימ:
ווּ איז עס עוועדי באראנעווקער געווענ?
ווּ איז געוועזנ לײבעניו פופּאָכע?
פארוואָס האָט ער זײ פאר די גאָרגלענ ניט דערשטיקט? —
גיבנ די אויגנ שוינ אינ בלוט בא אימ א בלאָנדזע, —
ער האָט דאָכ נאָכ מיט וויפל יאָר צוריק
געשלאָגנ זיכ אפ דער מילכאָמע מיט יאפּאָנצעס?!
אונ קסיל! געקײַעט גלאָז... א בראָכ!
געבליצט אינ מויל בא אימ האָט, דוכט זיכ, ווי אינ גענעמ!
ער פלעגט דאָכ זעקס פידזשאקעס אופנײענ א וואָכ,
זאָל ער קײנ דײַטש קײנ אײנעמ ניט דעמ בויכ צעטרענענ?

IX

פונ הוילנ שטאָל־אונ־אײַזנ דארפ ער זײַנ,
ער זאָל אינ שטאל ווי א בוהײַ זיכ ניט צערעווענ,
ווענ ס'גיט דער מאלכאמאָוועס זיכ א קוק ארײַנ
אינ אימ, אינ דעמ געפאנגענעמ דעמ שנײַדער לעוויג...
אז בלויז אײנ שפאנ פונ שטאל — איז א קאיאָר,
אז אויכ דאָס לעבנ איז אײנ שפאנ פונדאנענ,
אז ער איז אלט אינגאנצנ צוויי אונ דרײַסיק יאָר,
אז ס'שמעקט דאָס מיסט פונ שטאל אימ אויכ מיט האָניק.
אונ דײַטשנ קוילענ ייִדנ אויס אינ יעדער שטאָט,
אונ הײסנ פאר דער שכיטע זיכ דאָס אָנטאָנ ברענגענ,
אונ ס'זײַנענ אינ די שטעטעלעכ קײנ ייִדנ שוינ נישטאָ,
ווי זײ וואָלטנ דאָרט קײנמאָל ניט געווענ גאָר...
אונ אז ער גיט זיכ מיט זײַנ לעצטער טראכטעניש א לאָז,
אונ אז דעמ כעזשבנ זײַנעמ גיט ער א הארעכנ,
איז בלײַבנ לעבנ האָט ער שוינ בעמײלע ניט צו וואָס,
כאָטש ס'ועט בעמײלע אימ א דײַטש ביז אינדערפרי דערשטעכנ...

41. זיך דורכגעריסן!

I

און דאָך האָט ער צוערשט באַקוקט פֿון שטאַל די טיר:
ווי עפֿנט זי זיך אויף, ווי זי פֿאַרמאַכט זיך.
דערזען אַ דרעמלדיקן דײַטש אין וואַך לעם איר,
איז אים געוואָרן עטוואָס גרינגער אויפֿן האַרצן.
„מימאָנעפּשעך, — געטראַכט האָט ער, —
כאָלילע וואָס?!.. איז אָדער — אָדער!
ביזוואַנען ס'איז פֿאַראַן אַ שער,
איז קאָן ער דאָך זיך אויפֿטרענען אַן אָדער!
און אויב אַ שלאָף גייט גאָט אַרײַן דער וואַך
איז דאַרף מען ניט קיין סאַך... ער שאָקלט זיך שוין, קאָנטיק, —
איז ניט קיין אומגליק אויפֿשנײַדן דעם דאַך.
די שער — דעם דײַטש אין גאָרגל אויף אַן אָנדענק.
דעריקער מײַלע — וואָס ס'איז מוטער-נאַכט,
זײַן פּאָנעם זעט מען ניט אַרו'ס לעסאַטע".
און נאָך אַ קלער און נאָך אַ טראַכט:
„און ביז פֿאַרטאָג — איז גאָט אַ טאַטע!"

II

געפֿאַנגענע זיצט ער שוין די זעקסטע שאָ,
שוין דורכגעטראַכט די גאַנצע וועלט אין אַנגסטן.
עס איז דאָס לעבן אים אַוועקגעבן אַ שאָד,
און ציִען ציט עס אַזוי שווער און לאַנג זיך.
און מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַ שיסערײַ.
— עס שיסן אונדזערע! די קוילן קלינגען איצט ווי שליסל! —
צעטרייבערט אַ סנאַריאַד אַ שטיבל האָט דערבײַ
און פֿון דער שטאַל די טיר אַראָפּגעריסן.
די וואַך מע זעט שוין ניט. קיין וואַך — ניטאָ!
און גלײַך אַ טראַסק דערהערט האָט זיך אַ צווייטער.
— וואָס טוט מען? ס'איז נאָך ווײַט צו טאָג!
— וואָס וואַרט מען? אײַנציקווײַז, סאָלדאַטן! פּלייטע! —
און גלײַך אַ שפּרונג געגעבן דורך דער טיר.
ווי רויטע פּלאָטעצעס געיאָגט האָבן זיך קוילן...
ער האָט דעם בליק דעם בלאָנדזשענדן געטאָן אַ פֿיר:
— ווי רײַסט מען זיך אַדורך, ריבוינע-שעל-אוילעם?

III

וווּ זײַנען אונדזערע? צי נאָ׳נט צי ווײַט?
אַז אויסגעמישט איז אַלץ און אַלץ — פֿאַרפּלאָנטערט!
מע קאָן אים פֿון אַנטקעגן געבן אַ צעבײַט,
אַ נאָכיאָגנדע קויל אים אונטערהאַקן קאָן דאָ.
וווּ איז ער אין דער וועלט? ער קוקט אַהין, ער קוקט אַהער,
פֿון אַלע זײַטן שנײַסט און מאָרדעוועט זיך פֿײַער!
ס׳אַ פֿינצטערניש... נאָר ס׳פֿירט אים דאָס געהער,
און אָנגעטאַפּט האָט ער דאָרט, בלאָנדזשענדיק, אַ שײַער.
ער ווייסט ניט, וויפֿל אָפּגעגאַן איז ער,
נאָר קלאָר איז אײנס: דאָ זײַנען דײַטשן!
דאָס זשאַבע-לאָשן דײַטלעך איצט ער הערט,
אַ יעדער וואָרט דאָס האַרץ בײַ אים צעשנײַדט שוין.
צי האָט מען אים דאָ ניט באַמערקט?
נאָר ס׳טרייסט פֿון קוילן אים דער האָגל.
פֿאַרגעסן ער באַהאַלטן האָט די שער
און ניט באַמערקט, ווי ס׳האָט גענומען טאָגן.

IV

וואָס האָט עס אים אַהער געגעבן אַ פֿאַרטראָג?
אַ יעדער רעגע האָט אין אַנגסטן זיך געצויגן.
דורך די שפּאַרונעס האָט אַרײַנגעטריפֿט דער טאָג,
צו די שפּאַרונעס האָט ער צוגעקלעפּט די אויגן:
אָט זײַנען זיי, די הינט. אי נאָ׳נט, אי ווײַט.
זיי קײַקלען קוילנוואַרפֿערס שוואַרצע צו די ראַנדן.
ער קוקט זיך אײַן, דעם אָטעם טיף פֿאַרטײַ׳ט,
ווי זיי צעסאַדערן און שטעלן זיי פֿאַנאַנדער.
און אָפֿן אויג באַמערקט ער — וווּ און וואָס,
אַז ס׳זאָל קיין פּינטעלע פֿון בליק ניט גיין פֿאַרלאָרן,
ווי ער וואָלט דאָ פֿון אַ זאַקאַז אַראָפּגעכאַפּט אַ מאָס
אַצינד — נאָר לעבעדיק אויפֿטראָגן די פּיס,
קיין קויל ניט צונייען צו דר׳ערד זאָל זיי אים...
און מיטאַמאָל — אַ קנאַל! און נאָך איינער — אַ ריס!
ער האָט דערזען, ווי ס׳גרײַפֿן אָן די רויטאַרמייער.

V

ריבוינע-שעל-אוילעמ! וועט ער זיכ דורכרײַסנ צו זײַנ? —
ער פילט ניט, צי ער לויפט, צי ס'טראָגט דער רועכ אימ.
אונ זיסער איז געווענ דער רויטארמייערישער „שטײַ!"
פונ בעסטנ ליד אונ פונ גאנײדנדיקע שפרוכנ.
— איכ לויפ פונ דאָרטנ, כאווער קאָמאנדיר!
ס'איז אלצ אינ קאָפ פארצייכנט אונ פארמערקט דאָ, —
אונ ווײַזנדיק אהינ, א צייל געטאָנ: — אָט האָט איר פיר —
דאָס זײַנענ קוילנווארפערס, גרייט צו דער פרימערקע!
קיינ רעגע ווארט ניט, כאווער קאָמאנדיר!
פונ ביידע זײַטנ שטאל אונ בא דעמ שײַער, —
אונ מיט דער האנט געטאָנ אהינ א פיר:
— דער וועג איז דורכ דעמ וועלדעלע א פרײַער! —
סאדאָווסקי האָט א ווײַלע נאָכ געטאָנ א קלער,
געקוקט אפ לעווינענ, באטראכט פונסנײַ אימ.
— דאָס האָסטו אלצ באוויזנ מיט דער שער? —
אונ א באפעל: — איבער דער שטאל פונ ביידע זײַטנ — פײַער!

VI

אונ דו — פאָרויס! דעמ וועג זיי אָפשנײַדנ אפ צ'ריק
וועסטו אינ אומגאנג מיט א טייל זיכ לאָזנ! —
געלעגנ זײַנענ קוילנווארפערס שוינ דערשטיקט,
פארגראָבנ מיט די מײַלער אינ די גראָזנ.
עס האָבנ די ארמייער זיכ געגעבנ א צעוואָרפ,
געפירט האָט לעווינ, זינקענדיק אינ קאָרנ,
פונקט ווי געבוירנ ווערנ וואָלט ער דאָ אינ דאָרפ,
ווי אָפגעלעבט ער וואָלט דאָ אלע זײַנע יאָרנ.
פונ רויכ ארויסגעוויקלט האָט זיכ לאנגזאמ דער באגינ,
דאָס דערפעלע געהויבנ האָט אפ גראבליעס זיכ פונ פײַער.
אונ קיינמאָל זײַנענ גראָזנ ניט געווענ נאָכ אזוי גרינ,
אונ קיינמאָל זײַנענ פעלדער ניט געווענ נאָכ אזוי טײַער.
מינוטנ ציִענ זיכ. צָט איז דער וועג. שוינ בא דער שוועל
א קוילנווארפער אויסגעוואקסנ נעבנ שטאב איז,
אונ אכט אונ דרײַסיק וואָיענדיקע וועלפ,
פונ שרעק איבערגעקרימט, האָבנ א הייב געטאָנ די לאפעס.

VII

מ׳האָט אופגעקליבנ די געפאלענע אינ שלאכט,
אינ פײַנ איבערגעגעבנ שטיל דער ערד זײ.
דעמ קײוועך צוגעדעקט האָט אומעטיק די נאכט,
זיכ ווארגנדיק מיט טרויער אונ מיט קרעכצנ.
— ווו איז דער דאָקטער? — האָט געטאָנ א פרעג
סאדאָווסקי אומרויִק. מע זעט עפעס דאָ אימ ניט...
זיכ אָפּגעדעקט פונ שאָטנס האָט דער וועג,
זיכ אײַנגעהילט מיט וואָלקנס האָט דער הימל.
דעמ דאָקטער האָט מענ ערגעצ ניט געהערט,
אונ צווישנ די געהארגעטע האָט קײנער ניט געזענ אימ.
זאָל זײַנ, אז אָפּגעשטאנענ ערגעצ-ווו איז ער
אונ אינ די הענט צו זײ ארײַנ... אינ גענעמ?!..
„דאָס טאמע אלטע אויסקויפּ-בלוט פונ דר׳ערד״ —
דערמאָנט זיכ האָבנ אימ דעמ דאָקטערס ווערטער;
ער האָט זײ, דאכט זיכ, איצט פונסנײַ געהערט,
זײ האָבנ מער, ווי שטענדיק, איצטער אָנגעהערט אימ...

42. ווײניקער מיט אכט אונ דרײַסיק

I

פונ בליק בא יעדערנ פונ זײ געגאנ איז שרעק,
אונ פינצטערניש געשפּארט בא זײ האָט פונ די מײַלער.
זײ האָבנ זיכ ווי ווערעמ אפ דער זונ באוועגט,
די קעפּ ארויפגעלאָזט א יעדער ווײַלע.
פונ זײ האָט מיטאמאָל זיכ אָנגערוקט די נאכט,
די לופט האָט ארומ זײ מיט גיפט זיכ אָנגעפילט דאָ.
אצינד האָט ערשט אָוואדיס זײ באטראכט,
ווי ס׳קער צו זײַנ, אינ דער פארדאָרבנקײַט אינ זײער ווילדער:
אזויפיל צײַט געענדערט די נאטור האָט זיכ,
ביז פונ דער מאלפּע זי דעמ מענטש האָט אויסגעשטײַערט,
אונ זײ, ווי שנעל זײ האָבנ עס אָרגאניזירט
דעמ צ׳ריק-מארש — פונ דעמ מענטשנ צו דער חײַע!
עס איז זײ, דאכט זיכ, לײַכט, עס איז זײ, דאכט זיכ, גוט
אפ אלע פיר נאָכ רויב צו יאָגנ פונדאָסנײַ זיכ
אונ מיט א גענעצ זיכ באלעקנ פונעמ בלוט,
וואָס זײ האָבנ פארצוקט אפ זײער צ׳ריק-אנטקרוינטער רײַזע...

II

אָט זײַנען זיי — געוועטיקטע פון מאָרד,
באַטראַכט אָוואַדיס האָט דעם מין געוועלטיקער און מערדער.
אַזוינע איז פאַראַן אַ גאַנצער דאָר,
וואָס האָבן מיט דער פעסט געפּרוכפּערט און געמערט זיך.
די ציינקאַסטנס — צעשפּאַרט ווי בײַ די וועלף,
אין שטערנס פלאַטשיקע פאַרוקט די אויגן:
ווי פולקום אײַנגעפּאַסט עס האָט אויף זיי זיך פעל!
ווי קײַגלעך דער אויר האָט זיי פאַרצויגן!
איז וואָס זשע טרײסלען זיי זיך דאָ אַזוי אַצינד,
אַרויסגעשטעקט די פֿ־בערדיקע צינגער
געהאָרכזאַמער און מיִעסער פון הינט,
אָט די געוועלטיקער, באַהערשער און באַצווינגער?
ניט אויסגעוועזן קיין איינער האָט ווי אַ סאָלדאַט, —
די פּאַזוכעס געשטאָפּט מיט רויב און שמאַטעס,
ווי פון אַ הייל אַרויסגעקראָכן — אַקוראַט —
געגאַנגען אין געפענק זײַנען די מערדערישע טשאַטעס.

III

סאַדאָווסקי האָט געקוקט, די ציין פאַרפּרעסט,
אויף אָט דער מאַכנע שלעפער, מיסט און מערדער:
צעשיידט האָט מיט די ליבסטע אים אָט די־אָ פעסט,
אָט דער־אָ היישעריק האָט אָפּגעריסן פון זײַן ערד אים!..
פון שווערע טעג און שלאָפלאָזיקע נעכט
געווען זײַן בליק איז מוטנע און צעבויטעט:
דאָס זײַנען זיי געקומען הפקר אויף זײַן עוד
צעברעכן אַלץ, וואָס מ׳האָט געפלאַנצט און מ׳האָט געבויט דאָ!..—
מיט מי פאַרציִענדיק אַליין זיך אין אַ פענט,
האָט ער פון זיי די אויגן אָפּגעקער׳וועט:
דאָס האָבן זיי פון לוסט געצונדן און געברענט
צעבליטע שטעט און שוצלאָזיקע דערפער!..
דער רויש פון וואַלד האָט מיט מעהומע זיך געמערט,
געריסן יעדער גראָז האָט זיך אַ קלאָלעדיקן שאַרך טאָן:
דאָס האָבן זיי געהאַנגען זקיינים אויף די מערק
און מאַמעס מיט די קינדער אויף די הענט געשאָכטן! —

IV

אונ אָפּגעווענדט דעמ קאָפּ סאַדאָווסקי האָט,
ניט זענ, ווי ס׳ריכט פונ זייער טומע זיכ דער סטעפּ אײַנ,
נאָר ס׳האָט אימ ווייטעקלעכ פאַרפאָלגט דער טראָט
פונ אָט דער מאַכנע בלוטדאָרשטיקע שלעפּער.
ער האָט אימ, הערנדיק, געזענ, אונ ניט בלויז דאָ,
נאָר אומעטומ — דעמ טרעטנדיקנ איבער ווונד אונ ווייענ
אינ יעדנ דערפעלע, אינ יעדער שטאָט,
ווו זיי האָבנ געבושעוועט אַפ יענער זײַט טראַנשייענ.
פונ זייער נויט זיכ פאַר דער שײַנ צו געבנ א באַגראָב,
פונ זייער ראָבנ-גיר, נעווייִלישנ אונ שוואַרצנ,
זײַנענ אימ צוגעגאַנ די בלוטנ צו דעמ קאָפּ,
אונ ניט געפונענ האָט קיינ אָרט זײַנ האַרצ זיכ.
צו דעמ פאַרהער אָוועקשטעלנ באַדאַרפ ער זיי
נאָכ אַפ דער ערד. אונטערנ הימל. בא דער זונ דאָ:
וועט דענ א קויל אַנ אײַנפאַכע באַצאָלנ פאַר דעמ וויי?
צי וועט א גרוב אַלײנ פאַרהיילנ דענ די ווונדנ?

V

אונ לעווינ האָט מיט זיכ אַלײנ גערעדט,
פונ אַלע זײַטנ קוקנדיק, ווי די געפּלעטע שפּאַנענ:
וואָס קאָנ מענ זאָגנ אַפ אַזא גרויסאַרטיקנ בוקעט?
וואָס קאָנ מענ זאָגנ אַפ אַזא מינ אײדעלער קאָמפּאַניע?
גוראַריע האָט געקוקט: אַזוי געקליבנ — קאַט צו קאַט,
אַזוי געזיפּט דעמ ייִכעס יעדערנ פונ זיי דאָרט:
וויפל כאַנטימ די לענג אינ ווײדל האָט געהאַט
פונ מוטערס צאַד דער גאָט-זעליקער זיידע?
ביזוואַנענ ציט זיכ זייער נאָבלדיקער שטאַמ
פונ רײנע מענטשנפרעסער אונ פאַרדאַרבער?
צי איז, כאָלילע, ניט פאַראַנ ערגעצ קיינ פגאַמ
אינ די פאַרקריפּלט-מאַלפּעדיקע שאַרבנס?
ווי ווײַט זײַנענ אינ בלוט בא זיי די הענט?
צי קער מיט זיי לויט אַלע צדאָדימ זיכ די האַק אָנ?
צי אויסגעלעבט אינ זיי דער מענטש איז ביז דער שפּענט?
צי וועלנ זיי זיכ פאַר א קינד ניט טאָנ קיינ וואַקל?

VI

זיי גייען איצט צעקוועטשט אײנײנעם מיטן שטאָל,
אײנס פון דעם צווייטן ווײַכנדיק — אין שרעק געדעמלט.
עס קאָן גערמאַניע מיט זיי זײַן שטאָלץ,
כ'האָט דײַטשלאַנד זיך מיט זיי ניט וואָס צו שעמען.
ווער ס'איז פון זיי פאַרצויגן אין טריקאָ
און ווער פאַרוויקלט ס'איז אין א געגאַנווענטער פאַטשיילע,
די הענט אין בלוט, ערגעץ פאַרשטעקט דעם קאָפּ, —
צי פעלט זיי ניט די קרויוו פון וועלט פאַר אַזאַ היילעכץ?
זיך איבערציילן! — גייענדיק, האָט לעווין זיי באַפעלט,
ניט אויסריינען זאָל עמעצער פון זייער זיגרײַכן בינטל.
„נו, ווייניקער אַפּ אַכט און דרײַסיק הענקער אַפּ דער וועלט", —
האָט מיט די אויגן ער צו זיך אַליין געטאָן א פינטל.
גוראַריע איז דעם גאַנצן וועג געגאַנגען און געקלערט,
די גרוב האָט פאַר זײַן בליק פונכנײַ זיך אופגעמישט אים:
ווען ס'זאָלן ייִדן קאָנען אופשטיין פון דער ערד
א קוק טאָן, ווי מע פירט די הענקער צו דעם מישפּעט!..

43. קיין מאָסקווע

I

ניט מער ווי זיבן הונדערט מאַן,
באַוואָפנט ווי-ניט-איז אין וועג, אַזוי נאָר,
צונויפגעקליבן האָט דער קאַפּיטאַן
באַם דורכרײַסן די לעצטע קייט פון סוינע.
ער האָט קיין אַכט געלייגט, ווען שפּליטערס צוויי
דורך זײַנע ריפּן האָבן זיך אַדורכגעבײַטשיקט,
ווײַל ס'האָט א כּרווו א גרעסערע געוואַרט פון וויי,
און גרויזאַם, ווי דער גוידל, זיך געצייכנט האָט איר צײַט שוין.
מיט קאַסקעס געברוקירט דעם וועג, ווי א שאָסיי,
און קעפּ געשאַטקעוועט, אַפּ קעפּ געטראָטן, —
זיך אָנגעהויבן ערגעץ האָט שוין דער פאַרזיי
פון שאַרבנס דײַטשישע געשטאָפּט מיט בלאָטע.
אַזוי דורך שלאַכטן, שפּאַן נאָך שפּאַן,
דעם טייל, פון קלעם און צוואַנג פאַרשפּאַרטן,
שוין א פאַרוווּנדעטער אַרויסגעריסן האָט דער קאַפּיטאַן
און אים געפירט באַהעפטן זיך אַפּ נײַע שלאַכטן.

II

די מידקײַט איז פון אים נאָך ניט אראָפּ,
די אָנעטשעס נאָך ניט באַוויזן איבערבײַטן,
און שוין געוווּסט: אָוואַדיסן קיין מאָסקווע רופט מען אָפּ,
און אָנגעצייכנט איז דער וועג דער שלאַכטיקער שוין ווײַטער.
אַרויסגערופן האָט סאַדאָווסקי אים, געקוקט פאַרקלערטערהייט
און אים געזאָגט מיט בענקשאַפט לויטערער און פּראָסטער:
— נו, אָט!.. אין וועג, אָוואַדיס, מאַך זיך גרייט,
פאַראַן אַ פּאָדערונג אָפּ דיר קיין מאָסקווע!
— פון וועמען? — האָט אָוואַדיס זיך דערפרייט,
ניט האָבנדיק, פון וואָס סע גייט אַ רייד, קיין אַנונג.
— פון אינסטיטוט! פון נאַרקאָמאַט! קיין אונטערשייד:
פון מאָסקווע. אַלץ. פאַרשטאַנען?
— דער אינסטיטוט?!..—האָט נאָך אָוואַדיס ניט צעקײַט,
וואָס דאָס באַדײַט, — איז ער אין מאָסקווע נאָך? — אַוואַדע,
געוויס! וואָס נאָך קאָן זײַן פאַר אַ באַטײַט,
ווי אַנדערש דען, אָוואַדיס?

III

זיי האָבן ביידע אָפּ אַ ווײַלע זיך פאַרקלערט,
דער בליק געגאַנגען איינס צו דעם צווייטן גראַד איז,
געדוכט, אַז די געדאַנקען איינער בײַ דעם צווייטן הערט:
סאַדאָווסקי — מיטן בליק, און מיטן האַרץ — אָוואַדיס.
— קיין מאָסקווע! — האָבן זיי אַ זאָג געגעבן ביידע מיטאַמאָל, —
און צו די פּײַערטעג! — האָט זיך געכאַפּט סאַדאָווסקי, — סאַמע, סאַמע...
ס'האָט פּאָרכטיקײַט געהערט זיך אין זײַן קאָל —
און ליבע — אָנגעלעבט אין שלאַכט צוזאַמען...
איז וועט מען זיך געזעגענען אַצינד, ווײַזט אויס...
דערפילט, אַז אין די אויגן פײַכטקײַט איז פאַראַנען...
— דערציייל דאָרט, ווי מע איז פון דער אַרומרינגלונג אַרויס,
אַ בריוול אָנשרײַבן זאָלסט זיך אַמאָל דערמאַנען!..
אַרומגענומען זיך און צוגעדריקט זיך פעסט,
און ווי דער רוסלענדישער מינהעג — נאָכאַמאָל און ברייטער.
— איז אָט... אַ בריוול, ברודער, ניט פאַרגעס, —
האָט מיט די אויגן לאַנג סאַדאָווסקי נאָך באַגלייט אים..

IV

נאָר דער באַפרײַטער טייל דערוויסט זיך מיטאמאָל:
אים וועט זיך אויסקומען איבערפאָרמירן אונטער מאָסקווע.
האָט זיך פארווערט סאדאָווסקי פירן אין שפּיטאָל
און מיט דעם טייל צעשיידן ניט געלאָזט זיך.
אין וועג געטראָפן מ׳האָט שאכטיאָרן גיין,
פארשטיינערטע פון וויטעק און פון טרויער, —
אליין זיי האָבן שאכטעס אופגעריסן מיט געווינ,
וואָס זיי האָבן פארלייגט אליין און זיי אליין געבויערט.
פארזאָרגט און שווײַגנדיק געגאנגען זײַנען זיי,
מיט קײַלעס אין די הענט, פארהילט אין קאפּיושאָנען.
ארײַנגיסן אווו-ניט-איז זיך ערגעץ אין ארמיי, —
און צו סאדאָווסקיס טייל זיי זײַנען צוגעשטאנען.
זיי האָבן מיט די שאכטעס זיך געזעגנט ניט אף לאנג,
זיך אומקערן זיי וועלן צ׳ריק — פארהיילן זיי די וווּנדן;
געשפּארט פון אנגלען האָט בא זיי געצוימטער דראנג,
און שטילקײַט גרויזאמע אין בליק פון אונטערגרונטן.

V

צי האָט סאדאָווסקי אנדערש דען פארלאָזט זײַן שטאָט?
צי האָט ער דען ניט אויך אזוי מיט קיִעוו זיך געזעגנט?
קאשטאנען האָבן בלעטער מעשענע געגעבן א צעשאָט,
ווי שטיקער בלוט פון הארץ פון זײַנעם אף די וועגן;
געוויינט האָבן דיביימער בא די נעכט,
אליין פון זיך אראָפּגעפליקט די בלעטער
און זיך ארויסרײַסן געוואָלט פון דר׳ערד,
די שטאָט ניט לאָזן פונעם פײַנט באטרעטן.
צי האָט זיך דאמאָלט אין זײַן בליק דען ניט געשפּרייט
פון טרערן און פון בלוט א פלעטנדיקער נעפּל?
ס׳האָט מיטן וואלד, ווי מיט אן אָנלען, ווײַנענדיקערהייט,
זיך צו דעם יאם אוועקגעלאָזט דער אלטער דניעפּער...
ער וועט זיך אומקערן, און טראָט נאָך טראָט
די וווּנדן אויסהיילן אף אלע וועגן.
צי ניט — דורך שטרעקעס ווײַט — געזען סאדאָווסקי האָט,
ווי ס׳האָבן מיט דער שטאָט מאטראָסן זיך געזעגנט?

VI

אָ, ער געדענקט, ווי בלאַנדזשענדיק מיט בלינדנ ווינענדיקנ טראָט,
ווענ ס׳האָט דער ארסענאל ווי ס׳הארצ געטאָנ זיכ א צעריס דאָרט,
האָבנ די גאָלדענע די אלטע אָוולדיקע שטאָט
פארלאָזט צולעצט די זקיינים באנדוריסטנ.
געגאנ זיי זײַנענ איינס לעמ איינס, באנאנד,
די קעפ אנטבלויזט אונ אופגעהויבנ די באנדורעס,
אונ אויסגעדרייט צוריק זיכ צו דער שטאָט באמ ראנד —
פארגליוועוורטע — אנטקעגנ שטורעמ...
דעמ בליק ניט אָפגעריסנ פונ דער שטאָט,
געשטאנענ זײַנענ זיי אפ וואָגל אויסגעריכטע,
אונ בלײַ געריסנ איבער זיי זיכ האָט,
נאָר זיי האָבנ פונ אָרט זיכ ניט גערירט דאָרט.
פארהוילנ ניט געקאָנט סאדאָווסקי האָט דעמ צאר,
אינ יעדנ וואָי פונ ווינט געוואָלט האָט זיכ ארײַנ אימ.
ארויסגעפאלנ איז בא איינעמ פונ דער טאָרבע דער קאָבזאר
אונ זיכ אליינ צעלייענט פאר דער הויפט-שטאָט פונ אוקרײַנע...

VII

געגאנגענ מ׳אינ — א לאנגער צוג — צו צוויי,
זיכ אומגעקוקט א יעדער ווײַל סאדאָווסקי האָט א טריבער,
אדורכגעבלעטערט אינ געדעכעניש מיט ווי
די פרײַנט די שלאכטיקע, וואָס זײַנענ אונטערוועגס געבליבנ...
געגאנ... זיכ צוגעהערט צומ ווי פונ לאנד,
ווי ס׳וואָלט געביינ פונ קוואָרימ אונטערוועניקע געטײַנעמ.
דעמ דאָקטער האָט ער פלוצעמ זיכ דערמאנט:
עס האָבנ פאר געוויס די דײַטשנ אימ פארפײַניקט...
„דאָס סאמע אלטע אויסקויפ-בלוט" — געווענ אינ מויעכ איז פארקריצט
„וואסיאָנע!" — האָט דאָס הארצ געטאָנ א ריס זיכ מיטאמאָל אימ...
מיט יעדער רעגע אָנגעלייגט אפ אימ האָט זיכ א היצ,
גענומענ האָבנ בײַטנ זיכ די פלאכנ, ווי נ׳א שווערנ כאָלעמ...
ארופגעלייגט מע האָט אימ אפ א פור, אימ אײַנגעדעקט,
אונ ער איז אָפ מיט בלוט. דער פיבער האָט ניט אָפגעלאָזט אימ.
— צו מאָסקווע איז נאָכ ווײַט? — האָט ער, זיכ דרייענדיק, געטאָנ א פרעג, —
אונ ער, אָוואדיס, קער געוויס שוינ זײַנ אינ מאָסקווע...

II

מאָסקווע

1. דער זייגער איז פאַרטונקלט

I

פון עשעלאָן צו עשעלאָן, פון א וואָקזאַל צו א וואָקזאַל
טראָגט מיט א מאָגער רוקזעקל אָוואַדיס זיך אָפּ וועגן.
א נאַסער שניי טוט אים פון הינטן א באַפאַל,
און צוגנ וויינען מיט פאַרטונקלטקייט אַנטקעגן.
דער פראָנט האָט זיך פאַרוואָרפן אָפּ דער שטאָט,
פונקט ווי דער שלייף, וואָס האָט דערשטיקט שוין צוועלעף קרוינשטעט,
אַצינד האָט ער פון זײַטן דרײַ דער דרײַצנטער געדראָט
זיך צו איר ווײַטער שוועל געריסן א באַרוישטער;
דאָרט האָבן אויסגעזען שוין לאַסטוואָגנס מיט סקאַרב,
ווי ס'זענען קרעכצנדיקע שליופּקעס אין א שטאָרם אויס.
א שניי א נאַסער, קלעפּעדיק און האַרב,
געלייגט האָט זיך אָפּ די צעפּלאָנטערטע פּלאַטפּאָרמעס.
ס'האָט א ציווילער פּאַסאַזשיר אין דעם געווירבל און געדריי
זיך צו אָוואַדיסן געווענדט א האַלב-צעשטרײַטער:
— צי ווייסט איר ניט, וווּהין וועט מען אַצינדערט ניין?
וווּהין וועט מען אַצינדערט אָפּטרעטן נאָך ווײַטער?..

II

דאָס פּאָנעמ בא אָוואדיסנ געווענ איז שווארצ
פונ ביטערקײַט. אונ עפּעס זיכ באמיט האָט ער דערמאָנענ;
געשניטנ האָט דער אומרויִקער פײַפּ זײַנ הארצ
מיט יעדער מעלד פאַר די צום אָפּגאנג גרייטע עשעלאָנענ.
לאָקאָמאָטיוונ האָבנ אינ די פאזוכעס געשטיקט דאָס ליכט,
אונ שאָטנס האָבנ אונטער רעדער זיכ געלייגט מיט א מעהומע;
א יעדער רעגע איז געפאלנ, ווי אפּ וואָגשאָלנ — געוויכט,
אונ מיטנ שנײ געלייגט האָט זיכ א שווערער אומעט.
ער האָט באשטעלט אינ א בופעט פיר גלעזער ביר
אונ מיטאמאָל זיי אויסגעטרונקענ איינע נאָכ דער צווייטער,
אונ ניט אראָפּגעלאָזט פונ דעמ ציווילנ פּאסאזשיר
די אויגנ די געצונדענע פונ ווייטעק.
געגאנגענ זײַנענ ווינטנ פונ קאזאנער אופגעטראָגענעמ וואָקזאל,
ווו דער האמוינ איבערגעדעקט האָט פונ בייזוונדער אלע נאָמעס,
אונ אויסגעווישט: מע לויפט! נאָר סטאלינ איז אינ שטאָט פאראנ,
אונ ניט געפערלעכ קיינ געוויטער אונ קיינ שטאָרמ איז!

III

דערזענ אפּנ וואָקזאל האָט זיכ אָוואדיס מיטאמאָל,
מיטנ געדאנק צו אימ האָט ער זיכ שנעל איבערגעטראָגנ,
א צונד געטאָנ האָבנ זיכ לעמפּ אינ זײַנע אויגנ אָנ א צאָל,
ווי ציטערדיקע, פולע, שטראלנדיקע לאָגלענ.
ס'קוקט אזא היימלעכקײַט פונ הויכע ווענט,
אונ דער סופיט שטויסט אָפּ פונ זיכ דאָס ליכט דאָס טריבע,
איצט גייענ עשעלאָנענ אָפּ, געדעקטע מיט ברעזענט —
זאוואָדנ גאנצע טראָגנ זיי ערגעצ אריבער...
אימ האָט געדוכט, אז צו די צוגנ איז ניטאָ קיינ צאָל,
מיט פאָרכט אונ אומגעדולד באגעגנט ער זיי אלע.
געהויערט ארומ אימ האָט נאָגנדיק דער שווערסטער אָל,
אונ ס'האָט דער ראש אינ הארצ מיט ווײ בא אימ געכוואליעט:
אדורכגעגעבערט האָט ער יעדנ איינעמ מיט א קוק,
אימ נאָכגעיאָגט, ביז ווײ אינ זײַנע גרילצנ אײַנגעהערט זיכ,
אימ האָט געדוכט, אז ס'שרײַט אינ נאכט ארײַנ א יעדער צוג:
אָקטיאַבער גײַנצנ איינ אונ פערציק!..

IV

ס׳געזיכט ס׳באוואקסענע געטאָן האָט ער א טאַפּ,
א צי געגעבן האָט זיך אין דער גאנצער הייך ער;
אַפ אים פון גאָר דעם לאַנד א יעטווידער עטאַפּ
ווי קארבן אַפ א בוים זײַנען פארצייכנט...
און ס׳ווילט זיך אים זיי טאָן א לייען,
ס׳ווילט זיך אדורכדרינגען אין זיי ביז ווייַ אים;
ער קוקט זיך אײַן אין זיך אליין,
ס׳איז אלץ אין אים ווי פון א ווינט פארווייעט...
דעם לײַבלעכן וואלדהיים ווי דורך א נעפל ער דערזעט,
אים אין זיקאָרן און אין הארץ האָט אויסגעהיט ער,
ס׳גיט אים א ווונק די גוטע, די פארהאָרעוועטע זעט,
וואָס אָנגעלעבט מיט שווייס אַפּ פּליטן
האָט די מישפּאָכע זײַנע, טאָג נאָך טאָג
אין וואלדיקן ביראָבידזשאנער מיט ווייַ און ליבע.
צעטומלט האָט פון צוג אים דער הודאָק, —
איז וויפל נאָך צו פאָרן אים געבליבן?..

V

וואָלט ניט געוואָיעט כאָטש דער ווינט אזוי
מיט א געוויין אזא פארטויבטן און געהיימען.
דאָס פענצטער פון וואגאָן גיט יעדער ווײַלע א פארזויג
א כוואליע נאכט און גרילצנדיקע איימע.
און ס׳איז אָוואדיסן די רײַזע פײַנלעך־לאַנג:
שוין וויפל טעג! דער אומגעדולד גיט יעדער ווײַלע א פארצוק אים.
אָט דאָ, אין וועג, קומט אלץ אַפּן געדאנק,
און פונקט אזוי פארשווינדט, ווי דורכגייענדע צוגן.
אים בליצן דורך די יאָרן אין דאָנבאס,
זײַנע אונטערערדישע מעמשאָלע איבער פלאסטן.
אָט טראָגט ער זיך אצינד באם ווינט און שניי צוגאכט,
און מאָסקווע טראָגט זיך ערגעץ אום פארכאפּט און האסטיק.
וווּהין פארטראָגט עס זי אצינדערט אזוי שנעל?
ער קאָן מיטן געדאנק אצינד זי ניט דעריאָגן...
ער גורט נאָר פעסטער אונטער דעם שינעל,
בייגט אָן דעם קאָפּ, ווי ס׳וואָלט געזעצט אַפּ אים א האָגל...

VI

לאָקאָמאָטיוון זיך צעוואָיען אין דער נאכט,
וואגאָנעס קייטלען זיך, אָן פֿײַערן געלאָזטע...
אָ, ס'ארא סימכע ס'איז געווען, ווען ווי אין שלאכט
האָט ער, א טריונטלער, געטראָגן זיך קיין מאָסקווע
די פעסטונג שטורעמען פון וויסן און געדאנק
איניינעם מיט א דאָר א גאנצן פון דער יוגנט...
געווען איז זיס אזוי דער טומל און דער קלאנג
פון די פארשײַטע, פון די יאָמטעווודיקע צונגן.
אפ זײַנע אויגן און מיט אים באנאנד, —
גיט שטיל דאָס הארץ א צאפל און א דריק אים, —
האָט האסטיק זיך צעבליט דאָס לאנד,
מ'האָט ניט דערקאָנט עס פון קאניקול ביז קאניקול!
שוין אפ א לופט־שיפ איז ער קיין בירָאבידזשאן
זיך זען מיט זײַנע עלטערן, אהיים, געפלויגן...
ס'שטעלן דערינערונגען אויס זיך אין א ריי באנאנד,
זיי זײַנען ווארעם נאָך און פײַכט, ווי זײַנע אויגן...

VII

ווען אָפגעריסן האָט ער זיך פון דעם אעראָדראָם
און אונטער אים פארשווונדן איז א יעדער ראנד דאן,
האָט ער באשײַמפערלעך דערפילט דעם טהאָם,
וואָס טיילט דאָס לאנד מיט דער פארגאנגענהײַט פאנאנדער.
אליין צעבליט האָט אפן מויל זיך אים א שפרוך
און אָנגעפילט זײַן בליק האָט זיך מיט וווּנדער:
ס'ארא מעהאלעך, רוסלאנד, ביסט אדורך
סאכאקל פאר א קנאפן פערטל פון יאָרהונדערט!
דאָס לעבן אָפגעבן פאר דיר איז ניט קיין שאָד,
פאר דײַנע פינפיאָרן די מעכטיקע און קלוגע...
נאָר אפן זייגער גיט ער אלע ווײַל א קוק די שאָ,
געבליבן פאָרן איז נאָך אלץ גענוג אים!..
א יעדער ווײַל גיט זיך דער הימל א צעכראסט,
זעניטן־פײַער גיט דער נאכט זיך א פארטרוי נאָר.
און ערגעץ פאלן אָפ פון מאָסקווע, ווי באלאסט,
דורך דעם קאזאנער וועג — דערשראָקענע האמוינים.

VIII

עס האָט דערציילט דער שניי, וואָס האָט קיין ווײַסקײַט ניט געהאַט,
וואָס האָט מיט גאָס-געוויין געטראָגן אין דער נאַכט זיך.
ער איז געגאַנגען אום, ער איז געגאַנגען גראָד,
ווי ס׳האָט געוואָלט דער ווינט, ווי אים ז׳געווען צום האַרצן.
עס האָט דערציילט דער שניי, ס׳האָט זיך געדוכט — ער זידט,
אַז דער וואָקזאַל אַליין געשטאַנען איז אין שפּאַן דאָרט,
און ווי לעווײַעדיקער אַלטער רעקוויזיט
זײַנען געשפּענסטיק-שטאָלץ אַדורכגעגאַנגען די געזאַנדטע
מיט הויכע היט, ווי קאַמען טײַערע, געוועבט פון גאָלד,
בוקסירט באַם אומגליק לויטן ראַנג, באַמיט זיך ניט צו הײַען;
געגאַנגען זיי זײַנען גלײַך, ווי טשאַסטאָקאָל לעם טשאַסטאָקאָל,
און אויסגעזען ווי ייִכעסדיקע בונטע פּאָפּוגײַען.
זיי זײַנען פײַערלעך געגאַנגען אינדערמיט,
פון ביידע זײַטן דער האַמוין האָט מוירעדיק געשפּאַרט זיך;
באַגלייט האָט שעמעוודיק זיי שניי. די ווײַט געשלונגען האָט די טריט,
נאָר ס׳איז די נאַכט פון זיי געוואָרן פינצטערער און שוואַרצער.

IX

מיט פּעק און קלומקעס האָט דער אוילעם זיך געײַלט,
ווי טשערעדעס אין סטעפּ פאַר אַ געוויטער,
און אָנראַכמאָנעסדיק האָט יעדער ווײַל
דער רופאָר ווי אַ בײַטש זיך אײַנגעשניטן.
מיט שטורעם האָט זײַן שטים געקלונגען אין דער ווײַט
און אָפּגעציטערט אין דער נאַכט מיט מאָרעשכוירע.
פאַרטויבט האָט אַלץ פון צײַט צו צײַט
אַן אַרטילעריע-קנאַל, עפּעס געמאַכט געוווירע.
און אָפּגעצערט געשטאַנען איז די שטאָט,
אַן אויסגעלאָשענע אונטער דעם קרייץ פון ווינטן.
מיט נאַסן שניי האָבן די געסלעך זיך געשטאָפּט,
און פּלעצער ניט געוווּסט האָבן זיך וווּ אַהינטאָן;
עס האָבן שטערן איבער זיי אַ יעדער ווײַלע זיך געטויכט,
ס׳האָט יעדער ווײַלע אָפּגעשטראָמט פון זיי אַ כוואַליע.
נאָר זיכער האָט דער קרעכל זיך געטראָגן אין דער הייך,
אין מאָסקווע באַ דעם רודער איז געזעסן סטאַלין.

2. ווײַזערס אפנ טורעמ

I

ער האָט אינ א פארהוילטנ רייס געפירט די שטאָט
דורכ בייזנ ווינט אונ דורכ פארוואָלקנטקײַטנ שווערע,
אדורכגעשניטנ גראָד אונ טיפ די צײַט ער האָט,
אנטקעגנ זײַנענ אימ פונ אומעטומ געגאנגענ שטערנ.
די נאכט האָט אפ די פלאכנ זיכ געזעצט מיט האסט,
דעמ איבערוואָג אפ זײַטנ דרײַ האָט זיכער שוינ געהאט זי.
אונ ווי אינ אויסגערעכנטקײַט אראָפגעוואָרפענער באלאסט
געשטראָמט האָט אָנגעשטרענגט די שטאָטישע עוואקואציע.
פונ יעדער זײַט האָט זיכ געשטארקט דער קלעמ,
געקרעכצט האָבנ פלאטפאָרמעס פונ דער לאסט פארמאטערט.
אינ צוגנ מיט פארלאָשענע, פארהילטע לעמפ
אוועקגעלאָזט אינ וועג זיכ האָבנ נארקאָמאטנ.
געטראָגנ האָט זיכ הויכ א ווירבלדיקער שניי,
די צוגנ נאָכגעפאָלגט. דעמ איבערלויפ געהיט זיי.
ניינ, ניט פארלאָזט די הויפט-שטאָט האָבנ זיי,
זיי האָבנ בלויז פארנומענ ווײַטערע פאָזיציעס.

II

די ווײַזערס אפנ טירעמ האָבנ רויִק זיכ גערוקט,
זיכ אופגעוויגט די קלאנגענ האָבנ וועקנדיק, ווי טאָמיד.
קיינ קויבישעוו איז לאנגזאמ אָפגעגאנגענ א צוג,
די ארבעט פאָרגעזעצט אינ אימ דער סאָוונארקאָמ האָט.
ער האָט פארבינדונגענ געהאלטנ מיטנ פאָלק,
פונ גאָר דער וועלט ניט אויסגעשלאָסנ זיכ קיינ רעגע.
אונ סטאלינ נאָכ זײַנ יעדנ אָטעמ האָט געפאָלגט,
אונ מיט זײַנ מארכ געגנערט דעמ גאנצנ וועג אימ,
אונ מיט זײַנ רויִקײַט דעמ גאנצנ פראָנט געשפײַזט,
וואָס איז געשטאנענ אפנ ראנד פונ אומקומ אונ געבוירנ;
אונ דעמאָלט זיכ אנטפלעקט האָט אפנ לאנד זײַנ גײַסט,
אונ זיכ אנטבלויזט האָט דאנ פונ פאָלק דער גורל.
ס'האָבנ זיכ וואָגשאָלנ געוויגט: צי דאָס געשלעג וועט זײַנ אינ שטאָט,
צי אויסער אירע ווענט דעמ אָנגריפ מ'עט א פיר טאָנ?
אונ סטאלינ האָט אליינ געריכטעט יעדנ טראָט
אונ יעדנ קער פונ דער געשיכטע...

ניט שווער איז אימ געווענ ס׳אכט הונדערט צוועלפטע יאָר
מיט אלע פראָטימ אונטער מאָסקווע זיכ דערמאָנענ,
ווענ אָפגעגעבנ מ׳האָט די שטאָט אפ טעג סאכאקל אפ א פאָר —
נאכהער אפ טיל-אונ-טעל צעקלאפט נאפאָלעאָנענ.
דאָס איז געווענ צו יענער צײַט א רײַפער ווארִיאנט,
ווי זיכ פארדינט באמ פאָלק קוטוזאָוו האָט פארערונג;
עס האָט די ברענענדיקע מאָסקווע דאנ
מיט אירע פײַערנ געראטעוועט די רוסישע אימפעריע.
אונ איצט האָט די געפאר פונ זיכ ער ניט פארשטעלט
אונ דעמ מעהאלעכ פונ געשיכטע דורכדרינגלעכ געמאָסטנ,
אונ קלאָר דורכ אימ געזענ דעמ גורל פונ דער וועלט,
וואָס דארפ זיכ אופלייזנ אינ דעמ געשלעג פאר מאָסקווע.
אדורכגעשניטנ זײַנ געדאנק האָט אינ דער טיפ די צײַט
אונ ניט געלאָזט פונ קיינ סאקאָנע זיכ פארצוקנ:
ניט שפײַזנ זיכ מיט ווארִיאנטנ פונ פארגאנגענהײַט,
נאָר ווארִיאנטנ דרייסטע ליפערנ דער צוקונפט!

IV

כאָטש ס׳האָט אפ וואָגשאָלנ אי „פאר“ אי „קעגנ“ ניט געפעלט,
דאָכ ביז באשײַמפערלעכקײַט קלאָר אימ דאנ געווענ איז,
אויב אופגעגאנ אינ מאָסקווע איז דער גורל פונ דער וועלט,
מוז זײַנ בא אירע ווענט פונ שלאכט אנטשיידענער די גרענעצ!
געוויִש, אויסדריקלעכ אונ שארפ
האָט זײַנ געדאנק דער צײַט אונ דער נאטור דיקטירט דאנ:
ניט נאָר באווירקט זײַנ פונ געשיכטע מע באדארפ,
נאָר פאָרזעצנ אונ צוועקמעסיק זי ריכטנ!
איר געבנ נײַע אָנווענדונג אונ נײַעמ זינ
אינ העסקעמ מיט דער צײַט—געפעסטיקט האָבנ זיכ בא אימ מאכשאָוועס.
אפילע אויב ס׳וועט אויסקומענ באצווינגענ זי,
ווי אינ באשאפ באצווונגענ אלע מאָל דער שטאָפ איז!
אצינד בלויז אפ איינ שאָ זיכ שיידנ מיט דער שטאָט —
קאָנ זיכ ארײַנלייגנ די שאָ אינ האנט דעמ קעגנער...
אונ אָנגענומענ א באשלוס אנ אָפגעווויגענעמ ער האָט:
פאר יעדנ שטיינ — א שלאכט! פאר יעדנ שטויב — געשלעגנ!

V

— מע גיט ניט מאָסקווע אָפּ! אפילע אפּ א ווײַל!
— זיך שלאָגן! — דורכגערוישט האָט אין די רוימען א געהאווע,
מיטן באשלוס האָבן זיך ווינטן אפּ דער שטאָט געטאָן אן אײַל,
איבערגעגעבן ראש האָט אים זאסטאווע צו זאסטאווע.
זיך שלאָגן — אויב די שלאכט זאָל דויערן א יאָר!
און מער! ביז וויפל נאָר עס וועט דער אָטעם קלעקן!
איבער די דראָטן אופגעוואכט האָט א געהיימער שאָרך,
די שטיינער זיך צעוויגט האָבן אליין, ווי גלעקער,
נאָר ניט צעקלונגען האָבן זיי אין פּאָרטשיקײַט דעם סאָד
אונטערן רויש פון יאָגנדיקע לאסטוואָגנס באוואכטע,
אז דער צערוישטער שטראָם איז ניט אפּ אָפּגעבן די שטאָט,
נאָר מאכן לײַכטער זי, באוועגלעכער פאר שלאכטן!
און פונעם קרעמל — וועקנדיק און וואך,
דורך אומזיכטיקע זינגענדיקע דראָטן,
געטראָגן האָט צום פראָנט זיך סטאלינס הארץ,
געשטראָמט צום ראנד האָט סטאלינס אָטעם.

VI

אין שלאכט-אמפיטעאטער אײַנגעבראָקט דעם בליק,
פאנאנדערשטעלנדיק לויט זײַן געדאנק צום שוץ דאָס כאיל,
איז ער געגאנגען פארבײַ דער מאפּע הין און צ'ריק,
באוועגט די גענג און רעגולירט דאָס פײַער.
— וואָלאָקאָלאמסק! — האָט ער דעם בלײַ געטאָן א פיר, —
א שפּאר טאָן וועלן זיי צוערשט געוויס פון דאָרטן. —
און אופגעעפנט האָט זיך אומדערווארט די טיר,
ארײַנגעגאנגען איז מיט שטילע טריט זײַן טאָכטער.
א גוטער שמייכל אפּ זײַן שלאָפלאָזן געזיכט
זיך האָט צעווישן די קנייטשן צוגעקומענע צעצויגן.
— ארײַנגעגאנגען זיך געזעגענען בײַ איך, —
האָט זי א זאָג געטאָן און זיך געשטעלט פאר זײַנע אויגן.
געלעגן אפּ דער הויפּט-שטאָט איז א בלינדע נאכט,
בא איר צוקאָפּנס האָבן וואָלקנס אָנגעשוואָלענע געברענט שוין,
און סטאלינס אויסגעשטרעקטע האנט לעבן דער מאפּע, האָט געדאכט,
איז אופגעהויבן צוליב דעם, ער זאָל אין וועג די טאָכטער זײַנע בענטשן.

3. די אָנגעבלאָזענע פראַש

I

באַם קרעמל האָט זיך פֿײַערלעך געביטן דער פּאַטרול,
געוויזן האַלבנאַכט האָט דער זייגער אױפֿן ספּאַסקער טורעם;
דער רויטער פּלאַץ — מיט שטילקײַט פֿול,
די שטילקײַט שווער, ווי פֿאַר אַ שטורעם.
אַראָפּגעגליטשט האָבן די קלאַנגען זיך ווי אַלעמאָל
באַפֿעלעריש, זיך שפּרייטנדיק אין אַלע עקן
מיט פֿײַערלעכן רוף: צעשמעטערן דעם אָל
אין לעצטע, אין אַנטשיידנע געשלעגן.
זיי האָבן אָפּגעהילכט אין דעם גראַניט פֿון מאַווזאָליי
און אין דער וואַנט פֿון די אומשטערבלעכע גיבורים.
איבערגעצויגן האָט דער פּלאַץ דער רויטער זיך מיט שניי,
ווי מיט אַ ווײַס־געשפּרייטן בלאַנק פֿון גורל,
אַז ס׳זאָל אױף אים זיך אויסקריצן דער ווילן פֿונעם פֿאָלק,
זײַן הויכער גײַסט זאָל טאָגן אױף אים אַ בליאַסקע.
דעם פּלאַץ האָט פֿײַערלעך געוויגט דער הימן, ווי אַלעמאָל,
און אױפֿן שניי האָבן די שאָטנס זיך געלייגט פֿון מינין און פּאָזשאַרסקין.

II

איבערן לאַנד צעוואָרפֿן איז געווען דער פּראָגט,
פּונקט ווי אַ שטריק איבערן גאָרגל פֿון די זעכצן רעפּובליקן.
דער פֿײַנט איז צו דער הויפּט־שטאָט צוגעגאַנגען נאָ׳נט
אין קלעמער שטאָלענע מיט פֿײַער זי דערשטיקן.
עס האָבן טאַנקען זיך געררוקט אין מענגעס אָן אַ צאָל
און שוואַרצע פּעסטונגען, געפּאַנצערטע אינדרײַען —
דיוויזיעס פֿון טויט, פֿון רויב און שטאָל,
דיוויזיעס פֿון מאָרד, פֿון שאַרבן און פֿון פֿײַער.
אין קרעמל איז צום שלוס געגאַנגען אַ ראַט,
ווי אױף אַ קרייסער בײַם אַ שטורעמדיקער כוואַליע.
נאָר קלאָר און דורכדרינגלעך און גראַד
די ווײַט האָט מיטן בליק אַדורכגעשניטן סטאַלין.
באַפֿעלעריש האָט זיך געשטרעקט זײַן דינע האַנט,
פּונקט ווי דעם דרוק פֿון צײַט ער וואָלט געמאָסטן.
געלעגן פֿאַר זײַן בליק די מאַפּע איז פֿון לאַנד,
אַרומגעקרייזט פֿון זײַטן דרײַ די צוטריטן פֿון מאָסקווע.

III

פֿון ווײַל צו ווײַל זיך אויפֿגעהויבן האָט די נאַכט,
און נע׳נטער צוגעגאַנגען די געפֿאַר פֿון מאָל צו מאָל איז.
די אָפּגעריסענע שטיק לאַנד האָט ער באַטראַכט,
וואָס האָט געקאָנט א קיוור ווערן פֿאַר סאָוועטישע כאַיאָלעס,
אויב זיי אַליין ניט אָפּפֿירן פֿון דאָרטן אַפֿ א צײַט,
ביז אין דער גאַנצער וווּקס זיי וועלן קאָנען זיך א לאָז טאָן...
דאָך איז דער פֿײַנט אַצינד פֿון זיג ווי קיינמאָל ווײַט,
כאָטש זײַנע נעגל וואַרגן שוין די שוועל פֿון מאָסקווע.
די כאָכמע־רוּיִקײַט — ביז שמייכל, ביז א שטיפֿ
ניט אָפּנעמאָן אין פֿײַן זיך האָט פֿון זײַנע אויגן.
אין גוירל פֿונעם לאַנד אַדורכגעדרונגען טיפֿ,
האָט ער מיט דורכלויכט ווי אַפֿ וואָגשאָלן געווויגן
פֿון שטעט פֿון כאָרעווע דעם ווײ,
דאָס אַש פֿון אָפּגעברענטע דערפֿער פֿון צעבליטע
און דעם פֿאַרהאַרטעוועטן האַס פֿון דער אַרמײ,
וואָס האָט געפֿייכט אין איר ווי ערעוו א געוויטער.

IV

געלויכטן אין דער ווײַט האָט זיך דורך אים א וועג
פֿון אויפֿשטײַג בלענדיקן און בונטע זאַווערוכעס:
דאָס ערשטע מאָל, ווען ס׳לאָזט זיך אין געשלעג
באַרופֿן, רײַפֿ די ערשטע פּראָלעטאַרישע מעלוכע.
דאָס ערשטע מאָל, ווען איר געווער און גײַסט,
אין פֿינפֿ און צוואַנציק פֿרײַהײַטס־יאָר געשמאָלצן,
מעלדן אַפֿ שלאַכט־געפּרוּווטן פֿעלד איבעראַנײַס
געשטאָלט, ניט־בייגעוודיק און שטאָלץ זיך.
געשטאַנען איז פֿאַר אים דער בלוטיקער קאַיאָר,
ווען אַפֿן לאַנד פֿאַרמאָסטן האָט די גוילעמדיקע האַק זיך.
עס האָט פֿון שלאַכטיקע יאָרהונדערטן דער יאָך
זיך דאַן אַוועקגעלייגט אַפֿ זײַנע אַקסל.
זײַן שוועע האָט מיט שטערן־שײַן זיך אויסגעקריצט אַליין,
און דורך קאַנאָנען אויפֿגערופֿן האָט זי צו דער פּרוּווו אים.
ס׳האָט דאַן זיך שוין געהערט באַם סוינע אין די ציין
דער כראָמק פֿון שטעט, פֿון דערפֿער און יִישווים.

V

דערקלערט האָט דאַן די טרויעריקע זומער־נאַכט
אין שאָרך פֿון ווינט און אין געמורמל פֿון די בלעטער:
ס'באַגינט אַ גרויזאַמע, אַ גענעמדיקע שלאַכט,
וואָס פֿאָרקומען באַדאַרפֿט האָט פֿריִ'ר צי שפּעטער,
די שלאַכט, וואָס יוירט אַף דעם פֿאַרניכטנדיקסטן גיפֿט,
און אַף אַ מאַבל אַף אַ בלוטיקן זיך צעטייַקט,
און צייכנט זיך דעם וועג שוין אין דער הייך און אין דער טיף
אַף גאָר דער ערד אונטערן פֿלאַם פֿון סרייפֿעס און פֿון שייַטערס.
געוועזן זייַנען גאַנצע געגנטן שוין וויסט,
באַדעקט מיט אַש פֿון כורבנ און פֿון סרייפֿעס.
ס'האָט קייטן־קלאַנג באַגלייט געשמידטע פֿיס,
געווען געקרוינט פֿאַר קעפּ אַ טליִעדיקער שלייף איז, —
און איצט האָט צו דער הויפּט-שטאָט זיך גענע'נטערט דער פֿלאַצדאַרם,
דער איינס-אַף-איינס באַם האַרצ פֿון לאַנד האָט זיך צעברענט שוין,
אין אָנגערוקט האָט זיך אַף מאָסקווע די געפֿאַר —
זיך אָפּשטעלן דאָס האַרצ זאָל פֿון דער מענטשהייַט.

VI

ווי אין דער וויסנשאַפֿט באַם נעמען אַ באַריער,
ווי אין טעכניק באַ דעם אַנטפּלעקן נייַע וועגן —
האָט פֿון געדאַנק זייַנעם געשלייַפֿט זיך דאָס געווער
און קעגן אָפּגעלעבטן זיך געמאָלדן אַף געשלעגן.
פּונקט ווי אין אַלץ, דורכויס און אומעטום,
פֿון קיין קאַנאָנען זיך ניט לאָזנדיק פֿאַרפֿירן,
האָט ער געבלעטערט אין געדאַנק די טעג פֿון רום,
זייער אַנטפּלעקונג דורך סאָלדאַטן אייַנפֿאַכע און קאָמאַנדירן.
אין זייַנע אויגן אומגעבלאָנדזשעט האָט אַ שטראַל,
ווי פֿאַר אַ שפּרונג — עפּעס דערוויגן און דערמאָסטן —
אָט מעלדעט זיך כּיביר. די טריט זיך הערן פֿון אוראַל,
זיי אייַלן זיך צו דער פֿאַרטיידיקונג פֿון מאָסקווע!
געלייגט איז אַף דער וואָגשאָל איצט די צייַט,
אַ יעדער שאָ דאַרף אויסציִען אין אַ מעכלעס זיך;
אַף קלאַמערדיקע זייַטן דרייַ האָט ער געטייַט:
— אויב זייער דראַנג איז גרויס, וועט אונדזער ווידערשטאַנד
זייַן גרעסער!

די כײַע, לויפנדיק, קיינ קלאָוקײַט ניט באהאלט,
די פיס אליינ אָנשטאָט דעמ קאָפ זי פירנ,
איצט דארפ מענ זי נאָר קונציק געבנ א פארהאלט,
ביז קומענ וועלנ די אוראלער אונ סיבירער.
זי נאָכ דעמ עק דעמ אייגענעמ זיכ יאָגט אָט איצט,
ווי נאָכ א זונענהאָז, צעטומלט אונ פארמאטערט.
איר דוכט זיכ, אז דער זיג צו איר אזוי שוינ בליצט
אינ קרײַז פונ אָט דעמ שלאכטיקנ אמפיטעאטער.
געקוקט אפ אימ די דורכשטודירטע מאפע האָט,
א יעדער שטריכ ווי אפ דער האנט געווענ איז קלאָר אימ.
זיי קלויבנ זיכ דעמ האלדז פארציִענ פונ דער עטאָט —
פונ צאָפנ-מײַרעוו, מײַרעוו אונ פונ דאָרעמ.
אונ פאר א נײַעמ גאנג צעהעלט האָט זיכ זײַנ בליק
איבער דעמ שלאכט-פעלד אינ האלב-רונדיקנ געלאָקער:
פארמאכנ דורכ די פלאנגענ זיי דעמ וועג צוריק
אונ, אינווייניק פארשפארטע, אָנהייבנ זיי בראָקנ.

VIII

ערגעצ אינ בלאָטע הארבסטיקער פארשפריצט,
האָט מענ מאניאָווערעוועט די אָרד׳נונג פונ „ארײַנמארשירנ“ —
אונ מיטנ גענעראל גודעריאנ אינ סאמע שפיצ
געריסנ האָט א טאנקענ-פלייצ זיכ דורכ קאשירע.
זיי האָט שוינ פאר געווינס געכאָלעמט זיכ דער גלאנצ
פונ מאָסקווער פלעצער אונ פונ שלאכטיקע פאראדנ.
א טײַט געטאָנ האָט כטאלינ אפ א פונקט: — וואָלאָקאָלאמסק! —
א שטריכ צו מאָסקווע דורכגעפירט א גראדנ,
אונ מיט אנ עקבערדיקנ פאסיקל א דינס
פארהאלטנ זיכ אנ אויגנבליק אפ די פארקערנ:
אָט דאָ, אינ צענטער, בא נאראָפאָמינסק,
איז גרייט צומ הויפט-קלאפ זייער אינפאנטעריע.
עס האָט די גײַווע בא גערמאניע דערגרייכט דעמ גראד
פונ יענער פראָש, וואָס פלאצנ איז איר גורל אומפארמײַדלעכ!
איז אָט-אָ דאָ, א שפאנ פונ זייער אופגעבלאָזענעמ פאראד,
וועט מענ די ברוינע אָדערנ זיי איבערשנײַדנ!

עס האָבנ באַריקאַדנ פּונקט ווי נעצנ זיכ געשטרײַפט
פינ שטאַנגענ שטאָלענע, פינ שטײנער אונ פונ דראָנגענ.
דער פּלאַנ פונ דער פאַרטײדיקונג געווענ איז רײַפ,
דורכ דער פאַרטײדיקונג האָט אויכ געצײַטיקט זיכ דער אָנגרײַפ.
מיט זאַמד־געפּילטע זעק, פאַרלײגטע איבעראַל,
אונ פאַר האַרמאַטנ גרויזאַמע צעפּאַסיקט,
זיכ אײַנגעשניטנ אינ דער ווײַט האָט לענינגראַדער מאַגיסטראַל,
אונ פּונקט ווי נאָכנ אַקער איז געגאַנ די מינסקער טראַסע.
געגאַרטלט האָט די שטאָט זיכ רונד אַרומ
אַפ ווײַטע צוטריטנ מיט בערגלעכ אונ מיט גראָבנס.
ווי דערנער האָבנ אויסגעזענ די שטאָלנס אומעטומ,
ווי הערנער די זאַסטאַוועס אופגעשרויפט זיכ האָבנ.
אונ מיט פאַרטײַעטקײַט געאָטעמט האָט דער ראַנד,
מיט יעדנ גליטש פונ שטערנ זיכ געמונטערט:
אינעמ געשלעג פאַר מאָסקווע קומענ וועט צו שטאַנד
די יונגקײַט פונ סאָוועטישנ יאָרהונדערט!

4. אַ רעפליק צו באַרקלײַענ

I

די נאַכט האָט אײַליק אַפנ פעלד געטאָנ אַ פאַל,
אונ אָנגעשוואָלענע געגעבנ אַ צעפליס זיכ.
פאַרזאַמלט האָט בײַ זיכ אינ שטאַב דער גענעראַל
די קאָמאַנדירנ פונ אַ יעטווידער דיוויזיע.
ער האָט זיכ שוינ באַוויזנ זענ פאַרפרי׳ר,
ווי מיט געגאַרטע זינ אַ וואַרטנדיקער טאַטע,
מיט די אַרײַנמאַרשירטע טײלנ פונ סיביר
אינ פעלצלעכ שאָפענע, מיט נײַע אווטאָמאַטנ.
פונ דער באַגעגעניש, וואָס מיטנ פירער ט׳ער געהאַט,
ווי קלאָרקײַט האָט געעפנט יעדער וואָרט אימ,
האָט זיכ, ווי יונגשאַפט, בליענדיק אונ גראַד,
געלײגט אַפ אימ אַ רײַפקײַט אַ באַיאָרטע.
ס׳האָט דער באַרופ פונ לאַנד זיכ אימ אַנטפּלעקט,
אונ ס׳איז זײַנ גורל אימ זײַנ אײגענער געוואָרנ קלערער,
אונ אַפ דעמ גאַנצנ פראָנט, פונ עק ביז עק,
האָט ער געפילט דעמ בליק פונעמ באַליבטנ לערער.

II

עס האָבנ די פארזאמלטע דערזענ זיכ אפנ ראנד
אונ איבער אימ געײַלט זיכ, אומגעדולדיקע, א לאָז טאָנ;
דער גענעראל האָט אפראָסנײַ דערפילט דעמ דראנג
פונ יעדנ אײנציקנ זיכ אָפּפערנ פאר מאָסקווע.
געווענ איז יעדנ א פארבינדעטער — די צײַט,
געווענ איז א פארבינדעטער דער רוסלענדישער אײַנפאל;
געטראָגנ האָט די כאָכמע פונעמ פאָלק זײ ווײַט
דורכ יענע צוימענ, וואָס זײ נעמענ שווער איז דרײַפאכ;
געווענ איז יעדנ א פארבינדעטער די הויכע פליכט
אונ די גערעכטיקײַט, וואָס זי איז קײנמאָל ניט באזיגלעכ.
געברענט ארומ דעמ טיש האָט יעדער בליק, ווי ליכט,
געמיט זײ האָבנ זיכ די פינצטערניש פונ נאכט פאנאנדערויגלענ.
צעשטראלט האָט זיכ באמ גענעראל אינ הארצנ א קאיאָר
אונ אופגעלויכטנ העל האָט ער אינ זײַנ באוווסטזײַנ:
אָט זײַנענ זײ, די וווּנדערלעכע פינפ אונ צוואנציק יאָר!
אָט איז עס, דאָס סאָוועטישע, דאָס נײַע רוסלאנד!

III

ניט־צוטריטלעכס דערשפּירט האָט ער דערינ,
קײנ קראפט אדורכברעכנ וועט עס גיט קאָנענ.
ווי דורכ קאָנווײערס פונ באגינ ביז צו באגינ
זײַנענ שוינ אײנס נאָכ אײנס אראָפּגעגאנגענ באטאליאָנענ
פונ ארבעטער, סטודענטנ, — קײט נאָכ קײט,
בוכהאלטערס, לערערס, אינזשעניערנ, פראָפעסאָרנ;
ווי צו א שפרונג געווענ די שטאָט איז גרײט,
אונ אופגעגאנ פונ איר איז מוט אונ צאָרנ,
וואָס האָט אינ ערגעצ ניט דערגרײכט נאָכ אזא מאָס
אונ ניט אראָפּגעלאָזט שוינ מער זיכ אינ דער נידער.
אונ דאָס געמיט בא יעדערנ געקרעפּציקט האָט דער פראָסט
אונ זיכ ווי ספּירט צעגאנגענ אינ די גלידער.
די אופגאבנ פאר יעדנ האָט דער גענעראל דערקלערט,
אינ יעדער וואָרט געווענ איז א געשאָרכ פונ פליגל:
— איז שלאָגנ וועט זיכ איצט ניט בלויז געווער, —
כאָטש ער איז ניט געווינט מיט טרומענ זיכ פארוויגנ.

IV

קיינ סימענ פונ פארבלענד אינ דעמ איז ניט פאראנ,
צו דעמ, ווי ס'איז, פארמאכט ער אפ קיינ ווייַלע ניט די אויגנ,
ס'איז אלצריינג אפ דער וואָג אונ אלצדינג אפ דער האנט,
ביז צו דעמ מינדסטנ פונקט באוווסט אונ אָפּגעוואויגנ:
— דער פייַנט איז שטארק אונ גרעסער אינ דער צאָל,
צו זייַנ באוואָפנטקייַט דערווייַל איז קיינעמס ניט געגליכנ, —
אונ דאָכ איז ער נאָכ קיינמאָל ניט, ווי איצטיקס מאָל,
אינ בראָכ אינ אומפארמיידלעכנ פונ סוינע זיכער.
ס'וועט ניט געשענ קיינ נעס! ער שטעלט ניט אויס דערופ!
געשענ וועט דאָס, וואָס ס'דארפ געשענ אינ שלאכטנ,
ווענ ס'לייגט בארעכנט זיכ צוזאמענ אופ —
געווער, געוואגטקייַט אונ א פלאנ א גוט-פארטראכטער.
ער איז א ניכטערער סאָלדאט. ער ווייסט פונ דרייסט.
מיט טרוימענ איבערלאָדנ זיכ איז שווער אימ:
ס'איז גוט, ווענ דעמ סאָוועטישנ געפרווטנ גייַסט
האלט אונטער די געפרווטע מאלכעסדיקע ארטילעריע!

V

איר האָט ער דאָ פארטרויט אצינד
דאָס ערשטע וואָרט פונ רוסלענדישנ כאַיל.
אונ אויכ אָט דאָ, ווו די ניט גלייַכ-אפ-גלייַכע שלאכט באגינט,
האָט ער דעמ שאנס זיכ ווענדנ מיט א רעפליק צו בארקלייַענ...
פונ איינ זייַט גיימ געמאניע, אינגאנצנ אינ א טאנק,
אונ קעגנ איר האָט דעמ סאָלדאט דעמ רוסישנ באשטאט ער;
געטראָגנ האָט זייַנ שטאב זיכ, פונקט ווי זייַנ געדאנק,
איבער דעמ גאנצנ שלאכטיקנ אמפיטעאטער.
אינ פייַער גרויזאמ איז געגאנגענ דאָס געוועט:
צי רוסלאנד איז פאראנ, צי רוסלאנד מער ניטאָ איז?!..
אונ רו געשטראָמט האָט פונ זייַנ שמויסענעמ זשילעט:
דעמ קאָפּ פארלירנ וועט געמאניע פאר איר טאָעס!
ער האָט געדענקט: „געמאניע האָט דערגרייכט דעמ גראד
פונ יענער פראָש, וואָס פלאצנ איז איר גורל אומפארמיידלעכ!
איז אָט-אָ דאָ, א שפאנ פונ איר צעבלאָזענעמ פאראד,
וועט מענ די אָדערנ די אופגעבלאָזענע איר איבערשנייַדנ!"

VI

אוועקגעלאָזט מ'האָט זיכ איבער דעמ פרישנ שניי,
א יעדער צו זײַנ טייל, א יעדערער צו זײַנ געווער־מינ.
באַראַטונגענ צונויפגעזאַמלט איינס אונ צוויי,
דעמ פּלאַנ דערגרונטעוועט אונ אימ דערלערנט.
געשטאַנענ מאָסקווע אײַנגעהילט אינ אינ דער נאַכט,
אינ זײַטנ דרײַ געוועגדט צומ סוינע מיט די פּאָרשטעט.
ס'האָט יעדער גאַס זיכ א פאַרטונקלטע געשפּאַרט,
גלײַכ ווי אינ אויסשפּירונג דעמ ראַנד א פּאָרש טאָנ
אונ אָנטאַפּנ די אָדערנ אפ א מעהאַלעכ ווײַט,
אינ קלעמ זיי אײַנשפּאַנענ, זיי צומעסטנ צומ פײַער.
געשטאַנענ מאָסקווע איז א גרויזאַמע פאַרטײַ'ט,
די ערעוו-שלאַכטיקע באַראַטונגענ אליינ געפירט באַמ כאַיל...
אדורכגערוישט אפ איר באַפעל האָט דאָס זעניט-געווער,
זיכ דורכגעקלונגענ האָבנ די באַצירקנ פונ פּעכאָטע,
אונ פונקט ווי א געהיימער קעגנזײַטיקער פאַרהער,
איז א שיפּרירט געשפּרעכ געגאַנ איבער די דראָטנ.

VII

מיט לײַב זיכ אָנגעטאָנ האָט יעדער פונקט פונ פּלאַנ,
אונ אופגעלעבט אינ אימ א יעטווידער דעטאַל האָט,
אפ יעדנ בליק אונ וואָרט, אפ יעדנ שאָרכ אונ קלאַנג
האָבנ זיכ ווײַטנ ווי אינ שטורעמ-ווינט צעכוואַליעט.
פונ א פאַרשנייטנ ערד-שטיבל — א צאַנקענדיקער שטראַל.
אונ אפ אַרומ דער רוימ מיט כוישעכ פול איז.
דאָרט אפ א קורצנ ראַט באַמ אוויִאַציע-גענעראַל
אראָפּגעכאַפּט האָט אויכ זיכ דער מאַיאָר מאַרגוליס
דירעקט פונ הימל. באַוויזנ האָט ער נאָכ אינמיטנ רייס
פאַרכאַפּנ א פאַרווונדעטנ צו זיכ אונ ווײַטער זיכ א לאָז טאָנ;
זיכ גאָרנישט נאָכגעפרעגט. א קאַפּיטאַנ. ער ווייסט.
מע דאַרפ אימ עקסטרע צושטעלנ קיינ מאָסקווע.
ס'האָט נאָכ דער ערשטער הילפ געדראָט אימ א געפאַר,
ניט אלצ איז דאָרטנ דורכ אינגאַנצנ גלאַטיק.
איבערגעענטפערט האָט מאַרגוליס אימ א סאַניטאַר,
אליינ אוועק איז ער צומ גענעראַל אפ א באַראַטונג.

VIII

ער איז אריַין. געהאַלטן אַף די פּיס האָט ער זיך קאָם.
פֿאַרפֿינקטלעכט די מינוטן פֿון זײַן אָנקום.
פֿון דער באַראַטונג גלײַך צוריק — אַפֿן אַעראָדראָם,
און בלויז דערמאָנט זיך אין דער היים אַף דער וואָלכאָנקע.
געטראָפֿן דעם פֿאַרוווּנדעטן, וואָס ער האָט דאָ געלאָזט,
פֿאַרבײַגייענד אַ וואָרט געטאָן צו אים פֿאַרהאַוועט:
— איר זײַט נאָך דאָ? — און גלײַך שוין אַזוי היימיש־פּראָסט: —
איר קלויבט צומאָל זיך נאָך ערגעץ אַ פֿלי טאָן, כאַווער?
— אַ דאַנק! — האָט דער פֿאַרווונדעטער דעם בליק געטאָן אַ פֿיר,
ניט אופֿגעהערט מיט אים זיך ווייטעקלעך צו טוליען:
— סאַדאָווסקי! — פֿאַרגעשטעלט זיך פֿאַר דעם פֿליִער
און אָפּגענומען גלײַך, ווי פֿון אָפּצאַסן־קלונג: „מאַרגוליס!"
מאַרגוליס? האַ?.. צי האָט ער עפּעס ניט דערהערט?
די אויגן ברייטער מיט פֿאַרווונדערונג צעעפֿנט:
עס גייט אים נאָך דאָס אַלטע אויסקויף־בלוט פֿון דר'ערד...
אַצינד באַדאַרף ער נאָך אָוואַדימסן דאָ ערגעץ טרעפֿן!

IX

געווען עס איז אַ פֿרישער פּראָסטיקער קאַיאָר,
דער דאָקטער פֿאַר סאַדאָווסקיס בליק איז דורך ווי אין אַ כאָלעם:
„זאָל עפּעס האָבן אָנגעקערט מיט אים זיך דער מאַיאָר?
דערציילט ער פֿון אַ זונ האָט, פֿון אַ פֿליִער, וויפֿל מאָל אים!..
די לעצטע שלאַכט, — ער גיט זיך אַ דערמאַן, —
ווען מ'איז דעם לעצטן פּאַס פֿון קלעם אַריבער,
האָט זיך ניט אומגעקערט אָט דער פֿאַרטרוימטער מאַן,
וואָס פֿאַר פֿאַרווונדעטע האָט פּאָזעמקעס געקליבן"...
ס'האָט מעגלעך דאַמאָלט זיך געשלעפּט דער דאָקטער אין געפֿאַנג,
מיט זײַנע לייד דעם טויט פֿאַרווײַלן נאָך אַ ביסל,
און זיך געטרייסט — ס'וועט ניט געדויערן שוין לאַנג,
אַוועקלייגן אין וועג ס'וועט ערגעץ אַף געוויס אים...
גאָר ס'האָט אַף אים געוואַרט נאָך גרויסער פּײַן,
געהאַט האָט נאָך אין אים דער ווײ ביז גרונט דערברענען.
אַזוי איז ער אונטער דעם שטעכיק דראָט אַרײַן,
ווי אינעם לעצטן קרײַז פֿונעם גיהענעם...

5. געבוירן א קינד

I

זיך אָפּגעשטעמפּלט האָבן טריט אויף דער פאַרשנייטער ערד,
אין הימל וואַך געווען דער נאַכטישער פאַטרול איז.
עס האָט אַ ווײַטער פּאָך פון אָדלערס זיך געהערט,
געוועזן צווישן זיי איז דער מאַיאָר מאַרגוליס.
ער האָט קימאַט זיך דאַמאָלט מיטן הימל ניט צעשיידט,
און שוועבנדיק ווי איבער אַ מאַרפּלייץ פון יאַמען,
האָט ער זיך אין די שטערן אײַנגעזויגן זינגענדיקערהייט:
„אַ בריוועלע דער מאַמען... זאָלסטו ניט פאַרזאַמען!"...
דער קאָפּ האָט ערגעץ ווײַט אים אָנגעשפּאַרט,
פאַרקלעמט דאָס האַרץ האָט יעדער ווײַלע ביז צו ווײ אים:
געגאַנגען זײַן פרוי צו קינד איז יענע נאַכט,
ער האָט געהערט פונעם געבוירענעם די ערשטע אויסגעשרייען,
געריסן האָבן זיי זיך אין דער הייך צו אים
מיט ערשטן אומפאַרשטענדלעכן געבלעבל;
עס איז נאָך ניט קיין קלאַנג, עס איז נאָך ניט קיין שטים,
עס איז די אַלגעזועצלעכע פאַרמעלדונג צו דעם לעבן!

II

סע הערט נאָך ניט. ס'באַוועגט מיט דעם די ערשטע נויט,
זי שטרעקט פון דעם זיך מיטן מויל צום לעבן
און שטויסט מיט הענטלעך אָפּ פון זיך דעם טויט,
ניט ווייסנדיק, אַז ער איז דאָ און לאָקערט דאָ ד'ערנעבן.
אָט דאָ באַגעגנט עס מאַרגוליס, אויף דער וואַך,
אין מאָסקווער הימל אין באַנאַכטיקן, נאָר קלאָרן,
ווו ס'הויערט די פאַרדאַרבונג אום און די געפאַר,
ווו ער אַליין ווערט עפּשער אַפּדאָסנײַ געבאָרן,
זיך ראַנגלענדיק מיט דעם פאַרדאַרב אויף טויט,
אויף טויט זיך וואַרפנדיק אַנטקעגן אין געשלעגן
פאַר אָט דעם קליינעם נעפעשל, וואָס האָט אין בלינדקײַט ערשט פאַרטרויט
די קליינע הענטלעך — דעם גרויסן לעבן...
ער היט עס דאָ אַצינד אין הימל אָפּ,
ער וויגט עס אין דער הייך מיט יעטווידן געפּאָכע;
מיט יעדן קרײַז לאָזט ער דאָס האַרץ צו דעם אַראָפּ,
מיט יעדן שאָס — די ערשטע פּאָטערלעכע בראָכע!

III

די אויגן זײַנען נאָך בא דעם פארמאכט,
עס אָטעמען אַפּ דעם פון מוטער־לײַב נאָך די געוועבן.
און מיט אזא גערעכטיקײַט פון דעם זיך שפּארט
דאָס אומבאצוימטע כאָכמעדיקע לעבן —
דאָס דאָזיקע, וואָס ס׳יאָגט נאָך דעם זיך נאָך דער קאַט,
וואָס אופגעהויבן האלט אַפּ דעם די מערדערישע האק ער,
אָט איז ער, אָט! פארפינקטלעכט איז ער אקוראט!
אָט גיט ער זיך א צי אין טווישטשענדיקן פלאַקער!
מארגוליס האָט א ווײַל זיך פאָרגעשטעלט:
ווי ס׳גייט ארײַן צו אים אין שטוב דער גוילעמדיקער אכוזער
און כאפּט דאָס קינד, דערלאנגט עס מיטן קאָפּ אין שוועל,
און גיט נאָך זיגעריש דערנאָכדעם א צעלאַכ זיך,
און לאכנדיק, ער טראָגט עס צו דערנאָך —
די מוטער זאָל עס אָנזויגן שוין א דערהארגעטס.
אָ, ס׳ארא גליק עס איז זיך אָנטרינקען מיט זייער בראָך!
ס׳ארא גענוס אַפּ גאָרגלען זייערע א יעדער וואָרג איז!

IV

ער האָט זיך אינדערפרי ארָאָפּגעכאפּט אַפּ א פּאָר שאָ
צו זיך אהיים אַפּ דער פארנעפּלטער וואָלכאָנקע.
עס איז אים נאָכגעגאן פון ווינט פון אייגענעם דער שאָרך,
געגעבן האָט צו יעדן הויז זײַן בליק א בלאָנקע.
ס׳האָט אים געיאָגט די פרייד פון זײַן אַן אומגעריכטער גאסט.
ארָאָפּגערוקט פון יעדן דאך די שנייִקע, די ווײַסע שאל איז.
געוונקען האָבן פון קראָפּאָטקין-גאס
די אָנפאנגלעכע קאָנטורן פון ראטן-פּאלאַץ,
וואָס האָבן קוים דעם נײַגיריקן בליק דערגרייכט,
פארווונדערט-אויסגעצויגן, גלײַך ווי אין א טאָנעס,
און ווי מיט הענט געצויגן אלץ צו זיך די הייך
און אויסגעבעטן בלויז דעם שנײ אַפּ אויסגעשטרעקטע דלאָניעס...
כאָטש ער האָט ניט געהערט דעם זיסן רויש און קלאַפּ,
און דעם געוּוימל פון געווערקן דאָרט האָט ניט געזען ער,
האָט ער זיך דאָך באמיט צו פאָרשטעלן אין קאָפּ,
ווי הויך וועט איבער מאָסקווע אַפּן פּאלאַץ אויסזען לעניִן...

V

פארווינטיקטקײַט און פראָסט האָט ער אהײם געבראכט
און פרישע קעלט פון כמאריקע שפאציר-גענג.
ס'האָט גוורע אומגעצוימט פון אים געשפארט,
און אין דער פּליִערישער טראכט אַן אויסגעצירטער
ער אויסגעזען האָט אזוי ברייט, און גרויס,
און אומגעהײער אויסגעמאטערט.
צו סאמע ערשט — ער מיטן בליק האָט בלויז
דערקונדיקט זיך, צי איז ער שוין א טאטע?
און פּענטענדיק אין זײַנע שווערע טריט
דעם אומגעצוימטן אימפּעט און געטומל,
האָט ער זיך שמייכלענדיק געווענדט צו א באַיאָרטן ייִד:
— גוט מאָרגן, שווער! ס'איז הײַנט אין הימל א מעהומע,
וואָס הערט זיך עפּעס אַף דער ערד?
איר האָט באשלאָסן טאקע ניט צעשיידן זיך מיט מאָסקווע? —
עס האָט דער אלטער זיך א קנייטש געטאָן, ווי ניט דערהערט,
און שווײַגנדיק פון קאָפּ ביז פיס אים אָפּגעמאָסטן.

VI

ניט-אויסגעשלאָפנקײַט אינעם געזיכט האָט ער געהאט,
די ווײַסע באָרד צעקעמט הארכאָוועדיק אַף ביידע זײַטן
נאָך פון אמאָל, ווען ער געווען איז דומע-דעפּוטאט
פאר ניקאָלײַ דעם צווייטנס צײַטן.
געלעגן אין זײַן מויעך זײַנע אײַנגעוויגט
פון איבער פופציק יאָר פארגאנגענע געדרוישן.
געציילט ער פאר זײַן לעבן האָט דעם פערטן קריג,
און אָט אזוי, פון איינעם ביז דעם אנדערן, געוואָרן גרוי שוין...
ארומשפּאצירן אין בולווארן מיט א בוך אין האנט,
א דרעמל כאפּן אַף א באנק געהאט א טעווע;
געדענקט האָט ער א דענקמאָל-קלויסטערל בא דער קיטײַער וואנט
לעקאָוועד די געפאלענע אין שלאכטן אונטער פּלעוונע.
און ליב געהאט האָט ער צו קומען אָפּט אהין
און אָפּן דענקמאָל לייענען, ווי אויסגעקריצטע נעסטן,
די נעמען און פאמיליעס פון רוסלאנדס זין,
וואָס האָבן זיך באַרימט געמאכט באַם נעמען אָט די פעסטונג.

VII

געוועזנ צווישנ זיי אויכ אויסגעקריצט איז אפ די ווענט
א גאנצער גאנג פאמיליעס פונ יידישע סאָלדאטנ.
צו זיי געוועזנ באזונדערס איז זײַנ בליק געווענדט,
ווי צו באליבטע זינ פונ א געטרײַענ טאטנ...
זיי האָבנ פונעמ דענקמאָל אימ אראָפגעשײַנט,
ער האָט אינ זיי די ליבע פונ זײַנ פאָלק ארויסגעלייענט
צומ פאָטערלאנד — פונ שטענדיק אונ פונ הײַנט —
וואָס ס'וועט אויכ מאָרגנ זי קיינ שטורעמ ניט פארווייענ.
ס'איז אימ געווענ א שטאָלצ זיכ געבנ א דערמאנ
וועגנ סאָלדאטנ יידישע אפ סעוואסטאָפאָלער בארימטע באטאליאָנענ,
ווו ס'שטייט א מאָנומענט פאר פינעפ הונדערט מאנ,
אונ איבער יאבענ זענ פונ אומעטומ מע קאָנ אימ.
אונ דאָס האָט מענ דאָכ וועגנ זיי געפרוווט
אינ דומע מאכנ אויפמערקזאמ אָנ פאכעד, אָנ געקווענקל,
אז ווענ זיי שטייענ מיטאמאָל נכיעס-האמייסימ אופ,
וואָלטנ זיי קומענ ניט געהאט קיינ רעכט א קוק טאָנ זייער דענקמאָל.

VIII

די רעוואָלוציע, — גיט זיכ דאָס הארצ בא אימ א ריר,
אונ ראשנ פריידיקע זיכ נעמענ דאָרטנ יורנ, —
געעפנט האָט פאר יעדנ אינ דער וועלט אזא מינ ברייטע טיר,
אז ס'האָט אזא ווי ער זיכ באמ ארײַנגאנג גלײַכ פארלוירנ.
מע וואָלט באדארפט צו איר זיכ צופאסנ אליינ,
ווי ס'פאסט זיכ אײַנ די בינ אינ אירע סאָטעס.
נאָר זעט מענ דענ ארויס אינ א געבײַדע יעדנ שטיינ,
שוינ אָפגערעדט פונ דעמ, וואָס אײַנגעמויערט אינ יעסאָד איז?
אונ דאָכ, דאכט זיכ אימ אויס, וואָלט ער,
ווענ מענגעס איבער גאכנ יאָמטעוודיקע שפאנענ,
באדארפט זײַנ דאָרט, צווישנ די כמארעדיקע בערד
פונ פאָנענ־טראָגנדיקע זקיינימ וועטעראנענ.
אונ א דערציטערטער פאר פרייד ער ווערט,
ווענ ס'לאָזט זיכ דורכ דעמ פלאצ די דאָזיקע קאָלאָנע;
אימ דוכט: זײַנ לעבנ פלאטערט אינ די ווײַסע בערד,
ווי ס'פלאטערט רוסלאנד אינ די רויטע פאָנענ.

X

האָט ער דעם קאָפּ צום גאַסט געטאָן אַ פּיר,
אַרײַנגעשניטן אין די אויגן זיך אַ װײַלע גראַד אים.
פאַרטיפט איז ער געװען די גאַנצע צײַט אינעם עפּיר,
געזעסן איז ער אין די אויער-רערלעך באַ דער ראַדיאָ.
זי האָט באַ אים געכאַלעשט זיבן מאָל אָפּ דער מינוט,
און זיבן מאָל אָפּ דער מינוט זי אָפּגעמינטערט האָט ער.
אָט גיט עפּעס אַ זשום אין איר אַן אומקלאָרער געהוד,
און אײדער נאָך ער כאַפּט זיך — װאָס? איז אויס! און פאָטער!
האָט ער די אויער-רערלעך פונעם קאָפּ אַראָפּגעכאַפּט געשװינד
און אָפּן גאַכט דעם קאָס דעם גאַנצן אויסגעלאָזט דאָרט:
— אין מאָסקװע װערט געבוירן איצט דײַן קינד.
געבוירן רוסלאַנד װערט אַצינד אָפּסנײַ אין מאָסקװע! —
איבערגעװיקלט מיט די װערטער האָט ער זיך אַ װונד: —
װער ס׳לויפט. װער — ניט. װאָס גראָדע איך גאָר?
פון מאָסקװע לויפט מען ניט, װען ס׳איז פאַראַן דער מינדסטער גרונט
און אַ געלעגנהײַט פאַר איר צו שטאַרבן װי אַ בירגער!

X

און ניט באַמערקט האָט ער, װי ס׳איז דער גאַסט
אַדורכגעגאַנגען שטיל אין צװײטן צימער.
אַ שאָרך פון ראַדיאָ, און ס׳איז אַראָפּ זײַן קאָס,
און צו דעם גאַסט האָט אים שוין ניט געטאָן קײן צי מער.
ער האָט די אויער-רערלעך אָנגעטאָן פונסנײַ
און אין דער ראַדיאָ אַרײַנגערעדט אַלײן, װי דורך אַ כװאַליע:
װען דורכגײן װעלן זקײנים מיט די זאַכטעפּער פאַרבײַ,
װעט ער זיך אײַנשליסן אין דער קאָלאָנע גלײַך מיט אַלע
אָפּ גראָבן ריװן אונטער מאָסקװע װו-ניט-איז,
כאָטש װיפל-ס׳איז פון זיך איר עפּעס געבן.
עס קומט אים ניט קײן פאָן, אָבער אַ זאַכטעפּ — אָפּ געװיס!
און שײדן זיך מיט מאָסקװע — הײכט זיך שײדן מיטן לעבן!
איבערגעהאַקט זיך האָבן זײַנע װערטער באַ די װענט,
צוריק צו אים אַלײן זײ האָבן אומגעקערט זיך.
עס איז כוץ אים אין צימער קײנער ניט געװען,
און פונעם אַנדערן געהערט האָבן זיך קרעכצן.

XI

אַרײַנגעכאַפּט אין צימער האָט מאַרגוליס זיך צוריק,
דאָס פּנים בלאַס און אויסגעצויגן.
אויף אַלץ אַ וואָרף געטאָן דעם בלאָנדזשענדיקן בליק,
פֿון זאַך צו זאַך געגומען לויפֿן מיט די אויגן.
געשטאַנען אויפֿן טישל איז אַ קאַלטער סאַמאָוואַר,
פֿון ליכטעלעך געשמאָלצן האָט דאָס גרויע אַש זיך.
עס האָט מאַרגוליס זיך געטאָן צו אים אַ שפּאַר:
— מע דאַרף אים עפּעס אַ צעבלאָז געבן, פּאַפּאַשע?
אַ ביסל שפּענדלעך אָנהאַקן? אַרײַנוואַרפֿן אַ קויל? —
און אָפּגעהאַקט: — איז וואָס זשע הערט דאָרט אין דער וועלט זיך? —
נאָר ס'האָט דאָס וואָרט זיך אָפּגעשטעלט בײַ אים אין מויל,
בײַ אַלע האָט דאָס קאָל פֿאַרהאַקט זיך אין די העלדזער.
עס האָבן זיך געבורט-ווייען אַ טראָג געטאָן אַהער
און אָנגעפֿילט מיט גאָר דער וועלט דאָס שטילע צימער.
זײַן קינד האָט אָנגעהויבן לאָזן זיך אויף דר'ערד,
און אים איז צײַט געוועזן זיך אויפֿהייבן אין הימל...

6. פֿרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא

I

פֿון אונטער פֿריִען שנײ האָט נאָך געקוקט פֿאַרשפּעטיקט גרינס,
ניט אַלץ באַוויזן האָט פֿון ביימער נאָך אַ פֿאַל טאָן.
אינמיטן וועג נעבן דער שטאָט נאַראָפֿאָמינסק
האָט מען סאַדאָווסקיס טייל אין גאַנג פֿאַרהאַלטן.
באַגעגנט האָט זיי אויפֿן וועג אַ קאָמיסאַר,
די הענט צעשפּרייט, ווי אַ סיגנאַל צום אָפּשטעל.
ער האָט דערקלערונגען ניט אָנגעווענדט קיין סך.
אַ קוק — האָבן סאָלדאַטן אויפֿן אָרט זיך אָנגעהויבן טאָפּטשען.
— פֿון דער אַרומרינגלונג? — האָט ער דעם בליק נאָכהער
איבער די אָפּגעשטעלטע דורכדרינגלעך גענומען פֿירן, —
איר בלײַבט אָט דאָ! אַ יעדערער לויט זײַן געווער,
דאָ וועט איר זיך אויפֿסנײַ איבערפֿאָרמירן! —
זײַן הייזעריק פֿאַרווינטיקט קאָל
אינגאַנצן צוגעפּאַסט צו טראַכט זײַנער געוועזן איז;
און ס'האָט געשניטן ווי מיט שטאָל:
דאָ איז פֿון איבערבראָך — די גרענעצן!

II

צו זײַנע אויגן האָט געריסן זיך דער טיל-און-טעל,
פון זײַנע אויגן האָט געזעצט אַן אײַנגעצוימטער ווייטעק.
ער האָט אדורכגעלאָזט איין שטראָם און ווידער זיך געשטעלט,
די הענט צעשפּרייט ווי אַ סיגנאַל קעגן אַ צווייטן.
און מיט צעשפּרייטע הענט אנטקעגן שניי,
אנטקעגן גרויען טאָג פון הארבסטיקער פאַרוויסטונג
האָט ער באַגעגנט אָפּגעשטאַנענע פון דער אַרמיי,
דער קאָמיסאַר — געוועזענער פּראָפעסאָר פון לינגוויסטיק.
געגאַנגען איז אַן אָקטיאַבערדיקער גרויער טאָג צום סאָף,
געפלויגן זײַנען פייגל סטײַעסווײַז אַף דאָרעם.
ארומגעקוקט האָט זיך אַ בלאָנדזשענדיקע שאָף,
אינמיטן פעלד פאַרוקט נעבן אַ דאָרן...
און מאַכנעסווײַז, דורך שוואַרצע סטויגן ברויט פאַרברענטס,
פאַרבײַ די אומעטיקע פעלדער, העפקערע, פאַרלאָזטע,
געגאַנגען דאָס כאַיִל איז פון יאַרצעוו און סמאָלענסק
דורך ווו אַ וועג פאַרפעסטיקן זיך אונטער מאָסקווע.

III

ס'האָט אַף ארום ניט אָנגעזען פון קרימענס זיך קיין רויך,
פון ווירטשאַפט אָנגעלעבטער — בלויז רעמאָזים.
און ווי אַ וועג-ווײַזער, מיט אויסגעקנייטשטע בלעטלעך אין דער הייך,
געטראָפן האָט זיך ווו-ניט-ווו אַן איינזאַמע בעריאָזע.
געזילבערט האָט זיך אין דער ווײַט אַ פראָסט,
און איבער בלאָטעס צוגעפרוירענע — אַ יאַדעשליוווער הימל.
— סע שמעקט מיט מאָסקווע! – האָט אַ זאָג געגעבן דראָזד,
פאַרשטעקט די פאָלעס פון שינעל האָט פערעליאָט באַם רימען.
און מ'האָט געשפּאַנט אינײַנעם מיט דער עסעדיקער קעלט,
דעם יאָך פון קריג — אַף אַקסל, אַקוראַטנע,
אָן טײַנעס, אָן פאַריבל אַף דער וועלט,
ווי ס'קאָן אַף גאָרער ערד דער רוסישער סאָלדאַט נאָר.
— נו, שער מײַנע, איצט אונטער מאָסקווע קומען וועסטו מיר צונויץ, —
געגעבן האָט אַ יעדער ווײַל אין לעווינען דער דראַנג אַ דריגע.
געגאַנגען פאַרנעמען אונטער מאָסקווע מ'איז די שוץ,
די צוטריטן צו מאָסקווע פאַרן פײַנט פאַריגלען.

IV

— אצינד גיי, זאָג, — האָט ער זיכ יעדער ווײַל געטאָנ א ווענד
מיט אויגנ אינ דער ווײַט דער נעפּלדיק-פאַרגלאָזטער, —
אז ניט פאַראנ א גאָט איז אפ דער וועלט,
אויב זיאמע לעווינ לעבט אונ וועט זיכ שלאָגנ אונטער מאָסקווע! —
אונ ווי דער איבערגאנג איז ניט געווענ אימ שווער
אונ ווי דער וועג האָט אימ מיט מידקײַט ניט געקאָוועט,
האָט אימ געטרייסט מיט שטאָלצ די אונטערמאָסקוועדיקע ערד,
אונ שלאָגנ זיכ פאַר איר איז אימ געווענ א קאָוועד.
„דעריקערשט, — האָט ער זיכ געטראכט, — נאָר לעבעדיק ארויס,
א ווּנד איז בלאָטע. לייגט מענ זיכ א לאטע!
האגאמ די פּרעסט — אפילע שוינ פאַר כאנעקע צו גרויס,
אונ זאווערוכעס — כפּירט — אזעלכע־אָ קודלאטע!"
אוּנ דאָכ האָט זיכ בא אימ ארופּגעלאָזט דער קאָפּ,
געבויגנ זיכ אונטער פאַרשיידענע מאכשאָוועס:
„אלצ ווײַטער רוקט מענ זיכ פונ גראָנאָטאָפּ
אונ זענ מע זעט ניט ווּ דער סאָפ איז"...

V

אלצ ווײַטער רוקט מענ זיכ פונ זײַנע קוואָרימ אָפּ,
פונ אלצ, וואָס אימ געבליבנ פונ דער היימ איז,
וועט ער זיכ אומקערנ נאָכ ווענ-עס-איז קיינ גראָנאָטאָפּ,
צי ס'וועלנ זיכ פונ אימ בלויז כאָלעמענ כאלוימעס?
אימ דוכט: ער זעט אפּ גאכנ לײַדיקע פונ שטאָט
ניגונימ שנײַדערישע ווי יעסוימימ אומגיינ;
זיי גייענ אינ א שטוב ארײַנ, ווּ קיינער איז ניטאָ,
אונ זינגענ זיכ אליינ פאנאנדער פאַרנ אומגליק...
זײַנ ווייי איז שוינ ווי אש פונ לעצטנ איבערברענ,
אונ ערגעצ ווארפנ נאָכ אינ אימ זיכ טויבע קרעכצנ:
„יעהודעסל!.. מיר וועלנ זיכ שוינ מער ניט זענ,
די ביינער אונדזערע באגעג'נענ וועלנ עפּשער אונטער דר'ערד זיכ"...
נאָר ס'עפנט זיכ זײַנ רוקזאק אופ אליינ,
אונ ס'גיט פונ דאָרטנ זיכ א שטעק ארויס זײַנ לעפל.
„דער סייכל איז בא דיר פאַרנייט, — אינ קיכ איז צײַט צו גיינ,
א נאר ביסטו געווענ אונ שטארבנ אויכ א נאר וועסט, לעווינ!"

VI

דער מיטיק איז אדורכ אי פײַערלעכ אי גיכ,
דער באָרשטש געהאט האָט אלע זיבנ טאמענ.
געארבעט האָט א מינסקער קאצעוו בא דער קיכ;
געזענ, מע זאָל זיכ איבעריק בא אימ ניט זאמענ.
געווענ איז ער ברייטביינִיק, געל אונ הויכ,
געשטאנענ בא דעמ קעסל ווי א קויהענ-גאָדל;
אונ איבער אימ — א וואָלקנ דאמפּ אונ רויכ,
די קעסעלעכ איבערנ אויג פאר רויטארמייער אָנגעלאָדנ.
אליינ ער אויכ איז פונ ארומרינגלונג ארויס,
נאָר ווי א באלעבאָס די ווירטשאפט אויסגעריסנ מיט די ציינער,
דאָס פי ארויסגעפירט פונ קליינ ביז גרויס.
דאָס לעבנ אײַנגעשטעלט — בעהיימעס אָפּגעראטעוועט ביז איינער,
דערנאָכ דערמאָנט ער האָט זיכ מיט פארדראָס אונ וויי,
אז ס'איז א קעסל באָרשטש אינ דער ארומרינגלונג געבליבנ,
האָט ער זיכ אומגעקערט, דעמ באָרשטש צעכליופּעט איינס אונ צוויי
אונ דורכ דעמ ראנד צוריק צו זײַניקע אריבער

VII

אונ זיכ געקילט דאָס ברענענדיק געמיט:
— אצינד קאָנט איר א בלאָז טאָנ ווינגדער קאצעווס באָרשטש דעמ הייסנ!—
אונ אויסגעקלאפּט עס האָבנ זײַנע שווערע טריט: —
ווי די כאזיירימ מיט די מאָרדעס אינ פּאָמאָיקע, מעכעטייסע! —
ער האָט געשעמט אינ מינסק אינ בוינע בא די פּניי,
געוווסט עס האָבנ אלע, פונ א מענטש אונ ביז א פויגל,
אז מיט א זעצ אנ איינציקנ אינ שלייפ
לייגט זיכ אוועק בא אימ אנ אָקס אונ שטארעט אויס די אויגנ.
ער האָט געדענקט די כאסענעס די גליקלעכע אינ מינסק
אונ די מײַכאָלימ, וואָס ס'האָט מינסק אפּ זיי געפּראוועט;
געקלונגענ מיט די מעסערס בא דער קלאָצ, גלײַכ ווי מיט מינצ,
צופרידנ שטעלנ שטענדיק ליב געהאט א כאווער.
איז דראָזדנ אינעמ באָרשטש ארײַנגעוואָרפנ פלייש א שטיק,
דאָס קעסעלע בא פערעליאָטנ אָנגעפילט מיט קאשע
אונ אפּ גורארינענ, אויסער אלצ, פארהאלטנ לאנג דעמ בליק,
וואָס איז געווענ פול מיט „פרעגט די וועלט אנ אלטע קאשע"...

VIII

דערצו — די הענט אין פֿאַרטעכ אזא לײַכטנ רײַב,
ווי פאר א בראָכע זײַנ זיי זאָלנ ריינער...
ארויסגענומענ שטיל די פאָטאָגראפיע פונ זײַנ ווײַב
אונ פונ די קינדערלעכ, אראָפּגענומענע אינײנעם,
אונ גאָרנישט ניט געזאָגט. א שאָקל בלויז גורארינ מיטנ קאָפּ,
זיכ אָפּגעקער'ועט א פארקלערטער פונ די טשאנענ,
מיט שולדיקײַט האָט ער די גאנצע צײַט געקוקט אראָפּ,
ווי ער באמ קיװער װאָלט בא זייער אָפּענעמ געשטאנענ...
אונ ערשט נאכהער האָט ער געטאָנ א זאָג,
די אויגנ צוגעמאכט, ניט דורכ זאָלנ קיינ טרערנ:
— זיי האָבנ זי דערהארגעט אפנ דריטנ טאָג...
איכ װעל זיי אָפּצאָלנ!.. צו דרײַ פאר יעדנ הערעג... —
ער האָט א וויש געטאָנ די פאָטאָגראפיע צארט
מיט די פארלאָשענע שווארצאפלענ — ווײ-אונ-ווינדיק.
אימ האָט געדוכט, אז מאָסקווע קוקט פונ ווײַט מיט צאר
אפנ פאָרטרעט פונ זײַנ דערהארגעט ווײַב אונ קינדער...

IX

אונ מאָסקווע האָט געקוקט אפ ווײַט פונ אומעטומ
מיט טורעמס, ווי מיט בענטשנדיקע הענט פארהויבנ.
געפילט זיכ יעדערער האָט זיכערער דערומ,
ווי אינ אנ אומדערקלערטנ יאָמטעוודיקנ צויבער.
געגעסנ האָט מענ זאכלעכ. אײַנגעטראכט. אונ שטיל.
זיכ ניט פארגינט אפילע לעווינ האָט קיינ איבעריקנ האווע.
בלויז דראָזד האָט צו דעמ באָרשטש ניט אײַנגעהאלטנ דאָס געפיל
אונ אויסגעסמאקעט אינ דער הייכ: — אָט דאָס הייסט א פאָלטאווער!
א לעפל סמעטענע באדארפ מענ נאָכ צו אימ,
אונ צו דעמ שטיקל פלייש א ביסל כריינ פאראָרדנענ. —
ער האָט דאָס קעסעלע, ווי א באיאנ, געהאלטנ אפ די קני
אונ זיכ פונ דעמ ארויסגעשעפט נעשמאקפולע אקאָרדנ.
פארענדיקט פערעליאָט א בריוו האָט קיינ פאָגאָסט,
אפ טאָניענ זיכ פארקוקט: — בא דיר איז איצט אינגאנצנ פראָסטער!
דו קאָנסט א שפאנ געבנ אהיימ, פארשפאָרסטו זיכ די פאָסט.
דיר גייט אליינ אנטקעגנ, ווי א מאמע, איצטער מאָסקווע!

X

מאמעדאָוו איַינגעפראוועט אין שינעל האָט אומגעיַילט
אפּ יעדן פאל זיַין נאָמען און פאמיליע;
געכאפּט גוראריען מיטן בליק א יעדער וויַיל
און צווישן איינס און צוויי א פרעג געגעבן שטיל אים:
— און ווי האָסטו דיַין נאָמען און פאמיליע באשטאַט,
צום ראנד אינגיכן זיך אוועקלאָזן מע וועט דאָך?
— אינערגעץ ניט!.. — פארוואָס? — אזוי זיך, גלאט!
ניטאָ ווער פרעגן ס'זאָל אפּ מיר, מאמעדאָוו!..
— אָבער א היים... אזוי ווי אן אאול, א פראָסטע היים,
איז האָסטו פאר געווים, גוראריע, דאָך ווי יעדער?!..
— נו, יאָ!.. — האָט זיך גוראריע שטיל געטאָן א דריי, —
נאָר מער זיַינען בא מיר קיין אייגענע ניטאָ, מאמעדאָוו!.. —
מאמעדאָוו האָט א טראכט געטאָן און זיך דערמאנט:
פון „יענער וועלט" האָט וועגן אים געזאָגט סאדאָווסקי...
און אפּן אקסל אים ארופגעלייגט די האנט:
— און מאָסקווע?! ס'פרעגט אפּ יעטווידן סאָלדאט דאָך מאָסקווע!

XI

אראָפּגעלאָזט גוראריע האָט די אויגן צו דער ערד,
געשעמט זיך פאר די רייד פאר די פארשטענדלעכע און פראָכטע:
— געדעכט דו ביסט, מאמעדאָוו, ווי די וועלט געדעכט,
נאָר פר'יר פאר אלץ באוואָרענען באדארף מען מאָסקווע! —
און זיך פארעדט: — א קאלע האָסטו?! — כ'האָב! מיַין מאמלאקאט, —
האָבן די אויגן בא מאמעדאָוון געטאָן א קלעטער, —
און דו? — האָט ער א גליקלעכער געפרעגט. — איך האָב געהאט...
— געהאט? — געהאט!.. געבליבן איז זי אין דער געטאָ!
— וואָס הייסט עס „געטאָ", הא? ס'איז דען אזא מין לאנד?
כ'האָב ניט געהערט... ס'איז עפּעס וויַיט פונדאנען? —
גוראריע האָט געקוקט מאמעדאָוון אין פּאָנעם לאנג:
— דאָס איז די גרוב, פון וועלכער איך בין אופגעשטאנען!.. —
און מער האָט שוין מאמעדאָוו ניט געפרעגט,
און מער האָט שוין גוראריע ניט געענטפערט.
צום ראנד צום פּאָדערשטן — דעם גאנצן וועג
געהאלטן האָבן זיי זיך איינס לעם צווייטן נע'נטער...

7. מאטאָנעס

I

ווי גיט מען עס אָוואדיסן צו וויסן וועגן זיך? —
האָט זיך געריסן דער פארוווּנדעטער סאדאָווסקי.
די וווּנד האָט זיך אליין גענומען אים פארהיילן גיך
בלויז פון דער אופרעגונג און פרייד, וואָס ער איז אויך אין מאָסקווע.
ניט צוגעמאכט קיין אויג די דריטע נאכט.
מאכשאָוועס אלערליי. און זען זיך מיט אָוואדיסן ער קאָן ניט.
ער איז אין מאָסקווע... ווי אהיים מ׳וואָלט אים געבראכט,
און זען ער קאָן זיך ניט מיט זײַן וואסיאָנען,
און ס׳קאָן צו אים ניט צוקומען זײַן וואָראָביי,
און אָפּנעמען פון זיי ער קאָן קיין גרוס ניט.
אונטער די פענצטער פון שפּיטאָל געלעגן איז א שניי,
ווי א באנדאזש א ווײַסער איבער רוסלאנד.
און ווי געצונדענע, ווי וואקסן־געלע ליכט,
געשטאנען זײַנען סאָסנעס אין דער הייך פארמאָסטן.
ווי גיט מען עס אָוואדיסן צו וויסן וועגן זיך? —
האָט ניט קיין אָרט געקאָנט געפינען זיך סאדאָווסקי.

II

געצויגן לאנג האָט זיך פאר אים דער טאָג,
א יעדער שאָ געלייגט האָט זיך מיט אזא ווײַטן טרויער;
ער האָט געפילט אין דער גערדריקטער שטילקייט פון שפּיטאָל
דעם אומרו, וואָס ארום דער הויפּט־שטאָט הויערט.
פון בעט צו בעט דערגאנגען איז ווי אן אָפּקלאנג בלויז
דורך ווייכע טריט אין שאָטנדיקע שמאָלע קאָרידאָרן:
מע פירט א טייל פארוווּנדעטע ארויס.
און בליקן האָבן זיך בא אלעמען געטאָן א טאָרע...
מע פרוווט זיך איינס דעם צווייטן געבן א פארעד
איבער דער שאָטנדיקער שטילקייט פון פאלאטע.
עס איז ניט ניכע קײנעם ניט דאָס זויבערע, דאָס קלאָרע בעט,
די פרישע אויסגעפרעסטקייט פון א יעדער לאטע.
ס׳הינקט איינער צו דער מאפּע צו, שטעלט אָפּ באדאכט דעם טראָט,
דעם בליק... און ווענדט אים אָפּ, — וואָס נאָך באדארף ער טאָן איצט.
מע הערט, דאכט זיך, די ארטילעריע אין שטאָט.
און אין שפּיטאָל מע קומט מיט הארציקע מאטאָנעס.

III

א קעלט זיכ שפרייט פונ ניקלנעמ פאָלירטנ גלאנצ,
אינ אימ פארווונדעטע זיכ שפיגלענ אומעטומ דאָ.
ס'איז אפנ ווײַסנ סערוועטל געלעגנ א מאראנצ
נעבנ סאדאָווסקיס בעט אפ דער פארזאָרגטער טומבע.
א ריס געטאָנ זײַנ בליק. געפלעט אימ גלײַכ.
אונ א געמיטלעכקײַט זיכ אויסגעשפרייט האָט אפ זײַנ גומענ.
ס'איז פלוצעמ, אומפארשטענדלעכ אימ געוואָרנ אזוי לײַכט,
ער האָט אינ גאָלדענע דערמאָנט זיכ גערטנער פונ באטומי.
די דאָרעמדיקע פראכט האָט מיטנ רייעכ אימ געפלעט
אונ זיכ א ריס ארײַנגעטאָנ אינ שניי בא זײַנ צוקאָפּנס;
— ס'איז עטוואָס בלאסער דער אָראנזש,— האָט ער געטאָנ א גלעט
דעמ לעבעדיקנ גרוס פונ לײַבלעכער סובטראָפּיק.
ס'האָט אפ א ווײַלע זיכ אינ אימ געגעבנ א צעפלאנצ
די זיסע וועלט פונ פרוכטנ זוניקע אונ קרײַטער.
ער האָט אימ לאנגזאמ אופגעהויבנ, דעמ מאראנצ,
געקוקט אפ אימ אונ אָפּגערוקט פונ זיכ אימ ווײַטער.

IV

די קאָלדרע ראש איבערנ קאָפּ געטאָנ א צי,
זיכ אויסגעדרייט צו דער מאטאָנע מיט דער פלייצע;
באשערט איז אימ אינ מאָסקווע זײַנ פארווונדעט פונקט אצינד, —
געגעסנ האָט ער לעבעדיקערהייט זיכ.
געלעגנ א פארווונדעטער איז קעגניבער אָנ א פוס,
מיט אנ ארומגעהאקטער קני, זיכ אויסגעטײַנעט א צעהיצטער:
— נו, קיינ טאשקענט! — ער האָט זיכ שוינ גענוי דערוווסט,
אונ דאָרטנ, זאָגט מענ, זײַנענ אוגערקעס פאראנ נאָכ איצטער.
אונ איכ האָב ליב אנ אוגערקע! — האָט צו דער קני ער שטיל גערעדט
אונ זי געדרייט, מע זאָל זי פונדערווײַטנ אָנזענ.
איבערגעקוקט מ'האָט זיכ פונ בעט צו בעט,
אונ בליקנ האָבנ שמייכלענדיק גענומענ בלאָנדזענ.
א לײַכטנ ריר געטאָנ סאדאָווסקי האָט זײַנ ווונד,
אימ האָט געדוכט, ער פילט אינ איר קיינ טראָפּנ וויי מער.
אונטערנ פענצטער האָט געבושעוועט א ווינט, פונ ערגעצ-ווו
געהערט האָט זיכ א קרעכצ א טרוקענער פונ ביימער.

V

ער האָט געוווּסט: דער ווידערשטאַנד געשמידט איז פעסט און האַרט,
אין האָרנס פון די פינפיאָרן אָפּ שלאַכט פאַרשפּראָכן.
געגאַנגען איז מאָסקווע אין איר אָפּגעצערטער פּראַכט
באַגרינדן מיט אַ גאַנצן דאָר פון שווערד אירער די כּאָכמע.
און ער — אַן איידעס אַ באַוויליקטער איז ער,
אַן איידעס פון דעם דאָר ער אין דער העכסטער מאָס איז.
דערמאָנען זיך אַצינד איז אים ניט שווער,
ווי יעדער יאָר האָט זיך מיט ליכט אין לאַנד אַרײַנגעגאָסן,
ווי זיך פאַרהאַרטעוועט מיט פרײַהײַט האָט דאָס פאָלק,
ווי ס'האָבן זיך אַנטפּלעקט אין דעם געבענטשטע קוואַלן...
צו וועמען אָפּן ראַנד ניט צוגעגאַנגען ער וואָלט —
איז יעדער אַ באַשטעטיקונג, און איידעס זײַנען אַלע!
ס'האָט פינף און צוואַנציק יאָר אַ ליכט אַזאַ געטריפט,
ס'איז פינף און צוואַנציק יאָר אַ שטאָלץ אַזאַ געוואַקסן,
אַז אָפּפערדיק זאָל הינטער יעדער מאָסקווער ריוו
צוזאַמענשליסן זיך אין ווידערשטאַנד אַן אַקסל מיט אַן אַקסל!

VI

און דאָך האָט אים די שטילקײַט פון שפּיטאָל געדריקט,
געהאַלטן אין געפּאַנגענשאַפט האָט ווייטעקלעך די ווונד אים;
ער האָט זיך אַ פאַרקלערטער צוגעהערט צו ווײַטע טריט
און האָט געוואַרט פון ערגעץ אָפּ אַ וווּנדער...
געשפּרייט האָט זיך אָפּ ווײַט אַ בלויער שניי,
געשטאַנען זײַנען ביימער אײַנגעשלעפערט.
צי וועט אין מאָסקווע דער אָקטיאַבער-יאָמטעוו זײַן צי ניין —
האָט ער מיט אַלע קויכעס זיך באַמיט צו טרעפן.
פאַרבײַ איז נאָך אַ נאַכט, און אָפּגעגאַנגען איז נאָך אַ טאָג,
און אויפגעכאַפּט האָט זיך אַ מונטערער סאַדאָווסקי:
— היי, דו, טאַשקענטער אוגערקע! — האָט ער געטאָן אַ זאָג
צו דעם פאַרווונדעטן, — מע פאָרט אינערגעץ ניט פון מאָסקווע!
אָט האָסטו מײַן מאַראַנץ! מע פאָרט ניט אַזוי גיך, —
האָט ער צום פענצטער זיך געפרוווט אַ לאָז טאָן.
ווי גיט מען נאָר אָוואַדיסן צו וויסן וועגן זיך? —
ניט אײַנליגן האָט אָפּ קיין אָרט געקאָנט סאַדאָווסקי.

VII

אינערגעצ ניט געקאָנט האָט ער געפינענ. זיכ קיינ רו,
אינ יעדנ איינציקנ געזוכט אנ אייגענעם, א נאָ׳נטנ,
געקלאמערט זיכ אינ דעם פארנעפלטנ ארום
דורכ גרוסנ אלערליי, וואָס גייענ פונ די פראָנטנ.
אונ דאָכ איז ניט דערגאנ צו אים דאָס סאמע מינדסט
פונ דעם, וואָס האָט געמוטיקט אינ דער העכסטער מאָס אים,
אז די סאָלדאטנ זײַנע האָבנ בא דער שטאָט נאראָפאָמינסק
זיכ אינ אנ אונטערמאָסקוועדיקנ טייל ארײַנגעגאָסנ
אונ נעמענ אָנטייל אינ די שלאכטנ האנט בא האנט
מיט דער געשיכטע אונטער מאָסקווע,
ווו ס׳ווערט געלייזט דער גורל פונ דעם לאנד —
אפ לעבנ אונ אפ טויט, ווי קיינמאָל ניט פארמאָסטנ.
ער האָט געקוקט אפ יעדנ אָנגעקומענעם אזוי,
מיט שולד פאר רו געצווונגענער אונ לאנגער —
אונ ענדלעכ האָט ער זיכ א ריס געטאָנ, ווי פונ א צוים:
צי קלײַבט מענ זיכ נאָכ לאנג אים האלטנ דאָ געפאנגענ?

8. מאָסקווער זאָאָפארק

I

אָוואדיס אָפגעזעסנ איז א גאנצע נאכט
אינעם גערדרענג פונ רוישיקנ וואָקזאל פונעם קאזאנער.
„עס זאָל שוינ אמאָל ווערנ טאָג!” — האָט ער געטראכט,
ווי בא א גוטנ פערד האָט יעדער ווײַל א מאָנ געטאָנ דער שפאנ אים.
אונ, ענדלעכ, אינ אנ אויסגעהוילט-נאָיאבערדיקנ אינדערפרי,
האָט איבער מאָסקווער גאסנ ער א לאָז געטאָנ זיכ.
קיינ שפור פונ שניי. די זונ איז מיט פארשפעטיקונג נאָכ הי,
אפ הויכע ווענט א מילדע שײַנ נאָכ בלאָנדושעט,
ס׳פארלעגערט גרינס, האָט זיכ גערדאכט, איז נאָכ געדיכט,
האגאמ דער זומער האָט געסארפעט אזא הייסער.
אינ האלב-פארנעפלטער פרימאָרגעדיקער ליכט
האָט אויסגעזענ פונ ווײַט דער קרעמל, ווי א קרייסער.
אָוואדיס האָט באוווּנדערט דעם קאיאָר אונ זיכ געקוויקט,
געלעגנ דער באגינ איז אפ דער הויפט-שטאָט ווי א פאנצער.
דערמאָנט האָט ער זיכ, גייענדיק, די ערשטע טעג פונ קריג,
דעם ערשטנ אופברויז האָט ער, גייענדיק, דערמאנט זיכ.

II

געשפּרייט האָט זיך אין זאָרג אַ האַרבסטיקע, אַ סומנע פּראַכט
מיט רייעך בלאָנדזשענדיק פון נאַקעטקייט און וויאַנען.
וואַדים האָט באַמערקט, — ער איז פאַרגאַן צום זאָאָפּאַרק.
אַ שווינדל דורך שטאַכעטן אים געטאָן האָבן די שוואַנען.
ס׳האָט ווייַסקייט שנייִיקע געגעבן אים אַ שנייַד,
געווען אַרום זיי איז מאָדנע העל און ליכטיק;
די שלאַנקע העלדזער ער באַוווּנדערט האָט פונסנייַ,
און מאַלכעסדיקע רו האָט ער דורך זיי דערשפּירט דאָ.
ס׳איז אַזוי אומגעריכט געווען און אומדערוואַרט
אין דער מילכאָמעדיקער מאָסקווע מיטאַמאָל דערזען זיי,
ווי ס׳וואָלט די אַלטע הויפּט־שטאָט פאַר דער שלאַכט
אַ האַלדזבאַנד אָנגעטאָן פון ווייַסע פּערנדזן.
און אויסגעזען זיי האָבן דאָרט, ווי וואָזעס שניי
אויף שנורן זילבערנע, אַראָפּגעלאָזטע,
און פון די פּיסקלעך, ווי פון טריוואַקסענע שטעמפּלען, האָט מיט ווייַ
געוויַיט דער האַרבסט דער אומגעוויינלעכער אין מאָסקווע.

III

נאָיאַבערדיקע שייַן זיך דורכגעזיפּט האָט קאַרג
און אויסגערונען — אומבאַמערקט דורכוואַנען.
אין דעם פאַרכמורעטן באַסיין פון זאָאָפּאַרק
געזעסן אומבאַוועגט, פאַרקלערט זייַנען די שוואַנען.
פאַריסן יעדער ווייַלע האָבן זיי די קעפּ
אויף שלאַנקע העלדזער צו דעם הילך פון די זעניטקעס;
געגאַנגען אין דער הייך איז אַ געשטעפּ
דורך מיַילער פון האַרמאַטן אויפגערופענע, צעבליטע...
אין הימל אויפגעבליצט האָט יעדער ווייַל אַן אַנדער זוים,
אַ יעדער בליץ געהאַט האָט עפּעס אייַליק צו דערמאַנען.
געווען איז שטיל אין זאָאָפּאַרק אַזוי,
גלייַך שטערן ניט געוואָלט האָט קיינער די מאַכשאָוועס פון די שוואַנען.
און אייניקע, מיט העלדזער אויסגעבייגלט רונד,
האָבן די קעפּ אין וואַסער טרויעריק אַראָפּגעלאָזט דאָרט,
פּונקט ווי געווירדע ווערן וואָלטן זיי באַדאַרפט באַם גרונט:
וואָס־קומט עס פאָר אין הימל איבער מאָסקווע?

IV

איבערגערופֿן האָט אין וואַרטעניש א גאַס זיך מיט א גאַס,
קיין ווונד קיין איינציקע אַף זיי איז ניט געבליבן אָפֿן.
דעם זאָאָפּאַרק האָט אויך א יענע נאַכט געטראָפֿן א פּוגאַס,
ווען אין וואָליערן זײַנען כײַעס אומגעשטערט געשלאָפֿן.
דערמאָנט האָט עפּשער דאַן זיך יעדערער פֿון זיי
אין זייער אור-געבירטיק היימלאַנד, אין די דזשונגלען,
ווען ס׳פּלעגט דער פֿײַנט דער דונער טאָן זיי א צעזיי
און איינס אַף צווייטן זיי געיאָגט מיט אופֿגעשפּאַרטע שלונגען.
עס זײַנען אַף די טויערן אין וואַך געשטאַנען אין דער הייך
די אויסגעקלעפּטע שטאַלטנע גיפּסענע קאָזוליעס
און ניט געזען, ווי ס׳שפּרייט פֿון צווישן ביימער זיך א רויך
און ווי א פֿײַער, זעצנדיק, איבער אלייען הוליעט.
געווען זיי זײַנען בלאַס, נאָר ניט געהערט
מיט אופֿגעשטעלטע אויערן מיט גיפּסענע און טויבע,
ווי ס׳האָט דער העלפֿאַנד זיך א זעץ געטאָן אַף דר׳ערד,
דעם כאָבאָט ס׳לעצטע מאָל אין קראַמפּ פֿאַרהויבן...

V

דערברענט האָט פֿון באַנאַכט אין זאָאָפּאַרק
די ווינטערדיקע וווינונג פֿון די בערן;
בישכײַנעס, ערגעץ אומעטיק, פֿאַרשפּאַרט
געזעסן זײַנען זיי — ניסראָפּים אומבאַוועגלעכע און שווערע.
ס׳האָט איינער זיי געפֿעלט. ס׳איז זיי געווען צו גראָם.
און זייער היים האָט זיך געפּאַסעוועט אין פֿײַער.
און אין דעם פֿייגל-פּאַוויליאָן, צעטומלט, בעקאָל-ראָם
געווען זײַנען אויסער זיך די פּאָפּוגײַען.
באַהאַלטן האָבן זיך אין שרעק די כײַעס מיט געברום,
אַף זיי האָט נאָך דער אופֿרײַס-הילך געהויערט;
זיי האָבן אים געזוכט און אָנגעשמעקט ארום,
דערשראָקענע, די מאָרדעס וויגנדיק אין טרויער.
די עלטסטע בלויז פֿון זאָאָפּאַרק, די העלפֿאַנדיכע — איין אליין
מיט דער צעקנייטשטער דעמבן-פֿעל, פּונקט ווי געקרעמפּט מיט רייפֿן,
האָט אײַנגעטונקען יעדער ווײַל דעם כאָבאָט אין באַסיין
און מיט די פֿײַערלעשערס גלײַך געלאָשן דאָרט די סרייפֿע.

VI

אָוואדיסן געוואָרן איז אינגאנצן קלאָר,
אז ס׳איז באנאכט געווען אן אָרדנטלעכער אָנפּלי.
געהאט האָט ער סימאָנים נאָך א פּאָר:
א הויז אן אָפּגעצוימטס און גלאָז באַם טראָטואר צעוואָרפן.
ער האָט, ניט וויסנדיק אַליין צו וואָס,
די אויגן, זשמורענדיק, צום הימל אופגעהויבן,
און א געפלעכט פון פאסיקלעך פאפיר אין שטרענגער מאָס
א שווינדל האָט צו אים געגעבן פון די שויבן.
ער האָט שוין אויך געוווּסט, אז א פוגאס
האָט דעם האמוין אין ריי נאָך ברויט געטראָפן...
אן אויסגעגעסענע וואָראָנקע אַף דער גאס,
א ליידיק קוישל, ווי א מויל ווי א צעבלוטיקטס אָפן...
„דאָ זעט עס ערגער אויס, ווי אפן פראָנט, —
געטאָן אָוואדיס האָט א קלער, — ס׳א סימען,
אז ער, דער דײַטש, ווײַזט אויס, איז טאקע גאָר שוין נאָ׳נט,
ווײַבאלד ער הענגט אזוי-אָ פרעך איבער דער שטאָט אין הימל...״

9. נאָך ברויט

I

צעשטרייט האָט זיך געלאָזט אָוואדיס ווײַטער גיין,
די לופט, ווי לײַב פון א געליבטער, אײַנגעאָטעמט;
ער גייט און גלייבט זיך עפעס ניט אַליין,
צי ווירקלעך איבער מאָסקווע טראָגט זײַן טראָט אים.
אים גלייבט זיך ניט, אז באלד וועט ער אין שטוב ארײַן,
ס׳קויפט איין מינוט איצט אויס אים שווערע פיר כאדאָשים.
נו, וועט ער עס א גאסט אן אָנגעלייגטער זײַן.
אָט איז זײַן גאס. און זײַניקע? ער זעט זיי, דאכט זיך, דאָ שוין!..
זיי שלאָפן נאָך געוויס. אָט גיט ער שטיל א וועק זיי אוף.
עס לויפט אים אויס דאָס הארץ, און ס׳איז אים אזוי ווארעם.
ער זעט, ווי אָלגע גיט אַף אים א פאַל ארוף,
ווי ס׳פליט אים אַף די הענט ארוף זײַן קליינינקע טאמארע.
און קיינער רעדט ניט אויס קיין איינציק וואָרט,
און גאָרניט הייסט אים אָלגע ניט דערציילן.
— פון דער ארומרינגלונג? — ווערן די אויגן בא איר גרויס, —
זי האָט געגלייבט! כאָטש ווער־ניט־ווער געשטעלט האָט שוין א ציילעם!..

II

מיט ברעטער-בראָך און זעקלעך זאמד
זײַנען די הײַזער בא די גרונטפעסטן ארומגעוויקלט.
ער וואָלט בא יעדער הויז זיך אָפּגעשטעלט און זיך פארזאמט,
נאָר ס'האָט די מידקײַט שוין געטאָן א וויג אים.
זײַן בליק פארכאפּט פונסנײַ א כאָרעוו הויז:
ווארט אויס! ס'איז אים ניט שווער עס צו דערקאָנען!..
דער הימל קוקט דורך פענצטער ליידיקע ארויס,
און ווי א פויגל-שטײַג דאָרט הענגט זיך א באלקאָן נאָך.
דער דאך האָט פארן הימל זיך געגעבן א צעפּראל,
און רעלסן דראָען אָפּגעשונדענע, פארזשאווערט;
געמיטן האָט ער שוין דעם קיִעווער וואָקזאל,
אָט איז שוין באלד די דראגאָמילאָווער זאסטאווע.
אנטקעגן זײַנען אָנגעקומענע פאסטעכער מיט פּי,
ארויסגעפירט פון דערפער פון פארלאָזטע.
אָוואדיס האָט א פרעג געטאָן: — וווהין?
— קיין מאָסקווע! — דורכגעברומט אן ענטפער האָט, — קיין מאָסקווע!

III

— קיין מאָסקווע ברענגען ווערן מיר אצינדערט זיי.
און דאָרטן — ווי מע וועט באשטיין, אזוי וועט בלײַבן! —
געקוקט אף פאסטעכער אָוואדיס האָט מיט ווײ,
געבראָטן און געברענט א ווייטעק האָט דאָס לײַב אים.
און איינער האָט פאריבלדיק א קוק געטאָן אף אים,
א שפּײַ מיט זאמד געגעבן אפן ווינט דאָרט:
— וואָלסט גלײַכער בא דעם דײַטש א פרעג געטאָן „וווהין?",
ניט בא די פאסטעכער. ניט בא די שאָף און רינדער... —
ער האָט א טײַט געטאָן צום הימל מיט דער רוט: —
פון דאָרט באגלייט האָט דעם מארשרוט
א טשאַטע שווארצע יונקערסדיקע יעגער,
געשמיסן אונדז מיט פײַער און מיט דונערס אונטערוועגנס.
און מיטאמאָל האָט זיך דער הורט געגעבן א צעזיי
מיט ווײדלען אופגעהויבענע און קעפּ פארהאקטע,
און ווי נ'א צעבער בלוט, מיט קראמפּנדיקן ווײ
זיך ווארפנדיק, געבליבן איינע אפן טראקט איז...

IV

„וואָלסט גלײַכער בא דעם דײַטש א פרעג געטאָן וווהינ?" —
ניט אָפּגעלאָזט אָוואדיסן האָבן דעם פּאסטעכס רייד די פּראָסטע.
צונויפגעזאמלט האָט פונסנײַ איניינעם זיך דאָס פּי
און פאָרגעזעצט דעם אומגעוויינלעכן שפּאציר קיין מאָסקווע.
ערשט איצט האָט ער אף קרייצ-פּונקטן באמערקט
צעשטעלטע רייען קעגנטאנקעווע באריערן.
זיי האָבן אפן הארץ געלייגט זיך שטייניק-שווער,
גענומען שווינדלען פאר די אויגן און זיך מערן.
א שמעק געטאָן די ווײַט האָט מיט געהיים,
מיט אומעט און מיט אומבאשטימטן גוירל.
ער האָט א ווײַלינקע פארגעסן אין דער היים,
די טשערעדע מיט פּי פון בליק פארלוירן.
אף דער צעשפּרייטער מאגיסטראל א שפּאן געטאָן ער האָט
און גלאט אזוי זיך, אפן אויג, זי אָפּגעמאָסטן:
ניט אויסגעשלאָסן איז א שלאכט אינמיטן שטאָט,
א שלאכט פאר יעדער שטוב אין מאָסקווע!..

V

זײַן שטוב געווען איז שוין ניט ווײַט,
די גאס האָט גאסטפרײַנטלעך זיך שטיל צו אים געצויגן, —
נאָר אומבאמערקט האָט ער געלאָזט זיך אין אַן אנדער זײַט,
די טשערעדע, די פּאסטעכער באגלייטנד מיט די אויגן,
און זיך געכאפּט: עס קאָן אזוי ניט קלעקן אים דער טאָג,
אויב אָפּשטעלן זיך אומעטום, אין א געשפּרעך מיט יעדן זיך פארטרויען.
און גלײַך צוריק געגעבן זיך א טראָג,
און א צעטומלטער דערזען זיך בא זײַן טויער:
אָט באלד וועט ארום אים זיך טאָן א נעם צונויף
זײַן אופגעוועקטע, פונעם שלאָף צעטאָרעטע מישפּאָכע!
נאָר עפּעס שטיל אזוי, פרימאָרגעדיק אין הויף,
די שטוב — פארמאכט. די פענצטער — אופ. א ווינטל. א געפּאָכע...
א שווייס איז זיך אדורך איבער זײַן הויט,
גלײַך ווי א פרעמדער האָט ער אומזיכער גענומען שפּרײַזן
און זיך דערוווסט: אין דיי אוועקגעגאנגען מ׳איז נאָך ברויט,
ווײַזט אויס, אף לאנג. איז צולויפן אין נארקאָמאט וועט ער באווײַזן...

VI

און ווי ער גייט און שטייט — זיך אפּדאָסנײַ אינ שטאָט געלאָזט,
אוועק אינ נארקאָמאט מיט אומגעדולד אנ אָנגעגורטער,
און דאָרט איז דאָס געשפּרעך געווענ קורץ און פּראָסט:
— אָוואדיס, לעבסט? נו, ענדלעך, אָפּגעזוכט דיך!.. —
עס האָט אים דער דעזשורנער זאמ* דערקענט
און אים א נעמ געגעבנ פאר דער אָפּגעבליאקעוועטער פּלייצע.
ער האָט געזוכט א וואָרט און א צעפּיר געטאָנ די הענט: —
אינ דער ארומרינגלונג א ביסעלע געדרייט זיך?!
איז זיצ! — האָט ער צוערשט געווענדעט זיך אפּ „דו",
דערנאָך געזאָגט שוינ ווידער „איר" אים,
א ווײַז געגעבנ מיט די אויגנ אפּ א שטול:
— איר פאָרט נאָך הײַנט אוועק!.. עס זײַנענ גרייט שוינ די פּאפּירנ.
ס'איז דער זאוואָד דער ענ'ער שוינ אינ וועג,
איר וועט אים אָניאָגנ, — האָט ער געקוקט אפּ אים אָנ אופהער.
— און שלאָפנ? — האָט אָוואדיס שטיל געטאָנ א פרעג.
— ניט שלאָפנ האָבנ מיר אײַך, טײַערער, ארויסגערופנ!

VII

ער האָט אליינ געהאלטנ קוימ זיך אפּ די פיס,
ווי ער וואָלט אָפּגעגאנ, ווער ווייסט, ס'ארא מעהאלעך.
און ס'האָט אָוואדיס שוינ געשמוכט: — געוויס, געוויס...
ווענ גייט אוועק דער צוג? — דאָס וועט שוינ זאָגנ דער וואָקזאל אײַך!
איר פאָרט, אָוואדיס, הײַנט ארויס אפּנ אוראָל, —
אינ דרײַ מאָנאטנ צײַט ארומ וועט איר אונדז געבנ טאנקענ!
פארשטענדלעך, הא? מײַנ טײַערער, אינ קעגנפאל
וועט אונדז דער דײַטש... נו, זיצט! — א דאנק אײַך! —
... פונ אויסשפּיר, — האָט אָוואדיס זיך דערמאנט, —
פלעגט ער אזוי זיך אומקערנ און גלײַך אוועקגיינ.
עס האָט דער זאמ אים אויסגעשטרעקט די האנט,
אימ עפּעס אָנגעזאָגט מיט איר און ניט זיך בלויז געזעגנט:
— איר ווערט, אָוואדיס, דאָך ניט אויס סאָלדאט,
איר גייט נאָר אפּ אנ אנדער פראָנט אריבער. —
אָוואדיס האָט קיינ צײַט אפילע ניט געהאט
צו האָבנ כאָטש דעמ מינדעסטנ פאריבל...

VIII

צי וועט אים קלעקן צײַט אהיים זיך צוכאפּן אצינד?
אין באָד א לויף טאָן כאָטש, ביז ס׳וועט דער צוג אוועקגיין?
מיט אַלגעג אויסרעדן א וואָרט, א קוק טאָן אפן קינד,
ארומנעמען זיי... עפּעס זיך פאנאנדערפרעגן...
אָוואדיס איז שוין לאנג אזוי צעטומלט ניט געווען:
אוועקפאָרן נאָך הײַנט! ס׳איז עפּעס אלץ אזוי דאָ צעפּאַלאָכעט!
ער הייבט ניט אָן צו וויסן, וואָס אונ ווען
און וויִאזוי וועט זײַן מיט זײַן מישפּאָכע?!
„געשלאָגן האָט איר זיך, אָוואדיס, גוט,
ווי שלאָגן דארף אן אינזשעניער זיך, א קאָנסטרוקטאָר,—
האָט אים דער זאמ געמונטערט, — נו, א גליקלעכן מארשרוט!”
און פונדאָסניי אים נאָך ארומגעקוקט דאָרט,
און ערגעץ אין געדאנק אין מידן נאָך געטאָן א שווים
נאָך אים, ווען בא דער טיר איז שוין געווען ער,
און נאָכגעלאָפן מיטן בליק: — „אזא, ווי אים,
איז פונקט געווען צו דער מאָס די אָפּאָלטשעניע!..”

10. אָפענע פענצטער

I

פארשריבענע מיט ליבער האנטשריפט, זײַט נאָך זײַט,
די מאָסקווער גאסן בלעטערן זיך איבער.
אָוואדיס לייענט אלע זיי אפ אויסווייניק פון ווײַט,
ווי לידער פון זײַן יוגנט — הארציקע און ליבע.
מיט פאָרכטיקײַט ער קוקט אין רויטן פלאץ זיך אײַן,
ער גייט אים שטענדיק דורך א צ׳ריקגעהאלטענער, א שטילער;
מיט שטרענגער, ווונדערלעכער טעמפּל-שײַן
גיט שטענדיק פײַערלעך דאָרט א פארהיל אים...
דער פושקין-פלאצ גיט פאר זײַן בליק א שווים ארופ
מיט בלומען העל, ווי א קרישטאָלענע, א קלינגענדיקע וואזע;
פון דאָרטן קאָן אים יעדער בוים שוין טאָן א רופ.
נאָר ער פארגינט זיך איצט אפילע ניט די גאס זען...
פארשריבענע מיט ליבער האנטשריפט, זײַט נאָך זײַט,
געלײַטערטע זיי בלעטערן זיך איבער;
אָוואדיס האָט בארעכנט—וויפל צײַט
איז אומגעפער אים ביזן צוג דאָ נאָך געבליבן...

II

ניט מער ווי זיבעטהאלבנ שאָ ער האָט, —
א זאָג געטאָנ זיכ האָט ער אפנ גאנצנ קאָל דאָרט.
די באָד אליינ איז גוטע צוויי-דריַ שאָ. א שאָד!
מע וועט עס מאכנ אינ דער היימ. אונ נאָכ א ביסל צײַט פאר אָלגעמ!
ער איז אהיימ אפ דראגאָמילאָווער שאָסיי אוועק
אונ ווי א שיקערער פונ מידקײַט זיכ גענומענ וואקלענ.
כאָטש אָפּראזירנ זיכ פונ וועג, —
האָט ער א טאפּ געטאָנ די שטעכעדיקע באקנ.
אנ אויגנבליק — אינ א פריזירער-זאל איז ער אריַנ.
ס'איז קיינער ניט געוועזנ א פרעג געבנ „נאָכ וועמענ?”,
צעלייגט זיכ אינ א שטול, אונ לאָזנדיק די אייוורימ זײַנע פריַ,
אונטערנ זינגענדיקנ גאָל-מעסער פארזונקענ אינ א דרעמל.
ז'ימ אופגעוועקט די מײַסטערנ האָט זייער שטיל:
— איר זײַט, ווײַזט אויס, פונ לאנג שוינ ניט געשלאָפנ!.. —
אָוואדיס האָט זיכ פרישער, מונטערער דערפילט
אונ איר געענטפערט שמייכלענדיק: — נו יאָ, איר האָט געטראָפנ!

III

— וואָס הערט זיכ עפּעס אפנ פראָנט?
איר קומט געוויס דאָכ גלײַכ פונ דאָרטנ? —
האָט זי געשפּריצט אפ אימ אָדעקאָלאָנ
אונ אופגעהאלטנ מיט א וואָרט אימ.
זי האָט געוואָלט, כאָטשיעכ זײַנ זאָל דער סאָלדאט,
אז ס'וועט דער דײַטש דאָ ברעכנ האלדז-אונ-נאקנ,
אינ פודער אײַנגעטונקט א שטיקל וואט,
זיכ לײַכט אדורכגעשוועבט אפ זײַנע באקנ:
— די לעצטע טעג איז זעלטנ א קליענט,
אָקאָפּעס גראָבנ איז די שטאָט אוועקגעגאנ די גאנצע.
אָט זעט איר דאָ, אינ זאל, אינגאנצנ איינ פּאָר הענט,
אונ אויכ אומזיכט. — האָבנ די אויגנ איר געגעבנ א צעגלאנצ זיכ, —
כ'וואָלט אויכ... נאָר דער סאלאָנ דערלויבט מיר ניט אוועק.
ווײַל טאָמער א וואָיענער... דאָכ... ווי איר אזוינע... —
אונ שוינ אינ א מינוט ארומ מיט פרייד אונ שרעק
ארומראזירט געשטאנענ איז אָוואדיס לעמ זײַנ ווירבונג.

IV

אָט זײַנע זיי, די טײַערע, די ליבע ווענט,
ס׳גיט נאָכ פונ ווײַט אינ זיי דאָס הארצ א ברי זיכ,
עס האָבנ אימ די שכיינימ אפנ הויפ דערקענט,
נאָר צוגיינ ניט געײַלט צו אימ מיט א באגריסונג.
די טיר געווענ איז פונ זײַנ ווינונג אפ א שלאָס,
דאָס פענצטער — ווייערדיק-צעפּאָכעט, אָפנ.
ער האָט געוואַרט. זיכ אומגעדרייט... איז וואָס,
זאָל עפּשער עפּעס האָבנ זיכ געטראָפנ?
איבערנ הויפ מיט אומגעדולד האָט ער ארומגעשפּאנט,
א יעדער ווײַל בא פענצטער אָפענע געטאָנ א שטעל זיכ,
דערזענ: צוויי גאז-מאסקעס — זיי הענגענ אפ דער וואנט
מיט אויגנ גלעזערנע אונ מיט סקעלעט-ארטיקע העלדזער.
א שטיקל טיש. דאָס ווענטל פונ דעמ בעט.
דעמ ביכער-שראנק אונ א צעבראָכנ קינדער-שפּילכל.
ווי האלט דער זייגער? ס׳איז שוינ שפּעט, —
האָבנ אינ שטיינ זיכ אָפּגעקלאפּט די שטיוול זײַנע הילכיק...

V

א טיר איבער א טיר. א קלאפּ. א פרעג:
— צי׳כ קאָנ מענ עפּעס ניט בא שכיינימ זיכ דערוויסנ?
— נאָ, ברויט... אינ אָטשערעד... גאנצפרי אוועק...
זיכ א מקערנ ביז איצט נאָכ ניט באוויזנ...
א קענטלעכער! — האָט זיכ די שכיינע אײַנגעקוקט, —
אנ אייגענער! — די הענט איבער דער ברוסט פארבראָכנ
אונ נעענטער צו אימ געגעבנ זיכ א רוק, —
ס׳איז, גאָט מײַנער, ס׳איז איר! — האָט זי גענומענ אָכענ.
— ס׳איז איכ! — האָט ער צעטומלט אָפּגעכאפּט געשווינד,
א הייסע טרוקנקײַט דערפילט אינ גומענ. —
צי ווייסט איר ניט, ווו איז דאָס קינד?
— דאָס קינד האָט זי מיט זיכ, ווי שטענדיק, מיטגענומענ!.. —
א גיי געטאָנ די גאס האָט פאר זײַנ בליק,
אינ דער וואָראָנקע זיכ דערמאָנט, אונ אינ דעמ בלוט-באשפּריצטנ קוישל.
ער האָט געמאכט צוויי טריט צוריק,
פארשטעלט דעמ וועג האָבנ אימ אומפארשטענדלעכע גערוישנ...

VI

פאַרהאַקט האָט אַף אַ ווײַלע זיך זײַן בליק,
געווישט האָט אומבאַמערקט די שכײַנע זיך די אויגן.
אָט דאָ, ווײַזט אויס, האָט ערשט דער קריג
פאַר אים זיך אָף אַן עמעס אָנגעהויבן...
אָט דאָ אַרײַן איז די מילכאָמע אין זײַן גוף,
צו אים אין האַרץ, און אויסגעריסן, וואָס איר האָט פאַרגלוסט זיך...
ס'איז אַלץ אַרום עפּעס געוואָרן שרעקלעך פול
און אינווייניק, אין אים, אַזאַ מין שווערע פוסטקײַט...
וווּהין גייט מען צום אַלעמערשטן זיך אַ ווענדן?
ווּ ווערט מען עפּעס וואָס געוווירע? און בײַ וועמען?
האָט ער געלאָזט זיך צוריק, ניט זעענדיק די טרעפּ, די ווענט,
ווי אין אַן אָפּגרונט, אַ געקאָוועטער אין קלעמער...
נאָר ס'האָבן זײַנע פיס, געפּענטעטע פון ווײ,
אַנטקעגן פענצטער אָפענעם פונסנײַ געטאָן אַליין אַ שטעל זיך.
אַרויסגעקוקט פון צימער האָבן אַלץ די גאַז־מאַסקעס די צווײ
מיט אויגן גלעזערנע און מיט סקעלעט-אַרטיקע העלדזער.

•

VII

און נאָך אַ קוק, און נאָכאַמאָל דעם קאָפּ אַ דריי,
אַף נאָך עפּעס דערזען — געגאַנגען אין לעבן אים איז.
געוואַרט האָט אַפן טיש אַ האַלבע ניט-דערטרונקענע גלאָז טײ
און אַף אַ טאַבורעט, אין ווינקל, אַ פאַרזאָרגטער פרימוס.
געווען איז שטיל, ווי ס'וואָלט געוואַרט אַ יעדער זאַך,
ס'זאָל זיך אַן עפן טאָן די טיר — און אַ געוויין צעפּענטען!
די שאָטנס, האָט אָוואַדיסן זיך אויסגעדאַכט,
אַ שאָרכע וועלן עפּשער אַף די ווענט טאָן...
דערזען האָט ער דאָס צוגעקליבענע פאַרבעטע בעט,
דעם אַבאַזשור, פאַרוועלקטע קוו־יטן אַף דער סאָפע.
און אין אַ רעמל — אָלגעס מיידלשער פּאָרטרעט,
ווּ זי אַראָפּגענומען איז אין פּראָפיל.
און ס'האָט זיך אים געוואָלט דאָס פענצטער געבן אַ פאַרמאַך,
ווי מע פאַרמאַכט מיט הענט מיט אייגענע דאָס דעקל פון אַ טרונע:
„געשיקט זיך, — האָט ער, לאָזנדיק זיך צ'ריק, געטאָן אַ טראַכט, —
אַז אָלגע... און דאָס קינד... און אַלץ — אַנטרונען?"

11. דײַטשן גרייטן א פאראד

I

דאָס ערשטע מאָל פאר פיר און צוואנציק יאָר
זיך ניט געגרייט האָט מאָסקווע צו איר גרויסן יאָמטעוו.
פארקלאפטע שוי-פענצטער און זעק מיט זאמד און גאָר,
און פון הארמאטן-גאָרגלען א פארטײַעטער געפלאָנטער.
דאָס ערשטע מאָל פאר פיר און צוואנציק יאָר
האָבן די מאָסקווער פלעצער ניט באצירט זיך
פאר פײַערונגען בונטע און שפאצירגענג,
צום יאָמטעוו פון דעם בלענדיקסטן קאיאָר.
דאָס ערשטע מאָל פאר פיר און צוואנציק יאָר
האָבן אף גאסן זיך ניט אופגעשטעלט קיין ארקעס.
און אין דעם לאָקער פון געפאר איז ניט געווען קלאָר,
און ניט געווען איז קלאָר אונטער דעם יונקערסדיקן קארקען:
וועט ער נאָך פאָרקומען, דער פײַערטאָג, צי ניין?
וועלן אין הימל נאָך צעבלײַען זיך אילומינאציעס? —
ווי אויסגעפרעגט וואָלט זיך א יעדער שטיין,
ווי אויסגעפרעגט וואָלט יעדער פלאץ זיך...

II

עס האָבן אכציק דײַטשישע דיוויזיעס געשפארט
מיט קלעמער ריזיקע דורך דרײַ געפלעטע זײַטן,
ווי אף אן אונטערהאלט, דורך טאָג און נאכט,
באַזויפענע מיט אומגליק און מיט שײַטערס.
אן אומצאָליקער הישעריק, באדעקט מיט שטאָל,
ארומגעשמידט מיט רויפן און מיט פלאטן,
געקראָכן א געפאנצערטער איז אף דער שטאָט
מיט טאָרטשענדיקע צײַנקאסטנס מיט שווארצע פון הארמאטן.
און פון בינאָקלען אויסגעקוקט אף רעכטס און לינקס
האָט יעדער איינער זיך א פאלאצל אף ווינטער.
געשטאנען מאָסקווע איז ווי א ניט-צוטריטלעכער ספינקס,
געמאָרדעוועט האָט זיך בערלינ: געשווינדער!
מעסלעסן האָט געדונער פון קאנאָנען זיך געהערט
איבער פארנעפלטע און אויסגעשנייטע ראנדן.
נאָר אופגעשטעלט האָט זיך די אונטערמאָסקוועדיקע ערד,
און אין א בארג האָט יעדער צוטריט זיך פארוואנדלט.

III

ניט מער ווי נאָכ א טאָג, א צווייטער. ער גענע׳נט.
פונ פאָרגעפיל גייט דורכ איבער דער פעל א ציטער.
געביסנ האָבנ בא דעם פיורער זיכ די הענט —
דעם שטריק איבערנ האלדז פונ מאָסקווע א פארצי טאָג.
די הויפט-שטאָט האָט געשווינדלט פארנ בליק,
אונ קעפ האָבנ אינ הינערפלעט געדרייט זיכ,
א שיקער טאָג מע וועט! פארשיקערנ דעם זיג!
אונ איבער גאָר דער ברוסט די קלינגענדיקע קרייצנ
וועט זיי אינ רומ דער פיורער אָנהענגענ אליינ,—
האָבנ זיי היקעדיק פונ שיקערנ געלעכטער זיכ געקוויקלט.
דריַי רוסנ אינ געשפאנ — כּארנ פאראד-אליי,
אונ מיט די קאלעס איבער מאָסקווע — אפ א טראָיקע!
זיי האָבנ זיכ געאיַלט, ס׳האָט קיינ געדולד זיי ניט געקלעקט,
אונ שריַיבנ בריוו קיינ דיַיטשלאנד האָט דערעסנ;
געבעטנ ענטפערנ קיינ מאָסקווע זיכ דירעקט,
אונ אָנגעוויזנ פינקטלעכע אדרעסנ.

IV

אזויפיל לענדער, ערד אונ שטעט,
פארטרונקענע אינ בלוט, האָבנ אינ וועלט אינ גאָרער זיי געהערט שוינ!
געגאנ איז א צעיושעט-שיקערלעכ גערעט:
ווער וועט א טליִע אפנ רויטנ פלאצ פארפעסטיקנ דער ערשטער?
ווער וועט דער ערשטער אויסקאווּטשענ „היַיל!“,
ווענ ס׳וועט די פריַיהייט אפ א קאָפּ דאָרט ווערנ קירצער?
נאָר יעדער אויגנבליק אונ יעדער וויַיל
געוואָרפנ אפ אנ אנדער וואָגשאָל האָט דער גורל, ווי געוויכט, זיכ.
געקרעכצט די ערד האָט אונטער לאסט פונ שטאָל,
מיט גרילצ געמאָרדעוועט אפ איר זיכ האָבנ פאנצערס.
ווּ ס׳איז געווענ א בארג — האָט זיכ צעלייגט א טאָל,
אונ ווּ א טאָל — געהויבנ האָט א וואנט זיכ.
ס׳האָט אפנ זייגער קלאָפּס שוינ אויכ די שאָ געציילט,
זיכ אינ הוליאשטשינעס אינ ווילדע שוינ געשמאָלצנ,
אונ שיקער אָנגעיאָגט א טייל האָט נאָכ א טייל,
מיט שפּיַיז-קארטנ פארגרייט צום מאָסקווער מאָלציַיט.

V

מיט א פאראָרדענונג אין קאָפּ, ווי אין א קעסטל א פארקלאָפּטס,
איבערן וועג פון רויב און גזילעדיקן צויבער,
איז אין א שטאב-מאשין אפ מאָסקווער פראָנט געפאָרן קלאָפּס.
פאר דינסט דעם רײַכֿ האָט ער באקומען א דערהייבונג.
בא אים איז אלץ פאָרויסגעזען ביז צו דעם מינדסטן פראט,
און פראט צו פראט געפאסט איז שרויפיק.
געשווינדלט פאר זײַן בליק האָט בלענדיק דער פאראד —
ער האָט שוין דאָ געהערשט אפ יעדער גאס און פלאץ און הריפל!
„אין גרונט די געטאָ איז, — האָט ער געטראכט, —
ניט זײַן מאסשטאב געווען פון סאמע אָנהייב;
דאָס מאזל אפ געוויס אין מאָסקווע אפ איםווארט,
ער וועט אין מאָסקווע אלץ דערנעמען און דערמאָנען"...
עס האָט אים נאָר די לאנגזאמקײַט געקוועלט,
געריסן האָט ער זיך די הענט שוין א צעפיר טאָג.
אָט איצט וועט אין זײַן גאנצער גרייס דערזעען אים די וועלט!
א קליינע פאוזע? ניט וויכטיק!

VI

— א פאוזע! — גיט קלאָפּס א קיל זיך אָפּ, —
אן אויספרווו! באם פינאל! ס'קאָן גאָרניט שוין געשען דאָ!
ווו זײַנען זיי, די זיסע טעג פון גראָנאָטאָפּ!?
גערמאניע, קרעשטשענדאָ!..
ס'פארטראָגט קיין פאוזעס ניט קלאָפּס.
פאר אלע דרײַ יאָר קריג האָט אים דער טעמפּ באפליגלט;
א פעטס, א שמאלציקס און א גראָבס
וועט ברענגען איצט דער אונטערמאָסקוועדיקער זיג אים!
נאָר ס'האָט באשײַמפערלעך געפלאצט ערגעץ דער טעמפּ...
דער שיקזאל האָט א וויג געטאָן זיך — לארגאָ!
נו, יאָ!.. אפ ברייטסטע שטרעקעס ווערט מען אויך פארקלעמט,
די פרײַסטע רוימען קאָנען אויך אמאָל דערווארגן...
אָבער דערווײַל? — לאָזט אים די פאוזע שוין ניט אָפּ, —
וואָס פארא נאכריכטן זאָל ער דעם פיורער אונטערטראָגן:
אָנשטאָט דעם רויטן פלאץ — א גרוב פון גראָנאָטאָפּ?
אָנשטאָט דעם קרעמל — די מינסקער סינאגאָגע?..

12. בינאָקלענ אונטער מאָסקווע

I

א פיבער האָט געמאָרדעוועט דעמ דײַטשנ שטאב.
די רויב געציילט אינ טרוימ. די ווערט אירע געטראָפנ.
מיט אויגנ בלוטיקע די הויפט־שטאָט ראש געטאפט
נאָכ העט פונ ווײַט האָבנ די ווילדע מעטוראָפימ.
געבײַדעס אײַנגעטיילט, מיט האק אונ פאק,
צו לוסט צו בלוטיקער זיי צוגעמאָסטנ:
א וועלכע זײַנ פונ זיי וועט א קאבאק,
א וועלכע זײַנ פונ זיי א שאנדהויז וועט אינ מאָסקווע;
פונ וועלכער וועט געוויינ זיכ טראָגנ אפ דער שטאָט,
בא וועלכע וועלנ פענצטער זיכ מיט שווארצ באדעקנ.
אָקטיאבער־יאָמטעוו צוגעגאנ איז שוינ אָט־אָט,
באגעג'נענ וועלנ זיי מיט ציילעמער אונ העק אימ!
צומ זיבעטנ נאָיאב—צומ יאָמטעוו פונ דער פרײַ —
געגרייט זיכ האָבנ האָפערדיק די האָרדעס
קיינ מאָסקווע אפ די טאנקענ היקעדיק ארײַנ, —
אזוי ז'געווענ פונ פיורער די פאראָרד'נונג.

II

ער האָט אליינ באזוכט דעמ אונטערמאָסקוועדיקנ פראָנט,
אליינ ער, אפנ אויג, די לעצטע שטרעקע האָט געמאָסטנ
אונ אָפגענומענ ראפאָרטנ — ווי נאָ'נט
זיי שטייענ אונטער מאָסקווע.
אינ גאָרגל איז געווענ דעמ פיורער ענג אונ הייס,
דאָכ ביז צו שוימ געריסנ אונ געמאָרדעוועט האָט ער אימ.
ער איז געוועזנ אופגערעגט, אונ שטרענג, אונ בייז,
אונ ניט דערלאָזט קיינ לאנגזאמקײַט אינ קיינ דערקלערונג.
געשטאנענ זײַנע גענעראלנ, ווי א גרינע וואנט,
מיט ראנדנ מיט פארױסענע פונ הויכע הוטנ.
אונ ער האָט דעמ בינאָקל יעדער ווײַל געביטנ אינ דער האנט,
באפאלנ די מאנקאָליע האָט א יעטווידע מינוט אימ:
ס'פארטראָגט דער פיורער ניט קיינ „אומגעפער" —
גענויקײַט, פינקטלעכקײַט ער פאָדערט.
— אינ וויפל שאָ ארומ וועט ס'דײַטשישע געווער
האָבנ דעמ מאָסקווער ווידערשטאנד צעקנאָדערט?

III

די אויגן יעדער ווײַל האָט ער געגעבן א פארגלײַז,
ווי עפּעס אופגעכאפּט ער וואָלט פון דער האשגאָכע:
ס׳טאָר אין טערמין ניט זײַן קיין מינדסטער גרײַז,
ער איז אים אויג-אפ-אויג פון גאָט פארשפּראָכן!
א שטילער שניי האָט זיך געבעט איבערן פעלד,
פון בוים צו בוים איבערגעשפּרונגען זײַנען ראָבן.
דער זיבעטער נאָיאבּ! — האָט זיך געריסן פון באפעל,
ווי שפּיזן האָבן בוכשטאבן זיך גאָטישע געגראָבן.
האָט פּינקטלעך ער אליין געקאָנט דאָך יאָ
פארשפּרעכן און פארזיכערן א דאטע,
אז אין דער גאָרער וועלט אפ טויזנט יאָר
וועט ער די הערשאפט פונעם האקנקרייץ באשטאטן!
געקוקט א גענעראל האָט אפ די רויפן פון א טאנק,
ווי אפ א ציפערבלאט פון זיגן און טריומפן:
— פארווירקלעכט זײַן ס׳וועט רעכט דעם פיורערס דראנג,
ווי שטענדיק — אין טערמין! ווי שטענדיק — רומפול!

IV

גערמאניע האָט געמאָלדן טויזנט יאָר!
דעם זיבעטן נאָיאבּ געמאָלדן האָט גערמאניע!
עס וועט ניט זײַן געענדערט אפ קיין האָר —
האָט יעדער שפּאָר אדורכגעקלונגען דאן אים.
פון רײַכסטאג אָנגעצונדענעם דאָס בלענדיק פײַערווערק
באלויכטן האָט דעם וועג אים פון בערלין ביז סאמע טולע.
אונטערן דאשעק דעם בינאָקל צוגעלייגט האָט ער
א טאפּ טאָן מיטן אויג זײַן רײַפנדיקע גדולע,
און האָט אפ א בעריאָזע דאָרט א שוואלבן-שלאק דערזען,
אפ אים געהאנגען איז צעפּוילט די דרײַעק-הוט פון איספּעראטאָר...
געטראָגן שוואלבן האָבן בלאָטע טומלדיק, מיט ברען,
און ראשיק עס פארקיטעוועט, פארלייגט און עס פארלאטעט,
נאָר מאָסקווע — מאָסקווע זעט אין זײַן בינאָקל דאָך זיך ניט,
פון מאָסקווע ווײַזט זיך ניט קיין מינדסטער שפּור אים...
אים דוכט: לעם שוואלבן-שלאק פונונטן זיצט א בעזשענעץ א ייִד
און ווינקט ארוף: צי וויל ס׳דרײַעקיק הוט ניט אָנמעסטן דער פיורער?

V

מיט כריפ מיט הייזעריקן פילט זיך אָן דעם פיורערס שטים,
און דורך דעם פראָנט דערלאנגט זיך א צעלייג ער:
ס'פארהאלט, צו אלדי טײַוולען, די געשיכטע אים,
ער האָט קיין רעגע ניט קיין צײַט. ווי האלט דער זייגער?
ווער האָט געשיכטע אויסגעטראכט? זי איבערפאָרן מיט א טאנק!
אז ס'איז אין בליצנטעמפּ אצינדערט בלויז דער מאנגל!
א שפּײַ מיט שוים מיט ביטערן האָט ער דערלאנגט,
באפוילן א בינאָקל זיך אן אנדערן דערלאנגען!
און אין בינאָקל פיבערדיק ער קוקט שוין פונדאָסנײַ,
מיט גיר און גיפט דער בליק איז אים פארמיסטיקט,
און ער דערזעט: אן אויסגעבויגענער גייט דורך פארבײַ
דער גאָטזעליקער קאנצלער ביסמארק...
א זייגער א פארצײַטיקן ער טראָגט אין האנט,
עס הערט דער גאנג זיך אפ א ווײַטער שטרעקע,
בא יעדער קלונג שפּרינגט אוף פון אים א הילצערנער קאָמעדיאנט
און לאָזט ארויס א כריפּעדיקן קוקארעקו...

VI

די סוויטע אויסגעצויגן שטייט. ניט זײַן פארהערט
דעם פיורערס אָטעם זאָל. נאָר עפּעס אָטעמט אזוי לאנג ער...
א וואָרפ געטאָן דעם אנדערן בינאָקל אויך אפ דר'ערד,
באפוילן זיך א דריטן האָט דער פיורער גלײַך דערלאנגען.
געיאָגט האָט אים די היץ. ער האָט געפיבערט: קאנצלער, באלד!
ס'איז ניט דער קאנצלער. ס'איז א ייִד. ער כאפּט ארויס די שפּאגע,
נאָר דאָס געשפּענסט זי מיטן בליק פארהאלט:
— וואָס טוט איר דאָ? שוין אויך א מעס? זײַט מויכל פאר דער פראגע!
אין מאָסקווע שנייט. צי זײַט איר ניט קיין באלן, מעס, א שירעם?
צי ווילט איר ניט א ביסל דורכגיין זיך שפּאצירן?
דאָ אײַנעמען די וועלט איז לײַכטער אָן א שיר,
דערבײַ א גארניזאָן אזא, קיינאָרע... טויטערהייט — א צירונג!
איך רעד צו אײַך, ווי מיט א מעס עס רעדט א מעס,
זײַט מויכל, נאָר איר גייט, דאכט זיך, אין מײַן קאפּאָטע...
און ליגן ליגט זי אפ אײַך, פּונקט ווי א קאָמפּרעס —
מײַן שאבעסדיקע... גרינע אליפּאגע... פּאָטער!..

VII

ניט אַנדערש, ווי דעם שנײַ האָט איבער אים געטאָן דער שער א שאָט
און מיט א קאַלטן שווײַס באַדעקט פון פיס ביז קאָפּ אים.
וואָס הײַעט ער? עס צײלט שוין די געשיכטע יעדער שאָ,
און בא זײַן טיר ווי א באַדינערן געבויגן שטײט אײראָפּע.
סאַכאַקל וואָלט ער שוין באַדאַרפט דאָ ענדיקן דעם קריג,
אין יעדן אויגנבליק איז איצט בא אים אזא מין מאַנגל.
נאָר אָפּוועגדן פונעם בינאָקל קאָן ער ניט דעם בליק,
עס קלאַמערט דאָס געשפּענסט אים, ווי מיט צוואַנגען:
— איך ליג דאָ מיט א דײַטשן גענעראַל בישכיינעס אונטער דר׳ערד,
א גענעראַל — א קראָם! צוקאָפּנס — וווּרשטן גאַנצע רײפן,
איר זײַט געוויס א באַלן ס׳האַרץ זיך אונטערלענען, ווי ס׳געהער,
איך מיִעס זיך.. א ייִד... איך עס דאָך ניט קײן טרײפע!..
און וואָס באַלאַנגט די טויזנט יאָר,
איז בלויז מיטן בינאָקל אופגעפרעסן שוין אן אָסיען האָט איר,
נו, וויפל פעלט עס אײַך אַזוינס, סאַכאַקל, נאָך?
א קלײניקײַט!.. ס׳איז בלאָטע!..

VIII

עס ברענט, ווי ספּירט, אין זײַנע אָדערן די צײַט,
ווער ווײסט, וואָס יעדער רעגע אין בינאָקל קאָסט אים?
ער וואָלט זיך צו א טרעפּערן געלאָזט, א פרעג טאָן וואָס ס׳באַטײַט,
זי זאָל אים קאָרטן לײגן ערעוו זײַן אַרײַן קײן מאָסקווע?
און ס׳גיסן זיך די אויגן אָן בא אים מיט בלוט,
ער הערט דעם ייִדנס קאָל איבער זײַן מאַרך זיך שאַרן:
— צי וועט איר, מעס, ניט זײַן שוין אזוי גוט
מיר זאָגן, וואָס סע מאַכט מײַן ברודער מוישע-אַרן?
ער האָט די דײַזשקעס פון דער שטאָט געקאָנט אפּ אויסווייניק קימאַט,
די גאַנצע וואָך אַרײַנגעקוועלט זיי וואַסער פונעם טײַך ווי טוי רײן,
און שאַבעס האָט ער ס׳כײַעס ליב געהאַט
צו הערן אין דער שול פון ייִדן דיוורײ-טוירע...
ער פלעגט דעם פערד פאַרגרייטן סיטשקע אפּ באַנאַכט
און אָנפּאָיען פאַר „מוידע-אַני״ יעדן אינדערפרי עס.
איר גאַוועדט אזוי, מעס, ניט פאַר קײן ייִד געדאַכט,
צי זײַט איר, מעס, כאָלילע, ניט בעקאַוו-האַבריִעס?

IX

איך רעד צו אײַך, ווי מיט א מעס עס רעדט א מעס,
האָט קיין פאריבל ניט. נעמט עס פאר בייז ניט אָן נאָר, —
ער פלעגט אפ כאסענעס ארויספאָרן באגעגענען די געסט,
דעם וועג פארלויפן מיט א פולער פאס די מעכוטאָנים...
געווען א וואסערפירער. אָפגעלעבט די וועלט אין טײַך,
די שטאָט געמאָסטן טעגלעך מיט דער קראָמיסלע און עמער.
איך זע זײַן סאמעטענעם טאלעס-זאק בא אײַך,
איר קלויבט זיך, פאר געווים, אין שול? א שטאָט פארנעמען?
אָ, דאָרטן זײַנען שטעט א סאך פאראן איצט ליידיקע צעטעלט,
דאָרט וועט קיין טראָפן שווער ניט זײַן פארפעסטיקן דעם טראָט אײַך;
איז וויפל פעלט אײַך נאָך אפ צו באהערשן גאָר די וועלט?
א קלייניקײַט!.. ס'איז בלאָטע! —
און ס'טוט א ריס דער פיורער זיך: — אהער! —
גענויקײַט, פינקטלעכקײַט ער פאָדערט: —
און וויפל שאָ ארום וועט ס'דײַטשישע געווער
האָבן דעם מאָסקווער ווידערשטאנד צעקנאָדערט?

13. א דועל

I

באוויזן האָט דער ראָטנער קעכער ווינדער פלאָם
די פאָטאָגראפיע פון זײַנע אומגעבראכטע ווײַב און קינדער יעדן איינעם;
עס האָט, אָט דער געזונטער מאן, זיך אײַנגעהאלטן קאָם,
ער זאָל ניט, ווי א קינד, זיך יעדעס מאָל צעוויינען.
באגלייט האָט אים די פאָטאָגראפיע דעם גאנצן וועג
פון זײַן פארברענטן מינסק, פון זײַנע אומבאוווסטע קוואָרים,
און אים דאָס הארץ געזעגנט מיט א זעג,
און אויסגעצויגן יעדע רעגע אין א יאָר אים.
איצט אפ א פלאץ אן אָפגעשונדענעם, ווי דורך א שטראָם,
נאָך דרײַ פארטויבטע שלאכטיקע מעסלעסן
האָט ער באטראכט אן אָפגערייניקטן אעראָדראָם
פאר זײַנע אונטערוועגדיקע פריידיקעס און קעסלען.
ער האָט א יעדן איינציקן: ישעוו-האדאאסדיק באשטאט,
אים אײַנגעפעסטיקט גרינטלעך, באלעבאטיש האָט ער,
ווי ניט קיין קעסל ס'וואָלט געווען, נאָר א הארמאט,
וואָס טרייבערן באדארף ער דײַטשע דאָטן.

II

געפֿילט אפֿנ ערעאָדראָם האָט זיכ דער קעכער — באַלעבאָס,
אינ שטילקייט אונ אינ שנײ א יעדער ווײַל — א הריזנע;
די פּיס פֿונדאַנענ אָפּגעטראָגנ האָט נאָרוואָס דער דײַטש
אונ זיבנ יונקערסנ געלאָזט אפֿ אנ אטיזנע.
געזעסנ זײַנענ זײ, ווי געגדז אַרײַנגעפֿרוירענע אינ שנײ,
עס האָט אפֿילע ניט דער ווינט געלייגט אפֿ זײ קיינ אכטונג;
אונ ווי צו זיכ אינ ווײַנגאָרטנ געטאָנ האָט א פֿאַרגײ
מיט געווע, אונ מיט גיר, אונ מיט קוראַזש — דער אכטער.
א דרײ געטאָנ האָט פֿאַרנ קעכער זיכ דער גאַנצענער ערעאָדראָם,
פֿאַרלוירנ האָט דער קעכער אפֿ אנ אויגנבליק דאָס לאָשנ;
געקוקט אונ ניט געגלייבט אונ פֿאַרגעשטעלט זיכ קאָם:
דעם שנײ גיט דער פּראָפּעלער א צעבלאָז שוינ,
אָט איז ער שוינ בא דר׳ערד. ארויס שוינ דער פּילאָט
מיט אויסגעסטאַרטשעט גלאָז איבער די אויגנ, ווי א זשאַבע.
אונ ס׳האָט זיכ פֿלאָם א ריס געגעבנ מיט געציילטע טריט,
אונ מיט א ליש אינ קינביינ אָפּגעגעבנ אים א באָרעכאַבע.

III

וואָס קומט דאָ פֿאָר? — האָט דער באַהערשער ניט געוווּסט,
פֿונ אזא אומגעריכטנ באָרעכאַבע א געפּלעטער:
מע זאָל אים האָבנ אָנגענומענ פֿאַר א רוס?
צי אָפּגעטראָטנ איז מענ אזוי אײַליק, דאָנער-וועטער?!
נאָר ס׳האָט א צווייטער ליש א לייג געטאָנ אים אפֿנ שנײ,
ווי ס׳וואָלט אפֿ דר׳ערד געטראָפֿנ ערשט אים די אוואַריע;
— זיכ אופֿשטעלנ! — האָט פֿלאָם געגעבנ א געשרײ, —
דער ראָטנער קעכער! — פֿאָרגעשטעלט האָט זיכ דער גוואַר אים, —
א מינסקער ייִד, פֿונ דער נעמיגע־גאַס,
פֿונ דער, וווּ אופֿגעשטעלט איר האָט די געטאָ. —
די אויגנ אויסגעלופּעט האָט דער דײַטשער אַס
אונ ווי א ברענענדיקער פֿונ דער הויט געקלעטערט.
דערנאָכ האָט פֿלאָם ארויסבאַקומענ פֿונ זײַנ טאַש
די פֿאָטאָגראַפֿיע פֿונ זײַנ דערהאַרגעט ווײַב אונ קינדער,
אונ ווי אינ כאָלעם זיכ דערנענטערט, אָנ ראַש
א ווײַז געגעבנ האָט ער זי געשווינד אים:

IV

— דו האָסט דערהארגעט זיי? — ניט איך! —
גענומען דרייען האָט דער דײַטשער אָס זיך.
א קוק געגעבן פלאָם האָט ארום זיך
און אָפּגעווענדט דעם קאָפּ פון אים, ווי פון א כאזער,
אַן אָנגעטאָנענעם אין שטיוול, אין א הוט,
מיט גרויסע אויסגעלופּעטע שפּאקולן.
ס'האָט אים א שפּאר געטאָן צום קאָפּ דאָס בלוט,
און אָנגעגאָסן האָבן זיך מיט האס די אויגן פולע.
אז גאָרנישט, דאכט זיך, מער שוין ניט ער זעט,
נאָר עפּעס אזא פינצטער-בריִענדיקן שווינדל.
אים האָט געדוכט: אראָפּגעגאנגען דאָ פונעם פּאָרטרעט
איז זײַן דערהארגעט ווײַב אינאיינעם מיט די קינדער...
בלויז זיי אליין — מער קיינעם האָט ער ניט געזען,
ווי צו דער גרוב עס טרײַבט זיי אײַליק אָט דער קוילער.
האָט ער א דריי געגעבן האסטיק זיך צו אים: — ווער דען? —
און מער קיין וואָרט האָט ניט געקאָנט ארויס פון מויל אים.

V

אראָפּשקראָבען פון אים די גײַווע און ס'געווער
האָט ווידער פלאָם פון סאמע לעכאטכילע ניט פארגעסן.
געפינטלט פונדערווײַטן האָט דאָס אָרט, וווּ ס'ווערט
געגרייט דאָס פי פאר זײַנע אונטערוועגדיקע קעסלען.
— דו האָסט פארן דערמאָרדן אויסגעטאָן זיי הויל? —
האָט ער אים פארן בליק געפירט דאָס פאָטאָגראפיש קארטל.
עס האָבן זײַנע ביינער אײַנגעהאלטן א געהויל,
א יאמער מיט ווײַ האָט זיך געלאָזט פון אים א שפּאר טאָן.
— נו, קום! — האָט ער אים מיטן בליק געטאָן א ווײַז,
וווּ ס'האָט א שווארצער דאך געפינטלט פון דער בוינע. —
כ'וועל דיך ניט הארגענען!.. ס'איז ניט קיין פרײַז
פאר א פארדאמטער פעל א ברוינער! —
ער האָט געפירט אים ווי אן אָקס. א קוק אף אים געטאָן
און יעדער ווײַל פארסטאָמפּעוועט דעם שפּאן אים:
— פארוואָס ביסטו ניט צען מיליאָן
פון דער פארשאָלטענער גערמאניע?

VI

ער האָט פון גרימצאָרן זיך יעדער ווײַל געטאָן א דריי,
און קוקן ניט געקאָנט אן אופגעבראכטער האָט ער,
וואָס ס'שטעמפּלען זיך דעם מערדערס טריט אָפּ אינעם שניי,
וואָס אפּ דעם ריינעם שניי גליטשט זיך זײַן עקלהאפטער שאָטן.
פאנאנדערוואָרפן מיט די פיס געגומען אים ער האָט,
פארשמוצן אים און מיט די זוילן אים צערײַבן,
אין קויט זאָל שטעלן זיך דער מערדערישער טראָט,
קיין צייכן זאָל פון לעצטן דורכשפאציר ניט בלײַבן.
— נו, גיי, נו, גיי! — געמונטערט האָט ער אים,
פארווישנדיק נאָך זײַנע טריט די שנייען-שפּארעס.
און אומגעריכט האָט ער דערהערט א שטים:
דערנעבן דורכגעפאָרן אפן וועג א באטאליאָנען-קאָמיסאר איז.
זיך אָפּגעשטעלט. און גלײַך געגעבן א פארקער,
באטראכט דעם וואָלף. צו פלאָמען זיך געווענדט: — דו פירסט ווּהין אים?
— איך פיר אים, כאַווער קאָמיסאר, אפּ א פארהער! —
האָט פלאָם דערקלערט דעם קאָמיסאר לויט אלע דינים, —

VII

כ'האָב אים פארהאלטן דאָ, אפּן אעראָדראָם,
אינײנעם מיט זײַן פליִענדיקן קאדעפּ.
— ווי רופט מען דיך? — מע רופט מיך ווּגדער פלאָם!
דער שעף פון ראָטנער קיך אין א באזונדערער בריגאדע! —
א שפּאנ געטאָן דער קאָמיסאר האָט אָן פארטרוי,
א קוק געגעבן אין די אויגן גראד אים:
— פארוואָס זשע פירסטו אים אין בוינע, אויב אזוי,
און ניט צו זיך אין דער באזונדערער בריגאדע?
— פאראן אים אָפּפירן אין דער בריגאדע, כאַווער קאָמיסאר, —
האָט צו דעם שטערן צוגעלייגט די האנט דער ראָטנער קעכער,
געוואָלט דערציילן אים פון זיך א סאך, א סאך,
עס האָבן זײַנע אויגן אָנגעגאָסן זיך ווי בעכער.
די פאָטאָגראפיע פון טאש ארויסגעשלעפּט ער האָט:
— די קינדער און דאָס ווײַב, — זיך מיטן וואָרט געשטיקט האָט לאנג ער, —
דערהארגעט האָט ער זיי אין מינסק... אינמיטן שטאָט...
דערלויבט מיר, כאַווער קאָמיסאר, כאָטש איינמאָל אים דערלאנגען!..

VIII

א פראָסטיקע געזילבערט אפ ארום האָט זיך די ווייַט,
געזוכט האָבנ זיך ווינטנ, וואָיענדיק, א האפנ.
עס האָט דער קאָמיסאר זיך אָפגעקער'ועט אינ א זייַט
מיט ווינגדער פלאָמס בישפאָכעדיקער פאָטאָגראפיע.
דערוענ האָט ער אינ איר די אומבאשיצטע וועלט,
ווי איבער טרויער-קינדער — א פארשניטענע די מאמע.
פונ זייַנע אויגנ האָט א טרער זיך אויסגעקרעלט
אונ אינ דעם טויטנ בליק פונעם פאָרטרעט זיך אייַנגעקלאמערט.
אונ ווינגדער פלאָמ האָט, א פארטראָגענער, געזענ,
ווי צו דער גרוב זיי טרייַבט מיט א געהיק דער מערדער, —
האָט ער א ריס געגעבנ האסטיק זיך צו אימ: — ווער דענ? —
אונ מיט א קלאפ אינ שלייפ אוועקגעלייגט אפ דר'ערד אימ.
דער דייַטשער אס האָט אפנ שניי געטאָנ א טראַך.
אונ ווענ דער קאָמיסאר דערוענ האָט אויסגעצויגנ אפנ ווייַסנ לאנ אימ,
האָט פלאָמ אראָפגעלאָזט דעמ קאָפּ: — אנטשולדיקט, כאווער קאָמיסאר, —
אונ מיט דער פאָטאָגראפיע צומ דייַטש: — ווער דענ, גערמאניע?!

14. אינ מאָרג

I

געגאנ אינ הימל איז א לופטיקער געפעכט.
ערגעץ אינ שטאָט האָבנ געריסנ הייַזער מיט א קרעכצ זיך.
נאָר ס'האָט דאָס דונערנ אָוואדיס ניט געהערט,
די שטילקייַט ער פארנומענ האָט פונ לייַבלעכע צווי אָפגעשטעלטע הערצער.
דעמ אכטנ לופט-אליארמ האָט מענ געמאָלדנ צו פארנאכט.
שוינ גלייַכגילטיק געווענ די שטאָט צומ וואָי אונ צו דעמ ראש איז.
אָוואדיס דאנ אינ מאָרג געשטאנענ איז פארשטארט
נעבנ די סאמע נאָענטסטע אונ ליבסטע צוויי נעפאשעס.
פונקט ווי אינ אָטשערעד נאָכ ברויט זייַנענ זיי אויכ אצינד באנאנד,
אָט באלד איז זייער ריי. נאָר מידע שוינ. כונ הארנ.
געהאלטנ אָלגע האָט א קוישל אינ דער טויטער האנט,
אונ צו דער קוקלע צוגעדריקט האָט זיך די קליינינקע טאמארע.
זיי האָבנ זיך, ווייַזט אויס, געזאמט דאָרט זייער לאנג,
אונ ניט דערגאנ, ווייַזט אויס, איז זייער ריי נאָכ...
געכעזשבנט האָט אָוואדיס אלצ מיטנ געדאנק,
אונ מיטנ הארצ, אונ מיט די ביינער.

II

איין אויג פאַרזשמורעט, ס׳אַ:דערע פאַרגלייזט,
איין פוס פאָרויס, דער צווייטער אין דער קני געבויגן,
געלעגן אָלגע איז אזוי, ווי איר געווען וואָלט זייער הייס,
די קאָלדרע ווי אין שלאָף וואָלט זי פון זיך אראָפגעצויגן.
דאָס מויל, ווי בא דעם איַינהאלטן א ווייטעקדיק געשריי,
געווען האלב־איַינגעפאלן און האלב-אָפן;
זי האָט באוויזן נאָך, וויַיזט אויס, ארויס פון ריי, —
געכעזשבנט אלץ אָוואדים האָט — און נאָך א שטיק געלאָפן...
און ס׳קינד? — האָבן די אקסל זיַינע זיך געטאָן א וויג,
און עפּעס פונדאָסניַי געגעבן זיך אין אים א בראָך האָט...
אפ אָלגעס וויַיסע ציין געקראָכן איז א פליג,
אָוואדים האָט זי מיט דער האנט אראָפגעפּאָכעט.
דער קאָפּ — א ביסל אין א זיַיט. די האָר — פאַרגלעט.
דאָס אוידינגל האָט אָנגערירט דעם האלדז, ווי אלעמאָל באם שלאָפן.
ער האָט געטראכט: ווי אפ דער וואנט אין שטוב דער מיידלשער פּאָרטרעט,
ווי זי אראָפגענומען איז אין פּראָפיל...

III

— טאמארע! — האָט ער אָן אן אָטעם זיך געטאָן א דריי,
ניט אופוועקן דאָס קינד, אזוי, בלויז מיטן קוק נאָר.
געוויגט דעם קאָפּ: בא זיך אין בעטל אין דער היים
פלעגט זי אנשלאָפן ווערן פונקט אזוי איינינעם מיט דער קוקלע...
מיטביידע הענט האָט ער איר פּענעמל געטאָן א נעם,
פונקט ווי מע נעמט אין הייסן דאָרשט א וואסער-קרוג א שווערן,
און וויגנדיק זיך, ווי איבער אן אָפּגרונט, איבער דעם,
האָט ער, דעם גאָרגל בריִענדיק זיך, טרערן שטיל געשלונגען,
אין יעדן צוג אירן ער איַינגעקוקט האָט זיך,
דעם לעצטן אויסדרוק זייערן מיט זיך געוואָלט אפ אייביק נעמען.
אים האָט זיך אויסגעדוכט, אז אפן טויטן קינדערשן געזיכט
האָבן זיך שארפער נאָך געצייכנט אירע דינע ברעמען...
אָוואדים האָט זיי דורכגענומען דורך אפ דורך
מיט אזא שניַידנדיקן גליווער אין די אויגן:
ווי זי האָט עס באמיט זיך, די נאטור,
און זיי געפּיַילט, געפּורעמט און געבויגן!..

IV

אונ אויסגעשטאַט אזא מינ ווונדער-סימעטרי,
אזא האַרמאָניע, וואָס דער טויט איז ניט בעקויעכ זי צעשטערנ.
געזעג האָט ער א ניט-פאַרגייענדיקנ אינדערפרי
אפ איר ניט-דירעוודיקנ· בלאַסנ שטערנ...
אונטער די וויִעס האָבנ שאָטנס קיניגלעכ גערוט,
ווי וועכטער פונעם טויט צו אירע אויגנ צוגעשטעלטע, האַרבע.
ער האָט זי קיינמאָל ניט געזענ אזוי, ווי אינ דער פײַנלעכסטער מינוט,
ווענ צוגערידט צו איר האָט זיכ די דײַטשישע פאַרדאַרבונג...
א גלעט געגעבנ ציטערדיק האָט ער זי פאַר די האָר,
ס'זאָל ווי מיט קראָפּעווע אימ אָפּבריִענ: זי איז נישטאָ מער!..
געווענ איז אינ דעמ נעפּעשל — פונ זײַנע צוויי אונ דרײַסיק יאָר
פאַרזייט דער זינ, דער מאַרכ אונ די נעשאָמע...
אימ האָט געדוכט: ער זעט דעמ דײַטש אָט דאָ, אינ מאָרג,
זיכ אימ אַרומשאַרנ צווישנ די מייסימ הערט ער,
ווי ער באַטראַכט מיט טעמפּער פינצטערקײַט זײַנ יעדנ מאָרד,
אונ ער פאַרגייט זיכ אלע ווײַלע אינ א שיקערנ געלעכטער!

V

מאַכשאָוועס אינ זײַנ קאָפּ געוועבט האָבנ זיכ שטיל,
געלאָזט האָט איינע פונ דער אַנדערער זיכ פלעטנ:
אימ זײַנ וועט אומעגלעכ צו זיצנ איצט אינ טיל,
אינ טייל צוריק וועט ער פונ מאָרג אַוועק זיכ בעטנ.
דער צאָרנ — אָנ א צוימ אינ זײַנע אָדערנ פאַרזידט,
דער וויי פאַרשלײַדערט אפ א הויכנ באַרג אימ:
ער דאַרפ איצט מייסימ דײַטשע זענ אפ טריט אונ שריט,
ער דאַרפ אליינ מיט הענט מיט אייגענע זיי וואַרגנ!
אונ כײַוויסײַ וועט ניט פאַרגיינ דער ווייטעק אונ די זאָרג...
איז א נעקאָמע אינ דער גאָרער וועלט אזא פאַראַנ דענ?
פאַר קינדער אומגעבראַכטע דאַרפ זיכ אינ א מאָרג
דאָס גאַנצע הענקערשע גערמאַניע פאַרוואַנדלענ!
אונ בלײַבנ זאָל אינ יעטווידער פאַשיסטנ-נעסט איינ קינד,
א שאַרבנ זײַנ זאָל דעמ א שפּילעכל, אונ ביינער-בראָכ — א בעטל.
ער וועט אינ טיל ניט אײַנזיצנ א רויִקער אצינד,
צוריק אינ טייל וועט ער אַוועק זיכ בעטנ...

VI

און דאָך האָט ער די גאַנצע צײַט אין זין געהאַט,
און פּאָרכטיקײַט האָט יעדער ווײַל געגעבן א באַפאַל אים,
אַז אַף דער פײַערלעכער זיצונג פונעם מאָסקווער ראַט
וועט הײַנט אַרויסטרעטן, ווי אַלעמאָל, דער כאַוווער סטאַלין.
דאָ, לעם די נאָ׳נטסטע זײַנע, הערן וועט ער אים,
נעבן דעם בלוט פון זײַנע ליבסטע דעם פאַרשוועכטן...
אים וועט זיך דוכטן, אַז זיי הערן אויך די וועקנדיקע שטים,
אַז צורירן צו זיי וועלן זיך אויך די טרייסטנדיקע ווערטער...
זיך אָפּגעווישט צווישן געדאַכט און וואָר
די גרענעצדיקע שוועל האָט אַף א ווײַלינקע א קליינע.
די נאַכט פון פאַר דעם יאָנטעוו פלעגט ער יאָר נאָך יאָר
מיט זיי פאַרברענגען אַלעמאָל אינײנעם.
און אין עפיר, דורך הויכן שטערנדיקן בלענד,
האָט סטאַלינס קאָל געטראָגן זיך ווי בליצן.
אין דער באַשטימטער שאָ זיך אָנגעהויבן האָט אין מעטראָפּאָליטען
אַף מאַיאַקאָווסקי-פּלאַץ די גרויסע פײַערלעכע זיצונג.

VII

א דונערדיקער הענט-געפּליעסק ביז צו די שטערן האָט דערלאַנגט,
די צוקונפט האָט, געפּלעפט, זיך אופגעשטעמפּלט.
עס האָבן רוימען אײַנגעזאַפּט א יעדן קלאַנג,
און אויסגעזען אין יענער נאַכט האָט מאָסקווע, ווי א טעמפּל.
איינס נאָכן צווייטן — קאַראַוואַנען — אין דער הייך
האָט זיך א טשאַטע אָדלערס יעדער ווײַל געכאָן א כוואַליע.
דער אופשטײַג זייערער האָט יעדנס האַרץ דערגרייכט,
אין זייער רויש געווען איז שטרענגקײַט פון כאָראַלן.
ווי אַנקערס האָט אַרופגעפּאָכעט מאָסקווע זיי אין רוים
אַף די נעוועדיקע ווערטער פונעם פירער.
און ס׳איז געגאַנען א פײַערלעכער איבערגעפּאַרטרוי
פון וועל צו וועל אין די באַנאַכטיקע עפירן.
און ערגעץ האָט א מאַמע זיך געבויגן צו א קינד,
געזונגען דעם צום ערשטן מאָל א וויגליד:
— דער טאַטע שלאָגט אין הימל מיטן סוינע זיך אַצינד,
אַז וואַקסן פרײַ, מײַן קינד, בא דיר עס זאָלן פליגל!

15. אפֿנ רויטנ פּלאַץ

I

אפֿ וואָגשאָלנ האָט זיכ געלייגט א יעדער קויל,
פֿאַרקריצט האָט אינ עפּיר א יעדער שאָרכ זיכ.
גערמאַניע האָט געהאַלטנ אופֿגעשפּאַרט דאָס מויל,
אונ אפֿ די זייגערס האָבנ, סאַפּעדיק, געקוקט אירע מעשאָרסים:
— ס'א צענטל צו א טויז! — ז'געקראָכנ איינער פֿונ דער הויט, —
מיט לעצטנ העמד פֿונ פּאָלק אפֿ אזא קערטל *גייט ער!
— דאָס גאַנצע לאַנד א קאָ־ט אזא מינ מע פּאַרטרויט! —
מיט שוימ געגאַוועט אפֿ די ליפּנ האָט א צווייטער.
דער דריטער האָט די צונג אַרויסגעשטעקט,
ווי ער וואָלט שוינ געשנאָרכט דעמ ביינ אפֿ צו באַלעקנ;
אימ האָט דאָס כּײַעס זיכ דאָס הינטישע געעקט:
— דער בער דער רוסישער פֿאַר אַלעמענ וועט קלעקנ! —
די צײַטונגענ פֿונ גאָר דער וועלט האָבנ געפּאַכט,
געוואָרפֿנ האָבנ זיכ אינ פֿיבער טעלעגראַפֿנ.
אונ פֿונ די פֿראָנטנ צוגעשווומענ איז א יעדער וואָרט
צומ רויטנ פּלאַץ צו דעמ פֿאַרטונקלטנ, ווי צו א האַפֿנ.

II

— א פּאַוזע! — האָט זיכ די וועלט אינ הינערפּלעט פֿאַרטײַט.
— א וועמענס צוועלפֿטע שאָ וועט באַלד א בראָכ טאָנ? —
אונ מאָסקווע אײַנגעקוקט האָט דורכ דער נאַכט זיכ אינ דער ווײַט,
ווי כוואַליעס האָבנ די יעדיעס זיכ צעקלאַפּט אינ אירע באָרטנ.
געשטאַנענ איז דער קרעמל אינ זײַנ וווּנדערלעכער פּראַכט,
אינ שטרענגער אָרדענונג געביטנ האָבנ זיכ די וואַכטעס —
אונ סטאַלינ האָט שוינ דאַנ אונטער דער לאַסט פֿונ קריג געטראַכט,
ווי אויסקומענ ס'וועט אופשטעלנ דאָנבאַסער שאַכטעס.
זיכ אײַנגעהערט אדורכ דער שטורעמדיקער נאַכט
אינ פֿײַערלעכנ, אינ באַליבטנ קלאַנג פֿונ די קוראַנטנ.
אונ וועגנ זריע אפֿ פֿאַרזיי האָט ער געטראַכט,
וואָס מ'עט נאָכהער באַדאַרפֿנ פֿאַר באַפֿרײַטע קאַנטנ.
ווי א סאָלדאַט — א פֿאָטער — פֿאַר דער שלאַכט האָט גראַד אונ קלאָר
אויכ צו דעמ מאָרגנ שוינ באַוועגט זײַנ כאָכמעדיקער דראַנג אימ:
צי אַלץ באַוואָרנט אינ דער היימ איז אונ באַזאָרגט?
צי וועט ניט פֿילנ זיכ אינ עפּעס־וואָס קיינ מאַנגל?

III

און אָט — דער זיבעטער נאָיאַב. עס דוכט, אַז גאָר די ערד
פאַרטײַעט איז און שטיל, ווי פאַר אַ שטורעם.
עס האָבן זײַנע טריט די פעסטע זיך געהערט
אינײנעם מיטן קלאַנג פון ספּאַסקער טורעם.
עס קומען לאַנגזאַם די געגאַרטע רעגעס אָן,
און ווײַט זיך קריצט אַרטילעריסטישער געדונער.
געשטאַנען אויפן רויטן פּלאַץ ז'דער מאָסקווער גאַרניזאָן,
דעם בליק דעם שלאַכטיקן געווענדט צו דער טריבונע,
אויף וועלכער אויפגעגאַנגען דער גרויסער כאַיל־פירער איז,
מיט זאָרג מיט לויטערער פאַר גאָר דער וועלט באַלאָדן.
ס'האָט רויִקייט פון אים געשטראָמט, ווי פון אַ ריז,
און שווינגען געשפּאַרט, ווי פון אַן אָדלער,
געגאַרט דער גאַרניזאָן צו הערן האָט זײַן קאָל,
איידער ער לאָזט אוועק אין שלאַכט צום ראַנד זיך;
געלויכטן אויפן טורעם האָט דאָס הארבסטיק־קאַלטע גאָלד,
און ס'האָבן יאָדלעס בײַ דער וואַנט געוועבט זיך און געפּאַנצערט.

IV

אויף זיך דעם הימל, פּײַערלעך און שטאָלץ,
געטראָגן איבער מאָסקווע האָבן טורעמדיקע שטערן:
— ס'איז יאָמטעוו! — האָט אַ קלונגע געטאָן, — ווי אַלעמאָל!
און קיינער וועט אים קיינמאָל ניט פאַרשטערן! —
פון מאַוזאָליי פון מירמלנעם מיט אַ באַפעל
צו רויטאַרמייער זיך געווענדט דער פירער. האָט דאָרט:
— עס קוקט אויף אײַך איצט, רויטאַרמייער, גאָר די וועלט,
געשמידטע קוקן אויף אײַך אַלע פעלקער פון אייראָפּע! —
זײַן קאָל געגאַנגענע גרויזאַם איז און פרײַ,
געטראָגן האָבן ווינטן עס, ווי פון דער וועלט ס'געווויסן: —
אַ גרויסע מיסיע אויסגעפאַלן איז אויף אײַך,
זײַט, רויטאַרמייער, ווערט די גרויסע מיסיע! —
מיט אומגעדולד מ'האָט יעדעס וואָרט געוואַרט,
פאַרגלייווערט אינעם שטאָלענעם געשטאַלטן סיידער: —
זאָל אײַך באַגײַסטערן אויף אָט דער שלאַכט
דער רום פון אונדזעריקע אומשטערבלעכע זיידעס!

V

געדאכט האָט זיך: ניט פונ די קוואָרימ, נאָר פונ שלאכט
צונויפגעקומענ זײַנענ זיך מיט בענטשנדיקנ העסקעמ
אינ גאנצנ גלאנצ פונ פאנצערדיקער טראכט
דמיטרי דאָנסקאָי אונ אלעקסאנדער ניעווסקי.
אפ יעדנ וואָרט פונ פירער, האָט געדאכט,
רײַסט פונ פארגאנגענהײַט זיך ברויזנדיק דער שליוז אופ.
אָט רײַטנ. שוינ דעמ רויטנ פלאצ אדורכ
סוואָראָוו אלעקסאנדער, מיכאיל קוטוזאָוו.
געדאכט האָט זיך: אפנ גראניט פונ מאוזאָליי
שטייענ זיי אלע שוינ אינ לײַכטנדיקע שליעמענ.
אונ אינ דער הייכ — אינ פאָנענ-פלאטער — איבער זיי
גייט דאָס געשטאלט אופ פונ וולאדימיר לענינ.
אונ יעדער וואָרט פונ פירער איז א גלאָק צו שלאכט,
אפ גאָר דעמ לאנד מיט קלאנגענ א צעזייטער:
— זאָל אײַכ באגײַסטערנ אפ אָט דער שלאכט
דער רומ פונ אונדזעריקע אומשטערבלעכע זיידעס!

VI

זײַנ האנט, ווי אלעמאָל, פארוקט הינטערנ לאצ,
געטוקט זײַנ בליק האָט אינ פרימאָרגעדיקנ בלוי זיכ.
עס איז נאָכ קיינמאָל אזוי הייליק ניט געווענ דער רויטער פלאצ,
אונ קיינמאָל איז די וואנט די אלטע ניט געווענ נאָכ אזוי גרויזאמ!
אינ גאָרנ לאנד האָבנ די קעפ א ריס געטאָנ די בערג,
די טײַכנ אָפגעשטעלט, פארגאפט, האָבנ דאָס פליסנ,
אונ יעדער שארפ פונ שפיז אונ יעדער אָטעמ פונ געווער
האָבנ אפ ווידערקאָל געגעבנ א צוזאמענפלי זיכ.
אינ דוימ א לאָז געטאָנ זיי האָבנ זיכ געשווינד,
איינס איבער אנדערנ — אינ יארוסנ צעשפרייטע.
אונ אונטערגעכאפט יעדער וואָרט א ווינט האָט בא א ווינט,
עס אופגענומענ האָט איינ לופט-וועל בא דער צווייטער,
אונ עס ווי טוי געטראָגנ צו דעמ ראנד,
אונ עס אינ הארצ ארײַנגעהויכט א יעדנ רויטארמייער.
אונ אינ א פאנצער אויסגעזונ האָט דאנ דאָס לאנד,
אונ ווײַסער האָבנ דאמאָלט אויסגעזונ די שנייענ!

באנאכט איז צום פארטונקלטן וואָקזאַל
געגאנגען אָוואדיס, זעג׳נענדיק מיט יעדער גאס זיך.
דעם כוישעך דורכגעשניטן האָט מיט א געשאַל
די ראדיאָ, ווי א געהיימער קאָל-מעוואַסער.
אָוואדיס האָט אפילע זיך ניט צוגעהערט,
וואָס מעלדעט מען, ווי דאָס געווען וואָלט עפעס זײַטיקס.
זײַן צוגעמאכטע שטוב אפן דראגאָמילאָווער געזען האָט ער,
ער האָט געזען די גאז-מאסקעס פון וואנט, פארקוקטע אין די ווײַטן...
פון פענצטער אָפענע געהערט האָט ער דעם שאָרך,
געוואָלט ביז אומעט און ביז ווי האָט זיך א טרונק אים.
אפן וואָקזאַל-זייגער וואָלט ער א קוק געטאָן — א וועלכע שאָ,
נאָר ס׳איז דער זייגער אויך געווען פארטונקלט.
א שנייעלע אראָפגעלעקט ער פון דער ליפּ האָט מיט דער צונג,
די לונגען פארן ווינט געגעבן א צעפראַלע.
אין יענער נאכט האָט א פארטונקלטער א לאנגער צוג
דורך דעם פארשנייטן סטעפּ געטראָגן צום אוראַל אים...

16. א פּאַוזע

I

— א פּאַוזע! — האָט קלאָפּס אין שווייס געגעבן זיך א וואש, —
א ניט-געוווּנטשענע! — האָט זי פארטונקלט דאָרט דעם בליק אים.
ער האלט דאָך אזוי פעסט די האנט באַם רוס אין טאש
און ברומדזשעט דאָך אזוי מיט גאָלדענע מיט לײַכטע זיגן,
נאָר עפּעס פורכטבאר שווער איז זי ארויסשלעפּן צוריק,
צו אלדי טײַוולען, כאָטש א לײדיקע, פון דאָרטן...
נאטירלעך, צווייפלט ער ניט, קלאָפּס, אין זיג,
דער פעסטשטאנד ווערט באַם רוס א פלאץ, נאטירלעך, דאָך טאָג!
מע זעט דאָך ניט בא זײ אין ערגעץ קיין געווער,
דער רוים אליין, די הוילעניש באהערשט דאָ.
נאָר פרווו זיך, קלאָפּס, און שטעק ארײַן דעם צווייטן פוס אהער,
אז פורכטבאר שווער ארויסשלעפּן פונדאנען איז דעם ערשטן...
— א פּאראדיז! — גייט פאר זײַן בליק די געטאָ זיך א גראָב,
די אויסגעקוילעטע און די פארשוועכטע,
ווו — איינס און צוויי — פון מארק אראָפּ,
און פּיקס און פּערטיק!

II

א פאַוזע! נו, יאָ! זיי האָבן אָפּגעשטעלט, ווײַזט אויס,—
האָט ער דעם וועג צוריק אויף יעדן פאַל געמאַכט.
עס קריכט, באַשײַמפּערלעך, אים פון די הענט אַרויס
א בלאַט א דעמבענע פאַר מאָסקווע...
זי איז דאָך שוין ווי פון א בוים אַראָפּגעהאַנגען איבער אים,
אים אָנגערירט די ברוסט און אָנגעברויזט מיט דראַנג אים.
און פּלוצעם דאַכט זיך אים דעם פירערס שטים:
דער לעצטער און באַקרוינענדיקער אָנגריף —
און מאָסקווע איז קאַפּוט!
און רוסלאַנד איז צעשפּליטערט!
ס'האָט קלאַפּס זיך גלײַך באַהערשט. די פינגער צו דער הויט,
און מיט די ליפּן אויסגעפּאָמפּעט: — הײַל היטלער!
און מאָסקווע איז געשטאַנען ווי א באַרג,
מיט רו געפּאַנצערט און מיט כאָכמע איבער ראַנדן:
— דער שטראָם, ווי זײַן ער זאָל ניט שטאַרק,
דאָך אויפגיין באַרג-אַרויף איז ניט אימשטאַנד ער!

III

אין יאַרוסן האָט בא דער קרוינשטאָט זיך געלייגט דער ראַנד —
די ווײַטע צוטריטן מיט פעסטשטאַנד צו פאַרשליסן.
פון אומעטום האָט צו דער הויפּט-שטאָט זיך געשטרעקט א האַנט,
פון אומעטום האָט הילף קיין מאָסקווע זיך געריסן.
ווי אויף אן אויפגערופענעם אין אַלע עקן לאַנד אוראַל —
איבערגעיאָגט אויף צוגן האָבן פאָלקן זיך נאָך פאָלקן:
פון פראָסטיקן סיביר, פון באַרגיקן אוראַל,
פון מיטל-אַזיע און פון דער וואָלגע.
נאָך זיי — פאַרשנייטע מאַרשרוטן, פיבערדיק-געשווינד,
מיט לופט־מאַשינען, טאַנקען און האַרמאַטן.
דעם וועג זיי אָפּגעטראָטן האָט דער ווינט,
און איבער זיי האָט גרויזאַמקײַט געפּלאַטערט,
און ווי מיט א פאַרניכטנד-מעכטיקן טאַראַן
דעם דראַנג פון פײַנט זיי האָבן אומגעוואַלגערט.
זיך א צעפּענטע גיבערדיק געגעבן האָט דער ראַנד,
און ווי א שטורעם האָט באַגינט דער אָנגריף.

IV

א פלאַץ געגעבנ האָט דער דײַטשער פאַנצער מיטאַמאָל,
דער גיר דער דײַטשישער געטאָנ האָט זיכ א וואַקל.
אַרופגעוואַלגערט זיכ ווי בערג אַפ זייער שטאָל
האָבנ גוואַרדייִשע כאַיאָלעס מיט געפלאַקער.
צוריק געשווינדלט האָבנ דײַטשנ אינ געלאָפ,
פאַרכליופּעט האָבנ טאַנקענ זיכ, צעקוועטשט אינ פײַער —
געשפּרונגענ זײַנענ רײַטער איבער זיי פונ גענעראַל בעלאָוו,
אינ שנייענ זיי געפּרעסט האָט ראָקאָסאָווסקיס כאַיִל.
— ווער נאָכ וויל מאָסקווע? — האָט געהערט זיכ א געשריי, —
פאַר אַלעמענ וועט קלעקנ רויטאַרמייִשע געשענקענ! —
געגאַנגענ זײַנענ ביזנ בויכ אינ שניי
די גענעראַלנ גאָוואָראָוו אונ לעליושענקאָ.
גענומענ האָבנ רוסישע סאָלדאַטנ אַפ דער שווערד
דיוויזיעס אונ ראַש געבראָכט זיי אונ געשמעטערט.
באַדעקט האָט זיכ די אונטערמאָסקוועדיקע ערד
מיט פּגדלע דײַטשישער אַפ ווײַטע קילאָמעטערס,

V

צוריק זײַנענ דיוויזיעס געלאָפנ אומ אונ גראַד,
צעבראָכטע אופגעשפּרונגענ זײַנענ טאַנקענ שווערע,
יעדיִעס אויסגעשטעפּט האָט יעדער רוסישער האַרמאַט,
ווי הויכריידערס געמאָלדנ האָט די רוסלענדישע אַרטילעריִע
דעמ אונטערמאָסקוועדיקנ בראָכ־פּאַראַד
פונ דײַטשע ביינ-אונ-שאַרבנדיקע האָרדעס;
געטראָגנ האָט עס דער עפיר, ניט מײַדנדיק קיינ פּראַט,
אונ אַלע טיילנ ערד פאַרגאַפט האָבנ געהאָרכט עס.
אינ בלאָטע ביזנ בויכ געלאָפנ איז גודעריאַנ
אַפ א געווייִנלעכנ, א רעקוויזירטנ שליטנ
אונ האָט אינ „פאַנצער-בוכ" געשווינד פאַרצייכנט אַפנ ראַנד
פאַר אַזא אומשטײַג — די באַגרינדונג אונ דעמ טיטל.
זיכ אָפּגעקויקלט אונ געלאָפנ — ווער וווהינ,
אָנ רעדער אונ אָנ פיס — דיוויזיעס אַריבער אַכציק.
דעמ טעלעגראַפ פאַרשטאָפּט דאָס מויל האָט פיבערדיק בערלינ,
אונ צוגעלייגט צו אימ די וועלט האָט מיטנ האַרצ זיכ.

VI

אזוי האָט קלאַפּס דערזוען זיך אינ א ריוו — ניט לעבעדיק, ניט טויט,
א שפּײַ געטאָנ מיט בלאָטע: — דאָנער-וועטער!
גלײַכ ווי מע וואָלט אימ אויסגעשאָסנ פונ דער הויט
אפ א מעהאלעכ פונ א טויזנט קילאָמעטער.
א פּאַוזע!.. צי ווירקלעכ לויפט מענ עס אזוי צוריק,
צי דורכ אנ אנדער וועג מע לויפט אזוי קײנ מאָסקווע?
געשיקט זיך עס, געשיקט —
אז ניט איבער דעמ קירצסטנ וועג האָט מענ אהינ געלאָזט זיך?
ער האָט די מאַפּע מיט די ווײַסלעכ בלויז געטאָנ א מעסט,
געזוכט אפ איר דעמ פּונקט, ווו מיט א בליצ פאַרטראָגנ ס'האָט אימ.
געזעסנ אָנגעלענט איז ער אינ א צעקוועטשטנ מערסעדעס,
מיט א פאַרקרימט געזיכט אנ אײַנגעריכטס אינ בלאָטע.
ס'איז אימ געוואָרנ קאַלט. נאָר דעמ בינאָקל גלײַכ באַשטאַט,
צעשווינדלט אינ די אויגנ האָט מיט פיבער אלצ זיך דאנ אימ.
אימ האָט זיך אויסגעדאכט, ער זעט גענוי אונ אקוראַט,
ווי אפ א קוליע שלעפּט זיך מיט א זאק צוריק געדמאַניע...

VII

ער האָט דערהערט א קאָל. געלעגנ ביז דער האלב
אינ שניי איז א יעפרײטער אונ געציטערט:
— סע בלאָזט א ווינט, מײַנ ליבער שוואלב, —
האָט ער צו קלאַפּסנ זיך געפּרוּווט א צי טאָנ, —
ווי אינ דער פאַבל מיטנ העלפאנד, גאָט מײַנ גאָט,
וואָס אינ זײַנ הינטנ האָבנ שוואלבנ אָנגעשמעקט די פעטע שפּײַז זיך
אונ אלע ווײַלע לײַכטזיניק מע האָט
געמאכט צו אימ אונטערנ עק א האָפערדיקע רײַזע...
— א וועלכער העלפאנד? — האָט זיך קלאַפּס א ריס געטאָנ פונ פּענט, —
וואָס פאַר א שוואלבנ? — זיך געפּרוּווט האָט ער א דריי טאָנ;
נאָר פּונקט ווי לײַ'נענדיק די שריפט די הײליקע פונ טעסטאמענט,
האָט פאַרגעזעצט, ווי מיט א קאָל פונ ווידע, דער יעפרײטער:
— אונ ווענ דעמ העלפאנד האָט דערעסנ דיזע זאכ,
האָט ער אפ זיי א בלאָז, פאַרצײַענ זי, דערלאַנגט פונ די געדערימ,
אז זיך צעפלויגנ זײַנענ זיי אפ ווײַט, ווי איכ מיט אײַכ,
אונ ניט באַאומרויקט די שוואלבנ האָבנ מער אימ...

VIII

עס האָט זיך קלאַפּס דערלאַנגט פֿונ אָרט א ריס:
— יעפֿרייטער, אופשטיינ! איך באפעל איַיך! —
נאָר אָפּגעפּרוירנ באַם סאָלדאט געווענ זיַינענ די פּיס,
אינ אפ די קני האָט ער זיך אופגעשטעלט פּאמעלעך,
א טאפּ געטאָנ פֿונ הינטנ מיט די הענט דעם זאק,
פֿארשטעלט אים מיט דער פּלייצע, ארויסגעקרימט פֿונ ציטער.
ער האָט דערזענ דעם טויט. אינ אים געטאָנ זיך א פֿארהאק:
— פֿארציַיענ זי... דער העלפֿאנד אונ די שוואלבנ... הײַל היטלער! —
געווענ דער ריוו מיט שטילקיַיט איז געבעט,
אונ אפ דער העלפֿט — שוינ א פֿארשנייטער.
ארויסגעכאפּט האָט קלאַפּס דעם פּיסטאָלעט
אונ מיט א שאָס דאָס מויל פֿארשלאָסנ דעם יעפֿרייטער.
זיך אפ: שנײ האָט דער יעפֿרייטער צוגעשפּארט,
מיט אויגנ אָפֿענע דעם לעצטנ הויך ארויסגעאָטעמט,
אונ ס'האָט געדאכט: ער זעט, דער מעס, ווי קלאַפּס זיך שארט
בא אים אינ זאק, דעם איַינגעטונקענעם אינ בלאָטע.

IX

אינ מאָסקווע האָט געשנייט. געשטארקט האָבנ זיך פֿרעסט.
פֿונ קעלט געפּלאצט בא ביימער האָט די קאָרע.
פֿונ אונטערמאָסקווער גראָבנס זיך געמאָלדנ האָבנ געסט,
די שטאָט האָט ווי א מאמע זיי געדענקט אפֿנ זיקאָרנ.
געגאנגענ פֿונ גאסנ איז געהיים אנ איבערופֿ
מיט שטאָלנס שטעכיקע פֿארפּאנצערט בא די זוימענ.
דעם אָטעם האָט פֿארכאפּט די גליווערדיקע לופֿט,
אונ ווינטנ האָבנ זיך געלאָזט פֿונ פֿראָסט באצוימענ.
אונ, א פֿארשפּעטיקטער, פֿונ אונטער שטאָט, מיט שטראָמענ דאמפּ פֿונ מויל,
אנטקעגנ ווינט אונ פֿראָסט, צעהיצט אונ האסטיק,
געשפּאנט א זאָקנ האָט אינ וואטענעם קאמזויל,
די באָרד צעלאָזט אונ אינ די הענט א זאסטעפּ.
— פֿונוואנענ, פֿאָטערל, — האָט אים די וואך געפֿרעגט,
אונ אים מיט א באגלייטנדיקנ בליק באשאָנקענ.
— פֿונ דאָרט, ווו אלע מאָסקווער, נאָר אינ עק, —
האָט ער הארכאָוועדיק פֿארקער'וועט אפֿ וואָלכאָנקע.

17. פּאָזיציעס אונטער מאָסקווע

I

„געהאט, געהאט!..‟ — איז נאָכגעגאַנגען גוראַריען לאַנג
זײַן ענטפֿער צו מאַמעדאָוון דעם גאַנצן אונטערוועגנס;
און אים, איבעריאָגנדיק, צום ראַנד דערלאַנגט
און זיך פֿון דאָרטן אומגעקערט צו אים אַנטקעגן...
געהאט אַ היים... און עלטערן געהאט,
געהאט רעשוס זיך אָנקערן דער וועלט און זי באַגערן
און רעכט געהאט צו זײַן אַזוי זיך, גלאַט,
געהאט באַוווּסטזײַן, אַז ער א י ז און וועט ניט ווערן,
געהאט צוזאַמענהאַנג מיט די געזעצן פֿון נאַטור —
געבוירן ווערן, וואַקסן און איבערגיין אין הערמשעכ,
און האָט עס אויך אַציִנד באַ זײַן ווידערגעבורט,
כאָטש ס׳איז שוין זייער לאַנג און, דאַכט זיך, אָפּגעוועזן שוין,
און קאָן זיך אויסווײַזן ניט מער ווי שײַן, וואָס פֿאַלט
פֿון עפּעס צופֿעליקן אויפֿגעלייגטן פֿײַער.
און מיטאַמאָל האָט ער דערפֿילט, אַז ער איז אַלט,
האַגאַמ עס ווערט אים זעקס און צוואַנציק יאָר ערשט האַיאָר...

II

אים שרעקט ניט דאָס צעשיידן מיטן לעבן זיך קיין האָר,
ס׳איז שרעקלעך בלויז, וואָס צוגענומען קאָן עס ווערן
דורך העפֿקערער פֿאַרגוואַלדונג און דורך מאָרד
פֿון די באַוואָפֿנטע און זעלבסט־געקרוינטע ווערעם,
וואָס נידעריקער פֿונעם מענטש זיי זײַנען אַפֿ אַ קאָפּ
און אַפֿ אַ האַק פֿון אים זיי זײַנען העכער...
ס׳האָט אַפֿן רוקן יעדער ווײַל זײַן קעסעלע געטאָן אַ קלאַפּ,
פֿון זײַן שינעל די פּאָלעס יעדער ווײַלע — אַ צעפּעכער:
אָט גייט ער, דער פֿון גרוב געקומענער, און טראַכט,
איז ווי זאָל ער איבער דעם ווי דעם אייגענעם אַריבער?!..
אַז ערגעץ אַפֿ אַ שפּאַן פֿון ראַנד, די פּאַזוכעס צעשפּאַרט,
טרײַבן די דײַטשן מאַכנעס אומבאַשיצטע צו די גריבער...
און ס׳לײַכט די זון, און ווײַטן זײַנען קלאָר,
עס ציִנדן זיך ווי אַלעמאָל אין הימל אָן די שטערן, —
איז דען אַן אונטערשייד, צי איז ער אַלט פֿיר טויזנט יאָר,
צי מאַכן נאָר די ערשטע טריט זיך ערשט ער לערנט?!..

III

ער האָט געהאט, געהאט!.. אוואדע, נו... ווי דען?
ס'איז אלץ אין גרוב! אָבער ניט נאָר ווי מייסים, נאָר ווי זויפֿען!
א קאלע? — אויך!.. א טענצערן איז זי געווען,
זי וואקסט שוין פאר געווים פונסניי און הייבט שוין אופ זיך איבער צוים ַנג.
א רעגן איז אפ איר געגאנגען הארבסט,
מיט שניי געשאָטן האָט אפ איר דער ווינטער.
א יאָג געגעבן האָט זיך דורך זיין הארץ
א טשאטע פרישע פרילינגדיקע ווינטן.
זי טאנצט שוין. דאָרט. די מייסים שוין זי וועקט און קוויקט,
עס קומען אפ איר טאנץ צו פליִען שוין די פייגל...
ער האָט אפ דראָזדן אָנגעשטעלט דעם בליק,
זיך אפ מאמעדאָוון געוואָרפן מיט די אויגן,
צי זעען זיי דאָס אויך, אזוי ווי ער,
ווי זי וואָלט אויך מיט זיי געווען אָט דאָ דערנעבן.
ס'וויגט זיך פון לעבעדיק-באגראָבענע די ערד,
זיין קאלע טאנצט דעם ניט-דערטאנצטן טאנץ פון לעבן!

IV

אזעלכע בליציקע זיך טראָגן אירע פיס
אין שעמעוודיקן קאלע-טאנץ, נאָר גאָרנישט זיי פארטייען ניט,
ווי ס'וואָלטן מעסערס זיך געוואָרפן און געגריסט
און מיט די שארפן זיך געוואָרגן און געטייַנעט...
געוועלבטע ברשעווען די פאלדן פון איר קלייד
מיט א פארכאפטן כוואליקן געהויער,
ווי ס'וואָלט א ווינט נאָך איר געיאָגט, און זי באגלייט,
און זי פארנארט, און זי פארקישעפט מיטן טרויער —
און ס'איז א בארג, און ס'איז אן אָפגרונט, און א שניי,
און אפן שפיץ איבערן אָפגרונט — א געראנגל.
זאָלסט ניט אראָפפאלן! כ'באשווער דיך מיט דעם וויי
פון די געשאָכטענע אין טויזנטיאָרעדיקן וואנדל...
עפּעס פארטייען זיי אין פיבער, אירע פיס,
נאָר זייער זילבערנע אנטבלויזטקייט בעמט קיין פיין ניט, —
ווי ס'וואָלטן מעסערס זיך געוואָרפן און געגריסט
און מיט די שארפן זיך געוואָרגן און געטייַנעט!

V

ער איז געשטיגן אין א קייט פון רויטארמייער זעקס
אונטער א בליציק-סווישטשענדיקן רעגן.
די גרויסע טרייסט איז שוין געווען אונטערוועגס,
מיט יעדן איבערלויף האָט ער צו איר געריסן זיך אנטקעגן.
פארטויבט איז ער געווען פון זאלפן און געשריי,
און פון גערונערן פון מעכטיקע פארצויבערס.
א יעדער ווײַל — א וואלגער זיך אפ דר׳ערד, אין שניי,
א יעדער ווײַלע — ווי א כוואליע האָט דער שניי געטאָן א הייב אים.
עס האָט זיך אָפּגעטאָן פון אים דער ווינד און ווײ,
דער פײַן פון די געשאָכטענע אין גריבער האָט פארלאָזט אים.
געווען איז ערד, און הימל איז געווען, און שניי,
און איבער אלץ איז, ווי דער גוידל, אופגעגאנגען מאָסקווע!
און יעדער אופגעבליץ און רעוועדיקער ריס
האָט אופגעשפּארט פון ווײַט א בליאסקענדיקע שײַן אים,
ווי ס׳וואָלטן מעסערס זיך געוואָרפן און געגריסט
און מיט די שארפן זיך געוואָרגן און געטײַנעט.

VI

אין פּוישטן רונדע דורך דעם שנייִקן פארשאָט,
אונטער געהילך פון פײַערדיקן פּויקן,
געגאנגען איבער די קני אין שניי איז פערעליאָט,
ווי ער וואָלט גאָר די ערד מיט זײַנע טריט געקויקלט,
און טראָגט מיט זיך די ווינטן אפ די הענט,
און טראָגט מיט זיך די רוימען אפ די אקסל,
און דורך דעם שניי, און דעם זאווײ, און דורך דעם בלענד
זעט זיך דער רוקזאק צו זײַן פּלייצע צוגעוואקסן.
דערזען צום ערשטן מאָל גוראריע האָט,
ווי ס׳טראָגט מיט גווורע פערעליאָט איבערן ראנד זיך.
אים האָט געדוכט: ניט בלויז אליין ס׳איז פערעליאָט,
דורך אים פארגאנגענע זיך טראָגן דורעס גאנצע
אפ אונטערמאָסקווער ערד, איבער די קני אין שניי,
מיט קעפּ און ביקסן גרייכנדיק די כמארעס,
און פעלקער גאנצע גייען נאָך נאָך זיי,
און אויך מיט אלעמען באגלײַך איז ער — גוראריע,

VII

אונ אלע לעבעדיקע פינ זײַנ שטאם,
אונ אלע העפקער-אויסגעשאָכטענע בא גריבער,
אונ אויכ זײַנ קאלע — אינ דעם גײענדיקנ יאם,
אונ אויכ זײַנ לעבעדיק־באגראָבענע — זײַנ ליבע.
זי טאנצט איצט דאָ אינ יעדנ בליצנדיקנ זאלפ,
ס'הײבנ די כמארעס, ווי די פאלדנ פונ איר קלײד, זיכ.
ניטאָ פאר ווײ זײַנעם אינ גאָר דער וועלט איז אזא זאלב,
ווי אָט די שלאכט! מיט רויטארמײער — פלײצע נעבנ פלײצע!
די ווונדנ טוענ זיכ אלײנ איצט פונ אים אָפּ,
די גריבער רײַסנ זיכ בא אים אינ הארצ ווי קריִע;
אפּ מינסק! — טײַט מאָסקוועס ־טורעמדיקע קאָפּ.
אונ שטערנ טײַטנ סעמאפאָרעדיק: אפּ קיִעוו!
ניט נאָר „געהאט" — געמאָלדנ האָט אים יעדער קנאל
פונ די הארמאטנ אינ די ווײַטקײַטנ פארמאָסטנ:
ער האָט! ער האָט א הײמ! א לאנד אונ אלצ!
ער האָט א כײלעק אינ די שלאכטנ אונטער מאָסקווע!

18. דער ערשטער שפּאציר

I

פארענדערט האָט די שטאָט סאדאָװסקינ זיכ געדאכט,
ווענ ער צומ ערשטנ מאָל ארויס אפּ א שפּאציר איז.
די זעלבע מויערנ אונ ראכוועסדיקע פראכט,
די זעלבע ליקעלעכ, אונ קאָנטורנ, אונ ווירעס,
נאָר עפּעס שטרענגער אונ פארטיפטער יעדער שטריכ
אונטערנ דורכלויכט פונ געמיטענע געפארנ,
אפילע דאָס באטאָגעדיקע העלע ליכט
אונ די געהאפטע נאקעטקײַט פונ בײמלעכ אפּ בולווארנ.
א צ'ריקגעהאלטנקײַט אינ דער באוועגונג אונ געשטויס,
אונ די אנסאמבלענ פונ געבײַדעס — שטײַפּ אונטערגעפּאסיקט.
ניט בלויז צומ ווינענ אויסגעזענ האָט יעדער הויז,
ניט בלויז צומ דורכגאנג האָט געצויגנ יעדער גאס זיכ.
סאדאָװסקינ האָט געדוכט, אז יעדער שטײנ אפּ עפּעס ווארט,
אז אינ דער וואַט הערט אײַנ זיכ יעדער ציגל.
אינ הימל האָט געשפּרײט זיכ ראכוועסדיקע פראכט,
מיט א פארהויכטער, טײוועסדיקער זונ פארזיגלט.

II

אווטאָבוסן — די שויבן שטרענג מיט פאַרהענגלעכ פאַרדעקט —
געפּירט האָבנ אָנ ראַש פאַרוווּנדעטע פונ די וואָקזאַלן.
ס'האָט יעדער פונ אַנטקעגנ אָפּגעטראָטנ זיי דעם וועג,
א קוק טאָנ אינווייניק אין יעדערער געווענ א באַלנ,
זיכ מיטנ בליק פונ ווײַט א צערטל טאָנ צו זיי,
א נאָענטקײַט אָנ אייגענע דורכ דער באַוווּנדערונג דערשפּירנ,
אונ אָפּשעפּנ כאָטש וויפל-ס'איז פונ זייער ווי,
אונ זיי מיט פאַרכטיקײַט מיט צערטלעכער באַרירנ.
פונ נעפּל פּראָסטיקנ פאַרוילבערט-גראָ,
אַפ הויכע פערד מיט אומרויִקע העלדזער רונדע
אַדורכגעשוועבט האָט יעדער ווײַל א רײַטער-עסקאַדראָנ
אונ איז אינ פּראָסט אינ זילבערנעם פאַרשווונדנ.
באַגלייט די רײַטער האָט א לײַכטער דיזעגטענער שניי,
געשפּענסטיק ער אונ דורכזיכטיק געווענ אונ דינ איז;
אונ אינ די גריוועס אײַנגעקלאַמערט, אויסגעדוכט זיכ האָבנ זיי,
ווי אופגעאַנגענע פונ אַלטע רוסישע בילינעס.

III

א דאַמפּ פונ הייסער שפּײַז האָט באַ א טיר ערגעץ געגרויט,
געשטאַנענ איז לעמ איר א ריי — פונ קעלט די פּענעמער פאַרלאָפּנ.
פונ דאָרטנ האָט געשמעקט מיט האַרבע נאָרמעס ברויט,
פונ דאָרטנ האָט געשמעקט מיט זיסע, מיט פאַרפרוירענע קאַרטאָפּל.
דער אוילעם האָט געװײַלט. געריבנ מ'האָט א האַנט זיכ אינ א האַנט.
נאָר אָפּגעווענדט האָבנ די אויגנ שטאָלצע זיכ אונ גראַדע,
ווענ דורכגעהילכט איבער דער גאַס האָבנ צום ראַנד
פאַרדעקטע לאַסטוואָגנס מיט בערג סנאַריאַדנ.
מע האָט זיי דאָ, אַפ מאָסקווער ערד, געגרייט,
געשליפנ האָבנ מיידלעכ זיי מיט הייליקײַט אונ ציטער
אונטער די אומשולדיקע שילדנ פונ געוועלבנ אַלערליי
אונ אַפ זאַוואָדנ מאָסקווער, פונ באַמבירונג אויסגעהיטע.
אונ דוואָרניקעס, אינ ווײַסע פאַרטעכער פאַרפּוצט,
געקראַצט האָבנ דעם ברוק, אונ אַלצ האָט אויסגעדאַכט זיכ ווייניק;
א יעדער שטיינ געווענ איז אייגנ אונ פאַרהאָר'וועט גוטס,
אונ מאָסקווע האָט געווען, ווי א ווונדער-מוראַווייניק.

IV

זיך אײַנגעהערט סאַדאָווסקי האָט אין יעדן שטײַג,
אין יעדן שנײַעלע, וואָס האָט געפּרוּווט אַ רויש טאָן.
אים האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אַלע מענטשן זײַנען שײַן,
אין פּעלצן שמויסענע און אין קורנאָסע פּוישטן.
פֿאַרבײַגײַין זעט ער זיי צום ערשטן מאָל,
און מער וועט ער זיי פֿאַר געוויס ניט זען שוין,
נאָר ס'וואַרפֿט פֿאַר פֿרייד אין גאָרגל זיך ז'אָס קאָל,
וואָס אים אַנטקעגן קומען אָן אַזוי פֿיל מענטשן,
וואָס ער איז דאָ, אין מאָסקווע, צווישן זיי,
צווישן די אומבאַקאַנט-באַקאַנטע, היימישע און נאָ'נטע,
וואָס ס'גייט אַזאַ פֿאַרקלערטער יאָמטעוודיקער שנײ,
וואָס גאַלקעס יאָגן זיך נאָך אים מיט אַ הו-האַ, ווי אַף אַ יאָמטעוו.
דער רויש געוועזן אים זיסער איז פֿון ווײַן,
באַטרונקען פֿון דער הויך האָט אים עלעקטרישער געטרײַבער;
צו דעם ניעסקוטשני סאַד געגאַנגען איז אַ טראַמוואַי,
און זיך געטראָגן האָט קיין כימקי אַ טראָליבוס.

V

ניעסקוטשני סאַד האָט אים אַ קלונג געטאָן מיט גאָלד,
מיט ווײַטע טעג, מיט יוגנטלעכן אָפּשײַ.
די דײַטשן הערן זאָלן עס, האָט ער געוואָלט,
די דײַטשן, וואָס מיט בלוט זיי גייען ערגעץ אָפּ שוין.
זיי זאָלן הערן עס פֿון רוסלאַנד אַף אַ שטרעקע ווײַט
דורך ביימער רוישיקע, פֿאַרהילט אין שנייען,
ס'זאָל טיפֿער יעדער קלאַנג דערלאַנגען אַ פֿאַרשנײַד
און זיי די טריט מיט ווינד און ווײ פֿאַרווייען.
זיי זאָלן הערן, ווי עס קלינגט איצט אויס פֿונדאַנען דער טראַמוואַי,
אָנגעלאָדענער מיט טומלדיקע מאָסקווער פּאַסאַזשירן,
און יעדער שנײַעלע, וואָס בלאָנדושעט דורך פֿאַרבײַ
מיט טויזנטער פֿאַרשיידענע קאָלירן.
געהאַט זיי האָבן אין בינאָקל שוין געזען פֿאַר זיך
אי דעם ניעסקוטשני סאַד אי דעם וואָקזאַל פֿון כימקי.
אַף אַ פּאַראַד אין מאָסקווע זיך אַרײַנרײַסן געריכט, —
און צ'ריק מיט טרעלבײַכער צעטרייבערטע געלאָזט זיך הינקען.

VI

זיי האָבן אלץ געזען, וואָס זען אן אויג נאָר קאָן,
דורך מאָרד און רויב אין סרייפעדיקן יורן,
פארגעסן בלויז, ווי ס'האָט אריבער הונדערט יאָר צוריק נאפּאָלעאָן
זיך בא סמאָלענסק געזעגנט מיט זײַן רום און מיט זײַן גורל.
זיי האָבן אויסגעשטעלט אפּ גאנצע טויזנט יאָרן פאָר
דורך כורבן און דורך אש דעם רום פון דער אימפעריע,
און ניט באמערקט זיי האָבן בלויז די פינפ און צוואנציק יאָר,
וואָס זײַנען אופגעגאנגען די אומפארמײַדלעכקײַט דערקלערן.
זיי האָבן אלץ געזען, און אלץ באשטאט,
און אויסגערעכנט אלץ מיט גיר און מיט צעשטערונג,
בלויז ניט געזען, ווי ס'רײַסט ארויס א רוסישער סאָלדאט
פון זייער טאנק די גײַווע מיט די שטאָלענע געדערים.
אינערגעץ ניט דערלאָזט פאר זיך קיין מינדסטן גרײַז,
און מיט דער פינקטלעכקײַט געפּאָכעט זיך, ווי מיט א ווייער, —
זיי האָבן בלויז געהאט א טאָעס אין דער פרײַז,
פאר וועלכער ס'שיידט זיך מיט דער וועלט א רויטארמייער.

VII

מיט א געלײַטערט-אָפּגעפרישטן קאָפּ
פארקערעוועט צום אלעקסאנדער-גאָרטן האָט סאדאָווסקי;
עס האָבן קינדער דאָרט אפּ שליטלעך אופּ און אָפּ
מיט א געצוויטש פון פייגל אלע ווײַל געלאָזט זיך.
און יעדערער — אפּ א באזונדער גראד,
און יעדערער — מיט א באזונדער צויבער;
די ביימער — אויסגעפּוצט, ווי אפּ א מאסקאראד,
וואָס האָט זיך נאָך דערווײַל ניט אָנגעהויבן...
אן אָרט סאדאָווסקין אָפּגעטראָטן אפּ א באנק
האָט א באיאָרטער מאן נעבן אן איבערגעדעקט וויגל;
סאדאָווסקי האָט באטראכט דאָס קינד: — א דאנק! —
און ס'האָט דער אלטער מיט א שאל געטאָן עס א פארוויקל.
— עס זעט זיך אויס, פון פראָנט זײַט איר ניט לאנג? —
האָט, פרעגנדיק, דעם שטאָק ארויסגעלאָזט ער.
— און איר? — האָט אים סאדאָווסקי גלײַך דעם שטאָק דערלאנגט.
— א דאנק!.. און מיר? די קינדער היטן מיר די מאָסקווער!

VIII

ער האָט באַוועגט זיכ אײַליק אונ געשווינד,
ווי זיכ פאַרענטפערט, וואָס באַם וויגעלע מ׳האָט אים געלאָזט דאָ;
נאָר מיט באַשײַמפּערלעכנ שטאָלצ א ווײַז געגעבנ אפנ קינד:
— דער טאַטע זײַנער פּליט... אינ הימל איבער מאָסקווע...
א העלד... ער זעט עס זעלטנ-ווענ...—
האָט צו דעם הימל ער א הייב געטאָנ די אויגנ.
— אונ איר? — האָט שמייכלדיק צו אים סאַדאָווסקי זיכ געווענדט.
— כ׳האָב אויכ געפּרוווט... נאָר כ׳בינ איבערגעצ ניט דערפלויגנ...—
געקוליעט האָבנ קינדער זיכ מיט גלאָקעדיקער פרייד,
די שליטלעכ — אופ אונ אָפּ. עס איז געווענ ניט פרי שוינ.
אונ פונ די צומבאַקאַנטע פרײַנט די שטילע רייד
באַגלייט דער שניי האָט מיט א לײַכטנ קישעפּ.
— פאַר מײַנע צײַטנ, כײַערער כאָלדאַט, —
געזוכט דער אַלטינקער א מאָשל האָט אזא מינ, —
האָט רוכלאַנד צו א ניד׳ריקע פאַרוואָלקנטקײַט געהאַט,
אונ פליִענ איז געווענ אומעגלעכ דאַמאָלט...

IX

ווער ס׳האָט זיכ דורכגעשלאָגנ — איז געווענ א גליק.
אצינדערט — ביטע!.. ווער סע וויל אונ ווער סע קאָנ נאָר!..
נו, איכ וועל גיינ! — האָט ער דאָס וויגעלע א נעמ געטאָנ צוריק, —
ס׳איז פאַרנ קינד, ניר דוכט, צו פיל... א ביסל א סאַקאָנע!.. —
ער האָט זיכ אופגעשטעלט: — ס׳איז איצט דער הימל קלאָר אונ העל,
די דײַטשנ קריכנ מער ניט, כאָווער, אזוי פרעכ הײַנט...
זיי האָבנ אונטער מאָסקווע, בא דער סאַמע שוועל,
געוויס אפּ אזא בראָכ ניט אויסגערעכנט. —
אינ גאָרטנ האָט געהילכט א קינדערישע פרייד,
אפּ שליטלעכ אופ אונ אָפּ געיאָגט זיכ ראַשיק.
— זיי וועלנ קריכנ נאָכ. זיי וועלנ קריכנ טויטערהייט.
זיי וועלנ אזוי גיכ זיכ ניט באַרויִקנ, פּאַפּאַשע! —
געפינקלט האָט פאַרקלערט דער דימענטענער שניי,
א הייב געטאָנ דעם בליק סאַדאָווסקי האָט צום הימל:
— אַדורכגעגאַנגענ מאָסקווע איז דערווײַל זיכ איבער זיי,
פּונקט ווי מע גייט אפּ גלאָז אַדורכ זיכ מיט א דימענט..

X

אצינד באדארפ זיי ערגעצ אָניאָגנ דער בראָכ,
ער וועט זיי אָניאָגנ, אונ — אמבא!
פונ צוויַיגנ טרוקענע געהערט האָט זיכ א שאָרכ,
אונ אפ די שפּיצנ ביימער האָבנ ווינטנ זיכ געאמפּערט.
געווענ א יעדער קינד איז איצט אימ אזוי נאָ׳נט,
א יעדער שנייעלע געצויגנ זיכ צו אימ האָט:
אָ, מאָסקווע!.. אנדערש זײַנ האָט ניט געקאָנט,
בלויז דיר באשערט געווענ אינ זײַנ דער שנײַדנדיקער דימענט!..
געקוקט האָט לאַנג סאדאָווסקי אפ דעמ אלטנ מאנ,
וואָס האָט מיט ביידע הענט זיכ פארנ וויגל אײַנגעקלאמערט.
עס האָט זיכ אימ דער דאָקטער אפ אנ אויגנבליק דערמאנט,
ווי אימ אינ דער ארומרינגלונג באגעגנט האָט ער דאמאָלט.
זיכ צוגעזעצט האָט ער זיכ ווידער אפ דער באנק,
געדעמערט האָט אפ אימ די וואנט מיט אוראַלטלעכע שפּורנ,
אונ מיטאמאָל האָט זיכ א לאָז אראָפּ געטאָנ דער קלאנג,
ווי א מוידאָע איבער מאָסקווע פונעמ קרעמלדיקנ טורעמ.

XI

סאדאָווסקינ האָט זיכ אויסדריקלעכ געדוכט,
א יעדנ קלאנג מיט פאָרכטיקײַט פארנעמענד,
אז ס׳רעדט אזוי זיכ פײַערלעכ אדורכ
מיט גאָרער וועלט דער אופגעוויגטער קרעמל.
געשפּרייט האָבנ זיכ קלאנגענ לאנגזאמ אונ באדאכט,
ארויסגעפלויגענע מיט גרויזאמקײַט פונ טורעמ,
אונ אופגעוועקט אינ רוימ א פראָסטיק-דרעלמדיקע פראכט,
אונ אָנגעפילט די ווײַט מיט רויִקײַט אונ גוורע.
מיט א פאנאנדערפאָכ זיי האָבנ זיכ געלאָזט
אינ זיבנ פלאכנ איינס דעמ צווייטנ נאָכגיינ;
א הויכ פונ זיי געגאנ איז אפנ פראָסט,
ווי פונ צעווארעמטע, פונ הוילע גאָרגלענ.
אינ יעדנ קלאנג האָבנ זיכ אָפּקלאנגענ געהערט,
אינ יעדנ אָפּקלאנג האָט די צײַט געלאָזט זיכ הערנ:
ווער אופהייבנ אפ רוסלאנד וועט א שווערד,
וועט פונ א שווערד פארטיליקט ווערנ!

XII

און אַף דעם שוואַרצן ציפּערבלאַט אַ ציטער האָט דערלאַנגט,
גלײַך ווי אַן אויסגעשטרעקטע שווערד אַ גאָלדענע, דער ווײַזער.
געהערט האָבן זיך אָפּקלאַנגען אין יעדן קלאַנג
פֿון אָפּגעפּלאָסענע יאָרהונדערטן פֿון גרײַזע...
אַראָפּגעלאָזט האָבן די קלאַנגען זיך מיט גלי,
ווי האַמערס אַף קאָוואַדלעס, און פֿונקען זיך אויפֿגעהויבן:
דער, וואָס פֿון פֿרײַהײַט אָנגעצונדן האָט דאָס ליכט,
וועט עס פֿאַרלעשן קיינעם ניט דערלויבן!
אַדורך זײַנען די קלאַנגען פֿרײַ פֿון האָריזאָנט דעם זוים
און דורכגעבראָכן אַ יעדן צוים און יעדע פּענטע.
עס האָט זיך צוגעהערט דער ווינט, זיך צוגעהערט דער רוים,
און זיי אַף כוואַליעס ווײַט איבערגעענטפֿערט.
געטראָגן פֿײַערלעך האָבן די קלאַנגען זיך צום ראַנד,
פּונקט ווי מיט רו מיט אָוונטיקער אָנגעפֿילטע עמער,
און מיט די שלאַכט־נעסטן די אוראַלטע, געוועלבטע אין דער וואַנט,
אַנטפּלעקט האָט רוסלאַנדס גורל אַפּדאָסנײַ דער קרעמל...

19. טאָניעס קאָל

I

אַ שאַרבן פֿון אַ פֿערד, געפּאַנצערט מיט אַ קאַסקע,
אַ קאָפּ פֿון אַ יעפֿרייטער, גריוועדיק און העל,
איינעם פֿילן אין אַ קאַליוזשע, צעכראַסטעט,
פֿאַרדעקטע מיט אַ גריבעם דײַטשישן שינעל.
זיי שלאָפֿן באַזנדיק אין זומפּ פֿאַרוווּנדערט,
פֿון גרונטן שוויביקט שימל זיך צעגרינט.
דער פֿרילינג בעט מיט קויט צעטײַעטן זיי אונטער,
און ס'רײַסט די דעק אַראָפּ פֿון זיי דער ווינט.
ס'באַהויכט זיי טויטערהייט צום ערשטן מאָל ביזאָיען,
די ציין אַנטבלויזט, נאָר אָנמעכטיק צו טאָן אַ ביס.
צוקאָפּנס קוקט זיך שטיל אין זיי אַ קראָ איין
און קערט מיט עקל אָפּ פֿון זיי דעם פּיסק.
אין אַ צעלייגטן דעמב זיך קראַצט אַ טאַנק אַ קריפּל,
דאָס זשאַווערדיקע אינגעווייד ווי גאַל פֿון אים זיך טריפֿט;
מיט בלאָטע אָנגעשטאָפּט דער בויך און זײַנע ריפּן,
צעדרייטע ציינקאַסטנס — פֿאַרכליופּעט אין אַ ריוו,

II

אנ אויסגעסאדערטנ מיט פלעשער פונ שאמפאניער,
מיט מאסקעס קעגנגאזיקע אונ קעלישאָקלעכ פאר קאָניאק —
דאָס איז דער איבערבלײַב פונ פאָלקנ פונ גערמאניער,
וואָס זײַנענ, שיקערע, געגאנ אפ מאָסקווע, ווי אפ יאגד.
ס'איז שטיל אינ וואלד. קײנ פײגלשער געהאווע.
ווי קוואָרים קוקט בלינדאזש זיכ אײַנ אינ א בלינדאזש.
דער וועג זיכ שפרײט אפ וועסט פונ מאלאָיאראָסלאוועצ,
דער וועג פונ בראָכ, צוריקלויפ אונ פונ אש.
זײ האָבנ ווינטערנ אינ וואלד געקליבנ זיכ א ווינטער,
סילוועסטער דאָ באגערט באגעג'נענ האָבנ זײ.
געגאנגענ זײַנענ בײזע רוסלענדישע ווינטנ,
באלאגערט האָט זײ דאָ דער רוסלענדישער שנײ.
נאָר שיקער זיכ געשוימיקט האָבנ האָפערדיקע טאָסטנ
מיט טרערנ אונ מיט ווײ פונ קינד אונ קײט —
פאר א פאראד־אלײ א בלוטיקנ אינ מאָסקווע,
וווהינ גערמאניע האָט ראשיק זײ באגלײט.

III

בורגונדער ווײַנ, קאָנסערווג פונ נאָרוועגנ
אונ זעקס אונ נײַנציקער מיט רוסלענדישנ שפעק;
אונ בריוו אהײמ מיט צוגעזאָגטע רוסישע פארמעגנס,
מיט אדרעסנ קײנ מאָסקווע אפ צוריק — דירעקט.
אונ ס'האָט דער ווינט געלאכט, צעקאטשענדיק די בײמער,
דער ווײַסער רוימ פונ אָפהילכ האָט געפלאצט.
די בריוו ניט אָפגעשיקט פונ וואלד אהײמ מער,
געװײַלט זײ אָפשיקנ דירעקט פונ רויטנ פלאצ.
אונ מיט א ריוו זײ האָבנ זיגרײַכ זיכ באנוגנט,
א קײווער אינ א קאליוזשע — הארכאָוועדיק באמ וועג.
א צײלעמ פונ א טאנק. דאָס וואָיענ פונ א וויוגע
אונ דער שינעל דער גרינער — פאר א דעק.
ס'איז שטיל אינ וואלד. דער פרילינג קישעפ פראוועט,
צומ אקער אונ פארזײ איז גרײט די ערד.
דער וועג זיכ שפרײט אפ וועסט פונ מאלאָיאראָסלאוועצ,
דער וועג פונ צ'ריקלויפנ אָנ פיס אונ אָנ דער שווערד.

IV

באַדעקט מיט גריִנס האָבן זיך פעלד און טאָל,
און דאָך אַדורכגעשפּאַרט דאָס אַש פֿון אומעטום האָט.
סאַדאָווסקי אויסגעשריבן האָט זיך פֿון שפּיטאָל,
ווען ס'איז געווען שוין העט א שטיק אין זומער.
א וועלט א פֿרידלעכע אַרום אים בליט
און הײמלעך איז אַזוי צו איר גענענען.
געווען זומערדיק איז זײַן געמיט,
און אויפֿן האַרץ איז זומערדיק געווען אים.
עס האָבן אָפּגעבּרענטע היימלעך אויך געבליט,
צו וווּקס האָט יעדער נישער זיך געצויגן.
ער האָט אַן אומגעדולדיקײַט דערפֿילט אין זײַנע טריט,
אַן אומגעוויסטיקײַט אין זײַנע אויגן.
און זיס איז אים געווען צו קוקן אויפֿן גראָז
און אָטעמען מיט כעדווע אַלע זיבן טאַמען;
ניין, ביזן סאָף זיך אומבּרענגען האָט ניט געלאָזט
די קלוגע ערד — פֿון גאָר דעם זײַן די לעבעדיקע מאַמע.

V

ס'האָט יעדער בוים געהאַט א מום, און יעדער צווײַג א ווּנד,
נאָר דורכגעשוימט האָט בלי אין יעדן אָרט זיך.
אויב אָפּגעקלאַפּט זײַנען געווען די קרויִנען ווו-ניט-ווו,
זײַנען געבליבן פֿעסט און ניט-גערירט די וואָרצלען.
געפֿילט האָט עס סאַדאָווסקי דער סאָלדאַט,
געפֿילט האָט עס דער אַגראָנאָם סאַדאָווסקי,
און האָט אין דעם א טרייסט א מונטערע געהאַט,
און מוט געשעפּט, און קראַפט אויף דעם געמאָסטן.
ער מיט א יאָר צוריק איז פֿון דער היים אַוועק,
אַדורכגעגאַן פֿאַרשיידנס — גלײַך מיט אַלע.
עס האָט זיך אים דערמאָנט דער זומערדיקער וועג,
דורך וועלכן ס'האָט באַגלייט וואָס-אָנע צום וואָקזאַל אים.
אָט שטייט פֿאַר אים דער זיידע צווישן אייניקלעך און זין,
ער זעט, ווי מיט די סיווע באַקענבאַרדן זיך צעלאָזט ער:
„מיר וועלן פֿרי'ר דאָס דריטע מאָל אַרײַנגיין קיין בערלין,
איידער זיי וועלן ס'ערשטע מאָל אַרײַן קיין מאָסקווע!“

VI

און פאר דער צײַט, וואָס ער איז אָפּגעלעגן אין שפּיטאָל,
האָט ער א סאך געקלערט, איבערגעקלערט דאָרט,
און זיך געכאפּט, אז ס'בלאָנדזשעט אין אים טאָניעס קאָל
און טאָניעס קלינגענדיק געלעכטער.
ווי דאן, צום ערשטן מאָל, אין פעלד — געגוי,
ווען זי האָט מיטן פערד זיך צוגעשטעלט און מיטן האָניק
און זיך געמאָלדן קינדיש און פארשײַט אזוי,
מע זאָל זי שוין פון הארץ ארויסרײַסן ניט קאָנען...
אָט דאָס איז אויך געגאן צושטײַער אין געמיט,
אָט דאָס האָט אויך צעלויכטן אין זײַן בליק זיך:
און עפּשער צוליב דעם האָט אים געדוכט, אז ס'בליט
א יעדער אָפּגעברענטער בוים און אונטערוועגדיק געוויקסל.
געטריבן דעם געדאנק האָט ער פון זיך,
ארויסגעשלעפּט וואסיאָנעס בריוו, מיט ביימלעך פון זײַן זון באמאָלו;
נאָר ס'האָט ניט אָפּגעטאָן פון אים זיך דאָס פארברוינט געזיכט,
און אופגעוועקט דאָס גלעקלדיקע קאָל האָט אלעמאָל אים:

VII

„נו יאָ!.. ווי אלע מיידלעך דאָ, בא אונדז אין לאנד", —
לייגט ער צונויף דעם בריוו פון זײַן וואסיאָנען,
און קוקט אף דעם צונויפגעלייגטן בריוו נאָך לאנג,
און קער עפּעס א שולדיקער זיך אָן אים...
ער לייגט אים אין פלאנשעט ארײַן צוריק,
און ס'גיט אין אים דאָס הארץ מיט ווי א וואָרף זיך:
צו וואָס נאָך אָט אזעלכע ווונדן אף דעם קריג?
צו וואָס זיך אומטראָגן מיט זיי, סאדאָווסקי?
עס בענקט נאָך נאָענטקײַט צו עמעצן זיך גלאט,
עס בלאָנדזשען היימלאָזע ארום פארלאנגען און באגערן.
ער איז דאָך אף דעם קריג, ווי יעטווידער סאָלדאט,
און יעדע צארטקײַט איז אים ליב, און ער איז יעדער גערן...
וואסיאָנע! — האָט זײַן הארץ מיט ווי געטאָן זיך א באגאָס, —
וואָס האָט ער איר אין לעצטן בריוו אזוינס געשריבן?
„...ביז איצט געוווינען האָבן מיר אין דער מילכאָמע דאָס,
וואָס ניט פארשפּילט מיר האָבן זי, מײַן ליבע..."

20. א קאַפּעלע מיט בעטהאָווענ

I

דער זאַנדערפיורער קלאָפּס איז ווידער אפ זײַנ אלטנ אמט.
נאָר מעלאנכאָליע טאליאַנישע פונ מאָל צו מאָל באפאלט אים.
ער האָט זיכ אפ זײַנ רײַזע אונטער מאָסקווע ניט געוואַנט,
אפ דעם ניט-פאָרגעקומענעם פאראד זיכ ניט פארהאלטנ,
קיינ צײַט קיינ איבעריקע האָט ער איינפאכ ניט געהאט
זיכ אינ דער לרושע אונטער מאָסקווע צו פארזיצנ.
אימ איז נאָכ פאָרגעשטאנענ אײַלנ זיכ אפ א פאראד
אינ לענדער פיל, ביז אינדיענ, אינ דונער און אינ בליצנ!
ער איז געבליבנ אומבאזיגט, און שטאָלצ, און הארט,
דעם בראָכ באגרינדנ וועט די דײַטשישע פילאָזאָפי דערנאָכדעם.
עס האָט צו אימ זיכ ווייניק-וואָס געקלעפּט דער גײַסט פונ שלאכט,
געטראָגנ האָט ער זיכ אפ דער סטיכיי פונ שאפנ נײַע אָרד׳נונג.
עס האָבנ בליצנ זיכ געשניטנ דורכ זײַנ קאָפּ,
די טויערנ צו שטעט און דערפער אופגעשפארט אימ.
נאָר ער האָט זיכ דערווײַל אראָפּגעכאפּט צוריק קיינ גראָנאָטאָפּ,
ביז מיט דער וועלט וועט דײַטשלאנד ווערנ פארטיק.

II

ער איז רעאל. און ליב האָט ער דעריבער גראָנאָטאָפּ,
ווײַל איבערציילנ קאָנ מענ דאָרטנ אלצ מעזומענ:
אויב בא א ייִדנ אָפּגעהאקט א קאָפּ, איז עס א קאָפּ,
אינ זעט ער אימ און ווייסט: דאָס איז דעם רײַכ דעם דײַטשנ צוגעקומענ.
אויב צוקומענ וועט עפּעס נאָכ, איז וועט מענ זענ,
איז וועט מענ איבערציילנ אקוראט, און דאמאָלט — ביטע!
די הויפּטזאכ — האָבנ עס אינ טאש און האלטנ מיט די הענט,
אויב ניט דאָס גאנצע, איז א העלפט. זאָל זײַנ א דריטל!
אז וואָס אזוינס האָט אימ אינ גראָנאָטאָפּ געפעלט?
וואָס האָט ער דאָרטנ ניט געהאט צו זעט דענ?
אינ זײַנ רעשוס איז דאָרט געווענ א גאנצע וועלט
מיט שטראָפּ-ראָטעס, מיט לאגערנ און מיט א געגנטלעכער געטאָ.
און אויב אפילע גראָנאָטאָפּ איז ניט פונ גאנצער וועלט די מאָס,
איז, אייגנטלעכ, וואָס האָט עס פאר א ווערט דענ?
דערפאר איז ער אליינ דאָרט אומבאזיגטער באלעבאָס,
און ס׳איז זײַנ הערשאפט ווירקלעכ עכט און מעכטיק!

III

איז נאָך דעם בראָך אַפּ אונטערמאָסקוועדיקן פעלד
געבעטן האָט זיך קלאָפּס צוריק אַפּ פּיורערישער ארבעט,
ביז אײַנעמען גערמאַניע וועט די גאַנצע וועלט,
ביז אָנטאָן וועט גערמאַניע דער וועלט דעם זיגערישן שארבן.
דערווײַל איז יעדער פּויער דאָ באַ אים אין פויסט,
און יעדער פּויערטע באַ אים אַזוי דיסקאָנט זיך צאַפּלט,
און יעדער ציג אַליין זיך מעלקט דאָ פאַר אים אויס,
און האָניק לאָזט אַ יעדער בינשטאָק פון זיך צאַפּן.
צו זײַן געבראַוּ איז אים דאָ יעדער קו.
פון יעדער גראָנאָטאָפּער קאַליוזשע, ווי פּ׳ן אַ וואַזע,
אַפּ אים דערשראָקן-אונטערטעניק קוקט
מיט דיקעס אָנגעשוואָלענע אַ יעדער כאַזער.
ס׳איז, עמעס, ווײַט ניט קיין פּאַראַד, ער טוט עס גרינטלעך אַ באַזינ:
פון מאָסקווע איז עס ווײַט. אינגאַנצן עפּעס אַנדערש.
דאָ פאַלט מיט אים זיך ניט צונויפ דעם פּיורערס געטלעכע דאָקטרינ,
דאָ גייט ער מיטן פּיורער זיך אַ ביסעלע פאַנאַנדער.

IV

ער וואָלט ניט מוירע האָבן, ס׳זאָל אַראָפּפּליִען זײַן קאָפּ,
וואָלט ער צום פּיורער זיך געווענדט, צו וויסן טאָן געלאָזט אים,
אַז בעסער איז אַ הײַזעלע אַ קליינס אין גראָנאָטאָפּ,
איידער אַ קאַליוזשע אַ גרויסע אונטער מאָסקווע...
ער ווייסט, אַז אײַנעמען אַ סאַך איז נאָך פאַראַנ,
מע וועט נאָך לאַנג זיך מוזן שלעפּן אַפּ פּאַראַדן,
אַהינצו ערגעץ, קיין קאַווקאַז, קיין אינדיע און קיין איראַנ,
כאָטש אים אַליין וואָלט, אייגנטלעך, געקלעקט דער מאָסקוער... שאַדע!.
און אין זײַן אומבאַגרענ׳צטער מאַכט זיך באָדנדיק צו זאַט,
געפינט דער זאָנדערפּיורער קלאָפּס דאָך ניט קיין רו זיך:
געוויס וואָלט ניט געווען איבעריק אין מאָסקווע אַ פּאַראַד,
ווען ניט באַדאַרפן זאָל מען נעמען מאָסקווע באַ די רוסן!..
קיין שרעק ניט לויערן אַזוי זאָל נאָך זײַן פעל,
וואָלט ער צום פּיורער זיך געווענדט, געראָטן פּראָסט אים:
באַשטעלט, געזאַלבטער, אַ פּאַראַד אין גאָר דער וועלט,
ווו, אומבאַזיגטער, אײַך געפעלט, נאָר ניט אין מאָסקווע!

V

ער וואָלט דערווײַל קיין גראָנאַטאָפּ אהער
דעם פּירער מיט דער סוויטע אײַנגעלאדן,
און פאר דעם אומבאזיגטן דײַטשישן געווער
אוועקגעלייגט אין געטאָ א פּאראדל,
פארווירקלעכט זען דער פּירער זאָל זײַן טרוים,
די פּרוכט פון דײַטשלאנדס דראנג נאך אָסטן.
כאָטש ס׳לייזט נאָך ניט ענדגילטיק די פּראָבלעם פון רוים,
אפּ וועלכן ס׳האָט גערמאניע זיך פארמאָסטן,
אָבער דער היכער גראד פון גײַסט
וועט דאָ אנטפּלעקן אָן א סאָף זיך.
דאָ וועט דער פּירער זען, אז ניט געגרײַזט
האָט ער, פארטרויענדיק זיך קלאָפּסן.
האָט קלאָפּס דען ווערן נים געקאָנט א דענקער אויך?
צי פון מוזיק די טיר איז ניט געווען דען פאר אים אָפן?
נאָר אז דאָס פאָטערלאנד האָט פאר א זאָנדערפּירער אים געברויכט,
האָט ער זײַן מוזע ריטערלעך פאר דעם געאָפּפערט!

VI

דאָך מיט פאראָרדענונג איז ער ארויס
און אָפּגעגעבן שטרענג האָט א באפעל ער,
אז די פארורטיילטע, אין לאגער בלויז,
באשטאטן זאָלן שנעל א קלעזמערשע קאפּעלע.
פארבענקט האָט ער זיך דאָ א ביסל נאָך מוזיק,
דערמאָנען דארפן קנעכט פארדאמטע אלעמאָל אים
אין דײַטשלאנדס בליציק-בליאסקעדיקן זיג,
ווי אויך אין זייער לעצטער און ענדגילטיקער מאפּאָלע.
און נאָך האָט א פארלאנג געלאָקט אים און געפּלעט,
צי אין עס פאר א דײַטש ניט אָנגעמאָסטן גלאט דען,
א קוק טאָן, ווי א יודע כאפּט זיך אָן פארן קלארנעט
און בלאָזט ארויס דורך אים די זעל באנאנד מיט א רולאדע?
עס מוז דאָס בילד סאקראמענטאל-טשיקאווע זײַן
און אומגעהייער נעט און פּורכטבאר-נאָבל,
ווען ס׳קלאמערט זיך א יודע אין א פידל אײַן
באַם גרוב, וואָס ער פאר זיך אליין האָט אויסגעגראָבן!

VII

אין פלודער-טאשן אופגעבלאָזונע די הענט געפּאַסט,
האָט קלאָפּס געשאַפּט זיך, ציִענדיק זיך אַפּ די קנעכל.
נאָר ניט די הויכע הוט און ניט דער הויכער ווײַבערשער אָפּצאַס
אים האָבן ניט געמאַכט קיין טראָפּן העכער.
האָט ער צעעפֿנט יעדער ווײַל פֿון קאַס דאָס מויל,
דאָס סליונעדיקע ליפּן-פֿלייש פֿאַרקאַשערט, גלײַך ווי אַרבל.
און דורך די שיטערלעך-צעשטעלטע ציין געגאַנגען איז אַ געהויל,
ווי פֿון אַן אָפּגעשונדענעם און צוגעדעקטן שאַרבן:
— מוזיק! — זײַנען געקראָכן אים אין מויל די האָר, —
מוזיק! — האָט, אויסשפּײַענדיק איינע, ער פֿאַרהאַקט זיך.
געווען איז לאַגער איז פֿאַר אַלעמען שוין קלאָר,
אַז קלאָפּס גרייט צו אַ נײַע, אָרדנטלעכע „אַקציע"...
ס'האָט אַפּ דער טרויעריקער ערד פֿון לאַגער שטיל געשנייט,
וועגן דעם טויט דערמאָנט האָבן די קוואָרימדיקע רידלען...
און ווי פֿון קרייץ אַראָפּגעגאַנגען צעלעכערט איז אַ פֿלייט,
און מיט די פֿענעמער צו דר'ערד געלעגן זײַנען פֿידלען.

VIII

זיי האָבן צו די כופּעס כאָכנ-קאַלעס יאָרנלאַנג באַגלייט,
געדאַכט האָט זיך, אַז ס'שמעקט נאָך אַלץ פֿון זיי מיט לעקעכער און פֿלאָדן.
נאָר גריבער זײַנען שוין געווען גרייט,
און אויטאָמאַטשיקעס מיט גיך ס'געווער האָבן געלאָדן.
זיי האָבן זיך געסאַדערט זאַכלעך, שפּאָרעוודיק און גיך,
זיך דורכגערעדט געשיקט מיט אויטאָמאַטישן געקליכפּער.
עס האָבן קאַסקעס צוגעדעקט בײַ יעדערן פֿון זיי ס'געזיכט,
געזען זיך האָבן בלויז די שוואַרצע רימענדלעך אַרום די קינבעק.
און אַ פֿאַרפּײַניקטע פֿון הונגער און פֿון קלעפּ,
מיט בערד אַפּ דורכזיכטיקע פּענעמער אַפּ העלע,
האָט ווי פֿון יענער וועלט זיך אומעטיק געשלעפּט
צו דער פֿאַרגרייטער גרוב די קלעזמערשע קאַפּעלע.
געהאַט אַן אויסזען פֿון אַ טשאַטע אָוולדיקע פֿייגל האָבן זיי,
אַזאַ, וואָס גייט צופֿוס. די פֿליגל — אונטער פּאַכוועס.
געגאַנגען ווי אַ באַשטראָפֿטער איז דער שניי,
און נאָכגעקוקט מיט שאַנד פֿון הינטן האָט די ראַכוועס...

IX

די קעלנער אופגעשטעלט — געגאנ צוריק זיי זײַנען פונ דער וועלט
דורכ שלענגלדיק-צעשפרייטע גרינע נעצנ.
ווי גאָלדענע אימפעריאלנ — קלינגענדיק אונ העל —
פארשפילט זיי האָבנ איר אזויפיל פריילעכסנ, באדעקנס אונ באזעצנס...
געגאנגענ זײַנענ זיי, ווי פונ א רײַכער כאסענע אהיים...
פארטאָג... א ביסל וואקלענדיקע זיכ... א ביסל מידע.
די וועלט געוועג איז אומפארשטענדלעכ אונ געהיים,
באלייגט האָט זי אינ גריבער, ווי נ׳א כופע-בעט, די ייִדנ.
באם פויקער האָט די הוט געהאלטנ קוים זיכ אפנ קאָפּ,
אונ ס׳האָט דער קאָפּ געהאלטנ קוים זיכ אפ די אקסל.
געקוקט דער קלעזמער האָט די גאנצע צײַט אראָפּ,
אונ יעדער ווײַלע האָט זײַנ בליק אינ עפּעס אימ פארהאקט זיכ.
א קעלבל דורכגעבלאָנדושעט האָט דעמ וועג,
א קוק געבנ אפ דעמ איז צײַט געוועגנ שוינ אזוי ווייניק.
דאָס קעלבל האָט געטאָנ אינ אימ די קינדהײַט א דערוועק,
אונ זיכ ניט אָפּרײַסנד פונ דעמ, האָט שטיל ער אָנגעהויבנ וויינענ...

X

די קלעזמער אויסגעסאדערט קלאָפּס האָט אינ א קרײַז
ארומ דער גרוב, ווו ס׳האָבנ זיכ צעשאָסענע געקייטלט.
באמ הימל האָט דאָס הארצ געטאָנ זיכ א צערײַס,
אונ אויסהאלטנ האָט ניט געקאָנט די ערד דעמ ווייטעק.
פארוואָרפנ אפ די פידלענ קלעזמער האָבנ קעפּ
גלײַכ ווי אפ פלאכטעס, ווו די האק דעמ גאָרגל טרײַ איז.
אונ טוטלער האָבנ מײַלער אינ די טוטלענ אײַנגעקלעפּט,
וואָס גיכער אויסהויכנ דורכ זיי דאָס כײַעס.
אינ פלוצעמ האָט צומ ריוו פונ ערגעצ ווײַט געטאָנ א טראָג
אנ אלטנ מאנ. א ווונק די קלעזמער האָט געגעבנ שנעל ער.
אנטבלויזט דעמ קאָפּ. אינ א פארצײַטיקנ א שווארצנ ראָק.
די הענט — א הייב. אונ דיריזשירנ זיכ געשטעלט מיט דער קאפּעלע.
צי דאָס האָט דער קאפּעלע זיכ געדוכט נאָר בלויז,
צי האָבנ זי האליוצינאציעס געהאלטנ שוינ אינ כאָוועג, —
אונ פונ איר הארצ א ווינט איז וואָיענדיק ארויס:
געבראכט אהער, צומ ריוו, איז אויכ בעטהאָווענ!

XI

באם זאָקן האָבן זיך די האָר געכוואַליעט אפֿן ווינט.
די ליפּן — אָוולדיק און האַרט פֿאַרשלאָסן.
פֿון זײַן זיקאָרן האָט געטאָן געזמאַניע א פֿאַרשווינד,
פֿאַרגעסן האָט זיך אים געוואָלט דאָס דײַטשע לאָשן.
קיין היימלאַנד האָט ער דאַמאָלט ניט געהאַט שוין גלײַך ווי די,
וואָס זייער בראָך האָט אויפֿגעוועקט פֿון קיווער דאָס געביין אים.
עס וועט ניט אויסקויפֿן זײַן וווּנדערלעכסטע מעלאָדיי
דעם טויבן פּאַל אין גרוב, אפֿילו ניט פֿון אייגענעם!
ס'וועט זײַן געשפּענסט איצט וואַנדערן פֿון שוועל צו שוועל פֿאַרשוועכט,
זײַן מוזע וועט איצט זײַן — א פֿאָלק, וואָס קאַרקעט ווי א קראָ שוין.
ניטאָ איז מער קיין דײַטשלאַנד אף דער ערד,
פֿאַראַנען זײַנע הענקער פֿונעם דײַטשן לאָשן!
דעם קאַין-צייכן אָנגעטאָן זיי האָבן זײַן געביין,
אים טראָגן גאַנץ געזמאַניע וועט צו דער ערד געבויגן.
ער זעט זי — א פֿאַרשאָלטענע — איבער דעם אש פֿון כורוועס גיין,
און ס'האָבן א פֿאַרמאַך געגעבן זיך אין טרויער זײַנע אויגן...

XII

ער האָט דאָס שיסערײַ פֿון אויטאָמאַטן ניט געהערט,
פֿון די פֿאַרמאַכטע אויגן זיך גערינען האָבן טרערן.
פֿאַרלאָזט האָט ער זײַן קיווער אף דער דײַטשער ערד
און איז אהער געקומען די פֿאַרפּײַניקטע געהערן.
געפּאַסעוועט האָט אים פֿון ערד פֿון גאָרער דער געהויר,
און אָנגעטאָן פֿון די געמאָרדעטע די גענעמדיקע לייד אים, —
האָט ער די פֿאַרטיטורן זײַנע, אויסגעשמירט מיט בלוט,
אין גרוב ארײַן אליין געטאָן א שלײַדער,
געבעט זאָל זײַן פֿון היילקע די קיווער-דרו
מיט זײַנע יאָסעמדיק-געשענדעטע סימפֿאָניעס.
געפֿאַלן נאָך א שיכט א שיכט איז אין דער גרוב,
נאָך יעדער שטראָמל בלוט געוואָרן א פּלאַטערדיקע פֿאָן איז.
ער האָט אין הינערפּלעט מיט דער קאַפּעלע דיריזשירט,
געוואָרגן האָבן אים פֿון פֿידלען און פֿון פֿלייטן די געוויינען.
און ווען א בראָך געטאָן באַם ראַנד האָט זיך דער לעצטער שיכט,
איז ער אראָפּ אין גרוב מיט די דערשאָסענע איינעם.

21. וועלט־באהערשונג

I

מיט אָנגעשטאָפּטע סאַקוואָיאַזשן און מיט פּעק,
וואָס האָבן זיך פון דאָרף צו דאָרף געמערט און זיך געקייפּלט,
געפּראַוועט א שפּאַציר איבער אוקראַינע האָט פאַן־שפּעק,
הוליאַשטשענעס געפּראַוועט איבער אירע שטילע הויפן,
ווי אויסקוקן געפּאָרן ברייט איבערן לאַנד
ער וואָלט פאַר זיך א פּאַסנדע פּאָסעסיע...
ס'האָט א נאַהײַקע ניט צעשיידט זיך מיט זײַן האַנט,
און מיט זײַן בוזעם ניט צעשיידט האָט זיך א מעסער.
די הוט איז אַף זײַן קאָפּ געזעסן, ווי א ראָב,
דאָס מויל, ווי ס'וואָלט אַליין פון גיר איבערגעקרימט אים.
ער איז געוועזן קורצוויקסיק און גראָב
און מיט געשטאָפּטע רויע באַקן פון א טומטעם.
געקוקט האָט גײַוועדיק זײַן קינביין איבער זיך,
זײַן האַלדז האָט הערשעריש געשניטן זיך אין קראַגן.
אַף קורצע פיס זײַנע געשווינדלט האָט ער גיך,
ווי ער וואָלט, ווייניקסטנס, אַליין די וועלט דאָ שוין באַלאַגערט.

II

אין אַש האָבן די קורצע פיס זײַנע מיט טופּ
געזונקען הערשעריש, באַפּאַלנדיק און קלעפּיק.
באַזעצט האָט ער זיך אײַליק אין סאַדאָווסקיס שטוב,
ווי נאָר זײַן טייל אַריבער איז דעם דניעפּער.
אים זײַנען ווויל געפעלן די געווײַסטע ווענט,
דער טשערעפּענער דאַך האָט נאָך באַצויבערט פון דער ווײַט אים.
ער האָט געהאַט פּאַרבלאָזענע און גראָבע הענט
מיט פינגער פּונקט ווי פּיטעמס פון אַן אײַטער.
איז אָנגעשטעלט מיט זיי זײַן פּאָטאָ־אַפּאַראַט
ער אַף סאַדאָווסקיס שטוב האָט פײַערלעך און מוטיק,
און אַף א קאַרטע זי פאַרייביקט אַקוראַט,
די קאַרטע אָפּגעשיקט קיין דײַטשלאַנד זײַן גערטרודען,
א שאַץ טאָן זאָל עס אים זײַן הייס־געליבטע שאַץ
און מיט א נאַכריכט צווײַלן זאָל זי זאָפּאָרט זיך:
אויב וויל געפעלן וועט איר דינער פּלאַץ,
וועט ער דאָ אַלעס צוגרייטן פאַר זייער האָכצײַט.

געוועג ס'איז אָנהייב האַרבסט. געריסן די פרוכט האָט זיך אין פּײַן
אַרום סאַדאָוווסקיס שטוב אין יונג-געפּלאַנצטן גאָרטן,
געלייגט האָט זיך אויף זיי אַ אומעטיקע שײַן,
געשראָקן אַרום זיי האָבן די בלעטער זיך אַ שאָרך טאָן.
און אַלטע בײַן האָט אומגעבלאָנדזשעט מיט געוויין,
און מיט געוויין געוואָרפן זיך פון איין בוים צו דעם צווייטן,
ווי זי וואָלט דאָ קיינעם ניט דערקענט אַליין
און ווי צו קיינעם ניט דערגאַנגען וואָלט שוין איר ווײַ דאָרט.
געוועג די עפּל זײַנען בלאַס, ווי פון דערשרעק,
און ווי אונטער אַ לאַסט — צו דר'ערד זיך נידעריק געצויגן...
אַרומשפּאַצירט איבער סאַדאָוווסקיס גאָרטן האָט פּאַן-שפּעק
און מיטן סטעק אַ יעדער ווײַל אַ צווײַג אַראָפּגעבויגן.
אַ קרעכץ האָט פון זײַן צוריר צו די ביימער זיך געהערט,
די בלעטער דורכגעשורעוועט האָבן מיט טויבן פּאָכע,
און ס'האָט פּאַן-שפּעק געקײַט דערווײַדערדיק און פּרעכ,
אונטערגעשפּאַרט די היפּטן מיט אַביימל אַ פּאַרבראָכנס.

IV

דעם הויזגעזינד סאַדאָוווסקיס האָט פּאַן־שפּעק
באַפעלט אַריבערגיין אין קיך — זאָ שנעל, ווי מעגלעך!
ער האָט די טיר זיי אָנגעוויזן מיטן סטעק,
געפּאָדערט אײַליק זײַן און מער באַוועגלעך.
אין שטוב — דער זיידע, דער געוועזענער ליב-גוואַרדיע, איז געווען,
וואַסיאָנע איז געווען, סאַדאָוווסקיס קינד געווען איז.
— נו, קום, וואַסיאָנע! — האָט דער זאָקן זיך געזעגנט,
אַריבערטרעטנדיק פון קיך די גרענעץ, —
איך בין שוין אַלט... מיר מאַכט ניט אויס...
דאָס קינד פאַרשטייט נאָך ניט... דעריקער — דו נאַר!.. —
פּאַן-שפּעק האָט מיטן סטעק אַ ריר געטאָן זי בלויז,
איר האָט געדוכט, אַז ס'איז אַראָפּ אויף איר אַ דונער.
זי איז געגאַנגען, לאַנגזאַם שטעלנדיק די טריט,
געלעגן אויפן פּאָל דער סקאַרב אירער צעזייט איז.
דאָס קינד איז מיט אַ שפּילעכל געגאַנגען אינדערמיט,
דעם טרויעריקן צוג פאַרשלאָסן האָט דער זיידע.

V

דער וועג פון שטוב אין קיך געווען איז לאנג,
געגאַנגען איז מען, געגאַנגען און ניט גערירט זיך פונעם אָרט דאָך.
עס האָט זיי דורך די פענצטער אַלע ווײַל דערלאַנגט
דער טויבער אומעט פונעם גאָרטן
מיט אַזאַ ווינטיקן, אַ קרעכצנדיקן שאָרך
פון ביימער אין אַ האַרבסטיקן געוויטער,
ווי ער וואָלט די געטריבענע געגעבן אַ פאַרשפּראָך
און זיי מיט פּײַן די הערצער אָפּגעבריט דאָרט.
געפאַלן אײַנציקווײַז אַ בלאַט איז נאָך אַ בלאַט,
געלייגט זיך ווי דער גורל פאַר די וואַנדערער,
וואָס האָבן גיין און גיין אַ לאַנגן וועג געהאַט
איבער דעם קורצן ווייטעקלעכן ראַנד דאָ...
וואַסיאָנעס בלײַבן איז געווען דערלויבט.
געקומען איר אַפן געדאַנק סאַדאָווסקיס לעצטער בריוו איז...
אַ קוק געטאָן האָט זי אין גאָרטן דורך דער שויב —
אַראָפּגעהאַנגען טרויעריק האָבן די רײַפע גליוועס...

VI

אַ טאָג פאַרגייט. אַ טאָג אַ צווייטער קריכט.
דער וועג, די ביימער — ווי אַ פרעמדן קוקן אָן אים;
געזעסן זײַנען זיי אינדרײַען אַפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאָנע.
געזען זי האָט ניט קיינעם אַרום זיך,
אַכוץ דעם בריוו, וואָס האָט געטאָן זיך אַ דערמאָן איר.
געזעסן זײַנען זיי אינדרײַען אַפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאָנע.
פאָן-שפּעק פאַראָרדנט: פּוצן אים די שיך,
און וואַשן גרעט — די אויגן זײַנע מאָנען.
געזעסן זײַנען זיי אינדרײַען אַפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאָנע.
פאָן-שפּעק זיך מאָרדעוועט, מע זאָל עס מאַכן גיך,
דאָס קינד געדולדיקן ער קאָן ניט.
געזעסן זײַנען זיי אינדרײַען אַפן קיך —
דאָס קינד, דער זיידע און וואַסיאָנע.

22. טאָגבוך

I

בא יעדן וועג פארטײַעט איז א גרוב,
באלאגערט זײַנען זיי מיט סוידעס שווארצע.
צו דורכגייער זיך שטרעקט ערגעץ א שטוב,
אפּ בסורעס און אפּ געסט פון ערגעץ ווארט זי.
וואסיאָנע וואשט דאָרטן פאָן-שפּעקן גרעט,
דער זיידע קוקט, ווי טרערן אין דער באליע רינען.
וווהין איז עס דאָס מאזל און די זעט
פון דיר אוועקגעפלויגן, אוקראַינע?
וואסיאָנעס הענט זײַנען באם וואשן הויל,
פארקאשערט איבער זיי זײַנען די אײַנגעגעצטע ארבל.
און מיט א זשאָרבענדיק-פארשטאָפּטן מויל
דרייט אום פאָן-שפּעק זיך, ווי א זשאבע, —
ער שפּרינגט א סאָפּענדיקער ארום איר
און קוואקעט אפּ זײַן זשאבע-לאָשן:
— מיט זאָלכע הענדע, - גיט ער זי א פּרעכן דיר, —
איסט שאדע... יא... קראסיווא... אָשינן...

II

ניט אָפּגעטראָטן האָט פון איר פאָן-שפּעק.
אין איין האנט א שטיק ווורשט און אין דער צווייטער א נאהײַקע.
און דאָך האָט א געלעכטער פול מיט שרעק
אפּ זײַנע אָנגעשטאָפּטע פּיסקעס זיך געפּײַקלט:
— מיט זאָלכע הענדע וואשט מען ניט קיין וועש, —
געהריזעט האָט דעם ווורשט אינײנעם מיטן וואָרט ער,
און אויך מיט דער נאהײַקע אלע ווײַל א דרעש
האָט ער דערלאנגט איבער די אייגענע באָטפאָרטן.
ער האָט זיך סליונעדיק באלעקט. ער האָט געלאכט.
און מיטן ווורשט צום שטוב א וווּנק געטאָן איר:
— צום טויפל! שנעלער! זאָלכע הענדע — פּראכט!
די דוסן פוילן זיך! מירן זיי אויסלערנען! זיי וועלן קאָנען! —
וואסיאָנע האָט פארטויבט אי אים אי זיך
מיטן געוועש, ביז בלוט צערײַבנדיק די הענט דאָרט,
און האָט ניט אויסגעקערעוועט צו אים ס'געזיכט,
און מיט קיין וואָרט זי האָט אים ניט געענטפערט.

III

זי האָט געקוקט אין באַליע, ווי ס'איז אַפּגרונט טיף.
ס'איז אופגעשווומענ איר פאַרגאַנגענהייט אזוי ווי דורכ א נעפּל.
געענטפערט איג געדאַנק האָט זי סאַדאָווסקינ אפ דעם בריוו,
מער האָט זי קיינעם ניט געזען דערנעבנ.
מיט ווייטעק איז געווען פאַרהויכט איר בליק.
אונ ביטערקייט געלייגט זיכ האָט איר אפּנ גומען:
אָט איצט באַצאָלט זי פאַר די יאָרנ גליק,
וואָס זיינענ אזוי לייכט איר אָנגעקומענ.
עס איז צו לייכט איר אָנגעקומענ אלעקסיי,
דער אינסטיטוט, וואָס זי האָט שפּילעוודיק געענדיקט,
די פאַרמילכאָמעדיקע ליכטיקע ראַסיי —
א כאָלעם, דאַכט זיכ איר, ניט מער איז עס געווענ דאַנ...
נאָר אויב ניט אונטערברעכנ וועלנ זיכ בא איר די טריט
אונ אויב עס זיינענ טעג פונ פרייהייט נאָכ באַשערט איר,
וועט זי געוויס זיינ דאַמאָלט מיטנ גורל — קוויט,
ווי ס'קומט דעם לאַנד פונ זיינע טעכטער!

IV

פאָנ-שפּעק געשריבנ האָט א טאָגבוכ אַקוראַט,
די בוכהאַלטעריע פונ זיינע העלדטאַטנ געפירט דאָרט —
ביז מינדסטער איינצלהייט, ביז מינדסטנ פּראַט,
זאָל ער באַשיינענ דייטשלאַנדס שלאַכטיקע געשיכטע.
אלס יורעש פונ א ביר-פירמע, ביז העכסטנ גראַד
אינ ייִכעס פונ טעווטאָנער טומע איינגעטונקענ,
האָט ער זיינע פאַרדינסטנ איבערציילנ ליב געהאַט,
ווי איבערציילנ אלע נאַכט ער פלעגט דאָס טרונק-געלט.
אצינדערט האָט דאָס ציילנ בלויז שוינ ניט געקלעקט,
געפאָדערט, ווייניקסטנס, האָט יעדער העלדטאַט א פּאַפּירוס.
האָט זיכ א טאָגבוכ רעגלמעסיק איינגעפירט פאָנ-שפּעק —
דער יורעש דער געוועזענער פונ א בערלינער ביר-הויז,
אז ניט פאַרלוירנ גיינ זאָל פאַר זיינ לאַנד
קיינ טראָפּנ פונ דער ריטערלעכער צירונג.
ער האָט א לייכטנ בלעטער אים געגעבנ מיט דער האַנט,
פאַרהאַקט די אויגנ אפ דער פאָרלעצטער נאָטירונג...

V

ער האָט זײַן פּליס-פּעדער געפּרוּווט. עס האָט זײַן שאָטן זיך געשאַרט,
די שײַן פון לאָמפּ געפינקלט האָט אין פלעשער בראָנפן;
„פּילײַכט וואָלט ניט געשאַדט, — האָט ער געטאָן א טראַכט, —
אויך פאַרנאָטירן דאָ דעם פרעכן פּאַרטיזאַנער-אָנפאַל?״
אַרײַנגעריסן האָבן זיי זיך אומגעריכט און דרייסט
אינמיטן אָוונט-ברויט. אַרויסשטעקן די צינגער זיך באַפוילן.
א קעלטעלע גיט דורכן לײַב זיך אים א שפּרײַז:
ווי וואָלט ער אויסגעזען, ווען מיט א קויל פאַרפאָרט מען דאָ אין מויל אים?
ער האָט דערלאַנגט א הוסט. די אויגן — אין זיגזאַג.
און נאָכאַמאָל א הוסט. א הילכיקן. מע זאָל אים הערן:
אַרײַנגעשטופּט א שטאַב זיי האָבן אין א זאַק
און אים אין וואַלד פאַרשלעפּט מיט אַלע אָפּיצערן...
געטונקלט האָט דער וואַלד ניט ווײַט אין טאָל.
ניט צוגעמאַכט קיין אויג דאָרט האָבן פּאַרטיזאַנער.
אין שאָרך פון יעדן בוים האָט זיך געהערט גאַלינעס קאָל:
— אָקסאַנע!.. קינד... וואָס האָבן זיי מיט דיר געטאָן, אָקסאַנע?!..

23. זי לערנט אים

I

א טרייסט אַן איינציקע גאַלינע האָט געהאַט
און זיך געשפּײַזט דערמיט אין איר אָנמאַזלדיקן לעבן.
מ'האָט זי באַגעגנט, ווי א מאַמע, אין אָטריאַד
און קאָוועד איר דעם שענסטן אָפּגעגעבן.
אַרומגערינגלט האָבן פּאַרטיזאַנער זי אין שטאַב,
ווי קינדער אייגענע באַדויערט און באַוווּנדערט.
גאַלינע וועגן זיך דערציילט האָט קנאַפּ,
נאָר וועגן איר דערציילט האָבן פון לײַב די וווּנדן.
דערנאָך געגעבן מ'האָט זי א באַפעל:
— נו אָט! צוויי הונדערט זעקס און פערציק זײַנען איצט האָסטו!
א קאַפּטענאַרמוס זײַ, מאַמאַשאַ, אונדז אין וואַלד,
און זײַ, מאַמאַשאַ, אונדז אין וואַלד א באַלעבאָסטע! —
זי האָט צוערשט אַרומגעקוקט זיך און באַטראַכט
און ניט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז קאַפּטענאַרמוס.
איז האָט מען איר דערקלערט: — מירן, מאַמאַשאַ, גיין אין שלאַכט,
און דו וועסט אונדז, מאַמאַשאַ, קאָכן וואַרמעס!

II

זיך צוגעשטעלט צו איר א פּאַרטיזאַנ האָט. אינ די הענט—
א כוקעוואַטער שטעקנ, אויסגעשניצט מיט קאַרבנ.
— איך בינ מעפּאָדי! — האָט ער זיך צו איר געווענדט. —
א ביקס באַדאַרפ איך, כאַווער קאַפּטענאַרמוס! —
א קוק האָט זי אַפ אים געגעבנ פונ דער הייך צראָפ
אונ מיט איר גאַנצנ ווייי געגעבנ א באַלאָד אים:
— מעפּאָדי? גוט! איז גיי האַק אָפּ א דײַטש דעם קאָפּ,
וועסטו א ביקס פאַרדינענ זיך, מעפּאָדי!
— אָט דאָס, פאַרשטיי איך, הייסט א גאָב, —
האָט זיך א קנייטש געטאָנ מעפּאָדי באַם אוועקגיינ.
דאָכ אָפּגעהאַקט האָט ער א דײַטש דעם קאָפּ,
אים אויסגעשפּירט דאָרט ערגעצ אַפ די וועגנ.
אונ זיך א ביקס פאַרשאַפט — אַנ אווטאָמאַט,
פונ יעדער זײַט באַטראַכט מיט קאָפּ זי,
אונ אַפנ רימענ אָנגעטאָנ זי אַקוראַט,
זי אַפנ בויך געטראָגנ ווי א קאָבזע.

III

אונ צו גאַלינענ צוגעשטעלט זיך נאָכאַמאָל,
איינ וואָליק — גאַנצ, דער צווייטער — הוילע שפּאַרעס.
אונ אָנגענומענ זיך מיט מוט אונ אַפנ גאַנצנ קאָל:
— א וואָליק עפּשער האָסטו, כאַווער קאַפּטענאַרמוס? —
דעם בליק אינ אים פאַרשטעכנד, ווי א שפּיז,
האָט זי א זאָג געטאָנ שוינ ווי אַנ אַלט-באַקאַנטנ:
— גיי האַק, מעפּאָדי, אָפּ א דײַטש די פיס,
איז וועסטו זיך אינ וואָליקעס אינ זײַנע אָנטאָנ! —
באַשלאָגנ האָט דעם פּאַרטיזאַנ א שווייס,
א בושע האָט געטאָנ אַפ אים א לאָפּ אָנ:
— וואָס ביסטו, כאַווער קאַפּטענאַרמוס, אַזוי בייז?
אַז וואָליקעס באַם דײַטש זײַנענ פונ האָלצ אונ פונ פּאָלאָווע!
— אַלציינס! — האָט זי געטאָנ זיך אינ דער זײַט א דריי, —
מע דאַרפ די שאַרבנס האַקנ אונ די פיס זיי! —
דערמאָנט האָט זי פונסנײַ זיך אינ דער היימ,
אונ ס'האָבנ טרערנ אינ די אויגנ זיך באַוויזנ.

IV

דער טאָג איז אומעטיק. דער טאָג איז טריב.
און איך איז שווער אַן אָרט זיך צו געפינען.
נאָר פֿאַרטיזאַנער האָבן זי באַקומען ליב,
ווי אָנגעקערט זיי וואָלטן ווידקלעך אַלע זינען איר.
און זי האָט ליב, ווען אַ געזאַנג גייט אויף,
ווען ס׳גיסט אַפּ ווײַט פֿאַנאַנדער זיך דער טרויער.
איך דוכט: דאָס איז, די הײם זי רופט:
וואָס אַזוי לאַנג? גאַלינע! האַ, פֿאַרוואָס אַזוי געדויערט?
פֿאַרנאַכט פֿאַרפּירן זי אַליין די טריט
צו אַ צעלייגטן טלי׳ענדיקן שײַטער;
פֿון דאָרט זיך טראָגט אַ פֿאַרטיזאַנער-ליד,
מיט בענקשאַפט אַזוי טיף געלײַטערט,
מע זינגט אַזוי דעם אומעט אויס פֿון וואַלד,
די היימען לײַבלעכע, וואָס זײַנען שוין ניטאָ מער.
און ווי די נאַכט גיט נאָר אַ פֿאַל,
צעלאָזט מען זיך נאָך הייליקער נעקאָמע.

V

אַרום אין געגנט האָבן דערפֿעלעך געברענט,
און שוואַרץ פֿון רויך זײַנען געוועז די שנייען.
דערמאָנט מעפֿאָדי האָט זיך ווען-ניט-ווען
אין זײַנע זין — אין די באַליבטע דרויטאַרמייער.
געוועז מעפֿאָדיכע... אַ היים געוועז.
און אַ קאָלווירט געוועז — אַ זיסער יאָמטעוו.
דערמאָנט מעפֿאָדי האָט זיך ווען-ניט-ווען
אין זײַן געפֿאַנגענעם מאַיאָנטעק,
ווו אויסגעהאָדעוועט אַליין האָט ער
אַ יעדער ביימעלע מיט לײַב און לעבן.
איז ווער האָט עס צעבראָכן, ווער?
ווער האָט דעם פֿײַנט עס אָפּגעגעבן?
אַ האַק, אַ מעסער אין די הענט
און, ווי די דערפֿער, ברענענדיקער צאָרן.
דערמאָנט מעפֿאָדי האָט זיך ווען-ניט-ווען
אין די פֿאַרוועלקטע, ניט-דערבליטע יאָרן...

VI

ער פֿלעגט ערגעץ אַליין אַוועק,
אין גרינע דורכדרינגעדיקע געוויקסן
און ליגן, ווי אַ שטיין באַם וועג,
אַרײַנגעטאָטעמט אין דער ביקס זיך.
אַ טאָג, אַ צווייטן — אין אַ קוסט,
און אויך — אַ דריטן און אַ פֿערטן,
און אָפּנעמען באַם פֿײַנט אַ גרוס
פֿון היימישע, פֿון ליבע ערטער...
אַ טשמעל אין שאַרבן — שטיל, אָן ראַש,
און נאָך דעם ערשטן לײַכטן וואַקל
אַראָפּנעמען פֿון אים דעם טאַש,
דאָס מויל פֿאַרשטאָפּן אים מיט פּאַקליע.
געשלעפּט אַ דײַטש האָט ער נאָכהער אַף דר׳ערד,
אַז ס׳זאָל קיין קויל אים ניט דעריאָגן,
אים אונטערוועגס אַליין פֿאַרהערט,
ביז וואָס, ביז ווען, אַזוי צו זאָגן...

VII

— מעפּאָדי — דאָס בין איך! געהערט?
איוואַן — געהערט? דאָס איז מײַן טאַטע!
ראַסיי! — אַ וואַלגער אַף דער ערד
האָט ער געגעבן מיטן דײַטשן אַוטאָמאַט אים, —
געזען? אַצינד ברעך אויס!
די צונג, פֿאַרשאָלטענער, אַרויסשטעק! —
עס זײַנען ווינטעלעך געגאַן פֿאָרויס,
אַ בלעטעלע זאָל ניט קיין רויש טאָן.
אַ ברוינע שטיק צעקוועטשטע ליים
געזען מעפּאָדי האָט און קוים פֿאַרשטאַנען: —
דרײַ מאָל צעבראָכן וועט פֿאַר יעדן בוים
באַנאַנד מיט דײַן זאַראַזנער פֿינצטערער גערמאַניע! —
געטונקלט האָט דער וואַלד ניט ווײַט אין טאָל,
ניט צוגעמאַכט קיין אויג דאָרט האָבן פּאַרטיזאַנער.
אין שאָרך פֿון יעדער בלאַט געהערט האָט זיך גאַלינעס קאָל:
— אָקסאַנע!.. קינד... וואָס האָבן זיי מיט דיר געטאָן, אָקסאַנע?

24. אפ קאטאָרגע

I

פאר צוואנציק מארק האָט אנ אריִער זי פארקויפט,
ער האָט געהאט נאָכ פיר, פארפירטע פונ טשערניגאָוו.
א האלב יאָר צײַט האָט זי באדינט זײַנ הויפ,
א שאלכל אפנ קאָפּ אונ אפנ מויל א ריגל.
דער קוינע האָט זי אויסגעפרווט. צי איז זי שטארק?
אפ וויפל פערד-קראפט? — האָט זײַנ גיר געטריפט מיט סלינע, —
צי איז דער מעקעכ ניט צו טײַער? צוואנציק מארק!
ער האָט געצאָלט שוינ ביליקער פאר די — פונ אוקראַינע...
אפ ארבעט האָט באגינענ זי געפירט דער יאָכ,
צו האלב-נאכט האָט צוריק זי אָפּגעפירט דער פיבער,
אונ אלט געווענ איז זי ניט מער ווי אכצנ יאָר,
ווענ מ׳האָט זי פונ דער היים אפ פאנשטשינע פארטריבנ.
צי ווערט זי נאָכ אמאָל זיכ אומקערנ אהיימ?
צי ערגעצ פאר איר דאָ — א קייווער איז ניט ווײַט שוינ?
א יעדער נאכט פארגייט די ערד זיכ אינ געוויינ
פאר די פארטריבענע אפ קאטאָרגע קיינ דײַטשלאנד...

II

דער וועג איז לאנג אונ קארג. די פיס — צעקײַלט אונ הויל,
פונ אירע אכצנ יאָר מע טרײַבט אזוי געשווינד זי...
ביז צו דערשטיקט ווערנ שנײַדט אײַנ זיכ אינ איר מויל
דאָס בלוטיק צײַמעלע פונ פריִענ שווינדזוכט.
נאָר יאָגנדיק פונ זיכ די פארע אונ די זעל,
ביז צו דער ערד אונטערנ יאָכ אינדרײַענ אײַנגעבויגנ,
האָט זי א פילקע דאָרטנ פליִענדיק דערזענ
אונ זי אינ הינערפלעט געטאָנ א לאָקער מיט די אויגנ.
אָט איז זי, דאכט זיכ, שוינ איבער איר קאָפּ!
א שפרונג טאָנ בלויז אונ מיט דער האנט דערלאנגענ!
ווי פונ א ווײַט געיעג — דער אָטעמ, אופ אונ אָפּ,
אונ ביז צומ פלאצנ שטרענגענ אָנ זיכ אירע אנגלענ.
אונ ביז צו קאָפּ-שווינדל מיט דראנגנ זיכ א צי אָנ
אונ א צעגאָס גיט זיכ דער שטאלט פונ אירע גלידער,
זאָל נאָר די פילקע איצט א ריר צו איר זיכ טאָנ,
וועלנ א שפריצ טאָנ, ווי אינ קישעפ, פונ איר לידער.

III

אנ אויגנבליק האָט זי פארגעסנ, ווו זי איז,
פארטראָגנ ווײַט האָט זי דער פיבערדיקער שטורעמ.
די פילקע בוקט זיכ שוינ אלײנ צו אירע פיס
אונ ווארט איר ווארעמענ באצויבערדיקנ צוריר.
א שטרעק די הענט אונ מיט דעמ בליק זיכ א פארגײ,
אונ אינ געיעג האָבנ צעשאָטנ אירע טריט זיכ —
דאָס שטעכיק דראָט, דעמ הונגער אונ דעמ ווײ
אדורכגעברענט דער אימפעט האָט מיט בליצנ.
זי זעט שוינ ניט, וואָס ס'טוט זיכ ארומ איר,
אינ קויט שוינ וואלגערט זיכ איר קאטאָרזשאנסקער זאכטעפ,
די פילקע גיט זי ציטערדיק א ריר,
דאָס הארצ זיכ רײַסט פארכלינעדיק אונ האסטיק:
א וואָלײבאָלנ-פעלד צעכאסמעט פאר איר בליק,
אונ פונ איר שול, אונ פונ איר קלאס — אזויפ'ל אירע!
זי וועיט פארטויבט פונ דעמ געראש, פונ דער מוזיק,
ס'איז צײַט צו אָנהײבנ! נו, יאָ! דער גאנג — איז אירער!

IV

זי זעט אינ הינערפלעט איר גרינעמ סטאדיאָנ,
אפ גראָזנ שווינדלט ער אפ גאָלדענע אונ ווײכע.
האָט זי די פילקע אינ דער הײכ א שמײַס געטאָנ
אונ זיכ פארקוקט, ווי אינ דער לופט א קרײַז זי צײכנט,
אונ — אלצ! איר גײט ניט אָנ דער טומל פונ געלויפ
אונ ניט דער ראש פונ דראָענדיקע שטימענ, —
פונקט ווי א סטאטוע אינמיטנ קאטאָרזשאנסקנ הויפ
זי א פארצויבערטע געשטאנענ איז, דעמ קאָפ צומ הימל...
ארופ איז מענ אפ איר, נאָר זי האָט ניט געהערט,
ניט אופגעהערט האָבנ די פויסטנ זי פארפלײצנ,
אונ יעדער שטויס איז ווי א זאסטעפ ערד,
וואָס אינ דער גרוב פארשיט ער לעבעדיקערהײט זי...
נאָר קײנעמ ניט געגעבנ אפ איר פײַנ צו טאָנ א קוק
אונ קײנעמ איר געווײנ זי ניט געלאָזט האָט הערנ...
באנאכט האָט זי געווארעמט זיכ אינ שטאל נעבנ דער קו,
אונ פונ דער קעלט האָבנ געפרוירנ אינ די אויגנ אירע טרערנ.

V

די היים איז ווײַס... נאָר דאָרטן בלאָנדזשעט אום איר בליק,
פון דאָרט זי הערט זיך שטיל אין יעדן שאָרך אײַן.
נאָר שוין א נײַער קוינע שיקערלעך לעם איר זיך וויגט,
ס'פארקויפט אצינד דער באלעבאָס זי צו א שאָכן.
א פרײַז אפ איר אצינד א צוגענגלעכע שטייט,
קיין צוואנציק מארק האָט זי שוין איצט ניט אָנגעצויגן. —
און זי האָט זיך נאָך מיט איר קינדהײַט ניט צעשיידט —
דאָס שאלכל אפן קאָפ, אראָפּגעלאָזט די אויגן...
איז מיט דער בײַטש האָט זי דער נײַער ווירט פארפרוווט:
בא אים וועט צו קיין פילקע מער זי ניט קיין צי טאָן!
דער הימל — פרעמד. די אויגן הייבן זיך צו אים ניט אוף,
זי גייט, פארקויפט אין קנעכטשאפט צו א דריטן.
ווו איז איר היים, ווו ס'האָט א מאמע זי געהאט?
געשיקט זיך, אז ניטאָ איר מאמע איז שוין מער דאָרט?
עס קויפט אפ קאטאָרגע א קאט זי בא א קאט,
עס קויפט אפ אומקום זי א מערדער בא א מערדער.

VI

באטאָג האָט זי דער אופזעער געשלאָגן מיט א רוט,
ווען זי איז, א פארמאטערטע, געפאלן בא דער ארבעט.
ווי אלעמאָל האָט זי פון מויל דאָס בלוט
געוווישט, א שווײַגנדיקע, מיט די ארבל...
געקוקט אראָפּ אפ אירע באָרוועסע צעבײַלטע פיס
און מיטן קלייד פארדעקט די ציטערדיקע קני דאָרט.
געוואָלט האָט איר זיך צו דער מאמען צוטוליען געוויס,
ס'זאָל זי אליין די מאמע אפ די הענט אירע פארוויגן...
באנאכט האָט זי א לעצטן בריוו צונויפגעשטעלט
און אָנגעשריבן דעם אדרעס — איין וואָרט נאָר: רוסלאנד...
זאָל דורכלייענען איר בריוו דער ווינט אין פעלד,
דער בוים אין וועג — און וועמען ס'גלוסט זיך...
צעריסן איז אפ איר געווען דאָס קלייד,
אין שטרוי נעבן דער קו האָט זיך איר קלומקל געוואלגערט, —
האָט זי דאָס שאלכל פון קאָפּ צונויפגעדרייט
און אין דער שטאל זיך אופגעהאנגען אפ א באלקן.

VII

פון דײַטשער קאַטאָרגע א גרוס די מאַמע וואָרט,
כאַלוימעס ביטערע זי צירעוועט און העפּט שוין,
די אויגן קוקט זי אויס זיך טאָג און נאַכט,
אַן אײַנגעטונקטע פּען זיך דורכרײַסן וועט עפּשער?..
קיין גראָז פאַר איר ניט וואַקסט, קיין בוים פאַר איר ניט גרינט,
דער טויט אין ערד-שטיבל זיך קלאַפּט פון ווײַטע ערטער...
זי הערט זיך אײַן אין יעדן שאָרך פון ווינט:
א לעבעדיקער גרוס איז עפּשער דאָך באַשערט איר?!..
ניין, ניט דער בריוו, געשריבן פאַרן טויט, באַנאַכט,
און ניט דער טרויעריקער קלונג פון שקלאַפן-קייטן, —
די ערד די אָנגעשוואָלענע מיט טרערן און מיט צאַר,
נאָר זי אַליין קאָן אויסשרײַען דעם ווייטעק,
און אויך דער באַלקן פון דער טפּיסעדיקער שטאַל,
דער אײַנגעוועבטער אין געוועב פון שפּינען,
וווּ אופגעהאַנגען אין דער פינצטער אף א שאַל
האָט זיך די טאָכטער די געפאַנגענע פון אוקראַיִנע.

VIII

אירע פאַרשטאַרטע אויגן זעען ניט דעם טויט,
זי זעט איר היים און איר פאַרצוקטע יוגנט,
און ווי איבער די גרענעצן, פאַרשטעמפּלט טויב,
אף קאַטאָרגע זיך שלעפּן טפּיסעדיקע צוגן.
איִבערן האַלדז אין פּײַן, אין אומגליק און אין קריט,
גייען געפאַנגענע, געשפּאַנטע אין אָוווידאַס-פּערעך.
ס'האָט פאַר א וועכטער נעבן זיי אָוועקגעשטעלט דעם טויט
די דריטע פּאַראַזיטישע אימפּעריע.
ניין, ניט קיין בריוו, געשריבן מיט געשמידטער האַנט
אונטער דער סווישטשענדיקער בײַטש פון די פּאַרדאַרבער, —
די ערד די אָנגעזויגענע מיט ווײ און שאַנד,
נאָר זי אַליין קאָן אויסשרײַען דעם צאָרן און די כאַרפּע...
מיט שטעכיק דראָט אף די געפאַנגענע פון טאָג צו טאָג
שרײַבן די דײַטשע הענקער בריוו מעסלעסן גאָרע.
זיי קומען צו די מאַמעס צו די אָרעמע ניט אָן,
דער טויט צעטראָגט זיי, ווי א בריוונטרעגער, איבער קוואָרים.

25. א נאגאנ

I

אונ אינ דער אונטערערד האָט פיבערדיק געברויזט,
דעם גזאר מיט מוט האָבנ פארורטײלטע געוויגנ:
„מ׳עט ניט פארשפעטיקנ, כאווײרים, צו דעם טויט״, —
געשפריצט בא יעדערנ האָט סיגע פונ די אויגנ.
אינ לעצטע שמאטעס אײַנגעהילט די הויט,
פונ ווידערשטאנד די טריט געשטעלט די ערשטע קאָמ נאָר.
„מ׳עט ניט פארשפעטיקנ, כאווײרים, צו דעם טויט״, —
געברענט בא אלעמענ א פײַער האָט: נעקאָמע!
די שטומע בליקנ אײנס דעם אנדערנ פארטרויט,
דעם שטומענ ווײ, ווי פלאַמ אינ אָדערנ פארטײַעט.
„מ׳עט ניט פארשפעטיקנ, כאווײרים, צו דעם טויט,
א טיר זיכ עפענענ מע קאָנ נאָכ צו דער פרײַהײַט״.
געטײלט דעם פײַנ מ׳האָט, ווי דאָס לעצטע שטיקל ברויט,
מיט אימ האָט יעדער ווי מיט וואָפנ זיכ געזעטיקט.
„מ׳עט ניט פארשפעטיקנ, כאווײרים, צו דעם טויט,
זאָל א געשפּרעכ מיט אימ זיכ אָנהײבנ אינ געטאָ!״

II

אפ ארבעט גײענדיק, זיכ אומקערנד צוריק,
אדורכ דעם טויער בא דער דראָטיקער פארצוימונג, —
געוועד געשמוגלט האָט דער לערער הירשל גליק,
געוועד געשמוגלט האָט די קונסט-מאָלערנ נוימי,
געוועד געשמוגלט האָט א נײטערנ געטרײַ,
געוועד געשמוגלט האָבנ קינדער באמ ארײַנגאנג.
ניט מער ווי אײנער איז אדורכגעגאנג פונ דרײַ,
די איבעריקע צווײ האָט מענ געהאנגענ.
נאָר זיכ ניט אָפגעשטעלט האָט קײנער פאר קײנ שטראָפ,
מ׳האָט אינ דער טיפ, ווו ס׳טוט די שײַנ ניט קײנ פארקער׳ווע,
עלעקטרע-לעמפּעלעכ געשטאָפּט מיט אופּרײַס-שטאָפּ,
מיט פײַער אָנגעלאָדנ שאכטלעכ פונ קאָנסערוונ.
געגאנ די טויט-שפּיל איז געפערלעכ אונ פארשײַט,
דעם לערערס קאָל האָט זיכ געקײַקלט איבער ווײַטנ:
— אויב ס׳איז פארורטײלט דער ניט גלײַכ-אפ-גלײַכער שטרײַט,
ווועט דאָכ דעם זיג דערנע׳נטערנ דאָס שטרײַטנ!

III

און אין די דערפֿעלעך א האנדל איז געגאן,
פֿון א בייז אויג פֿארבאָרגן און פֿארהוילן:
א כופֿע־פֿינגערל פֿון גאָלד פֿאר א נאגאן,
און א פּאָר אוירינגלעך פֿון גאָלד פֿאר א פּאָר קוילן!
פֿון אוטאָמאט־געווער ווער ס'טראָגט אדורך א דיסק,
און פֿון א קוילנוואַרפֿער ווער א טייל עס שמוגלט.
עס איז קיין שטער דעם מאַלכאַמאָוועס' שווארצער פּיסק,
דער טויט אליין איז פֿאר קיין אָפּהאַלט ניט געוווּגנד.
די סטאָליער־יונגען ניט געסטאָליערט האָבן מער,
און מער קיין ברויט האָבן די בעקערס ניט געבאַקן.
א יעדן שטיין מיט בלוט פֿארשפּראָכן אַף געווער,
און דער געפֿאר געגאנען אנטקעגן אומגעוואַקלט.
עס האָבן אָפּגעוואַרט אין אונטערערד די פֿרײַנט,
קיין אויג האָט קיינער בא די נעכט ניט צוגעמאַכט דאָרט;
ביז צו דעם מאָרגן־רויט געגאנגען איז א שטרײַט:
ווי זאָלן פֿירן קעגן סוינע זיך די שלאַכטן?!..

IV

— מע מוז זיך אויסרײַסן פֿונדאַנען און ארויס!
— ניין, ביז צולעצט זיך פּײַניקן און שלאָגן! —
האָבן די מיינונגען געגעבן זיך א שטויס,
באַפֿאלן איינס דעם צווייטן ווי א האָגל.
—דאָ וועט מען אומקומען ביז איינעם אין געשלעגן!
נעקאָמע נעמען וועט מען קאָנען אַף דער פֿרײַ נאָר! —
בא ווע‏מען אויגן האָבן פֿײַנלעך בלויז געפֿרעגט,
ווער מיט די אויגן האָט געפֿאָדערט און געטײַנעט.
און הירשל גליק האָט אָפּן באַס געטאָן א נעם,
עס איז זײַן שטים מיט שטאָל געוועזן געקאָוועט:
— דאָ איז ניט מער, ווי פֿונדאָסנײַ — קידעש־האַשעם,
איך שענק אוועק געראַמאַניע דעם קאָווער! —
געלייגט זײַן קאָל האָט זיך אַף יעדערנס געמיט,
ווי ס'לייגט אַף אײַזן אַף צעגליטן זיך א האַמער.
געשטאַנען נוימ' איז צעטומלט אין דער מיט,
דעם הייסן בליק אין אים ארײַנגעקלאַמערט...

V

ער האָט באַצויבערט יעדן אײנעם מיט זײַן שטים,
א יעדן אײנציקן אָפּ דורך אַדורכגעדרונגען.
און נוימי האָט געקוקט אַזוי אָפּ אים,
ווי יעדן קלאַנג וואָלט זי א דאָרשטיקע געטרונקען,
און א פֿאַרשפּראָכענע געשאָקלט מיטן קאָפּ,
און א פֿאַרשפּראָכענע געפֿינטלט מיט די אויגן.
איר דוכט, ער רײַסט זי פֿון דער געטאָ ערגעץ אָפּ,
ווי ער וואָלט ערגעץ אין דער הייך מיט איר געפֿלויגן,
און ניט געשפּירט, צי עמעץ נאָך איז דאָרט פֿאַראַן,
מיט א פֿאַרטײַעטקײַט א הייליקער געהערט אים,
אָט מאַכט זי נאָ׳נט צו אים אַן אומויכטיקן שפּאַן,
אָט מאַכט זי נאָך אײנעם, א דריטן און א פֿערטן...
ער האָט די האַנט פֿאָרויס פֿון זיך געטאָן א וואָרף,
אין גאַנצן וווּקס דערלאַנגט האָט ער א שטעל זיך:
— ניטאָ א קראַפֿט אַזאַ, ניטאָ אַזאַ מײַן וואָרט,
וואָס זאָל אונדז צווינגען אויסשטרעקן די העלדזער!

VI

עס האָט געדוכט, אַז פֿון די אויגן זײַנע לײַכט,
אַז דורך דער הויט זײַנער זיך שפּאַרן דורך די ביינער:
— זאָל זיי ניט אָנקומען די סימכע אַזוי לײַכט!
אין גרוב זיי מיטשלעפּן מיט זיך זאָל יעדער אײנער!
דאָ מיט געווער זײַנען מיר אויך ניט מער ווי שאָף,
דאָ שלאָג זיך יאָ, דאָ שלאָג זיך ניט, צי פֿרי׳ר צי שפּעטער
דערוואַרט אונדז אַלעמען איין צוגעגרייטער סאָף
אונטער די העפֿקערדיקע כּורוועס פֿון דער געטאָ!
מיר זײַנען ווייניק, ווען מיר ליגן דאָ פֿאַרשפּאַרט,
און אָן א צאָל — אַרויסגעריסענע פֿונדאַנען!
דאָרט יעדער אײנציקער קאָן אויפֿנעמען א שלאַכט,
דאָרט יעדער וואַלגער־שטײן — געווער פֿאַר פּאַרטיזאַנער! —
מע האָט אים אויסגעהערט — היסלײַוועסדיק-פֿאַרטײַ׳ט.
האַשאָרעס גרויזאַמע און קלאָרע און פֿאַרהילטע.
געײַלט די צײַט האָט זיך, געפֿאָדערט האָט די צײַט:
באַשלוסן אָנעמען — אַנטשיידן און ענדגילטיק.

26. זי איז א פאסטעכל

I

דער אָוונט מיטאמאָל באפאלט,
די נאכט גיט אומזיכטיק א קלעטער.
געפירט א מיידעלע צום וואלד
א בינטל ייִדן האָט פון געטאָ.
ס'האָט קיינער זיך פון זיי געריכט
צו זען נאָך ווען-עס-איז דעם הימל.
אראָפּגעשריבן צום פארניכט
און אויסגעשטעלט אין דער רעשימע,
מיט לעצטן האָב, מיט לעצטן גוטס
געזעגנט שטיל ווי מיט דער וועלט זיך,
אָן קיינעמס טרייסט, אָן קיינעמס שוץ,
ווי טויבן אויסגעשטרעקט די העלדזער...
פארצערט ס'געזיכט איז ביז צום ביין,
און ניט קיין וויין, און ניט קיין בעט טאָן.
אצינד געפירט צום וואלד אליין
האָט זיי א מיידעלע פון געטאָ.

II

א שילערן פון זעקסטן קלאס.
א פאסטעך-טאָרבעלע אפ אקסל.
זי איז אין וואלד שוין ניט קיין גאסט,
ווי זי אין וואלד וואָלט אויסגעוואקסן.
זי ווייסט דעם וועג אהין און צ'ריק
און אויך די פריַיז זי ווייסט פון בלאָנדזשען.
געשיקט האָט זי איר לערער גליק,
און זי אין וואלד האָט מען געקאָנט שוין,
אפ איר אין וואלד האָט מען געוואַרט
דורך אלע סטעזשקעלעך געהיימע,
סימאָנים האָט זי זיך געמאכט
אפ די ביַיוועגעדיקעביימער...
צוערשט איז זי געגאנגען אליין,
וווּהין — איז איר אן אונטערשייד דען?
געשטיקט האָט גליק אין זיך געוויין
צום ערשטן מאָל באם זיך צעשיידן...

III

„דו ביסט א פאסטעכל! דו טרײַבסט א ציג!
און פאשע זוכסט אין וועג איר, ביילקע!"... —
אזוי האָט זי געלערנט גליק,
פארקניפנדיק איר די פאטשיילקע...
„דו ביסט ניט ווײַט דאָ... פון א דאָרפ..
דו טרײַבסט די ציג אהיים איצט, ביילקע", —
האָט גליק געציילט איר יעדער וואָרט,
זי זאָל עס גרינטלעך פארגעדענקען...
ער האָט מיט איר אמאָל אין שול
אזוי געלערנט כיבער, קייפל...
איצינד האָט ער ווי דורך א שולד
איר נאָכגעקוקט מיט פײַן אזויפיל:
„צי זעט ער זי איצינד צולעצט —
האָט די כאראָטע אים געביסן, —
ווער ווייסט, ווו ס'איז פארשפרייט די נעץ
אפ אירע וואנדערדיקע פיכלעך?.."

IV

געבלאָנדזשעט ביילקע האָט א נאכט,
קיין אויגנבליק ניט אָפגערוט זיך.
און אומגעריכט און אומדערוואַרט
א דײַטש איז אויסגעוואקסן פלוצעם.
און זיך צו איר געטאָן א צי,
זי גלײַך א פרעג געגעבן האכטיק:
— א ייִד? — אָ, גאָט באהיט! א ציג!
— א רוס? — איך זעט דאָך, האר, א פאסטעכ! —
דערלאנגט האָט ער די ציג א שטויס
און זיך אפ ביילקען אָנגעוואָלקנט:
— זעצ זיך אוועק און מעלק זי אויס! —
איז זיך געזעצט און אויסגעמאָלקן.
זיך אָנגעזשליאָקעט האָט דער דײַטש,
דעם וועג אין דאָרפ געטומען פרעגן.
און ביילקע האָט געניי פארטײַטשט
צו זיך אין דאָרפ ארײַן דעם וועג אים...

V

זי גייט איצט גראָדע אויך אהינ,
צהיים די ציג זי טרײַבט אצינדער...
זיך אָפּגעדעקט האָט אינ באגינ
פונ זײַט באם וועג אנ אלטער צווינטער...
— נאָך ווײַט פונדאנענ איז צום דאָרף? —
האָט זיך דער דײַטש געטאָנ א בייזער.
— עס זעט דער האר דאָס וועלדל דאָרט,
אינ רעכטס א ביסעלע א דריי זיך...
— אונ קאטשקעס זײַנענ דאָרט פאראנ? —
האָט ער זיך רוגזעדיק דערקונדיקט.
— אפ יעדנ טראָט, אפ יעדנ שפאנ, —
געענטפערט ביילקע האָט אים בונטער.
— אונ גענדז? — האָט ער זיך ניט בארוט,
דעם זאק פארווארפנד ווי א טאָגע.
— פאראנ! ווו נאָר א שפײַ מע טוט,
קיינ דורכגאנג איז פונ זיי ניטאָ גאָר!

VI

— איז אײַל זיך, פאטשעכ!.. אײַל זיך... ווארט...
א ביסל ס׳איז צו ווײַט פונדאנענ... —
אפ ביילקענ מ׳האָט באם וואלד געווארט,
אונ וואָס זי זאמט זיך — ניט פארשטאנענ...
געגאנ באגעגענענ מ׳איז זי
נאָך איידער ס׳איז געוואָרנ ליכטיק,
אונ ביילקע האָט געטירט די ציג,
אונ ביילקע האָט דעם דײַטש געפירט דאָרט,
אונ ניט געוווּסט, צי ס׳איז איר סאָפ,
אונ ניט געוווּסט, צי ס׳איז איר אָנהייב...
געזונקענ האָט די ווײַט אינ שלאָפ,
געזונקענ האָט אינ שרעק איר פּאָנעם:
— דאָס דאָרף איז, הארעלע, שוינ באלד,
פאראנענ קאטשקעס, גענדז פאראנענ... —
אונ ביילקע האָט געבראכט אינ וואלד
א „קונד“ אפ גענדז די פארטיזאנער.

VII

באגריסט איך וואלד מ'האָט ביילקעך דאָך,
געמאכט איך וואלד מ'האָט איר א ווארע;
לעקאָוועד איר — א פארטיזאַנ
א שטיטערל האָט גלייך צעווארעמט.
און 'ביילקע האָט געגלעט די ציג,
געלויבט איך טאָג אירע געטראַנקען,
און אלץ געטייט אפ איר: — ס'איז זי,
נאָר איר אליין כ'האָב צו פארדאנקען!
...ער זשליאָקעט מילך, און איך — איך קלער,
אז צייט אפ קלערן איז איצט ווינציק...
מ'עט פרוווּן פירן אים אהער,
ביז ער וועט פירן מיך אהינצו...
א קוק געגעבן אפ דער ציג,
און זי אפ מיר: ס'איז ווי אונדז ביידן!..
און ער גיט יעדער ווייל א היק:
צי זיינען קאטשקעס אים פארגרייט דאָ?

VIII

אצינד איז זי געגאנגען פעסט,
מיט זיכערקייט האָט זי געשפאנט דאָ.
עס שלאָפן פייגל אין די נעסט,
ווען ביילקע פירט איר „קאָנטראבאנדע"...
זי ווייסט, ווי דורכגיין דארף מען שטיל,
זיך ניט קיין דיר טאָן, ווי פארשפראָכן —
אויב ערגעץ גיט א הונט א ביל,
אויב ס'גיט א פויגל ווו א פאָכע...
עס האָט באשטימט שוין פריק א פריי
פאר ביילקעס קאָפ ארום אין געגנט,
אויב עמעץ גיט אפ איר א ווייז, —
נאָר קיינער האָט זי ניט באגעגנט.
ארומרינגלען האָט פריק באפעלט
דעם גאנצן וואלד פון אלע זייטן.
נאָר דאָ אַן אויסשפירער אים פעלט,
און דאָ רינט אויס בא אים א רייטער.

IX

געשפרייט האָט זיכ צומ וואלד א וועג
דורכ דראָט-פארצוימונגענ אונ גריבער.
ווער ס'האָט גקייַלט — דער איז אוועק,
ווער ס'האָט געהייַעט — איז פארבליבנ.
דאָרט בלאָנדזשעט ביילקע אינ באגינ,
וועג מיט געפאר פארקלעמט דער ראנד איז.
א פאסטעכ-טאָרבעלע — אהינ,
צוריק — אינ פויערישע טראנטעס.
ס'כאפט אָנ אינ איר זיכ גרויס אונ קליינ,
ווי אינ א שטרוי באמ זונק איניינעמ.
פונ קינדער טראָגט זיכ א געוויינ,
א קלאָלע רייַסט זיכ פונ די זקיינימ:
— איז אפ דער וועלט דענ דאָ א גאָט?
צי איז ניט ווי-אונ-ווינד דער וועלט דענ?
די כייַע איז אריַינ אינ שטאָט,
אונ מענטשנ לויפנ אינ די וועלדער!..

X

אונ נאָכ אינ וועג, אינ מויל באמ טויט,
איז א געאמפער שוינ אנטשטאנענ —
זיי וועלנ דאָרטנ באקנ ברויט
אונ נייענ שיכ פאר פארטיזאנער,
אונ בעטנ גאָט פאר זייער שווערד,
אונ כראָגנ אלצ פאר זיי אהינצו...
וואָס איז באשערט — דאָס איז באווערט,
ס'וועט זיי א היימ דער וואלד אצינד זייַנ...
אונ ביילקע האָט אינ הארצ געקלערט
דעמ לערער הירשל גליק צו בעטנ —
א ביקס איר מיטגעבנ אהער
אונ מער ניט רופנ זי אינ געטאָ...
האָט זי דענ, גייענדיק צוריק,
געקאָנט זיכ פאָרשטעלנ אונ וויסנ,
אז אויכ דעמ לערער הירשל גליק
האָט פריק איצט אָפגעפירט דערשיסנ?!..

27. אנ עפּל

I

די לאַטע פונ דער ברוסט אראָפּגעפּליקט,
אראָפּגעפּליקט די לאַטע פונ דער פּלייצע,
האָט דורכ דער דראָט-פאַרצוימונג הירשל גליק
אינ שטאָט אַדורכגעשמוגלט שטילערהייט זיכ —
באַגעגענענ זיכ מיט אַ כאַווער פונ פאַרטקאָם,
וואָס אָנגעפירט מיטנ געהיימענ שטאַב האָט.
מיט טריט זיכ צוגערירט ער צומ פּאַנעל האָט קאָמ,
ווי אינ דער פינצטער ער געגאַנ פונ שטאַפּל וואָלט צו שטאַפּל.
ס'האָט אַזוי מאָדנע אָפּגעגלאַנצט דער טראָטואַר,
ווי עפּעס-וואָס פונ אימ וואָלט ער פאַרטײַעט;
אימ האָט געדוכט, אַז ס'גאַנוועט זיכ פונ אומעטומ געפאַר
אַפּ זײַנ פאַרורטײלטער, געבאָרגטער פרײַהײַט.
ער האָט אַ יעדער ווײַל זיכ אומגעקוקט צעשטרײַט,
אונ שיר אַלײנ ניט אופגעוועקט צו זיכ פאַרדאַכטונג.
דאָכ איז ער אָנגעקומענ פּינקטלעכ צו דער צײַט
אַפּנ באַשטימטנ פּלאַץ, אַוו מ'האָט אָפּגעוואַרט אימ.

II

אראָפּגערוקט די קעפּקע אַפּנ קאַרק
אונ מיט אַ רימענ אָנגעגורט די מאַרינאַרקע,
אַרומגעדרײט אינ שטוב האָט זיכ דער סעקרעטאַר;
באַוועגונגענ געמאָסטענע אונ קאַרגע,
ווי ער וואָלט זיכ אַלײנ גאָר ניט פאַרטרויט
אַנ איבעריקנ קוק אַפּנ געקומענעמ פונ געטאָ.
נאָר אויסגעוואַקסנ אַפּנ טיש איז אַ שטיק ברויט
אונ ווי צומ ברויט געפּרוווט דער באָכער האָט אַ רעד טאָנ:
— נו, גליק, די געטאָ אַלצ נאָכ דיסקוטירט?
אונ פּריק מאַכט אַלע וואָכ אַ נײַע אַקציע? —
אַ לאָז געטאָנ האָט. ער זיכ צו דער טיר,
איבעראַנײַס פאַרקײַטלט אונ פאַרהאַקט זי...
ער איז אַהער אראָפּגעשיקט געווענ —
פאַרשטעלט פאַר אַ געליטענעמ באַלגופּל,
וואָס קלוימערשט האָפּט פונסנײַ צעפירנ זיכ די הענט,
דאָס מאַזל באַ די דײַטשנ פונדאָסנײַ צו פּרווונ...

III

באוויזנ ארבעטנ ער האָט שוינ בא דער באנ
אונ כּיינ בא אלעמענ געפינענ אינ די אויגנ,
אונ אויכ געפינענ — ווו ס'איז נאָר פאראנ —
אזויִנס, וואָס קאָנ צונוצ קומענ אונ קאָנ אים טויגנ...
דערנאָכ איז ער אוועק אינ בראָווערײַ,
בא די מאשינעס זיכ געײַסעקט אונ געפאָרעט,
אונ אומעטום מיט קענטשאפס אונ געטרײַ —
קיינ איינעם ניט געהאט ער צו דער פאָר האָט!
ער האָט אינ צוטרוי אונ אינ כּיינ
זיכ אײַנגעקויפּט בא די געוועלטיקער די נײַע.
ווו אנ אוואריע — איז ער אליינ,
אונ אופגעשטעלט סע ווערט קעהערעפ־אײַנ...
ביז פריק אליינ האָט אָפּגעשאצט זײַנ ווערט
אָט ארבעט שוינ בא אימ אינ הויפּ פונ פרי ביז שפעט ער.
פונ דאָרט האָט ער געשלעפּט געווער,
סײַ פאר דעמ וואלד סײַ פאר דער געטאָ.

IV

ער א מעכאניקער געוועזנ איז פונ בארופ,
א העלפט פונ טאָג אפ אײַנריכטונג געפּאטערט.
אונטער דער נאָז בא פּריקנ נעמט ער מאָסקווע אופ
דורכ אייגנהענטיק קאָנסטרויִרטנ אפּאראטל.
ניט נאָר ער הערט דורכ דעמ פ״נ לאנד דאָס קאָל,
אימ דוכט, ער זעט, ווי עס באוועגט דאָס גאנצע לאנד זיכ
מיט זײַנע גיבערישע אייוורימ אָנ א צאָל
אונ מיט די צייג רײַסט עס פאנאנדער אפנ פײַנט דעמ פאנצער.
א יעדער שאָרכ כאזערט ער נאָכאמאָל מיט פאָרכט
אונ זאָגט אימ נאָכ פארטײַעט, אָנ אנ אָטעמ;
נאָכ יעדנ ריר אונ פאווע ער פאָלגט,
אָט גיט עפעס א מונטער אונ א בראָט אימ:
צי איז ער דאָ, אינ אונטערערד פארשפארט,
צי איז ער דאָרט, פונוואנענ די יעדיִעס שטראָמענ.
ס'איז יעדער אָדער בא אימ אָנגעשטרענגט אונ וואכ,
ס'נעמט יעדער אָדער בא אימ אופ דאָס קאָל פונ דער מילכאָמע...

V

ער טרינקט זיך אָן מיט יעדער וואָרט,
און יעדער וואָרט געהיים אונטער א שלאָס פארשליסט ער,
און ס'טריפט אין הארצן די באלעבנדיקע וואָר
מיט אזא אומזיכטיקן כוואליקן געפליסטער.
און פון דער אונטערערד ער לאָזט א שפרוך,
וואָס טראָגט פאנאנדער זיך און זיך צעקלעטערט,
צווישן די קריגס-געפאנגענע ער שפארט אדורך,
און נידערט מיט א טרייסט אראָפּ אין געטאָ, —
און סטאלינס רעדעס ווערן אלעמען באקאנט,
פון סטאלינס רוף דאָס הארץ בא יעדן זיך צעבליט דאָרט,
אז אויך צו זיי ווי א געבאָט באלאנגט
די ווענדונג: „פריינט מיינע און ברידער!"...
אז מאָסקווע ניט פארגעסט קיין אויגנבליק אין זיי,
אָט דאָ דערהערן זיי פון הארץ אירן דעם צאפל,
און ס'וועקט א האָפענונג זיך אוף אין זייער ווי:
„א טויט די דייטשישע פארכאפער!"

VI

אנומלטן האָט פריק באפעלט ארײַן אין שטוב
דעם רוסלענדישן קנעכט און זיך גענומען מיט אים שפילן:
— ווי רופט מען דיך, גענעדיקער? — מע רופט מיך דוב!
— דײַן נאָמען, הארציקער? — מײַן נאָמען איז וואסילי! —
עס טראָגט אן אָרדינאר ארײַן פון אָנגערויבטער שפײַז,
עס קומען זיך צוזאמען זיגרײַכע קאָלעגן,
און איינס דעם צווייטן אף וואסילין ווײַזט,
וואסילי שטייט, גלײַך ווי א נאקעטער אונטער א רעגן...
עס פילן אָן די קופלס זיך מיט ביר,
די פלעשער לאָזן איינע אף די צווייטע זיך א פאל טאָן:
— פונוואנען שטאמסטו, בער, — פרעגט פריק אים, — פון סיביר?
— יאָ, פון סיביר! — ענטפערט וואסילי שטיל און אײַנגעהאלטן.
עס טרייסלט פריק זיך פון געננוס,
די שנאפס-קאָלעגן קײַכן פאר געלעכטער:
— פילײַכט פארלאנגסטו איבערגעבן, בער, א גרוס, —
הייבט פריק דעם קופל אוף, — אין יענע ערטער?

VII

און עס צעקײַקלט א געלעכטער זיך איבעראנײַס,
די לויזע האָר איבער די נעוער זיך צעפלױרען:
— מיר װעלן דאָרט אינגיכן זײַן! — פארדײַסט
א פוס קעגן װאסילי דוב דער זאָנדערפיורער.
געשטאנען איז װאסילי, אָפּגעלאָזט די הענט,
קיין פינטל מיט אן אויג, א כמאריקער, א בלאסער...
— ס'איז דאָרטן קאלט, װאסילי, סאקראמענט?!
און בערן גייען דאָרטן אום איבער די גאסן?!
גיב נאָר א קוק, װען װעלן מיר... —
האָט אײַנגעטונקען פריק אין פילון־שוים די ליפּן.
— זאָפּאָרט, זאָפּאָרט, — האָט איינער אופגעכאפּט, — סיביר,
סיביר... ס'איז אלץ פארצייכנט און פארשריבן! —
געװיגט האָט זיך אין שטוב א ציגארעטן-רויך,
די פלעשער ביר גענומען אפן טיש האָבן זיך װאקלען,
און פריק האָט מיטן קופּל שוים, פארהויבן אין דער הייך,
געריסן האסטיק זיך, װי אין אטאקע:

VIII

— װאָס קאָסט א בערן-פעלץ, װאסילי, אין סיביר?
— צו װאָס סיביר? — איבערגעשלאָגן האָט א צװייטער, —
מיר װעלן, פריק, אין מאָסקװע זײַן דאָך פריער
װי ס'װעט דער ערשטער שניי דאָרטן א גיי טאָן!
— גיב נאָר א קוק, אפּ װען באשטימט איז דער פאראד?
— זאָפּאָרט, זאָפּאָרט, — גיט ער א קװיק זיך מיט זײַן געמבע
און לייענט פון נאָטיץ-ביכל: — דער פיורער האָט פארשפּראָכן אקוראט
„אום צװעלעף אור דעם זיבעטן נאָװעמבער!"
פארגרייט איז דאָרטן סויבל, טכויר און פיי,
דעם װעג מיט זיי װעט קלעקן אויסבעטן ביזדאנען! —
און מיט די אקסל גיט װאסילי טרויעריק א דריי,
װי ער די פרײַז װאָלט פון א בערן-פעלץ געפרװװט דערמאנען:
ס'קאָסט גאָרניט פאר אזא, װאָס כאפּן קאָן א בער,
דערצו אראָפּציִען די פעל, אויב ס'איז ניט שװער אים...
נאָר אויב דער בער כאפּט אים, איז דער
באצאָלט פאר אזא פעלץ די פעל די אייגענע... ניט מערער!..

IX

אצינד האָט ער זיכ צוגעהערט צו יעדנ שאָרכ,
געקוקט, ווי הירשל גליק דאָס שטיקל ברויט דערקײַעט.
עס איז געווענ א שטילע ערעוו-אָוונטיקע שאָ,
דעמ גאסט זײַנעמ באטראכט אצינדערט ער פונסנײַ האָט.
ער גאָר די געטאָ האָט געזענ איצט אינ זײַנ בליק,
אונ אזא דאָרשט — אינ די פארשײַטע ווינקלענ כונ זײַנ שטערנ;
האָט ער די האנט ארופגעלייגט אפ זײַנע אקסלענ: — גליק! —
אונ אימ א ווונק געטאָנ, ער זאָל אימ בעסער הערנ:
בא די טאליאָנימ אָנגעשמעקט האָט ער,
אז צומ פארניכט איז פארטיק פונדאָסנײַ א צעטל...
איז נייטיק גלײַכ אינ וואלד ארויספירנ וואָס מער
אונ אויכ אליינ פארלאָזנ גלײַכ די געטאָ...
ער האָט אימ מיטגעגעבנ אלצ, וואָס ס׳איז געווענ פארגרייט,
אימ אויסגעמאָלט צומ וואלד נאָכ ניט באדירטע וועגנ
אונ בלויז אזוי נאָר מיטנ בליק, אָנ קיינע רייד,
מיט אימ זיכ בא דער שוועל געזעגנט...

X

געשפאנט צוריק אינ געטאָ אײַלנדיק האָט גליק,
זיכ ניט געגלייבט, צי וועט ער נאָכ אהינ די פיס דערשלעפנ,
אונ אומגעריכט האָט אפנ וועג אימ אָפּגעגליקט
דאָרט בא א פויער אײַנהאנדלענ אנ עפל.
אנ עפל מיט א רויטער באק געטאָנ פונוויײַטנ האָט א ברענ,
אינ רייכעס זיסע, ווי אינ הײַטעלעכ, אנ אײַנגעהילטער.
ס׳האָט הירשל גליק שוינ לאנג קיינ עפל ניט געזענ,
דעמ טאמ פונ גלאט א גלעט טאָנ האָט ווי קיינמאָל ניט געפילט ער,
ער האָט געשפירט, ווי ס׳שפארט פונ דעמ אי זאפט אי ליכט,
ס׳האָט פאר די אויגנ אלצ גענומענ זיכ אימ מישנ,
דאָס לײַב זײַנס האָט דער עפל דורכנ טאש באדירט
מיט אזא ווינטלדיקנ קעלטעלע א פרישנ...
ער האָט א טאפּ געטאָנ אימ אלע ווײַל,
פונקט ווי דעמ שאבעס-אויבס אמאָל, ווענ ער א קינד געווענ איז,
אונ ניט פארהאלטנ זיכ אונ זיכ געאײַלט
צו זײַנ באשערטער טרויעריקער גרענעצ...

XI

ס'א גוטער סימען!.. ביילקע וועט זיך אומקערן פון וואלד,
און זײַנע געשוואָלענע, זײַנע קראנקע מאמע...
און נוימי!.. נוימי... — גיט זײַן הארץ זיך א פארהאלט,
ער וועט זיי אלע דאָרטן אופקלײַבן צוזאמען,
ער וועט פאנאנדערטיילן אים אפ גלײַכע ריפטלעך פיר,
ווי קינדווײַז אין דער היים מע פלעגט אמאָל צעטיילן;
ס'איז אזוי גוט איך טאש אים יעדער ווײַלע טאָן א ריר,
און אזוי ביטער איז די געסלעך ביז דער געטאָ צײלן!..
און מיטאמאָל איז אויסגעוואקסן די געפאר,
ס'האָט פון א פענדעלע א האקנקרייץ געטאָן א פלאטער:
— ווי וואגסטו, הינט, פארברודיקן דעם טראָטואר?
ווו איז, פארפלוכטער הונט, דײַן לאטע? —
אראָפגעשפרונגען פריק איז פון וועלאָסיפעד,
אפ הירשל גליק געלאָזט זיך ווי א נעפל.
ס'האָט מיט צעיושעטקײַט געטאָן פון אים א רעד,
ווען אונטערוואכנדיק האָט ער בא גליקן אָנגעטאפט אן עפל.

XII

א שוים האָט פון זײַן אָנגעצויגן מויל געטאָן א שפאר.
דאָך האָט ער, לאכנדיק מיט גאל מיט גרינער,
אראָפגעשטויסן הירשל גליק פון טראָטואר,
זיך אין דער גאנצער לענג געטאָן א צי נאָך:
— באם יודן אין דער טאָרבע — פרוכט?
באם יודן אין דעם וואנצן-מאָגן אפפעל?
ס'איז ווירקלעך זאָ צי דאָס אים בלויז זיך דוכט? —
און אים א שמײַס געטאָן און אויסגעכריפעט: — כאפן! —
געלעגן איז דער עפל אפן ברוק,
בא פריקן האָבן אויגן זיך צעברענט מיט צונטער;
געיאָגט האָט ער פון גליקן זיי צום עפל מיט א צוק:
— הייב אוף! שלײַדער אראָפ! הייב אוף! שלײַדער ארונטער!
ווידעראנאנד — הייב אוף! ווידעראנאנד — שלײַדער אראָפ!
אין דעם פארדאמטן איינגעווייד פון יודן — אפפעל? —
און מיט דעם גומי שמײַסנדיק אין פּאָנעם און אין קאָפּ,
האָט גליקן פריק אליין פארקאָנוואָירט צו דער געסטאפּאָ.

28. כאַלוימעס

I

כאַלוימעס כאָלעמען זיך נוימיגן אַלע נאַכט.
זי כאַפּט זיך אויף. קיין אויג פֿאַרמאַכט זי שוין ניט ביז באַגינען.
אויפֿן געלעגער דרייט זי זיך אין אַנגסט און טראַכט,
און ס׳קומט איר אַלעמאָל דער פֿאָטער אויפֿן זינען.
צי ווײַל דער ערשטער אויפֿשטיין פֿלעגט ער אין דער היים
און דורכגיין אַלע צימערן מיט טריט מיט שטילע,
אַ קוק געבן אויף קינדער לויט דער ריי,
עפּשער האָט וועמען זיך אָפּגעדעקט... מע זאָל זיך ניט פֿאַרקילן...
צי ווײַל די גאַנצע שטוב מיט זײַנע כּפֿילעס פֿלעגט
זיך אָנפֿילן ווי פֿון אַ זיסן פֿאַסטעכדיקן האָרן,
און ס׳האָט געדוכט, מע פֿאָרט אַזאַ מין ווײַטן וועג
אין אַ פֿאַרדעקטער בויד און ס׳איז פֿאַראַן אַזויפֿיל נאָך צו פֿאָרן...
צי ווײַל דאָס האָט זיך אויך איר בלויז אַמאָל געדאַכט
און העפּקער ליגט דאָס אַלץ — געלעסטערט און צעטראָגן, —
איז מיט אַזעלכע שטילע טריט אַ יעדע נאַכט
צו כאָלעם קומט צו גיין צו איר דער פֿאָטער...

II

זי ווייסט נאָך ביז אַצינדערט ניט, וואָס איז געשען מיט אים
פֿון יענער נאַכט, פֿון זינט ער נעלעם איז געוואָרן,
נאָר אויסדריקלעך זי הערט פֿון ערגעץ ווײַט זײַן שטים,
ווי אין קאַיאָר — אַ זיסן פֿאַסטעכדיקן האָרן.
עס וואַרט שוין דער באַגינען אויפֿן גאַס,
אין כמאַרעס אײַנגעוויקלט אין געדיכטע,
און נוימי קוקט אין כאָלעם אויף איר גאַסט,
זי כאַפּט זיך אויף און קאָן זיך ניט קיין ריר טאָן...
פֿון קיווער כאַפּט מען, פֿאַר געוויס, זיך אַזוי אויף, —
גיט נוימי, טראַכטנדיק, אַליין זיך אַ צעטאָרע,
זי וואָלט צו עמעצן געטאָן אַ רוף,
נאָר אַלע ליגן דאָ אין געטאָ, ווי אין קוואָרים.
די נאַכט זיך גאַנוועט, טײַענדיק, פֿונעם באַראַק אַרויס,
די שאָטנס קערן זיך אין זייער אומזיכטיקער רו אום,
דאָך זעען די באַנאַכטיקע כאַלוימעס נוימיס אויס
צו זײַן אַ פֿאָרזעצונג פֿון די באַטאָגיקע אינוים...

III

איך כאָלעמט זיך, אז דורכגעגאַנגעווען האָט זי זיך צום טײַך,
זי קוקט פון ברעג אין זײַנע טיפן די געהיימע;
דער הימל שפּיגלט אומשולדיק אין אים זיך, גלײַך
ווי ער וואָלט קיינמאָל ניט געזען דעם הפקר און די איימע...
ווי ס׳וואָלט נאָך אלץ געווען דער ערשטער אינדערפרי,
ווען ס׳האָט צום ערשטן מאָל זיך ליכטיקײַט צעגאָסן,
און ס׳גיט א ווינטעלע צום ערשטן מאָל דאָס גראָז א ריר,
און ס׳צייכ׳נען ערשט זיך אָן פון דער נאטור די מאָסן,
און סאדערן זיך פאר דעם מענטשן אויס אפ דר׳ערד,
און לאָזן אים מיט פייגלשן געצוויטשער הערן,
אז אלץ איז דאָ פאר אים, אז אלץ דאָ אים געהערט
און אלעמען ער האָט דאָס גליק דאָ צו געהערן...
און ס׳גיבן זיך פון אלץ דאָס ערשטע מאָל די שאָטנס א באוועג
און שטײַגן איבער יעדנס מאָס, אף ווײַט צעצויגן,
און זי אליין זיצט א פארגאפטע אפן ברעג.
ווי אופגעעפנט וואָלטן זיך בא איר צום ערשטן מאָל די אויגן...

IV

אָט פירט מען זי, א קינד, אין וועגעלע אדורך
אונטער אראָפּגעלאָזענער בלאקיטנער שטאָרע,
און פון די ביימער זי באגלייט א ווינטשנדיקער שפּרוך:
„זאָל איך ניט שוילעס זײַן קיין אײַען-האָרע“...
אָט גייט זי פון דער שול אהיים דאָס ערשטע מאָל,
און ס׳גיים פאָרויס א פויגלשער געפילדער ווי א הימן.
די רויטע פאווערלעך זיך ווינטלען בלומיק אָן א צאָל,
און אזוי נאָ׳נט די ערד, און אזוי הויך דער הימל!..
אָט שיפט זי אפ א שיפלע זיך זאלבעצווייט,
און ס׳רוימט איר עפּעס אײַן דער פליעסק פון רודערס אפן וואסער,
נאָר גאָרניט זי באנעמט, און גאָרניט זי פארשטייט,
זי שפּיגלט זיך אין טײַך — אזא פארטרוימטע און א בלאסע.
וואָס נאָך? רײַסט זיך מיט אימפּעט אויס פון איר די פרײַ
און לאָזט א ליידיקע זי איבער, אויסגעצויגן,
ס׳בלײַבט בלויז אן אויסגעהוילט, פארפײַניקט לײַב
מיט גרויסע, מיט דערשראָקענע, מיט אומעטיקע אויגן...

V

אונ ווי א וואָלקנדל דערפילט זי מיטאמאָל זיך לייַכט,
כאָטש הייב זיך אופ, לאָז אינ דער הייך זיך שוועבנ,
אונ שפיגל זיך אינ די געהיימע טיפנ פונעם טייַך,
ווו ס'שלאָפט דאָס אָפגעכאָלעמטע ניט־היגע לעבנ...
זי וואָלט עס שטיל אזוי געטאָנ א וועק,
סע זאָל זיך אופכאפנ, בלויז עפעס פרעגנ;
עס ליגט, איבערגעקערט די אויגנ אפנ דעק,
ווי לעמ איר וויגל אפנ פאָל איר ליאלקע א־ז געלעגנ...
זי וואָלט עס אפ א ווייַל געגומענ אפ די הענט,
זי וואָלט עס א צעטאָרע פונעמ שלאָפ געגעבנ:
אָ, וואָס אזוינס געשענ איז מיט דיר, וועלט,
אונ וואָס אזוינס איז מיט דיר פאָרגעקומענ, לעבנ?..
נאָר ערגעצ יאָגט מענ זיך נאָך איר דאָ, ווייַ אונ ווינד,
דעמ וועג פארלויפט מענ דאָ מיט נעצנ אונ מיט צאמענ...
צי כאָלעמט זיך עס איר אצינד,
צי ס'האָט זיך איר געכאָלעמט דאמאָלט?..

VI

עס וויגט דער טייַך זיך שלעפערדיק־פארטראכט,
ווי ס'פלעגט איר וויגל וויגנ זיך אינ אלקערל אינ שמאָלנ,
ווענ אופגעכאפט זי האָט אמאָל זיך בא דער נאכט,
דערשראָקנ פונ א בייזנ כאָלעמ...
ווענ צוגעוויגט האָט זי דער טאטע מיטנ פוס
פונ שלאָפ א קרעכצנדיקער, טאפנדיק די פינצטער,
אונ האָט דערנאָך א גאנצע נאכט געהוסט,
אונ ס'איז די נאכט די גאנצע אימ געווענ שוינ ווינציק.
נאָר זינגענדיק איז ער די לאָדנ אופשפארנ אראָפ,
דאָס ליכט הארכאָוועדיק ארייַנלאָזנ אינ צימער,
גלייַך ווי די ערשטע פאָטערלעכע גאָב,
האָט ער צו פענצטער צוגעלייגט דעמ הימל,
אונ איז אוועק מיט אופגעלייגטקייַט פונ א ווינט,
א קוש געגעבנ יעדערנ, זיך צוגעזאָגט ניט זאמענ...
צי כאָלעמט זיך עס איר אצינד,
צי ס'האָט זיך איר געכאָלעמט דאמאָלט?..

VII

געלאָזט האָט ער די פענצטער אָפֿן, פרײַ,
אַז ס'זאָל אַ בלעטעלע פֿון בוים אײַנשטויבן אַ גרינע טאָן,
און פֿון די פֿייגעלעך די זיסע צװיטשערײַ
זאָל מיט אַ סימכע אויפֿװעקן פֿון שלאָף די קינדער...
װוּ איז ער איצט? װוּ גייט ער ערגעץ אום?
װאָס האָט ער זיך ניט אומגעקערט אַהײם מער?
די פֿייגל זוכן דאָרטן אים אַרום,
און ס'פֿרעגט זיך אָפּ אים נאָך דער שאָרך פֿון ביימער.
עס גייט דער טײַך זײַן װעג זיך שטיל און שאַ,
די מאַמע שװינדלט ערגעץ דורך מיט טריט מיט גיכע,
אַן אויסגעפּוצטע אין דער שאַבעסדיקער ליַאַנעזער שאַל
מיטן פֿאַרה'לטן קאָרבן-מינכע אין איר טיכל.
און נוימי גייט זיך װי אַ דורכגעשאָסענע אַ צי,
זי װאָלט פֿונדאַנען זי אַ רוף געגעבן: „מאַמע?!"...
צי כאָלעמט זיך עס איר אַצינד,
צי ס'האָט זיך איר געכאָלעמט דאַמאָלט?..

VIII

זי זיצט שוין אַזוי לאַנג באַם טײַך פֿאַרשטעלט,
און קיינער טרײַבט זי ניט... ניטאָ זיך װאָס צו אײַלן...
ס'איז אַזוי גוט אין כאָלעם דורכלאָזן די װעלט,
אינערגעץ זיך ניט אָפּשטעלן קיין װײַלע...
איר כאָלעמען זיך בינען, פֿלײַענדע פֿון בלום צו בלום,
זיי עגבערן פֿאַרגאַפֿט פֿון צװייט אַרויס דעם האָניק,
און ס'גייט פֿון טויזנטער באַשעפֿענישן אַ געזשום,
און קענגיבער אָפּן ברעגן צעגיסט זיך אַ האַרמאָניק
מיט גלאָקיק-זילבערנעם געלעכטער פֿון דער נאָ'נט.
ער הילכט מיט אַזאַ װייטעק אָפּ באַ איר אין האַרצן,
זי װאָלט דאָך אויך נאָך פֿרײלעך זײַן געקאָנט!
און פֿונעם שלאָף, אינמיטן כאָלעם, זי צעלאַכט זיך...
עס גיבן אין באַראַק די שלאָפֿנדיקע זיך אַ װאָרף,
אָפּ דעם געלעכטער ענטפֿערן זיי אָפּ מיט קרעכצן:
ס'איז מיטן כאָלעם אויס! נאָר איינס איז װאָר:
אַז גליק האָט צ'ריק פֿון שטאָט ניט אומגעקערט זיך.

IX

א יעדער רעגע ווי א בלאַט רײַסט זיך פֿון נוימינ אָפּ,
און ווי א שאָטן, נאָיענדיק, גייט יעדער רעגע נאָך איר.
זי האָט געוווּסט, אַז ס׳גייט אַוועק אַ מענטש, איז פֿאַר זײַן קאָפּ
האַרגען די מערדער אויס אַ גאַנצענע מישפּאָכע.
און אויך האָט זי געוווּסט, אַז ס׳בלײַבט דאָרט ווער,
קומט אָן דעם טויט נאָך איינער אָפּ זײַן כיילעק.
און כאָטש אַנטשיידן זיך איז איר געווען שווער,
ווי זאָל זי זיך צערײַסן דאָ און וועמען זאָל זי טיילן,
האָט מיט פֿאַרמאַכטע אויגן זי אַ שפּרונג געטאָן אין וועג,
און — וואָס וועט זײַן זאָל זײַן! דערטראַכטן וועט זי שפּעטער,
און אין דער זעלבער נאַכט איז זי אַוועק,
די דראָט־פֿאַרצוימונגען געמיטן פֿון דער געטאָ...
זי איז געגאַנגען לאַנג. געמיטן דאָרף און וועג,
איבערגערעכנט אַלץ, וואָס דער אַוועקגאַנג קאָסט איר,
און אָפּן דריטן טאָג פֿון בלאָנדזשען און פֿון שרעק
איז זי אַרײַן זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ קאָסטיאָל.

29. וואָס קאָסט אַ בערן־פּעלץ?

I

די איימע טשאַטשעוועט אָפּ יעדן ראָג,
די פֿענצטער — אויסגעזעצט, די טירן — אָפֿן.
אין געטאָ דורכגעגאַנגען איז גליק פֿאַרטאָג,
נאָר נוימינ האָט ער דאָרט שוין ניט געטראָפֿן.
ער לעבט? — האָט יעדער שטויב געטאָן אַ פֿרעג,
ס׳איז ער? — געשטוינט האָבן די שטיינער.
„אָ, זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג“, —
אַזוי געשען איז ניט מיט אים אַליין נאָר.
געלאָפֿן ער פֿון לאַגער איז באַנאַנד מיט אַכט,
עס האָבן גריבער אָפֿן וועג אים אויסבאַהאַלטן.
געקומען איז צו הילף די מוטער־נאַכט,
נאָר אַ געיעג מיט פֿײַער האָט דאָס לויפֿן זיי פֿאַרהאַלטן.
אַ פֿאַל געטאָן האָט גליק נאָך פֿאַרן ערשטן שאָס,
זיך אָפּגעשטעלט, ווען אָפּגעהערט די שיסערײַ האָט.
צווישן דערשראָקענע געלעגן אַ פּאָר שאָ,
פּונקט ווי אַ מעס, נאָר — לעבעדיק, פֿאַרטײַעט...

II

געשפּרייט האָט זיך פאַר אים אַ טויטע גאַס.
ס'איז קיינער ניט פאַראַן. אַ שטילקייט אַ געפּלעטע.
בלויז ער אַליין — דער יענוועלטיקער גאַסט —
מאַכט אַ קאַיאָריקן שפּאַציר איבער דער געטאָ.
ער גייט. אים דוכט, אַז ס'הילכן אָפּ
די טריט זיינע איבער די געסלעך פון דער געטאָ.
אַ מעס איז ער באַ פּריקן בלויז אין קאָפּ,
אַ מעס איז ער באַ פּריקן בלויז אין צעטל,
כאָטש יעדער טראָט קאָן זיין צום לעצטן ראַנד
אַ בלינד־פאַרפּירנדיק, אַ קיווער־טרעפּל.
און גייענדיק אַזוי האָט מיטאַמאָל זיך אים דערמאַנט,
ווי אויסגעריסן פּריק האָט פון זיין האַנט דעם עפּל
און אים געטאָן אַ שליידער אָפּ דער ערד אַראָפּ
און, טרעטנדיק אים מיט די פיס, געכריפּעט: „כאַפּן!"
און מיט דעם גומי שמייסנדיק אין פּאָנעם און אין קאָפּ,
האָט ער אַליין פאַרקאָנוואָירט אים אין געסטאַפּאָ...

III

דאָכט האָט ער ווי־ניט־איז זיך אומגעקערט צוריק.
קיין עפּל איז ניטאָ... און נוימי איז ניטאָ מער...
אים וועט נאָר אויסקומען איצט מער ניט הייסן גליק,
אין יענער נאַכט געענדיקט האָט זיך גליק. אַצינד — אַן אַנדער נאָמען!
ער איז געגאַנגען ווייטער מיט דעם טריבן טאָג,
זיך באַ אַ פענצטער אָפּגעשטעלט. אַ קלאַפּ געגעבן: „מאַמע!"
קיין ענטפער איז ניטאָ... קיין מאַמע איז ניטאָ...
איז ער אַריין און האָט דערזען אַ בילד אַזאַ מין:
אַן איבערגעקערט בענקל אָפּן דיל,
אַ פלעשעלע רעפּוע אָפּן בענקל,
און שטיל, אַזוי פאַרכאַסמעט־שטיל,
ווי קיינער וואָלט דאָ קיינמאָל ניט געווען גאָר.
געזוכט האָט גליק אַ סימען בלויז,
און בלוט דערזען האָט אָפּן בעט ער.
געראַנגלט האָט זי זיך, ווייזט אויס,
די מאַמע, קראַנקערהייט, אין געטאָ...

IV

„און ווו קאָנביילקע זײַנ אצינד?״ —
האָט גליק געלאָזט זיך ווײַטער שפּאנען.
„דו ביסט א פּאסטעכל! דו טרײַבסט א ציג,
דו ווױנסט אינ דאָרף. ניט ווײַט פונדאנען!״
באדארפט געווענ באוואָרענענ אפּריל׳ר,
באדארפט געווענ דעמ וועג פארלויפנ!
ארײַנשטודירט האָט ער מיט איר,
פונקט ווי דעמ כיבער און דעמ קײפּל:
„דו ביסט א פּאסטעכל!.. דו טרײַבסט א ציג,
און פּאשע, ביילקע, זוכסט אינ וועג איר״.
ס׳גיט אימ ביז ווי־און־ווינד א צי
אפּ יענע אומעטיקע וועגנ —
זי ווייסט דעמ וועג אהינ און צ׳ריק,
אפּ יעדנ ביימעלע א סימענ.
„דו ביסט א פּאסטעכל! דו טרײַבסט א ציג״.
ווי ווײַט דאָס איז!.. אָ, גאָט אינ הימל!

V

געגאנג איז גליק מענאכעמ־אָוול זײַנ א יעדער שטוב,
ארײַנזאפּנ די ליידיקײַט די וויסטע אינ די אויגנ.
ס׳האָט א געהיימע קראפט אהינצו אימ געשטופּט,
ס׳האָט א געהיימע קראפט אהינצו אימ געצויגנ.
ער איז אדורכ די גאס איבער איר גאָרער גרייס,
פונ עק ביז עק, אונטער דער שטילקײַט אײַנגעבויגנ.
די פענצטער צוגעמאכט בא יעדנ הויז,
ווי בא א מעס פארמאכט מענ שווײַגנדיק די אויגנ.
א צווייטע גאס האָט זיך ארײַנגעקנופּט,
אפּ איר האָט אויכ דער טויט רעשוס געהאט דאָ.
עפּשער צוריק אוועקגייג צו וואסילי דוב?
עפּשער אפּסנײַ אראָפּרײַסנ פונ זיך די לאטע? —
נאָר ניט געווענ איז שוינ וואסילי מער —
דערגאנ אהער איז פונ דער הויט דער הוילער:
ס׳האָט פריק פונ אימ ווי פונ א בער
די פעל אראָפּשינדנ באפוילנ.

VI

געכאַפּט האָט פּריק וואַסילינ באַם עפּיר,
געהייסנ גראָבנ אים אַליינ אַ גרוב זיך.
אים האָבנ צוויי עסעסאָווצעס אָוועקגעפירט,
געהאַלטנ שטרענג אַפּ אים דעם אויפזיכט.
זיי האָבנ אינ די אויער-רערלעך אים געפּירט
אונ זיגעריש מיט אים זיך באַ דער גרוב געוויצלט:
— וואָס קאָסט אַ בערנ־פּעלצ, וואַסילי, אינ סיביר? —
געפרעגט באַזונדער האָט אים יעדער היצעל.
— ס׳קאָסט גאָרניט פאַר אַזאַ, וואָס כאַפּנ קאָנ אַ בער,
דערצו אַראָפּצי̤ענ די פעל, אויב ס׳איז ניט שווער אים... —
געקוקט וואַסילי האָט אַהינ, געקוקט וואַסילי האָט אַהער,
אונ ווענ די גרוב באַטראַכט האָבנ די היצעליעס געהעריק,
האָט מיטנ רידל איינעם דוב דערלאַנגט אינ קאָפּ,
דעם צווייטנ מיטנ רידל אויסגעהאַקט די אויגנ,
מיטביידע זיי די גרוב געגעבנ אַ פאַרשטאָפּ
אונ האָט אינ וואַלד, געזועג׳נענדיק זיך, אָפּגעצויגנ...

30. אַ נאַכטלעג אינ קאָסטיאָל

I

אינ קאָסטיאָל אָפּגעלעגנ נוימי איז די ערשטע נאַכט
נעבנ דער טיר, פאַרצויגנ מיט אַ שאַלעכל דאָס פּאָנעם,
אונ אַ פאַרטויבטע פונ דערשרעק האָט זי געוואַרט,
ס׳קאָנ עמעצ זיך אַרײַנרײַסנ אונ זי דערקאָנענ, —
אַז דורכגעגאַנוועט האָט זי זיך אַהער,
אַז זי איז אַנ אַנטלאָפענע פונ געטאָ, —
האָט זי צונויפגעקאָרטשעט זיך נאָך מער,
ניט וואַגנדיק דעם בליק אַ הייב טאָנ צו די געטער.
ס׳איז דאָרטנ קאַלט אונ אויסגעהוילט געווענ,
געהיימניספול זיך אויסגעראַכט האָט יעדער צעל איר;
אַוועקגעגאַנגענ ערגעצ אינ דער הייך זײַנענ די ווענט,
דורך פענצטער איז דאָס ליכט געפאַלנ אַפּ דער סטעליע.
כ׳האָט נוימי נאָך געשלונגענ שטרעקעס אינ געלאַפּ,
געשפרייט האָט נאָך די שרעק אַפּ איר אַ נעצ פונ נעפּל.
נאָר אײַנגעבראָכנ איר בעהאַלע האָט דער שלאָפ,
דער פּאַכעד האָט דער מידקײַט זיך אונטערגעגעבנ...

II

אפ אינדערפרי אריַינגעקומען איז דער קסיאָנדז אליין,
די הענט פארוקט אין ארבל, ווי אין שווארצע הילזן:
— צי האָט זי קיין באגער זיך ניט צו טויפן? — ניין!
— צי וויל זי זיך מיסוואדע זיַין? — באהאלטן בלויז זי וויל זיך!
— עס שטראָפט איַיך איצטער גאָט, מיט זיַין גערעכטער האנט ער צאָלט,
די קירך קאָן מיט קיין ווידערשפעניקער די לייד ניט טיילן, —
האָט פאָרועצן זיך דאָס געשפרעך דעם קסיאָנדז געוואָלט, —
באוועגט דען די כאראָטע ניט פון זיך עפעס דערציילן? —
עס האָט זיך נוימי אומגעקוקט און עפעס נאָך געווארט
פון דעם באיאָרטן מאן, וואָס איז געווען דערנעבן.
פון זיַין האלבאָשע האָט אראָפּגעווייט די נאכט
און אָנגעפילט דאָס הויז דאָס געטלעכע מיט נעפל.
פארצויגן האָט בא נוימין זיך דער שטארער בליק,
און ס'האָט גענומען אויספעלן איר אָטעם,
דערזען זי האָט איר אָפּגעלאָפן לעבן אפ צוריק
און קוים א זאָג געטאָן: — געשעצטער פאָטער!

III

וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
אפ וועמענס וועג א נעץ פארלייגט איז פון געבוירן,
אפ וועמען אָנגעשטעלט עס איז פון ביקס די רער
און גייט אים נאָך, פארפאָלגנדיק אים, ווי דער גורל?!
וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
א וועמען ס'איז קיין האָפענונג קיין מינדסטע ניט געגעבן
אפילע פון א מעס, כאָטש אפ א האלבן מעטער ערד
און אפ א ברעקל בליַי — איבערצוריַיסן אין דער מיט דאָס לעבן?
וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
בא וועמען אָפּגענומען אלץ איז, כוץ דער ריִע,
אז זען זאָל ער זיך קאָנען אומעטום א גער,
ווי ס'גיט א יעדער שוועל מיט ניט־געבעטנקייַט א ברי אים?..
וואָס קאָן דען וועגן זיך דערציילן דער,
ווער שולדיק ביז צום טויט אין דעם איז,
וואָס נידערן איז לייַכט און אופשטיַיגן איז שווער,
וואָס סאם איז זיס, און ביטער איז דער עמעס?!

IV

דאָך, פּאָטער גנעדיקער, דאָך פרעגט מיך אויס,
וואָס איר פאַרלאַנגט פון מיר צו הערן,
כ'וועל מיט דעם ריינעם עמעס ענטפערן דורכויס,
כ'וועל אַלץ, וואָס איר פאַרלאַנגט, דערקלערן!
— ווי רופט מען דיך? דײַן נאָמען רוף מיר אָן!
— מײַן נאָמען, פּאָטער גנעדיקער, איז מײַן פאַרעטער! —
ס'האָט דורכדרינגלעך דער קסיאָנדז אַף איר אַ קוק געטאָן
און ניט באַזינט, ווער מיט איר מויל עס רעדט דאָ.
— ווי אַלט ביסטו? — האָט מיט פאַרטײַעטקײַט זײַן קאָל
אַף נוימין זיך אַ זעץ געגעבן.
— כ'בין, פּאָטער גנעדיקער, געשטאָרבן שוין אַזויפיל מאָל,
אַז שווער איז צו געדענקען, ווען צוערשט כ'האָב אָנגעפאַנגען לעבן!
— ביסטו אַ יונגפרוי נאָך? — האָט ער דעם קאָפּ געטאָן אַ קער
און מיטן בליק פאַרהאַלטן איר דעם אָטעם.
אָן אָטעם האָט זי זיך געגעבן אַ פאַרקלער:
— עס ווייסט די לייד ניט פון קיין כאַרפּע, פּאָטער!..

V

— האָסטו נאָך גאָט אין האַרצן, צי גלייבסטו נאָך אין אים? —
האָט נעענטער צו איר דער קסיאָנדז געפּרוּווט אַ טראָט טאָן,
און מיט אַן אויסגעהוילטער שלאַבעריקער שטים
האָט זי פון פולן האַרצן אַ זאָג געגעבן: — פּאָטער! —
און זיך פאַרטראַכט... זי איז געווען אויסגעשעפּט און מאַט,
עס האָט געדוכט, אַז ס'שיטן זיך פון איר יאָרטויזנטיקע שטויבן. —
כ'האָב, פּאָטער, ווי נ'אַ ווײַטן כאָלעם אַלץ געהאַט:
און אויך אַ גאָט, און אויך אַ גלויבן!
איצט וויל איך פאַר אַ גאָט — אַ שטיקל ערד, ·אַ ביסל גראָז...
אַ נאַכטלעג אָן פאַרגוואַלדיקונג איז איצט מײַן גלויבן! —
פון אונטער שאַלעכל זיך האָבן אירע צעפּ אַליין צעלאָזט,
ווי ס'וואָלט זיך אַפן קסיאָנדז פאַרשפּרייט אַ נעץ פון צויבער.
געדוכט האָט זיך דעם קסיאָנדז געלעכטער אין איר קאָל,
און אויך אַ ווײַט געוויין געדוכט האָט זיך אַזוי אים.
צי· ווערט ער ניט דורך איר אָט דאָ אַליין געפּרוּווט צומאָל?
צי האָט די הימלאָזע אים ניט פאַרפירט אין קירך אַף אַ ניסאָיען?

מיט א פארענטפערונג האָט זי צוריק די צעפ באשטאט
אונ מיטנ שאלעכל צוריק פארהוילנ אקוראט זיי:
— ניט מײַנע זײַנענ זיי!.. דעמ דײַטשס... ער וועט זיי אָפשערנ, דער קאט,
אונ אָנשטאָפנ מיט זיי פאר די עסעסאָווצעס מאטראצנ,
פונקט ווי די ביינער מײַנע אונ מײַנ הויט
ער איבערארבעטנ אינ מיסט וועט אונ אינ שטאָפנ,
אז וואקסנ זאָל בא דײַטשע מעכאשייפעס פעטע קרויט
אונ גרויסע אומגעהייערע קארטאָפל... —
דעמ קאָפ האָט זי געטאָנ א לאָז אראָפ,
אימ אינ די אקסל אײַנגעצויגנ, ווי אינ פיבער: —
צי כ'האָב א גאָט? איכ האָב! איכ האָב!
מער איז פונ בראָכ מיר גאָרנישט ניט געבליבנ.
ער איז אינ וואלד. ער איז פארלייגט באמ וועג.
פונקט ווי א כמארע פונעמ מאבל איז ער וואכ דאָרט,
איכ גיי צו אימ נאָכ הײַנט באנאכט אוועק.
איכ דאנק אײַכ, פאָטער, פאר דעמ נאכטלעג!

31. זיבנ קינדער

1

דער פאכעד טראָגט איבער דעמ וועג זיכ אופ אונ אָפ,
ער קלינגט מיט פערד־געהידזש אונ מיט באפעל פונ שפאָרנ.
וואסיאָנע האָט באנאכט דערהערט א שטילנ קלאפ,
ס'האָט עמעצ בא דער טיר זיכ אומזיכער געפאָרעט.
ניט טרעפנדיק דעמ פאָל, איז זי פונ פיל אראָפ
אונ אופגעמאכט די טיר. פארטויבט די שרעק א מענטשלעכ קאָל דענ?
זי האָט דערזענ אנ אופגעפאטלט-קינדערישנ קאָפ —
א סטארטשענדיקנ פונ א קלומעקל מיט טראָלדנ.
פונ אָפגעמאָגערטנ געזיכט ארויסגעבלאנקט האָבנ די ציינ,
אונ אינ דער פינצטערניש האָבנ געגלאנצט פארווילדעוועטע אויגנ:
— קיינ דײַטשנ, מומעלע, זײַנענ ניטאָ דאָ, ניינ? —
געשטאנענ איז אנטקעגנ אימ וואסיאָנע אײַנגעבויגנ,
זיכ אײַנגעקוקט, ווי אינ אנ אָפגרונט, ציטערדיק אונ וואכ,
געשראָקנ פאר דעמ סאמע מינדעסטנ גערויש זיכ.
צי האָט עס ניט אהער ארויסגעוואָרפנ די געפאר
מיט א צעבושעוועטער כוואליע פונעמ כוישעכ?..

II

פאַרהאַרטעוועט געוועג איז אפּן קינד די הויט.
עס האָט געדוכט: פֿון דעם זיך שיילט דאָס בעגעדל ס׳צעפּליקטע.
די פֿיס די באָרוועסע באַקלעפּט מיט קויט,
און ווי דעם ווינט געפֿעלט, לאָזן די פּאַטלעס זיך א וויג טאָן.
געהאַלטן האָט עס אין איין האַנט א שטיקל ברויט,
זיך מיט דער אַנדערער באַמיט אין לופֿט עפּעס צו כאַפּן
און אויף דער טיר געוויזן פֿונעם שטיבעלע, פֿאַרטרויט,
מיט דעם פֿאַרווילדעוועטן גלאַנץ פֿון די שוואַרצאַפּלען.
דאָס מויל געעפֿנט האָט זיך ווי א וווּנד
און זיך פֿאַרמאַכט צוריק, ווי עפּעס צום דערמאָנען:
— צי קאָן מען איבערנעכטיקן דאָ ערגעץ ווו? —
א קוק געטאָן דאָס אויערכל האָט אויף וואַסיאָנען.
— וואָס טוסטו דאָ? דו ביסט פֿון וואַנעט? —
האָט זיך וואַסיאָנע עס געפּרוּווט א גלעט טאָן.
אַרומגעקוקט האָט זיך דאָס קינד פֿון יעדער זײַט:
— געלאָפֿן, מומעלע, מיר זײַנען פֿון דער געטאָ!..

III

א גאַנצע טשאַטע זײַנען זיי אַוועק,
באַגלייט פֿון לעצטע געטאָ-בליקן טריבע.
און אײַנציקווײַז געפֿאַלן אויפֿן וועג, —
געבליבן איז פֿון זיי ניט מער ווי זיבן...
וואַסיאָנע האָט וועגן דער שטאָל געטאָן א טראַכט,
א קלער געטאָן וועגן דעם בוידעם האָט וואַסיאָנע.
און ס׳שטייט ניט אויף קיין אָרט די נאַכט,
דערהערן ערגעץ זיי מע קאָן נאָך...
ס׳איז קלאָר, ס׳איז קלאָר, — וואַסיאָנע זיך דערמאַנט:
א כאָפּטע הינט דערשפּירן קאָן זיי באַלד דאָ;
האָט זי דאָס קינד א נעם געגעבן פֿאַר דער האַנט
און עס אַוועקגעפֿירט צו זיך אין שול באַהאַלטן.
ווען מיט א שטיקל ברויט דאָס צווייטע מאָל
איז זי אין שול באַנאַכט אַרײַנגעלאָפֿן,
האָט זי דערזען, ווי אויסגעלייגטע אויפֿן פּאָל
זײַנען נאָך זעקס איינס נעבן אַנדערן געשלאָפֿן,

IV

באוואקסענע און אײַנגעטונקענע אין קױט,
פון פענעמלעך אדורכגעלויכטן אויגן האָבן בלויז זיך.
זיי האָט ניט אָנגעיאָגט אינערגעץ ניט דער טויט,
ווי קעגן זיי ער ניט באוואָפנט האָט זיך גרויזאם.
געגאנגען זײַנען זיי פון לאנג שוין און פון ווײַט,
זיי האָט געקאָסיעט דאָס געיעג, אינעדרגעץ ניט קיין היגע...
דורך טעג דורך גאנצע — אונטערוועגס — פארטײַ׳ט,
און בא די נעכט — פון ווינט זיך לאָזנדיק פארוויגן.
געלאָפן הין און צ׳ריק, ווי אין א גרויסער שטײַג,
זיך אויפגעהויבן שנעל, ווי פון א שטײַג — א טשאטע פייגל.
א דיוו איז אונטערוועגס זיי מיט באהעלטעניש געטרײַ,
און א געטרײַער אָרע-מיקלעט איז אין פעלד פאר זיי א סטויגל.
די עלטערן פארלוירן האָט פון זיי דאָ ווער,
און ווער די היים פארגעסן האָט פון זייער איידע.
נאָר איינער אויסבאהאלטן האָט א צייכן פון א פּיאָנער,
און בא א צווייטן האָט פארוואלגערט זיך אין קעשענע א דריידל.

V

געשלאָפן זײַנען זיי, ווי נאָך א שלאכט,
די הענט צעשפרייט, און אפן הוילן דיל — די באקן;
און ווער פון שרעק — דאָס פענעמל באגראָבן טיף,
און ווער ווי צוגענאָגלט פארן האלדז-און-נאקן.
פארשיידענע בעגאָדים, שמאטעס — מאָלע ריס
און צוגעדעקט מיט טאָרבעלעך דאָס ראָוו נאָר.
געזען האָבן בא אלעמען זיך בלויז די פיס,
די קליינע גאָלעסדיקע פיס די וואנדעראָוונע.
פון יעדן אָטעמען כאלוימעס זיך ארויס,
וואסיאָנען דאכט זיך, אז זי זעט זיי אפ דער וואָר דאָ.
צום אלעם ערשטן הארגענען זיי קינדער אויס,
די קינדער פריי׳ר פאר אלעמען זיי מאָרדן...
— שלאָפט! שלאָפט! — האָט זיך וואסיאָנע אויך אוועקגעזעצט אפ דר׳ערד—
כ׳וועל אײַך ניט אופוועקן, ביז אומפארמײַדלעך זײַן נאָר ס׳וועט דאָ...—
אין יעדן אומרויִקן הויך פון אירע געסט האָט זי געהערט:
„מיר זײַנען, מומעלע, געלאָפן פון דער געטאָ“...

VI

פונקט ווי א קאמערטאָן, געפרווט גערמאניע האָט איר האק
איבער די קעפּ פון קינדער די פארטריבענע אינ געטאָ,
און איז געווען שטאָלצ מיט איר מעמשאָלע און געוואג,
און אומבאזיגט, און זעלבסטפארגעטערט.
עס האָט איר ניט געסטייעט קיינ געדולד
צוווארטנ דעם טריומפ איבער דער אלוועלט דער געפלעטער,
האָט זי דערווייל איר אונטערוועגדיקע קרוינענ-שטול
געפירט איבער די קייווערדיקע געסלעכ פונ דער געטאָ
און אויסגעקלעפט איבער די אָולדיקע ווענט
טאקאָנעס, וואָס באקרוינט א יעדערע מיט זיג איז.
געווענ צו יעדנ שאָטנ איז די נייע אָרדענונג געווענדט
און דער מעלוכישער סטאטוט פונ אירע מאָרדנ און הארגעס.
דאָס בלוט פונ געטאָ האָט גערמאניע עקספּאָנירט
אפ אלע מערק, ווו אָפּזאצ איז געווענ נאָר:
— פארלאנגט, פיליכט, ווער יודנ-זייפע? עכטע. ניכט?
פונ ליטערנ פראָפעטנ-מארכ! פונ קנאבנ פענאָמענענ!

VII

און זיי — זיי האָבנ ניט קיינ צייט צו ווארטנ אפ דער האק,
צו לעבנ ווייניק שוינ געבליבנ איז זיי אלע.
א סיִעמ מאכנ זיי אפ די יאָרהונדערטנ לפ״ק —
קיינ אָס ניט גיינ כאָלילע זאָל פארפאלנ.
אנ אונטערערדלער אינ עפיר יאָגט אָנ א שטראָמ,
מיט לעצטנ מויעכ-שטראל שליסט אומ א ייִד פונ פראָג דעמ אטאָמ,
און אינ די וואָרצלענ פונ א בונטנ אידיִאָמ
זיכ מיט היסלייוועס גראָבט א באל-גראמאטיק.
און אינ געציילטע רעגעס פארנ טויט,
אונטער דעמ הענקערס העפקער-שיקערע גערוישנ,
סטראָיעט דעמ פידל אָנ א וווּנדערקינד, דער וועלט פארטרויט,
און קלעפנ שטעלט א צווייטער זיכ א נייע סטאטוע פונ מוישענ.
זיי האָבנ לייענענ זיכ ניט פארגינט
ס׳געזעצ און די טאקאָנעס פונ דער דייטשישער אימפעריע,
אז אינ דער געטאָ — פאר א ניי-געבוירענ קינד
זיינענ מעכויעוו צענ דערהארגעט ווערנ.

VIII

אז ס'האָט דאָרט יעדערער געהאט צו טאָן לעראָוו,
געבליאסקעט אויגן האָבן דולע פון געאמפער.
עפּעס א פארמעטענער, אָפּגעצערטער ראָוו
האָט ערשט פונסנײַ פארפירט א סיכסעך מיטן ראמבאם.
איז וואָס-זשע גייט אים אָן דער הענקער מיט זײַן האק?
דער ניצעץ עליקים ווערט פון קיין האק ניט דורכגעריסן.
קיין איינער איז פון זיי נאָך ניט געוועזן זאט
פון דאָרשטיקײַט, פון אופשטײַג און געניסן.
איז וואָס, אז ס'ווערט דער קרײַז פארצויגן, ענג און קליין?
דער בליץ קיין מאָך באדארף ניט ביז דעם דונער!
ס'באגרײַפט אן אופשטענדלער, ווי מיט דעם אייגענעם געביין
פארדעקט א רוסישער סאָלדאט אן אמבראזורע.
און קינדער — אומעטום, אף ווו א וועג,
צעזייט זײַנען ווי בריענדיקע זאָמען.
אָט זײַנען זיי, די אָרכימלעך, פארבליבענע פונעם געיעג,
די זיבן אָרכימלעך, אין שול זיי שלאָפן בא וואסיאָנען.

32. ויהי ערב, ויהי בקר׃

I

— שלאָפט, שלאָפט! — האָט שטיל וואסיאָנע זיי געוויגט,
באטראכט די אָרכימלעך די ייִדישע זי האָט דאָרט.
און אין דער געטאָ האָט די ערד געטרייבערט פריק,
נאָך אלע קינדער זיך געיאָגט, זיי אָפּוואכן געפאָדערט!
געגומען יעדער שטיבעלע אין קלעם,
א שלייף פארלייגט אף יעדער געסל.
און שולדיק, אויסגעטראָגן, איז געווען אין דעם
כאַנינע דעם צירולניקס מעובערעסע גענעסל.
וואָלט דען כאַנינע ניט א פאל געטאָן צו דר'ערד אליין
אינמיטן גאס פאר — ווו א קינד, פאר — ווו א מוטער
און זיך ניט אײַנגעזויגן מיטן מויל אין יעדן שטיין,
ווי אין זײַן שווארצן שלוכצנדיקן טוטל?
נאָר אין צירולניע ז'ער געזעסן, ווי אין אש,
א ווייגענדיקס האָט אלע ווײַל געגעבן א פארצי ער —
און אָנגעהויבן אלעמאָל פון א טשארדאש
און אויסגעלאָזט אים אלעמאָל מיט „איילי-ציִען"...

II

א בראָך איז צו דער גאַנצער וועלט!
ס'פאַרופט א קאָל אונטערן שטאָט אין צו דער גרוב, אהין נאָר...
א שערער האָט דעם מאַלכאַמאָוועס דאָ פאַרפעלט,
און זי: — כאַנינע!.. — וואָס כאַנינע?
אין איין זײַט — ער, און אין דער צווייטער — זי...
צו וואָס נאָך אומקערן צוריק זיך וועט ער?
די בערד בא ייִדן פאַרן טויט ראַזיר
און אפן טוטל שפּיל, ס'זאָל פריילעך זײַן אין געטאָ!..
געפונען האָט זי בא דעם זאָנדערפירער אין די אויגן כיין,
געהייסן איבערלאָזן האָט ער זי אף שפּעטער,
אַז קומען זאָל זי אַלע נאַכט צו אים צו גיין —
די בלום די וווּנדערבאַרע פון דער געטאָ.
נאָר ס'האָט כאַנינע זיך געשפּרייט אונטער איר יעדן טראָט
און אפן טוטל אויסגעשפּילט איר יענע וועלט און די וועלט.
אַרײַנגעפירט אין געטאָ זי נאָך קאַלעווײַז ער האָט,
אַז ס'איז געווען, האָט ער געזאָגט, פון גאָט א זיווּג!

III

ערשט דאָ, אין געטאָ, האָט ער אָפּגעשפּילט די כאַסענע אַליין,
פאַרבעטן אַלע זײַנע קונדן, אויסגעקוילעטע אין געטאָ.
דער שפּיגלדיקער שערער-זאַל האָט זיך אַרויסגעוויזן קליין
פאַר אַלע געסט, וואָס ער האָט אף דער כאַסענע פאַרבעטן.
דעם שפּיגל האָט כאַנינע אָנגעריבן ביז צו גלאַנץ,
גלײַך ווי אף קוליעס פיר אַרײַנגעהונקען האָט די כופּע.
און ס'האָבן די געקוילעטע א גאַנצע נאַכט געטאַנצט,
און ס'האָבן די געקוילעטע א גאַנצע נאַכט געטופּעט.
און ס'האָט די געטאָ זיך צונויפגעלייגט אף ווײַן,
און לעקעך האָט מען פון אונטער דער ערד געבאַקן.
כאַנינע האָט געוואָלט, א כאַסענע זאָל זײַן
מיט א באַזעצנס, און מיט לעפל, און מיט האַקל-באַקל!
און אויפגעגאַן מיט זיבן קוילעס איז דער „האַריי-אַט״,
ווי ס'גייט מיט זיבן פאַרבן אויף א רעגנבויגן.
און אָנגעפילט א קאָס: — דעם מאַלכאַמאָוועס א וויוואַט!
און ס'טאַנצט אין בלוט שוין דער באַגינען — ויהי ערב, ויהי בקר!

IV

א לאָהעטע נאָכ בלוט אונ ווײַנ,
לאָזט זיכ די טאליענ-נאכט אראָפּ אינ געטאָ.
— עפּשער די לעצטע? — ווערט א ראַש... קאָנ זײַנ!
נאָר ביז דער שכיטע רײַסט זיכ דורכ אפּ לוסט א העטער.
דער פּײַנ איבער געשמידטע לײַבער זיכ צעפּליסט,
אונ די געמיטנ רײַסנ זיכ, ווי קריהע ווי געפּלעטע.
ס׳צעבליִענ זיכ, ווי רויזנ אפּנ מיסט,
די בריִענדיקע אויגנ פונ דער געטאָ,
אונ אויסגײַנ ווילט זיכ, האלדונדיק, אינצווייענ;
געאָרעמט ווילט זיכ אויכ דעמ טויט אריבערשפּרינגענ,
אונ איינס דעמ צווייטנ אפּנ האלדז זיכ אָנטאָנ, ווי א שטיינ,
ס׳זאָל בליציק זײַנ אינ אָפּגרונט דאָס פארזינקענ.
פונ לאָקערדיקע היצעליעס באדראָט,
דורכ פאסטקעס אופגעוואָרפענע אונ גריבער,
ברעכט פונ דער געטאָ דורכ דאָס שטעכעדיקע דראָט
די אונטערערדישע פארשעמטע ליבע...

V

די געטאָ גייט אנטקעגנ איר מיט ברויט,
פונ יעטווידנ פארבאָט אראָפּגעקלאפּט דעמ טריוואקס,
אלמאָנעס אונ יעסוימימ, אונ דער טויט,
אונ שעמעוודיקע אויגנ, גארנדיק נאָכ זיווענס.
ס׳האָט ניט קיינ צײַט די געטאָ ווארטנ אפּ דער האק,
אונ אינ דערווארטונג אויסשטרעקנ דעמ גאָרגל אלעמאָל איר.
א סיִעמ מאכט מענ דאָרטנ אפּ יאָרהונדערטנ לפּ״ק,
אונ אפּ יאָרהונדערטנ אפּ נײַע מאכט מענ א האסכאָלע...
געליבטע ווארטנ אָפּ די נאכט, אינ פּײַנ געפּלעט,
דעמ טויט, אינ גארונג, היפּערנ זיי דרײַ מאָל איבער.
אפּ די געלעגערס — די באשערטע זוכנ זיי ביז שפּעט,
נאָר ס׳טרײַבנ וועכטער די באשערטע צו די גריבער...
א לאָהעטע נאָכ בלוט אונ ווײַנ,
בראָיעט די נאכט אינ געטאָ ביז באגינענ.
אונ אפּ די דעכער די באגאָסענע מיט פּײַנ
גייט אומ דער טויט אינ א מונדיר א גרינעמ...

VI

כאסאנימ, יונג אונ אלט, געבאָרגטע בא דער גרוב,
האָט ניט באשווירנ אײַכ דער טויזנטיאָרעדיקער שפרוכ דענ,
אז ס'זאָלנ כאסענעס בא ייִדנ זײַנ אינ יעדער שטוב
אונ ס'זאָלנ ניט געמינערט זײַנ בא ייִדנ קײנ געבורטנ?
געליבטע גײענ אויס, געפלעט אינ פײַנ,
זײ לויפנ איבער גאסנ אומ, אינ פײַנ פארבלענדיקט.
פונ יעדנ אײנעמ שטראלט די ניט-פארגײענדיקע שײַנ
פונ אומפארמײַדלעכער אונ העפקערער פארלענדונג...
זײ לויפנ אומ די נעכט די גאנצע ביז קאיאָר —
פונ ליבע, ווי פונ מרידע הײליקער, באשוואָרנ.
אפ מיסט אונ אש פונ אָפגעברענטע יאָר
בליט זיכ פאנאנדער דאָס געוויקס פונ שאָרנ...
כאפט אויס די פוקסנ אונ די פוקסיכעס פאר זײ,
די, וואָס די ווײַנגערטנער פארניכטנ אונ צעטרעטנ...
ווי פונ א פארטעכ ווארפט די האלבנאכט צומ פארזײ
פאנאנדער שטערנ זשמעניעסווײַז אינ געטאָ.

33. קימפעט

I

אינ געטאָ איז געגאנ א פרוי צו קינד.
אינ געטאָ איז געגאנ אפ קינדער אנ אָבלאווע.
אינ געטאָ האָט געדעמערט. אינ געטאָ האָט באגינט,
אונ פײגל זײַנענ אומקומענ געפלויגנ מיט געהאווע.
געזעסנ איז דער טויט אפ יעדער שוועל,
אזוי ווי א בענ-באַיִס, אונ געקוקט אינ אלע זײַטנ.
אונ דאָכ האָבנ זיכ קינדער דורכגעשארט אינ פעלד.
פונ פעלד אינ וואלד. פונ דאָרטנ ווײַטער.
אונ מאמעס האָבנ דאָרט, געפּידטע צו דעמ טויט,
דעמ הימל אײַנגעלײגט, זיכ לעבעדיק באגראָבנ:
צי וועלנ קינדער האָבנ אפנ וועג א שטיקל ברויט,
צי עמעצ וועט אפ זײ אינ וועג ראכמאָנעס האָבנ?
באפוילנ האָבנ דײַטשנ: קינדער צענ
פאר יעדנ נײַ-געבוירענעמ אינ געטאָ מאָרדנ.
אזוי איז דאָס געזעצ דאָס דײַטשישע געווענ,
באוויליקט האָט אזוי די נײַע אָרד'נונג.

II

כאנינע דעמ צירולניקס ווײַב געגאנגענ איז צו קינד.
זי האָט געהאט א גרויסנ בויכ; מע האָט געשאצט: א צווילינג.
עס האָבנ מאמעס זיכ די הענט געבראָכנ: ווײ אונ ווינד!
אונ עפּשער טראָגט זי דרײַ? וואָס קאָסט עס זי? גײ, סילעק!
— דערשטיקנ דארפ מענ! — האָבנ שכײנימ זיכ געלאָזט, —
ווי גאָט איז ליב, אויב נאָר מע קאָנ עס. —
אונ ווער עס טײַט אפ איר, ווי נאָר זי שטעקט ארויס די נאָז:
— זי טראָגט אימ שוינ, דעמ שײנעמ שאלאכמאָנעס! —
אונ אײניקע איז אָנגעגאנ ביז בלוט די זאכ,
אז דײַקע אויכ א בריס געמאכט זאָל ווערנ!
— פארקערט, — געטײַנעט האָבנ זײ נאָכ, — בײס א גזאר
מעכוײעוו זײַנענ ייִדנ אלעמאָל זיכ פרוכפערנ אונ מערנ! —
אונ אימ, כאנינענ, לאָזט קײנ פויגל ניט אדורכ,
קײנ שטײנ אינ גאס לאָזט, דאכט זיכ, אימ צו רו ניט.
אונ יעדער, ווער סע קאָנ, דערלאנגט אינ אימ א שטורכ:
— דאָ, פונקט אינ געטאָ, איז אימ אָנגעקומענ, דעמ צירולניק!

III

ער זעט אלײנ דאָכ, דער צירולניק, אויכ,
ער איז דערווײַל, באָרעכ-האשעמ, ניט בלינד דאָכ,
אז ס'טראָגט זײַנ ווײַב איבער דער געטאָ אומ דעמ בויכ,
פונקט ווי א גזײרע פאר די קלײנע קינדער...
אונ וואָס אמאָל ווערט מער די רעגע נאָ'נט,
ס'דערשטיקט געווײנ פונ מאמעס אפ א מײַל איז,
אונ ווער ס'האָט גאָט אינ הארצנ — אימ דערמאָנט:
— באשטעל, צירולניק, זיכ, באשטעל א שיר־האמײַלעס,
א סגולע איז עס דאָכ!.. געוויס...
פאר די ניט-גוטע אינ דער געטאָ — פײַער-בראנדיק.
וואָלסט נאָכ באדארפט פארבעטנ פריקנ אפנ בריס
אונ היטלערנ מעכאבעד זײַנ מיט סאנדעק! —
כאנינע אפ זײַנ טוטל האָט געשפּילט ווידעראנאנד,
געווײנ האָט זיכ געגאָסנ אפ דער גאנצער געטאָ.
אונ שפּילנדיק האָט ער זיכ אינ געשטאָרבענע דערמאנט,
נאָכ וועמענ די געבוירענע א נאָמענ געבנ וועט ער...

IV

כאַנינע א מישפּאָכע האָט א מעכטיקע געהאַט.
זיי האַלטן אין זיקאָרן אלעמען מע קאָן נישט.
געקומען איז דער זיידע — א ניקאָלײַעװער סאָלדאַט,
אריבער הונדערט יאָר געלעבט. געהייסן האָט ער מאָניש.
א ייִד א גוואַר. א ייִד א דעמב.
א ייִד א קײַסן. נאָר אין טאָכ א גוטער.
נעגעבן האָט כאַנינע מיט דער גאַנצער לונג א נעם,
אַף „יאָ" א מאַכ געטאָן אליינ זיכ מיטן טוטל.
אונ פּעטערס האָבן זיכ געטאָן אַף אים א שאָט,
צירולניקעס אונ קלעזמער, ווי די באַרלעכ פונ בעסוילעם.
א טומל אינ זיקאָרן אופגעוויגט זיכ האָט
אונ נעמענער אזויפיל ליגן שוינ אינ מויל אים.
אונ שפּילנדיק איז קוים אַרויס ער פונעם ראַש,
אַז ס'זאָל אינ די מערכאַקים ווײַט אים ניט פאַרציִען;
ווי שטענדיק, אָנגעהויבן האָט ער א טשאַרדאַש
אונ אויסגעלאָזט, ווי אלעמאָל, מיט „איילי־ציִענ"...

V

געהערט כאַנינעס ווײַב האָט יעדער נאַכט,
ווי קינדער זיכ בא איר אינ בויכ געררודערט האָבן.
ווענ קאָנען זאָל זי זיי בא זיכ אינ טראַכט
ווי אינ א קייווער אינ א פינצטערנ באַגראָבן!..
ס'האָט פריק נאָכ איר א לאַסטוואָגן דערלאַנגט
אונ צו דער גרוב באַפּוילן פאָרן איר אַף קימפּעט.
גענומען דאַמאָלט האָט כאַנינע זי אונטער דער האַנט,
געקוקט אַף איר, ווי כאָסנווײַז, מיט כאָסער־דײיעדיקן אימפּעט:
אַף אים זאָל פאַלן דאָ דער ערשטער זאַסטעפּ ערד,
צעלעכערן די קויל צוערשט זאָל אים דאָ!
דעם דעכ פונ קינדער ניט־געבוירענע געהערט
האָט דאַנ כאַנינע בא דעם קײוער ערעוו קימפּעט...
א נאָמען נאָכן זיידן האָט זיכ אים געוואָלט,
א ניקאָלײַעװער סאָלדאַט! — די גאַנצע צײַט האָט ניט גערוט ער.
מ'האָט אים באַפּוילן גיינ צוריק, האָט ער געפאָלגט,
פּונקט ווי מע וואָלט אים עפּעס אָפּשפּילן געהייסן אַפן טוטל.

VI

אונ ס׳גיט זיכ מיטאמאָל אנ עפנ אופ די טיר.
דער היצעל פריק. דאָס הארצ גיט זיכ א טיאָכקע.
— דעמ טוטל לייג אוועק! אונ נעמ ראזיר! —
געווענ ער זיכער איז אינ געטאָ מיט זײַנ גאָרגל.
כאנינע האָט אימ אָנגעטאָנ א שניי-ווײַסנ סערוועט,
איבער די בעק געטאָנ מיט זייפ א פיר אימ.
אונ ווענ דאָס בערשטעלע אוועק איבער זײַנ הויט איז מיט א גלעט,
האָט זיכ מיטנ צירולניק אימ פארגלוסט א ביסעלע פילאָזאָפירנ.
פונ צווישנ אָנגעזייפטע באקנ, ווי אינ שמאלצ,
האָט ס׳מויל מיט פינצטערניש פונ א פאָלאָנקע זיכ צעהודיעט: —
ווארומ שנײַדסטו מיר, יודע, ניט אדורכ דעמ האלדז,
דו האלטסט א מעסער אינ דער האנט דאָכ, יודע? —
האָט בא כאנינענ זיכ אינ קאָפּ א קער געגעבנ אלצ,
די גאנצע וועלט איז צו צומ מויל אימ, ווי דער טוטל...
אָט נאָכ א זייפ... אָט נאָכ א גלעט... אונ מיט דער שארפ צומ האלדז!
אונ ס׳האָט דער שניי-ווײַסער סערוועט א פלי געטאָנ פארבלוטיקט.

VII

אונ ס׳קומט אינ געטאָ יעדער נאכט
דער ניקאָלײַעווער סאָלדאט דער זיידע צו דערמאָנענ,
אז ער איז דאָ אונ אז ער ווארט —
דערהערנ וויל ער דאָ זײַנ הונדערט־יעריקנ, זײַנ אלטנ נאָמענ...
ער שטייט מיטנ מעדאל, דער אלטער ניקאָלײַעווער סאָלדאט,
באמ פענצטער פונ כאנינעס ליידיקער צירולניע.
אונ פעטערס קומענ זיכ צוזאמענ פונ דער מוטערס צאד,
מיט שוועסטערקינדער ווערט די געטאָ פול נאָכ,
אונ אלע בלאָנדזשענ זיי די געטאָ דורכ,
זיי גייענ אומ איבער די אָוולדיקע געסלעכ.
זיי הערנ אײַנ זיכ אינ געוויינענ פונ געבורט.
א נאָמענ מאָנענ זיי נאָכ זיכ, מע זאָל זיי ניט פארגעסנ.
פונחײַטנ קוקט אפ זיי די שלאָפנדיקע קלויז.
ס׳איז קיינער דאָרט נישטאָ. בלויז שאָטנס ציטערדיקע פאָכענ.
זיי קלאפנ אָנ אינ יעדנ ליידיק הויז:
— ווו איז דאָ, ייִדנ, ערגעצ א בענ-זאָכער?

34. מעזומענ

I

אנ אומרויִקער שלאָפּ פונ שרעק אונ פונ פּארפּאָלג.
ס׳געיעג נאָכ זיכ זיי זענ פאָרגעזועצט אינ כאָלעמ.
מע מאָנט בא זיי, פּונקט ווי מע מאָנט באמ פּאָלק,
וואָס קאָנ זיכ מיט דער וועלט פונ הענקערס ניט צעצאָלנ
פאר פרווונ אויכ די קייטנ אופרײַסנ פונ קנעכט
אונ פאלנ אונטער זיי פארפּעגטעט אונ פארפּלאָנטערט.
מע מאָנט בא זיי מיט האק אונ שווערד,
פּונקט ווי באמ פּאָלק אפ קרייצוועגנ אפּ אלע מאָנט מענ
פאר טרוימ אונ שווונג דורכ ראנגלעניש אונ שלאכט,
פאר גיינ דורכ ארבע מיסעס צו דעמ מאָקער.
מע לאָקערט נאָכ זיי טאָג ווי נאכט,
ווי נאָכ די טאטעס אונ די זיידעס דאָ מע לאָקערט,
פאר זוכנ זיכ א טיקנ אומעטומ,
אונ בא דעמ מינדסטנ וואָרעמ—גרויס זײַנ אינ די אויגנ.
מע יאָגט נאָכ זיי ווי נאָכ א כײַעוו-מיסע זיכ ארומ,
וואָס גאָר די ערד האָט זיכ פאר אימ ווי א מיזבייעכ אויסגעצויגנ.

II

זיי ליגנ—איינס פונ צווייטנ ווײַט אונ נאָ׳נט,
פארה׳יט עס זאָלנ אויכ אינ כאָלעמ פונ געפאר זײַנ די מעכיצעס.
מע מאָנט בא זיי, ווי בא אזא באלכויוו מע מאָנט,
וואָס זיכ צעקוויטעווענ ער קאָנ ניט מיט די היצעלס
פאר וועלנ אָנקערנ זיכ אומעטומ דער ערד
אונ טראָגנ פרוכט צעבליט אינ אלע רוימענ.
ווו ס׳זאָל אימ וואנדערנ ניט זײַנ באשערט,
ווי ניט געפּענטעט זײַנ ער זאָל אינ צוימענ.
געשלאָפנ זײַנענ זיי אצינד אינ שול,
פארוועבט אינ אויסוועגלאָזנ גאנג אינ מידנ;
אונ אויסגעקריצט האָט בוילעט זיכ אפ זיי די שולד
פאר זמער אָנגעהעריקײַט צו יידנ...
ארויסגענארט האָט זיי באמ מאלכאמאָוועס גליק
אונ אפ די אומוועגנ אינ פעלד צעוואָרפנ זיי, ווי זריִע;
זיי וועלנ ערגעצ עפּשער נאָכ ארויסוואקסנ צוריק,
ווי נאָכ די נעכט וואקסנ ארויס די אינדערפריִענ.

III

א מינדעסט ווינטעלע האָט ניט געטאָן קיין בלאָז,
קיין מורמל האָבן ניט געטאָן די וועלקנדיקע בלעטער.
ארויסבאגלייט די אָרכימלעך האָט גליק קײַלאָס,
איידער ס'באגינט די פּײַן, די ליידן אין דער געטאָ,
איידער דעם טויער פון דער געטאָ שפּארט דער אומגליק אופ
און לאָזט א פּארטיע געשפּענסטער דורך אין גענעם,
און ס'נעמען פייגל ווייגן אין דער לופט,
און ס'נעמט דער הימל צו דער ערד געזעגענען, —
איידער דער טויט ארומשלײַכן באגינט,
איידער דער ערשטער קרעכץ רײַסט פון דער טיף ארויס זיך.
א קוק געטאָן האָט דאמאָלט גליק אף יעדן קינד,
א קוק געגעבן אף דעם אומעטיקן היימלאָזן אינדרויסן.
דעם אָפּקלאנג ער פארשפּראָכן האָט בא יעדן שטיין,
דעם שאָרך פון יעדן בוים, וואָס איז אין וועג געוואקסן,
און שטיל א זאָג געטאָן צו זיך אליין:
איצט דארף מען גרייט צום לעצטן אקט זײַן!

IV

געזעגנט האָט באשײַמפּעריעך שוין יענער טאָג,
ווען ס'וועט אין געטאָ בלײַבן בלויז דער אָפּהילך פון די ליידן.
„ס'איז גוט! — האָט גליק געטראכט, — וואָס נוימי איז ניטאָ.
איז פאר א קוק אף איר — דערזען איר סאָפּ קעדײַ דען?"
ס'טוט סײַוויסײַ ניט אָפּ זיך איר געשטאלט
פון זײַנע דרײַ מאָל אויסגעמעקטע אויגן, —
אלצייינס, צי איז זי ערגעץ-ווו אין וואלד,
צי כ'האָט דער אומגליק אפּן וועג זי ערגעץ-ווו פארזויגן...
און אָפּטאָן וועט זי זיך ניט פון זײַן בליק
ביז צו דער לעצטער רעגע, וואָס אף פּײַן איז אים געגעבן.
„געוויס, געוויס! — האָט ער געטראכט, — איז דאָס א גליק,
וואָס מ'עט מיט טאָמע הענט ניט אָפּנעמען בא איר דאָס לעבן!"
אדורכגעשווינדלט האָט א טרויעריקע נאכט פאר אים:
ער טראָגט פאר נוימין ציטערדיק אן עפּל...
דער טראָטואר... דער ברוק... דעם טאַליענס שטים..
און ס'האָט זיך אים דער בליק געגעבן א פארנעפּל.

V

אָט איז ער, אָט, דער אופגעריכטער באָק.
א בויך. א הינטן. א נאַגאַן און א נאַהײַקע.
ער פּרעסט. ער זשאָרבעט. ער מאָרדעוועט. ער בראָקט.
און פון געננס ער, הירזשענדיק, זיך קײַקלט.
ס'באַלעסטיקט אים די צײַט. די שײַן אים קוועלט.
אראָפּגעוואָרפן פון דער שאַנד האָט ער דעם צודעק
און שפּאַנט א נאַקעטער, פאַרזשאָרבנדיק די וועלט,
פאַרשײַט, און פרעך, און ברודיק.
זײַן קראַפט באַשטייט אינעם דערדריקטנס קלעם,
זײַן רעכט זיך לויכט אינעם נאַגאַן און שטאַמט פון דער נאַהײַקע;
איבער דערוואָרגענע ער גאַוועדט גײַוועדיק און טעמפּ,
די הענט — אין בלוט, די פּיס — אין לײַקע.
און אונטער אים און איבער אים — אַזעלכע, פּונקט ווי ער —
א סאַך! א מענגע! מיליאָנען!
דאָס גאַנצע דײַטשע „ווער"—
אין אָנגעשטאָפּטער פּריק — קערן זיי אַלע אָן אים!

VI

דעם קאָפּ גיט אין די אַקסל גליק א צי אַרײַן,
און אַף די אויגן זיך א פינצטערניש פאַרבעט ער.
ער וויל ניט זען פונעם געשײַנדטן טאָג די שײַן,
ניט זען די הײַזלעך די פאַרבראָכענע פון געטאָ.
אים יעדער אויסגעדוכטער דורכלויכט איז א שטער,
און יעדער שײַן, וואָס דורך דעם כאָלעל קומט צו אים אָן.
ער וויל ניט זען די טרויערדיקע ערד,
ער וויל ניט זען דעם גלײַכגילטיקן הימל.
אים דוכט: אונטער א יעדער וויִע ווארעמט ער א שטיין,
און ס'איז פאַרשלאָסן אין זײַן אויג דער מינדסטער פינטל,
ער וויל ניט זען אַצינדערט זיך אַליין
און גאָרניט, וואָס מיט דעם אָרום פאַרבינדט אים...
נאָר פריק דער היצעל שווינדלט פאַר אים אומעטום,
אַף גאָר דער ערד. צו יעדן ער געגנעט שוין.
און, הירזשענדיק, ער פאָכעט מיט דער קליוטשקע אום,
פאַרוואַרפנדיק זי אַפן האַלדז פון גאָר דער מענטשהײַט...

VII

א בילד דערמאָנט זיך גליק. אין שטעטעלע. פון לאנג.
דער היצעל. אָט. ער שלעפט א הונט איבערן גאס צום קײַלן.
ווי ס'רײַבט דער הונט זיך מיטן גאָרגל אינעם שטאנג
און גיט אזא מין ייִעשדיקן שפרונג א יעדער ווײַלע...
ער לויפט פאָרויס און פרווט צוריק, פארצוקט.
און פון די אויגן — בלוט. און פונעם אָטעם — פײַלן.
ס'גיט א דעטאל א שניט: ס'זעצט אפ די הינטער-פיס דער הונט זיך צו
און בײַסנדיק די ערד, פארגייט ער שטיל זיך מיט א ייַלע,
דעם האלדז דעם אײַנגעשניטענעם — א דריי,
א ביין... א רויער ביין גיט אפן ווער א בליץ אים...
און ער פארגעסט, אז ס'שלעפט אים, ווינד-און-ווײ,
מיט דעם פארציִענדיקן שטריק דער הערשנדיקער היצעל...
און גליק ווישט אָפ פון שטערן קאלטן טוי
און שטעלט דעם מידן בליק אָן אין פרימאָרגן:
ער זעט די גרינע היצעליעס, וואָס זייען טויט,
אָ, ס'ארא פרייד ס'וועט זײַן זיי דורכהריזען די גאָרגלען!

VIII

— ניט דיר איז דאָך דעם אָנגעשטאָפטן פריק צעטרייבערן פארטרויט, —
האָט גליק צו זיך אליין געטאָן א בלעבל: —
נאָר שלײַדערן אין אים זיך ווי א שטיין אפ טויט
האָט ניט די פולע ווערט דען פון א מענטשלעכ לעבן?
און נוימי — ערגעץ דאָרט אין וואלד,
און ביילקע — אפ די וועגן ערגעץ א פארפירטע,
און טויזנטער אזעלכע, — האָט זײַן בליק געשטראלט, —
איז שוין א שלאקס-האָגל! ער לייגט זיך ווי געוויכטן! —
און גליק באפעלט: פארזאמלען זיך מע זאָל,
זיך אויסציילן פונסנײַ און זיך דערזען מעזומען.
פון מאָל צו מאָל ווערט ווייניקער די צאָל,
נאָר דראנג בא די געבליבענע קומט צו און צו מער...
און א באשלוס געהיים דאָרט אָנגענומען ווערט,
ער שטראלט פון אויגן שלאָפלאָזע און מידע:
א שמידערײַ באשטאטן אין דער אונטערערד!
געוווער אליין זיך שטעלן שמידן!

35. זאָג ניט קיינמאָל, אַז דו גייסט דעם לעצטן וועג

I

און אין אונטערערד א פייער זיך צעברוי׳ט.
אלץ איז אָנגעווענדט אפ ווידערשטאנד דעם טויט!
דורך די קעלערס, דורך די רערן — הוילע טריט,
פלאם אין אויגן, און אין הערצער — דינאמיט!
וויסט די נאכט איז, און דער טאָג איז כוישעכ-שווארץ,
אומבאמערקט פארקניפּט א הארץ זיך מיט א הארץ!
יאטן — איינציקווייז, באזונדער און באנאנד.
ס׳שטרעקט אין אונטערערד א האנט זיך צו א האנט!
צו די טויערן פון געטאָ בא דער נאכט
קומען קאטאָרזשניקעס אָן, ווי פון א שלאכט,
פון דער ארבעט, פון דער קאטאָרגע געשמידט.
און באשלוסן הערן פעסט זיך אין די טריט.
ס׳וואַרטן שטיבעלעך דערשלאָגענע, פארטײַ׳ט:
עפּשער הערט זיך ווו א בסורע אין דער ווײַט?
— ניט דײַן מאזל, ניט דײַן גוירל, ניט דײַן גליק, —
ווענדט אומעטיק א בליק זיך צו א בליק...

II

פון ווו-ניט-ווו — פון א מאלינע צי א הייל,
וואָס ס׳ווייסט קיין פויגל אין דער וועלט ניט, ווו זיי זײַנען, —
זיך געצויגן האָט א וועג צו דער פארטיי,
זיך געצויגן האָט א וועג צו פארטיזאנער.
אין פיבער שלײַדערן די אויגן זיך אהין,
געזיכטן אָפּגעצערטע, מאָגערע און דארע.
עס קומען ווינטעלעך באפולמעכטיקט צו פליִען,
גלײַך ווי שעלוכים פון די וועלדער לעגענדארע...
פון בליק צו בליק קײַקלט א האָפענונג זיך דורך,
און יעדער בליק איז מיט געהיימעניש באשווירן,
און אין די אויגן לייענט יעדער אויס א שפּרוך,
און אין דער שטיל ווערט מען דאָרט איינציקווײַז געווירע:
ס׳איז בא דעם וואלד ערגעץ אראָפּ א פאראשוט
צו די געהיימניספולע מאכנעס פארטיזאנער...
עס ווייסט ניט קיינער ניט דעם טאָג, ניט די מינוט
עס ווייסט ניט קיינער ניט דאָס אָרט און ניט פונוואנען...

III

עפּעס נײַס האָט דער געקומענער געבראַכט,
עס פֿאַרכאַפּט באַ די דערוואַכטע זיך דער אָטעם,
אין געדאַנק באַ זיך שוין יעדערער זיך שפּאַרט
לעם די שטעכיקע פֿאַרצוימונגען פֿון דראָטן:
„אַ פֿאַרשפּעטיקטס שוין דאָס מזל אַף אונדז פֿאַלט,
ניט קיין קינדער, ניט קיין מאַמען, ניט קיין טאַטן
וועט שוין קיינער ניט אַרויספֿירן אין וואַלד".
ס'זײַנען הענט אַוועק צעוואַרעמען זיך יאַטן.
אין דערוואַרטעניש פֿאַרבײַ גייט אַ מעסלעס,
אין פֿאַרצוקונג און אין בלוט גיט אַ דערמאַן ער.
ס'ליגט אין רינשטאָק שוין אַ קאָפּ פֿון אַן עסעס,
אייגנהענטיק אָפּגעהאַקט פֿון פּאַרטיזאַנער.
איינס צום צווייטן זיך געשפּענסטיק נע'נטערט צו,
איינס פֿון צווייטן זיך דערווײַטערט ווי אַ שאָטן.
און עס פֿליט ערגעץ אין לופֿט שוין אויף אַ צוג —
אי מיט קאַסקעס, אי מיט שאַרבן-בראָך באַשאָטן.

IV

צווישן שטיינער אין דער געטאָ וואַקסט אויך גראָז,
צווישן קלעמער אין דער געטאָ רײַסט דאָס האַרץ זיך.
נאָך זײַן מזל האָט זיך הירשל גליק געלאָזט,
יאַטן אויסגעציילט, מיט זיך צוזאַמען — אַכצן.
פֿון וואַרשטאַטן צו די ביקסן אַף געשלעג,
פֿון פֿאַרשמידטקייט אין די קייטן צו נאַגאַנען.
און פֿון פּילפּל און פֿון כּקירע גאַנצע טעג:
צי אַ פֿאָלק ווי אַלע פֿעלקער ייִדן זײַנען,
אויב די ערד פֿאַר זיי צו כאָלעם גייט נאָר אום,
און די זאָמען זיי צעטרענצלט דער געוויטער,
אויב זיי זייען אַף אַן אָפּגרונט אומעטום
און ווערן זעלבסט ווי די גערעטעניש פֿאַרשניטן?!..
דאָך אין געטאָ אַ צעבלי גיט זיך אַ בוים,
ווען די צײַט פֿאַר בלי פֿאַרבײַ איז שוין אפֿילע,
ס'איז דער פֿרילינג דאַן, ווען ס'פּלאַצט ערגעץ אַ צוים,
ווען פֿון פֿרײַהײַט כאָטש אַ כאָלעם קומט — איז פֿרילינג!

V

– ס׳קומט אין געטאָ — זאָגט דער לערער הירשל גליק, —
אויך די זון אריַין געמיטער צו דערוועקן...
וועמענס גורל ס׳איז זיך אומקערן צוריק,
וועמענס גורל ס׳איז פארבליַיבן אף די וועגן...—
דורכן מויל פון מאלכאמאָוועס, פראנק און פריַי,
אונטער בייזן פיַיפ פון ביַיטשן און פון רידלען
טראָגט מען ביקסן אין דער געטאָ שטיל אריַין
אין פוטליארן אין פאריאָכעמטע פון פידלען...
זיך ניט אומגעקערט האָט הירשל גליק באנאכט,
ערגעץ איַינגעשטעלט פונסניַי האָט ער דאָס לעבן,
נאָר די פלוג-בלעטלעך פון געטאָ — נוימים פראכט —
האָט באוויזן ער צעווארפן און צעגעבן.
אויב ס׳וועט אויסקומען אם אומקומען צו גיין,
זאָל דער טרויער זיך אין וועג אליין צעטרעטן,
און קאיאָר האָט ער א ליד געבראכט אליין,
זינגען זאָלן פארטיזאנער זי אין געטאָ:

VI

„זאָג ניט קיינמאָל, אז דו גייסט דעם לעצטן וועג,
הימלען בליַיענע פארשטעלן בלויע טעג,
קומען וועט דאָך אונדזער אויסגעבענקטע שאָ,
ס׳וועט א פויק טאָן אונדזער טראָט: מיר זיַינען דאָ!
פון גרינעם פאלמען-לאנד ביז לאנד פון וויַיסן שניי
מיר קומען אָן מיט אונדזער פיַין, מיט אונדזער וויי,
וו׳ געפאלן איז א שפריץ פון אונדזער בלוט,
שפראָצן וועט דאָרט אונדזער גווורע, אונדזער מוט.
ס׳וועט די מאָרגן-זון באגילדן אונדזער היַינט,
און דער נעכטן וועט פארשווינדן מיט דעם פיַינט.
אויב פארזאמען וועט די זון און דער קאיאָר,
זאָל דאָס ליד גיין — א געבאָט פון דאָר צו דאָר.
אָנגעשריבן ס׳איז מיט בלוט און ניט מיט בליַי,
ניט קיין לידל פון א פויגל אף דער פריַי.
ס׳האָט א פאָלק דאָ צווישן פאלנדיקע ווענט
כ׳ליד געזונגען מיט נאגאנען אין די הענט!“

36. אָנ געווער

I

אפ גאָטס באראָט, פונ דאָרפ צו דאָרפ,
ארומגעבלאָנקעט נוימי האָט א לאנגע צײַט שוינ.
אפ שטרעקעס ווײַטע אונ דערנעבנ דאָרט
געגאנ איז איר געראנגל מיט די דײַטשנ.
דער אומגליק גיט דעם וועג איר א פארלויפ,
געפאר האלט פונ אנטקעגנ זי אינ טרײַבנ.
זי ארבעט בא א פויער אָפּ א וואָכ אינ הויפ,
אונ לענגער קאָנ זי מער דאָרט ניט פארבלײַבנ.
ווי זיס באדארפ דאָס לעבנ זײַנ,
אז אײַנשטעלנ פאר דעם זאָל מענ אזוי זיכ קאָנענ!
אינ איר פארוואָגלטקײַט — וועג-אויס וועג-אײַנ —
האָט נוימי אויכ באוויזנ שוינ צו זײַנ א נאָנע,
אונ מיטנ ציילעם זיכ פארשטעלנ פונ דער שווערד,
אונ קעגנ הונגער זיכ פארשטעלנ מיט טאנייסים.
ניטאָ קיינ פרײַז פונ גיינ איבער דער ערד
אפילע דורכנ טויט! די שיידים ווייסנ!

II

איז זי געגאנ. אינ ערגעצ קיינ פארהאלט,
ערגעצ אהינקומענ איז וועט זי פאר געוויס דאָכ.
אָט דאָ פארופט די שטילקײַט פונעם וואלד,
אונ דאָרט — פונ טײַכל דער געפליסטער...
אונ אומעטום — דאָס זיס פארוועלקטע גראָז
מיט רייכעס, טראָגנדיקע זיבנ טאמענ;
ניטאָ קיינ גרעסער גליק, ווי סטאם א לאָז
אפ דעמ זיכ טאָנ, ווי אפ א מאמענ...
נאָר קוויקנ זיכ מיט דעמ איז איר פארווערט,
אונ אָנשעפנ זיכ רו איז איר פארבאָטנ.
ווער קאָנ דענ אָפּשאצנ די ווערט
פונ אָנ געפאר אפ דעמ א טראָט טאָנ?
איז זי געגאנ. קיינ קוק ארום זיכ ניט פארגינט.
געשלײַפט ווי מעסערס זײַנענ אלע וועגנ.
אונ אומעטום האָט די געפאר באגינט,
אונ ס'איז דער אומגליק איר געגאנ אנטקעגנ.

III

דאָך האָט די מידקײַט איר פֿאַרשטעלט דעם וועג
און באַ אַ טײַכל זי מיט דרעמל אָנגעלאָדן.
נאָר פּלוצעם — דײַטשן! טומל און געוועק,
צום טײַך אַ הײשעריק זיך אָנגעפֿלויגן באָדן.
— ציגײַנערן! — האָט אײנער זי באַמערקט, —
וואָס ברודיקסטו דעם טײַך מיט דײַנע שוואַרצע אויגן? —
דעם טײַך האָט נוימי ניט געזען שוין מער,
אַ שטיוול אַ געקאָוועטער איז ווי אַ שטײן צו איר געפֿלויגן.
אַדורכגעפּאָכעט סווישטשענדיק ער האָט
און לעם איר קאָפּ לעם דער צעפּאַטלטער פֿאַרהאַקט זיך.
— נו, טרעף, ציגײַנערן, — האָט שוין אַ צווייטער איר געדראָט, —
ווען וועט אַראָפּפֿליִען דער קאָפּ פֿון דײַנע אַקסל? —
ס'האָט נוימיס בליק געטאָן אַ שווים
איבער דעם טײַך, איבער דער ווײַט, איבער די רוימען:
— ווען פֿליגל וועלן אויסוואַקסן אויף אים! —
און מער קײן וואָרט ניט אויסגערעדט האָט נוימי.

IV

אַ בלישטשע האָט געטאָן אין לופֿט אַ שווערד,
געלעכטער זיך געטאָן האָט אין דער הייך אַ קויקל.
געקאַטשעט אויפֿן ברעג האָבן די דײַטשן זיך ווי פֿערד
און, שפּרינגענדיק, פֿאַרפֿלעקט פֿון טײַך די בלויקײַט:
— אָט זײַנען זיי, די פֿליגל פֿאַר דײַן קאָפּ! —
האָט אײנער צוגערוקט צו נוימין זיך אַ הוילער,
די שווערד געטאָן צום האַלדז אַ לאָז אַראָפּ
און מיטן שפּיץ אַ ריר געטאָן דאָס מויל איר:
— נו, רעד! — האָט ער געבלינצלט מיט דער שאַרף, ווי אויף אַ שלאַכט, —
די פֿליגל זײַנען דאָ! דיר צומעסטן מיר וועלן באַלד זיי! —
ער האָט געקײַכט פֿאַר פֿרייד, געהיקעט אַ'ן געלאַכט,
געטרייסלט אויף זײַן בויך האָבן זיך זיבן שמאַלצן.
און מיט האַווײַעס זיגערישע הירזשענדיק אַוועק
אַ הוליע טאָן אין טײַך די זיגער זײַנען.
נאָר ניט געווען איז ווײַט שוין יענער וועג,
וואָס האָט געפֿירט אין וואַלד צו פּאַרטיזאַנער.

V

דער זיט פֿון וואַלד איז וואָרנדיק און האַרב
און אָנגעשפּיצט אַף שטענדיקן געראַנגל:
אויב ניט קיין אייגענער — איז ליגט זיך גלײַך און שטאַרב,
אויב אָן געווער — איז בעסער ניט אַרײַנגיין!
און אָט איז נוימי שוין מיט מאַזל אינעם וואַלד,
באַר עפּעס מאָדנע — גלײַך ווי ניט און יאָ דאָ...
מע קוקט אַף איר אַזוי פֿאַרוווּנדערט-קאַלט
און אומהיימלעך אַזוי און — קעלוי-יאָדע...
געדוכט האָט איר, אַז ס׳דויערט נאָך ס׳געיעג,
אַ בליץ האָט דורכגעשניטן איר דאָס האַרץ אַ ווײַלע:
זי איז פֿון געטאָ אַזוי אומבאַטראַכט אַוועק,
זי האָט פֿאַרלאָזט די געטאָ אַזוי אײַליק...
פֿאַרדעכטיק האָט זי זיך דאָ אויסגעדאַכט,
פֿון קיינעם ניט געשיקט, פֿון קיינעם ניט דערוואַרט דאָ...
ווי האָט זי אויסגעמיטן די געפֿאַר?
ווי האָט זי מיטן וועג זיך אָפּגעפּאַרטיקט?

VI

אַ פֿינצטערניש האָט זיך געלייגט אַף איר געזיכט,
ערשט איצט האָט זי באַזינגט איר טאָעס:
זי איז אַוועק אַליין... אַליין... פֿאַר זיך...
און ניט פֿאָרויסגעזען, אַז עפּעס אַנדערש דאָ איז...
זי האָט געקוקט און גאָרנישט ניט געזען:
מע קאָן אַ סאַך, פֿון אַלץ זי פֿרעגן!..
זי איז אַוועק, ווען גליק איז ניט געווען,
און ווען געפֿערלעך איז געוואָרן יעדער רעגע!..
— פֿונוואַנען? — האָט די וואַך געטאָן אַ פֿרעג.
— פֿון געטאָ! — האָט געענטפֿערט נוימי.
זי האָט צו יעדן צווײַגעלע דעם בליק געשטרעקט,
און אַזוי פֿרעמד געווען אין יעדער בוים איר...
— נו, און געווער? — געוווּנדערט האָט זיך די וואַך נאָכהער,
דעם בליק אין נוימיס אײַנגעזויגן
און הילכיק אויסגעהוסט זיך: — אָן געווער
א׳ז מען אין וואַלד, ווי אָן די אויגן.

VII

געווער האָט נוימי ניט געהאט,
געהאט האָט נוימי בלויז א לאטע.
צעבײַלטע פּיס פון נאַ-וועגאד
און שטילן וואנדעראָוונעם פלאטער...
מיט אומעט וואלדיקן אין בליק,
דערמאָנט אין איר די וואכ האָט שפעטע ;
נאָר זי איז שוין געגאנגען צוריק
דורך וועגן אנדערע אין געטאָ.
פון ווײַט נאָך אַפּן וואלד א קוק,
וואָס איז פארוואָרצלט פעסט געשטאנען.
זי האָט דערזען א מאלעגיירעדיקע קו,
א היים, וואָס איז אין ערגעץ ניט פאראנען...
און ווײַטער דאָרט געלאָזט זיך גיין.
וווהין? — איז שוין אלציינס געווען איר...
זיך אָפּגעשטעלט האָט זי בא יעדן וואלגערשטיין,
זיך אײַנגעהערט אין יעדן קריי פון הענער...

37. א ביקס

I

אין פלאם זיך שמעלצט דער הימל-ראנד,
עס וויגן וואָלקנס זיך, ווי בלאָז-זעק גרינע.
פארבײַ דער געטאָ בא דער וואנט
האָט א געשפענסט אדורכגעשלײַכט באגינען.
געגאנגען פון וואלד איז דאָס געשפענסט,
געגאנגען ס׳איז טעג, און נעכט, און וואָכן,
דורכויס פון אומוועגן פארבלעגדט,
און פון בייזווונדערן פארשפראָכן.
באדעקט מיט פינצטערקײַט ס׳געזיכט,
די פּיס צעבײַלט, די האָר צעפלאטערט,
האָט אָנגעטאָן ס׳געשפענסט אפ זיך
די מאָגן-דאָווידיקע לאטע.
אפ פײַן און אָפּקומען — אָט באלד
זיך אופשפארן דער טויער וועט דאָ,
און דאָס געשפענסט וועט פונעם וואלד
זיך צ׳ריק ארײַנגאנווען אין געטאָ...

II

די ברוסט — אין געטאָדיקן ציר,
דאָס הארץ — אין קלעמענדיקן פיבער.
אפּ א פרימאָרגיקן שפּאציר
איז דאָס געשפּענסט די געטאָ-שוועל אריבער:
גוט-מאָרגן, אומגליק, אפּדאָסנײַ!
דערשטיקטע געסעלעך, גוט-מאָרגן!
ס'האָט איר דאָס הארץ געטאָן א שנײַד,
און טרערן האָבן זי געוואָרגן:
דער כאָלעם פון דער פרײַ איז אויס,
געענדיקט זיך פון וואלד די טרוימען!..
דאָס הארץ בא גליקן שפּרינגט ארויס,
זײַן אייגן קאָל פּארטויבט אים: — נוימי! —
פון געטאָ א קאיאָר זיך שפּרייט
און שטיל באזאלבט די געטאָ-געגנט.
עס האָט דאָ קינדער גליק באגלייט,
און דאָ האָט נוימין גליק באגעגנט...

III

קיין וואָרט. קיין קלאנג. קיין מינדסטער וויג.
גלײַך ווי דערטרונקענע אין ווײַ פּארוויטן.
פּאראנקערט בלויז דעם בליק אין בליק
האָט איינער שוויַגנדיק באם צווייטן.
בארוישט, צעטומלט, האָט דאָרט גליק
זיך אײַנגעזויגן אין איר פּאָנעם;
געגומען שפּאנען הין און צ'ריק,
פּארזען, ווי ס'יאָגט איר שמייכל אָן אים:
— ס'איז ווייניק האָבן בלויז א קאָפּ,
אז קאָנען אָפּגעבן מע זאָל אים!..
א ביקס!.. — האָט איר דאָס הארץ געקלאפּט, —
ס'איז אלץ געווען... פּארבײַ... א כאָלעם...
א כאָלעם איז געווען דער וואלד,
א כאָלעם איז געווען דאָס בלאָנדזען. —
איר קאָפּ אין אקסל א באהאלט,
ווי בא א פויגל, האָט געטאָן זיך...

IV

א שולדיקער האָט גליק געהערט,
געלאָזט אפ זיך די ווערטער פאלנ:
— א ביקס האָט איצטער מער די ווערט
פונ מיר, פונ דיר אונ פונ אונדז אלע!
די ביקס באשטימט: ווער יאָ, ווער ניינ!
אויב דאַרט איר אלע רעכט געהערנ! —
זי האָט געשטיקט אינ זיך געוויינ,
דאָך האָבנ דורכגעפלייצט די טרערנ...
— ס'האָט נוימי ניט געהאט קיינ ביקס, —
געהערט האָט זיך א שאָרך פונ בלעטער, —
א לאטע בלויז!.. איז האָט צוריק
דער וואלד זי אָפּגעשיקט אינ געטאָ...
אצינדערט וויס! אונ ניט פארגעס
אונ יעדנ איינציקנ דערמאָנ עס,
אז ס'נעמט דער וואלד ניט אָנ אפ קעסט
פאר גוטע רייד אונ פאר ראכמאָנעס!

V

אראָפּגעלאָזט אפ גליקס געזיכט
האָט פונ דער גאנצער געטאָ זיך דער אומעט.
דער וועג אימ נאָכגעשלעפט האָט זיך,
ווי צו די פיס א צוגעקניפּטער קלומעק.
ניט אלצ האָט ער פונ נוימיס רייד
מיטנ געדאנק באנומענ אונ פארשטאנענ.
דער וואלד האָט זיך פאר אימ געדרייט,
געשווינדלט האָבנ פארטיזאנער,
דערוויַיטערט אלצ האָט זיך פונ אימ
אדורך די אָנגע'ווּדיקע רוימענ.
אונ מיט א צוגעזעצטער שטימ
האָט ער א זאָג געגעבנ: — נוימי!
אויב א סאָלדאט, איז מיט א ביקס!
אויב טראָגסט דאָס לאנד, איז אינעמ הארצנ!
מיט יעדנ שטיינדל אונ געוויקס
אפ קאָנענ גרייט פאר דעמ אינ שלאכט זיַינ!

VI

— ...דאָס לאַנד!..— האָט נוימי נאָכגעזאָגט, —
מיט יעדן שטיינדל און געוויקסל... —
זי האָט ווי מיט דעם אָנהייב טאָג,
מיט יעדן וואָרט אצינד געשטיקט זיך, —
נאָר וואָס? — האָט זי געצוימט די טריט
און אָפּגעלאָזט דעם אָטעם יאָגן,
א יעדער וואָרט אירס האָט געבריט,
געפאלן ס'איז ווי פון א האָגל. —
איז עפּעס אנדערש דען פאראן,
איז עפּעס נאָך דאָ כוץ דעם צויבער
פון גיין מיט אלע — האנט בא האנט
קעגן די מערדער און די רויבער?
נאָר ס'קוקט דער וואלד מיט א פארדאכט,
כ'ווייס ניט, מיט וואָס אים איבערצייַגן,
אז כ'קער אים אָן מיט לייַב און הארץ,
ווי יעדער בלעטל קער דעם צווייַג אָן...

VII

און אויב עס וויסט דער וואלד אליין
בלויז די, וואָס קומען פון די היימען
מיט די גערוכן פונעם פליין,
מיט די גערוישן פון דיביימער,
און אין דער ביקס — פון פעלד די לויב,
און אין דער שפּיז — פון פרוכט דער פלאטער,
איז מיר פון געטאָ זיס דער שטויב,
איז מיר קיין כארפע ניט די לאטע.
כ'שלאָג אומעטום זיך פארן לאנד!
באנאנד מיט ברידער און מיט זיידעס,
וואָס האָבן ערלעך דוירעס-לאנג
מיט שוויס באטרונקען און פארזייט עס,
ווו ס'טראָגט אין מויל דיך יעדער טייַך,
ווו ס'שלאָפט דער גרונט מיט דייַנע זאָמען,
ווו יעדער בוים דיך אונטערשטרייַכט,
ווו יעדער בערגל טראָגט דייַן נאָמען,

VIII

ווּ יעדן שטיין איז ליב דײַן וואָרט,
און דײַן געמורמל יעדן ווינטל,
און שטארבן קאָן איך דאָ און דאָרט,
ווי דאָ און דאָרט — זיך א צעגרינ טאָן!
ס׳גייט קנאפּ מיר אָן און וויניק-וואָס,
צי זעט מען אונדז, צי ניט אפילע...
דאָס לאנד אינגאנצן איז די מאָס
פון אונדזער הארבסט און אונדזער פרילינג...
און איך וועל האָבן ס׳גליק, ווײַזט אויס,
זיך שלאָגן פארן לאנד אין געטאָ,
ווּ ס׳וועט זיך שלאָגן קליין און גרויס,
מיט הוילע הענט — צי פריי׳ר, צי שפּעטער... —
און שוין צו קיינעם ניט פאַרטרויט,
האָט נוימי סטאם א זאָג געגעבן: —
פארוואָס קומט אונדז אזא מין טויט?
פארוואָס קומט אונדז אזא מין לעבן?

IX

א יעדער וואָרט האָט גליק געהערט,
א יעדער ווײַל דעם קאָפּ א קער׳ווע.
זי איז גערעכט צי ניט גערעכט,
אים פעלן שאכטלעך פון קאָנסערוון,
ער זאָל זיי אָנפילן מיט טאָל
און זיי מיט אופרײַס-קראפט פארויגן.
ער האָט געדענקט: ס׳איז נאָך ניטאָ,
ער האָט געוווּסט: מע דארף עס קריגן!
דאָך מיט אנטשולדיקונג האָט ער,
צווישן דער ווירקלעכקײַט און טרוימען,
צו נוימין זיך געטאָן א קער
און איר ארײַנגעמורמלט: — נוימי!
געגעבן האָט אונדז אלע רעכט
מיט אלע גלײַך די רעוואָליוציע,
באשיצן אפּ דער גאָרער ערד
איצט דארפן מיר מיט אונדזער בלוט זי!..

38. היסבוידעדעס אין בערלין

I

היסבוידעדעס געהאַט דער פֿירער האָט דעם ווייפּלטן מעסלעס,
נאָר ניט פֿאַרלאָזט האָבן די האַרץ־פֿרײַנט אים די סאַמע נאָענטסטע.
פֿאַרפֿאָלגט האָט אים דער ייִד, וואָס ווי אַ מעס האָט מיט אַ מעס
אַדורכגערעדט מיט אים זיך האַרציק אונטער מאָסקווע,
ווי ער וואָלט דאָ געשטאַנען נעבן אים
און די פֿאַרדאַמטע באָרד צעוויקלט ווי אַ וואָלקן.
— איר זײַט שוין אויך אַ מעס? — האָט דאָרט די קיִווערדיקע שטים
פֿאַרקילט אין אים דאָס בלוט און אים ניט אויפֿגעהערט פֿאַרפֿאָלגן.
צי בלויז אין פֿיבער אים אַזוי זיך דוכט,
צי ווירקלעך נאָכן טויט שטייען זיי אויף פֿון גריבער
און גייען, ווי זיי ווילן, פֿראַנק־און־פֿרײַ אַדורך,
ווי אין די ביכער שטייט בײַ זיי געשריבן?..
פֿאַרשפּרעכונגען פֿאַרשיידענע האָט ער געהאַט,
באַמיט דערמאָנען זיך זיי אַלע האָט ער דאַמאָלט.
און יאָגנדיק די אויגן אום און גראַד,
האָט ער זיך אַלע ווײַל פֿאַרקיקט און זיך פֿאַרשטאַמלט.

II

אַדורכגעוווּנקען האָבן זיך די פֿרײַנט געהיים
הינטער דעם פֿירערס פֿיבערדיקן האַלדז־און־נאַקן;
געווען איז איינער אומבאַוועגלעך, ווי אַ געצן־אָפּזעער פֿון ליים,
דער אַנדערער האָט ווי אַ פֿראָש געגעבן יעדער ווײַל אַ קוואַקע.
ווי צום באַפֿעל געשטאַנען שטום זײַנען די ווענט
און גלײַכגילטיק אַרײַנגעזאַפּט אין זיך עפּעס פֿאַרנעפּלטס.
— ס'איז גלײַכער לאָזן אים אַליין, הער הימלער! — זיך געווענדט
האָט צום געסטאַפּאָ־שעף דער דאָקטער געבעלס.
פֿאַרקערפּערט בײדע האָבן דעם יעסאָר
פֿון פֿירערס דראַנג, דעם גײַסט פֿון דער אימפּעריע.
אַ בינטל ציילעמער אויף בײדנס בריסט באַשטעטיקט האָט,
אַז די בעסאַלמענס פֿון דער וועלט ענדגילטיק זיי געהערן.
ס'האָט יעדערער אַן אָרדער שוין אויף זיי געהאַט
אײנײנעם מיט אַ צוזאָג אויף אַ גאַס אין אײגענער אין מאָסקווע;
איז מעגלעך דען, אַז מ'האָט פֿאַרזען עפּעס באַם קעגנערס צאַר?
געשיקט זיך, אַז די פּינקטלעכקײַט האָט פּלוצעם זיי פֿאַרלאָזט דאָ?

III

גלײַכ װי א װעקסל — טערמינירט — געקוקט די נאפע האָט אפ זײ,
אונטערגעשריבנ מיט דער האנט דער אײגענער פונ פיורער.
אינ מאָסקװע איז געגאנ א שנײ,
דיװיזיעס דײַטשישע געפרעסנ האָט דער שטורעם,
אונ ס'האָט אפ װײַטנ זיכ געהערט צוריק-געיאָגטער טראָט
פונ דײַטשלאנדס מעשוגאס — איבער דער װעלט א הערש טאָנ.
איבערגעװױנקענ האָבנ זיכ די פרײַנט: — געלױבט איז גאָט,
װאָס אָפגעגליקט דעם פיורער לױפנ האָט דעם ערשטנ.
זײ האָבנ זיכ מיט אימ אצינדערט ניט געשײדט,
אונ אפ קײנ אױגנבליק אלײנ איצט ניט געלאָזט אימ,
די „רעזידענצ" נאָכ אלצ באטראכט, װי א טראנשײ
פונ דריטנ רײַכ, פונ דער אימפעריע — אונטער מאָסקװע.
געטשאדעט יעדער בליק האָט װי אנ אױסגעברענטער קנױט:
האָט די האשגאָכע ניט צומאָל באזוכט דעם פיורער דאמאָלט?
נאָר ער, אנ אופגערײצטער, איז געקראָכנ פונ דער הױט
אונ עפּעס אומפארשטענדלעכס פּיבערדיק געשטאמלט:

IV

— יא, ביסמארק! — האָט ער אלע װײַל געטאָנ א הײב זיכ אונ א זעצ
אונ זיכ געלאָזט פונ זװוּנגענ פונ זײַנע לאָקנ;
ער האָט אדורכגײנ מיטנ זײגער, מיטנ הילצערדיקנ לעצ
געזענ באשײַמפערלעכ אימ אינ בינאָקל...
אונ אָט דער שװאלבנ-שלאק... ער לאָזט ביז איצטער אימ ניט אָפּ,
אונ די פארפױלטע דרײַעק-הוט זיכ איבער אימ נאָכ שאָקלט.
ער האָט ארומגעכאפּט מיט בײדע הענט דעם קאָפּ.
צי האָט דער טײַװל ניט ארײַנגעשטופּט אינ האנט אימ דעם בינאָקל?
— אָ, די בינאָקלענ! — האָט ער מיט די צײנ געטאָנ א קריצ,
אינ זײ האָט ער דעם קריג אזױפיל מאָל געװוּנענ!..
געפּיבערט האָט ער אלצ נאָכ װעגנ „בליצ"
אונ אױסגעבױגנ זיכ, װי פאר א דונער.
געמינעט זיכ דער בליק מיט אופגלאנצ אונ פארלאָש
האָט בא דעם לײמענעם מאשגיִעכ איבער געצנ.
אונ ס'האָט מיט בױכ-רײד זיכ געװענדט דער, װאָס איז ענלעכ אפ א פראָש:
— ס'האלט מיטנ פיורער שלימ!.. װײַזט אױס, אז ער פארעדט זיכ!..

V

דער פיורער האָט פון צײַט צו צײַט געטאָן א קער
דעם כײַע-ראָעדיקן בליק אפ די צעוואָרפענע באריכטן,
וואָס זײַנען אינ דער רעזידענץ געגאנגענ רעגולער
פונ שטעט פארקנעכטיקטע אונ לאגערס פונ פארניכטונג.
דאָ איז געבליבנ טרײַ אים דאָס אימפערישע געווער,
דאָ האָט דאָס מאזל אים קיינ טראָפנ ניט פאראטן,
דאָ האָט פונ וויפל פעלקער שוינ א כיילעק אים געהערט
אינ אש, אינ ביינער אונ אינ שמאטעס.
— ס'איז קאפיטאל! — האָט ער געפיבערט, — ס'איז וואליוט!
מיט איר וועט דײַטשלאנד נאָכאמאָל פארמעסטנ זיכ אפ מאָסקווע!
ער דארפ פונ פעלקער אָפּצאפנ א דריטל בלוט!
פאר יעדער פרײַז! וויפל יאָרהונדערטנ דאָס זאָל ניט קאָסטנ!
אונ אויסוואָרצלענ פונ זיי דעם ווידערשפעניקנ געדאנק,
פונ זיי זאָל שלעפקראפט בלײַבנ פאר גערמאניע!
צו דעם באדארפ מענ, אז א גוטער טאנק
איבער די שארבנס זייער ווערט זאָל גרינטלעכ זיי דערכאנענ!

VI

אונ ניט נאָר גלאט אזוי! — האָט מיט די וויעס ער געפאטשט, —
די דורכנעפרעסטע — אפנ פלאמ! א דײַטשער פאקל-צוג איבער אייראָפּע
זאָל יעדער שײַטער זײַנ! קאטינער וואלד איז קוואטש!
ווייכהארציקײַט איז — מיט פארניכטעטע די ערד פארשטאָפנ!
זאָל א גערוכ פונ מענטשנ-אש גיינ ווי א זײַל פונ שרעק
פאָרויס פאר יעדער דײַטשער אָרדינאציע
אונ אָפּראמענ פאר הערשאפט דײַטשישער דעם וועג, —
האָט ער מיט בליק געמאָרדעוועט פונ בלאט צו בלאט זיכ,
אינ יעדער איינער — ער געזענ האָט זײַנ פארזיי,
אינ יעדער ציפער האָט ער גיריק זיכ ארײַנגעפרעסנ.
געקראָכנ, א גערירטער קיווער-וואָרעמ, איז ער איבער זיי,
אונ די באלאנסנ צוגעלייגט צומ קאָפּ זיכ, ווי קאָמפרעסנ.
בארעכנט פינקטלעכ, וויפל יעדנ פאָלק שוינ פעלט
אונ וויפל נאָכ צומ אומברענגנ איז פאראנענ,
אז אונטערטעניק ווערנ זאָל די גאנצע וועלט
דער בלוט-געזאלבטער האק פונ דער אימפערישער גערמאניע!

VII

און דאָך געהאַט אַן אויסזען האָבן אַלע דרײַ,
פּונקט ווי מע יאָגט זיי נאָך, און שוין באַוווּסט איז יעדן איינעם,
אַז ראַטעווען פֿון עם געיעג וועט סײַווײַסי
ניט אײַנגעבן אַצינד זיך קיינעם.
צי פּרי׳ר צי שפּעטער, דאָ צי דאָרט —
זיי האָבן אויסגעזען אַזוי, פּונקט ווי געווען ס׳וואָלט קלאָר זיי
אין אָרעאָל אין בלוטיקן פֿון רויב און מאָרד,
אַז אָפּגעזאָגט האָט זיי דאָס מזל זײַן געהאָרכזאַם.
עס האָבן די, וואָס זייער הויפּט-געווער איז שרעק,
פֿון שרעק דערפֿילט אַף זיך דעם אָנגריף אַף אַ שטרעקע;
און בלויז „ווי ווײַט?" האָט יעדער בליק געפֿרעגט,
אַף וויפֿל צײַט וועט מוט בײַ זיי נאָך קלעקן?
אַף דער „האַשגאָכע" זיך פֿאַרלאָזט דער פֿיורער האָט
אַצינדערט בײַ דעם אויסעראָרדנטלעכן שטאַפּל.
— נו, יאָ!.. — האָט זיך געקווענקלט געבעלס, — גאָט איז גאָט,
נאָר מאָסקווע גיט אים אַ באַדײַטונג צו אַ קנאַפּע!..

VIII

— אַרײַנרופֿן! — האָט זיך אַ דריי געטאָן דער פֿיורער מיטאַמאָל, —
די כימיקער!.. — עס גייט נאָך ווײַט ניט אָן דער סאָף אים, —
ווי האַלט עס מיט די נײַע גאַז-וואָגנס? די קראַכט? די צאָל?
ס׳איז, געבעלס, זיכערער אַ סאַך פֿון אײַער פֿילאָסאָפֿיע! —
עס איז אַרײַן אַן אַלטער מאַן און פֿאַר די הערשער זיך געשטעלט,
געוואָרן די שוואַרצאַפּלען אין פֿאַרגליווערונג זײַנען אים גרעסער.
אַדורכגעדעמאָנסטרירט מיט הענט מיט ציטערדיקע אַ מאָדעל
פֿון נײַע גאַז-וואָגנס, פֿאַרפֿולקומט און פֿאַרבעסערט.
עס האָט דער פֿיורער ניט געקוקט: — דאָך, אַף דער וויפֿלטער מינוט?
— דער קראַמפּ — פֿליוס פֿיר. און אַף דער פֿינפֿטער די אַגאָניע! —
פֿאַרגלייזט די אויגן האָט דער פֿיורער: — גוט! —
אַף אים פֿאַרלאָזט ער זיך. ער צווייפֿלט ניט. ער קאָן אים. —
און איצט די דורכלאָז-פֿעיִקײַט — האָט ווײַטער ער,
ניט קוקנדיק, בלויז מיטן קאָל געטאָן אַ פֿרעג אים.
— די וויסנשאַפֿט באַמיט זיך אַלץ וואָס מער, —
האָט מיט אַ שמייכעלע פֿון גליק פֿאַרנייגט זיך דער פּראָפֿעסאָר.

IX

זיך אײַנגעזויגן אין מאָדעל מע האָט פֿאַרטײַ׳ט,
ווי ניט געווען ס׳וואָלט א מאָדעל, נאָר א מאַדאָנע.
דער פֿירער בלויז געווען איז ערגעץ זייער ווײַט,
אין זײַנע זונגעגנ געוועזן איז פֿאַרטאָן ער.
— ווי האלט עס מיט די אויוונס? — דורכגעריסן האָט זײַן שטים
די שטילקײַט, וואָס די וויסנשאפֿט האָט אָנגעווייט דאָרט.
ארויסגעגליטשט האָט גלײַך זיך דער פּראָפֿעסאָר שטיל,
און אף זײַן אָרט געשטעלט האָט זיך א צווייטער.
און ווי א פּאָן האָט ער צעוויקלט א פּראָיעקט —
א שטאָט א גאנצע מיט פֿארשיידענע געבײַדן,
ווּ מיליאָנען וועלן דורכמאכן דעם לעצטן וועג
דורך פֿײַער און דורך אומגעהערטע לײַדן.
געגאַנגען איז דער פּראָיעקט פֿון הענט צו הענט,
ביז ס׳האָט דער פֿירער מיט באַגײַסטערונג באַערט אים. —
ארויספּאָרן! — האָט ער זיך צום געסטאַפּאָ-שעף געווענדט —
און אינסטרוקטירן מינדלעך אף די ערטער!

X

געהאנגען זײַנען לעם דער מאפּע אף דער וואנט
פֿון אויוונס ריזיקע די ערשטע אָנגעמערקטע שפּורן,
און ווי עס קאָרטשענען פֿעלקער זיך אין זייער בראנד —
האָט שוין געזען באַשײַמפּערלעך דער פֿירער,
ווי ס׳ווערט א שטאָט פֿארטיליקט נאָך א שטאָט,
ווי גאנצע לענדער טרעטן אָפּ דעם וועג אים.
ער האָט די אויגן יעדער ווײַל א הייב געטאָן צו גאָט,
א כוילע-נויפּלדיקן וואָרף געטאָן זיך יעדער רגע,
און אָט אזוי, מיט אויגן אין דער הייך פֿארגלייזט,
די האנט אף די פּראָיעקטן פֿאלן האָט געלאָזט ער:
— מיט אָט-אָ די אנטפּלעקונגען פֿון דײַטשן גײַסט
באַנײַען וועלן מיר דעם מארש דעם זיגרײַכן אף מאָסקווע!
אונדז אף דעם וועג אליין די פּראָפֿעצײַונג אָנגעוויזן האָט.
די ווילדע רוסן קאָן מען עס מיט פֿײַער נאָר דערקלערן. —
און דער געסטאַפּאָ-שעף האָט זיך פֿארנייגט: — יאָ... גאָט איז גאָט,
נאָר זיי... די רוסן... גלייבן מער אין... ארטילעריע!

39. עקספּערימענטן

I

ס'האָט קלאָפּסן אַלעמאָל געצויגן צו פילאָזאָפיע,
די פאָרגענגער אין אים געלאָזט האָבן זיך הערן.
און אַפּ צו אויסדריקן דאָס דאָזיקע געפיל,
האָט ער באַשטימט דעם לאַגער מיט אַ לעקציע באַערן.
די ייִדן פון דער געטאָ גראָנאָטאָפּס
זאָלן אים זײַן קאָמפּלעקט, — האָט ער באַפוילן דער געסטאַפּאָ.
געמאָלדן מ'האָט אַ לעקציע פון זאָנדערפירער קלאָפּס:
„די וויסנשאַפט גערמאַניעס אַפּ אַ נײַעם שטאַפּל“!
די האַק פון זאָנדערפירער קלאָפּס זיך שלײַפט
ניט נאָר באַם אָפּהאַקן די קעפּ און באַ די מאָרדן,
אויך דעם געדאַנק זי טראָגט פון דײַטשלאַנד אַפּ איר שאַרף
באַם אײַנפירן אין וועלט די נײַע אָרד'נונג.
ער האָט שטודירט און גרינטלעך אויסגעפאָרשט
די פּאַוזן באַ געהאַנגענע, ווען ס'איז דאָס בלוט באַ זיי נאָך וואַרעם;
און ניט צום איבערוויגנדן איז פון מאָל צו מאָל זײַן דאָרשט
זיך טיילן מיט דער אָנגעזאַמלטער דערפאַרונג.

II

אין טאָגבוך האָט דער זאָנדערפירער קלאָפּס פאַרשריבן אַלץ,
פון יעדער זאַץ האָט זיך זײַן גײַסט זײַן מיזאַמער געריסן:
„די מעלאָדיע פון כאָרכלדיקן האַלדז,
ווען באַם געהאַנגענעם דער שלייף גיט אַ פאַרצי זיך!“
ער האָט זיך לײַדנשאַפטלעך אײַנגעקוקט צו דעם געהאַנגענעם אין בליק,
אין ריס פון די פאַרגלייזטע ווײַסלען האָפערדיק זיך אײַנגעהערט דאָרט:
„אָט איז זי, אָט די שטאַרבנדיקע לאַנגזאַמע מוזיק
פון לעצטן בלוט-אַקאָרד אין די פאַרשטאַרטע אָדערן-געפלעכטן“.
באַזונדערס אָנגעשטרענגט, מעטאָדיש, ליב
באַשעפטיקט האָט דער מויעך זיך באַ קלאָפּסן,
ווען ער האָט נאָכגעשפּירט „די ווי־פלסטע סעקונדע נאָכן לעצטן כריפ
לאָזט די אורינ באַ דעם געהאַנגענעם אַראָפּ זיך?“
ער האָט עס פעסטגעשטעלט. גענוי און אַקוראַט.
מיט שטאָלץ גיט ער זיך שטענדיק אַ דערמאַן עס.
— סאַקראַמענטאַל! — האָט ער געשײַנט, דער קאַט,
פאַר דעם דערגרייכטן זיג פון וויסנשאַפט גערמאַניעס.

III

עס איז דאָ האר, געלערנטער און ווירט,
און מיט זײַן מאכט דער אומבאגרענ׳צטער ער באלעקט זיך.
עס איז אים גוט. ער וויצלט זיך. פילאָזאָפירט:
אין לאגער הערט מען שטייענדיק זײַן לעקציע!
לעקאָוועד דײַטשלאנדס וויסנשאפט — דער הימן פון דריטן רײַך!
די קלאנגען איבער קלאָפּסן שוועבן אום און פליִען.
לעקאָוועד דײַטשלאנדס וויסנשאפט האָט קלאָפּס באפוילן גלײַך
אין לאגער צו זײַן אופטריט אופשטעלן א מוסטערהאפטע טליִע,
און איינעם פון די צוהערער ארויספירן צו איר
אלס א באשטעטיקונג צו זײַנע רייד, צום שלייף ניט אײַליק אים א הייב טאָן —
ס׳זאָל קאָנען לאנגזאם, גרינטלעך ווערן איליוסטרירט
דעם זאָנדערפירורערס וויסנשאפטלעכע באהויפטונג.
ווער וועט דער קאָרבן זײַן? — איז דורכגעגאנגען א שניט, —
אלציינס אפ וועמען וועט דער גורל פאלן!
ארויסגעפירט האָבן געסטאפּאָווצעס פונעם האמוין אן אלטן ייִד.
ער איז געגאנגען שטיל, און ס׳האָט געדוכט, אז ס׳גייען מיט אים אלע.

IV

— און דו, — האָט צו א צווייטן ייִדן זיך געווענדט
דער זאָנדערפירורער קלאָפּס, די אויגן אויסגערונדיקט,
מיט דראָונג אָנגעגאָסענע, — דו זײַ דער אסיסטענט,
וועסט אפ די פינגער ציילן הילכיק די סעקונדן! —
ווי פון דער טליִעס שנאָבל האָבן קלאָפּס׳ באפעלן זיך געהערט,
מיט גדולע מיט אימפּערישער דער רוים געוועזן פול איז.
עס האָט דער ייִד אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דר׳ערד,
דאָס איז געווען דער דאָקטער צווי מארגוליס.
נאָר ס׳האָבן די ענעס זיך אָפּגעשטעלט בא דער טריבון:
— הײַל היטלער! — צאָרנדיק דערלאנגט א דודע, —
פארשוועכט דעם זאָנדערפירורערס וויסנשאפט, א בונט! —
געלאָזט דירעקט אפ קלאָפּסן די האשטאָנע האָט דער יודע.
ארויסגעכאפּט האָט קלאָפּס דעם רעוואָלווער.
א שאָס. מיט בלוט די באָרד באם זאָקן אָפּגעצייכנט.
און א פארטויבטער, פאלנדיק צו דר׳ערד,
געקוקט אפ קלאָפּסן האָט דער ייִד מיט א גאניידנדיקן שמייכל.

V

געבושעוועט האָט קלאָפּס פונ בושע אופגערעגט:
— דער יודע! — האָט ער, מאָרדעווענדיק זיכ, געשטורעמט.
אונ אפ דער טליִע קוקנדיק האָט אימ מארגוליס שטיל געפרעגט:
— פילײַכט וועט אויכפרוווּנ א דײַטש דער זאָנדערפיורער? —
אראָפּגעלאָזט מארגוליסנ האָט קלאָפּס פונ זיכ א פּאטש,
א שלײַדער אימ אפ דר'ערד, אונ פונ דעמ איבערפאל צערודערט,
האָט ער מיט ליפּנ שוימיקע געפּײַקלט: — קוואטש!
דאָס האָסטו פאר דײַנ ווערטפּאָליקער פּראגע, יודע! —
דער דאָקטער אופגעשטעלט האָט צ'ריק זיכ אפ די פיס,
זיכ אָפּגעווישט דעמ שטויב, דערלאנגט א קוק צומ הימל א בארוטער.
אונ מיט דער גומי האָט אימ קלאָפּס פונסנײַ דערלאנגט א ריס:
— דאָס האָסטו פאר דײַנ שטיינ אונ קוקנ צו דעמ הימל, יודע! —
ס'האָט ענגער דער האמוינ געגעבנ זיכ א פּרעס,
פארטײַעט דורכגעלאָפּנ איז א ווינטיקער געהאווע;
אונ קלאָפּס האָט גלײַכ פאראָרדנט די עסעס:
נאָכ היינט באנאכט אינ געטאָ — אנ אָבלאווע!

VI

אינ הארצנ הילכט באצײַטנס אָפּ דער טראָט
פונ די מעכאבלימ איבער אומעטיקע געסלעכ פונ דער געטאָ.
אוועקגעלאָזנ קינדער מ'האָט אפ גאָטס באראָט
איבער דער כראָפּעדיקער ערד, מיט נעצנ אומעטומ געבעטער.
עפשער וועט עמעצ אויסשטרעקנ א שטיקל ברויט,
עפשער וועט עמעצ מיט א דאכ פארזענ זיי בא די ראנדנ,
עפשער וועט עמעצ כאָטש ניט אָנווײַזנ דעמ טויט
אפ די געיאָגטע מינדעריערעדיקע וואנדערער?
...אונ ערגעצ זײַנענ אָרכימלעכ, פארמאטערטע פינ וועג,
געשלאָפנ בא דער לערערנ וואסיאָנען.
ס'דערוועגט זיכ ניט וואסיאָנע זיי צו טאָנ א וועק:
זאָלנ זיי אָפּרוענ, ביזוואנענ אָפּרוענ מע קאָנ נאָכ...
פונקט ווי א וועדבע אײַנגעבראָכנ קוקט זי שטיל אפ זיי
אונ טראכט: סאדאָווסקינ אָנשרײַבנ א בריוו אזא מינ:
זי לעבט. דער זיידע אויכ. אונ כוצ זייער געליבטנ וואָראָבײ —
שוינ נאָכ פונ זיבנ אָנגעפלויגענע איז זי אצינד א מאמע...

40. א בריוו פונ אוראל

I

וועג-אויס, וועג-אײַנ — קיינ אָנהייב אונ קיינ ברעג...
פונ האָפענונג אונ פּײַנ — א פלאָנטערדיק געוועב איז.
סאדאָווסקי מיט זײַנ טייל איז אָפּגעטראָטנ ווײַטער אינ געשלעג
צום אופגעוואכטנ דאָנ, צו די קובאנער כטעפּעס.
ער פונ דער היים אפ בריוו האָט מער שוינ ניט געווארט
אונ ניט געוווּסט, צי וועט ער נאָכ אמאָל א בריוו באקומענ.
צעטראָטנ אפ ארומ געלעגנ איז די פּראכט,
אונ דאָס האָט ער געלײיענט פאר א גאנצנ זומער.
— אָט דאָס, סאדאָווסקי, שרײַבט דײַנ זונ דיר, וואָראָביי, —
האָט ער, דעמ כורבנ זעענדיק, זיכ שטיל געפּײַניקט, —
אפ אויסווייניק א יעדער בראָכשטיק פארגעדענק מיט וויי,
דאָס האָסטו בריוו איצט פונ דער היימ. זיי זײַנענ דײַנע!
ס'איז עפּשער בעסער, — האָט אינ קאָפּ בא אימ געטאָנ א בליצ, —
וואָס שיקנ בריוו אפ יענער זײַט מע קאָנ ניט...
ווי וואָלט זײַנ האנט זיכ אופגעהויבנ איצט
אפ עפּעס אָנשרײַבנ אהיימ... וואסיאָנענ?

II

אפ אָפּרו שטעלט מענ זיכ ניט מער ווי אפ א טאָג.
א דאָרף. א וואלד. אונ ווײַטער באלד מע לאָזט זיכ.
אונ דאָכ פונ ערגעצ האָט א בריוו דעריאָגט
אינמיטנ וועג דעמ קאפּיטאַנ סאדאָווסקי.
צי איז עס ווירקלעכ אימ? צי בלויז דאָס אימ זיכ דאכט?
יאָ!.. אימ... ער פּרוּווט זיכ עמעצנ דערמאנענ...
עס איז פאר אימ געווענ אינגאנצנ אומגעריכט —
א בריוו... פונ וועמענ?.. אונ פונוואנענ?..
ער האָט אימ לאנג געהאלטנ אינ דער האנט.
פונ וועמענ קאָנ ער זײַנ — גענומענ טרעפנ.
די האנטשריפט איז באקאנט אונ ניט באקאנט,
אונ פאָרזיכטיק אזוי אימ אופגעעפנט.
נאָר פאר דער ערשטער שורע נאָכ פונ בריוו
ער מיטנ בליק צומ סאָפ געלאָפנ גראד איז,
אונ ס'האָט אפ אימ א שפּרונג געטאָנ די אונטערשריפט:
אָוואדיס...

III

נו, ענדלעכ, זיכ דערמאנט, —
האָט ער א שמוכ צו זיכ אליינ געגעבנ.
ער האָט דעם בריוו איבערגעלייגט פונ האנט אינ האנט:
ס'קומט אלעמאָל א פרײַנס צונוצ אינ לעבנ!..
אונ זיכ ניט רירנדיק פונ אָרט,
די שורעס שלינגענ גלײַכ גענומענ האָט ער,
אינ ניט אדורכגעלאָזט קיינ איינציק וואָרט,
קיינ רענע ניט איבערגעכאפט דעם אָטעם.
דעם בליק געטאָנ א וואָרפ אפנ קאָנווערט,
דעם שטעמפל — אײַליק אָפּגעמאָסטנ.
אונ אפ א ווײַלע זיכ פארהאלכנ אונ פארקלערט:
ווארט אויס!.. עס גייט דאָכ ניט דער בריוו פונ מאָסקווע?!
אונ ווידער צו דעם זײַטעלע פאפיר א פאל,
מיט בלאָנדושענדיקנ בליק געטאָנ א כאפ עס.
ערשט דאנ האָט ער א מאכ געגעבנ מיטנ קאָפּ: אוראל!
אונ דאנ ער אפנ שטעמפל האָט דערזענ: טשעליאבינסק!

IV

אונ דאנ האָט ער דעם בריוו גענומענ לייענענ פונסנײַ,
זיכ אײַנהערנ אינ יעדנ וואָרט, פונקט ווי געהערט וואָלט ער זײַנ קאָל דאָ.
עס האָט דער דורכרײַס פונעמ קלעמ א שווימ געטאָנ פארבײַ —
פונ סאמע דניעפער ביז דער וואָלגע.
ער האָט אימ אינ זיקאָרנ לעבעדיק געהאט,
א יאָג געטאָנ אפנ אוראל האָט דער געדאנק אימ,
אונ אָנגעשטויסנ אפ א וואָרט זיכ: טאנקאָגראד.
ס'האָט אימ פארכאפט דער אָטעמ: טאנקענ! טאנקענ!
אונ איבערכאזערנ גענומענ יעדער וואָרט
אונ גלעטנ יעדער אָס, פונקט ווי א שווערד א שארפע:
„ווענ קאָנענ כ'זאָל באשרײַבנ אלצ, וואָס דאָ קומט פאָר,
וואָלט עס דערמאָנט די ערשטע טעג פונ דער באשאפונג.
פונ כאאָס, פונ צעוואלגערטנ מאשינ-געוועב,
האָבנ זיכ קאָרפוסנ אפ הוילנ סטעפ א הייב געגעבנ שלאנקע.
אינקורצנ: מ'איז אראָפּגעגאנ אפ דעם פארשנייטנ סטעפ
אונ מ'האָט א זאָג געטאָנ: ס'זאָל ווערנ טאנקענ!

V

זײַנען געוואָרן טאַנקען! פונקט ווי אין דעם ביבל-מיף,
האָט אופגעשײַנט דאָס ליכט און זיך צעשפּרייט האָבן די שטערן".
סאַדאָווסקי האָט געזונקען: אין דעם בריוו,
א יעדער וואָרט פונסנײַ געגומען לייענען און הערן:
„...א שווינדל אפן שניי געטאָן האָט א געצעלט,
נאָך אים זיך אופגעפליגלט איינער האָט נאָך איינעם.
און פרעסט אזעלכע ניט געזען האָט נאָך די וועלט,
אזוי זיי איבערטראָגן ניט געקאָנט וואָלט קיינער.
און ס׳האָט זיך א באַהעפט געגעבן טאָל מיט בארג,
און איינער יאָגט אין טעמפּ דעם צווייטן איבער.
און ס׳איז געוועזן טאָג, און ס׳איז געוועזן נאכט,
ווי אָנגעשריבן שטייט דאָרט אין דער ביבל...
פּארקישעפט, דאכט זיך, דער איראל איז איצט אליין,
נאָך ניט געזען האָבן די בערג זײַנע אזא מין וויכער.
אינקורצן: ס׳האָט געוועך געלאָזט זיך גיין.
דערפילן וועט דער דײַטש עס אפן רוקן שוין אינגיכן.

VI

מיר האָבן גרויסן שוין פון פראָנט. ס׳איז גוט!
עס שרײַבט אליין דער גאָט פון קריג! וואָס מערער מאָנט ער.
געטראָפן האָב איך דאָ א האלבן אינסטיטוט
מיט פּראָפעסאָרן, מיט כאוויירים און באקאַנטע.
נאָך אפ דער ראָד, ווי ס׳וואָלט קיין היים גאָר ניט געוועז.
נאָך אונטערוועגס, צעלייגט אפ טשעמאָדאנען.
נאָר ס׳שטייט א פרוי בא א מארטען
מיט דעם געפיל, ווי באם הארמאט וואָלט זי געשטאנען.
איבערגעשטרײַכט זײַנען באגריפן דאָ פון צײַט,
באקוועמלעכקײַט באקומען האָט א נײַעם אינהאלט.
די מענטשן האָבן זיך אנטפלעקט דאָ פונדאָסנײַ,
אינגיכן וועט דער דײַטש, סאדאָווסקי, עס דערכילן.
און דאָ איז מיר אמבוילעטסטן געוואָרן קלאָר
דער ווענד אין פאָלק פאר פינף און צוואנציק יאָרן דורכגעמאכטע.
אינקורצן: ס׳דאכט זיך מיר, אז היינטיקס יאָר
וועט רוסלאנד צווינגען אנדערש וועגן זיך א טראכט טאָן...

VII

א גרוס דעם גאנצנ טײל. ווי שלאָגט איר זיך אצינד?
צי ווייסט איר עפּעס־וואָס וועגנ וואסיאָנענ?"
אדורכגעלייענט האָט סאדאָווסקי עס געשווינד,
ער האָט געוואָרט, אז ס'זאָל אָוואדיס וועגנ דעם דערמאָנענ.
„אנטשולדיקט מיר, וואָס אזוי ווייניק איך דערצייל,
געציילטע פּאָר מינוט פאר ווייסעכ-וויפל-צײַט איצט פרײַ כ'בינ.
ס'האָט זיך אזוי געמאכט, אז כוצ מײַנ טײל
האָב איך ניט קיינ־ם מער צו ווענ שרײַבנ...
מיט אָלגענ האָב איך זיך געזעגנ אינ מאָרג. כ'האָב זי געטראָפנ טויט.
מײַנ טעכטערל טאמארע — אויכ דאָרטנ, דערגעבנ.
א דײַטשישער פּוגאס האָט זיי אינ ריי נאָכ ברויט
ארויסגעריסנ פ'נ מײַנ לעבנ".
באהאלטנ האָט דעם בריוו כאדאָווסקי אינ פלאנשעט
צווישנ וואסיאָנעס בריוו, אינגאנצנ א צעשטרײַטער.
ער האָט גאָר ניט באמערקט, ווי ס'איז געוואָרנ שפּעט,
פארטאָג האָט מענ אינ וועג זיך אופגעהויבנ ווײַטער.

41. פונ אנ אויסגעקוילעט שטעטל

I

אינמיטנ הויפ באמערקט אָוואדיס אָפּט
א שמיד ביים דער באטאָגיקער האפּסאָקע,
ווי ער וואָלט שטייענדיק געכאפּט א שלאָפ
אונ, שלאָפנדיק דאָרט, ווי א בוים זיך אפנ ווינט געשאָקלט.
ער שלאָפט ניט אויס זיך, ווי ס'באדארפ צו זײַנ, די נאכט,
מיט רו ווערנ די ביינער זײַנע ניט געזעטיקט.
ווי נאָר ער גיט די אויגנ א פארמאכ,
אזוי דאָס גאנצע אויסגעקוילעט שטעטל זײַנס דערזעט ער.
די נאָרמע מאכט ער דאָכ — אפ אָנדערהאלבנ מער,
ער זוכט, ער נישטערט ארבעט אויס פונ אונטער דר'ערד זיך,
אונ ס'בלײַבט אים ניט קיינ צײַט אפ טאָג א קלער,
עס זאָלנ די יעסורים אים ניט אָניאָגנ אהערצו.
נאָר ס'קומט צו אים דער אגמאס-נעפּעש אונ דער צאר
אינ די האפּסאָקעס שטיל, ווי שאָטנס אפ אים ווארטנ;
זיי טוענ אפנ האלדז אים אָנ זיך צארט,
אונ אפנ מיטנ הויפ ער בלײַבט ווי א פארשטארטער...

II

ער שטייט ווי א פארבלאָנדזשעט פערד,
וואָס איבעראשט באמיט ער זיך דעם וועג דערקאָנען,
און ווי אן אײַנגעשניטן ציימל קײַט ער שווער
באזונדער יעדער רינגעלע — דערמאָנונג נאָך דערמאָנונג.
ער האָט געטראכט און איבערלייגט זיך: טאָמער דאָך,
געשיקט זיך, ראטעווען זאָל קיינער זיך ניט קאָנען?
עפּשער האָט אים געשאנעוועט דאָס מאזל פונעם בראָך,
אָט האָט זיך דאָך געראטעוועט עלקאָנע!..
ער, עמעס, האָט אין דײַטש זיך פּר״ר געטאָן א גראָב,
נאָך אפן לאסטוואָגן, וואָס האָט צום גרוב געשלעפּט זיי,
און אויסגעהריזעט פונעם גאָרגל אים דעם קנאָפּ
און אויסשפּײַענדיק אים, א ריטש געגעבן: — שעפּסן!
וואָס זיצט איר? — האָט ער זיי געטאָרעט און געוועקט...
„עלקאָנע! — גיט זיך אווראָם-הערש א טראכט, — א מענטש א פּראָסטער,
און אָט אזוי איז ער אוועק.
די איבעריקע האָבן שלעפן ווײַטער דאָרט געלאָזט זיך״...

III

— עלקאָנע! — האָט ער זיך צו אים געווענדט
באם ערשטן קוק, — דערציילן! דו האָסט ניט וואָס פארטײַען! —
און ס׳האָט עלקאָנע זיך א קוק געגעבן אף די הענט:
— דערציילן — וועט דאָס לעבן, אווראָם-הערש, ניט סטײַען!
— און מײַנע, הא, האָסטו געזען?.. — געזען!..
אין שאבעסדיקן קלייד, מיט אלעמען. באם ריוו, ווי בא א וואָגן...
— נו, יאָ, — האָט ער איבערגעריסן אים, — ווי דען,
אז אים האָט די כאָליערע ערגעץ אומגעטראָגן...
— און אָט אזוי געוואָרט האָבן זיי שווײַגנדיק באם ריוו,
די פיס צום ג־ונט אראָפּגעלאָזטע.
און ס׳איז געווען א רעגנדיקער אינדערפרי,
און איין געשריי האָט זיך דערהערט. פון דײַנער. נו, אָט האָסטו!.. —
ס׳האָט מיטן בליק זיך אווראָם-הערש ערגעץ געווענדט,
ווי ער דאָס גאנצע לעבן וואָלט געטאָן אן איבערעכן,
און ס׳האָט ווי א שטיק פײַער אף זײַן מויל געטאָן א ברען:
— מײַן נעכע...

IV

און אוורָאָם־הערש פארגייט זיך מיטן אָטעם לאנג,
ער פילט, ווי פארן גאָרגל גיט א נעם דער בראָך אים:
מיט בריוו באוואָרפן האָט ער גאנצ בוגורוסלאן,
צי איז דאָרט ניט פאראן א שפור פון זיַין מישפּאָכע?!..
אָט גיט זיך נעכעס קלייד אים א דערמאן,
אָט גיט א ריס פון סאמע קייווער נעכעס קאָל אים,
אָט גיט א שניט ווי דורך א צווינטער זיך מיט שרעק א באן,
און באם וואָקזאל ניטאָ איז קיין פארשוין, ניטאָ קיין באלעגאָלע...
ס'איז אים מיט לעבעדיקער היים דאָס הארצ נאָך אזוי פול,
א וועלט א גאנצע וועקט נאָך פון דער וויַיט אים —
געוואָלט האָט ער אציַנד איבער די כורוועס טאָן א גיי,
אליין זיך ווי א כורווע טאָן לעמ זיי א שליַידער...
עס האלט דאָס הארצ בא אים זיך קוים איצט איַין,
דאָט ליַיב דאָס גאנצע פאר דעמ ווייטעק קנאפּ איז.
ער וואָלט אפּ א געשלען געמאכט איצט קידעש, ווי אפּ וויַין,
ער וואָלט א יעדער גרוב געגאנגען זאָגן א גוט-שאבעס!

V

גוט-שאבעס, ייִדן, אויסגעקוילעטע אין יעדער שטאָט
און לעבעדיקערהייט געוואָרפענע אין ריוון!
ווען זיַין זאָל ערגעצ אין דער וועלט א שטיקל גאָט,
וואָלט ער אליין באדארפט זיך אפּ די קוואָרים זעצן שיווע!
גוט-שאבעס, שטיבער לײדיקע, דערשטיקט פון רויב,
און איַינגעבראָכענע, פארבלוטיקטע פּידאשקעס!
עס גיבן זיך אליין די דעכער א פארהייב,
ווי עמעצער וואָלט אינווייניק געראשט נאָך...
גוט־שאבעס, ווינטן, קומענדע פון דאָרט,
דורך שליאכן אויסגעפּאָרענע מיט ווערסטן גראדע!
צי האָט איר ניט געזען, ווי עמעצ פאָרט
אהינצו זאָגן קאדעש?
גוט-שאבעס, קרענעצעס, פארוואקסענע מיט גראָז,
ווו ײדעס האָבן אָפּגעשטעלט די פערד צום פּאָיען!..
אים דוכט זיך, אז ער הערט א באלעגאָלעדיקן גלאָק —
ער קלינגט ערגעצ אין וועג מיט אזא וויַיטן טרויער...

VI

אָט איצט, ווען ס׳איז פון אלץ שוין גאָר נישטאָ,
ווען ס׳קוקט אפ אים די וועלט די גאנצע, ווי א קארקע,
איז אזוי זיס אים יעדער שינדל פון דער שטאָט,
און יעדער דאך, און יעדער אויסגעדרייטער פארקן.
ער האָט געהערט: ווען בא א מענטשן שניידט מען אָפּ די פיס,
טוען די אָפּגעשניטענע א לאנגע צייט נאָך וויי אים.
אזוי-אָ טוט זיין שטאָט אים וויי, און ס׳וועט געוויס
דער וויי שוין ביז דער גרוב קיין טרייסט אים ניט פארווייען.
די פליאמעס גיבן אפן פּאָנעם אים זיך א צעלייג,
ער זעט, זיין נעכע גייט. ס׳איז אופּ די טיר פון זיין כאלופּע.
געהייסן אָנטאָן איר מע האָט דאָס שאבעסדיקע קלייד,
פּונקט ווי געגאנגען וואָלט זי צו דער כופּע.
און ער קאָן גאָרנישט טאָן. אפילע קיין געשריי,
ס׳זאָלן די בערג א ציטער טאָן, קאָן ער ניט געבן,
נאָר אָט אזוי — זיך ווארגן מיט דעם וויי, —
איז וואָס-זשע דארף ער עס, זיין לעבן?

VII

קיין שלאָף באנאכט, קיין אָפּוועגדונג באטאָג,
זיי באָמבלען אים אין קאָפּ, די באלעגאָלעדיקע גלעקער:
ס׳איז ניט קיין טאכלעס, אווראָם-הערש, באם האָרן דאָ
צו בלאָזן פייער פאר די דייטשן אפ א שטרעקע!..
זיי קלינגען אים ארײַן פון ווייט אזויפיל זאָרג
און טריקענען אים, ווי מיט בראנפן, אויס דעם גומען:
עס שלאָגט זיך ניט קיין באלעגאָלע, אווראָם-הערש, אפ באָרג,
אויב שלאָגן — איז געשלאָגן זיך מעזומען!
פונקט ווי געשלאָגן האָט מען זיך אפ א יאריד
אין די אמאָליקע, די אלטע צייטן!
עס הייבן זיך, ווי בא א פערד, בא אים די טריט,
און ס׳גיט שוין א פארופ די נעפלדיקע ווייט אים,
און ס׳קלינגען, מאָנענדיק, די גלעקער אלץ,
דעם מארך אים מיט פאריבל זיי פארטונקלען:
עלקאָנע האָט איבערגעהריזעט כאָטש איין דייטש דעם האלדז,
ער האָט זיך מיט זיין לעצטן כאָרכל כאָטשבי אָנגעטרונקען!

אונ דו? האָסטו דענ קיינ פאָסטראָמקעס ניט געריסנ מיט די ציינ?
קיינ שלייעס האָסטו ניט געריסנ מיט די הענט דענ?
א יעדער דוכטנדיקער קלונג זיכ ווארפט אימ, ווי א שטיינ,
פארשלייפט אימ מיט א ווײַטנ קישעפדיקנ פענטע.
אונ נעכענ מיטאמאָל דערזעט ער גיינ אינ איר פאטא,
ווי אָנגעטאָנ זי וואָלט זיכ אפ א גרויסנ יאָמטעוו.
איז גיט ער זיכ אליינ א ריס: — וואָס שטייסטו, טאמ?
גיי צו אָוואדיסנ אונ פויעל: שיקנ אפנ פראָנט דיכ!
מיט אימ וועסטו ניט דארפנ האָרעווענ קיינ סאכ,
א וואָרט, א פיפס א מינדסטער איז גענוג אימ!
איז גיי אונ עפנ אופ פאר אימ דאָס הארצ,
דערצייל אימ פונ א שטאָט א גאנצער מיט הארוגימ!
ער וועט דיכ אויסהערנ אונ העלפנ דיר אליינ,
ער וועט פארשטיינ, ווי גרויס דער צאָרנ אונ דער וויי איז.
האָסטו דענ קיינ פאָסטראָמקעס ניט געריסנ מיט די ציינ?
צי ניט געריסנ האָסטו מיט די הוילע הענט קיינ שלייעס?

42. קיינ סטאלינגראד

I

מיט רעגנבויגנס שפריצט דער אוראלטער אוראל,
ווי סערפנ גאָלדענע לאָזט ער זיי הויכ פאנאנדער.
ער האָט די ברייִשיסדיקע טראכט געגעבנ א צעפראל
אונ בערג ארויס־געשיקט געשטאָלטע צו די ראנדנ —
זיי ווייסנ ניט אינ וועג קיינ אָפהאלט אונ קיינ צאמ,
דער טויט ווערט קעגנ זיי געפלעפט מיט זײַנע קלעמער.
אפ שמעלצער פונ אוראל גייט אופ וואָלאָקאָלאמסק,
אפ זייער צויבערדיקער מי — דער גײַסט פונ קרעמל.
דער סוינע קריכט, אינ פאנצערס דרײַפאכיק פארטאָנ,
דעמ יאמ דעמ גאָלדענעמ פונ ווייצ מיט בלוט באטריפנ.
פארכאלעשט ליגט, ווי פאר א שפרונג, דער שטילער דאָנ
אונ שטיל פארשפרעכט דעמ סוינעס טריט אינ זײַנע טיפנ.
אוי, שטילער דאָנ, דײַנ שוועסטער וואָלגע וואכט אצינד!
בא איר געפעלדזטנ ברעג וועט פײַערלעכ דעמ סוינעס בראָכ זײַנ!
עס זאָטלענ פעסטונגענ געפאנצערטע דײַנע געטרײַע זינ,
ווי פערד קאָזאקישע זיי זײַנענ דײַנע זינ געהאָרכזאמ!

II

אָוואדיס שנײַדט דעם רוים, ווי דער געדאנק,
אָוואדיס פרעסט די צײַט — אריבער נאָרמעס אלע.
פונוויַיטנ זעט ער בא דעם ראנד א יעדנ טאנק,
וואָס גייט אראָפּ פונ די קאָנווייערס די אוראלער.
די היצ פונ יול איז אויסגעמישט מיט פײַער פונ געווער,
אונ גאָלד פונ רײַפּנדיקנ ברויט — מיט בלוט פונ די באצווינגער.
עס שטײַגט דער איינס-אפּ-איינס אינ גענעמדיק געפּעכט
פאר יעדנ זאנג, פאר יעדנ בוימ, פאר יעדנ ציגל.
מיט וואָרצלענ קלאמערט אינ דער ערד זיכ יעדער שטאמ,
די היצ אינ סטעפּ צעפּלאסטערט איז וואטראָניש.
פארכלינעט האָט דער פײַנט אינ פײַער אונ אינ פלאמ
זיכ בא די ווענט פונ אוראלט-רוסישנ וואָראָניעזש.
אינ דאָס פארוווּנדעטע, צעקנאָדערט-אָנגעבראָקטע שטאָל
האָט ער א וואש טאָנ בא די ברעגנ פונ דער וואָלגע זיכ פארמאָסטנ.
עס שוועבט אפּ יעדער דוסלענדישער שטאָט
דער רומ דער הערלעכער פונ שלאכטנ אונטער מאָסקווע.

III

צעשוימיקט, בארג-ארופּ זיכ יאָגנ טעג,
ווי פײַלנ אָנגעציילטע, גראדע.
אָוואדיס גרייט זיכ ווידער שוינ אינ וועג:
א פּאָר טאָג פּאָדערט זיכ אצינד קיינ סטאלינגראד אימ.
א בריוו פונ נארקאָמאט. דער זעלבער זאמ.
דער זעלבער סטיל. די זעלבע האנטשריפט.
ארויספאָרנ ווערט פאָרגעלייגט אימ ניט געזאמט,
אונ אפנ פלאצ — די נייטיקע באקאנטשאפט.
ס'דערמאָנט זיכ, ווי געוווּנדט האָט ער זיכ פריי'ך אפּ „דו“,
דערנאָכ געזאָגט שוינ ווידער „איר“ אימ,
א ווײַז געטאָנ אימ מיט די אויגנ אפּ א שטול:
„איר פאָרט נאָכ הײַנט אוועק. עס זײַנענ גרייט שוינ די פּאפּירנ!..“
באמ לייענענ דעמ בריוו האָט אימ געדוכט,
ער איז אינ מאָסקווע פונדאָסניַי. אינ א פאָרטאָג ער זעט זיכ.
די שורעס לויפט ער פיבערדיק אדורכ,
פונקט ווי די ליקעלעכ, די גאסנ אונ די פלעצער.

IV

אינגאנצנ אנדערש זעט אימ מאָסקווע אויס,
כאָטש ס׳גרײַפּט דער דײַטש אפ איר אצינד פונסנײַ דאָ.
אינ גרינס אנ אָנגעטאָנענע — זי קוקט פּאָרויס,
געפּאסט אינ זיכערקײַט, אינ מוט געלײַטערט.
צי ווײַל ער האָט געפילט, ווי ס׳שלאָגט זיכ דער אוראל,
צי ווײַל אינ איר ער א סאָלדאט האָט א דערפארענעמ געזענ איצט,
צי אלצ צוזאמענ, נאָר אינ יעדנ פאל
האָט זיכ מיט זיכערקײַט זײַנ גלויבנ איצט געגרענעצט.
אינ איר פּארטונקלטקײַט איז זי איצט גרויזאמ־העל,
אונ מיט פּארטײַעטקײַט איז אָנגעברויזט א יעדער אָרט דאָרט.
זי זעט אינגאנצנ אויס, ווי א באפעל,
זי זעט אינגאנצנ אויס, ווי א פּאראָרד׳נונג.
זי איז אינ ווײ אדורכ די העכסטע מאָס
פונ רומ אינ אירע אומשטערבלעכע שלאכטנ,
פּונקט ווי א דימענט גייט זיכ דורכ איבער א גלאָז,
אונ ס׳בלײַבט דעמ בראָכ שוינ דעמ ענדגילטיקנ צו ווארטנ.

V

ער פאָרט קיינ סטאלינגראד. דורכ מאָסקווע פונדאָסנײַ,
פּונקט ווי אהער דורכ מאָסקווע פונעמ פראָנט איז ער געפאָרנ.
דאָס גאנצע לאנד דורכ מאָסקווע פאָרט. מע פאָרט פארבײַ.
מע שטעלט זיכ אָפּ, ווי בא דעמ אָנהייב פונ די יאָרנ.
ער קוקט מיטנ געדאנק אינ רויטנ פּלאצ זיכ אײַנ,
ער גייט אימ שטענדיק דורכ — א צ׳ריקגעהאלטענער, א שטילער.
מיט שטרענגער וווּנדערלעכער טעמפּל־שײַנ
גיט שטענדיק פּײַערלעכ דאָרט א פארהיל אימ.
אונ עפּעס אנדערש זעט ער איצטער מאָסקווע דאָכ,
זײַנע געדאנקענ שוינ אינ סטאלינגראד זיכ וועלבנ.
ער איז אצינד אי דאָ אי דאָרט,
ווײַל בײדע זײַנענ איינס איצט אונ דאָס זעלבע...
צומ הויפּ אפ דראגאָמילאָווער גיט אימ א צי,
די אויגנ — צו. מיט ווײ פונסנײַ ווערט קלאָר אימ:
אפ דראגאָמילאָווער האָט ער ניט וואָס צו גיינ אצינד,
ארויפגעלאָזט איז דאָרט פאר אימ א שווארצער פאָרהאנג...

VI

ער בלאָנדזשעט אום מיטנ געדאנק איבער דער שטאָט,
די גרענעצנ פונ רוימ אונ שעטעכ זיכ פארווישנ.
געזענ דאָ אפנ סטעפּ זי אויסדריקלעכ ער האָט
אינ קאָרפּוסנ צעבליטע, ווי דורכ קישעפ.
געקוקט האָט ער אפנ צעוואָרפענעמ אוראלער סטעפ,
ווי ס'האָבנ זיכ אינ ווונדער בראַכשטיקער באהאָפטנ
אונ זיכ געשטאלטיקט אינ א ווונדערלעכ געוועב —
צו יעדנ שרויפ האָט זיכ געזעגענענ געוואָלט א לאָפּ טאָנ...
ס'גייט דער צעשייד איבערנ הארצ שוינ מיט א שניט,
פונ גאָר דער וואָלגע דער געפליעסק זיכ הערט שוינ.
אונ פלוצעמ — גלייַכ צו אימ מיט פעסטע טריט
דערזעט ער שפאנענ דעמ פארזאָרגטנ אוראָמ־הערשנ:
— אפ ווידערזענ, אוראלער כטעפ אונ בערג,
אונ זיסער ראש, אונ עכאָדיקער פלאטער
פונ אומבאגרייַפלעכ-ווונדערלעכע ווערק, —
עס ווארטנ אומבאגרייַפטע טעג איצט — סטאלינגראדער!

III

סטאלינגראד

1. בא דער וואָלגע

I

דעם דאָנ איז דורכגעגאנ סאדאָווסקי בא דער נאכט,
די פינצטערניש אפ זיכ געטראָגנ, גלײַכ ווי טרויער.
ס'האָט פײַער נאָכגעיאָגט פונ בלאָנדושענדיקער שלאכט,
וואָס האָט מעסלעסנ נאָכאנאנד געדויערט.
אפ שיפלעכ אָנגעלאָדנ אײַליק דעם אָבאָז
אונ פערד אפ קרעכצנדיקע קאָרמעס צוגעבונדנ.
צום צווייטנ ברעג, דורכ פינצטערניש געלאָזט,
איז מענ געשווומענ, זעענדיק זיכ מיט די גרונטנ.
א גרײַזע האָט געקוקט די וואָלגע אינ דער ברייט,
דעמ ברעג אינ צאָרנ וואָיענדיק געביסנ.
איבערגעפול'ט פונקט ווי א קאָס ביט לייד,
האָט זי אפ גאָרער ווײַט געטאָנ צו וויסנ,
אז ס'איז דער הימל ביז צום גרונט בא איר באשטאט,
אז ס'וועלנ אויספליעסקענ זיכ שטערנ קעגנ קלעמער.
געקומענ איז סאדאָווסקיס טייל קיינ סטאלינגראד —
די שוצ אפ איינע פונ די פאָרשטעט צו פארנעמענ.

II

א שווארצער וואלד הארמאטנ אפנ סטעפ,
טאבונענ שווארצע לויערדיקע טאנקענ,
די ערד צעקײַענדיק מיט גרילציקנ געהעפ,
פארוּוארפנ אינ דער וואָלגע ברענענדיקע אנקערס.
פונ דאָרף צו דאָרף, מיט סרייפעס אינ דער ברייט,
קיינ ביימעלע קיינ איינציקס ניט געמיטנ,
א האלבער הימל כמאריק זיי באגלייט
מיט שווארצע יונקערסנ, מיט שווארצע מעסערשמיטנ.
פונ צענ פארקנעכטיקטע מעדינעס דאָס געווער,
פונ זיבּנ דרײַ מיט פײַערדיקע קלאמערס,
שוינ אפנ גאָרגל טרעטנדיק, פארטויבט אונ שווער,
ארויפגעלאָזט זיי האָבנ אָנגעגליטע האמערס.
אונ דרײַ מאָל הונדערט טויזנט מאנ,
וואָס האָבנ זיכ געקייפלט יעדער מאָל דאָרט,
זײַנענ פארשיקערט-שטאָלצ אונ האָפערדיק געגאנ
ארויפוּוארפנ דאָס רויטע כאיל אינ דער וואָלגע.

III

געוויגנ בא דער וואָלגע האָט זיכ דײַטשלאנדס רומ,
האלב-רונדיק אָנגעוואלגערט, פעסט אונ אומגעוואקלט.
מיט גיר פארזויגנדיק דעם סטעפּיקנ ארום
אונטערגעפירט האָט גײַוועדיק גערמאניע דעם סאכאקל
פונ לענדער צענ דערוואָרגענע אינ יאָכ,
פונ קרוינשטעט אופגעפרעסענע אינ פלאקער.
אנ אָנגעשיקערטע מיט כורבנ אונ מיט בראָכ,
אונטערגעפירט האָט זי דעם טײַוולשנ סאכאקל
פונ גאנצע געגנטנ, פארוואנדלטע אינ אש,
פונ קייטנ, אָנגעטאָנ אפ גאנצע קאָנטינענטנ,
אונ קוויקנדיק זיכ מיט הארמאטנ-ראש,
האָט זי צו סטאלינגראד, א זיכערע, געגענ'נטערט.
פונדאנענ אָט, פונ סטאלינס שטאָט,
וועט זי דער גאנצער וועלט די געלע לאטע אָנטאָנ.
אונ פונ געוועלטיקײַט אָנברעגיקער זיכ האָט
געריכערט ארום איר אזא פארבלענדיקער פלאָנטער.

IV

און ניט געזוען האָט זי, ווי ס'איז מיט א באַזוך
געגאַנגען שווינן פֿייַערלעך דער טויט אַראָפּנעמען א מאָס איר.
געבלעטערט האָט זי דאָס בעסאַלמענ-בוך
פֿון איר צעבליטער בלוטיקער האַכנאָסע,
און אויסגערעכנט פּונקט און אַקוראַט
דאָס בלוט, די קוואָרים און די גרוילן —
א ציילעם אפּ א זייַט, א ציילעם אפּ א בלאַט:
אָט ליגט טשעכאָסלאָוואַקיע און דאָס דערשטיקטע פּוילן...
ווי ציפּער רוימישע — די טליִעס, דורך אפּ דורך.
צי ס'איז א ווינט צי פֿון די בייגער א געהאַווע?
עס רודערט זיך אין דעם בעסאַלמענ-בוך
ס'באַזיגטע פֿראַנקרייַך און די שטאָלצע יוגאָסלאַוויע...
און זייַט נאָך זייַט און בלאַט נאָך בלאַט
גיט איינע צו דער אַנדערער א ריס זיך.
און איצט, ווי מיט א רויטן שטעמפּל „סטאַלינגראַד״,
וועט זי דאָס בלוטיקע בעסאַלמענ-בוך פֿאַרשליסן.

V

זי האָט אין היגערפֿלעט געקוויקט זיך מיט די פֿרוכט
פֿון אירע זיגרייַך-דורכגעגאַנגענע האַרמאַטן.
געשוועבט אין סרייפֿעדיקן אַש האָט איר געבורט
דורך בלוטיק-פֿייַערלעכע ציפֿערן און דאַטן
פֿון צוויי יאָרצענדליקער זיך גרייטן צום באַפֿאַל
און גרינטלעך סאַדערן פֿון רויב און מאָרד דעם מאָלצייַט.
עס האָט זייַן מאַיעסטעט — דער קאַפּיטאַל —
פֿון איר א גוילעם בא דעם ריין זיך אויסגעשמאָלצן.
ער האָט זי אויסגעריכט פֿון גיפֿט און שטאָל,
אַרייַנגעהויכט איר מאָרד אין יעדן אָדער.
פֿון אַלץ, וואָס קאָן פֿאַרניכטן מיטאַמאָל,
האָט ער זי צו פֿאַרדאַרבונג אָנגעלאָדן.
געגעבן איר א קעניגלעכע האַק האָט ער,
און בא טרומפּייטן-קלאַנג דערלאַנגט א שטריק איר,
זי זאָל מיט אים דעם האַלדז פֿאַרציִען פֿון דער ערד,
די פֿרייַהייַט מיט די הענט די שטאָלענע דערשטיקן.

VI

ער האָט זי אויסגעקנאָטן גרינטלעך און באַדאַכט,
פאַרוואַנדלט די וויסנשאַפט פון דוירעס גאַנצע —
אימשטאַנד זײַן קעפּן לענדער זי באַדאַרף,
זי דאַרף זײַן גרויס און גרויזאַם און געפּאַנצערט.
עס האָבן איר צו דעם קיין שטאָפן ניט געפעלט,
און ניט געפעלט צו דעם האָט קיין געווער איר.
געגאַנגען זײַנען שיפן פון דער נײַער וועלט
און פון דער אַלטער בריטישער אימפּעריע.
געגאַנגען זײַנען שיפן דורכן דעם יאַם
מיט פאָנען אָנגעצויגענע, ווי שטאָרן —
געגאַן, געלאָדענע מיט כראָם און מיט וואָלפראַם,
מיט קאַוטשוק, מיט מאָליבדען און מיט מאָטאָרן.
אָט מאַכט דער גוילעם שוין דעם ערשטן טראָט,
אָט גיט ער אַ באַלעק זיך שוין, דער גוילעם,
שוין גרייט געמאַכט אין שפּאַן אים זײַן באַשעפער האָט
און אופגעשפּאַרט צו גיך צו בלוטיקן דאָס מויל אים:

VII

— גיי פרעס! פאַרדאַרב! רײַס אופּ!
אַפּ אומגליק גיי! לאָז מיטן טויט זיך אין געוויכער! —
און אַפּ דער ערשטער פײַערלעכער פּרוּוו
דערלאַנגט מע האָט אים גלײַך טשעכאָסלאָוואַקיע אין מינכען.
ער האָט זי אײַנגעשלונגען. שנעל. מיט דראַנג.
באַקומען איז עס גוט און וויל אים.
נאָר אויך די האַנט, וואָס האָט עס אים דערלאַנגט,
האָט פון די ציין שוין ניט אַרויסגעלאָזט דער גוילעם.
ער האָט זיך אופגעשטעלט אין בליץ פון העק,
דעם קאָפּ פון גאָר דער וועלט דערלאַנגען זיך באַפוילן,
און קיינעם האָט שוין דאַן קיין קויעך ניט געקלעקט
זיך צו פאַרמעסטן מיט דעם גאַר און גיר פון גוילעם.
ס'האָט דאָס באַשעפעניש — ווי ס'טרעפט אַמאָל —
איבערגעשטיגן דעם באַטראַכט פונעם באַשעפער
און האָט דעם שוואַרצן פּיסק פון בלײַ און שטאָל
אַפּ אים אַליין צעעפנט.

VIII

ווער שטייט אים נאָך אין וועג צו מאכט און רום?
פאַר וועמען היטן זיך? ווו לאָקערט די געפאַר אים?
געקוקט אַף אים האָבן פון אומעטום
מיט טויט-אורטייל אַף ערד אַף גאָרער קאַמונאַרן...
האָט ער פון לאַנד צו לאַנד זיך גיין געלאָזט
מיט פיס מיט אײַזערנע זיי ווארגן און צעטרעטן:
זאָל זײַן פון גרויסקייט זײַנער — בלוט די מאָס!
און אַש פון שטעט — דער צייכן פון זײַן שטעכן!
פון זײַן געוועלטיקייט דער גײַסט — זאָל זײַן די פעסט!
און פון זײַן שטאַם דער גראַד — בעסאַלמענדיקער אָפּפאַל!
נאָר ס'האָט פון אומעטום פאַרפאָלגט אים דאָס געשפּענסט —
ס'געשפּענסט, וואָס „בלאָנדזשעט אין אייראָפּע",
ס'געשפּענסט, וואָס דאַרף אים אָפּווישן פון דר'ערד
און איבערשטרײַכן אים אין דער געשיכטע.
דערווײַל האָט ער מיט בראָך און חורבן זיך גענערט
און זיך געקוויקט מיט בלוט און מיט פאַרניכטונג.

2. דער קאָבזאַר

I

געבלאָנדזשעט אַ קאָבזאַר האָט איבער סטעפּעדיקע ווײַטן
און אַ פאַרבלאָנדזשעט פערד באַגעגנט בײַ דעם ראַנד:
— קאַזאַקיש פערד, דו זוכסט דײַן גרײַען רײַטער?
דו זוכסט דײַן באַלעבאָס? ער איז פאַראַן!
אַרײַנגעגאַן אין שטאָט איז ער באַצײַטנס,
עס האָבן אָדלערס אַף די פליגל אים אַהין געבראַכט.
ער איז פאַראַן, דײַן טרײַער, גוטער רײַטער,
צווישן די בראָכשטיקער פון שטאָט ער ליגט אין שלאַכט,
און בלוטנדיקערהייט ער טאַפּט דאָרט אָן די וועגן,
אַ יעדער שטעג אַנטפּלעקט זיך אים אַליין,
דרײַ מאָל ניט צוטריטלעך איז ער אין די געשלעגן
פאַר יעדן אײַנגעפונדעוועטן סטאַלינגראַדער שטיין. —
קאַפּויר אַ שטעל געטאָן אַף פיס אַף צוויי זיך
האָט לײַכט און שנעל דאָס פיבערדיקע פערד
און האָט אַ שפרונג געטאָן איבער אַ באַרג פון מייסים
און צו דער שטאָט — שוואַליאָם, ניט אָנרירנד די ערד.

II

און ווײַטער בלאָנדזשעט דער קאָבזאר איבער די וועגן,
מיט שטעקן אויסגעשטרעקטן טאַפּנדיק דעם ראָש,
עס קומען ווינטן רויכיקע אים אָן אַנטקעגן
און שיטן אים די בלינדע אויגן אָן מיט אַש.
אַנטקעגן שווינדלען דורך די אָפּגעברענטע סטעזשקעס
און קריפּלען שטאָלענע, געצייכנטע פון בראָך;
פון זײַנע אויסגעלאָשענע פאַרמאַכטע אויגן
פאַרשווינדט קיין שאָטן ניט אָן א פאַרשפּראָך.
א בוים אין וועג מיט אָפּגעברענטע צווײַגן,
און קראָקוועס טאָרטשענדיקע אָן א דאַך,
און קינדער הימלאָזע פאַרדײַגעט,
און דער צעגראָבענער דער הוילער שליאַך...
צו גריבער אָפּן פעלד קלעפּן די זאַנגען זיך ווי ברעמען,
זיי זײַגען אויך ווי אויגן אויסגעשטאָכענע פון דר׳ערד,
און בלינד אליין זיך אין דער זײַט זיי נעמען
פאַר דעם קאָבזאר, וואָס בלאָנדזשעט דאָ דורך טעג און נעכט...

III

עס ברענט דער האָס, עס ברענט דער צאָרן.
און דער קאָבזאר דערזעט דאָ בלינדערהייט
באַם ניט געשניטענעם, צעבליטן קאָרן
פאַרשניטן וואַלגערן זיך די, וואָס האָבן אים געזייט,
מיט מײַלער צו דער ערד, ווי עפּעס וואָלטן זיי פאַרטרויט איר
און אײַנגעגראָבן זיך אין איר מיט בלוטנדיקע קעפּ.
ווּהין זײַנען אוועק די יאַמען גינגאָלדענע ברויטן?
ווער האָט די ליד די גאָלדענע געפאַנגען פונעם סטעפּ?
בלויז פערד מיט בײַכער אויפגעריסענע זיך קאַטשען,
פונקט ווי אָפּ פּאָלעווען פאַריאָגטע, אין געפּענט.
ער זעט אין קאָרן א דערמאָרדעטע קאַזאַטשקע,
ארומגעכאַפּט דאָס פעלד מיט אירע טויטע הענט,
פון פינגער ניט ארויסגעלאָזט די זאַנגען,
פון הארצן ניט ארויסגעלאָזט דעם וויי,
ווי זי וואָלט טויטערהייט פאַר זיי זיך נאָך געראַנגלט
און טויטערהייט ניט צוגעלאָזט דעם פײַנט צו זיי.

IV

דער סטעפּ זיך וויגט פֿון ווײ און צאָרן,
און ס׳קרעכצט דאָס פֿעלד פֿון פֿרעמדלענדישע טריט.
מע פֿירט נ׳געפּענקעניש די גאָלדענע קאַיאָרן,
אין טרויער גייען נאָך די טעג פֿון שניט...
דאָס גראָז איז גראַו. קיין ביימל מער ניט גרינט דאָרט.
און דער קאָבזאַר דערזעט: צום סטעפּ געשמידט,
צופֿוסנס בײַ די שאָף, צופֿוסנס בײַ די רינדער,
געשאָכטן ליגן די, וואָס האָבן זיי געפּיטערט און געהיט.
און ווי אַ ברענענדיקער דאַך זיך וואַלגערט דער באַגין דאָרט,
איז גיט מיט ווײ זיך דער קאָבזאַר איבערן אַש אַ לאָז.
ווער האָט דאָס מילדע פֿעלד פֿאַרוואַנדלט אין אַ צווינטער,
ווּ ס׳שרעקט זיך די הארוגים צודעקן דאָס גראָז?
עס לאָזן כמאַרעס זיך, ווי טשערעדעס, פֿאַריאָגטע אָן,
און ווינטן בריענדיקע קומען אָן אַנטקעגן.
צי גייט איר, ווינטן, ניט פֿון שטילן דאָן?
צי טראָגט איר ניט מיט זיך קיין מאַבלדיקן רעגן?

3. אַש פֿון סעוואַסטאָפּאָל

I

עס וועבט אַ נאַכטיגאַל קיין נעסט זיך ניט בײַם יאַם,
דעם ברעג פֿאַרוויגן ניט קיין טרויעריקע טרעלן,
נאָר אַז קאַרעלין רירט זיך צו צו דעם באַיאַן,
לייגט זיך אַ שטילקײַט אויף דעם צושלאָג פֿון די כוואַליעס.
ער בײַסט מיט קוילן־לענטע אײַן זיך, ווי מיט ציין,
און מיט דער האַנט דער טאַטויִרטער אַ צעלאָז זיך:
— נו, גיב זיך, מאַזל, אַ צעעפֿן און דערצייל,
דערצייל, צווײ־רײַקע, דעם טרויער פֿון מאַטראָסן!.. —
אויף ברעג ווערט שטילער און פֿאַרקלערטער נאָך דער שנײ,
קיין צאַם ז׳איז ערגעץ פֿאַר קאַרעלינען נישטאָ מער.
די פּרימע גיט זיך ווי אַ מעווע אַ פֿאַרגײ,
און מיט די בעס גיט ער אַ ריס פֿאַר דער נשמה.
די שלאַכט איז אויך פֿאַר אים אַזוי ווי דער באַיאַן,
ניטאָ קיין צאַם פֿאַר אים אין ערגעץ ביזן הימל.
געזעגנט האָט זיך שטיל קאַרעלין מיטן יאַם,
און מיט די ברעג זיך שטיל געזעגנט מיט די קרימער.

II

א וועלבער פויגל לאָזט באַם אָפּפֿליִען אין האַרבסט
זײַן ליד אין וואַלד צווישן די אָפּגעפּליקטע ביימער?
געלאָזט קאַרעלין צווישן קוואָרים האָט זײַן האַרץ,
אַהער זיך אומקערן צוריק ווערט ווי אַהיים ער...
עס גיט זײַן קינדהײַט א דערמאָן זיך אַלעמאָל,
ער זעט זי איצט — געיאָגט אונטערן אָל גיין
איבער די רוישנדיקע וועלדער פון אָריאָל,
וואָס פון געפאַנגענשאַפט זיך רײַסן צו דער וואָלגע.
מיטן שינעל האָט ער פאַרדעקט זיך דעם ברשלאַט,
די בעסקאָזירקע ער אין בוזעם האָט באַהאַלטן,
און אַלץ דאָס איבעריקע שנעל האָט ער באַשטאַט,
אַז צו דער צײַט זאָל עס פונכנײַ זיך א צעשטראַל טאָן.
אין מיט א טרער מיט א דערוואָרגענער, אָן ראַש
האָט אופגעהאַנגען דעם באַיאָנ ער אַף א טאָפּאָל,
געטאָן א קוש פון באַטאַריי האָט ער דאָס אַש
און א פאַרזאָרגטער זיך צעשיידט מיט סעוואַסטאָפּאָל.

III

פאַרבראָכן אונטערוועגס האָט אים באַגעגנט דאָס געוויקס,
ווי ס׳גייט דער האַרבסט מיט גאָלד זיך ערשט אַדורך נאָר.
געגלעט קאַרעלין האָט דעם רימען פון זײַן ביקס,
אים האָט געדוכט, ער הערט דעם טרויעריקן „אוכניעם"...
ווי טיף פאַרהיט די טרויער-ליד דו האָסט
מיט קרעכץ אין כוואַליעס, מאַמע וואָלגע!..
דעם טאַם פון טרויער און פון פרײַהײַט אָן א מאָס
האָט ער, א יונג, פאַרזוכט צום ערשטן מאָל דאָ.
צום ברעג פון וואָלגע האָט ער אײַלנדיק געשפּאַנט,
איבער די שאַרבנס פונעם דײַטש זיך פונדאָסנײַ אַן איב טאָן.
דאָרט האָט ער אַף זײַן מוסקולדיקער האַנט
דעם נאָמען אויסגעטאַטויִרט פון זײַן געליבטער.
איז א מעלוויצע טאָן ער ווערט פונסנײַ זייערע קעפּ,
זאָל ער די שטרעקע גיכער שוין אַדורך נאָר.
דעם גאַנצן וועג איבער דעם ברענענדיקן סטעפּ
האָט אים מיט פײַן פאַרפאָלגט דער טרויעריקער „אוכניעם"...

IV

צי שפאנט דאָרטנ ניט אײַנ דאָס גאנצע פאָלק דער דײַטש
אינ בארזשעס, אָנגעלאָדענע מיט רויב אונ גזילע,
אונ פונ אונטער דער העפקער-שמײַסנדיקער בײַטש
צי טראָגט זיכ ניט דער קרעכצ צומ יאמ איבער די היילנ?
צי פירט ער דאָרטנ ניט די כעכטער אינ געפענג,
די קעפ אראָפגעלאָזט, געשענדט אונ איינזאמ,
אונ אפ דער גאנצער ברייט אונ אפ דער גאנצער לענג
צי טראָגט ניט אפנ סטעפ זייער געוויינ זיכ?
צי הוליענ דײַטשנ ניט, פארשיקערט אינ געפעכט,
מיט בלוט פונ טאטעס, קינדער אונ פונ זיידעס,
אונ קוויקנ זיכ ניט סקריפ פונ טליִעס בא די נעכט,
וואָס זיי האָבנ אפ וועגנ פרידלעכע פארזייט דאָ?
צי ברענענ זיי דאָרט ניט אפ שײַטערס לעבעדיקערהייט
מאטראָסנ לײַבלעכע, געפלעטע רויטארמייער?
אנ אומעט איז אינ סטעפ. קארעלינ גייט.
אונ מיט א טרער אינ האלדז דערשטיקט אינ זיכ דעמ וויי ער.

V

דער טײַכ זיכ וויגט אינ ברויז אונ אינ באוועג,
דערוועקט פונ אופרײַסנ אונ גרויזאמיקע שאָסנ.
צי איז די וואָלגע ניט ארויס דאָ כונ איר ברעג?
צי האָט די וואָלגע זיכ פונ צאָרנ ניט צעגאָסנ?
ער זעט פונוויַיטנ דעמ געווימל אונ געדראנג —
געקניפטע פליטנ, שיפלעכ אונ פאראָמענ.
עס שטעלט דאָס פײַער דעמ מזוטראָס ניט אָפ אינ גאנג,
אינ וועג קיינ שטערונג איז קיינ אנדערער ניטאָ מער,
אונ די פארפלייצונג כוואליעט זיכ, דאָס פײַער שטײַגט,
בא יעדער בארזשע שוויבלט אונ סע גריבלט,
אונ מענגעס — פול מיט ביקסנ אונ געצײַג.
צי בויט מענ זי, די שטאָט, צי אקערט מענ זי איבער?
אפ יענער זײַט באלייגטנ, שפרודלדיקנ טײַכ,
וו׳ ס׳רײַסנ זיכ געשלעגנ בלוטיקע אונ העלע,
אהינ זאָל מענ אימ איבערוואַרפנ גלײַכ,
באמ שטאב אָנ ווערטער זיכ דערשלאָגנ האָט קארעלינ.

VI

די וואָלגע דורכגעגאַנגען איז ער אויף אַ פּאַראָם
באַנאַנד מיט דאַמפּ-שיפּלעך און פֿאַרמאַסקירטע באַרזשעס.
און ניט באַמערקט האָט ער, אין וועלכער זײַט זי׳דער שטראָם —
געשטראָמט האָט ער — דעם צווייטן ברעג געוואַרט שוין...
אָן אָנווײַזונג צום קאַפּיטאַן סאַדאָווסקי — אין בושלאַט,
פֿאַרצערנדיקער רויך און פֿלאַם — אין די שוואַרצאַפּלען.
דער אָנזאָט אויפֿן טײַך האָט אויסגעזען ווי שלאַק,
געהויבן כוואַליעס האָבן זיך, ווי שטאַפּלען,
די שיפּלעך אויפֿגעוויגט, מיט קרעכץ דעם אומרו זיי פֿאַרטרויט,
פֿאַרשוווּנקט די בײַכעדיקע באַרזשעס און די פּליטן,
און מיט אַ טויבן הירזש פֿון פֿליִענדיקן טויט
געטראָגן איבער זיי זיך האָבן מעסערשמיטן.
נאָר ניט געפּרוּווט קאַרעלין אָנבייגן זיך האָט
און ניט געהערט פֿון שוואַרצע פֿייגל די מעהומע.
אונטער די פֿײַערדיקע פֿאָרהאַנגען געזוכט האָט ער די שטאָט
און איז צו איר, ווי צו זײַן גורל, שטוינענדיק געשוווּמען...

VII

געפֿאַלן איז די נאַכט. נאָר ניט דערלאָזט
דער פֿלאַם פֿאַר איר אין ערגעץ האָט קיין רו ניט.
באַרוישט, געזען פֿון ווײַט האָט דער מאַכראָס
צום הימל שטײַגן פֿײַערדיקע דיונען,
וואָס עגבערן דעם רוים אין בלענדיקן צעשאָט
און טראָגן זיך אַרום פֿון פֿלאַך צו פֿלאַך דאָרט,
און דאָס איז זי געווען, די ברענענדיקע שטאָט,
די אויסגעכאָוועטע אין אומגעהערטע שלאַכטן —
אָבער פֿון בלײַ דער מאַבלדיקער גאָס,
וואָס האָט געפֿלעט די שטאָט צופֿוסנס און צוקאָפּנס,
האָט אויף קיין רעגע ניט געקאָנט פֿאַרהאַלטן דעם מאַטראָס.
געגאַנגען איז ער דעם טרויער-וועג פֿון סעוואַסטאָפּאָל,
ניט אָפּגעווישט דעם שטויב, ניט אויסגעטאָן ס׳געווער,
די ווונדן — אײַנגעוויגט, דעם ברויז — פֿאַרטײַעט,
אַדורך די וואָלגע, ווי אַ פֿלאַמיקן באַריער,
און איז אַרײַן אין סטאַלינגראַד ווי אין אַ יאַם פֿון פֿײַער.

ער האָט ניט אָפּגעשטעלט אין ערגעץ זיך אין וועג,
זיך אפֿ קיין אויגנבליק אין ערגעץ ניט פֿארהאַלטן.
דער הימל — דורכגעלעכערט פֿון געשלעג,
די ערד די אַשיקע — צעהריזעט און צעשפּאַלטן.
געשלאָגן האָט זיך הויז מיט הויז,
געשלאָגן האָט א גאס זיך מיט א צווייטער,
און ווי א יאַם אין שטורעם האָט דער פֿלאַם געברויזט
אין גאַר דער לענג, אין גאַר דער ברייט דאָרט.
געריסן האָט דאָס פֿײַער כמארעס פֿון דער הייך,
און פֿלאַם געשפּארט האָט פֿון די טיפֿן,
און וועגס האָבן געשלײַדערט זיך אין רויך,
ווי ברענענדיקע מאסטביימער פֿון שיפֿן —
און דער מאטראָס געגאַנגען איז גראַד,
די אויגן — בליצנדיק, מיט בלוט פֿאַרטראָפֿנט:
א גרוס צו דיר פֿון יאַמען, סטאַלינגראַד!
פֿארנייגט פֿאַר דיר ז'דאָס אַש פֿון סעוואַסטאָפּאָל!

4. די בראָכע

I

אוועק אין קריג מ'איז פֿון פּאָלטאַווע זאַלבעדריט:
וואַסילי דראָזד, זײַן ברודער און קאַרעלין.
געהאַלטן זיך איינגעם, טריט בא טריט,
אפֿן וואָקזאַל צו צוויי קוואָרט ביר געלאָזט באַשטעלן.
נאָר ס'האָט קאַרעלין זײַנע פֿרײַנט פֿון אָנהייב אָן פֿאַרלאָזט,
זײַן גוידל ערגעץ האָט באַם יאַם געוואַרט אים.
ער איז געווען א הויכער, א ברייטביינִיקער מאטראָס
מיט אויגן גרינבלעכע און האַלב-פֿאַרמאַכטע.
צוויי גלײַכע שורעס פֿעסטע ציין,
ווי ווײַסע קלאַווישן פֿאָלירטע,
האָבן מיט בלענדיקן און העלן כיין
באַלויכטן שטענדיק דאָס געזיכט אים.
געבוירן ערגעץ אין אָריאָל,
זיך אויסגעכאָוועט בא א וואָלגער האַפֿן,
איז ער דאָס לאַנד אַדורכגעגאַנגען וויפֿל מאָל,
נאָר ס'האָט א כאַווערטע פֿאַרפֿירט אים קיין פּאָלטאַווע...

II

האָט ער אליינ זיכ אָפּגעבעטנ צו דעמ יאמ,
מיט פרײַנט מיט הארציקע מיט אלע זיכ געזעגנט,
אפּ אקטל אָנגעטאָנ דעמ הארציקנ באַיאנ,
אונ ס'איז זײַנ וועלט ארויס צו אימ אנטקעגנ...
באגעגענענ ער וועט עפּשער אינ וועג אנ עשעלאָנ,
וואָס ס'פירט מיט א ניט-צוטריטלעכנ שטאָלצ זײַנ פאָטער,
וועט ער אראָפּנעמענ די הוט, אימ געבנ א זאָג אָנ,
אז אומגעקערט מע האָט צוריק אינ פלאָט אימ!
זײַנ פאָטער איז א גווארדיע-מאשיניסט געוועג,
דרײַ פערטל פונ זײַנ לעבנ האָט אינ וועג פארבראכט ער.
געזעגנ האָט ער דעמ פאָטער זעלטנ-ווענ,
נאָר קאָוועד אויכגעהיט צו אימ אונ אכטונג,
ווי אויסגעהיט האָט קאָוועד אימ דער גאנצער וועג,
וואָס איבער אימ האָט ער געפירט זײַנע מארשרוטנ.
ארויסבאקומענ שטילקײַט פונעמ גרעסטנ ראש ער פלעגט
אונ זיכ מיט איר באטרינקענ, ווי מיט ווײַנ מיט גוטנ.

III

אינ די בעגאָדימ, אויסגעגלאנציקטע פונ אייל,
האָט זיכ זײַנ שטאָלצ אונ מאַיעסטעטישקײַט געלאָזט דערקאָנענ.
די סיווע וואָנצעס האָבנ שארפ זיכ אויסגעטיילט
אפּ זײַנ, גלײַכ ווי מיט טוש, באהויכטנ פּאָנעמ.
זײַנע באפעלנ קלינגענ איבער יעדער שרײַפל אָפּ,
א יעטווידער באפעל — אפּ וואָגשאָלנ פונ צײַט איז אָפּגעוויגנ.
אונ אז ער גיט א שטעק ארויס דורכ פענצטערל דעמ קאָפּ,
ציענ די רוימענ זיכ, ווי זײַנ פארמעגנ, צו צו זײַנע אויגנ.
ער גיט צוערשט א קוק אפּ דעמ צעבויטעטנ ארומ,
נאכהער צומ עק פונ צוג דעמ קאָפּ א קער'ווע גיט ער,
אונ מיט צופרידנקײַט ער קערט זיכ אינ דער שטילקײַט אומ
פונעמ באַאָבאכטנ די אומגעציילטע זײַנע גיטער.
נאָר מיט באזונדער ליבע לייגט זײַנ בליק זיכ שטאָלצ
אפּ דעמ הארמאָניענ געפלעכט פונ זײַנ מאשינ, אפּ טייל אפּ יעדנ,
אונ קוויקט זיכ מיט די עלנבויגנס מעכטיקע פונ שטאָל,
וואָס ברענגענ אינ באוועג די הויכע שווינדלדיקע רעדער.

IV

ער האָט זי ליב געהאט, זייַנ קלוגע אונ גרויסאַרטיקע מאַשינ,
געשטיגנ זייַנ פאַרערונג איז צו איר איינינעם מיט זייַנ עלטער;
עס האָט ניט אייַנגעלייגט זיך אינ זייַנ קלאָרנ זינ,
אַז עפּעס מער גרויסאַרטיקס איז ביכלאַל נאָך אינ דער וועלט דאָ.
ער האָט איר שטאַלטנעקייַט ביז טרערנ ליב געהאַט,
איר הערשאַפט צו באַוווּנדערנ איז ער ניט מיד געוואָרנ.
אַז לאָקערנ מע קאָנ נאָך איר אַפ אומבערעגנגענ זי גלאַט —
זיך אויך ניט אייַנגעלייגט אינ זינ האָט אינ זייַנ קלאָרנ,
אונ אויך ניט אייַנגעלייגט עס האָט זיך אינ זייַנ זינ,
ניט אינ די קנייטשנ פונ זייַנ שטערנ אינ די טיפע,
אַז מאַלפּעס פונ דער שטאָט דער פינצטערער בערלינ
דרעסירנ זיך אַפ פליִענדיקע יעגער נאָך לאָקאָמאָטיוונ.
געוואָרנ איז עס אומגעריכט אים קלאָר,
ווענ ער אינ וואָלקנס האָט דערהערט אַ קריץ-געוואָי פאַרטייַעט,
ווענ ער צום פראָנט געפירט אַ צוג האָט אינ קאַיאָר
אונטער אַ שלאַקס-האָגל דורכויסיקנ פונ בלייַ אונ פייַער.

V

געיאָגט האָט זיך נאָך אים אַ יונקערס אינ דער הייך.
אַלץ נידעריקער זיך אַראָפּגעלאָזט האָט שוינ געהאַט ער.
אים צוגעצויגנ האָט די לאַנגע לענטע רויך,
וואָס פונ לאָקאָמאָטיוו האָט גריוועדיק געפלאַטערט.
נאָר ס׳האָט דער אַלטער מאַשיניסט געפירט דעם צוג,
געהערט דעם וואָי פונ שפּאַרבער איבער זיך שוינ.
אַ יעדער ווייַל דורכ פענצטערל — דעם קאָפּ, דערלאַנגט אַ קוק,
דערזענ, ווי ס׳לויפנ זיך פאַנאַנדער פערד מיט אַ געהירזשע.
אָט פליט ער איבער אים שוינ, דאַכט זיך, אַקוראַט,
אָט צילעט ער זיך פראַנק-אונ-פרייַ שוינ צו צום קעסל.
איז מיט אַ וואָלקנ דאַמפּ האָט ער אַ זעצ געטאָנ אים גראַד,
נאָר ס׳האָט דער שפּאַרבער, זיך פאַרכלינענדיק, אים אופגעפרעסנ.
אַ שלעפּ געטאָנ דעם עשעלאָנ אַפ צו׳ריק
אונ ווידער — אַפ פאָרויס, אינ איינס-אַפ-איינס מיטנ פאַרדאַרבער,
אונ דורכנ פענצטערל — ביז בלוט דעם אָנגעשטרענגטנ בליק
ניט אָפּגעווענדט פונ דעם צערייצטנ, דעם באַפאַלנדיקנ שפּאַרבער.

VI

דער יונקערס האָט אינ פיבער זיכ געוואָרפנ אונ אינ היצ,
די לופט מיט קריציקע זיגזאגנ רײַסנדיק געשווינדער.
אָט גיט אימ דער געלאָקערטער לאָקאָמאָטיוו א בליצ,
אונ אָט אינ פאסמעס דאמפ צעפליגלטע פארשווינדט ער.
געדאכט האָט זיכ, די שטראָמענ דאמפ פונ דעמ לאָקאָמאָטיוו
זײַנענ די סיווע האָר פונ קאָפ באמ מאשיניסט באמ אלטנ.
ס'האָט ביז דער ריפ דער זיבעטער א שווייס פונ אימ געטריפט,
אונ ביז צו מעשוגאס אינ בלינדקײַט דעמ פיראט געהאלטנ.
אונ דאָכ האָט זיכ א קוילנוואָרפער-דריי
אינ זײַנ לאָקאָמאָטיוו ארײַנגעריסנ.
די רעדער האָבנ זיכ געטאָנ דעמ לעצטנ דריי,
דער שפארבער האָט זײַנ זיג געגעבנ גלײַכ צו וויסנ.
אינ הארצ באמ מאשיניסט האָט אָפגעהילכט דער בראָכ,
פונקט ווי דאָס לעבנ זײַנס, האָט אויסגעדוכט דער עשעלאָנ אימ.
ער איז ארויפגעגאנ, ניט אויסגערעדט קיינ וואָרט,
בלויז שווארצער איז ווי אלעמאָל געווענ זײַנ פּאָנעמ.

VII

ס'האָבנ זיכ קראָענ ניט ארויפגעלאָזט אהער
מיט א געקרא; ווי פּאָנאָמארעדיקע יאָרשימ.
געלאָקערט האָט דער שפארבער רעגולער
אינ איינער, אינ דער זעלביקער קאיאָר-שאָ.
ער האָט ארויפגעלאָזט זיכ נידעריק אהינ,
אונ ס'האָט אפ צ'ריקוועגס ווּיסטעניש באגלייט אימ,
ביז אפנ זעלבנ אָרט איז איינמאָל א באגינ
געשטאנענ דער פארווונדעטער לאָקאָמאָטיוו צו שלאכט א גרייטער.
אוועק א טאָג, אוועק א נאכט אונ צוויי...
מיט ווייטעק מיט פארבאָרגענעמ באוואקסנ,
האָט אימ געבראכט דער מאשיניסט א בינטל היי,
אונ ס'האָט א ביקס געשפארט פונ זײַנע אקסל.
אינ קעסל אומגעבלאָנקט האָט פינצטערניש אונ ווײ,
אונ ניט געפלאטערט האָט קיינ רויכ שוינ איבער אימ מער.
איז אופגעפלאקערט האָט דאָס ביסל היי,
אונ ס'האָט דער שפארבער זיכ א פיק געטאָנ פונ הימל.

VIII

ער האָט פּיקירט. ער האָט געשײַנט פֿון גליק.
אים האָט באַגלייט בערלין און גאַנץ גערמאַניע.
געווען ער האָט זיך שוין אַ פֿליִענדן צוריק,
ס'האָבן טריִומפֿן זיך געגעבן אַ דערמאַן אים.
און אונטן איז געלעגן בײַ דעם וועג
דער מאַשיניסט אין הינערפֿלעט פֿאַרזונקען,
קיין אָטעם און קיין ריר און קיין באַוועג,
פּונקט ווי באַדאַרפֿט ער אויף דעם יונקערס וואָלט אַ שפּרונג טאָן,
גלײַך מיט זײַן האַרץ די ביקס באַלאָדן וואָלט געווען —
עס האָט אַ שאָס געטאָן. פֿאַרבײַ. עס האָט געמיטן.
און נאָך דעם דריטן שאָס האָט דער פֿאַרדאַרבער שוין געברענט
און מיט אַ וואָרעק רויך — אין דר'ערד זיך אײַנגעשניטן.
באַגעג'נען וועט קאַרעלין עפּשער איצט אַן עשעלאָן,
וואָס ס'פֿירט מיט שטאָלץ זײַן פֿאָטער צו די פֿראָנטן,
וועט ער אַראָפּנעמען די הוט, געזעגענען צו אים נאָ'נט
און אים אַ זאָג טאָן: „בענטש מיך, כ'זאָל דיך ווערט זײַן, פֿאָטער!"

5. סטאַלינגראַד

I

צו אײנס אויף אײנס איז גרייט געווען די שטאָט.
צו ווידערשטאַנד האָט זי, אַ שטאָלצע, זיך פֿאַרטײַעט,
ווען אופֿניין זי דערזען אָוואַדיס האָט
צום הימל אין דער הייך, איבערן קאָפּ אין פֿײַער.
געהויבן האָט זיך, וואַרפֿנדיק, אַ פֿלאַקערדיקער קאַם,
געשלאָגן האָט דאָס ליכט דעם בליק אויף גאַנצע מײַלן.
דערדריקט האָט מיטאַמאָל אים סטאַלינגראַדער פּאַנאָראַם,
און אָפּהענטיק געבליבן שטיין איז ער אַ ווײַלע.
ווּ איז דאָ דער זאַוואָד? דער סטאַלינגראַדער ריז?
ווּ איז דאָ סטאַלינגראַד? זײַן אויסמעסטונג ווּ איז דאָ?
צי ווירקלעך אינעם הימל אײַנגעקלעמט ער איז
מיט זײַנע ברענענדיקע דעכער, דונערדיק־באַגריסטע?
פֿונעם זאַוואָד צום ראַנד — אַ גלײַכער וועג,
איוואַן ראַקיטאַ שיצט דאָרט און באַהיט אים.
אַלס אינזשעניער געקומען איז אָוואַדיס אויפֿן רעכטן ברעג,
און אַלס סאָלדאַט וועט ער זיך פֿאָרשטעלן איוואַן ראַקיטאַן.

II

אין פלאם־טיכער פארהילט געשטאנענע זייַנען הייַזער,
באנאנד געשלאָסענע, א ריי נעבן א ריי.
אָוואדיס האָט געקוקט אפ די פראָזשעקטאָרס, ווי אפ ווייַזערס,
וואָס האָבן טויב-שטומע אין הימל זיך געדרייט,
און אפ די שטערן די פארטויבטע פון געדונער
געצייכנט טיפ, אקשאָנעסדיק און גראד,
ווי די באגריפן און פארשטאנד זייַנען אנטרונען;
דאָרט צו זייַן פרווו האָט זיך געמאָלדן סטאלינגראד!
ניט אפ צו איפוועקן די עטאָל-גיסער און שמעלצער
האָבן סירענעס זיך צעיאָמערט אומדערווארט;
איבער דער שטאָט מיט ראש אדורכגעטראָגן שנעל זיך
האָט דער געהענעם — ארפגעריגעוועט די טראכט:
צוויי טריזנט לופט-שיפן געגאנגענע זייַנען גרויזאם
מיט שווארצן פייַער, מיט פוגאסן און טערמיט
די שטאָט ארויסרייַסן ענדגילטיק און דורכויסיק
און זי צעטרעטן מיט פארניכטנדיקע טריט.

III

ס׳האָבן די דראָטן זיך געגעבן א צעשויבער,
א שטומער קרעכצ איז בלאָנדושענדיק אדורך.
צוערשט דאָס פייַער האָט א לעק געטאָן די שויבן,
פונקט ווי מיט בלוטנדיקע צונגען זיי פארזוכט
און זיי באגיטיקט צו פארדארבונג — גרויזאם,
און ווי אין הינערפלעט פארגאנגען זיך אין רויך.
עס האָט א הויז געטאָן א וואקל צו א הויז זיך,
אין שטויב געטאָן זיך פלאקערדיק א טויך.
א גאנצע גאס שוין קאָרטשעט זיך אין ווייטעק,
פון פלאם א מאבל שפארט מיט צעפּאָלאָך,
אָט גיט א וואלגער מיט געדונער זיך א צווייטע,
אפ איר — א דריטע, א צעפלאקערטע, און נאָך!
צוויי טויזנט לופט-שיפן זיך רונד האָבן צעשאָטן,
מיט שטאָל און בלייַ דערלאנגט האָבן א בראָך.
און אופגעהויבן ביזן הימל האָט די שטאָט דאָרט
איר שייַן, געזאמלטע פאר פינף און צוואנציק יאָר.

IV

איר פײַער טראָגט ווי א געבאָט זיך איבער ווײַטן,
ווי א באַפעל איר יעדער פײַל גיט דאָרט א פאל!
א פעסטונג זײַן זאָל יעטווידע געבײַדע!
א שלאכטפעלד זײַן זאָל יעטווידער קווארטאל!
עס רופט מיט פאָרשטאָט איבער זיך א פאָרשטאָט,
און שטיינער רײַסן זיך פון אונטער טיל-און-טעל:
א פעסטונג זײַן זאָל יעדער בראָכשטיק,
א יעדער שטיין זאָל זײַן א ציטאדעל!
פאַראָרד'נונגען: דעם גאנג פון צײַט פארלויפן!
אדורכגיין, ווו א דורכלויכט איז פאראן!
א שלאכט זאָל זײַן פאר ערד א יעדער הויפן!
און א געשלעג זאָל זײַן פאר ערד א יעדער שפאן!
מיט ברויז געגורט זײַנען די ברענענדיקע גאָרנס,
צו דר'ערד די ווענט גיבן א פאל מיט וווּט.
און שווארץ די שטאָט פון דײַטשישע פעגאָרים,
און שווארץ דער סטעפ פון זייער הינטיש בלוט!

V

איבער דער שטאָט געהילכט האָט דער געברום,
צעוויכערט אופרײַסן זיך האָבן דאָרט אינדרײַען,
און א באזויפענער מיט סרייפעס אפ ארום,
האָט זיך דער פײַנט געשפיגלט אינעם פײַער.
איבער פארבראָכענע געבײַדעס מיט פארשווערך,
איבער פארוויסטע פלעצער מיט געהוילן
געדרייט זיך נידעריק די שפּארבערדס האָבן פרעך,
ווי שיקער וואָלטן זיי געטאנצט אפ א בעסוילעם.
נאָר מיטאמאָל פון אונטער בראָך און אש
האָט זיך די שטאָט פונסנײַ א הייב געטאָן דאָרט,
פונקט ווי אפ ארבעט זיך געלאָזט זי וואָלט אָן ראש
דורך גאסן אָפּגעמעקטע, טויטע, ניט-דערקאָנטע...
אין הארץ געטראָגן יעדער אייניציקער האָט בראנד,
אין בליק — די וואָלגע האָט א יעטווידער געהאט דאָרט.
און יעדער בראָכשטיק — א ניט-צוטריטלעכער ראנד!
און יעדער אויסגעהיטע וואנט — א באריקאדע!

VI

מיט וואָלגער-גרילצ, מיט קריצ פונ ציינ,
צווישנ צעווּיגטע פייַערדיקע וואָלקנס,
געפרעגט האָט יעדער סטאַלינגראַדער שטיינ,
געפרעגט האָט יעדער כוואַליע פונ דער וואָלגע:
— פאַרוואָס אינ אָט דעמ גרויסנ אונ אנטשיידענעמ געשלעג,
ווו אונדזער בלוט מיר גיבנ אָפּ דער וועלט, זייַנענ מיר איינע?
ס'האָט יעדער ברענענדיקער בוימ געטאָנ א פרעג,
מיט וואָי האָט יעדער ווינט דעמ פלאַמ געגעבנ א צעוויי נאָכ:
— פאַרוואָס איז איצט. דער הימל רייִנ איבער בערלינ,
פאַרוואָס הערט מענ קיינ באָמבעס דאָרטנ זיכ ניט רייַסנ,
ווענ סטאַלינגראַדער הימל איז פונ רויכ שוינ בלינד
אונ ס'שרייַענ שוינ מיט לעצטע בראָכשטיקער די הייַזער:
— ער וועט זיכ אויפכראַצנ אמאָל, דער צווייטער פראָנט?
אַפּ וויפל בלוט פונ רויטאַרמייער האָפנ נאָכ זיי?
צי וואַרטנ זיי ניט, אז דער סאָפּ זאָל צוקויקלענ זיכ נאָ'נט,
דעמ סערפּ אונ האַמער אייַנבויגנ, אימ צווינגענ זייַנ געהאָרכזאַמ?

VII

צי וועגט דאָרט ניט די וואָגשאָל וואַשינגטאָנ?
צי ציילט ניט די מינוטנ דאָרטנ לאָנדאָנ,
ווענ מיטנ לעצטנ קרעכצ א וואָלגער וועט זיכ טאָנ
דער גייַסט, וואָס לאָזט זיכ ניט פאַרפירנ אונ פאַרפּלאָנטענ?
צי קאַלקולירנ זיי ניט „בארעמהאַרציק-מילד"
די טייַוולדיקע פרייַז פונ הילף, גלייַכ ווי געשאָנקענ:
צוויי כאָרעווע קאָלווירטנ פאַר א באַנקע מילכ
אונ בלוט א ליטער פאַר א שאַכטעלע טושאָנקע!
צי קוקנ זיי מיט כעזשבנ ניט אַרויס געמיינ,
אז ביידע צדאָדימ זאָלנ זיכ אינ בלוט דערטרענקענ,
קעדיי צו פאָרזעצנ דערנאָכ זיי זאָלנ שוינ אליינ,
וואָס אָנגעהויבנ האָבנ זיי מיט הענט פונ דייַטשע הענקער?
נאָר וואָלגער ברעגנ זייַנענ האַרטער פונ גראַניט,
בא רויטאַרמייער — גרויזאַמער פונ שטורעמס זייַנענ הערצער.
האָבנ פונ אָרט זיכ ניט קיינ ריר געטאָנ די טריט.
האָט מענ מיט פלאַקערדיקנ האַס אונ ווידערשטאַנד גענערט זיכ.

אונ דורכגעפלאכטנ זיכ געווער האט מיט געווער,
אונ איינגעשרויפט א טייל זיכ מיט א טייל האט
אינ לופט, אונטער דער ערד אונ אפ דער ערד.
עס איז דער ווידערשטאנד געווענ באשווירנ, היילִיק!
אינ יארוסנ אינ פלאמיקע געוועלבט
ביז צו די רויכיקע די סאזשעדיקע וואלקנס
געלעגנ — א ניט-צוטריטלעכע שוועל —
איז א פארטיפטע, א צעכוואליעטע די וואלגע.
פונקט ווי ס׳האט וויסטקייט זיכ צוערשט געשטאלטנ ניט געלאט,
האט זיכ געשטאלט פארוואנדלענ ניט געלאזט אינ וויסטקייט,
אונ אינ דעם בראכ פונ בליי, פונ אייזנ אונ פונ גלאז
באדארפט אוואדיס שנעל האט א באשליס טאנ:
ס׳ווייזט אויס, — האט ער אנטשיידנדיק געטאנ א קלער,
ניט ראנגלענדיק שוינ מער זיכ מיט דער דייע, —
דא דארפ א רויטארמייער זיינ אנ אינזשעניער,
אונ ס׳דארפ אנ אינזשעניער דא זיינ א רויטארמייער!

6. די שטאט לעבט!

I

קארעלינענ האט פעראליאט באקומענ ליב פארנ באיאנ
אונ אכטונג אנגעלעבט צו אימ פאר סעוואסטאפאל.
געהאלטנ זיכ לעמ אימ. צוזאמענ. זאלבענאנד.
ס׳האט זיינ פארערונג זיכ צו אימ אליינ געטאפלט.
ווי נאר ער גיט די קלאווישנ אפנ באיאנ א ריר,
ווערט גלייכ פארטויבט פונ די הארמאטנ דער געדונער;
אינ דארפ גיט אימ קארעלינ פארנ הארצנ א פארפיר,
צומ סאמע פריזבעלע אונ צו דעמ בענקענדיקנ ברונעמ...
— קארעלינ! — גיט ער אימ א ווונק אפנ באיאנ, —
נעמ לאז ארויס פונ אימ א פאר כפירטאווונע טראכנ,
די וואלגע וועט ניט הינטערשטעליק זיינ ·דעמ שווארצנ יאמ,
אונ סטאלינגראד וועט ניט פארשעמענ זיכ פאר סעוואסטאפאל! —
קארעלינ הערט אימ אויס מיט ווייטער זארג, פארקלערט,
אונ מיטנ קאפ גיט ער צו אימ א שמייכלדיקנ שאקל,
אונ אונטערנ געדונער פונ הארמאטנ זיכ דערהערט:
„ראסקינולאס מאריע שיראקא!..״

II

— ס'איז גוט, — זאָגט פּערעליאָט, — באַגלייט פונעם באיאנ,
א בריוו צונויפשטעלנ אהיימ דער אלטער מאמענ.
אינגאנצנ עפּעס אנדערש גייט די האנט
אפנ פּאפּיר, נו, פּונקט אזוי ווי איבער סאמעט,
אונ ווערטער גיבנ זיכ אזעלכע גאָלדענע א גאָס,
וואָס נאָר מײַנ שוועסטער מארפע קאָנ באנעמענ,
אונ ס'איז עפּעס אזוי ווי אורלויב אינ פּאָגאָסט, —
אונ ס'לאָזנ זיכ אראָפּ בא אימ די ברעמענ...
— מע ווייסט! — האקט מיט א שמייכל אימ קארעלינ אָפּ, —
צו ווענענ ס'פּוצנ זיכ די סאמעטענע ווערטער. —
אונ ס'לאָזט בא פּערעליאָטנ זיכ אראָפּ דער קאָפּ,
ער הערט קארעלינענ א ווײַטער, א פארקלערטער.
אונ מיטאמאָל גיט זיכ דער הימל אינ דער ערד א פּלעט,
דער ראנד פארשווינדט, דער רוימ אונ דער זיקאָרנ,
נאָר פונ באיאנ דער אָפּקלאנג ציטערט נאָכ אונ גלעט
ווי א פּאָגאָסטער ווינט א לײַכטער איבער קאָרנ...

III

צו איינס-אפּ-איינס איז גרייט געווענ די שטאָט,
צומ ווידערשטאנד האָט זי א שטאָלצע זיכ פּארטײַעט.
ארומ איר אָנגעזאפּט א יעדער שפּאנ זיכ האָט
מיט בראנד, מיט בלײַ, מיט שטאָל אונ פײַער,
נאָר יעדער דורכגאנג שוינ ניט מער דאָרט ווי א הייל איז,
אונ יעדער הויז איז שוינ ניט מער ווי א צעבויט.
געווינ האָבנ געטראכט די לופטיקע נעוויילעס,
אז מער קיינ שטאָט איז שוינ נישטאָ, אז זי איז טויט.
מיט קרעכצ א גאָרנ פונ א גאָרנ שוינ צעלייט זיכ,
אונ מיט געהילכ רײַסט אָפּ א וואנט זיכ פונ א וואנט.
שוינ דרײַ מעסלעסנ נאָכאנאנד, ווי א פארפלייצונג,
געגאנ א מאבל איז פונ פײַער אונ פונ בראנד,
אונ אפנ פערטנ אופגעוואכט די שטאָט האָט ווידער
פונ אונטער בראָכ, פונ אונטער אש, פונ אונטער קלעפּ.
אונ א פארוווּנדעטער געשפּאנט האָט פּערעליאָט דורכ דעמ געוויטער:
— פּאראנ, קארעלינ, סטאלינגראד! ער לעבט!

IV

ער לאָזט זיך ניט דעם האלדז פארשלייפן און פארצוקן,
זיך אָנטאָן לאָזט ער ניט דעם שווארצן אָל.
ער זעט, קארעלין, צו דער וואָלגע צוגיין
פון לינקן ברעג דאָס גאנצע רוסלאנד — בארג און טאָל... —
די ווונד האָט פערעליאָט זיך באנדאזשירט, ווי אלע. —
זי לעבט די שטאָט, קארעלין, זי געדענקט נאָך יענע טעג,
ווען זי באערט מ׳האָט מיט דעם נאָמען סטאלין
פאר ניט-געבויגנקייט און הארטקייט אין געשלעג.
איצט פוילן קאסקעס מיט די קעפ אף יעדן בראָכשטיק,
ווי גרינע פרעש מאצייוועדיק בארוט;
ס׳וועט פונקט אזא מין וואָלגע דורך בא סטאלינגראדער פאָרשטעט
מיט אומווירדיק, מיט ברודיק דייטשיש בלוט! —
ער האָט זיך באנדאזשירט. דעם ווײ געצאמט.
און ס׳האָבן פון דער ווונד געטריפט זיך העלע טראָפן: —
די וואָלגע וועט ניט הינטערשטעליק זײַן דעם שווארצן יאם,
און סטאלינגראד וועט ניט פארשעמען זיך פאר סעוואסטאָפּאָל!

V

ניט איין מאָל שוין איז א שפאציר זיי דאָ געפעלן,
און שוין ניט איין מאָל דאָ אוועקגעלייגט די קעפּ,
איז גיב א נעם איצט דעם באיאן, קארעלין,
און זאָל דערהערן עס דער גאנצער סטעפּ:
ס׳וועט קיינמאָל ניט, גיב נאָר א בינד מיר נאָכאמאָל דאָ,
קיין פרעמדלענדער ניט דורכגיין קיינמאָל וועט אהער.
דאָ איז די רוסישע, די מוטערלעכע וואָלגע,
אף אירע כוואליעס זיך געשליפן דאָס געווער
האָט סטענקא ראזין. זײַנע שיפלעך די געמאָלטע
שווימען ארויס, — האָט ער א זונג געגעבן מיטאמאָל, —
זאָלן די דייטשן זען, ווי בא דער וואָלגע
לאָזט מיט א טאנץ זיך אין געשלעג דער קאָמסאָמאָל!
דו ביסט, קארעלין, ניט געווען אין קאָמסאָמאָל דען?
איז גיב א נעם, קארעלין, דעם באיאן,
דאָ איז די רוסישע, די מוטערלעכע וואָלגע,
און פארגעדענקען וועט דער דייטש עס שוין אף לאנג!

7. אפֿ א דײַטשישן טאַנק

I

א יעדער בראָכשטיק האָט קארעלינען דערמאַנט
די שטאָט באַם יאַם, די אופגעפרעסענע פון פלאַמען.
דאָ זײַנען נאָר קיין טאָפּאָלס ניט פאַראַן,
עס וואַכן ניט קיין בערג, און ס׳זעט זיך ניט דער יאַם אָן.
דעם גראָבן אויסגעמאָסטן מיט געציילטע שפּאַן
און ווײַטער — שלאָג כאָטש קאָפּ אָן וואַנט זיך.
דאָ זײַנען מער ניטאָ ווי אכט און צוואַנציק מאַן,
מיט אים איז איצטער נײַן און צוואַנציק...
ניט אָפּגעגאַן איז פון דער הייך דער ראַש,
אראָפּגעלאָזט מיט אופרײַס האָט א האַמער זיך נאָך האַמער.
דערפילט קארעלין האָט זיך ענג אין דעם בלינדאַזש,
פאַרפּעלט האָט אים דער רופנדיקער רוים פון יאַמען.
איז ניט אראָפּגענומען האָט ער דעם בושלאַט,
און ניט פאַרביטן אפֿ קיין הוט די בעסקאָזירקע.
ער האָט זיך אופגעשטעלט, ווי אפֿ דער פּאַלוב אַקוראַט,
געקוקט אין ווײַט, די פּיס צעוואָרפן, ווי א צירקל...

II

איבער דער אויסגעבראָטענער, פאַרקוילטער ערד
געקראָכן איז א טאַנק פון ערגעץ פונדערווײַטן.
ס׳האָט דער פאַרכאַלעשטער אַרום צום גאַנג זיך צוגעהערט,
ס׳איז אַלץ אין פעלד געוואָרן שטיל, און א פאַרשײַטער,
דעם טעמפּן פּיסק פאַריסן אַלע ווײַל,
די אויסגעברענטע שטופּלען טאַפּנדיק מיט רויפן,
געקראָכן איז ער לאַנגזאַם, ניט געאײַלט,
מיט זיכערקײַט דעם רוים דעם סטעפּישן פאַרטויבנד.
דער הערשער דאָ איז ער! ער איז דאָ באַלעבאָס!
אים וואַרפן אונטער ביימער זיך און גריבער.
און שטיקער ערד אַרויסרײַסנד מיט בלוט און מיט צעטראָטן גראָז,
איז ער מיט צ׳ריק-טריט, סאָפּענדיק, א ריוו אַריבער.
דער גרילץ פון רויפן איז ווי קייט אין קייט,
פון צײַט צו צײַט דעם טעמפּן פּיסק גיט נאָך א דריי ער.
צעטרעטן א סאָוועטישן טראַנשיי ער גייט,
פאַרשיטן אים אינאיינעם מיט די רויטאַרמייער.

III

קארעלינ האָט דער ערשטער דאָרט באמערקט,
אז ס׳קריכט דער טאנק אונ נע׳נטערט שוינ צומ ראנד זיכ.
— איז וואָס וועט מענ אצינדערט ווארטנ מער? —
האָבנ די אויגנ די צעפליעטע א וואָרפ געטאָנ זיכ גלאנציק.
— מירנ אימ דורכלאָזנ דורכ דער טראנשײ, —
האָט דראָזד דעמ קאָפ עטוואָס פארבויגנ,
אונ לעווינ האָט מיט אנגסט געגעבנ זיכ א דרײ,
די וועלט די גאנצע אינ דעמ אויגנבליק געוויגנ...
אונ פערעליאָט געשטאנענ איז בארוישט,
געקוקט, ווי גרעסער די געפאר עס ווערט פונ ווײַל צו ווײַלע.
ס׳האָט אינ די אויגנ אלצ זיכ אימ פארטוישט,
אונ פונ זײַנ בליק געפלויגנ זײַנענ פײַלנ,
געביטנ יעדער ווײַלע אומרויִק די פיס,
ווי ס׳וואָלט אימ באָדנ אָנגעהויבנ פעלנ.
— קארעלינ! — האָט ער פלוצעמ זיכ געטאָנ א ריס, —
נעמ דעמ באיאנ אונ גיב א שפיל, קארעלינ! —

IV

א זאָג געטאָנ האָט ער דאָס מיט אזא מינ קאָל,
מיט אזא אײַנבילדונג געטאָנ אימ א פארכוואליע,
אז ס׳האָט קארעלינ אימ, ניט איבערפרעגנדיק, געפאָלגט,
אונ ס׳האָט א רעד געגעבנ דער באיאנ אפ קלאווישנ אפ אלע...
געגע׳נטערט האָט זיכ גרילצנדיק אונ שווער דער טאנק,
געציילטע שפאנ צומ ראנד האָט שוינ געהאט ער.
איבערנ ברוסטווער מיטאמאָל א שפרונג געגעבנ שלאנק
האָט פערעליאָט דאָרט מיט דער ביקס אונ מיט א בונט גראנאטנ,
זיכ אינ אנ אויגנבליק ארופגעדראפעט אפנ טאנק,
אינ גאָרגל פונ הארמאט די שפיז ארײַנגעשטאָכנ גרונטיק,
אונ, קער׳ווענדיק אימ אינ א זײַט, אינמיטנ גאנג
האָט ער דערהערט קארעלינס קאָל: „פאָלונדרא!״
דער סטעפ איז ווי א רינג. אונ פערעליאָט האָט אָנ א הוט,
אליינ, בארוישט, זיכ מיטנ טאנק געראנגלט,
אונ ניט געקאָנט אליינ באגרײַפנ, וואָס ער טוט,
געהערט האָט ער דעמ רויפנ-גרילצ, פונקט ווי א כריפ פונ שלאנגענ.

V

דער איינס-אפ-איינס געדויערט האָט ניט לאנג,
פונקט ווי א בליץ. א דונער האָט דערוואַרט זיך.
גערעוועט גרילצנדיק און שטומפּיק האָט דער טאנק
מיט א פארקרימטן פּיסק, מיט א פארייכערט-שווארצן.
דעם איינס-אפ-איינס האָבן די ווײַטן צוגעקוקט,
און פון טראנשײַ האָבן געצויגן אָטעמס זיך צעגליטע.
א ריס געטאָן האָט פערעליאָט דעם ליוק
און — א גראנאטע! נאָך איינע! א דריטע!
און איינס נאָך איינס. מיט כעזשבן און פארטײַטש.
פארהילט אין רויך, געשפּענסטיק ווי א וואָלקן,
האָט ער געזידלט זיך: — נו, זשליאָקע, דײַטש!
אויב ס'האָט זיך דיר פארגלוסט א טרונק טאָן פון דער וואָלגע! —
קארעלין האָט קיין ווערטער ניט געהאט,
געזען ער בא דעם טורעם פונעם טאנק האָט פערעליאָטן
און זיך געטראכט: „אָט איז ער, אָט, דער קאָמסאָמאָלעץ, דער סאָלדאט,
אָט איז זי, אָט, די רוסישע פּעכאָטע!“.

VI

געפלאקערט האָט דער טאנק. געפּלאצט האָט נאָט נאָך נאָט.
א יעדער אופרײַס האָט מיט ליכטיקס זיך געמאָלדן.
עס איז צו זיך שוין ניט געקומען פערעליאָט,
ער האָט זיך בלויז א וואָרפ געגעבן אלעמאָל דאָרט...
פון טאנק דעם פאנצער האָט דער פלאם געשיילט,
און אים דאָס שווארצע אינגעווייד צעשפּליטערט מיט א האָגל,
נאָר פערעליאָטן — אונטער פײַער — אין טראנשײַ
האָט מען א טויט-פארוווּנדעטן ארײַנגעטראָגן.
פארנאכט האָט אָנגעטאָן אליין קארעלין דעם באיאן,
די בעסקאָזירקע, אלץ, וואָס ס'איז געקומען אפן קאָפּ אים:
— נו, קאָמסאָמאָל, האָסטו הײַנט א קאמארינסקע דערלאנגט,
וואָס שעמען קאָן זיך שוין מיט איר ניט סעוואסטאָפּאָל! —
געפאלן שווער און לאנגזאם איז די נאכט,
דער פײַנט געדונערט האָט מיט פלאם און קאנאָנאדע.
פון סעוואסטאָפּאָל האָט קארעלין בלוטנדיק געטראכט,
וועגן ער געווענדט האָט זיך צו ווענט צו סטאלינגראדער.

צווישנ די קאָרפּוסנ מיט שלאַק געבערגלטנ באַוואַכט
אַפ אַנטראַציטנער ערד, פונ אופרײַסנ צעהריזעט,
געוואַרט אינ אומגעדולד, אינ צודעק פונ דער נאַכט,
יעדיִעס פונ סאַדאָווסקינ האָט דער שטאַב פונ דער דיוויזיע.
ניט אָפּגעשטעלט זיכ האָבנ צעכנ פונ זאַוואָד.
מיט אויטאָמאַט זיכ אַפ קײנ רעגע ניט צעשײדנד,
מעסלעסנ קײַלעכיקע שטרענג געאַרבעט האָט
א יעדער אַרבעטער, ווי אינ א שוצ-גראָבנ, אַנטשײדנ,
אונ מיטנ לײַב געגרונטפעסטיקט דעמ צאַמ,
זיכ מיט די שטערנ אינ דערגרײכלעכקײַט געמאָסטנ.
אונ אינ דער טיפ, בא קאַנעצדיקנ צאַנק,
האָט אַפ א גרופּע אויסשפּירער אַרויסגעקוקט סאַדאָווסקי:
דעמ דריטנ טאָג, אונטער א פײַערדיקנ גאָס.
א צונג באַמ סוינעס אויסצורײַסנ גאַרנד,
פאַרטײַעט לויערט אומ אינ אויסשפּיר דראָזד
מיט פינפ גראַנאַטעס, מיט דער ביקס אונ מיט גוראַריענ.

8. מאָרזע

I

האַלב-פוּיזענדיק זיכ אָפּגעטײלט גוראַריע האָט
מיט דראָזדנ פונ דער גרופּע אויסשפּירער, אינצווײענ,
ווענ אומגעריכט זיכ אָנגעשטויסנ אַפ א דראָט
האָט ער, אינ פינצטערניש פונ נאַכט זיכ דרײענד.
פאַרקריצט בא זיכ אינ קאָפּ האָט ער געהאַט
פונ סוינעס כאַיל פאַרמאַסקירטע ערטער.
האָט ער זיכ אָפּגעשטעלט. ס׳געווער באַשטאַט.
אימ האָט דאָס דראָט זיכ אויסגעדוכט פאַרדעכטיק.
געצויגנ האָט עס, לויט זײַנ כעזשבנ, זיכ צוריק.
ס׳איז שווער געווענ דערווײַל נאָכ עפּעס וואָס פאָרויסזענ.
ער האָט א וואָרפ געטאָנ אַהינ דעמ בליק,
צו דראָזדנ זיכ געווענדט: — נאָכ אימ מיר פויזענ! —
אינ א וואָראָנקע, צוגעדעקט מיט גראָז,
געלעגנ איז א דײַטש אונ קאָרעקטירט דאָס פײַער.
— מיר וועלנ אימ אַרומרינגלענ פונ בײדע זײַטנ, דראָזד,
א קאָרעקטיר טאָנ די נעשאָמע דאָרט פונסנײַ אימ!

II

גענע׳נטערט האָבן זיי זיך פּאָרזיכטיק, באַדאַכט,
פוןביידע זײַטן — איינס דעם אנדערן אנטקעגן.
פארטויבט האָט שיסערײַ און אײַנגעהילט די נאכט.
דער דײַטש איז אין א קליינעם שוץ־גריבל געלעגן,
אראײַנגעטאָן דעם קאָפּ אין אים, ווי אין א הייל,
און, האווקענדיק, געהאלטן צאָלן דאָרט אין ציילן.
„נו, צייל! — געטראכט האָט זיך גורארי, — צייל!
דו וועסט זיך באלד דערציילן צו א ציילעם!"
און ווען ס׳האָט דראָזד א שפרונג געטאָן אף אים
און אים אראײַנגעזעצט די שפּיז אין האלדז־און־נאקן,
האָט פונעם מאָרזע זיך דערהערט א זשום, דערנאָך א שטים,
און ס׳האָט דער דײַטש געטאָן זיך נאָך א וואקל.
— נו, דראָזד, אצינדערט שטיי און הער זיך צו, —
האָט מיט די אויגן אים א זאָג געטאָן גורארי, —
אצינד וועל איך זיי דינען פאר א צונג,
ס׳וועט באלד זיי אויך א ביסל ווערן קאלט און ווארעם!

III

„פּאול, סופער!.. פּאול, גראד!.." —
געלאָזט האָבן דורך דראָט פּאראָרד׳נונגען זיך הערן.
ווי אף אן אונטערהאלט א רײַכן אקוראט,
געגרייט האָט זיך הארכאָוועדיק די דײַטשע ארטילעריע.
צו פּינקטלעכקײַט געסטראָיעט יעטווידן הארמאט,
צו אײַנגעוויגטע ווײַטן גיט זיך שוין א מעסט ער.
און אלץ איז ווי אף נאָטן — צוגעשניטן, גלאט,
דאָס שטעקעלע א הייב טאָן דארף נאָר דער מאעסטראָ.
געגאָן די דיריזשור איז ערגעץ אונטער דר׳ערד
פארזיגלט און פארטויבט, ווי אונטער א סורדינקע,
ווי „דויטשלאנד איבער אלעס" האָט מען זי געהערט.
און פּלוצעם פאר די אויגן — פײַערדיקע רינגען!
א טאנץ איבערן קאָפּ די פלאך געטאָן האָט — היפּ!
און ס׳האָבן זיך גענומען פלאָנטען די דיסטאנצן.
„פּאול! — האָט דאָס דראָט א ריס געטאָן מיט כריפּ, —
מע הערט דיך עפּעס שלעכט! מע הערט דיך ניט אינגאנצן!.."

IV

— ער שלאָפט! — האָט דראָזד זיך שטיל א בייג געטאָן
און מיט די פיס געפרוווט נאָך טאָן א וועק אים.
די אויער־רערלעך פון זײַן קאָפּ, ווי א פּאָמפּאָן,
אראָפּגעשלעפּט גוראריע האָט מיט עקל,
און זיך געשטעלט צום אפּאראט ער האָט
און אין די אויער־רערלעך אײַליק אײַנגעשפּאנט זיך.
„פּאול! — האָט א כריפּ געטאָן דאָס דראָט, —
מע הערט דיך שלעכט. מע הערט דיך ניט אינגאנצן...״
גוראריע האָט אַפּ זיך די קאָרעקטור
גענומען פאר דער דײַטשער שווערער ארטילעריע,
און יעדער ווײַלע אײַנגעשלונגען: „פּאול, דו?״
און דעם אָביעקט א יעדער ווײַל פארפּינקטלעכט קלערער,
ביז אָנגעשטעלט ער האָט דאָס פײַער אַפּ די קעפּ
פון כאיל, וואָס בא אים אין קאָפּ געווען פארקריצט איז.
עס האָבן איינס נאָך איינס א דונער געטאָן קלעפּ,
און ער האָט זיי דעם וועג געצייכנט, ווי מיט בליצן.

V

יעדער סנאריאד האָט זיך געריסן פון זײַן הארץ,
און יעדער ריס געגאנגען פון זײַן מויל איז:
אָט איז זײַן סכאר! אָט איז דאָס גליק זײַנס דאָס געגארטס!
זאָל עס געדויערן! מיט קרעכצן און מיט קוילעס!
צוויי הונדערט אופרײַסן שוין אויסגעציילט האָט ער:
— דערלאנגען נאָך! ס׳גייט אקוראט! אין כאיל!
זיי לייגן פּונקט זיך אַפּ די שארבנס ווי ס׳געהער. —
און א געכאָרכל דרייט די דראָטן: „פּאול! פּאול!״
— ניט פּאול, ניין!.. גוראריע... הערט!
גייט קלויבט צונויף אײַערע הינטישע פּגאָרים!
מיר וועלן אָט אזוי אײַך לייגן אין דער ערד
א יעדער נאכט — א גאָרן אַפּ א גאָרן! —
ער האָט אין ווײַט ארײַן געגעבן נאָך א קוק
און זיך פארנייגט מיט טרײַבעלע געפּעליק: —
אַפּ ווידערזען! אַפּ הײַנט וועט זײַן גענוג,
א דאנק פאר אויספּילן א יידישע באשטעלונג!

VI

זיכ אופגעהויבנ האָט גוראריע פונעמ אָרט,
ארומגעקוקט זיכ, ווו מע איז דאָ אינ דער וועלט אַ ווײַלע,
געוואָרפנ דראָזדנ אפנ ווונק א וואָרט,
אונ פאָרזיכטיק מ׳האָט זיכ גענומענ אײַלנ.
זיי האָבנ ווײַטער זיכ אינ וועג ארײַנ געלאָזט,
צו דר׳ערד זיכ צוגעפרעסט מיט עלנבויגנס — ביידע.
אונ אלעמאָל האָט זיכ א דריי געגעבנ דראָזד:
— ווי קונציק האָסט, גוראריע, זיי פארדרייט דאָרט!
— ניט איכ! — האָט אימ גוראריע אײַנגעשטילט, — דאָס דראָט!
א נאכט א גליקלעכע... אזא ווי א מאטאָנע! —
אונ אָפגעשטעלט זיכ מיטאמאָל ער האָט
אונ שטילערהייט א זאָג געטאָנ אימ: —
אצינדערט דארפ מענ ערשט א „צונג״,
די נאכט איז הײַנט א מאמע א געטרײַע... —
אונ אינ דער הייכ האָט א ראקעטע זיכ געטאָנ א צינד,
ווי קערנער פונ א זאיג צעשפריצט דאָס פײַער.

9. פרישטיק אינ א דײַטשישנ שטאב

I

פונעמ טאנאכ האָט בא גוראריענ זיכ פארקריצט: אמאָל,
ווענ גידוינ האָט געקליבנ כאיל קעגנ מידיענ,
האָט ער ארָאפגעפירט די קריגער אינ א טאָל,
ווו ס׳האָט געפלייצט א וואסער אינדערמיטנ,
צו זענ באמ לינדערנ דעמ דאָרשט זיי גלײַכ,
ווי דאָס זיי אויסקומענ ווועט אונטערוועגס נאכהער נאָכ:
בלויז די, וואָס מיט די מײַלער ווועלנ צופאלנ צומ טײַכ,
ניט זוכנדיק קיינ קיילימ אונ קיינ שערבלעכ,
אונ וועלנ טרינקענ פונ דער פליסנדיקער פלאכ
אזוי ווי פונ צעשטעלטע קאָרטעס אונ קריגנ —
די וועלנ ווערט זײַנ גיינ אינ שלאכט,
די וועלנ זײַנ אימשטאנד דעמ סוינע צו באזיגנ.
אונ ער געדענקט: פונ צוויי אונ דרײַסיק טויזנט מאנ
האָט גידוינ אָפגעקליבנ בלויז דרײַ הונדערט.
אונ ס׳איז געווענ גענוג אפ אײַנעמענ א לאנד,
אונ ס׳איז געווענ גענוג אפ צו באווײַזנ ווונדער.

II

און פונקט ווי ער געטרונקען וואָלט פון יענעם טײַך אליין,
געפילט פון יענעם וואסער ער דעם טאם האָט.
ער האָט עס פארגעדענקט אינײנעם מיט דער היים,
אינײנעם מיטן הימל פון בלאקיטנעם סאמעט,
אינײנעם מיט א לאנגן זומערדיקן טאָג,
וואָס קומט אויך איצט אהין מיסטאמע,
נאָר ס'איז קיין היים שוין מער נישטאָ:
געהארגעט ליגט זי זיבן ווערסט פון א פּאָלסטאנעק...
ער אין סאדאָווסקין האָט געזען איצט גידוינען אליין,
ווי אויסגעפרוּווט מיט לאסט האָט ער א יעדן איינעם,
קיין שטערונג זאָל אין ערגעץ זיי ניט לאָזן שטיין
און אָפּהאלטן אין שווערן וועג עס זאָל ניט קיינעם...
יאָ, יאָ, ער האָט געטרונקען פונעם טײַך בא גידוינען געהיים,
דאָס מויל אין אומגליק אײַנגעזויגן זיך אפ יאָרן;
אצינד וועט ער צום הארצן צוליינגן זײַן אָפּגעמעקטע היים,
זי מיטנעמען אין וועג און טראָגן אין זיקאָרן...

III

אין אויסשפּיר איז געגאנגען גוראריע ניט געײַלט,
זיך אפּגעוונק אדורכגעשמועסט מיט כאווײרים מיט געטרײַע.
עס האָט א שאָרך פון ערגעץ אָנגעיאָגט אים יעדער ווײַל,
נאָר ס'האָט דער שאָרך אליין פאר אים געטאָן זיך א פארטײַע.
פון זינט ער האָט פארזוכט דעם טאם פון גרוב
אינײנעם מיט א גאנצער שטאָט בא דײַטשן אין געפאנגשאפט,
האָט שוין צו אים קיין צוטריט ניט געהאט די רו,
אים האָט די שרעק אין ערגעץ ניט דערלאנגט שוין.
געפילט אונטער די טריט ער אומעטום האָט אש
פון היים זײַנער — אפ גאָר דער וועלט צעשאָטן.
ער שטאָפּט מיט אזא טימכע אָן זײַן פאטראָנטאש,
ווי יעדער קויל איז פון א טויטן דײַטש דער שאָטן.
אָט צוליב דעם עפנט זיך אוף פאר אים דער אינדערפרי,
די אויגן צוליב דעם זיך עפענען פאנאנדער.
אזוי איז אויך געווען אין שפאניע אפ דעם קריג —
אין יענע איילבערטיקע טעג זיך מיטאמאָל דערמאנט ער.

IV

אדורכגעשוועגקען מיט א זידלווארט האט ער דעם האלדז,
זיך אפגעלאזט נאך האלבער נאכט מיט טריט מיט ווייכע.
באם דייטשן מארזע האט ער אויסגעמאלקן אלץ
און אלץ בא זיך אין קאפ פארצייכנט.
א האן האט פון א כארעוו דערפעלע א קריי געטאן,
ווי פונעם שלאף וואלט ס׳דערפעלע געפרווט עפעס דערמאנען,
געווען איז מאדנע-אומדערווארט אין דעם פארטאג
דער האנען-קריי צווישן דעם ווייטן אפהילך פון קאנאנען...
עס האט דער קריי זיך נאכאמאל דערהערט, ווידעראנאנד,
און ס׳האט בייזווינדער אף ארום זיך אפדאסניי געגאסן.
גוראריע האט זיך פלוצעם אין א שפאניש דערפעלע דערמאנט,
אין א פארטאגעדיקער שלאכט ניט וויים פון סאראגאסע,—
ס׳האט אויך א האן דארט אזוי איינגעלייגט די וועלט,
נאר כורוועס זיינען דארט געוועזן ניט אזוינע...
געהויקערט האט אף וויים אין טרויער זיך דאס פעלד,
און ערגעץ אין דער נא׳נט געלאקערט האט דער סוינע.

V

שוין וויפל צייט — דעם אונטערוועגס מע טאפט,
באנאכט פארהילט, באטאג דורך אומבאמערקטע וועגן.
אין וועלדעלע געשטאנען איז פארשטעלט א שטאב,
געמאכט מ׳האט דעם שפאציר פאר-זיינעטוועגן.
שוין באלד. אט זעט ער זיך שוין אן, דער וואלד,
נאר ס׳איז א טייכל אויסגעוואקסן פלוצעם פאר די אויגן.
עס האט געטאגט. א יעדער טראפן שיין, וואס פאלט,
קאן ווי א שטריק זיי ווערן אפן האלדז פארצויגן.
פון לינקס — א ביסל טרוקענער טשערעט,
פון רעכטס — אף פיסלעך הינערשע א בריקל.
דארט שטייט א וואך. זיך אומקערן איז שפעט.
האט אין פאלאטקע זיך געטאן גוראריע א פארוויקל,
אף דייטשיש א קאמאנדע אויסגעגארגלט הארט,
און דורכן בריקעלע מושטרירט זיך לאזנד, ווי אין פייער,
האט ער פון וויים באגריסט זיך איידל מיט דער וואך
און דורכגעפירט די גרופע, טופענדיק פארביי איר.

VI

פארשלונגען האָט די ערד דאָס שור׳ווען פון די טריט,
דער ראש פון דורכגאנג האָט אליין זיך דאָרט דערטרונקען.
אריינגעגאנגען זײַנען זיי אין וואלד געהיט
און אופגענומען די קאָמאנדע אפן ווונק נאָר.
עס האָט געדוכט: אליין צערוקט זיך דאָס געוויקס,
אז אלץ זאָל אומגעשטערט און שטיל און גלאט גיין.
ארויסגעשפיצט האָט פון דער נאכט זיך שוין א ביקס,
שוין אָנגעזען האָט זיך די פלאך פון א פאלאטקע.
קיין בוים אין וואלד האָט ניט געטאָן זיך קיין באוועג,
ס׳האָט אף קיין צווײַג זיך ניט געהערט קיין שאָרך פון בלעטער,
ווען, שוועבנדיק, זיי האָבן „גלײַך פון וועג"
צווישן שארבנס דײַטשישע דער וואך צעפלעט דאָרט.
קיין פיפס האָט ניט געטאָן קיין פייגעלע אין וואלד,
דער ווינט אין וואלד פארהאלטן האָט דעם אָטעם,
ווען ס׳האָבן דאָרט אין שטומען קאָרטש דערלאנגט א פאל
צווישן דײַטשע גוילעמס אף די אייגענע צעלייגטע שאָטנס.

VII

און ס׳האָט אין שטאב געעפנט זיך די טיר.
ראזירט נאָרוואָס און מיט פארפום באפרישטע,
געזעסן זײַנען דאָרטן אָפיצערן פיר,
און אלגעוועלטיק זיגעריש געפרישטיקט.
קאקאאָ האָט געברוינט אין גלעזער פיר,
אן אָקאָרעק, און קעז, און ווורשטן גאנצע פרענטן.
געטאָן גוראריע די גראנאטע האָט א פיר,
און אופגעהויבן האָבן אלע גלײַך די הענט דאָרט.
זיי האָבן אויסגעזען באזאָרגט, די הערשער פון דער וועלט,
די הענט ארופ און ניט דערקײַט דעם ביסן.
און באלד האָבן זיך דרײַ אוועקגעלייגט באם שוועל
און, כאָרכלענדיק, גענומען שוין פון יענער וועלט געניסן.
דער פערטער האָט געפרווּוט מיט א געהויל
אף הילף ארײַנשרײַען די טויטע היטער,
איז האָט אים דראָזד אן אָנעטשע ארײַנגעשטופּט אין מויל:
— נו, קײַע, היטלער! און א גוטן אפעטיט דיר!

VIII

נאכהער האָט זיך גוראריע צוגעזעצט צום טיש
און דעם קאַקאַאָ מיט א לעפּעלע צעמישט דאָרט:
„ווי גוט אין וואלד באַגינען איז און פרישׂ!"
איז א קאָמאנדע האָט דערלאנגט ער: — רויטארמייער, פרישטיקט! —
ער האָט געפּאַקעוועט אין טאַשן דאָקומענט נאָך דאָקומענט,
דעם מינדסטן ראַש דערטראָגן האָט א יעדער בוים אים;
און ער האָט צו זײַן אויסגעקוילעט שטעטל זיך געווענדט
איבערן שטאָב, איבערן וואלד, איבער די רוימען:
— שטיי, טאַטע, אויף פון קיִווער! קום אהער
און מיט די טויטע אויגן זע, ווי אָפּגעטאָן די זאַך איז!
וועסט לעבן טויזנט מאָל נאכהער,
ס'איז אזוי פּראָסט, ס'איז אזוי גוט, ס'איז אזא נאכעס!
שטייט אויף, דערהארגעטע, פון גרוב,
שטיי אויף, מײַן גאַנצע שטאָט מײַן וויסטע,
און גיב א קוק, מיט קיִווערדיקער רו,
ווי די טאַליאָנים דײַנע וואַלגערן אין מיסט זיך!

IX

שטיי, מאַמע מײַנע, אינעם שאַבעסדיקן שײַטל אויף,
ווי צו מײַן כּופּע קום אהער, ביז טאָג די קראָ א קרא וועט,
און טרינק זיך אָן מיט דער געבענטשטער לופט,
וואָס איז מיט הינטיש בלוט מיט דײַטשישן פּאַרפּראַוועט! —
און אָפּגעקלונגען ס'האָט אין רויש פון וואלד,
אין די פרימאָרגן-פייגלדיקע צוויטשערײַען.
די ווינטלעך האָבן עס אָפּ טרויבן גאָלדענע צעשאַלט,
און אויסגעמורמלט האָבן טײַכלעך עס געטרײַע.
א טויטע פּײַערלעכקײַט האָט אין שטאָב געטריפט,
דער טיש געגרייט מיט אלע זיבן טאַמען.
נאָר ניט געקומען קיינער איז פון קיִווערדיקן ריוו
און ניט די שטאָט און ניט זײַן טויטע שאַבעסדיקע מאַמע.
אָפּ צ'ריקוועגס איז געווען א געיעג,
א שיסערײַ. געגאַנגען אנטקעגן איז דאָס לעבן.
און ווי אַן אָנגעשטאָפּטן זאַק מיט פּאַדלע און מיט שרעק
געבראַכט האָבן די אויסשפּירער אַן אָפיצער צו שלעפּן.

10. דער פינפטער זון

I

פארזיגלט-שטרענג און אָפּגעצערט
אונטער דורכויסיק־פלאמיקער פארפלייצונג,
האָט פון די ארבעטער קיין איינער ניט פארלאָזט זיין צעך,
און קיינער אפּ קיין ריגע מיט דער ביקס האָט ניט צעשיידט זיך.
פון נעכט פון של׳אָפלאָזע דערשעפּט און מאט,
אין ווענט באלאגערטע, פארטונקלטע, ווי היילן,
געווען זיינען זיי דאָך דאָס הארץ פון סטאלינגראד,
מיט בלוט פולסירט אין אלע זיינע טיילן,
אין יעדן בראָכשטיק, שטיין און בלאט,
צו יעדער וואַנד — מיט איפּהאלט זיך געצויגן.
איבער די אקסל לויערדיק דער אווטאָמאט,
און אין די הענט — ס׳געצייג, און שטאנדהאפט — אין די אויגן.
פארוואנדלט דער ווארשטאט געווען איז אין א דאָט,
אין יעדן דאָט האָבן דעטאלן זיך געפורעמט.
און גרייט זיינען געווען די בויער פון דער שכאָט
צום אָפּפער און צו שטורעם.

II

געשמידט צו דר׳ערד, אין א באנאכטיקן שפּאציר,
דורך שטיינער אופגעגראָבענע, צעוואלגערט און צעשפּליטערט,
פארנומען האָבן זיי פון פאָרשטאָט א באצירק,
ארויסגעפירט צום ראנד האָט זיי איוואן ראקיטא.
פון אונטער גרוי־געדיכטע ברעמען איז זיין בליק
געגאנגען א מילדער איבער רוים און איבער צייט שוין.
ער האָט נאָך פינף און צוואנציק יאָר צוריק
זיך אונטער סלוצק און פינסק געשלאָגן מיט די דייטשן.
דערציילן האָט ער ליב, ווען עמעץ גיט א פרעג,
ווען ס׳נעמט זיך ארום אים צונויפ אן איידע,
ווי ער האָט דאמאָלט אויך בא אָט דעם וועג
די צוקינפטיקע סטאלין־שטאָט פארטיידיקט.
דערנאָך האָט אין די קאָרפּוסן זיין לעבן דורכגעראשט,
אליין די גרונט־שטיינער געלייגט און זיי באגרינט דאָרט, —
אצינדערט שלאָגט ער זיך פאר זייער אש,
ווי פאר דעם לייבלעכן געביין פון זיינע קינדער.

III

פיר זײַנע זין האָבן אין פעלד באַדינט א באַטאַרײ,
פיר נומערן באַרימטע פון אוראַלער שטאַמען,
צוזאַמען זיך געהאַלטן בא דער אַרבעט אין דער הײם,
און אַפן קריג זיך אָפּגערעדט: אין שלאַכט צוזאַמען
ווי אַפן טראַקטאָרנעם — די נאָרמעס האַלטן הויך,
צוזאַמען עפענען אַפּ שאַרבנס דײַטשישע א קאָנטע,
און דורך פאַרטויבנדיקן ראַש, און פלאַם, און רויך
געקלונגען זײער שעם האָט ווײַט איבער די פראָנטן.
פיר זײַנע זין באַווײַבטע האָט ער אָנגעטאָן געווער
און אַפּ דעם קריג מיט זײ אַוועק, ווי אַפּ א דויערדיקער וואַכטע.
דעם יִינגסטן זון, דעם פינפטן, דאַן האָט ער
א קוש געטאָן אין קאָפּ און אים געהײסן וואַרטן.
— מירן דיך האָבן אַפן אויג, אויב זײַן עס וועט א נויט, —
האָט ער בא דער געזעגעניש אַרומגענומען הײס אים, —
דערווײַל וועסטו דער מאַמען אויסהעלפן מיט ברויט
און אונדז מיט דעם, וואָס די מעלוכע וועט דיר הײסן!

IV

אים צוגעשיקט א בילד האָבן די זין. געדרוקט אין בלאַט.
אַראָפּגענומען האָט מען אין דער גאַנצער מאָס זײ,
געשטאַנען אײנער איז לעם צווײטן אַקוראַט,
די קעפּ פאַריסן, פרײלעכע, קורנאָסע,
ווי זײ וואָלטן אים שטיפעריש געטײַט
און אָט אַזוי געריסן זיך מיט אים צעקושן:
באַקלאָגן קאָן זיך ניט אַפּ דײַנע זין דער דײַטש,
קײן טראָפּן — ניט אַפּ זײ און אויך ניט אַפּ קאַטיושען! —
און קוקנדיק אַפּ דעם מיט האַלב-פאַרמאַכטן בליק,
אַרומגעטאַפּט, ווי א טשערטיאָזש, פון יעדן עק עס,
האָט שטאָלץ און שעמעוודיק ראַקיטאַ זיך צעבליט,
נאָר מיטן קאָפּ א מאַך געגעבן: „שנעקעס!"
א ווײַל האָט ער דאָס בילד געהאַלטן אָן באַוועג,
אין האַרץ איז אופגעגאַן פון פרײד א זאַווערוכע.
אָט גיט ער, דאַכט זיך, עמעצן פון זײ עפּעס א פרעג,
אָט גיט ער, דאַכט זיך, עמעצן פון זײ א שטורכע!

V

זיך אָפּגעשפּאָרט א ציג זיי האָבן אַפּ דער באַטאַריי,
א ציג — א מאמע א געטרײַע און א כאַוועג.
געמאָלקן זי האָט יעדער „גומער“ לויט דער ריי
און אפּן האַלדז איר אָנגעטאָן א רויטן פּאַוועג,
ניט צושטײַן זאָל צו איר קיין קויל,
פון שפּליטערס זאָל ער זי באַשיצן.
און דאָרט, ווּ ס'גראָז געווען איז אויסגעבערענט און הויל,
האָט זי אַליין זיך אויסגעלערנט בײַטן די פּאָזיציע.
געגלעט האָבן די ברידער צאַרט זי פאַרן האַלדז:
— די וואָל וואָלט ניט געשאַדט דיר טאָן א וואַש שוין,
פאַרזוכט האָסט שוין פון וואָרעמס און פון קאַלטס
מיט אונדז אײַנײנעם אַפּ דעם קריג, מאַמאַשע!.. —
„צו אונדזער אָרדענטרעגערישער באַטאַריי
אַליין מיר האָבן דאָ א ציג זיך צוגעגעבן“,
געשריבן איז א בריוו דער מוטער האָבן זיי,
„איז ווי א מאַלינע אַוועק א גאַנג דאָס לעבן...“

VI

זיי האָבן אָפּגעהיט געטרײַ דאָס שטיקל ערד —
א קליין מעלוכעלע, פאַרגראָבן אין א באַלקע.
פּונקט ווי פאַרליבטע אומגעגאַנג אַרום זייער געווער
און עס געצערטלט און געפּלעגט אַזוי ווי א באָס־מאַלקע.
מיט קאָרנבלימעלעך זי אויסגעצירט,
גירליאַנדן איר פון יאָדלע אויסגעפלאָכטן.
א שטערנבאַנד פון לאָרבער-בלעטער אָנגעטאָן מ'האָט איר
און זיך אַליין פאַרקוקט — פאַרגאַפּט און פאַרכטיק.
פון קוקן בלויז אַפּ איר איז לעבעדיק און ראָז
ווי פון געשמעלץ דער רוים אַרום געוואָרן.
פאַרוואַלירט מ'האָט זי מיט צווײַגלעך און מיט גראָז,
ס'זאָל איר דער פײַנט ניט געבן קיין אײַנהאָרע,
און זי געפּילנעוועט מיט פײַנסטן שטאָל,
און אונטערלענט זי מיט די בריענדיקסטע בלײַען.
געהערט אַפּ מײַלן ווײַט האָט זיך איר מעכטיק קאָל,
און מיט פאַרניכטונג איז אַפּ מײַלן ווײַט געגאַנגען איר פײַער.

VII

— קאטיושא, מיט א גוטנ אפעטיט!
קאטיושא, ס׳זאָל דיר וויל באקומענ! —
אונ ערגעצ האָבנ בערג פאר איר געקניט,
אונ ערגעצ האָט געפלאצט דער הימל פאר איר ברומענ.
—קאטיושא, א מאטאָנע פונ אוראל!
קאטיושא, א געשאנק פונ מאָסקווע! —
אונ ערגעצ האָט דער פלאמ אליינ מיט א הורא,
ווי א סאמומ איבער די שארבנס די געפאנצערטע צעלאָזט זיכ.
— קאטיושא, נאָכ! זיי לעכצנ נאָכ!
קאטיושא, גאסטפריינטשאפט ז׳א רוסישער, א גוטער מינהעג! —
אונ ערגעצ אינ דער לופט איז אופגעפלויגנ בראָכ,
אונ ערגעצ זיינענ שטאבנ דייטשישע אראָפ פונ זינענ.
— קאטיושא, גוט! — האָבנ א גלעט געטאָנ די הענט. —
קאטיושא, בראוואָ! — זיכ געטוליעט צו איר ווארעמ.
נאכהער האָט מענ א שאל איר אָנגעצויגנ פונ ברעזענט,
פונקט ווי א כופע-דעק פונ א צעהאקטער כמארע.

VIII

וועננ איינעמ פונ די ברידער האָט א שפליטער אומבאמערקט
אראָפגעקלאפט דעמ העלמ אונ דורכגעהאקט דעמ שטערנ,
האָט ער זיכ אויסגעגליטשט, א פאל געטאָנ צו דר׳ערד
אונ באלד זיכ אופגעשטעלט, ווי ניט געווענ ס׳וואָלט שווער אימ,
אונ פאָרגעזעצט דערלאנגענ דעמ הארמאט דאָס בליי,
דעמ קאָפּ — בלויז אינ א זייט, אפ וויפל דאָס מע קאָנ נאָר,
אז ניט דערזענ זאָלנ די נומערנ די דריי,
ווי בא דעמ פערטנ איז פארפלייצט מיט בלוט דאָס פאָנעמ.
ארויסטראָגנ געלאָזט האָט ער זיכ נאָכ דער שלאכט,
די ציג דערזענ, ווי זי איז דורכגעגאנ דעמ וועג אימ;
אונ צווישנ גראָז אונ גריבער, שטרענג אונ צארט,
איז אימ אליינ דער קאָמאנדיר געגאנ אנטקעגנ
אונ אימ א „שטערנ” אויסגעשטרעקט: — ראקיטא, נא!
ווי פילסטו זיכ? — אונ רירנ זיכ פארווערט אימ.
נאָר ס׳האָט ראקיטא זיכ צעשמייכלט: — Ни хрена! —
אונ זיכ א קאָרטש געגעבנ: — Перетерпим! —

IX

דעם פינפטן זון ארויסגערופן האָט ראַקיטאַ יענעם טאָג,
ווען צוגעגאַנגען איז צו סטאַלינגראַד דעם סוינעס כאַיל.
— קיין צײַט קיין סאַך, — געזאָגט האָט ער אים, — איז ניטאָ, —
און האָט מיט אים אַליין די שווערע אָפּגעזאָגט פון טרײַהײַט. —
די עלטערע די ברידער דײַנע פיר
באַרימט האָבן געמאַכט אין גאָר דעם לאַנד זיך...
אַצינדערט אָנגעקומען איז די ריי פאַר דיר.
און — קוויט! ראַקיטאַס הויזגעזינד דאָס גאַנצע! —
אים דורכגעדרונגען מיט די אויגן האָט ער לאַנג
און מיט אַ קאָל אַ הייזעריקס אַ זאָג געגעבן גראַד אים: —
איז אָט, מײַן זון! איך טרוי דיר אָן אַ טאַנק,
און זײַן דו וועסט בא מיר אין דער בריגאַדע!
גיי, מאַך זיך גרייט! געזעגן זיך אין צעך. —
פּאָרויס אַ שטעל געטאָן האָט פעסט דעם טראָט ער,
און ס'איז געווען געענדיקט דאָס געשפּרעך
צווישן דעם פינפטן זון און פאָטער.

11. אַ דעמבענע בלאַט

I

פון סטאַלינגראַדער ווענט דאָס דונערדיקע קנאַקן,
באַטרונקען האָט מיט זיכערקײַט גערמאַניעס בליק,
און פײַערנד פּאָרויס דעם לעצטן זיג,
אונטערגעפירט האָט זי דעם בלוטיקן סאַכאַקל
פון פיר יאָר קריג און צען יאָר מאָרד,
פון טײַכן בלוט, געקרוינטע מיט איר נאָמען,
און שטאָלץ געמאָלדן, אַז צום שלוס-אַקאָרד
שוין קיינע שטערונגען זײַנען ניטאָ מער,
אַז דאָס איז שוין דער לעצטער באַסטיאָן,
אַז נאָך אַ טאָג און, העכסטנס, צוויי, וועט ער צו איר געהערן
און זיך פאַרוואַנדלען אין אַ שטאַפּל צו איר טראָן,
ווו זי איבער דער וועלט איר הערשונג וועט דערקלערן.
געזען האָט זי די ברענענדיקע שטאָט פון איבעראַל
און זיך אין איר—באַהאַנגען מיט טריומפן,
און אין בלאָקנאָט פאַרצייכנט האָט אַ דײַטשער גענעראַל
דעם טאָג, די שאָ פון סטאַלינגראַדער אומפאַל.

II

געיאָגט האָט דאָ צו אימ זיכ א שטאפעט
מיט פײַערלעכנ אופרעג אונ היטספּײַלעס
אונ אינ די הענט אימ אָפּגעגעבנ א ,פּאקעט:
„געהיימ. דעמ שעפ פונ דאָרעמ-פראָנט פאָנ קאָולוס".
ער האָט אימ אופגעמאכט מיט נײַגיר אונ מיט רייצ,
געלייענט דעמ פאפיר האָט ער געמאָסטנ אונ געמיטלעכ,
אַז מיט א בלאט א דעמבענער צומ שווארצנ קרייצ
באערט פאר סטאלינגראדער שלאכט אימ היטלער.
ער איז געווענ באראשט. ער איז געווענ גערירט.
א שווער געטאָנ האָבנ צו אימ זײַנע דערפאָלגנ.
ער וואָלט נאָכ גערנ ראפּאָרטירט דעמ פירער פריִ׳ר
וועגנ דעמ לעצטנ רויטארמייער בא דער וואָלגע!
געלייענט דעמ פאפיר האָט ער נאָכ לאנג,
ער האָט אפ אימ, די שטאבנ בײַטנדיק, פונ לאנג געווארט שוינ.
עפשער איז דאנ געקומענ אימ אפנ געדאנק,
אז ערגעצ נאָענט ווארט אימ שוינ דער קאָוועד פונ פעלדמארשאל...

III

ער האָט איבערגעלייגט בא זיכ אינ קאָפּ
זײַנע טריומפנ, א פארבלענדטער,
ווי אינ א געטלעכנ קאלײדאָסקאָפּ
געשווינדלט האָבנ שטעט פארדאָרבענע אונ לענדער.
ער האָט זיי איינס נאָכ איינס געבראכט,
אליינ דעמ פירער אָפּגעגעבנ אינ דער האנט זיי,
ווי איצטער פאר דער לעצטער סטאלינגראדער שלאכט
לייגט אימ די ערשטע בלאט דער פירער צו זײַנ קראנצ צו...
ער האָט געזענ פאריזש, ווי ס׳ליגט פאר זײַנע פיס,
דעמ כאָרכל ט׳ער געהערט פונ דער דערשטיקטער ווארשע,
פאר אלצ האָט אימ אצינד פונ ווײַט באגריסט
אינ אימ באדאנקט זײַנ לײַטזעליקער האר שוינ.
ער האָט זיכ צוגעמאָסטנ אינ געדאנק די בלאט,
דעמ פירערס בליק האָט ער געזענ איצט אפ זיכ פאלנ,
כאָטש א געהיימענ כעזשבנ האָט ער דאָכ געהאט,
געהערנדיק נאָכ צו די קײַזערלעכע גענעראלנ.

IV

עס האָט זיך אַ פֿאַרצי געטאָן זײַן שווערע ברעם,
און אָפּגעגעבן האָט ער אין רעשוס זיך פֿון דערמאָנונג:
ער האָט דערזען דעם אָפּגעהאַקטן קאָפּ פֿון זײַן קאָלעגע רעם,
וואָס איז אַראָפּ אָן רום פֿאַר זיך און פֿאַר גערמאַניע.
פֿאַרמאָסטן האָט די האַק זיך דאַן אויף זײַנעם אויך,
און פֿאַרזיכט איז באַלאַנגט געווען אין אים אַליין נאָר...
ווי קונציק האָט ער עס זײַן קאָפּ אין נעפּל און אין רויך
אַרויסגעכאַפּט פֿון פֿיורערס קריצנדיקע ציינער!
און אויסגעהיט אים פֿאַר די אַקסל און די פֿיס,
וואָס פֿון זײַן גליק באַטרעטן זיי דעם העכסטן ראַנד דאָ...
געהאַנדלט ריכטיק האָט ער דאַן געוויס:
מיט אַלצדינג האַנדלענדיק, דעם קאָפּ נאָר ניט פֿאַרהאַנדלען!
עס איז געווען אַ דורכגעטראַכטער גאַנג פֿון אַ סטראַטעג:
די צײַט אַרומרינגלען פֿון יעדער זײַט שוין,
אַז ס׳זאָל דער שיקזאַל ברענגען אים אַזעלכע טעג,
קיין סטאַלינגראַד אַ דעמבן-בלאַט דערלאַנגען זאָל אים דײַטשלאַנד.

V

ער האָט אין ערד-שטיבל פֿאַרזאַמלט זײַנע פֿרײַנט
און דעם פּאַקעט פֿון פֿיורער פֿײַערלעך באַוויזן,
דערקלערט האָט ער בײַ פֿײַער פֿון בורגונדער ווײַן
די פֿאָרשטייער פֿון צוויי און צוואַנציק אָפּגעקליבענע דיוויזיעס.
געגלאַנצט זײַן שטים האָט מיט פֿאַרנעם און לוסט,
נאָר הויך ניט אויפֿגעהויבן האָט דעם טאָן ער:
דער דראַנג נאָך אָסטן גייט צו שלוס, —
פֿאַרווירקלעכט ווערט דער טרוים פֿון די טעווטאָנער! —
געקלונגען האָבן זײַנע רייד מיט גײַווע און מיט פֿלעט,
פֿון זיי געגאַנגען אַ גראָדער שטאָלענער געשטעמפּ איז: —
דעם וועג מיט שאַרבנס רוסישע געבעט!
קיין מאָסקווע! דורך די סטאַלינגראַדער סטעפּעס! —
ס׳האָט יעדערער זײַן שווערד געטאָן אַ נעם,
מיט גײַווע צין דער הייך דערלאַנגט אַ ריס זי.
און ניט געוווּסט, אַז עס באַגינט דער רוסלענדישער קלעם
אַרום די צוויי און צוואַנציק דײַטשישע דיוויזיעס,

VI

וואָס האָבן אַפּ דער העלפּט אין פּײַערדיקן פלויט
די שטאָט באַם טײַך א האַלב-דערשטיקטע שוין געהאַט דאָ,
און זיבן טויערן געעפנט פאַרן טויט.
דורך זיבן גרענעצן געשטראָמט האָבן הארמאַטן,
קאָלאָנעס צוגן, מענגעס נאָכאַנאַנד
ביז בלוט אין דר׳ערד אַרײַנגעקריצט זיך.
געקרעכצט האָבן די סטעפּעס פון קובאַן,
מיט רויך געוואָרגן האָבן זיך קאַזאַקישע סטאַניצעס,
געכוואַליעט האָט זיך אַפן סטעפּ א יאַם
פון פאַנצער־וואָגנס, לאַסט-וואָגנס און מאָטאָציקלען.
און דעם טריומף אינעם עפּיר — מיט טאַראַראַם
האָבן די רופאָרן געמײַקעט און געציקלט
און אויסגעקרײַט פון זיג פון זיכערן דעם רום,
פון אָנגריף לעצטן, און ענדגילטיקן, און שטאָלצן.
זעקסמײַלערדיקע מינענוואַרפער רונד אַרום
געריסן האָבן זיך, ווי ניט אין שלאַכט, נאָר אַף א מאָלצײַט.

VII

די הענט א וואַרעמע טאָג אַף ברענענדיקער ערד
אונטער די שוואַרצע ניבעלונגען־שטערן
געגאַנגען זײַנען אויך רומענישע און אונגאַרישע קנעכט
און די געפּאַטשטע גאַלאַגאַנסקע בערסאַליערן,
ווי הינט די בײנער אָפּהריזען מיט פלײַס,
און אויסהריזען אַף זײ מעלוכעדיקע ווענזלען.
ס׳איז שאַפונג ניט געווען אין זייער גײַסט,
פיל מער צום הארצ איז רויב געווען זײ,
האָבן זײ אָנשטאָפּן געלאָזט זיך מיט טערמיט,
זיך אָנקלײדן אין בונטע פּאַפּוגײַעדיקע פאָרמען —
פאַרנעמען אין די קוואָרים שטאָלצ דעם אינדערמיט
און אויסער דעם — קײן האָר מער!
ס׳האָט דײַטשלאַנדס מאָלצײַט ניט געגעבן זײ קײן רו,
פון גיר געלאָזט זײ האָבן זיך פאַרפאָלגן.
זײ זײַנען אויך געגאַן קײן סטאַלינגראַד נאָך „רום“—
די דײַטשע קײטן טויוולען אין דער וואָלגע.

VIII

נאָר פּינקטלעך, צו דער רעגע, גראַד און גלײַך
האָט אופגעהויבן זיך אַ יאַם מיט כאַיִל,
און אַלץ געגעבן האָט אַ בראָך מיט בלײַ,
און אַלץ האָט זיך צעבושעװעט מיט פײַער.
באַלאַגערט איז געװען דער ברעג,
מיט שטאַמען שטאָלענע פֿאַרגראַטעט,
עס האָט אין סטעפּ קײן אָרט שױן ניט געקלעקט
פֿאַר אָנצאָליקע טשערעדעס האַרמאַטן.
זיך אױסגעמישט האָט פּלאַץ מיט פּלאַץ,
און פֿלאַכן איבער פֿלאַכן — אַ צעפּלײ זיך,
די ערד האָט פֿון געקנאַל געפּלאַצט,
די כמאַרעס האָבן זיך פֿון פֿלאַם געריסן,
אַנטבלױזט דעם קאָפּ, די אױגן — װײַט און העל
מיט ליכט אין װײַטן רומפּול זיך צעװאַקסנד,
געאָטעמט סטאַלינגראַד האָט מיטן פֿײַערס פֿלאַמיקן באַפֿעל
און װי אַ פּאַנצער אים געטראָגן אױף די ברענענדיקע אַקסל.

12. סטאַלינס באַפֿעל

I

די ערד אָן אופֿגעריסענע האָט זיך אַנטבלױזט,
אָן איבערצײַטיקער, פֿאַרדעקט האָט זי דער דעמער.
פֿון פֿראָנט דורכױסיקן טאָג-אײַן, טאָג-אױס
זײַנע יעדױעס רעגולער געגאַן אין קרעמל.
געגאַן זײ זײַנען גראָד אין האַרץ אַרײַן צו דעם,
אױף װעמען ס'איז געװענדט דער בליק פֿון װעלט דער גאָרער.
געזעצט זײ האָבן זיך אױף אים, װי פֿײגל אױף אַ דעמב,
און זיך אַרײַנגעגרױשט אין אים מיט פֿײַן מיט קלאָרער.
אױף װאָגשאָלן האָט ער געװױגן יעדער שפּאַן
פֿון הױלער ערד, פֿאַרפֿײַניקטער און טריבער,
און האָט געזען, באַשײַמפּערלעך, אַ יענעם ראַנד,
װאָס איבער דער טױט אַלײן װעט קײנמאָל ניט אַריבער.
פֿאַרטױבט די רױמען האָט אַ זוניקער געהױד,
און אױסגעגרױשט דורך װינטן האָבן בלעטער,
אַז צוגעגאַנגען איז פֿון גורל די מינוט:
קײן רעגע — פֿריִער, קײן רעגע — שפּעטער!

II

באַרעכנט ביז צום גרונט געווען איז אַלץ,
אין טרײַער זאָרג פאַר גוירל פון די קריגער,
ווי ס'רעכנט אויס דער יעגער די דיסטאַנץ
בײַ דעם פאַטאַלן שפרונג פון לאָקערדיקן טיגער,
אַז קומען אומפאַרמײַדלעך זאָל דער קלאַפ
און אומדערוואַרטער, אַ פאַרהוילענער אײַנדרינג,
ווען מיט צעשפּאַרטן מויל און בלוטדורשטיקן סאַפּ
וועט שוין אין דער פאַרצוקונג זיכער זײַן די כוונה.
דאָס איז געווען דער לעצטער טראָט צוריק,
ווי אַן אַרײַנאָטעם אויף ברייטער זיך פאַרמעסטן.
און אויפגעגאַנגען איז דאַמאָלט פאַר זײַן בליק
אין איר אומשטערבלעכקייט די וואָלגער פעסטונג.
און מיט אַ שטריך איז זיך אַדורכגעגאַנגען זײַן האַנט
דורך אַ זיגזאַג אַ בלויען אויף דער מאַפּע:
„אָט דאָ, בײַ דעם ניט-צעטרעטלעכן ראַנד,
איז די געבורט פון צווייטן שטאַפּל!"

III

איבערן האַלדז פאַרטאָן אין אויפשטײַג פון אוראַל,
ניט אָפּגעווענדט דאָס אויג פון די קאַווקאַזער הייכן,
און טראָגנדיק די וואַך אויף ראַנדן איבעראַל,
צווישן דעם אַש, און בראַך, און טרייפעדיקע רויכן,
אין זאָרג פאַר יעדער קלייניקייט געשפּאַנט,
דאָס בלוט דאָס טריפנדע פון געגנטן פאַרהאַמענד,
האָט ער נאָך צוועלף כאַדאָשים אויסהערן דאָס האַרץ פון לאַנד
געשריבן דעם באַפעל, פונקט ווי אַזאַ קאַרדיאָגראַמע
פון טעג און נעכט אין כוואַליקן צעוויג,
אין שטורעם פון צעשטערונג און פון פײַנען.
געשפּרייט האָט זיך אין וווּנדן דאַמאָלט פאַר זײַן בליק
ס'געפּאַנגענע ווײַסרוסלאַנד און אוקראַיִנע,
אין קייטן אָנגעטאָנענע און מיט אַ זאַק
פאַרדעקט דאָס בלוטנדיקע פּאָנעם...
געקליידט אין טרויער האָט געקוקט אויף אים דער טשאַטירדאַג,
און מיט געוויין גערופן האָט דער שטילער דאָן אים.

IV

געשטאַנען פֿאַר זײַן בליק ד׳דער רוסישער סאָלדאַט,
דער אויסגעוואַקסענער אין פֿײַער און געוויטער,
וואָס קיינמאָל האָט קיין לאַסט אַף אים צו זאָגן ניט געהאַט,
און וואָס קיין באַרג און יאַם האָבן ניט אָפּגעשטעלט די טריט אים.
ער האָט געזען אים שווימען ביזן האַלדז אין שניי,
ס׳פּאַרוויגטיקטע געזיכט און דעם שינעל דעם גרויען,
אין מוירעדיקע נעכט פֿון ווינט און פֿון זאַווייי
אַן אָנגעפּעלצטן מיט געדולד און קויעך.
געזען האָט ער אים פֿון זײַן ווײַטן אָנהייב אָן —
אַ ריינעם, ווי דער שניי דער ניט־געטרעטער,
ווי ס׳שטייט פֿאַר אים אין פֿעלד נאַפּאָלעאָן,
באַוווּנדערנד זײַן קלוגשאַפֿט און זײַן ווידדע.
און זיכערקײַט בײַ אים אין האַרצן איז געווען
פֿון אָט דעם פּראָסטן רוסלענדישן גיבער.
צו אים האָט דאַמאָלט זיך זײַן בליק געווענדט,
צו אים האָט דאַן ער דעם באַפֿעל געשריבן.

V

אָט איז ער. אַף דעם עקסטן ראַנד.
און די האַרמאָשקע דורך דער פּלייצע אַפֿן רימען.
ער שיידט זיך ניט מיט איר. אין שלאַכט — באַנאַנד.
די אויגן — דורכגעטריבענע און בלויע, ווי דער הימל.
אָט איז זײַן בלאַנקענדיקער ביטל צו דעם טויט,
זײַן ניט-געצוימטע לוסט און ליבע צו דעם לעבן.
ער טיילט דאָרט מיט אַ פֿרײַנט דעם לעצטן ביסן ברויט,
דעם קאָפּ פֿאַר אים ער גרייט איז אָפּצוגעבן.
געזען האָט ער אין אים פֿון פֿאָלק דעם שטאַם,
וואָס אַזוי שווער איז אים צעוויגן און צעטאַרען.
נאָר אין געשלעג — זײַן מוט איז טיפֿער פֿון עם יאַם,
און פֿון די שטורעם-ווינטן שטאַרקער איז זײַן צאָרן.
און גרויזאַמקײַט אין בליק בײַ אים איצט ברענט,
בײַ אָט דעם פּראָסטן רוסלענדישן גיבער,
צו אים האָט זיך דער פֿירער דאַן געווענדט,
צו אים האָט דעם באַפֿעל ער דאַן געשריבן.

VI

און פאר זײַן בליק געשטאַנען איז דער קאָמאַנדיר,
דער דאָר דער נײַער הימלענדישע ריטער.
דער אופגעוואַקסענער אין בלענדנדיקן ליכט
און אין געפאַרן א געשטאָלטער און צעבליטער.
ער האָט געזען אין אים די פּרווו פון פינף און צוואַנציק יאָר,
וואָס אופגענומען האָט זי דרייסט און מיט פאַרטרוי ער,
זײַן טראָט איז פעסט, זײַן גײַסט איז קלאָר —
דער לעניג-ווידערוויקס, דער שלאַכטמאַן און דער בויער.
ער טראָגט אין בליק דעם שטאָלץ פון לאַנד,
און פונעם פאָלק דעם גורל — אינעם האַרצן.
די צוקונפט האָט דערלאַנגט די שווערד אים אין דער האַנט,
ער דענקען זאָל דורך איר און אומגעוואַקלט האַרט זײַן.
באַגײַסטערונג האָט אין געזיכט בא אים געברענט,
און אָפּפער ליכטיקער, און הייסע ליבע.
צו אים האָט דאַן דער פירער זיך געווענדט,
צו אים ער דעם באַפעל האָט דאַן געשריבן.

VII

א יעדער וואָרט איז אָפּגעגאַן מיט בלוט,
א יעדער בוכשטאַב האָט געטריפט מיט ווייטאָק,
געשריבן האָט ער דעם באַפעל מיט צאָרן און מיט וווט
פון צענדליקער מיליאָן פאַרקאָוועטע אין קייטן...
אין טרייפעדיקן אש, אַפּ לינקס און רעכטס,
געטאַנצט די האַק האָט איבער רוקנס מיט געלעכטער,
עס האָט צו אים געטראָגן זיך דער שטומער קרעכץ
פון אופגעהאַנגענע, געקרייצטע זין און טעכטער.
„קיין טראָט צוריק!“ — האָט זיך אין יעדער וואָרט געהערט, —
ניט צולאָזן דעם טויט! פאַרשליסן אים די וועגן!
ניט נאָר דאָס לאַנד דער פּײַנט מאַכט כאָרעוו מיט דער שווערד —
דאָס האַרץ פון פאָלק ער רײַסט שוין מיט די נעגל.
געשריבן האָט ער דעם באַפעל, פאַרנעמענדיק ס׳געוויין
פון גאָר דער ערד, פאַרזונקענער אין טרויער,
און אַפּ א ביקס אים אופגעהויבן הויך פאַר דער אַרמיי,
איר די נעשאָמע פונעם פאָלק געטאָן האָט א פאַרטרוי ער.

VIII

א ווינט געטראָגן האָט מיט רויך זיך דאַמאָלט דורכן פעלד,
געגאַנגען איז איבערן קאָפּ א קאַנאָנאַדע.
אַן איבערוף נ׳סאַדאָווסקיס טײל. ס׳האָט קיינער ניט געפעלט:
די אומגעקומענע מ׳האָט אויך אין זין געהאַט דאָ.
געפלאַקערט האָט די זון פאַרטויבנדיק און העל,
א רויטער ווינט געגאַן איז פון דער וואָלגע,
און פאַר זײַן טייל געלייענט האָט סאַדאָווסקי דעם באַפעל,
א יעדער וואָרט פאַר זיך אליין ווידערגעהאָלט דאָרט.
געלייענט שטיל. זיך אָפּגעשטעלט. א ווײַל — פאַר זיך.
און פֿאַרגעזעצט דאָרט מיט א קאָל, ווי פון די ביינער,
און טרערן האָבן אים געברענט ס׳פּאַרווינטיקטע געזיכט.
קיין אָטעם ניט געהערט האָט זיך פון קיינעם.
מיט אָפּפער איז געווען די שטילקײַט זאַט,
געזיכטן בא סאָלדאַטן האָבן אויסגעזען, ווי בראָנזע.
אין אָפּשײַן פונעם פלאַקערדיקן סטאַלינגראַד
האָט קיינער נאָכן לייענען קיין ריר געטאָן זיך...

13. א זעונג

I

און איצט האָט שוין דעם זעקסטן טאָג סאַדאָווסקי ניט גערוט,
ניט צוגעמאַכט קיין אויג, ווי אין א פֿיבערדיקן כאָלעם;
צומאָל שוין ניט אליין באַנומען, וואָס ער טוט,
ווי דער פאַרשטאַנד וואָלט קלאָר שוין ניט געדינט צומאָל אים.
ער האָט דעם הימל ניט געזען שוין וויפל טעג.
פאַרגעסן האָט ער שוין, צי ס׳איז פאַראַן אַ הימל...
געגאַן איז מאַבלדיק, אָן אויפהער דאָס געשלעג,
ס׳האָט אלץ געברענט, נאָר ליכט — קיין סימען!
אין רעגנדיקן בלײַ, געמישט מיט זאַמד,
אין פײַער-ווירבל פון צעפּאַלענע געוועבן,
האָט אים געדוכט זיך, אַז ער שווימט אין פלאַם,
און אלע ווײַל גיט אים א בליץ זײַן דורכגעגאַנגען לעבן
אין מיליאָנען שטויבן, אויפגעוויכערט אין דער הייך...
דערזען ער אַפּ אַן אויגנבליק זײַן זון האָט און וואַסיאָנען —
זיי רײַסן זיך ווי פונקען דורך צו אים פון רויך,
נאָר שווער איז אים שוין, אַזוי שווער זיי צו דערקאָנען.

II

און אָפּגעטריבן אין געדאַנק האָט ער פֿון זיך
אַלץ, וואָס אין זין איז אים פֿון יענער זײַט געקומען.
די שווינדלען אין זײַן מידן מויעך אַזוי גיך:
ניין, דאָס איז ער אַליין! ער קומט פֿון ערגעץ פֿון אַרום אָן...
און אויף זײַן פּרוּוו־קאַרטן דערזעט ער פּלוצעם זיך,
אין איינגעווייד פֿון דר׳ערד, אין פֿלאַנצונגען פֿאַרקלאַמערט.
און ערד — אויף זײַנע הענט, און ערד — אויף זײַן געזיכט:
זי איז — זײַן זון. זי איז — וואַסיאָנע! און זײַן מאַמע!
ער האָט אַזוי זי גרינטלעך דורכשטודירט,
אַרויסרופֿן ער קאָנען זאָל פֿון איר געוויקס און בליִונג...
אַצינדערט ליגט ער דאָ אַליין, פֿאַרזייט אין איר,
ווי אַזאַ פּרוּוו פֿון זעלבסטגעבראַכטער זריִע,
וואָס דאַרף פֿאַרוועבן זיך איינייִקעם מיט דער ערד
און ווערן אויס, קעדיי דאָס זײַן זאָל בליִען און זיך מערן!
אַ ריר געטאָן האָט ער זײַן לײַב — ער לעבט! ס׳איז ער!
און פֿון די אויגן האָבן אים אַ טריף געגעבן טרערן.

III

ס׳האָט ווי אַ שוואַרצע כמאַרע זיך גערוקט דער וואַל
און אויפֿגעוויכערט ווירבלדיקע קנוילן.
סאַדאָווסקי איז געווען פֿאַרשאָטן אויף דער האַלב,
און בלוט געטריפֿט האָט וואַרעם פֿון עם מויל אים.
ער האָט געטאַפּט די ערד, פּונקט ווי זײַן אייגן לײַב,
זיך צוגעהערט צו איר און צו איר לאָשן:
זי איז פֿאַראַן! זי רעדט, פֿאַרשלינגענדיק דאָס בלײַ,
נאָר ער אַליין איז אויף דער העלפֿט ניטאָ שוין...
פֿון גאָר דער אומענדלעכער רוסלענדישער ערד
איז איצט אָט דאָס־אָ בערגעלע — דאָס האַרץ און די נעשאָמע,
וואָס עפּשער פֿאַר אַ קיווער איז עס אים באַשערט,
נאָר אויסער דעם איז אין דער וועלט איצט גאָר נישטאָ מער.
אָט דאָ, אויף אָט דער אומזיכטיקער הייך,
צו איר האָט ער דאָס גאַנצע לעבן זײַנס געקויקלט
און עס געבראַכט, אַז געבן זאָל אַזאַ מין לויכט
צו אים פֿון וואָלגע־טײַך די ווונדערלעכע בלויקײַט,

IV

און א פארטויבטן געבן אים דאָ א דערמאָן,
מיט האלב-פארמאכטן בליק זאָל ער דערזען דאָ,
אז ס'הענגט דאָס לאַנד דאָס גאַנצע אָפּ איצט פון איין שפּאַן,
אז ס'וועגט איר גורל זיך אצינד אין יעדן זעמדל,
אז ס'דראָט דער טויט ניט אין זײַן אָפּגייענדיק בלוט,
נאָר אין א יעדן נאָכגעלאָזטן שפּאַן דאָ.
און האלב-געשמידט האָט ער א יעטווידער מינוט
אדורכגעבראַכט מיט בלוט קאָמאַנדע נאָך קאָמאַנדע,
אז ס'איז אין אָט דעם בערגעלע דאָס גאַנצע לאַנד,
און שטרעקן דאַרף מען לאָזן זיך פאר דעם די העלדזער,
אז איבער פון דאָרט זיך עפנט פאר דעם פײַנט דער קאַנט,
פארמאכט פאר רוסלאַנד און פאר אַלעמען די וועלט זיך!
און ווי א וווּנדערלעכע זעונג פון קאַיאָר
געשטאַנען איז וואַסיאָנע איבער אים. די וווּנד אים באַנדאַזשירט מיט ליבע;
דעם רייעך מיטאמאָל האָט ער דערהערט פון אירע האָר
און זיך א צי געטאָן צו זיי מיט די פארמאַכטע ליפּן.

14. אוקראַיִנישער נאָדן פאר גערטרודען

I

„...און טאָמער וואָס — איז גלײַך אין וואַלד אַוועק",
לייענט וואַסיאָנע אין א בריוו צום ווייפלדיקן מאָל שוין איבער.
פארכאַלעשט האָט אין ווײַט געצויגן זיך א וועג
אן אומעטיקער און א טריבער.
אין גערטנער האָט דאָס איבעט נאָך ווי-ניט-ווי געגרינט,
פּאַפּשוי פארבראָכענער געצאַנקט האָט צווישן זיי דאָרט.
ווּהין וועט זי מיט זיבן קינדער לאָזן זיך אצינד?
ווּהין וועט זי זיך לאָזן מיט אן אַלטן זיידן?
אָפּ קיינעם האָט סאַדאָווסקי אין דעם בריוו זיך ניט געפרעגט,
און וואָס עס טוט אים ווי, האָט ער פון איר פארהוילן.
באַם ראַנד פון בריוו האָט זיך געפינטלט האַלב-פארמעקט:
„דערווײַל איבערפאָרמירן זיך די טיילן..."
אַוועלכע? — גיט דאָס האַרץ בא איר א ברי.
און וואָס באַטײַט דאָס וואָרט איבערפאָרמירן?
די גאַנצע צײַט האָט זי געהאַט איין בריוו פון אים,
און אין געדאַנק זי גיט א ציטערדיקן ריר אים...

II

דורכ גאנצע נעכט אינ קיכ בא דעמ טאָפּטשאנ
קומט ניט קיינ שלאָפ אפ אירע אויגנ די פארקלערטע:
ווער ווייסט, צי לעבט ער נאָכ? צי איז ער נאָכ פאראנ?
צי ניט פארדעקט האָט אונטערוועגס א בערגל ערד אימ?
פאָנ-שפעק פוצט אויס זיכ. אפנ שליאכ גיט ער א גיי,
מיט פרעכנ סקריפ זײַנ יעדער שפאנ דאָרטנ צעלאָזט זיכ,
אז בא די רוסנ איז ניטאָ שוינ קיינ ארמיי,
אז מ׳האָט פונ לאנג זי שוינ פארטיליקט אונטער מאָסקווע.
אינ ווײַטנ ציט, פארכאלעשט, זיכ דער וועג
ביס לעצטער נאכריכט פונ פאָנ-שפעקנ א כארווייטער.
אונ נידערשלאָגנ מע צעטראָגט אימ מיט דערשרעק,
אונ נידערשלאָגנ גיט אימ איבער איינס דעמ צווייטנ.
וואסיאָנע ציילט די וואָכנ אונ די טעג,
מיט ווי זי רײַסט זיכ פונ די קלעמענ:
וווהינ זשע לאָזט מענ זיכ אוועק?
וווהינ? צו ועמענ?..

III

פאָנ-שפעק רעדט שטאָלצ אפ דײַטש אדורכ זיכ מיט דעמ פי,
אונ מיט דעמ וווּרשט, אונ מיט דער טײַענדיקער סאלע,
ווענ ס׳איבערמענטשלעכע אינ מאָגנ ער דערפילט,
ווענ ס׳אלגעוועלטיקע גיט ראפטאָמ א באפאל אימ.
ער גייט אינ האָכדײַטש זיכ פאנאנדער אפנ קאָל
מיט ווו א קאטשקע, ווו א גאנדז אונ מיט די הינער.
עס בלאָזנ אָנ בא אימ די פיסקעס זיכ: יאוואָל,
עס וועט אימ ענטפערנ אפ דײַטש גאנצ אוקראַינע!
די שיכ זיכ אויספוצנ דעמ זאָקנ ער באפעלט,
באפעלט די שפראכ די דײַטשע אימ באהערשנ,
ווײַל זיגרײַכ דורכמארשירט די גאנצע וועלט
האָט דאָס אימפערישע, דאָס דײַטשישע געווער שוינ!
דער זאָקנ האָט געהערט, באגרײַפנ ניט געקענט:
עס האָט נאָכ קיינ בענ-אָדאָמ ניט געזענ אזא זאראזע,
אז שפרעכנ שפרעכט ער מיט די אויפעס ווי א מענטש,
אונ פרעסנ פרעסט ער אופ זיי ווי א כאזער.

IV

די האלבע נאכט געלייגט האָט זיך מיט שרעק,
צו האלבער נאכט האָט מען אפ אומגליק זיך גערירכט דאָרט.
זיך אומגעקערט פונ דורכפּירנ אנ אקציע האָט פּאָנ־שפּעק
אונ זי בא זיך אינ טאָגבוך מיט דעטאלנ אויסגעריכטעט.
געווענ זײַנ טיש איז מינז מײַכאָלים ברייט געדעקט,
געווארט אפ אימ האָבנ געטראנקענ פונ בורגאָניע,
א מאָלצײַט האָט אליינ געפּראוועט זיך פּאָנ־שפּעק
אונ רופנ יעדער ווײַלע זיך געלאָזט וואסיאָנענ.
נאָר ניט געענטפערט האָט וואסיאָנע אפ זײַנ רופ,
דעמ שלאָפ פונ זיידנ אונ פונ קינד האָט זי געהיט דאָרט.
אָט גיט פּאָנ־שפּעק פונ קאס שוינ דעמ נאגאנ א פּרווו,
אָט גיט די נאכט אפ מײַלנ ווײַט שוינ אזא ציטער.
דער זאָקנ כאפּט זיך אופ, אונ ציילעמט זיך, אונ ווארט,
די אויגנ שטעלט ער אפ וואסיאָנענ אָנ די גרינע:
— אזא מינ ביטערע אונ לאנגע נאכט,
נאָכ, ווײַזט אויס, ווײַט, וואסיאָנע, ביז באגינענ...

V

אנ אופגעלייגטער האָט פונ בעט זיך אופגעכאפּט פּאָנ־שפּעק,
דעמ לעצטנ טראָפּנ שלאָפ פונ מויל ארויסגעגענעצט.
זײַנ אויבערמענטשלעכקײַט דערפילנדיק פונ עק ביז עק,
איז ער אריבער פונ דער קיך די נידעריקע גרענעצ.
ער איז געווענ אינגאנצנ נאקעט, ווי זײַנ פּליך,
אנטפּלעקט די שאנד איניינעמ מיט דעמ האָנער.
געזעסנ זײַנענ אינ א ווינקל אפנ קיך
דאָס קינד, דער זיידע אונ וואסיאָנע.
א ווײַל האָט זיך פּאָנ־שפּעק געקראצט די הוילע הויט,
געלאנגווײַליקט האָט זיך פּאָנ־שפּעק א ווײַלע,
דערנאָכ האָט ער זיך אָפּטאָנ דאָרט געשטעלט זײַנ נויט
אונ „דויטשלאנד איבער אלעס" צוגעזונגענ זיך ניט אײַליק,
ווי ער וואָלט בעשאס־מײַסע עפּעס זיך דערמאנט,
ווי אינ היסלײַוועס וואָלט ער דאָרט, פּאָנ־שפּעק, געשטאנענ.
געטוליעט מיטנ קינד האָט זיך וואסיאָנע צו דער וואנט,
דער זאָקנ האָט געברומט: אזוי־אָ זעט זי אויס, גערמאניע!

VI

גערמאניע! איר העכסטער גראד פון גייַסט,
פון נייַער אָרדענונג די בלענדיקע אנטפּלעקונג
דערשייַנט דאָ פאר א פרוי, א קינד און פאר א גרייַז
אין דער געשטאלט אין דער אנטבלויזטער פון פּאַן-שפּעקן...
זי איז ניט צוטריטלעך אין איר געוואג
און אין איר אומבאגרענ׳צטן דראנג צו הערשן.
ס׳געהערט איר שוין די בלוט-געזאלבטע האק,
די קלאָלע פון א קאָנטינענט א גאנצן איר געהערט שוין.
איבער אייראָפּע שטייט גערמאניע, ווי פּאַן-שפּעק
אָט דאָ אין קיך, א נאקעטע, אין אָרעאָל פון מאָרדן,
די האק איבער דער פרייַהייַט מענטשלעכער געשטרעקט,
און מיט אראָפּגעהאקטע קעפּ פארזייט זי נייַע אָרד׳נונג.
אדיע, יאָרהונדערטן, אף לעסטערן אייַך פראנק-און-פרייַ
אינמיטן העלן טאָג, אין יעדער שטוב, אף יעדן קרייצוועג!
דער כוישעך, א געפּאנצערטער, זיך שפּארט אריַין
די וועלט אין פינצטערניש דערטרינקען און פארפלייצן.

VII

גערמאניע — אנטבלויזט, אזוי-אָ, ווי זי איז!
פּאַן-שפּעק האָט פאָרגעשטעלט זי ברייט און ווירדיק.
געלאָזט באטראכטן האָט ער זיך פון קאָפּ ביז פיס,
א יעדער רעגע זיך געמערט האָט זייַן געוויכט דאָ.
ער האָט דערגרייכט דעם שפּיץ פון העכסטער מאכט
איבער א קינד, איבער א פרוי, איבער א זאָקן,
צי עפּעס מער נאָך אויסדריקלעכס נאָך אזא נאכט
וואָלט ער געקאָנט די קנעכט וועגן זייַן הערשאפט זאָגן
ווי דאָס, וואָס ער, א נאקעטער, האָט זיי באערט
מיט אָפּטאָן זייַן באדערפעניש פאר זיי דאָרט אין די אויגן,
אין זייער היים, אף זייער ערד,
אף וועלכער בלויז צו דעם און עפּשער נאָך אף וואשן וועש זיי טויגן?
און דאָך האָט עפּעס אים אין קאָפּ געטאָן א פלעט:
ס׳וואָלט ניט געשאדט א פּאָטאָ — ווי ער הערשט און רוט דאָ,
און מיטן נעכטן פיורער-שפּייַז-פּאקעט
א קארטע אָפּשיקן קיין דייַטשלאנד זייַן גערטרודען.

VIII

דער אלטער האָט זיך אופגעשטעלט. נאָך אים וואסיאָנע מיטן קינד,
און, שווײַגנדיק, די קיך פארלאָזט זיי האָבן.
פאר זיי האָט נאָך די ערד די הארבסט־קע געגרינט,
פאר זיי האָט שטילקײַט נאָך דער וואלד געהאט פארגראָבן...
געגאנ, ווי פונ א וועג א ווײַטנ — זאלבעדריט,
דער זיידע מיט א שטאָק, אונ מיט א קלומעקל וואסיאָנע.
געוויינט די ערד האָט שטיל בא זיי אונטער די טריט...
— עס קומט די צײַט פונ גיפט, ווי ס׳קומט די צײַט פונ האָניק, —
געמונטערט, גראָבנדיק אנ ערד־עטיבל, דער אלטער האָט: —
א עײַטער לייג, וואסיאָנע, אופ דערנעבנ,
קיינ פויגל אפנ פעלד פארלאָזט ניט גאָט
אונ נעמט בא קיינעמ פאר דער צײַט ניט צו דאָס לעבנ!.. —
אונ ערגעצ גייט גערטרודע אלע וואָך אינ קירך
אונ אפנ פאָסט — א יעדנ טאָג. אונ יעדנ טאָג — א פעקל.
זי קלײַבט זיך אפ איר האָכצײַט אָפפאָרנ שוינ גיכ.
צומ ברויטיגאמ[3] קיינ אוקראינע. צו פאָנ־שפעקנ.

IX

געדרייט האָט בא גערטרודענ זיך דער קאָפּ פונ גליק,
געזענ האָט זי אוקרײַנע, קוקנדיק אפ זיך אינ שפיגל.
די קליבעס זײַנענ, דאכט זיך, איר א ביסעלע צו דיק,
דער בויך האָט, דאכט זיך, איר א ביסעלע געשטיגנ.
נאָר ס׳מאכט ניט אויס. פאָנ־שפעק האָט ליב,
ווענ אלעס בא דער פריילנ שפּארט מיט א געשפרודל.
עס גיבנ זיך בא איר די באקנ א צעבלי:
ס׳וועט קאָנטעס זײַנ פאָנ־שפעק מיט זײַנ גערטרודענ!
פונ פאָרגעפילנ טראָגט זיך אזא זיס געהור,
כאַלוימעס זיסע ארומ איר זיך שפּינענ.
זי זעט זיך א באזיצערנ פונ א פאנטאסטיש גוט:
איבערנ האלדז אינ גענדז, אינ אינדיקעס, אינ הינער,
אונ ס׳לויפנ אומ כאזיירים דאָ אונ דאָרט,
אונ אלע צערטלענ זיך צו איר מיט אזא ליבנ צוריר.
אָ, ווי ס׳באווערט זיך אינ דער וואָר א יעדער וואָרט,
וואָס צוגעזאָגט די דײַטשישע סאָלדאטנ האָט דער פיורער!

X

זאָל שוין די רײַזע גיכער פֿאָרקומען זײַן,
א שאָד איז יעדער נאַכט און יעטווידער באַגינען איר.
כאָטש פֿילן פֿילט זי זיך שוין דאָ, נאָך אין בערלין,
א האַלבע הערשערין פֿון אוקראַיִנע!
ס'האָט שוין דערעסן איר צו טראָגן אַלץ אין קאָפּ
און פֿון א פֿרעמדן אויג דאָס צוגעשיקטע צו פֿאַרדעקן,
און דאָס — וואָס עכּיינים קוקן איר אַרײַן אין טאָפּ
און ציילן אַלץ, וואָס זי באַקומט טאָג־טעגלעך פֿון פּאָן־שפּעקן.
זי וועט זיי אויך פֿון דאָרטן עיקן יעדער וואָך
א שטיקל שפּעק. א בייגל ווורשט. א פֿרענטל פּוטער.
עס זאָל די צײַט איר נאָר דערלויבן — אָך!
און גוטסקײַט פֿאַר געוויס וועט קלעקן באַ געטרודען...
זי האָט געכעזשבנט, און געטרוימט, און זיך געײַלט,
און שווער געווען איז פֿון די טרוימען זי דערוועקן,
זי זעט זיך שוין, ווי אין א לוסטיקן פֿאַרווײַל
זי פֿאָרט אַרום איבער איר גוט אײַנעם מיט פּאָן־שפּעקן.

XI

פּאָן־שפּעק וואָלט שוין געקאָנט פֿאַרענדיקן דעם קריג,
געהאַט דאָרט עפּעס נאָך צו טאָן האָט ער דען?
עס האָבן אונטערטעניק זיך פֿאַר אים געוויגט
די אוקראַיִנישע די פֿעטע ערדן,
און פֿערד געפֿאַנגענע פֿון העכסטן שטאַם,
און גוטע צוגעלאָזענע בעהיימעס.
מיט פֿרוכט מיט רײַפֿע פֿאַר זײַן הערשערישן שטאַנד
אין גאָרטן אויסגעצויגן יעדער בוים איז.
די יידן אויסגעקוילעט. קיינער מער נישטאָ.
און זײַן גערטרודע גרייט זיך שוין אהערצו אין דער רײַזע.
און ווו ער שטעלט אַוועק דעם פֿוס — איז שטאָל,
אַף וואָס ער לייגט אַוועק די האַנט — איז אײַזן.
נאָר עפּעס זיך פֿאַרהאַקט מע האָט דאָרט באַ קאַווקאַזער שוועל,
און עפּעס א פֿאַרדראָס אַזא מען דאָרטן, באַ דער וואָלגע...
און פּלוצעם האָט זײַן טייל באַקומען א באַפֿעל:
„זיך אופֿהייבן! און נאָך די אַוואַנגאַרדן פֿאָלגן!“

15. לאַטקעס

I

ניאַלקעס אפּן סטעפּ צווישן צעטראָטן גראָז,
און בא די נעכט לאָזט זיך אראָפּ מיט בעז דער הימל.
פאַרלוירן האָט זיך אפּ קובאַן דאָס דערפעלע פּאָגאָסט,
ווי איבער גרינס געלאָזט מע וואָלט זיך ערגעץ שווימען.
באַשטאַנעס אויסגעטראָטענע אַנטקעגן קומען אָן,
און פּרוכטנביימער הײמלאָזע אַפּ וועגן וואָגלען.
נאָך וואַסער גייען זיי צום שטילן דאָן
און, ברענענדיקע, טראָגט דער ווינט זיי צו דער וואָלגע.
זיי האָבן אָפּגעשײַנט מיט צוויט און אָפּגעדינט מיט פּרוכט
אַזויפיל בראָכעדיקע זומער-טעג און האַרבסטן אין סטאַניצעס.
און אויך פון בינען גאָלדענע דער זיסער שפּרוך
האָט פאַר דעם אומגעריכטן אומגליק ניט פאַרהיט זיי.
פון פײַער איז געגאַנגען אַ האָגל און אַ גאַס,
די פּרוכטנביימער אופגעפרעסן אַלע נאָך אין מײַ דאָרט.
פאַרשטעלט האָט מיטן קלויסטער זיך דאָס דערפעלע פּאָגאָסט,
עפּשער אַזויאַרום וועט עס דעם אומגליק מײַדן...

II

ניט ווײַט פון קלויסטער האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טאַנק,
מיט דער האַרמאַטן-רער אַ טײַט געטאָן, ווי מיט אַ פינגער.
איבערן קופּאָל אַ פאַרשטויבנדיקן זאַלפּ דערלאַנגט,
און אופגעגאַנגען איבער אים אַ פײַערדיקער רינג איז.
צעשאָטן האָט דער קופּאָל זיך אַפּ דר'ערד
מיט טויבן קרעכץ מיט קופּערנעם פון גלעקער,
און אונטער בראָך פון קלויסטער האָט זיך קוים געהערט
דערשטיקטער כריפּ פון בייניקן געבערעקל.
ס'איז דאָרט קיין גאָט-דינסט לאַנג שוין ניט געווען,
באַהאַלטן מאַמעס האָבן דאָרט מיט קינדער זיך צוזאַמען;
אַ ניט-געשוירענער דער גאַלעך איז אַוועק
מיט ביקס אין האַנט אין וואַלד צו פּאַרטיזאַנער.
גענישטערט האָט די קרעאַטור פון דײַטשלאַנדס מאַכט,
דעם ליוק ווי שטערן פלאַטשיקן פאַרהויבן,
אַפּ אַ קאָמאַנדע, גרילצנדיק, געוואַרט:
„אַרופּ אַפּן געקעפּטן קלויסטער מיט די רויפן!“

III

א וואָרפ געטאָנ האָט זיכ פונ טאנק אליינ די דעק,
פונ אינווייניק מיט טעמפנ פינצטערנ געלאָקער
ארויסגעשפרונגענ איז דער לייטענאנט פאָנ-שפעק
אונ אפנ קלויסטער זיכ געשטעלט, פארזויגנ אינ בינאָקל.
א שווארצע קאסקע האָט זײַנ קאָפּ פארדעקט.
אונ קיינ געזיכט! קיינ אויגנ! אונ קיינ שטערנ!
א צווילינג פונעמ טאנק האָט אויסגעזענ פאָנ-שפעק,
וואָס פרעסט אונ קאָנ זיכ פרוכפערנ אונ מערנ.
ער איז געשטאנענ אפנ קלויסטער אונ געקוקט
אונ אויסגעמאָסטנ אלצ, וואָס אימ וועט דאָ געהערנ.
ס'האָט אויכ אפ אימ געקאָנט זיכ עפענענ א ליוק,
עס זאָל א שטיקל שטאָל ארויסשפרינגענ פונ די געדערימ.
פארכאלעשט אונ פארטויבט פונ עק צו עק
געלעגנ איז דאָס דאָרפ אונטער הארמאטנ-רערנ.
אונ אופגעגאנ אפ דעמ, ווי אפ א קרוינשטול, איז פאָנ-שפעק
פאר באלעבאָס פונ דער געקעפטער וועלט זיכ צו דערקלערנ.

IV

דער וועג זיכ ווארגט מיט רויכ אונ שטויב,
די פאנצערס, רײַסנ זיכ ווי איבער שטיגנ.
געלאָזט האָט זיכ גערמאניע אפ רויב,
גערמאניע איז אופגעגאנגענ אפ האריגע.
עס רירט זיכ קיינ בעהיימע צו צומ גראָז,
אונ אינ געוויינ זיכ וויגנ זאנגענ אפ די פעלדער.
עס שטייענ שטיבעלעכ, ווי ערעוו דעמ צעשאָס,
דער אומגליק ווארט בא יעדער שוועל דאָרט.
א שטאל צו שטאל אינ פײַנ זיכ פרעסט,
אינ טרויער טוליעט שײַער זיכ צו שײַער.
א מאָלצײַט פראוועט זיכ אינ דאָרפ די פעסט,
די טירנ אופ, צעפראלט דורכ פײַער,
פונ שטוב צו שטוב — אינ פיבער זיכ א וואָרפ,
פונ הויפ צו הויפ — ווו ס'קומט איר אפנ זינ אופ.
פאָנ-שפעק פרעסט אופ איצט א קובאנער דאָרפ
אינאיינעמ מיט די פאָדקעוועס אונ מיטנ טינעפ.

V

געאָרעמט מיט א טאָפּ, דער בליק — א מעסער,
האָט זיך פּאָנ-שפּעק געקוויקט: יאוואָל!
ער האָט אזויפיל לענדער שוין געהריזעט און געפרעסן,
אָבער אזא געננס נאָך ניט געהאט קיינמאָל!
אין שווייס פון גיר זיך שמעלצט דער האלדז-און-נאקן,
די פיס מארשירן אפן אָרט, ווי אין געהעפּ.
געשטאָפּט איבערן זוימ א זאק זיך נאָך א זאק האָט,
די אויגן זעען ניט, פארפלייצט וויינען די קעפּ:
מע פרעסט, מע זשאָרבט, מע הריזעט מיט די נעגל,
און פונקט ווי פאר דער מיסע איילט מען זיך אפגיך!
עס איז א שאָד צעשיידן מיט מייכאָלים זיך א רעגע,
גרויסמוטיק מ'איז זיך מייכן אונטער זיך.
עס קלעפּן פעדערן צום לאַץ זיך און צו אקסל.
פּאָנ-שפּעק — אין פוך, באלד — פליען זיך ער לאָזט.
די נייע אָרדענונג אין דערפצלע צעוואקסט זיך,
ער פירט די אָרד'נונג איין די נייע אין פּאַגאָסט.

VI

פון אלע שטיבעלעך אין דאָרף האָט איינס געגלאנצט,
און בלויז פון דעם זיך ניט געטראָגן קיין געוויין האָט.
געדעמפּט די באלעבאָסטע האָפערדיק האָט גאנדז,
און ס'האָבן זי געקניפּט די אָפיצערן: „ס'ארא שיינהייט!"
אראָפּגעשמיסן די מונדירן בליציק-גיך,
די הענט אין טעפּ מיט ראש געלאָזט זיך ווייקן.
זיך ווי א היישעריק געטראָגן אפן קיך
און — „דויטשלאנד, דויטשלאנד איבער אלעס!" — זינגענדיק געמייקעט.
עס האָבן ראָשטשינעס מיט פארע זיך געהויבן פון די טעפּ.
די דייטשן האָבן לאטקעס רוסישע באשטעלט זיך,
און מיט די צירקלען זיי געגרונדיקט און געמאָסטן אין דער גרעב,
די ארבל אין דער הייך פארקאשערט, ווי די שמעלצער,
און בא די סקאָווערדעס — א ריטערלעך געשלעג,
פונקט ווי א האנט-געפעכט, צעיושעט און פארהאָוועט.
קינזשאלן — הויל. מיט שטיקער סאלע שווייסיק זיך באלעקט
און הויך געריממט די רוסישע פּאָטראוועס.

VII

געריסן האָבן זיי די לאַטקעס אַפּן פלאַם,
גערמאַניעס רום און מאַכט באַשטעטיקנדיק גרויזאַם.
און אין דעם זשאָרבנדיקן ווילדן טאַראַראַם
געשפּאַרט האָט אין דער הייך א מאַלפּישער געוואַי זיך.
ס׳פאַרבליט די נײַע אָרדענונג באַם כטאַראָסטע אין שטוב,
צו דײַטשלאַנדס גײַסט די סטאַראָסטיכע זיי באַהעפטן.
און שטיקער סאַלע אין די בוזעמער מע שטופּט —
איבערגעפּרעסנע, פאַרדאַמטע און געפּלעטע.
מיט רוסלאַנד ספּראַווען וועלן זיי זיך גיך און קורץ.
ווי שיין די באַלעבאָסטע איז! ווי פורכטבאַר ווייך און גלאַט א־ז!
און מיט א כײַיש־פאַרגעניגנדיקן שלוכץ
געשטאָפּט זיי האָבן זיך מיט איר, ווי מיט די לאַטקעס.
געקוקט דער סטאַראָסטע צעכושט האָט אַף די לײַט,
און אַף זײַן קיך, און אַף זײַן ווײַב דער שיינהײַט:
צי איז עס זײַנס, צי ס׳איז פון אים שוין זייער ווײַט,
ווער ווייסט? צעקײַען קאָן ער עס אַצינד אליין ניט...

16. דעם אייגענעם זון אויך

I

נאָר ס׳האָט דער סטאַראָסטע אַצינדערט ניט קיין צײַט
אין קלייניקײַטן אין אַזעלכע צו פאַרטאָן זײַן.
קיין איבעריקע רעגע אים פון טאָג ניט סטײַ׳ט,
און בא די נעכט די אויגן נישטערן און בלאָנדזען,
איז וואָס איז אים דאָס ווײַב? ער לאָזט עס דורך פאַרבײַ,
אין קאָפּ באַוועגן זיך די שטיינער פון זײַן מיל אים,
וואָס ער האָט בא דער ראַטנמאַכט געצונדן א מאָל דרײַ,
און איצט האָט זיך דאָס מאַזל זײַנס גענומען מיט אים שפּילן.
די פּאַסן זעט ער שווינדלען שוין אין איר...
ער שוויצט, און מיט א טוך ער ווישט דעם האַלדז־און־נאַקן.
ער זעט, ווי וואָגנס שלעפּן זיך פון דערפער אָן א שיר,
און גאַנץ פאַגאָסט האַלט גרייט פאַר אים די הוט: „הער ראַקאָווו!“
עס גריסט אליין פאָן־שפּעק מיט אים זיך פאַר דער האַנט
און וועקט פון קיווער ווידער זײַן פאַרמעגן,
איז וואָס איז דאָ צו זען און ניט צו זען פאַראַן —
ער האָט פאַר דעם קיין צײַט אַצינדערט ניט קיין רעגע.

II

פון קיווער שטייט אצינד זײַן נאכלע אופ צוריק...
נאָר פון די ביינער אפ פאָן-שפעקס מונדיר גייט דורכ א פיבער,
און עפעס שרעקט ער זיכ צו טרעפן מיט זײַן בליק,
כאָטש עפעס פרעגן האָט ער זיכ בא אים געקליבן.
די מיל... די ערד... פאראן א יאמ צו טאָן...
דעמ פארקן קלויבט ער זיכ שוין איבערפארבן,
אין וואָס זשע גייען אים די לאטקעס אָן,
אז פון פאָן-שפעקס מונדיר זיכ רײַסט צו אים א שארבן?!
ער דארפ אצינדערט א באשטימטע צאָל
קאָלווירטניקעס פארדעכטיקע דעמ שארבן נאָכ דערלאנגען...
און ס׳האָט די שרעק און ס׳גליק באפאלן מיטאמאָל,
און ס׳איז אין צײַט בא אים א דויכעק און א מאנגל.
וואָס זאָל ער פריִער טאָן? זיי רײַסן אלץ!
די, מיט די שארבנס, אײַלן זיכ דאָ, קאָנטיק...
און ס׳וואָרגט עפעס אזוי אין האלדז,
די צונג עפעס אזוי זיכ פלאָנטערט...

III

פאפיר האָט אים פאָן-שפעק דערלאנגט א בלאט,
א ציגארעט, און א טערמין, און ניט געלאָזט זיכ דרייען:
ער דארפ צונויפשטעלן א צעטל — אקוראט:
ווער איז אין דאָרפ א פארטיזאן און ווער אין דער ארמיי איז!
און נאָכ א בלאט פאפיר האָט אים פאָן-שפעק געגעבן א פארטרוי,
א שנײַדנדיקן קוק און נאָכ א ציגארעטל:
ער זאָל פון שפײַז-פראָדוקטן אים צונויפשטעלן גענוי —
בא ועמען, וואָס און ווו באהאלטן איז — א צעטל.
ער האָט דעמ רויכ פון ציגארעט געטאָן א צי ארײַן
און אים ארויסגעלאָזט צוריק מיט גרויס מעווינעס,
און כאָטש צו לײַכט האָט אים דער טאבעק אויסגעזען צו זײַן,
און כאָטש צו הארב פון צעטל דער טערמין איז,
און כאָטש ס׳האָט אים דער הוסט צו דר׳ערד געטאָן א בייג,
האָט ער דאָס ציגארעטל דאָכ א צי געגעבן ווידער.
ער וועט זיכ שוין א סטארע טאָן, דער סטאראָסטע, אזוי,
אז זײַן פאָן-שפעק זאָל הנאה האָבן מיט אים צופרידן.

IV

אונ פאָרויכטיק ס'פּאפּיר געטאָנ א לייג צונויפּ,
אפּ: דערשטיקטנ דאָרפּ געלאָזט זיכ ווי א נעפּל.
בא אים אינ האנט איז איצט א יעדער הויפּ,
בא אים אינ האנט איז דאָרט א יעדער לעבנ...
א שאָרכ אינ בוזעמ־טאש פונ בלאט מיט בלאט...
געצויגנ זיכ צו דעמ האָבנ שוינ נעמענער אונ צאָלנ.
ער האָט כעזשבוינעס מיטנ גאנצנ דאָרפּ געהאט,
געהאט האָט ער אינ דאָרפּ מיט וועמענ זיכ צעצאָלנ...
פּאָנ-שפּעק האָט אימ אינ מויל בא זיכ געמאכט אנ אָרט,
מיט כעסעד דײַטשישנ גענומענ אימ פּארטויבנ...
א לעק גיט אלע ווײַלע א'מ די כײַע דאָ אונ דאָרט,
נאָר ס'לאָקערנ אפּ אימ די ציינ פונ אונטנ אונ פונ אויבנ,
ער קאָנ שוינ ניט פונ דאָרט צוריק ארויס,
אונ קאָנ זיכ אינוויינִיק שוינ ניט פּארטײַענ:
איינ ריר זיכ ניט אזוי, אונ אלצ איז אויס,
אונ ס'וועלנ אימ די ציינ צעכראָמקענ אונ צעקײַענ.

V

דער ציגארעט איז לײַכט אונ רײַסט דעמ האלדז...
עס שרײַבט דער סטאראָסטע, ווער ס'גיט אפּנ זיקאָרנ נאָר א גיי אימ.
ער דארפּ פּאָנ-שפּעקנ אויסליידיקנ אלצ
אונ שטעלט זיכ פּלוצעמ אָפּ: זײַנ זונ איז אויכ א רויטארמייער...
ער סטארעט זיכ, דער סטאראָסטע, גייט אָפּ מיט שווייס.
פונ הויפּ צו הויפּ גייט זײַנ זיקאָרנ, ווי דער אומגליק,
ער לאָזט קיינ איינעמ ניט אדורכ — ער ווייסט:
פּאָנ-שפּעק די הײַזער טרייסלט, ווי די קלומקעס.
עס גיט אימ דער באשריבענער פּאפּיר א שניט,
עס גיט דאָס לײַכטע ציגארעטעלע א שרעק אימ:
ארײַנשרײַבנ אפּ זיכ דעמ זונ צי ניט...
צי זאָל ער מינדלעכ מעלדנ עס פּאָנ-שפּעקנ?
ס'הייסט: א מעסירע איצט אפּ זיכ גיי, סטאראָסטע, באשטאט!
אז אויכ בא דיר א זונ א רויטארמייער איז פּאראנענ...
ער האָט פּאר אימ באצאָלט דאָכ מיטנ פּאָרזיצער פונ ראט,
ער האָט פּאר אימ באצאָלט דאָכ מיט מאלאניענ...

וויי בליאסקען דאָך אפן פאפיר פון זײַן פארשפראָך,
עס קאָן קיין אומגליק אין דער וועלט זיי ניט פארדעקן.
ער וועט ניט זשאַלעווען. ער ווײט דערלאנגען נאָך.
ער וועט אליין זיך צושטעלן פאָן-שפּעקן.
און אף די קני: גענעדיקער פאָן-שפּעק!
און צו די פיס: זאָל אים זײַן הויכגעבורט אף שטיקער שנײַדן,
פאראן איז אויבעט אפן סטאראָסטע א פלעק!..
נו, יאָ... נו, און די זון אליין? איז זי פון פלעקן פרײַ דען?
ער האָט א טונק געטאָן אין טינט די פען,
ארויסגעסקריפּעט שווער זײַן אייגענעם פאמיליע-נאָמען
און מיט די ציין געקריצט: דערשטיקן וואָלט ער אים באדארפט געווען,
ארויסלאָזן נאָך בא דער מוטערס ברוסט אים די נעשאָמע!..
די צעטלען זײַנען גרייט געווען צו נאכט,
דער סטאראָסטע האָט אין טערמין קיין רעגע ניט געשפּעטיקט.
האכנאָעדיק האָט ער פאָן-שפּעקן זיי געבראכט
און זיי, ווי ברויט ביט זאַלץ, דערלאנגט אים א געפּלעטער.

17. א דעזערטיר

I

דער רויך פון ברענענדיקע הײַזלעך זיך רײַסט,
און אף די ביימער קאָרטשען זיך אין פלאם די בלעטער.
עס האָבן אין פאָגאָסט פאר ניט קיין הויכער פרײַז
די דײַטשן אײַנגעהאנדלט נאָכעט א פארעטער
באם סטאראָסטע אין שטוב. געווען איז ער
געקליידט אין גרינער רויטארמייער-גימנאסטיאָרקע.
באטראכט געהעריק האָט פאָן-שפּעק אים, ווי א פערד,
א צוימל אין די ציין וועט ער אים ווי-ניט-איז באזאָרגן,
דאן גיין ווי א מאשין ער וועט בא אים אין שפּאן.
דעם רודער אײַנהאלטן נאָר פעסט און מיט אים ריכטן.
אים איז דאָ אָפן אלץ. און אלץ — אונטער דער האנט.
אים מיט דער בײַטש אזוי פון זיבן נאָ־ א ריר טאָג,
פון צײַט צו צײַט עפּעס א שטעק טאָן אים אין מויל,
פון צײַט צו צײַט ניט שרעק אים לײַכט פארזויגן,
און האלטן אָנגעגרייט פאר אים א קויל,
און האלטן שטענדיק אפן אויג אים...

II

א פויטעקע האָט ער פאַר אים געטאָן א דריי,
דערצו א רער א שווארצע פון א פאַראַבעלום,
און אויסקלויבן זאָל ער זיך איינס פון צוויי —
געגעבן שנעל פאָן-שפעק האָט א באַפעל אים.
ער דאַרף אים דינען טריי. באַלוינ — פון שטיק.
צונויפקלאַפּן א גוטס די מעגלעכקייטן האָט ער,
דערנאָך וועט ער אַריבערכאַפּן זיך אהינ צוריק —
האָבן די ווערטער זיך אונטער זיין צונג געקנאָטן.
— נאָר טאָמער, — האָט פאָן-שפעק געטאָן די ברעם א הייב, —
לאָזט ער זיי דאָרט פון עפּעס וואָס צו וויסן... —
האָט אים פאָן-שפעק א טליע דורך דער שויב
מיט א מישפּאָכע א געהאנגענער באַוויזן...
פאָן-שפעק האָט ביז דעם ביין און בלוט
אַריינגעקלאַפּט אין מויעך יעדער וואָרט אים,
און אים דערלאַנגט אַפ אופהאַלטן דעם מוט
א פּאָרל גלאַנציק-בולפענע באַטפּאָרטן.

III

באַקוקט האָט זיי פאָן-שפעקס מעשאָרעס לאַנג,
און ווי נ׳א שווארצן שפּיגל דאָרט דערזען פאַרקערט זיך,
דערמאָנט אין רויטאַרמייער זיך, וואָס פוילן אין געפאַנג,
געדוכט: ער הערט פון ווייט זייערע קרעכצן.
פאַרשפּיליעט די באַטפּאָרטן ער האָט שנעל. גענית.
און זיך געלאָזט אין גאַס אַריין א גיי טאָן.
זיי שניידן, דאַכט זיך אים, א ביסל אין די קני,
זיך אויסגעוויזן האָבן זיי אים שווער, ווי קייטן.
און איבערהויפּט — ס׳איז עפּעס גאָר ניט זיינע פיס...
באַשלאָגן האָט א שווייס אים: מאָדנע פיס בא אָט די דייטשן...
מע קוקט אַפ אים פון אומעטום געוויס.
ער שטייט באַם שטוב. אים דוכט, אז ער איז ווייט שוין...
און פּלוצעם האָט אין זיי א שמייס געטאָן א שטיין.
א קוק טאָן ווער — האָט אים קיין מוט געסטייע׳ט דאָרט.
ס׳איז קיינער ניט געווען כוץ אים אליין:
„צי האָט דער שטיין אליין אין אים זיך ניט געשליידערט?!"

IV

דעם ראַנד אַריבער דאָ זיץ ער אַליין,
ווי נאָר דער פּראָנט האָט זיך צום דאָרף דערנענטערט,
און איצט וועט אויסקומען צוריק אים גיין —
קיין אויסוועג איז ניטאָ. באַם דײַטש איז אין די הענט ער.
עס האָבן פּײַערן אין דאָרף אים ניט געפרעגט:
וואָס טוט ער דאָ? ער דאַרף דאָך אַפּן פראָנט זײַן!..
אַ יעדערער האָט אָפּגעטראָטן אים דעם וועג,
ווי נאָר פון שטיוועלעך דערזען מע האָט דאָס גלאַנצן...
כוץ די באָטפּאָרטן בולפענע האָט ער אָן לוסט
אַ דײַטשישן וועלאָסיפּעד אין דאָרף באַנײַט שוין...
נאָר שײדן דאַרף ער זיך מיט אים און גיין צופוס...
די דריטע גאָב ז'געווען אַן אופטראָג פון די דײַטשן...
באָטפּאָרנלעך אויסגעטאָן. באַקוקט זיי פונדאָסנײַ,
ווי אין אַ שוואַרצן שפּיגל דאָרט דערזען פאַרקערט זיך.
אין דער פאַרשוועכטער גיבנאַסטיאָרקע ז'ער אַרײַן
און זיך אַוועקגעלאָזט דאָס פּאָטערלאַנד פאַראַטן, קרעכצנד...

V

— הער ראַקאָוו! — האָט פאָן־שפעק זיך אַמוזירט
מיט דעם פאַרטרויטן סטאַראָסטע, פאַרשטענדיק דעם קין אים, —
דער יונג איז בראַוו! ער מאַכט אײַנגיכן אַ שפּאַציר,
ווי ער וועט, סאַקראַמענט, אַ ציילקעם זיך פאַרדינען! —
געלויערט ווי אַ גרוב האָט אַפּן סטאַראָסטע דאָס דאָרף,
נאָר ס'האָבן אים די דײַטשן אָפּגעגעבן קאָוועד.
געשטאַנען איז ער אַפּן פאָרנעמסטיקן אָרט,
ווען צו דער טליִע מ'האָט געבראַכט קאָלווירטניקעס געקאָוועט.
ער האָט זיך נאָר פאַרלאָזט אַ בערדעלע בלאַנזשע,
זיך מיט אַ שניפּס פאַרפוצט און מיט אַ קאָלנער,
און וועגן אים איז שוין געגאַנגען אַ שעם,
אַז רעדן רעדט ער, קוים וואָס מ'הערט זײַן קאָל נאָר...
צונויפגערעדט מיט אים האָבן זיך דײַטשן גיך,
ער האָט געפאָלגט, און זיי האָבן פאַרטרויט אים.
— הער ראַקאָוו! — האָט פאָן־שפעק זיך אַמוזירט, —
פאַראַן איז נאָך אין רוסלאַנד פײַנע לויטע!

VI

פון שטוב צו שטוב ז׳געגאנ אנ אונטערזוכ,
פונ הויפ צו הויפ גערוישט האָט א געוויטער.
ס׳האָט ניט געהאָלפנ קיינ געבעט און ניט קיינ שפרוכ,
און אָפ געווייג געענטפערט האָבנ ריטער.
געשלעפט מ׳האָט אלצ. פון לעבעדיק און טויט.
און אלצ ביז בלוט און ביינ אדורכגעאקערט:
א וואָגנ סקארב! א וואָגנ ברויט!
און מיט פארדעכטיקע קאָלוויר טניקעס דעם כורבנ פארטאכאקלט.
מאלאניע ניט באוויזנ האָט צו טאָנ א שפאנ,
א טראכט טאָנ ניט באוויזנ האָט מאלאניע אפ דעם בראָכ דאָרט.
און ערגעצ האָט מענ שוינ אוועקגעפירט איר מאנ,
און ערגעצ האָט מענ שוינ אוועקגעפירט איר טאָכטער.
געהוליעט האָט דער אומגליק אומגעשטערט,
געזוכט ווי לעבעדיקס איז ערגעצ נאָכ פאראנענ.
און אײַנגעבראָכנ נידעריק בא דר׳ערד,
געבליבנ איז אליינ אינ שטיבעלע מאלאניע...

VII

באמ דאָרפסראט האָט א טליִע זיכ געהויכט,
ווי דער ארײַנגאנג אינ דער אָרדענונג דער נײַער.
געוואָרגנ האָבנ ביימער זיכ מיט רויכ,
געשטיקט האָבנ זיכ דעכעלעכ מיט פײַער.
אוי, ניט צו גוטנס האָט זיכ אָנגערוקט די נאכט,
געקרייט די הענער ניט צו גוטנס האָבנ לאנג דאָרט.
איבערנ דאָרפ די טליִע האָט געווארט,
ווי צו דער נײַער אָרדענונג דער בלוטיקער ארײַנגאנג.
ווער וועט דער ערשטער זײַנ צו איר געבראכט?
צוערשט פון דאָרפ באערנ וועט זי וועמענ?
געלעגנ בא דער קרענעצע פארשטארט
איז א קאָלווירטניצע מיט בלוט־פארפלעקטע עמער,
צעשפרייט די הענט, ווי א קאָראָמיסלע, צומ ברוק,
פארגלייזט דעמ בליק, ווי עפעס דארפ זי זיכ דערמאנענ.
די טליִע פון דער הייכ האָט לאָקערדיק געקוקט,
פונקט ווי דער הערב ־דער שטאָלצער פון גערמאניע.

VIII

אן אָפּגעשמיסנס אפּ דעם מיטן וועג
געשטאנען איז פּאַגאָסט, פאַר יעדער אומגליק אָפּן.
ס׳וואָלט יעדער שטיבעלע ערגעץ אוועק,
ס׳וואָלט יעדער שטאָל ערגעץ אנטלאָפן...
א וועלכער ווײ האָט עס ניט אויסגעפרוווט?
א וועלכע שאנד איז עס ניט אויסגעשטאנען?
א יעדער נאכט עפנט די טיר׳ן אויף
דעם אומגליק אין דער היים בא זיך מאלאניע:
וואָס נאָך פאַרלאנגט דער אומגליק דאָ?
וואָס נאָך האָט מען אים ניט דערגעבן?
אוועקגעפירט ערגעץ דעם טאָג,
אוועקגעפירט ערגעץ דאָס לעבן...
צופוס מ׳האָט פויערן געיאָגט צום באַן,
וואגאָנעס האָבן זיך פאַר זיי ווי קייטן דאָרט געפלאָכטן.
און ניט דערוואַרט האָט זיך מאלאניע אפּ איר מאַן,
און ניט דערוואַרט האָט זיך מאלאניע אפּ איר טאָכטער...

IX

א יעדער כאַטקעלע מיט פּאַכעד האָט געקוקט,
איבער די פענצטער אָנגערוקט פון דאַך די שטרויען.
און גאַנץ פּאָגאָסט האָט זיך געטאָן א טוק
אינעם פאנאַנדערפּלייץ פון אומגליק און פון טרויער.
געבליבן איז אין האַלדז דעם דערפּל שטיין די צײַט,
א פּרעס צונויפּ געגעבן ס׳האָט זיך ענגער.
געשאָקלט האָבן פענצטערלעך: דורך וועלכער זײַט
וועט זיך אראָפּלאָזן די קלאָלע פון די הענקער?
איבער דער גאַס געלאָפן איז דער אומגליק הין און צ׳ריק,
איבערן הימל האָט זיך פלאַם צעפאָכעט ווי א ווייער.
צו אַלטע דעמבעס צוגעבונדענע מיט שטריק,
געברענט האָבן פאַרוווּנדעטע און שטאַרבנדיקע רויטאַרמייער.
און מיט באַטפאָרטעלעך זיך שיידנדיק, באַקוקנד זיי פונסנײַ,
זיך שפּיגלענדיק צולעצט אין זייער גלאַנץ דעם גלאַטן,
האָט איינער דאָרט דעם ראַנד געטאָן א שנײַד
און קרעכצנד זיך אוועקגעלאָזט דאָס פּאַטערלאַנד פאַראַטן.

18. א באַגעגעניש

I

איוואַן ראַקיטאַ האָט באַמערקט,
אַז ס׳רינען דורך יעדן טאָג צו דעם קעגנער,
און אַלעמאָל אַלץ מער און מער —
ניט צו פֿאַריכטן איז דעם בראָך בלויז פֿון די לעצטע טעג נאָר.
געווירע ווערט דער סוינע איינס און צוויי,
מיט אַזאַ פֿינקטלעכקייט דערשמעקן די קאַנאָנען,
וווּ ס׳גייט רעזערוו, וווּ ס׳פּעסטיקט זיך אַ באַטאַריי —
אַרויסקלאַפּן אַזוי דעם לעצטן מענטש מע קאָן אים...
ער האָט באַמערקט אַ בראָך בײַ רויטאַרמייער אין געמיט,
זיי אָפּהייבן אין אָנגריף שווערער איצט וועט זײַן אים.
ס׳האָט די באַהאַוונטקייט פֿון סוינע אים געשמידט
און ניט געלאָזט די אויפֿגאַבן אַדורכפֿירן אים זײַנע.
ער האָט מיט זיך אַליין זיך אויסגעשיעסוועט אַקוראַט,
און אַז ס׳זאָל קאָנען זײַן פֿון אַלעמען באַגיטיקט,
איז אין זעמליאַנקע די כאַווייריִם אויף אַ ראַט
אַרויסגערופֿן האָט צו זיך איוואַן ראַקיטאַ.

II

און ס׳האָט אַזוי געפּאַסט צו אים,
און ס׳האָט געהאַט אין אים אַזויפֿיל שאַמען —
די ברוסטיקע באַסאָווע שטים
און אויף דער ליפּ דאָס צוקנדיק־פֿאַרצערעוועטע שראַמל.
געדיכטע אָפּגעבליאַקעוועטע ברעמען צוויי
אַראָפּגעלאָזט איבער די וויִעס האָבן בײַז מיט האַס זיך,
און אין די אויגן זיך געשפּיגלט האָבן זיי,
ווי ס׳שפּיגלט זיך געוויקס אין לויטער וואַסער.
איז מיט אַ קוק און מיט אַ ווענדע — איינס און צוויי —
אַדורכגעדרונגען האָט ער אין יעדן זיך באַמיט דאָרט
און אָנטאַפּן בײַ יעדן, וואָס עס טוט אים ווײ
און ווער מיט וואָס איז ניט צופֿרידן.
געבויט האָט ער די קאָרפּוסן אַליין,
אויף זײַנע אויגן האָט די שטאָט די שטאָלענע צעבליט זיך,
און קוקנדיק מיט צאַר אויף יעדן כורבנדיקן שטיין,
האָט ער דערמאָנט די שלאַכטן בײַ צאַריצין.

III

באַלייגט זיַינען די ווענט אין ערד-שטיבל מיט שטרוי,
און לאַנגזאַם, ווי די צײַט, דער זאַמד דאָרט שיט זיך.
אַ מויז גיט ערגעץ דאָרטן זיך אַ רוי,
באַווײַזט דאָס מאָרדעלע דאָס שפּיציקס,
זי קוקט אַ ווײַל און ווי אַ שאָטן גלײַך פֿאַרשווינדט,
עס קאָן דאָס אויג אין אָנשטרענג זי ניט כאַפּן.
און בלויז ווי פֿון אַ דורכגעשורעוועטן ווינט
גיט זיך אַ בערגלדיקן כוואַליע אױף דער וואַנט די מאַפּע.
פֿאַרפּלאָנטערט האָט די מויז זיך אונטער איר,
דערשראָקן פֿאַר דעם שאָרך, וואָס ס׳רופֿט אַרויס איר פּלאָנטער.
עס האָט אַן עפֿן זיך געטאָן די טיר,
קוואַדיס איז אַרײַן גלײַך ווי אַן אַלט־באַקאַנטער:
— דער ערשטער? — האָט ער מיט באַגריסנדיקער שטים
איבערן ערד־שטיבל געגומען שפּרײַזן.
און אויסגעקעקער׳וועט האָט ראַקיטאַ זיך צו אים:
— דער ערשטער! אויב ניט רעכענען, מײַן פֿרײַנט, דאָס מײַזל!..

IV

אין ערד־שטיבל געזאָטן אױפֿן טיש האָט טיי.
מיט אַ באַנײַטן שטערן פֿון מאַיאָר אַרײַן איז שטיל סאַדאָווסקי.
ס׳האָט אים ראַקיטאַ אין האַלב-טונקלקײַט באַגריסט, אים ניט געלאָזן שטיין,
אַן אָרט פֿאַר ביידנ׳ס אויסגעמאָסטיעט.
— אַ גלעזל טיי! — האָט ער זיך צו די געסט געווענדט,
געוויזן אױפֿן סאַמאָוואַר האָט מיט דער האַנט ער, —
ס׳איז גוט זיך אויסשוויצן אין אָט די דריע ווענט,
און פּונקט ווי אין דער היים, און טאַקע מיט אַ האַנטעך!
ווי ס׳קער צו זײַן. ווי ס׳פּירט זיך.— און מיט שפּאַס
האָט ער פֿאַר אַלעמען זיך גאַסטפֿרײַנטלעך פֿאַרבויגן.
נאָר ס׳האָט סאַדאָווסקין אינטריגירט ראַקיטאַס גאַסט
און מיט פֿאַרווּנדערונג פֿון אים ניט אָפּגעווענדט די אויגן.
און אויך דער גאַסט האָט ניט אַרויסגעלאָזט סאַדאָווסקין פֿונעם בליק,
פֿון אויבן ביז אַראָפּ אים דורכדרינגלעך געמאָסטן:
— וואַרט אויס! — האָט ער אַ צי געטאָן זיך אױף צוריק, —
צי ס׳דאַכט זיך מיר, איך שווער, אַז ס׳איז סאַדאָווסקי!

V

— אָוואדיס! — האָט סאדאָווסקי זיכ געטאָנ א וואָרפ, —
פונוואנענ? יאָ!.. אָט דאָס קאָנ הייסנ — זיכ באגעג ט! —
ס׳האָט קיינער ניט געקאָנט שוינ אויסריידנ קיינ וואָרט,
נאָר מיט צעשפּרייטע הענט געלאָזט זיכ גיינ אנטקעגנ.
ראקיטא איז א ווײַל געבליבנ שטיינ,
ווי אינ פארלעגנהײַט, דעמ בליק צעוואָרפנ צווישנביידנ,
אונ אויסגעדרייט דעמ קאָפּ, האָט ער די קענדלעכ אָנגעפילט מיט טיי:
— נו, יאָ... סע טרעפט אפ דער מילכאָמע אלצ. פארשיידנ...
— ס׳וואָלט קיינמאָל מיר ניט אײַנגעפאלנ!.. נו, דערציילל,
ווענ קומסטו אָנ? אונ וויאזוי? פונוואנענ?
וועסט עפשער גיינ צוריק צו מיר אינ טייל, —
איז שוינ סאדאָווסקי פונ אָוואדיסנ ניט אָפּגעשטאנענ.
אָוואדיס האָט פונ צײַט צו צײַט
א בליק געוואָרפנ אפ ראקיטאנ,
ער איז געווענ פונ אופרעגונג צעשטרײַט,
אונ דאָס געשפּרעכ א יעדער ווײַל געביטנ:

VI

— געוויס וועל איכ, סאדאָווסקי, גיינ צו דיר!
פאראנ נאָכ עמעצער פונ דײַנע אלטע לייבנ?
— פאראנ! געבליבנ! אלע נאָכ פונ פרי׳ר, —
דערלאנגט סאדאָווסקי האָט א הייב אימ.
ראקיטא האָט געשמוכט. ס׳איז אימ געווענ צומ הארצ.
ער האָט אינ זײַנע זינ די גאָלדענע דערמאנט זיכ,
אונ דאָכ דערקלערט, אז צײַט וועלנ זיי האָבנ נאָכ א סאכ,
אונ אפנ טאָג-אָרד׳נונג פאראנ איינ פראגע נאָר איצגאנצנ!
א וואָלעכל אינ סאמאָוואר דאָס דריטע מאָל פארזידט.
— איז טרינקט! וויבאלד איר אזוי טרעפלעכ זײַט אראָפּ שוינ.
אונ פאר א רוסישנ אנ אלטנ זיט
דארפ אויכ דער טויט אונ אויכ א באָמבע האָבנ אָפּטײַ. —
אינ די באוועגונגענ — געלאסנקײַט פונ צײַט,
דערפארונג האָט געברענט אינ זײַנע שלאָפלאָזע שווארצאפּלענ,
אונ גלײַכ האָט מיט א בלײַשטיפט ער געטאָנ א טײַט
אפ דער באפינטלטער אונ אויסגעקניטשטער מאפּע:

VII

— זיי שפּארן דאָ! דער וועג — כאַטש טאַנצ!
און אונדז ווערט וואָס א ווײַלע קלערער,
אז אפּ אזא ניט-אויסגערעכנטער דיכטאנצ
קאָן זיך ניט רירן אונדזער ארטילעריע.
איז, ערשטנס, צווישן איין און אַנדערן געשלעג
וועט אויסקומען, ווי ס'וואָלט זיך ניט געוואָלט דאָ,
אריבערפירן זי אפּ יענעם ברעג...
אפּ יענעם ברעג, — איבערגעכאַזערט האָט ער, — פון דער וואָלגע... —
די טיי איז שוין פון לאַנג געוועזן קאַלט,
געשלאָגן האָבן בליקן אין דער מאַפּע זיך, ווי כוואַליעס: —
איך וועל אין שטאַב א קלונג טאָן באַלד,
באַשטעטיקן זאָל מיר אליין דער גענעראַל עס! —
סאַדאָווסקי האָט געקוקט אראָפּ,
ווי ס'וואָלט אים פון ראַקיטאַס רייד געוואָרן עפּעס שווערער,
און, טראַכטנדיק, געשאָקלט מיטן קאָפּ:
— ס'וועט ווערן אומעטיקער אָן דער ארטילעריע...

VIII

באַדויערן האָט ער קיין צײַט געהאַט
און שאַנסן קיינע אפּ זיך ווערן,
און דאָך געפּרוּווט: — ס'האָט ליב א רוסישער סאָלדאַט,
אז נאָענט זײַן זאָל נעבן אים זײַן ארטילעריע,
ווי דער באַיאַן... צי שפּילט ער יאָ צי ניט,
נאָר גלאַט אזוי — דו גיסט א קוק, דו זעכסט אים,
און אזא וואַרעמקײַט צעגיסט זיך אין געמיט...
די ארטילעריע איז פּונקט אזוי. דו פילסט זיך פעסטער,
דו פילסט זיך זיכערער און אײַנגעשפּאַרטער דאַן,
אז קיין שום טײַוול אין דער וועלט וועט דיך ניט רירן,
מעג זײַן מיט הונדערט קעפּ דער דײַטשער באַלאַגאַן,
הערט דאָן דער רוסישער סאָלדאַט אים פּאַר א פירער. —
עס האָט ראַקיטאַ אופמערקזאַם געהערט,
די גלאָזן א רוק געטאָן צום סאַמאָוואַר צו,
און ווי זי גיסט זיך איבער — ניט באַמערקט;
עס זײַנען ניט געווען סאַדאָווסקיס ווערטער אים צום האַרצן.

נאָר ער באמיט האָט אײַנהאלטנ זיכ פאָרט
אונ שטיל א זאָג געטאָנ, ווי פארנ גאָרגל א פארקלעמטער:
— אויב איר פארלאנגט, די ארטילעריע זאָל בלײַבנ אפ איר אָרט,
איז צווינגט דעמ דײַטש, ער זאָל פונ ראנד זיכ א פארנעמ טאָנ!
נאָר האלטנ זי, ווי א באיאנ, אזוי זיכ גלאט,
ניט שפילנדיק אפ איר, נאָר פלאָנטענ זיכ דערנעבנ,
ניט דאָס האָט ליב, מאיאָר, א רוסישער סאָלדאט,
אונ ליב געהאט ער האָט עס קײנמאָל ניט אינ לעבנ.
אונ צווייטנס: דורכגעהריזעט אונדזער שוץ האָט א שפארונע.
דער קעגנער זעט דורכ איר אלצ, וואָס ער דארפ.
פארמאכנ זי! אונ נאָכשפירנ! אנ אויגנבליק קײנ רו ניט!
די אויגנ נעמענ אינ די הענט. זײ האלטנ שארפ!
אונ אלצ! — דערווידערונגענ האָט סאדאָווסקי ניט געהאט,
אונ אויכ קײנ צײַט. ער האָט זיכ שנעל געזעגנט.
אינ פײַער ביזנ האלדז ז׳געשטאנענ סטאלינגראד,
אונ סרייפעס האָבנ אימ די גרונטפעסטנ געזעגנ!

19. יעדער שפאנ ערד

I

מיט בלײַ, מיט פײַער אונ מיט רויכ
די ערד די אויסגעפײַניקטע באשפריצנד,
געריסנ האָט דער פײַנט זיכ צו דער הייכ,
וואָס ס׳האָט באהערשט סאדאָווסקי בא דעמ טײַכעלע צאריצא.
מיט טאנקענ כוואליעסווײַז צו איר האָט ער גענענט
פונ דרײַ אנטקעגניבערדיקע זײַטנ.
דער סטעפ ארומ א קרעכצנדיקער ברענט,
אונ דורכגענייט מיט פלאמ זײַנענ די ווײַטנ,
געגאנ איז פאר דער הייכ אנ אומגעהערטער שטרײַט,
דעמ זעקסטנ טאָג האָט ער אינ שלאכטנ זיכ געצויגנ,
אונ אָפהאלטנ די הייכ די דאָזיקע באטײַט:
פארבינדנ בא דעמ פײַנט פאר דעמ ארומ די אויגנ.
פונ דאָרט וואָלט זיכ פאר אימ געשפרייט די שטאָט,
פונ דאָרט האָט ווידערשטאנד אנטפלעקט זיכ פאר אימ מוטיק.
באהאָפטנ יעדער ווײַל מיט איר זיכ אנ ארמייער האָט
אונ פאלנדיק — ניט אָפגיינ! — אויסגעבלוטיקט.

II

אין פיבער און אין פלאם, מעסלעסן נאָך מעסלעסן
פארפלייצט פון מאבלדיקן פײַער אין דער שלאכט,
קאָן דאָך די ערד די הוילע ניט פארגעסן
די טעג, ווען דאָ געשמידט האָט זיך די פראכט
פון לאנד בארופענעם צו זײַן די מאמע,
צו זײַן די פעלקער-היים, די ערשטע אין דער ריי,
ווען אויסגעפּאָכט האָבן דאָ כאָכמעדיק די האמערס
די גלאָקן-ליד פון פרידן און פון פרייד;
נאָר בלעטערן די צײַט איז ניט פאראנען ווען דאָ.
איבערן קאָפּ פארטאָגן אין פײַער און אין פלאם
אפּ אויסלייזן די פרײַהײַט די געשענדטע
און אויסברענען באם שלאנג אין מויל דעם סאם,
וואָס צו די וואסערן פון וואָלגע שוין געגענט דאָ
מיט כורבן, מיט פארניכטונג און מיט פלאם, —
איז אופגעפליגלט ס׳לאנד — אפּ טויט און אפּ פארלענדונג.
און אָנטאָגן לאָזט עס ניט קיין צאם!

III

פארטויבט פון בראָך און בראַנדיקע בוראנען,
אין פיבער און אין קלעם פּין פלאמיקן באראָט,
קומט יעדער שטויב און שטיין איצט צו דערמאנען,
אז דאָ געשטאנען איז א בלִיענדיקע שטאָט,
אז ס׳האָבן דאָ פּראָספּעקטן שטאלטנע זיך געגארטלט,
און שטאָלצע קאָרפּוסן, פּארוואָרפן אין דער הייך,
זײַנען דעם הימל און דער זון געווען געגארטער,
ווי שפּיצן בערג — די וואָלקנס אין געטויך,
אז ליכט האָט דאָ אפּ מײַלן-ווײַט געקישעפט
און מײַלן-ווײַט דער פינצטערניש באדראָט,
אז קינדערשער געלעכטער, מונטערער און פרישער,
ווי גלאָקן פון דער צוקונפט דאָ געקלונגען האָט,
אז אין גערימטע שלאכטן וועט איר פאָרשטיין
פון גרויסער פרווו דער טרויער און דאָס גליק,
און ביז דעם לעצטן בראָכשטיק:
„קיין טראָט צוריק!"

IV

איז לאָזט זי ניט דעמ מוט דעמ זוניקנ קיינ פאל טאָנ,
ווענ ס'טאנצט אפ איר דער בלוטיקער פארלענד.
די הענט, וואָס האָבנ זי געבויט, געשטאלטיקט,
זײַנענ שויג אויכ פארקוילט, ווי אירע ווענט.
די גאסנ לייענט דאָרט דער טויט, ווי שווארצע הִיעראָגליפנ
פונ בראָכ אונ כורבנ טליִענדע דורכויס.
זיי לויערנ מיט וויי, מיט ווונדנ טיפע
אפ גאָר דער שטאָט, איבער איר גאָרער גרייס,
נאָר סק'לאפט דאָס הארצ, וואָס האָט זי אופגעפליגלט,
א יעדער פלאצ באשווערט עס אונ דערהייבט,
אז שלאָגנ זאָל זיכ יעדער שטיינ אונ יעדער ציגל,
אז בײַשטיינ זאָל א יעדער זאמד אונ יעדער שטויב
די פרווו פונ בלײַ, פונ פײַער אונ פוגאסנ
אונטער דעמ סוינעס פלעטנדיקנ טראָט.
אונ ס'שרײַט דאָס אש פונ אָפגעברענטע גאסנ,
אונ בראָכשטיקער פארגייענ זיכ פונ פלאקערדיקער שטאָט:

V

אויב א געבײַ קאָנ מער ניט זײַנ איצט קיינ געבײַ דאָ,
אויב ס'קאָנ א נעסט ניט זײַנ איצט מער קיינ נעסט,
זאָלנ די גרונטפעסטנ אליינ זיכ טאָנ א שלײַדער,
ווי באריקאדנ זיכ אוועקלייגנ געפרעסט.
קיינ שפאנ צוריק אונטער דעמ בראָכ פונ דונערס,
קיינ שפאנ צוריק אונטער דעמ כאאָס-צעפאָלאָכ
פונ שטאָל אונ פלאמ אונ גאוועדיקע הונענ
ביז לעצטנ קרעכצ, ביז לעצטנ פאָכ!
אונ דער קאנאָנענ-שטורעמ אויכ דער גרעסטער,
ווי פלעטנדיק ער זאָל ניט זײַנ,
קאָנ מער ניט ווי צעוואלגערנ די נעסט דאָ,
נאָר קיינמאָל ניט אינ איר ארײַנ!
א יעדער זאלפ פארקריצט זיכ דראָענדיקערהייט דאָ,
ווי הויערדיקע איידעס צו דעמ יאָמ-האדינ,
וואָס אפ דער גאנצער לענג אונ ברייט זיכ גרייטנ
פונ סטאלינגראד ביז צו בערלינ.

VI

מעסלעסנ קײַלעכיקע, װאָכנ נאָכאנאנד
זיכ ניט צעשײדנדיק מיט געפּאַרנ אונ מיט װײַטנ —
די שוצ געהאַלטנ האָט באַמ ראַנד
סאַדאָװסקיס טײל, געשטאַלטיקט פונדאָסנײַ דאָ.
געדריקט פונ אונטנ האָבנ הײלע סטאַרטשענדיקע װענט,
פונ פאָרנט האָט געשטײַגט דאָס פלאַמיקע געװיטער,
נאָר הימלעכ איז סאַדאָװסקינ דאָכ געװענ
פונ נאָ'נטער שכײנעס מיט איװאַנ ראַקיטא.
אונ אינ דער הײכ זײַנ שוצ געװענ איז זיסער פונ קאַיאָר:
אינעמ מאָטאָרנ-רױש האָט ער געהערט דעמ פּאָכ פונ פרילינג.
ער האָט געװוּסט, אַז אײנער א מאַרגוליס, א מאַיאָר,
איז קאָמאַנדיר פונ דער בארימטער עסקאַדריליע.
מאַרגוליס! האָט די גאַנצע צײַט געפּיקט אינ קאָפּ,
דעמ דאָקטער אימ דערמאָנט... אונ אימ דאָס האַרצ געזעגנ...
ער װאָלט געפרעגט, צי האָט ער עמעצנ אינ גראָנאָטאָפּ,
אויב יאָ... איז בעסער, װאָס ער קאָנ עס אימ ניט פרעגנ...

20. א בריװעלע דער מאַמענ

I

נאָכ א דרײַ-שאָעדיקנ רײס איבער די קעפּ פונ פײַנט
כאַפּט דער מאַיאָר מאַרגוליס זיכ אַראָפּ אינ דער זעמליאַנקע.
עס דוכט, אַז ס'טראָגנ אימ א פרײדיקנ אַהינ אַרײַנ
אַפּ א שטיק בלויענ הימל פאָלקסטימלעכע קלאַנגענ.
עס דוכט: ער זעצט נאָכ פאָר דעמ פּלי איבערנ ראַנד,
ער רײַסט נאָכ ערגעצ דאָרט פאַנאַנדער צאַמענ,
אונ זינגענדיק, גיט ער א רײַב א האַנט זיכ אינ א האַנט:
„א ברי—י—װע—ע—לע דער מאַמענ, זאָ—אָ—ל—סטו ניט פאַרזאַמענ!..״
אונ אײדער נאָכ ער זעצט צומ טישל זיכ אַװעק,
אונ אײדער נאָכ ער גיט דעמ ראָק א טעלעבענדע,
טוענ די אויגנ זײַנע, שײַנענדיק, א פרעג:
— די זינגערנ פונ דער בריגאַדע ז'ניט געװענ דאָ?
איז ברענגענ זאָל מענ גלײַכ דאָס פײגעלע אַהער,
א פאָלקסליד קומט אימ נאָכ אַזא שפּאַציר-גאַנג!
עס זײַנענ אימ די פיס א ביסל נאָיענדיק אונ שװער,
נאָר ס'איז אימ אַפּנ האַרצנ לײַכט אונ ליכטיק!

II

עס קאָן זיך אויסדוכטן, אז בלויז צוליב דער ליד
ער אין דער לופט האָט זײַנע אָדלערס אופגעהויבן
און נאָכגעיאָגט נאָך איר זיך פלאמיק און צעגליט,
אָט איז זי — מיט איר פײַן און מיט איר צויבער.
ער רעדט מיט איר, ווי נעבן אים וואָלט זי געווען:
— אוי, טאָכטערל, ס'איז הײַנט געווען מיט זיבן טאמען! —
און גיט פונסנײַ א פליעסקע מיט די הענט:
„א ברי—י—ווע—לע דער מאמען, זאָ—אָ—ל—סטו ניט פארזאמען...״
און אף דער מאפע בלויז א קוק. אזוי זיך. בעניי-ביי,
ווי אין א קאָרט אזא, וואָס צוקויפן מע קאָן דאָ,
און מיט א הארציק ניגנדל: „טירימבאָם טירימביי״:
— פאראן א טויז... באדארף מען איצט א צענטל!.. —
ער איז נאָך ערגעץ דאָרט. אליין ער זאָגט זיך: טאק!
נאָר ווען עס טוען פרײַנט פון דער זעמליאנקע א באפאל אים,
גיט ער מיט פינגער א באריידעוודיקן קנאק: —
נו וואָט!.. סעוואָדניא מי סימפאָניו אים דאלי!

III

זיי האָבן זײַן מאשין פונוויַיטן נאָך דערקאָנט.
זי איז דערשינען פון א וואָלקן. מיטאמאָל. און אומגעריכטע.
און שרעקנדיק זיך צוגיין נאָ'נט
און בײַטנדיק א יעדער ווײַל די ריכטונג,
ווי אין קאדאָכעס פיבערדיק — אראָפ, ארופ,
צעקוויטשעט האָבן זיי זיך דורך דער ראדיאָ:
„אכטונג! האלט! דער יודע אין דער לופט!״
אזא מין קאָוועד פלוצעם פון די דײַטשן — נא דיר!
אזא מין פײַערלעכע ווילדע כריפערײַ,
אזא פארטויבטער הינטישער געבורע,
צי וועלן זיי נאָך באלד ניט א געשריי טאָן: „הײַל!״,
ווי ס'וואָלט אין לופט ארויס אליין דער פיורער!
בענומען האָבן זיי דאָרט איבערוואַרפן זיך געשווינד
און קריכן פון דער פעל און אף די אויגן בליאקען:
— מיט וואָס, טראכט איך, האָסטו אזוינס פארדינט,
מארגוליס בען אווראָם, בען ייִצכאָק אובען יאנקעוו?

IV

כ'האָב ליב, — גיט ער זיך שעמעוודיק אַ קער, —
די צאָל די קײַלעכדיקע אַכצן!
געכאַפּט אַ ציל — ניט ווייניקער ניט מער,
אין קאָפּ אַ ביכל שווער, נאָר לײַכט איז אָפּן הארצן.
רעביאַטאַ! — האָט ער גלײַך וועגן די געסט
דער עסקאַדריליע געטאָן צו וויסן, —
די אָרד'נונג האַלטן אײַזן-פֿעסט,
און איינס פֿון אַנדערן קיין האָר זיך ניט צעשליסן!
נאָר אָפּגעקייטלט האָבן זיי מיך דאָך,
אַ קאָרידאָר געמאַכט בײַ מיר אין עסקאַדריליע.
געווען זיי זײַנען זיכער אין מײַן בראָך
און פֿרעך גענומען זיך מיט מיר אַ ביסל שפּילן.
— נו, גוט! — און נאָך אַ קורצינקן געיעג
האָבן צוויי יונקערסן געפּרוווט אין קלעם מיך אַ צעמיש טאָן;
אַ שמעק געגעבן איינער האָט בײַ מיר אונטערן עק,
נאָר ס'האָט אים אָנגעכאַפּט אַ ניס ביז צו די סאַמע קישקעס!

V

געגאָסן האָט ער, ברעכנדיק, זיך גלײַך איבערגעקערט,
דערנאָך אַ רעגע אין דער לופֿט זיך נאָך געהאַלטן.
— נו, וואַקסן זאָלסטו מיטן קאָפּ אין דר'ערד! —
האָב איך אים צוגעווינטשט, ווען ער געלאָזט האָט זיך אַ פֿאַל טאָן.
דער צווייטער האָט, ווײַזט אויס, זיך ניט געריכט,
ס'זאָל בײַם מאַיאָר פֿון עק אַ רעד טאָן פֿײַער,
איז אים, ניט לאַנגדיק באַדענקען זיך און טאָן אַ ריר,
האָב איך צום לאַנדסמאַן זײַנעם אים אַוועקגעשיקט אויף דער לעווײַע!
ער האָט נאָך אַלץ, ווײַזט אויס, געגאַוועט: — סטײַטש!
אַראָפּגעקלאַפּט בײַם עק. מיט וואָס? פֿונוואַנען?
— פֿונדאַנען! פֿאָטער! הויכגעשעצטער דײַטש! —
און מיט אַ גלײַכינקס אים דערקלערט, וואָס ער האָט ניט פֿאַרשטאַנען.
די איבעריקע האָט מען שוין געפֿלעט צוזאַמען, מיטאַמאָל.
און אַזוי נאָ'נט, כאָטש אָנשפּײַען אַ יעדערן אין פּאַרצעף.
איך האָב זי ליב, די אַכצנדיקע צאָל,
אין קאָפּ ווערט פֿון איר שווער, נאָר לעבעדיק אין הארצן! —

V

ער גיט דעם בליק איבערן ערד-שטיבל א פיר,
און זינגענ ווילט זיך אים, אינ האלדז צעגייט דער טאם אימ:
— איז דאָס געווענ, רעביאטא, א שפאציר!
אליינ דער הימל איז א בריוועלע דער מאמענ! —
עס בעטנ זיך די פיס זיי אָפּלאָזנ א טאנצ טאָנ,
און זיך ארומנעמענ מיט עמעצנ גייט אויס דאָס הארצ.
געגאנ איז ער די גאנצע צייַט אפ נאָענטע דיסטאנצנ,
די גאנצע צייַט איז אינ די אויגנ אימ געווענ שווארצ.
ער האָט געזענ די קוילערס נאָענט אינ געזיכט.
די ציילעמער, ווי ווערעמ אינ דעמ לעצטנ פויזע.—
דאָס וועט א בריוועלע דער מאמענ זייַנ, ס׳וועט קומענ גיך,
איז זייַט זשע מויכל אינ דער ערד אריַינ, ראבויסייַ! —
ס׳איז אופגעגאנ אזא מינ הערלעכ ליכט, .
ווענ זיי האָבנ אפ דר׳ערד געטאָנ זיך א צעשאָט דאָרט.
ער האָט געהערט, ווי ס׳האָט די ערד אימ אפלאָדירט
און ווי געפּאָכעט האָט צו אימ די לייַבלעכע פּעכאָטע.

VII

און דאָ גיט זיך אנ עפנ אופ די טיר,
און ס׳קומט אריַינ די זינגערנ פארויטלט.
— נו, וואָס, א ליד באדארפ מענ אויסזינגענ מיט דיר, —
גיט זיך מארגוליס ברייט אזא צעהוידע, —
דערהערנ זאָלנ זי דאָרט אינ דער לופט
די אָדלערלעכ פונ מייַנ ספּירטאָוונער עסקאדריליע!—
די אויגנ ער פארמאכט און עפנט זיי ניט אופ,
ביז ער דערזעט זייַנ היימ, וואָס ס׳האָט דער דייַטש פארטיליקט.
א טרויער פאלט אימ אָנ, ווי נאָר ער בלייַבט אפ דר׳ערד,
די מאמע מאָלט זיך אימ פארפייַניקט... און דער טאטע...
זי קומט אריַינ, די זינגערנ, אהער,
ווענ פריַי איז פונ קאָנצערטנ די בריגאדע,
א ליד א יידישע אימ אויסזינגענ אמאָל,
אימ אינ זייַנ היימ דער כאָרעווער דערמאנענ...
נאָר ס׳האלט ניט אויס זייַנ הארצ און ניט זייַנ קאָל,
אליינ פארגייט ער זיך: „שפאצירנ זייַנעג מיר געגא-א-נגענ...”

VIII

— נו, טאָכטערל! — כאפּט ער זיכ אופ אונ גיט צו איר א זאָג
אונ לאָזט זיכ פּאָטערלעכ צו איר גענענענ, —
געשלאָגנ האָבנ מיר קאַפּאָרעס הײַנט פאַרטאָג
מיט אכצנ דײַטשע גאַלאַגאַנסקע הענער!
דו ווייסט, וואָס הייסט קאַפּאָרעס שלאָגנ? — יאָ...
— פינוואַנגענ ביסטו?.. קיינער ווייכט דאָכ ניט, נעשאָמע!..
— קאַפּאָרעס שלאָגנ ניט קיינ קאָמסאָמאָלקעס, טײַערער מאַיאָר,
אונ איכ בינ פונ א שטעטעלע, וואָס איז שוינ אפּ דער וועלט נישטאָ מער!
— נישטאָ מער, זאָגסטו, טאָכטערוניע? Да...
עס וועט נאָכ אופקומענ... ס׳וועט אופשטיינ פונ די גריבער...
ס׳וועט עפּשער אנדערש אויסזענ אלצ, ווי דאנ...
ווענ מ׳האָט די יידנ העפקערע צומ טויט געטריבנ...
אונ דאָ, — האָט ער איר שטיל געגעבנ א פּאַרטרוי, —
שלאָגנ קאַפּאָרעס קאָמסאָמאָלקעס אויכ מיט פײַער מיט אזא מינ...—
אונ אינ די אויגנ איר א קוק געטאָנ פאַרטרוימט: —
נו, טאָכטער, גיב א זונג — „א בריוועלע דער מאַמענ...“

IX

פאַרגינענ מער האָט ער זיכ ניט געקאָנט,
קיינ צײַט אפּ טרויער — מער האָט ניט געהאט ער,
געשוועבט פאַר זײַנע אויגנ האָט דער פראָנט,
דער הימל אײַנגעטיילט אינ פּינקטלעכע קוואדראטנ.
געצײַטיקט האָט זיכ אינ זײַנ קאָפּ א נײַער גאנג —
אינ ווערטיקאל אפּ דוירעסנ די ברוינע פּאַראַזיטנ.
נאָר ניט געהאט קיינ צײַט אפּ טראכטנ לאנג,
אנ אופגעלויכטענער ער לאָזט „דאָס בריוועלע“ זיכ א פאַרצי טאָנ.
עס איז אימ נאָכגעגאנ די ליד פונ קינדווײַז אָנ,
ארויסגעגאנ מיט איר איז ער פונ אָנהייב לעבנ,
איצט האָט ער אלע ווײַל געטאפּט דעמ האָריזאָנט
אונ אלע ווײַל א ריס זיכ אינ דער ווײַט געגעבנ,
ס׳האָט פאַר זײַנ בליק געשוועבט פונ אכצנ יונקערסנ דער פאַל,
אינ פלאמ זיכ טראָגנדיק צו דר׳ערד, ווי שטיינער:
— מע דארפ זיי דוירעסנ, האָריזאָנטאל אונ ווערטיקאל, —
האָט ער א ברומ געטאָנ, ווי נעבנ אימ וואָלט ניט געווענ קיינער.

ער האָט געהערט די ליד, און ס'האָט זיך אים געדאכט,
אז גאָר די וועלט פארגאנגען איז אין געוויין זיך.
דאָס איז זײַן היים, און אויסגעריסענע פון טראכט,
דאָס איז זײַן מאמע — איבער וועגן, איינזאם...
נאָר ס'הענגט צעטיילט דער הימל פאר זײַן בליק,
און ס'שווינדלען פינטעלעך, ווי שווארצע פּאָקן.
ניין, ניין, זיי וועלן זיך ניט דורכרײַסן צוריק,
מע וועט זיי דאָ צעטרייבערן און זיי צעבראָקן!
ער האָט געהערט די ליד און האָט זיך זײַנס געטראכט:
ניט מיט קיין ליד און אויכעט מיט קיין צוויי ניט —
מע דארף די דײַטשן שלאָגן טאָג ווי נאכט,
און פיר און צוואנציק שאָען אין מעסלעס זײַנען אים ווייניק!
— ווי שפעט איז, טאָכטערל, ווי שפעט איז, ווארט, —
ער קאָן זיך מער אצינדערט שוין ניט זאמען,
דער הימל רופט. עס הייבט זיך אָן דער סטארט,
מע הייבט זיך אויף: „א בריוועלע דער מאמען!..."

21. ראָזעווע קאיאָרן

I

קיין גרוס האָט וויפל צײַט מארגוליס ניט געהאט
פון סאטנס היים. קיין סאטנס היים שוין ניט געווען איז.
געווען א הימל איז, געווען איז סטאלינגראד,
און צווישן זיי — די פײַערדיקע גרענעץ.
וואָס נאָך? געווען איז איינגעצוימטער ווי
אין שרעק פארטײַטער פאר עלטערן, פאר אלטע.
א וועלכער ווינט וועט אים דערציילן וועגן זיי,
ווי ער האָט אונטערוועגס זיך באַם געבן זייערס פארהאלטן?
שוין זיבן יאָרן, אז דער הימל איז זײַן היים,
שוין זיבן יאָרן, אז דער הימל איז זײַן גורל,
אין זײַנע גיטער רײַסט ער זיך סײַ אָפּן סײַ געהיים,
צום רוים דער צוטריט איז פארטרויט אים פון געבוירן,
ס'האָט אים קיין שטורעם אין די כמארעס ניט פארוויסט,
און אין די שלאכטן האָט קיין פלאַם אים ניט געבויגן.
ער האָט זיך אויסגעלערנט קרעמפּעיזן דעם ווײַ,
דעם אומגליק קוקן מיט א שמייכל אין די אויגן.

II

דערמאָנענ זיכ איז אים אַלײנ אַצינדערט שווער,
פונ ווענ האָט ער זיכ אָנגעהויבנ מיט דער לופט פאַרנעמענ.
נאָכ אינ דעמ פינלענדישנ קריג איז פונ די ערשטע ער
איבער די בערג אונ סאָפּקעס שוינ געפלויגנ, ווי אַ דעמאָנ.
אונ אײנס אַפ אײנס, אונ אײנס אַפ צוויי, אונ אײנס אַפ דרײַ,
אונ אָפּגעקומענ שטענדיק בלויז ער מיט געפאַר איז.
געווענ דער הימל, ווי אַ מאַמע, איז געטרײַ,
אונ ס'האָבנ אים פונ אַ גוט-אויג פאַרשטעלט די כמאַרעס.
ער גיט די בלוי פונ ווײַטנ אַ פאַרזויג
אונ לאָזט איבער די וואָלקנס מאַלכעסדיק זיכ שווימענ;
ער פילט זיכ עפּעס יאָמטעוודיק אונ פעסט אַזוי,
ווי נאָר ער גיט אַ הײב זיכ צו דעמ הימל,
גלײַכ ווי אַפ אים האָט ער זיכ, ווײניקסטנס, געלערנט גײנ,
אונ גיט צו זיכ אַלײנ אַ פינטל מיט די ברעמענ;
דערמאָנענ קאָנ ער זיכ אַצינד שוינ ניט אַלײנ,
פונ ווענ האָט ער זיכ אָנגעהויבנ מיט דער לופט פאַרנעמענ.

III

אינ פינלענדישע פרעסט האָט ער געהאַרטעוועט דעמ טראָט,
אינ פינלענדישע בערג געלאָזט האָט ער זיכ הערנ.
פונ דאָרט זיכ אומגעקערט אינ לענינס שטאָט,
באַצירט מיט גאָלדענעמ פינפעקנדיקנ שטערנ,
באַצירט מיט לענינס ליכטיקײַט די ברוסט,
באַצירט דאָס לײַב מיט זיבנ פײַערדיקע ווונדנ.
געקוקט האָט יעדער בלאַט פונ בוימ צו אים מיט גרוס,
אונ ער האָט יעדער שאָרכ פונ ווינטעלע באַוווּנדערט.
געדוכט האָט זיכ, אַז ס'וואַרט אים יעדער גאַס
אונ אַזוי לײַבלעכ-נאָ'נט איז יעדער שטײנ אים.
אַ זונ אַ לײַבלעכער ער איז דאָ, ניט קײנ גאַסט,
די ערד קער אים אַ מאַמע אָנ, ווי יעדנ אײנעמ.
די ווונדנ אים געהײלט האָט לענינגראַד;
באַזעצט האָט ער דערנאָכ זיכ אינ „אַסטאָריע“,
אונ אַ פאַרטרוימטער קוקנ ליב האָט ער געהאַט
אַפ איסאַקיִער טעמפּל אינ די ראָזעווע קאַיאָרנ.

IV

געווענ געלײַטערט דאָס געמיט איז אים אונ קלאָר,
די אויגנ—שארפ אינ הימל ערגעצ ווײַט שוינ.
אָט אינ אזא מינ העלנ, ראָזעווע קאיאָר
האָט ער דאָס ערשטע מאָל געטראָפנ זיכ מיט דײַטשנ.
נאָכ א באנאכטיקער הוליאנקע אינ האָטעל
האָבנ צוויי דײַטשנ אפ שפאציר אוועקגעלאָזט זיכ
אונ אפ מארגוליסנ די אויגנ אָנגעשטעלט.
געפרעגט האָט איינער: — זאָג, ווי גייט מענ דאָ קיינ מאָסקווע?—
ס'האָט בא דעם אנדערנ א זאָט געטאָנ דאָס בלוט,
אונ א פארקוים האָט זיכ דאָס מויל בא אים געטאָנ דאָרט:
— ווי פרעגט מענ עס בא א פארפלוכטנ יוד?—
האָט זיכ די צונג אינ שוים בא אים פארפלאָנטערט.
ער איז געווענ אָנגעבלאָזנ—בלוי פונ ביר אונ ווײַנ
אונ עקלדיק ניט צוטריטלעכ פונ גײַווע.
דעם בליק געגעבנ אינ מארגוליסנ א שנײַד ארײַנ,
ווי ניט געקאָנט וואָלט ער זײַנ רויִקײַט באגרײַפנ,

V

אונ זײַנ פארטראכטקײַט לײַדנ ניט געקאָנט,
אונ זײַנ פאראכטונג ניט געוווּסט ווי צו באנעמענ.
דאָכ האָט ער צוגערוקט צו אים זיכ נאָ'ענט,
ווי מיט די אויגנ בלויז גענומענ אים אינ קלעמער
אונ זיכ צעקײַכט מיט א געלעכטער אפ א קאָל,
אינ פרעכער זיכערקײַט א טרייסל זיכ געגעבנ,
באטראכט מארגוליסנ דאָס צווייטע מאָל
אונ זיכ פונסנײַ צעלאכט נאָכ מיִעסער אונ גרעבער.
מארגוליס האָט קיינ ריר זיכ ניט געטאָנ פונ אָרט,
די אויגנ פונ דער ווײַט דער ראָזעווער ניט זָפגעווענדעט,
אונ רויִק טרינקענדיק דעם צויבער פונ קאיאָר
ביז צו דעם לעצטנ אומבײַט פונ די פײַערלעכע בלענדנ,
עטוואָס די אויגנ אינ דער זײַט דערלאנגט א קער,
בלויז ווי מע ענטפערט „א גוט-יאָר” אפ א „גוט-מאָרגנ”,
האָט ער א נעם געגעבנ פונ קאָבור דעם רעוואָלווער,
ארײַנגעהאקט א קויל דעם דײַטש אינ לאכנדיקנ גאָרגל.

VI

צו דעם צעפלאַסטערטן אין בלוט אָפּן פּאַנעל אַ צי
געטאָן מיט עקל און פאַראַכט האָט זיך מאַרגוליס אָפּ אַ רעגע:
— אַצינד קאָנסטו קיין מאָסקווע מאַכן אַ שפּאַציר,
און ווי מע גייט — פערשפּאָרן שוין באַ עמעצן צו פרעגן! —
און ניט געענדערט ניט דעם אויסזען, ניט דאָס קאָל,
איז ער אַרײַן אין וועסטיביול מיט דורכגייער מיט צוויי נאָך,
געפּאָדערט אָנשרײַבן אָפּ זיך אַ פּראָטאָקאָל,
פון דרויסן אָפּראַמען די דײַטשישע נעווײלע.
געזעצט האָט פון די צויגן באַ אים היץ,
נאָר ס'האָט די רויִקײַט קיין רעגע ניט פאַרלאָזט אים.
דאָס איז געווען דער ערשטער פּריץ,
וועמען געוויזן האָט אַ ייִד דעם וועג קיין מאָסקווע.
דערנאָך אַ סאַך האָט ער מיט זיי צו טאָן געהאַט,
פון ראַנד צו ראַנד אַ כעזשבן זיי געעפנט.
אַצינדערט ווײַזט ער זיי זעם וועג קיין סטאַלינגראַד —
דירעקט. זיי בלאָנדזשען ניט. זיי טרעפן.

VII

און אַלעמאָל אים ווילט זיך אונטערשטרײַכן, אַז ס'איז ער,
מאַרגוליס בען אַווראָם, בען ייִצכאָק אובען יאַנקעוו,
באַגיכט די שאַרבנס זייערע מיט בלײַ און פּעך
און צו דער ערד מיט פלאַם ער זיי פאַראַנקערט.
יאָ, ער — דער יודע, דער סאָלדאַט, דער קאָמוניכט,
וואָס ס'דוכט דעם דײַטש, אַז יעדן מעסער קאָן זײַן האַלדז געהערן.
ער זינגט, ווען דאָס צעגליטע בלײַ אָפּ זיי ער גיסט,
זײַן קאָל, זײַן שפּראַך, זײַן ליד זאָלן זיי הערן.
זיי זאָלן, קאָרטשענדיק זיך, הערן, אַז ער לעבט,
און וואַרגן זיך מיט זײַן נעקאָמע-פרייד דער בלאַנקער,
באַגלייט ער מיט געזאַנג די דונערדיקע קלעפּ,
און מיט געזאַנג ער גיסט אָפּ זיי די טויט-געטראַנקען.
דאָס בלײַ, וואָס ער מיט דעם זיי בראָט און בריט,
איז קנאַפּ אָפּ אײַנוויגן דאָס האַרץ און דעם געדאַנק אים,
זיי דאַרפן, ערשטנס, וויסן, אַז ס'איז ער — דער ייִד,
מאַרגוליס בען אַווראָם, בען ייִצכאָק אובען יאַנקעוו!

VIII

ער ווייסט. ווי אויסגעשפּילט זיי האָבן שלאַכט נאָך שלאַכט,
ווי דאָס מילכאָמע־גליק איז זיי געגאַנגען אַנטקעגן שטענדיק,
ווען אין אַ שול האָבן זיי ייִדן שוצלאָזע פאַרשפּאַרט,
און ס'האָט אַליין דאָס פייַער זייער העלדנטאַט פאַרענדיקט.
ער ווייסט, ווי אומבאַזיגבאַר זייַנען זיי,
ווי דער מילכאָמע־רום דער בלענדיקער באַגלייט זיי,
ווען בײַ אַן אָפּגעשפּאַרטן דיוו פון ווונד און ווי
טיילן זיי זיגרייַך זיך מיט קליידער ייִדישע און כפּייצים.
ער ווייסט, ווי גרויסמוטיק, ווי איבערשיין
זיי נאַרן אָפּ די אומגליקלעכע, אומבאַשיצטע,
אַז ווי די שאָף די גלייביקע זיי זאָלן גיין,
אַז ווידערשפּעניקונג זאָל ערגעץ ניט קיין בליץ טאָן.
האָט ער דער זון פון די געטריבענע אָפּ פייַן —
מיט אַ געזאַנג פון די אַצאָמעס זיך געשלאָגן קעגן מערדער.
זאָל אים דער הימל, אדרבה, דאָ אַן איידעס זייַן!
אויב ניט אַזוי — ניט שווינען זאָל דער הימל און די ערד אים!

IX

אָפּ ייִדיש מיט די וואָלקנס אין דער הייך ער רעדט,
אָפּ ייִדיש מיט די קוילן דורך דער נידער רעדט ער.
און בײַ אַ שפּאַרבער, אויב דעם קאָפּ נאָר ער צעפּלעט,
פאַרטרייַבט ער אים אין דר'ערד אָפּ אָנדערהאַלבן מעטער.
ער אָפּ דערנע'נטערונג גייט אַלעמאָל אַליין,
ער האָט אים, דעם מעטורעפּ, ליב אַ טאָפּ טאָן מיט די אויגן
און זען, ווהין דאָס בלייַ גיט זיך אַ לייג,
און זען ביז דר'ערד די רויך־לענטע, ווי טרויער, אויסגעצויגן,
און שווינדלדיק זיך טאָן נאָך איבער אים אַ הייב,
אים אין דער גסיסע לאָזן נאָך אַן אויגנבליק, אָפּ אַנשוי:
— גיב, דייַטש, אַ קוק. ס'איז איך! מאַרגול'יס לייב!
קאַפּוט! איצט האָסטו אָפּ דער וועלט ניט וואָס צו טאָן שוין! —
און זינגענדיק, ער שנייַדט זיך אין אים אייַן —
אַן אויגנבליק — אין אַלע זייַטן פיר. צו פערטל!
זאָל אים דער הימל, אדרבה, דאָ אַן איידעס זייַן!
אויב ניט אַזוי — ניט שווינען זאָל דער הימל און די ערד אים!

X

אפ ייִדיש רעדט ער מיט די וואָלקנס אין דער הייך,
אפ ייִדיש רעדט ער מיט די קוילן אין דער נידער.
פון יעדער וואָרט ווערט פלאם, פון יעדער וואָרט ווערט רויך.
און ס׳פּרעגלט זיך אין זיי די דײַטשע פליִענדיקע הנידע.
זי פּלאַצט פון פּאַכעד און פון גרויל פּאַרפּרעסט,
און העליש פײַער גיט די פּעל איר א צעוויקל.
מארגוליס ווײַזט איר אפ די וואָלקנס: — סאלע!.. פּרעס! —
מארגוליס ווײַזט איר אפן אָפּגרונט: — פּינצטער!.. פּיקע!
א שאָד... ניטאָ קיין וועג אפ אָפּטראָגן די פּיס,
דעם סקארב דעם אָנגערויבטן און די שמאטעס...
נו, וואָס? א הונ באארבעטן אין דאָרף איז אײַנגענעמענער געוויס,
א קינד צעטרייבערן — א ריטער־טאט פאר זיי קימאט איז —
ער קאָן זיי גוט — אי פון דער ווײַט אי פון דער נאָ׳נט,
פאר לאנגע דריכהאלבן מילכאָמעדיקע יאָרן.
ס׳פּארפּאָלגט אים דער קאיאָר, ווען ער האָט זיך צום ערשטן מאָל באקאנט
מיט זיי אין לעגינגראד בא דעם האָטעל „אסטאָריע״.

22. דער מישפּעט

1

פון פעלד יעדיִעס — איינע יאָגט די צווייטע אָן
אונטער דעם ראש פון אופרײַסן און פלאמיקע זאוויִען.
ראקיטאן האָט צו וויסן דאָרט אן אויסשפּירער געטאָן:
— פּארדעכטיק פירט זיך אופ אין שלאכט א רויטארמייער.
— דיר קאָן זיך אויסדאכטן! — גיט אים אליין א פּרווו!
— ווי האלט ער זיך? — מיט אלע פונדערווײַטן!
נאָר אלעמאָל, ווי נאָר ער הייבט זיך אופ,
באגינט א שיסערײַ דאָרט...
פּארדעכטיק שמעקט עפּעס זײַן יעדער ריר,
ער ווייסט אליין ניט וואָס, נאָר מאָדנע זאכן,
ווי ער דאָס פײַער וואָלט דעם סוינע קאָרעקטירט,
קיין טאָעס זאָל מען ערגעץ דאָרט ניט מאכן...
— ווו איז ער? — האָט ראקיטא זיך געטאָן א ריס.
— ווו זאָל ער זײַן? — געענטפערט יענער מיט א קרעכץ האָט, —
אפ יעדן פאל האָב איך אים אויסגעטאָן די ביקס
און אים געבראכט צו פירן גלײַך אהערצו!

II

— פונ וועלכנ טייל? — נעמט מײַנ דאָקומענט. לייענט!
— וואָס האָסטו דאָרט געטאָנ? — געווענ אינ אויסשפיר! —
ראקיטא האָט אפ אימ געטאָנ א בלישטשע מיט די ציינ:
— דעמ גאנצנ עמעס גלײַכ ארויסשפּײַ! —
אדורכגעקוקט ביז גרונט דעמ דאָקומענט
אונ ניט אראָפּגעלאָזט די אויגנ האָט פונ אימ ער,
אונ נאָכאמאָל א טאפּ ס׳פּאפּירל מיט די הענט:
— ס׳איז ריכטיק אלצ. א שטעמפּל. אונ א כסימע. —
ראקיטא דורכגעדרונגענ מיטנ בליק האָט אימ
דורכ די אראָפּגעלאָזטע ברעמענ די געדיכטע.
אינעמ פּאפּיר איז אלצ אינ אָרדענונג. סע שטימט.
נאָר שטערנ וועט ניט דעמ פארשוינ א קאָנטראָליר טאָנ.
פֿארדעכטיק האָט ער אימ זיכ דאָכ געדאכט,
צו גלאט איז יעדער וואָרט אונ יעטווידע באוועגונג;
איז נאָכאמאָל אימ דורכגענומענ דורכ אפּ דורכ,
אונ פונדאָכנײַ גענומענ אימ פאנאנדערפרעגנ:

III

— אינ אויסשפּיר ביסט געווענ? אליינ?
— אליינ! — גענײַלט זיכ ענטפערנ האָט דער געבראכטער.
אונ ווידער האָט ראקיטא אימ געטאָנ א לייענ,
קיינ דריי אימ ניט געלאָזט, צומ וואנט א צוגעשפּארטנ:
— אונ אויסגעשפּירט, וואָס מ׳האָט באדארפט, האָסט אלצ?
אונ ניט באמערקט אינ אויסשפּיר האָט דיכ קיינער? —
ס׳האָט די פארלעגנהײַט געשטעלט זיכ אימ אינ האלדז
אונ אימ א דריי געטאָנ: — כוץ איינעמ,
כוץ דעמ, וואָס האָט אהערצו מיכ געבראכט...
אונ מיר די אופגאבע פארענדיקנ געשטערט דאָרט...
— א שאָד!.. — האָט זיכ ראקיטא אופגעבראכט,
געווענדט צומ אויסשפּירער פארדעכטיק. —
נאָר קאָנסט דײַנ ערלעכקײַט באווײַזנ סײַוויסײַ,
אנ אופגאבע א נײַע האָסט אזוינע:
א גרופּע רויטארמייער נעמ אונ גיי פונסנײַ
די פײַער־פונקטנ ווײַז, וואָס דו האָסט אויסגעשפּירט באמ סוינע!

IV

אנ אויגנבליק האָט ער געקלערט, ווי א פּאַרקלעמטע שלאַנג
באַמ שטיקל פֿליש ביט סאַמ, וואָס ס׳שטעקט אימ אויס דער יעגער,
אונ עס א קײַ געטאָנ אזוי, ווי מ׳האָט עס אימ דערלאַנגט.
— נו, גוט!.. כ׳האָב אויסגעשפּירט דאָרט גוט די וועגנ, —
געטאָנ האָט דער פּאַרטעטער זיכ א דריי
אונ מיט א ביסל שפּײַעכצ דורכגעשווענקט דעמ גאָרגל.
אונ, טראַכטנדיק, אז דאָרט איז ער שוינ אינ דער היימ,
א זאָג געטאָנ: — איכ גיי! זאָל ווער סע וויל מיר נאָכגיינ! —
געשווינדלט דאָרט פֿאַר זײַנע אויגנ האָט פּאָנ-שפּעק,
די טליִע, וואָס באַוויזנ דורכ דער שויב האָט ער אימ דאָרטנ,
דער נײַיִנקער וועלאָסיפּעד
אונ די באָטפּאָרטנ...
— פֿונוואַנענ ווײסטו אזוי פּונקט אונ אקוראַט?
— איכ ווייס! — האָט ער געגעבנ א פּאַרעד זיכ אונ א ציטער.
— קומט אויס, אז האָסט מיט זיי פֿאַרבינדונגענ געהאַט? —
זיכ אופגעהויבנ רויִק האָט צו אימ ראַקיטא...

V

— נאָר אויסקויפֿנ דו קאָנסט אצינדער דײַנ פּאַראַט,
אונ דײַנ פֿאַרברעכ באַצאָלנ בלויז מיט איינעמ:
ארויס אינ פֿעלד פֿאַר די פּאַרטײדיקער פֿונ סטאַלינגראַד
אונ מעלדנ הויכ: כ׳בינ א פֿאַרעטער פֿונעמ היימלאַנד! —
דער טויט צו אימ א ווונק פֿונ ערגעצ האָט געטאָנ,
אונ אָנכאַפּנ געפּרוווט האָט ער זיכ פֿאַרנ לעבנ...
ראַקיטא האָט צעשטעלט פֿאַרנאַכט א באַטאַליאָנ,
באַפֿעלנ דעמ פֿאַרעטער שטעלנ זיכ דערנעבנ.
געברענט האָט סטאַלינגראַד, געריסנ זיכ פֿונ פֿלאַמ,
ווי פֿונ צעבושעוועטע, שטיקנדיקע קלעמער.
ס׳האָט דער פֿאַרעטער איבעריקס זיכ ניט געזאַמט
זײַנ שענדלעכ אָרט אינ שלאַכטפֿעלד צו פֿאַרנעמענ.
די הענט — אראָפּגעלאָזט. דער בליק — פֿאַרשפּיזט.
דאָס מויל דאָס אויסגעקרימטע — פֿאַרטיק צו פֿאַרהערנ.
— נו, מעלדע, — האָט ראַקיטא אימ באַפֿוילנ, — ווער דו ביסט,
זאָלנ די ברענענדיקע ווענט די סטאַלינגראַדער הערנ!

מיט שטילקייט אָנגעפילט האָט זיך דער פּלאַץ,
געיאָגט פון סטאַלינגראַד האָט פייערדיקע איימע,
און דאָס פאַרעטערישע מויל האָט ווי געפּלאַצט:
— כ'בין א פאַרעטער פונעם פאָלק און פונעם היימלאַנד! —
און זאָגנ נאָך עפּעס געוואָלט א וואָרט אזא,
נאָר אָפּגעהאַקט ראַקיטא האָט מיט אויסגעשטרעקטער האַנט אים.
— אַפּ דעם פאַרעטער פונעם פאָטערלאַנד און פאָלק — א זאַלפּ! —
האָט דורכגעהילכט איבערן שלאַכטפעלד זיין קאָמאַנדע.
א דונער פון פאַראַכט, פאַרניכטנדיק און העל,
האָט אַפּ דער אויסגעפלאָגטער ערד אים אומגעוואַלגערט,
און אָפּגעקלונגען ס'האָט דער זאַלפּ דער גרויזאַמער אין פעלד,
ווי א סיגנאַל א שלאַכטיקער צום אָנגריפ.
— און איצט — נאָך מיר, פאַרטיידיקער פון סטאַלינגראַד! —
א הייב געטאָן דעם באַטאַליאָן האָט גלייך ראַקיטא, —
פאַר אונדזער פאָטערלאַנד! איבער דעם סוינע — גראַד! —
און ס'האָט דער סטעפּ געטאָן א ציטער.

23. די פּאַרטיזאַנער אין וואַלד

I

און אין פאָגאָסט — דער פאָרזיצער פון דאָרפסראַט הענגט.
ער קוקט איבער פאָגאָסט מיט די פאַרגלייזטע אויגן,
ווי ס'כאַפּן טריפּעס אָן זיך אין דער ברייט און אין דער לענג,
ווי אין א שלייף ווערט יעדער שטאָל און שטיבעלע פאַרצויגן,
ווי ס'ווערט צו אַש — דאָס גוטס און האָב,
ווי פינף און צוואַנציק יאָרן האָרעוואַניע ברענען...
ער הענגט איבער דער הייך — אַראָפּגעדרייט דעם קאָפּ,
אז רוסלאַנד זאָל דורך רויך און פייער זען אים...
ער זעט, ווי ס'שווינדלט דורך א שאָלעכל באַנאַכט
אין וואַלד אין היימישן. ס'איז שפּייז פאַר פּאַרטיזאַנער.
ער ווייסט, ווער ס'איז. זאָל זי נאָר דורך די וואַך,
ער ווייזט איר טויטערהייט דעם וועג פונדאַנען...
קיין אַנדער וועג-ווייזער אין דאָרף איז איצט ניטאָ.
קיין הענער קרייען ניט. געפּלעפּט ז'די צייט דאָ.
א קרעכץ פון א דערשאָסענעם וועקט אויף דעם טאָג,
א כריפּ פון א געהאַנגענעם באַגלייט אים ווייטער...

II

מאלאניע האָט אינ שטיבעלע אפ קיינעמ ניט געוואַרט,
נאָר אינ דער שטיל זיכ אײַנגעהערט אינ טריט פארשײַטע,
צי טראָגנ אייגענע דערבײַ ערגעצ די וואכ,
צי דער ניט־גוטער טראָגט דעמ אומגליק שוינ פונסנײַ דאָ?
אינ הימל הויכ — א שטערנ ערגעצ פאלט...
זי וואָלט די הארציקע דערקאָנט זיי אלע לויט די שאָטנס.
ניט ווײַט פונדאנענ, בלאָנדזשענדיק אינ וואלד,
האָבנ זיי אויסשפירנ דעמ פײַנט בא ווענג זיכ צעשאָטנ.
זיי שלאָפנ ניט. זיי שלײַפנ שארפ די שווערד —
באצאָלנ דארפנ זיי פאר בלוט אונ היימ צעשטערטער.
עס שלאָפט ניט רוסלאנד שוינ אזיפיל נעכט,
קיינ אויג מאכט זיכ ניט צו בא זײַנע זינ אונ טעכטער...
זי ווייסט, די אלטינקע, זי ווייסט, נאָר ניט קיינ טרער
זיכ רײַסט פונ הארצ דורכ אירע אלטע אויגנ.
אליינ האָט זי בא אירע זינ געבענטשט ס׳געווער,
אליינ די רימענס אפ די לענדנ שטײַפ בא זיי פארצויגנ,

III

אונ יעדערנ פונ זיי ארומגענומענ צארט,
זיכ אָנטאָנ אלע זיי געהייסנ ווארעמ:
— דער וואלד ווערט א געטרײַע היימ אײַכ זײַנ באנאכט,
די נאכט געטרײַ ווערט אײַכ פארשטעלנ פאר געפארנ. —
אונ דרײַ מאָל אָנגעזאָגט זיי בא דער שוועל,
די אויגנ ווישנדיק מיט דער פאטשיילע: —
זאָל אײַכ אינ נויט באשיצנ דאָס געטרײַע פעלד,
זאָל אומעטומ פונ אײַכ דער גוטער שפרוכ דערציילנ! —
ווענ ס׳גייט שוינ קיינער ניט אדורכ דעמ וועג,
ווענ פײַערלעכ אינ פענצטער אויסגעלאָשנ זײַנענ,
איז לאָזט זיכ אומבאמערקט די אלטינקע אוועק
אריבערברענגענ שפײַז אינ וואלד די פארטיזאנער.
אצינד האָט זי אינ שטיבעלע אפ קיינעמ ניט געוואַרט,
נאָר בייזע טריט האָבנ פונ נאָענט זיכ געהערט דאָכ.
אוי, ניט די זינ די הארציקע געטראָגנ האָבנ וואכ —
עס האָבנ זיכ אינ שטיבעלע ארײַנגעריסנ מערדער.

IV

ווערלאַנגענ עסנ האָבנ זיי זיכ גלײַכ באַפּעלט,
די קו פונ שטאַל אַרויספירנ די רעגע.
דעמ לעצטנ ביסנ האָט די אַלטע זיי געשטעלט,
אונ זיי — וואָס נאָכ? מיט ביטערניש געלאָזט זיכ פרעגנ.
— מיר בלײַבנ דאָ! — האָט גלײַכ ביז בלוט
אַ מאָרדעווע געגעבנ איינער ·מיט די פיס זי.
האָט זי זיכ אופגעהויבנ אונ געענטפערט: — גוט! —
אונ די געלעגערס זיי די אָרעמע באַוויזנ.
די טיר פונ דרויסנ שטיל פאַרשלאָסנ אַפ אַ שלאָס,
די לאָדנ צוגעמאַכט — דער טאָג זאָל זיי ניט וועקנ,
מיט ציטערדיקע הענט די שטרוי פונ לעמפּל אַ באַגאָס,
אַ שוועבעלע אַ רײַב אונ — מיטנ שטיבל זיכ געזעגנט...
עס האָט אַ פלאַמ זיכ אינ דער הייכ געטאָנ אַ טראָג,
די געסט אינ רויכ דערשטיקט געלעגנ זײַנענ,
אונ ערגעצ איז די אַלטינקע מיט אופגאַנג אַפנ טאָג
בעגאַנגענ זוכנ אירע זינ די פּאַרטיזאַנער.

V

פאַרכאַלעשט ליגט דער אומעטיקער וועג.
מע פלעגט אינ פעלד דורכ אימ אַרויספאָרנ באַגינענ,
מיט ליבע אופוועקנ פרימאָרגיק אימ מע פלעגט,
פאַרשווינדנ ביז צומ ראַנד אינ יאַמ אינ גרינעמ.
אונ איצט איז ער פאַרכאַלעשט, אומעטיק אונ מאַט,
נאָר אײַנגעהילט איז ער אינ רויכ אונ שטויבנ,
עס שטייט אַפ אימ אַ גרינער דײַטשישער סאָלדאַט,
אונ מיט אַ שאָס גיט אַלע ווײַל אימ אַ פאַרטויב ער.
ער האָט אַ שאַלעכל דערזענ אַדורכשווינדלענ פאַרבײַ,
אַ שאָרכ דערהערט דאָרט צווישנ בלעטער,
אַ האַווקע האָט געטאָנ זײַנ ביקס מיט בלײַ,
אַ פאַל געגעבנ האָט מאַלאַניע — אַ געפּלעטע...
פאַרכאַלעשט ליגט דער אומעטיקער וועג,
דער אומגליק באַלעבאַטעוועט איצט פראַנק-אונ-פרײַ דאָרט:
צעשאָסנ האָט אַ פערטל דאָרפ פאָנ-שפּעק
אונ אַפנ וועג אַרויסגעשיקט אַ טשאַטע רײַטער.

VI

געשאָכטנ ליגט א קי. א קינד — לעמ איר...
דאָס גראָז — אינ בלוט. צעטראָטנ אונ פארוויאנעט.
א גאנצער שטראָפ-אָטריאד האָט פײַערלעכ געפירט
איבערנ דאָרפ די אלטינקע מאלאניע.
זי איז געגאנגענ מיט א שטעקנ אונ געקוקט,
אז זיכ ניט צורירנ צו איר זאָלנ די טמאיִמ.
איר אייניקל דערזענ האָט זי נעבנ דער קו,
אונ זיכ אינ אירע זינ דערמאָנט, די רויטארמייער.
פארהערט האָט זי אליינ פאָנ-שפעק,
די ריטער האָבנ אימ פארשפאָרט זי עפעס פרעגנ,
אונ זי האָט, בלוטנדיק, געשפיגנ קלעק:
— מע וועט אײַכ אלעמענ דאָ אויסבעטנ אזא געלעגער!.. —
פארכאלעשט האָט געצויגנ זיכ דער וועג,
קיינ סאכ האָט ניט געדויערט דאָס געראנגל;
אנ אויסגעגאנגענע אונטער די הענט — האָט זי פאָנ-שפעק
נעבנ דעמ פאָרזיצער פונ דאָרפסראט אופגעהאנגענ.

VII

געוואלגערט האָבנ זיכ אונטער דער טליִע טרעפ.
מאלאניעס שיכ אפ זיי צעוואָרפנ, איינזאמ.
בא די צונויפגעטריבענע — אראָפגעלאָזט די קעפ.
געשטיקט זיי האָבנ מיטנ אומגליק אונ געוויינ זיכ.
אונ בלויז דער סטאראָסטע, אינ קעשענעס די הענט,
געשטאנענ איז, געקוקט, דער בליק — פארטראָגנ.
דער גומילאסטענער זשילעט איבער דעמ העמד,
די שטיוול אויסגעפוצט, ווי אפ א גרויסער כאָגע:
ער וועט נאָכ נעמענ אונטערפירנס אויכ בא אירע זינ,
ווענ פירנ וועט מענ זיי פונ וואלד געקאָיועט.
ס'וועט ניט פארעכענענ דאָס גאָט אימ פאר א זינד,
אונ בא די דײַטשנ וואקסנ וועט זײַנ קאָוועד.
עס איז געווענ א טריבער אינדערפרי.
דער אומגליק האָט פונ יעדער זײַט געלאָקערט.
אינ אָוונט האָט פאָנ-שפעק מיט גאָטישנ געטאָקטנ שריפט
די עקזעקוציע פארייביקט אינ זײַנ טאָגבוכ.

„מאלאניע!..״ — זיך צעגאַנגען איז מען שטיל,
„מאלאניע!..״ — מיט געוויין מ׳האָט זיך געוואָרגן.
דעם סטאראָסטע האָבן די דײַטשן אומגעקערט די מיל,
און איר — א שטריק ארום דעם גאָרגל...
דעם מאן, גאָט ווייסט, ווו ערגעץ א פארוואָרפ,
אפ קאטאָרגע — די טאָכטער אין גערמאניע...
געקרעכצט האָט יעדער בוים אין דאָרף,
און יעדער בלאט געמורמלט האָט: „מאלאניע!״...
דעם שטעקן ניט ארויסגעלאָזט האָט זי פון האנט,
געהאנגען איז זי פײַערלעך מיט אים צוזאמען,
ווי דורך אן אנדער וועג געקליבן איצט אין וואלד
וואָלט זי זיך דאָרט צו אירע זין די פארטיזאנער...
עס וועט מיט איר דער ווינט אוועק באנאנד.
פארוויגנדיק זי, גיט ער א דערמאן איר,
ווי זי קיין מאָסקווע איז געפאָרן ערשט ניט לאנג,
און ווי געזאָגט מ׳האָט איר אין קרעמל: — מוטערל מאלאניע!..

24. פאָלונדרא

I

געווען ס׳איז נאָך א לאנגער דויערדיקער שלאכט.
א טויבער קרעכץ געגאנגען פון דער ערד איז.
און אפן פעלד, באגאָסן מיט לעוואָנעדיקער נאכט,
געוואלגערט האָבן דײַטשישע פּעגאָרים זיך אין סטערטעס,
פונקט ווי זיי וואָלטן נאָר אזוי זיך צוגעשפארט,
ווי איבערוווארטן דאָ א שלאקס-האָגל באדארפט זיי וואָלטן.
און ניט געטרויט זיי האָבן דער לעוואָנעדיקער נאכט,
און ניט געטרויט די בליאסקעדיקע שטערן אפ דער וואָלגע,
און אויך זייער געוועער זיי האָבן ניט געטרויט,
וואָס האָט אן אײַנגעריכטס געוואלגערט זיך דערנעבן.
ארומגעגאנגען איז צווישן זיי דער טויט
און אָנגעטאָן זיי אין א גלעזערדיקן נעפּל,
און שטיל איבער לעוואָנעדיק-באטריפטער ערד
געפויזעט האָבן שאָטנס, שאָרכנדיק, פון טויט באשטאטע.
ארויסגעשיקט ראקיטא האָט צונויפקלײַבן געווער
אין פעלד בא די אוועקגעלייגטע דײַטשישע סאָלדאטן.

II

צעוואָרפֿנ די הארוגים זײַנענ אויסטערליש געווענ,
איינס אפֿנ אנדערנ האלב-זיצנדיק אונ ליגנד:
ווער אויסגעשטרעקט אינ ווײַט ערגעצ די הענט,
ווער — בייגנדיק די קני, ווי ערגעצ וואָלט ער נאָכ געשטיגנ.
אונ אלע פּונקט ווי פֿונ א דונער-שלאָג געפּלעט,
אונ אלע פּונקט ווי פֿונ א שטורעם-ווינט צעזייטע,
נאָר צווישנ זיי האָט זיכ באוועגט א סילועט:
געשיקט זיכ, אז עס לעבט נאָכ עמעצער פֿונ זיי דאָ?
ס'האָט איינער פֿונ ראקיטאס גרופּע אים באמערקט:
— געשיקט זיכ, אז געשטעלט האָט עמעצ דאָ א וועכטער? —
ער האָט דערזענ אינ האנט פֿונ סילועט געווער,
אונ אויכ דעם סילועט דאָרט רעדנ האָט דערהערט ער...
דעם אָטעמ אָפּ אנ אויגנבליק פֿארטײַ'ט,
האָט שטיל איבערנ פֿעלד געטאָנ א גיי ער,
אונ אויסגעשטאלטיקט האָט זיכ פֿונ דער ווײַט
צווישנ די מייסים פֿאר זײַנ בליק א רויטארמייער.

III

באטראכט האָט זיי דער רויטארמייער אונ געשטוינט:
אנ איבונג פֿונ גימנאסטיק בא די מייסים ס'האָט דערמאנט אים.
ווי וווּנדערלעכ זיי אויסגעסאדערט האָט דער טויט!
ס'ארא געהאָרכזאמקייט צו זײַנ באנאכטיקער קאָמאנדע!
ער האלט זיי לאנג. א גאנצע נאכט.
זיי רירנ ניט פֿונ אָרט זיכ, אויסמושטירטע.
א יעדנ איינציקנ דער טויט באטראכט:
זיי שטייענ פֿעסט. זיי שטייענ ריכטיק!
געקוקט דער רויטארמייער האָט. זיי זײַנענ אים באקאנט,
פּונקט ווי איינ קריפּל וואָלט זיי אלעמענ געבוירנ,
צו יעדערנ פֿונ זיי ער צוגעגאנ איז נאָ'נט,
זיי האָבנ אויסגעדאכט זיכ אלע דאָ קאפּוי'ר אים,
אונ אָפּגעטראָטנ שנעל איז ער פֿונ זיי צוריק —
ס'האָט טויטערהייט דער גיר זיי ניט פֿארענדערט.
וואָס האלטנ זיי נאָכ אָפּנ דעם פֿארשטארטנ בליק?
צי האָבנ זיי דעם הימל ווענ-עס-איז געזענ דענ?

IV

געקוקט גוראריע האָט אַף זייער רויען בעט,
מיט שטילקייט האָט דער טויט געפּלעט זיי און באוואָרנט.
עס האָט דורך איר געהערט זיך אַ געוויין פֿון שטעט,
עס האָט דורך איר געהערט זיך אַ געוויין פֿון קוואָרים:
אָט ליגט זי איצט, די קלאָלע, צוגעקלאַפּט צו דר׳ערד,
פֿאַרשטאָפּט דאָס מויל מיט בלאָטע — אַ פֿאַרקילטע.
געזעטיקט מיט דער טויטער שטילקייט האָט זיך ער,
די ביינער ווי מיט מאַרך האָבן פֿון איר זיך אָנגעפּילט אים,
געגאַרט: מיט איר זיך דאָס געהער פֿאַרפּלייצן זאָל,
דאָס האַרץ דאָס גאַנצע האָט געטאָן זיך אַ פֿאַרטרוי איר.
ער האָט זיך פּליוסקען, ווי נ׳אַ יאַם, אין איר געוואָלט,
מיט איר אַראָפּשווענקען פֿון זיך דעם אומענטשלעכן טרויער.
ער האָט אין איר זיך איינגעהערט, ווי אין דער הערלעכסטער מוזיק,
וואָס די נאַטור באַשאַפֿן האָט פֿאַר ווייי און וואָגל:
מיט וואָס פֿאַר אַ שיגאָענדיקן טייַנעג וואָלט ער זי
איבער די קוואָרים פֿון פֿאַרפּייַניקטע פֿאַנאַנדערטראָגן!

V

און אָנגעקלאַפּט אין יעטווידן פֿון זיי דאָרט מיט אַ רוף
און אויפֿגעוועקט זיי מיט אָט דער לעוואָנעדיקער בלוי-שייַן:
„שטייט, טאַטעס, אויף! שטייט, ברידער, אויף!
שטייט אויף, מאַרטירער און קעדוישים!
ס׳איז ווייניק לעבעדיק צו ווערן זיבן מאָל,
ווען זען מע זעט די דייַטשן וואַלגערן זיך טויטע!
דאָס גראָז ס׳צעטראָטענע וואַכט אויף אין טאָל,
די ביימער טוען אָן פֿונסנייַ זיך גרינע הוינן.
ס׳איז ווייניק מיט אומשטערבלעכקייט צו זייַן געפּרוווט,
ווען ס׳גייט די פּרווו פֿון אומברענגען אַליין דעם טויט שוין.
שטייט, מאַמעס, אויף! שטייט, קינדער, אויף!
שטייט אויף, קעדוישים!“
די נאַכט האָט מיט לעוואָנע-שייַן געגלעט די ערד,
אַ שטילקייט פֿון האַפּסאָקע אין געשלעג האָט זיך געצויגן.
אַ רוף „ווער איז?“ האָט זיך אין פֿעלד דערהערט,
און רויטאַרמייער צוויי האָבן באַגריסט זיך מיט די אויגן.

VI

א לײען אײנס באם אנדערן געטאָן דעם ראנג
און דורכגעבלעטערט אײנס דעם צווייטנס ביזן סאָף זיך:
— ווער ביסטו? — איך? א שאָכן לינקס פון פלאנג!
— דײַן קאָמאנדיר ווער איז? — מאיאָר סאדאָווסקי! —
א יעדער אומקלאָרקײַט האָט דײַטלעך זיך פארטײַטשט:
— מיט וועמען האָסטו דאָ גערעדט? — האָט פאָרגעזעצט דער ערשטער.
— מיט זיי! זיך דורכשמועסן קאָן מען מיט א דײַטש
נאָר דאמאָלט, ווען ער ליגט אזוי-אָ טיף אין דר'ערד שוין!
און דו? — האָט צו דעם צוגעקומענעם א דריי געטאָן זיך ער, —
פון וועלכן טייל? — ניט פון קיין טייל! פון א בריגאדע!
ראקיטאס ארבעטער-בריגאדע, כאווערל, געהערט?
— געהערט!.. אוואדע!.. —
און נאָך א שפאן, און נאָך א טראָט:
— ס'איז גוט די דײַטשן אויסריכטן אין אזא שטילער רײַזע!..
— איז וואָס זשע טוסטו דאָ אצינדערט גראָד?
— פון איבעריקער לאסט צו יענער וועלט כ'באפרײַ זיי!

VII

זיך אומגעקערט האָבן די שכײנים זאלבעצווייט,
צווישן די מייסים בלאָנדושענדיק, ניט שטערנדיק דעם שלאָף זיי.
צום קאָמאנדיר ראקיטאס ערד-שטיבל איז איינער צו פון זיי,
דער צווייטער — צום טראנשיי פונעם מאיאָר סאדאָווסקי.
בא ביידע — שטיל... עס קומען אָפ כאווירים פארן טאָג,
מע טרעפט ניט עמעצן, און נײַע רוקן אונטער זיך, ווי וועלן.
מיט טרויעריקן בליק אף דעם, וואָס איז געווען און איז ניטאָ,
דאָס אָרט פארפולן זיי פון די, וואָס פעלן...
מע קומט צו גיין — אף זיך ניט אומקערן צוריק.
די וועלט — אין הארץ. דאָס הארץ — אנטשלאָסן,
און פעסטקײַט אינעם טרויעריקן בליק:
דעם פײַנט פארסטאָמפעווען! דעם פײַנט ניט לאָזן!
ארײַנשטעכן אליין זיך אין דער ערד,
זיך דורכוועבן מיט בענקשאפט ליכטיקער און ריינער.
די שכײנים האָבן שטיל, באצווייט, זיך אומגעקערט.
געוואוסט האָט אין סאדאָווסקיס טייל שוין יעדער איינער:

VIII

מיט קוילנ-לענטעס אפ דער ברוסט איבערגעקרייצט,
אונ מיט גראנאטנ ארומ בויכ באהאנגענ,
ארײַנ איז א מאטראָס אינ פײַערדיקנ פלייצ
אונ פונ א הויז פארכאפט דער ערשטער דעמ ארײַנגאנג.
דער אייבערשטער עטאזש ז׳געווענ פארקלאפט,
פונ יעדער פענצטער האָט געקוקט אנ אמבראזורע,
נאָר איינע נאָכ דער אנדערער ער נעמט אראָפ,
זיכ שלײַדערנד פונ וואנט צו וואנט אינ שטורעמ,
אז פרײַ זאָל דורכ דער גרײַפנדיקער טייל,
די גאס זאָל אָפגערייניקט ווערנ שנעל אונ האסטיק.
אונ ס׳קוקט פונ יעדער פענצטער שוינ א הייל,
אונ שטיינער וואלגערנ זיכ אָנגעפלאסטערט.
געשטאנענ איז ער אינעמ פלאקערדיקנ אנטרעסאָל,
ווי אפנ דעק פונ שיפ פונ טאָרפעדירטער,
אונ אויסגערייכערט פלאמיק, אָנ א צאָל,
דעמ דײַטשנ ברוד פונ נעסטנ פונ געדיכטע.

IX

— פאָלונדרא! — ער אליינ קאָמאנדעוועט האָט זיכ
אונ פונ דעמ אנדערנ עטאזש די טירנ דורכגעשאָסנ.
אינ שוויס, אינ שטויב דאָס פלאמיקע געזיכט,
האָט ער דורכ לייטער פלאמיקנ געטאָנ א לאָז זיכ
אליינ, ווי א שטיק סרייפנ פונעמ הויז,
אונ א הורא ווי אזא דונער אופגעגאנ איז:
ס׳וועט לעבעדיק פונדאנענ קיינער ניט ארויס,
קריכט יאָ, קריכט ניט, פארקוועטשטע טאראקאנעס!
זײַנ נאָמענ אינ דעמ טייל האָט קיינער ניט געוווּסט,
אונ שראמענ אפ זײַנ לײַב, ווי קארבנ אפ א בוימ איז.
געדענקט מ׳האָט זײַנע לענטעס אפ דער ברוסט
אונ זײַנע שטארקע ציינ, צעשטעלטע ווי אָבאָימעס.
געלעגנ טויט ז׳דער אנדערער עטאזש,
אונ לעבעדיק אפ אימ האָט זיכ געהוידעט דער „פאָלונדרא“.
נאָר פונ דעמ אויסגעליײַטנ הויז, פונ דעמ באפרײַטנ אש
איז דער מאטראָס, אינ בלוט אנ אָפגעגאנגענער, פארשוואונדנ.

25. די טאַטויִרונג „סטאַלינגראַד"

I

נאָך א רויִק געטאָן א ריס ארויס,
נאָך אן עטאַזש פון נעגל בלוטיקע באַפרײַט שרײַ!
פאַרוויסט, מיט קוימענס סטאַרטשענדיקע בלויז
געשטאַנען איז א הויז, פונקט ווי א קײַוער פון די דײַטשן
צום אַש צום לײַבלעכן, צו יעדן שטיין
א פאַל טאָן זיך געוואָלט האָט יעדן רויטאַרמייער,
נאָר עס פאַרגינט זיך קיינער ניט צו בלײַבן שטיין,
פון מויערן געפאַנגענע קומט יעדער ווײַל די ריי אָן.
און אומבאַמערקט פון צווישן רויך און בראָך,
אַף הענט אַף מיידלשע אַף צערטלעכע, נאָר שטאַרקע
ארויסגעטראָגן דעם מאַטראָס פון דאָרט
האָט אן אָדעסער יונגע סאַניטאַרקע.
זי האָט אים אונטער פלאַם געטראָגן פעסט
און א פאַרכאַלעשטן צום פעלד-שפּיטאָל געבראַכט אים.
די שול האָט זי ניט לאַנג געענדיקט אין אָדעס,
די פּרווו גיט זי דאָ אָפּ בײַ סטאַלינגראַדער שלאַכטן.

II

זי האָט קיין שפּרענקעלעך אין לעבן קיינמאָל ניט געהאַט,
אויסער די כיין-פּינטעלעך אין פּוך אַף ליפּן דינע,
צונויפגעלייגט, ווי בלאַט מיט בלאַט —
די אכצניערדיקע סאַניטאַרקע נינע.
און דאָ האָבן זיי אומבאַמערקט געטאָן א שפּריץ,
געטאָן זיך א צעשאָט אונטער די גרויע אויגן.
נאָר ס'איז קיין רעגע צײַט ניטאָ אָט איצט
פאַרנעמען זיך מיט דעם און נאָכקוקן און וויגן.
כאָטש פונעם טאַש דאָס שפּיגעלע באַקומט זי דאָך
און כאַפּט א קוק, ווי קיין שום מיין זי האָט גאָר,
און זאָגט צו זיך אַליין, פאַריכטנדיק די האָר
אונטער דער גרינער כאַקענער פּילאָטקע:
— ס'האָט זיך דיר, נינע, אויסגעדאַכט! פאַרגעס!
און טאָמער האָבן יאָ פאַרבלאָנדושעט זיך א פּאָר אינגאַנצן,
אין אומקערן מע דאַרף זיך גיכער קיין אָדעס,
אין יאַם זיך אויסבאָדן. ער נעמט אראָפּ ווי מיט דער האַנט זיי.

III

זי האָט אימ ליב, דעמ יאמ, און בענקט נאָכ אימ,
עס הערנ ניט די אויגנ אופ בא איר צו בלאָנדזשענ:
וואָס האָט די ווערט געהאַט בא איר צו געבנ א פארשווימ,
אז פונעמ ברעג זאָל קײנער זי ניט קאָנענ אָנזעענ?
און בלויז דאָס טיכעלע דאָס ווײַסע אפנ קאָפּ
געשווינדלט האָט פונ ווײַט פונ גאָלדענער און גרינער,
פונקט ווי א ווײַסע מעווע אפ א כוואליע וואָלט אראָפּ
א וויג טאָנ זיכ אפ פליגעלעכ אפ דינע.
דערנאָכדעמ צוזעצנ זי פלעגט זיכ אפ א שטײנ,
די הענט — ארומ די קני, זיי א פארצי טאָנ.
איז װעלכער װינט האָט זיכ ניט אָפּגעשטעלט אלײנ?
און וועמענס הארצ האָט ניט געגעבנ דענ קײנ ציטער?
און צו פארנאכט, ווענ זי געגאנגענ איז אהײמ,
ווענ אפנ יאמ האָט גאָלד זיכ אָנגעהויבנ שפינענ,
האָט זיכ געדאכט, אז כוואליעס זאָגנ איר געהײמ:
„מיר ווערנ אפ דיר ווארטנ. קומענ זאָלסט באגינענ!“

IV

זי האָט זיכ מיט אָדעס געזעגנט און געווײנט,
כאָטש פונ איר אקסל האָט שוינ דאמאָלט זיכ א ביקס געהויבנ.
עפּעס געבעטנ האָט פונ גאסנ יעדער שטײנ,
און מויערנ האָבנ געקוקט מיט אויסגעזעצטע שויבנ,
ווי זעכציק פיבערדיקע טעג, און נאכט נאָכ נאכט
געגאנ דאָס סרײפעדיקע פײַער מיט גאלאָפּ איז.
געפלאקערט האָט איר שול. און אפנ טראָטואר
געוואלגערט האָט זיכ לעמ א טויטער שילערנ א גלאָבוס.
אָט איז שוינ באלד קײנ פושקינ-גאס נישטאָ,
עס לאָזט פונ הימל א פיראט נאָכ א פיראט זיכ.
זי האָט געזענ, ווי כאָרעוו ווערט איר שטאָט,
זי האָט געזענ, ווי ס׳ברענענ די אקאציעס.
איז ווענ זי בלײַבט אמאָל אנ אויגנבליק אלײנ,
גיט פונ דעמ ווײ אירנ א רײַס אראָפּ דער שלאָס זיכ.
זי האָט זיכ מיט אָדעס בעזעגנט און געווײנט
און האָט געזענ, ווי ס׳שײדנ זיכ מיט איר מאטראָסנ.

V

דער ראש פונ שלאכט, פונ בראָכ אונ שיסערײַ
האָט ניט פארטויבט דעם פײַערלעכנ טרויער פונ צעשיידונג.
ס'האָט ניגע זיכ אינ דעמ דערמאָנט פונסנײַ,
ווענ דעמ מאטראָס זי באנדאזשירט האָט אינ טראנשיי דאָ,
ווי זי דערטראָגנ האָט אימ אפ א ווײַל —
דאָס בלוט פארהאמעווענ, פארכאפנ — אונ ניט מער גאָר.
אונ ווי זי האָט אונטער באשיסונג ניט געײַלט,
איז דאָכ ניט ווער געווענ אפ לײַב זײַנס צו באמערקנ,
דורכ שראמענ אײַנגעצויגענע אינ קערפער פעסט,
דורכ שטרעמלעכ בלוט, געריזלט אָנ אנ אָפהאלט
א טאטויִרטנ צייכנ פינ אָדעס,
א צייכנ טאטויִרט פונ סעוואסטאָפאָל.
אונ, איבערבינדנדיק, האָט זי געטראכט: אָט דאָס
א נײַע טאטויִרונג וועט פונ סטאלינגראד זײַנ!
אונ דורכ רויִנעס זי באגלייט האָט צו דער וואָלגע דעמ מאטראָס,
ווי דורכ איר פושקינ-גאס, ווי דורכ איר שול מיט די אקאציעס.

26. די בינ אינ סאנבאט

I

די בינ איז זיכ פארגאנ, דערשטיקט פונ רויכ,
דער טוי געטויוולט האָט דעמ סאמעטענעמ מאָכ איר,
געדרייט האָט זיכ אינ אש איר גאָלד-געשטרייפטער בויכ;
דער בינשטאָק האָט געברענט — דאָס פײַער צעפאָלאָכעט.
די שיסערײַ האָט זיכ פונוויַטנ נאָכ געשפארט,
געריסנ האָבנ הייזעריקע גאָרגלענ זיכ הארמאטנ,
ווי נאָכגעשריִענ עפעס וואָלטנ זיי דער נאכט,
ווי עפעס נאָכ דערציילנ וואָלטנ זיי געהאט איר.
א פור מיט א פארווונדעטנ מאטראָס איז דורכ,
זיכ אײַנגעקלאמערט אינ א ראָד די שטארבנדיקע בינ האָט.
דער בוימ, וואָס האָט מיט האָניק זי גענערט — אינ ברוכ,
די הרעטשקע אפנ פעלד — אינ פײַער איז פארכלינעט,
וועט זי, א היימלאָזע, זיכ דרייענ מיט דער ראָד,
ס'זאָל ערגעץ אָנקומענ דער לעצטער טראָפנ האָניק.
אונ באמ סאנבאט דער וואָגנ אָפגעשטעלט זיכ האָט,
ווי א דערמאָנונג.

II

געוועג עס איז א קלאָרער הארבסטיקער קאיאָר,
די בלעטער האָבן, איבערריידנדיק, געלייגט צו דר'ערד זיך.
געהערט פון אייניקע האָט זיך א שאָרך,
פון אנדערע געהערט האָבן זיך קרעכצן.
אריינגעטראָגן אין א שטוב מ'האָט דעם מאטראָס,
די בין ארופגעדראפעט האָט זיך צו א פענצטער.
עס האָט א זיסע ווארעמקייט געטאָן זיך א צעגאָס,
די זון אפ קלאָרע שויבן האָט צעשמעלצט זיך.
זיך אָנגעזען דורך זיי האָט דער פארוואונדעטער מאטראָס,
אפ גרינע כוואליעס האָט געוויגט דאָרט דער עפיר אים
און שטיל און לאנגזאם אָנגעטאָן א שלאָס
אפ זיינע מידע, איינגעשלאָפענע געהירן.
ניט ווייט געגאנגען איז א שיסעריי,
דער הילך זיך נאָכגעיאָגט נאָך דעם מאטראָס האָט,
ער איז באנאנד מיט דעם עפיר אין אים אריין,
אין זיינע קרעכצנדיקע ביינער זיך צעגאָסן.

III

נאָך דער פארוואונדעטער האָט מער פון גאָר שוין ניט געוווּסט,
געוואָרפן האָט אליין זיך יעדער גליד באזונדער,
און דער כירורג געשפירט האָט נאָך דער מעסיקייט פון פולס,
געשפירט, ווי צוגעגרייט עס ווערט פאר אים די וווּנד דאָרט.
און טרויער האָט געטאָן צו אים זיך א פארטרוי,
ווען ער האָט אומגעריכט באמערקט, ווי דורך א נעפּל,
א טאטויִרטן נאָמען פון א פרוי
באם סאמע ראנד פון די פארוואונדעטע געוועבן —
א נאָמען פון זיין ליבסטער, אפ געוויס!
א נאָמען — אין זיין בלוט און ביינער איינגעשלאָסן.
און צוגעשמידט דורך דעם עפיר צום טיש,
געריסן ערגעץ ווייט האָט דער מאטראָס זיך.
געראנגלט האָט ער זיך מיט דעם עפיר,
ווי מיט א שטורעם אין א מידבער אין א וואַסער,
ס'האָט יעדער ווייל צום סאָף געטאָן אים א פארפיר,
דעם אָנהייב יעדער ווייל געטאָן א ווייז אים...

IV

נאָר ס'האָט דער שלאָף פון אַלע זײַטן גים געהיט,
געהויערט מיט באַלאַגערונג צופוסנס און צוקאָפּנס,
און אָט איז שוין דאָס לײַב דאָס מעכטיקע געשמידט,
און אָט דערהערט זיך שוין אַ קרעכצנדיקער כראָפּע.
נאָר יעדער מוסקול איז דערווידער, און זיך שפּאַרט,
און גיט באַם מינדסטן צוריר נאָך אַ פלאַטער,
כאָטש דעם באַוווסטזײַן ט'ער פאַרלוירן נאָך אין שלאַכט
איניינעם מיט דער לעצטער לײַבלעכער גראַנאַטע.
און מיטאַמאָל האָט זיך צעוויינט די בין
און מיטן קאָפּ אין שויב אַ זעץ געטאָן זיך...
ס'געווין געווען איז דורכזיכטיק און דין,
און ווי אַ דימענט אויפן גלאָז ס'האָט בריִענדיק געבלאָנדזשעט.
געוויינט האָט זי ס'געוויין פונעם פאַרברענטן צוויט
אַף ביימער אומגעוואַלגערטע, צעפּלעטשטע,
פאַרגאַנגען זי איז זיך מיט אַ קלאָגעדיקער ליד
פון דער צעטראָטענער און אויסגעקלאַפּטער הרעטשקע.

V

די זון האָט אַף איר רוקנדל געבלענדט,
די רייפּלעכע אָנגעפּילט מיט גאָלד מיט שווערן
און אויפגעהויבן אירע פליגעלעך, ווי הענט,
און זיי אַראָפּגעלאָזט, ווי דורכזיכטיקע טרערן.
און מיט דעם מויל דעם שווינדלדיקן העל
געגעבן אַלע ווײַל האָט זי אַ מיש דאָרט
ס'געווין פון האָניק ניט דערבראַכטן אין דער צעל,
ס'געווין פון כאָרעוון פאַרברענטן בינשטאָק,
און ניט געפּילט, אַ צוגעקלעפּטע צו דער שויב,
ווי ס'האָט די זון מיט מילדקײַט זי געגלעט דאָרט,
ווי דורך די פליגעלעך — אין ווינטיקן פאַרהייב —
זיך האָבן דורכגעשטאָכן שטראַלן, ווי פינצעטן,
און לײַכט אַזוי געמאַכט איר דעם באַוועג,
די הערנערלעך געטאָן איר אַ צעפּעכער,
און זי האָט ווי נ'אַ גאָלד-געוועבטן וועג
איבער דער שויב אַ לאָז געטאָן זיך העכער.

VI

אפ טאפליעס קלאָרע — טרויעריק אונ צארט —
האָבנ זיכ האָזנ בלענדיקע געיאָגט אונ זיכ געפינעט,
אונ בראָנזיק אויסגעווייגט דעמ שטומענ צאר
פונ דעמ פארוואונדעטנ מאטראָס די היימלאָזיקע בינ האָט.
געראנגלט אפנ טיש זיכ ליגנדיק ער האָט,
די אקסל — הויל, אינ וויקלשנור געפענטעט,
ווי א געפאנגענער געטאטויִרטער גאָט
מיט א געקרייצטער וואונד א דורכגעברענטער.
די קיילים האָבנ איבער אימ געבלאנקט,
אונ קישעפדיק געוויגט האָט דער עפיר אימ.
געוואָרפנ זיכ אפ אימ האָבנ די כוואליעס לאנג
אונ ניט געקאָנט אינ ערגעצ אימ פארפירנ...
געלעגנ איז ער דאָ, ווי אינ א ווײַסנ וואלד,
געגאנגענ אינ דער שטיל איז א באראטונג.
געדוכט האָט יעדער וואָרט זיכ, ווי א בלאט, וואָס פאלט,
אונ ס׳האָט א שאָרכ געטראָגנ זיכ פונ וועבלענע כאלאטנ.

VII

פארזאמלט אינ א פײַערלעכער וואכ —
פארנ פארוואונדעטנ האָבנ געשורעוועט די שוועסטער,
ווי יאָדלעס שנייִקע אינ ווײַסער פראכט
מיט שלאָפ-געטראנק די אויגנ אימ געפעסטיקט.
נאָר נאָכגעיאָגט נאָכ אימ האָט זיכ דאָס פעלד,
פונ ערגעצ נאָכגעלאָפנ אימ דער האסטיקער הורא איז,
אונ דער כירורג, געגורט מיט רו אונ מיט געוועלט,
האָט איבער אימ באוועגט זיכ, ווי דער אייצ-האדאאס...
דאָ וועט ער זיכ ארײַנמישנ אינעמ באשאפ פונ דער נאטור,
ארײַנגיינ אינ דעמ סאָד פונ זײַנ וועט ער דורכדאנענ,
דאָ וועט ער דורכדרינגענ אפ דורכ אונ דורכ
אינ דעמ יעסאָד אונ אינ דער פראכטפולער הארמאָניע
פונ בלוט אונ פלייש, פונ אָנהייב אונ פונ סאָפ,
אינ דעמ צוזאמענהאנג פונ ברויזנדע געוועבנ
אונ אינ דער כאָכמע פונ באוועגדיקנ שטאָפ,
וואָס איז דאָס זײַנ אונ דער באשטאנד פונ לעבנ.

VIII

אין טויבן ראש פון נאָ׳נטער שיסערײַ
דערהערט האָט ער פון בין דאָס ד׳מענטענע זשומען,
ווי א געזאנג פון דער נאטור איבער דעם ריס פון בלײַ,
איבער דעם בלוטיקן פארוויסטנדיקן ברומען.
געמורמלט האָט אין דעם די זאנג פון צײַטיק פעלד,
דער ליפּע-צוויט אף גינגאָלדענע בייטן,
די קלוגע מי פון פרידלעכן געוועלט
און אזא יאָסעמדיקער שטילער ווייטעק.
נאָר אלעמען געפירט האָט ערגעץ הויך און ווײַט
דער רייעך פון עפיר דער שנײַדיקער און הארבער,
באגײַסטערט פאָרגעזעצט האָט דער כירורג דעם שטרײַט
מיט דעם צעשטערנדיקן גײַסט פון די פארדארבער.
געווען זײַן דראנג איז טיפער פון דער וווּנד,
געווען זײַן בליק איז שארפער פונעם סקאלפּעל.
און דוירעס גאנצע האָבן ביז צום גרונט
געפירט זײַן האנט, געווענדט קעגן דער מאלפּע,

IX

געפירט זי הערשעריש, און פעסט, און פרײַ
קעגן דער כײַע דער געפּאנצערטער מיט אײַזן, 27
און ווידער אָטעמען ער צווינגט ס׳צעשניטן לײַב
און צו דעם לעבן אומקערן פונסנײַ זיך.
געלעגן איז די וווּנד פאר אים באגינען-רויט,
א יעדער פלאך אין איר האָט בלוטנדיק געמורמלט,
געזען האָט ער דורך איר דעם מארש פון טויט,
דעם מארש פון ווילדע בלוטדאָרשטיקע אורלײַט,
געזען האָט ער דורך איר פארברענטע שטעט
און פעלדער, אויסגעטראָטן דורך פארדארבער,
און טאָלן מיט הארוגים מײַלן-ווײַט געבעט,
און בערג געשוואָלענע פון ביינער און פון שארבנס,
דורך וועלכע ס׳האָט געקוקט די בושע פון דער פעסט,
די נעגל פון דעם אור — אין בלוט פארהריזטע,
וואָס האָבן מיט דעם טויט געטאָן זיך א פארמעסט
אין אומברענגן, אין פארלענד און אין פארוויסטונג.

X

זי האָט געהויכט, די ווונד, ווי א צעבלוטיקט מויל,
און זיך געוועלבט מיט רויע אופגעהאקטע ליפּן,
נאָר ניט ארויסגעריסן האָט פון זיי זיך דאָס געהויל,
ווי ס'רײַסט זיך ניט ארויס דאָס הארץ פון אונטער ריפּן.
א שטילקייט פון אזא ווידעראנאנדיקן געבורט...
דאָס לעבן גייט מיט קרעכצנדיקע רויע ראשן,
און ס'פּילט עס אפּ מעסער, שמייכלענד, דער כירורג,
ווי א באשעפער א מעכאשעפ...
אָט האָט ער אָפּגעטיילט שוין פונעם לײַב די קויל,
די קנאָכן צוגעפּײַלט. באפעלט זיי זיך א העפט טאָן.
זיי פאָלגן אים פארקישעפט-הויל
און ציִען איינס צום צווייטן אײַנשליסן זיך העפטיק.
ארום איז שטיל. ס'געוועלטיקט דער עפיר,
און ס'הייבט זיך אוף א כוואליע אפּ א כוואליע.
ניט בלויז די ווונד אליין זײַן סקאלפּעל איצט באַרירט —
נאָר אויך פון לאנד די ווונד, פארשאפט דורך קאניבאלן.

XI

עס פירט אים, אײַלנדיק, די ווונד צום שלאכטיק פעלד:
אין יעדן שטיין, וואָס איז פון ווײ פארברענט שוין,
אים ווײַזט זי דעם צעשטערטן סיידער פון דער וועלט
און די געשענדעטע הארמאָניע פון דער מענטשהײַט.
אין יעדן שניט פון לײַב ער הערט,
אין יעדן ריס פון קנאָך דערפילט ער
איין גרויסע ווונד אפּ גאָר דער ערד,
אין פײַער און אין אש אן אײַנגעהילטע...
און מיטאמאָל דערלאנגט א ציטער דער סאנבאט,
א טשאטשע רויב־פייגל רײַסט דורך איבערן דאך זיך.
א שווארצער דונער גיט א מאָרדעווע זיך גראד,
און ס'הייבט זיך אוף א שטורעם-ווינט א שווארצער.
עס גיט איין וואגט א קרעכצנדיקן פאל,
און א שטיק דאך שוין וואלגערט זיך דערנעבן.
דער הימל קוקט פרימאָרגעדיק אין זאל:
די מי ווערט פאָרגעזעצט פון אומקערן דאָס לעבן.

XII

א שפּליטער שנײַדט זיכ אײַנ אינ דעם כירורג,
אונ ס'ענטפּערט בלוט אפנ כאַלאַט אים מיט א זשבורע.
נאָר ניט פונ אָרט! דאָס לעבנ פירט ער דורכ,
ער נעמט אַלײנ א פעסטונג איצט מיט שטורעם!
איז פעסט זײַנ האַנט, אונ ווונדערלעכ, אונ לײַכט,
אונ צום פאַרווונדעטנ דערלאָזט דאָרט ניט דעם וויי ער.
צו ביקס צו גרויזאַמער זײַנ סקאַלפּעל איז געגלײַכט,
זײַנ מי זײַנ אײדעלע — צו מי פונ רויטאַרמײער,
וואָס טרעט ניט אָפּ דעם סוינע אפ קײנ טראָט,
וואָס טרעט ניט אָפּ דעם טויט אונ ניט דעם פײַער.
מיט בלוט באַגאָסנ — פאַרגעזעצט ער האָט,
פאַרלוירנ זאָל ניט גײנ דער לעצטער טראָפּנ טרײַהײַט...
אינ פענצטער האָט געקוקט א מילדע זונ,
די בינ האָט, זשומענדיק, געטאָנ א שפּאַר דאָרט:
צום זײַנ פונסנײַ וואַכ אוף, געוואַגטער זונ!
שטײ ווידער אוף צו שלאַכט מיט די פאַרדאַרבער!

27. א לעזגינקע

I

דער ראַנד האָט זיכ מיט רויכ אונ פינצטערניש געוואָרגנ,
פונ אונטער דר'ערד געגאַנגענ איז א שיקערלעכ געשרײ:
מיט שנאַפּס אונ פעטנ פאַרשטאָפּנדיק די גאָרגלענ,
האָבנ די דײַטשנ פרײלעכ זיכ געמאַכט אינ א טראַנשײ.
דורכנ שפּאַקטיוו פונ ווײַט האָט לעווינ אָנגעטאַפּט געפּעם.
צעוואָרפנ — פלעשער פונ קאָניאַק אונ פונ ליקיאָרנ.
— נו, דאָס וועט, דאַכט זיכ, זײַנ, א גרויסאַרטיקער מעס, —
האָט ער א זאָג געטאָנ מאַמעדאָוונ, — א בראָכ זײ אינ די יאָרנ. —
ער האָט שוינ לאַנג דאָ ניט פאַרוויגט קײנ אָפּיצער
מיט ווײַסע הענטשקעלעכ אונ אָפּלאַקירטע שטיוול;
געקוקט אהינ, געקוקט אהער,
אונ ניט אוועקגענומענ ס'אויג פונעם שפּאַקטיוול.
אונ ווי אינ צויבער נעבנ אים געשטאַנענ איז פאַרטײַ'ט
סאַמעד מאַמעדאָוו — ס'מויל אפּ האַלב צעעפנט —
אונ מיט די אויגנ יעדער ווײַל געטאָנ א טײַט:
— וואָס וואַרטסטו. האַ? וואָס הײַעסטו זיכ, לעווינ?

II

א צוגעשמידטער צו א פינטל צו א רונדן,
באשאָטן מיט קאָנטערוונ-שאכטעלעכ א סאכ,
האָט אלע ווײַל זיכ צוגעזעצט פארוווּנדערט
אונ צ׳ריק זיכ אופגעשטעלט מאמעדאָוו דער קאזאכ.
א כעזשבנ אפ זײַנ ביקס מיט קארבנ האָט געהאט ער —
א כעזשבנ פונ א מייע מערדערישע קעפּ.
קיינ סטאלינגראד געקומענ פונ די בערג די אלמא-אטער —
א זונ א לײַבלעכער צו זײַנ פונ וואָלגער סטעפּ.
עס האָט א היצ געקלעמט אימ צווישנ קלעצער,
געאָטעמט הויכ מיט אומרו פול,
אז ס׳זאָל צומאָל דאָרט ניט צו שפעט זײַנ:
אנ אָפיצער מיט ווײַסע הענטשקעלעכ, אינ שווארצנ בולפ...
בערקוטנ פלעגט ער מיטנ בליק פארהאלטנ,
אונ זיי אינ פלי אראָפּגעשאָסנ שפּילעוודיק האָט ער;
איז לעווינענ אצינד מיט איינ אויג האלט ער,
אונ מיטנ אנדערנ ער ציט צו זיכ דעמ אָפיצער.

III

אונ לעווינ פינטלט שנײַדיק מיטנ אויג:
— די מאָס דעמ מעס מע דארפ, מאמעדאָוו, מאכנ אקוראט דאָ.
איכ טראכט: צי מאכנ אימ די עקטעקע אזוי,
צי זי אימ מאכנ מיט א ביסעלע טעאטער?! —
געשלונגענ דאָרשטיק מיט דעמ בליק האָט ער די ווײַט,
געזענ, אז קיינער פונ דער ווײַט זאָל אימ ניט שטערנ.
עס האָט מאמעדאָוו ניט פארשטאנענ, וואָס ס׳באטײַט,
אונ ס׳האָט אימ לעווינ ניט פארזאמט עס צו דערקלערנ:
— אויב כ׳וועל ארײַנהאקנ די קויל אימ אינ דער דיכ,
פארפריצעוועט ער מיר א טאנצ — די לעצטע מאָדע.
אויב אינ די לעבער וועט די קויל אימ טאָנ א קריכ,
קאָנ עס אימ אויסטראָגנ א וואָכעדיקנ קאָדריל,
נאָר פאר דײַנ קאָזעד וויל איכ אימ ארײַנשיקנ די גאָב
דאָרט נעבנ ציילעמ, בא דעמ טעשעלע דעמ לינקנ,
אז איידער ער וועט אָנלייגנ דעמ קאָפּ,
זאָל ער אונדז אָפּטראסקענ פארפריער א לעזגינקע!

IV

א צי געטאָן פונ ווייַט האָבנ זיך העגטשקעס צוויי,
אונ אופגעהויבנ האָט זיך אייג לאַקירטער שטיוול.
– פארשרייַב! — האָט לעווינ זיך געטאָנ א דריי, —
איז האָבנ מיר, מאמעדאָוו, אזוי גרויס, שוינ וויפל?.. —
ער האָט איג פייַנ אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ,
א טויבער ווייטעק האָט איג הארצ בא אים געטליִעט: —
בא אונדז אפנ וואָקזאל איג גראָנאָטאָפּ
באפעלט זיי האָבנ ייִדנ טאנצנ בא די טליִעס... —
נאָר באלד האָבנ זיך נאָך באוויזנ צוויי,
ארומ דעמ מעס געגומענ האָבנ זיי זיך פּאָרענ,
פאר פרייד האָט לעווינ שיר דערלאנגט דאָרט א געשריי: —
אינצווייענ וועלנ זיי א קויל, מאמעדאָוו, מיר פארשפּאָרנ! —
אונ אז ער גיט אפביידע זיך א צילע אָנ...
דער אָטעמ — טיפ... קיינ וואָרט ער קאָנ ניט רעדנ...
אונ איג דער פאָר האָבנ זיי ביידע דאָרט א טאנצ געטאָנ,
אונ לעווינ האָט געקרעכצט: — פארשרייַב, מאמעדאָוו!

V

נאָר שווער באוועגט צומ שרייַבנ זיך מאמעדאָווס האנט,
אימ לייַכטער איז א צונג צו ברענגענ פונ די דייַטשנ,
האָט ער פארקלערט א קוק געטאָנ צומ ראנד,
גענענט האָט זיך פאר אימ איג וועג ארייַנ די צייַט שוינ,
אונ ער איז פונ באגינ נאָך גרייט געווענ דערצו,
כאָטש שיקנ האָט סאדאָווסקי ניט געוואָלט אהינ אימ.
פונ זייַנ א טשמעל שטעקט גלייַך ארויס דער דייַטש די צונג
אונ הייבט אָנ גאוווערנ מיט רויטער פינע,
אונ ס׳ווערט אימ אפ די פיס אומעגלעך שוינ צו שטיינ,
ס׳ווערט איג געוואקל אזוי קאלט אונ הייס אימ,
אונ ביז עס ברענגט מאמעדאָוו אימ איג טייל,
איז ער שוינ לאנג א מעס, ווי אלע מייסימ.
נאָר ס׳איז מאמעדאָוו דאָך, אנ אָנגעלאָדענער, אוועק,
אריבער איז ער האלבע נאכט די ראנדנ,
נאָר אומגעריכט האָט ער אינמיטנ וועג
זיך אָנגעשטויסנ אפ א גאנצער באנדע.

28. מיט אויסגעבּרענטע אויגן

I

די היץ פאַרפּלייצט. די שלאַכט איז אין זעניט.
אַף וואָגשאָלן גורראָלעס לייגן זיך צעפּלאַקערט.
אַנטקעגן שטאָל און אײַזן — שטאַנדהאַפּט פון גראַניט,
אַנטקעגן מערצאָל — האַס און ווּנדער פון געוואַגטקייט.
אַרויסגעגאַנגען זײַנען טאַנקען רוסישע אין פעלד,
ווי הליבעס רעוועדיקער האַס, די מײַלער הויך פאַרהויבן,
און אויס מיט יעדן ראַנד! און אויס מיט יעדער שוועל!
אַ ריס געטאָן די ערד צוריק זיי האָבן מיט די רויפן,
און אַ פאַרווונדעטע געלאָזט זי אונטער זיך,
און ווײַטער — אין געביינ פון סוינע מיט געקנאָדער.
אין דעם פלאַנגאָונ טאַנק מיט אַ פאַרפּלאַמט געזיכט
געזעסן איז דער פינפטער זון ראַקיטאַס — פיאָדאָר,
ווי באַ אַ דאָמנע בייסן שטורעמדיקן זאָט פון שטאָל,
און דורך דער שוי־שפּאַרע געקוקט, ווי ס׳מאָרדעווען די בראַנדן.
און הערשעריש געפּלאָסן האָט אין אים זײַן פאָטערס קאָל —
דעם בריגאַדיר ראַקיטאַס גרויזאַמע קאָמאַנדע.

II

דורך שוי-שפּאַרע פון טאַנק געקוקט האָט ער פאַרשטעלט
אַנטקעגן זיך, ווּ אַלץ באַוועגט זיך, קאָרטשענדיק און ברענענד;
און אויסגעדאַכט האָט אים זיך גאָר די וועלט,
ווי אַ דורכויסיקער צעבושעוועטער געגנעם,
ווּ ס׳שמעלצט זיך איבער פונדאָסנײַ די ערד
און שלײַדערט פלאַצנדיקן שטאָל מיט בליץ און דונער;
ווי אַלץ אַרום — אַ דולע זי צעשטערט,
וואָס איז געשאַפן וועג-ניט-איז אונטער דער זון נאָר.
ער האָט געוועגן דעם טויט אַ הוליענדיקן פראַנק-און-פרײַ —
פאָרויס, פ׳ן הינטן, איבער אים — אין אַלע עקן.
געפּײַקלט האָט דער טויט מיט שלאַקס-האָגל פון בלײַ
און אָפּגעשפּרונגען צ׳ריק מיט אַ געוואָי צעבּרעקלט.
ס׳גיט זיך דער גאָרגל פון זײַן טאַנק אַ כוואַליע אויף
אַן אָטעם טאָג מיט רויך מיט ווינטיקן, מיט פרײַען,
נאָר שטיקנד איז די לופט, נאָר ברענענד איז די לופט,
און ס׳איז קיין לופט ניטאָ כוץ בראַנד און פײַער.

III

א בליץ קנאַקט דורכ א יעדער ווײַלע ווי א בײַטש,
און א פאַריאָגטער וואָלגע-ווינט א לינדערונג גיט אײַנ אים,
נאָר בלויז דעם קרעכצ פונ א דערשטיקטנ דײַטש
אָטעמט ער אײַנ מיט אזא זיסנ בריִענדיקנ טײַנעג,
און אָנטרינקענ מיט אים ער קאָנ זיכ ניט צו זאַט,
ניט מיט דעם בראָכ פונ זײַנע פלאַצנדיקע ביינער.
ער האָט געהערט דעם קרעכצ פונ פאַלנדיקע ווענט בא סטאַלינגראַד,
פונ קינדער פונ צעשאָסענע געהערט האָט דאָס געוויינ ער,
און דאָס געוויינ פונ דער פאַריאָסעמטער געשענדטער ערד
אונטער דעם בראָכ פונ שטיבעלעכ פונ העפקערדיק־צעשטערטע,
און איבער אלצ האָט ער געהערט
דאָס שיקערע, דאָס גרינע דײַטשישע געלעכטער.
אָ, דורכ דעם גרעסטנ און פאַרטויבנדיקסטנ ראַש
און דורכ דעם ווילדסטנ כראַפּ פונ פײַערדיקנ שטורעמ
פאַרנעמט ער איצט דעם לעצטנ קרעכצ דעם דײַטשישנ פונ אש
און שפּאַרט פאַנאַנדער אים דעם ליוק פונ טורעמ.

IV

אפ דער פאַרסמאַליעטער און דורכגעברענטער ערד
דערקוועטשט ער זיי ווי שוואַרצע פּרעש מיקאָל-האַמינים.
ער האָט זײַנ פאָטער באַם געזעגענען דערקלערט:
ווי לאַנג די אויגנ וועלנ אים נאָר דינענ,
וועט ער זיכ ניט צעשיידנ מיטנ רודער ביזנ סאָפ —
ניט זענ זאָל ער אַרום קיינ לעבעדיקע דײַטשנ!
איז פילט ער אויס ס'געבאָט פונ קיבעד-אָוו —
זיי וואַלגערנ, ווי ווערעמ, זיכ אפ גאָרער ווײַט שוינ!
און מיטאַמאָל: צי דורכגעפלויגנ איז א בליץ דורכ אים,
צי איז דער בליץ פונ אים אליינ אַרויסגעפלויגנ?
ער וואָלט אים מיט די הענט א כאַפּ געטאָנ — וווהינ?
און אײַנגעקלעפּט אינ אים ער וואָלט זיכ מיט די אויגנ.
שוינ ניט דער שלאַקס-האָגל פונ בלײַ, שוינ ניט דער קריץ
איבער דער פאַנצער-דעק דערגייט צו זײַנ געהער ניט.
דער בליץ — ער פלייצט, ער קרײַזלט זיכ, דער בליץ,
ווי ער וואָלט אימ אָט דאָ גענומענ אפ די הערנער

V

און אים א טראָג געגעבן אין דער הייך,
און אין דער נידער אים געטאָן א שלײַדער,
און זיך מיט אים געלאָזט אין אזא שווינדלדיק געדריי
דורך קרײַזן בלענדיקע און שווארצע שײַטערס,
און א געשריי — צי פונעם טאנק צי פון דער ערד,
אזא, וואָס האָט די גאנצע וועלט אדורכגעוועגן: „ברידער!",
האָט זיך מיט פלאצנדיק געביין דערהערט,
ווי דאָס געשריי דאָס אייגענע וואָלט אָפּגעבריט אים,
ווי דאָס געשריי וואָלט אים דאָס ליכט געגעבן א פארמעק
און בליץ-שנעל אים דעם קאָפּ אראָפּגעבויגן.
נאָר ער האָט ניט געזען. ס'האָט אים דער טויט געטאָן א לעק
און אויסגעברענט אים ביידע אויגן.
עס האָט די פינצטערניש באפאלן אים אין טאנק,
א פינצטערניש א גרויסע, ווי די וועלט די גאנצע.
אן אויגנבליק פארגעסן — ווו ער איז דאָ און ווי לאנג,
און נאָך אן אויגנבליק — האָט ער דערמאנט זיך:

VI

— כ'בין, דאכט זיך, בלינד געוואָרן, — זיך געוועגדט
האָט ער צום כאוועֹר און א זוך געגעבן מיטן מויל אים...
א טאפּ געטאָן דעם ווייטעק מיט די הענט
און אָנגעטאפּט דאָרט אויסגערונענע צוויי לעכער הוילע.
ער קאָן דעם סטעפּ. ער זעט אים בלינדערהייט.
און בלינדערהייט דעם סוינע אפּ אים זעט ער.
אָט איז ער, אָט! מיט הונדערט טאנקען זיך צעשפּרייט
האָט דאָ דער דײַטש אפּ יעדן קילאָמעטער.
און נאָכאמאָל צום כאוועֹר: — הער, מיר שטעלן זיך ניט אָפּ! —
און מיט דער פינצטערניש זיך אָנגעהויבן ראנגלען, —
אויב מע וועט דארפן רעכטס, גיסטו אין רעכטן אקסל מיר א קלאפּ.
אויב לינקס, ווערסטו אין לינקן אקסל מיר דערלאנגען! —
און אופגעפרעסן שנעל זײַן וויי האָט די געפאר:
זיך היטן — זעט ער ניט אצינד פאר וועמען!
און פונקט ווי מיט פארמאכטע אויגן זיך געטאָן א שפאר
און מיט די רויפן אלץ געגומען טרעטן און פארקלעמען.

VII

ער פֿירט, ער פֿירט אים בלינדערהייט, דעם טאַנק,
ער זעט אים ניט. און ניט די ערד. און ניט די מענטשן.
דערמאָנען זיך באַמיט ער אין געדאַנק:
ווי האָט עס אויסגעזען דאָס אַלץ, וואָס ער וועט מער ניט זען שוין?!..
זי איז נאָך נאָענט, נעבן אים, די שײַן —
אַרום די אויגן־לעכער דרייען זיך נאָך פֿײַערדיקע רינגען.
ער שלינגט זיי מיט אַ דורכגעברענטן גאָרגל אײַן,
ער וואָלט געקאָנט זיי אויך אַ ריר טאָן מיט די פֿינגער,
נאָר ס'גיט אַ ריר אַ׳ין אַקסל אים אַ יעדער ווײַל
דעם כאַוועס האַנט — אָט אינעם לינקן, אָט אין רעכטן.
ער פֿירט אים בלינדערהייט, דעם טאַנק. ער אײַלט,
און איבערנעמען זיך די הענט אַפֿילע אַף אַ ווײַל פֿאַרוועט ער.
אים דוכט, אַז ס'לייגט דער פֿאָטער אים אַרויף די האַנט
אַף זײַנע פֿילבאַר-וואַרטנדיקע אַקסל
און זיצט מיט אים אין טאַנק אָט דאָ, באַנאַנד...
נאָר פּלוצעם האָט דער טאַנק געגעבן אַ פֿאַרהאַק זיך.

VIII

— וואָס האָבן מיר זיך דאָ געגעבן אַזאַ הייב? —
געטאָן אַ פֿינטל האָט ער מיט די אויסגעברענטע אויגן.
— מיר האָבן אַ האַרמאַט אַ דײַטשישן צעדרויבט, —
האָט זיך צו אים דער כאַווער אָנגעבויגן.
— ווו זײַנען מיר אַצינד? — האָט דורך דעם קנאַל
אַ פֿרעג געגעבן נאָכאַמאָל פֿונסנײַ ער.
און ענטפֿער אויסגעדונערט האָט אַליין דער קאַפּ־האַקאַל
מיט קריפּלען שטאָלענע, פֿאַרוויקלטע אין פֿײַער. —
און וויפֿל האָבן מיר... — האָט ער געפֿרווווט
נאָך עפּעס וואָס באַם כאַוועס זיך דערוויסן,
נאָר אויסגעפּעלט האָט מיטאַמאָל אים לופֿט,
און בלוט פֿון גאָרגל האָט געטאָן אַ פֿליס אים.
דער טויט האָט אָפּגעשטעלט זײַן קאָל אין האַלדז,
אָבער דעם רודער האָט ראַקיטאַס זון ניט אָפּגעטראָטן,
און טויטערהייט געפֿירט דעם טאַנק האָט ער נאָך אַלץ,
און מיט די רויפֿן טויטערהייט האָט ער דעם דײַטש געטראָטן.

IX

װען אָפּגעטאָן האָט זיך דער שטויב און רויך
פֿון אָרום טאַנק — פֿון זײַנע דורכגעהאַקטע אַקסל,
האָבן אַ װײג געטאָן זיך בלומען אין דער זײך,
װי אױפֿן פֿאַנצער־שטאָל װאָלטן זײ נאָרװאָס אױסגעװאַקסן.
זײ זײַנען װי אַ קרױן געזעסן אױפֿן טאַנק,
מיט אים געטראָגן קעגן טויט באַנאַנד זיך,
און פֿאַרגעזעצט פֿון זון און װינטלעך דאָס געטראַנק,
און אויסגעזען װי פֿון די פֿעלדער אַ געשענקטער פֿאַנצער.
דערלאַנגט אַ שמײַס האָט פֿון סנאַריאַד
אין סאַמע טורעם אַ שטיק ערד און צוגעדעקט אים,
און װי אַ בײט אױף אים צעלײגט זיך אַקוראַט
מיט גראָז און בלימעלעך, אין בלוט פֿאַרפּלעקטע.
אַזױ געגאַנגען איז דער טאַנק, מיט בלוט און זון,
איבער דער אָפּגעמאָנטער ערד, דער דרײַ מאָל טײַערער פֿון לעבן,
געפֿירט פֿון בריגאַדיר ראַקיטאַס טויטן זון,
װאָס האָט די אויגן און דאָס האַרץ איר אָפּגעגעבן...

29. אין געפֿאַנגענשאַפֿט

I

און ערגעץ מיט שװערע און לאַנגזאַמע טריט
געגאַנגען לעם אַ װאַלד איז מאַמעדאָװ באַטריבט.
די זון האָט געזעצט זיך, דער טאָג האָט געצאַנקט,
אים האָבן צװײ דײַטשן געפֿירט אין געפֿאַנג.
צװײ הױכע נעפּאַשעס אין גרינעם קאָליר,
די מײַלער פֿאַרקרימט, און די אױגן אין גיר.
אױף יעדן אַ זאַק, און דער זאַק איז געפּאַקט,
און צוגעקלאַפּט האָבן די שטיװל צום טאַקט.
עס האָבן געדרײט װי באַ שלענג זיך די קעפּ,
און דאָ איז אַ װאַלד, און דערנעבן — דער סטעפּ.
ס'האָט יעדערער בײַז אים געטאָן אַ באַטאַפּ,
זײ װעלן מאַמעדראָװן ברענגען אין שטאַב.
צו גײן איז נאָך װײַט, און די נאַכט איז שױן נאָ'נט,
מאַמעדאָװן האָט זײַן קישלאַק זיך דערמאָנט,
געגאַנגען מאַמעדאָװ איז טרױעריק־לאַנג.
אים האָבן צװײ דײַטשן געפֿירט אין געפֿאַנג.

II

א װעג איז אַפֿ לינקס, און א װעג איז אַפֿ רעכטס,
עס זינקען די שטיװל אין בראָך, אין צעשטערטס.
צו גײן איז נאָך װײַט, און שױן נאָ'נט איז די נאַכט,
געברענט אַפֿ מאַמעדאָװן האָט נאָך די שלאַכט.
געברענט אַפֿ מאַמעדאָװן האָט נאָך דער ראַנד
פֿון צװײ אָנגעצונדענע טעג נאָכאַנאַנד.
זײַן לעצטע גראַנאַטע געשלײַדערט דעם טאַנק
און איבערגעהאַקט אים דעם גרילציקן גאַנג.
האַרוגים פֿון לינקס, און האַרוגים פֿון רעכטס,
און גרינע מונדירן... א פֿאַל... און א קרעכץ,
נאָר רונד אַרום אים מ'איז פֿאַרגאַן פֿון דער זײַט,
און ס'האָט קײן פּאַטראָן שױן פֿאַר זיך ניט געסטײַ'ט.
װען ער האָט קײן קױל שױן קײן אײנע געהאַט,
ז'אַװעק דער באַגנעט, איז אַװעק דער פּריקלאַד,
און דאָך האָט ער עפּעס פֿאַרזען אין זײַן דראַנג —
אים האָבן צװײ דײַטשן געפֿירט אין געפֿאַנג.

III

די הײם פֿאַרלאָזט מיט א יאָר צװײ צוריק,
פֿאַרנײגט זיך צו דער שװעל, צו גרעזעלע צו יעדן,
אַװעקגײענדיק אַפֿ דעם קריג,
האָט מיטן סטעפּ צעשײדט, װי מיט א מאַמע, זיך מאַמעדאָװ.
דאָרט האָט מיט גליק זיך אָנגעטריפֿט זײַן יוגנט, װי א לאָגל,
בערקוטן אױסגעשפּירט אין יאַגד האָט ער געהאַט —
פֿאַרבײַ זײַן לײַבלעכן קישלאַק זײ דורכגעטראָגן
צו זײַן געליבטער, צו זײַן שײנער מאַמלאַקאַט.
און מיטן אײזעלע געזעגנט זיך מאַמעדאָװ האָט,
און זיך געזעגנט האָט מאַמעדאָװ מיטן קעמל...
פֿאַרשטענדלעך אים געװען איז זײער װײכער טראָט,
געקאָנט האָט ער אַפֿ מײַלן װײַטע אים פֿאַרנעמען,
ער האָט געהאַט א דינעם פֿײגלשן געהער
און שװײַגנדיק־פֿאַרטראַכט געװען בעטעװע.
און אַז אַװעקגעגאַן איז ער פֿונעם קישלאַק,
האָט זיך דערהערט דעם קעמלס טרױעריקער רעװע.

IV

געהערט האָט ער אַף ווײַט פֿון יעדן בלאַט דעם פֿאַל,
אין אויסשפּיר האָט באַדאַרפֿט ס׳געהער אים דינען.
פֿאַרוויקלט אין אַ זײַדענעם געשטרײַפֿטן שאַל,
האָט זײַן געליבטע מאַמלאַקאַט באַגלייט אים אין באַגינען.
ער האָט זײַן טיובעטייקע אויסגעביטן אַף אַ הוט,
געגאַן איז ער אינעם כאַלאַט דעם שטרײַפֿעדיק־צעפֿראַלטן
און אין דער הייך דערזען זיך דרייען אַ בערקוט
און אַף אַ שאָף אין סטעפּ אַ פֿאַל טאָן.
אין בלוט געוועזן בײַ דער שאָף איז שוין די וואָל,
געשטעקט אין איר האָבן שוין טיף דעם פֿויגלס נעגל:
מאַמעדאָוו האָט אַ לעבעדיקן נעמען אים געוואָלט,
ווי אין די נעסטן זיי פֿאַרכאַפּן ערגעץ פֿלעגט ער.
איז ניט געפֿילט מאַמעדאָוו האָט דעם ערשטן ביס,
און פֿונעם צווייטן ניט געלאָזט זײַן דראַנג האָט זיך באַווירקן.
דערנאָך האָט דער בערקוט אים מײַן פּיסק
דערלאַנגט אַ האַק ווי מיט אַ קירקע.

V

אַף זײַן קאָלירטן שטרײַפֿיקן כאַלאַט
האָט נאָך אַ רויטער פֿאַס צעשעמערירט זיך,
ער האָט זיך פֿאַר אַ פּראָסטער שאָף געשלאָגן, מאַמלאַקאַט,
אַזוי ווי פֿאַר דײַן ערד און פֿאַר דײַן בוימוואָל און געווירצן.
און אָט פֿאַרצײַט ער אַף די נעגל שוין אַ פּענט,
דער האַלדז — פּאַרדרייט, און בלויז דער פּאַטש פֿון פֿליגל...
געטאַטוירט האָט דער בערקוט מאַמעדאָוון די הענט,
וואָס האָבן אים באַדאַרפֿט אין סטעפּ באַזיגן,
און אַלע ווײַל אַ שפּרונג מאַמעדאָוו טוט,
דער ווײ פֿון וווּנדן ניט פֿאַרנעפּלט האָט דעם בליק אים!
געשלאָגן האָט ער זיך אַליין מיט דעם בערקוט
און אים אַליין די פּיס געפּענטעט מיט די פֿליגל.
עס האָט אים בלויז געטאָן נאָר זייער באַנק,
וואָס אים ניט ברענגען זײַן געליבטער וועט אַהיים ער,
און איז אַוועק זיך פּרוּוון מיט אַ טאַנק,
וואָס וואַלגערט בערג און שלײַדערט ביימער.

און איצט אונטער אײַז-געקאָוועטן קלאַנג
אים פירן צווײ דײַטשן צום טויט אין געפאַנג.
עס לײגט זיך א שווערע די נאַכט בא דעם וואַלד,
און עפּעס אַן אומעט א שווערער באַפאַלט.
א קוק אַף אַרום און א קוק אַף דער זײַט —
ס'איז שטיל אומעטום, און פאַראַן איז נאָך צײַט...
און ס'גיט אַף א רעגע מאַמעדאָוו א טראַכט:
„ס'האָט, ווײַזט אויס, זיך נאָך ניט געענדיקט די שלאַכט!”
אַהין צי אַהער — און א שפּרונג מיטאַמאָל,
און אײנעם דעם שאַרבן ער גיט א צעמאָל.
א שאָרך האָט געטאָן ס'אונטערוועגיק געוויקס,
דעם צווײטן פאַרקער'וועט ער ווײַזט מיט דער ביקס.
די נאַכט איז אַראָפּ, און די ווײַט האָט געברענט,
א הייב געטאָן גלײַך האָט דער צווייטער די הענט,
און, ווי א בערקוט, אין פאַרהיל פון דער נאַכט,
האָט צום קאָמאַנדיר אים מאַמעדאָוו געבראַכט.

30. אין טאַנק

I

באַפעלן גייען אָפּ. באַ־פעלן קומען אָן.
פאַרבינדלער — הין און הער, פאַרשטויבטע און צעגליטע.
און מיטאַמאָל א קלונג אין טעלעפאָן:
— עס הערט איוואַן ראַקיטאַ! —
אין האַרץ אַרײַן דאָס גאַנצע שלאַכטפעלד טריפט,
איבער די אָדערן דער ראַש צעכוואַליעט זיך מיט פלאַקער:
„אַדורך אונדזערע טאַנקען זײַנען אין דער טיף
און זיך אַרײַנגעהאַקט אין סוינעס לאַגער!”
איוואַן ראַקיטאַ איז געווען אַפן קאָמאַנדנעם פונקט
און נאָכגעפאָלגט דעם אײנס-אַף-אײנס פון ביידע גרופּן טאַנקען;
געריסן פון די אויגן האָט א פונק זיך נאָך א פונק,
די שלאַכט פאַרפולט האָט ס'האַרץ און דעם געדאַנק אים
מיט ברויִענדיקער פרייד, מיט העלן מוט,
און אויסשרײַען האָט אים אין רוים אַזוי געוואָלט זיך:
„זיי שלאָגן זיך געשמאַק! זיי שלאָגן זיך הײַנט גוט!”
און זיך אין פינפטן זון זײַנעם דערמאָנט א שטאָלצער.

II

מיט יעדן הויכ האָט ער געווענדט זיך אפּ פּאָרויס,
דאָכ וויטעקדיק געצויגנ האָט צוריק אהינ אים,
צו יעדן אײַנגעוואַלגערט-ברענענדיקן הויז
פונ סטאַלינגראַדער כורוועס אונ רויִנען.
א לעבנ לאַנג געדוכט אים האָט,
אז זײַנס איז בלויז זײַנ שטוב, זײַנ היים, זײַנ מעבל,
אונ ניט געוווּסט, אז ס׳קאָנ אזוי זײַנ אייגנס זײַנ א שטאָט,
אז ס׳קאָנ נאָכ לײַבלעכער דאָס לאַנד זײַנ ווי דאָס לעבנ.
פונעם קאָמאַנדנעמ פונקט באטראַכטנדיק דאָס פעלד,
האָט ער מיט שטאָלצ געגומענ אפּ זינען:
ניט רוסלאַנד בלויז, נאָר אויכ די גאַנצע וועלט
קוקט א געלײַטערטע ארויס פונ די רויִנען...
דאָס טעלעפאָנ-טרײַבל געדריקט האָט ער אונ עס געגלעט,
ארײַנשרײַענ אינ דעמ געוואָלט האָט זיכ, ווי א געוויטער:
„שלאָגט, זינ מײַנע, די הינט! די שאַרבנס זיי צעפלעט!
עס הערט דער בריגאַדיר איוואַנ ראַקיטאַ!"

III

ער זעט זיי נעענטער אונ בוילעטער אצינד,
ווענ אַלע קערנ זיי אים אָנ סאָלדאטנ,
ווי דאַנ, ווענ אָנגעקערט האָט יעדערער אים בלויז א קינד
אונ ער זיי — בלויז א טאַטע.
דער פראָנט האָט זיי באהעפט מער ווי דעמ טאַטנס הויז,
אונ די געפאַר געפירט האָט זיי איבער די טרערנ פונ דער מאַמענ.
אונ פענטענדיק דעמ שטאָלצ אונ וויי, גיט ער א ברויז:
„צעשיידטע, זײַנענ זיי אצינד ווי קיינמאָל ניט צוזאַמענ!
אָט דאָ, לעמ אים, פאַרברוינט אונ פריש —
א יעדער מיט זײַנ כיינ אונ מיט זײַנ שטאַלט באַזונדער,
ווי אינ דער היימ בא דעמ מישפּאָכעדיקנ טיש".
אימ האָט געדוכט: ער רעדט איצט מיט זײַנ יעדנ זונ דאָ!
ווענ אפּנ טאַנק האָט זיכ זײַנ פינפטער זונ געטאָנ א לאָז,
איז דורכנ ליוק דעמ קאָפּ א שפּאַר געגעבנ האָט ער
אונ מיט די אויגנ, וואָס זיי קאָנענ שנײַדנ גלאָז,
האָט ער א ווונק געטאָנ צו אים, צומ פאָטער:

IV

— נו, בריגאדיר, פראָשטשײַ! ווי לאַנג די אויגן דינען מיר,
וועט זײַן די נאָרמע אויסגעפילט! ס׳איז ערשט דער אָנפאַנג! —
א זיסן ברי געטאָן אין האַלדז האָט אים די ווענדונג „בריגאַדיר",
אַראָפּגעלאָזט האָט זי ראַקיטאַ ביזן האַרץ, ווי א גלאָז בראָנפן.
אַצינד האָט אָפּ יעדיִעס נײַע ער געוואַרט,
געוויגט האָט זיך די ווײַט אין פײַערדיקן פיבער.
עס זײַנען טאַנקען רוסישע געגאַן אין שלאַכט,
ווי כוואַליעס רווישיקע, דורך בערגלעך און דורך גריבער,
און אופגעבערעקלט אין דער הייך פאַרקריפּלט שטאָל,
אַראָפּגעזעצט פון שאַרבנס הערנערדיקע קאַסקעס.
און אופגעהויבן האָט אין פײַער זיך דער טאָל,
און כמאַרעס האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אין בלוט פאַרפּליאַסקעט.
באַפעלן פליִען אָפּ. באַפעלן קומען אָן.
פאַרבינדלער — היִן און הער, פאַרשטויבטע און צעגליטע.
און פינדאָסנײַ א קלונג אין טעלעפאָן:
— עס הערט דער בריגאַדיר איוואַן ראַקיטאַ!

V

אַדורכגעשלענגלט האָט דאָרט בליציק־בלאַנק
און אויסדריקלעך און קלאָר זיך:
— זיך אָפּגעשטעלט האָט דער פלאַנגאָווער טאַנק! —
געזאָטן האָט פון פעלד פון שלאַכטיקן די מאָרזע.
— וואָס נאָך? — האָט זיך ראַקיטאַ אָנגעטרויט
דעם הוילן טרײַבל, ווי דעם גוירל. —
דער עקיפּאַזש? — דער עקיפּאַזש איז טויט!
אַדורך איז דורך דער הויט א קאַלטער גרויל אים.
— און ווײַטער? — האָט מיט האַרטקײַט אין דער שטים
פון טרײַבל הערשעריש ראַקיטאַ אופנעפאָדערט,
און מיטאַמאָל געבליבן *עטיל*. צי דוכט זיך עס נאָר אים:
אין דעם פלאַנגאָוון טאַנק זײַן ייִנגסטער זון איז פיאָדאָר!
אַדורכגעטראָגן אַלץ זיך בליציק האָט,
ווי נ׳א פאַרטויבנדיקער ווילדער זאַווערוכע.
האָט ער זיך ראַש געטאָן א הייב, געמאַכט א טראָט
און דעם אַרויסגאַנג, בלאָנדזשענדיק, גענומען זוכן.

VI

אין שוואַרצע אופּרײַסן געשטויגן איז דער ראַנד,
דער טויט געקוקט אין דער הייך האָט פֿײַערדיקע רייפֿן.
איוואַן ראַקיטאַ האָט ניט-אומגעקוקטערהייט געשפּאַנט,
פֿאַרשוווּנדן ווערנדיק אַ יעדער ווײַלע אין אַ סרייפֿע.
אין ערגעץ ניט געטאָן דעם קאָפּ קיין בייג,
אין ערגעץ פֿאַר אַ קויל דעם וועג ניט אָפּגעטראָטן.
ער האָט געהערט, ווי ס'האָט דאָס האַרץ בײַ אים געפּויקט,
און צוימען ניט געקאָנט האָט ער דעם שפּאַרנדיקן אָטעם.
געווונקען האָט דער טאַנק צו אים פֿון ווײַט און נאָ'נט,
ווי ער געגאַנגען וואָלט פֿון אומעטום אַליין אַנטקעגן.
דורך דעם פֿאַרהויכטן בליק האָט אים ראַקיטאַ דאָך דערקאָנט,
און וואַרפֿן האָט גענומען זיך דאָס האַרץ אַ יעדער רעגע.
פֿון אויבן אויפֿן טורעם בלומען פּלוצעם ער דערזעט,
אַ בינטל זאַנגען אײַנגעבראָכן איינער אויפֿן צווייטן.
צי דאַכט זיך עס אים אויס? צי איז עס הינערפּלעט?
צי שווינדלט אין די אויגן אים אַזוי דער ווייטעק?

VII

פֿון וואַנען בלומען אויפֿן טאַנק?
באַגעגנט דאָ ניט טויטערהייט מיט זיי זײַן זון אים?
פֿאַרלאַנגזאַמט ער אַ ווײַלע האָט דעם גאַנג
און דעם צוזאַמענהאַנג פֿון זאַכן אָפּדאָסנײַ געפֿונען:
באַם אופּרײַס אויפֿן טורעם האָט פֿאַרשמיסן אַ שטיק ערד
מיט זאַנגען און מיט פֿעלד־בלומען — אַ שטיק אַ גאַנצע,
ווי ס'וואָלט דאָס פֿעלד דאָס שלאַכטיקע באַערט
מיט אַ צעבליטן לעבעדיקן קראַנץ אים.
די ערד איז אַ געשמיסענע געווען פֿאַרשטיינט,
געהערט זיך האָבן פֿון איר ווי דערוואָרגענע געוויין.
ראַקיטאַ האָט געקוקט אַראָפּ, ניט זען זאָל קיינער, ווי ער וויינט,
און איז געגאַנגען גלײַך צום טאַנק, ווי צו דעם גורל.
די אויגן זײַנען אים געווען מיט נעפּל פֿול,
געשלונגען מיט פֿאַרשמאַכטן גאָרגל האָט דעם ווי ער.
געשטאַנען זײַנען בײַ דעם טאַנק אין קאַראַול
פֿיר וווּקסיקע פֿאַרברוינטע רויטאַרמייער.

VIII

ארויסטראָגן ער וועט אליין אים אפ די הענט,
דעם לעצטן קאָווער אָפּגעבן וועט ער אליין אים.
עס האָבן רויטארמייער, שווײַגנדיק, צו אים געגעט,
אים האָט געדוכט: די זין זײַנען אָט דאָ, מיט אים אינײנעם...
א טויבער קרעכץ האָט זיך פון אים א ריס געטאָן,
און אפ דער ברוסט דער קאָפּ געגעבן האָט א פאל אים,
ער האָט געוואָלט — די זין זײַנע זאָלן אצינד זײַן דאָ,
געזעגענען זיי זאָלן זיך מיט זייער ברודער אלע,
זיי זאָלן באַם געווער דאָס לעצטע מאָל אים זען,
און צומאכן זיי זאָלן אים אין פעלד די אויגן...
א שטילקײַט איז א שטײניקע אין יעדערן געווען,
און טרויער האָט זיך פון דער גאָרער ערד געצויגן.
ראקיטא האָט נאָך אפן טאנק א ווײַל געקוקט,
א יעדער שטיקל שטאָל זײַנס אזוי ווייטעקדיק און טײַער איז אים.
און אופגעשפּארט האָט לאנגזאם זיך דער ליוק,
דורך אים האָט פיאָדאָרס קאָפּ צום לעצטן מאָל זיך אים באוויזן.

IX

ראקיטא איז ארײַן אין טאנק. ס׳איז דאָרט געווען נאכט.
געזעסן איז זײַן יינגסטער זון אין רודער אײַנגעוואקסן,
ווי ער וואָלט אלץ, נאָך אלץ געווארט,
ס׳זאָל אים דער כאוועך אָנרירן באַם אקסל
און אים די ריכטונג געבן, וווּ מע דארף,
ער זאָל נאָך טויטערהייט דעם טאנק א פיר טאָן.
איין האנט ארױפגעהאנגען איז פארשטארט
מיט אנקערס צוויי אן אויסגעטאטוירטע.
דאָס אויג פון ליוק האָט זיך אליין פארהאקט,
די אויגן-לעכער באַם טאנקיסט געווען זײַנען אָפן,
פארבאקן בלוט געברענט האָט אפ דער באק,
האָט אים ראקיטא אָנגעקוקט אין פּראָפיל.
ארױפגעלאָזט פאר אים זיך אפ די קני,
דאָס בלאסע פּאָנעם זײַנס אין זיך ארײַנגעזויגן.
געקוקט. זיך אײַנגעהערט. געזוכט. און אים
א קוש דערלאנגט אין זײַנע אויסגעברענטע אויגן.

X

אונ מיט א שטילער, טרויעריקער שטימ,
מיט א פארשטיינערטער גענומענ וועקנ האָט ער
זײַנ האנט, זײַנ האלדז. אונ אלצ, וואָס ס׳איז אינ אימ:
— ס׳איז איכ. ס׳איז איכ. דײַנ טאטע, פיאַדאָר!.. —
געשלונגענ מיטנ בליק האָט ער די טויטע ווונד,
ס׳האָט ניט געמאָנט קיינ טרער אונ קיינ געוויינ אימ: —
גיב זיכ א רוק, מײַנ זונ.
מיר לאָזנ אפנ פײַנט זיכ איצט אינײנעמ! —
אונ צוגעזעצט זיכ נעבנ טויטנ זונ אָנ ראש, —
פארלאָזנ וועט דעמ טאנק פונ אונדז ניט קיינער,
ביז ס׳וועלנ דאָ די הינט צעמאָלנ זײַנ אינ אש,
ביז אויסבעטנ וועלנ דעמ סטעפ זייערע ביינער! —
אונ רויטארמייער פיר א זאלפ האָבנ דערלאנגט.
די ריכטונג — מײַרעוו! — האָט דער פלאמ געטאָנ א טײַט דאָרט.
ס׳האָט זיכ פונ אָרט א ריס געטאָנ דער טאנק,
אונ ס׳האָט ראקיטא מיט זײַנ זונ געלאָזט זיכ ווײַטער.

31. איינס אפ איינס!

I

אינ א געיעג געגאנ איז רייס נאָכ רייס,
איבערגעיאָגט מ׳האָט זיכ אינ שווינדלדיקע קרײַזנ,
זיכ ניט באוויזנ אָפווישנ דעמ שטויב אונ שווייס,
האָט מענ אינ הימל אופגעהויבנ פונדאָסנײַ זיכ.
מ׳האָט ניט געציילט פונ די ארויספליִענ די צאָל,
געפראוועט אינ דער הייכ מ׳האָט דײַטשישע געקעכטסנ,
אונ בלויז, ווי אפ באזוכ, פונ מאָל צו מאָל
אראָפגעלאָזט אנ אָטעמ טאָנ מ׳האָט אפ דער ערד זיכ,
א קוק געבנ אפ איר, אונ זיכ דערמאָנענ עפעס וואָס,
אונ טייקעפ נאָכ דעמ הימל ווידער זיכ פארבענקענ.
מארגוליס האָט געפילט זיכ דאָרטנ באלעבאָס,
אפילע ווענ פראָזשעקטאָרס האָבנ אימ אינ לאָקערונג געטרענקענ.
ער האָט געזענ, ווי ס׳שווינדלט דורכ א יעדער ווײַל
אנ אָנגעצונדענע מאשינ, אינ רויכ פארוויקלט,
אונ ער האָט זיי מיט אויסרופנ באגלייט: — נו, הײַל,
אינ דר׳ערד מיט די פארדאמטע פליגל!

II

אינ יענעמ טאָג האָט ער קיינ רעגע ניט גערוט.
אראָפנידערנד, האָט די ערד קיינ רעגע ניט געפילט ער.
ער האָט געפילט אפ זײַנע הענט דאָס טרייפע בלוט
פונ הענקער דײַטשישע אינ גרינע רויב-זעק אײַנגעהילטע,
וואָס האָבנ טעמפ, אונ לאכנדיק, אונ פרעכ
געשטאָפט מיט אייווער-מינ-האכײַ די פאזוכעס אונ מײַלער.
ער האָט געפילט א פלאמ אזא מינ אינ זײַנ דעכ,
וואָס וואָלט געקאָנט די וועלט ביז דעמ געביינ צעקײַלנ.
וווּהינ די אויגנ ניט געטאָנ האָט ער קיינ ווענד,
וואָס פאר א שטרעקע ניט געטאָנ האָט ער א יאָג אריבער,
האָט ער, אינ וואָלקנס א פארוויקלטער, געזענ
צעשפארטע, וואָיענדיקע, קרעכצנדיקע גריבער,
ווו אויסגעשטעלט צו שכיטע זײַנענ קינד-אונ-קייט,
פונ שטעט אונ שטעטלעכ — אויסגעהאקטע ייִדנ.
בא יעדנ איינציקנ אינ בליק — דער טויט,
בא יעדנ איינעמ אינ דער האנט — א רידל.

III

פונ פרי ביז שפעט אונ פונ קאיאָר ביז צו קאיאָר
אונ אינ די רעגעס פונ זײַנ אומרויִקנ דרעמל
האָט ער געגארט, ס׳זאָל אימ פארטויבנ דער מאָטאָר,
דעמ מויעכ זאָלנ ווינטנ אימ פארקלעמענ,
אראָפפירנ עס זאָל אימ פונעמ זינ,
פונ אויגנ אויסלעשנ די שײַנ עס זאָל אימ.
ער האָט געזענ, ווי גריבער גראָבנ זיכ די זקיינימ פונ וואָלינ,
ער האָט געזענ, ווי גריבער גראָבנ זיכ די מאמעס פונ פאָדאָליע,
איבער די אויגנ אָנגערוקט די טיכלעכ אפ די קעפ,
מיט הענט פארהאָרעוועטע, אויסגעדארטע,
אונ מיידלעכ מיט פארפלאָכטנ-זינגענדיקע צעפ,
אונ קינדער מיט די שפילעכלעכ, פארפירטע אונ פארנארטע.
ער האָט געזענ אינ אָפגעצוימטנ איגל פונעמ טויט,
ווי ס׳גראָבנ גריבער זיכ די ייִדנ פונ פאָלעסיע,
פארטריבענע מיט טאָרבעלעכ פארשעמטנ ברויט
אונטער גערמאניעס שיקערנ אונ מאָרד-געקרוינטנ מעסער,

IV

וי צוליב דעם זײַנען זיי אויסגעגאַנגען די ערד
און בינשטאָקן געבויט פֿון כאָכמעס און פֿון יוישער,
ווי צוליב דעם געפּרוכפּערט האָבן זיי זיך און געמערט
אונטער די שלאַקס-האָגלען און וויוגיקע גערוישן,
ווי צוליב דעם פֿון גאָר דעם צאַר געגרונטעוועט די טיפֿ.
און אָנגעהויבן אַלעמאָל פֿון אָנהייב,
און אָנגעטרונקען זיך מיט יאָמען גיפֿט
פֿאַר יעדן אויסגעדוכטן טראָפּן האָניק...
געשטאַנען פֿאַר די גריבער זײַנען זיי
און ניט געוואָלט די אויגן ווענדן ניט צום מענטש און ניט צום הימל...
אַמאָל געהאַט זיי האָבן גאָט אין זייער וווּנד און וויי,
דערנאָך פֿאַרביטן פּײַערלעך דער יוישער אים האָט,
נאָר ער האָט זיך אַרויסגעוויזן מער פֿאַרבלענדעניש ווי גאָט,
און גלײַכגילטיק נאָך מערער ווי דער הימל.
ניט אָנגעקערט צו זייער בראָך אַציינד ער האָט,
ווי זיך ניט אָנגעקערט האָט זי דער קאַלטער אינדערפֿרי מער...

V

ס'געוויין פֿון גאָר דער ערד ניט אָפּגעלאָזט האָט אים,
פֿאַרפֿאָלגט האָט דער פֿאַרבלוטיקט-ראָצכעדיקער לוסט אים,
ער האָט געזען, ווי גריבער גראָבן יידן זיך פֿון קרים,
ווי ס'גראָבן גריבער זיך די יידן פֿון ווײַסרוסלאַנד,
גלײַך ס'וואָלטן קיינמאָל קיין יישוווים און קיין שטעט גאָר ניט געווען,
און ווי קיין לעבן וואָלט דאָרט קיינמאָל ניט געווען גאָר.
באַדאַרף אַף עפּעס הייליקײַם דער מענטש דען זײַנע הענט,
ווי אַף פֿאַרטיליקן די אומברענגער און הענקער?
אים האָט געדוכט, אַז ס'גראָבט אַ קייווער זיך די וועלט
אונטער דער הענקערישער וואַך פֿון דײַטשע אווטאָמאַטן,
און ס'האָט דער הימל צו באַגינען געהעלט,
און ס'האָט זיך צוגעדעקט די ערד אין גרינעם פֿלאַטער...
ווען אויסוויינען זײַן בלוט געקאָנט וואָלט ער,
וואָלט ער געוויינט. נאָר נויקעם זײַן זיך — איצטער זײַן באַרופֿ איז!
איז זאָל איצט אַ שטיק פֿײַער זײַן אַ יעדער טרער,
און יעדער קרעכץ — אַ פֿלעטנדיקער אופֿרײַס!

VI

א יעדער ריס געענטפערט האָט מיט ליכט,
פונ יעדער אופריַיס אופגעגאנגענ א געוויר איז.
עס האָבנ אזא הייליקייַט די זיידעס זייַנע ניט געשפירט
באמ הייבנ אינ דער הייכ איבער דער וועלט די טוירע,
אפ מעלדנ איר דאָס הייליקסטע געבאָט,
אפ מעלדנ איר דעמ מענטשלעכסטנ „ניט הארגע״,
ווי די, וואָס אינ געשלעג געשפירט ער האָט,
ווענ אופגעהויבנ אינ דער הייכ מע האָט פעגאָרימ דייַטשישע א בארג אימ!
— לעכאימ! — ער מיט ברויז געמונטערט האָט די פריַינט, —
א פינצטערניש באשלאָגט דאָס טאליענ-לאנד אפ וויַיט שוינ.
מירנ דערלעבנ, אָדלערלעכ, א רועכ אינ דער וועלט אריַינ,
ווענ גראָבנ וועט אליינ פאר זיכ א קייווער דייַטשלאנד!
ס׳האָט גאָט אליינ באמ אויספילנ זייַנ פליכט
א ליב אזא פונ הימלענ ניט פארדינט זיכ,
ווענ אויסגעהילכט ער האָט, ס׳זאָל אינ דער וועלט זייַנ ליכט,
ווי מיר, באשטאנדיק, ס׳זאָל זייַנ אינ דייַטשלאנד פינצטער!

VII

מיט גלייַכנ ווענ געפירט האָבנ די שטערנ אימ אהינ,
געווענ ער אויסגעטאָנ פונ נאכט אונ אויסגעטאָנ פונ טאָג איז.
ער איז געגאנ אפ האמבורג אונ באָמבירט בערלינ,
געלאָזט מיט פייַער דאָרט די וועלפישע בערלאָגעס.
ער האָט די מויערס אופגעהויבנ אינ דער הייכ,
מיט זיי געשלאָגנ גאנצע גאסנ אונ קווארטאלנ.
געזענ האָט ער, ווי קיינמאָל ניט, דורכ פלאמ אונ רויכ —
געלויכטנ האָט א יעדער דונערדיקער קנאל אימ!
ניט דער מאָטאָר גערעוועט האָט קעגנ דעמ ווינט,
זיכ ניט געשלאָגנ מיט דער לופט האָבנ פראָפעלערס,
געבילט האָבנ די פוריעס, געשלאָגענע, ווי הינט,
זיכ ווארגנד אייַנס די צווייטע אינ די קעלערס.
זיי האָבנ אפ די פראָנטנ שינדערס לייַבלעכע געהאט,
געוויסט זיי האָבנ מאָרד דעמ פערטנ פרילינג,
אצינדערט זיי געפרעגלט אונ געבראָקט אינ סטאלינגראד
האָט אויכ מארגוליס מיט זייַנ אָדלער-עסקאדריליע.

VIII

די שלאַכט האָט אויסגעזען, ווי א קאַטאַק אין ווערטיקאַל.
מיט א געוואָי פון שטיין-זעג: האָט יעדער מאָל דאָרט
מאַרגוליס זיך געטאָן א הייב, צוריק א פאַל,
און אַפּ אַן אויגנבליק פאַרשוווּנדן אין די וואָלקנס.
די רוימען האָבן יעדער ווײַל געגעבן זיך א רוק,
דער הימל האָט געפּלאַצט — איבערגעדעקט מיט אַש זיך,
ווי שראָצים האָבן זיך אין רויך געטוקט
די ווײַסע ציילעמער אַפּ שוואַרצע פּיוזעליאַזשן:
אין אָט דעם פּלאַקערדיקן לופטיקן געפּעכט
האָט יעדערער זײַן ווע־ט געדאַרפט באַשטימען.
מאַרגוליס האָט דעם דײַטש זײַן ייִדישקײַט דערקלערט
און אײַנגעשטעלט איר רעכט סײַ אַפּ דער ערד סײַ אַפּן הימל:
אין איינס אַפּ איינס! אין איינס אַפּ צוויי!
דער ייִד מאַרגוליס קעגן דײַטשן פּליִענדיקן גוילעם.
נאָר איידער ער פאַרוואַרפט אַפּ אים די קוילנוואַרפער-ריי,
טוט אויס זײַן האַס און זײַן פאַראַכטונג נאַקעט-הויל אים:

IX

— דאָס ביסטו, דײַטש, ווען ס'טוט דאָס שטאָל פון דיר זיך אָפּ, —
גיט אַפּ אַן אויגנבליק זײַן ציל מאַרגוליס א פאַרזיגל,
און אַפּ אַן אויגנבליק דערזעט ער א מיקראָב
מיט אויגן, מיט א פּליאַגע און מיט פליגל. —
פאַרצײַע, פּריץ! א ווײַסער סאַלע-פּרענט,
א פויערש כאַטקעלע, אַן אָקאָרעק מיט אייער
איז מער צום האַרצן דיר און צו די הענט,
ווי אין די וואָלקנס — איינס אַז איינס — א ייִד, א רויטאַרמייער?
דו האָסט א טויזנטסטל פון א מינוט,
אַפּ איין באַוועגן וועט קלעקן עס געוויס דיר,
פון אַלע די, וואָס אויסמושטרירט האָסט גוט
אַפּ רויב, אַפּ מאָרד און אַפּ פאַרוויסטונג.
דאָס ביסטו, יעקע, א פּאָר שטיוול און א הוט,
א טרעלבויך און א האַק, דאָס ביסטו, יעקע,
א קופּל ביר, א קופּל בלוט,
דאָס איבעריקע — עקל!

X

צוויי פּאַקע־וואָלפן זיך געטאָן האָבן א דריי,
דעם וועג צוריק געגעבן א פארצאם אים.
מארגוליס טראָגט זיך אין זיין פלינדיקער היים,
אין שויס פון הימל, ווי פון א געטרייער מאמע.
נאָר זיך א פעסטע טאָן איז אים אצינדערט שווער!
מיט בלוט ער גייט איצט אָפּ, אונטערגעשאָסן, ווי א בושל.
ער ווייסט ניט, ווי עס זיינען וווּנדן מער,
צי אין זיינע אייגן לייב צי אין זיין לייבלעכן „אילויושין"?
אַט קוקט, דאכט זיך, פון אונטן שוין די ערד,
אַט שטרעקט זי זיך צו אים שוין, ווי א מאמע.
א יעדער קלאַפּ פון הארץ זיינעם זי הערט
און פון פּראָפּעלערן דעם ווינטיקן געשטאמל.
— מארגוליס, האלט זיך, — מורמלט אויס אים יעדער גראָז.
— אַט באלד, מארגוליס! — גיט א פּאָכע יעדער בוים אים.
נאָר יעדער ווייל טוען די שפּארבערס זיך א לאָז
און א פארשליס פון אים די אופגעוויגטע רוימען.

XI

מיט בלוט זיך טיילט פון אים א יעדער רגע אָפּ,
ווי צו א שפּרונג א יעדער רגע ער בארעכנט,
און מיטאמאָל — א פלי ארוף, א פלי אראָפּ —
ער דארף צולעצט א רגע אופהייבן זיך העכער.
דער רוים פון זייטן צוויי איז שוין פארהאקט.
דער בענזאָבאק! ווי וויים איז דער מאָטאָר דען?
ער ווישט דאָס פליסנדיקע בלוט אָפּ פון זיין באק,
א קויל האָט זיך א שטויס געטאָן אין שטערן פון זיין אָרדען.
ער גיט, ווי ס'הארץ, א ריר אים מיט דער האנט,
זיך צוגעטוליעט ער צו אים וואָלט מיט די ליפּן.
אָ, ס'האָט זיין הארץ באשיצט דער שטערן פון זיין לאנד,
נאָר בלוט טריפט דאָך אדורך פון צווישן זיינע ריפּן.
ער האָט געברענט איבער די „פּאָקעס" מיט באגין
און מיט א פּאָקוס, אומרערוואַרט, זיי אופגעקרייצט צוזאמען.
מ'האָט אים ארויסגעטראָגן א פארכאלעשטן פון דער קאבין,
און ער האָט דאָך א שמוכ געטאָן: „א בריוועלע דער מאמען!"

32. א פֿאָלק זאָגט קאדעש

I

דער וועג, האָט מאנציסנ געדאכט זיכ, איז נאָכ ווײַט,
צו אזא וועג איז ניט גענוג זיכ אופּנייענ א טאָרבע.
א כאָכמע, לאָזט זיכ אויס, האָט אָפּגעטאָנ זײַנ ווײַב,
וואָס זי איז ערעוו דער מילכאָמע אָפּגעשטאָרבנ...
ער האָט נאָכ אלצ געזענ זיכ שווימענ אפנ דאָנ,
אונטער די דײַטשע מאלכאמאָוועסדיקע באָמבעס,
ווענ דער פּאראָמ האָט א צעטראסקע זיכ געטאָנ
אונ אלצ האָט אויסגעזישט זיכ אינ א וויסטנ טהאָמ דאָרט,
אונ מיט א הימל-שפּאלטנדיק געוויינ
אנטרונענ איז מענ אינ דער טיפ קעהערעפּ-אײַנ.
גענוג פּאר אימ, וואָס ער האָט עס פּארזוכט אליינ,
אימ וועט עס אויכ פּאר ביידע וועלטנ סטײַענ.
א קאפּיטאנ אפּ א שטיק האָלצ, אינמיטנ דאָנ —
האָט ער אליינ מיט ווײ געמאכט צו שפּאס זיכ;
אז ווער וואָלט זיכ עס ריכטנ גאָר אפּ אימ געקאָנט,
ער זאָל אזא מינ ספּריטנעקײַט באווײַזנ אפנ וואסער?!..

II

ווי ער וואָלט אָפּגעלעבט קאָל-יאָמאָוו אפנ טײַכ,
אונ ווי צו טאָנ געהאט ער וואָלט קאָל-יאָמאָוו מיט פּאראָמענ.
א כאָכמע! — האָט ער אלע ווײַל אונטערגעשטרײַכט, —
וואָס זי איז אָפּגעשטאָרבנ ערעוו דער מילכאָמע,
אונ ניט געזענ, ווי ס'איז פונ אלצ געוואָרנ טיל-אונ-טעל,
אונ ניט געזענ, ווי מיטנ אש באדארפט מ'האָט זיכ צעשיידנ.
עס גיט א טרער אימ אינ די אויגנ זיכ א שטעל:
נו, לאָז זי האָבנ דאָרט א ליכטיקנ גאנ-עידנ!
דערציילט האָט אונטערוועגס אימ א סאָלדאט פינ דאָרט
וועגנ זײַנ זונ... ס'האָט ווי א הייסער ווינט אינ גאָרגל אימ געפּאָכעט:
ער האָט דערציילט וועגנ פריקאז פונ קאָמאנדיר אימ וואָרט בא וואָרט,
ווי גיבעריש אוועקגעלייגט דעמ קאָפּ האָט זײַנ בעניאָכיד...
— א מאמע... — גיט ער שטיל דאָס טאָרבעלע א ריר
אונ פילט, ווי זײַנע אויגנ פילנ זיכ אימ איבער,
אונ ווי דערציילט מענ איר א מײַסע מיט פריקאז, מיט קאָמאנדיר:
„אינ שלאכט געפאלנ דער בעניאָכיד, ווי א גיבער!“...

III

און אַלץ דאָס, הייסט עס, האָסטו, מײַלעך, אָפּגעטאָן,
און זאָג זיך, אַז קיין בעסערס איז ניטאָ מער.
און דײַנער איז אַצינד דער שטילער דאָן,
ווי סטאַלינדאָרף און ווי דײַן אייגענע נעשאָמע...
און דער פּריקאַז וועגן דײַן זון פֿון קאָמאַנדיר,
אַז יעדן טאָג רופֿט מען זײַן נאָמען אַקוראַט אויס...
ער גיט די אויגן אין דער ווײַט ערגעץ אַ פֿיר —
דאָס הייסט, אַז ס׳זאָגט דער פּאָלק נאָך זײַן בעניאָכיד קאַדעש.
נאָך דעם, וואָס ער געבראַכט האָט אויף דער וועלט,
נאָך דעם, וואָס ער דעם לאַנד האָט אָפּגעגעבן...
ער האָט געפֿילט: ניט ווײַט איז ערגעץ שוין די שוועל,
באַ וועלכער ער וועט זיך צעשיידן מיטן לעבן.
און דאָס, וואָס אויסקומען וועט אים אַליין
צו שטאַרבן אָן אַ קאַדעש — נו, איז מײַלע...
זאָל כאָטש געפֿינען זיך אין וועג אַ שטיין,
וואָס זאָל וועגן אַ ייִד אַ בעזשענעץ דערציילן.

IV

דעם אומגליק מ׳האָט דערוויַיל געטרונקען ביז דער שפּענט,
מע לעבט דאָך פֿאָרט און אויף דער ערד מע טרעט דאָך.
געוויַילט האָבן זיך פֿלייטים האַסטיק קיין טאַשקענט,
די פּרײַז מ׳האָט שוין געוווּסט פֿון ציבעלע און רעטעך.
זיך נאָר אַדורכשטופּן מיט מאַזל אין אַ צוג
און כאָטש אַ פֿאָרנדיק: דאַך איבערן קאָפּ דערשפּירן.
און דאָרט איז וואָס ס׳וועט זײַן — וועט זײַן גענוג,
ווי ווײַט פֿון „אייכאָ" איז אַזוינס ביז „שיר-האַשירים"?
מע נעמט שוין אָפּ פֿון יענעם קאַנט אַ גרוס,
אַ האָפֿענונג זיך גיט באַ ייִדן אַ צעהוידע —
געפֿונען עמעצער האָט גלײַך אַ זכוס,
אַז ס׳קער אוזבעקיש זיך אַ ביסל אָן מיט לאָשן-קוידעש!
און ווער עס גיט אַ טראַכט, אַז ס׳איז בִּיכלאַל פֿון גאָט,
אַז אָנגעצייכנט גלײַך דער וועג אַהין איז;
הײַנט יענע וואַרעמקײַט די ווערט וואָס האָט,
און הײַנט די קאַוועגעס! און הײַנט די דיניעס!

V

— קײנ פעלצ, — זאָגט אײנער, — דארפ מענ ניט אפילע שוואט.
— אונ אז מע דארפ, איז ער דענ דאָ? — פרעגט גלײַכ א צווײטער.
א כעזשבנ האָט זיכ יעדערער אנ אײגענעמ געהאט
צווישנ די אויסגעדײוורטע אונ אויסגעפלאָגטע פלײטימ.
— די ערד, — זאָגט אײנער, — איז דאָרט ביטער הארט.
— אונ ציבעלעס געבוירט זי, — זאָגט א צווײטער, — זיס ווי צוקער.
איז אמפערט מענ זיכ צו געזונט, אונ זיכ מע שפארט,
אונ מע דערגרונטעוועט די נעפלדיקע צוקונפט.
— א ייִד איז דאָרט, — זאָגט אײנער, — ניט אזוי אײַ-אײַ...
— ווו — שטײט עס דענ, אז ס'דארפ א ייִד יאָ זײַנ אײַ-אײַ דאָרט?
אונ אלע ווערנ שטיל. מע טראכט: קעדײַ צי ניט קעדײַ —
ס'ווערט פאָרגעזעצט דער טרויעריקער פילפל ווײַטער.
דער ווענ זיכ ציט. אינ אומגעדולד מע ברענט.
אונ אפנ בליק מע מעסט דעמ מידבערדיקנ שעטעכ:
מע זאָל שוינ אמאָל אָנקומענ אינ דעמ טאשקענט
מיט זײַנע זיסע ציבעלעס אונ מיט זײַנ זיסנ רעטעכ!

VI

מע נע'נטערט אלע ווײַל צו א וואָקזאל זיכ צו
אונ אויסבײַטנ מע לויפט אפ א שטיק ברויט דאָס לעצטע העמדל.
עס האָט זיכ מײלעכ אויכ ארײַנגעשפארט אינ צוג.
ער איז געזעסנ אינ א זײַט, אינגאנצנ ווי א פרעמדער.
באגלײַכ מיט אלע האָט געבראָטנ אימ די זונ,
אונ ער געטראכט האָט זײַנס, אנ אָפגעזונדערטער פונ אלע:
„א גאנצער פאָלק זאָגט קאדעש נאָכ זײַנ דאָדיענ... אונ...
געשיקט זיכ, אז עס ווײסט ניט ווענג דעמ דער כאווער סטאלינ?"
ס'האָט א פארכליאנעטנ דער פיבער אימ געצוקט,
א ווײַטער אומעט האָט ניט אָפגעלאָזט אימ.
ער וואָלט אצינדערט נאָכ אזוי אראָפ פונ צוג
אונ זיכ צופוס אוועקגעלאָזט קײנ מאָסקווע.
„צעבראָכנ זײַנענ מיר, — געזאָגט דעמ כאווער סטאלינענ וואָלט ער, —
מיר זײַנענ, כאווער סטאלינ, שוינ ניטאָ מער.
נאָר וואָס האָט עס אנטקעגנ דאָדיענ דענ די ווערט,
וואָס ס'רופט אימ אופ א יעדנ טאָג דער פאָלק באמ נאָמענ?!"

VII

און עפשער אים אליינ דורכ דאָדיענ — איכ! און עפשער ס׳גאנצע פאָלק!
און דאָדיעס זײַנענ דאָכ פאראנ באָרעכ-האשעמ א גאָלדענע פארפלייצונג...
און שטערנ שימערנ אפ זיי פונ גאָלד.
און טראָגנ טראָגט מענ לעבעדיק און טויטערהייט זיי!
אָט איז די שײַנ! באמ הארצנ טראָגט ער זי.
...פריקאז פונ קאָמאנדיר... און לייענ, טאטע־מאמע.
וואָס האָבנ בערג די ווערט קעגנ אזעלכע זינ?
וואָס האָבנ פעלדער קעגנ זיי די ווערט און יאמענ?
און זינ אזעלכע זײַנענ דאָכ צעזייט אפ גאָר דעמ לאנד
בא יעדער אומע און בא יעדער לאָשנ,
און העלער פונ די שטערנ זייער קאָוועד בלאנקט,
נאָר זיי אליינ, ווי זאָמענ אונטער דר׳ערד, גלײַכ ווי ניטאָ שוינ...
מע טרעט אפ זיי. די פרוכט פונ זיי מע קלײַבט
און ווו זיי זײַנענ, פרעגט מענ, ווי איז זייער נאָמענ?
פארוואָס מע זעט זיי ניט אינ זייער אייגנ לײַב?
נאָר ווי-זשע קאָנ מענ אינ דער פרוכט ניט זענ די זאָמענ?

VIII

צעבראָכנ זײַנענ מיר, ווי דער פאראָמ
אונטער די דײַטשע באָמבעס, גאָט אינ הימל!
נאָר ס׳גייענ ניט די בראָכשטיקער צומ טהאָמ,
צעבראָכענע — זיי ראנגלענ זיכ און שווימענ.
און ניט בלויז דאָ. ווו נאָר פאראנ ס׳איז אזא ערד,
וואָס איז געטראָפנ פונ דער דײַטשער גוילעמדיקער בריִע.
און ניט געפילט דעמ צוק פונ פיבער האָט שוינ ער,
און פונ דער זונ שוינ ניט געפילט דאָס מידבערדיקע בריִענ.
מ׳ז וועט דערשווימענ ערגעצ צו א ברעג און צו א שוועל? —
געוואָלט אימ האָט זיכ פרעגנ סטאלינענ צו ענד שוינ...
ניט מער, די וועלט איז עפּעס איצטער ניט קיינ וועלט,
די מענטשנ זײַנענ עפּעס איצטער ניט קיינ מענטשנ...
דער וועג, האָט מיילעכנ געדאכט זיכ, איז נאָכ זייער ווײַט,
און ווי א שאָטנ נאָכגעגאנ איז דער פאראָמ אימ.
א כאָכמע, לאָזט זיכ אויס, האָט אָפּגעטאָנ זײַנ ווײַב,
וואָס זי איז אָפּגעשטאָרבנ ערעוו דער מילכאָמע...

33. פלאקערדיקערהייט

I

דער הימל — הוילע ריס פון פײַערדיקן מאבל,
איבערגעקערט פון היץ און פיבער איז דער רוים.
אין פלאם איז דײַטשלאנד בא דער וואָלגע מאפל
זײַן לעצטן בליץ, זײַן לעצטן טרוים.
פון דער צעבראָקטער ערד געטאָן האָבן א לאָז זיך,
באפליגלטע מיט שטורעם-צאָרנדיקן גרײַף,
שווארציאמיקע, געוואגטע, מונטערע מאטראָסן
אין האנט-געפעכט אונטער א ווינטיקן געפײַף.
זיי האָבן נאָר באוויזן אָנטאָן די בושלאטן,
מיט די מאטראָסקעס רונדע צודעקן די קעפ,
די לענטעס אין סטעפ דאָרט טאָן זאָלן א פלאטער.
און איז דען ניט קיין יאם דער ברייטער סטעפ?
איז יעדער הויז דען ניט קיין שיף פון אן עסקאדרע?
איז יעדער זאלפ דען ניט קיין גלאָק פון דעם באגין,
וואָס רופט אפ פעסטשטאנד און אפ מוט אפ סטאלינגראדער
א יעדן שטיין, א יעדן בוים, א יעדן ווינט?

II

איז גייט די שלאכט. און פון באגינען ביז באגינען.
עס מונטערט אופ זיך דאָרט ווײַסרוסלאנד אין איר פלאם,
אין איר זיך ברענען דורך די קייטן אוקראינעס,
און צו געשלעג דערוואכן בערג פון יאם צו יאם:
זײַנען קיין כוואליעס דען ניט לײַבלעכע רוינען
פון ברענענדיקן שטאָלצן סטאלינגראד?
א ריס געטאָן זיך האָבן פעכאָטינער
מיט א פארטויבנדיק-גווארדייישן הורא —
פון די ווארשטאטן, פון די צעכן, פון די ארקעס,
פונקט ווי מיט העכער צוואנציק יאָר צוריק,
נעגורט מיט קוילן-לענטעס שטײַפ די מארינארקעס,
מיט א באפעל פון פאָלק אין בליק: „קיין טראָט צוריק!"
אין הערצער פלאמיקע — דער אורטייל פאר דעם סוינע,
און אפ אים אויספילן — די ביקס אין האנט.
קיין שטורעם קאָן דעם וועג זיי ניט פארצוימען
און ניט קיין פײַערדיקער אָפגרונט בא דעם ראנד.

III

איז גייט די שלאכט — אנ אויסגעהויכטע ביזנ הימל,
אינ העליש פײַער הייבט זיכ אופ א יעדער גאס,
עס וואכנ אופ אינ איר די ווײַנגערטנער די קרימער.
אונ אפ א שטורעמ לאָזט ארויס זיכ דער קאווקאז.
ווי זײַנע בערג טוט זיכ דאָרט קיינער ניט קיינ וואקל,
ווי זײַנע בליצנ — בלאנק איז יעדער שווערד.
א ריס געטאָנ זיכ האָבנ די קאזאקנ
פונ די סטאניצעס מיט א ווינטיקנ געפעכט,
אונ פונ דער ווײַט — די ארטילעריע, ווי אפ פויקנ,
אונ פייגל מעכטיקע, באליבטע בא דער הייכ,
געטראָגנ האָבנ זיכ, ווי פליִענדיקע „טראָיקעס".
איז דענ קיינ שליטוועג ניט די וואָלקנס אונ דער רויכ?
אונ זוניק בליאסקענ בליציקע באגנעטנ,
געבענטשט פונ אלע פעלקער זײַנענ זיי,
איז קעפ מע שאטקעוועט, מע שארבנט אונ מע פלעט דאָרט,
מיט מייסימ דײַטשישע אינ סטעפ גייט דער פארזיי.

IV

די אויגנ — אָנגעגליט. די פענעמער — פארצערט.
איבערגעשאָטנ, ווי מיט זאמד, זײַנענ די גומענס.
ס'האָט קיינער ניט געציילט די טעג אונ נעכט,
זינט אפ די אויגנ איז קיינ שלאָפ שוינ ניט געקומענ.
די קוילנ מ'האָט געציילט אינ פאטראָנטאש,
גראנאטנ מ'האָט געטאפט אפ זיכ, ווי ריפנ,
בא וועמענ עס איז פליסיקײַט א פלאש
אינ דער טראנשיי געבליבנ.
קארעלינ האָט פארלייגט די הענט אפנ געווער,
די אויגנ — אינ דער ווײַט מיט דינע שפעלטלעכ,
ווי ער געהאלטנ וואָלט דעמ רודער פונ דער ערד.
ווי זיכ א דריי זי וועט אפ זײַנ באפעל טאָנ...
געשטאנענ איז ער אונ זיכ אײַנגעהערט
אינ רויש פונ גרילצנדיקע רויפנ-שלאנגענ:
א טאנק געקראָכנ איז פונ אונטער דר'ערד,
אפ דער טראנשיי איז ער, א פינצטערער, געגאנגענ.

V

עס איז געווען א פּראָסטיקער קאַיאָר.
דער טויט — ווי אין א גאָלד־געוועבטער ריזע.
געהערט האָט יעדער רויטארמייער קלאָר
דעם פּלוס פון בלוט, ווי אין די אָדערן סע ריזלט.
דעם צוועלפטן טאָג אונטער דעם פײַערדיקן יאָך,
מעסלעסן, קלינגענדיק, צעשמעטערן ווי גלאָז זיך.
געווען איז יעדן רויטארמייער קלאָר,
אז דאָ דעם ראנד וועט קיינער ניט פארלאָזן,
ווען הונדערט מאָל זאָל לויערן דער טויט,
ווען טויזנט נעצן ארום זיי זאָל ער איצט וועבן.
געווען איז יעדער רויטארמייער גרייט
פאר אָט דעם ראנד זיך דאָ צעשיידן מיטן לעבן.
צוויי פּלעשער פליסיקײַט די לעצטע אין טראנשיי...
און טאנקען נאָך האָבן א לאָז געטאָן זיך.
האָט פון טראנשיי קאַרעלין זיך געטאָן א שייל,
די האנט פארהויבן מיט א פלאש, ווי בראָנזע.

VI

עפּשער אַן אויגנבליק געשטאנען אָט אזוי איז ער
און עפּשער ווייניקער — געצילט זיך אקוראט דאָרט,
נאָר אָט אזא וועט פארגעדענקען אים די ערד
און די ניט־צוטריטלעכע ווענט די סטאלינגראדער.
פון א טראנשיי, פארטויבט דורך גרײַפנדיקן ראש,
די אויגן — אָנגעצילטע, ברענענדיקע, בלאנקע.
איינער אליין — די האנט פארהויבן מיט א פלאש
קעגן א טשערעדע צעברושעוועטע טאנקען.
ער טאָר ניט צולאָזן דעם טויט צו דער טראנשיי —
און הונדערט טויזנט פון דער פינצטערניש זיך אײַלן...
גראנאטן — אויס. און פלעשער — לעצטע צוויי.
ווי קאָן די פינקטלעכקײַט פארגעסן ער א ווײַלע?
און איידער נאָך א וואָרף געטאָן א פלאש האָט ער,
האָט זי אליין זיך פון א קויל אָפּ אים צעריסן...
און אָט אזא וועט פארגעדענקען אים די ערד,
און אָט אזא וועט זי זיך פאָרשטעלן א ריז אים.

VII

װוּ איז זײַן לײַב? װוּ איז זײַן ערד? װוּ איז זײַן יאַם?
דאָס בײזע פֿײַער האָט דאָס ליכט פֿון אים פֿאַרשלאָסן —
און אין דעם אופֿגעװױגטן זעגל פֿון דעם פֿלאַם
װי אין אַ פֿאָן האָט אײַנגעװיקלט דער מאַטראָס זיך...
ער האָט געברענט און, ברענענדיק, די צװײטע פֿלאַש געטאָן אַ נעם.
און פֿון טראַנשײ — אַ ריס זיך אַף גערײַנגל.
עס האָט דאָס זידנדיקע פֿײַער אים געקלעמט,
נאָר ער אַלײן, אַ ברענענדיקער, קעגן טאַנק גײט,
ער װעט אים אָנטאַפּן מיט ברענענדיקער האַנט,
דעם טױט פֿון איר דורך פֿלאַם זאָל ער פֿאַרנעמען.
איז מיט דער פֿלאַש דער לעצטער אים דערלאַנגט,
און אופֿגעריסן אַפֿן אָרט האָט זיך דער גענעם.
ער האָט געװוּסט, אַז בלױז אַן אױגנבליק — ניט מער
אַף זיך צו שלאָגן מיטן פֿײַנט איז אים געגעבן.
און אָט אַזאַ װעט פֿאַרגעדענקען אים די ערד,
און אָט אַזאַ װעט אים אַדורכטראָגן דאָס לעבן.

VIII

זײַן פֿײַער — העלער פֿון באַגינען האָט געשײַנט,
אין אים דאָס פֿאָלק האָט זיך דערזען, װי אין אַ שפּיגל,
פּונקט װי אַ דעמאָנ ער אַרױס איז קעגן פֿײַנט
און אים דערשטיקט אין זײַנע ברענענדיקע פֿליגל.
דעם װײ פֿאַרװערט האָט ער צו הערשן איבער זיך,
דעם לײַב באַפֿױלן, ס׳זאָל פֿאַרװאַנדלען זיך אין פֿײַער,
ביז ער װעט אױסבױלן זײַן קריגערישע פּליכט —
אַ פֿאַרן פֿאָלק אַ פֿאַרן הײמלאַנד און זײַן פֿרײַהײַט.
װאָס פֿאַר אַ װערט האָט דאַן געהאַט דעם סױנעס טאַנק?
װי קלײן און נישטיק איז געװאַלדיקע געװען דאַן
אַנטקעגן ליכטיקן און אומגעצױמטן דראַנג
פֿון דעם מאַטראָס, װאָס, װי אין ביבלישער לעגענדע,
געשװוּמען איז אין פֿײַער, װי נ׳אַ יאַם.
ער האָט געלאָזט זיך קעגן אײמעדיקן גוילעם
און ניט אַראָפּגעלאָזט פֿון לײַב זײַנעם דעם פֿלאַם,
ביז ער פֿאַרװאַנדלט האָט דאָרט אין אַ קױל אים,

IX

אז ניט פארומווירדיקן זאָל ער מיט זײַן טראָט
די גאסן, אופגעלויכטענע ווי שטראַלן,
פון קעגן טויט געשטעלטער שלאכטנדיקער שטאָט,
וואָס טראָגט דעם נאָמען פונעם פאָלק-געליבטן סטאַלינ!
עס האָבן זײַנע איגן, ברענענדיק, געזען
דעם מאן אינעם שינעל פארטיידיקן צאריצין,
איז מיט די הוילע פלאקערדיקע הענט
האָט ער דעם טאנק געפאטעוועט פארשײַט און בליציק
אין זיך אליין פארוואנדלט אין א בליץ,
וואָס שמעטערט שטערונגען און וואלגערט צאָמען,
און מיט דעם פײַערדיקן העלדנטאט פארקריצט
אין דוירעס צוקינפטיקע שטאָלץ זײַן נאָמען.
בלויז שטערן בלענדיקע אין העלן רוים
מיט ליכט אזא פארגלײַכט זײַן קאָנען.
אזוי געקעמפט באם פאָלק אין טרויס
האָבן די העלדן מיט דראקאָנען.

X

מיט בענטשונג האָט געקוקט אפ אים דאָס לאנד,
באגײַסטערט האָט אז העלדנמוט דאָס פאָלק אים,
און ס'איז ניט-צוטרײטלעך געווען דער ראנד,
אין ווײ געאָרעמט פון דער מוטערלעכער וואָלגע...
פארגיין וועט נאָך א דאָר א דאָר,
זיך איבערשטרײַכן וועלן יאָרן,
נאָר ניט פארלעשן זיך וועט דער קאיאָר,
ווי דער ניט-איבערברענענדיקער דאָרן.
זיך אָנגעטאָן האָט א מאטראָס
אין בליציק־פײַערדיקע פליגל
און קעגן כוישעך זיך געלאָזט
אים צו פארניכטן און באזיגן.
דאָס פײַער כוואליעט זיך, דאָס פײַער לײַכט,
ווי לענטעס אופגעוויגט אין העלן פלאטער.
אזוי געלייגט האָט זיך מיט אייגן לײַב
א זון פון פאָלק בא שוועלן סטאלינגראדער.

34. א צירק־נומער

I

מיט טרויבן מעשענע, צעפלאקערט אין דער ווײַט,
מעלדעט די וואך באַפעלנדיק אין גרויזאַם:
„אהער קאָן קיינער ניט אַרײַנגיין כוץ דער צײַט!
פונדאַנען קיינער כוץ דעם טויט קאָן ניט אַרויסגיין!"
ניטאָ קיין וועג! עס שטויסט א זוים זיך אין א זוים אָן,
האַרמאַטן וואַרגן זיך מיט פײַער אין געפּעכט.
און בײַסנדיק דאָס נאָכגעלאָזטע צוימל,
זיך האַסטיק טראָגט א צעפּאָלאָכעט פערד
מיט רויטע שפּיגלען בליאַסקענדיקן פײַער
אין אויגן פיבערדיקע — פײַכטע פון געיעג.
עס זוכט אין סטעפּ דעם רײַטער דעם געטרײַען,
וואָס טראָגן בליציק זיך מיט אים עס פלעגט —
ער זאָל דעם אָנציִען דאָס צוימל און פאַרשלייפן.
ער זאָל א צוריר זיך נאָר געבן צו זײַן פעל,
וועט עס א שטעל טאָן זיך קאַפּויר אַפּ זײַן באַפעל
און וועט אַריבער מיט א שפּרונג איבער דער סרייפע.

II

אין רויך זיך הילט דער סטעפּ, ווי אין א זאַק,
דער זאָטל ברענט. עס שור׳וועַן ערגעץ טריט זיך,
און מיט יעדיִעס אין געדעכעניש פאַרקריצטע
האָט אומגעקערט אין שטאָט זיך א קאַזאַק.
ער זעט ס׳געיעג פון אירע ברענענדיקע גאַסן —
מיט טרויבן מעשענע, געווענדעט צו דער הייך.
דאָס פײַער פּאַסיקט זי, עס שלאָגן זי פּוגאַסן,
אַפּ איר זיך וואַלגערט וואַרגנדיקער רויך.
די גאָרנס הילכעדיק אין גאָרנס זיך צעדרויבן,
און אַפּ א וואַנט זיך שלײַדערט הילכעדיק א וואַנט,
נאָר זי איז דאָ! אַפּ מעשענע אַפּ אירע טרויבן
זי שפּילט באַגינען צו דעם פײַערדיקן ראַנד,
ווי אַפּ א וואַכטע אַפּ א נאַכטיקער פאַרופן
די שטאָל־גיסער — א פלאַמיקע — זי וואָלט...
און ס׳גייט דער שמעלץ, פאַרפלייצנדיק אָן אופהער,
דער שמעלץ פון שלאַכט מיט ווידערשטאַנד געשטאָלט.

III

ער וועט באַווײַזן. ער וועט אָנקומען באַצײַטנס.
ער מיטן פערד האָט אַף אַ ווײַל זיך נאָר צעשיידט.
ניט לאַנג געגאַנגען דאָ פון דאָמנעס זײַנע שײַטערס,
און דער באַגינען האָט פון זיי זיך דאָ געשפּרייט.
איצט אַף קיין אויגנבליק דאָס פײַער זיך פאַרלעשט ניט,
דער טאָג איז אויסגעמישט אינײנעם מיט דער נאַכט.
עס שלאָגט דאָס אַש זיך שוין. די שוואַרצע האָלאָוועשקעס.
פון אונטער דר'ערד דאָס איינגעווייד זיך שפּאַרט.
מיט אופגעוויג. מיט דראַנג. און מיט געראַנגל.
מיט פיבער. מיט געשלעג. בײַ יעדן ראַנד.
און טרענט די בײַכער אופ די שוואַרצע בײַ די טאַנקען
און פלעט די פאַנצערס מיט די קעפּ זיי דאָרט באַנאַנד.
ווייסט זי געוואַגטקייט פון אַ וואָג און פון אַ מאָס דען?
און צוימט דעם אימפּעט דען די ווײַט אָדער די נאָ'נט?
ער זעט דעם וועג דעם גאַנצענעם ביז מאָסקווע!
און ס'זעט דער וועג פון ווײַט אים און דערקאָנט:

IV

דאָס האָט זיך ער אין צירק געטראָגן דורך דעם רינג
אַף זײַן מושטרירטן פערד, מיטן באַשליק באַפליגלט,
אין קרײַזן, דרייענדיק זיך, צויבערדיק און גרינג,
אַרום דעם זאַמדיקן, דעם אויסגעקעמטן איגל.
דעם אָטעם בײַ די צושויער האָט זײַן געיעג פאַרכאַפּט
און אים דעריאָגן ניט געקאָנט האָבן די אויגן;
געהערט זיך בלויז דער פּאָך האָט און דער סאַפּ,
ווי אַזאַ שווינדלדיקע פײַל פון בויגן.
און ווען פאַרהאַלטן האָט דער אָטעם זיך באַם צירק,
און דער באַשליק האָט זיך צעפלאַטערט, ווי אַ זעגל,
האָט ער זיך אופגעשטעלט, די הענט מיט שווערד באַצירט,
גלײַך מיט דעם אָנגעגליטן אוי'לעם זיך געזעגנט,
די פיס אין סטרעמענעס פאַרפעסטיקט אַף אַ שלאָס,
זיך יאָגנדיק אַ וואָרפ געטאָן פון זאָטל,
און ווי אַ דורכגעשאָסענער — די הענט צעלאָזט,
געשוועבט, די ערד באַרירנד מיטן אָטעם...

V

דער אוילעם, א געפּלעפּטער, האָט געשטוינט
און נאָכגעשפּירט אין אומרו און אין פיבער:
צי איז דער שווינדלדיקער רײַטער טויט,
צי א פארקישעפטער ער יאָגט אליין זיך איבער?!
נאָר זיך ארופגעכאפּט ער גלײַך האָט אפן פערד,
געטאָן א פּאָך מיטן באשליק, פּונקט ווי מיט פליגל.
ס'האָט זיך א דונערדיקער הענט-געפּליעסק דערהערט,
און ער פארלאָזט דעם רינג האָט ווי א זיגער.
אצינד איז אין סאדאָווסקים טײל ער א „סוויאזנאָי",
ס'פליט קיין קובאנער ווינט פון אים ניט גרינגער;
אמאָל גיט נאָך פון בענקשאפט אים דאָס הארץ א נאָי,
פון צײַט צו צײַט גיט נאָך א צי צום רינג אים..
ער האָט זיך מיט זײַן פערד קיין רגע ניט צעשיידט,
געפּאָלגט האָבן די לײַכטע אויסגעיבטע פיס אים,
און ניט גערוט זײַן שווערד האָט אין דער שייד,
און אין געפאר אָן אופהער זיך געריסן.

VI

געבראכט האָט זײַן געוואנטקײַט יעדן טאָג אים רום,
אין שלאכט פונסניי געטאָן זיך א פאנאנדערזיגל.
ווי א שטיק העליש פײַער טראָגט ער זיך ארום —
צעשפּרייט פון זײַן באשליק די פלאטערדיקע פליגל.
זיך אומבאמערקט אדורכגעטראָגן, ווי א ווינט,
איבער א דאָרף, אונטער דער נאָז באם סינע,
און א גראנאט אין שטאב א שמײַס געטאָן געשווינד,
און ס'האָט זײַן דרייסט געצווונגענע אלעמען צו שטוינען.
נאָר זיך ארומגעקוקט, געכאפּט מ'האָט זיך נאכהער
און אין געיעג נאָך אים געלאָזט מ'האָט זיך מיט פײַער.
ווי א באפליגלטן, ניט אָנרירנד די ערד,
איבערן סטעפּ אים טראָגט דאָס פערד זײַנס דאָס געטרײַע...
א שאָט! און — צווייי! און — נאָך!
אין שווארצן רויך אין שטויב קובאנער סטעפּ איז,
און מיטאמאָל גיט זיך דער-רײַטער א פארבראָך,
א שוועב אפּ דר'ערד — אין סטרעמענעס פארשפּעט...

VII

— ער איז קאַפּוט! — האָבן די דײַטשן טריומפירט
און מער שוין ניט געיאָגט זיך נאָך אים ווײַטער.
דעם בליק האָט דער קאָזאַק פון אונטער פערד געטאָן אַ פיר
און אופגעהויבן פונדאָסנײַ זיך אַ פאַרשײַטער.
קובאַנער סטעפּ געלעגן איז געקרייצט,
און טרויעריק געקוקט האָבן, געפאַנגענע, די ברויטן...
געגאַנגען אַ קוילנוואַרפער איז איבער דעם ווייץ,
פונקט ווי אַ שנײַד-מעסער פון אומגליק אַ פאַרטרויטער.
דאַן האָט דער רײַטער אָנגעשטעלט די ביקס:
— געזעגן, היישעריק, זיך מישן שניט דאָ! —
און אויף די פּלאַטעדיקע פליגל פון באַשליק,
ווי פונעם רינג, צו זיך אין טייל אַרײַנגעריטן.
זײַן בליק האָט העל און פײַערדיק געבלאַנקט,
די קאָפּעטעס פון פערד האָבן געפּײַקלט, ווי אַ האָגל;
און שלינגענדיק פון ווײַט אַ יעדן קלאַנג,
האָט ער יעדיעס, רײַטנדיק, געטראָגן.

35. צום טײַכעלע צאַריצאַ

I

ניט מער ווי זעקס געבליבן זײַנען אין טראַנשיי,
ניט אופגעהערט האָט קײַלעכיקע מעסלעסן דער געראַנגל,
געזאָגט האָט זיך פאַרפריִער יעדערער פון זיי:
בלויז טויטערהייט וועט זיי דער פײַנט דערלאַנגען!
נאָר וועגן טויט האָט קיינער ניט פון זיי געטראַכט,
מיט לעבן האָט אַ יעדער ווינטעלע געגערט זיי,
און ס'איז געוועזן טאָג, און ס'איז געוועזן נאַכט,
און מונטער דאָס געמיט, און ברויִנדיק — די הערצער.
פאָן-קאַולוסן האָט באַדאַרפט דערקלערן כּטאַלינגראַד,
דעם איקער אים אין לאַנגן שאַרבן אַ פאַרהאַק טאָן,
אַז ס'האָט גערמאַניע אַ טאָעס דאָך געהאַט
אין קאָעפיציִענט פון שטאָל און רוסישער געוואַגטקײַט.
ס'האָט אויף דעם ווידערשטאַנד פאָן-קאַולוס געקוקט מיט שפּאַס,
און ניט דערלויבט זײַן טראַציקײַט קיין צווייפל האָט אַ פּליס טאָן.
דאָ האָט זײַן גײַוועס מיט שיגאָען זיך פאַרקנאַכט,
די אומפאַרמײַדלעכקײַט פאַרקנאַסט האָט זיך מיט מיסטיק.

II

א נישטיק בערגעלע באַם וואָלגער ברעג,
א גאַרניזאָן — אינגאַנצן פֿון זעקס מענער,
און שלאָגן שלאָגט מען זיך שוין וויפֿל טעג,
און נעמען שווערער איז עס פֿון ווערדען אים...
וואָס קומט דאָ פֿאָר? צי נאַרט אים ניט די ווײַט?
האָט ווי אין פֿיבער זיך געגעבן א פֿאַרדרייַ ער;
פֿון אונטער אַש ווערט אויפֿגעוואַכט א יעדער ווײַל
דער זעקס מאָל אומגעבראַכטער רויטאַרמייער.
אין וואָס, צום טײַוול, איז אַזוינס דער רוס?
ווי קלויבט מען זיך אין זײַן נאַטור פֿאַנאַנדער?
טריומפֿן איבער פֿעלקער האָט געַרמאַניע געוווּקסט,
געלייגט צופֿוסנס האָט א לאַנד זיך נאָך א לאַנד איר,
און דאָ זיך פֿאַר א שטיין מע שלאָגט מיט אַזאַ היץ,
ווי ס׳שלאָגט גערמאַניע זיך פֿאַר לענדער גאַנצע.
מיט וואָס זשע איז אַזוינס א באָלשעוויק באַשיצט,
מיט וואָס זשע איז אַזוינס א באָלשעוויק געפּאַנצערט

III

אַנטקעגן הונדערט טאַנקען אַפֿאַמאָל,
אַנטקעגן טויזנט טאַנקען אין געשלעגן?
עס האָבן דרײַ מאָל האַסטיק זיי איבערגעמאָלט
די דרײַ מאָל אויפֿגעהאַקטע וואָלגער ברעגן.
צי האָט אים ניט די ווײַט פֿאַרנאַרט אַהער אין סטעפּ
און פּענטעט טײַוולדיק אים יעדן טראָט דאָ?
עס רײַסט פֿון דר׳ערד זיך אויס א שטיין — און לעבט!
אין לופֿט פֿליט אויף א סלופּ — און אָטעמט!
צי האָט אים ניט פֿאַרפֿירט אַהערצו א געהיימער גײַסט
און יאָגט זיך דאָ פֿון אַלע זײַטן נאָך אים?
א בוים פֿון באָדן ברעכט זיך אויס — און שפּרײַזט,
א ציגל — אויסגעקלאַפּט — שטײַגט אויף מיט א געפּאָכע,
און אַלץ זיך שלאָגט, און אַלץ זיך ווערט,
און אַלץ באַפֿאַלט דורך זײַטן אומבאַוווּסטע,
און אַלץ פֿאַרטויבט מיט פֿײַער פֿון דער ערד:
מירן אײַך אומברענגען! מיר זײַנען רוסלאַנד!

IV

דער טויט ארומשפאצירט האָט פריילעכ אונטערוועגס,
געווענ באזוימט דער ברוסטווער איז מיט דײַטשישע נעווײלעס,
אונ אָפּגעהאלטנ די טראנשײ האָבנ די זעקס,
ניט אָפּגעטראָטנ קײנער אזש קײנ אײל איז.
ארײַנגעוואקסנ אינ אײנ עק געווענ איז דראָזד,
אָוואדיס — א פארוואונדעטער — פארוויגנ אינ א צווײטנ,
אונ לעווינ האָט זיכ אלע ווײַל געטאָנ א לאָז
גראנאטעס יעדנ צו דער האנט פארגרײטנ,
ווי אינ דער הײמ באמ שנײַדערײַ, אמאָל,
ער באמ ווארשטאט פלעגט אויסטײלנ דעמ דאָקלעד,
אונ ס׳פלעגט זײַנ טאטע ווערטלענ זיכ: — מעשוירערימ, ס׳איז שמאָל!
מ׳עט מוזנ אָפּזראסקענ די סנדרע ביז פארטאָגלעכ! —
געליטנ האָט אָוואדיס ווײטעקלעכ פונ דאָרשט,
די וואונד געטריבנ האָט אינ פיבער אונ אינ היצ אימ,
אונ לעווינ האָט געמאונטערט אימ: — ווארט צו אָקאָרשט,
באנאכט וועל איכ זיכ צוכאפּנ אלײנ צו דער צאריצא...

V

איכ וועל זיכ אפּ די קני אוועקשטעלנ פאר איר,
אונ איר א זאָג טאָנ, צערטלדיק: „צאריצא!
אײנגאנצנ זעקס געבליבנ זײַנענ מיר —
דײַנע געטרײַע, דײַנע לײַבלעכע באשיצער.
אָוואדיס שלאָגט זיכ, א פארוואונדעטער, אינ סטעפּ,
אז ס׳זאָל דער דײַטש ניט אײַנטונקענ אינ דיר זײַנ טרײפנ פארצעפּ,
לאָז דיכ, צאריצא, טאָנ מיט קאסקעס א פארשעפּ!
לאָז צולײגנ צו דיר, צאריצא, מיטנ הארצ זיכ!
מאמעדאָוו רעדט קאזאכיש דאָרט מיט זײ,
ווי א בערקוט. ניט צו פארשטײנ איז גאָר דאָס לאָשנ,
נאָר יעדער וואָרט גיט אזא פלאמיקנ צעווײ
דאָס הינטישע געבײנ. געווענ — אונ מער ניטאָ שוינ!
דער קאָמאנדיר — פארשטײסטו דאָכ אלײנ — א קאָמאנדיר,
אונ דער פּאָלטאווער דראָזד היט אָפּ די פלאנגענ די געטרײַע.
איכ שטעל זיכ אפּ די קני, צאריצא-טײַכ, פאר דיר,
די פליאגעס אָנשעפּנ מיט וואסער פארנ כאיל!"

VI

איבערגעשלאָגן האָט אים מיטאמאָל א ראש
פון טאנקען ט״פ. אָט האָסטו! נאט אייך!
און פלינק א פלי געטאָן א פלאש האָט נאָך א פלאש,
געגעבן זיך א שליידער האָט גראנאטע נאָך גראנאטע:
„צאריצא, זע, ווי ס׳צינדט זיך אָן א טאנק,
צאריצא, זע, ווי ס׳פלאקערט שוין א צווייטער!
דאָס האָט אים דראָזד דערלאנגט דאָרט א געטראנק,
דאָס האָט מאמעדאָוו די געדערים דאָרט צעדרייט אים!״
און לעווין, שליידערנדיק, פאָרגעזעצט האָט נאָך,
ניט פילנדיק קיין שטויס, ניט פילנדיק קיין ווייען,
ווען בליציק דורכגעגליטשט האָט זיך א שטאָך
און עפעס האָט די ערד גענומען זיך אים דרייען:
„צאריצא, זע, זיי קריכן שוין צוריק!
צאריצא, זע, ווי ס׳שטויסט א שייטער זיך אָן שייטער!
דאָס האָט סאדאָווסקי זיי אליין דערלאנגט א פליק
אינאיינעם מיט א ייִדישן א פראָסטן שניידער!״

VII

געפירט דער טויט צום אָפגאנג האָט דעם טאָג,
ווי פאר א צוים א פערד, פארענדיגט דעם קאָליר אים.
„צאריצא, זע, וויפל מ׳האָט דייטשן אָנגעבראָקט,
ווי ס׳ליגן אָנגעוואלגערט זייערע פגירים!
אָט וואַרפט מאמעדאָוו דאָרט זיך אפן ברוסטווער — גוט!
אָט אפ א גייענדיקן טאנק איז ער ארויף דאָרט.
צאריצא, זע, זיך איינגעבראָקט האָט ער ווי א בערקוט,
צאריצא, זע, ווי ס׳ציטערן, דערשיטערטע, די לופטן!״
געבאנדאזשירט האָט אייגער דאָרט דעם אנדערנס די וווּנד,
דאָס בלוט פארהאמעוועט מיט ציינערנע קריצן.
„באנאכט וועלן מיר קומען נאָך א טרונק,
די פליאגעס אָנשעפן בא דיר, צאריצא!״
געענדיקט דאָס געשלעג האָט זיך צו נאכט,
געגאנגען רעזערוו מיט דונערדיקן קאָל-מעוואסער.
— נו, שטעלט ארויס, — האָט לעווין זיך געווענדט, — א וואך,
און איך וועל אפן בויך א לאָז טאָן זיך נאָך וואסער!

VIII

געווען פארבלאָטיקט זײַנען אלע גלײַך,
ווי שטיקער ערד פון די טראַנשייען אָפּגעקרישעט,
נאָר ווי א מאַמע האָט פון ווײַט דער טײַך
אָפּ זיי מיט ווינטעלעך געאָטעמט פרישע.
זיי האָבן אָפּגעהאַלטן ביז צום סאָף די הייך
און ניט געוווּסט: זײַנען אַליין זיי ניט די ערד שוין,
אַדורכגעזאַפּט מיט שווייס, מיט בלוט און רויך
פון סטאַלינגראַדער ראַנד דעם פאָדערשטן, דעם ערשטן?
ס'האָט יעדער זיך געפרוווט: צי ווירקלעך ער איז ער?..
אַריבער פערציק טעג אין פלאַם פאַרהריזשטע,
געשווּמען דורך דער וואָלגע אין רעזערוו,
און טיילן פון דער ווײַט האָבן באַגריסט זיי
מיט יעדן ריר, מיט יעדן הויך, מיט יעדן שפּאַן
אין דעם באַנאַכטיקן באַגײַסטערט־שטילן וואָגל.
נאָר נאָך קיין וואַכער איז שוין לעווין ניט געגאַן,
א שפּליטער האָט צו דר'ערד אים צוגענאָגלט.

IX

געאָטעמט האָט די שטילקײַט נאָך דער שלאַכט —
אָי מיט באַגעגעניש אי מיט צעשיידונג.
אַרויסגעטראָגן האָט מען אין דער זעלבער נאַכט
די פרײַנט די לײַבלעכע פון די טראַנשייען.
עס איז זיי נאָכגעגאַן דער גענעמדיקער ראַש
פון פערציק לאַנגע פלאַמיקע מעסלעסן.
געשפּירט האָט לעווין אָפּ די ליפּן אַש,
אין היץ געקײַט עס און געגעסן.
א שלאָף איז אַלעמען באַפאַלן שנעל,
ס'האָט קיינער ניט געפילט די אומגעריכטע שטויסן.
און לעווין האָט געטאַפּט זײַן פוס דורכן שינעל —
צי איז ער דאָ, צי ווײַזט ער אים אַזוי נאָר אויס זיך...
די שוועסטער האָט אים צאַרט געגלעט די האָר:
— ווי פילט איר זיך? — געפרעגט, פאַרלינדערנד די לייד אים.
— איך וועל ניט שטאַרבן, שוועסטערקע, האָט ניט קיין זאָרג,
מע דאַרף אָפּ דער מילכאָמע נאָך א גוטן שנײַדער!

36. מיט סטאַלינס נאָמען

I

א קלונג. סאַדאָווסקי האָט געטאָן צום טעלעפאָן א פאַל,
דער בליק צום שטאַב געגעבן האָט א בלאַנקע,
ס'האָט פאַרן בערגל אים באַדאַנקט דער גענעראַל,
און אינעם דאַנק האָט ער דערפילט די שאָ פון אָנגריף.
אַז אָנגעטרויט אויך אים איז סטאַלינגראַד,
דורך סטאַלינגראַד — פון לאַנד די לעצטע טירן,
פאַרגעסן האָט ניט ביז צום לעצט קיין איינציקער סאָלדאַט,
געוווּסט ביז ווי א יעדער קאָמאַנדיר האָט.
געגאַן די וואָלגע ראַש איז צו געשלעג,
זיך ווי א שווערד געשליפט אין האַס אין הייסן,
און אויף איר ברייטן ראַכוועסדיקן ברעג
געשווירן האָט די גאַנצע רוסישע אַרמיי זיך:
אויב ס'וועט דאָ אויסקומען פאַרטיידיקן די ערד
מיט בלוט און ביין פון טרייַע זין פון אירע,
אַז פון קיין פּרעמדלענדער ניט זיין זאָל זי פאַרשוועכט,
זייַנען סאָלדאַטן גרייט, און גרייט זייַנען די קאָמאַנדירן.

II

זיי האָבן אויף אָנגריף ווייטעקדיק געוואַרט,
ער האָט אין זיי ביז פּייַן געוירט און זיך געצייַטיקט,
אַז איינמאָל אין א שפּעט-האַרבסטיקער נאַכט
זאָל ער זיך אופּלייזן בא סטאַלינגראַדער שייַטערס.
געיבט זיך מיט געווער כּאַדאָשים-לאַנג,
ווי מיט א קלוג געצייַג פון פעסטשטאַנד און באַשיצונג,
און אָנגעגאָסן זיך מיט בלוט האָט דער פאַרלאַנג
וואָס גיכער לאָזן אויף דעם הייסן שניט זיך.
געשלייַפט דער האַס און דער געדאַנק האָט זיך אין ווײַ,
געשלייַפט די שווערד — אָן אופהער, רעגלמעסיק,
אין מייַלן-ווייַטע איבערגעגנג דורך שניי,
אָן אָפּרו — מאַרשן גאַנצענע מעסלעסן,
און שטורעמס נאַכטישע — אויף הוילע בערג,
דורך זאַווערוכעס בלענדיקע געבלאָנקעט.
עס איז זיי נאָר געווען פלאָגעדיק און שווער
דאָס לאַנגע וואַרטן אויף דער צייַטיקייַט פון אָנגריף.

III

זיי האָבן זיך געגרייט אַקשאָנעסדיק און שווער
אין פּײַן פֿון שיידן זיך, אין ווייטעק פֿון פֿאַרלוסטן,
נאָר שטאַרקער נאָך געווען איז דאָס געווער
פֿון הויכער פֿליכט און לויטערן באַוווּסטזײַן —
געווער פֿון אייגנהייט, אויסגעשמידט אין פֿלאַם,
געווער פֿון האַס און פֿון געדולד, אין האַרץ פֿאַרטײַעט,
אַזאַ, וואָס ווייסט ניט פֿון קיין ברעג און פֿון קיין צאַם,
ווי ס'ווייסט עס ניט די ליבע און די פֿרײַהײַט.
געלייענט האָט דער גענעראַל אינעם באַפֿעל
צום כאַיִל, אויפֿגערופֿענעם אַף ווונדער,
אַז בײַ דער לײַבלעכער בײַ סטאַלינגראַדער שוועל
האַלטן זיי שטאָלץ די שוץ פֿונעם יאָרהונדערט,
די שוץ פֿון דער גערעכטיקײַט און גאָלדענעם געדאַנק,
וואָס קאָן ניט ווערן פֿון קיין צוואַנג באַצוווּנגען.
עס האָט אים ניט געקאָנט צעשמעטערן קיין טאַנק,
עס האָט אים ניט געקאָנט פֿאַרטיליקן קיין יונקערס.

IV

עס האָט געגרײַפֿט די שלאַכט אין מוט, אין וויי,
אין ערד־שטיבל, בײַ טונקל־צאַנקענדיקן פֿלעמל —
דורך שטרעקעס אײַנגעוועבט אין יעטווידער טראַנשיי,
גענערט האָט זי זיך מיט דעם ליכט פֿון קרעמל,
דאָרט, ווו באַוועגט פֿון הויכן פֿאַ־שנדיקן גײַסט,
געזוכט מ'האָט נײַס און אָפּגעלעבטס געבראָכן —
באַהאַפֿטן זײַן דער ווונדער זאָל פֿון דרייסט
מיט ווונדער פֿון געדאַנק, און טעג און וואָכן
געוויגן, דורכגעדרונגען ביז צום גרונט,
דער קלאַפּ זאָל פֿלעטנדיק און גרויזאַם פֿאַלן.
געוואַרט האָט זי אין אָנגריף שטערנדיקער דום
איינעם מיט אַן אָדלער־שטערנשאַפֿט פֿון יונגע גענעראַלן.
זיי האָבן דורכגעזאַפּט מיט פֿינף און צוואַנציק יאָר באַגין
דעם פּײַן, וואָס אַפֿן לאַנד געווען צעזייט איז,
און פּאָטערלעך שטודירט מיט די סאָלדאַטן, ווי מיט זין,
און זיי געפֿירט צום רום, וואָס ניט געוווּסט האָבן די זיידעס.

V

עס האָט דער גענעראל אינ אומגעדולד געווארט,
זײַנ העכסטע פּרווו מיט קנייטשנ האָט דעמ שטערנ אימ געווירעט,
ווי אלעמאָל, זיכ גרייטנדיק, אינ שלאכט,
געשוועבט פאר אימ האָט דאָס געשטאלט פונ פירער...
א שלאָפלאָזער אפ יעדנ ראנד,
אינ יעטווידער טראנשיי, אינ יעטווידער זעמליאנקע,
די מאפּע פאָרשנדיק, געזוענ האָט ער זײַנ האנט,
ווי זי וואָלט פאר זײַנ בליק איבער די ליניעס געגאנגענ,
אימ אונטערזאָגנדיק אזא מינ וואריאנט,
וואָס פונדאָסנײַ אנטפּלעקט דעמ טאָכ פונ די רעליעפנ.
אינ יעדער שטריכ האָט זיכ דער גורל פונעמ לאנד
פונסנײַ אונ אומגעריכט פאר אימ געעפנט,
אונ גרונטעוועגנ ס׳האָט אימ באוועגט א יעדנ גאנג,
אונ פרילינגדיקנ מוט אונ וואגונג אימ געגעבנ,
ווי ער אונטערגעזאָגט וואָלט דאָ געדאנק אימ נאָכ געדאנק,
ווי ער אליינ לעמ אימ געשטאנענ וואָלט דערנעבנ...

VI

פונ קרעמל, ווי פונ דעמ קאָמאנדנעמ פונקט
פונ פראָנטנ אויסגעצויגענע דורכ אלע ראנדנ,
געשיקט דער פירער האָט מיט בליצ אונ שווונג
די זיבנ מאָל געוויגענע קאָמאנדע...
ניט גרינג, האָט ער געוווסט, זיכ געבנ וועט דער זיג,
אונ אינ דער גאנצער וווקס זיכ אופשטעלנ איז פרי נאָכ.
ער האָט מיט וויי כאיאָלעס אָפּגעפירט צוריק,
מיט קלוגשאפט זיי געשאפנ מעכטיקע טראמפּלינענ...
אדורכגעגאנ איבער זײַנ הארצ איז זיכ דער גאנצער קריג,
אונ אָפּגעגאנ עס איז מיט בלוט פאר יעדער אָפּגערויבטער לאָנקע.
נאָר אינ דעמ דורכגעטראכטנ אָפּטרעטנ צוריק
האָט ער פארלייגט, ווי דינאמיט, דעמ צוקונפטיקנ אָנגריפ.
ער האָט אימ אויסגעוואָרעמט, בלוטנדיק, מיט פײַנ,
ער האָט אימ אויסגעטראָגנ, ווי די האָפענונג פונ פעלקער,
פארניכטנדיק אונ גרויזאמ זאָל ער זײַנ
אונ אינ די דוירעס קיינמאָל ניט פארוועלקנ.

VII

ער האָט דעם אָנגריף אויסגעפורעמט אין געשמעלץ
פון ווײ און מוט און ווינטיקע געוואָיען,
ער האָט אין אים פארקנאָטן זאָיעס קאָל דאָס העלס
און פון די אכט און צוואנציק ריזן די צאוואָע,
דאָס אש פון כאָרעווע פארברענטע שטעט,
דאָס בלוט ס׳פארגאָסענע אף אלע וועגן.
געקנאָטן האָט ער אים פון דעם קאזבעק
ביז צו די באלטישע פארשנייטע ברעגן.
קיין שטורעם-ווינט האָט ניט פארפירט זײַן טראָט,
געהערשט זײַן גײַסט האָט הויך און אומגעוואקלט,
געהויכט אף אים אן אופגעוועקטע האָט
גאָר די פארגאנגענהײַט די טיפע ביז ספארטאקן,
און ס׳האָט די צוקונפט אופגעכאסמעט אים א נײַע בלאט,
און פעלקער, בענטשנדיק, געווינטשט האָבן דערפאָלג אים.
צוויי טויזנט יאָר האָט יעטווידער סאָלדאט
פארטיידיקט בא די ברעגנדיקע ברעגן פון דער וואָלגע.

VIII

מיט דער באגײַסטערונג פון שעפער באם געבוי
האָט ער קיין מידקײַט ניט געלאָזט דעם מיעך זײַנעם פילן,
ווי ס׳פילט קיין מידקײַט ניט אין ווּקס דער ווים,
ווען, ברויזנדיק אין אים, די זאפטן זיך צעשפילן.
מיט מאָס און וואָג — אף דורך און דורך —
צום איינס-אף-איינס מיט דעם פארדארב איז ער געגענען,
און ניט פארזען האָט ער די קראפט פון דער נאטור,
און אויך די כאָכמע פון דער צײַט האָט ניט פארזען ער.
מיט פינקטלעכקײַט פארוועגדעט האָט ער זי,
מיט לאסטן אָנגעלאָדן אָן א שיר דאָרט!
דאָס לאנד דאָס גאנצע אופגעלייגט אף זיך;
געגורט מיט אײַזערנע געזעצן פון געשיכטע,
איז ער געגאנגען דורכדרינגלעך און גראד,
זיך פארן גורל פונעם פאָלק צו זײַן מענאדער.
צוויי טויזנט יאָר האָט יעטווידער סאָלדאט
פארטיידיקט בא דער שוועל דער סטאלינגראדער.

IX

פֿאַר גאָר דעם לאַנד א בליציקער פּאראָל,
אין יעדן הארץ אדורכגעדרונגען איז ער.
זיך אָנגעפּילט מיט אים האָט יעדער פֿאָלק,
מיט אים זיך אָנגעזאפּט האָט יעטווידער דיוויזיע,
מיט זײַן אנטשלאָסנקײַט מיט שטאָלענער אין בליק
אפֿ טויט זיך שטעלן גראד. געלויכטן האָט א ניידער:
קיין טראָט צוריק!
איצט מיט קיין זאמד קיין איינציקער זיך ניט צעשיידן!
דער פֿעלדזן-ברעג פֿון וואָלגע — אין דער ברייט
האָט אופֿגעשפּארט זײַן שטיינעריקע טראכט דאָרט,
א יעדער שטיין צו שלאכט געווען איז גרייט,
און יעדער זאמד צו ווידערשטאנד געווען איז פֿארטיק,
ווי ס'וואָלט באוווּסט געווען אליין דער ערד
ביז צו די טיפֿסטע אופֿגעוועקטע טהאָמען,
אז איר, דער ברענענדיקער, איז באשערט
די דוירעס דורכלויכטן מיט סטאלינס נאָמען!

X

ער האָט דעם שטורעם גרויזאם-שטיל געשפּינט,
אים אויסגעטראָגן האָט אין ברויזנדיקן ווי ער,
דעם צאָרן פֿונעם לאנד געבראכט האָט אים דער ווינט,
געקומען איז צו אים ס'געביין פֿון די פֿארפֿײַניקטע ארמייער
מיט שטערנס אויסגעברענטע אפֿ דער הויט,
מיט אויסגעשטאָכענע פֿארשטרײַכטע אויגן.
געקומען זײַנען זיי, אדורכגעלעכערטע פֿון שרויט,
מיט שטריק אפֿ העלדזער שלייפֿעדיק פֿארצויגן,
נאָר ניט ארויסגעלאָזט די ביקסן פֿון די הענט
און ניט ארויסגעלאָזט דעם צאָרן פֿון די הערצער.
— צו מײַרעוו! — האָבן שאָטנס גרויזאם זיך געווענדט.
זיי וועלן טויטערהייט זיך נויקעם פֿאר דער ערד זײַן!
עס האָבן קוואָרים אופֿגעהויבן זיך איבעראנײַס,
געמאָלדן האָט אין פֿלאם אליין זיך דער באגינען —
ס'זאָל זיך באטייליקן אין שטורעם זייער גײַסט,
ס'זאָל זיך באטייליקן אין שטורעם זייער סינע!

די וויַיט האָט זיך פאר אים געגעבנ א צעפראל,
אונ ס'האָט דער רוים פאר אים זיך אופגעריגלט.
געשמעלצט האָט ער דעמ אָנגריפ אינ די דאָמנעס פונ אוראל
אונ אינ די הערצער פונ די אויסגעבענקטע קריגער.
דערגרייכט האָט ער דעמ העכסטנ גראד
פונ דראנג אונ אָנגעגליטע דאָרשטנ,
דער אָנגריפ וועט זיך אָנהייבנ בא סטאלינגראד, —
זיך ענדיקנ וועט ער בא די בערלינער פאָרשטעט
אונ דורכלייגנ אפ אש פונ פרייד א מאגיסטראל,
א מאגיסטראל פונ זיג פונ איינ עק ביזנ צווייטנ...
געוואָרט דער גענעראל האָט אפ דעמ ערשטנ קנאל —
מיט שלאָפ אונ רו שוינ לאנג זיך האָט צעשיידט ער.
— איר וועט זיך עפשער צולייגנ א וויַילע, — דורכ דער טיר
האָט פונ זעמליאנקע זיך א פריַינט צו אים געווענדעט.
— עס שלאָפט דער כאווער סטאלינ ווייניקער פונ מיר, —
האָט פונ די ביינער זיַינע דורכגעברומט אנ ענטפער.

IV

אפ מײַרעוו

1. א מייסים־וועג

I

א מייסים-וועג צעשפרייט איבערן טויטן טאָל איז
דורך גרייַזן כטעפּ, באשאָטענעם מיט אש,
ווי א פּארקישעפּטער פּאראָם, באלאָדן מיט כאיאָלעס,
פון ווארגנדיקער שטילקייַט איבעראשט,
פון סטעפּ באלאגערט און פּארזויגן,
און זיי געדענקען ניט, ווו ערגעץ אין דער וועלט מע איז...
זיי קוקן שטאר מיט אָפענע ניט-זעעוודיקע אויגן
און שטרעקן ערגעץ די ניט-רירעוודיקע פיס,
די קעפּ פארנייגט און שרעקעוודיק-פארהויבן,
ווי אונטער ווייַטע דונערדיקע קלעפּ,
די שטילקייַט זאָל זיי ניט פארטויבן,
צעפּלעטן זאָל זיי ניט דער סטעפּ...
ער שלאָפט, דער וועג. עס וועקט דאָרט דער בוריאן אים,
עס שאָרכעט דורך דער ווינט מיט א געשטרייַך:
א יעדער מעס — א שטיק פארזונקענע גערמאניע,
א יעדער מעס — א בראָכשטיק פונעם רייַך!

II

די שטאָט פון רום פּאַרצוקנ און צעטיילנ,
מיט קעסל־פּויקנ, רויבזעק אָנ א צאָל,
גלײַכ ווי געפּאַנצערטע געשפּענסטער פון די היילנ,
באַזויפּענע מיט פײַער און מיט שטאָל —
געגאַנגענ אַפּ אַנ אונטערהאַלט זיי זײַנענ,
גענומענ אונטערפירנס האָט באַ זיי דער טויט.
און בלוט, ווי ביר! קיינ מאַנגל זאָל ניט זײַנ נאָר!
אינ שעכטהײַזער געגרייט זאָל זײַנ דאָס ברויט.
געײַלט זיי האָבנ פריילעכ זיכ צום מאָלצײַט,
מיט פּעסט מיט גיריקער געגאַרטלט אינ דער גרעב,
און ווי אַפּ מילשטיינער געגעבנ א צעמאָל זיכ
אינ סאַמע מיט פונ שיקערנ געהעפּ,
אינ סאַמע מיט פונ צעפּאָלאָכ פונ הייסנ,
אינ סאַמע מיט פונ העפקערדיקנ קאָנ.
און ס'ציט דער וועג זיכ — א פּאַראָמ פונ מייסים,
פּאַרקישעפּט אַפּנ סטעפּ פונ וואָלגע ביז דעמ דאָנ.

III

ער רירט זיכ ניט. ער קאָנ אינ ערגעצ ניט דערשווימענ.
א שאָטנ פּאַלט פונ אימ — דאָ לינקס, דאָ רעכטס,
און קראָענ לאָזנ זיכ צו אימ ווי פּיליגרימענ
מיט אוא יוסטנ נאַכעסדיקנ קרעכצ.
אַפּ אימ א נעפּל גלאָזיק אָנגעטאָנ איז,
ער שווינדלט אינ דער ווײַט מיט אופגעהאַקטע טרעפּ,
און ס'וואַלגערנ אַפּ אימ זיכ דײַטשע באַטאַליאָנענ,
צעוואָרפּנ — ווער וווהינ — די טויטע קעפּ,
מיט הענט מיט שווארצע אָנגעכאַפּט די פּ'סטקײַט
און מײַלער אָפענע — פאַרשטאָפּט מיט קויט,
ווי גרינע יאַשטשערקעס, פּאַרטריבענע קיינ רוסלאַנד,
א לעצטנ טרונק טאָנ באַ די קאָרעטעס פונ טויט.
ס'פּאַרטראָגט א ווינט פונ ערגעצ זיי א בלאַט דאָרט,
און ס'בלאָזט, פּאַרבײַלויפּנד, א צווייטער זי אוועק,
דאָס זײַנענ זיי, די גרויס־גערמאַנישע סאָלדאַטנ,
מיט קויט און בלוט ברוקירטע אַפּנ וועג.

IV

זיי בײַסן טויטערהייט די גרינע קאסקעס
און קאָנען ניט אראָפּשלינגען פון רויב דעם רום,
דערנעבן פאנצערס, זשאווערדיק־צעטראסקעט,
פארקרימטע וואלגערן זיך אום.
צי מיִען זיי זיך טויטערהייט עפּעס דערמאנען,
די מייסים אויסמושטירטע מיט דערשרעק?
אין מײַלער וויגן זיך די שפּינען פון גערמאניע,
און שארבנס קנייטשן זיך אף גרינע רעק.
א מייסים־צוג צום לעצטן קיווערדיקן האפּן
מיט פאנצער־בראָך מיט שטאָלענעם זיך רײַסט:
נו, וויפל האָט אײַך אין פארדארבעניש באשאפן
דער שווארצער, דער פארניכטנדיקער גײַסט
אף אָפּגענארטן פאָלק, אף די געשמידטע זײַנע ביינער,
אין לאנד, פארצויגענעם מיט שטריק פון שטאָל,
אז אויסבעטן דעם סטעפּ זאָלט איר מיט זיך אליין נאָר
באם וואָלגער ברעג — דורך בארג און טאָל?

V

עס ברענט דער סטעפּ. עס קאָנען זיך די טויטע ניט פארטײַען.
די נאכט פארהילט דאָרט זייער טויטע שאנד.
נאָר ס'רײַסט פון זיי די דעק אראָפּ דאָס פײַער
און עפנט ווי א דענקמאָל אופּ זיי אפן ראנד.
פון דער טאליאָנישער גערמאניע א דענקמאָל
צווישן דעם אש און שטאָלן־בראָך זיך הויכט,
געקנאָטן גרויזאם פונעם טויט מיט אזא שטרענגקײַט,
מיט טויטן גיך מיט א פארגליווערטן באהויכט.
ס'באלויכט די ברענענדיקע שטאָט אים פון דער נאָענט,
און שאָטנס לייגן זיך פון אים אף ווײַט.
עס קומען צו די טויטע אף א כײַע־שאָ די קראָען;
און ערגעץ, אָן א צוים, צעוויכערט און פארשײַט
זיך טראָגט א פערד. ס'גיט אלע ווײַל א דריי זיך,
און אין דערשרעק, ווי פאר א צאם, סע שטעלט זיך אָפּ.
עס רירט זיך ניט דער טויטער טאָל פון מייסים,
אין קאסקעס בלאָטיקע מיט קאָפּיטעס סע קלאפּט:

VI

װער איז עס דאָ? װער איז עס דאָ אין װעג פֿאַרזונקען?
עס קוקט פֿון ראַנד צו ראַנד זיך אום,
עס גלאַנצן אױף דעם שטאַרע אױגן דורך דעם טונקל
און מײַלער פֿינצטערע, צעעפֿנט קרום,
װי אָנטאָן צוימען זײ באַדאַרפֿט עס האָט דאָ
דער טױט, פֿון זײ אַלײן פֿאַרשװעכט.
עס זוימט ביז העלדזער זײ פֿאַרדאַרטע בלאָטע,
װי שװאַרצע דורכגעקוילט־קאָלטענעװאַטע בערד,
די הענט געשטרעקט — אױף מער זיך ניט קײן ריר טאָן,
און אײנס אױף אַנדערן — פֿאַרלײגט די קעפּ,
און איבער זײ — אַ נעפּל פֿון נעװײלע פֿון געדיכטער,
און אונטער זײ — דער ברענענדיקער סטעפּ:
װער איז? װער איז דאָ און פֿוגװאַנען?
און ס׳קלינגען קאַסקעס אָפּ אין קאָפּיטעס פֿאַרטרױט:
אַ יעדער מעס — אַ שטיק פֿאַשיסטישע גערמאַניע,
װאָס האָט אױף קעסט פֿאַרקנאַסט זיך בײַ דעם טױט!

2. דער קרײַז פֿאַרשליסט זיך

I

און אין בערלין — אַ שיכט איבער אַ שיכט,
פֿאַרצױגן אין מונדירן בליציקע און גרינע,
האָט די טאָטאַלע שוץ די דײַטשישע מאַרשירט,
די פֿיס געהױבן הױך, װי אַלטע באַלערינעס.
די הינטנס, אָנגעשטאָפּט מיט געװע פֿונעם רײַך,
האָבן ניט צוטריטלעך אַרױסגעשטאַרצט — ניט צו געגנען,
און רונד, און שטאָלץ, און שאַרף אונטערגעשטרײַכט
די אומבאַזיגבאַרקײַט פֿון פֿירערס געני.
די קעפּ — פֿאַרשרױפֿט אױף אַקסל שטײַף,
די אױגן, אונטער דאַשעקעס, ניט אָנגעזען זיך מער שױן.
און ס׳האָט דער פֿירער הימלדיק באַגרײַפֿט
דעם גײַסט פֿון אַלגעװעלטיקײַט און הערשאַפֿט.
ער האָט געציילט דעם טראָט, געשפּירט די הײך,
צי זעט מען אינדערלופֿטן אָן די קנעכל.
פֿאַראָרדנט װעמען — אײַנציִען דעם בױך —
און איבער גאָר דעם לאַנד געגאָרגלט: — העכער!

II

די קני, ווי בויגנס — פלינקער אונטערוואַרפט!
און בליציקער, געטאָקטער — נאָכאַנאַנד זיי!
אייראָפּע זען די דײַטשע פּיס באַדאַרף!
ס'באַדאַרף זיי זען די וועלט די גאַנצע!
גערמאַניע! די שאָ איז נאָ'נט,
ווען זייער דרוק דערפילן אויפן רוקן וועט זי! —
ער האָט ניט צוגעלאָזט יעדיִעס פונעם פראָנט
צו די בערלינער אויסכּוּשטרירטע פלעצער. —
מיט די פאַרפלוכטע יודן גייט צו שלוס!
זיי ווערן איבעראַל פאַרניכטעט! —
און ער פאַרשטאָפּט בא הויכריידערס די גאָרגלען מיט דעם כּוס,
ס'זאָלן יעדיִעס פונעם פראָנט אים ניט פאַריכטן.
נאָר זיי זײַנען געגאַנגען — ניט אָפּגעווענדט און גראַד,
זיך אויפן פיורער אָנגעטאָן, ווי שוואַרצע וואָלקנס —
פון דער אַרומגערינגלטער אַרמיי בא סטאַלינגראַד,
פון די פאַרניכטעטע דיוויזיעס בא דער וואָלגע.

III

דער אָנגריף שטײַגט, פאַרפלייצנדיק אַרום,
ער ברעכט דעם ווידערשטאַנד און שמעטערט צאַמען,
עס טראָגט איבערן סטעפּ אים צאָרן, האַס און רום
און פלאַקערדיקער דאָרשט און הונגער נאָך נעקאָמע.
אים שטעלט ניט אָפּ קיין פײַער און קיין פראָסט,
און ניט קיין שטערונג איז דער טיפסטער שניי אים.
ער האָט זיך ווי אַ יאַם געגעבן אַ צעגאָס
מיט ברויז און דראַנג פון אָנגעגליטע ווייען.
ער שטײַגט, דער אָנגריף, טאָג און נאַכט,
און פרייד גיט יעדער זאַלפּ זײַנער אַ זאָג אָן:
ער וועט דיר, הענקער, מער אין ברענענדיקער שלאַכט
אין ערגעץ ניט דערלאָזן קיין האַפּסאָקע!
געיאָגט צו זײַן פון גרוב צו גרוב,
פון בראָך צו בראָך איז דיר צולעצט געבליבן,
און זיך צעשיידן מיט דײַן רויבערישן רום,
מיט מייסים אויסטאַנצן דײַן לעצטן פיבער!

IV

איז מאָרדעווע אונ ראנגל זיכ, צאָראאס,
ביז ס׳קאָנ דײַנ גיר דײַנ ברוינער דיכ נאָכ פאָלגנ.
געעפנט טויזנט אָפגרונטנ אפ דיר האָט דער קאווקאז,
דעם שלונג אפ דיר פארטײַעט האָט די וואָלגע.
ניטאָ פאר דיר קיינ וועג פאָרויס,
דײַנ וועג צוריק איז אָפגעשניטנ!
עס רײַסט א יעדער בארג זיכ ווי א פויסט,
אונ וועלדער טשאטעוועג דיר אלע טריט דאָ.
דאָ וועסטו אויסלאָדנ דײַנ ברוינע הויט
אונ מיט דײַנ אומווירדיקנ שארבנ זיכ צעשיידנ.
א נעצ פונ צאָרנ אונ פונ האס דער טויט
אפ דײַנע טלאָ אפ דײַנע בלוטיקע פארשפרייט דאָ,
אז ווי דו וועסט זיכ טאָנ א קער
אונ ווי דו וועסט זיכ טאָנ א ווענדע,
וועט אונטער דיר זיכ אופשפארנ די ערד
אונ דיכ פארשלינגענ אונ פארלענדנ.

V

איז דריי אונ שלײַדער זיכ פונ עק צו עק,
באזויפענער, פארדאמטער קאינ.
ארָאפגעריסנ די טשאלמא פונ זיכ האָט דער קאזבעק,
ער וועט דיכ, ווי מיט מילשטיינער, צעמאָלנ אונ צעקײַענ.
דער אָנגריפ שטײַגט פונ זוימ צו זוימ—
דײַנ גרילעמ-שטאָל ברענט דורכ אינ זײַנע דאָרשטנ.
ס׳שטייט צו אימ צו אינ וועג א יעדער בוימ,
א יעדער קרעכצ, א יעדער בראָכשטיק.
אינ טרערנ קינדערשע טונק אײַנ צולעצט דאָס ברויט,
באלעק צומ לעצטנ מאָל מיט בלוט זיכ ווי מיט האָניק,
דעמ גאָרגל קוועטש ארײַנ אינ מעש פונ די טראָמבאָנענ
אונ שרײַ, אונ פויק, אונ ריטשע פארנ טויט,
אז דו ביסט גרויס, אז קיינער קאָנ דיכ ניט דערגרייכנ,
אז הערשנ אונ געוועלטיקנ איז דײַנ בארופ.
דעמ כאזער דוכט זיכ בלויז: ער גוואלדיק הויכ איז,
ווענ אפ א בארג א הויכנ פויזעט ער ארופ!

VI

צו פרי האָסטו געגרייט דעם טיש פון רויב,
צו פרי האָט זיך צעשאַלט פון זיג דײַן האָרן.
די פאָן פון שאַנד און בראָך פאַרהייב
און פּראַווע זיך אַליין אַ פינצטערע האַזקאָרע!
צעטיילט האָסטו די פעל פון בער צו פרי,
צו פרי צעוואַיעט האָבן זיך שאַקאַלן דײַנע.
עס וועלן קוואָרים זײַן פאַר דיר די בערג פון קרים,
און טויטן-קרענץ — די וועלדער פון אוקראַיִנע!
ער שטײַגט אַ גרויזאַמער, דער אָנגריף, גראַד
און בעט מיט מײסים טאָל נאָך טאָל דאָרט.
וועסט זיך ניט צורירן צום אש פון סטאַלינגראַד,
וועסט זיך ניט צורירן צום וואַסער פון דער וואָלגע!
איז מאָרדעווע, און ראַנגל זיך, און וואַי,
דער טויט האָט שוין די טריט דײַנע געצוימט: ציילן.
עס וועלן כּײַעס אָנשטאָפּן דײַן בויך מיט שטרוי
און דיך אויסשטעלן — באַווונדערן די היילן!

VII

געניישטערט האָבן דײַטשן אויפן סטעפּ, ווי מײַז,
געהריזעט איינער בײַ דעם אַנדערן דעם גיר האָט,
און אין די נעכט געקראָכן ריטערלעך און דרייסט
דאָס בלוט דאָס נאָבעלע דערפרישן מיט פּעגירע
פון אַ געפאַלן פערד אינמיטן וועג,
וואָס האָט די ווידמענדיקע ווערעם דאָרט געהערט שוין.
געגאַנגען איז די סודע מיט געשלעג —
פאַר נאָך אַ ביין אין דער כאַלופּע צו באַהערשן,
פאַר נאָך אַ שינד אין דעם צעטרייבערטן טראָפּ,
פאַר נאָך אַ גראָב אין איינגעווייד די נעגל,
און ווער עס האָט דעם פּאַרצעף דאָרט געוויקט,
און ווער ווי נעבן אַ געליבטער איז געלעגן.
אויך דאָ פון ייִכעס האָט מען אויסגעהיט די מאָס —
ווער נעענטער זיך אָנגעקערט האָט צו די היילן,
נאָר פון דערשרעק אונטער אַ סווישטשענדיקן שאָס
האָבן זיך אײַנגעגאָבן אַלע גלײַך אין דער נעווילע.

VIII

די אָנגערויבטע שמאטעס אפּ די קעפּ,
די בלאָטע אפּ די כיניִשע געזיכטנ
ארום דער פערדישער פּעגירע אפּנ סטעפּ
האָבנ געוויס זיי מאלכעסדיק באצירט דאָרט.
זיי האָבנ עפּשער נאָכ ס׳באהערשנ פונ דער וועלט
געהאלטנ אינ ענדגילטיקנ באטראכטנ...
וואָס נאָכ האָט צו אזא מינ סודע זיי געפעלט?
וואָס נאָכ באשליסנ האָבנ זיי באדארפט דענ?
צי איז עס ניט געווענ אזא געהיימער ראט —
אָנ ליכט אונ אָנ געטראנקענ —
ווענ דעם ערשטנ דורכמארש איבער סטאלינגראד,
וואָס צוגעזאָגט מע האָט זיי נאָכ אינ פראנקרייַכ?
דאָס לאָשנ האָט פונ זיי זיכ אָפּגעטאָנ, די שייַנ...
געגאנגענ א געוואָי פונ זיי אונ א געהויל איז.
אונ אויסגעזענ זיי האָבנ פּונקט ווי אינ א שטייַג
אונטער די ריפּנ פונעם פערד אונטער די הוילע.

IX

פונ טאָג צו טאָג האָט ארום זיי דער קרייַז
אלצ ענגער זיכ פארצויגנ אונ פארשלאָסנ.
ביז לעצטער שפּענט איז אויסגעגאנ די שפּייַז,
דער הונגער, הערשנדיק, האָט אייַנגעשטעלט א מאָס זיי.
צו די טראָפּיינע פאדלעס האָבנ דייַטשנ ניט דערלאָזט
פונ די פארבינדעטע בראָדיאגעס — ניט קיינ איינעמ.
געסווישטשעט האָט פארווייַלנדיק דער פראָסט
אינ זייערע פארקילטע אויסגעהוילטע ביינער.
אונטער דעמ שניי — אינ פאראיאָריק גראָז
געשנאָרעט האָבנ זיי, ווי וועלפּ, מיט אויגנ ברענענד.
אונ אָפּגעביסנ בא פּאָנ-שפּעקנ דאָרט די נאָז
האָט אינ דער פינצטער א צעיושעטער רומענער,
ווענ ס׳האָט אינ אימ א זאָט געטאָנ זייַנ „רוימיש״ בלוט
אונ דער פארשוועכטער קאָוועד פונעם וואָרעמ.
א בערסאליער געפרעסנ האָט דעמ פעדער פונ זייַנ הוט
אונטער דער ווינטיק-וואָיענדיקער גלאָריע.

X

ס׳איז גרינג צו אופברעכנ די טיר נ׳א פרידלעכ הויז
אונ זיכ מיט פרעמדער מי באזויפנ אונ באפו״עסנ.
געכאָלעמט האָבנ זיי נאָכ אלצ, צעפוילטע שוינ דורכויס,
פונ אָפגערויבטע רוסישע פּאָסטעסיעס,
וואָס מ׳האָט זיי צוגעזאָגט פאר אויסקוילענ א דאָרפ,
וואָס מ׳האָט זיי צוגעזאָגט פאר אומברענגענ א יישעוו
אפ רוסלענדישער ערד, אי דאָ אי דאָרט,
פונ לייַכטע מארשנ זיגרייַכע פרילישעט.
נאָר ס׳האָט די גרוב זיכ שוינ געטאָנ אפ זיי א מעסט,
דעמ וועג צוריק פונ זיי פארהוילנ.
א יעדנ איינציקנ האָט נאָכגעקוקט א מעס,
פארפאָלגט האָט יעדנ איינעמ א בעסוילעמ...
געשלאָגנ האָבנ זיי אצינד זיכ מיט דער שרעק,
זי איז פונ זיי קיינ אויגנבליק ניט אָפגעשטאנענ.
אונ בא דער פאדלע שוצ געזוכט אונטערנ עק
האָבנ די אומבאזיגטע ריטער פונ גערמאניע.

XI

פארבונדנ האָט פאָנ-שפעק מיט א פאטשיילע זיכ די נאָז:
צי פרעסט די פאדלע אימ? צי בלויז אימ דוכט זיכ?
געקריצט מיט ציינער, ווי געפרעסנ וואָלט ער גלאָז,
אונ זיכ דערמאָנט, אז הייַנט איז זייַנ געבורטס-טאָג.
ס׳איז, דאכט זיכ, ניי-יאָר הייַנט באנאכט...
א וועלכעס יאָר? די ריפנ פונעמ פערד — גלייַכ ווי א יאָלקע.
אונ אינ דער היימ, געוויס, מע ווארט
א בריוו מיט גראטולירונג פונ דער וואָלגע...
ער איז הייַנט אלט געוואָרנ אכט אונ צוואנציק יאָר —
א טאפ געטאָנ ער, כאָרכלענדיק, די נאָז האָט —
א טאָסט וואָלט ניט געשאדט אפ זייַנ געבורטס-טאָג, יאָ,
פאר זייַנ פּאָסעסיע דאָ, בא דער נעוויילע — פראָזיט!
געקנאקט די זאווערוכע האָט אינ סטעפ,
געבושעוועט מיט ברעכנדיקער גוורע.
פונ מויל האָט זיכ אימ בלוט א פאסיקל געשלעפט:
א טאָסט צומ ניי-יאָר פאר דעמ פיורער!

3. די סטאַלינגראַדער זאָווערוכע

I

און ווערסט נאָך ווערסט, און מײַל נאָך מײַל,
דורך בראָך, דורך פײַער און דורך שנייען —
אַנטקעגן איינס דעם אַנדערן האָבן געאײַלט
פֿאַראייניקן זיך צוויי סאָוועטישע אַרמייען.
פֿון סאַלסקער פּליין און פֿונעם דאָנער סטעפּ
ווי שטראָמען לאַווע זיך געטראָגן האָבן פּאָלקן
מיט מוט, און ווּט, און בליציקן געשטעפּ
דעם פֿײַנט, ווי אין אַ שטײַג, פֿאַרשליסן בײַ דער וואָלגע.
אין אַ צעוואָרפֿענעם פֿאַרקלאַמערדיקן זאַק,
געשטריקט מיט פֿלאַם פֿון רויטאַרמייערישע שפּיזן,
אַ טרישטש געטאָן האָבן מיט האַק און פּאַק
די צוויי און צוואַנציק דײַטשישע דיוויזיעס.
דער שנײַ איז אויפֿגעגאַנגען מיט צויבער און מיט בלי,
געטראָגן האָט זיך די אַרמיי, פֿאַרקישעפֿט פֿון בוראַנען.
און יעדער טראָט האָט אָפּגעקלונגען אין בערלין
מיט אומפֿאַרמײַדלעכן געריכט איבער גערמאַניע.

II

פֿון בערג צו יאַמען האָט געהילכט דער ראַש
פֿון אויפֿגעפֿענטעטער, באַהויכטער גוורע.
אַ יעדער שטיב פֿון סטאַלינגראַדער אַש
זיך אויפֿגעהויבן אין דער הייך צושטײַער האָט דעם שטורעם
מיט אַלע נײַנציק פֿלאַמיקע מעסלעס,
מיט אַלע נײַנציק נעכט פֿון הוילע קאַנאָנאַדן.
ס'איז בײַ דער וואָלגע ניט געשען קיין נעס,
אַרײַנגערעכנט אַלץ געווען דעם שטורעם איז אין נאָדן:
געשלעג פֿון דוירעס פֿאַר דער פֿרײַ,
אַדורכגעלײַטערטער אין שלאַכטיקע קאַיאָרן,
וואָס ווערט אין אָפּשטאַמען אַנטפּלעקט פֿונסנײַ
דורך דעם סאָוועטישן פֿאַרזיי — פֿאַר פֿינף און צוואַנציק יאָרן.
די אויסגעפּרוּווטע קראַנט פֿון רוסלענדישן גוואַר,
דער הויכער גײַסט און שטאָלץ פֿון רויטאַרמייִש כאַיִל,
וואָס אונטערטעניקט האָט דעם טויט און די געפֿאַר,
די פֿרײַהײַט טראָגנדיק אַף שווערד געטרײַער.

III

ארײַנגערעכנט איז געווען דער עמעס פון א פאָלק,
וואָס האָט געריסן קייטן אומגעוואקלט,
וואָס האָט די לענדן אָנגעגורט מיט שטאָל
און שנײַדט די פינצטערניש מיט א פארבלענדנדיקן פאקל;
און די גערעכטיקײַט און כאָכמע פון א דאָר,
וואָס שמעלצן ברודערשאפט פון פעלקער זײַן בארוף איז
און דורכלייגן א וועג — באַהויכט און קלאָר,
צו בארג-שפּיצן פון נײַע טקופעס.
בארעכנט אלץ דאָס איז געווען אין שלאָפלאָזיקע נעכט
אונטער די הויכע קופּאָלן פון קרעמל,
אז אָט דער שטורעם דער געבענטשטער אפ געפעכט
זאָל מיט אָפּצווענגעס ריזיקע דעם קאָפּ באַם פײַנט פארקלעמען!
אונטערגעשטעלט האָט זיך די וואָלגע נאָך פארפרי׳ר,
ס׳זאָל ווי נ׳א שפּיגל אים זיך אויסדוכטן די רויב געקייפלט,
א טרײַב טאָן זאָל אין אָפּגרונט אים זײַן גיר —
אפ צו באפרעסן זיך מיט נאָכאמאָל אזויפיל!

IV

א יעדער טראָט דערנע׳נטערט האָט די שאָ,
וואָס איבערטראָגן וועט זי שווער פאר פרייד זײַן.
און אונטער ווײַטן שטערנדיקן שאָרכ
געשטראָמט דורכ אלע זײַטן האָט פון כאיל א פארפלייצונג.
געווען די קאָמאנדירן זײַנען שווארצ פון רויכ,
די אויגן — אופגעהיצט, די ליפן — אשיק.
ארופגעקלעטערט האָט סאדאָווסקי אפ א בערגל אין דער הייכ,
מיט שניי דאָס פּאָנעם און די הענט זיך אײַנגעוואשן.
געפֿײַלט האָבן די ווינטן אים אין וועג,
נאָר שטיינ אזוי האָט זיך א ביסל אים געוואָלט דאָ:
ס׳איז אים געווען א שאָד זיך שיידן מיטן ברעג,
ס׳איו אים געווען א שאָד זיך שיידן מיט דער וואָלגע.
זי גייט ניט נאָר אדורכ איצט דורכן לאנד,
נאָר דורכ זײַן הארצ, פונקט ווי דאָס סאמע נאָ׳נטע;
געקוקט אפ איר פארויגטקײַט האָט ער לאנג
און ניט באמערקט, ווי ס׳האָט גוראריע זיך געטאָן לעם אים א פלאָנטער.

V

זיכ צוגעלייגט איינס צו דעמ צווייטנ האָבנ שטיקער אײַז,
געשטופלטע אונ דורכגעלעכערטע פונ קוילנ.
עס וועט זיי קיינער מער ניט געבנ א צערײַס,
אויסער די פרילינגדיקע ווינטעלעכ, די ווארעמע אונ הוילע.
ארײַנגעדרעמלט האָט די וואָלגע אינ דער צײַט,
ווי א מעגילע אפ איר קרירעדיקער פלאכ-שויס.
אונ אײַז-באשלאָגענע, איבערגעקערטע אפ א זײַט,
האָבנ אראָפגעקוקט אינ גרונט די נעזער פ׳נ די בארזשעס.
א הוט געשווומענ האָט נאָכ ווו-ניט-ווו,
אינ א פארטרונקענעמ פאראָמ ארײַנגעפרוירנ האָט א פאטראָנטאש זיכ.
שוינ ווײַט געוועזנ פונ דער וואָלגעס גוווּל
זײַנענ די אָפגעדונערטע אונ געגנעמדיקע ראשנ.
אונ אלצ האָט אזא שטילקײַט אײַנגענומענ מיט דער קעלט,
אונ מיט דער רו געהאלטנ האָבנ כוואליעס זיכ אינ טיילנ,
ווי זיכ געגרייט ס׳וואָלט יעדער בראָכשטיק פאר דער וועלט
וועגנ די שלאכטנ אינ יאָרהונדערטנ דערציילנ...

VI

— איר מעכט די וואָלגער ברייט? די גרייס פונ לאנד
באוווּנדערט איר? — האָט זיכ גוראריע אימ א ווײַז געגעבנ.
אונ רײַבנדיק מיט שניי א האנט זיכ אינ א האנט,
האָט מיטנ קאָפ סאדאָווסקי הינ אונ צ׳ריק א דריי געגעבנ:
— ניט נאָר אינ רוימ איז רוסלאנדס גרייס,
ניט אינ דער וואָלגע, כאָטש דעמ דײַטש מ׳האָט דאָ ארויסגעלאָזט די פארע,
ווי אויכ ניט אינ דער פעסטונג סטאלינגראד. ס׳ווײַזט אויס,
אינ פאָלק, מײַנ טײַערער, מײַנ יעגוועלטיקער פרײַנט, גוראריע. —
געלייגט דער שניי האָט אפנ אש זיכ ווי א שפרוכ,
אונ ס׳האָט א שטערנ-שײַנ אינמיטנ העלנ טאָג געהערשט דאָרט. —
כ׳מעסט דעמ מעהאלעכ אויס, וואָס רוסלאנד איז אדורכ
בלויז פאר די פינפ אונ צוואנציק יאָר די ערשטע.
דאָס איז געוועזנ דער אויספרווו פונ דער צײַט,
דער לעצטער אונ אנטשיידענער פאר דורעס אופגעוואכטע:
ווי ווײַט ס׳איז רײַפ, באשטימענדיק ווי ווײַט
ס׳איז רוסלאנדס עמעס, דער געלײַטערטער אינ שלאכטנ.

VII

אזוי-אָ ווי ער איז — נאָך אונטערוועגס,
נאָך האלטנדיק אינמיטן פון געבוירן ווערן,
מיט זײַנע אנטפלעקטס, מיט זײַן נאָך ניט אנטפלעקטס
און מיט דער לאסט פונעם פארגאנגענעם דעם שווערן —
דערטראָגן וועלן מיר, גוראריע, אים אזוי דער וועלט!
ניט אפ קיין טאצן גאָלדענע מיט קלימפערדיקע רייפן,
נאָר אין א פראָסטן, א סאָלדאטישן שינעל
מיט אָפגעברענטע הענט פון סטאלינגראדער סרייפע,
פארווינטיקט דאָס געזיכט, פארווינטיקט און פארגרעבט,
וועלן מיר גיין — הארטנעקיקע און יונגע —
פונדאנען, פון דעם אש, פון דעם פארטויבטן סטעפ,
און אָפגעפרוירענע פון סטאלינגראדער וויוגע,
געוואשן אָט אזוי דאָס פאָנעם זיך מיט שניי
און דורכגעבראָכן טויזנטקילאָמעטערדיקע שטרעקעס.
מירן דעם עמעס ברענגען, ניט-גערופענע, אליין,
און אים פון הארץ פון גאנצן טאָן דער וועלט א שטרעק אויס:

VIII

אָט איז ער, אָט, ניט אין קיין פאָסטעלעס מיט אומעטיקן טראָט,
ניט מיט קיין טאָרבע אפן רוקן ביז דער ערד געבויגן,
און ניט די אויסגעשטײַערטקײַט פון גאָטס גענאָד,
ניט בלויז גערויש פון וואלד, ניט בלויז געזאנג פון פייגל,
מיט טרוימ און יונג-פרויִשן צניִעס-כיין באהויכט,
ארײַנגערעכנט איז אין אָרעמ-אומעטיקן נאדן —
א שטאָלצער אָדלער פון דער שטערנדיקער הייך,
געשטאָלט מיט דונערדיק געזאנג פון באריקאדן!
זײַן פאנצער איז געשמאָלצן אין דעם בארגיקן אוראל
און אינקרוסטירט מיט פעלקער-שטעמפלדיקע נעמען.
פון זײַנע אויגן — שארפע דורכזיכטיקײַט שטראלט,
און אפ זײַן קאָפ — א בליאסקענדיקער שטערן פונעם קרעמל.
ער איז אנטשטאנען אין יאָרהונדערטן פון שטרײַט,
געבענטשט פון שטיבלעך אָרעמע קעגן פאלאצן און באטריגער,
און איז אדורך אונטער די שפּיצרוטן פון צײַט
מיט אופגעהויבענע, מיט אויסגעשפרייטע פליגל!

IX

אינ שטורעמדיקנ אופשטײַג — אופ אונ אָפּ,
דעמ כוישעכ ברעכנדיק פונ נעכט פונ וויסטע,
איז ער אדורכגעגאנ דורכ ראזינס אָפּגעהאקטנ קאָפּ
אונ דורכ געקעפּטע טרוימענ פונ די דעקאבריסטנ.
נאָר ניט געמינערט ווערט א יאמ, ווענ עס צעקלאפּט א וועל
זיכ אָנ א פעלדז, צומ ברעג גענענענד.
אינ לייד אונ ליכט אנ אָנגעזאפּטער פונ דער וועלט,
האָט ער דער וועלט אַנטפּלעקט זיכ אינ געשטאלט פונ לענינ!
אצינד, פונ אָט דעמ ברעג וועט ער זיכ מעלדנ פונדאָסנײַ,
ס׳וועט יעדער בראָכשטיק, ווי אנ אָס פונ מאניפעסט, זיכ כוואליענ,
וואָס רוסלאנד בלוטיק אָנגעשריבנ האָט געטרײַ
פאר דוירעס מיט דער פירנדיקער האנט פונ סטאלינ!..
ס׳איז גוט, — געגעבנ צו גוראריענ האָט סאדאָווסקי זיכ א דריי, —
זיכ אײַנוואשנ אזוי דאָס פּאָנעמ אונ די הענט מיט שנייענ,
דערצו א בריוול כאָטש א קליינס באקומענ פונ דער היימ
מיט א פּאָר ביימעלעכ, וואָס אויסגעמאָלט האָט וואָראָבײ אימ...

X

דאָס הארצ — באהאָפטנ מיט דעמ ווײַטנ ראש,
דעמ בליק באַטרינקענדיק מיט די פארשנייטע וועגנ,
געזעגנט האָבנ זיי זיכ מיט דעמ אש
אונ מיט דער וואָלגעס אײַנגעוויגטע ברעגנ.
אינ אָט דעמ אש זיכ צָנגעהויבנ האָט גערמאניעס סאָפּ
אונ אָנגעצייכנט האָט צו אָפּגרונט זיכ דער וועג אימ.
א ריס האָבנ די קייטנ זיכ געגעבנ פונ ראָסטאָוו,
ארויסגעגאנ איז פונ געפענקעניש דער שטילער דאָנ אנטקעגנ.
געטראָגנ האָט זיכ, ווי א ווײַסער שקואל,
די מעכטיקע די סטאלינגראדער וויגע..
אונטער דעמ גרויזאמ-זיגרײַכנ געשאל
זײַנענ די ינאָרמעס פונ דער צײַט שוינ ניט געווענ גענוג איר.
דער שניי איז אופגעגאנ מיט צויבער אונ מיט בלי,
געטראָגנ האָט זיכ די ארמיי, פארקישעפּט פונ בוראנענ.
אונ יעדער טראָט האָט אָפּגעקלונגענ אינ בערלינ
מיט אומפארמײַדלעכנ געריכט איבער גערמאניע.

4. פאָנ־קאולוסעס לעצטער פיבער

I

די סודע איז געגאנ, ווי א געהיימער ראט
פונ אויסגעדיי־ווערטע שאקאלב אינ פאטשיילעכ.
געטוליעט ציטערדיק האָט קאט זיכ שטיל צו קאט,
אונ אלע — אקוראט, באנאנד צו דער נעווילע.
פארשלעפערט האָט זיי אלעמענ דער ניי-יאָריקער פראָסט,
געגאנגענ איבער זיי פונ שניי א ווײַס געוועב איז.
דאָס איז געווענ דער בלענדיקער אפאָטעאָז
פונ דײַטשלאנדס דראנג אפ סטאלינגראדער כטעפעס.
— פארוואָס האָט מענ זיכ אָפגעזאָגט אוועקלייגנ ס׳געווער? —
געוואָיגט האָט פאָנ-שפעק, געמאָרדעוועט זיכ האָט ער, —
ווענ ס׳לייגט א פראָסט געפייגערט פערד
אוועק אפ דר׳ערד א גרויס-גערמאניעדיקע ראָטע? —
דאָס מויל — מיט א שטיק פאדלע אָנגעשטאָפט,
געפאָרעט האָט ער זיכ אינ פערדישע פארפוילטע אינגעווײדנ. —
איכ וואָלט דעמ פיורער פאר אנ אָנדענק אָפגעשיקט דעמ קאָפ,
פאָנ-קאולוסנ פרעזענטירט וואָלט איכ דעמ ווײדל!

II

פאָנ-קאולוס געזעסנ איז אינ ערד-שטיבל פארטראכט,
אפ זײַנ געזיכט האָט דורכגעשפארט די גרינע גאל אימ.
אימ האָט ביז גרויל זיכ אויסדריקלעכ געדאכט,
אז ס׳רײַסנ אָפ פונ אימ אליינ זיכ די רעגאליענ
אינײנעמ מיט דעמ רומ פונ מאָרד אונ גיר,
אינײנעמ מיט די צוויי אונ צוואנציק רויבערשע דיוויזיעס.
זיי רײַסנ זיכ ווי דורכ אנ אופגעשפארטער טיר,
וואָס ער מיט גאָרנישט ניט אימשטאנד איז צו פארשליסנ.
צי אָנגעגריפנ האָט ער דאָ? צי אימ אהער פארנארט מע האָט?
א שטרעקע הינטער אימ האָט, א דערשטיקטע, זיכ געצויגנ,
אונ מיטאמאָל, צומ שלוס, באמ לעצטנ טראָט,
האָבנ ביז גרויל זיכ אופגעעפנט זײַנע אויגנ...
ער איז געזעסנ אײַנגעבויגנ ביז דער ערד,
צו זײַנ געהער איז ניט דערגאנ פונ בלײַ דער האָגל,
אונ ניט דעמ קלונג פונ זײַנע ציילעמער האָט ער געהערט —
א שטימ פונ ערגעץ ווײַט האָט זיכ צו אימ געטראָגנ:

III

וואָס זיצסטו דאָ? גערמאניע וואַרט דיכ אָפּ!
וואָס האַלטסטו אינ דער האַנט א ביינ אָנשטאָט א סצעפּטער?
אונ וואָס עפּעס א שאַל א ווייַבערשע פּאַרדעקט דייַנ קאָפּ?
ווּ איז די קרוינ די גאָלדענע פונ וועלט געקעפּטער?
גערמאניע וואַרט אַפ דיר מיט אומגעדולד,
מע דאַרפ דיכ דאָרט! אַנ אָנפּלי איז געווענ אַפ עסנ!
דער פיורער איז דאָרט אויסער זיכ. ער איז שוינ דול.
וואָס ביסטו אַזוי לאַנג זיכ דאָ פאַרזעסנ?
עס פאַלט פונ טאָג צו טאָג די פרייַז אַפ בלוט,
דער פיורער יאָגט זיכ אום פונ לאַנד צו לאַנד מעשוגע,
כאָטש ס׳גייענ די געשעפטנ נאָכ דערווייַל אים גוט:
מיט מייסים שלעפּנ איבער גרענעצנ זיכ צוגנ,
פונ ראָטערדאַם קיינ לאָדזש אונ פונ אַנטווערפּענ קיינ לובלינ,
אַפ דעם אימפּערישנ יאַריד פונ קנעכט אונ שקלאַפנ,
אונ פייַערונגענ — פונ באַגינ ביז צו באַגינ,
מיט שייַטערס פאַר דעם רום פונ רייַכ פונ דריטנ...

IV

פאַריזש האָט איינ מינוט באַקומענ אַפ א קלער,
אינ פילנ פולשטענדיק שוינ בליט די נייַע אָרד׳נונג,
דאָרט גייט שוינ דורכ, געפּאַסט אונ רעגולער,
די רייניקונג פונ בלוט דורכ אויסראָט אונ דורכ מאָרדנ.
וואָס פרעסטו איפּ די ביינער פונעם פערד?
דער פיורער רעזערווירט זיי פאַר בערלינ אַפ נייַ-יאָר!
וואָס שלאָפנ טאַנקענ אַפ די רוקנ אַזוי שווער?
ווער האָט זיי איינגעגעבנ שלאָפ-געטראַנק צורשטייַער?
אונ ס׳וואַרט גערמאניע אינ מידבער שוינ אַפ דיר.
דו האָסט באַם ניל צו נייַ-יאָר זייַנ באַדאַרפט שוינ.
עס וואַרט אַפ דיר א קיניגלעכער קעמל אינ קאיר,
עס וואַרט אַפ דיר דער ריטערלעכער טיטל פונ פעלדמאַרשאַל,
איז וואָס פאַרהאַלטסטו זיכ באַם וואָלגער ראַנד?
וואָס רוימט עפּעס אַרייַנ דער וואָלגער ווינט דיר?
ווי ווייַט איז דענ פונדאַנענ ביז איראַנ?
ווי ווייַט איז דענ פונ דאָרט קיינ אינדיע?

V

ער ווייסט, ווי ווײַט עס איז ביז אינדיע, אקוראט,
און ביז איראַן, און ביז צו לענדער אַלע —
ער ווייסט נאָר ניט, ווי ווײַט עס איז ביז סטאַלינגראַד.
געקוקט האָט ער אַף זײַנע אָוולדיק־פאַרבראָכענע רעגאַליען:
וואָס פאַר אַ ווערט האָבן זיי איצט געהאַט
קעגן אַ ביין פון אַ פאַרפרוירענער פּעגירע,
אַזאַ, וואָס הריזעט איצט דער דײַטשישער סאָלדאַט,
אַזאַ, צו וועלכער ס׳ציט אַליין שוין איצט דער גיר אים?
און בײַ דעם לעצטן שווינדלדיקן פּאַס
געראַנגלט האָבן לעצטע אויסזיכטן אין אים זיך:
וואָס פאַר אַ ווערט געהאַט האָט דײַטשלאַנדס הערשונג־מעשוגאַס
קעגן אַ טאָפּ מיט ווערעמדיקע לינדזן?
די וואָגשאָלן געשווינדלט האָבן אויף און אָפּ,
עס איז אים פאָרגעשטאַנען בליץ־שנעל אויסצווויילן:
אַרײַנלאָזן אַ קויל בעקאָוועד זיך אין קאָפּ,
אָדער זיך לאָזן נאָך אַ כיילעק רויב בײַ דער נעוויילע?!..

VI

און אונטערטעניק אויסגעשטרעקט האָט ער די האַנט —
דאָס לעבן זאָל מען אים, ווי אַ בעדאָווע, שענקען...
ס׳איז אים זײַן פּויזען אַף די קני קיין ווונדער ניט געווען,
דעם אויבערמענטש, דעם הערשער און דעם הענקער,
וואָס איז געגאַנגען שטעלן אַף די קני די וועלט,
וואָס איז געגאַן די ערד אין בלוט פאַרטרענקען.
ס׳איז אים זײַן פּויזען אַף די קני קיין כאַרפּע ניט געווען,
דעם אויבערמענטש, דעם הערשער און דעם הענקער,
דאָס איז געווען זײַן באַרוף, געבוי און אקוראַט,
געבליבן זײַן אַנטפּלעקונג איז געטרײַ אים:
אַרײַנגעגאַן איז ער קיין סטאַלינגראַד,
ווי ס׳גייט אין שטײַג אַרײַן אַ כײַע...
קיין דריטן אויסוועג האָט ער ניט געהאַט,
די כאַרפּע, ווי אַ ראַנג, האָט אָנגעטאָן די וואָר אים.
פאַראַטן האָט די ווירדע אים פון אַ סאָלדאַט,
געטרײַ איז אים דער גיר געבליבן פון אַ וואָרעם...

5. געגנטנ וואכנ אופ

I

דער שטורעמ אויסגעמישט דעמ טאָג האָט מיט דער נאכט.
דאָס פייַער האָט געבושעוועט מיט אורקראפט פונ א מאבל.
ניט איינגעשטילט האָט, ווי די וויוגע, זיכ די שלאכט
איבער די שארבנס פונ די אָפּגעקילטע שוואבנ,
דעמ לעצטנ טראָנצ ארויסגעקלאפּט פונ זיי,
דעמ לעצטנ „בליצ״ — מיט דונערנ מיט הייסע אונ געפּרעסטע.
געלעגנ זיינענ ווייַטנ טיפ אינ שניי,
עס האָבנ מיט הארכאָווע אויסגעשטאט די פּרעכט זיי.
אינ שניי־ווייַסע כאלאטנ האָט געשטיגנ די ארמיי,
זיי נאָכגעפאָלגט האָט ברייט אונ מאלכעסדיק די וויוגע.
געדוכט האָט זיכ: ס׳לויפט אויס, פארזידנדיק, דער שניי,
אונ ס׳איז שוינ באלד די וועלט די גאָרע ניט גענוג אימ.
געדוכט האָט זיכ: אינ אָנגריפ גייט די גאָרע ערד,
אנ אָנגעפּעלצטע הויכ מיט שניי אונ כמארע.
גוראריע האָט דעמ אומקומ פונ גערמאניע געהערט,
מער גאָרנישט ניט געהערט האָט, שטייַגנדיק, גוראריע.

II

אונ אָט דעמ אומקומ טראָגט סאדאָווסקי איר, אונ דראָזד,
אונ טויזנטער ווי זיי, אינ שניי, מיט זיי צוזאמענ.
א טאטע קער אימ איצטער אָנ אנ אייגענער דער פראָסט,
אונ ס׳קער די וויוגע אימ ביז בלוט איצט אָנ א מאמע!
ס׳איז גוט, וואָס ביזנ האלדז ער גייט אינ שניי,
אונ פאלט אפּ אימ, אונ קער אנ אייגענער אימ אָנ זיכ,
באגלייַכ מיט דעמ אומצאָליקנ צעזיי
פונ די כאיאָלעס, אָפּגעוויינטיקט אונ פארבראָנזעט.
עס לייגט אפּ אימ דער שניי זיכ, ווי א גוטער זאלב,
ער לייגט אפּ אימ זיכ, ווי א גוטער צוזאָג;
די ווייַט שליסט אופּ א יעדער דונערדיקער זאלפּ
מיט א פאראד פונ ברויזנדיק־צעשפּארטע שליוזנ.
געלייגט צופוסנס האָט א צאמ זיכ נאָכ א צאמ.
ס׳וועט עפּשער גיכ זייַנ היימ גוראריע אונטער זיי דערקאָנענ?!
נאָר אופגעדויבנ האָט דער אָנגריפ אימ, ווי כוואליעס פונ א יאמ,
ווו ניט צו זענ קיינ סאָפ איז אונ קיינ אָנהייב.

III

געריסן פון געפאנגשאפט האָט א קאנט זיך נאָך א קאנט,
און שטעט געשמידטע — איינע נאָך דער צווייטער.
א יעדער איינע האָט גורארייענ אינ זײַנ בראָך דערמאנט,
אינ יעטווידער פון זיי געווענ באגראָבנ איז זײַנ ווייטעק.
פארהאלטנ לאנג האָט אינ זײַנ בליק זיך יעדע שטאָט
און אויסגעמישט מיט ביטערקײַט זײַנ פיבערדיקע פרייד אימ.
באגעגנט האָט ער ווו א קייווער־דיוו, נאָרוואָס פונעמ פארשאָט,
און ווו-ניט-ווו — א לעבעדיקנ איידעס...
אזא, ווי ער אליינ געווענ איז ערשט ניט לאנג,
פונ יענער וועלט אָדער פונ אונטער א רויִנע.
נאָר דער באפליגלט-אימפעטדיקער גאנג
האָט אימ מיט רעגנבויגנס בלענדיקע פארכלינעט.
סאכאקל אָנדערהאלבנ יאָר זײַנענ פארבײַ,
זינט פונ דער גרוב איז ער ארויס, פונ די געקעפטע רייענ.
און א צעוואקס האָט פרייד געטאָנ זיך אפ זײַנ פײַנ.
נאָר עפשער בלויז פארדעקט זי אימ, ווי עס פארדעקט דער שניי אימ?..

IV

א הילכיקע, אנ אופגעריכטע גייט
אנטקעגנ א׳מ מיט שניי, ווי ליכט, די וועלט די גאָרע,
נאָר ס׳איז אימ שווער זיך צו באטרינקענ מיט דער פרייד:
עס לאָזט אימ ניט פונ איר געניסנ דער זיקאָרנ.
צעיאטערנ אימ ווילט זיך אלע ווײַל דעמ וויי,
בא יעדנ שאָס זאָל פאר די אויגנ שטיינ אימ,
ניט לאָזנדיק פארשיטנ זיך פונ שניי,
זײַנ היימ, זײַנ שטאָט — פארוואנדלטע אינ שטיינער...
די ערד, וואָס וויגט זיך בינ אצינד
פונ לעבעדיק-באגראָבענע, פארעטאָפּטע אינ די ריונ, —
אהינ, צו זיי גיט יעדער ווײַלע אימ א צי,
און עפעס אינ די אויגנ גיט בא אימ א גליווער...
נאָר גלײַך פארשיקערט אימ פונ אופגעפלי דער ראש,
און ס׳גיט אימ א פארשווענק פונ שטורעמ-ווינט א כוואליע.
אזוי-אָ שלײַדערט עס אימ צווישנ בלענד און אש,
און יעדער ווײַל רופט אופ א פריידיקער געשאל אימ.

V

עס שטייען אויף די דערפּעלעך דערשראָקן-בלאַס
און שטרעקן אומזיכער נאָך אויס אַף ווײַט די ווענגן.
אָט הייבט שוין דאָס פאַרייכערטע געזיכט אויף דער דאָנבאַס,
אָט שיקט אוקראַיִנע שוין אַרויס די ווינטמילן אַנטקעגן.
זיי קוקן זיך נאָך אום, פונוואַנען גייט דער ווינט,
און טאַפּן ציטערדיק די לופט נאָך מיט די פליגל.
פון אָנגריף איז דער ווינט! פאַרזוכט אים, ווינטמילן, געשווינד!
און ווײַטער גיבן רוימען פונדאָסנײַ זיך א צעזיגל.
באַגלייט גוראַריען אומעטום האָט א געדאַנק:
ביז צו זײַן היים, וואָס איז ניטאָ, געבליבן איז נאָך וויפל?
וואָס העכער אויפגעטראָגן האָט ער זיך אין גאַנג,
אַלץ האָט דער אָפּגרונט פון זײַן אומגליק אָנגעזען זיך טיפער.
דערווײַל דערטרינקט ער אין די שלאַכטן אים, דעם וויי,
דערווײַל איז ער זיך מיט די קרייץ-ווינטן מעפאַלפל,
און לינדערט זיך דאָס האַרץ מיט פלאַמיקן זאַוויי,
און לינדערט זיך דאָס האַרץ מיט די פאַרטויבנדיקע זאַלפן.

VI

ווען אויפדעקן וועט זיך אין גאָרן גרויל
דער טויזנטשטעטלדיקער באַבי-יאַר אים,
ווי ס'טראָגט אַרום זיך פון הארוגים א געהויל,
איז וואָס וועט דאָרט ער מיט זײַן לעבן טאָן, גוראַריע?
ניט זען צומאָל, ווי ס'גייט זײַן קאַלע פון דער גרוב אַרויס
און טאַנצט טכיִעס-האַמייסימדיק פאַר די הארוגים,
ווי ס'דאַכט זיך, צײַטנווײַז, אים אויס,
ווען סע צעבושעוועט זיך אַפּן סטעפּ די וויוגע?
און פונעם הימל ביז דער ערד מיט שניי זי פלעט
און קישעפט אים, און פון די שפּיזן — א געבליאַסק איז,
ווען איבער שאַרבנס דײַטשישע ער טרעט,
און אים באַטרינקען מיט מוזיק זייערע שפּרינגענדיקע קאַסקעס,
צי זאָל ער אויסמײַדן די שוועל פון זײַן פאַרברענטער היים
און מיט די קוואָרים זיך געזעגענען פונוויַיטן,
און אָנקומען צוריק צו זיך אינעם מוזיי,
ווי פאַר דעם קריג, אין די אַמאָליקע, די גוטע צײַטן:

VII

צונויפקלויבן די רעשטלעך פונעם בראָך,
אַן איינזאמער דאָרט צווישן זיי ארומגיין,
דעם שטויב ארומווישן זיי אלע וואָך
און אָפּהיטן דעם זייכער פונעם אומגליק,
און איבערדעקן זיי מיט שטיקלעך צײַג,
פונקט ווי מע דעקט א שפיגל איבער בא אַן אָוול?!
נו, יאָ!.. אַף דעם וועט אים נאָך קלעקן צײַט,
דערווײַל, דערווײַל — אָ, בלײַבן נאָך דערווײַל ער דאָ וויל!
דער גסיסע-קוויטש פון דײַטש דאָ, אַפן שנײַ —
דאָס איז זײַן סכאר! נאָר הערן בלויז איז ניט גענוג אים —
פון גאָרגלען רײַסן אים בא יעטווידן פון זיי
אין דער צעבושעוועטער סטאלינגראדער וויוגע!
אזוי דארף זײַן איבער גערמאניע דאָס געריכט —
אַף אירע שארבנס, איבער סטעפּעס רוסישע, צעזייטע.
אויך די נאטור אליין ארויס איז קעגן איר
צוריקשטעלן פון דער געשענדטער וועלט דעם סיידער!

6. די סודע ארום א פערדישער פּעגירע

I

פּאָן־שפּעקן האָט געפּאטשט א גאנצע נאכט דער ווינט,
נאזאלצן האָט דער שנײ זײַן נײַ-יאָריקע סודע.
ס׳גיט אלע ווײַל א קויל די פינצטערניש א שינד,
און זיך דערמאנט האָט ער אין זײַן גערטרודע.
א גיט זיך בא דער וואָלגע אָפּגעשפּאָרט האָט ער
אונטער די אויסגענאָגטע ריפּן פון דער פּאדלע...
ער וועט ארויסרופן גערטרודען דורך דער פּאָסט אהער,
זאָל זי די לאָקן קומען בא דער וואָלגע זיך צעפּאטלען,
אָט דאָ וועלן זיי נעמען שליוב,
אהיים ער קלויבט ניט אומקערן זיך מער שוין...
אונטער א ווײַסן באלראכין איז דאָ פארגרייט א גרוב,
איז קומען זאָל זי גלײַך — געוועלטיקן און הערשן!
מיט די רומענער קיין געאמפּער וועט ניט זײַן,
זיי האָבן זיך אין קוואָרים שוין בארוט דאָ —
און דאָס, וואָס אָן א נאָז, וועט אים פארצײַען
זײַן טרײַע, זײַן ווייכהארציקע גערטרודע.

II

זיך אָנגעגאָסן מיט שיגאָען האָט זײַן בליק,
גענומען קלאפן מיטן קאָפּ האָט ער אין פערד זיך:
ווער האָט אהערצו צו דער וואָלגע אים געשיקט?
ווער האָט זײַן האָכצײַט אים פאריאָגט אהערצו?
די צײנער שטשירעט אפ אים ס'טויטע פערד,
זיי שטעכן, בײַסנדיק, אין אים אדורך זיך.
ער גיט מיט שרעק א ריר די שווערד.
זי רירט זיך ניט... וואָס איז די אורזאך?
ער וויל זיך אופהייבן — און עפּעס האלט אים צו...
דעם קאָפּ א קער'ווע טאָן ער וויל — און קאָן ניט.
ווי א דערוואָרגענער ער שטעקט ארויס די צונג,
ער וועט שוין ניט אָוועקריכן פונדאנען...
עפּעס א קאָל איז אים פון ערגעץ מאסרע: ווארט!..
און א געשפּענסט גיט פון דער ווײַט עפּעס א ווונק אים...
ס'איז ניט דער פראָסט. ס'איז ניט דער שניי. ס'איז ניט די נאכט.
צעשפּריצט פאר זײַנע אויגן האָבן זיך פון ערגעץ פונקען.

III

א כאָרכל האָט ער אויסגעשלונגצט: ווער איז?
און א דערציטערטער איבערגעקײַט: ווער גייט דאָ?
נאָר דאָס געשפּענסט גיט ארום אים זיך א פארשליס
און שטעלט ניט אָפּ זיך אפ זײַן אויסרופ אפ זײַן צווייטן.
צום דריטן מאָל שוין ער צעכאָרכלט זיך: ווער איז?
און האָט א זונק געטאָן, פון שרעק דערטרענקען.
— דאָס בלוט! — האָט אין דער פינצטער זיך געהערט א ריס, —
דאָס בלוט, וואָס אפ דער ערד פארגאָסן האָסט דאָ, הענקער!
דו וועסט פונדאנען שוין אין ערגעץ ניט אוועק,
זאָטל די ביינער פונעם פערד אָן פארן פיורער,
צעזייט זיי ל'יגן אפ דײַן גאָרן מערדער-וועג,
ווי דײַטשלאנדס שאנד פון בלוטיק-אופגעוואכטן אורהאלט.
די ערד וועט ניט צעעפענען איר טראכט פאר דיר,
קיין וואָרעם וועט אין גרוב מיט דיר קיין רו ניט טיילן,
דאָס רײַך דאָס גאנצע וועט אראָפּ פון זינען פריי'ר,
דערנאָך — אזוי ווי דו — באם עק פון א נעווילע!

IV

פארענדיק, קאט, דײַנ לעצטע סודע אפ רער ערד,
דעמ לעצטנ בושע-ביס פונ רויב דערקײַע!
וואָס האָסטו נאָכ איצט פארנ טויט פאר א באגער?
לייג אויס! עס וועט דיר צײַט נאָכ סטײַענ!
עס איז דיר קאלט? פונ שרעק? פונ גרויל?
עס בייגט דיכ ווי א וואָרעמ אויס אינדרײַענ?
עס שיט א שניי אפ דיר? נאָר ווער ניט גרוי!
די גרויקײַט פונעמ מענטש פארשוועכ ניט, כײַע!
א מאמע גרוי געוואָרנ איז, ווענ האָסט איר קינד
צעפלעט דעמ מויעכ פאר פארווײַלונג,
נאָר דו — געקײַט האָסט דאמאָלט, ווי אצינד,
אונ א געלעכטער אויסגעגרעפצט א יעדער ווײַלע!
דער בוימ געוואָרנ גרוי איז דאנ,
ווענ האָסט אפ אימ, א לוסטיקער אונ א פארשײַטער,
מיט שטעכיק דראָט פארקרעמפּעוועט אנ אלטנ מאנ
אונ אונטער אימ צעלייגט א שײַטער...

V

די ערד ז׳געוואָרנ גרוי, ווענ ריי נאָכ ריי
האָסטו געטריבנ זקיינימ גראָבנ פאר זיכ קוואָרימ,
אונ דו — אפ די בעגאָדימ האָסט געווארט. נו, מאכ זיכ גרייט.
וועסט קריכנ פונ נעווילע צו נעווילע, וואָרעמ!
אָט דאָס וועט דײַנ מעמשאָלע זײַנ אפ דר׳ערד,
אזוי וועסטו איבער די קוואָרימ הערשנ!
וואָס האָסטו נאָכ איצט פארנ טויט פאר א באגער?
קיינ איבעריקע צײַט דו האָסט ניט מער שוינ!
פארשליס דײַנ לעצטע סודע אפ דעמ קריג,
דײַנ לעצטנ ביסנ רויב דערקײַע!
אונ מעלדע, כאָרכלענדיק, דײַנ גרויסנ זיג,
פארלייקנ ניט. אונ זיכ ניט הײַע!
די שמאטעס ווארפ אראָפּ פונ זיכ, געשווינד!
עס פיבערט דיכ? עס ווארפט מיט דיר אפ מײַלנ?
דערקײַע, קאט! דײַנ סאָפ באגינט!
געבליבנ דיר ניט מער איז ווי א ווײַלע!

VI

דאָ איז דײַן ראַנד! צווישן פּעגאַרים-בערג און אַש.
געשווינדער אײַל! באַווײליק דײַנע װאָרגנדיקע טריט אים!
האָסט עפּשער נאָך מיט װאָס צו איבעראַשן? איבעראַש!
באַוווּנדערן ווילסט עפּשער נאָך מיט עפּעס? ביטע!
נאָר בעט ניט קײן געגנאָר! עס איז דײַן מויל אין בלוט!
מאַך זיך צום אָפּשייד גרייט. געזעגן מיט דער האַק זיך.
ס'קערט עפּשער אום זיך דער פאַרשטאַנד דיר אױף אַ ווײַלע? גוט!
איז שלעפּ אַראָפּ דעם וואָרעמדיקן רויבזאַק פֿון די אַקסל,
מיט כעזשבנס טרייסל אויס אים ביז צום דעק,
ווײַז, צוליב װאָס זײַנען געוועזן אָפֿן דײַנע אויגן
צו וואָס עס האָט אַ האַרץ בײַ דיר געקלאַפּט — אַנטפּלעק!
און צוליב װאָס עס האָבן דײַנע אַנגלען זיך באַוויגן!
די הענט דײַנע די בלוטיקע באַקוק,
די טרערן און דעם וויי, וואָס זיי האָבן געקאָסט, — באַרעכן!
עס זײַנען דײַנע בערג פּעגאַרים ניט גענוג
אױף צו באַצאָלן פאַר דער שאַנד און די פאַרברעכן,

VII

וואָס װעלן אומעטום און שטענדיק, קאַט,
פֿון קוואָרים און בעסאַלמענס דיך פֿאַרפֿאָלגן
אױף דײַן פֿאַרווּרטײלטן צוריק פֿון סטאַלינגראַד
מיט שניט איבערן האַלדז פֿון דער געשלײפֿטער װאָלגע.
האָסט דאָך מיט זײ באַקרוינט דײַן גאַנצן וועג,
פֿאַרזײט דו האָסט מיט זײ דאָך גאַנצע לענדער —
ניט אױף קײן רו עפּנט דײַן קײווער זיך — ער פֿרעגט:
ווער ביסטו, אומגליק, און פֿונוואַנען? ענטפֿער!
עס קאָן דעם וועג ניט טרעפֿן דער פֿאַרשטאַנד,
עפּעס פֿאַראַטן דאָס 'געזעץ פֿון דער נאַטור האָט און פֿאַרענדערט:
אַ װעלכע טראַכט דיך אויסגעטראָגן האָט אין פּעסט און שאַנד?
אַ װעלכע עגדעשן האָבן דיך אויסגעכאָװעט? ענטפֿער!
דער קײווער פֿרעגט. עס הערט זיך אײַן דער רוים.
די ווײַט, אַן אופֿגעוועקטע, רײַסט זיך פֿון די פּענטן:
ווער האָט עס דיך, פֿאַרדאַרבונג, אָפּגעלאָזט פֿון צוים?
ווער האָט עס דיר אױף דר'ע'רד געגעבן שליטע? ענטפֿער!

VIII

די מײסים, אײַנגעפּרוּירענע אין שנײ,
מיט צײלעמער, פֿונדאַנענע ביז די ראַנדן,
װעלן קײן צײכנס דיר ניט זײַן אין צ׳ריקגאַנג — נײַן!
אַפֿילע װען דער טויט אַלײן זאָל פֿירן פֿאַר דער האַנט דיך!
דעם װעג װעט דיר פֿאַרשטעלן יעדער אויסגעשטאָכן אויג
און יעדע צונג אַרויסגעריסענע פֿון גאָרגל.
אַ כעזשבנ װערט געפֿירט געדולדיק און געניי,
ער איז מיט בלוט פֿאַרקריצט, אין װײ פֿאַרבאָרגן, —
איז טרינק, װי גיפֿט, אים אויס אין לעצטער שרעק,
אײדער דעם זײכער דײַנעם װעט דער װינט פֿאַרװײען.
דער קײװער װאַרט. טרינק אויס איס ביז צום דעק,
ס׳באַפֿעלט דיר דאָס געבײנ פֿונעם פֿאַרברענטן רויטאַרמײער,
װאָס דו געשונדן האָסט זײַן ברענענדיקע הויט
און ער האָט אין דײַן פֿאַרצעפּ טויטערהײט דיר אָנגעשפּיגן,
דו זעסט? ער איז ניט טויט!
דאָס פֿײַער פֿון זײַן לײַב האָט זיך צעשפּרײט, װי פֿליגל!

IX

געלויכטן האָבן פֿענצטער דאָ אַמאָל אין יעדער שטוב —
האָסטו זײ אויסגעפּיקט און זײ באַפֿוילן זיך אַ לעש טאָן.
איז אין דער פֿינצטער לאָז זיך גײן דורך אַש און גרוב,
און זיך דעם קאָפּ צעפּלעט אין יעדער האָלאָװעשקע!
דעם װעג פֿאַרשטעלן קינדער דיר, װאָס האָסט געסאַמט,
און מאַמעס אומגעפֿאַלענע, װי בײמער אונטער זעגן —
ס׳װעט ניט געניגנד זײַן דער גענעמדיקער פֿלאַם
און ניט דער טויטן-קלעם פֿון פֿראָסט פֿאַרדײַנעטװעגן!
דײַן גאַנג דײַן לעצטער, קאַט, זיך דרײט,
ער װעט געדויערן. פֿון גרוב צו גרוב װעט ער דיך שלעפּן.
די זקײנים, װאָס באַגראָבן האָסטו לעבעדיקערהײט,
געקומען זײַנען דאָ פֿאַרשטעלן דיר דעם װעג — זײ לעבן!
אַ כעזשבנ װערט געניי געפֿירט מיט װײ,
אים פֿאַרזעצן — קײן האַרץ און קויעך איז ניטאָ מער.
פֿון בלוט פֿאַרגאָסענעם זיך קײקלט דאָס געשרײ
און פֿון פֿאַרפּײַניקטע די בײנער רײַסן זיך: נעקאָמע!

X

אינ קיווער גיב א קוק אינ דיינעם, קאט,
מאכ זיכ באקוועמ! באהערש די אָנגעריבטע לעבנס־רוימענ!
האָסט עפעס אנדערש, פאר געוויס, אינ זינ געהאט,
ווענ האָסט געלאָזט די וועלט זיכ צו באצוימענ!
ווארט ניט אפ טאָג — ער וועט פאר דיר ניט קומענ מער,
ווי קיינמאָל ער פאר דיר איז ניט געווענ דאָ.
דער הימל מער קיינ הימל איז, די ערד איז מער קיינ ערד,
אויב ס׳קאָנ דיינ בליק צו זיי זיכ ווענדנ!
צעבויטע ניט די נאכט מיט ווענדונג פונ די הענט,
ווערסט אפ קיינ רעגע ניט דערוויטערנ די ענד-שאָ.
אויב דו האָסט ווענ-עס-איז געהערט צומ מינ פונ מענטש,
איז אָפגעלייקנט גאָר די מענטשהייט!
היל דיינ פארדאָרבנקייט ניט איינ אינ פינצטערניש פונ אור,
דער כוישעכ וועט דיינ מויל דיינ בלוטיקס ניט פארדעקנ.
אויב איינגעשלאָסנ האָט די ווידמונג דיכ אינ דער נאטור,
איז דער באשאפ דער גאָרער — שאָוו-ווּעשעקער!

XI

איצט, בא דיינ לעצטער שוועל,
באריִרט ווערנ פונ דיר זיכ לאָזט די ערד אליינ ניט.
ניט נערנ זאָל דאָס ווילד-גראָז זיכ אינ פעלד
מיט דעמ פארדאמטנ מיסט פונ דיינע ביינער.
ס׳וויל ניט דאָס פעלד פארשטאָכנ זיינ מיט צלאָבימ, וויסט,
אונ ס׳וויל די גרינע בייט ניט גראָבנ זיכ פאר קוואָרימ:
דעמ אקער מאָנענ זיי! ער זאָל זיי געבנ א צעשליס,
זיי דארפנ פרוכפערונג, זיי דארפנ בליִענ אונ געבאָרנ!
נאָר ס׳קאָנ די ערד קיינ פרוכט ניט געבנ פונ איר טראכט
אונ ביימער קאָנענ ניט אנטפלעקנ זייער שפראָצונג,
ביזוואנענ ס׳וועט אפ דיר ניט אָנטאָנ זיכ די נאכט,
ביז אָפגעמעקט ס׳וועט ניט דיינ לעצטער טראָט זיינ!
ניט אופגיינ קאָנ פונ טיפעניש דער קוואל,
ניט לייגנ קאָנענ זיכ די טויענ אפ געוויקסנ,
ביז אונטער שווערד דער לעצטער וועט פונ אייכ ניט טאָנ קיינ פאל,
ביזוואנענ ניט צעבראָכנ דאָ וועט אייער לעצטע ביקס זיינ!

XII

אונ אָט אזוי וועט זיכ ארייַנשטעכנ די שטראָפנדיקע שווערד
אינ אייַערע געפאנצערט-ווערעמדיקע שארבנס,
צעזייטע אפ דער פרעמדער ערד,
ווי שטשורעס פעסטיקע אונ קרעציקע פארדארבער.
דאָ וועט איר פראוונ אייַער בליצ-שנעליקנ סאָפ,
זיכ איבערהריזענדיק די גאָרגלענ איינס דעמ צווייטנ.
אראָפ פונ זינענ אינ אומזיסטיקנ געלאָפ,
ערגעצ אנ אויסוועג זוכנדיק, צעזייטע,
נאָר אָנשטויסנ איר וועט זיכ באמ געיעג פונ בלייַ
איינס אפ דעמ אנדערנ, אינ גסיסעדיקנ פיבער,
אונ אויסברעכנ מיט בלוט די רויב אונ מערדערייַ,
מיט זיי זיכ אויסבעטנ צוקאָפנס אינ די גריבער.
אונ ווארטנ אפ אייַכ וועלנ ערגעצ ווייַט
פארפלוכטע פוריעס אינ בלוט-פארפלעקטע העמדער,
נאָר ס'וועט פאר זיי א ליידיקע אדורכ די צייַט
פונ די בעסאלמענס אונטערוועגיקע אונ פרעמדע...

XIII

איר וועט זיי כאָלעמענ זיכ בא די נעכט,
דער וואָי פונ ווינט וועט זיי אינ אייַכ דערמאנענ.
ארויסשפייַענ וועט אייַכ פונ זיכ די ערד,
אונ איר וועט טויטע אומקערנ צוריק זיכ קיינ גערמאניע.
אדורכגייענ וועט איר דעמ קורפיורסטנדאמ,
אינ רייַכסטאג קומענ טויטע אפ א זיצונג,
צומ וואָרט זיכ מעלדנ וועט אייַער טאכריכימדיקער כלאמ,
וואָס איר האָט רויבעריש דעראָבערט אינעמ בליצגאנג.
פארנעמענ וועט איר דאָרט דעמ אויבנאָנ.
אינ שמאטעס אייַנגעהילט, מיט רויבזעק אָנגעפערעט —
פונ דריטנ רייַכ — די אומבאזיגטע פאָנ,
די שייַנ אונ שטאָלצ פונ דער אימפעריע!
אונ עפשער וועט דאָס אויכעט זייַנ ניט מער,
ווי גרויליקער אלמאָנעדיקער פיבער,
ווייַל פוילנ וועט אייַער פארומווירדיקט געווער
באנאנד מיט אייַכ אינ אומבאוווּסטע גריבער!

7. אויג אפ אויג

I

סאדאָווסקי זעט ניט דאָס געווירבל פונעם שניי,
אים דוכט, אז פרילינגדיק פארגייט אין יעדן ווינט א פלייט זיך.
איבער די ברעגן האָט א שפּאר געטאָן דער ווײ,
דער צאָרן אָפּגעלאָזט זיך האָט ווי א פארפלייצונג.
פונעם באגין מ׳האָט זיך געטראָגן אין באגין,
א דורכגעריסענע געיאָגט האָט זיך די גוורע,
און ניט געקאָנט זי איבעריאָגן האָט קיין ווינט,
און ניט געקאָנט זי איבעריאָגן האָט קיין שטורעם.
פאר איר געעפנט האָט זיך דאָרף נאָך דאָרף,
זיך אופגעוועקט דאָס וויפל מאָל שוין דורכגעברענטע אש האָט,
און אין דעם אָפּגעצערטן הימל ערגעץ דאָרט
האָבן ווי ווײַסע בערן וואָלקנס זיך געפּאשעט.
געגאנגען מ׳איז צ׳ריק. אפ מײַרעוו מ׳איז געגאנגען,
די ערד מ׳האָט פון פארכאלעשטקײַט באפרײַט שוין.
אזוי-אָ, טראָט נאָך טראָט און שפּאן נאָך שפּאן,
געגאנגען די רויטארמייי איז מישפּעטן די דײַטשן.

II

עס פאלן נעכט, און ס׳קומען טעג,
זיי קייטלען זיך מיט שטורעם און געוויטער.
אָט גיט זיך שוין פּאָגאָסט א שטעל אוועק—
מיט האָפענונג אפ זיך באפרײַען—א צעבליטער.
באלאגערט איז געווען א יעדער וועג,
זיך דורכרײַסן צוריק האָט ניט געקאָנט שוין קיינער.
די דײַטשן האָבן ניט דערפּאקט די פּעק,
דער סטאראָסטע האָט זיך געניייוויש בא דער מיל געטאָן א דריי נאָך.
פון רויען קייווער, וואָס באם וועג האָט זיך געהויכט
צו דער פּאראדנער טליִע, אופגעטאָרטשעט,
געקראָכן זײַנען די „אריִער" אפן בויך
אהין און צ׳ריק, פארסאמטע מיט דעם בראָך שוין.
און הינטער זיי—דער סטאראָסטע, פארקילט דעם בליק,
צעקנייטשט די באָרד און אויסגעקרימט פון עקל.
ארײַנגעגאנגען אין דאָרף איז אויך זײַן זון צוריק,
וואָס אין די צעטלען אים דערלאנגט ער האָט פּאָן-שפּעקן.

III

און טאקע ער אַליין — דער ערשטער איז אין שטאָב
אַרײַן באַנאַנד מיט די פּראָוויאַנטיקטע סאָלדאַטן,
און טאקע ער אַליין — דער ערשטער האָט פאַרכאַפּט
די בלוט-פאַרקויפטע שריפטן פון זײַן טאַטן.
דאָס גאַנצע דאָרף דערזען האָט ער אין זיי,
און אפן דײַטשישן פּאַפּיר — דערקאָנט די כסימע...
און א פריטשמעליעטער איז ער געבליבן שטיין,
ווי ס'וואָלט א דונער אים דערשלאָגן פונעם הימל.
ער איז אַהיים שוין ניט געגאַנגען פונעם שטאָב,
געיאָגט א פינצטערניש פון בלאָט האָט אים צו בלאָט דאָרט,
מיט פינגער זיך אין זיי געגראָבן און געטאַפּט,
ווי דעם פאַרעטערישן גאָרגל פון זײַן טאַטן.
און אזא כריפּ האָט אים געוואָרגן: ער!
עפּעס ניט אַלץ איינגאַנצן נאָך פאַרשטייט ער —
דערזען האָט ער אים אויסגעבויגן באַם פאַרהער,
זיי זײַנען איינס געשטאַנען קעגן צווייטן...

IV

— טאַטאָ! — זיך צום סטאַראָסטע א דריי
האָט קאַלט און פרעמד דער זון געגעבן און א ריס זיך, —
פאַרדעקט ס'געזיכט און מאַכט זיך גרייט,
איך וועל אײַך באַלד דערשיסן! —
אונטער זײַן הוט האָבן די האָר געטאָן א קריך,
און ניט געזען האָט ער, צי עמעצער איז נאָך פאַראַנען: —
כ'וועל אײַך דערשיסן ניט פאַר זיך,
נאָר פאַרן פאָרזיצער פון ראַט און פאַר מאַלאַניען! —
ער האָט איינגאַנצן זיך געטאָן א נעם צונויף
און האָט פאַרוקט אונטער דער הוט די פּאַטלע: —
פאַר מיר וועלן די הינט פון אונדזער הויף
אײַך אָפּטאָן רעכט, ווי ס'קומט א כטאַראָסטע א פּאַדלע! —
מיט א געוואָי האָט זיך דער סטאַראָסטע געטאָן א לאָז:
— א טאַטן? — ניין! א דײַטש! — אַרויסגעקריצט דער זון האָט.
און גלײַך האָט זיך דערהערט א שאָס,
און גלײַך פאַרטויבט האָט אים א דונער.

V

און אָפּגעהילכט ער האָט אַף גאַנץ פּאַגאָסט,
און אָפּגעענטפערט האָבן סטעפּעס אים קובאַנער
מיט פונקען אויסגעשלאָגענע פון פראָסט,
מיט ווינטן אופגעאַנגענע פונדאַנען:
שטיי אוף, צעטראָטענע, שטיי אוף, קובאַן,
עס רופט די וואָלגע אוף, און ווי געלייטערט.
די ערד ניט אָנגערירט, מיט לייכטן שפּאַן
אַדורכגעפלויגן איז א טשאַטע רייטער!
די שפּיזן גרויזאַמע, ווי ווייזערס בלאַנקע —
זיי שליסן איבער איצט דעם גאַנג פון צייט:
ווי שטערנשאַפטן, העל און קלאַנגיק,
גייען ראַקעטעס אוף, צעבליצט אַף ווייט.
די בערג פאַרמעלדן זיך, און ס'איילן טאָלן,
ס'באַגעגנט ווי א מאַמע אומעטום דאָס פעלד.
מיט זיבן שאַלנדיקע ווידערקאָלן
גייט אוף אין רוימען דעם נאַרקאָמס באַפעל.

VI

און אָפּגעהילכט ער האָט אַף גאַנץ פּאַגאָסט,
און אָפּגעענטפערט האָבן סטעפּעס אים קובאַנער.
פעגאַרים דייטשישע — א גרינער סטאָס —
געוואַלגערט האָבן זיך נעבן פאַרפּאַקטע טשעמאָדאַנען.
א זיפּ געטאָן האָט זיך א זויבערער, א לייכטער שניי,
געזייטיקט זיך פון די מאַגייפעדיקע פלעקן,
ווי זיך געמיִעסט צורירן וואָלט ער צו זיי
און טונקלען זיי געלאָזט אין זייער גרינעם עקל.
פעגירים אָנגעפּרעסענע, די קעפּ פאַרדרייט,
מיט מיילער צוגעפרוירענע צו טשעמאָדאַנען-שלעסער,
פונקט ווי באַשמעקט זיי האָבן טויטערהייט
די ניט צו שטאַנד געקומענע, די רוסישע פּאָסעסיע...
און ס'איז סאַדאָווסקיס טייל געווען שוין ווייט,
צו קאַנטן אייגענע אָן אָפּשטעל זיך גענע'נטערט,
און יעדער יִשעוול, אין שלאַכט באַפרייט,
רעם לאַנד געטראָגן האָט אַף מידע הענט ער.

8. דער אונטערבראָכ פונ די איבער־מערדער

I

צוריק אפ מײַרעוו אונטער רויטנ קרייצ
געשלעפט זיכ עשעלאָנענ האָבנ דורכגעברענטע,
ווי אינ ברעזענט פארדעקטע יאטקעס א פארפלייצ
מיט אָנגעבראָקטנ פלייש פונ דײַטשע רעגימענטנ —
דער אויסגאָב פונ גערמאניעס אומבאזיגלעכקײַט אונ רומ,
דער אויסגאָב פונ דיוויזיעס בא סטאלינגראדער שלאכטנ!
זיי קערנ זיכ צוריק קיינ דײַטשלאנד אומ,
זיי האָבנ מיט דער וועלט-באהערשונג זיכ שוינ אָפגעפארטיקט!
די שארבנס — ווײַס, אינ מארליע אײַנגעפרעסט,
די ליפנ — בלוי אונ אופגעשפארט פונ גאווער.
פארפראָסטיקט האָבנ זיי די רוכלענדישע פרעסט,
ס'זאָל אפ דער ערד דער רוסישער ניט גיינ פונ זיי קיינ אווער.
אונ אפ דערמונטערונג געבראכט האָט מענ פאר זיי
געפאנגענע, געשמידט די הענט, דירעקט צו די וואָקזאלנ.
זיי אויסגעסאדערט שטרענג, א ריי נעבנ א ריי,
אונ א קאָמאנדעווע געגעבנ צו די קאליקעס: — באפאלנ!

II

קאָנטוזיעס אונ פיבער-טאנצנדיקע קעפ,
פארגיפטעוועטע פיס אונ צוגעשטוקעוועטע ריפנ.
געוועזנ זײַנענ האקנקרייצנ צוגעקלעפט
צו די צעבראָקטע אונ צונויפגענייטע קריפלענ.
אפ קוליעס זײַנענ זיי ארויס, צערייצט,
אונטער די הענט פונ בארעמהערצעדיקע שוועסטער;
געשווינדלט אפ כאלאטנ האָט דער רויטער קרייצ,
אונ ס'האָט דער רויטער קרייצ אליינ זיכ ווי א ווונד געפעסטיקט.
אונ מיט ארויסגעשטעקטע ציינקאסטנס, אינ קויט —
געהאקטע אונ געפערטלטע טעווטאָנער,
ווי אָפגעוואָרפענער אוטיל פונ טויט,
האָבנ זיי לעכערלעכ צעלאָזט א שיסנדיקע קאקאָפאָניע.
„איבער די נידער-ראסנ — בלײַ!" — האָט די קאָמאנדע זיי געוועקט,
„קערט זיכ קיינ דײַטשלאנד, זיגער, אומ" — האָט א באפעל געװײַטערט.
געבליבנ זײַנענ די געפאנגענע אינמיטנ וועג,
אונ עשעלאָנענ זיכ געשלעפט קיינ פרײַסנ האָבנ ווײַטער.

III

א בלאט א דעמבענע האָט אָװלדיק געבליט
אפּ צװײ און צװאַנציק אױסגעריסענע דיװיזיעס,
און פֿון אַן אומגעהערטן װײַטערדיקן שניט
פֿאַרפֿאַלגט האָבן דעם פּיורער הימלדיקע װיזיעס:
צעקלאַפּטע טראָגן די כּאַיאַלעס זיך צוריק,
און אױפֿן דײַטשן בליץ פֿאַרפֿאַרעט טײ אַ רוסישער סאָלדאַט זיך.
נאָר ער, אַן אָנגעפּלומפּטער מיט מאַנקאָליע ביז צום פּלאַצן,
דערקלערט עס דײַטשלאַנד פֿאַר אַ זיג,
האַגאַם עס האָבן שװאַרצע פֿאָנען זיך געבױגן אױפֿן לאַנד,
אין טרױער אָנגעטאָן האָבן אימפּעריש דרײַ טעג זיך.
געמאָרדעװעט האָט זיך דעם פּיורערס צונג װי דעראַנאַנד,
װי פֿון אַ בלוט־געשטורץ בעשאַס אַן אַפּאָפּלעקסיע:
פֿאַראַן אַ פּראָנט, װוּ געטלעכקײַט איז אים באַשערט,
װוּ זיג האָט אים מיט קאָװעד אױסגעהיט דאָ
גערמאַניעס שװערד.
דער פּראָנט איז — ייִדן!

IV

געפֿיבערט האָט דער דײַטשישער גענשטאַב:
עס זײַנען ייִדן אַלץ פֿאַראַן, כאָטש מ'האָט פֿאַרניכטעט אַלע,
װוּ נאָר עס האָט זײ די אימפּעריע געכאַפּט,
װוּ נאָר איר שאָטן איז אױף זײ געפֿאַלן.
זיך דורכגעקרײַצט אַ בליק האָט מיט אַ בליק,
אין גײַװוע און אין פֿיבער אײַנגעריכטע:
זײ פֿון די גריבער אױסגראָבן צוריק
און פֿונדאָסנײַ זײ נאָכאַמאָל פֿאַרניכטן!
פֿאַרניכטן זײ דאָס צװײטע מאָל!
און דאָס װעט אױך פֿילײַכט זײַן װײניק,
האָט דורכגעקרײַעט אומרויִק דעם פּיורערס קאָל
מיט כריפּ, באַפֿעלעריש און בײניק,
פֿאַרגלײַזנדיק דערבײַ דעם בליק פֿון בלײַ,
װי עפּעס װאָלט ער זיך באַדאַרפֿט דערמאָנען:
זײ װערן װידער לעבעדיק פֿונסנײַ,
דעם טויט, דעם טײַװל אָפּשװינדלען זײ קאָנען!

V

פארגליווערט איז געווענ אינ זײַנע אויגנ בלײַ,
ווי בא א מעס מיט אופגעשפארטע וויִעס:
„זיי ווערנ ווידער לעבעדיק פונסנײַ,
פארניכטנ איינ מאָל זיי — אומזיסט די מי איז!”
דער ציילעמ אפ זײַנ ברוסט האָט זיכ געקנייטשט,
אונ פונ געשריי איבערגעקרימט האָט זיכ זײַנ פּאָנעמ:
„א דײַטש איז נאָר א דײַטש,
אונ עפּעס אנדערש זײַנ ער קאָנ ניט.
אונ זיי — זיי זײַנענ אלצ אונ אומעטומ,
אינ יעדער שפראכ. קיינ איינע איז פונ זיי ניט פרײַ שוינ!”
ער האָט א ווײַלע זיכ פארהאקט. א קוק געטאָנ ארומ, —
זיי זײַנענ דאָ אינ יעדנ איינעמ פונ די דײַטשנ!
אדורכגעריסנ האָט א בראָכ זיכ אינ דעמ קאָל
פונעמ צעיִושעט-אופגעברויזטנ פיורער:
„זיי ווערנ לעבעדיק פונסנײַ אינ גאָלד!
זיי ווערנ לעבעדיק פונסנײַ אינ שטורעמס!”

VI

געמאָרדעוועט האָט זיכ זײַנ יעדער גליד,
אונ מיט די ליפּנ פּעכ האָט ער געשטויסנ:
„דערהארגעסט, דאכט זיכ, אימ, באשײַמפּערלעכ — א ייִד,
וואכט פונ די טויטע אפדאָסנײַ ער א פראנצויז אופ!
דערהארגעסטו אימ ווידער א פראנצויז,
וואכט ער א דײַטש צוריק אופ פונ די טויטע.
אינ ערגעצ ווערנ זיי ניט אויס,
אויכ דאָס געמיט פונ גאָט אונ טײַוול זיי צעבויטענ!
דער ערד-קוגל פארבאָרגנ איז אינ יעטווידנ פונ זיי,
די וועלט בא זיכ ווי א פארמאשקנטע זיי האלטנ
שוינ פערציק הונדערט יאָר — דורכויס אונ אינ צעזיי.
א רעטעניש! — האָט ער זײַנ כאָסער-דייעדיקנ בליק פארהאלטנ, —
זיי אויסראָטנ ביז איינעמ איז זײַנ געטלעכער בארופּ!
אויב אויסגראָבנ? איז דרײַ מאָל אויסגראָבנ זיי וועט ער!
ס'וועט קלעקנ גײַסט גערמאניע דערופּ, —
איז אופּהייבנ די לעצטע ייִדנ פונ דער געטאָ!”

VII

די נאכט געדויערט האָט ניט מער, ווי ס'איז באשטימט פאר איר,
די זונ איז אופגעגאנ ניט פריִער אונ ניט שפעטער.
אונ פונקט ווי אינ אנ אונטערהייל, באם צאנק פונ ליכט,
איז דורכגעגאנ דער לעצטער טאָג פונ געטאָ.
אינ קלויזנ כאָרעווע געטראָפנ האָבנ ייִדנ זיכ מיט גאָט,
אינ קעלערס פינצטערע האָבנ זיכ קינדער ווידערשפעניקײַט געלערנט,
אונ פרייד באם טויט געריסנ יעדערער זיכ האָט,
צום לעבנ אופגעוועקט די לויטערסטע באגערנ.
אונ שפאנענדיק דורכ דער צעשפרייטער נעצ,
די לעצטע רעגעס בליציק איבערמאָלנד,
געפעדערט האָבנ ייִדנ זיכ פונ פראָג אונ מעצ,
פונ אוקראיִנע אונ פונ האָלאנד.
א יעדער ווונד אפ זיי ווי שטעמפלענ פונ מעדינעס העלט,
א יעדערער פונ זיי זעט ווי א רײַזנדער פארשוינ אויס.
עס זײַנענ נאָכגעגאנ זיי דוירעס פונ דער אלטער וועלט,
פונ אלע אומעס האָבנ זיי באגלייט פארשיידענע לעשוינעס,

VIII

נאָר צווישנ זיכ פארשטענדיקנ זיי האָבנ ניט געקאָנט,
אונ ניט געוואָלט זיי האָבנ זיכ אינ גאָרנישט ניט דערמאָנענ.
אליינ איז צוגעגאנ צו זיי דער הימל נאָ'נט,
פונ אלע צײַטנ צוגעגאנגענ איז צו זיי דער אָנהייב...
מיצראיִמ דורכגעשאָטנט האָט פאר זיי,
אונ דורכגעלויכטנ האָט פאר זיי די שײַנ פונ קרעמל.
אָט איז ער, אָט דער וועג פונ אופשטײַג אונ צעזיי,
דער וועג פונ בערג, פונ אָפגרונט אונ פונ קלעמער.
ניט אָנגעוויזנ האָט זיכ דער טויזנטיעריקער פארלענד,
געפירט האָט זיי פונ אויסלייזונג דאָס דונערדיקע בלאנקענ.
עס האָבנ שײַטערס נאָכ פאר זיי ווי יאָרצײַטנ געברענט,
געברענט האָט ווידערשפעניקײַט פונ זייערע געדאנקענ...
ווי לעבעדיק־געוואָרענע שוינ נאָכנ טויט,
געגאנ זיי זײַנענ אינ יאָרטויזנטנ פונסנײַ, ווי א פארפלייצונג,
מיט בלוט פארבאקנס אפ דער פארמעטענער הויט,
אראָפגענומענע אפ אלע וועגנ פונ דער קרייצונג...

9. שײַטערס

I

די דינע פוקסן-טריט, צעזייטע אפֿן שניי,
דערציילן אויסווייניק באַם דיוו פֿון נאַכטישע באַזוכן,
נאָר אינדערפֿרי פֿאַרמעקט זיי דער זאַווערוכע.
קיין סימען לאָזט פֿון זיי די זאַווערוכע.
דער וואַלד פֿאַרבײַסט דעם קאָפּ אין ווײ,
אליין ער שמײַסט זיך מיטן ווינט: ניט זען די סודע,
ווען פֿוקסן גליטשן זיך ווי געלע פֿײַערן איבערן שניי
מיט א געניוויושן זיגזאַגיקן גערודער,
און שלאָגן מיט די מאָרדעס מיט די וואַרעמע דעם פֿראָסט,
און שליסן מיט די ציינ דעם דיוו פֿאַנאַנדער, ווי מיט שליסל,
ביז אונטער זיי א פֿינצטערקײַט דער שניי פֿון זיך צעלאָזט,
ביז איבער זיי די פֿעל נעמט דער קאַ־אָר מיט געלס באַגיסן.
און ווען זיי טראָגן אָנגעפֿרעסענע צוריק זיך פֿונעם דיוו,
נאָך דעם פֿאַרטאָגיקן געהיימען מאָלצײַט,
הייבט זיך די געטאָ אויף, ווי פֿון אן אָפּגרונטיקער טיף,
און ס'ציילן איבער די פֿאַרוורטיילטע צום לעצטן מאָל זיך...

II

דער דאָקטער אפֿן אויג א יעדן כּולע האָט געהאַט,
ס'האָט דער אקצענט פֿון יערנס האַרץ פֿון ווײַט צו אים געקלונגען,
גאַנצפֿרי גיט ער א גלעט דעם ווײַסן ציפֿערבלאַט
און לאָזט זיך גיין צום טיפֿוס און צו דורכגעברענטע לונגען.
אים דוכט, אז ס'בלײַבט זײַן זון. מיט אים—די אַלטע קאַץ,
ווי אַלע מאָל. זי רונדיקט אויס דעם רוקן אין א בויגן,
און מיט א געגעץ א פֿאַרשלינגענדיקן אַלץ
גיט זי א שטעל אָפּ אים די גרינע, שנײַדנדיקע אויגן.
ער פֿינטלט דורך דער שויב, ווי א שוואַרצאַפּל דורך א טרער,
ער שפּילט נאָך אַלץ. ער קישעפּט אַלץ דעם שניי-פֿאַל,
ווי זיך פֿאַרענטפֿערט וואָלט ער, א געבראַכטער צום פֿאַרהער,
פֿון יענער וועלט פֿאַר זײַנע זיבן יאָר, ווי פֿאַר א גניוועה...
בא וועמען זשע געגאַנוועט האָט ער זיי?
און צאָלן דאָ פֿאַר זיי באַדאַרף ער וועמען?
דורכן פֿענצטער קוקט אַרײַן די וועלט. עס פֿאַלט דער שניי.
און ס'האַלט זײַן בליק ניט אויס אונטער די ברעמען.

III

דער טאָג פארהענגט דאָס פענצטער מיט א זאק,
נאָר ס׳לעכערן אים דורכ די בריִענדיקע קלאנגענ:
ער דארפ א דינ-וועכעזשבנ אָפגעבנ דער האק,
דאָס צווייטע מאָל דעמ גאָרגל איר דערלאנגענ...
עס עגבערנ די קלאנגענ דורכ אפ ווײַט דעמ פראָסט,
זיי רײַסנ, ריזלענדיק, ארײַנ זיכ מיט גערוישנ.
געזאָגט אזוי האָבנ די זיידעס זײַנע כצאָס
בא א פארטרערנט שטיקל ליכט איבער דעמ גאָרנ כוישעכ...
עס גייט שוינ צו צומ האלדו, צומ מויל — דער גזאר,
די שפיצנ ביימער פונ דער הייכ אינ אימ זיכ טרענקענ —
ער שטייט פארנ געריכט איצט פונ דער האק דערפאר,
ווײַל ס׳האָט א וועלט געגעבנ זי אינ האנט דעמ הענקער...
ער וועט ניט בלײַבנ קיינ באלכויװ פאר זײַנע קינדערישע יאָר,
באצאָלנ וועט ער פאר די שטערנ, איבער קאָפּ זײַנעמ צעווייטע,
ווי פאר דער ליכט פונ כצאָס, אפ שײַטער-פלאמ פאריאָגט,
געצאָלט האָבנ מיט קעפּ מיט גרויע זײַנעזיידעס,—

IV

אנ איידעס איז דער פראָסט, אנ אָרעוו איז דער שניי!
די שלאכט האָט, ווי א ווײַטער צושלאָג פונ א יאמ, געהערט זיכ
דורכ וואָי פונ ווינט, דורכ בראָכ פונ באטאריי,
וואָס האָט א יעדער אויגנבליק געני׳נטערט זיכ אהערצו.
ניט ווײַט פונדאנענ איז געוועזנ שוינ דער טויט,
די וועגנ אויסגעקוקט זיכ אלע אפ ארײַנגיינ;
ווער האָט אוועקגעלייגט דעמ קינד א ברעקל ברויט?
ווער האָט דעמ אָנגעגאָסנ וואסער אינעמ רײַנדל?
ס׳איז אימ?—האָט ס׳קינד געקוקט אפ דעמ געהיימ,—
צי קומט אימ עפּעס דענ? ניינ, ס׳קומט אימ גאָרניט:
קיינ מאמע ניט אונ ניט קיינ היימ,
ניט ער אליינ מיט זײַנע קינדערישע יאָרנ...
אונ ווענ עס האָט די קאצ געגעבנ זיכ א צי
אונ שטיל צו אימ א לאשטשע האָט געטאָנ זיכ,
האָט זיכ אימ אָפּגעשטעלט דאָס הארצ: צו אימ?
אונ, א דערשראָקענער, זײַנ בליק געגעבנ האָט א בלאָנדזע...

V

דעם פּאָטער טרייסט דער אומגליק: רויִק זײַט!
זיי טאַנצן ווירטואָז די פֿינגער אויפֿן גריפֿל
און ריכטיק ליגט דער קאָפּ פֿאַרבראָכן אויף אַ זײַט,
און קלאַנגען פֿאַרן הימל זיך פֿון גרוב צעטריפֿן.
וואָס נאָך? אַ וואָלקן איז געגאַנגען, ווי אַ מעגושעמדיקע טרער,
ווי ס׳וואָלט באַדאַרפֿט אַראָפּ אויף דר׳ערד אַ מאַבלדיקער רעגן.
ווער האָט געמאַכט די קינדער העפֿקער אויף דער ערד?
פֿאַרוואָס זשע יאָגט מען זיך נאָך זיי אויף אַלע וועגן?
און טאָמער פֿליט אַ פֿייגעלע פֿאַרבײַ דער שויב
און גיט אַפֿילו אָן אין פֿענצטער מיט די פֿליגל?
קאָן אויסקומען דעם קינד צו טאָג דעם קאָפּ אַ הייב,
אַן אויפֿגעוועקטער, אַ ניט-היגער:
און עס אַרײַנרופֿן, דאָס פֿייגעלע אַהער, פֿאַרטרויט,
און עס דערוואַרעמען... פֿאַראַן איז דאָך אַ ברעקל ברויט...
דאָס כײַעס — פֿייגל האָט דאָך אַזוי ליב ער —
און ס׳האָט דער טאָג אין שויב אַרײַנגעקוקט אַ טריבער.

VI

דער דאָקטער האָט קיין קלומעק נעמען ניט געוואָלט,
צוקאָפּנס בײַ אַ כוליע האָט געטראָגן דער באָפּעל אים.
ער האָט בײַם זייגער אויפֿגעמאַכט ס׳קאָפּערטעלע פֿון גאָלד,
געשפּירט דעם פּולס — קיין אייַנצל ניט פֿאַרפֿעלן.
אַרײַנגעקוקט דער אומגליק האָט אין שויב
מיט בליק פֿון אַ געהאַנגענעם — נעפּאָדערט אומבאַוועגלעך:
— אין וועג! — עס גיט דאָס קינד זיך אַ דערקוונדיק: שוין?
ווי אַלע זײַנע זיבן יאָר ער וואָלט אויף דעם געוואַרט טאָג-טעגלעך...
דער דאָקטער האָט אַפּגיך דעם מאַנטל אָנגעטאָן,
גלײַך ווי אויף אַ קאָנצערט, ווו גאָר די וועלט וועט בײַזײַן,
וואָלט ער געפֿירט זײַן זון, און אויסגעבלוטיקט: — טו זיך אָן
און קום, מײַן מאַזל, ס׳ענדיקט זיך די רײַזע... —
פֿון ווײַטן יענ-וועלטיקן פֿלעק
געוועקט דער פּאָטער האָט דאָס קינד ביז אינדערפֿרי ראָרט —
ניט מיט קיין וואָרט, ניט מיט געבעט,
אים בלויז געווונקען: — נעם דעם פֿידל!

VII

ער האָט געטראַכט: אינ ניסים האָט אמאָל זײַנ פאָלק געגלייבט,
אז אנ אַרײַנגעוואָרפענער אינ לייבנ-גרוב ז׳געבליבנ לעבנ,
אז א צעשפּאָלטענער אפּ העלפט האָט זיכ דער יאַמ געטאָנ א הייב,
אז ס׳האָט א פּראָסטער שטעקנ טייטל-פּרוכט געגעבנ,
אז ס׳האָט דער נאָווי איילײִאָהו ברויט געבראַכט אנ אָרעמאַנ
אונ אז א מאַנ איז מיט דער קראַפט פונ וואָרט אינ הימל אופגעפלויגנ...
אָ, ס׳זאָלנ אלע ניסימ זיכ צונויפלייגנ באַנאַנד,
וואָלט אלע זיי א ביקס א פּראָסטע איצט איבערגעוויגנ!
א בליצ טאָנ זאָל זי איינ מאָל כאָטש אינ זײַנ פאַרמעסט,
זיכ אופהייבנ מיט איר זאָל ער כאָטש איינ מאָל אפּ א דײַטשנ שאַרבנ!
ניט דאָס געבורט אינ פרייד איז דער נאַטורס א כעסעד אונ א נעס,
א כעסעד אונ א נעס פונ דער נאַטור איז מיט א שמייכל שטאַרבנ!
גענע׳נטערט האָט זיכ שוינ דער אָנהייב פונ צעשייד,
אונ אפּ דער ערד זיכ לייגנ ניט געוואָלט האָבנ די שנייענ.
פאַרברענט ווערנ דעמ פּאָטער האָט א קינד באַגלייט,
א פּאָטער האָט באַגלייט א קינד — דאָס אַש צעווייענ...

10. לעצטע מאַכשאָוועס

I

די קעפּ אינ זשאָלעבעס, די הינטנס צו דער וועלט,
געכראָמקעט רעגלמעסיק פערד האָבנ דעמ האָבער.
מיט ווײַדלענ לײַכט געפּאָכעט זיכ די פעל
אונ הירושענדיק אַנטבלויזט די געלע ציינ זיי האָבנ.
גערייכערט האָט א טשאַנ מיט רויכ פונ אינטערוועגס,
צעהאַקט געלעגנ זײַנענ אָנגעוואַלגערט פריידעקס,
אונ רײַסנדיק פונ אונטער פּאַכוועס רוי געבעקס,
האָבנ סאָלדאַטנ דײַטשע זיכ געסאַדערט אינ דער ריי דאָרט.
די ייִדנ האָבנ טרויעריק פאַרבײַגעשפּאַנט,
אינ כראָמק פונ פערד דאָרט אײַנגעהערט זיכ.
אונ בא דער זײַט האָט פינ קאָנוואָי א יאַשטשערדיקע וואַנט
פאַרטויבט מיט שטאָל די וואָרגנדיקע קרעכצנ,
וואָס האָבנ שוינ צו קיינעמ ניט דערגרייכט,
אונטער די פיס, צווישנ דעמ שניי אונ קויט צעטראָטנ,
אונ מיט די אווטאָמאַטנ איבער בײַכער אינ א ריי
זײַנענ די הענקערס דורכגעגאַנ פּאָרויס, ווי מיט פאַגאָטנ.

II

עס האָבן די געטריבענע נאָך ניט פֿארשטאנען אלץ,
און גייענדיק ניט אלץ זיי האָבן נאָך באַנומען,
נאָר עפּעס האָט זיך זיי די לופֿט געשטעלט אין האלדז,
און ס'האָט זיי פֿארן הארץ פֿארקלעמט אזא מין אומעט,
פּונקט ווי די היימ געזען זיי וואָלטן נאָענט און פֿארטרויט,
און, גייענדיק, פֿארוווּנדערטע, עפּעס געסײַנעט מיטן אומגליק:
יאָ, יאָ!.. מ'האָט ניט פֿארגעסן מיטנעמען קיין ברויט,
און יעדער איינער זיך געטוליעט האָט צום קלומעק...
געלעגן זײַנען אין די טאָרבעלעך פֿיר טויזנט יאָר
נעווזע, און געוויין, און שטרײַסנדיקער טרויער,
אנטפּלעקונגען, און פֿרייד, און גאָלעס, און דאָס וואָרט,
און אָרעם ברויט, און כאסענעס, און דאָרשט פֿון טרוימער.
וואָס נאָך האָבן זיי דאָרטן אין די קלומעקעס געהאט,
צו דער אקיידע גייענדיק, צום טויט געגענענד?
דער זונ-פֿארגאנג, ווי א צעוויקלט-רויטע בלאט,
געהאלטן האָט אין זייער בליק נאָך אין דערברענען.

III

אונטער די לעצטע פֿארקנס האָבן פֿעלדער הויל
צום קאלטן הימל-ראנד, פֿארשנייטע, זיך געצויגן.
ערשט איצטער האָבן די פֿארורטיילטע מיט גרויל
גענומען קוקן איינס דעם צווייטן אין די אויגן
און זוכן שוץ מיט יאָגעדיקן בליק,
און מיט דער לופֿט זיך ווארגן, ווי מיט בריִענדיקע זאמדן.
די קעפּ געדרייט זיי האָבן אפּ צוריק,
און א געשריי האָט זיך געריסן א געצאמטער, —
אזא געשריי, ווי אין געוויטער שרײַט דער וואלד,
אזא געשריי, ווי אין די שטורעם-ווינטן שרײַען יאמען,
ווי דונערן נאָך דעם, ווי ס'גיט דער בליץ א פֿאל,
ווי אין אן ערדציטערניש אופֿגעלייזטע צאמען,
ווי פֿון קאַזעטן-שטויס דער קראכנדיקער שטיין —
אז אופֿטרייסלען זאָל זיך די וועלט אין די געלענקען.
נאָר אין די גאָרגלען זיך דערשטיקט האָט דאָס געשריי,
און אין די גאָרגלען זיך אליין האָט עס דערטרענקען.

IV

געלעגן איז די ערד פארכאלעשט, מיד,
פונוויַיטן ווינקענדיק מיט צלאָמים און מיט רידלען.
דעם גאנצן וועג געגאנגען איז דער דאָקטער אין דער מיט
און פאר דער האנט געפירט דעם שאָטן פון זײַן זון — דעם פידלער.
זײַן זון!.. ער פלעגט מיט אים אזוי אפּ א שפּאציר,
הינטערן שטאָט, אין א פארנאכט זיך אין א- זומערדיקן לאָזן,
געווען דאָס פעלד איז אזוי בלײַענדיק באצירט,
און פון דער שטילקײַט האָט אין הארץ זיך אזא לײַטערונג געגאָסן,
אז שאָענלאנג האָט מען פארגאפט אין איר זיך אײַנגעהערט,
ניט אָפּגעריסן — ניט דאָס אויג און ניט דעם אויער,
א יעדער רעגע זיך געענדערט האָט די ערד
אין איר באצויבערדיקער פראכט און אין איר געטלעך-שטילן טרויער.
ער פלעגט מיט אים אמאָל אזוי ארויסגיין אפּ שפּאציר
הינטערן שטאָט — פון ראש און טומל זיך פארהוילן.
די גוטע מילדע ערד!.. אצינדערט אײַלט ער זיך צו איר
דאָס לעצטע מאָל, ווי צו א כוילע...

V

זי ליגט ווי א מעצוירערן, אין פיבער און אין שפּאָט,
אונטער די פיס א יעדער רעגע גרייט זיך א צעפאל טאָן.
געבוירן כײַעס אין געשטאלט פון מענטש זי האָט,
וואָס האָבן זי פארומווירדיקט און זי פארגוואלדיקט.
פאר זיי איז ניט אנטפלעקט, וואָס מוטער איז אזוינס,
און וואָס אזוינס באטײַט א קינד — דערגייט צו זיי ניט.
זיי האָבן טויזנט יאָר אין זיך דעם אור געצוימט,
און דורכגעריסן האָט ער זיך דורך זייער מארך און ביינער.
ס'איז זייער מיזאמקײַט געווען גיר און שלאק!
א ליגן איז געווען בא זיי דער אומבײַט פון די טקופעס!
פארפולקומט האָבן זיי מיט זייער מיזאמקײַט די האק,
ווײַל הארגענען איז זייער גײַסט — און רויב זייער בארוף איז!
זיי הארגענען א מענטש, זיי הארגענען א פאָלק.
און אז דעם רויב און בלוט זיך האלט זייער מעדינע.
האָט ער, מארגוליס, יוישער דען פון זיי געוואָלט?
צי דען פארלאנגט האָט ער פון זיי א פונק פון זינען?

VI

זיי זײַנען אָפּגעטײלט געווען פֿון אים מיט פֿינצטערניש פֿון אור,
מיט א דערשלינגענדיקן יאַם פֿון האַס און עקל.
האָט ער געוואַרט בײַ זיי פֿון אויפֿלייכט דען א שפּור?
צי מיטגעפֿיל האָט ער געהאָפֿט אין זיי דערוועקן?
ער האָט זײַן קינד געוואָלט א קוק טאָן אין געזיכט
און אַף א לעבן אַף א גאַנצס זיך פֿאָרשטעלן אים עלטער,
פּונקט ווי געקוקט ער וואָלט אַליין אַף זיך,
צו לעצטער פּרווו פֿון גורל א געשטעלטער.
דערזען מיט די סימאָנים אים מיט אַלע פֿון א ייִד,
וואָס טראָגט אונטער דער הויט, ווי א געניווע, אום דאָס לעבן
פֿון וועג צו וועג, מיט שטיינער אַף די טריט,
אונטער דער וואַך פֿון קייווער־ווערעם און באַגראַבער.
אַן אוירעך אין דער פֿרעמד בײַ טישן אים דערזען,
באַלאַנגט צו אַלעמען און קיינעם ניט געהערן,
ווי פֿאַר זײַן ליבשאַפֿט צאָלט ער מיט דעם האַרץ אין ברען,
ווי צו דער גרוב ער ווערט געפֿירט פֿאַר קוקן צו די שטערן...

VII

איז זאָל כאָטש זײַן פֿאַר אים א טרייסט דערין,
וואָס ניט אַדורכגעגאַנגען אַלע שטאַפּלען פּײַן און מאַנגל,
האָט אומגעקערט זײַן קינד זיך צ׳ריק אַהין,
פֿונוואַנען ער איז אַוועקגעגאַנגען...
געקוקט דער ראַנד פֿון גרוב האָט ווי א שוועל,
מיט אַלעמען געגעס׳נטערט האָט דער דאָקטער זיך אַהינצו,
און שטאָלץ, ווי ער געגאַנגען וואָלט מישפּעטן די וועלט,
און אָנגעשפּאַרט אין שאָטן פֿון זײַן קינד זיך...
ער האָט זיך אָפּגעשטעלט. ס׳איז דער האַמוין געבליבן שטיין.
אַף זײַנע מיטגייער — א בליק. און גלײַך געלאָזט זיך ווידער.
האָט ער דעם קינד עפּעס געקאָנט דען געבן צו פֿאַרשטיין,
ווען ס׳איז צום טויט געגאַנגען מיטן פֿידל?
אים האָט געדוכט: דאָס קינד האַלט אַזוי פֿעסט אים פֿאַר דער האַנט,
און ס׳טריפֿט אַזאַ געבעט דאָ פֿון זײַן יעדן פֿלאַטער...
נאָר ווער איז איצט בײַ אים אַליין אין גאָרער וועלט פֿאַראַן,
זיך אָנכאַפּן אין אים זאָל ער זיך אויך ווי אין א טאַטן?..

11. קרעמאטאָריעס

I

אָן א באפעל, בלויז ווי א בליץ,
מיט ציין פון שארבנס הוילע,
האָט זיך דער גזאר געהיים אדורכגעקריצט,
און ס'טראָגט באטריבט דער דאָקטער אינעם מויל אים:
מע קלייַבט זיך אין א צווייטן לאגער, גיך!
געטייַט די האנט פון מאלכאמאָוועס האָט א ברייטע:
ניטאָ מער וואָס איז מיטנעמען מיט זיך,
מער איז קיין שפּייַז ניטאָ זיך אפ א טאָג פארגרייטן.
און ווידער — אונטערוועגס! א בייניקער געטופּ.
קיין בענקשאפט איז אין הערצער אויך ניטאָ שוין,
עס טראָגן ביינער זיך אליין פון גרוב צו גרוב,
די אויגן בלויז בא זיי ניט אויסגעלאָשן.
קיין קייטן בא די מערדער האָט פאר מוירדים ניט פארפעלט,
און צוגעשמידט פאר דעם שפּאציר-גאנג איינעם מ'תאָט צו איינעם.
זיך צוגעדריקט צו נידעריקע פענצטער האָט די וועלט:
אָט איצטער אין די צייַט מיט די פארורטיילטע צו גיין אירן!..

II

פון קלעצער אויסגעשטאט פירעקעדיק א פלאסט
מיט פינקטלעך אופגעשטיגענעם געקלעטער,
און איבער אים — איבערגעקרייצט און אייַנגעפאסט
א שיכט ארויסגעגראָבענע הארוגים פון דער געטאָ,
און איינס אפ אנדערן, געפלאָדנט און געוועלבט
ביז צו דעם אויסזען פון א טורעם,
אן אָנגעצונדענעם, האָט צוגעטראָגן פייַערלעך דער וועלט,
ווי די אנטפּלעקונג פון גערמאניעס מאכט — דער פיורער.
דאָ האָט אי דייַטשלאנדס וויסנשאפט געשייַנט,
אי דייַטשלאנדס גייַסט האָט צו דעם הימל זיך געהויבן,
און אָנגעוועגן עס האָבן זיך אפ שטרעקעס ווייַט
געדיכטע וואָלקנס רויך, ווי שווארצע טרויבן:
גערמאניעס נייַע גאָטישע ארכיטעקטור,
גערמאניעס לעצטע בליץ-באהערשטע פעסטונג!
דער פיבערדיקער דראנג נאך אָסטן איז אדורך,
און ס'האָט פארביטן אים א פיבערדיקער דראפּ נאך וועסטן!

III

באלויכטנ האָט גערמאניע זיכ דעמ וועג צוריק
מיט פלאקערדיקע סטאָסנ ביינער פונ הארוגימ,
עפשער וועט אופשטײַגנ דורכ דעמ איר רומ אינ קריג?
דער גרויל וועט עפשער פונ איר גוירל זי פארוקנ?
דער רייעכ האָט דעמ רוימ פארפעסטיקט דורכ אפ דורכ,
געגאנ דער שטיקנדיקער רויכ אונ פײַער איז אפ מײַלנ.
אונ בא די שײַטערס איז געזעסנ היטלערס קרעאטור,
די ציינ די גאָלדענע געשלעפט בא מייסימ פונ די מײַלער.
אונ אָפגעשאצט די ווערט פונ יעדנ מעס,
וואָס דארפ די גרונטפעסטנ פונ דריטנ רײַכ פארשטארקנ.
אונ איר צעקוועטשטע גײַווע זיכ געקויקלט האָט פאָמפעז
מיט א פאראד אינ אָפגרונט אינ צעשפארטנ.
דאָ האָט קיינ ווידערשטאנד איר קיינער ניט געשטעלט,
אונ ניט דערגרייכט האָט בא דעמ ראנד די רויטארמיי זי.
גערמאניעס זיגרײַכער צוריקגאנג פונ דער וועלט!
גערמאניעס שטאָלצער אָנגריפ אפ די מייסימ!

IV

זיכ אײַנגעפרעסנ אינ דער הייכ האָט זיכ א שווארצער פוכ,
געצויגנ האָט דורכ אימ זיכ פײַערלעכ פונדאנענ
דער דײַטשער האָכגײַסט קיינ טרעבלינקע, סאביבור,
אונ צו זײַנ זיגרײַכנ נאציִאָנאלנ הערב — מײַדאנעק.
איבערבאזירט האָט זיכ גערמאניע אהינ
אפ צו פארפולקומענ דעמ איקער פונ דער נײַער אָרד׳נונג
מיט פלײַס אונ אָנשטרענגונג האָט זיכ טרענירט בערלינ,
זײַנ דראנג זאָל זיכ אינ ערגעצ ניט קיינ בראָכ טאָנ.
געשטיגנ האָט דער אומזאצ אימפעטדיק ארופ:
מיליאָנענ מייסימ! די פראָפיטנ — איבערלוסטיק!
א בלוט-בעדער איז אופגעגאנ דאָס רײַכ אינ זײַנ בארופ,
מיט שארבנ-בערג שטאָלצירט האָט זײַנ אימפערישע אינדוסטריע!
נאָר ניט באפרידיקט האָבנ קוואָרימ זײַנ געברויכ אונ דראנג,
אונ שײַטער-הויפנס ניט גענוג זײַנענ פאר דעמ געווענ שוינ:
באמיט האָט פלײַסיק זיכ דער דײַטשישער געדאנק
צו אופשטעלנ אפ דר׳ערד א קרעמאטאָריע פאר דער מענטשהײַט.

V

פונ צענ פארקנעכטיקטע מעדינעס אפ דער ערד
האָט דייַטשלאנד צו זייַנ מאָלצייַט די פארורטיילטע געטריבנ
אונטער דעמ סווישטש פונ בייַטש אונ פאָכ פונ שווערד —
דאָס היימלאנד אָפּגערויבט בא זיי, אונ אָפּגערויבט בא זיי די שטיבער,
אונ אָפּגערויבט בא זיי דאָס ליכט, אונ אויסגעטרייבערט זיי אפ דורכ,
אונ אויסגעטאָנ פונ זיי דאָס קלייד, אונ ביז די ביינער זיי באנומענ,
אונ אויסגענאָגט פונ זיי דעמ זינ, אינ זיי געלעסטערט די נאטור,
אונ אויסגעריסנ זייער בליק פונ די פארטרויערטע ארומענ.
געגאנ זייַנענ פארורטיילטע, צעשיידטע מיט דער וועלט,
דעמ לעצטנ וועג, אונ דאָכ פונ פראכט אירער בארוישטע.
אריבערטרעטנ זייַנענ זיי געגאנ די לעצטע שוועל,
ניט ווויסנדיק, אז זיי זייַנענ דער לעבעדיקער רוישטאָפּ,
וואָס דארפ איבערגעארבעט ווערנ פארנ דריטנ רייַכ,
מיטנ געביינ באשטעטיקנ זייַנ הערשאפט אונ זייַנ גוווּרע
אונ ווי טראָפּייענ מיליטערישע — איבערגעשטרייַכט
האָט זיי אינ זייַנע לעצטע אָנגריפנ דער פיורער.

VI

ס'האָבנ פארנארטע ניט געוווּסט, אז ס'רייַסט זיכ אָפּ פונ זיי די וועלט,
אז ס'לאָזט אפ זיי אראָפּ זיכ שוינ די ענדע,
אפילע ווענ געשטאנענ מ'איז שוינ בא דער לעצטער שוועל —
אנטבלויזטע, אויסגעטאָנענע, געשענדטע...
זאָל זייַנ, אז,ווירקלעכ, ס'איז צומ וואשנ זיכ דאָס אויסטאָנ הויל,
האָט בא דעמ טויט אליינ זיכ אויסגעדונגענ יעדער.
נאָר אופגעשפארט האָט דייַטשלאנד שוינ זייַנ בלוטיק מויל
דורכ אויוונס פינצטערע, דורכ גריבער אונ דורכ בעדער
אונ זיי ארייַנגעשלונגענ אפ א האלב-דערשטיקט געשריי,
ווענ ניט באוויזנ האָבנ זיי נאָכ אלצ באנעמענ.
אונ אפ קאָנווייערס די געריַרטע פונעמ זינענ, ריי נאָכ ריי,
פארצערט האָט מיט מוזיק דעמ סאָטנס אונטערנעמונג.
געקאָרטשעט האָבנ זיכ אינ גאז-צעלנ, פארשטאָפּט,
ארייַנגעשטויסענע מיט הילכיק-שנייַדיקע געהוילנ.
אונ אפ דעמ פלאמ, ווי ס'שלאָגט אינ קראמפ א קאָפּ זיכ אָנ א קאָפּ
געקוקט האָט זיגרייַכ דער באלויכטענער, דער געלער גוילעמ.

VII

פון צען דערשטיקטע לענדער נאָכאנאנד
האָבן זיך צוגן מיט פארורטיילטע געצויגן.
באהאלטן האָט פון זיי דעם עמעס דער פארשטאנד,
ניט אויסגעזאָגט דעם איקער האָט דאָס ליכט זיי פון די אויגן.
די דורכגעריסענע זיך דורך שפּארונעס פאסן שײַנען,
דער אויסגעדוכטער רייעך פון דער ערד און פון די גערטנער
אוועקגעפירט האָבן פון זיי דעם נאָכגעביקן פּײַן,
ווי ס'וואָלט דער וועג, דאָס גראָז, די ווײַטן זיי געהערט נאָך...
בא פענצטער האָבן מאמעס אָפּגעטעמפּט דעם ווינד-און-ווײ
און קינדער אײַנגעשטילט מיט שמעטערלעך און פליענדיקע ברוים:
— אָט פליט א פייגעלע, מײַן זון!.. זע, נאכעס מײַנס! ניט וויין! —
און אײַנגעגעבן אפּ א ווײַלע רו אים.
— די פייגעלעך!..— צום שויב א טוליע צו
געגעבן האָבן קינדער זיך מיט אזא לויכטנדיקן אומשולד.
און ווי די צײַט געגאנגען א צוג איז נאָך א צוג
איבער דעם וועג, פון וועלכן זיך מע קערט ניט אום שוין...

VIII

און דײַטשלאנד האָט מיט פלײַס בארעכנט ביז צולעצט
דעם רײַכס פּראָפיטן — פינקטלעכע, גענויע:
אפּ וויפל מארק וועט פון די ביינער אויסגעזשאָרבעט ווערן פעטס
און וויפל פאר די האָר פון אָפּגעשוירענע, דערשטיקטע פרויען!
דאָס גאָלד ארויסגעריסענע בא מייסים מיט די ציין,
דאָס שוכווארג פון דערהארגעטע, די טשעמאָדאנען, די האלבאָשע.
און צוגן האָבן זיך געצויגן איינס נאָך איינס
איבער דעם וועג, פון וועלכן קיין צוריק איז מער ניטאָ שוין...
און עפּעס זוכן מיטאמאָל גענומען יעדער האָט:
צי איינס דעם אנדערן, צי זיך אליין גאָר,
צי פון דעם ערגעץ אים פארפירנדן באראָט,
וואָס האָט מיט פונקען פאר די אויגן זיך געשלענגלט...
די הענט אין טאש ארויפגעלאָזט, ווי אין א ריוו,
דעם בליק — אין וויסטן רוים, ווי אין אן אויוון —
און איינער האָט ארויסגעשלעפּט פון דאָרט א בריוו,
בא איינעם האָט זיך דאָרט פארוואלגערט א לעשאָנע-טויווע...

IX

„לעשאָנע-טיוווע!‟ האָט ער שטיל געשאָקלט מיטן קאָפּ.
„לעשאָנע-טיוווע!‟ מיט דעם אומזיניקן בליק געבלאָנדזשעט.
און פון די רעדער בײַ דעם צוג האָט זיך געהערט דער קלאַפּ:
די וועלט, די וועלט! פון יעדער זײַט זי זעט נאָך אָן זיך...
צוויי טײַבעלעך מיט צווײַגעלעך אין מויל ארויסגעקוקט,
אזעלכע פרידלעכע און מילדע, האָבן פון דער ווינטשעוואניע;
זיי זײַנען אויך געפלויגן מיט דעם טרויעריקן צוג
דעם טויט באַגעגענען דורך לייד אפן מײַדאַנעק...
פארקוקט האָט א באַיאָרטער מאן אף זיי זיך פון דער זײַט,
און אף די אויסיִעס פארהאַקט דעם בליק האָט לאנג ער:
זיי זײַנען אים געווען אי נאָ׳נט אי ווײַט,
געהערט האָט ער דורך זיי אזעלכע וואָרקענדיקע קלאַנגען...
וואָס האָבן זיך די טײַבעלעך אזוינס מיט אים דען אָנגעקערט?
זיי פלעגן אויך צו אים פון יאָר צו יאָר זיך אײַלן,
ארײַנפליִען צו אים אף זײַן פראנצויזישער באליבטער ערד
מיט צווײַגעלעך מיט פונקט אזעלכע אין די מײַלער...

X

געשטאַנען אין א ווינקל איז דער אלטער מאַן
און האָט געוויינט, ארויפגעלאָזט די הוט איבער די אויגן.
ער איז א ייִד! האָט זיך אים איצט דערמאַנט,
און צו א טפילע א צעבראָכענעם האָט אים געצויגן.
געכאָלעמט האָט זיך אים דער נאָטער-דאַם,
און נאָכגעגאַנגען איז פון פאריזש אים דער פּארלאַמענט;
באַגלייט אים האָט דאָרט, א געלעסטערטע, זײַן אַם,
געצויגן האָט צו אים זיך, א דערהארגעטע, זײַן מאַמע...
דער צוג האָט זיך געטראָגן באַרג-אראָפּ,
נאָר ס׳האָט די זון זיך נאָך ארײַנגעריסן דורך די שויבן,
צולעצט בײַ די פארוטיילטע זיך טאָן א גראָב
און אופגראָבן א ברעקל האָפענונג און גלויבן...
ס׳האָבן פארנארטע ניט געוווּסט, אַז ס׳רײַסט זיך אָפּ פון זיי די וועלט,
אַז ס׳לאָזט אף זיי זיך שוין אראָפּ די ענדע,
אפילע ווען געשטאַנען מ׳איז שוין בײַ דער לעצטער שוועל —
אנטבלויזטע, אויסגעטאָנענע, געשענדטע...

XI

און ווי צו טאָרע, יאָגנדיק אהער,
געריסן האָט פון יעדער זײַט זיך, וואָיענדיק, די וויוגע.
געגראָבן אונטער צוואנגן מ׳האָט די פארשעמטע ערד,
מעכילע האָט מען ווײנענדיק געבעטן בא הארוגים.
א הייב זיך אוף. א בייג זיך אָן.
מיט לאַסט פון קוואָרים, זיבן מאָל געשענדטע...
און אײנער פאַלט: זײַן פרוי! אף טויטן האלדז דער מעדאליאָן,
וואָס ער האָט צו דער כאַסענע געשענקט איר...
און מאַמעס האָבן ערגעץ, ברענענדיק, אין ווײ
געבוירן קינדער און געזונגען בא די נעכט זײ,
עס האָבן אויוונס דײַטשישע געוואָרט אף זײ
מיט בײנער-מאָלנדיק געווערק, פארזויגנדיק און לעכצנדיק.
דעם רוים פארפעסטיקט האָט דער רײעכ דורך אף דורך,
געגאַנגען דער שטיקנדיקער רויך און פײַער איז אף מײַלן,
און בא די שײַטערס איז געזעסן היטלערס קרעאַטור,
די ציין די גאָלדענע געשלעפּט בא מייסים פון די מײַלער.

12. ציגײַנער אין מײַדאַנעק

I

די שטרעקעס שלײַדערן אונטער די צוג-רעדער זיך פלינק,
ווי אף אַן איבערוף פון טויט שרײַען זיך אויס די באַנען:
אף ווערסטן ווײַט האָבן זיך אָנגעזען די אויוונס פון טרעבלינקע,
אף ווערסטן ווײַט האָבן זיך אָנגעזען די קוימענס פון מײַדאַנעק.
מיט הויך-ארומגעקרויזטע ווענט פארבויט,
מיט דראָט-פארצוימונגען אף רונד ארום באַשטאַטע,
געשטאַנען זײַנען זײ מיט שטעמפּלען פונעם טויט,
באַוואַכט פון שוואַרץ-געקלײדעטע עסעסישע סאָלדאַטן.
ארומגעגורט האָט זײ א גרינער פּאַס געפלאַנץ,
א שטרענג-געשוירענער גאַזאָן און גראָזן שווערע.
געגליטשט האָט זיך אף זײ א פײַכטער גלאַנץ
פון געלע, פעטע, אָנגעזויפטע ווערעם.
מיט טויט-געררוך איז דער ארום געווען פארסאַמט,
מיט מאָרג געאָטעמט האָבן ביימער בא די וועגן.
און אויסגעלײגטע סטעזשקעלעך פון געלן זאַמד
געקלאַמערט האָבן אין דער ערד זיך, ווי דעם טײַוולס נעגל.

II

אַהין, וווּ ס׳האָבן טײַוול־בלומען זיך געגעבן אַ צעוואַקס
אויף בלוט און מאַרך און פֿעטן אָוועק,
געצויגן אויך האָט וואָכנלאַנג זיך מיט דער אַקס
אַ פּאַרטיע ציגײַנער פֿון מאָלדאַוויע.
ווי אויף אַן אונטערהאַלט — מיט בײַטשיקן געפּעקט,
די אויגן — ברענענדיק, געמיטן — ליכטיק:
אַרײַנגעפֿלאָכטן פּאַוועלעך אין גריוועס בײַ די פֿערד,
די בײַדלעך אויסגעפּוצט מיט קאָלדרעס מיט קאָלירטע
און אויפֿגעלייגט אויף זיי דאָס גאַנצענע פֿאַרמעג,
די נאַדנס אָנגעקליבענע פֿאַר יאָרן האָרעוואַניע;
ס׳איז זיי ניט אײַנגעפֿאַלן אויפֿן גאַנצן וועג,
אַז אויסגעהייצט פֿאַר זיי אַן אויוון האָט גערמאַניע;
„זיי וועלן ברענען נעט! זיי וועלן ברענען גוט!"
האָט זיי די וואַך געשאַצט, די יאַסלעס דרייענדיק פֿון קײַען,
און ווײַן בײַ זיי געזויפֿט דעם גאַנצענעם מאַרשרוט,
און זיי דערלויבט אַ יעדער ווײַלע אַ לעכאַיִם!

III

מישפּאָכעס פּאַטריאַרכישע, פֿון יונג און אַלט,
אין וואַנדערונג פֿאַרוועלקטע און צעבליטע.
עס האָבן זקיינים אײַנגעהערט זיך אין דעם שאָרך פֿון וואַלד,
ווי ווינט־פֿאַרליבטע גרויע וואָראָזשביטן.
זיי האָבן טרויעריק דעם בליק אַרײַנגעוועבט
אין די אַראָפּגעלאָזטע בערד די קוטשעראַווע.
ס׳איז ניט צום האַרצן זיי געווען זיך שיידן מיטן סטעפּ,
אַ בענקשאַפֿט איז זיי נאָכגעגאַנגען מיט ווינטן פֿון מאָלדאַוויע.
נאָר זיי האָבן צו קיינעם ניט געגעבן זיך קיין ווענד:
צי זײַנען זיי ניט אויסגעוועזן ווו אַן אָרט דען?
און מוטערס האָבן זיי מיט ברוינע אָדערדיקע הענט
אַליין אויף פֿאַרטעכער געוואָרפֿן קאָרטן.
און ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט, נאָר מיט די ליפּן, ווי פֿאַר זיך,
ווי אין דער שטיל געטאָן זיי וואָלטן טפֿילע.
און בײַדלעך האָבן סקריפּענדיק געאײַלט זיך גיך
און זיך בײַ ברינעמער ניט אָפּגעשטעלט אַפֿילע...

IV

ציגײַנערנס, געכאָוועטע אין פרײַען סטעפּ,
פאַרפּוצט ווי קאַלעס צו דער רײַזע האָבן גרעל זיך —
מיט שאַלעכלעך און קאָלפּעקעס איבער די קעפּ,
מיט קרעלן זיבנרײַיקע אַרום די העלדזער.
די אַקסל ציטעריק פאַרבענקטע נאָך געהעפּ,
אַ יעדער אײַוער אין באַוועג און אין געדרײ איז.
און האָפּערדיק פּאָרויס אַרויסגעפּאַכט די צעפּ
און ווי מיט צוויט די צעפּ פאַרפּלאָכטן מיט מאָנבייעס.
בראַסלעטן זילבערנע — אַרום די ברוינע הענט
און סיגנעטן פון צין מיט פּאַצערקעס פאַרלייטע,
און יעדער סטעפּ־קאָליר האָט מיט פאַרגאַנג געברענט
אַף ברייטע, ווינטיקע, געפאַלדעוועטע קליידער.
ווי אַף אַ מאַסקן־באַל מע אײַלט אין געגעם גלײַך
מיט אַ צעבושעוועטן פריילעכן געהאַווע.
דאָס טרײַבט געראַמאַניע צו זיך אין דריטן רײַך
אַ פּאַרטיע ציגײַנער פון מאָלדאַוויע!

V

מ׳האָט וויפל מאָל זיך אָפּגעשטעלט אין וועג
און אויסגעשפּאַנט די פערד, אַראָפּגעלאָזט די בוידן.
און איינער בא דער וואַך געגעבן האָט אַ פרעג
מיט אויגן אומעטיק־פאַרהײַטלט און צעבויטעט:
צי וועט מען קאָנען דאָרטן אויסבײַטן אַ פערד,
ווײַל ס׳האָט דער לאַנגער וועג פאַרטריבן זײַן קאָבילע?
און ס׳האָט זיך אַז עסעסאָוועץ געטאָן צו אים אַ קער
און אָפּגעקילט מיט אַ פאַרהאַקנדיקן ביל אים.
צעוואָרפן שײַטערס זײַנען אומעטום געווען,
געפּראַוועט מ׳האָט ציגײַנערשע מײַכאָלים.
און איינער צו דער וואַך געטאָן האָט זיך אַ ווענד,
אַף בײַדלעך ווײַזנדיק אַף אַלע מיטאַמאָל אים:
צי וועלן אַלע דאָרט איינעם זײַן באַשטאַט,
ווי אַפן סטעפּ, אין טאַבאָרן צעכראַסטעט?
אַ טאַפּ האָט דער עסעסאָוועץ געטאָן דעם אויטאָמאַט
און טעמפּ געטאָן אַ שאָקל מיט דער קאַסקע.

VI

די יונגע האָבנ אָנגעפוצט די שטיוול ביז צו גלאנצ,
ארויסגעלאָזט די פלודערנ, געזאנגענ סטעפישע פארצויגנ.
אונ דער עסעסאָווער האָט אָפגעדרייט דעם קאָפ א גאנדז,
קיינ פינטל ניט געגעבנ מיט די אויגנ.
עס האָבנ די ציגײַנערלעכ די קליינע זיכ געשפילט
אונ באָרוועסע געפרוווט זיכ מיט די אקסעלעכ וויברירנ.
אפ יעדנ בײַדל איז געווענ צעשפרייט א פיל,
צעשפארט געווענ בא אלע זײַנענ טירנ,
אונ ס'האָט דער קאראוואנ פונ בײַדלעכ זיכ געשלעפט
מיט קלינגענדיקע עמער, טאצנ מעשענע אונ טשאנעס
פונ טרויעריק-געפאנגענעם מאָלדאווער סטעפ
אינ דער געקרוינטער נײַער אָרד'נונג פונ גערמאניע.
אָט זעענ זיכ שוינ אָנ די הויכע ווענט,
אָט זעענ זיכ שוינ אָנ די קוימענעס די שווארצע.
דאָס לעבנ אפ די בײַדלעכ בא ציגײַנער גייט צו ענד, —
ווער וועט זיי זאָגנ וואָס הינטער די ווענט דערווארט זיי?

VII

געקומענ זײַנענ די ציגײַנער אפנ אָרט.
פארכאפט האָט זיי דאָס מעכטיקע געבײַ, דאָס גראָז דאָס געלע
אונ די גאזאָנענ, ווי אפ א גרויסארטיקנ קוראָרט.
מיט פיס די סטעזשקעלעכ באטאפט: געפעלנ!
א פאלאצ! דורכגעשור'וועט האָט א שפרוכ,
אזוינס זיי האָבנ קיינמאָל ניט געזענ נאָכ.
נאָר עפעס אנ אומאָנגענעמענער גערוכ,
ווי עפעס וואָלט געהאלטנ דאָ אינ סמאליענ זיכ אונ ברענענ.
זיכ אויסגעלאָדנ הילכיק האָבנ זיי,
דעם שטויב אראָפגעווישט פונ אונטערוועגדיקע וואָכנ,
אונ ווי א פײגל-טשאטע זיכ געגעבנ א צעזיי,
ווי אופגעפלויגענע געטאָנ זיכ א צעפאָכע.
געקוקט האָבנ די סטעזשקעלעכ אינ פראכט פונ בלי,
ניט שווער געווענ, ווי בא א טעמפל, טאָנ א פאל איצט.
צי זײַנענ זיי ניט אָנגעקומענ קיינ בערלינ?
צי שטייענ זיי דאָ ניט פאר היטלערס פאלאצ?

און מיטאמאָל די איבער־רעק א וואָרף פון זיך געטאָן,
און א געפליעסק האָט אופגעהויבן פון די הענט זיך.
שוין אין זשילעטן בלויז, די הענט פארקייטלט אף א קאָן
און מיט די פיס אוועקגעשארט די שפענצערס.
און ס'איז אוועק א ווינטיקער געהעפ,
ס'האָט א ציגײַנערישער טאנץ געגעבן א צעוואקס זיך.
מאטבייעס בלישטשען אף די שפרינגענדיקע שווארצע צעפ,
און ווי פארכאלעשטע גענומען ציטערן האָבן די אקסל.
זיך דורכגעפלאָכטן האָבן אלע — יונג און אלט,
ווי אויסגעוויכערט פונעם כטעפ מע וואָלט דעם גאנצן וויי דאָ.
די פערד בלויז האָבן מאָרדעס שטיל געגעבן א באהאלט
און פליגן פעטע אָפגעטריבן מיט די ווידלען.
און אומבאוועגלעכע מאשכיסים פון עסעס
זײַנען מיט שארבנס בא די טויערן געשטאנען,
געקוקט, ווי אופגעלייגט מיט סימכע און געפליעסק
האָבן ארײַנגעטאנצט ציגײַנער אין מײַדאנעק.

13. דאָס לעצטע וואָרט

I

צום אלטן ראָש־יעשיווע גליק אין הויז
האָבן זיך דײַטשן פרײַטיק אינדערפרי געלאָזט ארײַנגיין.
אונטער דעם נידעריקן באלקן אויסגעזען זיי האָבן גרויס
און אָנגעשטאָפּט די שטוב מיט מאלכאמאָוועסדיקע קלאנגען.
— דער יודע זאָל ארויסגיין אף דער גאס! —
האָט א באפעל ארויסגעשפריצט פון צווישן ציינער,
נאָר אומגעקערט צו זיי האָט זיך צוריק דער ראש,
גלײַך ווי אין שטוב וואָלט ניט געווען קיינער.
געדאווענט האָט דער ראָש־יעשיווע דאן,
אים צווינגען מאפסיק זײַן געווען אָנמעכטיק זײַנען זיגער שווארצע.
עס האָט זיי אופגעבראכט די רויִקײַט פון אלטן מאן,
און דאָך האָט זי ווי עפעס אָפּהענטיק געמאכט זיי.
געשטאנען איז ער מיטן פּאָנעם צו דער וואנט, פארהילט,
דערדאווענען געבליבן אים שוין ניט קיין סאך איז.
ער האָט מיט קלאָרקײַט מיט פרימאָרגיקער געפילט,
אז ס'איז זײַן לעצטער שאכרים...

II

האָט ער א ווונק געטאָנ, ניט אויסקער׳ווענדיק זיכ:
אינ פאָדער-צימער זאָלנ אויסוואַרטנ די קוילערס!
ער האָט דעמ טאַלעס אָפּגעדעקט פונ זײַנ געזיכט,
געגאַנ פונ זײַנ געביינ א שטומ געהויל איז...
מ׳האָט ניט געהערט: צי ס׳איז געזאַנג, צי ס׳איז געוויינ,
געדוכט, אז דאָס געהויל קיינ אָנהייב אונ קיינ ברעג האָט.
אונ אײַלנדיק די טריט די אייגענע אליינ,
האָט ער ארופגעכאַפּט אפּ זיכ דעמ שאַבעסדיקנ בעגעד.
אינ פאָדער-הויז געהאַלטנ אײַזנ-פעסט די וואַכ,
אזוי׳ארומער אויסגעפילנד דעמ ווונטש פונ זאָקנ,
האָבנ די קוילערס שיפּענדיק געוואַרט
א ביסעלע צעמישט אינ זייער כײַישנ געלאָקער...
די הוט האָט אפּ זײַנ שטערנ זיכ געהאַלטנ גרינג,
ארומ די לענדנ איז דער גאַרטל קוימ געווענ פאַרצויגנ.
פונקט ווי מעקאַבל-שאַבעס זײַנ פאַרפרי,
ער צו די קוילערס איז ארויס מיט ביטל אינ די אויגנ.

III

ארומ דער שטוב, אינ פרעמדער טראַכט פאַרפּוצט,
זיכ האָבנ פריילעכ שוינ געדרונגענ פּאָליצײַענ:
ווי וועט מענ זיכ צעטיילנ מיט דעמ גוטס,
צי וועלנ די כאַלאָקימ גלײַכ אפּ אלע סטײַענ?
זיי האָבנ דוּיבעשקעס געהאַלטנ אינ די הענט
אונ אויסגעשלייפטע העק מיט גלאַנצ מיט שאַרפנ:
„דאָס, וואָס א מענטש באַשאַפט, דאָס ווערט פאַרוועגדט,
אונ זיי האָבנ, ווײַזט אויס, קיינ אנדערס ניט באַשאַפנ —
אויסער די דוּיבעשקעס אונ העק“, — האָט דורכ געדיכטע ברעמענ האַרט
דער זאָקנ מיט פאַראַכט באַקוקט באַזונדער יעדנ סוינע
אונ האָט מיט העלער לויטערקײַט געטאָנ א טראַכט:
„ווי גוט איז דעמ, וואָס איז ניט ענלעכ אפּ אזוינע!..“
אונ האָט זיכ אָפּפירנ פונ זיי דערלויבט
צומ פּלאַצ, וווּ ס׳איז די גרוב פאַרגרייט געווענ שוינ.
האַלב-נאַקעט אונ צעטרייבערט אונ פאַרטויבט,
האָט דאָרט געוואַרט א שטאָט פונ זינ ארויסגעפירטע מענטשנ.

IV

ער איז געגאַנגען צום בוים און צו דעם שטאַם,
וואָס אויפֿגעגאַנגען אין בראָך דורך טויזנטיעריקן נעס איז.
נאָך גאָר ניט לאַנג, באַלעסטיקט מיט זײַן אמת,
איז ער אַזוי טאָג-אויס, טאָג-אײַן געגאַנגען אין בית-האַקנעסעס.
צו פּופּציק מאַן האָבן די קוילערס אויסגעשטעלט באַם גרוב,
און רייענווײַז האָט זיי די ערד פֿאַרשלונגען און פֿאַרזויגן.
דאָס פֿײַער האָט מיט ראַש אין קיווער זיי געשטופּט,
נאָר דורכגעפֿלאָכטענע אין קראַמפּ זײַנען זיי אויפֿגעפֿלויגן.
דעם זאָקן האָט דער זאָנדערפֿיורער אויפֿגעהאַלטן לאַנג,
ביז צו דעם סאָף, ביז דורכגיין וועט דער גאַנצער גאַלגל, —
אַז ער זאָל זען און זאָל זיך רירן פֿון געדאַנק,
אַרויסשפּרינגען די אויגן זאָלן אים באַ יעדן וואַלגער.
נאָר ס'האָבן אים דעם בליק די אַרבע-מיסעס ניט פֿאַרהוילט.
און ס'האָט דער פּײַן אים ניט פֿאַרטונקלט די געדאַנקען;
פֿון זײַנע ביינער איז געגאַנגען אַ געהויל:
— מה טובו אוהליך יעקב[1] !..

V

— וואָס בומבלט ער, דער ראַבי? — האָט דער קאַט געטאָן אַ ריס —
פּילײַכט פֿאַרלאַנגט אַ וואָרט צולעצטנס ציִאָנס ווײַזע? —
איועקגעגאַנגען די ערד איז פֿונעם זאָקנס פֿיס,
זײַן קאָפּ האָט ווי אַ וואָלקן זיך אַ הייב געטאָן אַ גרײַזער,
און אין דערוואַרטונג אַף זײַן שכיטע האָט ער אויסגעמורמלט דאָך
מיט אָפּגעטאָנענקײַט און גלײַכגילט, צי ס'וועט עמעצ אים דערהערן:
— אויב ס'איז באַשערט אין יעדן דאָר,
אַז מענטשלעך בלוט זאָל אומשולדיק פֿאַרגאָסן ווערן,
אין דאַנק איך גאָט, ווען ס'טוט דער טויט אַ שלאָס אָן
אַף מײַן מויל אין גרויסן יאָם-האַמיסע,
וואָס ייִדיש בלוט איז דאָס פֿאַרגאָסנס
און ניט וואָס האָט געטאָן פֿאַרגיסן!.. —
און אַרום אים אונטער אַ הירושענדיק געלעכטער און געשריי
גערינען האָט פֿון בלוט און לײַב די דולע לופֿט זיך.
זיך צוגענע'נטערט האָט צום ריוו די לעצטע ריי,
אַ פֿאַל געגעבן דונערדיק האָבן די לעצטע פּופּציק.

VI

אונ אינ דעמ בלוטיקנ געוואלגער איז מיט אײַלנדיקע טריט
צומ טאליענ צוגעגאנ דער אלטער ראָש-יעשיווע
אימ מיט זײַנ וואָלקנדיקער ווײַסקײַט אָפּגעבריט:
— באגראָבט מיכ לעבעדיקערהײט! — אונ ווי פארגליווערט
האָט ער פונ קאט דעמ שארפנ בליק ניט אָפּגעווענדט,
געעגבערט א מאכשאָווע האָט זײַנ מויעכ בלענדיק:
ס׳איז ניט קײנ קאָוועד פאר א ייִד קומענ אפ יענער וועלט,
דעמ צעלעמ-עלויהימ דורכ מאָרד פארענדערט...
ער האָט געקוקט, דער זאָקנ, אפ ארופ,
צו די יעדיִעס פונעמ הימל, די פארגייענדיק-געראמע: —
זאָל ניט מעטאמע ווערנ, קאט, פונ אײַכ מײַנ גופ,
ווי ניט געקאָנט איר האָט מעטאמע מאכנ מײַנ נעשאָמע!.. —
מער האָט דער זאָקנ גאָרנישט ניט באגערט,
מער האָט ער גאָרנישט ניט געהאט צו זאָגנ.
פארנומענ האָט מיט פײַערלעכער פאָרכטיקײַט די ערד
דעמ לעצטנ ווילנ פונעמ זאָקנ...

14. די לעצטע זיצונג

I

צוויי בענק. א טיש. א טאבורעט.
געהיימע טריט די פינצטערניש באטרעטנ.
א שאָטנ צו א שאָטנ רעדט
פונ די באלאגערטע יאָ־טויזנטנ אינ געטאָ.
א קאנעצל — דורכ פינצטערניש געפלעט.
די אויגנ פלאקערנ, דער כוישעכ קלעטערט.
עס גייט א זיצונג פונעמ אופשטאנד-קאָמיטעט,
אפ א געשלעג הייבנ זיכ כורוועס אופ פונ געטאָ,
איינער דעמ צווייטנ — קוימ וואָס זעט,
די לעצטע בלאט גיט זיכ אינ פינצטערניש א בלעטער.
ס׳גיט יעדער ווײַל עמעצ דאָס וואָרט א בעט
ערעוו דעמ אופטריט דעמ באוואָפנטנ אינ געטאָ.
אנ אלטער זייגער אפ דער וואנט: איז נאָכ ניט שפעט?
גראנאטעס הוידענ זיכ, ווי אומרוס אינ געוועטנ.
דאָס וואָרט באקומענ האָט די שמידערײַ פונ קאָזיטעט —
די שמידערײַ די אונטערערדישע פונ געטאָ.

II

א האלב-פארזונקענע זיך טראָגט די געטאָ אום,
ווי אף א יאַם אַן אָפּגעהאַקטע קריהע.
ווער ערעוו-מיטעדיק שליסט אויס זיך פון ארום,
ווער ס׳שליסט נאָך ערשט זיך אין די כוואַליעס פון עפּיר אײַן..
מע וואַרט אף בסורעס, נאָר קיין איינע קומט ניט אָן,
עס לאָזט זיך, טאַפּנדיק, דער טויט איבער דעם בראָך גיין.
די נעכטיקע זײַנען שוין הײַנט ניטאָ,
די הײַנטיקע ניט זײַן וועלן שוין מאָ־גן!
אונטער דער ערד, פאַרבאָרגן און געטרײַ,
אַלציינס, וואָס עפּשער אַלץ איז שוין פאַרשפּעטיקט,
געאָטעמט האָט מיט ווּט די שמידערײַ,
געווער געשמידט צום לע־ט: האָט די געטאָ.
דער לעצטער אויסוועג! האָט בא יעט־ידן אין בליק
א פּײַערל פון האָפענונג געבלאַנדזעט:
— דער איינציקער! — האָט אופגעזאָטן גליק, —
פאַרוואָס האָט ער דער ערשטער ניט געקאָ:ט זײַן?

III

...צו לאַנג געטראַכט... געהאָפט צו לאַנג...
צו לאַנג פאַר אונדזער לאַטע אף דער פּלייצע זיך גערונגען... —
אים האָט געדוכט, ער הערט דעם זיסן קלאַנג
פון שמידערײַ, דעם פאָך פון בלאָזזאַקס סאָפּע דיקע לונגען.
ער האָט זיך צו דער טיר געטאָן א צי,
זיך אָפּגעשטעלט, ווי עפּעס זיך באַדאַרפט דערמאָנען: —
די אויסגעהאַרגעטע וואָלטן באַדאַרפט דאָ זײַן אַצינד,
און שמידן דאָס געווער באַדאַרפט מיר וואָלטן גלײַך פון אָנהייב!
באַשיצן זאָל זיך יעדער איינער, ווי ער קאָן,
ניט וואַרטן אף קיין הילף, ניט אויסרעכ׳נען אף קיינעם!
און זאָל דער קאַט געוווינען אַרויס קעגן ווער ווייסט וויפל מיליאָן —
א פויסט קעגן א פויסט! און אייגער קעגן איינעם! —
ער האָט זיך אומגעקוקט און ווײַטער פיבערדיק גערעדט,
געאַקערט האָט זײַן יעדער וואָרט, מע זאָל עס הערן: —
ס׳איז אונדזער טאָעס, וואָס מיר הייבן אָן צו שפּעט,
און דאָס וועט אונדז פון קיינעם ניט פאַרגעבן ווערן!..

IV

געגאַנגען צום שלוס די זיצונג איז פון אויפשטאַנד-קאָמיטעט,
זיך מער מעפאַלפּל זײַן איז קיינער ניט געווען קיין באַלן.
נאָר מיט א דורכגעברענטן מויל האָט גליק גערעדט,
זײַן יעדער וואָרט איז ווי א בריִענדיקע קויל געפאַלן.
און אַלע האָבן אים געהערט פאַרטרויט,
זיך קלאָר א דינ-ווערכעזשבן אָפּגעגעבן,
אז ס׳גייט א רייד וועגן בעקאָוועדיקן טויט,
וועגן פאַרהאַנדלען אפּ דער העכסטער פּרײַז דאָס לעבן.
און דאָך האָט אומגעבלאָנדזעט ווי-ניט-ווי א שטראַל
פון האָפענונגען אומקלאָרע, פאַרפירנדיקע, ווײַטע...
אַדורכגעשווינדלט האָט פאַר יעדן איינציקן דער וואַלד
מיט פאַרטיזאַנער און מיט ערד-שטיבלעך און שײַטערס...
אַריבערשפּרינגענ מיט פאַרמאַכטע אויגן, אין געדאַנק,
איבער דער אומפאַרמײַדלעכקײַט האָט יעדערן געוואָלט זיך.
זיי האָבן אויפגעכאַפּט מיט דאָרשט דעם ווײַטסטן קלאַנג —
ניט־דאָיִקע, פאַרוואָרטײלטע און שטאָלצע...

V

עס האָבן שאָטנס זיך פון זיי געהויקערט אפן דיל,
און הויקערדיק באַלאַגערט האָבן זיי די סטעליע.
געווען עס איז, ווי פאַר א שלאַכט, פאַרטײַעט-שטיל,
געזיכטן — אָפּגעצערטע, בייניקע און געלע...
— איז אָט! — האָט גליק אפּ אַלעמען דערלאַנגט א קוק,
באַלויכטן זײַן געזיכט האָט פון דער טיפ די שמידערײַ אים: —
געוועּר, ווײַזט אויס, וועט זײַן גענוג...
און אויך ניט זײַן קיין מאַנגל וועט אין פײַער!.. —
א שטילקײַט האָט זיך אָנגערוקט. געווען איז גליקן שווער
צו קוקן די כאַווײרים אין די אויגן:
ער האָט געוווּסט, אז ס׳וועט ניט קלעקן קיין געווער,
נאָר ס׳איז די שלאַכט געווען שוין אָפּגעוויגן!
— דאָס הייסט גענוג? — האָט איינער דאָך איבערגעפרעגט, —
מיט אונדזערע לאַגבוימער-שווערדן קעגן דײַטשע טאַנקען... —
ער האָט די האַנט געגעבן צו דער גאַס א שטרעק: —
דאָס הייסט, אז ס׳איז אין פײַער ניט פאַראַן קיין מאַנגל?

VI

— קיין אויסוואל איז ניטאָ! — האָט גליק דערשטיקט זײַן אייגן קאָל,
ס'זאָל אין דער שטילקײַט זײַן אים בעסער צו פאַרנעמען, —
דאָס האָבן מיר! און טרעטן אויף מיט יעדער צאָל,
אָדער — צום ריוו געטריבן ווערן, ווי די לעמער! —
עס האָבן קעפּ בײַ אייניקע געגעבן זיך א גראָב,
און בליקן האָבן זיך גענומען איבערקרייצן:
— איז נאַרן מיר, הייסט עס, די אומגליקלעכע אָפּ,
פּונקט ווי דער ייִדנראַט האָט אָפּגענאַרט פאַרשטעלטערהייט זיי?
אין וואָס זשע שיידט אונדז אָפּ פון ייִדנראַט,
וואָס האָט געשיקט דעם מאַלכאַמאָוועס גאַנצע הורטן?
ער האָט דאָך אויך א הייליקע קאַוואָנע פאַר געוויס געהאַט:
ניט וויסן זאָלן די פאַרורטיילטע, אַז זיי זײַנען פאַרורטיילט!.. —
געבריט האָבן די ווערטער גליקן גלײַך ווי שרויט,
און אָפּגעפּאָכעט האָט ער זיך פון זיי, ווי פון א האָגל:
— דער ייִדנראַט האָט אופגעפּאָדערט ניין אָפּ טויט,
און מיר — מיר וועקן אויף אָפּ גיין זיך שלאָגן!

VII

אוואַדע — מיט א טאַנק קעגן א טאַנק
צו פירן א געשלעג איז פרייליכער און בעסער
און זיכערער, לויט אַלעמענס געדאַנק,
ווי מיט אן אויסגעציילטער ביקס און מיט א מעסער,
נאָר ניט אונדזער געווער באַשטימען וועט די שלאַכט,
און ניט די צאָל — צי ווייניקער צי מערער.
ס'איז אונדזער וואָרט! דאָס אויסגעטראָגענע אין פּײַן און אין פאַראַכט!
זאָל עס די וועלט די גאָרע איצט דערהערן!
ניט אָפּגעטייט איז אונדזער גײַסט, ווי ס'האָט דער דײַטש געוואָלט.
געשטעמפּלטע מיט שאַנד-לאַטעס, דעם העפקער פאַרנאַרײַעט,
באַטייליקן זיך גייען מיר אין קאַמף, ווי ס'גייט א פאָלק
זיך שלאָגן פאַר זײַן רעכט און שטאַרבן פאַר זײַן פרײַהײַט!
ס'איז רעכט א שטיין — פּונקט ווי א שווערד פון שייד,
ס'איז רעכט א פויסט — אפילע ווען דער סוינע דרײַ האָט.
אויך די, וואָס מ'האָט פאַרברענט זיי לעבעדיקערהייט,
זיי זײַנען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרײַהײַט!

VIII

קיין סאַך געווער האָט ניט געקלעקט אונדז פאַר דער שלאַכט,
ווי ס׳האָט די היים די אייגענע פאַר אונדז דאָ ניט געסטייעט.
אָבער אויך די, וואָס ליגן אין די ריוון אומגעבראַכט,
זיי זיינען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרייהייט!
זיך ניט געקאַרגט דאָס פאָלק האָט אַף זיין לאַנגן וועג,
דאָס האַרץ געשטאָלט, דעם גייסט געשליפט ווי בליי האָט.
די אומשולדיקע אייפעלעך, וואָס דייטשן האָבן זיי צעזעגט,
זיי זיינען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרייהייט!
אין יעדן איינציקן פון זיי
געזען איר צוקינפטיקן קאַברען האָט די כייע.
אויך די דערשטיקטע אין די גאַז-צעלן, אַף זייף —
זיי זיינען אויכעט אומגעקומען פאַר דער פרייהייט!
קיין הייליקערע פרייז איז ניט פאַראַן ווי בלוט און וויי,
דאָס גיבן מיר! ס׳איז אונדזער שווערד און אונדזער פייער!
און אין דעם לעצטן בראָך, וואָס רוסלאַנד גרייט פאַר זיי,
וועט אויך אַריינגייב אונדזער הייליקער צושטייער!

IX

זיי האָבן פוילן אַף דער דריטער וואָך דערשטיקט,
פאַר צוואַנציק טעג האָבן זיי כאַרעוו געמאַכט פראַנקרייך.
און מיט דער מינדסטער צווייג פון ראַטנלאַנד — דערקלערט האָט גליק, —
דאָס דריטע יאָר שוין דויערט דער געראַנגל,
און ס׳איז נאָך ניט באַוווּסט, ווי לאַנג
נאָך דויערן, אַ הייליקער, ער וועט דאָ.
און אויב אַפילע דאָ איז שוין זיין לעצטער צאַנק,
וועט ער צעפלאַקערן זיך אין אַ צווייטער געטאָ!
זיי האָבן אַף אונדז אויסגערעכנט, ווי אַף שאָף,
וואָס לאָזן מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ זיך נעמען.
נאָר ס׳איז נאָך ניט באַוווּסט דער סאָף —
ווער איבערלעבן וועט אין דעם געראַנגל וועמען?!
זיי האַקן אָפּ אַ קאָפּ, און ס׳וואַקסן אויסעט דריי!
זיי שעכטן אויס אַ טייל, און ס׳גיט די אונטערערד אַ קלעטער! —
געאָטעמט האָט מיט ווּט צו אים די שמידעריי,
געוווער געשמידט צום לעצטן האָט די געטאָ!

X

געגאַנגען די אַרבעט מיט קאַוואַנע איז, מיט פלייס,
געגרייט דער איבערבלייב פון געטאָ האָט געטריי זיך.
אַריינגעטעמט יידן האָבן גייסט
אין די צעגליטע שטיקלעך שטאָל און שטיקלעך אייזן.
קיין ווונק. קיין וואָרט ניט אויסגערעדט.
אָן מאַפּסיק זיין. אָן איבעררופן.
ווי ס'האָבן זיידעס זייערע קאַוואָנע אין געבעט
אַריינגעלייגט בעשאַס טאַנייסים און סיגופים.
ס'איז פון די ביינער בלויז געגאַנגען אַ געהויל,
אַ פייער האָט זיך פון די אָדערן געריסן,
און צוגעשלאָסן איז געווען באַ יעדערן דאָס מויל,
און מיטן מויל געפּרוווט די אויסגעשליפטע שפּיזן...
און אופגעגאַנגען זיינען די בליקן גראַד,
ווי שאַרפן פון געווער, ביז צו די הימלשע געוועבן.
געווען דאַן הייליקער פון גאָט איז אַ גראַנאַט,
פון פאָלק דער קאָוועד — העכער פונעם לעבן!

15. דאָס וואָרט באַקומט די שמידעריי!

I

שווער דער בלאָזזאַק זיך באַוועגט,
ניט ער פאָכעט, נאָר ער וועקט.
ס'איז דער האָרן גאָר די ערד,
יעדער פונק מיט פלאַם באַשווערט.
ס'פלאַמען אויגן, ס'פלאַמען בערד:
שמיד זיך, שפּיז, און שמיד זיך, שווערד,
שמיד זיך, מעסער — ניקמאַס־דאַם!
ניט פאַרשפּעטיק, ניט פאַרזאַם!
שלייף זיך טיף און שלייף זיך הויך,
ווי געשליפט ס'האָט זיך דער מויעך,
ווי געשליפט ס'האָט זיך דער מאַרך
באַ די ספּאָרים טאָג און נאַכט.
זיי דער לעצטער בליץ פון וויי,
זיי דער לעצטער אויסגעשריי,
פאַל נאָר ניט אַרויס פון האַנט
פאַר דער צייט באַם לעצטן ראַנד!

II

אויסגעפויסטיקט אונטער דר׳ערד,
ציִען הענט זיך גראד אהער
פון הארוגים גאנצע בערג.
ווײַסע שטערנס, גרינע בערד,
און די אויגן — שטאר און גלאָזיק,
כאפּן זיי זיך אָן באם בלאָזזאק,
א צעהוידע, א צעפּאָך
און מיט ביינער א פארעפּראָך:
רײַס זיך, פּײַער, דורך די צאמ,
זײַ דאָס לאָשן אונדזערס, פלאמ,
אונדזער ערשטע מעלדונג זײַ,
וואלגער אײַן די לעצטע זײַל!
שעקער, הימל, שעקער, ערד,
אז א קאָרבן איז באשערט!
אז וואָס ניד׳ריקער די קעפּ,
העכער אלץ צו גאָט די טרעפּ!..

III.

ניט קיין שווערד נאָר, שמידערײַ,
ס׳שמידן לוכעס זיך אפסנײַ!
זאָל קיין מעסער, אופגעברויט,
איצט ניט טרעפן צו קיין ברויט!
איבער הענקערס א געפעכט,
אוילעמ-האבע אפ דער ערד!
א געשלעג, ווי א קאיאָר —
אויסגעוויײטעקט טויזנט יאָר,
אימ געוויגן ווי אן אמ
און באשווירן — ניקמאס-דאמ!
דורכגעאָדערט — יונגס מיט אלטס —
ווער נאָך פּאָדערט אונדער האלדז?
וועמען קומט נאָך אונדזער מויעך?
וועמען — אונדזער לעצטער הויך?
אויב דער טויט איז אונדז פארגרייט,
איז לעכאיִמ טויטערהייט!

IV

שווער דער בלאָזזאַק זיך באַוועגט,
עס באַגינט דער ערשטער וועג.
ס'קוקט זיך איינס צום צווייטן אום,
און אין זיך, און רונד אַרום,
יעדער בליק באַפֿעלט און מאָנט,
אופֿגעלויכטן, ווײַט און נאָ'נט:
ווער פֿון שטאָט דאָ ניט צעזייט איז?
אי די קינדער, אי די זיידעס,
אי דער גלעזער, אי דער ראָוו —
אופֿגעוועקט פֿון טויטן שלאָף,
אַ געפּאָך און אַ געוויי —
ס'ווייִנען דוירעס, ווינד און וויי,
אומגעבראַכטע אין דעם בראָך,
ניט־געבוירענע, ווער נאָך?
און דאָס פֿײַער, ווי אַ יאַם,
זעצט אין הימל: ניקמאַס־דאַם!

V

פֿליִען פֿונקען אוף און אָפּ,
און אין שטראַלן איז דער קאָפּ:
זיס איז דאָך אַזוי די ערד,
נאָר ניט אונדז איז זי באַשערט...
גלאַנציקט אוף אין אויג אַ טרער,
גליטשט מיט ווײַ זיך לאַנגזאַם, שווער,
פֿאַלט אַף שטאָל צעגליטס אין פֿלאַם
מיט באַשווער אַף ניקמאַס־דאַם:
שאַרף זיך האַרט, און פֿלינק, און דרייסט,
און דעם לעצטן פֿענט צערײַס!
זײַ פֿון פֿײַן דער לעצטער הויך
און דעם סוינעס האַלדז דערגרייך!
יעדע גרוב און ריוו דערמאָן!
מעסער, פֿאָדער! מעסער, מאָן!
פֿאַר האַרוגים אָן אַ צאָל,
מעסער, מאָן! און מעסער, צאָל!

VI

פאר דײַנע ערשטנ אופבליצ, שווערד,
גייט א מילכווענ אונטער דר׳ערד:
שמיד זיכ, אײַזנ, שמיד זיכ, שטאָל!
ס׳איז קיינ אנדער וועג נישטאָ,
ס׳וועט קיינ אנדער וועג ניט זײַנ,
זײַ געהייליקט איצט, קלייזײַענ!
זײַ די אויסלייזונג, די פאָנ,
ס׳זויגנ מאמעס איצט דיכ אָנ,
אונ א זאָקנ, אונ א קינד,
אונ עס דעמערט, אונ ס׳באגינט —
מיט דעמ פײַער זיכ באטרינק,
ס׳זאָל לעיִבעד גיינ קיינ רינג,
זעטיק זיכ מיט יעדנ גלי,
נעמ דעמ וויטעק אָנ פאר ליב,
אונ מיט סינע אימ באטאמ —
זאָל דײַנ וועג זײַנ ניקמאס־דאמ!

VII

שוינ ניט פרי אונ נאָכ ניט שפעט,
אויס האכנאָע! אויס געבעט!
אויסגעצערטע ביז צומ ביינ,
אויס טאנייסימ! אויס געוויינ!
דורכגעיאָגטע קאָליסטרוי,
אויס טאכנונימ! אויס פארטרוי!
דורכגעספּירטעוועט אינ האס,
אויס מיט באָבע-מײַסעס, אז:
וואָס מיר זײַנענ זײַנענ מיר,
אָבער ייִדנ זײַנענ מיר!
אונ די אויגנ אינ א זאק,
אונ דער גאָרגל פאר דער האק,
אונ דאָס פּאָנעמ פאר א שפּײַ —
ווער סע וויל נאָר, פראנק אונ פרײַ!
אונ דאָס הארצ איז הוילע ריס,
איז מיט פײַער — קוירעס-בריס!

VIII

אָט וועט מענ זיכ מאָלע-האַס
באַלד א לאָז טאָג אפּ דער גאַס.
אָפּגעצאָלט פאַר אַלצ! וואָס נאָכ?
ס׳ברעכט אונדז מער שוינ ניט קיינ בראָכ,
ס׳האָט אפּ אונדז דורכ בלײַ אונ שרויט
מער קיינ פליטע ניט דער טויט,
ניט דער אָנהייב, ניט די ענד —
מיר האָבנ שוינ אויכ געברענט,
אונדזער אש שוינ אויכ צעווייט,
איצט אינ שלאַכט פאַרברענטערהייט!
פאַר געברענטע לייד אונ פּײַנ —
ניט קיינ ברויט אונ ניט קיינ ווײַנ,
נאָר א טרונק נעקאָמע-פרייד
אונ לעכאַים טויטערהייט.
אָדאָמ-נאַקעט ביז צומ שטאַמ —
זײַ זיכ נויקעמ — ניקמאַס-דאַמ!

16. ארויסגעבנ לעבעדיקערהייט

I

דער עלטסטער פונעמ יידנראַט איז גרוי אונ יוסט,
א בייזער ווידערקאָל פונ זײַנע טריט צעפּלייצט זיכ.
א געלער מאָגנ-דאָוויד אפּ זײַנ ברוסט,
א געלער מאָגנ-דאָוויד אפּ זײַנ פּלייצע.
ער קוקט מיט פּאַכעד זיכ אַרומ א יעדער מאָל,
ווי ס׳וואָלטנ שאָטנס אומעטומ איבערגעגאַנ דעמ וועג אימ.
פונ כעסעד טײַוולשנ ער טראָגט דעמ שווערנ אָל,
געשטעמפּלט איז פונ טויט זײַנ יעטווידע באַוועגונג.
א פּידיענ-נעפעש איז אימ יעדער איינציקער באַפעל,
וואָס ער פּילט אויס מיט שרעק, האַכנאָעדיק-געבויגנ.
אימ איז געזיכערט אפּ א צײַט זײַנ ניט געריטע פעל
פאַר צובינדנ מיט האָפענונג בא די פאַרוואַרטיילטע די אויגנ,
ניט זענ די גרוב זיי זאָלנ פאַר די פּיס,
פאַרגלייבט זאָלנ זיי זײַנ צומ מעסער בא דעמ וויי-ראַנד.
ס׳האָט מיט האַשגאָכע אימ פאַרזיכט, געוויס,
דער הכל שוחט־ן ושחיטתן כשרה[5].

II

בא דעם צוניפשטעלן די צעטלען ס'לעצטע מאָל,
דעם מאלכאמאָוועס אָפּגעבן אן אָרדנטלעכע פארטיע,
האָט זיך אן אלטער ייִד געריסן אפן קאָל
צום עלטסטן פונעם ייִדנראט, די באָרד געשפּארט אים:
— ווּ שטייט עס ערגעץ, הא?.. ווײַזט מיר א דין,
אז איך דארף גיין פאר אײַך צו דער אקיידע?! —
זײַן קאָל איז אלע ווײַלע זיך פאו'גאנגען דין,
ווי א געהויל פון זייער ווײַט און אויסגעליידיקט...
— ס'וועט ניט געשען קיין ביין!.. דער דײַטש פארשפּרעכט... —
האָט זיך דער עלטסטער פינעם ייִדנראט געגראָבן אין די צעטלען.
און ווי א דורכגעשטאָכענער אף דורך אין הארצן פון א שווערד,
האָט זיך דער ייִד צעשריגן ווי א לייב איבער דער געטאָ:
— ס'וועט ניט געשען קיין ביין... טאָ זאָגט, וואָס איז געשען
מיט די, וואָס איר האָט פריקן אָפּגעגעבן?
פאר וויפל האָט ער אײַך געשענקט
אײַער טרייפניאצקע לעבן?

III

דאָס הויז פון ייִדנראט קוקט שטרענג אראָפּ,
דער דאך איז ווי א היטל מיט א גלאנצנדיקן דאשעק.
די בליקן ציִען זיך צו דעם און ווענדן צ'ריק זיך אָפּ,
ס'איז דאָרט א גאנצן טאָג אי שטיל אי ראשיק.
דער שראנק זיך הויקערט, ווי אן אלטער קאטאפאלק,
דאָס דעקל איבער אים פארהײַטלט ברוין איז.
דער געטאָ-שטעמפּל דאָרטן זיך באהאלט
און פון א טויטער שטאָט דער סייפער-האזיכרוינעס.
א לועך אפ דער וואנט — ווי א געהאנגענער, פארשטארט,
א ביסל אין א זײַט, ווי עפּעס אומפארשטענדלעך אים איז,
ס'הערט אלץ זיך עפּעס אײַן, און אלץ אף עפּעסווארט,
א שאָרך זיך הערט פון טויטן-צעטלען און רעשימעס...
און אין דער סקריפּענדיקער טיר גיט זיך א שור'ווע דורך
דער באלעבאָס, באגלייט פון ראָוו און ייִדן טומלדיק-געפּלעטע,
געקומען איז ער פון דער דײַטשישער קאָמענדאטור
מיט א בייז-ווונדערדיקער בסורע פאר דער געטאָ...

IV

אונ א וויקועכ איז אינ ייִדנראט געווענ,
דער פילפל איז געגאנגענ פונ געשפענסטער.
אראָפגעקוקט דער אומגליק האָט פונ ווענט,
דער גוירל האָט געקלאפט שוינ אינ די פענצטער:
עס פאָדערט שוינ דער קאט מיט זשאווער אינ די רייד,
מיט א טערמינ, מיט טנאָיִמ אונ מיט צאָלנ,
אז א געבונדענעמ, לעבעדיקערהייט
דעמ לערער גליק ארויסגעבנ מע זאָל אימ...
טאָמער פארשפעטיקנ די ייִדנ צומ טערמינ,
איז צו דעמ טויט די העלפט געבליבענע זאָל גרייט זײַנ!
זיכ דורכגעכוואליעט האָט דער פײַנ פונ יעדער מינ:
פונ גראָבנ גריבער זיכ אליינ ביז צו דעמ קרייצנ...
אונ דער וויקועכ האָט געשטיגנ מיט געפראל
אונ מיט פארשיידענע רעמאָזימ מיט פארווייטע:
איז רעכט, פאר איינעמ זאָל א קאָרבנ זײַנ דער קלאל,
צי קאָנ מענ מאקריוו זײַנ דאָכ איינעמ פאר דער איידע?!..

V

— פאראנ א דינ, — האָט זיכ דער ראָוו געטאָנ א ריס
צו אלעמענ, פונ רעכטס אונ לינקס אונ קעגניבער,
אונ האָט געווארט, ס'זאָל ווער-ניט-איז
אימ אָפשטעלנ אָדער א שאָקל טאָנ די קעפ זאָל מענ בעציבער...
— פאראנ א האק! — האָט ווי א ווידערקאָל
זיכ דורכגעטראָגנ ראש דורכ דער אסיפע
אונ אָפגעקלונגענ אָנ א צאָל,
ווי פונ דער הייכ אונ פונ די טיפנ...
— פאראנ א דינ, — האָט ווידער זיכ דערהערט, —
אויב ס'שטייט די גאנצע איידע אינ סאקאָנע,
איז... — אומגעקוקט האָט זיכ דער ראָוו, — איז רעכט,
אז איינער זאָל זיכ פארנ קלאל, אויב נאָר מע קאָנ נאָכ...
— ס'א מאָרד! — האָט דורכגעדונערט אפנ ראט
אונ גלײַכ די קעפ אראָפגעבויגנ בא דער איידע, —
— זײַט נאָכ מעקאדעש, ראָוו, דעמ מאָרד מיט האריי אט, —
האָט אפדאָסנײַ דערהערט זיכ א געשריי דאָרט...

VI

אָט דאנ זיכ צוגעשטעלט אינ ייִדנראט האָט גליק,
ער איז ארײַנ, פונקט ווי פונ יענער וועלט פארבלאָנדזעט:
— נו, וואָס, געפאסקנט? — האָט זײַנ בליק
צו אלעמענ א צי געטאָנ זיכ. —
עס גייט שוינ באלד צו ענדע דער טערמינ!..
פארלאנגט דער ייִדנראט אים עפשער עפעס זאָגנ,
אויב ניט, וועט ער אליינ זיי מעלדנ דעם פסאק-דינ!
— אליינ? — האָט דורכגעווישט דער ייִדנראט. — אליינ! זיכ שלאָגנ! —
ער האָט מיט ביידע הענט דעם שראנק געטאָנ א נעם,
א לאָז געטאָנ האָט פונ זײַנ מויל זיכ שוועבל: —
אצינד איז אומקומענ — מער ניט קידעש-האשעם,
קידעש-האשעם איז איצטער לעבנ!
בעכיינ איז ער געקומענ נאָכ געווער! —
האָט נעענטער צו אלעמענ געטאָנ א גיי ער, —
די כפיצים אָפגעבנ א וועלכע ס'האָט נאָר ווער,
ווי זיכ פארוואלגערט ס'האָט אינ געטאָ א מאטבייע!

VII

אונ אים, דעם קאט, גיט צום טערמינ מײַנ פאכפאָרט אָפ,
ער וועט אינ דײַטשיש בלוט זײַנ אײַנגעטונקענ...
מער פאָרלייגנ קאָנט איר אים גאָרניט פאר מײַנ קאָפ,
זיכ ניט געאמפערט! אונ זיכ ניט געדונגענ!
ניטאָ אינ געטאָ גליק! אים אויסלייגנ איר וועט,
מע קאָנ פונ קייווער נאָכאמאָל דערהארגעטע צום ריוו ניט שלעפנ!
דערהארגעט האָט ער מיכ פונ לאנג שוינ העט!
ווענ מיכ פארכאפט ער אפ דער גאס האָט מיט די עפל!
דערמאָנט אים, אז ער האָט שוינ איינמאָל מיכ געטריבנ צו דער גרוב,
אפ דעם וועט ער מיט מײַנ פערזאָנ זיכ מוזנ באגענוג'נענ...
ניטאָ מער גליק!.. דער פאס! אפ אים זיכ פעסט פארופט!
פארבלוטיקט אים געפונענ האָט איר אינ די קליידער פונ הארוגים! —
עס האָט א גרויקײַט א פריצײַטיקע, ווי אש,
שוינ אפ זײַנ יונגנ שטערנ זיכ באוויזנ,
אונ אפנ זייגער קוקנדיק האָט ער זיי אויסגעשטרעקט דעם פאס: —
גייט גיט אים אָפ! ס'איז צײַט! אָט איז ער!

17. באַגײַסטערונג

I

א יעדן אויגנבליק מע טרײַבט פֿון זיך מיט ווײ און מי,
א יעדערן איז קלאָר, אַף וואָס ער האָט זיך נאָך צו ריכטן.
געבראַכט דעם טאַליען האָט מען פּינקטלעך צום טערמין
דעם פּאַספּאָרט גליקס, אין בלוט אַן אײַנגעריכטן,
און אים דערקלערט: ניטאָ אין געטאָ גליק,
ניטאָ! ניטאָ קיין סימען שוין פֿון זייער לאַנג אָן,
מע קאָן פֿון גרוב דערהאַרגעטע ניט אויסגראָבן צוריק
און א דערהאַרגעטן דעם זאָנדערפֿירער נאָכאַמאָל דערלאַנגען...
א רײַע — איז דער פּאַס. אין בלוט פֿאַרפֿלעקט
געפֿונען מ'האָט אים אין די קליידער פֿון די אומגעבראַכטע...
אַרויסגעשמיסן האָט דער דײַטש דעם פּאַספּאָרט מיטן סטעק
פֿון אויסגעשטרעקטע הענט, פֿון אומבאַוועגלעכע, פֿאַרשטאַרטע,
און וואַרפֿנדיק דעם בליק פֿון באַלקן צו דעם דיל,
האָט ער באַפֿעלט זיך צושטעלן א נײַעם טראַנספּאָרט ייִדן...
און ס'האָבן די געקומענע אַוועקגעלאָזט זיך שטיל,
מיט טריט פֿאַרוויגנדיקע זיך אַליין אַף ווידע...

II

גאָר אָנגעגליט געווען אין געטאָ איז די ערד
ביז צו דעם לעצטן גראַד, ביז אויפֿגעריסן ווערן —
פֿון א געבאָט זיך שלאָגן, שלאָגן אָן געווער,
פֿון א געבאָט — א הייליקע פֿאַרשווערונג.
און אָט דער לעצטער איינציקער באַנער
פֿאַרפֿלייצט די הערצער און געמיטער האָט ווי כוואַליעס.
דאָס לעצטע בינטעלע גראַנאַטן און געווער
אַרויסגעשמוגלט באַדערנאַכט געווען פֿון אַרסענאַל איז.
א ביקס — אַף דרײַ! און א גראַנאַט — אַף פֿיר!
די איבעריקע — הויל! מיט שטיקער שטאָל און אײַזן!
און גליק, אַן אויפֿגעלויכטענער, האָט זיי געפֿירט,
באַם אויסוואַל פֿון די לעצטע אויגנבליקן, פֿרײַ זײַן!
געטראָגן האָבן זיך די אָפּקלאַנגען אַהער
פֿון שלאַכטן בא דער וואָלגע און באַם דאָן — פֿאַרשפּעטיקט,
פֿון דאָרטן האָבן זיי, ווי די געוועלט-גלעקער, זיך געהערט,
און אויפֿשטאַנדן האָבן זיך, הייליקע, פֿון לאַגערן געבלעטערט...

III

— און איצט איז אונדזער ריי! די לעצטע שאָ קומט אָן! —
האָט גליק פון אונטער דר'ערד אַפ בוידעמער געקלעטערט.
ער האָט געזען, ווי ס'שלײַדערט זיך אַראָפּ, פאַרוויקלט אין אַ פאָן,
דער לעצטער אופשטענדלער אין ווארשע, אין דער געטאָ...
און פונקט אזוי האָט זיך דאָס לעבן גליק פארענדיקן געריכט,
דאָס זאָל פאַר יעדן איינעם הייליק אַ געבאָט זײַן.
און האָפענונגען מיט פאַרבלענדיק־שטראַלנדיקן ווי ליכט,
גענומען האָבן זיך באַ אים אין הארץ צעשפּראָצן.
— נו, וואָס? — האָבן געטײַנעט אייניקע, — מ'איז אומגעקומען דאָך!
אַ שפּענדל קעגן שטורעם-ווינט... אַלציינס — צעשמעטערט!.. —
און גליק איז אָפּגעגאַנגען מיט ליכט, ווי אין פאַרשפּראָך:
— זיי זײַנען אומגעקומען, יאָ, די אופשטענדלער פון געטאָ...
געוויס!.. מ'האָט ריכטן זיך אַפ עפּעס אַנדערש ניט געקאָנט.
קיין אַנדער סאָף האָט ניט געקאָנט געמאָלט זײַן,
נאָר ס'האָט איר שאַנד גערמאַניע געשטעלט אין לעצטן קאָן,
איר מאָרגנדיקן בראָך האָט זי פאַרזוכט אין אָט דעם לעצטן מאָלצײַט!

IV

זיי זײַנען אומגעקומען, יאָ, די אופשטענדלער, געוויס!
פאַרקלעמט מיט שטאָל, מיט פלאַם פאַרשטאָפּערט,
נאָר ס'האָט אין יעדן שאָטן זיך אַנטפּלעקט אַ ריז,
וואָס פון אַזאַ געוווּסט האָט סטאַלינגראַד און סעוואַסטאָפּאָל!
דאָס בלוט זייערס, ס'פאַרגאָסענע אַפ יעדן שטיין,
דערקלערט דער וועלט פון געטאָ-גאַסן בעקאָל-ראָם האָט,
אַז העלדזוער שטרעקן זיך ניט פאַר דער האַק מיט אַ געוויין,
און פאַרגעדענקען וועלן הענקער עס אַפ טאָמיד!
בלויז דרײַ און פערציק פלאַקערדיקע טעג
איבערגעקערט האָבן אַ טויזנטיעריקע לעגענדע
פון אונטערטעניקײַט, און פון האַכנאָע, און פון שרעק,
און פון אָן ווידערשטאַנד זיך לאָזן אומברענגען און שענדן...
געגאַנגען איז דרײַ און פערציק טעג די שלאַכט,
דאָס שוואַרצע הענקער־בלוט האָט דרײַ און פערציק טעג געוואָיעט,
און ווי אַ נײַע ספירע, אויסגעקריצט מיט בלוט און פראַכט,
באַם פאָלק אין הארץ וועלן זיי אופבלײַען לעוילאָם-וואָעד!

V

פון זינט באר-קאָכבאנ האָט דאָס פאָלק צום ערשטנ מאָל
דערקלערט דעמ פײַנט אזא ארויסרופ, ווי דורכ גלעקער!
ווידעראנאנד האָט עס געשטעלט דער קראפט פונ שטאָל
פונ איר מארטירערשער געשיכטע — די אנטפלעקונג!
דערשלאָגענע פונ הונגער אונ פונ פײַנ, זײַנענ זיי דרייסט
אינ שלאכט דערשטיגנ צו אנ אומגעהערטער גוורע.
דעמ אָפגרונט האָבנ זיי איבערגעדעקט מיט זייער גײַסט,
ווי ס'האָט דער רויטארמייער מיט זײַנ הארצ פארדעקט אנ אמבראזורע!
צו שלאכט פארמאָלדנ האָט זיכ זייער לעצטער טאָג,
צו ווידערשטאנד אפ אלעמאָל געשווירנ קינד-אונ-קייט האָט —
זיי זאָלנ פונ באצווינגער צו דער גרוב ניט זײַנ געיאָגט
אימ מעסאמייעכ זײַנ מיט זייער פײַנ אונ וויטעק.
אפ אייביק האָט דאָרט זייער לעצטער טאָג אדורכגעהעלט,
אפ צוויי יאָרטויזנטנ אפ נײַע ווערט ער סטײַענ;
ס'ווערט מער ניט אײַנפאלנ קיינ הענקער פונ דער וועלט
פארניכטנ אונדז, ווײַל ס'איז לעס-דינ, ווײַל ס'איז לעס-דאיענ!

VI

פארטונקלט האָט זיכ דאמאָלטנ דער העלסטער פלאמ
פונ אלע אופשטאנדנ באמ פאָלק אינ אלע צײַטנ,
ווענ אופגעריסנ האָט פונ געטאָ זיכ דער צאמ,
אונ די פארווארטיילטע זײַנענ ארויס אינ שלאכט געלײַטערט,
מיט דעמ געווער פונ הוילנ גײַסט אונ הוילנ מוט
קעגנ מאשינ-געווער אונ טאנקענ פונ די דײַטשע הענקער,
אונ ס'האָט א יעדער זייער טראָפנ בלוט
באקרוינט דעמ אופשטאנד, ווי א דענקמאָל,
פאר וועלכנ ס'איז דער הימל ניט גענוגנד הויכ אונ גראמ,
ווי דער שוויל-טאכטיע ניט גענוגנד טיפ פאר אונדזער בראָכ איז!
עס וועלנ דורעס ווענדנ דעמ זיקאָרנ צו זײַנ פלאמ,
צו אימ וועלנ זיכ צײַטנ אומקערנ נאָכ בראָכעס, —
איז פאלנ לאָז אפ אונדז די קדושע-שײַנ
אונ שטארקנ דאָס געמיט אונדז ערעוו דעמ געראנגל!
מיר טרעטנ אופ! אינ נאָמענ פונעמ פאָלק אונ פונעמ פײַנ!
ווי שלאכטלײַט — אפ געשלעג! — דער איינציקער פארלאנג איז.

VII

דעם לעצטן טראנספּאָרט ייִדן צושטעלן באַפעלט
האָט זיך דער דײַטשער קאַט — און צוגעפּײַפט: — אַפ אַרבעט! —
געריכט זיך פון דעם פיורער אַפ באַלוינונגען אַ וועלט,
און זיגרײַך אַפ זײַן האַנט באַטראַכט די ביינער און דעם שאַרבן.
קיין איינער גייט פון געטאָ ניט אַרויס!
אונטער דער ערד דערשינען אַ באַפעל איז אַ געהיימער.
געווען צעשטעלט זײַנען פּיקעטן אומעטום, דורכויס,
און קיינער ניט געלעגן איז באַהאַלטן אין די היימען.
— מיר וועלן זען, ווי לײַכט זיי נעמען אײַן אַ שטאָט! —
האָט גליק ביז ווייטעק אָנגעשטרענגט די ריִע
און האָט זיך צוגעהערט צו יעדן טראָט
פון יענער זײַט, וווּ אומגעגאַן זײַנען אַריִער.
מ'האָט אַפן אָנפאַל יעדער רעגע זיך געריכט,
נאָר זיך באַגעגענען מיט אים אַ יעדער גרייט געווען איז.
געוווּסט האָט גרינטלעך יעדערער זײַן פליכט,
און יעדער האָט געוווּסט, וווּ ס'איז זײַן גרענעץ.

VIII

דער אופשטאַנד-קאָמיטעט באַשטאַנען איז פון צײַן פאַרשוין,
געווען איז אָפּגעוויגן אַלץ — באַדאַכט און ניכטער.
אַפ זיי האָט זיך געלייגט די לאַסט צו זאָגן „שוין!"
און אָנהייבן די לעצטע שלאַכט מיט די פאַרניכטער.
און אַ באַפעל אַ ליכטיקן האָבן די אופשטענדלער געהאַט,
געטראָגן הייליק האָט אים יעדער איינער:
ווען ענדיקן וועט זיך דער לעצטינקער גראַנאַט,
איז דורכהריזען באַם פײַנט דעם גאָרגל מיט די ציינער!
צעבליט, ווי פון אַ טויזנטיעריקן פאַרזיי,
פון שלאַקס-האָגלען געבענטשט אַפ שלאַכט און שירע,
איז אומגעגאַן געשפּענסטיק יעדערער פון זיי,
געווען איז יעדערער פון זיי — אַ רויע-וועיינוי-גירע!
צעשטעלט געווען זײַנען זיי אומרויִק און וואַך
אַפ אויסגעטיילטע אונטערערדישע באַצירקן.
און אַרום זיי צונויפגעצויגן האָט זיך די געפאַר,
ווי ס'ציט צוזאַמען זיך דער קרײַז אונטער אַ צירקל.

IX

געענדיקט האָט זיך דער טערמין. א שאָ און צווײ.
אַרײַנגעריסן האָבן דײַטשן זיך אין געטאָ, ווי נ׳א פעסטונג.
און פײַער האָט געטאָן א לאָז זיך איבער זײ
פון אונטער דר׳ערד און פון דער הײך, פון פאַרמאַסקירטע נעסטן.
עס גיסט זיך שוין אין געטאָ דײַטשיש בלוט,
עס וואַלגערן זיך שוין אין געטאָ דײַטשישע פּגרים.
פאַרקער׳ווער האָבן העקערס שנעל זײער מאַרשרוט,
באַגלײט מיט פײַער און מיט פעך פון קעלערס און פון גאָרנס.
און אומגעקערט זײ האָבן באַלד זיך אָפּ צוריק
מיט טאַנקען, מיט מאַשין-געווער, מיט מײסים.
— זאָלן זײ שטעלן טאַנקען! — האָט געהיצט זיך גליק, —
דאָך ווײניקער וועט פאַר דער רויטער, לײַבלעכער אַרמײ זײַן! —
קײן ווײַב האָט ערגעץ ניט געטאָן א קינד,
קײן מאַמע ניט געפּרוּווט האָט וועגן גזאָר א רעד טאָן.
און ס׳האָט דער לעצטער אײנס-אויף-אײנס באַגינט
פון דײַטשן רײַכסווער מיט די שאָטנס פון דער געטאָ.

18. א טראָפּן האָניק

I

מיט פײַערדיקע צונגען זיך באַלעקט
האָבן פון פענצטער די פאַרבראָכענע שאַליוּקעס.
צו נאַכט האָט זיך געשטילט ס׳געשלעג,
זיך מיט די לעצטע טראָפּנס פלאַם פאַרשטעמפּלט, ווי מיט טריוואַקס.
דאָך אויפצײלן אין דער האַפּסאָקע — ווער עס לעבט
און פון די לעצטע ווער ס׳איז שוין ניטאָ מער —
האָט גליק זיך אין דער פינצטערניש געטאָן א שלעפּ,
א קאָל פון עמעצן דערהערן... טאָמער...
איבער פאַרשטאַרטע קערפּערס פון די לעצטע פרײַנט
איז ער געגאַן. זיך אָפּגעשטעלט בא יעדן אײנעם.
אין יעדנס טויטן בליק דערלאַנגט א קוק אַרײַן,
און יעדנס טויטער בליק דערלאַנגט האָט ווי א שטײן אים.
און אָט אַזוי אין אָט דעם פײַנלעכסטן שפּאַציר
געשלעפּט איבער דער נאַכט די פיס האָט קוים ער,
ביז צוגעקומען איז ער צום באַצירק,
ווו באַם געווער געלעגן א פאַרגראָבענע אין נוימי.

II

זי האָט דאָ מער אפּ קיינעם ניט געוואַרט,
פּאַרטויבט פונעם געשלעג, געווען איז זי שוין זיכער,
אַז אַלץ האָט זיך געענדיקט מיט דער נאַכט.
און פּלוצעם — גליק! האָט זי אַ דריק געטאָן צו זיך אים:
— ווער נאָך געבליבן איז? ני, זאָג, דערציילֿ!
— דער גרעסטער טייל איז ניט פאַראַנען מער קימאַט שוין, —
האָט ער אַ יעדער וואָרט געביסן מיט די ציין,
די ווײַסלעך האָבן זיך באַ אים געגעבן אַ פּאַרקאַטשע.
אַ שוואַרצקייַט האָט געהויזט אַרום זײַן מויל.
ער האָט געוואָלט אַ טרונק. איבערגעברענט זײַנען געווען די ליפּן.
פון ערגעץ-ווּ אַ קרעכץ, פון ערגעץ אַ געהויל
גענע'נטערט האָט צו זיי און זיי איבערגעהיפּערט...
און נוימי האָט אין דעם געהערט דעם סאָף פון אַלץ,
אונטער דעם בלאָנדזשענדיקן וואָי דעם קאָפּ געבויגן.
ס'האָט גליק דערזען אַ פּאַסיקל אַנטבלויזטן האַלדז,
און גלייַך ווי פון אַ ברי האָט ער פאַרמאַכט די אויגן.

III

ער האָט דעם קאָפּ באַ איר אין שויס געגעבן אַ פאַרהיל,
און ס'האָט באַ אים אין האַרץ גענומען טאָגן:
— דער גענעם ענדיקט זיך!.. מיר האָבן ניט קיין הילף,
נאָר פאַר דעם בראָך און כורווס האָבן מיר צו זאָגן:
אַזוי זײַנען מיר, ייִדן, לעכערלעך אין וואָפן און אין צאָל,
פאַרטיידיקן געגאַנגען אונדזער אויסגעלאַכטן קאָוועד,
שוין ניט מיט גאָט אין האַרץ און אויף די ליפּן „שמע-ייִשראָעל“,
נאָר מיט פאַרלענדנדיקן פלאַם אין ווייטעק אויסגעכאָוועט...
אָן ברויט, אָן וואַסער, אָן געווער,
די געטאָ פון איין זײַט און פון דער אַנדערער — גערמאַני'ע...
און ווי סע זאָל ניט זײַן, וועט דאָך די ערד
צו ביז אונדז ניט דערמאַנען!
דער הימל האָט פון אַ געשלעג אַזאַ מין ניט געוווּסט,
די ערד געשטוינט האָט ביז צו אירע גרונטן.
ער ענדיקט זיך, דער גענעם. שלוס.
נאָר קיין סאַכאַקל פירן מיר ניט אונטער...

IV

די ביקס ווערט אויס געזעצ און האר,
וואָס רויבט די רעכט אוועק, בא ווע‌מענ נאָר איר ווילט זיך,
ווענ קינד-און-קייט שטייט אויף, פאראכטנדיק געפאר,
ווענ דער געדאנק איז קלאָר און לאָזט זיך ניט פארגרילצנ!
כאָטש ווער האָט פונ געננוס זיך אָפּגעהאלטנ, ווער,
אויב ניט מיט פײַער, איז מיט האס פארשלייפנ
א פאָלק, וואָס האָט אָנשטאָט א לאנד געהאט א טאָרבע ערד,
א פאָלק, וואָס האָט אָנשטאָט א שווערד געהאט א סייפער?
דער לעצטער זאסטעפ ערד אפ טויזנט יאָר
מיט א געפּײַפ פונ שפּאָט און לעסטער שיט זיך!
נאָר אונטער אָט די כורוועס אויך באגראָבנ ווערט דער יאָך
פונ העפקער זײַנ פאר יעדנ קאט און היצעל.
צעשיידנ וועט אונדז ניט מיט אונדזער סייפערדיק געווער
ניט מאָרד, ניט טויט, ניט שײַטערדיקע סרייפע.
נאָר ס׳וועט אינ אונדזער סייפער זײַנ די שווערד,
ווי אינ א שווערד באדארפ צו זײַנ דער סייפער!

V

ניינ, ניט אפ אונדז זיך לייגט די כארפע און דער אָל
פונ די צעטראָטענע און די באהערשטע.
מיר האָבנ אָנגעהויבנ טויזנט מאָל,
און אָנהייבנ מיר ווע‌לנ אויך דאָס טויזנט ערשטע! —
געגלעט האָט נוימי שעמעוודיק זײַנ קאָפּ,
אזוי ווי הײַנט וואָלט זייער ערשטע ראנדעוו זײַנ:
— פארענטפערסט זיך? — האָט זי פונ אים געטאָנ א ריס זיך אָפּ, —
פארענטפערנ וועט, טײַערער, א וועלט זיך מוזנ! —
און ווידער האָט דעם קאָפּ געגעבנ גליק א שפאר
אפ אירע קני, די אויגנ אופגעהויבנ צו די שטערנ,
אז ס׳זאָל צו זיי דערגיינ זײַנ וויי און צאר,
אז וואָס ער זאָגט, פארנעמענ זאָלנ זיי און הערנ: —
עס לייגט אונדזער געראנגל זיך ניט אײַנ אינ צײַט,
עס זעט אינ אלע טיילנ ערד זיך אָנ זײַנ פלאקער,
און ס׳קוקט די נאקעטע, די אומפארשעמטע ווײַט,
ווי ס׳וואָלט פאר איר געגאנגענ א ספּעקטאקל!..

VI

א לאָז געטאָן האָט גליק זיך ווידער אין דער נאַכט
איבער די בראָכשטיקער און רויִקע רויִנען
צונויפֿנעמען די אופֿשטענדלער צו לעצטער שלאַכט,
וואָס אָנהייבן וועט זיך געוויס באַגינען.
ער דאַרף נאָך קלאָר מאַכן פֿון קוילן דעם באַטרעף
בײַ די, וואָס זײַנען ערגעץ-ווו געבליבן,
און בּאַלכאַמאָל זיי פֿרוּוון געבן אַ באַהעפֿט,
און פֿרוּוון איינס זיי מיטן אַנדערן פֿאַרקניפּן.
ער האָט געוואַרט, דערהערן זאָל פֿון ערגעץ זיך אַ שטים,
אויף אַ פּאַראָל זאָל איבערגיין דאָס נאַכט-אומרויִקע לאָשן,
נאָר שטילקייט האָט געטראָגן זיך אַנטקעגן אים
פֿון יעטווידן באַציִרק. דאָס לעצטע האָט זיך אויסגעלאָשן...
און שווײַגנדיק זיך אומגעקערט צו נוימינס צוריק.
„ס'איז אויס מיט אַלץ!“ — האָט ער אין קאָפּ בײַ זיך דערוויגן.
די איינציקע גראַנאַטע אין דער האַנט האָט ער געדריקט
און אָנגעשטעלט אויף איר, ווי אויף אַן אויסלייזער, די אויגן...

VII

ס'האָט נוימי אין דער פֿינצטערניש געזען זײַן שוואַרץ געזיכט,
פּונקט ווי אַ דורכגעאַקערטע שטיק רויערד;
אַרויפֿנעמען זײַן פֿײַן געוואַרט האָט זי אויף זיך,
מיט צערטלעכקייט געפּרוּווט זיך אָפּווישן זײַן טרויער.
איר יעדער ריר געווען איז ווי אַ זיסער שפּרוך,
און גליקן אומגעקערט האָט ער צום אָנהייב ווידער;
דערמאָנט האָט ער זיך אין אַ דורכגעלייענט בוך,
וואָס ער האָט קינדווײַז נאָך געבלעטערט: „ווידוי“:
„אַן אָפּגרונט — רעכטס. אַ שלונג פֿון שלאַנג — אויף לינקס,
עס נעמט דער טויט אין זײַן געוועב אים שוין פֿאַרוועבן.
ער אויסקלויבן באַדאַרף נאָר פֿלינק,
אין וועלכן פֿון די צוויי פֿאַרענדיקן דאָס לעבן...
נאָר ס'האָט אַ טראָפּן האָניק אים געטאָן אַ דוכט זיך אויס,
האָט ער דערווײַל — ביז וואָס, ביזוואַנען —
די צונג געטאָן אַ שטרעק אַרויס
און זיך אַ ציִ געטאָן צום טראָפּן האָניק...“

VIII

אָט איז ער אָט, דער זיך פאַרשליסנדיקער וועג,
און אין דעם סאַמע שלאָס — פון ליכטיקייט אַ שפּאַרע.
אים האָט געדוכט, אַז ס׳איז די פינצטערניש אַוועק,
און אָפּגעטראָטן ערגעץ די געפאַר האָט.
בלויז ער און זי און אָט דאָס סטעזשקעלע פון ליכט
פון איר אַנטבלויזטן האַלדז, ווי דער באַגינען.
אַ טראָפּן האָניק! אַלץ פאַרשווינדט און זיך פאַרלירט,
דער טויט אַליין פירט פאַר דער האַנט אַהין אים!
גענומען בלאָנדזשען איינעם וואַלד פון אירע האָר
און היפּערן פון צייט דעם אָנהייב און די ענדע.
— באַנייען דאָס געשלעג וועט זיך קאַיאָר! —
האָט ער צו נוימין זיך געטאָן אַ ווענדע
און איר אַ גלעט געטאָן די האַנט,
איר מיטן אָטעם שטיל געטאָן אַ רוים אַיין:
— ס׳איז אַ באַהעלטעניש אַ זיכערע פאַראַן,
איך וויל, זאָלסט בלייבן לעבן, נוימי!

IX

מע זאָל דיך לייענען, ווי לעבעדיקן קסאַוו
פון דעם, ווי מיט דער וועלט האָט זיך געשיידט די געטאָ, —
אַנטפּלעקט האָט פאַר זיין בליק זיך דער באַשאַפ
אין בראָך, אין כורוועס אַ געפּלעטער.
אַ פלאַם גיט ערגעץ נאָך דעם הימל אַ צעזעג,
אַ קויל פּרוּווט עפּעס אין דער פינצטער אַ פאַרקריץ טאָן.
ס׳וועט נוימי מער אין ערגעץ ניט אַוועק,
פאַר איר איז קיין באַהעלטעניש ניטאָ מער איצטער,
פאַר זיך אַן אויסוועג ווי פאַר קיינעם ניט זי זעט,
נאָר ניט מעצאַער זיין זי וועט אַצינדערט גליקן.
האָט זי דעם קאָפּ זיינעם אַף אירע קני געגלעט
און מיטן אָטעם אים געפּרוּווט פאַרעדן און דערקוויקן...
— רו אָפּ!.. עס האָט קיין האָן נאָך ניט געטאָן קיין קריי... —
געלויכטן אין דער הייך אַ שטערן האָט אַ גרינער...
און מיט אַ טראָפּן האָניק אופגעגאַן פאַר זיי
צום לעצטן מאָל איז דער באַגינען...

19. דער טויט פון לעצטן אופשטענדלער

I

אדורכגעלאָפן זײַנען פײַערן, ווי פוקסן אפן דאַך,
די בעליקעס ווי הענט אראָפּגעדרייט אפ הינטן,
און אופשטענדלער, א יעדער ווײַלע בײַטנדיק די פלאַך
מיט אויסגערעכנטקײַט באטראכטער און געשווינדער,
האָבן אפ הענקער זיך געוואָרפן מיט די הוילע הענט
און ווי א ווירבל־ווינט מיט זיי צוזאמען
אין אָפּגרונט זיך געקויקלט אונטער פאלנדיקע ווענט,
פארשטאָפּנדיק די מײַלער זיי ביט רויך און פלאמען.
פון אופשטאנד־קאָמיטעט זײַנען שוין זעקס ניטאָ,
מיטן גערשנגל פירן אָן ניט מער ווי דרײַ שוין.
עס פאלן נאָך. און גליק, צום סאָף פון טאָג,
זיך שלאָגט דער לעצטער — איינער קעגן דײַטשלאנד!
די געטאָ פרײַכט, אין נעגל בלאמיקע פארצוקט,
דאָ אויסהויכן וועט גליק איר לעצטן ווײ און פיבער,
איז רירט ער פאָרכטיק זיך צו יעדן בראָכשטיק צו,
גיט אים, געזעגענענדיק זיך, זײַן אָטעם איבער...

II

די לעצטע שאָ אין געטאָ האָט צו אים געפּאַכט,
עס האָבן אָנגעצייכנט זיך שוין אירע שווינדלדיקע שוועלן.
דעם פאָטער זײַנעם האָבן דײַטשן פאר דעם מאָרד
א וואָרט א לעצטס דערלויבט „גרויסמוטיק" און געפעליק.
מ׳האָט אים דערציילט: דער אויסזען פונעם גרײַזן ייִד, זײַן רו
ארויסגערופן האָט דערשטוינונג בא דעם הענקער.
מ׳האָט אים דערציילט, אז שטייענדיק צולעצטנס בא דער גרוב,
געוועגדט האָט ער זיך, ס׳זאָל דער הימל פארגעדענקען,
און ביז צום הימל דורכזיכטיק און קלאָר
האָט יעדער וואָרט זײַנס זיך געצונדן, ווי א שטערן:
„אויב ס׳איז באשערט, אין יעדן דאָר
זאָל מענטשלעך בלוט פארגאָסן ווערן,
איז דאנקט ער גאָט, ווען ס׳טוט דער טויט א שלאָס אָן
אפ זײַן מויל אין גרויסן יאָם־האמיסע,
וואָס ייִדיש בלוט איז דאָס פארגאָסנס
און ניט — וואָס האָט געטאָן פארגיסן!"

III

דערמאָנט האָט זיך עס גליק אצינד,
ווען אויסקלויבן אליין ניט פרײַ איז ער געווען שוין.
און דאָך האָט אים צום פּאָטער צום דערהארגעטן געטאָן א צי,
ווי צו א לעבעדיקן מענטשן:
„זײַ מויכל, פּאָטער!.. ניט באשערט איז עס קיין דאָר,
אז ער מיט בלוט מיט אומשולדיקס זאָל זיך באוואשן!..
א מיטל איז עס צו דער בלוט-פארגיסונג נאָר
אזא, וואָס פארן וואָלף ווערט פון דער שאָפּ אליין געקאשערט!
זײַ מויכל, פּאָטער, פאר געשענדטן מוט
און פאר ניט זײַן האכנאָעדיק און ניט געהאָרכזאם.
נאָר אויב באשטייסט, אז פון פארגאָסן און פארגיסנדיקן בלוט
זאָל ייִדיש בלוט ס'פארגאָסענע אין יעדן דאָר זײַן,
איז דאנק איך גאָט, וואָס אויך דער ייִדישער דער שטאָלצער גײַסט
ווער די געשלײַפטע סאם-האמאָוועסדיקע שפּיז זײַן
פאר די, וואָס האָבן דוירעס זיך געשפּײַזט
מיט בלוט-פארגיסונג!

IV

צו מיר ווער גרויסמוטיק דער קאט ניט זײַן,
מיר וועט קיין וואָרט קיין לעצטס דער קאט ניט געבן,
באשווער איך יעדן טראָפּן שײַן,
ס'זאָל מײַן צוואָע זײַן פאר די, וואָס וועלן בלײַבן לעבן.
ניט שאָלעם מאכן, פּאָטער, וועט אונדז אויך דער טויט,
ניט זײַן פאר אונדזער ווײַ וועלן אלציינע מאָסן.
אין קיִיוּער גיין איז א פארברעך, ניט נאָר א נויט,
אויב ניט דערזען דאָס בלוט, וואָס האָט פארגאָסן!
פאר יעדן דאָר וועט אָפּגעמאָנט ווערן צוריק,
און דאָס „באשערטע" אָפּגעשאפּט וועט ווערן פאר די הענקער...
עס הערן זיך שוין רויטארמייער-טריט — דער מענטשהײַטס גליק —
זיי גייען שוין! זיי זײַנען דאָ, זיי וועלן אלעס פארגעדענקען!
זאָל עס באוווסט ווערן ניט נאָר דעם דײַטשן קאט,
נאָר יעדן איינעם, וואָס באהילפיק אים געווען איז,
אז צווישן מיר און דיר — ווי צווישן צאד און צאד —
גייט פון א גאנצן דאָר מיט בלוט אדורך א גרענעצ!"

V

פארבראָכענע, געפאלנ זײַנענ שטיבער אפנ גאס,
אונ פאלנדיק א קראָקווע אפ א קראָקווע האָט געקלעטערט,
א יעדער ווײַל האָט זיך א גרוב געגעבנ א צעכראסט,
אונ דאָך זיך ניט אונטערגעגעבנ האָט די געטאָ!
געצויגנ האָבנ זיך פונ גאנעקלעך די טרעפ,
באשפריצט מיט גלאָז געבראָכענעם פונ שײַבלעך גרינע.
א יעדער שטיקל כורווע האָט געלעבט,
געאָטעמט האָט א יעטווידע רויִנע.
ס'האָט גליקנ אויסבאהאלטנ יעטווידע געגארט,
פארשטעלנ אימ האָט זיך א יעטווידע געריסנ,
אונ אופגעעפנט יעדער געסל האָט פאר אימ די טראכט,
דערזענ זאָל ער די קינדער-יאָרנ דאָרט די זיסע...
דורכ אָט די געסעלעך איז ער געגאנגענ אינ דער וועלט:
פונ כיידער צומ וואָקזאל, אונ ווײַטער — אפ געשלעגנ..
אונ ס'איז דער הימל-ראנד געוועזנ בלויז א שוועל
צו ערגעצ אומגעריכטע, אויסגעבענקטע וועגנ...

VI

אצינד גייט ער צוריק צומ אָנהייב דורכ דעמ סאָפ,
זײַנ אומפארגענגלעכקײַט — אינ שלאכט ווערט ער געוויר איצט,
גאָר יעדער בראָכשטיק גיט דעמ וועג אימ א פארלאָפ
אונ רופט אימ ערגעצ אופ מיט א געהילכ פונ דוירעס...
א יעדער אויסגעהוילטער פענצטער איז א רופ,
א יעדע פאלנדיקע כורווע איז א שטאפל...
עס רופט א שילד אנ אויסגעוויכנעטע אימ אופ
מיט בוכשטאבנ מיט לעבעדיקע אופגעצאפלט...
צי פיבערדיק אזוי די געטאָ זיך שוינ עקט?
צי ווי א זעונג אינ זײַנ מויעכ קומט עס פאָר אימ?
אָט דאָ פאוליפט א קינדער-וויגל אימ דעמ וועג,
דאָ שפארט א שײַטער זיך מיט ברענענדיקע ספאָרימ.
דער פלאמ זיך שלײַדערט א באפליגלטער אפ ווײַט,
אונ פארנ ווינט — אליינ די ביכער בלעטערנ זיך איבער.
זיי זײַנענ הוילע, פונ די אײַנבונדנ באפרײַט,
ווי די צעשאָסענע, אָנ קליידער, בא די גריבער...

VII

געוואָיעט ווירבל-ווינטיק האָט דאָס פײַער: וויי!
און איבער רוימען, ברויזנדיק, געלאָזט זיך וואנדלען:
האָט צוליב דעם באַם הימל אָפּגערויבט מיך פראָמעטיי,
ס'זאָל זיך זײַן גײַסט דורך מיר אין אַש פארוואנדלען?
אין וועלכן אָפּגרונט וועט געבוירן ווערן אַזאַ ווינט
מיט אומגעהערטן אומבערענג-קרעפּטיקן געפּעכער,
אַז לאָזן זאָל איך זיך אליין אים אָפּרויבן אַצינד,
ער זאָל מיך איבערטראָגן אַף דער ערד פון די פארשווערער,
זיי אײַנשלינגען אײַנייינעם מיט די שטעט,
קיין גראָז צו זיי פון אונטער דר'ערד זאָל ניט געגענען,
און ביז צום סאָף פון זון זאָלן זיי זײַן געפּלעט
מיט פינצטערניש, ווי אינעם איינגעווייד פון גענעם!
קיין בערגל אַש ניט בלײַבן זאָל נאָך זיי,
און אָפּמעקן אַרום זאָלן זיך אַלע ראַנדן.
האָט צוליב דעם באַם פעלדז געלאָזט זיך קרייצן פראָמעטיי,
זײַן גײַסט — אין אַש זאָלן וואנדאלן אים פארוואנדלען?

VIII

דער פלאַם געגאַנגען איז אין די וואָלקנס גראַד,
געווען דער שײַטער איז מיט דווירעס אָנגעהויפּנט.
קיין וועג האָט ווײַטער גליק אין ערגעץ ניט געהאַט,
דאָ איז דער אָנהייב. מער ניטאָ איז ווו צו לויפן.
ס'האָבן פון פײַער זיך געגעבן אַ פארמאַך
באַ גליקן אַף אַן אויגנבליק די אויגן:
געקאָרטשעט האָבן זיך די בלעטער פון טאַנאַך,
די טעקסטן האָבן זיך ווי פאַנצערס מעשענע געבויגן,
זיך אַף צעראָלטע פײַערן געטאָן אַ שטעמפּל אָפּ
מיט יעדן אָס, ווי מיט אַ לעבעדיקן זיגל,
און צו דער מענטשהײַטס לויכטנדיקן שטאָלצן קאָפּ,
ווי צו אַ פעלדזן-שפּיץ, האָט סאָפּענדיק דער פלאַם געשטיגן,
און אָפּגעשפּרונגען, ווי אַ וועל, פון דער ניט-צוטריטלעכער הייך,
מיט ראַש צעברעקלענדיק זיך באַ זײַן טאָפּל.
און אַפן הימל, דעם פארבלאָזענעם מיט רויך,
האָט ווי אַ רעגנבויגן זיך אַדורכגעשנײַטן לעגינס פראָפּיל.

IX

באַלויכטן האָט דאָס פֿײַער גאָר די ווײַט
אין אַלע עקן וועלט, ווו ס'האָט דער האַנקנקרײַץ צעשפּאַרט זיך,
אַז קאָנען זען די וועלט זאָל אים אין פּאַרצעף,
אין אַלערלײַ געשטאַלטן, אָפֿן און פֿאַרטײַעט,
זיך אײַנקוקן אין אים אַף וויפֿל נאָר מע קאָן,
און מאַסקים זײַן, אין ערגעץ זיך קיין קער טאָן,
אַז עפּעס קער די שאַנד מיט איר זיך אָן,
ווי ס'קער אַ קרעפּס-געשוויל זיך אָן אַ קערפּער.
זאָל זי אים זען און מאַסקים זײַן צו ענד,
אַז עפּעס אויסברענען אין זיך וועט איר אַ גויט געווים זײַן
מיט אירע ריינע הענט
און מיט איר לויטערן געוויסן...
געקלעטערט האָט דאָס פֿײַער דראָענדיק און העל
און צוגעלויכטן שאַרף, און שנײַדנדיק, און בייניק,
עס זאָל ניט קאָנען זיך פֿאַרענטפֿערן די וועלט,
אַז ניט געזען זי האָט איר אייגענע פֿאַרניינונג!

X

ביז צו די שטערן הייבט זיך אוף דער פֿלאַם,
מיט טפּילעס גאָלדענע זיך פּאַטשט אין קאָפּ אליין די סריפֿע:
דער הימל זאָל אַרויסגיין פֿון די ברעגן, ווי אַ יאַם,
דער גרונטפֿעסט פֿון באַשאַף זאָל אומפֿאַלן פֿאַרצווייפֿלט,
אויבן אַף דער מינדסטער ווידמונג פֿון דער ערד
אַ באַלעבאָס – די הענקערישע האַק איז.
און אין דעם ווינטיק-בושעוודיקן פֿלאַם זיך הערט
ס'געוויין פֿון איִעוון מיט זײַנע לעסטערדיקע פּראַגעס...
און אַלע ווײַל גיט זיך דער רויך אַ דריי,
און אַלעמאָל גיט זיך דאָס פֿײַער אַ פֿאַרקאַטשע,
נאָר אין דעם טליִענדיקן אַש, גלײַך ווי אַ בינטל היי,
דאָס פֿײַער מאַלעגיירעט מענדעלעס פֿאַריאָגטע קליאַטשע...
און מיט אַ קריִע-אופגעריסענעם געהיל,
געקרייציקט אַף די סווישטשענדיקע קוילן,
שאָלעם-אַלייכעם קוקט אין פֿלאַם איבער דער בריל
און וואַרגט זיך מיט אַ טרער: „אַך טי, ריבוינע-שעל-אוילעם?!"

XI

דער קאַט — ער טופּעט נאָך איבער דער שיינער ערד...
דעם פּיסק ער מיט געלעכטער הערט ניט אויף צו שטאָפּן.
עס האָט געזוען די וועלט, ווי א פארבלוטיקט קינד האָט ער
געטראָגן אויף א שפּיז, ווי אויף א גאָפּל...
צו אים האָט זיך דער פלאַם געריסן מיט געפּעכט
פון די יישוּווימלעך די יידישע אין בלוט פארזשבורעט,
ווי א געיאָמער פון יאָרטויזנטן האָט זיך געהערט
און ווי דעם טאָג פונעם באַשאַף פארשאָלטן די נאַטור האָט:
אויף דעם האָט זי די ערד-אויצרעס געקנאָטן און געקלעפּט,
געבוירן פייער אויף זיי הארטעווען און שמעלצן,
אַז אָפּהאַקן מיט זיי באַ קינדער דער מעטורעף זאָל די קעפּ,
דערמיט ער זאָל גרויכמעכטיק אין די אויגן פון דער וועלט זיין?
אויף דעם האָט זי פארקנאַסן זיך געלאָזט מיטן געדאַנק?
אויף דעם האָט זיך איר ווונדער-פּראַכט געטאָן פארטרויען?..
וועט דען די פּ־ייד דערפון, וואָס זיין צעטראָטן וועט די שלאַנג,
אריבערוועגן די פאַרפּלייצנדיקע יאַמען טרויער?

XII

ניטאָ קיין הימל מער! א פינצטער העמד,
אין דעם א האַלבע וועלט, א הוילע, אָנגעטאָן איז.
און צווישן פייערדיקע לייטערס, אָפּגעשטויסן, פרעמד,
איבער דעם כאַאָס בלאָנדזשען פּערעצעס מאַטאָנעס...
דאָ זיינען אַלע, ביז די אָוועס פון דער וועלט.
דאָס פייער וויקלט זיך — א וואַליק אויף א וואַליק,
און ס׳קלאַפּט נאָך אַלץ צום קיסע-האַקאָוועדס שוועל
די „שכיטע-שטאָט" פון כאַיִם-נאַכמען ביאַליק...
אָט גיט זיך, ווי א וואָלקן גרייז, מיט בלוט באַצירט,
א סייפער-טוירע א צעוויקל, קאָרטשענדיק און טליִענד.
צי דאַרף מען עמעצן נאָך אויפרופן צו איר?
צי דאַרף מען עמעצן נאָך געבן אַן אַליִע?
עס וועט זיך גליק צום שייטער אויפרופן אַליין,
עס וועט צום שייטער גליק אַליין זיך געבן אַן אַליִע!
ווי אין באַגין האָט ער א לאָז געטאָן זיך גיין,
און קוילן אַרום אים האָבן גענומען פליִען.

XIII

מ׳האָט אים באמערקט. ווי פונעם פײַער אופגעגאנג ער וואָלט
אינ וואָלקנס רויכ, צעפּאָכעטע ווי פליגל.
פונ אלע זײַטנ האָט מענ אים פארפּאָלגט
אונ אָנגעצייכנט ארום אים דעם לעצטנ טרויעריקנ איגל.
צווישנ דעם טויט אונ אים האָט זיכ געהויכט א פלאם,
דאָס פײַער אָפּגעטיילט האָט אים פונ סוינע,
דאָס וואָרט דאָס ליכטיקע פונ מענטשנ-שטאמ —
דאָס איז געוועג זײַנ טרייסט אונ זײַנ באלוינונג...
זײַנ ערשטע היימ... זײַנ לעצטע צעל...
אונ נאָכ א טרייסט אינ דער גראנאטע אינ דער לעצטער האָט געהאט ער,
האָט ער זיכ אינעם שײַטער-פלאמ געגעבנ א פארשטעל,
זיכ פונ די פײַערנ געמאכט א באריקאדע —
דאָ נעמט ער אופ די לעצטע שלאכט,
דאָ פּאָדערט ס׳לעבנ אופ צומ לעצטנ מאָל אים,
איז א פארוויקלטער אינ רויכ האָט ער געווארט,
ביז ס׳האָבנ זיכ צו אים דערנע׳נט די מעכאבאָלים.

XIV

געוואלגערט האָבנ אפנ גאס זיכ זײַנע פרײַנט,
די ברידער אונ די פרײַנט די שלאכטיקע פונ געטאָ.
מיט זיי ער אויסגעטרונקענ האָט דעם געטאָ-פײַנ,
באלד נעבנ זיי — אויכ א פארקוילטער וואלגערנ זיכ וועט ער.
געקוקט זיי האָבנ אפּ אים טויטערהייט,
געמאָנט דער יענוועלטיקער פײַנ האָט אונ געפּאָדערט,
אונ מיט אנ איבלדיקנ הירזשע אונ געשריי
דערנע׳נטערט האָט דער כוינע זיכ, פארשפּרעכנדיק גענאָד אים:
— נו, גיב זיכ אונטער, יודע!.. מאקאביי!.. —
האָבנ זיי, שיקער ריטשענדיק, געשטורעמט.
א לעבעדיקנ האָט זיכ יעטווידנ פונ זיי
געוואָלט דערלאנגענ אימ דעם זאָנדערפיורער.
אנ אויגנבליק! ער קאָנ זיכ אופרײַסנ. אונ פּאָטער מיט זײַנ וועלט!
פארענדיקנ אזוי. א סאָפּ! אָט איז דער לעצטער ריר שוינ.
יאָ, יאָ! נאָר אויב אזוי, בלײַבט לעבעדיק א טשאטע וועלפּ,
אונ פונ א קויל ער גיט א שפרונג, ווי א פארוואונדעט הירשל...

א קויל־געיעג גייט איבער אים שוין אין דער הייך,
פון אונטן כוואליק לעקט אים שוין דאָס פֿייער.
זאָל אים דעם טוינע ניט פֿארשטעלן נאָר דער רויך!
זאָל נאָר די שארפֿקייט פון די אויגן בלייבן טריי אים!
ניט לויט די קעפּ, נאָר לויט דעם ריטש ער זיך פֿארמעסט,
ער שפּירט, ווי ס'רײַסט זיך דורך זײַן הארץ דורך דער גראנאטע.
זאָל נאָך איין אויגנבליק זײַן גײַסט אים דינען פֿעסט!
זאָל נאָר דער לעצטער פּאָכע פון זײַן האנט אים ניט פֿאראטן!
און ס'האָט א טרייסל זיך געטאָן די לעצטע זײַל,
וואָס ער האָט זיך אין איר, ווי שימשון, בלינדערהייט געהאלטן.
א פֿלי געגעבן האָבן קעפּ, און הענט, און קאסקעס אין איין ווײַל,
און ער באוויזן אפֿן שײַטער האָט א פֿאל טאָן,
ווי צו א מוטער אין דער שויס, מיט לעצטן ברום,
מיט לעצטן דעך דורך אָפֿענע פֿארשטארטע בליקן.
געגעבן האָט דאָס פֿײַער אים א נעם ארום,
די פֿלאמען האָבן אים געגעבן א פֿארוויקל...

20. דער צווייטער טכיעס־האמייסים

I

געשאל און ריס איבער א יעדער צוים
אין פֿלאמיקן געיעג און איבעריאָג זיך קרייצן,
א יעדער דונערדיקער קנאל צעטראָגט דעם רוים,
און ווי מיט האָפֿענונג טרינקט אָן מיט אים די ווײַט זיך.
עס האָט קיין שטורעם קיינמאָל ניט געהאט אין זײַן רעשוס
אזויפֿיל קראפֿט און דראנג אפֿ אומוואָרפֿן א פֿעסטונג,
ווי דער גערודלדיקער דער צאָרנדיקער רוס,
מיט וויי פון לעסטערונג באלעסטיקט.
פֿארטויבט אפֿ מײַלן פון געיעג האָט זיך דער סטעפּ,
פֿארטויבט אליין האָט ערגעץ זיך דער טײַוול,
און אומעטום זײַנען געפֿאלן דײַטשע קעפּ,
און דײַטשער גיר, און דײַטשע גוילעמדיקע גײַווע.
ווער קאָן פֿארהאלטן דען א רוסישן סאָלדאט?
ווער קאָן אים אָפּהאלטן? ווער קאָן דעם וועג פֿארגיין אים?
דעם גאנצן וועג צוריק פון סטאלינגראד
וועט ער די ערד פֿארזייען מיט געדמאניעס ביינער!

II

א יעדער הויפנ ערד, באפרײַטער אינ געשלעג,
באפליגלט אונ פארשיקערט, ווי די ערשטע ליבע.
ווי הענטלעכ קינדערשע, פארבראָכענע אינ וועג,
איז יעדער גרעזל דאָס צעטראָטענע אונ טריבע.
קיינ טראָפנ רו סאדאָווסקי זיכ פארגינט,
בא ברינעמער קיינ טראָפנ ווילט זיכ אימ ניט זאמענ, —
אפ הענט אפ מידע אופהייבנ א קינד,
עס אָפגעבנ מיט פרייד אונ צערטלעכקײַט דער מאמענ
אונ זי ארײַנפירנ — זאָל זײַנ דורכ בראָכ אונ אש —
אינ איר פארלאָזטער נעסט, פונ פײַנט באפרײַטער,
ארויסלייגנ פאר איר דאָס לעצטע ברויט פונ טאש
אונ זיכ געזעגענענ: א גוטנ, מוטערל! אונ ווײַטער!
א ביימל א פארבראָכנס אויסגלײַכנ אינ וועג,
פונקט ווי בא זיכ אינ שטוב צעסאדערנ דאָס מעבל...
א יעדער הויפנ ערד, באפרײַטער אינ געשלעג,
איז נאָכאמאָל, פונסנײַ דער אָנהייב לעבנ.

III

באפרײַטע דערפעלעכ, פארוויינטע מאמעס
אונ היימענ כאָרעווע, באדעקט מיט שניי,
פאר זינ פאר אײַערע ניטאָ קיינ צאמ איז,
זיי וועלנ אָפוואשנ פונ אײַכ דעמ וויי.
דער וויי באגעגנט זיי פונ די פארלוסטנ,
ס׳באגלייט פונ שלאכטנ זיי דער העלער רומ.
שטיי אופ, פאריאָסעמטע, שטיי אופ, ווײַסרוסלאנד,
אינ וועלדער קערנ זיכ שוינ פייגל אומ!
די וועגנ שליסנ זיכ. די דײַטשנ — פלייטע.
קיינ שאנד זיי האָבנ ניט, פונ טויט באצירט.
הארמאטנ גרויזאמע! מיט פלאמ טרומייטערט
אונ מעלדעט דונערדיק: עס גייט ס׳געריכט!
ניט שטיל זיכ, שטורעמ-ווינט, ניט לעש זיכ, פײַער,
ניט לייג אינ שייד ארײַנ זיכ, הוילע שווערד,
ביז וועסט ניט ס׳פאָטערלאנד פונ פײַנט באפרײַענ,
ביז וועסט ניט אָפווישנ דעמ פײַנט פונ דר׳ערד!

IV

באגנעטנ — בליציקע! די פערד — א פאכעד!
אונ סטעפעס לײַבלעכע באגלײטנ װײַט.
די טשובנ גרויזאמע אונטער פאפאכעס,
פונ שארבנס פײַנטלעכע א שניט מע שנײַדט.
ס'איז מער אינ ערגעצ ניט פאראנ קײנ אָפהאלט.
דער װעג אפ מײַרעוו איז. דער װעג איז גראד.
מאטראָסנ לײַבלעכע פונ סעװאסטאָפאָל,
דיװיזיעס גרויזאמע פונ סטאלינגראד!
ס'װעט קײנער אָפהאלטנ דעמ צאָרנ-אָנגריפ,
ס'װעט קײנער אָפשטעלנ זײַנ דראנג אונ ברויז.
פעגאָרימ דײַטשע אפ באשנײטע לאָנקעס,
מיט שטאָל געאָרעמטע באמ טויט אינ שויס.
עס קלינגענ קאָפיטעס אפ קאסקעס בלײַענע,
צעזײט פארזשאװערטע אפ דאָנער סטעפ:
שטײ אופ, פארפײַניקטע, שטײ אופ, אוקרײַנע,
ס'װעט גיכ צעזינגענ זיכ פונסנײַ דער דניעפ!

V

סאדאָװסקיס טײל טראָגט זיכ אדורכ אינעמ געשלעג,
אימ װינקענ דערפלעכ — לײַבלעכע, פארלאָזטע,
אונ ס'לויכטנ אימ אפ װײַט דעמ גאנצנ װעג
סאליוטנ ליכטיקע פונ מאָסקװע!
אָט דאָ אינ קאנט, אינ דעמ ארומ,
אינ קלעמ אינ ביטערנ געװענ זײַנ טײל איז,
איצט קערט מענ, גרויזאמע, זיכ אומ
איבער די קעפ פונ דײַטשישע נעװײלעס!
דער רוימ אלײנ גיט זיכ פאר אימ א רוק,
די װײַט אנטקעגנ גײט אלײנ אימ.
דאָ ערגעצ פליסט אדורכ דאָס טײַכעלע בורלוק
מיט טעג פארגאנגענע, מיט שלאכט-פרײַנטס בײנער...
דורכדאנענ אָפגעגאנגענ איז סאדאָװסקיס טײל,
געשװוירנ האָט מענ זיכ אינ װעג מיט בלוט דאָ
א יעדנ זעמדעלע, א יעדנ שטײנ —
איצט װעקט מענ אופ זײ מיט סאליוטנ!

VI

ווי לאנג, אינ דער ארומרינגלונג, אהער,
גאָט ווייסט אליינ דאָכ ניט פונוואנענ,
האָט טאָניע צוגעשטעלט זיכ מיט א פערד
אונ מיט אנ עמער זיסנ האָניק?..
א יעדער שטיינ איז דאָ אינ וועג באקאנט
אונ גייט אנטקעגנ, ווי דער גוידל.
דעמ ליבנ דאָקטער דאָ אינ קאנט
אינ יענע טרויער־טעג האָט ער פארלוירנ...
זיכרוינעס גיבנ זיכ דאָ א צעבלי,
אונ זיי צעאָטעמענ אַפ אימ זיכ ווארעמ:
אָט דאָ זיכ פאָרגעשטעלט פאר אימ
פונ גראָנאָטאָפער קיווער האָט גורארייע...
ער גיט אימ מיטנ בליק א צי
אונ מיט דערמאָנונגענ א שפאר אימ:
„דיר קומט דער קאָוועד דאָ אצינד
אינ אויסשפיר לאָזנ זיכ, גורארייע!"

VII

אונ ערגעץ האָט דער דאָקטער, אינ א ריי — געשמידט,
געטראָגנ אַפ די הענט א הערצ נאָכ א הערצ
פונ קוואָרימ אויסגעגראָבענע, ווי סייפנ פונ גערמאניעס ערע,
באלאָדנ, פאלנדיק אונ פלאָנטערדיק די טריט.
עס האָבנ אימ די דײַטשנ ניט געשוינט,
די נאָרמעס אימ געציילט מיט אווטאָמאטנ.
אימ האָט געדוכט, עס פרעגט ס'פארברענטע קינד זײַנס: „שוינ?"
אימ האָט געדוכט, עס וויינט ס'פארברענטע קינד זײַנס: „טאטע!"
— נאָכ ניט! — ארומגענומענ דאָס געשפענסט האָט ער. —
דו דארפסט נאָכ שפּילנ, קינד, — האָט ער צו דעמ געבלעבלט, —
אויב ס'וועט אפילע בלײַבנ איינ ייִד אַפ דער ערד,
וועט זײַנ א פאָלק אונ עס וועט אייביק לעבנ!
מע וועט אונדז טויטערהייט ארויסגראָבנ אַפ פײַנ פונ דר'ערד, —
א לעצטנ קוק געטאָנ האָט אַפ דעמ טרויעריקנ שניי ער.
ס'האָט מיטאמאָל א קאנאָנאדע זיכ דערהערט,
איבערנ שניי געלאָפנ זײַנע רויטארמייער.

21. ראיוינעס

I

אין ווײַסן קלעם געהאלטן האָט דער פראָסט
די טרויעריקע ערד — אן אופגעוואכטע אונטער שנייען.
עס האָבן יידן זיך געטאָן צוריק א לאָז
און אפן האלדז א פאל געטאָן די רויטארמייער.
זיי האָבן ארום זיך די קאנאָנאדע ניט געהערט,
געקלונגען יעדער שאָס האָט ווי דער שויפער-שעל-מאָשיעכ.
דער שניי איז ווידער שניי. די ערד איז ווידער ערד.
ס׳האָט ווער זיך דאָרט אליין געזוכט, ווער פון צעטומלטקייט געשריען.
א ווײַלע אָפגענומען בא סאדאָווסקין האָט די שטים,
ווען ער דעם דאָקטער האָט דערזען צווישן דעם אוילעם,
נאָר גלײַך ווי צו א טאטן צוגעגאנען צו אים,
און צוגעקויקלט פונדערווײַט האָט זיך אליין צום מויל אים:
— דאָס אלטע אויסקויפ-בלוט פון דר׳ערד?!..
דערוואַרט זיך דאָך!.. — ווײַל איר האָט ניט פארשפעטיקט!..
— וווּ איז דאָס קינד? — ניטאָ קיין קינד איז מער!
— איז גיין מיט אונדז, מיט דער ארמיי, אצינדערט וועט איר!

II

צעעפנט האָט פאר אים אליין זיך זײַן פלאנשעט,
ארויסגעגאנגען פון דעם בריוו זײַנען זײַן קינדס געמעלן,
און מיט פארמאכטע אויגן האָט ער זיי געגלעט,
און זיך מיט זיי באמיט דעם דאָקטערס קינד פארשטעלן.
א נארישקײַט געווען באם דאָקטער פרעגן וועגן קינד,
און מיט דעם „אויסקויפ-בלוט“ איז אויך געווען אומגעלומפערט.
געהריזעט האָט סאדאָווסקי זיך אצינד:
דאָס הארץ איז אפ דעם קריג, ווײַזט אויס, געוואָרן שטומפיק...
ער האָט געוואָלט וועגן מארגוליסן, דעם פליער און דעם העלד,
באם דאָקטער זיך דערקונדיקן, צי קער ער זיך ניט אָן אים,
נאָר אפ א האלבער פראגע זיך פארהאקט און אָפגעשטעלט:
„מע דארף ניט! טאָמער... וואָס... איז האָט עס, ווירקלעך, ניט קיין פאָנעם!“
אדורכגעשווינדלט די באגעגעניש די ערשטע האָט אפ גיך,
ער האָט זיך גלײַך דערוווּסט, אז ס׳האָבן פויערים פארהיט פון מאָרד אים.
נו, גוט! אצינדערט נעמט ער ווידער אים מיט זיך,
דערווײַלע אין סאנבאט. און אין שפיטאָל — דערנאָכדעם!

III

סאַדאָווסקי האָט באַשלאָסן אָפּשלאָפן אַ נאַכט,
איינעם מיט אָוואַדיסן פאַרנומען אַ כאַלופּע,
נאָר ס׳האָבן זיך באַ אים די אויגן ניט פאַרמאַכט,
עס איז אים שווער געוועזן אופבינדן די קנופּן
פון דעם, ווי פּויערים האָבן געראַטעוועט אַ פרעמדן מאַן
און ווי דער סטאַראָסטע פאַראַטן האָט די סאַמע נאַ׳נטע.
ער האָט אין זאַכן פיל געטאָן זיך אַ דערמאַן,
זיי האָבן אין געדאַנק באַ אים מיט ווייטעק זיך געפלאָנטערט.
אָוואַדיס אויסגעלאָשן האָט פון קאַנעצל דאָס ליכט
און ליגנדיק געבאָברעט מיטן שלאָף זיך:
„האָסט זיך דערמאָנט אין סטאַראָסטע און אין דעם זונס געריכט?”
האָט ער אַ פרוּוו געטאָן, צי רעדט ניט פונעם שלאָף סאַראָווסקי.
און ניט געזען האָט ער און זיך ניט פאַרגעשטעלט,
פונוואַנען ס׳פליסט דער ענטפער אים אַנטקעגן:
צי פון דער שטוב צי פון דער גאַנצער וועלט...
נאָר ס׳האָט סאַדאָווסקיס יעדער וואָרט אים דורכגעגעבערט.

IV

געדעדט סאַדאָווסקי האָט פאַר זיך אַליין,
צי וועט אים יאָ צי וועט אים ניט עמעצער הערן
איז אין דער פינצטערקײַט פון נאַכט געווען אַלציינס,
נאָר אײַנהאַלטן דאָס וואָרט געווען איז שווער אים:
— ס׳איז פינף און צוואַנציק יאָר ניט קיין טערמין, —
אַ טאַפּ געטאָן דאָס וואָרט האָט אין דער פינצטער,
ווי ס׳וואָלט געזוכט אַ וועג אַהער, אַהין,
און ווײַטער שוין אַליין אַזוי געשפּינט זיך, —
ס׳איז פינף און צוואַנציק יאָר ניט קיין טערמין
אַף איבעראַקערן דעם גיר, אים איבערשטרײַכן,
דעם גיר, וואָס האַלט אין קלעם אין אײַזערנעם אַזאַ־אָ מין,
ווי אָט דער סטאַראָסטע און אַנדערע זײַן גלײַכנס...
די פינצטערניש!.. איר פאַנצער אײַנברעכן פאַרפרוּוו,
וואָס אָנגעפלאַסטערט איז מיט גיפט פון אוראַלט...
מע דאַרף צו איר געפּרעסטע לופט,
אַן איבערקערנדיקן שטורעם!

V

זי זעט ניט גאָרניט אויסער זיך אַליין.
און אַלץ איז אין איר גיך אין בלינדן ווייניק.
ס'איז ניט דערגאַנגען צו דעם סטאַראָסטע ס'געוויין,
און ניט דאָס לײַדן פֿון אַן אומקומענדיק דאָרף מיט שכיינים,
און ניט דער טויט, וואָס האָט דעם זון דעם לײַבלעכן באַדראָט.
און ניט ס'געביין ס'געלעסטערטע פֿון זיידעס,
קיין לאַנד, קיין טאַטע און קיין גאָט.
אַ טײַסטער אויפֿן האַרץ ווי אויף די הענט אַ קייט איז!
איז אָט די פֿינצטערניש — פֿאַרפֿרוון זי, איבערקער
מיט אַ פּיסטויל פֿון צײַט, וואָס אין געפּרעסטקײַט איז געמאַנגלט!
אַ זון אַ לײַבלעכן ז'דעם סטאַראָסטע געווען ניט שווער
מיט הענט מיט אייגענע די וועלף דערלאַנגען
פֿאַר אַ מיראַזש — בלויז פֿאַר אַן אויסגעדוכטן גיריקן מיראַזש
פֿון ווערן צ'ריק אַ שפּין אויף זײַן געליימטער ווינטמיל,
און וועבן זיך דאָס שוואַרצע שפּינוועבס צווישן אַש,
און הערשעווען אויף כורבנס און אויף צווינטערס...

VI

און אויסגערעכנט האָט דער דײַטש אויף זיי,
אַ בונד אַ טײַוולשן מיט זיי פֿאַרקניפּן האָט געהאַפּט ער. —
זיך אין דער פֿינצטערניש געטאָן סאַדאָווסקי האָט אַ דריי.
אים האָט געדוכט: עס הערן טריט ניט ווײַט זיך אָפּטע...
אַ ווײַל פֿאַרטײַעט זיך: צי קומט עס ניט פֿון אויפֿרעג בלויז?
און ווידער מיט דער שטילקײַט זיך באַהעפֿט אינײַנעם: —
צום גליק, איז זייער צאָל ניט גרויס, —
ער פֿאָרגעזעצט האָט ווײַטער, ווי פֿאַר זיך אַליין נאָר, —
ווען דורכגעפֿירט די ייִדן האָט מען דאָ
באַגראָבן לעבעדיקערהייט, מיט בירקעס אויף די העלדזער,
איז האָבן דען ניט דאַן די אײַנוווינער פֿון דאָרף
פֿאַר זיי מיט טרערן אין די אויגן אײַנגעשטעלט זיך?
— נו, יאָ, — האָט אײַנגעשטימט אָוואַדיס אויפֿן קאָל,
ניט זעענדיק צוליב דער פֿינצטערניש סאַדאָווסקיס פּאָנעם.
כאָטש פֿאַר זײַן פֿליכט האָט ער געהאַלטן און געוואָלט
סאַדאָווסקין וועגן אַנדערע געמיינהײַטן דערמאָנען,

VII

דאָך האָט ער ווײַטער אופמערקזאַם געהערט.
אין דעם פּאַראַד פון סטאַראָסטע, דעם טאַטן,
און אויך אין אַנדערע, וואָס זײַנען נאָכגעגאַנגען אַהער,
געזען האָט ער דעם דײַטש אין זײַנע טײַוולדיקע טאַטן...
האַלב-אויסגעטאָן — איז פון געלעגער ער אַראָפּ
און פאַרן פענצטער אין דעם גאַנצן וווּקס זיך אויסגעצויגן,
אַ טוק געגעבן אין דער נאַכט האָט ער דעם קאָפּ,
און ס'האָבן ווי געשפּענסטער זיך צעוויגט פאַר זײַנע אויגן
די כוואַליעס, צוגעדריקטע איינס צום צווייטן נאָ'ענט,
דערוואַכטע דורך די טריט פון פרילינגדיקן האָגל.
אַ טאָרבע אָנטאָן וואָלט אַ יעדערע געקאָנט,
זיך מיט אַ שטעקן אָפּלאָזן אַף וואַנדער און אַף וואָגל,
נאָר זיי פאַרשטעלט דער ווינט פון פעלד דעם וועג,
וואָס ווי אַ צושלאָג שפּאַרט צו אָפּגעבערענטע שײַערס.
דער הימל אַזוי הויך איז קיינמאָל ניט געווען,
און קיינמאָל ניט געווען די ערד איז אַזוי טײַער,

VIII

ווי איצט, ווען רויטאַרמייִש קלייד איר לײַב באַדעקט,
ווען זאַפט און צאָרן אופגעוועקט זיך האָבן.
ס'האָט דאָ דער טריט מיט ביינער אויסגעבעט דעם וועג,
דעם רום פון רויב און מאָרד אין זומפּ באַגראָבן.
ס'בלאָנדושעט אַף כוואַליעס די לעוואָנע-שײַן מיט בינטלעך בעז,
אַ יעדן בראָכשטיק צערטלען זיי און פּעסטען...
אַהיים זיך אומקערנד פון זײַן צוגעסט,
אויך ניט געטראָפן פייגל האָבן צו די נעסטן, —
איז וואָס? איז זינגען זיי דען ניט ווי אַלעמאָל?
איז בויען זיי דען ניט קיין היימען זיך קיין נײַע?
ס'איז קיינמאָל נאָך אַזוי ניט שיין געווען דאָס פאָלק,
און קיינמאָל אַזוי הייליק ניט געווען איז נאָך זײַן פרײַהײַט,
ווי איצט, ווען ס'איז זײַן גורל — שלאַכט,
און אָפּפערונג פאַר גליק זײַן יעדער טראָט איז, —
האָט, בײַ דעם פענצטער שטייענדיק, אָוואַדים שטיל געטראַכט
און אין דער שטיל די אומענדלעכע נאַכט אַרײַנגעאָטעמט...

22. אפנ לעצטנ פארהער

I

די הענט — ארופ, דער ציילעם -- אפ א זײַט,
די ביקס — אינ קויט, אונ די שווארצאפלענ לויפנ.
עס גייט פאר קלאָפסנ דורכ די גאנצע צײַט —
זינט ער מיט מאָרד אונ רויב האָט זיכ באַזויפנ,
זינט ער האָט אָפּגעלאָזט זיכ אפ מעלוכיש ברויט
מיט דער געקרוינטער האק אפ קינדער אונ אפ זקיינים.
איז וואָס זשע ציטערט ער אזוי עס פארנ טויט,
דער ריטער פונעם שארבנ אונ צונויפגעלייגטע ביינער?
טעווטאָנער שטאם — מיט הערנער אונ מיט טלאָ —
די שײַנ אונ שטאָלצ פונ פרײַסישע קאבאקנ,
די אויסגעשטאָלטע שרעק פונ קאט אונ גלאָמפ
מיט קרייצנ אויסגעקריצט אפ טעמפנ האלדז-אונ-נאקנ,
ער האָט דאָכ ערשט נאָרוואָס געפּאָכעט אינ דער לופט
מיט שפיגלדיקער האק איבער די אומבאשיצטע העלדזער,
אונ איצטער פאָכענ זיכ די הענט זײַנע אינ שרעק ארופ,
ווענ אינ געפאר געשטעלט האָט אפ א ווײַל זײַנ פעל זיכ!

II

ער האָט געוויס ניט אויסגערעכנט שטיינ אפנ פארהער
מיט זײַנע הויכע מיליטערישע טראָפייענ,
וואָס אָנגערויבט פונ טויטע בא דער גרוב האָט ער,
אונ אויסטאָנ זיכ געלאָזט דערפאר זײַנ פאָרטופייע.
איצט, אָנ דער האק, דערמאָנט ער א שטיק ליים,
פונ בלוט צעווייקט, אינ קויט אנ אײַנגעריכטע.
עס קאָנענ עפשער ווערעמ ברוינע אלערליי
פונ אים, ווי גיפט אונ גאל, זיכ א צעקריכ טאָנ.
עס דוכט: עס קאָנ אזא ארויסשלעפנ פונ טאש
א ריפטל פלייש פארבלוטיקטס פונ א הערצ,
זיכ שטעלנ קײַענ טעמפ אונ גאוועדיק, אָנ ראש
אונ אלצ ארום באקוקנ ווי געהעריק,
מיט פאכעד פינצטערנ פאר העלנ טאָג,
מיט אומבאגרײַפלעכקײַט פאר שטערנדיקע הייכנ
אונ זיכ פארווונדערנ, פארוואָס ער זעט ניט דאָ
קיינ אײַנפארשטאנד צו זײַנע גענגלעכע געברויכנ.

III

עס דוכט: עס קאָן אזא די ערד א טאפּ טאָן מיטן מויל
און, קניִענדיק, דאָס מיִסט א שמעק טאָן און א שנאָרע,
און אָפּגעטאָן פון אלץ, פארשטאָפּט און פויל,
זיך אויסציִען נ׳א הייל און זיך פארגראָבן אין א נאָרע.
ער האָט געוויס ניט אויסגערעכנט שטיינ אפן פארהער,
די ווערק פון זײַנע הענט פאר אלעמען פארהאָלן.
עס באָמבלען זיך געוויס בא אים אין קאָפּ די נעכט
פון מאָלצײַטן פון בלוטיקע אין האָלאנד,
די וואקכאנאליע אפ גאסן פון פאריזש,
דער טויטן-טאנץ פונעם געקעפּטן פוילן,
וואָס ער האָט הוליענדיק געטראָטן מיט די פיס
אפ פלעצער אויסגעטאָנענע און הוילע...
געוויס אין טעמפּן קאָפּ
זיך א דערינער גיבן אלעמאָל אים
די זקיינים די געשאָכטענע אין גראָנאָטאָפּ,
די לעבעדיק-באגראָבענע פון מינסק און מאָלעוו.

IV

עס דוכט: צו אים אצינד דערטראָגט זיך דאָס געשריי
פון קינדער צוגעטוליעטע צו מוטערס שויסן,
וואָס ער האָט אין פארווײַלונג לעבעדיקערהייט
אין קוואָרים אופגעגראָבענע געשטויסן.
א מידקײַט ברעכט, דאכט זיך, אים אונטער זײַנע קני
און בייגט דעם קאָפּ אים אויס, ווי בא א ווערבע:
צי הייבן זיך ניט אופ אנטקעגן אים
די טעכטער די געשענדעטע פון סערביִע?
ארום אים ווערט אלץ פינצטערער און שווארצער,
א פעל באלייגט א ברוינע, אים, ווי מאָך,
עס קאָן דאָ נאָך, ווי א שאקאל, צעוואָיען אין דער נאכט זיך
זײַן טעמפּע בענקשאפט נאָך פארצוקונג און נאָך מאָרד!
און דאָ האָט מען אים פלוצעם אָפּגעשטעלט,
און דאָ באפעלט מע האָט צוריקגעהאלטן זײַן אים,
בעשאס ער האלט אין אויסקנעטן די וועלט
אין זײַן געשטאלט, אין ענלעכקײַט אין זײַנער!

V

ער קוקט, ווי אומפארשטענדלעך וואָלט עס אים געווען:
פארוואָס מע לאָזט אים דאָ ניט הארגענען און קוילען?
אפּ וואָס דען אנדערש דארף ער זײַנע הענט?
וואָס האָט מען נאָך דען אים פארזאָגט און אים באפוילן?
די טליִע — ווי אַן ארקע צו דער נײַער וועלט,
און ברענענדיקע שטעט — ווי פאקל־צוגן פאר דער נײַער אָרד׳נונג.
אים האָט געדוכט, ער איז אריבער מיט דערפּאָלג איר שוועל
אין יעדן מאָרד דאָ
און אײַנגעפונדעוועט אין איר זיך טיף,
און זי באקרוינען מיטן רויבזאק ריטערלעך ער טרעט דאָ.
ער האָט אפילע אָנגעשריבן שוין אַ בריוו
צו זײַן געליבטער פלאקסנהאָרעדיקער גרעטכען:
„דו בעטסט, איך זאָל דיר שיקן אַ מאנטאָ,
זי פון אַ ייִדישקע אראָפּשלעפּן, מײַן ליבסטע,
איז האָב איך דיר, מײַן טײַערע, צום וויל געטאָן,
די זאכן זײַנען נעט, זיי זײַנען זייער היפּשע...

VI

די צירונג איז פון ריינעם גאָלד,
פונקט ווי דער אָפּשטאם אונדזערער פון ריינעם בלוט איז.
איך וואָלט דיר אבזענדערן נאָך עפּעס געוואָלט,
נאָר כ׳וועל שוין גיך אליין דיר ברענגען אלעס גוטעס.
און דאָס מאנטאָ איז פראכטפול. פוטער — ביזן לאַצ.
און נאָך האָב איך געפּאסט פאר דיר אַ ביסל זײַדן גרעט דאָ.
פארבלײַב מיר טרײַ. איך קיסע דיך, מײַן שאַצ,
מײַן הייסע פלאקסנהאָרעדיקע גרעטכען!
די ייִדישקעס — זיי גיבן פון זיך אלצ,
נאָר נעמען — איז בעדויטנד גרינגער
די האלדז־באנדן איניינעם מיטן האלדז,
די פינגערלעך — איניינעם מיט די פינגער.
ס׳איז פריילעכער אזוי, און אכטונג מער,
און פורכטבאר אמוזירנד, דאָנער־וועטער!"
ער האָט ניט אויסגערעכנט שטיין אפן פארהער,
ווי אַ צעוויִיקטער גוילעם, אַ געפּלעטער.

VII

און איבערענטפערנדיק אים דעם קאָמאנדיר,
געווענדעט האָט גורארייע זיכ: — איכ האָב די ערע...
דאָס ריינסטע אדל-בלוט, כ'קאָנ אים פונ פריי'ר:
א זאָנדערפיורער פונ דער דייטשישער אימפעריע.
אינ אויסשפירונג דעמ קאָוועד כ'האָב געהאט
באדינענ מיט א דורכשניטלעכער קויל אים;
איכ האָב געמיינט, אז ס'איז א דורכשניטלעכער קאט,
איכ האָב געמיינט, אז ס'איז א דורכשניטלעכער קוילער. —
געשטאנענ דער געפאנגענער איז אָנ א הוט,
די צונג ארויסגעשטעקט פונ מויל, ווי פלייש א שטיקל פונ א קוישל.
ס'האָט עפשער אימ געוואָלט זיכ אויסשרייענ, אז היטלער איז קאפוט,
נאָר ניט באקומענ האָט זיכ עפעס מער, ווי א געוואָי שוינ.
— וואָס וועט באפוילנ זיינ מיט אים צו טאָנ? — האָט, ווי ס'געהער,
גורארייע בא דעמ קאָמאנדיר א פרעג געגעבנ.
אונ נאָכ א רעגע טראכטנ: — אָפפירנ אפ א פארהער. —
געענטפערט האָט סאדאָווסקי, קוקנדיק אפ אים, ווי דורכ א נעפל.

23. געשפרעכ מיטנ סאָטנ

I

סאדאָווסקי האָט די טעג אינ אומגעדולד געציילט,
געריסנ זיכ אהיימ אינ אומעט פונ דערוואַרטונג.
דורכ א באפרייטנ שטעטל דורכגעגאנגענ איז זיינ טייל
אונ זיכ געשטעלט אפ נאכטלעג.
דאָרט איז קיינ אָנדייט אפ קיינ גאסנ ניט געווענ,
אונ פונ באלעבטקייט ניט געווענ קיינ מינדסטער סימענ,
בלויז איינגעבראָכענע, פארויגטע ווענט,
איבערגעדעקטע מיט א גרויסנ אויסגעהוילטנ הימל.
ארומגענישטערט האָט א ווינט, פונ וויסטקייט דול,
א יעדער ווייל, ווי א יעלאָלע, אופגעוויגט די שטויבנ,
אונ אנ ארויסגעקראָכענע פונ אונטער אש געשטאנענ איז א שול
אונ זיכ ארומגעקוקט מיט אירע אויסגעזעצטע שויבנ.
ווי א דערוואָרגענע האָט זי ארויסגעשטעקט די טיר,
דער דאכ האָט איבער איר געהויערט ווי א כמארע.
אנ איינגעבויגענער, די ביישטידלענ ניט טאָנ קיינ ריר,
איז אינווייניק ארייננעגאנ גורארייע.

II

א שטיקל הענגלײַכטער האָט זיכ געטאָנ פאר אימ א נויג,
די סטענדערס אפנ פאָל, צעוואָרפענע, זײַנענ געשלאָפנ.
אונ ווי צומ אויסנעמענ זײַנענ די שאריי־אדוינוי
געווענ באמ אָרנ-קוידעש אויסגעוויכנעט-אָפנ.
עס האָט נאָכ אלצ געשמעקט מיט פארמעט אונ מיט קויט,
אונ ווו-ניט-ווו א שטיקל וואקס — צעטראָטנ.
לעמ א פארשטויבטנ סייפער בא אנ אויסגעברענטנ קנויט
האָט פונ סופיט געהוידעט זיכ א שאָטנ.
גוראריענ האָט געדוכט, אז ערגעצ דאָ די איידע שלאָפט,
אז פונעמ שלאָפ ווועט זי באלד אופכאפנ זיכ נעמענ...
ער האָט א קער׳ווע אויס געטאָנ דעמ קאָפ,
דערזענ א קינדערש שיכעלע אפנ באלעמער,
געמאכט א טראָט, צוריק געטאָנ א גיי,
א פיר געטאָנ די אויגנ צו די ווענט האָבנ אליינ אימ —
פארצירעוועטע אופשריפטנ דערזענ האָט ער אפ זיי
אונ, א דערדריקטער, זיכ געשטעלט האָט ער זיי לייענענ.

III

צי דאכט זיכ אימ נאָר אויס, אז ס׳איז דאָ שטיל,
צי דאָס, וואָס ער איז דאָ — אימ אויכ נאָר אזוי דאכט זיכ?
אָט זײַנענ ווענט. אָט איז די סטעליע אונ דער דיל,
אונ דאָס פארטויבנדיקע קלאפנ פונ זײַנ הארצנ...
ער האָט קיינ פינטל ניט געוואגט צו געבנ מיטנ אויג,
אימ ניט געלאָזט א קרעכצ טאָנ האָט די שטילקײַט די צעשטרייטע,
זי האָט א יעדער ווײַלע אימ געגעבנ א פארטויב,
ער האָט געפילט: דעמ גרעסטנ ראש זי איבערשרײַט דאָ...
ס׳איז, דאכט זיכ, קיינער אינ דער כורווע דאָ ניטאָ,
אונ אזא אָנגעפילטקײַט שפארט זיכ פונ די ווענט דאָכ,
אז ער אינ ערגעצ קאָנ קיינ ריר זיכ דאָ ניט טאָנ,
ווי ס׳וואָלט אנ אומזיכטיקע איידע אימ געפענטעט...
געזענ באשײַמפערלעכ פארוואָגלטע ער האָט
אינ זייער הילכיקנ פארפלייצנדיקנ וואנדער,
ווי ער באשײַמפערלעכ געזענ האָט קינדווײַז גאָט,
וואָס איז ניטאָ אונ ס׳האָט געדוכט — ער איז פאראנ דאָכ...

IV

מיט אויסיִעס, געפּלאָכטן ווי האָוודאָלעס זאַלבענאַנד,
באַהויכט מיט שאָטנס ציטערדיק-פאַרזיגלט,
צום הימל — פון דער דעמערדיקער מיזרעך-וואַנט
אַן אופשריפט האָט פאַרצווייפלט פון אַ קינד אַרופגעשריגן:
„כ'געזעגן זיך מיט דיר, מיַין וועלט,
וואָס כ'האָב נאָך ניט באַוויזן זען פאַר מיַינע אויגן!"
אַ וויַיל האָט זיך גוראַריע אָפּגעשטעלט.
געלייענט וויַיטער. נאָך. זיך איַינגעהויקערט.
„פאַר אונדזער בלוט באַצאָלן ניט פאַרגעסט!" —
געבראָכן האָבן זיך די אויסיִעס פון שריַיען.
„אַרומגערינגלט איז די שול פון צוויי הונדערט עסעס
און קנאַפּע פינעף הונדערט פּאָליצייַען".
פאַרהיַיטלט זיַינע אויגן האָבן זיך מיט פלאַם,
די שיַין אַדורכגעגאַנגען אין זיי שוין קאָם איז,
געטראָגן האָט זיך, ווי אַ קריהע אַפן יאַם:
„וווּ איז דער אל נקמות?" [6]

V

אונטער אַ יעדער אָס האָט ער געזען די האַנט,
וואָס האָט צולעצט זיך אויסגעשטרעקט אין אָנמאַכט.
געשריגן האָט אַ וואַנט דאָרט צו אַ וואַנט:
דער טויט איז נאָ'נט. קיין ווערטער זיַינען שוין ניטאָ מער!
עס האָט אַ יעדער אופשריפט זיך צו אים געווענדט,
זיך אויסגעקריצט אַפ אים מיט פיַיער און מיט ווייטעק,
אים האָט געדוכט, זיי פליִען אום פון ווענט צו ווענט:
„לבאים אחרינו — לשארית הפליטה!" [7]
פאַרוועבט אין זיי, ווי אין אַ נעץ, האָט זיך זיַין קאָפּ,
דעם האַלדז פאַרציִען זיך געלאָזט פון יעדן איינעם האָט ער,
און ווי אַ האַמער האָט אַ קלאָלע זיך געטאָן אַ לאָז אַראָפּ:
„אל טל ואל מטר!" [8]
די שטומע שול-ווענט זיַינען מיט געשריי אין אים אַריַין,
פון אַלע זיַיטן אים גענומען אַ פאַרליש טאָן:
דעם פּאָסעק קאָנען מיר אַפילע ניט מעקיַיעם זיַין:
„תמות נפשי עם פלשתים"... [9]

VI

א יעדער אופשריפט פונ די ווענט האָט זיך צו אים געשפּארט,
אים ניט געלאָזט פונ זיי אינ ערגעצ זיך פֿאַרטײַען.
זיי האָבנ דאָ אפ אים געוואַרט,
ניט אָפּגעווישט קײנ שווערד האָט זיי אונ ניט קײנ פֿײַער.
ער זעט שוינ אונטער יעדנ אָס די אויגנ אונ די בערד,
ער הערט שוינ אונטער יעדנ קריצ די קינדערשע געוויינען,
אונ אלע מאָנענ זיי בא אים אונ בייגנ אים צו דר׳ערד—
צעזעגענע, געקעפּטע ברוסט-קינדער אונ זקיינים:
„גיי, שרײַ אונדז אויס אפ בערג מיט אָפּגרונטנ באנאנד
אונ זיבנ מאָל דאָס פּאָנעם זיך מיט נאכט פֿאַרוויקל!
זאָלנ ניט זענ די הענקערס אונדזער שאנד
אונ זאָלנ זיי מיט אונדזער אומגליק זיך ניט קוויקנ...
גיי, שרײַ אונדז אינ דער מידבער אויס, די צונג געשמידט,
דאָרט, ווו ס׳הערט זיך פונ קײנ פויגל ניט קײנ פּלי אונ קײנ געפּעכער,
זאָלנ גלײַכגילטיקע זיך ניט פֿאַרשטערנ זייער רויִקנ געמיט,
אונ זאָלנ זיי מיט מיטגעפיל דעם בראָך אונדז ניט פֿאַרשוועכנ!

VII

ס׳איז ראַכוועסדיק אצינד, געוויס, בא זייער שוועל,
געוויס פֿאַרדײַענ זיי אצינד די אומגעריכטע רײַכקײַט.
ווער מיט דער האק געמאכט פונ אונדז האָט טיל-און-טעל,
אונ ווער ס׳האָט אונדז דערשטיקט מיט טויבנ גלײַכגילט!
צו זייער יִשעוו זאָל דײַנ טראָט ניט טאָנ דיך קײנ פֿאַרפֿיר
אונ מיט א קלאפּ אינ פֿענצטער קיינעם ניט באלעסטיק!
מע וועט מיט מיטגעפיל זיך אָפּקערנ פונ דיר,
ווי נאָר דײַנ אָפּשטאם אויסבלוטיקנ וועסטו...
ס׳איז קיינער ניט געוועג, ס׳איז קיינער ניט פֿאַראנ,
וואָס ניט פֿאַרשלאָסנ האָט דאָס הארצ, אנ אָפּגעקערטער.
בלויז אײנס — דער לעצטער קיווערדיקער ראנד,
בלויז אים וועלנ אריבערגיינ פונ פּײַנ די ווערטער.
עס גילט קײנ טײַנע, וואָס אנטפלעקט זיך אינ געוויינ,
ס׳האָט די גערעכטיקײַט קײנ ווערט, ווענ טרערנ זי באוועגנ —
אפ איבערצײַגנ דארפ דער יוישער צײנ!
אפ איבערצײַגנ דארפ דער יוישער נעגל!״

VIII

עס האָט די שרײַענדיקע שטילקײַט אים געפּלעט,
דער טאָג האָט מיט דער נאכט גענומען זיך פארפּלאָנטען.
באלאגערט האָבן אים פון ווענט די שאָטנס: „רעד!
האָסט אין די אופשריפטן דײַנע האנט דאָ ניט דערקאָנט דען?
צי האָסט דען ניט דערקאָנט דײַן העפקער-בלוט, וואָס פליסט
אין זיי איינינעם מיט דײַן מאמעס טרערן?
דו טראָגסט אצינד. אין האנט א ביקס
און אף דײַן הוט א רויטן שטערן,
דײַן יעדער וווּנד איז אין שינעל פארוויקלט און פארגלעט
און פון דײַן כארפּע איז קיין מינדסטער שפּור ניטאָ שוין".
געטוליעט שאָטנס האָבן זיך צו אים: „איז רעד,
אויב ס'איז פון בראָך געבליבן כאָטש בא דיר דאָס לאָשן,
ווי ס'בלײַבט דער זוים פון אויסמעלויצעטן געוויקס,
ווי ס'לאָזט א קרעכץ בא דעם געדרעש זיך הערן.
צי האָסטו ניט פארשעמט דײַן רויטארמייערישע ביקס?
צי זיך געהייליקט אין נעקאָמע האָט דײַן קריגערישער שטערן?"

IX

דאָס הארץ האָט כוץ דער גרוב קיין טיקן ניט געהאט,
דעם מויעכ, פונקט ווי בליצן, האָט דער רוים פארשלונגען:
„צי האָט אין שלאכט דאָס מאזל דיך געטרייסט, סאָלדאט,
פאר אונדזער שאנד, פאר אונדזער אומגליק?"
עס האָט א שײַן זיך ארום אים געגעבן א צעגאָס,
א יעדער ריגעווע און ריר האָט זיך געטאָפּלט:
„צי דורכדרינגלעכ געוועגן דײַן קויל איז אין דער מאָס?
צי האָט דײַן צאָרן ניט געוווּסט קיין גרענעץ און קיין אָפּהאלט?"
א יעדער בראָכשטיק האָט צו אים געטײַט
און, איבערוואנדלענדיק פון פאָרם אין פאָרם, ניט אופגעהערט זיך מינען:
„צי האָט דײַן וווּנד כאָטש אָנגערירט פון ווײַט
דאָס זיך אנטפּלעקנדיקע ליכט פונעם באגינען?
דיר אָנגעטרויט מיר האָבן אונדזער הארץ ס'צעפּיקטס,
אונדזער געשענדטן צאר, ער זאָל, ווי ס'לעבן, דיר געהערן.
צי האָסטו עפּעס-וואָס געפּויעלט מיט דער ביקס?
צי האָסטו עפּעס-וואָס דערוואָרבן מיטן שטערן?

X

צי ווייסטו ניט, אַף וויפל אָט דער יאַם מיט בלוט
וועט פֿאַר דער וועלט דער כּיִע-ראָעדיקער קלעקן?
ס׳דערטראָגט זיך שוין אַהער אין קיִווער דאָס געהוד
פֿון אָפּדאָסנײַ זיך שלײַפֿנדיקע העק אין אַלע עקן...
ווער האָט איבער דער ערד געיאָגט אונדז רונד אַרום,
ווער האָט פֿון אָפּגרונט אונדז געצווונגען אופֿשטיין
און בעכערס אונדז דערלאַנגט אַף פּײַן און רום —
פֿון יוישער וועלן זאָלן מיר דער טרויעריקער פּרוּווּשטיין?..
מיר האָבן אַלץ באַצאָלט! מיט בלוט פֿאַר יעדן שטײַג אַרויף
באַמיסטיקט האָבן מיר מיט מאַרך די פֿעלקער-בליִענדיקע הייכן, —
אָט איז ער אָט, דער יוישער, אויסגעפּרוּווט
אַף וועגט, ווי אַף מאַצייוועס אָנגעצייכנט.
לייען פֿון אָס ביז אָס זיי אַלע דורך,
באַשריבן אויך דער באַלקן און דער דיל איז.
דאָס איז דער לעצטער פּינקעס-בוך
פֿון אויסגעשאָכטענע פֿון ייִדישע קעהילעס!״

XI

אַדורכגעברענטערהייט געבלאָנדזשעט האָט זײַן בליק,
געריסן האָט ער פֿון דעם שאָטן-קלעם זיך, ווי פֿון רייפֿן:
„פֿון גרוב גייט אַ געהאַרגעטער אַרויס צוריק
ניט אַף צו לייענען די אייגענע מאַצייווע,
נאָר אַף צו זען מאַצייוועס איבער דעם,
וואָס האָט די ערד אין קוואָרים דורכגעגראָבן!״
אַרײַנגעקוקט האָט דורך דער שויב אַן אָפּגעפּליקטער דעמב,
אַף זײַנע דאַרע צווײַגן שפּערעלעך געזעצט זיך האָבן,
גוראַריען האָבן זיי זיך אויך ווי לעצטע אופֿשריפֿטן געדאַכט
פֿון קריגס-געפֿאַנגענע אין קלויסטערס טונקלע.
ווי שטערן אויסגעקריצטע אין דער נאַכט
צו אים זיי האָבן פֿון דער ווײַט געוווּנקען,
מיט אומפֿאַרגייענדיקן טרויער זיך געווענדט
און זיך פֿון אומעטום צו אים געריסן.
איבערגערופֿן האָבן זיך פֿון שול די גרויע ווענט
מיט שטעכיק דראָט פֿון טויט-לאַגערס און טפּיסעס...

XII

איבערגערופנ: האָבנ זיי זיכ פונ דער ווײַס, פארטרויט,
מיט שטומענ וואלד-געוואָי אונ ווינטיקנ געכוואליע
פונ פארטיזאנער פינ פארפײַניקטע צום טויט
מיט לעצטע אויסגעשרייענ „סטאלינ!“
זיי האָבנ זיכ אינ קאָפ בא אים געהאכט,
צונויפגעפלאָכטענע דורכ בלוט אונ פײַער,
ווי איינ צאוואָעדיק-באשווירנדיקער קסאוו —
קיינ איינציקנ פונ זיי האָט ניט געקאָנט פארבײַ ער.
געקייפלט האָבנ זיי אינ אים זיכ מער אונ מער,
ניט אָפגעטיילטערהייט דעם בליק זײַנעם פארטרענקענ,
ווי ס'איז זײַנ ביקס ניט אָפגעטיילט פונעם געווער,
מיט וועלכנ ס'כאיל איז זיכ נויקעם אינ די הענקער,
איז ערגעץ דענ געמאָלט א גוול,
אינ העכסטער לייד אונ וויי געלײַטערט,
צווישנ דעם זאָקנ דעם פארפײַניקטנ אינ שול
אונ דעם געפאנגענעם פארברענטנ אפ א שײַטער?

XIII

פארבלײַבנ נאָכ אינ שול איז אים געוואָרנ שווער,
געשטיקט האָט אים דאָס אײַנגעהאלטענע געשריי דאָ.
ווי לאנג איז דענ, ווענ, נאָכ א קינד, געגלייבט האָט ער,
אז אינ די כורוועס האלטנ אופ זיכ שיידים...
אונ קישעפ בלענדיקנ זיי פראווענ בא די נעכט,
אונ מענטשנ דורכגייער מיט א געפײַפ פונ קלעזמער זיי פארנארנ.
ווי לאנג איז, ווענ מיט מויל אונ אויגנ אָפענע געהערט
האָט אינ פארגאפטקײַט קינדערישער ער אליינ, גוראריע,
וועגנ א פײַערל אזא, אנ אויסגעדוכטס פונ ווײַט,
וואָס פירט אראָפ פונ וועג מיט בלענדעלעכ קאָלירטע,
אונ רופט נאָכ זיכ, פארקישעפט אונ פארשײַט,
אונ אלצ איז אזוי מוירעדיק אונ ליכטיק...
אדורכגייענ קינדווײַז פלעגט אים זײַנ א שרעק
פארבײַ אזא מינ אָרט בא זיכ אינ שטעטל.
ס'איז עפשער צײַט פונדאנענ שוינ אוועק,
נאָר ער איז איצט אליינ, ניט אנדערש, ווי געפלעט דאָ...

XIV

גוראריען האָט געדוכט, דער סאָטן שטייט לעם אים
און לאַכט, פאַרגייענדיק זיך אין געלעכטער.
אים אײַנגעבויגן האָט די אויסגעדוכטע שטים,
ווי דורך יאָרטויזנטן פאַרגאַנגענע האָט ער געהערט אים:
„כ׳באַגריס דיך, אָוול, מיט דײַן ווינד און וויי,
געזען כ׳האָב, ווי געברענט האָבן די פּאַרמעטענע ריזן,
געשטאַנען איז דער יוישער נעבן זיי —
פאַרקערפּערט אין געשטאַלט פון קאָמוניזם.
און די געולע יובלדיק דערקלערט דער וועלט —
דער אײַנגעטונקענער אין אומרעכט און אין כאַשכעס...
ס׳אַרא געלײַטערט ליכט האָט פונעם פלאַם איר דורכגעהעלט!
ס׳האָט נאָר איר ניט געשמעקט דער רויך פון האָלאָוועשקעס,
וואָס האָבן זיך געקאָרטשעט צוליב איר מעשונע לאַנג,
ווי מיט אַן אומגעהייערער האַנאָע און קאַוואָנע,
און ביזן הימל האָט דער פלאַם דערלאַנגט,
אין אַלע זײַטן זיך צעשפּרייט האָט ווי אַ רויטע פאָן ער...“

XV

די שטים געגאַנגען איז פון ערגעץ זייער טיף,
געוויקלט זיך אַרום גוראַריען און פאַרדרייט אים:
„איבער אַ האַלבער וועלט געגאַנגען דער יוישער איז פון ריוו צו ריוו,
ווו ס׳האָט דאָס פאָלק געהאַלטן גיין צו דער אַקיידע,
געמונטערט זיי אַף פעסטשטאַנד, זינגענדיק און הייס,
אַף גריוועד זײַן פון פּײַן די קלעמער און די צאַמען,
און מיט אומשטערבלעכקײַט געבענטשט זיי און געטרייסט:
פאַרברענט ווערן איר האָט די זכיע אין דער מענטשהײַטס נאָמען,
וואָס האָט מיט אויסדערוויילטקײַט אײַך באַערט:
פון יעדן אומגליק זײַן די שולד, פון יעדן אופּבלי די געפער זײַן,
די האַק זאָל שטענדיק זײַן געגרעכט,
און זײַן באַרעכטיקט זאָל דער אַכזער...
איר האָט דערגרייכט די ליכטיקסטע מאַדרייגע עכט,
אַז ס׳זאָל דער נאָמען „ייִד“ אַף שטערנס זײַן געקרייציקט.
כ׳האָב זיי געזען אין אַלע געטאָס פון דער ערד,
בא יעדן בראָך-גראָבן געזען כ׳האָב ברענענדיקערהייט זיי!

XVI

דאָס האָלץ פאַר זיך אַליין געטראָגן האָבן זיי
און אויף די שײַטערס, ווי אויף קרוינשטולן, אַרויפגעגאַן געפּענטעט...
כ'באַגריס דיך, אָוול, מיט דײַנע ווינד און ווײ,
מיט זעקס מיליאָן געקעפּטע און פאַרברענטע!
דיר ניט געווען צום האַרץ איז זײַן אַ מעס באַ זיך אין אייגן לאַנד,
איז לעבן! אַ שאָכן באַ דער וועלט! און לויט איר ווונטש באַצאָל איר!
ניט דו אַליין — דאָס גאַנצע פאָלק מיט דיר באַנאַנד
אַרויס איז פון דער גרוב, ווי שטערן אין די צאָלן...
נאָר ס'קאָן דער כאַם ניט קוקן אין די אויגן דעם,
וואָס אויפגעטאָן האָט עפּעס פאַר זײַן אויפשטײַג,
קעדוימע, ווי דער וואָלף דעם בושל פאַר זײַן נאָבעלן באַנעם...
צי איז עס דען ניט פון גערעכטיקײַט דער זעלבער פּרוּווּשטיין?
פאַר דער געפעליקײַט — דעם בושל אויפרעסן האָט ער געוואָלט,
ער זאָל זיך מער ניט ווײַזן אויפן וועג אים —
ניט נאָר דערפאַר, ווײַל ס'איז אַ וואָלף אַ וואָלף,
נאָר אויך דערפאַר, ווײַל ס'האָט דער בושל ניט קיין נעגל!"

XVII

זיך דורכגעבײַטשיקט אויף זײַן לײַב האָט מיט אַ קנאַל
אַ יעדער וואָרט און אים דאָס האַרץ געזעגן:
„ס'וועט אויך די שאָף די מילדסטע אַ שאַקאַל
אין דער מינוט, ווען זי באַוואַקסן וועט מיט נעגל."
אַ ווינט האָט מיט אַ קראָקווע אויפן דאַך געקלאַפּט,
פּונקט ווי אַ פּיקהאָלץ, רירנדיק זיך פון עם זינען:
„האָט דען אַ מויז ניט אָפּגעהריזעט באַ אַ לייב דעם קאָפּ
באַם ווײַנענדיקן ניעמאַן אונטער ווערבעס גרינגע?
איז לייען, — האָט ער אים די ווענט געטאָן אַ ווײַז, —
פון אָס ביז אָס און ניט אַנטריש זיך!
דאָס איז פון נאַ-ווענאַד די פּרײַז,
דאָס איז די פּרוּוו פון וואָגלדיקן יוישער!
צייל אויס און לייען דורך גענוי —
די פּרײַז פון פרײַהײַט און פון דאָרשטיק צו איר גאַרן!.."
— איך ווייס, איך ווייס! עס האָט אונדז דאָך געלוינט, —
אַ שאָקל מיטן קאָפּ געגעבן האָט גוראַריע,

XVIII

די פּאָלעס פון שינעל פאַרצי̇ענדיק אַפ זיך: —
מיר וועלן דאָך מיט נעגל קיינמאָל ניט באַוואַקסן ווערן! —
געלויכטן העל האָט זיך דאָס ביי̇ניקע געזיכט: —
מירן אַדורכגיין מיט דער שאַרף מיט דער געשליפענער פון שטערן!
פאַרבאָרגן ליגט אין איר די לעצטע שלאַכט,
וואָס וועט בא אַלעמען אַרומבּרעכן די נעגל בלענדיק. —
אַראָפּ איז אומבאַמערקט די נאַכט,
און שטיל אַראָפּגעלאָזט האָט זיך גוראַריע אַפ אַ סטענדער: —
ניין, ניט קיין שכיינים בא די פעלקער זײַנען מיר,
און קיין געצאָלטס בא אונדז זיי האָבן ניט געפּאָדערט, —
געטאָן דעם בליק גוראַריע האָט אַ פיר, —
מיר האָבן זיך אַליין מיט זיסער לאַסט פון פרוכט באַלאָדן
אַפ יעדער גאַסטפרײַנטלעכער ערד,
אַפ יעדן אופגעוועקטן באָדן,
און האָבן זיי מיט בלוט מיט אונדזערס אָנגעהערט,
און זיי צו אונדז — מיט זייער בראָכע און גענאָדן...

XIX

אַן אָרע-מיקלעט האָבן פעלקער אונדז געגעבן אומעטום,
באַדעקט מיט בלײַ פון אונדז זײַנען געוואָרן אַלע גאָבן.
גענאָסן האָבן מיר צוגלײַך פון זייער רום,
און זייער פּײַן צוגלײַך געטיילט מיר האָבן, —
האָט אים זיך דער געדאַנק קיין ווײַל ניט אָפּגעשטעלט,
פאַרהילכט די שטילקײַט און די אויסגעדוכטע שאָרכן, —
אַ פאָלק איז קיינמאָל ניט קיין שאָכן בא דער וועלט,
ווי ס'איז קיין טראָפּן בלוט אין קערפּער ניט קיין שאָכן! —
ער האָט זיך דעם זיקאָרן אופוועקן געפלײַסט,
אים אָנגעשלאָסן אין די מיטלאַלטערלעכע ווײַטן: —
איז דען אַפ שפּאַניער ערד ניט אופגעאַנגען אונדזער גײַסט
צעצווײַגטער, העכער פון די איילבערטן און שײַטערס?
און בא דעם ברעג פון ריין און אין דער נײַער וועלט
זײַנען ניט אופגעגאַן קיין פרוכט פון אונדזער מי דען?
צי האָט אין לאַנד פון פרײַהײַט בלי̇ונג אונדז פאַרפעלט?
צי האָט דאָס גליק פון אַלע זײַנע פעלקער אונדז געמיטן?

XX

ער האָט געצויגנ פונ פארגאנגענהײַט די קייס,
נאָר ניט פארפענטענ זיכ געלאָזט פונ איר געהודע: —
צי זײַנענ מיר, איבער דער גאָרער וועלט צעשפרייט,
געבליבנ הינטערשטעליק פונעמ אוראלטנ יעהודע? —
געקוקט אפ אימ האָבנ די בראָכשטיקער געהיימ,
געבלעטערט האָבנ זיכ פאר אימ יאָרהונדערטנ פונ וועלקונג.
גיט ניט א יעדער פאָלק צושטײַער דענ זײַנ היימ
פאר ברידערלעכקײַט הייליקער פונ פעלקער?
אונ מײַז זײַנענ פאראנענ אומעטומ:
אינ קלויסטערס, אונ אינ שולנ, אונ אינ שײַערס;
זיי קריכנ, פעסטיקע, אינ יעדער נאָרע אומ
אונ הריזענ אלצ. פאר זיי איז ניט פאראנ קיינ טײַערס!
לאָז פונ די ווענט די כורוועדיקע, סאָטנ, זיכ ארויס!
די אָפגעלאָפענע יאָרהונדערטנ, זײַ זיכ מאטריִעכ, לייענ!
צי האָט דזשאָרדאנאָס לייבנ-קאָפ ניט אָפגעהריזעט דענ א מויז?
צי האָט ניט אָפגעהריזעט דענ א מויז דעמ קאָפ בא גאלילייענ?

XXI

עס האָט די צײַט אליינ געגעבנ א פאנאנדערײַס
אפ זיכ די גינגאָלדענע זיגלענ פאר גורארינג: —
אונ ווער, אויב ניט די פעסטיק־שווארצע מײַז
אראָפגעהריזעט האָבנ דאנ די שטאָלצע קעפ בא קאָמונארנ?
אויכ אָט דער בראָכ איז אונדזערער, ווי גאָר דער וועלטס,
אויכ אונדזערער, ווי גאָר דער מענטשהײַטס, אָט דער צאר איז.
אָבער ווענ ס׳פאלט אינ אָפגרונט אומ א פעלדז,
הערנ די אָדלערס אופ דענ פליִענ איבער כמארעס?
די פראָש איז דעמ געוויקס ניט מויכל פאר דעמ טוי.
אונ פאר דעמ זאפט, וואָס נערט בא יעדנ וואקסנדיקנ טראָט אימ,
ווערט זי די וואָרצלענ אונ דער פרוכט א סוינע אפנ טויט:
די פײַכטקײַט וואָלט איר דאָכ געקאָנט פארברייטערנ די בלאָטע!
נאָר כ׳ווייס, — האָט ער די פינצטערניש געטאָנ א שפאר,
אונ אָנגעשפיזט זיכ האָבנ זײַנע אקסל, —
אז ס׳האָבנ מענטשנ אויסבאהאלטנ קינדער פונ געפאר,
די קעפ די אייגענע פארקנאסנד מיט דער האק זיכ!

XXII

און די געפּירטע צו דעם טויט דורך בוקאָווינער בערג
האָבן דען ווערעם לאַכאָדים באַ די וועלט ניט אָפּגעדונגען,
לויט דעם, וויפל געהאַט זייער האַלבאָשע האָט די ווערט? —
אַ קויקל זיך געגעבן האָט דעם סאָטנס קאָל מיט פונקען.
— דאָס איז דעם וואָרעמס רעכט! ס׳נעמט קיינער עס ניט אָפּ, —
גענומען שנעל דער בליק האָט באַ גוראַריען לויפן, —
דאָס רעכט פון ווערן אָפּ די מייסים פעט און גראָב
קאָן דאָך דער וואָרעם ניט פאַרטרויען קיינעם בעכאָל־אויפן!
— נאָר כ׳ווייס, — האָט צו דער ווײַט גוראַריע זיך פאַרטרויט
מיט בלאָנדזשענדיקן בליק צעזייטן, —
אַז פויערס רוסישע אונטער געפּאַר פון טויט
איבערגעטאָן האָבן פאַרפּאָלגטע אין די אייגענע די לעצטע קליידער! —
און דאָך, ווי באַ אַ גרוב אַן אָפענער פון פאָלק,
געשטאַנען איז דער כורווע איז גוראַריע,
געפילט, ווי ס׳יאָגט אָפּ אים אַ כוואַליע נאָך אַ כוואַליע אָן אַ צאָל
און צו אַן אָפּגרונט ערגעץ אים זיי שפּאַרן...

XXIII

די פינצטערניש האָט אים געגעבן אַ פאַרזויג:
דער כאַם האָט פּײַנט אַ רוק טאָן זיך פאַר עמעצן אינמיטן,
ס׳זאָל האָבן ווי אַראָפּפאַלן אַ מינדסטער זוים,
זיך אָנכאַפּן אין דר׳ערד, זיך ערגעץ אַ צעבלי טאָן...
די שפּין וועבט אַלעמאָל איר שפּינוועבס צווישן ביימער דורך,
זי כאַפּט זיך אָן פאַר ווי אַ צווײַג מיט אירע ראַנדן
און קאָן באַכהער ניט מוחל זײַן דער פּרוכט,
וואָס וואַקסנדיק זי שפּאַרט די נעץ אירע פאַנאַנדער...
— מירן זי אופּבויען פונסנײַ, די היים, —
האָט ער זיך אופּגעשטעלט, אַ שווימענדיקער אין דער פינצטער, —
פונקט ווי אַ פויגל פלעכט אַ נעסט זיך אָפּ אַ בוים.
נאָר ניט פאַרהיטן וועלן מיר פון העפקערדיקן ווינט זי,
ביז ס׳וועט ניט בלײַבן פון פאַרדאַרבער קיין געדעכט און קיין געביין —
ביז דאַמאָלט אויך די וועלט די גאָרע אומפאַרמײַדלעך
וועט זײַן דער טאָפּ, וואָס פאַלט אנידער אפן שטיין
און וואָס אָפּ אים דער שטיין זיך שלײַדערט!

24. א קאָנטער־אָנגריף

I

דעם גלאַנץ פון ריטערלעכקייט וואָרפנדיק אין קאָן,
אונטערן דעק פון האַקנקרייצערישע טורעמס,
געגאַנגען אין קאָנטער-אָנגריף איז א דײַטשער באַטאַליאָן —
א ראָטע רויטאַרמייער דורכברעכן מיט שטורעם.
געגאַנגען דער באַטאַליאָן איז אין דער גאַנצער וווּקס,
די בײַכער דורכגעקרייצט מיט שוואַרצע אויטאָמאַטן —
א שטאָלענער פּיראָקעדיקער צוג,
די טריט געמאָסטן פּונקט און אַקוראַט דאָרט,
ווי פערד אין קאַרעטעס געשפּאַנט קאַרוץ
אויף א גרויסאַרטיקן פּאַראַד פון דער אימפּעריע.
די קאַסקעס צוגעדעקט האָבן פון פּענעמער דעם שמוץ,
געצויגן האָבן זיך פון האַקנקרייץ די ווערעם.
באַגלייט אין אָנגריף האָט זיי שיקערע מוזיק,
דעם מאַרש געוויגט האָבן צעיושעטע געוואָיען.
פאָרויס, פאָר זיך — אויף אָפּהאַלטן דעם זיג —
געיאָגט זיי האָבן שוצלאָזיקע פרויען.

II

דער אָנגריף איז צוערשט געגאַנגען פון שטוב צו שטוב,
אַרויסגעקלאַפּט פון דאָרטן זויגקינדער און מוטערס,
און זיי די ערשטע צו דעם ראַנד געשטופּט
מיט אויטאָמאַטן, זיגרײַך און גרויכמוטיק.
געטריבן האָבן זיי די פרויען, רײַסנדיק דאָס קאָל
מיט הויך-פּאַכדאָנישן און בלוטדאָרשטיקן האָנער,
ניט נאָר מיט פּאַנצערן פון אײַזן און פון שטאָל —
מיט פרויען זאָל אויך זײַן געפּאַנצערט דער טעווטאָנער.
באַוואָרנט האָבן זיי דעם זיג פּאַרפרי׳ר:
זיי איז באַוווּסט, אַז ס׳שיסט א רויטאַרמייער אין קיין פרוי ניט.
זיי האָבן עפּשער שוין געפּילט אויף ברוסט דעם ריר
פון ציילעם אײַזערנעם — די נאָבעלע באַקרוינונג,
וואָס, טראָגנדיק פון דײַטשלאַנדס רום די העכסטע מאָס,
שוין שוועבט מיט דאַנקבאַרקײַט פון ריי צו ריי אום.
ס׳האָט ניט געהערט פון רויטאַרמייער זיך קיין שאָס,
געטאָפּלט האָט דער אומגליק זיך אין בליק פון רויטאַרמייער.

III

— ס׳איז פרויענ! — זיכ א ריס געטאָנ סאדאָווסקי האָט
צו די געפאנגענע, וואָס ס׳האָט דער דײַטש פּאָרויס געטריבנ.
זיכ ניט געגלייבט האָט קיינעם די ווארשײַנלעכקײַט פונ טראָט:
צי דוכט זיכ עס זיי אויס? צי איז עס בלויזער פיבער?
דער טויט האָט פאר צעריסענע מאלבושים זיי געשלעפּט,
געקרייצ׳יקטע אינ פײַנ אפ דײַטשע אווטאָמאטנ.
פארוואָרפנ אינ דער הייכ געוועננ זײַנענ די קעפּ,
אונ ס׳האָבנ אפנ ווינט זייערע שאלעכלעכ געפלאטערט.
די אויגנ — אויסגעבראָטנ ביז צום דעק,
די הענט אינ שרעק — פארפלאָכטנ אפ די בריסטנ.
צו קיינעם האָבנ זיי זיכ דאָרטנ ניט געשטרעקט,
אונ ניט געפּרווּט זיי האָבנ זיכ פונ טויט א ריס טאָנ.
א יעדער רעגע נע׳נטערט זיכ די ערשטע ריי,
עס פילט שוינ קיינער ניט פונ זיי די ערד דאָרט,
נאָר איינע האָט דעדלאנגט צו רויטארמייער א געשריי:
— א פײַער עפנט אופ דורכ אונדז איבער די מערדער!

IV

אונ ווײַטער פאָרגעזעצט דעם צוג פונ טויט,
דאָס שאלעכל פונ קאָפּ אינ הינערפלעט פארהאָלנ,
ביז ס׳האָט דאָס ליכט פאר איר געטאָנ זיכ א צעבויט,
ביז ס׳האָט א ריס געטאָנ פונ מויל דאָס בלוט זיכ מיט א קלאָלע
דערנאָכ האָט זיכ די ערד געטאָנ א ריס
אונ מיט א וואנט פונ פײַער אָפּגעהאקט די וועגנ.
אונ יעדער איינער מיט גראנאטע אונ מיט שפּיז,
אונ יעדער איינער מיט די ציינ אונ מיט די נעגל
געפלאסטערט מיט נעווייִלעס דײַטשע האָט דעם ראנד.
פאר יעדער פרוי — פּעגאָרים דײַטשישע א מייע!
אונ פאר דער מוטערשאפט דער הייליקער פונ לאנד
פארוויגט געלעגנ איז אפ דר׳ערד א גרופּע רויטארמייער.
די שלאכט אדורכגעגאנ איז בליציק גיכ,
ווי ס׳וואָלט געוועננ פארזאָגט: קיינ סאכ זאָל עס ניט קאָסטנ!
אָוואדיס אָנגעטאפּט האָט בלוט אפ זײַנ געזיכט,
אונ נאָגנדיקער ווי׳ האָט אָנגעיאָגט סאדאָווסקינ.

V

פאַרוווּנדעט זײַנען בײדע גלײַך געווען.
געטריפט פון בײדע האָט אײן בלוט, אײן צאָרן.
אַרויסגעריסן מאַמעס רוסישע פון סוינעס הענט
און אויסגעצײלט אַ דײַטשן באַטאַליאָן פּעגאָרים.
בײַ אַ פאַרברענטער שול מיט טאָרטשענדיקער טרויב
באַגעגנט האָבן זײ זיך, הילכיקע קאַיאָר־געסט.
די אויגן — בליציקע, די פּנעמער — אײן דויך,
מיט דורכגעשאָסענע, פאַרשטויבטע גימנאַסטיאָרקעס.
געשטאַנען זײַנען זײ אױף אַ פאַרוווּנדעטער שטיק ערד,
געטריפט אויף איר האָט דער קאַיאָר מיט טרויער,
און ערגעץ האָט אַ הירזש געטאָן אַ פערד,
זיך אויפגעעפנט ערגעץ האָט אַ טויער.
און באַם באַנדאַזש אַריבער איז אָוואַדיס מיטאַמאָל
אויף אַ געשפּרעך פון בירגער־קריג, אָן שום פאַרבינדונג:
— געשלאָגן ווי פאַר אַ געליבטער האָט זיך דאַן דאָס פאָלק,
און איצטער, קאָמאַנדיר, ווי פאַר אַ מאַמע מיט די קינדער!

25. אַ סאָוועטישע סאַניטאַרקע

I

סאַדאָווסקי האָט געדריקט אָוואַדיסן די האַנט:
— האָסט גוט געזאָגט. און צוגעטראָפן ריכטיק! —
טראָפּייען דורכגעקוקט צעוואַלגערטע באַם ראַנד.
געצײלט דערהאַרגעטע, פאַרוווּנדעטע, פאַרבאַנדאַזשירטע.
ס'האָט אויף אַ האַלבן הימל דער קאַיאָר געטאָן אַ גאָס זיך אויס,
פאַרצערט, אַן אויסגעזויגענער פון דער פאַרדאַרבונג.
און פּונקט ווי אויף אַ שניט, די ערשטע טאָניע איז אַרויס,
אָן דער פּילאָטקע אויפן קאָפּ, פאַרקאַשערט הויך די אַרבל,
איבער אַ נעץ וואָראָנקעס וויגנדיק זיך הין און הער.
געדוכט האָט זיך: אין פײַער זי געשווומען אָנגעגורטערהייט איז,
און צענדליקער פאַרוווּנדעטע מיט דעם געווער
אַרויסגעטראָגן זי אַלײן האָט אויף די פּלײצעס.
געראָפן אין דעם טייל מע האָט זי ווערזדעכאָד.
האַגאַם מיט די פאַרוווּנדעטע נאָר פויזען מ'האָט באַוועגט זי,
נאָר זי פאַרענטפערט שמייכלענדיק זיך האָט,
אַז פויזען איז איר שווער צוליב איר רונדיקער קאָמפּלעקציע!

II

דער לעצטער, וואָס זי האָט ארויסגעטראָגנ פונעמ פעלד,
געווענ איז דער פארוואונדעטער קאזאכ מאמעדאָוו.
ער האָט געקרעכצט אונ לאנגזאמ זיכ געפעלט,
נאָר זי האָט יעדער ווײַל געגעבנ א פארעד אימ.
— מאמעדאָוו, לעבנ ווילסטו? — אימ א מונטער גלײַכ געטאָנ
האָט זי, אונ ס'האָט דאָס קאָל בא איר. פארהאקט זיכ, —
איז מיט די הענט נעמ פארנ האלדז מיכ אָנ
אונ לייג דעמ קאָפּ אוועק מיר אפ די אקסל!
אזוי! — די אויגנ האָבנ זיכ באוועגט שוינ קוימ,
דער הימל האָט אינ זיי א גרויער זיכ געשפיגלט.
זי האָט אימ צוגעטראָגנ צו א בוימ,
די וואונד אימ פרוווּנ טאָנ אנ איבערוויקל.
ער האָט די ערד באריךט מיט גליוועדיקע הענט,
ווי לײַב באליבטס, וואָס ער וועט מער שוינ ניט קיינ גלעט טאָנ.
דאָס מויל האָט אימ פונ דאָרשט געברענט,
אראָפּגעלאָזט אפ אימ האָט פונעמ בוימ זיכ א פארבליבנ בלעטל.

III

— ס'איז שוינ ניט ווײַט דער פּונקט. שוינ באלד. דו זעסט? —
האָט זי אימ אופהייבנד געגעבנ א צעטורקע. —
דו לעבסט, מאמעדאָוו? האלט זיכ פעסט!
ס'איז הײַנט געווענ די עמעסע מאזורקע!
געדענקסט דאָס פערד, וואָס כ'האָב געבראכט אהער?
מאמעדאָוו, הא? נו, אונ דעמ עמער האָניק?
געווענ א סייכל — אָפּשיקנ דעמ דײַטש אינ דר'ערד
אינעינעמ מיטנ הילצערנעמ פּאָלאָנעק!
אזוי, אינמיטנ וועג, אנטבלויזט די שווערד,
אינ כאָליעווע פארוקט דעמ הילצערנעמ פּאָלאָנעק,
געפאָרנ רײַטנדיק איז ער זיכ אפנ פערד,
געאָרעמט פריילעכ מיטנ עמער האָניק.
עס איז אימ אופגעלייגט געווענ זײַנ כאזעריש געמיט.
די אויפעס אונטער אקסל אלע ווײַל א טאפּ געטאָנ האָט.
געפאָרנ איז ער, ווי מע פאָרט אפ א יארידן,
באדאכט: ס'זאָל זיכ ניט אויסגיסנ דער האָניק...

IV

עפשער א טרונק, מאמעדאָוו, האַ? נו, נאַ! —
האָט זי אים די באקלאזשקע גלײַך צום מויל געגעבן. —
איז רײַט ער אפן פערד אזוי זיך, יעקע נאַר,
און האָט זיך אזא טרייפענע האנאָע פונעם לעבן.
ער זיצט אין זאָטל אופגעלייגט, בארוט,
און ס׳שטייט ניט צו דאָס ליכט צו זײַנע אויגן.
געזעסן אפ זײַן שארבן איז א הויכע הוט,
ווי א געפענטעטער, אן אויסגעהוילטער פויגל.
דרײַ מאנטלען האָבן צוגעדעקט זײַן אויבערהויט,
דער רויבזאק האָט געבאָמבלט זיך אײַיינעם מיט א לעפל,
פונקט ווי אן אופגעקומענער מעשאָרעס בא דעם טויט,
וואָס קאָן קיין אייצע זיך ניט געבן מיט דער שעפע.
און מיטאמאָל א רויטער סאניטאר אנטקעגן אים!
איז וואָס? נאָר ס׳טרעפט בא אים א צאָן שוין אין א צאָן ניט...
האָט ער א ריטש געטאָן מיט זײַן זאראזנער שטים.
נאָר שיסן ניט געקאָנט. ס׳איז אים א שאָד געווען דער האָניק...

V

ווי פילסטו זיך, מאמעדאָוו, האַ? שוין באלד!
נעם אפ מײַן אקסל פעסטער שפאר זיך אָנעט!
איז ריטשעט ער, דער דײַטש. דעם הימל ער צעשפאלט:
ווי זאָל זיך יעקע נאר צעשיידן מיטן האָניק?
איך זע, ווי פון דער הויט ער קריכט. א סאניטאר...
צו וואָס האָט ער זיך אָפגעשטעלט? נאָר איצט איז שפעט שוין.
ער האָט געמיינט, אז ס׳איז פאראנען נאָך. א סאך.
און מיטאמאָל האָט אים דער זאָטל אָנגעהויבן קוועטשן...
אָט גיט ער שוין דעם האָניק, דאכט זיך, באלד א לאָז!
וואָס קוועטשט עס אזוי פריקרע אין געזעס אים?
טראכט איך זיך: טאָניע, ס׳א ראכמאָנעס אפן דײַטשישן בומאָז,
דערלאנג א שאָס, וועט ער אין האָניק גלײַך פארגעסן!
נו אָט! — האָט זי דעם קאָפ געטאָן א דריי
און ניד׳דיקער געגעבן זיך א בייג אָן, —
דאָ זײַנען מיר פאקטיטשעסקע שוין אין דער היים. —
און ס׳האָט א שמייכל זיך צעשטראלט אין זײַנע אויגן.

VI

דאָ האָט אים טאָניע מוטערלעך באַטאַכט
און אָפּגערוקט פון טויט אים אַף אַ שטרעקע ווײַט שוין.
צווישן געבראַכטע רויטאַרמייער אין סאַנבאַט
איז אויסגעוואַקסן אויך אַ בינטל דײַטשן,
אַ בינטל ניט־דערבאַקטע הערשער פון דער וועלט,
אַ בינטל איבערמענטשלעכע איבערגעקרימטע מערדער.
געלעגן זײַנען זיי, ווי גרינע קרעכצנדיקע וועלף,
נאָר אַף דער לינקער זײַט איבערגעקערטע.
— ס׳האָסט דו זיך, טעכטערל, אַזוי באַמיט?
ס׳האָסט דו זיך, טעכטערל, אַזוי פּאַסטאַרעט? —
גערייצט מיט איר אַף שריט און טריט
זיך האָבן אין סאַנבאַט די סאַניטאַרן.
און איינער האָט צו איר זיך שמייכלדיק געווענדט,
און פּונקט ווי מיט אַ יעדער וואָרט וואָלט ער באַלעקט זיך:
— האָסט זיי פון פײַער נאָך געשלעפּט מיט דײַנע הענט,
געטראָגן האָסטו זיי נאָך אַף דײַן רונדיקער קאָמפּלעקציע?!

VII

זי וואָלט באַדאַרפט אָוועקוואַרפן די טאַש פון סאַניטאַר,
זי וואָלט באַדאַרפט אַ ביקס, ווי אַ סאָלדאַט, זיך אָנטאָן,
דאַן וואָלט זי מיט דער ביקס געטאָן איר זאַך,
און קיין ראַכמאָנעס וואָלט באַ איר זיך ניט געפּלאָנטערט.
זי פילט דען ניט אַליין, אַז ס׳שטעלט איר בלוט זיך אָפּ,
ווען צו אַ קרעכצנדיקן דײַטש זי גיט אַ בייג זיך אָן נאָר,
ווי אויסדרייען באַדאַרף זי אין דער זײַט דעם קאָפּ,
אַז אויספילן די פליכטן זאָל זי קאָנען?
זי זעט דען ניט אין יעדן איינציקן פון זיי
דעם גיפט, וואָס אויך אין קלעם קאָן ער נאָך אַלץ פאַרסאַמען,
אַז ס׳איז אַ פליכט אַ הייליקע אים לאָזן אומקומען פון וויי,
דעם מינדסטן וועג צום לעבן אים פאַרצאַמען!
און דאָך האָט זי געטאָן אַ הייב זיך אוף
און אופגעהויבן פונעם דיל אַ קוליע:
— פאַראַנען זײַנען גרעסערע נאַטשאַלניקעס דערופ,
פאַרווערן קאָן עס מיר דער דאָקטער נאָר — מאַרגוליס!

26. פּײַן

I

פֿון פֿרי ביז שפּעט אַ קײַלעכיקן טאָג,
אַ קײַלעכיקן טאָג, פֿון דעמער ביז צו דעמער,
האָט זיך די שטילע שאָ געצויגן אין שפּיטאָל,
נאָר פֿון די בעטן יעדערער געטריבן האָט דעם דרעמל.
אַרומגעדרייט האָבן זיך אייניקע אין קאָרידאָר,
און װער אין דרויסן אױף דער זון האָט זיך געשמאָלצן,
װער אױף אַ דאַמקע האָט געזוכט אַ צװייטן צו דער פּאָר,
נאָר שלאָפֿן האָט דאָרט קיינעם ניט געװאָלט זיך.
זיך אױסגעשלאָפֿן מ׳איז דאָ פֿאַר אַ גאַנצן יאָר
און אױסגעשלאָפֿן פֿאַר אַ יאָר מע איז פֿאָרױס זיך.
אַרױסכאַפּן האָט לעװין זיך פֿאַרגינט קאַיאָר
אין אָנהײב האַרבסטיק־שמעקעדיקן דרױסן
און זיך דערמאָנען אין דער קינדהײַט, אין אַמאָל,
דערהערן, װי עס קרייט אַ האָן, דעם װעג דאָרטן פֿאַרגיין אים.
די שטילע שאָ האָט זיך געצויגן אין שפּיטאָל,
נאָר שלאָפֿן ניט געװאָלט האָט פֿון פֿאַרװוּנדעטע זיך קיינעם.

II

אַװעקגעלייגט די קוליעס בײַ דער זײַט.
די אָפּגעהאַקטע קני פֿאַרװאָרפֿן אױף דער גאַנצער,
און אין דער אָפּגעגאַנגענער, דער גוטער צײַט
פֿון שנײַדערײַ פֿון פֿרײלעכער דערמאַנט זיך.
פֿאַרעדט האָט ער אַליין אין זיך דעם װײ,
געפֿילט אים בלױז האָט בײַ דעם ערשטן שריט ער.
נאָכהער, װוּ נאָר געװען עס זײַנען צװײ,
איז ער געװען דער דריטער.
אױף יעדן װאָרט געגעבן זיך אַ ריס,
בלױז פֿאַר זײַן מום קיין מינדסטן בלעבל;
גלײַך מער װי אָנדערהאַלבן פֿיס
װאָלט ער גאָר קיינמאָל ניט געהאַט אין לעבן.
אים האָט געדוכט — אױף קוליעס גייט די צײַט,
און ער באַמיט אַריבעריאָגן זיך דאָס לעבן.
געשפּרייט האָט זיך אַן אומקלאָרע די װײַט,
מיט אומעט האַרבסטיקן פֿאַרנעפּלט.

III

א ווײַסע שטילקײַט אין פּאַלאַטע האָט געהערשט,
פאַרוווּנדעטע האָבן אין היץ געשווּמען, ווי אין שנייען.
אַרײַנגעטראָגן מ׳האָט פון אָפּעריר-זאַל ערשט
א באַנדאַזשירטן יונגן רויטאַרמייער.
געדאַכט האָט זיך, דאָס טראָגבעטל איז אָן אַן עק לאַנג
פאַרן פאַרוווּנדעטן, וואָס מ׳האָט אויף דעם געטראָגן.
ס׳האָט דורכגעשוועבט גלײַך ווי א וואָלקנדל א בלאַנקס
פון ערגעץ ווײַט נאָך א פאַרניכטנדיקן האָגל.
דאָס זיסע שלאָף-געטראַנק ניט אָפּגעטאָן נאָך זיך
האָט אויף דער בראָנ-שטול פון פאַרוויגטן רויטאַרמייער.
געוועזן בלאַס און דורכזיכטיק איז זײַן געזיכט
פון אָפּגעגאַנגענע בלוט, פון פּײַן און ווייען.
עס האָט קיין שפּראָצונג ניט באַלעסטיקט נאָך זײַן הויט,
בלויז שאָטנס האָבן אומגעבלאָנקעט אונטער די פאַרמאַכטע אויגן.
דורך פענצטער האָט די וועלט די גאָרע זיך פאַרטרויט,
און ס׳האָט די ווײַסע שטילקײַט זיך א ליכטיקע געצויגן.

IV

אָן אומבײַט און דורכויס, פון וואַך צו וואַך,
מיט אַזאַ ליכטיקן און לײַטערדיקן פלאַטער,
האָבן אויף שטילער שאָטנדיקער שפּראַך
געשושקעט זיך אַליין די זאַכן פון פּאַלאַטע.
פאַרדעקטע טומבעס צווישן בעט און בעט
מיט ניקל-גלאַנצן שעמעוודיק אַדורכגערעדט זיך האָבן.
און צוגעהערט פאַרזאָרגט האָט זיך א יעדער טאַבורעט
מיט די מיקסטורן, מיט די פלעשעלעך און טראָפּן.
און נאָר פון צײַט צו צײַט געטאָן א שאָרך
האָט פון אַן אויפגעמאַכטן בריוו א האַרצעדיקער דרײַעק,
און לאַנגזאַם דורכגעגאַנגען א שאָ איז נאָך א שאָ
אין אַזאַ אויסגעהיטער שטילקײַט א געטרײַער.
און אויפגעכאַפּט האָט זיך מיט א פאַרטויבטן קרעכץ
דער אויסגעפּײַניקטער, דער יונגער רויטאַרמייער,
און אומרויִק, ווי עפּעס זוכנדיק פון לינקס אויף רעכטס,
גענומען האָט זײַן קאָפּ מיט א געוואָי זיך דרייען...

V

געהערט האָט פונ זײַנ קאָל זיכ א געפליס
מיט אזא ווײטעקלעכנ כליפע יעדער ווײַלע:
— נעמ, כאווערל, נעמ, דעק מיר אָפ די פיס,
נעמ, כאווערל, אראָפ פונ מיר דעם לײַלעכ!..—
דער קאָפ האָט פונ דעם קישנ זיכ געטאָנ א ריס,
געשטרעקט אינ היצ האָט זיכ זײַנ בליק צו דער פאלאטע:—
איר ווײסט ניט, ברידערלעכ, ווו זײַנעג מײַנע פיס?
איר ווײסט ניט, ברידערלעכ, כ׳האָב בײדע פיס געהאט דאָכ?!—
אונ מיט דער האנט, קימאט א קינדערשער, האָט ער
געטאָנ א טאפ דאָס טאבורעטקעלע דערנעבנ
אונ צו דעם שאָכנ זיכ א וואָרפ געגעבנ:— הער,
ווי וועל איכ איצטער גײנ? ווי וועל איכ איצטער לעבנ?—
געוועג די ליפנ זײַנעג שווארצ, איבערגעברענט,
אונ זיכ גערײכערט האָט אפ זײ בלויז א געשטאמל.
אלײנ צעוואָרפנ האָבנ זיכ אינ פיבער זײַנע הענט,
אונ ווי פונ שלאָפ האָט ער געקרעכצט, פארגײענדיק זיכ:— מאמע!..

VI

דער קרעכצ האָט אינ פאלאטע אלעמענ געפלעט,
איבערנ הארצ איז ער אדורכ מיט מעסערס שארפע.
געוואלגערט האָבנ זיכ נאָכ שטעקשיכ בא דעם בעט,
ווי זײ וואָלטנ געווארט — מע וועט זײ עפשער נאָכ באדארפנ...
געוועג זײ זײַנעג לעבעדיק-צעקנײטשט. מיט שטויב פארהילט.
ווי ס׳וואָלט די ווארעמקײַט פונ פיס אינ זײ געהויזט נאָכ.
אונ דער פארווונדעטער געשיקלט האָט פונ סטעליע צו דעם דיל
מיט ווײ פונ אויגנ פונ אנטבלויזטע.
אונ לעווינ צוגעשפרונגענ איז צו אימ,
זיכ האלטנדיק פאר ווענטלעכ פונ די בעטנ,
אונ פול מיט צארטקײַט איז געוועג זײַנ שטימ,
נאָר ניט געוווּסט, וואָס זאָגנ אימ ער וועט דאָ...
האָט ער די שטעקשיכ בלויז אוועקגעשארט פונ בעט
אונ אפ דעם פוס דעמ אײנציקנ געלאָזט זיכ ווײַטער.
זיכ אומגעקערט האָט ער אינ דער פאלאטע שפעט.
די שטילקײַט איז געוועג דאָרט טפילעדיק-געלײַטערט.

27. די העכסטע פּרווו

I

א גאנצע נאכט ניט צוגעמאכט דער דאָקטער האָט קיין אויג.
געפֿילט האָט ער שוין ווידער אין שפּיטאָל זיך פֿאר אן אלטן.
א יעדער ווײַל האָט ער צום טיש געגעבן זיך א בייג,
זײַן בליק האָט לאנג זיך אפֿ א פֿאָטאָ-בילד פֿארהאלטן.
ס׳האָט מער זײַן וויי, ווי זײַנע אויגן, זיך געלייגט דערופֿ,
און אָפּגעשטעלט דאָס הארץ א יעדער ווײַל האָט זיך פֿון וויי אים.
ארויפֿגעקוקט פֿון בילד האָט א צונויפֿגעדרייטער גופֿ
פֿון א געפֿאנגענעם פֿארברענטן רויטארמייער.
די קני — ארומגעלעקט פֿון פֿײַער און פֿארצערט,
זײַן אָפֿן מויל, אָן ליפּן, האָט געהויערט,
ווי ס׳וואָלט פֿארברענטערהייט געשריגן פֿון דער ערד
מיט א געשריי פֿון יאמען טרויער.
דאָס בילד בא אן עסעסאָווצע געפֿונען מ׳האָט אין טאש,
נאָכ דעם, ווי ס׳האָט א קויל דעם ברוסט-קאסטן געטאָן א דיר אים;
אצינדערט ליגט ער אין שפּיטאָל מיט א באנדאזש,
ס׳שטייט פֿאָר מארגוליסן פֿארטאָג אים אָפּערירן.

II

א שטילקײַט אפֿ ארום, ווי אין א טהאָם.
עס שור׳וועט אום דער טויט צווישן די בעטן.
אפֿ א ספּירטאָווקע אין א בוטעלע פֿון כראָם
זיך דורכגעזאָטן האָבן סקאלפּעלס און פּינצעטן.
געגרייט די אָפּעראציע האָט מארגוליס אקוראט.
דער טיש אין מארליע אָנגעהויפּנט, ווי אין שנייען.
ער דארפֿ נאָכ איצט באזאָרגן אָט דעם קאט,
מיט שלאָפֿ-געטראנק פֿארמינערן דעם וויי אים —
דעם, וואָס דער וועלט פֿארשאפֿן האָט אזויפֿיל וויי
מיט יעדן ריר, מיט יעדן קער, מיט יעדן ווענדע.
די אויגן גיבן זיך מיט פֿײַן דעם דאָקטער א פֿארוויי,
און ס׳לאָזן זיך אליין ארויפֿ די הענט אים,
דאָס הארץ ווערט אים, ווי פֿון א שטורץ, פֿארפּרעסט,
און ס׳גיט א שפּאר צום האלדז דער ווייטעק ביז צום שרײַען:
ווי לאָזט מען צו דאָס לעבן נאָ׳נט צו אזא פּעסט?
ווי שטויסט מען אָפּ דעם טויט פֿון אזא כײַע?

III

די נאכט איז ערגעץ ווײַט געלעגן שוין צעפליקט,
זיך אָנגעהויבן האָט דער טאָג מיט לעצטן פאל פון בלעטער.
אוועקגעשטעלט זיך האָבן פארן דאָקטערס בליק
די ייִדן די געקוילעטע פון שטעט און שטעטלעך.
זיי האָבן צו דעם טיש אים צוגיין ניט געלאָזט,
אים האָט געדוכט, אז פאר דעם טויט צושטייער
טוט זײַן געצײַג אליין זיך אָן אין ראָסט,
די היץ דערשטיקט אליין אין זיך דאָס פײַער.
נאָר ער געגאנגען איז. ס'האָט אָטעם אים פארפעלט,
ווי ס'וואָלט פון אש א זאווערוכע אים פארווייעט.
פאר זײַנע אויגן האָבן ביימער אָפּגעברענטע זיך געשטעלט,
בא וועלכע ס'זײַנען לעבעדיק געווען געצונדן רויטארמייער.
זיי האָבן אים דעם וועג פארוואלגערן געפרווּוט
מיט ביימער, ווי מיט צווײַגן אָנגעבראָקטע,
נאָר צום פארווּנדעטן האָט אים געטריבן זײַן בארוף,
זײַן פליכט זײַן הייליקע פון דאָקטער.

IV

אָט טרײַבט עס אים פאָרויס, אָט טראָגט עס אים צוריק —
איןביידע זײַטן שלײַדערט עס און ס'ציט אים.
ער האָט געפילט, ער ווערט דערשטיקט
אונטער דעם בארג פון זײַן בארוף און זײַנע זיטן.
אוועקגעשטעלט האָט זיך זײַן פאָטער קעגן אים:
די באָרד — אין בלוט, די אויגן — אָפענע, באזינטע.
צי הערט דער דאָקטער ניט פון יענער וועלט זײַן שטים,
ער הענגט ביז איצט נאָך אף א פליגל פון דער ווינטמיל?!..
געטאָן א וויג האָט זיך פאר זײַנע אויגן דער באראק
פון די געפאנגענע באם סוינע אין דער טיף דאָרט,
ווּ דײַטשן היילן רויטארמייער מיט דער האק,
ווּ די דאָקטוירים שטעקן אָן זיי מיט פארגיפטונג.
עס שטעלן זיך פאר אים, ווי איידעס, שטיין און ביין,
ער ווייסט עס גוט און קייפלען נאָך ער קאָן עס, —
וואָס זשע דערשטיקט ער ניט די מענטשלעכקײַט בא זיך אין הארץ אליין?
וואָס האלט ער אין זײַן הארצן ווי א סוינע דעם ראכמאָנעס?

V

אימ האָט געדוכט, דערווײדער איז דער ערד אליינ,
אימ האָט געדוכט, אז מיט זײַנ פליכט ער איצט פאראט זי.
דאָכ דעמ פארוווּנדעטנ ארײַנפירנ האָט ער
געהייסנ צו דער אָפעראציע,
דערגרייכנ זאָל זײַנ הויכער פײַנ דעמ גרונט,
וואָס מיט דער ביטערקײַט פונ גענעמ איבערפול איז.
האָט ער באפוילנ אימ ארומוואשנ די וווּנד:
„ניינ, מיט א ליגנדיקנ שלאָגט זיכ ניט מארגוליס!"
ער האָט בלויז, טראכטנדיק, געקוקט אפ זײַנ געוועב,
ווי אינ דעמ מענטש צוריק די כײַע איז אנטשטאנענ,
אפ ווײפל שווארצע אָפגרונטיקע טרעפ
האָט זיכ א קויקל אפ צוריק אראָפ געטאָנ גערמאניע...
אימ באמ פארוווּנדעטנ איז יעדער ווײַל געוואָרנ קלאָר,
אינ אימ זיכ גראָבנד מיטנ סקאלפעל אינ די הענט שוינ:
ניט בלויז פונ אימ די וווּנד, נאָר גאָר זײַנ דאָר
באדארפ מענ אויסשנײַדנ ווי ווונדפלייש פונ דער מענטשהײַט!

VI

דאָכ האָט דער דאָקטער ביזנ סאמע סאָפ פונ טאָג
שוינ מער קיינ אויגנבליק געפונענ זיכ קיינ רו דאָרט.
נאָכ לאנג געהוידעט אינ זײַנ הארצ האָט זיכ די וואָג
אונ זײַנ געמיט אונ זײַנ געוויסנ אימ גערודערט.
מיט די פארוווּנדעטע, פונ לינקס אונ רעכטס,
האָט ער באמיט זיכ ניט צו זענ דעמ גאנצנ טאָג דאָרט.
אימ האָט געדוכט, צו אימ זיכ ווענדעט יעדער קרעכצ
מיט א פאריבלדיקער טײַנע: „כאווער דאָקטער!
אויב ס'וועט צו מאָרד אמאָל נאָכ אופוואכנ דער קאט,
וואָס איר באלעבט אָט דאָ מיט אײַער היילונג,
וועט עס ניט זײַנ דענ פונקט אונ אקוראט,
ווי איר אליינ אינ אזא מאָרד וואָלט זיכ באטײליקט?"
ער האָט ווי קיינמאָל זיכ א שולדיקער געפילט,
פארפאָלגט האָט פונ פארוווּנדעטע דער וויי אימ,
אונ ניט געוואגט האָט ער א קוק טאָנ אפנ בילד
פונעמ געפאנגענעמ פארברענטנ רויטארמייער.

VII

דער טאָג דער הארבסטיקער האָט טרויעריק דערברענט,
זיך אָפּגעריסן, ווי פֿון בוים זיך רײַסט א בלאט אָפּ.
ארומגעגאנגען דאָס בילד איז אויף די הענט
צווישן די קראנקע פֿון פּאלאטע צו פּאלאטע.
געקוקט אויף דעם מ׳האָט, קריצנדיק מיט די ציין,
איבערגעגעבן מ׳האָט עס, שווײַגנדיק, איינס דעם צווייטן,
און אופגעהויבן האָבן פויסטן זיך אליין,
דאָס הארץ זאָל ניט צעפּלאצט ווערן פאר ווייטיק.
ס׳האָט ניט געטראכט מער קיינער פֿון דער היים,
מ׳האָט אין די ווונדן אין די אייגענע פארגעסן,
און א פארשווערונג האָט א גיי געטאָן געהיים —
ס׳איז מער ניט אײַנגעגאנגען קיין רו און ניט קיין עסן.
איבערגעברענט האָט אין די מײַלער יעדער וואָרט,
און ווי א סרייפע האָט דער צאָרן אויסגעבראָכן.
ס׳האָבן די בעטלעך זיך א רוק געטאָן פֿון אָרט,
ס׳האָבן אָנפּיסיקע זיך אופגעשטעלט פארשפּראָכן...

VIII

פֿון די פּאלאטעס זיך געטראָגן האָט א ראש.
איבערגעפולט האָט דער שפּיטאָל זיך מיט געטומל.
געטײַט פֿון טראָגבעטלעך באנדאזש האָט צו באנדאזש,
מיט ווײ דער צאָרן דאָרט געטריפט פֿון אומעטום האָט.
דער אומרו אופגעגאנגען איז, געטאָפּלט זיך, געמערט.
פֿון ראש — אן אויסגעשריי. דאָס אויסגעשריי — ווי בלײַ ווערט:
— וואָס האָט מען אין שפּיטאָל עסעסאָווצעס געבראכט אהער?
דאָס הינטיש בלוט זייערס אין דר׳ערד ארײַן! צום טײַוול! —
און פֿון פּאלאטע צו פּאלאטע — א געשטויס!
שוין טירן אופגעכראסטעט, ריגעווען זיך אָפּן.
און ווי א ווינט זײַנען פארוווּנדעטע ארויס,
מיט קוליעס און מיט דויבעשקעס באוואָפנט,
און זיך געלאָזט אין פיבער און אין היץ,
און דער געטומל טראָגט זיך אין דער ווײַט שוין:
— ווו זײַנען זיי? — האָט דורכגעבלאנקט א בליץ, —
צום שעד די הינטישע געדערים פֿון די דײַטשן!

אונטער די פיס זיך אופגענעפלט האָט א שטויב,
אינ גאָרגלענ איז געוואָרנ יעדער ווײַלע ענגער.
עס האָבנ פויסטנ זיך געגעבנ אינ דער הייך א הייב,
צעפּאָכט האָבנ זיך דויבעשקעס אונ דרענגער.
מיט אנ אראָפּגעלאָזטנ קאָפּ אינ וועבלענעמ כאלאט
האָט צווישנ זיי דער דאָקטער, אײַלנדיק, געשטעלט זיך,
נאָר וואָס צו זאָגנ האָט ער ניט געהאט
די אויגנ, אָנגעגאָסענע מיט פלאמ, די העלדנער,
וואָס האָבנ אויסגעלאָדנ אזא אומענטשלעכנ וויי,
אינ ציכטיקע באנדאזשנ זאָרגפעליק געשמידטנ.
אונ ער, צעטומלט, איז געשטאנענ צווישנ זיי
אונ פאר דעמ צאָרנ זײַנ א הרעבליע זיך באמיט דאָרט,
פאנאנדערטיילנ זיי באמיט זיך, ווי א וואנט,
בארויקט די פארוווּנדעטע ער האָט דאָרט.
ער האָט געטאָנ, ווי ס'האָט געהייסנ דער פארשטאנד,
אונ זיי — ווי ס'האָט גערעכטיקײַט געפּאָדערט.

28. אפנ וועג קיינ טאשקענט

I

די פליאגע אויסגעזײַט ביז צו דער שפענט,
דאָס ברויט אינ רוקזאק אויסגעטריקנט שוינ א צײַט איז.
געצויגנ האָט אנ עשעלאָנ זיך קיינ טאשקענט
דעמ צוועלפטנ טאָג איבער די מידבערדיקע ווײַטנ.
א קעמל האָט געטראָפנ ערגעץ זיך אינ וועג,
דאָס מויל פאריסנ, מאלעגיירענדיק דעמ אומעט.
קיינ זעמדל האָט אינ ערגעץ ניט געטאָנ זיך קיינ באוועג,
געקוקט פונ ווײַטנ האָט דער מידבער, ווי א מומיע.
ארומ א טעלעגראפנ-סלופּ האָט זיך געקרײַזלט א בערקוט,
געשטעלט זיך אפנ שפיצ, צונויפגעלייגט די פליגל
אונ מיט די נעגל אָפּגעשלאָגנ זיך פונעמ געהוד,
דעמ פיסק דעמ מעכטיקנ פאריגלט.
„מע עסט זיך מיט דעמ פּאָרעכצ אָנ איבערגענוג",
געטראכט האָט לעווינ, צו דער שויב זיך טוליענד.
אראָפּגעגאנ איז ער א בלאסער פונעמ צוג
בלויז מיט איינ פוס אונ מיט א פּאָרל נײַע קוליעס.

II

א ליכט א גאָלדענע איז אופגעגאנ פונ טאָל,
אונ דורכ אריקנ זיכ געטראָגנ האָבנ ווינטלעכ ווייכע.
זיכ אויסגעשריבנ לעווינ האָט ניט לאנג פונעם שפּיטאָל
א ביסל אָפּגעצערט, נאָר מיטנ זעלבנ שמייכל.
געשטאנענ ער אצינד אפ דה׳ערד איז מיט איינ פוס,
זיכ איַינגעקוקט אינ אלע פיר צעשפּארטע זיַיטנ:
וואָס זאָל ער טאָנ מיט זיכ — האָט ער נאָכ ניט געוווּסט,
אונ ניט געוווּסט, ווּהינ זאָל ער זיכ לאָזנ וויַיטער...
באגראָבנ איז זיַינ היימ אונטער א בארג מיט אש,
דאָרט זיַינענ אלע ייִדנ אויסגעהארגעט.
א טאפּ געטאָנ דאָס אָרט, ווּ ס׳האָט געהויזט זיַינ פּאטראָנטאש,
אונ ס׳האָט אנ אומעט אימ אזא גענומענ ווארגנ.
דער קאָפּ עטוואָס גענעבנ האָט א פאל:
דריַי פּערטל מענטש. געבליבנ ווייניק וואָס צו היטנ...
אונ מיט דעמ פוס דעמ איינציקנ ארופ אפנ וואָקזאל,
א וואָרפ געטאָנ די קוליעס, זיכ אוועקגעזעצט אינמיטנ.

III

אונ גליַיכ דערפילט אפ זיכ א בליק מיט טרויער אונ מיט נײַגיר:
— וואָס זיצט איר דאָ? — האָט לעווינ זיכ געטאָנ א נע׳נטער צו, —
א ייִד? — א ייִד! מיר ווארטנ אפ א צוג!
— ווּהינ? — וואָס הייסט ווּהינ? צוריק קיינ „ניט-געדיַיגעט!“
כאָטש ס׳האָבנ ייִדנ דאָ געהאט, באָרעכ-האשעמ,
ניט צו פארזינדיקנ, דאָס שטיקל ברויט, א דאכ, אונ א פּאָר הויזנ,
אינ פערגאנא דעמ „ניט-געדיַיגעט“ ניט פארשעמט,
ווער אינ קאָלכאָז, ווער — בא דער בויונג, ווער — אזוי זיכ...
אונ ווער צו וואָס עס טויג זיכ אויס, ווער — וואָס סע קאָנ,
אונ טאקע מיט די קינדער אונ די וויַיבער.
אונ אָט אזוי פאוואָליע אָפּגעפידלט צוויי סעזאָנ,
אז עפּעס אפ צוריקוועגס זאָל נאָכ בליַיבנ...
אונ אָפּגעשפּאָרט א ביסעלע אוריוק,
אינ ראָזשינקעס זאָל אויכ די ערשטע צײַט ניט זיַינ קיינ מאנגל.
אונ איצטער ווארט מענ אונ מע קאָנ זיכ ניט דערווארטנ אפ א צוג,
מע זאָל זיכ נאָר דערמאָנענ אימ אמאָל דערלאנגענ.

IV

ווי ס'זעט זיכ אויס לויט דעמ, וואָס שטייט אינ בלאט,
איז לערנט מיטנ דײַטש די רויטע ארמיע באָלעק!..
זי צאָלט אימ אויכ פאר אונדז דאָרט אקוראט,
דעמ גאזלענ דעמ אמאָלעק...
אצינד, באדארפ מענ לערנענ דאָכ דעמ פשאט,
וועט פאר געוויס שוינ לאנג ניט אויסקומענ צו ווארטנ!
אונ איר ווי מיינט? איר זײַט דאָכ עפּעס א סאָלדאט!
דער כעזשבנ, לעפּי-דײַטי, טראָגט — ביז כאנעקע! אונ פארטיק! —
האָט ער עס לעווינענ קימאט שוינ אײַנגערויבט צומ שלומ.
דער ווינט האָט, לויפנדיק, א צי געטאָנ פונ אימ די פּאָלע
אונ אָפּגעדעקט א וואנדעראָוונעמ גאָלעסדיקנ פוס.
ער איז געוועננ פארקילט, פארבראקנעט אונ געשוואָלנ.
— אראָפּגעכאפּט מיט צוויי יאָר צ'ריק וואָלט איר זיכ אינ דער צײַט, —
האָט בא דעמ זאָקנ זיכ א קנייטש געטאָנ די ברעמ אויס, —
וואָלט איר געזענ... נו, דאנקענ גאָט... עס איז שוינ ווײַט,
אז ניט פאר אײַכ געדאכט: אָט זײַט איר דאָ, אָט זײַט איר „באָרעכ דײַענ עמעס"!

V

נו, אָט! — האָט ער געטאָנ א וואָרפ דעמ בליק
אונ מיט א כריפּ דעמ אָטעמ טיפ פארצויגנ, —
אָט דאָ-אָ, ווו איר שטייט, ערשט מיט צוויי יאָר צוריק
איז, ניט פאר אײַכ געדאכט, א בעזשניק אויסגעגאנ פאר מײַנע אויגנ..
איר זעט דעמ הימל? איז ער דאנ געוועזנ הוילע שטויב!
איר זעט די וואָלקנס? איז עס דאנ געוועזנ הוילע רעגנ!
אונ צוגנ האָבנ צוגעוואָיעט גרילצנדיק אונ טויב
צו די געקומענע, די נײַע אוילע-רעגל...
געוויינט האָבנ אליינ די טאָרבעס פונ דער ערד.
דער רעגנ האָט געפּאטשט אינ קישנס, ווי אינ פויקנ,
אונ קלאָלעס אפנ דײַטש האָבנ זיכ מײַלנ-ווײַט געהערט,
דער רעגנ איז געגאנ איבער די אײַנגעדעקטע הויקערס,
אונ ניט געײַלט האָט זיכ פונ אינדערפרי ביז אינדערפרי
די ביטערע טאַשקענטער כמארע,
אונ באמ וואָקזאל געלעגנ איז דער ייִד
אנ אָפּגעוואשענער, ווי נאָכ דער טארע...

VI

ס׳האָט לעווינ אויסגעהערט אימ אופמערקזאמ, באדאכט,
זײַנ שמייכלדיקנ בליק האָט לעווינ ניט געקאָנט פארבײַגיינ.
— אונ איר ווער זײַט? — האָט מיט דער קוליע ער געטאָנ א מאכ.
— כ׳בינ אויכ א ייִד! א בעזשענעצ פונ „ניט־געדײַגעט״! —
ס׳האָט לעווינ דעמ וואָקזאל שוינ ווי א היימישער באטראכט,
צי זײַנענ נאָכ אזעלכע דאָרט ניטאָ מער...
אונ צו דעמ ייִדנ צוגעזועצט זיכ הארט:
— צי האָט איר ניט קיינ זונ אפ דער מילכאָמע?
— ניט איינעמ, טײַערער! נאָר פינפ האָב איכ געהאט...
אונ אלע פינפ אוועקגעלייגט די קעפ, ווי אָפּגעהאקטע צווײַגנ...
איר קוקט מיכ אָנ... מע רופט מיכ מענדל, ליבינקער סאָלדאט,
איז וואָס זשע זאָגט איר, טײַערער, מיקויעכ „ניט־געדײַגעט״?
געהאט... קיינ מאזל ניט געהאט כ׳האָב נאָר צו זיי...
אונ ניט צו זיכ, אז כ׳זאָל אינגאנצנ ניט געבוירנ ווערנ...
נאָר וואָס?.. ס׳ווערט קיינמאָל ניט א ייִד פארפאלנ אינ ראסיי,
ס׳א לאנד, זאָג איכ אײַכ, טײַערער, פונ זענ אונ הערנ...

VII

איר קוקט מיכ איצטער, כאוורל וואָיענער, אָנ, —
געהאלטנ האָט אָנ אופהער אויסריידנ דער ייִד זיכ, —
ווענ ניט אָט די קאָלכאָזנע צוויי סעזאָנ,
אונ דער אוריק, אונ די ספירטאָווונע היצנ,
געהאלטנ וואָלטנ מיר איצט בא דער סעדרע „אכריי־מויס״
אונ צ׳ריק אהיימ זיכ מער שוינ ניט געזאמלט...
אצינדערט זע איכ ווי א מיילעכ אויס, —
געדארפט האָט איר אפ מיר א קוק טאָנ דאמאָלט!..
נאָר, דאנקענ גאָט, געוואָרט אונ זיכ דערוואָרט,
אצינד קיינ „ניט־געדײַגעט״ צ׳ריק אונ פונ מא־טויווו — ווידער!.. —
„אָט דאָס, הייסט עס, — געטאָנ האָט לעווינ שטיל א טראכט, —
געבליבנ איז מעזומענ פונ א וועלט מיט ייִדנ...״
ער האָט פונ טאָרבעלע ארויסגענומענ, וואָס ער האָט געהאט —
א לאבנ ברויט, א ביסל צוקער פונעמ דנאָ ארויסבאקומענ
אונ — זיידעניו, — א זאָג געטאָנ, — כ׳לויפ עפּעס נעמענ אפנ אטעסטאט,
אונ איר ווערט זיכ מאטריִעכ זײַנ א קוק טאָנ אפנ קלומעק.

VIII

ווען באַם פאַרגיין געהאַלטן האָט דער טאָג,
האָט זיך געזאָגט אַליין דער שניַידער לעווין:
— כ׳וועל זאָגן, ווי מײַן זיידע האָט געזאָגט:
הבל הבלים הכל הבל![10]
— און ווער איז עס געווען דער זיידע דײַנער, ווער? —
איז יעדן איינציקן געווען ציקאַווע.
— געווען מײַן זיידע איז אַ פּראָסטער בער,
געווען מײַן באָבע איז אַ גאָלדענע פּאַווע...
ווי נאָר אַ פייגעלע צום שטוב פאַרפליט,
איז אויס געניי, איז אויס געהאַווע.
דעריקער איז געווען די גאָלדענע ליד,
די גאָלדענע ליד וועגן דער גאָלדענער פּאַווע,
און אַ טרונק בראָנפן נאָך דערצו, געוויס,
ס׳זאָל ווי דער הימל ס׳האַרץ זיך טאָן אָן עפן.
און אַלץ דאָס איבעריקע איז —
הבל הבלים הכל הבל!

IX

ווען צוגעכאַפּט צום ביסל בראָנפן זיך ער האָט
און אויסגעליידיקט באַם וואַרשטאַט אַ האַלבן שקאַליק,
איז אויסטײַנען האָט ער זיך ליב געהאַט מיט גאָט,
אַרײַנרײַבן אַ פּאָסעק אין דער גאַל אים:
„אַ וועלט האָסטו עס אויפגעטייט, אַ וועלט,
איז מעג זיך ווינטשן אַזאַ יאָר דער בעסטער שנײַדער!
נאָר קוקסט זיך צו — איז דאָ ביסל פעלט,
און דאָ איז שוין צו פיל, און ערגעץ איז פאַרשמײַדיקט!
אוי ווי מיט די געענדז, לעהאַוודל — אַקוראַט,
זאָלסט פאַר די רייד פאַר מײַנע, גאָט, מיך נאָר ניט שטראָפן.
דער ראָוו האָט זיך אַ ביידער גענדז, אַ קאָשערן באַשטאַט:
און אָפּ די קאַטשקעס כעזשבן זיי פאַרפוצט דאָרט אין פאַנטאָפל".
ער גיט אים נאָך עפּעס אַ זאָג פון דאָס און יענץ,
די אויגן גיט צו אים ער אַ פאַרגלײַז פון אויבן:
„נו, מיילע!.. העלף אים, גאָט, מעגאַדל זײַן די גענדז
לעטוירע, אולעכופּע אולעמײַסים-טויווים!"

X

געוועז — און אויס! שוין לאַנג אױף יענער זײַט פון ראַנד, —
גיט לעווין טרויעריק אַזאַ פאַרטראַכט זיך.
דעם זיידנס טויט האָט ער זיך מיטאַמאָל דערמאָנט,
און ס'האָט אַ זיסן קלעם געטאָן אים פאַרן האַרצן.
אַ מיניען שנײַדערס פון די עלטסטע אױפן שטאָט
דעם לעצטן טאָג פאַרופן האָט צו זיך אַהיים ער.
געמאַכט מ'האָט אַ לחיים, צוגעווינטשט, אַז גאָט
זאָל צושיקן דעם חולה אַ רפֿואה-שלימה.
האָט בײַ דעם זיידן זיך אין בליק געטאָן אַ צונד
אַ פֿײַערל אַ טרויעריקס מיט יונגער בליונג:
„איר ווינטשט מיר, ייִדן, בעסער צו,
ס'זאָל מײַן נשמה האָבן אַן עליה!"
און האָט זיך אויסגעקער'וועט צו דער וואַנט,
אין קראַמפּן אויסגעאָטעמט שטיל „ראַבויסײַ",
און ס'האָט אַליין אַ פֿאַל געטאָן זײַן האַנט,
ווי ניט אָט דאָס איז ער דאָ אויסן...

29. אַ שפּרונג אױף איין פֿוס

I

און שטייענדיק אַזוי מיט איין פוס אױף דער ערד,
באַטראַכט די וועלט האָט לעווין פּונדאָסנײַ דאָ.
אַ פײַף געגעבן אומעטיק צו זיך אַליין האָט ער:
„נו, לעווין, אויס סאָלדאַט און ווידער שנײַדער!"
ער האָט געהאַט שוין אויסגעקוקט די גאַנצע שטאָט
און אױף די גאַסן אַלע אויסגעוועזן שוין,
געזען די גרינסן אַלערליי, געזען די קאַוועגעס ער האָט
און אויסגעזען אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט מיט מענטשן.
אין יאַרמעלקעס קאָלירטע, לויטן שטאַנד,
מיט בערדלעך שיטערע, פּונקט ווי פאַרצילעוועטע פּאָדעם,
און אייניקע פון זיי האָבן אַ ביסל אים דערמאָנט
אין די, וואָס זײַנען אויסגעמאָלט אין דער הגדה.
ווער מיט אַ זינגענדיקן קעלעכל אַ דינס
און ווער בעלאַכאַש זיך געוויגט האָט באַם רונדוקל.
געקויפט, פאַרקויפט, מיט העזעק און פאַרדינסט, —
נאָר וויפל איז דער שיר צו שטיין און קוקן?

II

באגעגנט אפּנ וועג האָט ער אַנ אַלטנ מאַנ
אינ אַ קאָלירטנ בעגעד, אויסגעטריפּלט קונציק.
מיט קנייטשנ-קסאוו, וואָס האָט אינ שפּינ-געוועב דערמאַנט,
געוועג די זונ אינ זײַנ געזיכט איז אײַנגערונצלט.
געגאַנ פונ אים איז אַ געזאַנג, ווי ס'גייט אַ רויש פונעם אַריק,
אונ ווי אַ וואָלקנדל געטײַעט — ניט צום זענ, ניט צום באַנעמענ.
אונ וויגנדיק דעם קאָפּ מיט האַלב-פאַרמאַכטנ בליק,
איז אַפּ נעמאָנעס נאָכגעגאַנ אים גלײַכגילטיק אַ קעמל.
ס'האָט לעווינ אינ דעם זאָקנ זיכ געגעבנ אַ פאַרזויג,
אַפּ כּידעש ער די אויגנ האָט געגעבנ אַ צעפּראַלע,
ער האָט זיכ עליִעזערנ אינ כומעש פאָרגעשטעלט אַזוי,
ווענ ער געגאַנ איז אָנקוקנ פאַר יִיצכאָקנ אַ קאַלע...
זיכ אומגעקערט אַפּנ וואָקזאַל האָט ער צוריק,
אינ אָקרעפּ האָט דאָס קעסעלע געגעבנ אַ דערמאַנ אים.
ניט אָפּגעטאָנ האָט זיכ דער זאָקנ מיטנ קעמל פונ זײַנ בליק
אונ גאַנצ טאַשקענט, וואָס האָט געשמעקט מיט ביינ-האַזמאַנים.

III

אונ שטייענדיק אַזוי מיט איינ פוס אַפּ דער ערד,
האָט ער באַטראַכט מיט קאָפּ זײַנ ווײַטערדיקנ גוירל.
ער האָט שוינ דאָ, אַפּנ וואָקזאַל, אַזוינס זיכ אָנגעהערט,
געוואָרנ אויכ אַפּנ וואָקזאַל איז ער געווירע,
אַז יִידנ אַרבעטנ אַצינד אַפּנ אוראַל,
אַז יִידנ האָבנ זיכ באַזעצט אַפּ קאַזאַכסטאַנער סטעפּעס.
ס'האָט פונדאָסניי די וועלט געטאָנ זיכ אַ צעפּראַל,
אונ אָנכאַפּנ אינ איר מ'האָט זיכ געדאַרפט פאַר עפּעס —
אינ וואָס-ניט-איז זיכ געבנ אַ פאַרזויג.
געכאָלעמט האָט זיכ ווידער שוינ דאָס שנײַדערײַ אים.
די נאָדל נעמענ נאָכ דער ביקס וועט זײַנ אים פונקט אַזוי,
ווי אינ טאַשקענט זיכ דורכשטופּנ אינ די טראַמוויײַענ.
אונ מיטנ רוקזעקל דעם דאַרנ אינ די הענט
אינ וועג זיכ לאָזנ ווײַטער — פּיקס-אונ-פּאַרטיק,
האָט ער אַ זאָג געטאָנ צו זיכ: גענוג טאַשקענט!
ס'איז צײַט שוינ וועגנ טאַכלעס, זיאַמע, דיר אַ טראַכט טאָנ!

IV

ער האָט פאַרייכערט, זיך פאַרהוסט
און שמייכלדיק געטאָן די אויגן א צעעפן:
וואָס שפּילט בא דיר א ראָליע איצטער אפ איין פוס
צו דעם אוראל א שפּרונג טאָן, זיאמע לעווינ?
צו קאזאכסטאַן איז אים געלעגן ווייניקער דאָס הארץ:
דאָס לאָשן און דער סטעפּ דער הוילער...
כאָטש דאָרטן זיינען פּליטים אויך געווען א סאך
פון אומעטום — פון אוקראַינע און פון פּוילן,
און זיך פון בערעקעס געלערנט מאכן פּלאָוו,
און אפ די ייִדישע מײַכאָלים אים פאַרטוישן,
און קעמלען אָנטרײַבן, און שערן שאָף,
און טראָגן אפ די קעפּ געפּאַקעוועטע קוישן.
אָבער אז אויסקלייבן ער קאָן זיך, ווו ער וויל,
קאָלזמאַן בא אים אליין איז נאָך די דייע,
איז וואָס באדאַרף אזא מין ווײַטן טיל
א מענטש, וואָס איז נאָך ערשט געווען א רויטאַרמייער?

V

און אז מע וויל, איז דער אוראל פונקט ווי א פראָנט. קעמוי.
דאָרט, ווייסט ער, קאָכט מען יעקען פּרימלעכע געקעכצן,
אז אויסברעכן זאָל ער די קישקע דורכן מויל,
אפילע ניט באוויײַזנדיק, ווי ס'דאַרף צו זײַן, א קרעכץ טאָן.
און פאָרשטעלן דעם קאַנט געגומען זיך האָט ער:
א קאַנט א גאַנצער אין א ריזן-באַטאַריי פאַרוואַנדלט.
די טאַנקען שפּאַרן זיך אליין ארויס דאָרט פון די בערג,
און ס'רײַסן זיך די בערג אליין מיט פײַער צו די ראַנדן.
דירעקט געצילעוועט, דירעקט און גראַד.
פאַרזיי, און שניט, און שוין די סטויגן!
און מיידלעך באַם מאַרטען און מאַמעס באַם פּראָקאַט.
איז וועט א מענטש מיט איין פוס אויך צו עפּעס טויגן!
און נאָך! — האָט אים צעוואַרעמט דער געדאַנק,
פונקט ווי צו זיך אין ווזוואָד קאָן ער אהין אצינד א גיי טאָן.
ער ווייסט דאָך יאָ די טײַטש פון אן אוראַלער טאַנק,
פאַרוואָס זשע זאָל ער אפּן פראָנט ניט קאָנען זיי באַגלייטן?

VI

אים האָבנ פרעסט ניט אָפגעשראָקנ פונ אוראל
ער וועגנ זיי האָט רויִק אָפגענומענ גרוסנ.
דאָס מאכט ניט אויס אפילע אינעמ ערגנטנ פאל,
ווײַל קאלט, באָרעכ-האשעמ, וועט בלויז אימ אינ איינ פוס זײַנ!
פיל שווערער וועט אימ זײַנ זיכ טאָנ א באק
ערגעצ אפ זאמדיקע אפ הייסע קאראקומענ...
אונ נאָכ: קיינ כיישעק ניט געהאט האָט ער צו א קישלאק,
אונ ס׳איז דאָכ מיט איינ פוס ניט לײַכט אזוי אהינ צו קומענ!
ער האָט א קוק געטאָנ מיט אומעט אפ זײַנ שער,
זי האָט מיט אימ דעמ גאנצנ קריג אדורכגעשלעפט זיכ:
„נו, זיאמע, ס׳פעלט דיר שוינ אצינדערט גאָרניט מער,
נאָר ווערנ א צירולניק בא די שעפסנ!"
האָט ער ארופגעכאפט זיכ אפנ ערשטנ צוג,
וואָס איז אפ מײַרעוו אָפגעגאנ דעמ נאָ׳נטסטנ שאבעס,
אונ ניט באוויזנ טאָנ, ווי ס׳דארפ צו זײַנ, א קוק,
האָט פונ דער ווײַט זיכ דער וואָקזאל געשפרייט שוינ פונ טשעליאבינסק.

VII

געווענ איז פײַערלעכ אונ ראשיק דער פעראָנ,
פונקט ווי א שלאכט-לאגער אנ אויסזענ האָט געהאט ער.
געגרייט האָט זיכ צומ אָפפאָר אפנ פראָנט
א פרײַוויליקע טאנקעווע בריגאדע,
פאָרמירט פונ היגע אונ פונ פלייטימ אפ אוראל —
פארשיידנשפראכיקע, געייניקט אינ פארלאנגענ.
באפאלנ לידער האָבנ לעווינענ א שלאל,
געטאָנ אינ הארצ האָט א הארמאָשקע א דערלאנג אימ...
עס האָט די גוורע פונ אוראל אינ זיי געהערשט,
געלאָזט די אורקראפט פונ די בערג האָט זיכ דערקאָנענ.
אנ עמער אָקרעפ האָט געטראָגנ אוראָמ-הערש,
אונ — „ניט פארשפעטיקנ!" — געײַלט האָט אימ עלקאָנע.
צומ פראָנט, פונקט ווי אהיימ, געשטרעקט האָט זיכ דער וועג.
גענומענ ריגעווענ זיכ לאנגזאמ אונ צעצויגנ
האָט, פײַפנדיק, דער צוג, מיט דאמפ באדעקט,
אונ נאָכגעקוקט האָט לעווינ אימ מיט טרערנ אינ די אויגנ...

30. בא א שאַכמאַט־פּאַרטיע

I

אין קאָרידאָר פֿון א שפּיטאָל האָט דורכגערוישט א שאָרך,
דורכ׳ן טירן אָפֿענע האָבן זיך אָנגעזען די בעטן.
צו א שאַכמאַט-טישל האָט אויף א פּאַרטיע שאָך
סאַדאָווסקי דעם מאיאָר מאַרגוליסן פֿאַרבעטן.
ער פֿלעגט מיט אים באַנאַנד א יעדן טאָג
אויף א שפּאַציר א לאַנגזאַמען זיך לאָזן
איבער דעם גרינעם באַדעקטן הויף פֿונעם שפּיטאָל,
און צוזעצן זיך אָפּרוען אויף צוגעפּרעסטע גראָזן.
ביז איינמאָל שוועבנדיק איבער'ן גראָז פֿאַרטראַכט,
אין ביידע זייטן רודערנדיק מיט די קוליעס,
האָט זיך א שטעל געטאָן מאַרגוליס: — וואַרט. —
עפּעס אזעלכעס אין סאַדאָווסקין האָט באַמערקט מאַרגוליס
און זיך פֿאַרקוקט אויף אים, דערלאַנגט א פֿרעג: —
מאַיאָר! ניט אייך האָב איך אַנומלטן געבראַכט קיין מאָסקווע
אויף מיין מאַשין — אין יענע טעג,
ווען אויף דער קרוינשטאָט האָבן דייטשן זיך פֿאַרמאָסטן?

II

סאַדאָווסקי האָט א הייב געטאָן פֿון קאָפּ די הוט.
איבערגעטראָגן זיך אין יענעם האַרבסטיקן געוויטער:
— אז עמעץ האָט קיין מאָסקווע מיך געבראַכט, געדענק איך גוט, —
און אין מאַרגוליסן זיך מיטן בליק אַריינגעשניטן: —
ס'איז איר! — א פּליעסק געטאָן. — איך שווער! —
און פֿריידיק מיט פֿאַרשעמטקייט זיך צעשטאַמלט. —
איז וואָס זשע שוויגט איר, הא, ניט ווייניקער ניט מער
דאָס לעבן מיר געראַטעוועט האָט איר דאָך דאַמאָלט! —
און ביידע האָבן, שווייגנדיק, אזוי נאָר, אָפּן וווּנק
א מעסט געטאָן דעם וועג, דעם דורכגעגאַנגענעם פֿון דאַן אָן.
און ס'האָט באַטייט: דאָס צווייטע מאָל זיך דאַרף מען ערגעץ-ווו
באַגעגענען שוין, ברודער, אין גערמאַניע!
אצינד איז אין שפּיטאָל סאַדאָווסקיס לעצטער טאָג.
און פֿון קאַיאָר האָט מיט א ייִדיש בוך מאַרגוליס ניט צעשיידט זיך,
ס'האָט פֿון זיין ווי אים ווייט געגעבן א פֿאַרטראָג
געלעכטער לויטערער — א ליכטיקע פֿאַרפּלייצונג.

ווי פון א זומערדיקן רעגן אָפּגעפרישט,
אין שטעקשיכ וואָלענע מיט טריט מיט ווייכע
איז צוגעגאנג מארגוליס צו דעם טיש,
אונטער דער האנט פארלייגט א באנד שאָלעם-אלייכעמ׳,
אין קאָזעדאָיעווקע נאָכ אומגעבלאָנקט האָט ער
נאָכ דעם פארקישעפטנ שלימאזלס שפורנ.
אימ אייַנהאלטנ געווענ איז דעם געלעכטער שווער,
צעשטעלנדיק איבער דער שאָכ-ברעט די פיגורנ,
ווי אָנגעטרונקענ וואָלט ער זיכ אליינ
מיט דעם געטראנק פונעמ זלאָדייעווקער פארשייַטנ מערדער.
— וואָס האָט איר דאָרט אזוינס ארויסגעלייענט? —
געפרעגט סאדאָווסקי האָט אנ אָנגעשטעקטער מיט געלעכטער.
— א שנייַדער! — האָט ער פאר די זייַטנ זיכ געטאָנ א כאפּ
און פונ געלעכטער לויטערנ נאָכ אלצ געטייַעט, —
געקויפט א ציג און האָט געבראכט א צאפּ.
גיי, — זאָגט ער, — קאָכ ווארעניקעס און קרעפּלעכ פונ אזא מינ כייַע!

IV

— איכ גיי מ׳ט שווארצ! — א קוק געטאָנ סאדאָווסקי האָט
צום בוכ מיט שמייכל און מיט אכטונג. —
אינ קאָזעדאָיעווקע?.. כ׳געדענק ניט אזא שטאָט...
זי איז באמ דייַטש? ס׳איז אייַער גאנג! וואָס טראכט איר? —
גענומענ א פיגור מארגוליס האָט אינ האנט
און זיכ פארטראכט, ווי אָ געשווומענ אפ די אויגנ האָט א נעפּל:
— זי איז שוינ, דאכט זיכ מיר, אינ ערגעצ ניט פאראנ,
ווי זי וואָלט קיינמאָל ניט געווענ גאָר אינ לעבנ...
— אזוי, אזוי!.. — האָט שטיל ארויסגעכאפּט א מאָס
סאדאָווסקי פונעמ בוכ און זיכ גענומענ אייַלנ. —
הייסט עס, געקויפט א ציג און האָט געבראכט א... וואָס?
א צאפּ? איז גיט אהערצו מיר דאָס פערד דערווייַלע!
דאָס איז א גאנג, פארשטייט זיכ פונ... א שנייַדער אנ אנטיק, —
האָט ער די מייַסע מיטנ קישעפ זיכ געלאָזט אליינ פארטייַטשנ. —
נאָר ס׳מאכט ניט אויס! מירנ זי אָפּנעמענ, די קאָזאָדאָיעווקע, צוריק,
מיט צוועלפ סאליוטנ! אפ צעפּוקעניש די דייַטשנ!

V

מיט איינ אויג אפנ בוכ אונ מיטנ צווייטנ אפ דער ברעט,
אונ אפ מארגוליסנ — מיט ביידע, בילדנדיק א קאָנוס,
האָט ־ פאָרגעזעצט סאדאָווסקי, פלעט נאָכ פלעט,
נאָכ צוויי-דרײַ געננג — אונ אויס דער קאָנ איז.
— איר שפילט עפּעס, מארגוליס, הײַנט אָנ היצ!
די מאלקע היט! אויב זי איז אײַכ א טראָפנ טײַער!
— אונ איר, סאדאָווסקי, גייט, ווײַזט אויס, מיט בליצ! —
האָט מיטאמאָל מארגוליס אָפּגעקלאפּט פיגורנ דרײַ אים.
— נו, דאָס איז שוינ, מײַנ פרײַנט, גערעדט זיכ גלאט אזוי,
איר זײַט מיט אײַער קאָזאָדאָיעווקע אוועק צו ווײַט שוינ!
א פארטיע מיט בליצ, — האָט ער א יעדער וואָרט ארומגעזוימט, —
ווי ס׳איז באוווסט דער גאנצער וועלט, געמאכט האָבנ די דײַטשנ!
אונ ס׳איז בא זיי, ווי ס׳איז באוווסט דער גאנצער וועלט, ארויס
נאָכ ערגער, ווי בא דעמ שלימאזל מיט דער קאָזאָדאָיעווקער מעציִע;
געכאפּט א ציג, געבראכט א צאפּ, געלייזט אזא מינ שטויס,
אז קיינ זלאָדייעווקע צו זיכ די פיס זיי וועלנ ניט דערציִענ!

VI

איז וואָס זשע מאכט איר מיטאמאָל מיכ פאר א פריצ
מיט בליצ... איר וועט דעמ אָפּיצער מיר צוגעבנ דערצו נאָכ!
אָ, יאָ!.. זיי האָבנ אונדז, ווי ס׳דארפ צו זײַנ, געבליצט,
נאָר מיר — מיר האָבנ זיי, ווי ס׳דארפ צו זײַנ, געדונערט! —
ס׳איז פאר מארגוליסנ אדורכ דער גאנצער וועג —
פונ סטאלינגראדער פאָרשטעט ביזנ דניעפּער,
וואָס שוינ מע פרוווט אימ טאָנ א זועק,
אונ א צעוויג, אונ א באלעב אימ...
עס זײַנענ פאר אימ שטעט אונ שטעטעלעכ אדורכ,
ווי קוואָרימ ניט פארצוימטע, ווי בעסאלמענס אויסגעטראָטנ,
פונ די געפּירטע צו דעמ טויט — דער לעצטער שפרוכ,
צומ לעצטנ מאָל פונ זיי — דער פאלנדיקער שאָטנ...
געלעגנ איז דער באנד שאָלעמ-אליײכעמ בא דער זײַט —
אונטער פיגורנ אומגעפאלענע, ווי נאָכ א שלאכט אפּ א מילכאָמע,
אונ ס׳האָט זיכ טרויער פונ מארגוליסנ געצויגנ ווײַט —
אהינ, ווו ניט קיינ שימענ-עליע, ניט קיינ ציג זײַנענ ניטאָ מער..

VII

דאָכ זיי געזענ באשײַמפערלעכ האָט ער —
אינמיטנ וועג פונ איינ געקוילעט שטעטל צו דעמ צווייטנ.
פארקישעפט, דאכט זיכ, איז ארומ די גאנצע ערד,
אונ ס׳רײַסט פונ איר זיכ יעדער קיווער א געשריי טאָנ..
— כאווער סאדאָווסקי! — האָט מארגוליס זיכ געטאָנ א כאפּ, —
דער מאָשל איז א גאָלדענער... ס׳איז אײַער פערד אינ א סאקאָנע...
ס׳איז נאָר קיינ מאָשל ניט פאראנ צומ בלוט צומ אויסגעצאפּטס,
ווי ניט פאראנענ איז צו דעמ קיינ סאָפּ אונ ניט קיינ אָנהייב.
ניט אויסקויפנ מיט גאָרניט קאָנ מענ ניט דעמ וויי
פונ סאמע מינדסטנ קינד, געקוילעט וואָס זיי האָבנ,
אפילע אויב די פעל אראָפּשינדנ מירנ בא אלעמענ בא זיי
אונ אינ די רינשטאָקנ זיי לעבעדיקערהייט באגראָבנ!
אָבער דער כעזשבנ צוגעשטעלט דארפ זײַנ ניט זיי אליינ;
דעמ כעזשבנ וועט דאָס בלוט באדארפנ ברענגענ
א יעדנ איינציקנ פונ גרויס ביז קליינ,
וואָס האָט די טיר געעפנט צו דער וועלט די הענקער.

VIII

— געוויס!.. — האָט זיכ סאראָווסקי א באוועג געטאָנ,
גענומענ זוכנ אינ געשפּרעכ אנ אנדער פלאנ נאָר. —
נו, יאָ!.. וואָס הערט זיכ עפּעס מיט דעמ צווייטנ פראָנט?
ס׳איז, דאכט זיכ, הײַנט אינ צײַטונגנ וועגנ דעמ פאראנענ!..
— איכ לייענ ניט פונ דעמ! ס׳גייט מיר קימאט ניט אָנ, —
גענומענ בא מארגוליסנ די אויגנ האָבנ גלאנצנ. —
איכ בינ אנ אָנהענגער פונ ערשטנ פראָנט.
איכ גלייב אינ אימ, ווי ס׳גלייבט אינ אימ די וועלט די גאנצע!
דער צווייטער פראָנט, — האָט ער געטאָנ א ברענ, —
איז אויכ אינ ערשטנ, טײַערינקער כאווער,
פונקט אָט אזוי, ווי כאווע איז אינ אָדאָמס ריפּ געווענ,
נאָר בויענ קאָנ מענ אפ אימ פונקט אזויפיל, ווי אפ כאווענ!
מיט מײַנ פארבאנדאזשירטנ קאָפּ, סאדאָווסקי, איכ קאָוויר, —
האָט ער דעמ טור א ריר געטאָנ, א ווײַל געווארט נאָר, —
דעמ צווייטנ פראָנט געבוירנ וועלנ מיר!..
אונ די פארבינדעטע... יאָ. אָט דעמ גאנג באדארפ מענ גוט באטראכטנ...

IX

זיי וועלן פרי׳ר צי שפּעטער נאָך א גלאַנץ טאָן מיט פּאַראַט.
מיר וועלן מיט זיי האָבן נאָך צו זינגען און צו זאָגן, —
ער האָט א רוק געטאָן דאָס פערד קעגן סאַדאָווסקינס גראַד, —
מיט זיי איז א געפּאַר א שטיין צוזאַמען איבערטראָגן...
און אויב דו טראַגסט, איז ניט פאַרקוק זיך אַף קיין ווײַל,
זיי זאָלן הינטערווײַלעכס אים ניט וואַרפן דיר אין רוקן. —
עס האָבן אַפן שאָך-ברעט שלאַכטיק אין גײַל
פיגורן זיך גענומען איבערוקן,
און ער האָט פאַרגעזעצט מיט א צעוואַרעמט קאָל,
די אויגן האָבן זיך מיט טרויער און מיט האַס צעברענט אים: —
אַרײַנגעלייגט זיי האָבן אין מילכאָמע זייער גאָלד
ניט פון ראַכמאָנעס אַף דער וועלט, נאָר אַף פּראָצענטן!
ניט מער ווי היטלערן „געפּרייט" האָט סטאַלינגראַד זיי פאַר געוויס,
און ליבער אויסגעשטרעקט זיי וואָלטן אונדז א קוליע
ווען עס העלפט זיי גאָט — מיר זאָלן בלײַבן אָן די פיס. —
געפּאָכעט מיטן פערד קעגן סאַדאָווסקינס האָט מאַרגוליס.

X

ער האָט א צי געטאָן דאָס פערד צוריק
און מיט נאָך מער צעשפּאַרטע אויגן זיך פאַרטראַכט א רעגע: —
מירן נאָך זען, ווען ס׳וועט זיך ענדיקן דער קריג,
ווען אופהערן וועט בלוט באַטרינקען זיי מיט גין-גאָלדענעם רעגן...
ווען איבערציילן וועלן מ׳ר די כורוועס פון אַרום,
די ווונדן און די ווייען פרווון אײַנעמען אוווּ נאָר...
זיי וועלן ניט פאַרגינען אונדז דעם אויסגעקעמפטן רום,
די ליבע, וואָס מיר האָבן אין דער וועלט געוווּנען...
דעם דראַנג, וואָס האָט אונדז אין דער ערשטער ריי געשטעלט,
און ניט דאָס אָרט, וואָס אָפּגעבן מע וועט אונדז מוזן.
זיי וועלן וויסן פינקטלעך, וויפל בלוט אונדז פעלט,
און זיך באַמיִען אונדז ניט לאָזן קומען צו זיך...
אוי, אוי, מײַן טײַערער מאַיאָר, —
געזוכט א קלאָרן גאַנג האָט פאַרן פערד ער, —
און אָפּשטײַן וועלן זיי ניט אַף קיין האָר
פון זייער קרעאַטור — די דײַטשע מערדער.

XI

— בא זיי מיט היטלערנ, אפ וויפל דענקענ זיכ עס לאָזט, —
באטראכט סאדאָווסקי האָט א גאנג, — איז פונקט אזוי, אויב רעדנ אָפנ,
ווי מיטנ הונט, וואָס האָט א ביס געטאָנ דעמ באַלעבאָס,
אונ ס'ווייסט דער באלעבאָס ניט וויאזוי אימ צו באשטראָפנ...
דערשיסנ אימ? איז וואָס, אויב דארפנ וועט מענ זיינע ציינ?
אונ אויכ קיינ טאכלעס ניט צו לאָזנ איז אזוי אימ.
איז ווארפט זיכ, א צעטומלטער, דער באלעבאָס אליינ —
צווישנ דעמ ביס אונ דעמ ביזאָיענ...
אונ ניט דערלאָזנ קאָנ ער אויכ,
ס'זאָל עמעצ אנדערש אימ ארויסהאקנ די ציינער.
אונ כאָטש אנ אָנשטעל מאכט ער גרויזאמ, אינ דער הייכ,
איז דאָכ קיינ טראָפנ שווער ניט צו פארשטיינ אימ!..
זיי האָבנ דאָכ א לאנגע צייט געהאָפט,
אז ער וועט קעגנ אונדז זייער געטרייער הונט זיינ,
אונ פונ דער האנט געקאָרמעט אימ מיט גיפטנ-שטאָפ.
אָבער א הונט בלייבט דאָכ א הונט. ער ווייסט ניט פונ קיינ קונצנ!

XII

— איר האָט, סאדאָווסקי, מיטנ הונט אונ מיטנ באלעבאָס
אינגאנצנ מיר צעבויטעט די געדאנקענ, —
געגעבנ האָט אז אימ מארגוליס זיכ א לאָז, —
איכ ווייס שוינ איצט ניט, ווערעמנס גאנג איז!
איר זייט מיר מיטנ הונט אינ סאמע מיט אריינ
אונ די פיגורנ אלע מיר איבערגעפלאָנטערט.
נו, גוט! ווי מיינט איר, א סאליוט צומ אָוונטברויט וועט זיינ?
גיט נאָר א קוק, וואָס זאָגנ היינט די פראָנטנ? —
געהערט האָט זיכ א שאָרכ פונ שטעקשיכ אינ שפיטאָל,
א שטילקייט האָט געשוועבט א לויטערע, א העלע. —
די פראָנטנ זאָגנ אלע אינ איינ קאָל,
אז מיטנ דייטש האלט פונקט, ווי מיטנ באָק בא שימענ-עליענ,
בא דעמ פארקישעפטנ אינ אָט דעמ בוכ, —
האָט ער געטאָנ, די זייטנ בלעטערנדיק, א דערקלער אימ, —
ער לויפט דאָרט הינ אונ צ'ריק אונ קאָנ ניט דורכ:
גיי קאָכ ווארעניקעס פונ רוסלאנדס ארטילעריע!

XIII

און נאָך זאָגן די פראָנטן אין איין קאָל, —
האָט אין דער הייך א הייב געגעבן זיך דער קאָפּ אים, —
נאָך יעדער שלאכט, א יעדער מאָל,
אז אויך א טאָעס האָט געהאט אין אונדז איידאָפּע!
ניט דײַטשלאנד בלויז און זײַן נאַציאָנאלער קאט,
ניט בלויז די טעמפּע גײַווע-גוילעמדיקע מערדער —
א טאָעס האָבן אין דעם פאָלק דעם רוסישן געהאט
די פינעף זעקסטלעכע ערד — ווער ווײַניקער, ווער מער דאָרט.
און אופגעקלערט האָט זיי דעם טאָעס שנעל און קורץ
און פון די אויגן זיי אראָפּגעווישט דעם נעפּל —
די שלאכט בא סטאלינגראד, דער שפּרונג בא קורסק,
דער אונטערמאָסקוועדיקער בראָך און דער צוריק-קער צו דעם דניעפּער!
געמאָלדן האָבן זיי זיך איצטער מיט פארהער,
ווען ס'האָט אנטפּלעקט פאר גאָר דער וועלט אזא מין מוט זיך.
נו, יאָ, זיי האָבן מער באגרײַפט די קראפט פון אונדזער שווערד,
ווי דעם בארוף פון אונדזער רעוואָליוציע!

XIV

שוין ניט געווען סאדאָווסקי האָט, וואָס ס'טוט זיך אף דער ברעט,
און ניט באמערקט די אומאָרד'נונג פון די צעוואָרפענע פיגורן.
ער האָט געקוקט, ווי אומרויִק מארגוליס רעדט
און ווי בא יעדן וואָרט ער צוימט אין זיך א שטורעם.
דערמאָנט האָט ער זיך מיט פארדראָס אין דעם סאָלדאט,
וואָס מיט געביל אף יידן פלעגט ער נאָכגיין יעדן איינעם,
און האָט אף זיך פאריבל גרויס געהאט,
פארוואָס ניט צוגעשטעלט צום וואנט האָט ער אליין אים...
עס האָט אים ווײ געטאָן, וואָס ס'זײַנען אָט אזעלכע נאָך פאראן
און טראָגן גיפט ארום אין די פארסאמטע מײַלער.
מע טרעפט זיי, צום באדויערן, אי אפן סאמע ראנד
אי אינעם הינטערלאנד, זיך מיט דעם גיפט פארווײַלן.
זיך אופגעהויבן אין דער גאנצער וווּקס האָט ער
און צו מארגוליסן א נייג געטאָן זיך פלוצעם:
— יאָ, יאָ! זיי האָבן מער באגרײַפט די קראפט פון אונדזער שווערד,
ווי דעם בארוף פון אונדזער רעוואָליוציע!

31. מאָסקווער סאַליוטן

I

פֿינסטערע די פֿעלדער אין סענטיאַבער זיך צעגרינען,
מיט פֿרישקייט האַרבסטיקער טוט אָן זיך יעדער טאָל.
באַפֿרײַטע שטעט זײַנען מאַרגוליסן באַגינען
מעוואַקער-כוילע זײַנען געקומען אין שפּיטאָל.
א יעדע איינע, ווי א קאָרעוו ווי א נאָ׳נטער,
מיט וווּנדן אָפֿענע, מיט קוואָרים אומעטום —
זיי האָבן אַלע אין געלעסטערטקייט דערמאָנט אים,
די קעפּ אַראָפּגעלאָזט בעסאַלמענדיק און שטום.
בײַ זיי, בײַ די באַרויבטע און געשענדטע,
בײַ אָט די בראָכשטיקער א פֿרעג וואָלט ער געטאָן:
„זײַנען פֿאַראַן נאָך ערגעץ ייִדן, ווי געווען דאָרט,
צי כּוץ אין קוואָרים זײַנען ייִדן מער ניטאָ?"
און מער נאָך לײַבלעך יעדע שטאָט איז אים געוואָרן,
אים האָט, ווי קיינמאָל, זיי זיך אָנקערן געוואָלט;
באַפֿרײַטע שטעט זײַנען אים — יעדע ווי א קאָרעוו,
מעוואַקער-כוילע זײַנען געקומען אין שפּיטאָל.

II

צוויי הונדערט פֿיר און צוואַנציק מעכטיקע קאַנאָנען
אויך אים גיבן א מאַזלטאָוו פֿון גאָר דעם לאַנד.
פֿון רויך דער רייעך זיסער איז פֿון האָניק,
און אַזאַ שטילקייט זיך פֿאַרשפּרייט נאָך יעדן קלאַנג.
אַן אָנגעשפּאַרטער אַף די גליטשעדיקע קוליעס,
אין בײדע זײַטן — דער צעפֿליגלטער כאַלאַט,
האָט אין די לופֿטן זיך א ריס געטאָן מאַרגוליס,
ווי אַף אַן אופֿגאַבע ניט לאַנג בײַ סטאַלינגראַד.
אַף וויפֿל ווײַט קאָנען די אויגן דען דערגרייכן?
ווי לאַנג זיך טראָגן קאָן אין בלענדיקייט דער קאָפּ?
מיט יעדן אופֿשטײַג פֿון ראַקעטן אין די הייכן
האָט זיך די פֿינצטערניש א זעץ געטאָן אַראָפּ.
ס׳איז ערשט דער אָנגלי פֿון געפֿעכט, דער אינדערפֿרי נאָך.
נאָר ס׳פּלאַצט דער רוקנביין בײַם פּײַנט א יעדער מאָל.
באַפֿרײַטע שטעט זײַנען מאַרגוליסן באַגינען
מעוואַקער-כוילע זײַנען געקומען אין שפּיטאָל.

III

פונסנײַ צעגרינגנע אינ סענטיאַבער זיכ די פעלדער,
מיט פרישקײַט הארבכטיקער טוט אָנ זיכ יעדער טאָל.
אפ װײַסע בערגעלעכ א בלענד געטאָנ האָט בעלגאָראָד,
אונ א צעשפּרייט געטאָנ די פליגל האָט אָריאָל.
מיט א געקנאַל פונ כעדװע אופגעװאכטער,
מיט הערצער פלאמיקע, צעװיגט פונ רומ,
נעמט דעמ געלײַטערטנ אונ אויסגעפלאָגטנ כארקאָװ
די מאמע מאָסקװע שוינ ארומ.
באַרויבטע שטעט מיט מײַלער פונ רויִנע
זיכ מעלדנ, אויסגעברענט אינ כורבנדיקנ אש;
זיי קומענ שטילע צו מארגוליסנ באגינענ,
זיי קומענ שטילע צו מארגוליסנ אָנ ראש.
ער װעט אינ אש א יעדנ שטיבעלע דערקאָנענ,
די טויטע ליקעלעכ, פארשפּארטע צװישנ זיי.
צװיי הונדערט פיר אונ צװאנציק מעכטיקע קאנאָנענ,
װי א קאפּעלע פונ דער זיגרײַכער ארמיי!

IV

ער האָט געציילט די העלע זאלפנ פונדערװײַטנ,
ער האָט דעמ פולס פונ בלוט זײַנעמ געציילט,
ער האָט די טעג געציילט, אינ אומגעדולד געלײַטערט,
װענ ער װעט אומקערנ צוריק זיכ אינ זײַנ טייל.
אימ האָט געכאָלעמט זיכ פונ שקיִע ביז צו שקיִע,
אימ האָט זײַנ שטעטל צו די אויגנ זיכ געקלעפּט:
ער דארפ באװײַזנ נאָכ צו שלאָגנ זיכ פאר קיִעװ,
ער דארפ באװײַזנ צו די שלאכטנ פארנ דניעפּ.
ס׳איז אזא גליק, װאָס בלעטער שורעװענ נאָכ גרינע,
װאָס ס׳לייגנ פייגל אָפּ דעמ אָפּפלי יעדנ טאָג.
באפרײַטע שטעט זײַנענ מארגוליסנ באגינענ.
מעװאקער-כוילע זײַנ געקומענ אינ שפּיטאָל.
צװיי הונדערט פיר אונ צװאנציק מעכטיקע הארמאטנ,
װי שויפערס ריזיקע, דעמ אָנגריפ זאָגנ אָנ.
ס׳באגעגנט, װיינענדיק, א זונ זיכ מיט א טאטנ
אונטער דער דורכגעשאָסנ-פלאטערדיקער פאָנ.

V

פאַרבענקטע רוימען, זיבן מאָל געגאַרטע!
מאַרגוליס קלויבט זיך פֿון שפּיטאָל שוין אָפּ צוריק!
דאָס לעצטע מאָל האָט ער אָפּ קוליעס בײַ דער קאַרטע
די שטײַגנדיקע ראַנד-שנורן געמאָסטן מיטן בליק.
פֿון טאָג צו טאָג האָבן זיי, פֿאַרביקע, געקלעטערט,
ווי קוועקזילבער אונטער אַ ברויזיקן צעגלי.
ער אָפּ דער מאַפּע האָט געקוקט, ווי אָפּ אַ טערמאָמעטער,
וואָס האָט טאָג-טעגלעך אים די היץ געוויזן פֿון בערלין.
און אונטערברומענדיק „אַ בריוועלע דער מאַמען״,
געטראָגן האָט מאַרגוליס זיך צוריק אין טייל.
עס וועלן שלאַכט-פּרײַנט פֿון שפּיטאָל צו גוטנס אים דערמאָנען
אי בײַ אַ פּאַרטיע שאָך אי בײַ אַ גלעזל טיי.
— וואָס מאַכסטו? — האָט מיט בליקן וואַרעמע און גוטע
דער קאָמאַנדיר באַגעגנט אים, ווי אַלעמאָל.
— אין מאָסקווע, כאַוער קאָמאַנדיר, היילן אַצינדער די סאַליוטן
נאָך פֿיל געשיקטער, ווי די שוועסטער פֿון שפּיטאָל!

VI

דער דניעפּ האָט שוין געבליאַסקעט פֿון דער ווײַט,
געשטערקט, ווי הענט, האָט ער די כוואַליעס פֿון אַנטקעגן.
און מיט געוויל האָבן מאַרגוליסן אַרומגערינגלט פֿרײַנט,
כאָטש אָפּ אַן אויגנבליק זיך עפּעס צו דערפֿרעגן,
געדריקט די הענט מיט פֿרײַנטשאַפֿטלעכן שטויס:
„ווי זעט עס אויס אונדזער באַליבטע מאָסקווע?״
און ניט דערוואַרטנדיק קיין ענטפֿער, צ׳ריק אַרויס
און צום אַעראָדראָם, באַפֿליגלטע, געלאָזט זיך.
געזאָטן האָט מיט ברעגן די אַרבעט בײַ דעם ברעג,
פֿאַראָמען האָבן, זינגענדיק, געפֿלאָכטן זיך צוזאַמען.
— וואָס מאַכן דײַניקע? — האָבן כאַווײרים זיך צעפֿרעגט, —
צי האָסטו שוין אַן ענטפֿער אָפּ דײַן „בריוועלע דער מאַמען״? —
נאָר ער האָט, אַ פֿאַרטויבטער, זיך געפּאַסעוועט מיט לוסט
און קונציק זיך מיט מונטערקײט געפּײַניקט.
ער האָט זיך אין שפּיטאָל פֿון זײַניקע דערוווּסט,
אויך דאָרטן זיך דערוווּסט פֿון אַלע ייִדן אין אוקראַיִנע...

VII

אומצאָליקע געצויגן, צוג נאָך צוג,
האָבן דורך וועלדער און דורך טאָלן זיך די פראָנטן.
אפּ ערטער דרײַ איז מען צום דניעפּער צו
פאַרטײַעט שטיל און אים א טפּילעדיקן וועק געטאָן דאָרט,
ווי לויט אזא פאַרשפּראָכענעם פאַראָל,
ווי לויט אזא מין אָפּגערעדטן סימען...
געמערט פון שטערן האָט זיך ציטערדיק די צאָל,
זיך צוגעטוליעט האָט צום דניעפּ אליין דער הימל,
ס׳האָבן אים שטורעם־פייגל פון דער הייך געוועקט,
די לופט צערײַסנדיק אפּ פלאַקערדיקע פּאַסן.
און ערגעץ צוגעפאַלן איז סאַדאָווסקי צו דעם ברעג —
זיך אָנטרינקען דער ערשטער מיטן דניעפּערישן וואַסער.
ער האָט די קאַסקע טפּילעדיק אראָפּגענומען פונעם קאָפּ,
פאַרקישעפט צו דער שטערנדיקער אויבערפלאַך געגענען.
ס׳האָט רוסלאַנד זיך צום ברעג געטאָן א לאָז אראָפּ,
געווען ס׳איז פײַערלעך, ערעוו א נעס געווען איז.

VIII

געווען ס׳איז זיס אראָפּשלינגען א טרער,
געווען ס׳איז זיס צו אָט דעם אונטערוועגס געהערן.
ערגעץ האָט אָפּגעטײלט מארגוליס זיך פון דר׳ערד
און האָט זיך אויסגעמישט אײנײנעם מיט די שטערן.
ווי א באַשווירענע — די הייך האָט זיך געשטרעקט,
דער שטילער פּליעסק האָט קוים געלאָזט פון זיך צו הערן.
עס האָט געדוכט: מיט יעדן אײנעם בא דעם ברעג
רעדט זיך אדורך מארגוליס דורך די שטערן.
פון אומעטום האָט מען מיט דרענגער זיך געלאָזט,
געטראָגן פעסער מ׳האָט מיט פאַרקנס און מיט ברעטער;
עס האָט געדוכט, אז ס׳וועט צעזינגען זיך דאָס גראָז
און אפּן וועג וועט יעדער טאָפּאָל באלד א רעד טאָן:
„עס קומען זין דײַנע מיט דאָרשט מיט ניט־געשטילטן,
מיט קאַסקעס גיבן זיי די בענקשאַפט א פאַרשעפּ
פון דײַנע וואַסערן די אוראַלטע און מילדע,
פון ווילדער כוואַליע דײַנער, אויסגעבענקטער דניעפּ!“

32. די דרײַ קאַוואַלעריסטישע פערד

I

אָנ א באַוועג אונ אָנ א מינדסטנ ריר,
ווי א פאַרקישעפטער אינ שטערנדיקנ נעפּל,
געזעסנ גוראַריע האָט זײַנ קאָמאַנדיר
א פאַל טאָנ מיט דער קאַסקע צו דעמ דניעפּער.
ער האָט די אויגנ ניט אַוועקגענומענ לאַנג,
ווי פונ א פײַערלעכער זעונג אפנ דניעפּער.
מ'האָט אַזוי קײנמאָל נאָכ ניט ליב געהאַט דאָס לאַנד
אונ אַזוי קײנמאָל ניט געשפּרײט פאַר דעמ דאָס לעבנ.
אַזוי וועט יעדער ייִד א פאַל טאָנ צו דעמ אַש
פונ שטעטלעכ כאָרעווע, פונ קוואָרימ אונ פונ שײַטערס.
זיכ אופגעהויבנ אינ זײַנ האַרצנ האָט א ראַש:
זײַנ לײַבלעכ שטעטעלע ווערט אויכ באַפרײַט דאָכ...
געפינענ וועט עס די אַרמײ ערגעצ אינ וועג,
געפינענ א דערהאַרגעטס אונ א הוילס, באַריסנ פונ די קעפּער;
דאָכ וועט ער בעטנ בא סאַדאָווסקינ זיכ אפּ א פּאָר טעג,
ווי נאָר מע וועט אַריבערגײנ דעמ דניעפּער.

II

א זיסע פאָרכטיקײַט אינ האַרצנ האָט געוועקט
דאָס אומגעדולדיקע דאָס כוואַליעדיקע רוישנ.
געטראָגנ שיפער האָבנ שיפלעכ צו דעמ ברעג,
פאַרהוילט פונ דײַטש אונ אײַנגעהילט אינ כוישעכ.
דערשינענ ווי געשפּענסטער פונ טשערעט,
געגאַנגענ דאָרטנ זײַנענ דערפלעכ גאַנצע,
אונ עפּעס שטיל צווישנאַנאַנד גערעדט,
אונ שושקענדיקערהײט א יעדער ווײַל עפּעס דערמאַנט זיכ.
זיכ אומגעקערט צוריק, זיכ פונדאָסנײַ א לאָז פּאָרויס.
די קינדער — אויכ. דערוועקט פונ שטילקײַט אומגעהערטער.
מיט מולטערס פרײד, מיט צעבערס ברויז.
אונ יעדער ווײַל האָבנ די מאַכנעס זיכ געמערט דאָרט.
געדאַכט האָט זיכ, אַז ס'גײט די ערד אַלײנ,
אַלײנ זי טראָגט דאָס האַרצ אירס אויסגעפּײַניקט.
ס'וועט באַלד געשענ א נעס! איבערנ דניעפּער גײנ
וועט באַלד זיכ לאָזנ דײַנ באַפרײַערנ, אוקראַײַנע!

III

גוראריע האָט געײַלט באשטאטן א פּראָם.
געווען איז א באפעל: צו האלבער נאכט זיך לאָזן.
דער רעכטער ברעג געקוקט האָט ווי א טהאָם,
מיט א געדיכטן נעפּל מיט א הארבסטיקן פארבלאָזן.
לענגויס געשניטן האָט גוראריע דאָרט דעם ברעג —
פון שטאל צו שטיבעלע, פון קלוניע צו כיבארקע.
ס'איז אלץ געווען פארעכנט צום באוועג:
א טיר, א דאך, א בענקל און א פּארקן.
ווי נעמט מען עס נאָר אלץ צונויף?
ווי פּאטערט מען נאָר ניט קיין איבעריקע רעגע?
געדאכט האָט זיך, אז ס'רופט איז יעדער הויף,
געדאכט האָט זיך, אז ס'גייט א יעדער שטיבל אים אנטקעגן.
און מיטאמאָל פון א כיבארקע אומדערוואַרט
געגעבן האָט מיט סקריפּ א טיר זיך א צעשפּאר דאָרט,
און ס'האָט א זאָקן העל א שניט געטאָן די נאכט
מיט א פּאָר שטאָלצע סיווע באקענבארדן.

IV

ער האָט צום דאשעק צוגעלייגט די האנט,
גווארדייִש אויסגעצויגן זיך געהעריק
און אויסגעטאָקט: — גאָספּאָדין לייטענאנט,
איך האָב די ערע...
איר וועט מיט מיר אריבערגיין אין שטאל,
איך האָב אײַך עפּעס דאָרט איבערצוגעבן! —
גוראריען איז געוואָרן קאלט פון אָט דער רויִקײַט און שטאלט
און האָט אף יעדן פאל א שאץ געטאָן די ווערט פון לעבן. —
צוויי מיט א האלבן יאָר האָב איך, ווי ס'אויג אין קאָפּ,
דרײַ גוטע פערד פון די זאַיאזנע דײַטשן אויסגעהיט דאָ.
זיי זײַנען אײַערע! איז נעמט זיי אײַך צוריק זיך אָפּ! —
האָט אין דער פינצטערניש זײַן שטים אדורכגעציטערט. —
א שיפּל האָב איך אויך פארגראָבן דאָ געהאט,
האָט עס צום טײַך א פּארטיזאן פארטראָגן אינדערפרי נאָך,
כ'בין א געוועזענער לייב-גווארדיע-סאָלדאט
פון אימפעראטאָרישן פּאָלק פונעם וואָלינער!

V

די אויגנ האָט ניט אָפּגעווענדט גוראַריע פונ די פערד,
די אויגנ ניט אַראָפּגעלאָזט גוראַריע האָט פונ זאָקנ,
אונ ניט געפילט, צי שטייט ער אַפ דער ערד,
אונ עפּעס האָט ער זיכ, ניט וויסנדיק פאַרוואָס, געשראָקנ:
א קאַשע אַפ א מײַסע מיט גאָספּאָדינ לײטענאַנט?
א קאַשע אַפ געוועזענע לײב-גוואַרדיע-סאָלדאַטנ?
ער איז זיכ אויכ איבער די פערד אַדורכגעגאַנגענ מיט דער האַנט,
געפרעסנ זיכ פאַר יעדער רעגע, וואָס ער פּאַטערט,
נאָר ניט געצײַלט האָט דער געוועזענער לײב-גוואַרדיע-סאָלדאַט,
דערציילט דעמ ייִכעס פונ די פערד, אונ ווי ער האָט געהיט זיי.
— אונ, גאָספּאָדינ לײטענאַנט, — שוינ אימ א זאָג געגעבנ גלאַט, —
איר זײַט א ביסל ענלעכ אַפנ פירשט גאַגולעגידזע!
מיט א יאָר זעכציק צ'ריק, אונ עפּשער מער איז שוינ פאַראַנ,
אַפ א פּאַראַד באַ אונדז אינ פּאָלק אַדורכ ער ווי א בליצ איז...
צי שטאַמט איר ניט אַמאָל, גאָספּאָדינ לײטענאַנט,
פונ יענעמ הויכנ שטאַמ גאַגולעגידזעס?

VI

„גאַגולעגידזע?!.. יאָ... וואָס טוט זיכ עס דאָ, ליבער גאָט?
וואָס קומט עס פאָר אינ אָט דער אומגעהערטער נאַכט דאָ? —
האָט שוינ גוראַריע, בײַטנדיק אינ אומגעדולד דעמ טראָט,
ניט אופגעהערט מאַכשאָוועס אַלערליי צו טראַכטנ...—
נאַ דיר געוועזענער לײב-גוואַרדיע-סאָלדאַט!
אונ גאָספּאָדינ לײטענאַנט! — באַשלאָגנ האָט א היצ אימ.—
אונ טאָמער איז דאָס ווייניק אַלצ, איז נאַט:
איז זאָל אײַכ וויל באַקומענ נאָכ א פירשט גאַגולעגידזע!"
נאָר ס'האָט דער זאָקנ פײַערלעכ אַרויסגעפירט די פערד,
א זאָג געטאָנ דעמ גאַסט: — נו, פאָרט! דערבראָקט דעמ היצל! —
עס האָט זיכ אינ זײַנ שטימ פאַרשטײנערטקײַט געהערט,
אונ אינ די אַלטע אויגנ האָבנ פײַערלעכ צעבליט זיכ.
געקוקט דורכ אָט דעמ זאָקנ האָט אַפ אימ די גאַנצע ערד,
די דורכגעאַקערטע פונ ווייטעק אונ פונ בליצנ.
„די וועלט, ווײַזט אויס, האָט דאָכ עפּעס די ווערט", —
א טרייסט געטאָנ האָט זיכ דער נײַער פירשט גאַגולעגידזע.

VII

און אין זײַן זײדנ פּלוצעמ זיך דערמאָנט ער האָט.
געװוען א ייִד א באַלאַגור אין געגנט אײנער.
א יעדער יאָר א קינד. געגליבט אין גאָט.
ביז נײַנציק יאָר פּאַרעדט דעמ מאַלכאַמאָװעס האָט די צײנ ער.
און שטאַרבנ האָט זיך אים סאַקאָנעס ניט געװאָלט,
זײַנ בלוט, װי אָקװױט, האָט נאָך געבראָיזט דאַנ.
און װענ מ׳האָט אים געפרעגט: „רעב װאָלף,
עס איז די װעלט ניט מער דאָך, װי א פּראָיזדער!״ —
האָט ער די באָרד א ריר געגעבנ אפ דער באַק,
און טרױער האָט געגעבנ א באַפאַל אים:
„דאָ, אז איך גיב אנ אָרעמענ א שיבעש, א פּיאַטאַק,
װערט גלײַך געבױרנ אפנ הימל נאָך א מאַלעך!״
די נאָז מיט טאַבעק אָנגעשטאָפּט זיך ראַש,
א ניס א הילכיקנ מיט אַלע אײװרים גלײַך געטאָנ נאָך:
„און דאָרט, פאַרשטײט איר מיך, װעט א באַר-נאַש
אזעלכע מיצװעס טאָנ שױנ מער ניט קאָנענ״.

VIII

איז האָט מענ אים געהאַרגעט, — האָט אצינד גוראַריע זיך דערמאַנט.
געקומענ אױך דער פאָטער איז אפנ זיקאָרנ
און אים א זאָג געטאָנ: „נו, גאָספּאָדינ לײטענאַנט,
א לעבנ דיר באַשערט איז צװישנ אש און קװאָרים!..״
ער האָט דערזענ א קײט פונ דװירעס פיר געשטאַט,
אינ טרױער און אינ פּײַנ אינ ליכטיקנ געלײַטערט:
עס האָט נאָך אַלעמענ פאַרשײדנ זיך געיאָגט דער קאַט,
געלױערט פונ דער פינצטערניש אפ זײ אינ אַלע צײַטנ,
נאָר ס׳איז דער בוימ געװענ ניט נאָכגיביק דער האַק,
מיט זאַפט אנ אָפּגעגאַנגענער, ער קענג שטורעמ איז געשטאַנענ.
ער זעט דעמ זײדנ נעבנ זיך, דעמ אָפּגעריבענעמ פּיאַטאַק,
װי פּאַר א מאַלעך ער דערלאַנגט דעמ אָרעמאַנ אים.
אצינדערט האָט ער נאָך אײנ זײדנ שױנ געהאַט,
דאָס קאָל זײַנס האָט אים באַגעיאָגט: „דערבראָק דעמ היצעל!״
„פאַראַנ דערבראָקנ אים, געװעזענער לײב-גװאַרדיע-סאָלדאַט!״ —
געזאָגט האָט זיך דער ניט-געדאַכטער פירשט גאַגולעגידזע.

סאַדאָווסקי האָט אינ אומ־עדולד אַפּ אַ באַגעגעניש געוואַרט,
זיכ אַפּ אַ רעגע צוכאַפּנ אַהײמ, אַ לעבעדיקנ זיכ דערבערענגענ,
געציילט די רעגעס די געבליבענע צו האַלבער נאַכט,
מיט יעדער רעגע איז אינ האַרצ געוואָרנ ענגער.
נאָר אַ באַפעל איבערגעקרייצט האָט זײַנ פאַרלאַנג:
„צומ צווייטנ ברעג! פאַראָמענ זײַנענ פאַרטיק!"
די שטילקײַט איז געווענ ווי אַ געטראַנק,
אונ ווי אַ טפילע איז געוועזנ די דערוואַרטונג,
אונ אַ באַרוישטער האָט גוראַריע אַפּ די פערד
צומ קאָמאַנדיר געהאַלטנ אינ דערשטראָמענ:
— וואָס וועט באַפעלט זײַנ טאָנ? — האָט זיכ דערהערט.
— איבערנ דניעפּער אַפּ די פערד! מיט די פאַראָמענ! —
דעמ לעצטנ פלויט צומ ברעג האָט מענ דערשלעפּט,
צעקנײטשט די אויבערפלאַכ פונ טײַכ האָט זיכ אַפּ ריפּטלענ.
אונ ס'האָט אַ פליעסק געטאָנ דאָס וואַסער אַפּנ דניעפּ,
ווי ס'וואָלט צעקושט זיכ אינ דערוואַרטונג מיט געליבטע.

33. פאַרטיזאַנישער פלאָט

I

נאָכ פרײַ'ר האָט זיכ געהערט פונ פאַרטיזאַנער אַ געשופּ,
נאָר פונ דער העלער שײַנ געווענ מע איז פאַרהוילנ.
פאַרוואָרפנ צו מעפּאָדינ האָט אַ רופּ וואַסילי דוב,
באַגעגנט אימ מיט שמעקנדיקע רויכנ־קנוילנ
אונ, ווי אַ זונ, אימ שמייכלדיק באַגריסט:
— פאַראַנ, מעפּאָדי, איז פאַר דיר אַנ אײדל שטיקל אַרבעט —
אַ פלאָט אַ פאַרטיזאַנישנ, פונ וואָס דו ווילסט:
פונ פלויטנ, אונ פונ ביימער, אונ פונ דײַטשע שאַרבנס! —
עס האָט וואַסילי דוב דער קאָמאַנדיר געוווסט,
אַז אויב ס'פעלט אויס מעפּאָדינ צו דער פּאָר אַ וואָליק,
האַקט ער אימ אָפּ איינגענעמ מיט אַ דײַטשנ כוס,
אונ ניט געכאַפּט, אַדורכגעטראַכט, פּאַוואָליע.
אונ פונקט אַזוי, אויב ס'פעלט אַנ אַווטאָמאַט,
אַזוי איז אַלצ, וואָס נאָר דעמ פאַרטיזאַנ איז נייטיק.
עס האָט דער קאָמאַנדיר מעפּאָדינ ליב געהאַט
אונ אײדל'ע אַרבעט אָנגעטרויט אימ.

II

ער איז געווען אי הארב, ווען מ'האָט באַדאַרפֿט, אי מילד,
און פּינקטלעכקייט אין יעדער אויפֿגאַבע געפֿאָדערט, —
דאָס האָט אין זײַן אַ יעטווידער באַוועגונג זיך געפֿילט.
און ניט פֿאַרגעסן האָט עס, שטייענדיק לעם אים, מעפּאַדי.
ס'איז אין אָטריאַד געווען באַוווּסט אַ פֿאַל,
ווען קומען פֿון דער שטאָט האָט איינער זיך געקליבן,
און ער, וואַסילי, האָט אים אָפּגעוואַרט אין וואַלד,
און די באַשטימטע שעה איז שוין פֿאַרבײַ, שוין נאָך איינע פֿאַריבער,
און יענער איז ניטאָ. ס'איז אַ געפֿאַר... צום סוף,
ווען זיך באַוויזן האָט אין וואַלד דער הוילעך,
האָט אים וואַסילי פֿאַר ניט-פּינקטלעכקייט באַשטראָפֿט —
און אים צוריק אין שטאָט זיך אומקערן באַפֿוילן,
אַז גייען ער נאָכאַמאָל זאָל אַפּדאָסנײַ
און ווידער אָפּן אָרט צו דער באַשטימטער שעה זײַן.
צום צווייטן מאָל איז אויסגעפֿילט געווען דער טנײַ —
קיין רעגע ניט אַדורכגעלאָזן...

III

אַליין ער מיט אַ זאַסטעפּ איז אַרײַן אין וואַלד, וואַסילי דוב,
צוויי אויטאָמאַטן דײַטשישע — ווי די שוואַרצאַפּלען אויסגעהיט זיי.
דערצו אַ וווּנד, איבערגעבונדן אויף אַ קנופּ
מיט אונטערשלאַק פֿון דער שמאַטאָווער דײַטשער אַמוניציע,
וואָס ער האָט, ווי אַ רעצעפּיס, גענומען בײַ די צוויי עסעס,
ווען ער האָט זיי די פּרײַז פֿון בערן-פּעלץ באַם גרוב געסילעקט,
און זיך מיט זיי אויף לעבן און אויף טויט געטאָן אַ מעסט,
און קלאָר געמאַכט דאָרט — צווישן זיך און זיי דעם כילעק.
ניט ליב געהאַט האָט ער דערציילן וועגן זיך קיין סאַך,
און גלײַך פֿון ערשטן טאָג באַם וואַלד געוווּנען דערעכערעץ.
און אין אַ צײַט אַרום איז ער געווען שוין קאָמיסאַר,
און קאָמאַנדיר געוואָרן ער נאָכהער איז.
און יעדערן, וואָס טרעט צו אים אַריבער נאָר די שוועל,
האָט ער דאָס שווערסטע פֿונעם וואַלד אים אָנגעמאָסטן.
עס איז זײַן קוק געווען גלײַך צו אַ באַפֿעל,
נאָר מילדקייט האָט קיין רעגע ניט פֿאַרלאָזט אים.

IV

מעפאָדי אויסגעהערט האָט שטײענדיק זײַנ קאָמאַנדיר,
דעמ קאָפּ אראָפּגעלאָזט, ווי צומ געהער ס'וואָלט זײַנ אימ בעסער,
א ווײַל פונ אָרט זיכ ניט געטאָנ קיינ ריר,
ער זאָל קיינ וואָרט קיינ איינציקס ניט פארגעסנ.
אונ כאָטש נאָכ ניט געוווּסט האָט ער, פונ וואָס מע הייבט דאָ אָנ,
ווי אינ א זאַכ אזא באהאלטנ די געפאר איז,
האָט ער גאליבענ, גייענדיק צוריק, א ווונק געטאָנ:
— מע וועט באדארפנ שיפלעכ, כאווער קאפּטענארמוס!—
אונ מיט א בינטל פארטיזאנער שפּעט באנאכט
איז ער אוועק, א צי געטאָנ דעמ פּאס זיכ. —
נו, זינעלעכ! — האָט ער א זאָג געטאָנ פארטראַכט, —
א פּרוּוו טאָנ וועלנ מיר דאָס פארטיזאנסקע מאזל! —
מ'האָט אופגעוועקט באַמ ברעג פונ גרויס ביז קליינ
די, וואָס אינ אומגעדולד אפ זיי האָבנ געווארט דאָ,
אונ אפנ ערשטנ שיפל האָט געוויזנ אימ אליינ
אנ אלטער מאנ מיט סיווע באקענבארדנ.

V

מעפאָדי האָט לעמ שיפל זיכ געפּאָרעט בא דעמ ברעג,
דערמאנט דעמ זאָקנ מיט די ווײַסע באקענבארדנ,
דעמ ברעג פונ קעגניבער יעדער ווײַל געטאָנ א שמעק,
אונ אז ער ווארט פונ זייער לאנג — האָט זיכ געדאכט אימ.
ער האָט די שטיוול אויסגעטאָנ: אָנ זיי אימ לײַכטער זײַנ דאָ וועט.
די ארבל ביז דער העלפט פארנעצט אונ אויסגעטריפלט.
מיט סמאָלע די זאוועסיעס אפנ שיפעלע דערגלעט,
זיי זאָלנ אימ אינ וועג זיכ פלוצעמ ניט צעסקריפּענ.
די עקנ פונ די רודערס פּאָטערלעכ ער האָט
מיט אָנעטשעס געטאָנ א וויקל איבער,
אז שטיל, פארהוילנ זײַנ זאָל זייער טראָט,
דאָס וואסער זאָל אפ זיי ניט האָבנ קיינ פאריבל.
ס'איז אלצ אינ אָרדענונג בא אימ געווענ,
א לײַכטע פּאָרכטיקייט ארומגעאָרעמט האָט אימ.
„דאָס איבעריקע איז אינ גאָט געווענדט!"
האָט ער דעמ רעכטנ ברעג געטאָנ א טיפנ אָטעמ.

VI

אצינד אינ שיפל באָרוועס ער געשטאנענ איז,
פארקאשערט אפ ארופ די מײַטקעס ביז די קניִענ.
זיכ אָנגעזוגנ האָבנ די הוילע זײַנע פיס,
זיכ אָנגעזוגנ האָבנ די קעפ די גאָלדענע פונ קיִעוו.
ער האָט די פײַכטע מארינארקע אָנגעגורט מיט שטריק,
א שטיק טשאוונ — די באָרד — צום רעכטנ ברעג געריכטעט.
אונ מיטאמאָל געגעבנ האָט דאָס שיפל זיכ א וויג,
ווי מיטאמאָל וואָלט אפ אנ אויגנבליק געוואָרנ ליכטיק.
זיכ אָנגעפילט מיט אונטערוועגס דאָס שיפל האָט,
אונ דראנג זיכ אָנגעצויגנ האָט ווי זעגלענ מיט געפלאטער,
אונ אינ דער פינצטערניש געגלאנצט האָבנ די ראָלנ דראָט,
פארברוינטע פענעמער, אונ מוט, אונ אווטאָמאטנ.
מעפאָרי מיט די רודערס האָט געטאָנ א שפרייט זיכ אויס
אונ ניט געוואָלט די פאסאזשירנ זײַנע ציילנ...
נאָר פרי׳ר, איידער דאָס שיפל טאָנ פונ ברעג א שטויס,
האָט ער זיכ אויגנבליקלעכ גיכ איבערגעציילעמט.

34. דער מיפ אפנ דניעפער

I

זיי זײַנענ געגאנ אפ געשלעג, די פאראָמענ,
פארפאָלגט פונ דער הייכ מיט א פלאמיקנ האָגל,
אונ ס׳האָבנ געקושט זיי פונ דניעפער די שטראָמענ
אונ האסטיק צום אנדערנ ברעג זיי געטראָגנ,
מיט שוימיקנ שפרוכ פונ צעהוידעטע טהאָמענ,
מיט הייסנ געמורמל: קיינ צאמ איז נישטאָ מער!
צוויי יאָר אינ געפאנגשאפט דער ברעג האָט געווארט
אונ האָט זיכ דערווארט אינ דער דאָזיקער נאכט.
עס האָבנ אליינ זיכ געריסנ די ביימער,
פארפלעכטנ מע זאָל זיי אינ קרעפטיקע פליטנ
באנאנד מיט דעם נאכטישנ צוג דעם געהיימענ,
זיי זאָלנ, ווי קיינמאָל, מיט דום א צעבלי טאָנ.
איז זײַנענ אפ ברויז אונ אפ אימפעט געריטנ,
פונ אָנגריפ פארשיקערטע, גרויזאמע ריטער,
אונ ליכט האָט פונ הארצנ באלויכטנ די שלאכט
אפ מײַלנ ארום אינ דער דאָזיקער נאכט.

II

די קריגער — געשפענסטיק פארהוילנ מיט נעפל,
אזוי ווי אינ נאכטישע וואָלקנס די שטערנ,
אונ בלויז אפנ ווונק זיכ געגריסט מיטנ דניעפער —
קײנ וואָרט זאָל די שטילקײַט פונ נאכט ניט צעשטערנ.
נאָר ס׳קרעכצט דער פאראָמ פונ געלאָדנ פונ שווערע,
אָט גיט עס א וויג אָט אהינ, אָט אהער אימ,
אונ פײַערלעכ האָט זיכ געטראָגנ די שלאכט
פונ ברעג צו דעמ ברעג אינ דער דאָזיקער נאכט.
אראָפ די שינעלנ. די פיס זײַנענ הוילע.
אויב עפעס — איז זאָטלענ די כוואליעס באפוילנ!
די עקנ פונ רודערס, פארוויקלט מיט ווילעק,
גערודערט דעמ דניעפ האָבנ לײַכטער פינ פליגל,
בלויז אָנגערירט, ווי מיטנ אָטעמ פונ מויל אימ,
אז כ׳זאָל זיכ קײנ פליעסק אפנ וואסער ניט וויגנ,
קײנ אָפהילכ קײנ מינדסטער ניט זײַנ זאָל געדאכט
באמ דורכשווימ פונ טײַכ אינ דער דאָזיקער נאכט.

III

סאפיאָרנ געוואגטע אונ פלינקע פארבינדלער —
אריבער די קני אינ די דניעפערשע פאטלעס,
מיט שנור אונ מיט קאבעל, געגארטלטע פינקטלעכ,
זיכ דורכגעקוקט האָבנ מיט די אווטאָמאטלער,
ווענ אופגעשרויפט האָט אינ דער הייכ זיכ א כוואליע,
אונ ס׳איז א פאראָמ זיכ פאנאנדערגעפאלנ.
נאָר באלד האָבנ קלאפטערס אקשאָנעסדיק-הארט
א לאָז זיכ געטאָנ אינ דער דאָזיקער נאכט,
אזוי ווי א קײט אפנ שלאכטפעלד, צעשאָטנ.
פונ ווײַט א צעוואלגערטע בריק האָט געשאָטנט
מיט פערמעס פארבראָכנ, אינ אויסשפיר פארטײַעט,
אונ קריגער — אפ כוואליעס, אונ קריגער — אנטקעגנ.
אונ ווער צו דעמ ברעג איז געשווומענ דאָרט ווײַטער,
אונ ווער מיטנ ברעג זיכ אפ אייביק געזעגנט,
אונ ווער מיטנ טויט, אינ דער פינצטער פארשפארט,
געראנגלט זיכ האָט אינ דער דאָזיקער נאכט.

IV

אינ אָפגרונט, פונ אלע פיר זײַטנ פארשלאָסנ,
געריסנ, פארכלינעט, האָט דראָזד פונעם דנאָ זיכ,
אונ ס'האָט א פארבראָכענער זײַל מיטאמאָל דאָ
געגעבנ א ווונק צו אים, ווי א פארענטשע.
— פארנ! זיכ פארפעסטיקט! — סאדאָווסקינ געמאָלדנ, —
א העלפט פונעם דניעפ איז בא אונדז אינ די הענט שוינ,
דער אנדערער וויגט זיכ, אונ הוידעט, אונ גארט,
אינ אָרד'נונג איז אלצ אינ דער דאָזיקער נאכט!—
זיי זײַנענ געגאנג אפ געשלעג, די פאראָמענ,
באלייגט פונ דער הייכ מיט א פלאמיקנ האָגל,
אונ ס'האָבנ געקושט זיי פונ דניעפער די שטראָמענ
אונ האסטיק צום אנדערנ ברעג זיי געטראָגנ,
מיט שוימיקנ שפרוכ פונ צעהוידעטע טהאָמענ,
מיט הייסנ געמורמל: קיינ צאם איז נישטאָ מער!
צוויי יאָר אינ געפאנגשאפט דער ברעג האָט געווארט
אונ האָט זיכ דערווארט אינ דער דאָזיקער נאכט.

V

דעם אומבײַט פונ ליכט אונ פונ כוישעכ פארווישנ
די ראנדנ פונ צײַט: צי ס'איז נאכט, צ'אינדערפרי שוינ.
זיכ אופגעכאפט האָט נאָכ א יישעוו א יישעוו,
אונ זיכ א צעפענטע געגעבנ דער סטעפ האָט.
פונ ערגעצ האָט שיפלעכ געטראָגנ א פישער,
ווי דראָשע-געשאנק, צו דער שלאכט אפנ דניעפער
מיט הארבסטיקנ וויי אונ מיט גרויזאמער פראכט
אפ גאָר אפ דעם לאנד אינ דער דאָזיקער נאכט.
דער הימל דורכויס מיט ראקעטעס זיכ ציילעמט,
אונ כוואליעס פונ דניעפער מיט פײַער פארזידנ.
באם ברעג פונדאָסנײַ שוינ די רעגעס זיכ ציילנ,
אונ ס'ציילנ זיכ ברעטער, אונ ס'ציילנ זיכ פליטנ.
עס וועלנ קאָבזארנ דעם לאנד עס דערציילנ,
אפ דוירעס זיי וועלנ עס רימענ אינ לידער,
ווי ס'זײַנענ פאראָמענ דורכ אָפגרונט צעשפארט
געשווומענ צו רומ אינ דער דאָזיקער נאכט.

VI

זיי האָבן געצוימט אויפן דניעפּ דעם געהאַווע
מיט דראַנג צו געגאַרטע און וואַרטנדע ברעגן.
„ווו ביסטו, מײַן מאַמע? ווו ביסטו, פּאָלטאַווע?" —
האָט דראָזד מיט דער נעסט פון דעם זײַל זיך געזעגנט.
אָט זעט שוין אַרויס זיך די קיִעווער לאַווריע,
אָט גייט שוין דער באַרג מיט שעווטשענקאָן אַנטקעגן,
באַגעגענען איז ער אַרויס אין דער שלאַכט
די העלדן פון פאָלק אין דער דאָזיקער נאַכט.
ווי רופט מען דעם שטאַם פּאַרטיזאַנער און ריטער,
וואָס האָבן געקליידט זיך אין ווינט און געוויטער?
ווי רופט מען די פּישער, וואָס האָבן פּאַרהיט דאָ
די שיפלעך, ווי ס'האַרץ, און קיין טראָט ניט פונדאַנען,
און האָבן געבראַכט זיי מיט פריידיקן ציטער?
ס'פאַרבעט דער קאָבזאַר אויפן באַרג זיי קיין קאַניעוו,
פון קייווער באַם דניעפּער ער האָט אופגעוואַכט
באַזינגען זיי שטאָלץ אין דער דאָזיקער נאַכט.

VII

צום ברעג, אין געלאָקער פון האַרבסטיקע ווינטן,
די אויגן צו לײַבלעך-געטרײַע סאָלדאַטן,
געטראָגן טשערעט אויף די קעפּ האָבן קינדער,
אַז ווייך אויף פּאַראָמען זאָל זײַן די האַרמאַטן.
און ס'איז אויף אוקרײַנע געגאַנגען אַ באַגין דאָרט
מיט זיבן מאָל שײַן און מיט זיבן מאָל פּלאַטער,
מיט זיבן מאָל ליכט און מיט זיבן מאָל פּראַכט
פון ערשטן פּאַראָם אין דער דאָזיקער נאַכט.
אים האָבן געטראָגן גיבורים פון וואָלגע,
ס'האָט יעטווידער קריגער אין האַרצן געהאַט אים,
מע האָט אים געטראָגן פון דר'ערד ביז די וואָלקנס
צום ברעג קעגנאיבער, געשטאָלטע און גראַדע,
די מעכטיקע זין פון אַ יעטווידן פאָלק, וואָס
האָט העל זיך אַנטפּלעקט אין דעם רום סטאַלינגראַדער.
אָט זעט זיך שוין דניעפּראָפּעטראָווסק אָן פאַרשמאַכט
פון סרייפישן פלאַם אין דער דאָזיקער נאַכט.

VIII

נאָר מיט א בייזווּנדערנעם ראש און צעבויטע
שוינ ווידער אינ הימל פארטײַעט - א שפארבער.
אונ ס'גיט פונ א דונער דער דניעפּ זיך א הוידע,
אונ ס'גייט דער פאראָם שוינ אינ דר'הייך א צעשפּארטער,
פונ ערגעצ א ווינט גיט א וויינ, ווי א קאָבזע:
„אָוואדים, פּראָשטשײַ! איך צום דנאָ לאָז אראָפּ זיך...״ —
אונ ס'גיט זיך א טוק אַנ ארמייער אינ טראכט
פונ שוימיקנ דניעפּ אינ דער דאָזיקער נאכט.
„צי דונערט מוזיק דאָ אפ גאָלדענע טרויבנ,
אונ ס'רײַסנ זיך קייטנ, אונ ס'ברעכנ זיך שויבנ?״ —
פארווּנדעט, אפ כוואליעס די ביקס גיט א הייב ער;
ער שווימט, אונ דער אָפּגרונט אימ ציט אינ די טיפֿנ,
ניינ, ניט נאָר ער שווימט, נאָר די כוואליעס ער צויבערט.
צום ברעג זײַנענ קלאפּטערס געבליבנ נאָך ווייפל?
אימ דאכט, אז די אײיורימ שוינ זײַנענ פארשטארט —
דערשווימענ ער מוז אינ דער דאָזיקער נאכט!

IX

ווי רופט מענ דעמ גיבער, וואָס ער האָט דער ערשטער,
געהאלדוט אונ געאָרעמט פונ דניעפּערשע שטראָמענ,
מיט בראָכע פונ כוואליעס, באווּיליקט פונ טהאָמענ,
דאָס זעמדל דאָס ערשטע געקושט אונ באהערשט דאָרט?
ווי רופט מענ די שווערד אונ ווי רופט מענ דעמ האמער,
פארמאָסטנ אפ קייטנ, צעפּאָכעט אפ צאמענ
אינ אָט-אָ דער פלאמיק פארקישעפּטער שלאכט,
וואָס וועט ניט פארגיינ, ווי די דאָזיקע נאכט?
ווי רופט מענ די קראפט, אונ דעמ מוט, אונ דאָס פײַער,
וואָס האָט זיך פונ טויזנטער הערצער צעשטראליקט
מיט קוואלנ פונ ווּנדער, מיט קוואלנ פונ טרײַהײַט
אפ ברעכנ אונ בראָקנ באצוימונגענ אלע?
דער נאָמענ איז פאָלק, אונ דער נאָמענ איז פרײַהײַט,
דער נאָמענ איז היימלאנד, דער נאָמענ איז סטאלינ,
וואָס בליַבנ וועט אייביק אינ רומ אונ אינ מאכט,
ווי בליַבנ וועט אייביק די דאָזיקע נאכט!

X

און אין דעם געאָרעם פון טויט און געפּאַרג
זיך דוכט אַפּן דניעפּ דעם באַרוישטן גוראַריע:
אַרויס זײַנען ייִדן פון קוואָרים און גריבער,
דערוועקטע דורך ווײַטע פּאַראָמיקע שפּרוכן,
און ס'וויגט איבער זיי דאָרט די ערד זיך אַ טריבע:
דערמאָרדעטע, ווילן זיי ניט קיין מענוכע—
דעם טויט פונדאָסנײַ, ווי סאָלדאַטן אין שלאַכט—
באַם ווידערבאַשאַפּ אין דער דאָזיקער נאַכט.
און ס'זײַנען אַפּ אופבּרויז געגאַנגען די פּאַראָמען,
סון הימל פאַרפּלייצט מיט אַ פלאַמיקן האָגל,
און ס'האָבן געקושט זיי פון דניעפּער די שטראָמען
און גרויזאַם צום אַנדערן ברעג זיי געטראָגן,
מיט שוימיקן שפּרוך פון פאַרצויבערטע טהאָמען,
מיט הייסן געמורמל: קיין צאַם איז נישטאָ מער!
צוויי יאָר אין געפּאַנגשאַפט דער ברעג האָט געוואַרט
און האָט זיך דערוואַרט אין דער דאָזיקער נאַכט.

35. דערקאָנט דעם פּאָטער

I

מעפּאָדיס שיפל זיך געוויגט האָט הין און צ'ריק,
אַרופגעוואַלגערט האָט די קאָרמע אַפּ דער נאָז זיך.
די רויטאַרמייער — איינס צום צווייטן צוגעדריקט,
און בא דעם רודער האָט מעפּאָדי אויסגעי׳ען אַ נאָזיר.
— דו ווייסט שוין, שוואַב, וואָס קאָסט אַ בערן-פּעלץ? — האָט דוב
אינמיטן דניעפּער אויסגעשאָסן אַ געלעכטער.
ס'האָט זײַן פּאַראָם צווישן די כוואַליעס זיך געשטופּט
און אונטער פײַערוועריק געצווייט זיך און געפּערטלט.
אים יעדער וויג איבערן טהאָם געווען איז זיס,
און יעדער פליעסק ווי אַ באַפּעל געווען איז הייליק.
אויב ער אין מיפּן האָט געצווייפלט ווען-עס-איז,
האָט ער אין גרעסטן מיפּ אַליין זיך איצט באַטייליקט.
ס'ווײַזט אויס, אַזוי האָט זיך געהאַרטעוועט די ערד,
אַזוי געצונדן האָבן שטערן זיך אין הימל.
נאָר פון מעפּאָדין האָט וואַסילי איצט געקלערט:
„וועט ער צום ברעג מיט רויטאַרמייער נאָך דערשווימען?"

II

צי האָט א בלאסקײַט זיכ געריסנ פונ געזיכט,
צי א פּראָזשעקטאָר זיכ געלייגט האָט פונ אנטקעגנ?
געווענ מעפּאָדיס פּאָנעמ איז אינ ליכט,
ווי אפנ טײַכ באלויכטנ ס׳וואָלט דעמ וועג אימ.
צי וויגנ שטערנ אינ די טיפנ זיכ מיט פּאָרכט,
צי זײַנע רודערס שלאָגנ פונקענ אויס פונ צאָרנ?
ס׳האָט זיכ געדוכט, אז ער צעבלאָזט מיט יעדנ פּאָכ
אזא געהיימניספולנ שווימענדיקנ האָרנ.
דעמ טײַכ געשניטנ האָט ער גראד, ווי אינ פארשפּראָכ,
פארטויבט מיט רודערס ער דעמ שפּרוכ האָט פונ די וועלנ.
ס׳האָט זיכ געדוכט: מיט יעדנ קלאפּטערדיקנ פּאָכ
שפּארנ די אנגלענ פונ זײַנ פּאָנעמ דורכ זיכ העלע.
ער ווי א פײַל געטראָגנ האָט זיכ גלײַכ,
דער שווייס א גלאנציקער געטריפט האָט פונ די האָר אימ.
ס׳איז ניט דערגאנגענ צו אימ דאָס קרעכצנ פונעמ טײַכ
אונ ניט דאָס וואָיענ אינ די הייכנ פונ מאָטאָרנ.

III

אונ האלב-פארגאפט, ווי אויסגעגאָסנ פונ טשאוונ,
זײַנענ געשטאנענ רויטארמייער אפנ שיפל,
אונ אָט אזוי, אפנ געהער אונ אפנ ווונק,
זיכ דורכגעסוידעט מיט דער ווײַט אונ מיט די טיפנ.
איינער אינ אנדערנ פארוואקסנ אונ געלענט,
אלע אינײנעמ — מיט געפאר אדורכגעפלאָכטנ.
ווי א פארשפּעקטיקטער פארשווינ האָט מיט די הענט
אליינ זיכ אָנגעכאפּט דער גורל פאר די באָרטנ:
„צי וועט ניט עמעצער זיכ געבנ דאָ א רוק?
צי ניט געלאָזט האָט מענ אינ שיפל דאָ אנ אָרט אימ?״
ס׳האָבנ די שווימענדע זיכ שטיל איבערגעקוקט,
געשווומענ ווײַטער איז מענ שווײַגנדיק אונ פּאָרכטיק.
מעפּאָדי רודערט גראד, ווי אינ פארשפּראָכ,
אונ זײַנע רודערס שלאָגנ פונקענ אויס פונ צאָרנ.
ס׳האָט זיכ געדוכט, אז ער צעבלאָזט מיט יעדנ פּאָכ
אזא געהיימניספולנ שווימענדיקנ האָרנ.

IV

שוין עגבערט פונ דער הייכ א בילנדיק געוואָי.
עס טאפּט שוינ עפּעס איימעדיק אפּ כוואַליעס פונדאַסנײַ אָנ.
ס׳וועט באלד אדורכשווימענ דאָס שיפל קאַליסטראָ׳
צווישנ די אָפּגרונטנ פארבאָרגענע אונ פײַער,
א יעדער איינער אינ דער שטילקײַט קוקט זיכ אום,
ס׳געפאר איז פײַערלעכ, אונ ווונדערלעכ, אונ רוישיק,
דער טויט — פונ אויבנ, אונ פונ אונטנ, אונ ארום,
אונ גאָרניט מער זעט אכוצ אימ זיכ ניט ארויס שוינ...
אונ ס׳האָט א זעצ געטאָנ די פינצטערניש מיט בלײַ,
געטאָנ דאָס שיפל דורכנ אָפּגרונט ס׳האָט א שלײַדער,
נאָר אויסגעבליצט דאָס פײַער האָט כארבײַ,
אונ אָפּגעהילכט די ווינטנ האָבנ: ווײַטער!
מעפּאָדי האלט בא זײַנע רודערס זיכ געטרײַ,
ס׳האָט בלויז א כוואַליע אימ אראָפּגעזועצט דאָס היטל,
נאָר היטלענ שווימענ שוינ א מענגע אפּנ טײַכ,
אונ אפּנ טײַכ איז א געדרענג אונ א געוויטער.

V

געשווומענ היטלענ זײַנענ איינזאמ אפּנ טײַכ,
אינ ווײַסנ שוימ האָבנ זיכ שטערנדלעכ געבאָדנ.
דעמ בליק ניט אָפּווענדנדיק, אײַנגעשפּארט אונ גלײַכ
צומ רעכטנ ברעג גערודערט האָט מעפּאָדי.
נאָר ניט געוווּסט האָט ער, באלאגערט דורכ דעמ טהאָמ,
וויפל געבליבנ זײַנענ קריגער נאָכ אינ שיפל,
וויפל פאריאָגט אינ אָפּגרונט ס׳האָט דער שטראָמ
אונ מיט די כוואַליעס ראנגלענ זיכ נאָכ וויפל?..
אונ ניט געוווּסט, אז בלוט פונ גאָרגל זײַנעמ שפּארט,
אז ס׳טריפט אראָפּ אפּ זײַנ צעווייקטער מארינארקע...
געזועצט אפּ זײַנע הענט האָט זיכ די נאכט,
געווונקענ האָט פונ ברעג א פינצטערע כיבארקע.
דעמ ווײ פארקריצט, פארביסנ מיט די ציינ,
האָט ער געטראָגנ זיכ אריבער אלע גרענעצנ
אונ ניט געוווּסט, אז ס׳גייט דאָס שיפל שוינ אליינ
אונ אז די רודערס שלעפּנ נאָכ שוינ זײַנע הענט זיכ...

VI

אינ ברעג ארײַנגעגאנ דאָס שיפל איז פארטרויט,
ווי אינ די אָרעמס פונ אנ אויסגעבענקטער מאמע.
נאָר ניט ארופגעלאָזט מעפאָדינ האָט דער טויט,
ער איז געזעסנ אינ די רודערס אײַנגעקלאמערט.
ער האָט דורכ כוואליעס שוימיקע נאָכ פאָרגעזעצט דעמ וועג,
ווי נאָכ ניט אלצ דערזאָגט וואָלט ער געהאט די טיפנ.
ארופגעטראָגנ האָט מעפאָדינ אפנ ברעג
א רויטארמייער, אנ ארופגעשפרונגענער פונ שיפל.
עס האָבנ וואסערנ די האָר מעפאָדינ אויסגעגלעט,
איבער זײַנ קאָפ איז א יעדיִע אפ צוריק געגאנ שוינ:
„דער רעכטער ברעג. אָוואדיס רעדט.
פאראנ שוינ א פלאצדארמ. ס׳פעלט איינער פונ דער מאנשאפט“.
צומ אומגעקומענעמ איז דראָזד געלאָפנ ניט געזאמט,
מיט דער פאלאטקע אימ פארדעקנ אונ באשטאטנ,
נאָר זיכ פארהאקט האָבנ די קני זײַנע אינ זאמד,
אונ אפ א ווײַל האָט ס׳הארצ זיכ אָפגעשטעלט אימ: — טאטע!

36. דעמ זיידנס שיפל

I

דאָס שיפל האָט סאדאָווסקי גלײַכ דערקאָנט.
דער זיידע, ווי א טאָפאָל, האָט פאר אימ א שטעל געטאָנ זיכ.
וואסיאָנע, וואָראָביי — זיי זײַנענ אלע דאָ, דערנעבנ, נאָ׳נט,
נאָר ס׳האָט אפ יענער זײַט פונ דניעפּ זײַנ בליק געבלאָנדזשעט.
אהינ זיכ דורכשלאָגנ! צומ-אלעמ-ערשט — אהינ!
דעמ זיידנס קאָל האָט איצט ניט אָפגעלאָזט אימ:
„מיר וועלנ פרי׳ר דאָס דריטע מאָל ארײַנגײנ קיינ בערלינ,
איידער זיי וועלנ ס׳ערשטע מאָל ארײַנ קיינ מאָסקווע!“
— וואסיאָנע! — האָט סאדאָווסקי אויסגעהילכט דאָרט הויכ,
ווי נאָר פונ פליט דעמ טראָט דעמ ערשטנ האָט געטאָנ ער,
אונ האָט דערלאנגט א פאל, פארהילט אינ רויכ,
ניט פילנדיק דאָס זעצנדיקע בלוט פונ פאָנעמ.
ער האָט געטאפּט דעמ באָדנ מיט די הענט,
ווי טײַערע געזיכט-צוגנ, געוועקט פונ שלאָפ זיי.
אונ צו די גראָזנ די פארוועלקטע זיכ געווענדט:
„ס׳איז איכ, ס׳איז איכ, ס׳איז אלעקסיי סאדאָווסקי!“

II

פאַרטריבן האָט ער דעם ווײַ מיט ברויז און ראַש,
וואַסיאָנען רופנדיק, פאַרוואָרפן אין אַ שאָפע,
נאָר ס'איז זײַן קאָל דערגאַנגען צו אַ בערגל אַש
אונטער אַ אײַנגעבראָכענעם פאַרברענטן טאָפּאָל.
ס'האָט עמעצער אַהין געבראַכט אַ שטיין —
געהיים דעם אומבאַוווּסטן קיִווער צאַמען.
געווּט האָט דאָרט וואַסיאָנעס מוטערלעך געביין
מיט זיבן קינדער, אומגעקומענע צוזאַמען.
און עמעץ נאָך באַנאַכט אַליין
געבראַכט אַ אונטערוועגיק ביימל האָט צו שלעפן,
און טאָג ווי נאַכט מיט אַ געוויין
באַווײַנט דעם קיִווער האָט דער דניעפּער.
צוויי וועגן — אויסגעצויגן גלײַך,
מיט טרויער האַרבסטיקן פאַרוויִיטע:
געגאַנגען איינער איז צום טײַך,
און צו אַ קינדער-שול — אַ צווייטער.

III

אַ שוואַרצער זרוב, פּונקט ווי מיט טינט פאַרפּלעקט,
דער טאָרטשענדיקער קוימען — גרייט אַ פאַל טאָן.
דאָס איז וואַסיאָנעס שול, אין זײַט פון וועג,
דאָ האָבן קינדער ייִדישע זיך אויסבאַהאַלטן.
אַרומגעהוליעט האָט אין פעלדער שויִן דער שניי,
באַם וועג די ביימער שויִן געשטאַנען זײַנען הוילע.
אין שרעק געלאָפן פון אַ שטעטל זײַנען זיי,
ווּ דײַטשן האָבן אַלע ייִדן אויסגעקוילעט.
די גרוב בלויז זען באַוויזן האָבן זיי,
באַוויזן הערן דאָס געשריי און דעם געוואָי נאָר,
און זיך אַז גאָטס באַראָט געגעבן אַ צעווײ,
ווי זיבן לעמעלעך, אַנטלאָפענע פון בוינע.
געקומען זײַנען זיי אין דאָרף באַנאַכט,
ס'האָט איינער אין אַ שטיבעלע געטאָן אַ קלאַפּ אָן.
וואַסיאָנע האָט זיי שפּײַז דערנאָך אין שול געבראַכט,
אין איידעס איז געווען — אַן אַלטער טאָפּאָל.

IV

ביז סאמע פרילינג האָט זי זיי אינ שול געהיט,
דערנאָכ האָט זי אוועקגעפירט אינ פרײַענ פעלד זיי:
דער ווינט ניט פרעגנ וועט בא זיי — א ייִד, צי ניט קיינ ייִד,
דאָכ ציילעמלעכ זיי אָנגעטאָנ דאָרט אלע אפ די העלדוער.
נאָר אפנ הארצנ האָט געלייגט זיכ איר א שטיינ,
פארצויגנ האָט דעמ גאָרגל א געוויינ איר:
קיינ אוולע קעגנ זיי וועלנ די פייגל ניט באגיינ,
זיי אויסגעבנ אינ פעלד וועט פאר געוויס ניט קיינער,
אונ דאָכ האָט זי פארטריבנ ניט געקאָנט דעמ וויי,
ווײַל טאָמער וואָס... ווײַל טאָמער ווערט מענ דאָכ געווירע?!..
וועט דענ גענוג זײַנ אפ באהאלטנ זיכ א סטערטע היי?
ניט אופגעהערט דער אומרו האָט אינ הארצ אינ אירנ יורנ...
זי וועט זיכ נאָכ אראָפכאפנ פונ צײַט צו צײַט אהער,
זיי ברענגענ עפעס-וואָס, דאָס כײַעס צו דערהאלטנ,
ביז זי אליינ, פונ עמעצנ באמערקט,
וועט פונ די פיס פונ אירע ניט קיינ פאל טאָנ.

V

זיבנ קינדער ייִדישע אינ העפקער-פעלד,
ווער פארצוקנ ס'וויל זיי — פראנק אונ פרײַ איז!
ווי ניט קיינ מאמע וואָלט געטראָגנ אונ געהאט זיי אפ דער וועלט,
נאָר ווי ארויסגעיאָגט די טראכט האָט זיי אפ שפּײַז פאר כײַעס.
זיי האָבנ אומגעוואָגלט העפקער, נא-ווענאד —
א יונגע, א פארפאָלגטע זיבנ-קינדערדיקע איידע.
פונ אלצ, פונ אלצ, וואָס זיי האָבנ געהאט,
פארוואלגערט האָט בא איינעמ זיכ אינ קעשענע א דריידל.
געגאנגענ איז פונ דעמ א זיסער שאָרכ
א שפּיל טאָנ זיכ אונ די געפאר פארוויגנ...
איז בלויז א כײַע-שאָ,
אינ דריידל שפּילנדיק, ניט-דאָיִקע, ניט-היגע,
גענאָסנ פונ האכנאָסעס-אָרכימ בא דעמ טהאָמ
מיט דאנקבארקײַט זיי האָבנ אײַלעוודיק-פארשײַטע,
ווי א קאפעלע פייגל אונטערוועגס, איבערגעראשט פארטאָג,
וואָס דארפ זיכ אָט שוינ אופהייבנ אונ פליִענ ווײַטער.

VI

דאָס דריידל האָט געדרייט זיך קאָן נאָך קאָן.
געפעלט האָט נאָר א היים, א טאטע און א מאמע.
פארגעסן זיך, אז זיי דערזען דער אומגליק קאָן
און מיט אן איגל זיי ארום דעם וועג פארצאמען...
און איידער מ'האָט באוויזן טאָן זיך א צעזיי,
האָבן זיך הינט צערייצטע אָפגעלאָזט זיי כאפן.
אָפ טויט א קינד צעריסן האָבן זיי,
די איבעריקע—צום געריכט מיט וואָראָבייען אין געסטאפּאָ.
„היגע זײַנען מיר!" — ניט־דירעוודיק און גלײַך
געשטאנען זײַנען זיי אין שכיטע־הויז פארטשאדעט —
זיבן קינדער העפקערדיק אנטקעגן דריטן רײַך,
זיבן קינדער, ווי א פייגלדיקע טשאטע.
געזען דעם מאלכאַמאָוועס אין מאָנאָקל האָבן זיי,
געקוקט אָפ די פארשנורעוועטע צײַנקאסטנס, ווי קלאמערס.
ווו האָט דער אומגליק זיי אהינגעטאָן די היים?
ווו האָט דער אומגליק זיי אהינגעטאָן די טאטע־מאמעס?

VII

ווו האָט דער אומגליק זיי אהינגעטאָן די וועלט?
האָבן זיך קינדער אין דער לופט, פארוורטײלטע, געקלאמערט.
באנאכט האָט מען די קינדער אופהענגען באפעלט
און ביז באנאכט — צו דער באשיצערן אין קאמער.
ס'האָט יעדערער פון זיי די לערערן דערקאָנט,
אין שול האָט יעדערער געגעבן א דערמאן איר.
— וואָס וועט מען טאָן מיט אונדז באנאכט?—האָבן זיי נאָ'נט
זיך צוגעטוליעט, וויינענדיקע, צו וואסיאָנען.
— אָפ ארבעט וועט מען אונדז אוועקפירן באנאכט,
אין פעלד וועלן מיר פאשען לעמעלעך און ציגן... —
און יעדן איינעם שטיל און צארט
גענומען האָט זי מוטערלעך פארוויגן... —
שלאָפט אײַן, שלאָפט אײַן און רוט זיך אָפּ, —
פארשפּראָכן האָט אין קאמער זיי וואסיאָנע,
און יעדערן פון זיי א קוש געטאָן אין קאָפּ,
און יעדערן פון זיי א קוש געטאָן אין פּאָנעם,

VIII

און שטיל אין זיך געוואָרגן דאָס געוויין,
די לעצטע רעגעס ציילנדיק אין אומעט.
די קינדער האָבן דאָך זיך אופגעכאפּט אליין,
קיין שלאָף איז מער אף זיי שוין ניט געקומען.
— ווי שפּעט איז, לערערן, ווי שפּעט איז שוין? —
האָט איינער זיך געפרעגט, — פארשלאָפן נאָך מיר קאָנען! —
געכאָלעמט האָט זיך אים א קלאָר-ווײַס ציגעלע, ווי שוים.
און קרעכצנדיק, אראָפּגעלאָזט די אויגן האָט וואסיאָנע.
ניט קוקנדיק, געגלעט אים פאר דער האנט,
אים אפן שטערן אויסגעגלײַכט די הערלעך:
— איר וואָלט זיך, קינדער, עפּעס אין א שפּיל דערמאנט,
אויב שלאָפן ווילט זיך אײַך שוין מער ניט... —
עס האָט געטאָגט. דערהערט האָבן זיך טריט.
זיך אופגעעפנט האָט די טיר. ארײַן דאָס דריטע רײַך פארשײַט איז,
און זיבן קינדער מיט וואסיאָנען אין דער מיט
באגעגנט האָבן זיבן טליִעס מיט א שײַטער.

IX

— וואסיאָנע! — האָט סאדאָווסקי גאָר די ערד געוועקט
מיט יעדן טראָט, וואָס ער האָט דאָרט געטאָן נאָר, —
עס זײַנען אונדזערע פון רעכטן ברעג פאַרויס אוועק,
דער וועג דירעקט אף מײַרעוו גייט, וואסיאָנע! —
נאָר ס'האָט איר מוטערלעך געביין אונטער א בוים גערוט,
פון אָפּגעראשטער צײַט זיך לאָזנדיק בארירן.
געמאָנט די ערד האָט דײַטשיש בלוט,
געמאָנט די ערד האָט דײַטשישע פּעגירים.
סאדאָווסקי האָט געטאפּט דעם באָדן מיט די הענט,
ווי טײַערע געזיכט-צוגן, געמונטערט ווי פון שלאָף זיי,
און צו די גראָזן די פארוועלקטע זיך געווענדט: —
ס'איז איך, ס'איז איך, ס'איז אלעקסיי סאדאָווסקי! —
פארטויבט ער האָט דעם ווײַ מיט ברויז און ראש,
וואסיאָנען רופנדיק מיט בלוטנדיקע טראָפּן.
נאָר ס'איז זײַן קאָל דערגאנגען צו א בערגל אש
אונטער אן אײַנגעבראָכענעם פארברענטן טאָפּאָל...

37. אצאָמעס־האיעווישעס

I

— קומט, כאווער קאָמאנדיר, — האָט צו סאדאָווסקין זיך געווענדט
גוראריע, ווי עפּעס וואָלט ער אים דערמאָנען,
ווען אַף די אלטע קיִעווער באַפרײַטע ווענט
האָבן פונסנײַ צעפּלאטערט זיך די רויטע פאָנען,
ווען אָפּגעהילכט אין מאָסקווע האָט
דער פּיר און צוואנציקסטער סאליוט אַף אן אליִע
דער אלטער גאָלדן־קעפּעדיקער שטאָט
אינײַנעם מיט די אופגעוועקטע טרויער־בערג פון קיִעוו...
צו דעם מאַיאָר סאדאָווסקי זיך געווענדט האָט ער,
ווי ער דעם גורל וואָלט דעם אייגענעם פאַרטרויט אים: —
איך וויל אײַך פירן צו דעם אָרט, וווּ ס'האָט די ערד
איבער די לעבעדיק־באַגראָבענע זיבן טעג געהוידעט.
ס'האָט א האמוין פון העכער הונדערט טויזנט מאַן —
פאַרנאַרטע מאַמעס, זויג־קינדער און זקיינים —
געשאָכטן דאָרט דער דײַטש. — און ווי געטאָן זיך א דערמאַן: —
זי וויגט זיך נאָך, די ערד. און שטילן וועט זי זיך ניט קיינמאָל.

II

געשפּרייט האָט זיך אין ווײַט א כאָרעוודיקער וועג,
געקעפּטע טאָפּאָליעס אונטער א קריִעדיקער כמארע.
— האָבן א סאך פאַרלאָזט די שטאָט? — מיט שטילן פרעג
האָט זיך א קער געטאָן סאדאָווסקי צו גוראריען.
געדאכט האָט זיך, אז יעדער זעמדל, יעדער שטיין
מיטן אדורכגעברענטן מויל גוראריעס ברייט אים:
— אָ! דאָס האָט אויך גערמאַניע באַזאָרגט אליין,
ניט אויסרינען פון אירע הענט זאָלן דעם רײַכס פּראָפיטן...
דעסאנטן האָבן זיי פון מיטן לויפן אומגעקערט,
צוריק מיט פײַער פון פוגאסן זיי געטריבן.
און נאָך: די אָרטיקע געקויפטע קנעכט,
וואָס זײַנען וועגווײַזער נאָכהער געוואָרן צו די גריבער...—
געקריצט אונטער די טריט האָט בראָך פון גלאָז,
געשטיקט האָט זיך סאדאָווסקי מיטן קאָל נאָך טריבער:
— פאַרוואָס זשע האָבן זיי די הענקער ניט געלאָזט
די רידלען אין די קעפּ, אָנשטאָט זיך גראָבן גריבער?

III

גוראריע אָפּגעווישט האָט פֿון די ליפּן שטויב,
געגאַנגען שווײַגנדיק און אופגעכאַפּט ווי פֿונעם שלאָף זיך,
נאָכהער א זאָג געגעבן אײַלעוודיק און טויב:
— געווען איז אַלץ. און אויך אַזוינס. געווען, כאָטש סאַדאָווסקי,
אָבער ניט די, — האָט ער אים מיטן בליק געטאָן א ריר,
און זיך פֿאַרלאַנגזאַמט אף א ווײַלע האָט די טריט ער, —
די מענגעס טויזנטער פֿון גאַנצע שטעט געשטאָרבן זײַנען פֿריִ׳ר,
נאָך איידער ס׳האָט דער קאַט געפֿירט זיי צו דער שכיטע...
געשטאָרבן פֿריִ׳ר זיי זײַנען פֿון ביזאָיען און פֿון פּײַן.
ערשט דאַמאָלט האָט דער קאַט ווי ליים געקאָנט זיי קנעטן,
און צווינגען זיי האַכנאָעדיק-געהאָרכזאַם זײַן
צום מעסער, צו דער האַק און צו דער געטאָ.
פּונקט ווי פֿון קינדער אויסגעצאַפּט גערמאַניע האָט דאָס בלוט,
אַזוי פֿון די דערוואַקסענע זי אויסגענאָגט האָט די נעשאָמעס,
אין אָנגענומענע האָבן זיי דעם טויט פֿאַר גוט,
אַן אויסלייזונג פֿאַר זיי געווען דער לעצטער טהאָם איז...

IV

זיי זײַנען ווײַטער, שווײַגנדיק, אַוועק.
קיין וואָרט ניט אויסגערעדט שוין מער זיי האָבן
די גאַנצע צײַט פֿון טרויעריקן וועג,
וואָס האָט געצויגן זיך צווישן בראָך און גראָבנס.
געגאַנגען זײַנען זיי איבער דעם זעלבן וועג,
וואָס איבער אים געטריבן האָט דער דײַטש די מאַכנעס ייִדן.
דער טויט געגלאַנצט האָט דאָן אף שאַרף פֿון העק,
נאָר ס׳האָט דער האַרבסט מיט ווידערוווּקס אף זיי געבליט דאָן...
געגאַן זיי זײַנען אָפּצאָלן מיט בלוט דער ערד,
וואָס האָט מיט זאָמען זייערע באַפֿרוכפּערט פֿאַר דער וועלט זיך.
עפּשער דערפֿאַר האָט קיין יעלאָלע זיך געהערט
פֿון זייערע געשאָכטענע און אופגעהאַקטע העלדווער?
עפּשער דעריבער האָבן זיי אין לעצטן גאַנג
די לייד אף זיך געלאָזט מיט רו מיט אומגעהערטער,
ווײַל ס׳האָט אומשטערבלעכקײַט צו זיי פֿון אומעטום געבלאַנקט,
און ס׳האָט אין איר איבערגעברענט דער מעסער-בלאַנק פֿון מערדער.

V

געגאַנגען זײַנען זיי מיט האַק-און-פּאַק צום טויט,
מיט כּופּעס און מיט וויגעלעך אין שאַבעסדיקע קליידער;
געגאַנגען זיי זײַנען מיט געצײַג און מיט דעם אָרעם ברויט.
אַן אומפאַרלענדטע לעבעדיקע איידע.
אַ פּאַכעד אַף די הענקער אָנגעוואָרפן האָבן זיי,
אויך טויטערהייט, פאַרברענטע און צעמאָלטע,
מ'האָט דורכגעזאַפּט דאָס אַש און מיט די ווינטן עס צעווייט,
נאָר יעדער שטויבל האָט געלעבט און, בלאָנדזשענדיק, געמאָלדן
איבער דעם ראַנד פון קיִיווערדיקער שוועל,
איבער די העק פון די באַזויפענע און דולע מערדער:
זיי האָבן ניט פאַרשפּילט די וועלט,
אויב אומגעקערט האָט זיך גוראַריע צ'ריק אַהער דאָ
מיט אַ סאָוועטישער אַ בלאַנקענדיקער שווערד
צווישן פיל טויזנטער רויטפּאָנעדיקע ייִדן —
אַליין אַף דרײַ גוואַרדייסקע פערד,
וואָס ס'האָט פאַר אים אַ נײַנציקיערעדיקער זאָקן אויסגעהיט דאָ...

VI

די אויגן מאַכט ער יעדער ווײַלע צו.
דער ניט-געטרייסטער פּײַנ גיט יעדער ווײַל דעם קאָפּ אַ בייג אים,
און ער דערזעט דעם לאַנגן טרויעריקן צוג,
וואָס ס'האָט זײַן ווײ אַדורכגעהאַקט דעם הימל, ווי אַ רעגנבויגן.
עס רוישט דער זעלבער האַרבסטיק-טרויעריקער ווינט,
עס שאָרכען מיט דעם זעלבן שאָרך די הוילע ביימער,
אין ווײַט זיך טראָגט דער ניט-געשטילטער וויי און ווינד
פון די, וואָס האָבן זיך ניט אומגעקערט אַהיים מער,
אַקשאָנעסדיק, מיט ביטל צו דעם קאַט,
דעם איינציקן געבאָט — געבאָט פון זײַן — געטרײַע.
אַ טרייסט, אַ טרייסט האָבן זיי דאָך געהאַט,
ווײַל פאַלנדיק געהערט האָבן זיי טריט פון די באַפרײַער,
און רויִק זײַנען זיי געווען אַזוי דערפאַר,
ווײַל זייער גורל איז געווען מיט שטערן-שײַן זיך כאָוועג.
און אויפגעדעקט האָט זיך אין ווײַט פון באַבי-יאַר
אַנטקעגן זיי — דער שוואַרצער טרויעריקער טאָוול.

VII

זיך אָפּגעשטעלט, אַנ אָוול, האָט אַליינ די צײַט:
זיך ניט באַוועגנ מער אונ מער ניט שטראָמענ פּליסיק,
געצויגנ האָט אַ טאָל אַ ברייטער זיך אינ ווײַט,
באַדעקט מיט אַש אונ דורכגעברענטנ פּריסעק.
אַ לײַכטער האָט געוואַלגערט זיך אינמיטנ באַבי־יאַר,
פונ דאָר צו דאָר צו מאַמעס ייִדישע געוואַנדלט האָט געוויס ער,
אונ דורכגעלאָזט דורך זיך אַ יאַם פונ צאַר,
אונ דורכגעלאָזט דורך זיך פונ טרערנ אַ געוויסער...
ווענ ס׳גיט אינ אים אַ שמעלצ מיט שאַרפקײַט זיך אַ ליכט
פונ אַ פאַרוואָגלט־הימלאָזיקנ שטערנ,
דאַכט אויס זיך, אַז דורך שאָטנס ווערט דער טאָל באַרירט,
אונ אַז געוויינענ אונטערערדישע פונ מאַמעס זיך דערהערנ.
דער ווינט דער האַרבכטיקער האָט ניט געשטערט די רו,
אַ טשאַטע פייגל איז מיט פאָרכטיקײַט פאַרבײַגעפלויגנ.
סאַדאָווסקי איז געשטאַנענ אָנ דער הוט,
גוראַריע האָט דעמ בליק אינ מייסימ־טאָל ארײַנגעצויגנ...

VIII

געצויגנ האָט זיך ווײַט אַרומ דער באַבי־יאַר,
ווי אַ געהיימע טויזנטיאָריקע דערמאָנונג.
קיינ ברעג איז ניט געוועזנ צו דעמ צאַר,
אונ צו דער שטילקײַט ניט געוועזנ איז קיינ אָנהייב.
אַ שטיקל שאַל אַ טערקישע געשטעקט האָט פונ דער ערד,
געגלעט האָט שפּילעוודיק אַ ווינט אונ זי געצויגנ,
פונקט ווי פאַרדעקנ דאָרט געוואָלט האָט ער
דער גאַנצער וועלט די אומפאַרשעמטע אויגנ...
נאָך קינדווײַז — מיטאַמאָל האָט זיך גוראַריע אײַנגעטראַכט —
דערציילט האָבנ אינ שול די זקיינימ פונ לאַנגאָנעג,
אַז ס׳שטייענ מייסימ אויפ באַנאַכט
אונ אינ טאַלייסימ זײַנענ זיי מעכאַדעש די לעוואָנע...
ער ווייסט ניט, צי געוועזנ איז ער אַ קינד אַ קליינס,
ער ווייסט ניט, צי געוועזנ זײַנ קינדהײַט וואָר איז,
ס׳איז וואָר בלויז איינס, אַז ער אַליינ
איז אופגעשטאַנענ פונ אַ בייס־האַקוואָרעס,

IX

פונ דעמ, אפ וועלכנ דאָ ער שטייט אצינד,
פונ דעמ, ווו ס'ליגט געשענדט דאָס פאָלק דאָס גאָרע.
אונ ס'האָבנ זײַנע אויגנ זיכ געגעבנ א פארצי
מיט אש פונ טויזנטער אזעלכע מאָנענדיקע קוואָרימ...
אונ מיטאמאָל האָט פונ דער ערד א שפּאר געטאָנ א ביינ,
אונ נאָכ. א סאכ. גענומענ האָבנ זיי זיכ פלאָנטענ.
אימ האָט געדוכט, ער הערט זייער דערשטיקט געוויינ:
מע זאָל אינ לײַב אונ הויט פונסנײַ זיי אָנטאָנ...
זיי וועלנ זיכ אליינ צונויפהעפטנ באנאנד,
ארײַנהויכנ זאָל פײַער זיכ אינ זייער וויי-שויס.
גוראריע האָט זיכ, שטוינענדיק, דערמאָנט
אינ טאָל פונ די אצאָמעס-האיעווישעס...
ער האָט געהערט פונ ביינער רוישיקע דאָס קאָל,
ווי אינ א שטיינעריקנ ברעג פונ כוואליעס די געפליעסקנ:
„אָט אפ אזא־אָ וויסטנ ביינער-טאָל
איז אופגעגאנ די וויזיע פארצײַטנס צו יעכעזקלענ

X

אונ אימ געפירט ארומ, ארומ, פארבײַ
אונ האָט ארויסגעוויזנ, פרעגנדיק, געגאָד אימ:
צי וועלנ לעבעדיק די ביינער ווערנ פונדאָסנײַ,
בענ-אָדאָמ?
אונ אימ געזאָגט: זיי וועלנ ווערנ לעבעדיק פונסנײַ;
זאָג צו דעמ גײַסט: פונ ווינטנ פיר אהער קומ, אָטעמ
זיכ אינ געביינ פונ די געהארגעטע ארײַנ,
וועלנ זיי ווערנ לעבעדיק, בענ-אָדאָמ!
גענומענ זיכ דערנע'נטערנ האָט ביינ צו ביינ,
אונ אָנגעפאנגט האָט זיכ א ראש אינ אלע עקנ:
מיט אָדערנ אונ פלייש פונ אויבנ האָט אליינ
א יעדער ביינ גענומענ זיכ באדעקנ,
אונ ס'איז אינ זיי ארײַנ דער גײַסט,
אונ גוורע איז אינ זיי ארײַנ מיט פײַער —
זיי האָבנ אפ די פיס געשטעלט זיכ דרייסט
אונ זיכ אוועקגעלאָזט — א גרויס, אנ אומגעהייער כאיל".

XI

דאָס האָט גוראַריען אויסגעדוכט זיך בלויז,
איבערגערוקט די צײַט האָט אַפּ אַ ווײַל זיך אין זײַן מויעך,
בלויז אַפּ אַן אויגנבליק איז ער פֿון איר אַרויס
און אָנגעקומען אין דער קינדהײַט פֿון זײַן טרויער.
אַ גראַדן צוטריט האָט אַצינד געהאַט
צום פֿאָלקס געשענדטן טויזנטיערעדיקן ווײ ער,
נאָר ער איז ניט קיין נאָווי — אַ סאָלדאַט
איז ער, אַ פּראָסטער רויטאַרמייער...
און נעבן אים איז אַש פֿון טויזנט יאָר,
אַ שטיקל שאַל אין בלוט מיט ווינטיקן געשטאַמל,
אַן אויסגעקרימטער לײַכטער, אײַנגעוויגט אין בראָך,
וואָס אין די דוירעס איז אַריבער פֿון אַ מאַמע צו אַ מאַמע..
— איצט קאָן אַהער אַראָפּנידערן גאָט אַליין —
אַרויסגעהויכט אין טרויער האָט גוראַריע, —
און זיך דעם קאָפּ צעוועצן אין אַ שטיין,
אַפּ קוואָרים פֿון די באַבי-יאַרן...

XII

מיט גליווער אָנגעגלאָזט געווען איז זײַן בליק.
אַ יעדער ווײַל האָט שווערער צוגעשמידט צום טויטן טאָל אים.
— ס'איז שוין, גוראַריע, צײַט צוריק! —
האָט אים סאַדאָווסקי אופגעוועקט, ווי פֿון אַ חלום.
און מיט די אויגן בלויז אַ צייכן אים געמאַכט,
און אָן באַדערפֿעניש אַ צי געטאָן אַפּ זיך דעם רימען.
זיך אָנגערוקט אַ שווערע האָט די נאַכט,
און נידעריקער מיטאַמאָל געוואָרן איז דער הימל.
סאַדאָווסקיס טראָט געווען איז האַרט,
זײַן טראַכטן אויסגעקלאַפּט האָט יעדער שפּאַן אים: —
מיר וועלן זיי, גוראַריע, שנײַדן הײַנט באַנאַכט,
מיר וועלן זיי דעם טאָל דעם דאָזיקן דערמאַנען... —
דער ווינט דער האַרבסטיקער האָט ניט געשטערט די רו,
אַ פֿויגל האָט די הייך געשניטן מיט די פֿליגל.
סאַדאָווסקי האָט פֿאַרגעסן אָנצוטאָן די הוט,
גוראַריע האָט דעם גאַנצן וועג צוריק געשוויגן.

XIII

באנאכט איז מענ אינ אָנגריפ איילנדיק אוועק,
זיכ א צעוואָרפ געטאָנ באמ ראנד אינ פעסטע קייטנ.
גוראריענ, אפנ פלאנג, באמ סאמע עק
האָט אײַנגערוימט סאדאָווסקי צווישנ איינ קאָמאנדע אונ דער צווייטער:
— עס וואָלט, גוראריע, רעכט געווענ, אז אפ דער דײַטשער ערד
וואָלסטו דער ערשטער אָט אזוי ארײַנגעריטנ
אפ דײַנע ברענענדיקע דרײַ געשענקטע פערד,
וואָס דער לייב-גווארדיע-סאָלדאט האָט אויסגעהיט דיר. —
א הייב געטאָנ גוראריע צו סאדאָווסקינ האָט פונ דר'ערד
זײַנע פארפלאמטע, שלאָפלאָזיקע אויגנ:
— דער קאָוועד קומט דאָכ אײַכ, דער קאָוועד אונ די רעכט, —
אונ זיכ פארטראכט, ווי אינ געדאנק נאָכ עפעס-וואָס געוויגנ.
ער האָט זיכ אײַנגעהערט אינ צויבערדיקער פראכט,
פארוועבט אינ שטערנ-שײַנ, פארהײַבלטער אונ דינער:
ווי וועקט מענ אופ אנ ערעוו-ברייִשיסדיקע נאכט,
ווי וועקט מענ אופ א מאבל אפ דער בלוטיקער מעדינע?

38. די קוווּרע פונ א פויגל

I

דער דריטער ווינטער איז געגאנ צו ענד,
געפֿעלט דער פרילינג האָט דורכ פראָסט אונ שנייענ.
ס'האָבנ נאָכ דערפער רוסישע געברענט,
אונ שוינ געפלאקערט האָבנ דײַטשישע ארמייענ.
ווי שטשורעס אָנגעצונדענע אינ שטײַגנ רונד ארומ,
געגאוועט האָבנ זיי אונטער דעמ גרײַפנדיקנ אקער,
עס האָט אפ זיי געברענט דער רויבערישער רומ,
די פעל די ברוינע האָט אפ זיי געפלאקערט.
זיי האָבנ אפ צוריק מיט שרעק זיכ אומגעקוקט:
די וועגנ — אָפגעהאקט, פארוואלגערט מיט פעגאָרימ.
געשטרעקט צו זיי האָט, ווי א מעסער, זיכ דער בוג,
אונ ווי א שלייפ זיכ אָנגעוואָרפנ האָט אפ זיי דער האָרינ.
דער דריטער ווינטער איז געגאנ צו ענד,
געפעלט דער פרילינג האָט מיט מילדנ שניי אונ שטילע פרעסטלעכ.
זיכ אומגעקערט האָבנ די פייגל פונ דער פרעמד
אונ ניט געטראָפנ ניט קיינ ביימער, ניט קיינ נעסטנ.

II

זיי האָבנ טשאַטעסווײַנ געדרייט זיכ אינ דער הייכ,
ווי אזא ברויזנדיקער אָנפלי פונעמ פרילינג,
געשמעקט האָט אפ ארומ מיט סרייפע אונ מיט רויכ,
געשמעקט האָט אפ ארומ מיט בראָכ אונ מיט פארטיליק...
אונ א געפּאָכ אזא אונ אזא פריידיקער געקוועל
פונעמ צוריק-קומ אפ די לײַבלעכע, די ליבע ערטער.
דעמ הימל פארנ דײַטש האָבנ זיי, פאָכענדיק, פארשטעלט
אונ אימ פארטויבט מיט זייער פייגלשנ געלעכטער.
וואָס מער זיי זײַנענ פריילעכער געווענ אונ האָפּערדיק וואָס מער,
אלצ נעענטער דעמ טויט געזענ האָבנ די דײַטשנ.
א טפילעדיקער טרויער איז געגאנ פונ דר'ערד,
געווענ דער דריטער פרילינג איז ניט ווײַט שוינ.
געזוכט די פייגל פונעמ וואלד האָבנ דעמ ראש,
געזוכט פונ ווינטנ האָבנ זיי דעמ טריבנ פלאטער,
אונ ס'האָט דאָס דײַטשישע געוועער אינ אָנמעכטיקנ קאס
געעפנט איבער זיי א פײַער פונ הארמאטנ.

III

אפ שטרעקעס ווײַט האָבנ די זאלפנ זיכ געהערט,
אונ אינ זיגזאגנ בלוטיקע, אינ קראמפּנדיקע, קרומע
גענומענ פאלנ האָבנ פייגל צו דער ערד,
זיכ צוטוליענ די פייגל צו דער ערד האָבנ גענומענ.
פארשלײַדערט ס'האָט א פויגל דורכ דעמ ראנד
צו דער טראנשיי לעמ קאָמאנדיר סאדאָווסקי.
האָט ער צומ פויגל צומ דערשאָסענעמ געטאָנ א שפּאנ,
א קוק געטאָנ אפ אימ: דאָס מײַלכל — אָפנ, ווי א קנאָספּל...
דערנעבנ גלײַכ איז אויסגעוואקסנ דראָזד,
זיכ צוגערוקט גוראריע מיט א קלאָלע אפ די דײַטשנ.
— אנ אונדזערער! — האָט זיי סאדאָווסקי צוגעלאָזט, —
געמיינט, דער וואלד איז אפ געוויס באפרײַט שוינ...—
צונויפגעלייגט באמ פויגל ער די פליגל האָט באנאנד,
א הייב געגעבנ דעמ פארבראָכענעמ דעמ טויטנ קאָפּ אימ: —
דו ביסט געפאלנ, ברודער, פונ א דײַטשער האנט,
איז וועלנ מיר מיט קאָוועד, פויגל, דיכ באגראָבנ!

IV

א קײװער אױסגעגראָבן האָט ער מיט דער שפּיז
און אין דעם גאָטזעליקן פֿױגל אײַנגעטײַנעט:
— ניטאָ קײן װאַלד. זײ האָבן אַלץ געמאַכט דאָ װיסט.
זיך צוגעײַלט א ביסל האָסטו, ברודער מײַנער! —
גוראַריע איז געשטאַנען בא דעם ראַנד,
געהערט סאַדאָװסקיס װאָרט און שטיל אַרײַנגעטראַכט זיך:
װי גוט עס איז צו זײַן אַפּילע נאָר א פֿױגל פֿון א לאַנד,
װוּ מ׳האָט דיך ליב און װוּ מע טראָגט דיך אום אין האַרצן
אָט בלױז דערפֿאַר, װאָס ביסט פֿאַראַן,
פֿאַר דײַן געפּאָך, װי פֿאַר דײַן ליד און דײַן געשטאַמל...
װי גוט עס איז צו זײַן אַפּילע א געװיקס נאָר פֿון א לאַנד,
אַז ס׳זאָל דאָס גאַנצע פֿאָלק דעם לײַבלעך אָנקערן א מאַמע!
געקוקט, װי ס׳װערט דעם פֿױגל רעכט געטאָן באַם ראַנד,
װי אױסגעהיט אין יעדן האַרץ איז פֿאַר אים ליבע,
און דאַן אין די האַרוגים פֿון זײַן שטעטל זיך דערמאַנט,
װאָס מיט געלעכטער האָבן הענקער זײ געשלײַדערט אין די גריבער...

V

דער אײַנגעשטילטער אומעט פֿונעם ראַנד
האָט אין זײַן בליק מיט װײַטקײַט זיך אַרײַנגעזױגן.
װאָס פֿאַר א גליק, װאָס ער קער אױך זיך אָן דעם לאַנד
ניט װײניקער װי יעדער בױם, װי יעדער פֿױגל.
זיך אױפֿגעהױבן האָט א בערגעלע מיט לײם,
דאָס קלײנע קײװערל איז אָפּ די אױגן אױסגעװאַקסן.
ער װעט זיך אױך איצט, װי א פֿױגל, אומקערן אהײם
פֿון אָפּגעברענטע טעג, פֿון שטורעם און פֿון שלאַכטן...
אױך ער האָט מיט דער זעכסטער מאָס געצאָלט
פֿאַר זײַן א זון, א גלײַכער צװישן גלײַכע,
ניט נאָר מיט קװאָרים פֿון קעדױשים אָן א צאָל,
ניט נאָר מיט העפּקער-בלוט צעגאָסנס איבער טײַכן,
נאָר אױך מיט קװאָרים פֿון א שלאַכט-געפּרװוּטן דאָר
און אױך מיט בלוט פֿון שטערן-אױפֿגעשײַנטע העלדן...
װען ער װעט דורך פֿון סטאַלינגראַד ביז אַן אוקראַיִניש דאָרף,
איז װעט צו אים זײַן אײגן בלוט א רױש טאָן פֿון די פֿעלדער!

VI

פינ אלצ אינ זײַנ פארוואָרלאָזט-כאָרעוודיקער שטאָט,
פינ אלצ, וואָס ניט באוויזנ האָט דאָרט צו דערברענענ,
פונ יעדער גאס, פונ יעדנ הויפ געזענ ער האָט
זײַנ אלטע היימ, ווי זי האָט אויסגעזענ, ווענ נאָכ א קינד ז׳געווענ ער.
געזענ האָט ער באשײַמפערלעכ זי אפ דער וואָר,
די לאָדנ אפ די פענצטער, ווי צונויפגעלייגטע פליגל,
אונ אונטער זיי — די ווערבע-ביימעלעכ די פאָר,
וואָס ס׳האָט דורכ זיי דער הימל זיכ געצויגנ צו זײַנ וויגל...
געשוווּמענ איז זי איצט, די היימ, זיכ טוקנדיק אליינ
אינמיטנ יאמ פונ צײַט — אנ אלטע אויסגעשניצטע קיילע,
אנ אָנגעזאָטענע מיט צאר, מיט טרערנ אונ געווייִנ,
דערשווימענ זאָל זי ערגעצ-ווו אונ זיכ ארויסדערציילנ...
געזענ האָט ער איר דאכ, פונ שימל גרינ,
געזענ ער האָט אינ בראָנ אירע פארפוילטע שטאמענ,
אונ דאָנ וואָלט ער צוערשט ארײַנ אהינ
אונ זיכ א וואָרפ געטאָנ, ווי אפ א קיווער פונ א מאמענ...

VII

אינ טרויער ער געגעבנ צו סאדאָווסקינ האָט א פיר
די אויסגעמאטערטע, די שלאָפלאָזיקע אויגנ:
— איכ וועל זיכ, דאכט זיכ, אויכעט, כאָווער קאָמאנדיר,
נאָכ דער מילכאָמע אומקערנ אהיימ, ווי אָט דער פויגל...
אלציינס, — האָט ער א מאכ געגעבנ מיט דער האנט, —
זאָל זײַנ, אז ס׳איז שוינ ניט קיינ שטאָט אונ ניט קיינ היימ מער... —
געפאלנ איז זײַנ בליק איבער דעמ אויסגעברענטנ ראנד
אונ אפ די אומגעפאלנ-ליגנדיקע ביימער. —
אלציינס, — האָבנ די אויגנ זיכ בא אימ צעגרינט, —
זאָל זײַנ ניט מער, ווי אש, — האָט ער דעמ קאָפ א הייב געגעבנ, —
כאָטש אינ א מאמע נייטיקט מענ זיכ בלויז, ווי לאנג מע איז א קינד,
נאָר ליב האָבנ באדארפ מענ זי דאָס גאנצע לעבנ... —
סאדאָווסקי האָט דאָס קיווערל פארשאָטנ לײַכט אונ דינ,
געהייסנ ברענגענ זיכ פאר דעמ א שטיינ נאָכ:
— צו וואָס, גוראריע, איצט זיכ אומקערנ אהינ?
דו האָסט דאָכ איצט שוינ דאָרט ניט קיינעמ!..

VIII

א קוק געגעבן האָט גוראריע דורכדרינגלעך און לאַנג,
באַטראַכט אַף זײַן געזיכט דעם גאַנג פון צוגן,
און אופגעגאַן איז אים איז א פאַרלאַנג
געגעבן נאָ'נט צו אים, ביז צו די סאַמע אויגן צוגײן
און אים א זאָג טאָן: „הערט! יאָרהונדערטן באַנאַנד
אײן וועג אַדורכגעמאַכט מיר האָבן.
מיר שלאָגן זיך די גאַנצע צײַט דאָ האַנט בא האַנט
אין אײנעם און דעם זעלבן גראָבן".
נאָר אופגעהויבן האָט ער פון דער ערד א פאַראיאָריק בלאַט,
צעריבן מיט די פינגער עס און גלײַך צעזײט עס:
— א ביסל אַש... און ווי א מאַמע איז עס אַקוראַט...
א קיִוער... און ס'געבײן פון עלטערן און זײדעס... —
געקוקט ער אַף סאַדאָווסקין האָט ווי בא דעם ערשטן מאָל
און עפעס נאָך און עפעס נאָך געוואָלט אים זאָגן...
געצוימטער ראַש פון בלוט געשפּאַרט האָט פון זײַן קאָל,
און ס'האָט דער ווינט דעם ראַש איבערן ראַנד צעטראָגן...

39. רוסישער כעסעד

I

זײ זײַנען לעבעדיק, די בערגלעך אַש פון סטאַלינגראַד,
די כורוועס שפּיגלען זיך אין טיפן פון דער וואָלגע.
עס קוקן ווענט מיט פענצטער־גריבער גראַד,
ווי רויטאַרמײער־לאַוועס רײַסן זיך אַנצאָליקע,
אַריבער נעפּלען באַלטישע זײ קוקן אופגעריכט,
פון די קאַרפּאַטן־בערג דעם רוים שפּרײט פאַר זײ פרײַ זיך,
זײ זײַנען בײַ ווי אופגערופענע אַף דעם געריכט,
וואָס גײט שוין אַף דער ערד דער בלוטיקער פון פרײַסן.
דעם הימל יעדער בראָכשטיק זײערער דערלאַנגט,
דעם אורטײל דײַטשלאַנדס גרויזאַם זײ דערמאַנען:
דאָס האַרץ דאָס טײַוולשע — אַף בראָך באַם מערדער־לאַנד!
דורך פּינצטערניש פאַרשלונגענע ווערן זאָל גערמאַניע!
ס'פאַרלאָזט זײ ניט דער ראַש דער הײליקער פון שלאַכט,
און ס'טוט פון זײ זיך ניט דער לעגענדאַרער מוט אָפּ,
די פענצטער גיסן זיך בא זײ אָן יעדער נאַכט
מיט דעם ראַקעטן־ליכט פון זיגרײַכע סאַליוטן,

II

וואָס לײַכטן ווײַט, אפּ אלע וועגן צו דער וועלט,
און וועקן אויף די שמאכטנדיקע רוימען מיט באפרײַונג.
ס׳קלויבן שוין פּאסטעכער פון יוגאָסלאוויע אפּן פעלד
ראקעטן מאָסקווער אויף, ווי עפּל גאָלדענע פון אייץ-האכאים.
א יעדער זאלפּ ווערט כעדוועדיק דערהערט,
ווי א געשאל צו דײַטשלאנדס לעצטע גסיסעדיקע גרוילן.
ס׳נעמט שוין, ווי זאָמען, זיי פון אופוואכ אויף די ערד
פון דער פארפּײַניקטער טשעכאָסלאָוואקיע, פונעם דערשטיקטן פוילן...
ער גייט פון רוסלאנד גראד, דער גאָלדענער פארזיי,
מיט שטיקלעך זון איבער דער ערד, פארטריקנטער פון גארן.
שוין ערגעץ גלײַך, ווי שטערן, כופּעדיק פארפלעכטן זיי
אפּ זיך די נעכט די אויסגעבענקטע פון בולגאריע.
באטרונקען איז מיט זייער רעגנבויגן-ליכט די ווײַט,
און צוימען ברעכן זיך, און פענסטער זיך צערײַסן.
אָט שטייט דער רויטארמייער דראָוד באם ראנד און טײַט
און ריכטעט דעם נעקאָמע-מארש דעם גרויזאמען דורך פּרײַסן.

III

דער וועג איז אפּ בערלין אדורכגעבראָכן, גראד.
פונקט ווי א בריק איבער א זומפּ — צום אופליִען פארמאָסטן.
זיך אָנגעהויבן האָט ער נאָך בא סטאלינגראד,
פארלייגט געוואָרן איז ער אונטער מאָסקווע!
עס זעט פון נאָ׳נט שוין קעניגסבערג זיך אָן,
פארדעקט די רויב-נעגל די גאָטישע מיט וואָלקנס.
אים האָט סאדאָווסקי אָנגעזען נאָך בא דעם דאָן,
אים האָט סאדאָווסקי אָנגעזען נאָך בא דער וואָלגע!
צו זײַנע פאָרשטעטן צוגעגאנגען איז הארט דער ראנד,
דעם צווינטער לייגן טויטע פּאָר — אין גראָבנס אים פארשפּאנען.
נאָר ס׳שטעלט אָוואדיסן א דענקמאָל אָפּ: דאָ ליגט באגראָבן קאנט.
און ער דערמאָנט זיך די געשענדטע יאסנאיא-פּאָליאנא...
ער וואָלט צו דעם געשפענסט פון דענקער זיך געווענדט:
„זאָל אײַער רו, גאָטזעליקער, אין קייווער ניט געשטערט זײַן!
ס׳הייבן ניט אויף בא רויטארמייער אפּ נעוואָלע זיך די הענט,
ניט לעסטערן קיין הייליקײַט געקומען זײַנען זיי אהערצו!“

IV

אָט איז עס, אָט, דאָס פאַנצערדיקע אויבערלאַנד,
עס גײט אצינד דאָס אָנגערויבטע עקלדיק א בראָך טאָנ.
פארפלײצט די װעגנ האָבנ פלײטימ דורכאנאנד
מיט רויבזעק, קינדער-װיגעלעכ אונ טאָרבעס.
זײ גײענ איצט האכנאָעדיק אונ לעקנדיק דעמ שטויב,
אונ װײַסע פרידנ-בענדעלעכ אפ טאָרבעװאטע ארבל,
פונקט װי די אויבערזינ, פארקנאסטע מיטנ טויט,
געטראָגנ האָבנ הערשעריש צונויפגעלײגטע בײנ-אונ-שארבנ.
— די פערדינאנדנ אונ די טיגערס — װי זײ זעענ אויס?! —
האָט צו גוראריענ סאדאָװסקי װינקענדיק געװענדט זיכ.
פארפלײצט די װעגנ האָבנ הײמלאָזע דורכויס
מיט זאָנטיקעס, מיט רוקזעק אונ מיט רענצלעכ.
אונ װענ ס'האָט צו סאדאָװסקינ זיכ נאָכ ברויט געװענדט
אנ אויבערמאנ מיט אויגנ הינטישע, פארבלוטיקט אונ פארנעפלט,
האָט ער, ניט אויסקער'װענדיק זיכ צו זײַנע אויסגעשטרעקטע הענט,
געהײסנ אפנ װונק א לאבנ ברויט אימ געבנ.

V

גוראריע האָט געקוקט, װי עס באטאפט דער דײַטש דאָס ברויט,
װי אומפארשעמט ער שטאָפט מיט דעמ דאָס מויל אָנ.
אימ האָט געדוכט: שוינ װידער קריכט די טומע אפ זײַנ הויט.
עס האָט פונ עקל אימ גענומענ גרוילנ,
די אויגנ האָבנ זיכ בא אימ נעגעבנ א פארקלעפ,
ביז זענ ער זאָל די מיִעסקײַט אינ זײַנע דאלעד-אמעס.
אָט דער צעקװעטשטער טיגער האָט געהאקט בא קינדער קעפ,
אָט דער געפאטשטער פערדינאנד געזוגנ בײַכער האָט בא מאמעס,
אצינדערט לעקט ער װערעמדיק דעמ פוס,
װאָס טרעט אפ אימ. ער װײסט עס גוט. ער קאָנ עס.
אזוי װעט ער זיכ פרוװנ בא דעמ גרויסמוטיקנ רוס
פארעטעלט אונ צװיִעסדיק ארויסרופנ ראכמאָנעס.
צוערשט א שטיקל ברויט...
דערנאָכ — אפ שנײַדנ עס — א מעסער...
דערנאָכ װעט עפשער נאָכ עפעס אימ זײַנ פארטרויט,
ער זאָל מיט הינטער-טריט ארײַנשטעכנ אימ קאָנענ בעסער!..

VI

„איר קאָנט מיר עפּשער זאָגן, כאַוועך גוואַרדיע־מאַיאָר, —
אַ פֿרעג טאָן באַ סאַדאָווסקין האָט געוואָלט גוראַריע, —
פֿאַר וועלכע מײַסים־טויווים, האָ? צו וועלכע שוואַרצע יאָר
זײַט איר צום שלאַנג אַזוי גוטהאַרציק און וואַרעם?
איך ווייס: איר קאָנט מיר זאָגן קורץ און שאַרף:
אין שלאַכט אַ קויל און ברויט ניט זשאַלעוועט דער זיגער!..״
נאָר ער האָט בלויז דעם בליק געטאָן אַן איבערוואַרף
אויף דעם צעקוועטשטן טויטנדיקן טיגער:
מיט נעגל קלאַמערט זיך די פֿעסט נאָך אין דער נעץ,
וואָס אין דעם שלייף גיט יעדער ווײַלע אַ דערמאַן איר —
גערמאַניע — די פּריסטערן פֿון טראָסטיניעץ,
גערמאַניע — דער מאָלצײַט פֿון מײַדאַנעק,
גערמאַניע — די קלאָלע פֿון דער ערד,
גערמאַניע — דער רויבזאַק פֿון טאַליאָנים!..
ווי הייליק איז די גרויזאַמע, די רויטאַרמייער־שווערד,
וואָס גייט דעם הענקער־לאַנד אין יאָם־האַדין דערמאָנען!

VII

עס ברענען שוין די גיפֿטן־נאָרעס פֿון דער פֿעסט,
די קלאָלע ברענט פֿון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט,
אַן אָנגעצונדענע, זי לויפֿט צוריק נאָך וועסט
אַ הייל זיך אויסשמעקן, פֿאַרלאַטען זיך די וווּנדן.
און הינדענבורג טרעט אָפּ פֿון טאַנענבערג אַליין,
אין גרוב האָט נאָכאַמאָל פֿאַרשפּילט דעם קריג ער.
אונטער האַרמאַטן־רויש שלעפּן אוועק אויף זריע זײַן געביין,
גלײַך ווי שאַקאַלן — די פֿאַרדאָרבענע, געפּאַטשטע „זיגער״!..
קיין פֿרילינג ניט געוווּסט האָט נאָך אַזאַ מין פֿרייד און ראַש,
מיט זיי פֿאַרגלײַכן זיך קיין שטורעם קאָן ניט.
אונטער דעם אָטעם זייערן ווערט לעבעדיק דאָס אַש
פֿון די פֿאַרפּײַניקטע, פֿאַרברענטע מיליאָנען.
גוראַריע האָט געקוקט באַרויִשט, גלײַך ווי אין הינערפּלעט,
סאַדאָווסקיס גרויסמוט אומפֿאַרשטענדלעך איז געווען אים;
אים האָט באַ יעדן זאַלפּ איבער די ברעגנדיקע דײַטשע שטעט
פֿון מויל געריסן זיך מיט כעדווע: שקץ תשקצנו[11].

40. באַם בראַנדענבורגער טויער

I

דורך רויך רײַסט זיך דער פרילינג דורך פאַרצויבערנדיק-גרין,
ווי הענט שטרעקן די צווײַגן אים די לינדן און די טאַנען.
איז ווי זשע קאָן מען אַף די ברענענדיקע גאַסן פון בערלין
זיך אין דעם פײַערווערק פון מאָסקווע ניט דערמאַנען?
איבער דעם רײַכסטאַג הענגט אַ רויטע פלאַטערדיקע פאָן,
געפּענטעט נידערן די פערד פון בראַנדענבורגער טויער.
איז ווי זשע זאָל סאַדאָווסקי זיך ניט געבן אַ דערמאָן
זײַן אויסגעפּײַניקט שטיבעלע בײַ דניעפּר באַם בלויען,
דעם ערשטן טאָג פון קריג אין דאָרפישן באַגין —
און ווי זאָל ער מיט אָט דעם פרילינג-צויבער ניט צוזאַמענפּאַסן
דעם פירערס רייד, וואָס האָבן אים מיט מוט געטראָגן אַף בערלין,
אַז „איך אַ יאָמטעוו וועט אַף אונדזער גאַס זײַן!?
— גוראַריע! — רופט ער אויס, נאָר ס׳איז גוראַריע אין געפעכט,
עס זעטיקט זיך מיט אָפּהילכן פון זאַלפן נאָך זײַן אויער.
ער וואָלט די לאַטע אָנגעטאָן אַצינד, אַרופגעקלעטערט אַף די פערד
אַ קוק טאָן אַף דעם פלאַמיקן בערלין פון בראַנדענבורגער טויער!

II

דערזען, ווי ס׳קײַטלט זיך אַ טײַל פאַנאַנדער פון אַ טײַל,
ווי געגנשטאַנדן אײַנס פון צווייטן שליסן אויס זיך,
ווי ס׳קערט אין כאַאָס אום צוריק זיך דער פאַרשוועכטער שטיין,
וואָס זיך באַקליידט מיט אים, ווי מיט אַ פּאַנצער האָט דער כווישעך,
און שלײַדערט זיך אַליין מיט וויכער און מיט ווײַט,
די ערווע שמײַסנדיק פון דר׳ערד מיט אַ פאַרהאָלע,
ווי יעדער גאַס איז אָנגעזויגט מיט בלוט
און יעדער פּלאַץ פאַרטרונקען איז מיט קלאָלע;
דערזען, ווי ס׳וואַרפט ג בײַ זיך אַף געבײַ, ווי וועל אַף וועל,
ווי גאַסן קאָרטשען זיך און פּלעצער רײַסן זיך אין ווײַטן אויף אויף,
אַז מיט אַ מענטשן-ביין אין מויל, פאַרוויקלט אין אַ פעל,
זאָל דורכגיין צו דעם ראַנד דער לעצטער דײַטשישער מעטורעף
„סאַדאָווסקי! — האָט געוואָלט זיך טאָן אים אַ געשריי,
ווען פון דער זעונג איבערפּײַט איז ער געוואָרן שווינג, —
ס׳איז טויזנט יאָר! ס׳האָט אונדזער מעכטיקע אַרמיי
געגעבן אַ מאַטאָנע זיי דער מענטשהייט!“

III

די כורוועס שפּארנ, ווי געשווירנ, ביז צומ ראנד,
באַזויפּענע מיט בלוט, פאַרלאָפּענע מיט אײַטער.
פונ אָט דער ערווע אופגעשטאנענ איז דער דראנג
נאָכ מאָרד אונ רויב, נאָכ טליִע אונ נאָכ שײַטער.
דאָ פּונקט ווי פונ א מאבל אומקומענ וועט ער,
קיינ פויגל אינ דער לופט וועט, שוועבנדיק, אימ ניט דערקאָנענ.
אָט שטייט ער אפ דעמ לעצטנ שענדלעכנ פאַרהער
פונ קיִווער, פונ הארמאטנ אונ קאַנאָנענ:
די דעכער וואַרפט אראָפּ. אנטבלויזט די ווענט!
די בלוט-פאַרפלעקטע פּעל טוט אויס די ברוינע!
דורכ אײַכ איז זיבנ מאָל געלעסטערט אונ געשענדט
די נעסט די הייליקע פונ מענטשנ-וווינונג.
זאָל וויסטקײַט זײַנ דער איבערבלײַב פונ אײַכ,
אונ זומפּ זאָל זײַנ פונ אײַערע יאָרהונדערטנ דער סימענ,
אונ איבער הוילע כורוועס פונעמ דריטנ רײַכ
אנ אָפּגרונט לויערנ זאָל פונ דער הייכ אָנשטאָט א הימל!

IV

געפלויגנ זײַנ געדאנק איז גיכער פונ א פײַל.
אָבער דעמ בארג פונ פײַנ אדורכ וועט עמעצער דענ קאָנענ?
ער האָט פאַרמאכט די אויגנ אפ א ווײַל,
דערזענ בא גריבער אויסגעשאָכטענע מיליאָנענ,
אונ מאכנעס צו דעמ טויט געפירטע פונ ארומ
אונטער דער וואכ פונ אווטאָמאטנ, קאסקעס אונ פונ הערנער,
אונ שטעטלעכ טויטע ער דערזענ האָט אומעטומ,
בעסאלמענס גייענדיקע פונ גובערניע צו גובערניע:
פאָנאר... טרעבלינקע... מײַדאנעק... סאביבור —
אונטער די טריט פונ הירזשענדיקע הענקער אונ באַגרעבער.
דאָס ניט־געשטילטע בלוט געגעבנ האָט פונ אינווייניק א זשבור
אונ דײַטשלאנדס בראָכ פאָרטרונקענ, ווי א הרעבליע.
פאַרשווונקענ האָט עס אלצ פונ זוימ צו זוימ,
אונ ניט געוועזנ פאַר דעמ קיינ אָפּהאלט אונ קיינ צאמענ.
אפילע ווענ די גאנצע וועלט זאָל כאָרעוו ווערנ אָט אזוי,
וועט עס דענ אויסקויפנ איינ ריס באמ גרוב צומ זויגקינד פונ א מאמע?

V

ווי צויגן לייגן זיך די פוריעס אונטער בלײַ,
אונ היצעליעס געפאנצערטע — מיט זיי צוזאמענ.
וועלנ דענ לעבעדיק דערפונ נאָכ ווערנ אפדאָסנײַ
די ייִדישע די שטילע, טויזנטיערעדיקע שטאמענ,
וואָס האָבנ ווונדער-קינדער אויסגעוויינט אינ צאר
אונ מויכעס שארפע פאר דער וועלט געליפערט?
עס גיט זיך יעדער ווײַל דער אָפגרונט א צעשפאר,
דער וויי ווערט וואָס א מאָל פארשניטענער אונ טיפער.
ער ליגט, דער גאווערדיקער גוילעמ-גיר, געליימט
אונטער די קופאָלנ, ווי מעשענע צעקרימטע פאנענ.
וועט עס דענ אומקערנ גוראריענ זײַנ היימ,
וואָס איז צעאקערט שוינ, פארוואקסנ מיט בוריאנענ?
א טרייסט גיט זיך אינ הארצ נאָכ א צעבלי,
אונ ווי א קינד ער נעמט זי מיט געמורמל זיך פארוויגנ:
וועט אופוואכנ דענ אפ דער טויטער שטילקײַט פונ בערלינ
דער ייִדישער דער טויזנטיערעדיקער ניגנ?

VI

מיט בײַגעלעך פאפיר, צעוואָרפנ ווער ווּהינ,
האלב אפ די קני אונ אופגעלויכטנ די געזיכטנ,
געשריבנ האָבנ בריוו די רויטארמייער פונ בערלינ
אינ שטעט אינ רוסישע, אינ דערפער, אינ קאָלווירטנ:
א גרוס פונ דעמ צעקנאָדערטנ קורפירסטנדאמ,
א גרוס פונ די פארבראָכענע „אונטער די לינדנ“;
געפלויגנ זײַנענ זיי, אינ ערגעצ ניט געזאמט,
מיט פרילינגדיקנ צוויט — מאיאָונ, בליִענדנ.
אונ אופגעריכט-צעשטרײַט, דעמ וויי פארפרעסט,
געבלאָנקעט האָט גוראריע מיטנ בליק מיטנ פארווייטנ.
א קוק געטאָנ בא איינעמ דעמ אדרעס,
דאָס קסאוו ס׳געפליגלטע א קוק געטאָנ באמ צווייטנ.
— וואָס שרײַבסטו ניט, גוראריע, עמעצנ קיינ בריוו? —
האָט אָנגעשטעלט אפ אימ סאדאָווסקי זײַנע ברעמענ.
אונ דורכגעשווינדלט פאר גוראריענ האָט דער ריוו:
— איך האָב ניט, כאווער קאָמאנדיר, צו וועמענ!..

878—42

41. טאַטע!

I

א קויל איבער דעם בראָך גיט וועקנדיק א לאָפּ,
אַן אָדערל א רויטס גיט פון דער פינצטערניש א שנייַער אויס.
דאָס כאָרעווע בערלין פאַרזונקען איז אין שלאָף,
און ס׳קריכט די נאַכט דורך לעכער פון געבייַדעס.
ווי אויגן־גריבער קוקן פענצטער אָפּן ברוק,
אַראָפּגעבויגענע, מיט אַש די כאָפּע זיך פאַרשטעלן.
גענייוויש גיבן שטשורעס זיך פון זיי א רוק
און בלייַבן שטיין בייַ ניט־דערקאָנטע שוועלן.
דאָס קאַנצלער־הויז זיך רייכערט נאָך. דערברענט.
דער אייַנבונד פון די גאַסן — אויסגעהוילט און ליידיק.
ווי היפּטן שטיינערנע, ווייַזן זיך איינס דעם צווייטן — ווענט,
און ס׳פאַלט אַף זיי א דאַך, ווי א צעקרימטער פריידיק.
פון קעלערס יעדע ווייַל באַהאַלטענע א צאָל,
ווי ווערעם, לאָזן זיך אַרויס אין אַש זיך טאָן א נישטער;
ניט אומגעענדערט זייַנען בלויז די אייַנוווינער פון צאָ[1],
פאַרוווּנדערונג בייַ זיי, און אומרו, און צעמישטקייַט.

II

זיי ציִען דורך די נעזלעכער אַרייַן דעם גרויל
און ווערן ווי פאַרגליווערט אין אַן אויפשפּריגלעכן ציטער.
עס בלאָנדזשעט אום אין זיי א פיבערדיק געהויל,
ווי נאָך אָדער ווי ערעוו א געוויטער,
דאָס איינציק אָרט, וווּ די נאַטור האָט אַף איר שוועל
אַריבערטרעטן ניט געלאָזט דעם הויך פון דער אימפּעריע;
וווּ ניט פאַרוואַנדלט האָבן ווערעם זיך אין וועלף
און וווּ ס׳באַמיִען ניט די וועלף פאַרוואַנדלען זיך אין ווערעם;
וווּ א שאַקאַל איז א שאַקאַל דורך אַלץ, וואָס אים באַלאַנגט, —
אי דורך דעם גוסט, אי דורך דעם גייַסט, אי דורך דעם באַוווּר;
וווּ ס׳פאַלט ניט אייַן זיך צוילעמען דער שלאַנג,
און ס׳גיט פאַר „פּרעפּל״ זיך ניט אויס דער מאַלפּישער געהאַווע.
דורך זיי באַהעפט זיך איצט גערמאַניע צום באַשאַף,
איר אויבערמענטשלעכקייַט דורך זיי באַדאַרף מען זען איצט.
נאָר ס׳הייבט דעם האַלדז אויף, ווי א שלאַגבוים, דער זשיראַף,
ווי פון דער שטאָט דעם צאָ וואָלט ער איצט אָפּגעגרענעצט.

III

די קאָנטורנ פונ שטאָט האָבנ באגינענ זיכ אנטבלויזט,
עס האָט געדוכט: אינ שלאָפ די כורוועס זיכ באוועגנ.
גוראריע האָט זיכ אומגעקערט פונ וואכ — די ביקס פאָרויס
איבער צעפּלאָנטערטע אונ כראָפּענדיקע וועגנ.
דער אופגאנג האָט ניט אופגעוועקט די שטאָט פונ שלאָפ,
אונ ניט געפאלנ איז אפ איר קיינ ליכט פונ בלאָנדזשענדיקער סרייפע,
געלעגנ איז זי א געשמיסענע, ווי נאָכ דער שטראָפ,
די גאסנ — אָפּגעגארטלט, ווי געפּלאצטע רייפנ.
אונ ערגעצ בא א סקווער — א ביימל א פארבראָכנס האָט געגרינט,
קיינ בלעטער האָבנ זיכ אפ דעמ ניט אָנגעוועג נאָכ.
אָט גיט א רופ ארויס פונ דעמ א שאָרכ דער ווינט,
אָט לאָזט זיכ א געוויינ א דינס אינ דעמ דערקענענ...
צי ווירקלעכ ריגעווענ די בראָכשטיקער זיכ אפנ ווינט?
צי דוכט זיכ אימ דאָס ביימל אויס? אונ צי דאָס ביימל גרינ איז?
גוראריע האָט זיכ אָפּגעשטעלט. דערזענ א קינד
ארויסקריכנ פונ צווישנ די רוינעס.

IV

ס'האָט ניט געווינט. קיינ שטעמפּל איז אפ דעמ געווענ פונ שרעק.
די אויגנ אָנגעשטעלט דעמ צוגעקומענעמ אנטקעגנ.
ניט ווייט פונ דעמ, פארהילט אינ שטיקלעכ זעק,
א פרוי איז א דערהארגעטע געלעגנ.
דער אופגאנג אופגעפלאקערט העלער האָט באמ ראנד,
די וואָלקנס אָפּגעגילדט, דעמ רוימ פארנומענ.
פארוואָרפנ צו דעמ ברוק געבלייכט האָט זיכ א טויטע האנט
מיט א געשטעמפּלט-אויסגעברענטנ נומער,
ווי זי וואָלט טויטערהייט געטייטלט צומ באגינ,
ווי זי וואָלט טויטערהייט געמאָנט בא דעמ, וואָס גייט פארביי דאָ,
ווי זי וואָלט טויטערהייט געוויזנ אפנ קינד
אונ אפ דער וועלט דער גאָרער טויטערהייט געטייטלט...
אראָפּגעלאָזט האָט זיכ גוראריע אפ די קני,
זיכ איינגעקוקט אינ קינד, דעמ וויי פארקלעמענד.
צי ס'קער זיכ אָנ דער פרוי צי ניט,
ווי ס'זאָל ניט זיינ, וועט ער אלציינס מיט זיכ עס נעמענ!

V

אן אָפּגעשונדענע געלעגן, ווי א פייגער, איז די שטאָט,
ארויסגעמייקעט מיט דעם איינגעווייד דעם „דראנג נאך אָסטן”.
געטאָרטשעט האָט פון איר פארקריפּלט שטאָל,
דער בראָך האָט מיט דער כארפּע זיך געמאָסטן.
ווי איבער טרעפּ געגאנגען דער קאַיאָר איז איבער ווענט,
זיך אויסגעהויכט אין רוים האָט דאָס פרימאָרגעדיקע הײַטל.
גענומען האָט דאָס קינד גוראריע אַף די הענט,
איבער די כורוועס גיין געלאָזט זיך ווײַטער...
ער האָט א סמאָקע מיט די ליפּן דעם געטאָן,
אין טאש עפּעס פאר דעם א זוך געגעבן
און פאָרגעזעצט דעם גאנג מיט דעם אַף טאָג,
און פאָרגעזעצט דעם גאנג מיט דעם אין לעבן.
א צוויטשער, ווי א פייגעלע, געגעבן האָט דאָס קינד,
גֿעדוכט האָט זיך גוראריען, אז סע זאָגט אים „טאטע!”
און מיטאמאָל האָט ער דערזען דאָס ביימל, ווי סע גרינט,
און זיך פארטראכט, ווען ס'האָבן בלעטעלעך אַף דעם געטאָן א פלאטער.

VI

באַם מענטש איז צווישן פרייד און פּײַן קיין גרענעץ ניט פאראן,
ווי צווישן ליכט און סרייפע ניט פאראן איז זי באַם פײַער.
ער האָט זיך אין די קוואָרים פון זײַן היים דערמאנט,
ווו ס'איז אין איטלעכער א טײַנע צו דער וועלט פארטײַעט...
אים האָט זיך אויסגעדוכט בא דעם באגינען-פלאַם,
אז ס'יאָגט אים אָן דאָס קאָל פון קינד באַם ריוו און ס'שנײַדט אים:
„וואָס שיט מען מיר דאָ אין די אויגן זאמד?”
נאָר ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט. ער איז געגאנגען ווײַטער.
אנטקעגן אים האָבן געקעפּטע זקיינים זיך געשטעלט,
פארקוילטע קינדער זײַנען דורכגעגאַנ פארבײַ אים.
עס איז געווען פארטאָג. מיט ליכט האָט זיך פארפולט די וועלט,
און ער איז מיטן קינד געגאנ איבער א יאַם פון אש און פײַער.
ער איז געגאנגען מיטן קינד און האָט געטראכט:
ווער ווייסט, צי קאָן די פרייד אנטקעגנשטעלן זיך דעם טרויער?
נאָר ס'האָט א טרייסט אין אים געבליט מיט א באגינענדיקער פראכט,
געוואָלט האָט ער זי אויסשרײַען און יעדן איינציקן פארטרויען:

VII

דעם קיִעם קערט אפסניי זיך אום דער טאָג און דער באטייט,
ס'שטעלט די נאטור דעם אומבייט אוף פון בליִען און פון וועלקן.
ניט כאָלעמען וועט קיינמאָל זיך דאָס הענקער-לאנד דער צייט,
און ניט דערמאָנען וועלן אין דער צוקונפט עס די פעלקער.
ווי בסורעס קלינגען אָפּ די רויטארמייער-טריט,
צו זיי זיך שטרעקן, בענקענדיק, פון גאָרער ערד די וועגן.
עס וועלן קינדער שלאָפן רויִק און באהיט,
און ס'וועט די וועלט א גליקלעכע זיי גיין אנטקעגן,
און מענטש צו מענטש — אין ברודערשאפט פארטרויט,
פאראייניקט אין באשאפ — אן אומע צו אן אומע.
ס'וועט קיינער מער ניט טרעטן אפ די פעלדער ס'ברויט,
בארופן אפ די בייטן בליִען וועלן בלומען.
און בלענדן וועט אין רום די רויטארמייער-שווערד אפ וויַיט —
די ריכטערן די גרויזאמע פון הענקער-לאנד גערמאניע.
ניט כאָלעמען וועט זיך עס קיינמאָל מער דער צייט,
און אפ דער ערד וועט מען עס קיינמאָל ניט דערמאנען!

באמערקונגענ

צו זײַט 206

1 זאמ — שטעלפארטרעטער.

צו זײַט 294

2 ווײַהי ערעי, ווײַהי בויקער — ס׳איז געווענ נאכט אונ ס׳איז געווענ טאָג.

צו זײַט 387

3 ברויטיגאמ — כאָסנ.

צו זײַט 535

4 מא טויווו אויהאָלעכאָ יאאקויוו — ווי גוט זײַנענ דײַנע געצעלטנ, יאאקויוו (א פּראזע פונ א טפילע).

צו זײַט 545

5 האקויל שויכטינ אושכיטאָסאָנ קשײראָ — אלע האָבנ רעכט צו שעכטנ, אונ זײער שכיטע איז קאָשער.

צו זײַט 578

6 אײל נעקאָמויס — דער גאָט פונ נעקאָמע.

7 לאבאָלָמ אכארײנו — לישײריס האפּלײטאָ — צו די נאָכקומענדיקע — צו די איבערגעבליבענע.

8 אל טאל ווּעאל מאָטאָר — עס זאָל קײנ טוי אונ קײנ רעגנ נית זײַנ.

9 טאָמויס נאפשי אימ פּלישטימ — זאָל איכ אומקומענ אינאײנעמ מיט די פּלישטימ.

צו זײַט 605

10 האוויל האווואָלימ האקויל העוועל — ס׳איז גאָרנישט מיט גאָרנישט — אלצ איז גאָרנישט.

צו זײַט 654

11 שאקײצ טעשאקצענו — פארמיִעסנ זאָלסטו אימ — פארמיִעסנ.

צו זײַט 658

12 צאָ — זאָאָפּארק אינ בערלינ.

אינהאלט

I. אָנהייב

זײַט

1. דער אלטער טאָפאָל 5
2. באמ קייווער 10
3. גראָנאָטאָפער ריכטונג 13
4. אפנ ערשטנ פארהער 15
5. א בריוו פונ דער היימ . . . 20
6. אמאָל איז געווענ 23
7. דער אעראָפלאנ אונ דאָס שמעטערל 27
8. צוויי סאָלדאטנ צו דער פּאָר . 31
9. דער בושל ברענגט א יעדיִע . 34
10. פראָוויִאנט 37
11. פּאָזעמקעס 40
12. אינ טויטנ-לאגער 44
13. פלוגבלעטלעכ 48
14. די שווע 52
15. באמ טײַכעלע בורלוק . . . 56
16. א טאנק באמ וועג 59
17. ביימער ווײַזנ אָנ דעמ וועג . . 61
18. אינ דײַטשישער אוניפאָרמ . . 64
19. מיט א פערד אונ מיט אנ עמער האָניק 68
20. נאָכ איינ קאָרדאָנ! 72
21. א געזעגענונג מיט דער שטילקײַט 75
22. דער שפיגל 81
23. די לעצטע אסיפע 84
24. אנ אָנפלי 86
25. א שטאָט אפ דער אקיידע . . 89
26. געפלויגנ איז די גאָלדענע פּאווע 92
27. שיראָקא סטראנא מאָיא ראָדנאיא! 95
28. קאָל-נידרע 100
29. פונ דער גרוב 109
30. א באגעגעניש מיט דעמ גע-קרייצטנ 112
31. טכיִעס-האמייסימ 116
32. א מענטש פונ יענער וועלט . 119
33. פאר ווענענ קרייט דאָרטנ א האָנ 123
34. געפאלנ ווײַט זײַנענ די עפל פונעמ בוימ 127
35. א כיִעס איז צו לעבנ . . . 131
36. דער שאָטנ פונעמ זאָנדערפיורער 135
37. די גימנאסטיאָרקע 139
38. א קאָמפּלעקט קינדער-בגאָדימ 142
39. די ראדיסטקע 147
40. די וועלט דורכ א שפּארונע . 152
41. זיכ דורכגעריסנ! 157
42. ווייניקער מיט אכט אונ דרײַסיק 160
43. קיינ מאָסקווע 163

II. מאָסקווע

1. דער זייגער איז פּארטונקלט . . 169
2. ווײַזערס אפנ טורעמ 174
3. די אָנגעבלאָזענע פראָש . . . 177
4. א רעפּליק צו בארקלײַענ . . . 181
5. געבוירנ א קינד 186
6. פרעגט די וועלט אנ אלטע קאשע 191
7. מאטאָנעס 197
8. מאָסקווער זאָאָפארק 200
9. נאָכ ברויט 203
10. אָפענע פענצטער 207

11. דײַטשן גרײַנן א פּאראד 211
12. בינאָקלען אונטער מאָסקווע 214
13. א דועל 218
14. אין מאָרג 222
15. אפן רויטן פּלאץ 226
16. א פּאַוזע 229
17. פּאָזיציעס אונטער מאָסקווע 234
18. דער ערשטער שפּאציר 237
19. טאָניעס קאָל 243
20. א קאפּעלע מיט בעטהאָווען 247
21. וועלט־באהערשונג 253
22. טאָגבוך 256
23. זי לערנט אים 258
24. אפ קאטאָרגע 262
25. א נאגאַן 266
26. זי איז א פּאסטעכל 269
27. אן עפּל 274
23. כאלוימעס 280
29. וואָס קאָסט א בערן־פּעלץ? 284
30. א נאכטלעג אין קאָסטיאָל 287
31. זיבן קינדער 290
32. ויהי ערב, ויהי בקר 294
33. קימפּעט 297
34. מעזומענ 301
35. זאָג ניט קײנמאָל, אז דו גײסט דעם לעצטן וועג 305
36. אָן געווער 308
37. א ביקס 311
38. היסבוידעדעס אין בערלין 316
39. עקספּערימענטן 321
40. א בריוו פון אוראל 324
41. פון אן אויסגעקוילעט שטעטל 327
42. קײן סטאלינגראד 331

III. סטאלינגראד

1. בא דער וואָלגע 337
2. דער קאָבזאר 341
3. אש פון סעוואסטאָפּאָל 343
4. די בראָכע 347
5. סטאלינגראד 351
6. די שטאָט לעבט! 355
7. אפ א דײַטשישן טאנק 358
8. מאָרזע 361
9. פרישטיק אין א דײַטשישן שטאב 364
10. דער פינפטער זון 369
11. א דעמבענע בלאט 373
12. סטאלינס באפעל 377
13. א זעונג 381
14. אוקראַיִנישער נאדן פאר גער־טרודען 383
15. לאטקעס 389
16. דעם אײגענעם זון אויך 392
17. א דעזערטיר 395
18. א באגעגעניש 400
19. יעדער שפּאן ערד 404
20. א בריוועלע דער מאמען 407
21. ראָזעווע קאַיאָרן 412
22. דער מישפּעט 417
23. די פּארטיזאנער אין וואלד 420
24. פּאָלונדרא 424
25. די טאטוירונג „סטאלינגראד" 429
26. די בין אין סאנבאט 431
27. א לעזגינקע 437
28. מיט אויסגעברענטע אויגן 440
29. אין געפאנגענשאפט 444
30. אין טאנק 447
31. אײנס אפ אײנס! 452
32. א פּאָלק זאָגט קאדעש 458
33. פלאקערדיקערהײט 462
34. א צירק־נומער 467
35. צום טײַכעלע צאריצא 470
36. מיט סטאלינס נאָמען 475

IV. אפ מײַרעוו

1. א בײסים־וועג 483
2. דער קרײַז פּארשליסט זיך 486
3. די סטאלינגראדער זאווערוכע 492
4. פּאָן־קאַולוסעס לעצטער פיבער 497
5. געגאנגען וואכן אופ 500
6. די סודע ארום א פערדישער פּע־גירע 503
7. אויג אפ אויג 510

8. דער אונטערבראָכ פונ די איבער־מערדער 513
9. שײַטערס 517
10. לעצטע מאכשאָוועס 520
11. קרעמאטאָריעס 524
12. ציגײַנער אינ מײַדאנעק . . . 529
13. דאָס לעצטע וואָרט 533
14. די לעצטע זיצונג 536
15. דאָס וואָרט באקומט די שמידערײַ! 541
16. ארויסגעגעבנ לעבעדיקערהייט . 545
17. באגײַסטערונג 549
18. א טראָפּנ האָניק 553
19. דער טויט פונ לעצטנ אופשטענדלער 558
20. דער צווייטער טכיִעס־האמייס׳מ . 565
21. ראיוינעס 569
22. אפנ לעצטנ פארהער 573
23. געשפרעכ מיטנ סאָטנ 576
24. א קאָנטער־אָנגריפ 588
25. א סאָוועטישע סאניטארקע . . 590
26. פײַנ 594
27. די העכסטע פרווו 597
28. אפנ וועג קיינ טאשקענט . . 601
29. א שפרונג אפ איינ פוס . . 606
30. בא א שאכמאט־פארטיע . . 610
31. מאָסקווער סאליוטנ 617
32. די דרײַ קאוואלעריסטישע פערד 621
33. פארטיזאנישער פלאָט . . . 625
34. דער מיפ אפנ דניעפער . . . 628
35. דערקאָנט דעמ פאָטער . . . 633
36. דעמ זיידנס שיפל 636
37. אצאָמעס־האיעווײשעס . . . 641
38. די קווורע פונ א פויגל . . 647
39. רוסישער כעסעד 651
40. באמ בראנדענבורגער טויער . 655
41. טאטע! 658
באמערקונגענ 663

ПЕРЕЦ МАРКИШ

ВОЙНА

(на еврейском языке)

Редактор *Ш. Ройтман*. Худ. *М. Погостер*. Техред *Ф. Фрумкина*.

Подписано к печати 6/II—1948 г. Б — 01024. Печатн. л. 41,75. Учетн.-издат. л. 30,64. Формат бумаги $84 \times 108^{1}/_{32}$. Тираж 5 000 экз. Заказ № 878. Цена 20 руб.

Набрано в типографии Госиздательства «ДЕР ЭМЕС» — Москва, Старопанский пер., д. 1. Отпечатано в 3-й типографии «Красный пролетарий» треста «Полиграфкнига» ОГИЗа при Совете Министров СССР. Москва, Краснопролетарская, 16.

12

UNIVERSITÄT POTSDAM
Universitäts-
bibliothek
Inventarnr.
98032730

Universitätsbibliothek Potsdam
bibliothek
Ausleihnr.
98032730